STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03636

IDISHE LITERATUR

Michael Levitan

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[8924]

נ. אויסלענדער, ד. וואָלקענשטיין, נ. לוריע, ע. פיניגבערג

אידישע ליטעראטור

כרעסטאָמאטיע פון ליטעראטור און קריטיק

ערשטער טייל

אונטער דער רעדאַקציע
פון מ. לעוויטאַן

קאָאָפּעראטיווער פארלאג „קולטור-ליגע"
קיעוו — 1928

מעלוכע־טרעסט „קיעוו־דרוק“,
4־טע דרוק. וואָראָווסקע גאס 42.
באַשט. № 1067. געדרוקט 4000.
אקרליט 3680.

פאָרוואָרט.

אונזער בוך שטעלט זיך די אויפגאַבע צו געבן א זאמלונג פון ליטעראַריש-קריטישע און ליטער.-היסטאָרישע מאַטעריאַלן, וואָס זאָלן מיטהעלפן דעם לערער און דעם טאַלמיד (אין די עלטערע גרופן פון דער אַרבעט-שול, אין די אָוונט-שולן פון העכערן טיפּ, אין פּעדטעכניקומס, פּאַרטשולן, ליטקרייזן און ד. גל.) באַם שטודירן די אידישע ליטעראַטור, אָנגעהויבן פון די 60-ער יאָרן XIX יאָרהונדערט ביז היינטיקן טאָג.

דער גאַנצער קורס ווערט איינגעטיילט אין צוויי בענדער.

דער ערשטער באַנד כאַפּט ארום די אידישע ליטעראַטור פון די 60-ער יאָרן ביז ערעוו 1905 יאָר.

וועגן יעדן אַוטאָר אין דעם באַנד ווערן געגעבן קורצע ביאָגראַפישע יעדיעס, ביבליאָגראַפיע פון די וויכטיקסטע ווערק, וואָס קאָנען רעקאָמענדירט ווערן פאר אונזערע לער-אנשטאלטן, און אויסגעקליבענע פראגמענטן פון דער קריטיק. אַכוץ דעם, ווערט געגעבן א ריי ארטיקלען, דאָקומענטן און מאַטעריאלן, וואָס באַלייכטן די וויכטיקסקע סאָציאַל-עקאָנאָמישע דערשיינונגען, וועלכע האָבן געווירקט אף דער אויסבילדונג פון דער אידישער ליטעראַטור אין דער צווייטער העלפט פון XIX יאָרהונדערט.

באַם אויסקלייבן און קאָמבינירן די מאַטעריאַלן האָבן מיר זיך ניט געשטעלט קיין וויסנשאַפטלעך-פאָרשערישע צילן.

מיר האָבן זיך פונדעסטוועגן באַמיט צונויפשטעלן די מאַטעריאַלן אַזוי, אז ס'זאָל זיך באַקומען ניט נאָר די אינדיווידועלע כאַראַקטעריסטיק פון דעם אָדער יענעם שרייבער, נאָר, ווי וויט מעגלעך, אויך אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס ס'פאַרבינדט דעם געגעבענעם שרייבער מיט דער ליטעראַטור-סוויווע און געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען פון זיין צייט.

צום באַדויערן, איז די אידישע ליטעראַטור דערוויל זייער קאַרג באַאַרבעט געשיכטלעך. באַזונדערס פעלן מאַטעריאַלן, וואָס זאָלן באַלייכטן די ווירקונג פון די סאָצ.-עקאָנאָמישע פאַקטאָרן אף דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער ליטעראַטור.

באַם צונויפשטעלן דאָס בוך האָבן מיר געהאַט אין אויג די אוידיטאָריע פון אונזערע לערן-אַנשטאלטן. מיר האָבן דעריבער געהאַלטן פאַר נייטיק אויסנוצן פאַר אונזער בוך דעריקער די מאַטעריאַלן, וואָס שטימען מיט די פאָדערונגען פון אונזער סאָציאַליסטישער פעדאַגאָגיק, און אָפּוואַרפן יענע, וואָס זיינען פאַרעלטערט און פרעמד. מאַכמעס דער אויבנדערמאָנטער אָרעמקייט אין היסטאָריש-ליטעראַרישע מאַטעריאַלן, איז אונזער אויסוואַל, מעגלעך, ערטערווייס געווען ניט איבעריק שטרייננג. מיר זיינען אָבער זיכער, אַז אינאַלגעמיין באַקומט יעדע ליטעראַרישע דערשיינונג די באַלייכטונג, וואָס שטימט מיט די אויפגאַבן פון אונזער הילפבוך.

צו יעדן מעכאַבער איז צוגעגעבן א רעשימע פון טעמעס פאַר זעלבשטענדיקער אַרבעט אַפּן סמאַך פון די רעקאָמענדירטע ווערק און פון די מאַטעריאַלן, וואָס געפינען זיך אין אונזער בוך.

אַף וויפל דאָס בוך איז צונויפגעשטעלט ניט פאר איין געוויסן לערן-אַנשטאַלט, נאָר עס איז באַשטימט פאר א ריי פאַרשיידענע אוידיטאָריעס, איז די אויפגאַבע פונם לערער אין יעדן פאַל אויסקלייבן די טיילן און נעמען זיי אין דעם סיידער, וואָס פאַסט פאר זיינע צוועקן. דער לערער קאָן דורכאַרבעטן אַ גאַנצן מעכאַבער, געוויסע טיילן פון זיין שאַפונג, באַזונדערע ווערק, באַלערנדיקע פאַרגלייכן מיט ווערק און אייגנשאַפטן פון אַנדערע מעכאַברים, טעמעס, וואָס וואַרפן א שיין אף דעם געשיכטלעכן צוזאַמענהאַנג צווישן ליטעראַרישע און סאָציאַל-עקאָנאָמישע דערשיינונגען.

דעם טאַלמידס זעלבשטענדיקע אַרבעט איבער די מאַטעריאַלן און אויפגאַבן פון דעם בוך מוז אומבאַדינגט אָנגעפירט און אינסטרוקטירט ווערן פונם לערער.

די אַרבעט איבער די מאַטעריאַלן פאָדערט צוועקמעסיקייט און פּלאַן, אַזוי אז איין אַרטיקל זאָל מעמאַלע זיין דעם צווייטן, און יעדער נייע טעמע זאָל זיך לאָזן פּראָדוקטיוו פאַרגלייכן מיט די פריערדיקע.

די ספּעציעלע אויפגאַבן און די סטרוקטור פון צווייטן באַנד, וואָס כאַפּט אַרום די ליטעראַטור פון 1905 י. ביז היינט, וועלן באַלויכטן ווערן אינם פאָרוואָרט צו יענעם באַנד.

פון רעדאַקטאָר.

א שווערע אויפגאַבע איז געשטאַנען פאַר די מעכאַברים פונם דאָזיקן בוך.

מיר זיינען ביכלאַל זייער אָרעם מיט ווערטפולן מאַטעריאַל (ליטעראַריש-קריטישן און ליטעראַריש-היסטאָרישן) וועגן דער אידישער ליטעראַטור. דערצו נאָך איז דער גרעסטער טייל געדרוקטע מאַטעריאַלן צעוואָרפן איבער א גרויסער צאָל זשורנאַלן און צייטונגען, וואָס זיינען דערשינען אין מעשעך פון די לעצטע 20—15 יאָר אין פאַרשיידענע לענדער. אַ געווויסער טייל פון די דאָזיקע זשורנאַלן און צייטונגען שטעלט פאָר מיט זיך אפילע א ביבליאָגראַפישע זעלטנקייט.

ניט אין דעם אָבער איז באַשטאַנען די הויפּט-שוועריקייט באַם צונויפשטעלן דידאָזיקע כרעסטאָמאַטיע.

פאַר דעם, וואָס גייט צו צו דער אידישער ליטעראַטור פון דעם קליינבירגערלעך-אידישיסטישן שטאַנדפונקט און קלייבט היספּאַילעס פון איטלעך וואָרט, וואָס איז אָנגעשריבן אף אידיש און וועגן אידיש, אומאָפּהייגיק פון דער קלאַסן-אידעאָלאָגיע, וואָס איז פאַרקערפּערט אינם דאָזיקן וואָרט, — פאַרן אידישיסט איז סאָפּקאָלסאָף גאָרניט שווער אָנצוזאַמלען גאַנצענע בערג מאַטעריאַלן וועגן דער אידישער ליטעראַטור.

דער אידישיסט, וואָס פאַר אים איז די אידישע שפּראַך מיט דער ליטעראַטור הויפּטזעכלעך און קימאט אויסשליסלעך אַ מיטל אויפצוהאַלטן דעם קיעם פון דער צעזייטער אידישער אומע און צו פאַרבייטן די רעליגיעזע און העבּרייאישע אידישקייט מיט א מער צוגיינגלעכער אידישקייט,—פאַרן אידישיסט, וואָס אלע שטאַנדפונקטן, אויסער, פאַרשטייט זיך, דעם אויסגעהאלטן-מאַרקסיסטישן קלאַסן-צוגאַנג, זיינען פאַר אים גלייך אָנעמבאַר, אַבי נאָר מע זאָגט א גוט וואָרט וועגן דער אידישער שפּראַך, וואָלט, פאַרשטייט זיך, קיין מאַנגל אין מאַטעריאַלן פאַר אַזאַ מין כרעסטאָמאַטיע ניט געווען.

אין גאָר אַן אַנדער לאַגע האָבן זיך געפונען די אַוטאָרן פון אונזער בוך. פאַר זיי איז דאָך געשטאַנען גאָר אַן אנדער אויפגאַבע: דורך א געהעריקן אויסוואַל און גרופּירונג פון די מאַטעריאַלן מיטהעלפן אויסאַרבעטן בא די, וואָס וועלן זיך באַנוצן מיטן בוך, א מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו דער אידישער קינסטלערישער ליטעראַטור ביכלאַל, צו איינצלנע פאַרשטייער אירע און צו איינצלנע דערשיינונגען פון איר געשיכטע ביפראַט. די אידישע ליטעראַטור איז דאָך אין דער אַרבעט פון דעם ס אָ וו ע ט י ש ן אידישן בילדונג-אַנשטאַלט, וואָס פאַר אים איז הויפּטזעכלעך באַשטימט דאָס בוך, און ביכלאל אין אונזער גאַנצער דערציאונג-אַרבעט, ניט קיין אָפּגעזונדערט ווינקעלע, וואו מע קוויקט זיך מיט אידישקייט, נאָר א טייל פון דעם גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן לעבנסמאַטעריאַל, אף וועלכן דער שילער לערנט זיך דיינקען מאַרקסיסטיש, ריכטיק באַנעמען די קלאַסן-פאַרהעלטעניש און קלאַסן-קעגנזאַצן, וואָס זיינען אויסגעדריקט אין יעטווידער געזעלשאַפטלעכער דערשיינונג.

בא אַזאַ מין ציל-איינשטעלונג, וואָס סע האָט בא אונז דער לימעד פון אידישער ליטעראַטור, איז שוין גאָרניט גרינג געווען אויסצוגעפינען דעם פּאַסיקן מאַטעריאַל, ביפראט נאָך, אז אונזערע אוטאָרן האָבן ניט געוואָלט — און גאַנץ ריכטיק — זיך באַנוגענען בלויז מיט א סכעמע, נאָר געשטרעבט צו געבן אויך א רייכן פאַקטישן מאַטעריאַל.

מע דאַרף געדיינקען, אז צווישן דער גרויסער צאָל אַרטיקלען, וואָס האַלטן אין זיך קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן איינצלנע אידישע שרייבער אָדער וועגן א גאַנצן סכום דערשיינונגען אין דער אידישער ליטעראַטור, ווערן די אַרטיקלען וועגן דער אידישער ליטעראטור, וואָס קאָמוניסטן האָבן זיי געשריבן, ב ע ק אַ מ ע ס מאַמעש דערטרונקען.

ניט גרויס זיינען אויך אין צאָל די אַרבעטן אפן געביט פון ליטעראַרישער קריטיק און היסטאָריש-ליטעראַרישער פאָרשונג, וועלכע געהערן צו שרייבער, וואָס זיינען געשטאַנען אָדער שטייען פּאָליטיש נאָענט צו אונז. דאָס ראָוו אַרבעטן אף דעם געביט געהערן צו מעכאַברים-אידישיסטן, וואָס די אידישע שפּראַך איז פאַר זיי די אַקס, ארום וועלכער סע דרייען זיך אלע געשעענישן. איר האָט דאָ דעם פאָלקיסט, דעם „סאָציאַליסט” אָן א פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע, און אַפילע דעם ציאָניסט — דעם „אידיש-

פריינט״. איר באַגעגנט דאָ אויך דעם אויסגעשפּראָכענעם בורזשואַזן עסטעט, וואָס קיין שום סאָציאַלע פראַגע אינטערעסירט אים ניט. אין אָט דער גרויסער מאַכנע שפּילן די ערשטע פידל דער ציאָניסט-„אידיש-פריינט״ באַל-מאַכשאָוועס און דער פאָלקיסט מיט „סאָציאַליסטישע״ סענטימענטן אין דער פאַרגאַנגענהייט ש. ניגער.

א באַזונדערס שווערע ארבעט איז אויסגעקומען דורכצומאַכן באַם צופּאַסן צו די צוועקן פון דעמדאָזיקן בוך די אַרבעטן פון אָט די אידעאָלאָגיש פרעמדע צו אונז קריטיקער, ליטעראַטור-פאָרשער און ליטעראַטור-היסטאָריקער. דאָ זיינען געשטאַנען צווייערליי געפאַרן: אָדער מע זאָל איבערגעבן מיט א גאַנצער ריי ריכטיקע געדאַנקען פון אָט די שרייבער ניטווילנדיק דורכשמוגלען זייער אידעאָלאָגיע, אָדער מע זאָל אויסמוירע פאַר זייער אידעאָלאָגיע אָפּזאָגן זיך פון דאָס ווערטפולע, וואָס מע קאָן בא זיי יאָ געפינען, און וואָס אָן דעם וואָלט דאָס בוך ארויס צו טרוקן און סכעמאַטיש.

מע דאַרף זאָגן, אז די אווטאָרן איז אין אַלגעמיין געראָטן צו געפינען די ריכטיקע ליניע און אויסמיידן ביידע עקסטרעמען. פון איין זייט, וואו ס׳איז נאָר געווען די מינדסטע זיכערקייט, אז די פרעמדע צו אונז שרייבער האָבן זיך געקאָנט דערהייבן צום אָביעקטיוון איבערגעבן די פאַקטן, אָדער אז זיי זאָגן ארויס אין דעם אָדער יענעם טייל פון זייער ווערק ריכטיקע געדאַנקען, וואָס זיינען ניט סויסער אונזער אידעאָלאָגיע, אָדער וואָס קאָנען מעמאַלע זיין דאָס, וואָס עס איז ניט געווען צו געפינען בא די קאָמוניסטישע און בא די נאָענטע צו אונז שרייבער, — האָבן זיי אלע אזוינע מאַטעריאַלן ברייט אויסגענוצט. קיינער וועט ניט קאָנען באַשולדיקן די אווטאָרן פון אונזער כרעסטאָמאַטיע, אז זיי האָבן „באַרבאַריש״ באַהאַנדלט די בורזשואַזע און קלייןבירגערלעכע קריטיקער און פאָרשער פון דער אידישער ליטעראַטור. פון דער אנדער זייט, האָבן די אווטאָרן געטון אלץ, וואָס איז נאָר געווען מעגלעך, אז אין זייער בוך זאָל פון די אידעאָלאָגיש פרעמדע אווטאָרן זיך ניט ארייננאַנווענען דאָס, וואָס שמעקט מיט נאַציאָנאַליסטישקלייןבירגערלעכער באַגרענעצטקייט, זעלבסטצופרידנקייט און סטאַם מיט באַלעבאַטישע סוואָרעס. די בלייפּעדער פון די אווטאָרן האָט דאָ ווירקלעך געמוזט ארבעטן מיט דער גרעסטער אָנגעשטרייינגטקייט, אומבעראַכמאָנעסדיקייט און אויסגערעכנטקייט. אין אייניקע פאַלן איז אויסגעקומען צו באַגלייטן די פראַגמענטן מיט באַמערקונגען, וואָס מאַכן אופמערקזאַם דעם לייענער אף די פאַרבליבענע רעשטן פון פרעמדער אידעאָלאָגיע, קעדיי ער זאָל אליין זיך פּרואוון אויסטיילן פאַקטישן מאַטעריאַל פונם אידעאָלאָגישן פּסוילעס, וואָס איז אין אים ארייַנגעמישט.

קעדיי ענדגילטיק צו מאַכן פאַר אידעאָלאָגיש אומשעדלעך די פראַגמענטן פון די פרעמדע צו אונז קריטיקער און ליטעראַטור-פאָרשער, האָבן די מעכאַברים פון אונזער בוך באַזאָרגט עס מיט אָן ארטיקל פונם כ׳ נוסינאָוו, וועלכער גיט דאָ א מאַרקסיסטישע אָפּשאַצונג פון די קלייןבירגערלעכע קריטיקער (ניגער באַלמאַכשאָוועס און אַנד.), וואָס פראַגמענטן פון זייערע ווערק מאַכן אויס א גרויסן טייל פון דער כרעסטאָמאַטיע. אַזוי אַרום, וועט דער לייענער פון לעכאַטכילע אָן וויסן, אַז צו דער גאַנצער קריטישער ליטעראַטור, וואָס מיר האָבן געיאַרשנט פון דער מיטעלער בורזשואַזיע און פון קלייןבירגערטום, דאַרף מען זיך באַציען קריטיש, און אַז מע דאַרף אייַנזאַפּן פון דאָרט נאָר דאָס, וואָס איז ניט סויסער אונזער אידעאָלאָגיע.

א גרויסע ראָלע אין זינען פון אויסארבעטן באַ דעם לייענער אַ מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו דער אידישער ליטעראַטור איז באַרופן צו שפּילן דער א ר יי נ פ י ר צום בוך (אַלגעמיינער טייל).

דער אריינפיר באַשטייט פון מאַטעריאַלן (פראַגמענטן פון אַרטיקלען און פון גרעסערע זאַכן), וואָס כאַראַקטעריזירן: די אַזויגערופענע „אידישע עקאָנאָמיק״, אירע פאַרשיידענע אנטוויקלונג-סטאַדיעס פאַרן פעריאָד פון ערעוו דער אזויגערופענער „פויערים-באַפרייאונג״ ביז ערעוו דער רעוואָלוציע פון 1905 יאָר, אין פאַרבינדונג מיט דער רעכטלעכער און פּאָליטישער לאַגע פון דער אידישער באַפעלקערונג אינם צאַרישן רוסלאַנד; די קלאַסן-פאַרהעלטענישן (קלאַסן-קעגנזאצן און קלאַסנקאמף אין דער אידישער סוויווע) און זייער עוואָלוציע פאַר דעם אויבנאָנגעוויזענעם פעריאָד; די ליטעראַרישע סוויווע, אין וועלכער ס׳איז געוואקסן די אידישע קינסטלערישע ליטעראַטור, און וועלכע האָט אומיטלבאַר געווירקט אף די שרייבער, ספּעציעל די פיזיאָנאָמיע פון פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן, אין וועלכע די אידישע שרייבער האָבן געדרוקט דאָס ראָוו ווערק זייערע („קול מבשר״, „פאָלקס-בלאַט״, „דער פריינד״, די רעוואָלוציאָנערע און ארבעטער-פּרעסע).

די אַלע מאַטעריאַלן וועגן דער אידישער עקאָנאָמיק, וועגן די קלאַסן-פאַרהעלטענישן און קלאַסן-אידעאָלאָגיעס אין דער אידישער סוויווע, אף וויפל זיי ווערן געגעבן אלס אָרגאַנישער טייל פון דערדאָזיקער כרעסטאָמאַטיע, מוזן אומבאַדינגט שטויסן דעם געדאַנק פונם לייענער אין דער ריכטונג פון מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו דער אידישער ליטעראַטור.

וואָרום א מאַרקסיסטישער צוגאַנג צו דער אידישער קינסטלערישער ליטעראַטור הייסט:

א) אופדעקן אין דעם קינסטלערישן שטייגער-מאַטעריאַל און אין יעדן קינסטלערישן טיפּ פון דער אידישער ליטעראַטור די אָפּשפּיגלונג פון די עקאָנאָמישע און קלאַסן-פּאַרהעלטענישן אין דער געוועזענער רוסלענדישער אימפּעריע ביכלאַל און באַזונדערע טעריטאָריעלע טיילן אירע ביפראַט. דערביי דאַרף באַזונדערס געלייגט ווערן אכט אַף דער אָפּשפּיגלונג פון דער אַזויגערופענער „אידישער עקאָנאָמיק" און פון די אייגנארטיקע קלאַסן-פּאַרהעלטענישן אין דער אידישער סוויווע;

ב) באַנעמען יעטווידע וויכטיקע דערשיינונג אין דער אידישער קינסטלערישער ליטעראַטור אלס א געוויסע פאַרקערפּערונג-פאָרם פון א באַשטימטער קלאַסן-אידעאָלאָגיע, און די גאַנצע אידישע ליטעראַטור אלס אן אייגנארטיק שלאַכטפעלד צווישן די פאַרשיידענע קלאַסן-אידעאָלאָגיעס, וואָס האָבן אין דעם אָדער יענעם פּעריאָד געווירקט אין דער אידישער סוויווע.

עמעס, צוליב מאַנגל אין פּלאַץ זיינען אין דעם אַריינפיר געגעבן בלויז רעמאָזים וועגן די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, קלאַסן-פּאַרהעלטענישן און קלאַסן-אידעאָלאָגיעס, ווי זיי האָבן אויסגעזען אין אלגעמיינעם מאַסשטאַב. דאָס וועט געוויס זיין א מעניע אין זיינען פון אויסאַרבעטן בא די שילער און לייענער א פולשטענדיקע מאַרקסיסטישע אָריענטאַציע אין דער אידישער ליטעראַטור, ווייל אין דער אונטערשטער שורע זיינען דאָך די אלגעמיינע מאָמענטן די באַשטימענדיקע אויך פאַר דער אידישער ליטעראַטור. מיר רעכענען אָבער, אז וואָס אנבאַלאַנגט די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, קלאַסן-פּאַרהעלטענישן און קלאַסן-אידעאָלאָגיעס אין אלגעמיינעם מאַסשטאַב, איז מאַטעריאַל וועגן דעם וועט דער שילער און לייענער קאָנען געפינען אין א גרויסער מאָס אין אנדערע ביכער, און דאָס פעלן פון אַזוינע מאַטעריאַלן אין אונזער בוך וועט סאָפּקאָלסאָף קיין שאָדן ניט ברייגנען. ס'איז נאָר נייטיק, אז דער, וואָס וועט לויט דערדאָזיקער כרעסטאָמאַטיע אָנפירן דאָס שטודיום פון דער אידישער ליטעראַטור אין יעטווידן בילדונג-אַנשטאַלט און אין ליטעראַרישן קרייזל, זאָל קעסיידער האָבן אינזינען, אז ער דאַרף דערגאַנצן די כרעסטאָמאַטיע מיט א היפּשן סכום אנדערע מאַטעריאַלן.

ווייטער דאַרף יעדערער, וואָס שטודירט די אידישע ליטעראַטור, וויסן און געדיינקען, אז כאָטש די אידישע ליטעראַטור איז פון לעבאַטכילע אָן געווען אויסגערעכנט הויפּטזעכלעך און קימאַט אויסשליסלעך אַף צו באַדינען דעם לייענער, וואָס געהערט צו די האָרעפּאַשנע און אָרעמסטע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג, וואָס פאַר זייערע אינטערעסן איז גראָד אָנגעמאָסטן די פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיע, — איז אָבער אָנגעפירט, געשאַפן און געבויט האָט זי קימאַט אויסשליסלעך דער טייל אידישער אינטעליגענץ, וואָס איז לויט זיין אידעאָלאָגיע געווען נאָענט צום קליינבירגערטום און אפילע צו דער מיטעלער בורזשואַזיע.

די אידישע ליטעראַטור אלס גאַנצע און יעדער איינצלנער שרייבער האָט זיך אַזוי ארום געפונען אונטער א שטענדיקן פייער פון צוויי קעגנזעצלעכע קלאַסן-אידעאָלאָגיעס: פון איין זייט, די קלאַסן-אידעאָלאָגיע פון די קרייזן, צו וועלכע דער שרייבער איז געשטאַנען נאָענט, און וועלכע האָבן אָנגעפירט די אידישע ליטעראַטור; פון דער אנדערער זייט, דער דראַנג פון די האָרעפּאַשנע מאסן און פון דער אָרעמקייט, וואָס די אידישע ליטעראַטור איז געווען באַרופן צו באַדינען זיי, און וואָס זיינען אינסטינקטיוו געווען דורכגעדרונגען מיט האַס און פיינטשאַפט צו די „אייבערשטע פון שטויסל". מיר וויסן, אז אין די 60-ער און 80-ער יאָרן זיינען די טאָנגעבער אין דער אידישער ליטעראַטור געווען דער „קול מבשר" און דאָס „פאָלקס-בלאַט", וואָס זיי האָט ארויסגעגעבן צעדעדבוים, דער רעדאַקטאָר פונם אָפן בורזשואַזן „המליץ". אין סאָף פון די 90-ער יאָרן שפּילט אן אָנפירנדיקע ראָלע אין דער אידישער ליטעראַטור דער ציאָניסטישער „דער יוד"; ערעוו דער רעוואָלוציע פון 1905 שפּילט אזא ראָלע דער ציאָניסטישער און שפּעטער דער נאַציאָנאַל-דעמאָקראַטישער „דער פריינד". עמעס, א געוויסע ראָלע אין סטימולירן די אידישע ליטעראַטור האָט אין דעם לעצטן פערטל פון 19-טן יאָרהונדערט און אָנהייב 20-טן געשפּילט אויך די אַרבעטער-פּרעסע אין רוסלאַנד און דעריקער אין אמעריקע. דורך זיי איז אָבער אין יענער צייט ניט געגאַנגען דער הויפּט-שטראָם פון דער אידישער ליטעראַטור.

אַזוי ארום, קאָן די כאַראַקטעריסטיק פון דער ליטעראַרישער סוויווע מיטהעלפן דעם שילער און לייענער קלאָר מאַכן די קוואַלן, פונוואַנען עס האָט געשעפּט די אידעאָלאָגיע פון יעדן שרייבער.

קעדיי נאָך בוילעטער אונטערצושטרייכן די קלאַסן-מאָמענטן אין דער אנטוויקלונג פון דער אידישער ליטעראַטור און די ווירקונג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, ווערט אין דער כרעסטאָמאַטיע די אַרבעטער-פּאָעזיע אויסגעטיילט אין א ספּעציעלן קאַפּיטל, און איר ווערט אָפּגעגעבן אין דער כרעסטאָמאַטיע א לעפּיערעך היפּש אָרט. אגעוו, דאָ וועט זיין פאַרן שילער און לייענער אינטערעסאַנט אופצודעקן אין דער אַלטער אַרבעטער-פּאָעזיע די עמבריאָנען פון אונזער נייער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע.

א גרויסע ראָלע אין פראַט פון אויסקריסטאַליזירן בא די שילער און לייענער דעם מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו דער אידישער ליטעראַטור זיינען באַרופן צו שפּילן אויך די פראַגן און טעמעס פאַר זעלב-

שטענדיקער דורכאַרבעטונג, וואָס זיינען געגעבן צום סאָף פון יעדן קאַפּיטל. די פראַגן זיינען אזוי גע־בויט, אז זיי דאַרפן צושמידן די אופמערקזאמקייט פונם שילער און לייענער, אויך צו די עקאָנאָמישע און קלאַסן־פּאַרהעלטענישן, וואָס ווערן אָפּגעשפּיגלט אין דער אידישער ליטעראַטור ביכלאַל, און בא איינצלנע ווערק ביפראַט ווי אויך צו דער קלאַסן־אידעאָלאָגיע, וואָס איז פאַרקערפּערט אין איינצלנע ליטעראַרישע דערשיינונגען.

די כרעסטאָמאַטיע פון די כ. כ. אויסלענדער, לוריע, פינינבערג און וואָלקענשטיין וועט, אָן שום סאָ־פּעק, ווערן א נייטיק בוך פאַר יעדן בילדונג־אנשטאַלט, וואו מע שטודירט אידישע ליטעראַטור. קאַלזמאַן מיר האָבן נאָך ניט קיין מאַרקסיסטישע געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור, וועט די כרעסטאָמאַטיע זיין דערווייל דאָס איינציקע בוך, וואָס איז צונויפגעשטעלט מיט א מאַרקסיסטישער ציל־איינשטעלונג. נאָר אַפילע נאָכדעם, ווי ס׳וועט דערשיינען א מאַרקסיסטישע געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור (מיר ווילן האָפן, אז לאַנג וועט מען אף דעם ניט דאַרפן וואַרטן), וועט אָט די כרעסטאָמאַטיע, אָן שום סאָפעק, פאַר־בלייבן אלס וויכטיק הילפבוך צו דער מאַרקסיסטישער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור.

דער לערער, וואָס וועט איינפירן אָט די כרעסטאָמאַטיע אין דעם אָדער יענעם בילדונג־אַנשטאַלט, וועט דאַרפן פריער פאַר אלץ אליין דורכשטודירן זי פון אָנהייב ביזן סאָף און אויסאַרבעטן א גענויען פּלאַן, אין וואָס פאַר אַ סיידער דאַרפן די פאַרשיידענע טיילן פונם בוך געשטודירט ווערן מיט די שילער, ביכדיי דער געהעריקער עפעקט אין זינען פון אויסאַרבעטן בא די שילער דעם מאַרקסיסטישן צוגאַנג זאָל זיין וואָס גרעסער און טיפער.

מ. לעוויטאַן.

אַלגעמיינער טייל.

מ. ראַפעס.

די עקאָנאָמישע און רעכטלעכע לאגע פון דער אידישער באפעלקערונג אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט.

פיל פון די איצטיקע יונגע לעזער ווייסן אפילע גאָרניט, אז אין דער צייט פונם צאַריזם האָט עקזיסטירט אַ געזעץ וועגן „אידישן טכום", לויט וועלכן די אידן האָבן געהאַט רעכט צו וואוינען בלויז אין 15 גובערניעס פונם מאירעוו־קאַנט פון רוסלאַנד און אַכוץ דעם אינם געוועזענעם רוסישן טייל פון פוילן.

אין דידאָזיקע 15 גובערניעס זיינען אריינגעגאנגען: דריי ליטווישע גובערניעס — ווילנער, קאָוונער און גראָדנער, דריי ווייסרוסישע — מינסקער, וויטעבסקער און מאָלעווער, וועלכע האָבן אלע 6 צוזאַמען געבילדעט אין אַדמיניסטראטיווער הינזיכט די צאָפן־מאירעוודיקע געגנט, 4 גובערניעס פון דאָרעם־מאירעוודיקער געגנט — קיעווער, וואָלינער, פאָדאָלער און בעסאַראַבער און, לעסאָף, פאָלטאַווער, טשערניגאָווער, כערסאָנער, טאַווּרישער און קאַטערינאָסלאַווער גובערניעס.

דאָס רוסישע פוילן אָדער, ווי מע פלעגט דאָס אנדערש אָנרופן, די ווייכסל־געגנט, האָט פאררייניקט 10 פוילישע גובערניעס, וועלכע האָבן געבילדעט דעם איבעריקן טייל פונם אידישן „טכום".

נאָר מע מוז מאַכן נאָך איין וויכטיקע דערקלערונג. וואוינרעכט האָבן די אידן געהאַט נאָר אינם שטאָטישן טייל פונם דאָזיקן „טכום". הינטערן שטאָט, אין דאָרף, אין די פאַבריק־דערפלעך, האָבן די אידן קיין וואוינרעכט ניט געהאַט. שוין דאָס אליין האָט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס פארהאלטן דעם פראָצעס פונם אריינדרינגען פון די אידישע מאַסן אין די גרויס־קאַפיטאַליסטישע פאַבריקן און זאַוואָדן.

די אידישע באַפעלקערונג איז געווען ווי אריינגעפרעסט צווישן דער אומגעהייערער מערהייט פון דער ניט־אידישער באַפעלקערונג. וואוינענדיק אין די שטעט, זיינען די אידן אין אלע געגנטן פון „טכום" געווען ארומגערינגלט מיט פויערשע מאַסן: אין די ליטווישע גובערניעס — מיט ליטווישע פויערים, אין ווייסרוסישע גובערניעס — מיט ווייסרוסישע פויערים און אין דער דאָרעם־מאירעוודיקער געגנט — מיט אוקראינישע (מאַלאָרוסישע) פויערים. די הויפט־באשעפטיקונג פונם גרעסטן טייל פון דער אידישער באפעלקערונג איז געווען האַנטווערקעריי און קליין־האַנדל.

די גרויסע צאָל אידישע שטעטלעך, וועלכע זיינען אויסגעוואָקסן היסטאָריש פון גרויסע דערפער, דערקלערט זיך, פון איין זייט, מיט דעם פאַרמיטלערישן כאַראַקטער פון דידאָזיקע אידישע באַשעפטיקונגען און, פון דער אנדערער זייט, מיט דעם פארבאָט צו באַזעצן זיך אין די דערפער. דער פראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג בענוגייע צו דער גאנצער באַפעלקערונג פון אידישן „טכום" איז געווען: אין דער צאָפן־מאירעוודיקער, דאָרעם־מאירעוודיקער און פוילישער געגנטן פון 12% ביז 16%,

אין קאַטערינאָסלאַווער, טשערניגאָווער און פּאָלטאַווער — שוין פיל קלענער, פון 4% ביז 5%. נאָר דערפאַר איז דער פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין די שטעט און שטעטלעך גופא דערגאַנגען ביז 25, 60 און אפילע ביז 95%.

אין דידאָזיקע שטעט איז דער אידישער באַפעלקערונג אויסגעקומען צו לעבן אין נאָענטער שכיינעס מיט אַ ניט־אידישער באַפעלקערונג, נאָר געלעבט האָט זי מיט איר באַזונדער לעבן, צוזאַמענגעבונדן דורך די רעליגיעזע טראַדיציעס, געמיינזאַמקייט פון שפּראַך און דער אַלגעמיינער רעפּרעסיווער פּאָליטיק פון דער רעגירונג בענוגייע צו די גאַנצע אידישע מאַסן. די אינדוסטריעל־אַנטוויקלטסטע גובערניעס אין „טכום״ זיינען געווען קאַטערינאָסלאַווער און כערסאָנער; נאָר אַפילע אין די גובערניעס איז דער אידישער אַרבעטער אין דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע ניט אריינגעדרונגען.

די צאָפן־מאַירעווודיקע געגנט איז אין דער אינדוסטריעלער הינזיכט געווען אלע מאָל אין אָפּגעשטאַנענע, קימאַט דורכויס אן אַקערבוי־געגנט. פון דער אינדוסטריע קענען מיר דאָ אָנרופן די לעדער־אינדוסטריע מיט די צענטרען: ווילנע, ביאַליסטאָק, סמאָרגאָן און די שטעטלעך פון גראָדנער גובערניע, די טעקסטיל־אינדוסטריע, וואָס איז געווען קאָנצענטרירט אויסשליסלעך אין ביאַליסטאָק און אין די דערבייאיקע שטעטלעך.

אַדאַנק דער רייכקייט מיט וואַלד, זיינען אין דערדאָזיקער געגנט אויסגעוואָקסן קליינע זעגמילן, גרעסערע שוועבל־און פּאַנער־פאַבריקן (באָריסאָוו, רעטשיצע, מאָזיר). ווייטער גייען טאַבאַק־פאַבריקן. קיין מאַשינבוי־אינדוסטריע, וועלכע איז די סאַמע כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג פון דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, איז אין דער צאָפן־מאַירעווודיקער געגנט קימאַט גאָרניט געווען, אויב מע זאָל ניט רעכענען די קליינע מאַשינבוי־זאַוואָדן, וועלכע זיינען געווען איינציקווייס צעוואָרפן אין קאָוונע, ווילנע און ביאַליסטאָק.

די דריי דאָרעם־מאַירעווודיקע גובערניעס זיינען געווען אינדוסטריעל נאָך מער אָפּגעשטאַנען, ווי די צאָפן־מאַירעווודיקע געגנט. דאָ איז, עמעס, שטאַרק אַנטוויקלט די צוקער־אינדוסטריע, נאָר אין איר זיינען די אידישע אַרבעטער אויך ניט אריינגעדרונגען. ווייטער גייט די פּאָרצעליי־אינדוסטריע מיט א גרויסער צאָל אידישע אַרבעטער. אין דער גאַנצער צאָפן־מאַירעווודיקער געגנט קען מען רעכענען פאר דעם צענטר פון קאָנצענטרירטע אידישע אַרבעטער־מאַסן ווילנע און ביאַליסטאָק.

דאָ האָבן די אידישע אַרבעטער (און אויך אַ גרויסע צאָל אַרבעטערנס) איןביידע אינדוסטריע־צווייגן, אין דער לעדער־און טעקסטיל־אינדוסטריע, ווי אויך אף די שוועבל־פאַבריקן פון מינסקער גובערניע, פאַרנומען אַ גאַנץ אָנגעזעענעם אָרט. דאָ אַרבעטן זיי אָפט צוזאַמען אין איין פאַבריק מיט ניט־אידישע ארבעטער, נאָר נאָך אָפטער — אליין.

נאָר איין געגנט איז געווען, וואו די קאַפּיטאַליסטישע באַציאונגען האָבן זיך ברייט אנטוויקלט — דאָס איז געווען פוילן מיט איר גרויסן טעקסטיל־צענטר, לאָדז, און מיט איר באַרג־אינדוסטריע ארום סאָסנאָוויץ. די אנטוויקלונג פון דער פוילישער אינדוסטריע האָט פאַרכאַפּט אויך די אידישע מאַסע. וואַרשע, מיט איר רייכער גאַלאַנטעריי־אינדוסטריע, האָט אריינגעצויגן זייער אַסאַך אידישע ארבעטער. אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע פון לאָדז און אירע אַרומיקע שטעטלעך (זגערזש, פּאַביאַניץ), ווי אויך אין ביאַליסטאָקער טעקסטיל־און מאַנופאַקטור־אינדוסטריע, זיינען געווען פאַרנומען אסאך אידן, נאָר די גרויסע מאַשין־אינדוסטריע האָט, ווי ס'איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, קיין אידן ניט געהאַט. די סיבעס פון דערדאָזיקער דערשיינונג

זיינען פֿאַרשײדנאַרטיק. נאָר די גרונט־סיבּע איז געווען איינע: אַדאַנק דעם האַנדל און דער עמיגראַציע, וואָס האָבּן געמאַכט לאַנגזאַם דעם וואוקס פֿונם פּראָלעטאַריאַט בּאַ אידן, האָט דער דאָרפֿישער עלעמענט מיט זײן וואָלוועלער אַרבּעט־קראַפֿט פֿאַרכאַפּט אַלע הויפּט־פּאָזיציעס. דערנאָך דאַרף מען רעכענען די קליינבּירגערלעכע פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן דעם אידן פֿון צו גײן אַפֿן זאַוואָד.

אַכוץ דעם, האָט נאָך, בּענויגייע צו דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע, געהאַט אַ גרויסע בּאַדייטונג דער שאַבּעס־רו, וועלכער האָט געשטערט דער אידי־שער מאַסע אַרײנצודרינגען אין דער גרויסער פּראָדוקציע. אין דער מאַשין־אינדוסטריע קען שוין, פֿאַרשטייט זיך, גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן אײנפֿירן צוויי בּאַזונדערע יאָנטעוו־טעג — שאַבּעס און זונטיק, אַזוי ווי דאָס איז געווען אײנגעפֿירט אין אַ טייל פֿאַבּריקן מיט אַ געמישטן אַרבּעטער־עלעמענט. אַף אַזאַ אויפֿן איז דער אידישער אַרבּעטער אַפֿילע אין די אינדוסטריעלע געגנטן פֿון פּוילן געבּליבּן אין דער קליינער פּראָדוקציע און האָט מיט דער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַרישער מאַסע קיין שום אָרגאַנישע פֿאַרבּינדונגען ניט געהאַט.

די נאַציאָנאַלע בּאַציאונגען האָבּן זיך פֿון אָנפֿאַנג אָן אָפּגעשפּיגלט אויך אַף דער גרופּירונג פֿון די אַרבּעטער־מאַסן אין די פֿאַבּריקן גופֿא. די אידישע אַרבּעטער האָבּן געאַרבּעט אויסשליסלעך אין אונטערנעמונגען, וועלכע האָבּן געהערט צו אידישע קאַפּיטאַליסטן. די אונטערנעמונגען פֿון ניט־אידישע קאַפּיטאַליסטן האָבּן, אָן אויסנאַם, קיין אידישע אַרבּעטער בּאַ זיך ניט געהאַט: די טראַדיציע פֿון שאַבּעס־רו האָט דאָ אויך געהאַט אַ בּאַשטימטע און גאַנץ גרויסע בּאַדייטונג, און האָט צוזאַמענגעבּונדן אײנײנעם די אַרבּעטער, די אַדמיניסטראַציע און דעם בּאַלעבּאָס. דער אידישער אַר־בּעטער האָט זיך געפֿילט ווי צוגעשמידט צו דעם אידישן אונטערנעמער. ווי נאָר מע פֿלעגט אים אָפּזאָגן פֿון דער פֿאַבּריק, פֿלעגט ער בּלייבּן אינגאַנצן אָן אַרבּעט.

נאָר, ווי מיר האָבּן שוין בּאַמערקט, זיינען ניט די אינדוסטריעלע אַרבּעטער געווען דער גרעסטער טייל פֿון דער אידישער אַרבּעטער־מאַסע, ניט זיי זיינען געווען דער אַוואַנגאַרד און דער קולטורעל־אַנטוויקלטסטער טייל פֿון דערדאָזיקער אַרבּע־טער־מאַסע. די הויפּט־ראָלע אין דער אידישער אַרבּעטער־בּאַוועגונג האָבּן געשפּילט די האַנטווערקער־אַרבּעטער — שניידער, שוסטער, שטעפּער, סטאָלערס, מאַלערס, — אַרבּעטער פֿון קליינע אונטערנעמונגען.

אָט די אַרבּעטער האָבּן זיך אין זייער טעגלעכן לעבּן קיינמאָל ניט געטראָפֿן מיט ניט־אידישע אַרבּעטער, זיי האָבּן געלעבּט אויסשליסלעך אין זייער אייגענער נאַציאָ־נאַלער סוויווע. דער נאַציאָנאַלער מאָמענט האָט זיך געלאָזט פֿילן אויך אינם פּראָ־צעס פֿון דער טעכנישער און אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. יעדן מאָל, ווי מע פֿלעגט אײנפֿירן אַף די שוועבּל־, טאַבּאַק־און טעקסטיל־פֿאַבּריקן וועלכע ניט איז אויס־געבּעסערטע מאַשינען אָדער פֿאַרייןפֿאַכן דעם פּראָצעס פֿון דער אַרבּעט, פֿלעגט דערזעלבּיקער אידישער פֿאַבּריקאַנט זיך סטאַרען צו פֿאַרבּייטן די אידישע אַרבּעטערנס און אַרבּעטער מיט דאָרפֿישע (ניט־אידישע) מיידלעך, וועלכע פֿלעגן קומען אין שטאָט און זיך צופֿרידנשטעלן, אַדאַנק זייער קלענערער בּאַוואוסטזיניקייט, מיט אַ קלענערן פֿאַרדינסט. שוין אין סאָף 90־קער יאָרן איז אַף דעם בּאָדן פֿאָרגעקומען אַ גאַנצע ריי קאָנפֿליקטן, וואָס זיינען אַרויסגערופֿן געוואָרן דורכדעם, וואָס מע האָט אָפּ־געזאָגט די אידישע אַרבּעטערנס און פֿאַרבּיטן זיי מיט קריסטלעכע.

נאָר דער שאַרפֿסטער נאַציאָנאַלער מאָמענט אינם לעבּן פֿון די אידישע אַרבּע־טער איז געווען, פֿאַרשטייט זיך, די רעכטלאָזיקייט פֿון דער אידישער בּאַפֿעלקערונג

דער פאַרבאָט צו וואוינען וואו מע וויל האָט צונויפגעפרעסט די מאַסן פון דער אי־דישער באַפעלקערונג אין די שטעט און שטעטלעך און האָט, נאַטירלעך, פאַרקלע־נערט די לעבנס־באַדערפעניש און דעם פארדינסט פון אַלעמען און פריער פאר אַלץ— פון די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן. די עקספּלואַטאַציע איז אינם אידישן „טכום" גע־ווען אַסאַך שטאַרקער. די נאַציאָנאַלע באַגרענעצונג פון דער אידישער באַפעלקערונג און די אַלגעמיינע פאַראַכטונג צו דעם אידן, וועלכע האָט געהערשט אומעטום, וואו אים פלעגט נאָר אויסקומען צו זיין: צי אין א מעלוכע־איינריכטונג, צי אין אַ פּאָלי־ציי־צירקל, אָדער אַפילע אין די שטאָט־דומעס פון יענער צייט, דאָס שטענדיקע זידל־וואָרט „זשיד", וואָס דער איד פלעגט הערן פון אַלע זייטן,—דאָס גופע האָט געדריקט זיין באַוואוסטזיין און ניט ווילנדיק באשאַפן בא אים א שטאַרקן נאַציאָנאַלן געפיל און א פעסטע נאַציאָנאַלע געשלאָסנקייט.

... די זעלבסטהערשונג האָט געגעבן די מעגלעכקייט די אידישע קאַפּיטאַליסטן צו נעמען אַן אָנטייל אין דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג דורכדעם, וואָס זי האָט אַריינגענומען אין די שטאָט־דומעס אידישע „גלאָסנע", וועלכע די גובערנאַטאָרן פלעגן באַשטימען, און איבערגעגעבן אָט די „פאָרשטייער" פון דער אידישער באַפעלקערונג די פאַרוואַלטונג מיט די איניאָנים פון דער אידישער קעהילע. די אידישע קעהילע, וועלכע האָט געטראָגן אויסשליסלעך א רעליגיעזן כאַראַקטער, האָט פאַקטיש געהאַט פונדעסטוועגן אויך ווירטשאַפטלעכע פונקציעס: אויסהאַלטן די אידישע שפּיטאָלן, בייסוילאָמס, שולן. די אידישע מאַסע האָט נאָך געהאַט אף זיך ספּעציעלע שטייערן— די „קאָראָבקע" (6—4 קאָפּ. אף יעדער פונט קאָשערע פלייש), ליכט־אָפּצאָלונג און אַנדערע. אָט אין דער רעליגיעז־מעלוכישער אידישער קעהילע זיינען די רעדל־פי־רער געוועזן דער אידישער סוחער, פאַבריקאַנט און באַנקיר.

מיר זעען דאָ פאר זיך א מעשונעדיקן מיש־מאַש פון נייע קאַפּיטאַליסטישע סאָ־ציאַלע גרופּירונגען מיט פארשימלטע רעשטן פון דער פעאָדאַלער רעכטלאָזיקייט און דער צאַרישער בייטש־הערשונג, וועלכע האָט זיך איזדעקעוועט איבער די „אינאָ־ראָדצעס".

די אידישע פּלוטאָקראַטיע האָט אויסגעצייכנט אויסגענוצט אָט די ביידע מאָמענטן. שטייענדיק פעסט אַפן קאַפּיטאַליסטישן באָדן און עקספּלואַטירנדיק ווי ווייט מעגלעך דעם אייגענעם ברודער, האָט דיזעלביקע פּלוטאָקראַטיע אין דער אייגענער צייט אויס־גענוצט מיט דער הילף פונם ראַבינערטום די רעכטלאָזיקייט פון די אידישע מאַסן, די רעפּרעסיעס און פּאָגראָמען, קעדיי אונטער דעם לאָזונג פון „קאָל־איסראָעל כאַ־ווײרים" צו האַלטן דידאָזיקע מאַסן אין צוים און ניט דערלאָזן זיי צו קיין פּראָ־טעסט.

אויב די רוסישע בורזשואַזיע האָט זיך פון איר געבורטסטאָג אָן קיינמאָל ניט אויסגעצייכנט מיט אירע בירגערלעכע געפילן און איז אַלעמאָל געווען גענויגט צו לעבן בעסער אין שאָלעם מיטן צאַר און זיינע סאטראַפּן, איידער צו פירן אַן אָפּע־נעם קאַמף פאַר אירע רעכט, איז וואָס דארף מען שוין זאָגן וועגן דער אידישער בורזשואַזיע?

די אידישע אַרבעטער האָט קאַוטסקי אַמאָל אָנגערופן „פּאַריער צווישן פּראָלע־טאַריער"; די אידישע בורזשואַזיע וואָלט מען געקענט אָנרופן „די פּויזענדיקע צווישן די פּויזענדיקע". אין דערדאָזיקער סוויווע איז קיינשום באַוועגונגען, אידייען, שטרע־בונגען און קאַמף־לאָזונגען ניט געווען. זי האָט געוואוסט נאָר איין זאַך — ווי עס איז דורכקומען, אונטערקויפן, כאַבאַר געבן, ווען עס זאָל ניט אויסקומען, צי דעם

גובערנאַטאָר, צי דעם איספּראַווניק, צי דעם פּריסטאַוו, קעדיי אַף אַזאַ אופן צו ראַ־טעווען זיך פון די קלעפּ, מיט וועלכע די צאַרישע פעאָדאַלע רעגירונג האָט געוואָלט מעכאַבעד זיין איינצלנע פאָרשטייער פון דער אידישער בורזשואַזיע. און מיט דעם איז אויך געווען באַפאַרבט די נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע.

די מאַסן פלעגט מען זאָגן, אז זיי זאָלן זיין גוט און פרום, זיי זאָלן ניט מור־מלען, זיי זאָלן ניט נעמען קיין אנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָרום יעדע אַרויסטרעטונג פון אידן מוז ברענגען מיט זיך נייע רעכטלאָזיקייט פאר אידן און, — וואָס ס'איז נאָך שרעקלעכער,—נייע אידישע פּאָגראָמען.

פון דעם אַנאַליז פון די עקאָנאָמישע, סאָציאַל־פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע לעבנס־באַדינגונגען, אין וועלכע ס'האָט זיך געפונען דער מאַירעוו־טייל פון רוסלאַנד און די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג, קען דער לעזער פאַרשטיין, ווי אומגינסטיק זיינען דאָ געווען די באַדינגונגען פאר דער אַנטוויקלונג פון א נאָרמאַלער קלאַסן־פּראָלעטאַרי־שער באַוועגונג. דאָ איז, אין טאָך גענומען, ניט געווען דער הויפּט־שרויף — דער גרויס־אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט.

דאָ האָבן די נאַציאָנאַלע באַציאונגען און די נאַציאָנאַלע פאַרפאָלגונגען געקענט באַשאַפן אַן אויסשליסלעכע פּילבאַרקייט צום פּאָליטישן מאָמענט און דערנערן ראַ־דיקאַלע רעוואָלוציאָנערע שטימונגען אין די מאַסן. נאָר קיין אויסגעהאַלטענער פּראָ־לעטאַרישער קלאַסן־באַוואוסטזיין האָט דאָ ניט געקענט שטאַרק ווערן. אין דעם ליגט געוויס די גרונט־סיבע פון אלע וואַקלונגען, אָפּווייכונגען און אָפּטרעטונגען אין דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד.

(„עטיודן צו דער געשיכטע פון בונד“.)

מ. ראַפעס.

דער איבערברוך אין די שטימונגען פון דער אידישער בורזשואַזיע און קליינבירגערלעכע שיכטן.

„דאָס נייע בלאַט אין דער געשיכטע פונם אידישן פאָלק“ האָט זיך אויסגעדריקט ניט נאָר אין דעם אנטיילנעמען פון דער אידישער אינטעליגענץ און בורזשואַזיע אינם זעלבסטשוץ. דאָס לעצטע איז געווען בלויז איינער פון די סימאָנים פון א טיפערער דערשיינונג—פון דער אנטשטייאונג פון ליבעראַלע און ראַדיקאַל־דעמאָקראַטישע גרו־פּעס אינם אידנטום, וואָס זיינען אריינגעצויגן געוואָרן דורך דער אָנקומענדיקער רע־וואָלוציע אינם אַלגעמיינעם שטראָם פון דער פּאָליטישער באַוועגונג.

אינם מעשעך פון די ניינציקער יאָרן איז די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג געווען דער איינציקער פאַקטאָר פון רעוואָלוציע און אָפּאָזיציע אינם אידנטום. קליינע גרו־פּעס פון דער אידישער אינטעליגענץ האָבן זיך אריינגעצאָגן אין דערדאָזיקער אַר־בעטער־באַוועגונג און זיינען פון איר פאַרשלונגען געוואָרן. אלע דיינקנדיקע עלע־מענטן פון דער אידישער בורזשואַזיע און בירגערטום זיינען געגאַנגען צום ציאָניזם, זיינען באהערשט געוואָרן פון דער אידייע פון פּרינציפּיעלן אפּאָליטיזם און האָבן ניט געוואָלט וויסן פון רעוואָלוציע און פון אנטיילנעמען אינם פּאָליטישן לעבן פונם לאַנד.

ס'איז גאַנץ קלאָר, אז דידאָזיקע אידייען־שטימונג, כאָטש זי איז געווען זייער נאַטירלעך פאר דעם נידערגעשלאָגענעם אידישן בירגערטום, וועלכער איז נאָך דערצו, אַדאַנק זיין רעאַקציאָנערן מעהוס, טאָמיד געווען גענויגט צו זוכן זיינע אידעאַלן אין

דער פֿאַרגאַנגענהייט,—ס׳איז גאַנץ קלאָר, זאָגן מיר, אז אַזאַ אידייענשטימונג האָט געקאָנט זיין ניט מער, ווי אן איבערגאַנג־שטופּע. פריער אָדער שפּעטער האָט א טייל פון די שטאָטישע האַנטווערקער, הענדלער און אינטעליגענץ געמוזט אַריינגעצויגן ווערן אינם אַקטיוון פּאָליטישן קאַמף, זייער גרונט־קערן האָט געמוזט ווערן א מיט־פילנדער. און דאָס איז טאַקע פּאָרגעקומען, ביסלעכווייס אָנקלייבנדיק זיך, צום 1903 יאָר. הערצלס און נאָרדויס בורזשואַזע אוטאָפּיע, פאר וועלכער ס׳האָבן זיך אָנגע־כאַפּט די ברייטע שיכטן פון דער אידישער פּאָלקס־מאַסע אין 1897־טן יאָר, האָט זיך ניט פאַרווירקלעכט... אין דעם ציאָניזם גופא האָט דערווייל אָנגעהויבן רייף ווערן א אינערלעכע צעשפּאַלטונג.

פאר די ערשטע יאָרן פון דער כוואַליע זיינען אין דער ציאָניסטישער באַוועגונג אריינגעצויגן געוואָרן אויך אייניקע ארבעטער־גרופּעס, נאָך מער יוגנט „פונם אַר־בעטלאָזן בירגערטום״, פון „לופט־מענטשן״, וועלכע זיינען שטענדיק געווען אַזויפיל אינם אידישן „טכום״...

... אַפן ערשטן פלאַץ הייבט אָן אין ציאָניזם ארויסצוטרעטן די אינטעליגענץ, און לינקס פון איר באַווייזן זיך גרופּעס, וועלכע זוכן א דירעקטע צוזאַמענבינדונג מיט דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. פּאַרשפּעקטיקט אין זיין אַנטוויקלונג אף א צענד־ליק יאָר, האָט דער ציאָניזם ניט געקאָנט זיך אָפּזאָגן פון דער אופגאַבע צו באהערשן די אַרבעטער־מאַסע, וועלכע האָט זיך ארויסגעוויזן פאר דעמדאָזיקן צענדליק יאָר אַלס דער אַקטיווסטער פאַקטאָר פון דער אידישער געשיכטע. נאָר צוזאַמענקומענדיק זיך מיט דער אַרבעטער־מאַסע, האָט דער ציאָניזם געמוזט זיך אָנהייבן שפּאַלטן, ווייל אין דער אַרבעטער־מאַסע האָט מען ניט געקאָנט גיין מיט לאָזונגען פון פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קוויעטיזם (גאָרניט ניט טון) און בלויז מיט האַווטאָכעס וועגן „טשאר־טער״, וועלכער דאַרף אַראָפּפאלן דעם אידישן פּאָלק, וואָס ווארט אף אים, ווי מאַן פון הימל. אָט פון דעמדאָזיקן ווידערשפּרוך איז דאָס ארויסגעקומען דער מעשונעדי־קער געמיש פון דער קליינבירגערלעך נאַציאָנאַליסטישער ציאָניסטישער אידעאָלאָגיע מיט די מאָדערנע אידייען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג,—דער געמיש, וועלכער הייסט „ציאָניסטיש־סאָציאַליסטישע פּראַקציעס״.

דעם אָנהייב פון דערדאָזיקער „ארויסשפּראָצונג״ געפינט מען נאָך אף דעם מינ־סקער (לעגאַלן) צוזאַמענפאָר פון די רוסישע ציאָניסטן אין 1902־טן יאָר. די דערלוי־בעניש אף דעמדאָזיקן צוזאַמענפאָר האָבן די ציאָניסטן באַקומען בא דער מיטווירקונג פון די אידישע „אומאָפּהיינגיקע״ און אַלץ צוליב דעמדאָזיקן צוועק—קעדיי אָפּצוציען די אידישע אַרבעטער־מאַסן פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף. אף דעמדאָזיקן צוזאַ־מענפאָר טרעט ארויס די גרופּע „אַרבעטער־ציאָניסטן״ מיט א דעקלאראַציע וועגן דער נויטווענדיקייט צו באשאפן עקאָנאָמישע אָרגאַניזאציעס פאר די אַרבעטער: דאָס איז „זובאַטאָווטשינע״ ציאָניסטיש באַפּאַרבט.

נאָר אין 1903־טן יאָר ליקווידירן די אידישע „אומאָפּהיינגיקע״ זייער גאַנצע אָרגאַני־זאַציע—די כוואַליע האָט אויך זיי פארפלייצט און, פאַרשטייט זיך, אז צו יענעם מאָ־מענט האָט די גרופּע „אַרבעטער־ציאָניסטן״ באַווייזן דורכצומאַכן א ווייטערדיקע עוואָ־לוציע אף לינקס, זוכנדיק ווי אזוי צוזאַמענצופּאָרן דעם ציאָניזם מיט די ראַדיקאַל־רעוואָלוציאָנערע שטימונגען, וועלכע די עפּאָכע האָט מיט זיך געבראַכט, און וועלכע האָבן באַקומען דעם אויסזען פון אַן אומשולדיקן סאָציאַליזם.

דער ציאָניזם, אלס א גאַנצער, האָט ניט געקענט קוקן גלייכגילטיק אף דעם, ווי עס טיילן זיך אויס פון אים לינקע גרופּעס, וואָרום דידאָזיקע דערשיינונג איז געווען

ביז א געוויסן גראַד א רעזולטאַט פון דעם אינעווייניקסטן ווידערשפּרוך אין דער לאַגע פון דער באַוועגונג גופא, פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט ניט געהאַט קיין שום טאָג־פּראָגראַם, אויסער איר ווייטן אידעאַל, האָט ניט געהאַט קיין ענטפער אויף דער פראַגע: וואָס דאַרף מען טון היינט?

צום 1903־טן יאָר האָט דעמדאָזיקן ענטפער די אידישע מיטעלע בורזשואַזיע נאָך ניט געגעבן, מע האָט אים פאָרמולירט ערשט שפּעטער, נאָך אָקטיאַבער פון 1905־טן יאָר, אפן צוזאַמענפאָר פון די רוסישע ציאָניסטן אין העלסינגפאָרס, ווען די אידישע ציאָניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן עכטער אידיש־בורזשואַזער נאַציאָנאַל־ליבעראַלער אָרגאַניזאַציע מיט דער אַלגעמיינער פּאָליטישער פּראָגראַם פון די לינקע קאַדעטן, איינהאַלטנדיק אין דערזעלביקער צייט דעם גאַנצן אַלטן ציאָניסטיש־נאַציאָנאַליסטישן און קלעריקאַלן טאָך. דאָס איז פאָרגעקומען שפּעטער.

אין 1903־טן יאָר אָבער איז בלויז דער לינקער פליגל פון ציאָניזם געשטאַנען אויף דער דאָזיקער אָדער אויף א נאָענט נאַציאָנאַל־ליבעראַלער, אָדער ראַדיקאַל־דעמאָקראַטישער פּאָזיציע, און האָט געקאָנט אָנגענומען ווערן פאַר א פאַרבינדעטן אינם קאַמף קעגן דעם צאַריזם. יעדנפאַלס האָט דער אינעווייניקסטער קריזיס אין ציאָניזם, אונטערגראָבנדיק זיין איינפלוס אויף דער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ, אָנגעהויבן צו באַפרייען די קרעפטן, וועלכע מע האָט געקאָנט אריינציען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. נאָך א גרעסערע באַדייטונג האָט געהאַט דער קלאַפּ, וואָס ס'האָט דערלאַנגט דעם ציאָניזם הערצל גופא אין 1903־טן יאָר אויף דעם 5־טן באַזעלער קאָנגרעס. מיר מיינען דעם פּראָעקט פאַרבייטן פּאַלעסטינע „דאָס לאַנד פון די אָוועס" אויף א קאָלאָניע אין אַפריקע—אוגאַנדא. די דערשיינונג פון דעמדאָזיקן פּראָעקט, באַשטעטיקנדיק דעם אַוואַנטוריסטישן כאַראַקטער פון דער גאַנצער באַוועגונג, האָט באַוויזן, אַז די פירער גופא פון דער באַוועגונג האָבן זיך אנטוישט אין דער מעגלעכקייט צו „באַקומען" פאַר די אידן אַן „עפנטלעך־רעכטלעכע היים" אין פּאַלעסטינע...

אויף אזאַ אופן האָבן מיר שוין אין 1903־טן יאָר א גרויסן שיכט פון דעמאָקראַטישע עלעמענטן, וועלכע האָבן ניט נאָר פאַרלאָרן זייער פריערדיקע שאַרפע אַנטיפּאַטיע און האַס צו דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר זיינען אפילע געווען גענויגט צו סימפּאַטיזירן מיט איר. זיי זיינען בלויז געווען אומצופרידן, וואָס דער „בונד" גיט אָפּ, לויט זייער מיינונג נאָך, צו ווייניק אופמערקזאַמקייט דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דער קישענעווער פּאָגראָם שטויסט דידאָזיקע עלעמענטן אויף דעם פאָלגנדיקן טריט, וועלכן „די אַרבעטער־שטימע" האָט באַצייכנט אינם אַרטיקל וועגן האָמלער פּאָגראָם.

דאָס ארויסטרעטן פונם אידישן אַרבעטער־זעלבסטשוץ און דאָס ארויסגיין פונם „בונד" פון דער ר.ס.ד.אַ.פּ. שטעלט אינגאַנצן איין א שאָלעם צווישן דידאָזיקע שיכטן מיטן „בונד". דער „בונד", וועלכער איז אין 1897־טן יאָר געווען איזאָלירט, ווערט ביסלעכווייס, צוזאַמען מיט דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג, דער נאַציאָנאַלער העלד פאַר די ברייטע דעמאָקראַטישע שיכטן און נאָך מער פאַר דער שטאָטישער אָרעמער מאַסע, וועלכע האָט אויך מיטגעפילט דעם סאָציאַלן קאַמף פון „בונד" קעגן די גווירים און דעם צאַריזם.

דער אידישער אַרבעטער הערט אויף צו זיין דער איינציקער אינם קאַמף מיטן צאַריזם, די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג פאַרלירט אירע שאַרפע זייטן. דער „בונד" באַזיגט אַלע פּאַרטייען און גרופּעס, וועלכע בלייבן קרייזלעך, אין פאַרגלייך מיט זיין מאַסנדיקער, פאַרהאַרטעוועטער אינם קאַמף אָרגאַניזאַציע. נאָר דעם „בונד" קומט אויס

וואָס ווייטער אַלץ מער און מער אַריינצוציען אין זיך די שטימונג פון די גרופּעס, וואָס שטייען נאָענט צום פּראָלעטאַריאַט, צו פאַרלירן זיין עכטן קלאַסן־כאַראַקטער.

אין 1903־טן יאָר הייבט אָן אַרויסצוגיין אין פּעטערבורג א טעגלעכע צייטונג אין אידיש „דער פריינד״. דאָס איז געווען גאָר א נייע דערשיינונג, ווייל ביז יענער צייט האָט דער צאַריזם קיינעם ניט געגעבן קיין דערלויבעניש אף אַרויסצוגעבן אזא צייטונג, ווי ער האָט בּיכלאַל ניט דערלאָזן קיינע דעמאָקראַטישע פּעריאָדישע אויסגאַבן. דעמדאָזיקן טריט פון דער רעגירונג דאַרף מען אויך פאַררעכענען אפן כעשבן פון זיין „זובאַטאָווסקער״ פּאָליטיק. אין די אַרכיוון פון דער מאָסקווער אָכראַנקע קען מען געפינען די קאָרעספּאָנדענץ צווישן זובאַטאָוון און די „אומאָפּהייגיקע״ וועגן דערדאָזיקער פראַגע.

די מינסקער אידישע „זובאַטאָווצעס״ שטיצן די אידייע וועגן דערלויבן ארויסצוגעבן אידישע לעגאַלע ליטעראַטור, קעדיי צו פאַרניכטן די מאָנאָפּאָליע פון די אידישע רעוואָלוציאָנערן אף צו באַפרידיקן די קולטורעלע באַדערפענישן פון דער אידישער אַרבעטער־מאַסע.

די פּאָזיציע פון דעם „פריינד״ איז געווען א נעפּלהאַפט־דעמאָקראַטישע. ער איז ניט געווען א ציאָניסטישער אָרגאַן—און דאָס אליין איז שוין געווען סימפּטאָמאַטיש פאַר די נייע שטימונגען, כאָטש שוין צוליב זיין אויסגעשפּראָכענעם קליינבירגערלעכן כאַראַקטער האָט „דער פריינד״ ניט געפירט, ניט געקאָנט און זיך ניט דערוועגט צו פירן קיין קאַמף קעגן ציאָניזם.

דער קריזיס אינם בירגערטום און אין דער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ, וועגן וועלכן מיר האָבן גערעדט, האָט נאַטירלעך צוגעצויגן אַסאַך נייע קרעפטן אין די רייען פון „בונד״. אין אַלע אוניווערסיטעט־שטעט און אין די אויסלענדישע רוסישע קאָלאָניעס זיינען אנטשטאַנען „גרופּעס אף מיטצואווירקן דעם בונד״, פון וועלכע עס זיינען שפּעטער אַרויס אַסאַך אַקטיווע פּאַרטייאישע טוער...

(„עטיודן צו דער געשיכטע פון „בונד״.)

י. סאָסיס.

די סאָציאַל־עקאָנאָמישע לאגע פון די רוסלענדישע אידן אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט.

שרעקלעכע אידישע אָרעמקייט און דאַכקעס, הונגער און עפּידעמיעס, — דאָס זיינען געווען די דערשיינונגען, מיט וועלכע די „ניקאָלאַיעווסקי רעאַקציע״ האָט זיך אָנגעהויבן. זיי זיינען געוואָרן די שטענדיקע געסט פון דער אידישער גאַס אויך אין די 30־קער און אין די 40־קער יאָרן. וועגן דער מוירעדיקער צייט זיינען געבליבן פיל פאָלקס־דערציילונגען. איך וועל דאָ דערמאָנען נאָר מענדעלע מויכער־ספאָרימס דערציילונג: „די אַנטדעקונג פון וואָלין״, וועלכע איז „גענומען פון די כראָניקעס״ און האָט אַ געוויסע היסטאָרישע באַדייטונג. „אַדאַיעם — שרייבט מענדעלע — ליגט יענע שווערע, ביטערע צייט אידישע קינדער אין טאָם. אַלטע לייט, אַז זיי דערציילן היינט די שטאַרקע נויט, וועלכע מענטשן, נעבעך, זיינען דעמאָלט, בעשאַס דעם הונגער, אויסגעשטאַנען, שטעלן זיך פאָשעט די האָר קאַפּויר הערנדיק. הונגעריקע אָרעמינקע מענטשן, אויסגעדאַרטע, אויסגעדייוועטע, הויט און ביין מיט סמאַהע אַף די ליפּן, איינגעפאַלענע באַקן און מעשונע אויסגעשטעלטע גלעזערנע אויגן, האָבן, ווי

די פאַרזאַמטע מייז, אומעטום געזוכט, גענישטערט וואָס ס׳איז עפּעס עסנוואַרג, גאָר־נישט איבערצוקלייבן... צו דעם הונגער האָט זיך צוגעוואָרפן אַ מאַגייפע, עפּעס אַ מין אונטערגאַנג, אַ היציקע קראַנקייט אַזוינע. מענטשן זיינען געפאַלן ווי די פליגן און קליינע קינדער זיינען אַוועק פון סקאַרלאַטינע״... און דאַן איז פאָרגעקומען „די אַנטדעקונג פון וואָלין״, ד. ה. פון דאָרעם־רוסלאַנד, וועלכע איז דאַן געווען „דאָס אייגענע, וואָס אַמעריקע איז פאַר אונז, אידן, היינטיקע צייטן...״

מענדעלע זאָגט דאָ ניט בעפּיירעש (און אויך ניט אין זיין „לא נחת ביעקב״), אַף וועלכער צייט באַציען זיך זיינע „כראָניקעס״. דאָס, וואָס דאָרט ווערט באַשריבן, איז ניט איין מאָל פאָרגעקומען אין אידישן טכום — אי אין די 20־קער, אי אין די 30־קער, אי אין די 40־קער יאָרן פון 19-טן יאָרהונדערט. און אַלע מאָל, ווען די נויט האָט זיך באַזונדערס פאַרשאַרפט, פלעגט מען אַלץ אָפטער „אַנטדעקן וואָלין״. דערציילונגען וועגן זאַטן לעבן אין וואָלינער געגנט און אין ניי־רוסלאַנד, וועגן גוטע געשעפטן, וואָס אידן מאַכן דאָרט, וועגן מעלאַמדים, וועלכע ווערן „אָפּגעגאָלטן״ צווישן די וואָלינער און דאָרעם־רוסלענדישע אַמעראַצים א. ד. ג., — דאָס אַלץ האָט זיך פאַרשפּרייט אין פאָלק און אַרויסגערופן אַלץ נייע און נייע עמיגראַציע־שטרע־בונגען.

און די ליטווישע עמיגראַנטן האָבן בעעמעס פאַרגרעסערט די אידישע באַפעלקע־רונג אין דאָרעם־ און דאָרעם־מאַירעוו־רוסישן קאַנט, באַזונדערס אין די גרעסערע שטעט, ווי אָדעס, קיעוו, ניקאָלאַיעוו, יעליסאַוועטגראַד, כערסאָן, באַרדיטשעוו, זשי־טאָמיר א. אנד. דערדאָזיקער פּראָצעס איז אָבער פאָרגעקומען זייער לאַנגזאַם. וואָ־רום דער נייער קאַנט האָט פאַר דער אידישער מאַסע קיין נייע עקאָנאָמישע צווייגן ניט געשאַפן. די אידישע קאָלאָניעס האָבן קיין ערפאָלג ניט געהאַט. די שטאָט־אינדוסטריע איז געשטאַנען זייער נידעריק. אויך דאָרט, אַף די נייע ערטער, זיינען אַלץ נאָך געבליבן די אַלטע אידישע פאַרנאָסעס: אַרענדעריי, שיינקעריי, קליין־האַנדל און די אידישע מעלאָכעס, וועלכע זיינען אַלץ נאָך געווען זייער פּרימיטיוו. דער כּי־לעק צווישן די נייע און די אַלטע לעבנס־באַדינגונגען איז דערהויפּט באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָ איז די קאָנקורענץ ניט געווען אַזוי גרויס, ווי אין ליטע. דידאָזיקע אינעווייניקסטע עמיגראַציע האָט זיך ניט געקאָנט מער אַנטוויקלען צוליב די אַל־געמיינע, ווי צוליב ספּעציעל־אידישע באַגרענעצונגען, וועלכע האָבן פּאַראַליזירט יע־דע עקאָנאָמישע באַוועגונג און יעדע איניציאַטיוו. יעדער רוסישער אונטערטאַן איז געווען צוגעשמידט צו זיין „שטאַנד״ און צו א באַשטימט אָרט. רירן זיך פון דער אָדער יענער שטאָט, באַקומען אַ פּאַס, רעגולירן די שטייער־אָפּצאָלן — דאָס איז דע־מאָלט שווערער געווען פון „קריעס יאַמסוף״. דערצו זיינען פייאיק געווען נאָר באַ־זונדערס ענערגישע מענטשן, אָבער ניט די גרויסע אידישע מאַסע. „קאָהאָל״ פלעגט נאָר אין אן אייס־צאָרע דערלויבן אידן צו פאָרן „אין אַנדערע מעקוימעס״ זוכן פּאַרנאָסע. געוויינלעך אָבער האָט קאָהאָל געשטעלט די שווערסטע מעניעס באַם אַרויסגעבן פּעסער — קעדיי ניט צו פאַרקלענערן די צאָל קאָהאָלס־מיטגלידער און זייערע אָפּצאָלונגען. דער יאָך און דער ווילקיר פון קאָהאָל האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט, נאָכדעם, ווי ס׳איז איינגעפירט געוואָרן דאָס קאָנטאָניסטן־סיסטעם (1827).

דער אידישער מיסכער, דערהויפּט די קליין־קרעמעריי, מיט וועלכער דער גרעס־טער טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג אין שטאָט, אין שטעטל און אין דאָרף האָט זיך פאַרנומען, האָט אין די 30־ער און 40־ער יאָרן איבערגעלעבט זייער אַ

שווערן קריזיס. די סיבע דערפון, ווי עס איז שוין פריער אָנגעוויזן געוועזן, זיינען געלעגן אין דער גרויסער אָרעמקייט פון די געוויינלעכע אידישע קוינים, — די פּויערים; אין די עקאָנאָמישע רעזולטאַטן פונם אונטערדריקטן פּוילישן אופשטאַנד, אין דער אומגעהייערער איינגשאַפט אין טכום, אין דער גרויסער קאָנקורענץ צווישן די אידישע קליינע קרעמער אָדער, געניער, קרעמערקעס, דאָס אַלץ צוזאַמען האָט אונטערגעגראָבן די פאַרשפּרייטסטע אידישע פּאַרנאָסע — דעם קליין־האַנדל.

י. קאָטיק גיט אונז, אין זיינע „זיכרוינעס״, אַ פולשטענדיק בילד פון דער אידישער קרעמעריי אין אַ קליין שטעטל אין די 40־ער יאָרן.

און אָט וואָס ער שרייבט:

... „אין מיטן שטאָט זיינען געשטאַנען צוויי ציילן קראָמען... אַ דריי, פיר קראָמען האָבן געמיסכערט מיט מאַנופאַקטור פון העכערן גראַד: פּאַר אידן און פּריצים אַרום שטאָט. אין אַ דריי, פיר האָט מען פאַרקויפט פאַרטעכער, טיכער, טיכלעך און דאָסגלייכן. אין די איבעריקע קראָמען האָט מען געמיסכערט מיט צעלניק, מיט סמאָלע און מיט דזעגעכטס א. אז. וו.

„געמיסכערט אין די קראָמען האָבן בלויז די פרויען — אלטע, יונגע, מוידן און מיידלעך. און אָט די אַלע ווייבער זיינען געזעסן איינע קעגן די אַנדערע, צעקאָכטע און אופגערעגטע. דערביי האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געפעלט קיין העלפּערקעס, — אַ מיידל, צי אַ ווייבל, וואָס האָבן געשלעפּט, געצויגן און גערופן צו זיך דעם קוינע: אַמערסטנס פּויערים און פּויערטעס. אָבער דער העכערער גראַד קוינים, די אידן און די פּריצים, האָבן זיך יעדערער געהאַט איין קרעמער...

„לייזונג, אויסער זונטיק, איז אייגנטלעך געווען ווייניק, וואָרום אויסער זונטיק איז דער פּויער קימאַט אין שטעטל ניט געקומען...

„צו די גרעסערע געשעפטן אין שטאָט האָבן אויך אָנגעהערט די שיינקען. זיי זיינען געווען אין אַ היפּשער צאָל... דידאָזיקע שיינקען זיינען אויך געפירט געוואָרן פון די ווייבער, פּונקט ווי די קראָמען. זונטיק אָבער, דער טאָג פון גרויסן פידיען, האָט שוין דער מאַנסביל אויך צוגעהאָלפן...

„אַ גאַנצע וואָך האָבן זיך די מאַנסבילן, געוויינלעך, „געדרייט״ אַרום די פּריצים״. („מיינע זיכרוינעס״, 1־טער טייל, ז. 10—9).

אין די 30-ער און 40-ער יאָרן, און אַפילע נאָך שפּעטער, איז אין דעם געשילדערטן צושטאַנד פון דער אידישער קליין־קרעמעריי קיין שום ענדערונג ניט פאָרגעקומען. מיט גרויס מאַטערניש האָט דער דורכשניט־איד געצויגן זיין אָרעמע כאַיונע פון דער קרעמעריי און האָט זיך פעסט געהאַלטן אָן איר און אָן אַלע אירע טראַדיציעס. ער האָט מעגאַדל געווען קינדער, און אויך זיי מייכין געווען צו דערזעלבער פּאַרנאָסע. אירע צווייגן האָבן זיך ניט געמערט, אירע פרוכטן ניט מער געוואָקסן און איר כאַראַקטער האָט זיך ניט געביטן. ס׳האָט זיך נאָר נאָך מער פאַרשאַרפט דער קאַמף צווישן אַלטע און נייע קרעמער און זייערע קאַנדידאַטן — בעסמעדרעשניקעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער געמאָרע צוליב דאַיגעס־פּאַרנאָסע, כסידים, וועלכע האָבן געמוזט פאַרלאָזן דעם רעבנס טיש, — און דערהויפּט יונגעלייט, וואָס „זיינען אַראָפּ פון קעסט״ און זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען דערמיט, וואָס זייערע טאַטעס און זיידעס האָבן זיך פאַרנומען.

דער ביטאָכן, מיט וועלכן דער איד האָט זיך אויסגעצייכנט זיין גאַנץ לעבן, וואָס איז פול געווען מיט זאָרג און ליידן; די אידישע דערציאונג, וואָס האָט זיך ניט געשטעלט קיין שום ציילן וועגן אַ מאַטעריעלן טאַכלעס, — דאָס אַלץ איז געוואָקסן

ניט בלויז פון דער אידישער אידעאָלאָגיע און אירע טראַדיציעס, נאָר אויך פונם עקאָנאָמישן פאַרגליווערטן לעבן, פון דער אומבאַוועגלעכער סאָציאַלער סוויווע און אירע „דאַלעד אַמעס״, וואו עס איז קיין שום פּלאַץ ניט געווען פאַר אוועלכער ס׳איז איניציאַטיוו, וואָס טרייבט, געוויינלעך, פאָרויס די געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג און ענדערט אויך דאָס גייסטיקע לעבן פון אַ פאָלק.

בלויז איינצלנע גרופּן — און אָפט גאָר איינציקע מענטשן — האָבן זיך אַרויסגעריסן פון אָט דער פאַרגליווערטער אַטמאָספערע און געזוכט נייע וועגן און נייע מיטלען העט בענויגייע צום מאַטעריעלן קאַמף, העט בענויגייע צום גייסטיקן אופוואַכן פונם אידנטום. אין דעם פּראַט האָט אָפט גוויוער געווען דער ריינער מאַטעריאַליזם.

לעכאַטכילע האָבן זיי זיך אַפילע אָפּגעגעבן־בלויז דער אוילעם־האַזע, אָבער איינגיכן האָט זיך צווישן זיי אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען ניט בלויז די עקאָנאָמישע איניציאַטיוו, נאָר אויך נייע שטרעבונגען צו וועלטלעכער דערציאונג און בילדונג, צו רעכטלעכער באַפרייאונג און צו גלייכבאַרעכטיקונג.

אין דער אידישער קרעמער־מאַסע איז שטענדיק פאָרגעקומען אַ קאָנקורענץ, אַ מין „קאַמף פון אַלע קעגן אַלע״, וועלכן מ׳האָט דאָ, אין טכום, געפילט אַסאַך שטאַרקער, ווי די אַלגעמיינע אידישע רעכטלאָזיקייט און אַפילע ווי די פיינטשאַפט פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג: אין „טכום״ זיינען די אידן געווען דער הערשנדער עלעמענט. זיי האָבן קלאָר ניט געוואוסט פונם מעגלעכן קאַמף פאַרן רעכט צו וואוינען כוץ ליטכום, פאַרן רעכט זיך צו פאַרנעמען מיט דעם אָדער יענעם געשעפט, צו קאָנקורירן מיט קריסטלעכע סאָכרים און זייערע אַלטע פּריווילעגיעס א. ד. ג.

פאַרקערט, יענע אידן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו פאַרברייטערן דעם פּויליש־ליטווישן טכום, צו שאַפן נייע אידישע צענטרען און אַריינצודרינגען אויך אין רייןרוסישע שטעט, — זיי האָבן קוידעמקאָל אַף זיך דערפילט די גאַנצע שאַרפקייט פון דער אידישער רעכטלאָזיקייט און אַנטיסעמיטיזם און האָבן דעריבער זייער גאַנצע ענערגיע אָנגעווענדט קעגן דעם אויסווייניקסטן דרוק.

———

די אידישע באַלמעלאָכעס האָבן מער פון אַלעמען געליטן פונם עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס דער אידישער טכום האָט דאַן איבערגעלעבט. זיי זיינען אויך געווען די ערשטע און די שטענדיקע קאָרבאָנעס פונם קאַנטאָניסטן־סיסטעם, וואָס האָט נאָך מער רואינירט דעם מאַטעריעלן מאַצעוו פון די אידישע אומפאַרמעגלעכע מישפּאָכעס.

דער גרעסטער טייל זייערער זיינען געווען באַלמעלאָכעס־„פּאַרטאַטשעס״, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן בא די פּרימיטיווסטע אַרבעט־פאָרמען. אי דער אָרעמער און באַגרענעצטער אידישער מאַרק, אי די אויסוויינעקסטע פאָדערונגען, — דערהויפּט פון די פּויערים, האָבן ניט גינסטיק געווירקט אַף דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער מעלאָכע. אי דער מאַסן־איד, אי דער פּויער האָבן געזוכט, קוידעמקאָל, וואָלוועלע זאַכן — שיך, קליידער א. ד. ג. — און דאָס איז דער אידישער האַנטווערקער בעקויעך געווען צו באַפרידיקן נאָר מאַכמעס זיינע אייגענע באַגרענעצטע באַדערפעניש און שטענדיקער אָרעמקייט.

מיט דער צייט האָבן זיך דאָך פון דערדאָזיקער מאַסע פּאַרטאַטשעס אויסגעטיילט קליינע גרופּן, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו אַרבעטן פאַר פאַרמעגלעכע קוינים, פאַר רייכע אידן און פאַר פּריצים. די לעצטע פלעגן אָפט האָבן ניט בלויז זייערע אידישע מעקלער, אַרענדאַטאָרן און סאָכרים, נאָר אויך אידישע שניידער און שוס־

טער פון העכערן גראַד. אַט די באַלמעלאָכעס האָבן זיך אַלץ מער ספּעציאַליזירט אין זייער אַרבעט, און צוליב דעם פעסטער געוואָרן אין מאַימעד. אין די גרעסערע שטעט טרעפט מען אידישע באַלמעלאָכעס ניט בלויז אין די געוויינלעכע אידישע פאַכן — שוסטעריי און שניידעריי — נאָר אויך אין אַנדערע צווייגן פון מעלאָכע, וואו זיי קאָנקורירן ניט זעלטן מיט קריסטלעכע באַלמעלאָכעס.

אַכוץ באַלמעלאָכעס האָבן צווישן אידן עקזיסטירט אויך געוויסע אַרבעטער־קאַטעגאָריעס, אָן אַ באַשטימטער מעלאָכע אין דער האַנט, ווי צום ביישפּיל, טרעגער, וואַסערפירער, באַלעגאָלעס, טאָג־אַרבעטער א. ד. ג... ניקאָלאַיס רעגירונג, וועלכע האָט געשטרעבט צו רעגולירן דאָס גאַנצע אידישע לעבן און צו קאָנטראָלירן אַלע ווינקעלעך פון דער אידישער גאַס, קעדיי אויסצוראָטן אַלע „לײדיקגייער”, — האָט אויסגעטראַכט פאַר די אויבנדערמאָנטע אַרבעטער־קאַטעגאָריעס אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע — „ניע־רעמעסלעני צעך”, און ווייל אַט די אַרבעטער פלעגן אַמאָל קומען אין קאָנפליקט מיטן געזעץ, האָט מען זיי געמאַכט אייניקע „האַנאָכעס”, אין באַשטימטע פאַלן, צום ביישפּיל: ווען אין ווייסרוסלאַנד איז דורכגעפירט געוואָרן דער גרויסער שאָסיי, איז אין מיניסטאַרן־קאָמיטעט אופגעקומען (1830) די פראַגע: צי קאָן מען צולאָזן צו דער שאָסיי־אַרבעט אידישע אַרבעטער, גלייך מיט קריסטלעכע, און אויב יאָ, וואָסער אַ לוין דאַרף קאָזנאַ פאַר זיי באַשטימען. דידאָזיקע פראַגע איז פאַרענטפערט געוואָרן צו גונסטן די אַרבעטער. ניקאָלאַי שרייבט אין זיין רעזאָלוציע: „צאָלן צו 50 קאָפּ. אָף אַ מענטשן”. אַסאַך שפּעטער (1851), ווען עס איז דורכגעמאַכט געוואָרן שאָסיי־אַרבעט אין קורלענדער גובערניע, האָט דער אָרטיקער אַדל געבעטן, אַז צו דער ארבעט זאָלן צוגעלאָזט ווערן אידישע אַרבעטער פון קאָוונער גובערניע, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין וואוינרעכט אין קורלאַנד. דערוף האָט ניקאָלאַי דער ערשטער געענטפערט: „קעדיי צו פאַרגרינגערן דעם קורלענדער אדל דעם שאָסיי־רעמאָנט אין קורלענדער גובערניע, זאָל מען דערלויבן צו דינגען דערצו אידן פון קאָוונער גובערניע, נאָר ביטנאַי — אַז נאָך דעם, ווי די אַרבעט וועט זיך ענדיקן, זאָלן זיי ניט בלייבן אין קורלענדער גובערניע קיין טוישווים.

פאַבריק־אַרבעטער אידישע זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען אין יענער צייט אַ זעלטענע דערשיינונג, — כאָטש די רעגירונג האָט פאַרגעלייגט אידן פאַרשידענע פּריווילעגיעס און זיי דערלויבט צו באַנוצן זיך אי מיט אידישע, אי מיט ניט־אידישע אַרבעט. אין איין פאַל האָבן אייניקע אידישע פאַבריקאַנטן (אין פּאָדאָלער גובערניע) באַקומען אַן ערלויבניש אויסצושרייבן אַהין אידישע ארבעטער — כאָטש דערביי איז אויסגעקומען אַביסל אויווער צו זיין אָף אַ בעפיירעשן געזעץ, וואָס פאַרבאָט אידן צו וואוינען אין די ערטער, וואָס זיינען פאַרנומען מיט „וואָיענע פּאָסעלעניע”.

די ערשטע אידישע קאָלאָניעס, וועלכע האָבן זיך געגרינדעט אין דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן און ניקאָלאַי דעם ערשטן, האָבן פאַרנומען אַן אומבאַדייטנד אָרט אין אידישן עקאָנאָמישן לעבן. נאָר האָפענונגען האָבן זיי דערוועקט זייער גרויסע, אי בא דער רעגירונג, וועלכע האָט זיך געגרייט צו מאַכן פון די אידן — אַזאַ אומנוצלעך קרעמער־פאָלק — אַ פּראָדוקטיוו פּויערים־פאָלק, אי צווישן דער אידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט ראָמאַנטיש געקוקט אָף דעם פּרואוו פון דער רעגירונג און געזען אין אים דעם וועג צו דער „גאָלדענער פאַרגאַנגענהייט”, צו דער ביבלישער עפּאָכע פון דער אידישער געשיכטע...

אידן האָבן זיך „פאַרשריבן אין קאָלאָניסטן” ניט בלויז קעדיי פּאָטער צו ווערן פון רעקרוטן. דאָס איז געווען נאָר א יי נ ע פון די סיבעס, וועלכע האָבן אידן געבראַכט דערצו, אָבער ניט די איינציקע. די געשיכטע פון די אידישע קאָלאָניעס אין רוסלאַנד הייבט זיך אָן, ווי שוין געזאָגט, אין דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, ווען אידן האָבן נאָך פון מיליטער־פליכט ניט געוואוסט. דאָס „פאַרשרייבן זיך אין קאָלאָניסטן” האָט זיך גענומען פון די ערשטע אידישע גיירושים, פון אָרעמקייט און האָפנונגלאָזיקייט, וואָס דערפון איז שוין גערעדט געווען אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך.

איינער פון די דעמאָלטיקע רוסישע אַדמיניסטראַטאָרן, וועלכער האָט גראָד דעמאָלט אויסגעפאָרשט די לאַגע פון די ערשטע אידישע קאָלאָניסטן, שרייבט אין אַ בריוו צו אַ צווייטן רוסישן טשינאָווניק: „גרויזאַמע פרעסט, וואָס אפילו די אָרטיקע אַלטגעזעסענע געדיינקען ניט אַזעלכע, שטאַרקע ווינטן, זאַווערוכעס און טיפע שנייען האָבן פאַרשאָטן די הייזער אין די קאָלאָניעס ביז די דעכער... אלע קאָלאָניסטן קלאָגן זיך, אז די בעהיימעס פייגערן פון מאַנגל אין עסן, און די מענטשן פרירן און הונגערן... די „זשידעס” געפינען זיך אין אַ שרעקלעכער לאַגע. אלע אין איין קאָל בעטן זיי מיט טרערן, מע זאָל זיי ראַטעווען פון טויט. אין שלעכטע, צעפאַלענע הייזער, אָן דעכער, אָן אַוואָסער ס׳איז שפּייז, אָן הייצונג, וואָס מ׳קאָן אין ערגעץ ניט קריגן, מאַכמעס די אומגעוויינלעכע שנייען, — גייען זיי איינמיטן סטעפּ אויס פון קעלט און פון הונגער!”...

מיט דער צייט האָט זיך אַ טייל קאָלאָניסטן אַביסל צוגעפּאַסט צו די שווערע באַדינגונגען פון זייער קאָלאָניסטן־לעבן. די שוואַכערע זיינען געפאַלן; די מער געשיקטע זיינען זיך צעלאָפן, און ערגעץ „נעלעם” געוואָרן אי פון דער פּאָליציי, אי פון „קאָהאָל”; די פיזיש־געזונטע האָבן זיך ביסלעכווייס אויסגעלערנט צו באַאַרבעטן די ערד, זיך צוגעוויינט צום נייעם קלימאַט, צו זייער נייער רעכטלאָזער לאַגע און צו אלע אנדערע, זייער ביטערע לעבנס־באַדינגונגען אין די ערשטע אידישע קאָלאָניעס, און געפירט א לעבן.

(„די סאָציאַל־עקאָנאָמישע לאגע פון די רוס־לענדישע אידן אין דער ערשטער העלפט פון XIX יאָרהונדערט”. פעטראָגראַד, 1919).

י. לעשטשינסקי.

דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון אידן אין רוסלאַנד אין דער צווייטער העלפט פון נייַנצנטן יאָרהונדערט.

די אלע נייע סאָציאַלע דערשיינונגען, וואָס אין ערשטן־פערטל פון 19־טן יאָרהונדערט זיינען זיי געווען קאַם צו באמערקן און אין זיין לעצטן פערטל האָבן זיי זיך ארויסגעוויזן אין זייער גאנצער קראַפט, האָבן צו די 60־ער יאָרן געהאַט שוין אָנגענומען גענוג באשטימטע און בוילעטע פאָרמען. אונטער די נייע דערשיינונגען פאַרשטייען מיר דעם וואוקס פון אידישע האַנטווערקער און אַנדערע אַרבעטנדיקע עלעמענטן, ווי פאָשעטע אַרבעטער, מעשאָרסים און אָנגעשטעלטע, די דיפערענצירונג פון אידישן האַנדל און מעלאָכע, די קאָנצענטרירונג אין די גרויסע שטעט פון ברייטע אידישע מאַסן און די אויסוואַנדערונג קיין אַמעריקע. דידאָזיקע אלע

דערשיינונגען האָבן שוין דעמאָלט, אין די 60־ער יאָרן, גענומען ריידן קלאָרע דיבורים און ווייזן זייער קויעך אין רעפאָרמירן און באנייען דאָס אידישע לעבן.

זיי אלע זיינען קינדער פון איין מאַמען — פון דער גרויסער איבערבאַפעלקערונג, וואָס האָט דערגרייכט אין אידישן טכום די העכסטע מאַדרייגע. די איבערבאַפעלקערונג אין אידישן טכום איז געווען אָבער נאָר די וויכטיקסטע, ניט די איינציקע סיבע פון די אלע אויסגערעכנטע דערשיינונגען.

אין דער אַרומיקער וועלט זיינען פאָרגעקומען דאַן טיפע און וויכטיקע שינויאים. די באפרייאונג פון די פויערים, דאָס בויען פון די אייזנבאַנען האָבן געגעבן אַ שטויס פאָרויס דאָס לעבן פון גאַנץ רוסלאַנד. דער אינעווייניקסטער מאַרק איז שטאַרק אויסגעוואָקסן און האָט געשאפן בעסערע מעגלעכקייטן און אויסזיכטן פאר האַנדל, מעלאָכע און אינדוסטריע; דער עקספּאָרט פון טוואוע און אַנדערע אַגראַר־פּראָדוקטן האָט געשווינד אַ וואַקס געטון און האָט געבראַכט פריש געלט אין לאַנד, און דאָס האָט שטאַרק מיטגעהאָלפן צו דער פאַרשפּרייטונג פון פאַבריקאַציע און האַנדל. דאָס האָט געהאַט אַ פּאָזיטיווע ווירקונג אפן אידישן לעבן, — די אידן האָבן זיך באטייליקט, און טאַקע גאָר אין אַ גרויסער מאָס, אי אינם אויסגעוואַקסענעם עקספּאָרט פון טוואוע, אי אינם פּיבערדיקן בויען פון נייע אייזנבאַנען, אי אינם ניט ווייניקער פּיבערדיקן גרינדן פוןביינק און אויך אין דער אופגעלעבטער און פונסנײַי אופגעקומענער אינדוסטריע, עמעס, צוערשט נאָר ווי אונטערנעמערס, ווי אָרגאַניזאַטאָרס. די אַמאָליקע „פאַרשמאָדערטע" נעגידים, אָן אַרענדאַר, אַ פּאָדראַטשיק, אַביסל אַ רייכערער קרעמער און אפילע געוועזענע אָרעמע יעשיווע־באָכורים, נאָר מיט גוטע אידישע קעפּ און אָנגעקליבענע אידישע ענערגיע און אַקשאָנעס, — אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטון מיט אימפּעט אף די נייע רעוועכדיקע אונטערנעמונגען. אין מעשעך פון קימאַט איין דאָר איז אויסגעוואָקסן די ניימאָדישע אידישע בורזשואַזיע, יענע בורזשואַזיע, וואָס האָט איר „נאַציאָנאַלע" פּראָגראַם אריינגעלייגט אין מויל פון איר גרעסטן און בעסטן אידעאָלאָג — דעם טאַלאַנטפולן אָרשאַנסקי, וועלכער האָט געמיינט און געגלויבט, אז דער גאנצער פאַרפּלאָנטערטער קנויל פון סאָציאַלע, פּאָליטישע און קולטורעלע סטירעס, וואָס הייסט „אידישע פראַגע", איז מער ניט, ווי אַ שאילע פון מער אָדער ווייניקער קענען די רוסישע שפּראַך, די איינציקע מעגלעכע האַנדל־שפּראַך פארן גאַנצן ברייטן רוסלאַנד. דער ניי־אַנטדעקטער גרויסער רוסלענדישער מאַרק האָט אויסגעזען לעכאַטכילע אַזוי ברייט, אז די אלע, וואָס האָבן ערשט אָנגעהויבן געניסן פון זיינע אויצרעס, האָבן פעסט געגלויבט, אַז די פּאָר מיליאָן רוסישע אידן וועלן האָבן פאַרנאָסע בעשעפע.

אַדאנק די נאָר־וואָס אויסגערעכנטע עקאָנאָמישע דערשיינונגען קומען אוף, גיך און אומגעריכט, ווי פון אונטער דער ערד ארויסגעשפּרונגען, נייע, קלענערע און גרעסערע אידישע קעהילעס, וואָס לעבן גאָר אף אַ נייעם שניט, וואָס לייגן אַ יעסאָד פאר גאָר אַ נייעם לעבנס־נוסעך. דידאָזיקע קעהילעס, נייע, ערשט אופגעקומענע, צונויפגעשטעלטע פון עלעמענטן, וואָס זיינען אָנגעלאָפן פון אלע עקן פון טכום, אָן איכעס פון טוירע אָדער פרומקייט, אָן דעם שוץ פון די פליגלען פון געאוינים אָדער צאַדיקים, אָן אַ שום מעסוירע, נאָר מיטן קויעך פון מאָמוין, באקומען אַ גרויסע מעמשאָלע אפן אידישן לעבן פון גאנצן טכום, דערקלערנדיק איינצייטיק אַ מילכאָמע אי די אַכסאַניעס פון דער ליטווישער טוירע און געאוינעס, אי די שטילע געצעלטן פון וואָלינער צאַדיקים. עס באקומען אַ שליטע פּעטערבורג אין צאָפן, דער צענטר פון דער אידישער באַנק־און בירזשע־בורזשואַזיע, און אָדעס אין דאָרעם,

דער צענטער פון דער אידישער טוואוט־בורזשואַזיע. און די טעמפּעראַמענטפולע, הייסע, ווי די דאָרעמדיקע נאַטור, אָדעסער אַפּיקאָרסעס און די גװלאַסטנע ראַציאָ־נאַליסטישע פּעטערבורגער האַסקאָלע דרינגען אריין אין די גוטאָ־פעסטונגען פון טכום און מאַכן שפּאַלטן, און וואו מעגלעך — גאַנצע לעכער. ס'טרעטן ארויס אין פּראָווינציעלן טכום יענע אידישע סאָכרים און אונטערנעמער, וואָס האָבן שפּעטער געשאַפן די אידישע גרויס־און מיטל־בורזשואַזיע פון טכום און וואָס פון זייער סוויווע זיינען ארויסגעקומען די פּראַקטישע גיבוירים פון דער האַסקאָלע, וואָס שטעלן היינט פאָר די אַסימילירטע פּראָפעסיאָנעלע און ניט־פּראָפעסיאָנעלע אינ־טעליגענץ.

די בין, וואָס האָט געבראַכט דעם האָניק, האָט אָבער אויך מיטגעבראַכט דעם סאַם.

דער גרויס־רוסישער האַנדל, וואָס האָט אַ גענישקייט פון הונדערטער יאָרן און וואָס האָט שוין לאַנג געזוכט צו פאַרכאַפּן דעם מאַרק פון די גובערניעס פון אידישן טכום, באַזונדערס פון דער פעטער און רייכער אוקראינע *), האָט זיך ערשט אַ לאָז געטון מיט זיינע סכוירעס איבער דעםברייטן רוסלאַנד; דער אָרטיקער געפאלענער אַדל האָט אָנגעהויבן צו פאַרגעסן די מעסוירע פון זיין איכעס־אָוועס, אז פאַר דער סמעטענע פון פאָלק פּאַסט ניט צו מיסכערן און יאַרידעווען, האָט פארלאָזט זיינע שיינע דאָרף־נעסטן און גענומען זיך פאַר האַנדל און פאַבריקאַציע; דאָס פויערשאַפט, ניט באַקומענדיק גענוג ערד, האָט זיך אַ לאָז געטון אין די אופגעקומענע שטעט און האָט זיך גענומען פאַר מעלאָכע און קליין־האַנדל — ס'איז אויסגעוואָקסן דאָס קריסט־לעכע קליינבירגערטום („מעשטשאַנסטווע"), וואָס האָט שפּעטער זיך אַזוי בלוטיק נויקעם געווען אין דער אידישער מאַסע, וועלכע האָט אים אַזוי גיך ניט אָפּגעטראָטן דעם פּלאַץ.

אָט אַזוי איז אין טכום אויסגעוואָקסן יענע סאָציאַלע סוויווע, וואָס מיט איר האָט אָנגעהויבן צו אַסימילירן זיך די אידישע בורזשואַזיע. דידאָזיקע סאָציאַלע סוויווע אָבער איז געוואָרן דער בעסטער באָדן פאַרן פּראַקטישן אַנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט געצויגן שטאָף פון דער קאָנקורענץ פאַרן קוינע. ס'ווערט באַשאַפן אַ קישעף־קרייז פאַר באַדייטנדיקע טיילן פון אידישן פאָלק, וואָס שטרעבט מיט אַלע קויכעס פון אַ מענטשן, וואָס וויל פאַרנאָסע האָבן, צוקלעפּן זיך צו אַ באַשטימטער סאָצי־אַלער גרופּע, און ווערן פון איר אַלץ מער אָפּגעשטויסן, וואָס מער די שטרעבונג ווערט בוילעטער און שאַרפער.

דידאָזיקע טיילן פון פאָלק זיינען ניט געווען דאָס גאַנצע פאָלק און אַפילע ניט זיין ראָוו. די ברייטערע און נידעריקערע מאַסן, וועלכע האָבן שוין מער ניט גע־קאָנט לעבן מיט די אַמאָליקע קליינע און ווינט געכאַפּטע האַכנאָסעס, זיינען טאַ־קע אויך געווען באַלאָנים צו געניסן פון בליענדיקן פעלד פון רוסישן האַנדל און אינדוסטריע. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ריישיס, איז דאָסדאָזיקע פעלד באַ־גרענעצט אין זיינע מעגלעכקייטן און קאָן ניט מיטאַמאָל אַריינעמען אלע אונטער־נעמונג־קויכעס, וואָס זיינען אַרויס אַף דער ווייסער וועלט; שייניס, האָט זיך אַרויס־געשטעלט, אַז די אידישע מאַסן האָבן ניט קיין זוימען אַף צו פאַרזייען אַפן פעלד, זיי האָבן ניט געהאט דעם מינימום קאַפּיטאַלן, וואָס זיינען נייטיק אַפילע אין דער בליענדיקסטער צייט פון דער אינדוסטריע. פאַר די, וואָס זיינען געקומען די ע ר־

*) אַקסאַקאָוו: די אויספאָרשונג פון האַנדל אַף די יאַרידים פון אוקראינע (רוסיש) 200—185.

שטעָ, איז געווען געגוג דאָס ביסל מעזומען, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן באַם אי־דישן רייכן פּאָדראַדטשיק אָדער אַרענדאַר — קיין גרויסע קאַפּיטאַלן האָבן זיי אויך ניט געהאַט; פאַר אַסאַך יעכידים זיינען געווען געגוג דער אידישער האַנדלס־טאַ־לאַנט און די אידישע אונטערנעמונג־פייאיקייט, — און אָן געלט זיינען זיי אַרוף גאַנץ הויך אַף דעם סאָציאַלן לייטער. דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען אַ בעערעך קליינער פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג. די לעצטע האָט געהאַלטן אין געשווינדן וואַקסן: דער צוּוואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט איז געווען גרעסער, ווי אין דער ערשטער העלפט, אַזוי ווי ער איז אין גאַנצן 19־טן יאָרהונדערט געווען אַסאַך גרעסער, ווי אין 18־טן.

וואָס־זשע איז געבליבן פאַר די אידישע מאַסן צו טון? וואָס האָבן געקאָנט אופטון די טונעיאַדעווקער און קאַבצאַנסקער דאַלפּאָנים, קאַבצאָנים, עוויונים און דאַ־לייסים באַ דעם בליענדיקן מיסכער, באַ דער וואַקסנדיקער אינדוסטריע?

אַרבעט — איז געווען דער איינציקער לעבנס־אויסוועג פאַר דידאָזיקע מאַסן; און די רוסישע אידן, וואָס נאָך אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט האָבן זיי געשיקט אין דער מעלאָכע אַלפּיראָוו שלימאַזלס און די פּסוילעס פון „גוי קדוש", זיינען אין דער צווייטער העלפט פון דעמדאָזיקן יאָר־הונדערט איבערגעגאַנגען מאַסנוויס צו מעלאָכע און פאַבריקאַציע. ס'גייען אַוועק בעסאַכאַקל אַ פאָר צענדליק יאָרן, און מיר געפינען אין דריי—פיר גרויסע שטעט: וואַרשע, אָדעס, ווילנע, צענדליקער טויזנטער אידישע באַל־מעלאָכעס, מעלאָכע־אַרבעטער, לערן־אינגלעך, פּאָשעטע און פאַבריק־אַרבעטער, מע־שאָרסים און אָנגעשטעלטע. אין אַ גאַנצער דריי מיטעלע שטעט פון טכום, ווי ביאַ־ליסטאָק, גראָדנע, פינסק און אַנדערע, באַווייזן זיך אידישע פאַבריק-אַרבעטער, און די צאָל באַלמעלאָכעס און מעלאָכע־אַרבעטער וואַקסט אין גאַנצן טכום מיט אַן אומ־געהייערער גיכקייט.

מאַכמעס אַ גאַנצער ריי היסטאָרישע און פּסיכאָלאָגישע סיבעס, וואָס מיר קאָנען זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אַף זיי, איז דער איבערגאַנג פון דער אידישער מאַסע פון די פריערדיקע מעקלעריי־ און ווינט־פּאַרנאָסעס צו דער אַרבעט אין דער גרויס־אינדוסטריע געווען אומעגלעך, ביפראַט נאָך, אַז זיי, די אידישע מאַסע, האָט זיך באַגעגנט מיט אַזאַ שטאַרקן קאָנקורענט, ווי די שפּאָט־וואָלוועלע רוסישע דאָר־פישע אַרבעט־קראַפט. די מעלאָכע אָבער, און אַפילע די קאַפּיטאַליסטישע הויז־אַר־בעט — דער נאַטירלעכער העמשעך פון דער אידישער מעלאָכע — האָבן ניט געקאָנט צונעמען אַלע אידן, וואָס האָבן געמוזט זיך אַף שטענדיק געזעגענען מיט די אַסאָקימ־לעך, „וואָס שפּרינגען אַרויס פון אַ קראַץ אונטער דער פייע", ווי מענדעלע דריקט זיך אויס. און דידאָזיקע שווערע היסטאָרישע פּראָבלעם, די עקזיסטענץ־פּראָבלעם פון אַ גרויסן טייל פון אידישן פאָלק, האָט געפונען איר טשוּאווע — צי אַ פולקומענע און געגוגנדיקע — איז אַן אַנדער פראַגע, — אין דער עמיגראַציע, וואָס האָט אָביעק־טיוו און סוביעקטיוו, טעכניש און פּסיכאָלאָגיש געמאַכט דעם איבערגאַנג פון פאַר־מיטלעריי צו אַרבעט אַסאַך גרינגער, ווי אין דער אַלטער היים. די סאָציאַלע סטרוקטור פון די מיזרעך־אידן אין אַמעריקע איז דער נאַ־טירלעכער העמשעך פונם אידישן לעבן אין רוסלאַנד; אַ דאָס רוסיש־אידישע לעבן ווערט אַלץ מער אַמעריקאַניזירט — וואַרשע, אָדעס און ווילנע זיינען נאָר קלענערע אידישע ניו־יאָרקן.

———

אין אַלע אויספאָרשונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן נאָך אין די זעכציקער יאָרן, ווערט אָנגעוויזן אַף א גרויסער צאָל אידישע באַלמעלאָכעס, פאַבריקאַנטן, אַר־בעטער און לערן־אינגלעך. מער קלאָרע און ריכטיקע דאַטן גיט אונז די פאָלקס־ציי־לונג פון 1897־טן יאָר; נעמען מיר נאָר די זעלבשטענדיקע גלידער פון דער אידישער באַפעלקערונג, ד. ה. די נעפאַשעס, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אַוואָסער ס׳איז פראָ־פעסיע, באַקומען מיר, אַז צו די אַרבעטנדיקע עלעמענטן (אגראַר־ווירטשאַפט, מעלאָכע און פאַבריקאַציע, קאָמוניקאַציע און פורעריי, פריוואַטע דינסט־לייט, מעשאָרסים און דינסטמיידלעך, פאָשעטע ארבעטער) געהערן מער פון 53 פראָצ. פון אַלע זעלבשטענדיקע אידן *). פאַרגלייכן מיר צווישנאַנאַנד אפילע נאָר צוויי קאַ־טעגאָריעס: די, וואָס זיינען פארנומען אין האַנדל, פאַרמיטלער, מיט די, וואָס זיינען פאַרנומען אין מעלאָכע און פאַבריקאַציע, פראָדוצירער, זעען מיר, אַז די ערשטע מאַכן אויס סאַכאַקל 31,0 פראָצענט פון אַלע זעלבשטענדיקע אידן **). דאָס איז קלאָר און בוילעט, אז פאַר אונז איז שוין ניט קיין יאריד־פאָלק, ניט קיין מארק־נאַציע, קיין בייט־ און צווישן־קלאַס. ארבעט, פאָשעטע, גראָבע, פיזישע אַר־בעט און קוואַליפיצירטע, העכערע, גייסטיקע ארבעט, אָבער ניט קיין רוכניעסדיקע גימנאַסטיק און אינטעלעקטועלער ספאָרט, וואָס פלעגן פאָרקומען אין אונזערע קלויזן און יעשיוועס, — פראָדוצירנדיקע און שאַפנדיקע ארבעט האָט אי־בערגעאַנדערשט די סאָציאַלע סטרוקטור, דעם סאָציאַלן טאָך און אויך די סאָציאַלע פארהעלטענישן, די סאָציאַלע פאָרם פון גאַנצן אידישן לעבן.

(„דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון אידן
אין רוסלאַנד אין 19-טן יאָרהונדערט״,
קיעוו).

מ. ליטוואַקאָוו.

מאַסקילישער רעוואָלוציאָניזם.

די אידישע גאָלעס־געשיכטע ווייסט ניט פון קיין רעוואָלוציע אין גרויס־בורזשער־אַזן זינען, און עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך. די אידישע גרויסע בורזשואַזיע האָט זיך שוין עקאָנאָמיש און דערום אויך פאָליטיש פאַרשמאָלצן מיט דער גרויסער בורזשואַ־זיע פון די אַרומיקע פעלקער, און דאָס אינעווייניקע אידישע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישע און סאָציאַל־פאָליטישע לעבן געפינט זיך דעריבער פולשטענדיק אויסער איר וויר־קונג. דערפאַר אָבער האָט פאַרנומען (און פאַרנעמט נאָך אַדאַיעם) א גרויס אָרט אין אונזער לעבן די אידישע מיטעלע בורזשואַזיע, די באַלעבאַטים, און איר אַקטיווער אַרויסטריט אַלס א קלאַס צייכנט זיך אָפּ אין אונזער לעצטער געשיכטע מיט דער אידישער „פראָנדע״, מיט דעם שטורעם־ און דראַנג־פעריאָד פון דער האַסקאָלע. די האַסקאָלע, — דאָס איז די טיפּישע אידעאָלאָגיע פון דעם אידישן מיטלשטאַנד. דער אי־דישער מיטלבירגער שטרעבט צו פאַרנעמען אַן אָרט אין דעם אַרומיקן עקאָנאָמישן

*) זע ב. ברוצקוס: „די פראָפעסיאָנעלע צוזאַמענשטעלונג פון דער אידישער באַפעלקערונג אין רוס־לאַנד״ ז. 8.

**) דאָרט. אין דער גרופּע פראָדוצירער גייען אַריין ניט נאָר די אַרבעטער, די עמעסע פראָדוצירער, נאָר אויך די באַלעבאַטים, די אָרגאַניזאַטאָרס פון די אונטערנעמונגען, מאַכמעס די רוסישע פאָלקס־ציילונג האָט פאָשעט ניט פאַנאַנדערגעשיידט דידאָזיקע צוויי מינים.

לעבן, און עס גיט זיך אים זייער שווער איין. די סיבעס זעט ער ניט אין דער גאַנצער לאַגע פונם אידישן פאָלק, וואָס מוז ראַדיקאַל פאַרענדערט ווערן, ער זעט זיי אין פאַרשיידענע אויבערפלעכלעכע דערשיינונגען פון דעם אידישן לעבן. די אָפּגעזונדערטע עקזיסטענץ פון די אידן באַטראַכט ער ניט אַלס פּויעל־יוצא, נאָר אַלס אורזאַך פון דער אידישער לאַגע, און ער הייבט אָן קעמפן קעגן אָפּגעזונדערטקייט. עס ווערט באַ אים געבוירן א שטאַרקער שטרעבן צו לעבן, ווי די „שכיינים״, צו געפעלן „זיי״. זיינע רעליגיעזע מינהאָגים, ווי ער מיינט, שטערן אים אָבער אַף אָט דעם וועג, און ער וואַרפט זיך אַרוף אַף דעם אידישן ריטואַל [1]; באַזונדערס דערפילט ער אַ סינע צו די אָפיציעלע פאָרשטייער פון דעם ריטואַל — די ראַבאָנים, אין וועלכע ער דערזעט פלוצים די סיבע פון אלע אידישע צאָרעס... און דער מאַסקיל, דער אידעאָלאָג פון אונזער מיטלשטאַנד, הייבט אָן פריידיקן, אַז מע זאָל באַהאַלטן די „אידישקייט״ אין דער „היים״, אַרויסווייזנדיק אַף דער „גאַס״ נאָר די „מענטשלעכקייט״, ער הייבט אָן קלאָגן אַף דעם „מקור הדלות״ [2]) די „מאשרים המתעים ומורי־השקר״ [3])—די ראַבאָנים א. א. וו.

עפּשער מיינט איר, אַז ער איז קעגן רעליגיע גופע? עפּשער מיינט איר, אַז ער איז קעגן ראַבאָנים איבערהויפּט? דאָס וועט זיין אַ גרויסער טאָעס. דער אידישער „רעוואָלוציאָנער״ שמועל פון „הדת והחיים״ [4]) גייט ארויס אין קאַמף פאר די אידישע אופקלערונג, באַוואָפנט מיט... מאַמאָריי כאַזאַל און סוגיעס פון טאַלמוד; י. ל. גאָרדאָן, דער טיפּישער העלד פון דעם האַסקאָלע־פּעריאָד, דער גרעסטער סוינע פון די ראַבאָנים, רעדט מיט עקל פון די גרויסע רוסישע פרייהייט־קעמפער, וועלכע זיינען נאָך זיין מיינונג פּייאיק אַף אלע נידערטרעכטיקייטן, ווייל זיי זאָגן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין גאָט!... די מאַסקילישע אומצופרידנקייט מיט דעם עקזיסטירנדיקן שטאַמט ניט פון דעם טיפן פאַרשטיין אָט דאָס עקזיסטירנדיקס, ניט פון אַ נייער וועלט־אַנשויאונג: דער מאַסקיל איז איבעראשט און אופגערעגט קעגן די איינצלנע דערשיינונגען פון דער אָדער יענער אָרדענונג. ניט קעגן ראַבאָנים איבערהויפּט איז גאָר דאָן — ער איז קעגן אָ ט ד י ראַבאָנים; ניט קעגן מינהאָגים ביכלאַל איז ער—ער באַקעמפט אָ ט ד י מינהאָגים. און זיין אידעאַל איז אַ דיפּלאָמירטער ראָוו ווי יויסעף בען שימען [5]), וועלכער וועט „אימירצעשעם״ איינפירן גרויסע „רעפאָרמעס״ פון מאַטיר מאַכן הערינג אַף פּייסעך ביז אַ קאָהאָלשן גוי, ווען מע וועט פאַרקויפן דעם גאַנצן כאָמעץ פון שטאָט...

דער מאַסקיל, אַלס א מיטלבירגער, איז אין גרונט טראַדיציאָנעל געשטימט. ער קעמפט ניט אין נאָמען פון די נייע לעבנס־פאָרמען גופע, ווייל זיי ווירקן אַף אים מיט זייער אָנציאונג־קראַפט, — ער קעמפט אין נאָמען פון „שאל אביך — ויגדך, זקניך—ויאמרו לך״ [6])... דער אָדער יענער אידעאַל איז פאַר אים גרויס און גילטיק נאָר אַף אַזויפיל, אַף וויפל ער געפינט פון זיי אַ זייכער נאָך אין די טראַדיציעס פון דער אָפּגעשטאָרבענער פאַרגאַנגענהייט. עס בייט זיך נאָר דער כאַראַקטער פון די טראַדיציעס. די ערשטע צייט זיינען זיי טעאָקראַטיש [7]). קעגן דעם אַווטאָריטעט פון ר׳ יויסעף קאַראָ קעמפט ער מיט מאַמאָריי כאַזאַל, קעגן דעם רמב״ם — מיט פּסור־

---

1) דער גאַנצער סכום פון רעליגיעזע מינהאָגים. 2), 3) די שלעכטע פירער (אזוי האָט י. ל. גאָרדאָן אָנגערופן די ראַבאָנים אין זיין שיר „כעלות השחר״). 4) א באַוואוסטער ראָמאַן פון ר. א. ברוידא. 5) דער העלד פון גאָרדאָנס א פּאָעמע. 6) אַ פּאָסעק פון כומעש — פרעג דיין פאָטער, וועט ער דיר דערציילן — דיינע זיידעס, וועלן זיי דיר זאָגן. 7) רעליגיעזע-געטלעכע.

קים פון טאַגאַך. דערנאָך לאַיציזירן זיך, ווי מע זאָגט אין פראַנצויזישן, דידאַזיקע טראַדיציעס, דאָס הייסט זיי נעמען אָן אַ וועלטלעכן כאַראַקטער, און דאָס אָרט פון „תורה שבכתב" פאַרנעמט „תורה שבלב", דער אידישער מוסער, דער אידישער אָוועד, דאָס אידישע לאַנד,— און עס ווערט באַשאַפן אַן אייגאַנאַרטיקע „פילוסופיה" מיט „סינטעזירטע" שטיקער פון יעהודאַ האַלייווי, דזשעמס דאַרמעסטעטער, ספּענסער און טאַרד [1]... די טעאָקראַטישע טראַדיציעס זיינען פאַרביטן געוואָרן אַף נאַציאָנאַלע...

ווי מיר האָבן געזען, איז די אידישע האַסקאָלע אי אין איר „טעאָקראַטישן", אי אין איר נאַציאָנאַלן פאַזיס געווען פראָגרעסיוו, אָבער ניט רעוואָלוציאָנער. דער מאַסקיל פלעגט אין זיין מעליצע־הי־ך דערגיין אַמאָל ביז אָנפאַלן אַף אַן איינצלנעם גוויר, ביז אַ רעמעז אַף אַ געוויסן „סאַר", ער איז אָבער אומפּייאיק געווען אָנפאַלן אַף די סיסטעם, וועלכע דערציט גווירים, באַקעמפן די אָרדענונג, וועלכע גיט איבער די מאַכט אין די הענט פון פאַרשיידענע „סאָרים". נאָך מער. אַלס דער טיפּישער פאָרשטייער פון דעם אידישן באַלעבאָס, וועלכער האָט ליב „מנוחה ושלוה", איז דער מאַסקיל טאָמיד געווען אַפילע נויטע צו פאַרטיידיקן אָט די אָרדענונג. ניט בלויז אין אָנהייב, בעאייס אַף דעם הימל פון רוסלאַנד האָט זיך ערשט באַוויזן דער רויטער מאָרגן־שטערן פון דער רעוואָלוציע, די העלדישע „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", האָט זי די האַסקאָלע אין געשטאַלט פון י. ל. גאָרדאָן באַגעגנט מיט אַ מין „מגלת אלכסנדר". נאָר אפילע דעמאָלט, ווען דער רעוואָלוציאָנערער פייער האָט שוין אַרומגעכאַפּט גאַנץ רוסלאַנד, ווען דאָס שלאַכט־פעלד איז שוין געווען אויסגעזייט מיט קוואָרים פון דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, האָט די מאַסקילישע „פּראַקציע" אין ציאָניזם געוואָרפן איר באַרימטן שלאָג־וואָרט: „אונזער רעוואָלוציאָנערער כוויוו איז דער קאַמף קעגן בונד!", ד. ה. מיט דעם אין יענער צייט איינציקן פאָרשטייער פון דער רעוואָלוציע אין אידישן פאָלק.

דער מאַסקיל ווערט זעלטן איבעראַשט פון דעם דראַנג פון די היסטאָרישע געשעענישן. דאָס נעמט זיך ניט דערפון, וואָס ער זעט אַלץ פאָרויס, נאָר פון זיין באַגרענעצטקייט און היסטאָרישער קורצזיכטיקייט. לעבנדיק מיט זיין גאַנצער נעשאָמע אין דער פאַרגאַנגענהייט, איז ער אומפּייאיק צו אָפּשאַצן די צוקונפט. זיין פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע דריקט זיך אויס אין דעם טיפּישן שפּריכוואָרט פון דעם מיטלבירגער: „אין כל חדש תחת השמש" [2]. ער באַטראַכט דעם היסטאָרישן פּראָצעס ניט אַלס אַ ריי פון שטענדיקע אומענדערונגען, נאָר אַלס עטוואָס פעסטשטייענדיקס, טאָמיד געוועזענעס; ער זעט אין אים ניט אַנטוויקלונג, נאָר פאַרגליווערונג. דערום איז ער אומפּייאיק צו באַמערקן דאָס נייע, אָריגינעלע און שעפערישע, וואָס עס ברייגגט מיט זיך יעדער קער פון דער געשיכטע. און אַפילע דעמאָלט, ווען עס קומען פאָר גראַנדיעזע היסטאָרישע געשעענישן, ווען פאַר דער ליידנדיקער מענטשהייט עפענען זיך פלוצים נייע, ליכטיקע האָריזאָנטן, בלייבט דערזעלבער מאַסקיל, וואָס קומט אין עקסטאַז פון יעדער שיינער נעדאָווע פון אַ אידישן גוויר, קאַלט און אינדיפערענט מיט זיין אומפאַרמיידלעכן: „גם זו ראתי" [3]... און פון זיין אפּאַטיע גייט דער מאַסקילישער באַלעבאָס אַרויס נאָר דאַן, ווען די דערוועקטע מעקעך־אומעמקערדיקע אינסטינקטן טרייבן אים אויסצונוצן די געשאַפע־

[1]) אַכאַד־האָאָם און זיין טעאָריע. [2]) ניטאָ קיין נייעס אַף דער וועלט. [3]) מיר האָבן אַלעס געזען.

נע לאַגע, צו שניידן מיט זיינע הענט דאָס, וואָס אַנדערע האָבן געזייט מיט זייער מאַרך און בלוט... ווייל אין סאָציאַלן פּראַט שאַצט ער אָפּ יעדע היסטאָרישע געשעעניש, יעדע געזעלשאַפטלעכע איבערקערעניש פון שטאַנדפּונקט פון אַ געשעפטמאַכער: פריער האָט עס ניט געלוינט, איצט לוינט עס שוין...

———

דער מאַסקיל איז לאַנגע יאָרן געווען אַ „בודד במועדיו”, ער פלעגט זיך אַליין פּראַווען זיין אידישן סיידער און האָט ניט געהאַט קיין פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער ער זאָל קאָנען בעציבער אַרויסווייזן זיין אייגנאַרטיקן רעוואָלוציאָניזם. דעריבער איז זייער אַ לאַנגע צייט דער איינציקער מאָקער פון מאַסקילישן רעוואָלוציאָניזם געווען דעם מאַסקילס פּרעסע — דער לאָשנקוידעשדיקער בלאַט.

דער לאָשנקוידעשדיקער בלאַט האָט אָפּגעשפּיגלט דעם גאַנצן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער מאַסקילישער נעשאָמע. עמעס, קיין ווירקלעכן לעבנס־שאָרך האָט מען אינם בלאַט ניט געהערט, די מאַסקילישע ליידנשאַפטן פלעגן אַהער דערגיין, ווי אַ דערשטיקטער ווידערקאָל פונם רוישיקן אַרום דערגייט אין א שטילן מוזיי, — אָבער פון די אָנגעזאַמלטע ווידערקאָלן האָבן מיר געקאָנט באַקומען א באַגריף וועגן דער אידעאָלאָגישער אַנטוויקלונג פונם מאַסקיל.

לעכאַטכילע איז עס געווען א ריינע דיקדוק־רעוואָלוציע. מע האָט געשריבן, ניט אַזוי צוליב אַרויסזאָגן געדאַנקען, ווי צו שלייפן די „השפה היפה, השרידה, היחידה”, די שפּראַך פון די אָוועס. דערנאָך האָבן אַהער אָנגעהויבן אַריינדרינגען טאָג־פּראַגן, וועלכע מע פלעגט דאָך באַהאַנדלען אין גייסט פון דער אַלט־אידישער באַטלאָנעס. „על דרכי החנוך האבלות”, וועגן לעאומיעס, וועגן דער הימלישער האַסקאָלע, מאַגידישע רעמאָזים וועגן דער אינערלעכער פּאָליטיק און יעשיוועבאָכערשע אייצעס דער אינטערנאַציאָנאַלער דיפּלאָמאַטיע...

דאַן קומט אָן די נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וואָס אין איר אַנטוויקלונג האָט גענומען אַזאַ גרויסן אַנטייל דער נייער דאָר פון דער מאסקילישער אינטעליגענץ. ס׳קומט אָן די טקופע פון סמאָלענסקינען, ליליענבלומען און זייערע באַגלייטער. דאָ איז שוין פאַראַן סימאָנים פון א מין באַוועגונג, דער מאַסקיל מאַכט אָנשטריינגונגען אַף באַשאַפן אַרום זיך א סוויווע, אַף ווערן א טייל פון א קיבעץ און טון זיין אַרבעט בעציבער. איצט קאָן מען שוין קלאָר אַרויסזען דעם מעהוס פונם מאַסקילישן רעוואָלוציאָניזם.

די באַשעפער פון דער נייער עפּאָכע, סמאָלענסקין, ליליענבלום, יהל״ל א. א. וו., זיינען געקומען פון די טיפעניש פון אונזער פאָלקס־מאַסע און אין זיי האָט געלעבט דער שטורעם און דראַנג פון נייע געדאַנקען, געפילן און שטימונגען. אויסער דעם, האָבן זיי זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון דער רעוואָלוציאָנערער פּובליציסטיק פונם דעמאָלטיקן רוסלאַנד. אין זיי האָט געלעבט דער ציטער פון דער קומענדיקער פאָלק־סטיכיע, וואָס אירע אומבאַוואוסטזיניקע אָנזאָגער זיינען זיי געווען. אָבער קיין קלאָרן דין־וועכעשבן האָבן זיי זיך וועגן דעם ניט אָפּגעגעבן. ווייל דאָס פאָלק איז נאָך געווען אומבאַוועגלעך, און דעם פּאָליטישן און אידייאישן אַרום האָבן נאָך געבילדעט דער באַלעבאָס און זיין אינטעליגענץ.

האָט זיך דער גאַנצער שטורעם און דראַנג געווענדעט ניט פאָרויס, נאָר אַף צוריק אופלעבן אַלטע ווערטן, זיך ווענדן צו ערעץ אַוואויסיינו און זיך אָפּקערן פון דעם סאָציאַלן קאַמף אין דער אַלטער קנעסעס איסראָעל, וועגן וועלכן ס׳האָט דאָך געלעבט א מין פאָרגעפיל אין די נייע גייסטער. א שטראָם פון לעבעדיקע געפילן

און שטימונגען, געקומען פון די פּאָלקס־טיפּעניש, דורכגייענדיק די אָפּקילנדיקע אָט־מאָספער פון די מאַסקילישע טראַדיציעס, איז ווידער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין עטאַפּ פון ריין מאַסקילישן רעוואָלוציאָניזם.

אָבער דער וועג איז פּאָרט צוגעגרייט געוואָרן פאַרן ציאָניזם.

(„אין אומרו״ I באַנד, קיעוו 1918).

נ. אויסלענדער.

עטאַפּן פון דער אידישער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג אין אָנהייב 19־טן יאָרהונדערט.

די עלטערע אידישע דראַמע.

דער סאָף פונם 18־טן און אָנהייב 19־טן יאָרהונדערט איז געווען אַ צייט פון אופוואַכנדיקע געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן אין דער אידישער ליטעראַטור אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם שטרעבן אַרויסצורייסן זיך פון דער געטאָ, וואָס האָט געהאַט אַרומגעכאַפּט די פּאָרשריטלעכע עלעמענטן פון דער אידישער בורזשואַזיע. ווען מע פאַרגלייכט די ליטעראַטור פון דער צייט, מיט דעם טיפּ „שיינע ליטעראַטור״, וואָס האָט געהערשט בא אונז פריער, וואַרפט זיך אין די אויגן פריער פאַר אַלץ דער ברייטער צופלוס פון קאַמף־אינטערעסן און קאַמף־מאָטיוון, אַלס אַן אָפּשפּיגלונג פון די קאַמף־שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט בא דעם פּאָרשריטלעכן טייל פון דער אידישער בורזשואַזיע. און אַלס בעסטע ראַיע דערצו קאָן מען אָנווייזן אָפן כאַראַקטער, וועלכן עס האָט באַקומען די סאַטירע אין אונזער ליטעראַטור פון XIX י״ה.

אין דער ליטעראַטור פונם 19־טן יאָרהונדערט הייבט אָן די סאַטירע פאַרנעמען דעם אויבנאָן, די סאַטירע איז שוין דעמאָלט ניט אַף אַזויפיל פאַרבונדן מיט די אינדיווידועלע נייגונגען פון דעם אָדער יענעם שריפטשטעלער. זי ווערט דער אויסדרוק פון קעמפערישע פאַרלאַנגען, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין דער טיף פון גאַנצע געזעלשאַפטלעכע שיכטן. און אָט דער געזעלשאַפטלעכער כאַראַקטער פון דער סאַטירע, איר שטרעבן דורכצורייסן זיך צו דער עפנטלעכקייט, ביכלאַל דאָס אַפּעלירן צו דער עפנטלעכקייט—דאָס איז דאָס כאַראַקטעריסטישע, וואָס באַצייכנט דעם אָנהייב פון דער אידישער ליטעראַטור אין 19־טן יאָרהונדערט.

די האַסקאָלע־באַוועגונג, וועלכע האָט ווייט ניט אַלע מאָל געקאָנט מיט ווערדע טראָגן אין דער אידישער סוויווע די געבאָטן פון די פראַנצויזישע „אופקלערער״—די אָנזאָגער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע—האָט דאָך פון אירע גרויסע לערער איבערגענומען דעם גלויבן אין דער עפנטלעכקייט, דעם גלויבן אין דער קראַפט פון דער געזעלשאַפטלעכער סאַטירע. און אָט דער גלויבן האָט אַרויסגערופן צום לעבן די עלטערע אידישע דראַמע.

א. וואָלפזאָן, וואָס האָט אָפן סאַמע שוועל פון 19־טן יאָרהונדערט—אין 1796 י.—אָפּגעדרוקט די קאָמעדיע „לייכטזין אונד פרעממעלייא״, האָט דעם דראַמאַטישן זשאַנד פאַרשטאַנען ווי אַ מיטל אַף צו פאַרשטאַרקן דעם קאַמף מיט דער פאַרפרומטער און פאַרווילדעטער אידישער סוויווע, קעגן וועלכער ער האָט געוואָלט קעמפן אַלס מאַסקיל*).

*) נ. שטיף, אין זיין אַרטיקל „ליטעראַטור־היסטאָרישע לעגענדן״ (רויטע וועלט, נומ. 10, 8—7, 1926) גיט אַ גאַנץ גענויע כאַראַקטעריסטיק פון אייכעלס קאָמעדיע „ר׳ הענאָך אָדער וואָס טוט מע דאַמיט״,

די דראַמאַטישע פאָרם איז געווען אין זיינע אויגן, ווי א מין גאַראַנטיע, אז דורך דעם דערגרייכט ער גיכער און בעסער צו דער עפנטלעכקייט. און דאָס איז א צייט לאַנג געווען דער סטימול, וואָס האָט געשטויסן דעם אידישן שריפטשטעלער פון 19־טן יאָרהונדערט צו שרייבן אין דער דראַמאַטישער פאָרם. נאָך פיל יאָרן שפּעטער האָט י. אקסענפעלד אין דער הַקדמה צו זיינער א קאָמעדיע געשריבן:

„דערצו האָב איך עס נאָך ווי א טעאַטער געמאַכט
אף צו לייענען אין א קאָמפּאַניע אין א ווינטערנאַכט"

אין אָט דער נאַאיווער פאָרשטעלונג וועגן א „קאָמפּאַניע" האָט זיך געלאָזט הערן די גאַנצע שטימונג פון דעם מאָדערנעם אידישן שריפטשטעלער אין אָנהייב 19־טן יאָרהונדערט, זיין ביינקשאַפט נאָך א געזעלשאַפטלעכן אָפּקלאַנג; זיין פאַרלאַנג, אַז די מאַסקיליש־קעמפערישע מאָטיוון, וואָס ווערן פאַרקערפּערט אין זיין ווערק, זאָלן פאַר־וואַנדלט ווערן אין א געזעלשאַפטלעכער אַקציע. און מיט אָט דער שטימונג איז דורכ־געדרונגען געווען די עלטערע אידישע דראַמע.

דערפון האָט זיך גענומען די גרויסע ווירקונג־קראַפט פון דער עלטערער אידי־שער דראַמע. דידאַקטיקע דראַמע, וואָס איז מייסטנס ניט געדרוקט און ניט אופגעפירט געוואָרן אף דער בינע, האָט באַקומען אזא גרויסע ווירקונג אין דער אידישער סווי־ווע עפּשער טאַקע נאָר דערפאַר, ווייל אין איר איז געווען פאַרקערפּערט דער דעוויז פון דער נייער ליטעראַרישער תקופה, וואָס האָט זיך מיט דער דראַמע אָנגעהויבן, און דערדאַזיקער דעוויז האָט געהייסן: אָריענטירן זיך אין דער ליטעראַטור אף גע־זעלשאַפטלעכע קויכעס, אף א געזעלשאַפטלעכער אַקציע. דעמדאָזיקן דעוויז האָט מען געקענט פאַרנעמען אין דער עלטערער אידישער דראַמע שטענדיק, אפילע דעמאָלט, ווען מע האָט די דראַמע נאָר געהערט לייענען פון א מאַנוסקריפּט, אַפּילע, ווען מע האָט נאָר געהערט דערציילן וועגן איר. די עקזיסטענץ גופא פון אזא דראַמע, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אף א ברייטער געזעלשאַפטלעכער אַקציע, האָט שוין געקלונגען ווי אן אָנזאָג פון דער נייער ליטעראַרישער טראַדיציע, פון יענער טראַדיציע, וואָס האָט געגעבן שפּעטער די קלאַסישע ווערק פון מענדעלען, פּערעצן און שאָלעם־אַלייכעמען.

ריידנדיק וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער עלטערער אידישער דראַמע, דאַרף מען ניט פאַרגעסן אָן דער ווירקונג פון די מאַירעוו־אייראָפּייאישע (און שפּעטער רוסישע) מוסטערן. י. דינעזאָן, וואָס האָט אין די 80־ער יאָרן געשריבן וועגן דער גרויסער באַדייטונג פון דער עלטערער אידישער דראמע, האָט נאָך דעמאָלט אָנגעוויזן, אַז אירע שעפער זיינען געווען „מענטשן געבילדעטע, פון העכערן שטאַנד". און ווירקלעך: ש. עטינגער, א. וואָלפּ־זאָן, י. אקסענפעלד און א. ב. גאָטלאָבער זיינען געווען מענטשן פון אזאַ בילדונג־גראַד, אז זיי האָבן די מוסטערן פון דער מאַירעוו־ליטעראַטור געקענט באַקומען פון די ערשטע הענט. און דאָס האָט געהאַט פיל צו זאָגן אין דעם ווייטערדיקן וועג פון דער אידישער דראַמע.

די מאַירעוו־אייראָפּייאישע דראַמאַטורגיע האָט גראָד אין יענער צייט געהאַט דורכגעמאַכט א פילבאַדייטנדיקע ווענדונג, וואָס האָט געמוזט נאָך מער צוציען צו איר די סימפּאַטיע פון די שעפער פון דער אידישער דראַמע. אויב פאַר א אידישן דראַמאַטורג איז געווען פרעמד און ווייניק־בעלערעוודיק דער טראַגעדיע־מוסטער פון

וואָס האָט געקאָנט זיין דאָס פאָרבילד פון וואָלפזאָנס קאָמעדיע. אָבער קאָלזמאַן דער פולשטענדיקער טעקסט פון אייכעלס ווערק איז נאָך ניט פארעפנטלעכט, קומט נאָך אויס די באטראַכטונג פון דער עלטערער אידי־שער דראַמע אָנהייבן פון וואָלפזאָנען.

קאַרנעלס און ראַסינס צייטן, איז אָבער די נייע ריכטונג אין דער מאַירעוו־אייראָפּיי־אישער דראַמאַטורגיע, וואָס אַנטוויקלט זיך צום אָנהייב פון 19־טן יאָרהונדערט, גע־ווען פאַר דעם אידישן דראַמאַטורג שוין פיל צוגייִנגלעכער און נאָענטער. אָקאָרשט ניט לאַנג, פאַרן סאָף פון 18־טן יאָרהונדערט, האָט אין דער פראַנצויזישער דראַמאַ־טורגיע דורכגעקלונגען דער דעוויז: אויסראָטן פון דער דראַמע די געטער, קעניגן און העלדן און אָנהייבן שילדערן דאָס לעבן פון דער דורכשניטלעכער בורזשואַזער סוויווע. דערדאָזיקער דעוויז, וואָס האָט ארויסגערופן צום לעבן א ריי אויסגעצייכנ־טע פראַנצויזישע און איינגלישע דראַמאַטישע ווערק, האָט זיך געלאָזט וויסן אויך אין דער דייטשישער ליטעראַטור, וואָס איז געווען אומיטלבאַר־נאָענט צו אונזערע מאַסקילישע שריפטשטעלער. שרייבן אף דעם נייעם שטייגער אַ סענטימענטאַל־רעאַ־ליסטישע דראַמע מיט א סוזשעט פון בירגערלעכן פאַמיליען־לעבן איז געוואָרן די מאָדע. און פאַר די אידישע דראַמאַטורגן, די „געבילדעטע מענטשן פון העכערן שטאַנד”, איז דערדאָזיקער מוסטער געווען ווי אָנגעמאָסטן. אין פלוג האָט אונזער „העכערער שטאַנד” פאָרגעשטעלט דיזעלביקע בורזשואַזיע, וואָס פאַר אירע רעכט האָט אין יענער צייט געקעמפט די מאַירעוו־אייראָפּייאישע דראַמאַטורגיע. עס איז דעריבער כאַראַקטעריסטיש, וואָס א. וואָלפזאָן שטעלט אַוועק אף זיין ווערק אן אופשריפט: „איין פאַמיליען־געמעלדע אין דריי אויפצוגען”. ער איז דערמיט געטריי די מוסטערן פון דער מאַירעוו־אייראָפּייאישער דראַמע, פונקט ווי ער איז דערמיט געטריי איר אויך דעמאָלט, ווען ער שטעלט אוועק אין צענטער פון דער האַנדלונג די שטוב פונם „רייכן הויזפאָטער”. אָבער אויב פאַר א. וואָלפזאָנען האָט עס געקענט גילטן ווי אַ גלייכער מוסטער, האָבן אָבער די שפּעטערדיקע אידישע דראַמאַטורגן געמוזט אריינ־טראָגן אהער גאַנץ גרויסע קאָרעקטיוון. און דאָס זעט זיך שוין אין ש. עטינגערס קאָמעדיע „סערקעלע”. ש. עטינגער, האַגאַם ער האָט זיין קאָמעדיע געשריבן מער ווי מיט א פערטל יאָרהונדערט נאָך וואָלפזאָנען, איז אויך געטריי די געבאָטן פון דער מאַירעוו־אייראָפּייאישער דראַמאַטורגיע אין דעם זינען, ווי וואָלפזאָן האָט זיי פאַרשטאַנען. ער זוכט ניט קיין אויסערגעוויינלעכע העלדן, ער נעמט זיי פונם אַרו־מיקן בירגערלעכן לעבן. ער זאָרגט דערפאַר, אז עס זאָל ניט פעלן דאָס נייע און נייסטע פונם אַרומיקן לעבן, די האַנדלונג זאָל טראָגן אף זיך דעם שטעמפּל פון די אַקטועלע פראַגן, וואָס שוועבן אין דער אידישער סוויווע, און מעמיילע זאָרגט ער שוין אויך דערפאַר, אז דידאָזיקע פראַגן זאָלן זיין נאָענט יענעם „העכערן שטאַנד”, וועלכן ער שטעלט פאָר אין דער ליטעראַטור. אָבער ארום עטינגערס געשטאַלט ווערן די פאָרשטעלונגען וועגן דער אידעאָלאָגיע פון אונזער „העכערן שטאַנד” פון יענער צייט גאַנץ פאַרוויקלט. ש. עטינגער האָט, כוץ דער קאָמעדיע „סערקעלע”, געשריבן אויך אַנדערע ווערק, איבערהויפּט מעשאָלים, וואָס האָבן געבראַכט א שעפע פון שטייפע רעאַליסטישע בילדער אין דער אידישער ליטעראַטור. אין דידאָזיקע מעשאָ־לים, געשריבן אין דער שפּראַך פון דער אידישער מאַסע—אין אידיש—האָט עטינגער, קימאַט דער ערשטער צווישן דעם דאָר מאַסקילים, ארויסבאַוויזן די טענדענץ אָנצור־נעמען צוזאַמען מיט דער שפּראַך פון דער אידישער מאַסע אויך אירע סימפּאַטיעס און ליידנשאַפטן. עטינגער הייבט אָן אין זיינע מעשאָלים צו אַכטן און היטן די פאָלקס־שפּראַך, ווי דעם אויסדרוק פון יענע פאָלקס־אינטערעסן, וועלכע זיינען אים געווען נאָענט.

אָפטמאָל, ווען עטינגער מיידט אויס צו פאָרמולירן זיינע אַנשויאונגען און טענ־דענצן אפן סקאַרבאָוון מאַסקילישן שטייגער, זעט עס אויס פונקט ווי ער וואָלט

האַלטן, אַז זיין צוגאַנג צו אידיש, צו דער שפּראַך פון דער אידישער מאַסע, דאָס אַליין באַשטימט שוין יענע מאָס און וואָג, יענעם קריטעריִ, מיט וועלכן ער גייט־צו צו אַרומיקע דערשיינונגען. און דאָס ליגט אויך אין גרונט פון יענעם איינדרוק, וואָס סע מאַכט אַף אונז טיילווייס זיין קאָמעדיע „סערקעלע".

אַף דער סצענע האָבן מיר דאָ ווידער, ווי בא וואָלפזאָנען, א נעגידישע שטוב. נאָר עס איז דאָ שוין ניטאָ יענער גרויסער רעספּעקט פאַר דערדאָזיקער שטוב, וואָס האָט געהערשט אין וואָלפזאָנס קאָמעדיע. פאַרקערט, די גאַנצע קינסטלערישע קאַוואָנע פון „סערקעלע" באַשטייט, קאָן מען מיינען, אין דעם, אַז עס זאָל באַוויזן ווערן די קלוגע מעכאַניק, ווי אַזוי ווערט עס באַשאַפן א נעגידישע שטוב.

ווען מע דערמאַנט זיך אָן דער אידעאַליזאַציע פון דער בירגערלעכער שטוב, מיט וועלכער מיר האָבן אָקאָרשט געהאַט צו טון בא וואָלפזאָנען, קומט אויס צו וואונדערן זיך, ווי גיך עס האָט זיך אין דער אידישער ליטעראַטור גענומען אויסוועפּן דער רעספּעקט פאַר דער שטוב פונם „רייכן הויזפאָטער". אין עטינגערס „סערקעלע" זעען מיר, עמעס, נאָר די שטוב פון אן אופגעקומענעם אוישער, אָבער אהער ווערן אַריבערגעטראָגן אַלע אַטריבוטן פון א נעגידישער שטוב פון יענער צייט. אַרום דער שטוב דרייען זיך אַרום פּערסאָנאַזשן פון דער אידישער האַנדל־סוויווע, און איבער אָט דער גאַנצער סוויווע שוועבט עטינגערס קריטישע באַציאונג, וואָס גייט אָפּטמאָל איבער אין סאַרקאַזם.

האָט עמעץ „סערקעלע" געלייענט
און מיינט, איך האָב זי דערמיט געמיינט,
זאָל זי עס שוין דאָס אַנדערע מאָל ניט לייענען,
און איך וועל מיך אָסער ניט זעצן וויינען...

אָט דאָס איז געווען אַלץ, וואָס עטינגער האָט געפונען פאַר נייטיק צו זאָגן אין נאָכוואָרט צו זיין „סערקעלע". און דערדאָזיקער טאָן איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער עלטערער אידישער דראַמע ביכלאַל, פאַר איר גלויבן אין די רעכט פון סאַטירע, פאַר דעם גלויבן אין איר געזעלשאַפטלעכן באַרוף.

די געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער אַרום דער אידישער ליטעראַטור פון 19־יאָרהונדערט, א ליטעראַטור, וואָס ווערט געשאַפן אַף דער שפּראַך פון „האַמוין" און צוליב דעם „האַמוין", אָט די אַטמאָספער איז געווען אַזאַ, אַז זי האָט געשטויסן אין יענער צייט צו א מין „נאַטירלעכן אָפּקלייב" פון קינסטלערישע מאָטיוון. און דאָס האָט געוויזן געווען דערצו, אַז צוגלייך מיט די קליינע רעשטלעך פון דער סענטימענטאַלער אידעאַליזאַציע, וואָס איז נאָך פאַראַן אין דער פּאָר „פּאָזיטיווע" פיגורן בא עטינגערן, זאָל דאָ ווידער פאַרשאַרפט ווערן דאָס געווער פון סאַטירע, און די סאַטירע זאָל דאָס מאָל געווענדעט ווערן גראָד קעגן יענער נעגידישער שטוב, פאַר וועלכער וואָלפזאָן האָט נאָך אָקאָרשט געהאַט אַזויפיל רעספּעקט.

עטינגער, וואָס איז געווען גוט באַהאַוונט אין דער קלאַסיפיקאַציע פון דראַמאַטישע זשאַנרען, האָט דאָך אָנגערופן זיין אויסגעצייכנט ווערק „סערקעלע" מיטן אומבאַשטימטן נאָמען: „א טעאַטער־שטיק אין פינף אופציען".

אונטער דעמדאָזיקן אומבאַשטימטן נאָמען לאָזן זיך גאַנץ גרינג אונטערשיידן די גרונט־עלעמענטן, פון וועלכע עס באַשטייט עטינגערס „סערקעלע". און פריער פאַר אַלץ ציט דאָ צו אונזער אופמערקזאַמקייט א כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג פאַר דער עלטערער אידישער דראַמע ביכלאַל. איך מיין, דעם אופן, ווי עס ווערן דאָ איבער־

געפלאָכטן די עלעמענטן פון קאָמעדיע און מעלאָדראַמע. אין עטינגערס „סערקעלע“ זעען מיר נאָך א פרידלעך צוזאַמענלעבן פון דידאַקטישע צווייערליי עלעמענטן. טיילמאָל באמערקט זיך אַפילע, אַז דער קאָמעדיע־שטייגער פּאַסט זיך מער צו עטינגערס קינסטלערישער נאַטור און ער באקומט טאַקע אָפּטמאָל די אויבערהאַנט אין „סערקעלע“, אָבער אויך דאָס מעלאָדראַמאַטישע פלעכט זיך אריין אף א גאַנץ נאַטירלעכן אויפן, צו קיין קאָנפליקט צווישן אָט די צוויי עלעמענטן קומט ניט בא עטינגערן. און עס קאָן אויך ניט קומען צו קיין קאָנפליקט. האָט דאָך דאָס מעלאָדראַמישע געגעבן דעם מאַסקיל די אילוזיע פון עכטן דראַמאַטיזם, צו וועלכן עטינגער האָט אַזוי באוואוסטזיניק געשטרעבט. און עטינגער האָט דידאַקטיקע אילוזיע געשעצט, געהיט און פאַר זיך, אַלנפאַלס, זי פאַרהיט, ווי די מעגלעכקייט צו שאַפן א מאַיסטער־ווערק, פארבלייבנדיק אין די איינגע ראַמען פונם מאַסקילישן וועלט־באַנעמען.

———

י. אַקסענפעלדס שאַפן, וואָס האָט לעפּאָנים אָפּגעקערט אף א זייטיקן וועג, האָט אָבער אינדערעמעסן פאַרפולקומט און פארגאַנצט דעם אינהאַלט פון דער אידישער דראַמע. אַקסענפעלד האָט דער ערשטער אַריינגעטראָגן אין דער אידישער דראַמע די שילדערונג פונם מאַסן־לעבן און דערמיט האָט ער די דראַמע געזיכערט מיט דעם נייטיקסטן: מיט האַנדלונג און מיט געשטאַלטן. אַקסענפעלד האָט דערמיט באוואָרנט אויך דעם וועג אף ווייטער. ער האָט פאַרבונדן די האַנדלונג פון דער אידישער דראַמע מיטן מאַסן־לעבן. שפּעטער, נאָך אַקסענפעלדן, איז עס געוואָרן קימאַט ווי א טראַדיציע און ווען די טראַדיציע פלעג אַמאָל אפילע אריינפאַלן אין די הענט פון א שוואַכערן מאַיסטער, ווי א דאָוויד זאַיק *), לעמאָשל, האָט דאָך אונזער דראַמאַטישער זשאַנר מער זיך ניט אָפּגעריסן פון יענעם רייכן שאַפונג־קוואַל, וועלכן עס האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך דאָס אידישע מאַסן־לעבן.

ניט אין וואָלפזאָנס „פאַמיליען־געמעלדע“ זעט אַקסענפעלד דעם הויפּט־ווערק פון דער דראַמע, אויך ניט אין עטינגערס אָנשטרייַנגונג צו געפינען דעם דראַמאַטיזם אין יענער נעגידישער שטוב, פאר וועלכער עטינגער אַליין האָט שוין אַזוי ווייניק רעספּעקט—אַקסענפעלד פאַרברייטערט דאָס סאָציאַלע בילד אזוי ווייט, אז עס בלייבט דאָ איבערהויפּט ניט די אָדער יענע שטוב. אין צענטר פון דער האַנדלונג שטייט די גאַנצע אידישע סוויווע, די שטאָט ניביוואַלע אין איין פאַל, די שטאָט ווימיסלע אין א צווייטן פאַל—אַלעמאָל איז דער מאסשטאַב פון דער האַנדלונג די גאנצע שטאָט, די גאַנצע אידישע סוויווע, די מאַסן־דערשיינונגען און מאַסן־פיגורן. דער דראַנג צו א געזעלשאַפטלעכער אַקציע, וואָס האָט אַלעמאָל באגייסטערט די עלטערע אידישע דראַמע, באקומט אין אַקסענפעלדס ווערק א נייעם כאַראַקטער.

וואָס ברייטער צו פאַרמעסטן דאָס בילד, וואָס מער אַלזייטיק צו באַלויכטן דאָס לעבן פון דער גאַנצער אידישער סוויווע—אָט אין דעם זעט אַקסענפעלד דעם געזעלשאַפטלעכן באַרוף פון דער אידישער דראַמע. דערפאר איז זיין פערזאָנען־פאַרצייכעניש אַלעמאָל געבויט לויט דעם מאַסשטאַב פון א גאַנצער שטאָט. אין זיין „ערשטן אידישן רעקרוט“ באצייכנט ער אליין זיינע העלדן:

---

*) דאָוויד זאַיק, וואָס האָט אין 1883 יאָר ארויסגעלאָזן א טעאַטער-שטיק „די רויז צווישן דערנער“, שטעלט פאָר זייער א אינטערעסאַנטן מאָמענט אין דער אַנטוויקלונג פון דער עלטערער אידישער דראַמע. לײדער, איז זיין איינאונאיינציק ווערק דערווייל נאָך ווייניק-וועמען באוואוסט.

שלוימע פסייאכע—פאַרנעס אין שטאָט
הערש־לייב—א גרויסער שטאָט־נאַר
ציוויעלע—דעם שטאָט־נאַרס ווייב
כאַנצי—א שאַדכנטע אין שטאָט
פינכעס דער רויטער—האַלט שטאָט־אַרענדע.

דערזעלביקער שטייגער צו כאַראַקטעריזירן די העלדן כאַזוערט זיך איבער אויך אין אַנדערע ווערק בא אַקסענפעלדן. ער באַצייכנט זיי אַלעמאָל לויט דער געזעלשאַפטלעכער פונקציע, וואָס זיי פירן אויס אין „שטאָט", דעם סימוואָל פון דער גאַנצער אידישער סוויווע. דערמיט האָט אַקסענפעלד אומגעהייער פאַרברייטערט דאָס סאָציאַלע בילד, וואָס עס האָט ביז דעמאָלט עקזיסטירט אין דער אידישער ליטעראַטור. אַקסענפעלד האָט דער ערשטער אין דעמדאָזיקן בילד אריינגעשלאָסן יענע פיגורן, וועלכע ער רופט „דער אונטערשטער אוילעם" — געשטאַלטן פון די אָרעמע שיכטן. אַקסענפעלד שטעלט זיך אַפילע ניט אָפּ, ווען אַף דער סצענע דאַרף געוויזן ווערן דער וואַרשטאַט פון אַ שניידער (אין דער קאָמעדיע „מאַן און ווייב, שוועסטער און ברידער"), אַ שיינק, וואו עס זיצט דער „מאַיאַסעניק" — אַ געשטאַלט פון דער אידישער אונטער־וועלט — „גאָר ניט קיין לייט", ווי אַקסענפעלד כאַראַקטעריזירט אים („דער ערשטער אידישער רעקרוט"), אַ „שלאַכאָווע קרעטשמע" („גענאַרטע וועלט"), אַ גרויס איינפאָר־הויז („גענאַרטע וועלט") — מיט איין וואָרט, אַקסענפעלד רוקט אַזוי פאַנאַנדער די ראַמען פון דער עלטערער אידישער דראַמע, אז זי ווערט ענדגילטיק אָפּגעריסן פון דער נעגידישער שטוב, מיט וועלכער זי איז געווען פארבונדן באַ וואָלפזאָנען און עטינגערן. אין דער האַנדלונג פון אַקסענפעלדס ווערק נעמט אַנטייל איין העלד — די שטאָט, ריכטיקער, דאָס שטעטל. און פאַר אַקסענפעלדן איז דאָס די ריכטיקע פאַרקערפערונג פון יענעם באַרוף, וועלכן עס האָט די אידישע דראַמע.

מע דאַרף, פאַרשטייט זיך, דערבײַ אָפּשאַצן סיי די פאָזיטיווע, סיי די נעגאַטיווע מאָמענטן פון אַקסענפעלדס קינסטלערישן נוסעך. אַקסענפעלדס שאַפן האָט קלאָר און דייטלעך באַוויזן, אַז צו יענעם גראַד פון דראַמאטורגישער באַוואוסטזיניקייט און פולקומקייט, וואָס איז פאַראַן בא עטינגערן, קאָן זיך אַקסענפעלד ניט דערהייבן. אַזאַ קאָמעדיע, ווי „סערקעלע", מיט דער גאַנצקייט, מיט די רייכע אינדיווידואַליזירטע געשטאַלטן, געפינט מען ניט באַ אַקסענפעלדן. אויסער דעם, וואָס אַקסענפעלד איז אַ קנאַפער דראַמאַטורג, איז ער נאָך אַ קנאַפער מייוון אַף יענעם פיינעם קאָמיזם, וועלכן עס באַהערשט אַזוי גוט עטינגער. עטינגער האָט שוין אין אַ געוויסער מאָס פאַרמאָגט יענעם קאָמיזם, וועלכן עס האָט שפּעטער מיט עטלעכע צענדליק יאָר גוט פאַרשטאַנען א. גאָלדפאַדן. בא גאָלדפאַדענען האָט געהייסן: „סאַטיר און פריילעכע מאָראַל" *). אַף אָט דער „פריילעכער מאָראַל" איז שוין גאָרניט געווען קיין מייוון אַקסענפעלד. ער האָט שטרייגנ קאָנטראָלירט אלע סוזשעטן פון זיינע ווערק, קיינמאָל ניט פאַרגעסן אָנצואווייזן די פאַקטן, אַף וועלכע עס איז זיך סוימעך זיין פאַנטאַזיע; ער איז ביכלאַל געווען צופיל מאַסיוו פאר יענעם לייכטן קאָמעדיע־שטייגער, וואָס האָט נאָך עטינגערן גענומען הערשן אין אונזער ליטעראַטור (גאָלדפאַדן, שאָלעם־אַליכעם), אָבער אין דערדאָזיקער מאַסיווקייט האָבן זיך צום ערשטן מאָל אַנטפלעקט אַקסענפעלדס טיפע וואָרצלען אינם מאַסן־לעבן, די אָרגאַנישע פאַרבינדונג מיט דער ברייטער פעריפעריע פון דער אידישער סוויווע.

*) זע גאָלדפאַדנס בוך: „דור הפלגה" (ניו־יאָרק 1909).

בּאַ קיינעם פאַר אַקסענפעלדן האָט ניט דערהייבּן אַזוי הויך זיין שטים דער סאָציאַלער אינהאַלט פון דער נייער אידישער ליטעראַטור. אונטער די בּערג מיט עטנאָגראַפישע קלייניקייטן, וואָס זיינען אָנגעשאָטן אין זיינע ווערק, רייסט זיך שטענדיק דורך דער אָטעם פון אַ גאַנצן, אייניהייטלעכן לעבנס־פּראָצעס. עס שטעלט זיך פאַר די אויגן דער גאַנצער אידישער לעבנשטייגער, וואָס איז גלייך פאַרדאָרבּן אין ניבּיוואַלע, ווי אין ווימיסלע, אין שפּיצינייץ ווי אין שאַריווקע. די ערשטע סימפּטאָמען פון יענער בּרייטער קינסטלערישער אופאַסונג פונם גאַנצן אידישן לעבּן, וועלכע עס האָט אונז דער ערשטער געגעבּן מענדעלע מויכער־ספאָרים, געפינען מיר דאָ בּאַ אַקסענפעלדן אין זיינע דראַמאַטישע ווערק. און ווייל אַקסענפעלד האָט אָפּגעריסן די עלטערע אידישע דראַמע פון דער נעגידישער שטוב, ווייל ער איז בּיכלאַל אַוועק פון דער שטובּיקער האַנדלונג צו דער עפנטלעכער געזעלשאַפטלעכער האַנדלונג, גענומען פונם אידישן מאַסן־לעבּן, דערפאַר האָט זיך אים טיילמאָל איינגעגעבּן אַריבּערצוגיין איבּער די גרענעצן פון זיין מאַסקילישן וועלט־בּאַנעמען, איבּער דעם נאַאיוון גלויבּן אין דער יעשוע, וואָס קאָן קומען, ווען אידן וועלן זיך בּאַצייטנס בּאַוואָרענען מיט ריכטיקע מעטריקעס — איבּער דעם אַלעמען האָט אַקסענפעלד דערלאַנגט צו די קוואַלן פון עכטן דראַמאַטיזם, וואָס פילן אָן היפּשע שטעלן פון זיינע ווערק. און מע מוז זאָגן, עס איז געווען אַן אייגנאַרטיקער דראַמאַטיזם פאַר יענער צייט.

ש. עטינגער, ווען ער האָט געפּרואווט אַריינטראָגן אין זיין „סערקעלע" עלעמענטן פון דראַמאַטיזם, האָט ער עס שטענדיק פאַרשטאַנען אַזוי, אַז דער דראַמאַטיזם נעמט זיך דערפון, וואָס דער מענטש איז אונטערגעדריקט פון זיך אליין, פון זיינע שלעכטע אינסטינקטן, שלעכטע געוויינהייטן. אַף וויפל עטינגערן האָט זיך עס איינגעגעבּן — דאָס איז אַן אַנדער פראַגע — אָבּער אַלעמאָל האָט עטינגער געשטרעבּט צו בּאַווייזן, ווי דער מענטש איז אונטערגעדריקט פון זיך. אַקסענפעלד האָט צוגעגעבּן דערצו אַ וויכטיקן צוגאָבּ. אַקסענפעלד האָט דער ערשטער אין אונזער ליטעראַטור געפונען דעם קוואַל פון דראַמאַטיזם אין דעם, וואָס דער מענטש איז אונטערגעדריקט פון יענעם, ער האָט דער ערשטער געפונען די סאָציאַלע וואָרצלען פונם דראַמאַטיזם. און פון אָט די וואָרצלען איז אויסגעוואַקסן דאָס שטאַרקסטע, וואָס איז פאַראַן אין זיינע ווערק *).

(„טעאַטער־בּוך", קיעוו, 1927).

*) בּאַזונדערס דייטלעך זעט מען עס אין „ערשטן אידישן רעקורט". ווי קאָנטיק עס זאָל ניט זיין די מעלאָדראַמישע בּאַאַרבּונג אין דער שילדערונג פון דעם „מאַיאַסעניק" נאַכמען, האָט דאָך אַקסענפעלד ניט פאַרמיטן צו בּאַווייזן, ווי נאַכמען, — דער קאָרבּן פון זיין אייגענער, אַזוי צו זאָגן, אינדיווידועלער פאַרדאָרבנקייט — ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קאָרבּן פון יענער פאַרדאָרבנקייט, וואָס הערשט אין די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן פון זיין סוויווע. אין דער סצענע, ווען נאַכמען זינגט זיין ליד אין שיינק, אַ ליד פון אַ מענטשן, וואָס מאַכט קיין ווען ניט פון אַלע איינגעפונדעוועטע טראַדיציעס פון פאַרצייטיקן שטעטלשן קאָהאָל־לעבּן, ווייל אַקסענפעלד אונטערשטרייכן, אַז די אייניציקע, וועלכע סאָלידאַריזירט זיך דערמיט, זיינען די היגע בּאַלמעלאָכעס, זיי הערן צו מיט גרויס בּאַפרידיקונג נאַכמענס שפּאָטישע לידלעך וועגן די אָ־טיקע „פּניי", זיי דערמונטערן אים און גיבּן אים צו מוט צו זינגען ווייטער. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט מער ווי אַן עפּיזאָד, אָבּער אַקסענפעלד האָט דאָ גאַנץ דייטלעך בּאַוויזן די סאָציאַלע וואָרצלען פון יענעם דראַמאַטיזם, וואָס אַף אים האָט ער געבּויט זיינס אַ ווערק.

י. צינבערג.

דער „קול מבשר" (קאָל־מעוואַסער) און זיין צייט.

I

די גוואַלדיקע פאַראַכטונג און שטאַרקע סינע צום „זשאַרגאָן" האָבן אונזערע אידיש־רוסישע אינטעליגענטן, אונזערע ערשטע מאַסקילים, באַקומען בירושע פון דער „בערלינער האַסקאָלע", פון די מעאַספימס כיידער. באַ די ערשטע אידישע „אופקלערער" אין פרייסן, באַ די אַזויגערופענע „מענדעלסאָנס טאַלמידים", איז דער זשאַרגאָן, וואָס זיי האָבן אין אים געזעען ניט מער ווי אַ פאַרדאָרבענעם און פאַראומרייניקטן דייטש — געוואָרן דער סימוואָל פון פינצטערן גאָלעס, פון קנעכטישן לעבן. און וואָס מער זיי האָבן געשטרעבט צו אייראָפּייאישער קולטור, צו א נייעם, פרייען לעבן — אַלץ שטאַרקער איז באַ זיי געוואָרן דער וואונש אוועקצוואוואַרפן די שפּראַך, וואָס זיי האָבן באַקומען בירושע פון דעם אָפּגעזונדערטן און פאַרהאַסטן געטאָ, און איבערצוגיין צו דער שפּראַך פון דער קולטורעלער סוויווע. באַ די אידישע אופקלערער אין די אויגן איז די געטאָ־שפּראַך געוואָרן אַ מין געלע לאַטע, וואָס זייערע זיידעס האָבן זי געטראָגן אין מיטלאַלטער. עס איז דערפאַר קיין שום כידעש ניט, וואָס מיר באַגעגענען די סינע צום „זשאַרגאָן" קימאַט באַ אַלע בעסטע פּראָגרעסיווע פאָרשטייער פון די דייטשישע אידן זינט מענדעלסאָנען אָן ביז גרעץ און שטיינשניידער.

אונזערע רוסישע מאסקילים האָבן צוזאַמען מיט די אופקלערונג־אידייען איבערגענומען באַ די דייטשישע אופקלערער אויך זייער סינע און פאַראַכטונג צום זשאַרגאָן. נאָר באַ די דייטשישע מאַסקילים איז די זאַך געווען גאַנץ גלאַט און פּאָשעט: מע דאַרף דעם פאַרדאָרבענעם דייטש פאַרבייטן דורך ריין־ליטעראַרישן דייטש, דורך דער שפּראַך פונם פאָטערלאַנד. באַ די רוסישע און פּוילישע מאסקילים איז שוין אָבער די שפּראַך־פּראַגע געווען אביסל מער פאַרפּלאָנטערט: דייטש איז דאָך ניט געווען די לאַנד־שפּראַך ניט אין וואַרשע, ניט אין ווילנע צי באַרדיטשעוו. נאָר דאָס האָט קלאַל ניט אויסגעמאַכט באַ אונזערע מאַסקילים, וואָס זיינען, אין גרונט גענומען, געווען ניט ווייניקער אָפּגעריסן פון רעאַלן לעבן, ווי זייערע קעגנער די „מורדי אור", די אָרטאָדאָקסן. אַלקאָלפּאָנים, האָבן זיי געטאַינעט, דער מיעסער זשאַרגאָן, וואָס מאַכט אונז צו שפּאָט און צו געלעכטער באַ די אומעס האָאוילעם, מוז אַראָפּ פון דער בינע, און מע דאַרף אים פאַרבייטן דורך אַן אנשטענדיקער שפּראַך; עס איז קיין נאַפקע מינע ניט, צי דורך ריין דייטש, צי עפשער גאָר דורך רוסיש אָדער פּויליש. און אין וואַרשע איז טאַקע אין די צוואַנציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט איינער פון די אופגעקלערטע מאסקילים, אַנטאָן אייזנבוים, וואָס איז דערנאָך געווען דירעקטאָר פון דער דאָרטיקער ראַבינער־שול, געפאַלן אַף א האמצאָע און געפּרואווט אַרויסגעבן א אידישע צייטונג („דער בעאָבאַכטער אַן דער ווייכסעל") אַף דייטש (מיט אידישע אויסיעס) און אַף פּויליש, ביכדיי אַף דעם אויפן אָפּגעווייען די וואַרשעווער אידן פון זייער זשאַרגאָן. איין כיסאָרן איז נאָר געווען, וואָס די וואַרשעווער אידן האָבן די צייטונג ניט געוואָלט לייענען, פּאָשעט מאַכמעס דעם, וואָס זיי האָבן נעבעך אייזנבוימס דייטש ניט פאַרשטאַנען; זיי זיינען זיך געבליבן באַ זייער אַלטמאָדישן זשאַרגאָן, און אייזנבוימס צייטונג איז אין מעשעך פון אַ יאָר (דעק. 1823—סענט. 1824) אונטערגעגאַנגען*).

*) באריכעס זע — С. Л. Цинберг, Предтечи еврейской журналистики, Пережитое IV.

דאָס לעבן איז אָבער דאָך פיל שטאַרקער פון קאָל האַמיניי דאָקטרינעס און טעאָרעטישע האַמצאָעס. האַגאַם די מאַסקילים אין רוסלאַנד, פון טעוויע פעדער און איצכאָק בער לעווינזאָן אָן ביז גאָרדאָן און סמאָלענסקין, האָבן געהאַלטן מילכאָמע אקעגן „דער שפראַך פון די דינסטן" — האָבן דאָך פיל פון דידאָזיקע מאַסקילים־ליטעראַטן גופע, קעגן זייער וויסן און ווילן, מיטגעהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער שפראַך און איר ליטעראַטור. וואָרום יענע פון די מאַסקילים, וואָס האָבן ניט געוואָלט פאַרמאַכן די אויגן פאַר דער ווירקלעכקייט און האָבן אופריכטיק געשטרעבט ברייַנגען נוצן זייער פאָלק, האָבן סאָפּקאָלסאָף אין זייער קאַמף פאַר אופקלערונג און בילדונג געמוזט זיך ווענדן צו דער הילף פון דער פאָלקס־שפראַך. מער פון אלץ האָט זיי דערצו געצוואונגען דער כאַסידיזם, וואָס קעגן אים האָבן די מאַסקילים געפירט דעם פאַרביטערטסטן קאַמף. דער כאַסידיזם האָט פון אָנהייב אָן באַנוצט די שפראַך פון דער מאַסע, אַלס דעם בעסטן אַגיטאַציע־און קאַמף־מיטל. איינער פון די מאסקילים פון יענעם דאָר, אלעקסאַנדר צעדערבוים, דערציילט דעריבער מיט גרויס באַדויערן:

„זייט א צייט האָט אָנגעהויבן דער כאסידיזמוס זיך צו באדינען מיט דעם מיטל צו פאַרברייטן אונטער דעם פאָלק פאַנאַטישע שריפטן, ניסים פון די צאַדיקים, איין ליגן גרעסער פון דעם אַנדערן. די דרוקער האָבן געמאכט דערפון אַ גאַנצע ספעקולאציע, מע דרוקט אָפּ צו 30.000 עקזעמפלאַרן אַזעלכע שמאַטעס אַף ביבולע פאַפיר און דער האַמויך־אַם קויפט דאָס וואָלוול ווי הייסן פלאָדן..." („קול מבשר" 1869 נומ. 22, ז. 147).

אָט דידאָזיקע ליטעראַטור האָט באַשאַפן אַ גרויסן לעזער־פובליקום ביפראַט צווישן די פרויען; און קעדיי צו קעמפן קעגן דעם איינפלוס פון די כסידישע „פאַנאַטישע שריפטן" האָבן די מאַסקילים קיין אַנדער ברייַרע ניט געהאַט, ווי אָנווענדן דעם אייגענעם קלייזאַיען, וואָס אים האָט דער כאסידיזם באַנוצט — די פאָלקס־שפראַך, דעם פאָשעטן זשאַרגאָן.

„אין אַסאַך שטעט פון אונזער פאָטערלאַנד, דערציילט אַ שריפטשטעלער פון יענער טקופע*), ווי, לעמאָשל, וואַרשע, ווילנע, אָדעס, מאָלעוו, באַרדיטשעוו אוכעדוימע, וואו ס׳געפינען זיך גאַנצע גרופּעס געבילדעטע אידן, עקזיסטירט אין דידאָזיקע אופגעקלערטע קרייזן אַ באַזונדער מין ליטעראַרישע אונטערהאַלטונג: מע פאַרברייַנגט די צייט אין פאָרלעזן אַפן פאָשעטן פויליש־אידישן זשאַרגאָן דערציילונגען, דראַמאַטישע סצענעס, גאַנצע בראָשורעס אין לידער אָדער פראָזע. אין דידאָזיקע ביכלעך, וואָס מע לייענט פאַרן גאַנצן צונויפגעקליבענעם אוילעם, ווערן אין אַ זייער שאַרפער פאָרם אויסגעלאַכט מערערע נאַרישע מינהאָגים, פאַרעלטערטע אָבערגלויבנס און פאַלשע כסידישע „אָנשויאונגען".

דאָס אינטערעסאַנטסטע איז אָבער, וואָס אָט דידאָזיקע מאַסקילישע זשאַרגאָן־ליטעראַטור איז אין גרעסטן טייל געבליבן אַ געשריבענע ליטעראַטור. דרוקן זייערע ווערק אַף פראָסט מאַמע־לאָשן, עפנטלעך אַרויסטרעטן אלס מעכאַבער פון זשאַרגאָנישע ביכער — דאָס האָבן די דעמאָלטיקע מאַסקילים ניט געקאָנט באַ זיך פויעלן. און טאַקע דערזעלבער צעדערבוים, וואָס מיר האָבן אים שוין פריער ציטירט, ווייזט אָן דעם טאַם, אָדער ריכטיקער די טאַימים, פאַר דערדאָזיקער דערשיינונג:

*) יאָאַכים (חיים) טאַרנאָפּאָל אין זיין ווערק: — Опыт современной и осмотрит. реформы, 86—7.

„טייל, שרייבט ער, האָבן עס געמאַכט פאַר אַ שפּאַס און האָבן גאָרניט געדיינקט אַזעלכע שריפטן אַרויסצוגעבן; טייל האָבן זיך פּאָשעט געשעמט פלוצים מעכאַברים צו ווערן אין דעם אָרעמען זשאַרגאָן, וואָס עס איז צו ווינשן, עס זאָל גאָר פאַרגעסן ווערן פון אונזערע רוסישע ברידער, אַזוי ווי עס עקזיסטירט שוין ניט אין דייטשלאַנד. טייל האָבן גאָר געפייערט, עס זאָל, כאָלילע, ניט אויסבילדן דעם שעדלעכן זשאַרגאָן, די שרייבער אין דעם לאָשן האָבן גאָר געגאָלטן פאַר מארשאליקעס. ווער מען גלוסט זיך אַזאַ ראָל צו שפּילן?".

צו זיין א מעכאַבער פון אַ העברייאישן ווערק, זיין איינער פון די קויהאנים, ווי מע פלעגט זיך דעמאָלט אויסדריקן, וואָס ווייזט דער „איינציקער און שיינער שפה הברורה", האָט מען אין יענער צייט געהאַלטן פאַר אזא מין קאָוועד, אַז יעדער מאַסקיל, וואָס האָט אפילע ניט געהאט קיין שום ליטעראַרישן טאַלאַנט, איז געווען מוכן אומזומען דאָס לעצטע אָפּצוגעבן, אַבי זיינע זאָלן זיין געדרוקט. זאָלן אלע ויסן, וואָס פאַר א באַל־לאָשן ער איז, ווי קונציק ער קאָן שרייבן „מעליצע". זיין אָבער אַ פאַרפאַסער אין פּאָשעטן מאַמע־לאָשן איז קיין שום קאָוועד ניט געווען. „עס איז קיין גרויסער קאָוועד, שרייבט נאַאיוו דערזועלבער צעדערבוים, אַז מע קאָן שוין יאָ שרייבן אין דעם גאַלאַמאַגן לאָשן, וואָס מע דאַרף ניט לערנען און האָט קיין שפּראַך־לערע, אַ לאָשן, וואָס מיר אליין האַלטן עס פאַר אַן אומגליק" („קול מבשר", 1869, נומ. 48).

עס איז דערפאַר קלאָר קיין וואונדער ניט, וואָס דער ראָוו פון די שריפטשטעלער, וואָס וועגן זיי דערמאָנט טאַרנאָפּאָל, האָבן זייערע אידישע ווערק ניט געדרוקט, אַפילע ווען זיי זיינען געווען זיכער, אַז דידאָזיקע ווערק וועלן האָבן גרויסן דערפאָלג. איצכאָק בער לעווינזאָנס „העפקער־וועלט" האָט זייער אויסגענומען באַם פּובליקום, עס איז אָבער פאַרשפּרייט געוואָרן בלויז אין קסאַוו־יאַד, און דעריבער האָט עס דערשיינט ערשט אין פופציק יאָר ארום. ד"ר עטינגערס טעאַטער־שטיק „סערקעלע" איז אויך ניט געדרוקט געוואָרן באַם לעבן פונם מעכאַבער, און ערשט נאָך זיין טויט האָט עפּעס אן אומבאַקאַנטער ביגנייוועס, אָן דערלויבעניש פון די יאָרשים, אָפּגעדרוקט אין פּרייסן עטינגערס ווערק, ניט פונם עכטן אָריגינאַל, נאָר פון א זייער פאַרגרייזטער קאָפּיע. די לידער און פּאָעמעס פון אווראָם בער גאָטלאָבער זיינען אויך א לאַנגע צייט געבליבן ניט געדרוקט, און זיי פלעגן פאַרשפּרייט ווערן בלויז אין האַנטשריפטן; ערשט אַז עפּעס אַ ספּעקולאַנט האָט אָן דעם ויסן פון מעכאבער אָפּגעדרוקט אַ פּאָר זיינע פּאָעמעס, פול מיט גרייזן, האָט שוין גאָטלאָבער קיין בריירע ניט געהאט, זיך געמוזט אָנעמען פאַר זיין אייגנטום און האָט אָפּגעדרוקט זיינע פּאָעמעס „דער גילגל", „דער סיים" אונטער זיין אייגענעם נאָמען. איסראָעל אַקסענפעלד האָט ביז זיינע לעצטע יאָרן קיין איינס פון זיינע פילע ווערק ניט אָפּגעדרוקט. האָט שוין עמעצער פון יענע מאַסקילים זיך יאָ איינגעשטעלט צו דרוקן זיין אַ אידיש ווערק, האָט ער עס פאַרעפנטלעכט אָדער אַנאָנים, ווי, לעמאָשל, פאלקאָוויץ זיין „ר' כאימל דער קאָצין", אָדער אונטער א פאַרשטעלטן נאָמען, ווי, לעמאָשל א. צווייפל זיין „מוסר השכל"*).

III

עס איז דערפאַר קיין כידעש ניט, וואָס בעאייס אין אָנהייב פון די זעכציקער יאָרן איז אַדאַנק די גרויסע שינואים, וואָס זיינען דאַן פאָרגעקומען אין רוסלאנד, געשאַפן געוואָרן א ספּעציעל אידישע פּרעסע, האָבן קוידעמקאָל דערשינען העברייאישע

*) געכאַסמעט: איזראעל עפיל ווייץ מאבהלים.

(„המליץ״, הכרמל״, „הצפירה״) און רוסישע („ראזסוועט״, „סיאָן״) צייטונגען, אָבער ניט אַף פּראָסט אידיש.

דעם עלפטן אָקטאָבער 1862 האָט דערשינען דער ערשטער נומער „קול מבשר״ אלס „ביילאגע צום „המליץ״ אין אידיש־דייטשער שפּראַך״*). נאָר די „אידיש־דייטשע שפּראַך״ פון „קול מבשר״ איז קלאַל ניט געווען ענלעך צו דער שפּראַך פון „בעאָ־באַכטער אן דער ווייכסעל״, וואָס אַ פּאָשעטער איד איז ניט געווען אימשטאַנד זי מאַסיג צו זיין, אויך ניט צו דעם דייטשמעריש פון אייזיק מייער דיק — דאָס איז געווען אן עמעסע פּאָלקסטימלעכע שפּראַך, פּאָשעט, פּראָסט, „כדבר איש אל רעהו״, יעדע מארק־אידענע האָט געקאָנט פאַרשטיין.

דער אינטערעס צום „קול מבשר״ האָט נאָך פיל מער געשטייגט, ווען אַפן אָרט פון איבערזעצטע, אַלפּיראָוו טאַלענטלאָזע און קינדערשע מאַיסעס, האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען אָריגינעלע בילדער, סצענעס און דערציילונגען פון אידישן לעבן. אין סאָף יאָר 1864 האָט אין „קול מבשר״ זיך אָנגעהויבן צו דרוקן דאָס ערשטע ווערק פון מענדעלע מויכער־ספאָרים „דאָס קליינע מענטשעלע״, וואָס האָט שטאַרק אויס־גענומען באַם לעזער־פּובליקום. אַ גוואַלדיקן רוישעם האָט געמאַכט דאָס באַוואוסטע ווערק פון איצכאָק יויעל לינעצקי: „דאָס פּוילישע אינגל״**). די פּאָלקסטימלעכע שפּראַך, דער ווייכער גוטמוטיקער הומאָר האָבן צוגעצויגן דעם ווערק אן אומגעווייני־לעכע באַליבטקייט און פּאָפּולאַריטעט באַם פּובליקום, און דער יונגער לינעצקי איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ מעפורסעם.

דידאָזיקע צוויי ערשטע ווערק פון מענדעלען און לינעצקין זיינען איינג פאַר־בונדן מיט דעם „קול מבשר״ ניט בלויז דערמיט, וואס זיי זיינען דאָרט צום ערשטן געדרוקט, נאָר דעריקער דערפאַר, וואָס זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע האַשפּאָע אַף דעם „קול מבשר״ גופע, אַף דער אַנטוויקלונג פון זיין שפּראך און פון זיין גאַנצן ליטעראַרישן אויסזען. ניט בלויז די פעליעטאָנען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צו דרוקן אין „קול מבשר״ אין די שפּעטערדיקע יאָרן, נאָר אַפילע מערערע קאָרעספּאָנ־דענציעס פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך טראָגן אַף זיך אַ שטעמפּל פון דעם דעמאָלטיקן מענדעלעס און לינעצקיס נוסעך: מיט פּאָלקסטימלעכן הומאָר ווערן אין דידאָזיקע קאָרעספּאָנדענציעס אויסגעלאַכט די פינצטערע זייטן פונם אידישן לעבן, די שטיקלעך און האַמצאָעס פון די אידישע באַלטויוועס, די מעשונעדיקע פירונגען פון אַלע מינע אידישע כעווריס און אַנשטאַלטן. האָט מען ערגעץ אין אַ שטאָטישן ביקער־כוילים ניט געוואָלט אַריינעמען אַ קראַנקע דינסט־מיידל, און די מיידל, נע־בעך, איז אונטער דעם אָפענעם הימל אַפן וואָגן געשטאָרבן, איז באַלד אינם „קול מבשר״ געווען אָפּגעדרוקט אַ בריוו פון יענער וועלט („אַ אידיש בריוול פונם גענעם״, „קול מבשר״ 1869 נומ. 43), וואו עס ווערט אינם נאָמען פון דער פאַרשטאָרבענער מיידל דערציילט, ווי אַזוי איבער די שיינע פּאַראָנדקעס אין דעם ביקער־כוילים איז איד די נעשאָמע אויסגעגאַנגען; האָט ערגעץ אין אַ שטעטל די כעוורע־קאַדישע זיך שענדלעך באַצויגן צו אַ באַרמינען, איז באַלד די גאַנצע מאַיסע אין א הומאָריס־טישער פאָרם באַשריבן געוואָרן אין אן ארטיקל „געוואלד, מע שמייסט״.

דער זאַפטיקער און געזונטער, האַגאַם ווייניק געשליפענער סטיל, וואָס אין אים זיינען געשריבן פיל פון דידאָזיקע קאָרעספּאָנדענציעס און פעליעטאָנען, האָט א באַ־

*) דער פּראָספּעקט, ווי אויך דער „קול מבשר״ גופע זיינען אויסגעלייגט לויט דער וואָלינער אויסשפּראַך.

**) געדרוקט אין יאָר 1867. די ערשטע קאַפּיטלען זיינען געווען געדרוקט אונטער דעם קעפּל „אַ פּוי־ליש אינגל״ לינעצקי האָט זיך געכאַסמעט מיט א פאַרשטעלטן נאָמען: עלי קצין הצחקיאולי

דייטנדן אינטערעס פאַר יעדן, ווער עס וויל נאָכפאָרשן די ליטעראַרישע אַנטוויקלונג פון דער אידישער פאָלקס־שפּראַך. אָט דידאָזיקע אַרטיקלען, און דער גאַנצער „קול מבשר" ביכלאַל, בילדן די איבערגאַנג־בריק פון דיקס בלאַסן און בלוטלאָזן סטיל צום פאַרבנרייכן און וויציקן סטיל פונם זיידן מענדעלען און זיין אייניקל שאָלעם־אַלייכעם.

עס איז קיין שום סאָפעק ניט, אַז אונטער די פּסעוודאָנימען, וואָס מיט זיי זיי־נען אונטערגעצייכנט דער ראָוו קאָרעספּאָנדענציעס און פעליעטאָנען, האָבן זיך ניט זעלטן פאַרבאָרגן באַקאַנטע שריפטשטעלער, ווי אַבראַמאָוויטש, לינעצקי און עפשער אויך עליעזער צווייפעל. נאָר פיל אַרטיקלען שטאַמען אויך פון מענטשן פון פאָלק, וואָס האָבן אין זייער צייטונג געהאַט די געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט די קאָהאָלשע באַלעטויוועס און רעדלפירער. דעם „קול מבשר"ס" געווער — שפּאָט און הומאָר, איז געווען אַזוי שאַרף און קרעפטיק, אַז מע האָט געמוזט זיך אָנהייבן מיט אים צו רעכענען.

„די גרעסטע אַזעספּענימער, שרייבט איינער אַ קאָרעספּאָנדענט, ציטערן איימעס מאָוועס, אַז מע סטראַשעט זיי מע וועט זיי באַשרייבן אין „קול מבשר"... דאַפּקע דאָס קוידערוועלש, דער זשאַרגאָן, וואָס אונזערע פּראָגרעסיסטן כאַלעשן, אַז זיי הערן מע רעדט דערפון, דאַפּקע די־אָ קאַליקע טוט וואונדער, און די געשיכטע וועט ערשט שפּעטער וויסן צו שעצן זיין ווערט און זיין ווירקונג*).

IV

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז די פּראָגראַם פון דעם „קול מבשר" איז, ווי באַ די העברייאישע בלעטער פון יענער צייט, געווען געבויט אַף די צוויי הויפּט־יעסוידעס, וואָס פאַר זיי האָבן די מאַסקילים פון די זעכציקער יאָרן מאַמעש מאַריש אוילעם געווען: ריישיס — רעפאָרמירן די קינדער־דערציאונג און געבן איר אַ מער אייראָפּייאישן שניט, וועהאַשייניס — לעמאַנעשעם רוסיש לערנען, און זען וואָס גיכער פאַרבייטן אידיש, דעם „זשאַרגאָן", אַף דעם פּאָטערלאַנד־שפּראַך. באַ די מאַסקילים פון דעם פריערדיקן דאָר, פון די פערציקער יאָרן, איז, ווי מיר ווייסן שוין, ניט גע־ווען קיין מוז־זאַך, אַז דער זשאַרגאָן זאָל אומבאַדינגט פאַרביטן ווערן דאַפּקע דורך רוסיש. די מאַסקילים פון יענער צייט זיינען דאָך דערצויגן געוואָרן אַף דער אויפ־קלער־ליטעראַטור פון מענדעלסאָנס כיידער, און די ערשטע באַגריפן פון אייראָפּיי־אישער קולטור האָבן זיי באַקומען אין אַ דייטשישן לעוואוש, אין דייטשישער שפּראַך. פון רוסישער קולטור האָבן זיי געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּן באַגריף, ריישיס שוין דערפאַר, וואָס דאַפּקע אין די ערטער, וואו עס האָבן געוואוינט דער ראָוו ביניען און ראָוו מיניען פון די רוסישע אידן, האָבן געוועלטיקט פאַרשיידענע אַנדערע שפּראַכן, אָבער ניט רוסיש: אין קורלאַנד — דייטש און לעטיש, אין ליטע און ווייס־רוסלאַנד — פויליש, אוקראַיניש און ווייסרוסיש. כוץ דעם, איז די רוסישע קולטור און ליטעראַטור אין ניקאָלאַיס צייטן געווען נאָך קימאַט דורכויס אַן אַדעליקע, ד. ה. זייער קימאַט איינציקער טרעגער און פאָרשטייער איז געווען דער רוסישער אַדל־שטאַנד, און דאַפּקע מיט אים האָבן די רוסישע אידן געהאַט זייער אַ קנאַפּן מאַגע־אומאַסע.

עס איז דערפאַר קלאָר קיין וואונדער ניט, וואָס האַגאַם אונזערע מאַסקילים פון איצכאָק בער לעווינזאָנס דאָר זיינען געווען הייסע רוסישע פּאַטריאָטן, זיינען זיי אין

*) „קול מבשר" 1886, נומ. 29.

רוסישן געווען שטאַרק שטומפּיק, און אַפילו זייערע באַקאַשעס און פּראָעקטן, וואָס זיי פלעגן אַזוי אָפט דערלאַנגען דער רעגירונג, זיינען געשריבן געווען דאַפּקע אַף דייטש.

נאָר אין די ערשטע צען יאָר פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס מעמשאָלע איז אויך אין דעם פּראַט געוואָרן אַ גוואַלטיקער שינוי. אַלץ מער איז געוואָקסן די צאָל פון די מאַסקילים, וואָס האָבן שוין באַקומען סיסטעמאַטישע בילדונג אין די ראַבי־נער־שולן און אין די אוניווערסיטעטן; זיי זיינען שוין דערצויגן געוואָרן ניט אַף שילערס „גלאָקע" און אַף לעסינגס „נאַטאַן דער וויזע", נאָר קוידעמקאָל אַף די רו־סישע קלאַסיקער. כוץ דעם, זיינען דאָך צו דערזעלבער צייט פאָרגעקומען זייער גרויסע שינואים אויך אין רוסישן לעבן גופע.

אין ניקאָלאַיס צייטן האָט דאָס רוסישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אויסגעזען ווי אַ בייס־האַקוואָרעס. די שרעקלעכע מאַפּאָלע אונטער די ווענט פון סעוואַסטאָפּאָל האָט אָבער אופגעוועקט די געזעלשאַפט פון לעטאַרגישן שלאָף. עס איז אופגעשטאַנען אַ גאַנצער דאָר פון נייע מענטשן מיט נייע פאָדערונגען און שטרעמונגען. שטאָלץ און זיכער זיינען אַריינגעטראָטן אין דער רוסישער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק פאָר־שטייער פון פּאָשעטע בירגערלעכע קרייזן, און אָט דידאָזיקע אַזויאָנגערופענע „ראַז־נאָטשינצעס" זיינען באַלד געוואָרן די ראָשע האַמעדאַברים, וואָס צו זייער שטים האָבן זיך צוגעהערט די בעסטע פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון דער אופגעוואַכטער רו־סישער געזעלשאַפט...

און דאַפּקע פיל פון די „ראַזנאָטשינצעס", פּראָגרעסיוו־געשטימטע טאַלמידים פון קאָל האַמינע סעמינאַריעס, אוניווערסיטעטן און אַנדערע שולן, פלעגן זייער אָפט קומען אין נאָענטער באַרירונג מיט אונזער אידישער יוגנט און האָבן „זיי געעפנט די אויגן", אַנטפּלעקט פאַר זיי נייע וועלטן און באַקאַנט געמאַכט מיט די נייע פאָ־דערונגען און שטרעמונגען, וואָס האָבן דעמאָלט געוועלטיקט אין די פּראָגרעסיווע קרייזן פון דער רוסישער אינטעליגענץ.

אָט אַזוי האָבן די רוסישע קולטור און ליטעראַטור ביסלעכוויס אַרויסגעשטופּט פון דער אידישער גאַס די „בערלינער" האַסקאָלע, און די הויפּט־ראָל האָבן אין דער סוויווע פון דער אידישער אינטעליגענץ אָנגעהויבן צו שפּילן ניט די „בערלינטשיקעס", נאָר די „רוסאַקעס", וואָס זיינען געווען שטאָלץ אַף זייער רוסיש רעדן.

נאָך מער פון אַלץ האָט אין דעם פּראַט געווירקט נאָך אַן אַנדער סיבע — דער פּוילישער אופשטאַנד פון יאָר 1863. נאָך דעם אופשטאַנד האָט די רוסישע רעגירונג אָנגעהויבן צו פירן אַ שאַרף נאַציאָנאַליסטישע פּאָליטיק און האָט געפּרוווט אַנווענדן אַלע מיטלען, ביכדיי וואָס גיכער צו רוסיפיצירן ליטע און די גאַנצע געגנט ארום. די רעגירונג האָט דערביי גלייך איינגעזען, אַז די אידישע באַפעלקערונג פון יענעם קאַנט קאָן דערביי שפּילן אַ געוויסע ראָל. אויב פריער, בעאייס די אידישע שולן זיינען אָקאָרשט געגרינדעט געוואָרן, איז געווען די רייד נאָר מיקויעך בילדן און „אויסבעסערן" די אידישע באַפעלקערונג, איז איצט, אין די זעכציקער יאָרן, שוין געשטעלט געוואָרן אַן אַנדער ציל — ר ו ס י פ י צ י ר ן די אידן. טכילעס האָט די רע־גירונג גופע געדרוקט פאַר די אידישע שולן דייטשישע לערנביכער, נאָך דעם פּוי־לישן אופשטאַנד אָבער האָט די רעגירונג פעסט באַשלאָסן, אַז דער גרונטשטיין, וואָס אַף אים דאַרפן געבויט ווערן די שולן פאַר „אינאָראָדצעס", מוז זיין קוידעמ־קאָל — די רוסישע שפּראַך. דערפאַר האָבן זיך שטאַרק אָנגעכאַפּט אונזערע פּאַטריאָטיש־געשטימטע מאַסקילים. זיי זיינען געווען אַזוי זיכער, אַז די רעגירונג איז מוכן אומ־זומען צו טון אַלע האַנאָכעס און טויווע פאַר אידן, אַבי יענע וועלן נאָר באַווייזן,

אַז זיי קאָנען זיין נוצלעכע בירגער פאַרן לאַנד. זיי זיינען דערפאַר געוואָרן פייער־דיקע כסידים פון דער רוסישער שפּראַך, זיי האָבן פעסט געגלויבט, אַז אין איר ליגט די גאַנצע יעשועה, אַז זי איז דער איינציקער און דער זיכערסטער מיטל פאַר אידן צו באַקומען בירגער־רעכט*).

עס איז דערפאַר קיין כידעש ניט, וואָס דער „קול מבשר" האָט קימאַט אין יעדן נומער געפּלייסט זיך צו באַווייזן זיינע לעזער, ווי וויכטיק עס איז רוסיש לערנען.

„נאָר דורך רוסיש, שרייבט דער „קול מבשר", קענען מיר געוואוינען די רעגי־רונג, דאָס רוסישע פאָלק, זיי זאָלן אונז באַטראַכטן פאַר ווארע לאַנדעסקינדער פון דער אידישער רעליגיע, וואָס דאדורך קאָן אונזער מאַזל אין לאַנד דערהייכט ווערן" („קול מבשר" 1866, ז. 607).

„אַז מיר וועלן זיך געוואוינען מיט דער לאַנד־שפּראַך, לייענען מיר אָף אַן אַנדער אָרט, וועט ערשט די רוסישע רעגירונג, די רוסישע נאַציע זיך איבערצייגן, אַז מיר זיינען עמעסע רוסישע אונטערטאַנען, רוסישע אידן" („קול מבשר" 1866, נומ. 45).

און ניט בלויז די מאַסקילים זיינען דעמאָלט געווען אַזוי זיכער, אַז דורך דער רעגירונג וועט באַלד זייער „מאַזל דערהייכט ווערן", נאָר אויך די ברייטע שיכטן פון פאָלק זיינען דעמאָלט געווען אין דערוואַרטונג; זיי האָבן אויך געגלויבט אין באַל־דיקע יעשועס און נעכאָמעס אָף אידן, אַז אינגיכן וועט זיי די רעגירונג מעזאַקע זיין מיט מענטשן־רעכט. און אָט דער פעסטער ביטאָכן, וואָס די רוסישע אידן האָבן אין די זעכציקער יאָרן געשפּירט צו דער רעגירונג, איז אין דעם פאָלקסטימלעכן „קול מבשר" נאָך ווייט מער בוילעטער, ווי אין די העברייאישע בלעטער פון יענער צייט.

„די רעגירונג, שרייבט דער „קול מבשר", האָט צוטרויען צו אידן, ווינשט זי אויך פון זיי זיך טרייע בירגער צו מאַכן, און וועט זיי דערפאַר געוויס זייער באַגינסטיקן, היינט פאַרשטייט אום וויפל מער מיר מוזן זיך באַשטרעבן אונזער ליבע רעגירונג און אונזערע רוסישע לאַנדעס־ברידער צו ווייזן, אַז מיר ווילן זיין נוצלעכע און טרייע רוסישע אונטערטאַנען".

באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער טקופע זיינען די שורעס, וואָס מיט זיי האָט דער „קול מבשר" זיך אָפּגערופן אָף דער וויכטיקער פאַראָרדענונג, אַז אידישע האַנטווערקער האָבן דאָס רעכט צו וואוינען אויך כוץ ליטכום. דידאָזיקע שורעס זיי־נען דורכגעדרונגען מיט אַזאַ נאַאיוו־קינדערשער עמונע, אַז, לייענענדיק זיי, ווערט דעם איצטיקן לעזער עפּעס אַזוי מאָדנע טרויעריק און שווער אָף דער נעשאָמע...

„דער „חובות הלבבות" זאָגט, פירט אויס דער „קול מבשר", אַז עס ליגט קליינע קינדער אין דער נאַטור זיי זאָלן זיך פרילאַסקען צו די עלטערן, קעדיי זיי זאָלן זיי ערציען. דאָס דאַרפן מיר אויך טון, מיר זענען אויך יונגע קינדער ווי ערשט ניי געבוירן אין דער מעדינע: מיר מוזן זיך צולאַשטשען צו דער רעגירונג, אונזער מאַמע, וועט זי אונז אָנזייגן מיט איר גוטער מילך, און אָפּהיטן און ערציען. איטלעכער וועט איצט איינזען ווי וויכטיק עס איז יעדעס קינד זאָל פון קינדוייס אָן לערנען רוסיש... דעריבער, זעט פאָלגט די רעגירונג און שיקט אייערע קינדער אין די שולן" („קול מבשר" 1865, נומ. 30).

די עמונע, אַז דער אידישער „מאַזל" וועט באַלד „דערהייכט ווערן", איז געווען אַזוי גרויס, אַז א מינדסטע קלייניקייט איז געווען גענוג, אונזערע מאַסקילים זאָלן

*) „קול מבשר" 1866, זייט 607

מיט גרויס היסלאַוועס גלייך צעפּויקן בעכאָל טפּוצעס איסראָעל וועגן די גרויסע גענאָדן, וואָס די רעגירונג טוט, האָט בעדייע צו טון פאַר אידן.

אָט מעלדעט דער „קול מבשר" מיט גרויס סימכע אין אָנהייב נומער: „אונזער רעגירונג מיינט טאַקע ערנסט מיט אונז אידן". באַשער בעכיין, עפּעס איינער אַ יאָזעף לעווינזאָן „קאַנדידאַט פון דער קייזערלעכער מאָסקווער אוניווערסיטעט, איז ביז איצט געווען מלאַדשי טשינאָווניק אָסאָביך פּאָרוטשעני באַם כערסאָנער גובערנאַטאָר, איצט איז ער שוין סטאַרשי טשינאָווניק און איז באַשטעטיקט געוואָרן אין טשין קאָלעזשסקי סעקרעטאַר" („קול מבשר" 1866, נומ. 12). אָט איז ווידער דער „קול מבשר" מאַכריז און מוידיע, אַז „אַלע טעג זעען מיר מער און קריגן נייע באַווייזן" א. א. וו... און דער „נייער באַוויז" באַשטייט דערין, וואָס עפּעס א סויכער שטיינפינקעל האָט מען אַנערקענט פאַר אן ערנבירגער (דאָרט, נומ. 31). עפּעס א אידישע ווייבל האָט באַקומען אַ מעדאַל דערפאַר, וואָס זי האָט געראַטעוועט דאָס לעבן אַ קריסטלעך מיידל, בעאייס יענע האָט זיך געטרונקען. דער קאָרעספּאָנדענט, וואָס ברייגנט דידאָזיקע יעדיע, האַלט פאַר נייטיק דערביי צו באַמערקן: „פאַר אידן בכלאַל וועט זיין אַ קאָוועד, אַז זי וועט פון גאָטס געוויילטן אין אונזער לאַנד האָבן אַ צייכן, אַז ער ווייסט, וואָס א אידיש האַרץ איז אימשטאַנד צו טון פון א מענטשנס וועגן אַפילע פון אן אנדער נאַציע" („קול מבשר" 1867, נומ. 36).

דידאָזיקע פּראָטים זיינען אָבער כאַראַקטעריסטיש ניט אַזוי פאַר דעם „קול מבשר" גופע, ווי פאַר דער גאַנצער עפּאָכע. די אייגענע היספּאַילעס באַ יעדער קלייניקייט האָבן אַרויסגעוויזן ניט בלויז די העברייאישע בלעטער פון יענער צייט, נאָר אַפילע דער מער אייראָפּייאישער „סיאָן".

V

ביכדיי באַקאַנט צו מאַכן דעם לעזער מיט דעם פאַרהאַלטן פונם „קול מבשר" צו דער „זשאַרגאָן"־פראַגע, מוזן מיר זיך קוידעמקאָל אָפּשטעלן בא איין אייגנאַרטיקער פיגור, וואָס איז דעם איצטיקן פּובליקום לאַכלוטן אומבאַקאַנט. דאָס איז יעהוישוע ליפשיץ פון באַרדיטשעוו. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ געוויסער אייראָפּייאישער בילדונג, נאַטירלעך, אַל־פּי נוסעך אַשקענאַז, אָפּן דייטשישן שניט, ווי עס איז געווען דער מינעג באַ די מאַסקילים פון יענעם דאָר. ווי פיל אַנדערע מאַסקילים־ליטעראַטן, האָט אויך ליפשיץ אין די זעכציקער יאָרן געשריבן פּאָפּולערע אַרטיקלען מיקויעך נאַטור־וויסנשאַפט. נאָר אין איין פּראַט האָט זיך ליפשיץ מאָדנע אויסגענומען פון דעם ראָוו זיינע כאַווײרים מאַסקילים: דאָס איז בענויגייע צום „זשאַרגאָן", און דאָס מערקווירדיקסטע איז, וואָס ליפשיץ איז צו דער זשאַרגאָן־פראַגע צוגעטראָטן ניט נאָר מיט ריין־פּראַקטישע כעשבוינעס: די פאָלקס־שפּראַך האָט ער באַטראַכט ניט נאָר אַלס באַקוועמען און נוצלעכן מיטל צו פאַרשפּרייטן בילדונג— ער האָט אין איר אויך געזעען אַ באַדייטנדן נאַציאָנאַל־קולטורעלן ווערט. ניט גאַנץ בוילעט, פאַרוואַסערט מיט מאַסקילישע פּראַזעס פון יענער צייט, דאָך האָט ליפשיץ דערוועגט זיך אַרויסצוזאָגן שוין אין יענע יאָרן דעם געדאַנק, אַז דער פון די מאַסקילים אַזוי פאַרהאַסטער זשאַרגאָן איז דער יעסאָד, וואָס אף אים קאָן מען און דאַרף מען בויען אן אייגענע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור *). דערצו האָט ליפשיץ גע־

*) עס איז קעדאַי צו באַמערקן פאָלגנדן כאַראַקטעריסטישן פּראַט: צו דער ניי־העברייאישער ליטעראַטור פון יענער צייט האָט זיך ליפשיץ פאַרהאַלטן מיט א געוויסער סינע; אויך אין דער האַקדאָמע צו זיין אידיש־רוסישן ווערטערבוך באַנוצט ער קעגן איר גאַנץ שאַרפע אויסדרוקן.

רעכנט, מוז מען קוידעמקאָל זעען דעם „זשאַרגאָן" אַנטוויקלען און אויסבילדן צו אַ ליטעראַרישער שפּראַך, וואָס אין איר זאָל מען זיין אימשטאַנד פריי אויסצודריקן אַלע פאָרשטעלונגען און באַגריפן פון דער אייראָפּייאישער קולטור און וויסנשאַפט. אַלס ערשטע טקופע דאַרף מען, לויט ליפשיצעס דייע, „איבערוואַרפן אַ בריק" פונם זשאַרגאָן צו די אייראָפּייאישע שפּראַכן, ד. ה. פאַרפאַסן אַ אידישן ווערטערבוך. און ליפשיץ האָט זיך טאַקע גענומען צו דער אַרבעט און פאַרפאַסט אַ דייטש־אידישן ווערטערבוך. אף דעם ווערק האָט ער געאַרבעט עטלעכע יאָר; נאָר אין מעשעך פון אָט דער צייט איז דערווייל ביסלעכוויס אַלץ בוילעטער געוואָרן דער קולטורעלער שינוי, וואָס וועגן אים האָבן מיר שוין געשמועסט אין די פריערדיקע קאַפּיטלען: די רוסישע שפּראַך האָט באַ די אידישע אופגעקלערטע אַלץ מער אַרויסגעשטופּט די דייטשישע שפּראַך און פאַרנומען איר בעקאָוועדן אויבנאָן. האָט זיך דעמאָלט ליפשיץ ניט געפוילט און איבערגעאַרבעט זיין ווערק אַפסניי. אָט אַזוי האָט אין יאָר 1869 ערשיינט ליפשיצעס רוסיש־אידיש ווערטערבוך, וואָס איז אין יענער צייט שטאַרק אָנגענומען געוואָרן *).

נאָך אינם יאָר 1861, איידער דער „קול מבשר" האָט ערשיינט, האָט ליפשיץ באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אין אידיש, און ער האָט זיך געווענדעט צום באַוואוסטן פּיראָגאָוו, יענער זאָל אים דערויף באַהילפיק זיין. פּיראָגאָוו האָט זיך אָבער, בעלי־סאָפעק ניט אָן דער האַשפּאָע פון זיינע באַקאַנטע אידישע אינטעליגענטן, זייער שלעכט פאַרהאַלטן צום אידישן זשאַרגאָן **), און דערפאַר האָט ער ליפשיצן זיין באַקאָשע אָפּגעזאָגט, ווייל ער האָט „ניט געפונען פאַר נוצלעך צו אונטערשטיצן דעמדאָזיקן לעכערלעכן דיאַלעקט"***).

ווי נאָר דער „קול מבשר" האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין, האָט ליפשיץ גלייך אויסגענוצט די געלעגנהייט שאַרף און דייטלעך אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג בענויגייע צו דער זשאַרגאָן־פראַגע אין אַ לאַנגן אַרטיקל „די פיער קלאַססען" („קול מבשר" I, נום. 21). דערדאָזיקער אַרטיקל פאַרמאָגט בעלי־סאָפעק אַ באַדייטנדן היסטאָרישן ווערט, און פאַרן הייַנטיקן לעזער וועט עס זיין אַ שטיקל איבעראַשונג, בעאַיס מיר וועלן אָנווייזן, אַז פיל פון די טאַינעס און ראַיעס, וואָס עס באַנוצן די איצטיקע קעמפער פאַר דער אידישער שפּראַך, זיינען שוין גאַנץ דייטלעך אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון דעם אַלטן, לאַנג געשטאָרבענעם ליפשיצן.

קוידעמקאָל באַטראַכט ליפשיץ די אידישע פאָלקס־שפּראַך קלאָל ניט ווי אַ „זשאַרגאָן", נאָר ווי אַ „גאַנץ באַזונדער לאָשן", ווי „אונזער מוטער־שפּראַך". ליפשיץ פאַרשטייט גאָרניט, ווי אַזוי „קאָן מען עס מעסופּעק זיין, אַז אונזער בילדונג איז נאָר געווענדעט אין דער בילדונג פון אונזער זשאַרגאָן". ער קאָן עס דערפאַר גאָרניט מאַסיג זיין, ווי אונטערשטייט מען זיך באַ אַזוינע אומשטענדן „מעוואַזע זיין" די אידישע שפּראַך און „פון איר כויזעק מאַכן".

„מע זאָגט אַלץ, טאַינעט ליפשיץ, זי איז פאַרדאָרבן. איך מוז מוידע זיין, אַז איך פאַרשטיי איבערהויפּט גאָרניט, מיט וואָס פאַר אַ רעזאָן מע קאָן אף אַ שפּראַך, וואָס עס לעבן, האַנדלען און וואַנדלען אין איר אַזויפיל טויזנטער מענטשן, אַ גאַנץ פאָלק— זאָגן: זי איז פאַרדאָרבן. פאַרדאָרבן געשיקט זיך נאָך צו זאָגן אַף אַזאַ זאַך, וואָס איז בעסער געווען און קאַלע געוואָרן. נאָר פונוואַנען איז עס אַזוי געדרונגען, אַז

*) זיין אידיש־רוסישער ווערטערבוך האָט ערשיינט אין יאָר 1876.

**) זע זיין באַקאַנטן אַרטיקל Одесская Талмуд-Тора.

***) Р. Кулишер. Итоги, 84.

אַנדערע שפּראַכן זיינען פון דעם גרונט אָן בעסער געווען? זיינען זיי דען אַזוי מיסינאַי געגעבן געוואָרן? זיי קומען דאָך אויך אַרויס, ווי אונזער לאָשן, פון אַנדערע פאַרשיידענע לעשוינעס, נאָר פאַרוואָס הייסן זיי ניט פאַרדאָרבן?"

אָנוויייזנדיק, אז „אַף א פאָלק ביכלאַל קאָן מען נאָר דורך זיין מוטערשפּראַך אָדער זיין ערציאונג־שפּראַך ווירקן", פירט ליפשיץ אויס: „דעריבער זיינען, דאַכט מיר, אַלע טירכעס, אידן ביכלאַל צו בילדן גאָר אומזיסט: קאָלזמאַן מע וועט אונז ניט מיט דערדאָזיקער זאַך צו אלע אומעס גלייך מאַכן, אז אונזער נאַטירלעכע שפּראַך, ד. ה., די שפּראַך, וואָס מיר ריידן אין איר אין דעם נאַטירלעכן און ווירקלעכן לעבן, זי זאָל פאַר א שפּראַך גילטן, זי זאָל אויסגעבילדעט ווערן"...

אינטערעסאַנט איז אויך זיין ענטפער אַף די טאַינעס פון די דעמאָלטיקע הייסע כסידים פון רוסיש, וואָס דאַרף, לויט זייער דייע, וואָס גיכער אַרויסשטופן דעם זשאַרגאָן:

„אַז מע וועט מיך וועלן פרעגן: עס וואָלט זיך אַסאַך גלייכער געווען, אַז מיר זאָלן גאָר פאַרגעסן אָן אונזער זשארגאָן און זאָלן זיך בעסער געוואוינען מיט דער געבילדעטער שפּראַך פון דעם פאָלק, וואָס מיר לעבן צווישן דעם, קאָן איך ענטפערן, אז מע דאַרף ניט קוקן אַף דעם, וואָס וואָלט גלייכער געווען, נאָר אַף דעם, וואָס עס איז; מעגלעך, עס וואָלט אויך גלייכער געווען, אז די גאַנצע וועלט זאָל גאָר ריידן איין לאָשן, עס זאָל זיין איין מעלוכע און עמונע... מאַלע וואָס עס וואָלט בעסער געווען... מע מוז דעריבער קוקן אַף דעם, וואָס עס איז, און מע זאָל בעסער אויסבילדן די אידישע שפּראַך..."

(זשורנאַל „אידישע וועלט", ווילנע, 1913).

ש. ל. ציטראָן.

„יודישעס פאָלקס־בלאַט"*).

1

פון 1872־טן יאָר אָן, זינט ס'האָט אופגעהערט אַרויסצוגיין אין אָדעס דער „קול מבשר", האָט צעדערבוים ניט אופגעהערט טראַכטן וועגן דער צוריקבאַנייאונג פון זיין אידיש בלאַט. ניט איינמאָל האָט ער דערלאַנגט צו דער העכערער מאַכט א באַקאָשע וועגן אַן ערלויבעניש אַף א אידישער צייטונג, אָבער אַלע זיינע באַקאָשעס זיינען טאָמיד אָפּגעוואָרפן געוואָרן. אין יאָר 1881, בעאייס אַלס אינערן־מיניסטער איז באַשטימט געוואָרן גראַף איגנאַטיעוו, האָט צעדערבוים פון אים טייקעף באַקומען די ערלויבעניש אַרויסצוגעבן אין פעטערבורג א אידישע וואָכנצייטונג אונטערן נאָמען „יודישעס פאָלקס־בלאַט".

אַלס ביילאַגע צום נומער „המליץ" פון 23־טן אַווגוסט (נ. סט.) 1881 האָט צעדערבוים פאַנאַנדערגעשייקט אַן אויספירלעכע מודאָע וועגן זיין נייער צייטונג „יודישעס פאָלקס־בלאַט".

*) דער אַוטאָר פון דעם אַרטיקל איז אַ ציאָניסט. פון דעם אַרטיקל ווערן דעריבער גענומען בלויז די פראַגמענטן, וואו עס ווערן אָביעקטיוו איבערגעגעבן די פאַקטן, וואָס האָבן אַ שאַיכעס צום „יודישעס פאָלקס-בלאַט". איגנאָנצן אָבער דורכלאָזן די טענדעציעזע ערטער איז געווען אומעגלעך, ווייל אינאיינעם מיט דער טענדענץ וואָלט מען געמוזט אַרויסוואַרפן אויך פאַקטישן מאַטעריאַל. רעדאַקטאָר.

פון דערדאָזיקער מוידאָע זעט מען אַרויס, אַז די ניין יאָר, וואָס זיינען אַוועק זינט ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט דער „קול מבשר", זיינען פאַר צעדערבוימען ניט אַריבער אומזיסט. ער האַלט זיך שוין מער ניט בײַ זיין שטאַנדפּונקט, אַז אַ אידישע צייטונג איז נייטיק בלויז „פאַר ווייבער און פאַר פּראָסטע מענטשן"; ער געפינט שוין, אַז אידיש, וועלכע „עס רעדן העלפט אידן אין דער גאַנצער וועלט", דאַרף געלייענט ווערן פון אַלעמען, און אויך פון די געבילדעטע, וואָס פאַרשטייען אַפילו אַנדערע שפּראַכן. ביכלאַל הערט מען שוין איצט צעדערבוימען מער ניט ריידן וועגן „זשאַרגאָן", נאָר אַלץ וועגן אידיש און אידיש.

אינטערעסאַנט איז אויך דאָס גרויסע און ברייטע פּראָגראַם פון „יודישעס פּאָלקס-בלאַט".

פון דעם פּראָגראַם גופא זעט מען קלאָר, אַז צעדערבוים האָט שוין דעם מאָל געהאַט אין זינען אַ פּיל העכערן סאָרט לעזער אַלס „די אידענע און דער פּאָשעטער מענטש"—דער פריערדיקער לייענער פון דעם „קול מבשר". דאָך האָט ער זיך, קענטיק, געשראָקן, אַז דאָס פּראָגראַם זאָל וועמען ס'איז פון די לעזער ניט אויסקומען אין מאַנכע ערטער אומפאַרשטענדלעך צוליב די נייע באַגריפן, וואָס עס נעמט אַריין, האָט ער עס מאַמעש „צעקייט און אַריינגעלייגט אין מויל", באַנוצנדיק זיך דערצו מיט העברייאיזמען און גערמאַניזמען און רוסיציזמען און זאָגאָר מיט אידישע אויסדרוקן ווי זיי ווערן פאַרשידנאַרטיק געברויכט אין ליטע און אין פּוילן און אין וואָלין און אין רייסן.

דער ערשטער נומער „יודישעס פאָלקס-בלאַט" איז אַרויס דעם 13-טן אָקטיאַבר (נ. סט.) 1881.

2

דאָס „יודיש. פאָלקס-בלאַט" האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין אָנהייב פון א נייער טקופע אין אידישן לעבן. דער האַסקאָלע-קאַמף, אין וועלכן דער „קול מבשר" האָט גענומען אַ גרויסן אָנטייל, איז שוין געווען לאַנג פאַרביי. אונטער דעם איינדרוק פון געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן אַנטיסעמיטיזם, און באַזונדערס פון די אידישע פּאָגראָמען אין דאָרעם-רוסלאַנד, איז אין פיל דיינקנדיקע מויכעס פון דער רוסיש-אידישער אינטעליגענץ פאָרגעקומען אַ איבערקערעניש, וועלכע האָט געבראַכט צום קראַך די אַסימילאַטאָרישע טענדענציעס, און האָט געשטאַרקט און געפאַנצערט דעם אידישנאַציאָנאַלן געדאַנק. די נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע האָט אומבאַראַכמאָנעסדיק אומגעשליידערט די אידעאַלן פון דער האַסקאָלע-עפּאָכע און האָט געמאַכט אַן עק צו די אידישע אילוזיעס וועגן דער באַלדיקער עמאַנסיפּאַציע. אין דעם אידישן לעבן זיינען אַנטשטאַנען נייע אידייען, נייע שטרעבונגען, אין וועלכע מ'האָט זיך געדאַרפט פאַנאַנדערקלייבן, ס'זיינען דערוועקט געוואָרן נייע פראַגן און פּראָבלעמען, אַף וועלכע מ'האָט געדאַרפט געבן אַן ענטפער.

דער ערשטער נומער פון „יודישן פאָלקס-בלאַט" הייבט זיך אָן מיט צעדערבוימס אַ לייט-אַרטיקל אונטער דעם נאָמען „א בליק צוריק". דאָס איז אַן איבערזיכט איבער דער אידישער לאַגע. קוידעמקאָל רוקט זיך צעדערבוים אַרויס מיט זיין „פּאָליטישער קאשרעס", מיט זיין לאָיאַליטעט. ער באַדויערט שטאַרק דעם פאַקט, וואָס אויך אידישע קינדער האָבן זיך „אָנגעשטעקט פון דער מעדינע-קריינק", פון דעם ס אָ צ י אַ ל י ז ם, דערקלערט אָבער דערביי, אַז די דאָזיקע יונגעלייט „קערן זיך גאָרניט אָן מיט אידן און מיט אידישקייט", און בעכיין איז דאָס אידישע פאָלק

אַלס גאַנצעס פּאַר זייערע מאַיסים ניט פאַראַנטוואָרטלעך. עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דאָס איז גאָר געווען פון צעדערבוימס זייט אַ מין איינגעצאָלטער „צינז פון טרייער אונטערטעניקייט", קעדיי ער זאָל זיך בּאַלד קענען דרייסט און שאַרף אַרגפּוואַרפן אַף די סאָנע־איסראָעל, וואָס העצן קעגן אידן דורך אַלערליי פאַלשע בּילבּולים, וועלכע געפינען אַן אויער בּאַ דער רעגירונג. און אַזוי איז שוין טאָמיד געווען צעדערבוימס טעוועס: יעדעס מאָל, ווען ער האָט געפונען פּאַר נייטיק אַרויסזאָגן עפנטלעך וועלכע עס איז עמעסן אַפּן כעשבּן פון דער בּיוראָקראַטיע, האָט ער זיך פריער אויסגעגאָסן אין טהילעס וועטישבּאָכעס לעקאָוועד דעם קייזער און זיין „האָהער רעגירונג", און אַף דעם כעשבּן האָט ער שוין דערנאָך גערעדט וואָס ער האָט געוואָלט, און גערעדט האָט ער דאָס, וואָס קיינער פון די אידישע רעדאַקטאָרן האָט זיך קיינמאָל ניט דערלויבּט.

3

נאָך אין דער צייט פון „קול מבשר" האָט צעדערבּוים אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון „שטאַדלאָנעס", געפינענדיק אין דעם דעם הויפּט־שליסל צו דער אידן־פראַגע. אַף דעם דאַרף מען מוסעף זיין, אַז זינט ער האָט זיך בּאַזעצט אין פּעטערבּורג, האָט ער זיך אַליין גענומען דעמדאָזיקן לאָזונג צו פאַרווירקלעכן. ער איז געוואָרן אַ שטאַדלען לויט בּאַרוף. קימאַט יעדן פאַל פון דידאָזיקע הישטאַדלעסן פלעגט ער דערנאָך אַרומשרייבּן אין זיין בּלאַט, און אַלץ בּאַריכעס, אָנהייבּנדיק פון „בּראשית" און אַריינלאָזנדיק זיך אין די קלענסטע פּראָטים. אין דער פּראָווינץ האָט דאָס טאָמיד געמאַכט גרויס אויפזעען, און דאָס האָט פיל מיטגעהאָלפן צו פאַרשטאַרקן דעם פּרעסטיזש פון זיין צייטונג.

נאָך די ערשטע פּאָגראָמען אין דאָרעם, בּעאייס די רעגירונג פון אַלעקסאַנדר דעם דריטן האָט אונטער דעם דרוק פון דער צעבּושעוועטער אַנטיסעמיטישער פּרעסע בּאַשטימט אין יעדער גובּערניע בּאַזונדערע קאָמיסיעס, וועלכע האָבּן געדאַרפט אויסגעפינען די געהעריקע מיטלען ווי אַזוי אומשעדלעך צו מאַכן דעם אידישן איינפלוס אַף דער קריסטלעכער בּאַפעלקערונג, און עס האָבּן זיך געטראָגן קלאַנגען, אַז די קאָמיסיעס האָבּן בּאַשלאָסן פּאָרצולייגן פאַרן קייזער מ'זאָל אָפּנעמען בּאַ די אידן אַ גאַנצע ריי פון פּאַרנאָסעס און בּאַשעפטיקונגען,—אין יענער „הייסער צייט", ווען צווישן די בּרייטע פאָלקס־מאַסן האָט אויסגעבּראָכן אַ פּאַניק און ס'האָט זיך אָנגעהויבּן אַ ווילדער געלאָף פון לאַנד, האָט צעדערבּוים זיך ניט פאַרלאָרן און האָט געזוכט צו בּאַרואיקן דעם איבּערגעשראָקענעם אוילעם. אַרויסגייענדיק פון די מיניסטאָרן־קאַבּינעטן, וואו אים איז ניט איין מאָל אויסגעקומען צו הערן וועגן אידן גאָרניט קיין אַנגענעמע ווערטער, האָט ער דאָך אין „יוד. פ"ב" געשטאַרקט דעם בּיטאָכן פון דער מאַסע, געטרייסט איר און פאַרזיכערט, אַז דער מאַצעוו איז נאָך ניט אַזוי שלעכט, אַז בּאַלד וועט אַלץ בּעסער ווערן, דער איקער איז נאָר, אַז אידן זאָלן זען פאַרפיינערן זייערע מאַיסים און זייער גאַנצע האַנהאָגע. דערבּיי פלעגט צעדערבּוים אָפּלייענען אַ גאַנצן צעטל פון אידישע פעלערן, האַלטן לאַנגע מוסער־דראָשעס, אַריינוואַרפן גאַנץ אָפּט שאַרפע, שטעכעדיקע ווערטלעך, וואָס פלעגן „דערגיין בּיזן בּיין".

4

די ערשטע צייט איז דער גאַנצער פּובּליציסטישער טייל אין „יודיש. פאָלקסבּלאַט" אויסגעפילט געוואָרן בּלויז דורך צעדערבּוימען אַליין. יעדער נומער האָט זיך

אָנגעהויבן מיט זיינעם אַ לייט־אַרטיקל און טאָמיד איבער דער פּאַרוויקלטער אידי־שער לאַגע.

אינגיכן איז דעם „יודיש. פ״ב״ צוגעקומען אַ נייע פּובליציסטישע קראַפט אין דער פּערזאָן פון מ ו י ש ע ־ ל ײ ב ל י ל י ע נ ב ל ו ם, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט אין „יוד. פ״ב״ דאָס פּראָבלעם וועגן דער ווידער־אופלעבונג פון ע ר ע ץ ־ א י ס ר אָ ע ל. צעדערבוים איז דאַן אַרויס אַלס קעגנער ניט נאָר פון ערעץ־איסראָעל, נאָר אויך פון דער גאַנצער דאַמאָלסטיקער עמיגראַציע־באַוועגונג ביכלאַל. שפּעטער, ווען די עמי־גראַציע האָט זיך גענומען שטאַרקן פון טאָג צו טאָג, און די רוסישע רעגירונג האָט געגעבן אָנצוהערענישן, אַז זי איז דערפון צופרידן, האָט שוין צעדערבוים אומגעביטן דעם פראָנט און האָט געזאָגט: ווי באַלד אַז שוין יאָ לויפן, איז שוין גלייכער קיין ערעץ־איסראָעל.

פון דאַמאָלסט אָן האָט זיך די פּובליציסטיק פון „יוד. פ״ב״ קעסיידער באַוועגט נאָר אָף דער ליניע פון די צוויי פּראָבלעמען: עמיגראַציע און ערעץ־איסראָעל. די לעזער האָט דאָס, קענטיק, אַביסל דערעסן און האָבן גענומען פאָדערן פון צעדער־בוימען לייכטערן מאַטעריאַל, ווי שיינע ליטעראַטור אוכעדוימע.

5

אָנהייב דריטן יאָר (1883) פון דעם „יודיש. פאָלקס־בלאַט״ באַמערקט זיך אַ גע־וויסע ענדערונג אין דעם טאָן פון דער צייטונג. דאָס בלאַט הייבט שוין אָן צו ווערן ניט אַזוי טרויעריק געשטימט און קאָנצענטרירט זיך שוין ניט אַף אַזויפיל בלויז אין „אידישע צאָרעס״. די פּובליציסטיק באַשעפטיקט זיך צווישן אַנדערע אויך מיט פראַגן וועגן ערציאונג: שולן און לערער, טאַלמוד־טוירעס, כאַדאָרים און מעלאמדים, וועגן געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס, וואוילטעטיקע כעוורעס, אַנשטאַלטן פאַר צדאָקע און פאָלקס־געזונטהייט אוכעדוימע. דאָס ראָוו לייט־אַרטיקלען פון דעם מין טראָגן אַ האַלב באַלערנדיקן און אַ האַלב קריטישן כאַראַקטער. דערביי האלט זיך נאָך צעדערבוים בא זיין אַלטן מינעג: אַרומריידן יעדע זאַך וואָס לייגגער, וואָס אויספירלעכער בע־אויפן, אַז עס ווערט באַ אים מאַמעש „פון אַ וואָרט אַ קוואָרט״...

צעדערבוים האָט מעקאַיעם געוועזן זיין האַוּוטאַכע און גלייך פון דעם ערשטן נו־מער אָן האָט ער אָפּגעגעבן אין דער צייטונג אַ גרויסן אָרט פאַר בעלעטריסטיק. די האַסכאָלע האָט ער געמאַכט מיט אַ דערציילונג, וועלכע האָט געהייסן: „אַ ר אָ מ אַ ן אָ ן אַ נ אָ מ ע ן״. דער מעכאַבער פון דעמדאָזיקן ראָמאַן, וועלכער האָט זיך געצויגן אין לאַנגע פאָרזעצונגען העכער אַ האַלב יאָר, האָט זיך אנטפּלעקט פאַרן לעזער ערשט באם סאמע סאָף, און דאָס אויך ניט מיט זיין פולן נאָמען, נאָר מיט דער פאַמיליע: ס פּ ע ק ט אָ ר פ ו ן א ו מ אַ ן. דאָס איז געוועזן דער שפּעטער באַקאַנט גע־וואָרענער נאָוועליסט מ אָ ר ד כ ע ס פּ ע ק ט אָ ר. די דערציילונג איז אַ מין פאָלקס־ראָמאַן, אַ קינד פון דער האַסקאָלע־עפּאָכע, קעמוי דיק אין אַ גרעסערן מאסשטאַב, אָבער מיט אַ היפשער דאָזע רעאַליזם. ספּעקטאָר האָט זיך לויט זיין טאַלאַנט אַרויס־געוויזן פאַר אַ רעאַליסט דורך און דורך; ער האָט אָבער פאַר זיך קיין גוטע מוס־טערן ניט געהאַט. שאָמערס „העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען״ האָבן שוין דאַן געהאַט פאַרטריבן פון אידישן ביכער־מאַרק אי דיקן, אי לינעצקין, אי אַבראַמאָוויטשן, און ווי ספּעקטאָר איז דורך זיין טאַלאַנט ניט אָפּגעהיט געוואָרן פון ארונטערצופאַלן אונטער שיַיקעוויטשעס האַשפּאָע, און ער איז זיך געגאַנגען זיין באזונדערן רעאַלי־סטישן וועג, האָט ער זיך דאָך אין זיינע ערשטע דערציילונגען ניט געקאָנט באַגיין

אָן מעלאָדראמאטישע עפעקטן און אָן פאַלש־קאָפּירטע און אויסגעטראכטע נאַטור־שילדערונגען, און קימאַט פון יעדער שורע האָט גאַנץ בוילעט ארויסגעקוקט די טענ־דענץ. ביכלאל האָט אָבער ספּעקטאָרס ערשטער דעביוט געקלונגען מיט זיינע רעאַ־ליסטישע טענער ווי אן אנגענעמער דיסאָנאנס לעגאַבע דעם דעמאָלטיקן שונד, וואָס האָט באהערשט די אידישע ליטעראטור.

אַ באַזונדער רוישעם האָט געמאכט אין זיין צייט ספּעקטאָרס גרויסער ראָמאַן „דער אידישער מוזשיק", וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו דרוקן אין „יוד. פ״ב״ אינמיטן יאָר 1883 און האָט זיך אַריינגעצויגן אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1884. אין דעם ראָמאַן האָט ספּעקטאָר באארבעט אַ טעמע, וועלכע איז דאן שטארק געווען אין דער מאָדע. ער הייבט זיך אָן מיט אַ סיפּער־האמאַיסע וועגן אַ אידישן סויכער, וואָס וועלנדיק זיין אומאָפּהייניגיק אין לעבן אַלס „נהנה מיגיע כפּיו", פאר־לאָזט ער די שטאָט און הייבט אָן צו פירן דאָס גליקלעכע לעבן פון אַ פּויער. אין דעם לעצטן טייל פון ראָמאַן ווערט געשילדערט, ווי פאר זיין הויז באווייזן זיך באַנ־דעס פּאָגראָמשטשיקעס, פאר וועלכע אַ אידישער מוזשיק בלייבט דאָך אַ איד. דער מוסער־האַסקל פון דעם ראָמאַן איז, אַז אידן וועלן גליקלעך זיין נאָר דאַן, ווען זיי וועלן זיך צוריקערן צו ערדאַרבעט און אויסערדעם, אַז דאָסדאָזיקע צוריקערן וועט באַזונדערס געלינגען, ווען דאָס וועט פּאָרקומען אפן אידישן באָדן — אין ערעץ־איסראָעל. דערדאָזיקער ראָמאַן האָט נאָך אלע זיינע פעלערן געהאט באַם אידישן לעזע־פּובליקום זייער אַ גרויסן ערפאָלג.

קורץ נאָך דעם האָט דאָס „יודיש. פאָלקס־בלאַט" אַרויסגערופן אַ צווייטע, נאָך אַ פיל באַדייטנדיקערע ליטעראַרישע קראַפט. דאָס איז געווען דער שפּעטערדיקער שאָלעם־אַלייכעם.

6

אָנפאַנגס יאָר 1884 האָט צעדערבוים אויסגעשריבן ספּעקטאָרן קיין פּעטערבורג אַלס הויפּט־מיטאַרבעטער פון דער צייטונג. ספּעקטאָרס מיטאַרבעט אין בלאַט איז באשטאנען די ערשטע צייט נאָר פון בעלעטריסטישע פעליעטאָנען. עפּעס שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אויך געזעלשאפטלעכע פעליעטאָנען אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען „אין שטוב און אין גאַס". אונטערן קעפּל „צווישן גאַזעטן און ביכער" האָט ער צייטנווייס באַלויכטן אויך פאַרשיידענע ליטעראַרישע דערשיינונגען.

ספּעקטאָר און שאָלעם־אַלייכעם, וועלכע האָבן ביידע אַנטוויקלט אין „יודיש. פ״ב״ אַ אינטענסיווע שריפטשטעלערישע טעטיקייט, האָבן אינגיכן געבראַכט די צייטונג צו אַ הייך, וועלכער זי האָט ביז אַהין ניט דערלאַנגט. באַזונדערס רייך אין ליטעראַרישן זין איז געווען די צייטונג אין יאָר 1885, אין וועלכן ס'האָבן זיך געדרוקט ספּעק־טאָרס גרעסטע און געלונגנסטע דערציילונגען ווי: „ר' טרייטל", „אַ שטומער גוטער איד", „עניים ואביונים" א. א. די בעלעטריסטיק איז געוואָרן דער „טשוואָק" פון בלאַט. צעדערבוים האָט דאָס אויך דערפילט, און אין זיין אופרוף צו די לעזער וועגן באנייען דאָס אַבאָנענט צום נייעם 1886־טן יאָר איז ער גלייך אַרויסגעפאָרן מיט דער בסורע טויווע, אַז „דער זעהר גייסטרייכער, וויציקער און פון דעם פּובלי־קום זעהר באליבטער סאַטיריקער, וואָס חתמיט זיך „שלום עליכם", האָט אונז צוגעזאָגט ווייטער בעשטענדיג שרייבען פאר דעם „יודישן פאָלקס־בלאַט", און ער האָט שוין אָנגעגרייט מאטעריאל אויף אַ גאַנץ יאָהר. ער האָט אונז פערשפּראָכען אַ ראָמאַן צו שיקען, וועלכען מיר וועלען אָנהויבען דרוקען נאָך ניי־יאָהר".

(„געשיכטע פון אידישער פּרעסע". ווילנע, 1923).

א. ליטוואַק.

דער באשטאנד פון אַ אידישער ביבליאָטעק אין די 80־קער יאָרן.

... אף וויפל איך קאָן מיך איצט דערמאָנען, איז דער באשטאַנד פון דער ביבליאָטעק געוועזן אַזאַ:

בעלעטריסטיק: מענדעלע מו״ס — „דאָס קליין מענטשעלע״, „מאַסאָעס בינימין האַשלישי״, „די קליאַטשע״; לינעצקי — „דאָס פוילישע אינגל״, „די בלוטיקע געקאָמע״ אָדער „יאנקעוו טיראַדאָ״, לועך איין קעסעף; מאַניע דלוגאַטש — „די וועלט־מעסוירע״; דינעזאָן — „האַנעהאָווים וועהאַנעאימים אָדער דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק״, „עווען נעגעף אָדער דער שטיין אין וועג״; א. מ. דיק — „שמאַיע דער גוטיאָנטעוו ביטער״, „כייציקל אַליין״, „דער שאַצמייסטער״, „די שקלאַפעריי״ (איבערגעמאַכט פון ביטשער סטאָוס „דעם פעטער טאָמס הייזל״), „דער שיווים מאָלצייט״, „דער פאָרטעפיאַניסט״, „יעווגעניע אָדער די געהיימניסע פון פראַנצויזישן הויף״ — אַ ראָמאַן אין פיר טיילן איבערגעזעצט פון באָרנס אַ דייטשישן ראָמאַן; „המרמ״ז״ שאַצקעס — „דער אידישער פאַר־פייסעך״; י. טרובניק — „די אומגליקלעכע מיריאָם״, אַ היסטאָרישער ראָמאַן איבערגעזעצט פון פרידבערגס „עמק הארזים״; טויבע סעגאַל — „אָלדעטשקי אונזער ליבע מאַלוועטע״, אַ נאָכמאַכונג פון טשערנישעווסקיס „טשטאָ דעלאַט״ (אַ פובליציסטישער ראָמאַן, וואו די שפּראַך איז געווען מיט אַ שטאַרקן צומיש פון רוסישע ווערטער, ווי מע פלעגט דעמאָלט געוויינלעך רעדן אין אידיש וועגן העכערע איניאָנים); די צווייטע אופלאַגע האָט זיך שוין גערופן „די שיינע נייטערין״, אַפּאָנים, קעדיי עס זאָל מער צוציען דעם אוילעם; אונטער דעמדאָזיקן נאָמען ווערט דער ראָמאַן נאָך היינט אויך אַמאָל געלייענט פון אַרבעטער, וואָס הייבן ערשט אָן צו זוכן „אַנטוויקלונג״; מאָרדכע ספּעקטאָר — „דער שטומער גוטער איד״, „אַ ראָמאַן אָן אַ נאָמען״, „דער אידישער מוזשיק״, „אַניאים וועוויונים״, „רעבּ״ טרייטל, „די אידישע טעכטער״; שאָלעם־אַלייכעם — „די וועלט־רייזע״, „דאָס מעסערל״, „קינדערשפּיל״, „סענדער בלאַנק״, „אַ בינטל בלומען״, „נאַטאַשע״, „העכער־נידעריקער״, „סטעמפּעניו״ און „יאָסעלע סאָלאָוויי״. אַזוי ווי דאָס איז געווען ווייניק, און די לעזער האָבן אָפּט געפאָדערט „גיט עפּעס לעבעדיקס, אינטערעסאַנטס״, האָבן מיר געפונען פאַר נייטיק צו האַלטן באַ אַ צענדליק ראָמאַנען פון שאָמער און בלאָשטיין. שאָמערס — אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אַ היסטאָרישן סיוזשעט, ווי „דער אידישער מיניסטער״ (ר׳ יעהודע האַלייווי און אַוורואָהאָם עווען עזראָ), בלאָשטיינס ראָמאַנען מיט אַ געזעלשאַפטלעכער טענדענץ, ווי „די גוואַלד־שידוכים״, „דער באַל טויווע״. געווען נאָך זאַביעזשענסקיס אַ פאַרפלאָנטערטער ראָמאַן פון דער צייט פון די ערשטע פּאָגראָמען „די שווערע צייטן״. ער איז געווען נאָך ערגער פון שאָמערס שמאַטעס, אָבער די פּאָגראָמען האָבן אים געקאַשערט.

פּאָעזיע: מיכל גאָרדאָן — לידער; י. ל. גאָרדאָן — סיכאָס כולין; ש. י. אבראַמאָוויטש — יודל; אַווראָהאָם גאָלדפאַדן — יודעלע; עליאָקום צונזער — 10 לידער (די סאָכע, דער נײַנצנטער יאָרהונדערט א. אז. וו.).

זאַמלביכער: ספּעקטאָרס — 1־טער און צווייטער הויז־פריינד, פאַמיליענפריינד; שאָלעם־אַלייכעמס 1־טע און 2־טע אידישע פאָלקס־ביבליאָטעק; פּערעצעס אידישע ביבליאָטעק; צוויי כוווייווע־ציאָניסטישע זאַמלביכער „דער אידישער וועקער״, רעדאַגירט פון מ. ל. ליליענבלום, און „דאָס הייליקע לאַנד״, ארויסגעגעבן פון

בערטא פלעקסער, אַ שוועסטער פון דעם באַקאַנטן רוסישן קריטיקער וואָלינסקי; עטלעכע קאַלענדאַרן פון מענדעלע מויכער־ספרים, לינעצקי און עפּעלבערג. פון אי־דישער געשיכטע האָבן מיר געהאט נאָר איין באַנד גרעטץ (פאָלקסטימלעכע געשיכטע), איבערגעזעצט פון י. לינעצקי.

דראמען: מענדעלע מויכער־ספרים — „די טאַקסע", „דער פריזיוו". לעסינגס „נאָסן הערכאָכאָם", איבערגעזעצט פון לינעצקי. גוצקאָוו — „אוריעל אַקאָסטע", איבער־געזעצט פון י. לערנער. מ. ל. ליליענבלום — „זרובאָוועל". איבער קריטיק איין ביכל „סוד פריסאַזשניך אָדער שאָמערס מישפּעט" פון שאָלעם־אַליכעם. איבער נאַטור־וויסנשאַפט איין בוך — דער סאָף פון דער וועלט אָדער דער „קאָמעט" פון מיכל וועבער, אַ פרייע באַאַרבעטונג פון פלאמאריאָנס פּאָפּולערע אַסטראָנאָמיע. איבער געזעלשאַפטלעכע פראגן געדיינק איך נאָר 2 בראָשורן פון איינעם מינדרין פון אָדעס: „אַרטעלן" און „אם אין אני לי, מי לי", —ביידע איבער פּראָדוקטיוו־קאָאָפּעראַטיוון. דאָס איז געווען קימאַט אַלץ, וואָס אַ אידישע ביבליאָטעק, וועלכע האָט געוואָלט אויסקומען אָן שאָמער און בלאָשטיין, האָט דעמאָלט געקאָנט האָבן.

(„וואָס געווען", ווארשע, 1926).

י. מילך.

די 80־ער יאָרן,—א נייער עטאפּ אין דער אידישער ליטעראטור.

מיט דער הערשאַפט פון אַלעקסאַנדר דעם דריטן הייבט זיך אָן אַ נייער פּעריאָד פון רעאַקציע און אונטערדריקונג אין רוסלאַנד, פון וועלכע די אידן האָבן געליטן מער פון אַלע אַנדערע טיילן פון דער באַפעלקערונג. די פּאָגראָמען פון 1881, די „ציטווייליקע געזעצן" פון 1882, די קליינע און גרויסע אונטערדריקונגען, וואָס האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג, האָבן דעם אידן אופגעוועקט פון זיין כאָלעם און האָבן אים געצוואונגען זיך נאָכאַמאָל צו פאַרטראַכטן איבער זיין לאַגע. די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, וועלכע האָט פאַר דערזעלבער צייט געמאַכט גרויסע פאָרשריט, האָט באַשאַפן אַ נייעם, ביז דאַן ניט באַקאַנטן, עלעמענט צווישן די אידן, אַן עלעמענט פון פּראָלעטאַריער.

צענדליקער טויזנטער אידישע יונגע לייט זיינען צום טראָץ פון פאַרשיידענע טעאָריעס געוואָרן פאַבריק־אַרבעטער—ביז דאַן עטוואָס אומערהערטעס בא אידן. פון דער צווייטער זייט האָבן די אונטערדריקונגען אַרויסגערופן אַ גרויסע עמיגראַציע, וועלכע האָט פון איר זייט אופגעבויט אַ אידישע קעהילע אין אַמעריקע מיט אַ מעכטיקן איינפלוס אף די אידן אין רוסלאַנד*). דאָס לעבן אין רוסלאַנד פאַר דער צייט: די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, און מיט דעם קאַפּיטאַליזם — די רעוואָלוציאָ־נערע באַוועגונג פון די נאַראָדניקעס, וועלכע איז ענדלעך איבערגעגאַנגען אין אַ מאַ־סאָווע אַרבעטער־באַוועגונג, אום דאַן זיך צו פאַרוואַנדלען אין אָן אָפענע רעוואָלוציע קעגן דער זעלבסטהערשאַפט, האָט ניט פאַרפעלט איר איינפלוס אַף דעם אידישן לעבן אין רוסלאַנד, און אַלס רעזולטאַט האָבן מיר די נאַציאָנאַליסטישע און סאָציאַ־ליסטישע, נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע און סאָציאַל־נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונגען.

*) עס וואָלט זיך געלוינט די אַרבעט צו מאַכן אַן אונטערזוכונג וועגן דעם איינפלוס פון די אַמעריקאַ־נער אידן אף דעם לעבן פון די אידן אין רוסלאַנד ביכלאַל און אף דער רעוואָלוציע ביפראַט.

ווען מיר גייען אַ טריט ווייטער, געפינען מיר אַ מערקווירדיקע פּאַראַלעל צו דער באַוועגונג אין דער אידישער ליטעראַטור. דאָס יאָר 1881 מישט אוף אַ ניי בלאַט אין דער אידישער ליטעראַטור. די אָפּלאַך־און מוסער־ליטעראַטור האָט אַרויס־געזאָגט איר לעצט וואָרט. לינעצקיס „פּוילישע אינגל", שאַצקיס „אידישער פּאַר־פּיסעך", אַבראַמאָוויטשעס „קליאַטשע" און זיינע איבעריקע ווערק זיינען שוין געהאַט געווען געשריבן.

און קיין נייס און קיין וויכטיקס האָט די ליטעראַטור ניט מער באַשאַפן. אין דעם יאָר 1881 ערשיינט צום ערשטן מאָל צעדערבוימס „פאָלקסבלאַט", אַ יאָר שפּע־טער, 1882, ווערט ארויסגעגעבן ד"ר פּינסקערס „אויטא־עמאַנציפּאַציאָן" (זעלבסט־באַפרייאונג), 1883 באַווייזן זיך שאָלעם־אליינכעם און ספּעקטאָר, ארום 1881 הייבט זיך אויך אָן די טעטיקייט פון י. ל. פּערעץ. אין דער נייער ליטעראַטור האַלט זיך שאָלעם־אַליינכעם נאָך פיל בא דעם אַלטן שטייגער, אָבער די גאַנצע ליטעראַטור האָט גענומען אן אַנדער כאַראַקטער. מע האָט אָנגעהויבן זוכן דעם פּאָלקס נעשאָמע, מע האָט אופגעהערט צו לאַכן, מע האָט אופגעהערט מוסער זאָגן און מע האָט אָנגעהויבן מאָלן דאָס פאָלק, ווי עס איז, מיט זיינע מאַילעס און כעסרוינעס, מיט זיינע ליידן און פריידן, מיט זיינע באַדערפעניש און שטרעבן.

(„אידישע פּראָבלעמען" II ב. ניו־יאָרק, 1920).

מ. ווינטשעווסקי.

דער אָנהייב פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין איינגלאַנד און אַמעריקע.

אידישע אַרבעטער!

ניט אַ היימישער געזעל, ניט אַן אַמאָליקער אונטערשניידער בא אַן אויבער־שניידער, וועלכער טראָגט בא אים פּאָמאָיניצעס, וועלגערט אַ בלאַט לאָקשן, פּאַסט אוף אף די קינדער, העלפט דער באַלעבאָסטע קערן שפּינוועבס, ברייננט וואַסער פון ברונעם, האַקט האָלץ, מאַכט אַ פייער און — ווען ער האָט שוין גאָר קיין אנדער זאַך ניט צו טון — זעצט זיך אַוועק און טשאָבעט אַביסל, שטשאָבעט פיליכט עטלעכע, שיינע עטלעכע שאָ, שטשאָבעט ביז עס קומט די צייט צו גיין אָפּנעמען מוישעלען פון כיידער, שטשאָבעט אַזוי טעג און וואָכן, און כאַדאָשים און יאָרן, ביז דער מעזאַוועג זיוואוגים שיקט אים צו זיין באַשערטע, און ער ווערט אליין אַ שניי־דער, צי ער קען זיין מעלאָכע צי ניט, ווערט אַ באַלמעלאָכע פאַר זיך, פּאָשעט דערפאַר, וואָס ער איז אַ באַווייבטער, און דערצו נאָך אַזעלכער, וואָס עסט ניט קיין קעסט, און מוז, הייסט עס, אָנפאַנגן צו זאָרגן פאר זיין אייגענע געגנוואַרט און צוקונפט.

ניט אַזאַ אַרבעטער סיי אין דעם שניידער־פאַך, סיי בא ערגעץ אין אַן אנדער מעלאָכע, אין וועלכער דער אידישער לוין־אַרבעטער, אָפּט אָן לוין, האָט אַמאָל גע־לעבט אין אונזערע מעקוימעס אינדערהיים, איז געווען דער אַרבעטער, וועלכן איך האָב פאַר זיך דערזעען אין לאָנדאָן. דאָס איז שוין געווען אַ מאָדערנער פּראָלע־טאַריער, אַ פאַבריק־אַרבעטער אָדער אַזוי גלאַט „אַ האַנט". דאָס, וואָס אונזער קליינער קרייז פון פּראָפּאַגאַנדיסטן האָט פריער געזעען קימאַט נאָר אין דער ליטע־

ראַטור, איז איצט געשטאַנען פאַר די אויגן. דער אַרבעטער, וועלכן מיר האָבן אין העברייאישע פערזון באַקלאָגט און באַזונגען אין די פריערדיקע דריי — פיר יאָר, איז איצט אין לאָנדאָן פאַר אונז דערשינען פאַרוואַנדלט אין פלייש און בלוט — אַ פול־קומער לוין־שקלאַף, וואָס ארבעט צווישן צענדליקער, צווישן הונדערטער פון אַנדערע באַ שניידעריי, באַ טישלעריי, אין דעם רעגנמאַנטל־פאַך, אַלס שריפטזעצער, אלס שטאָקמאַכער, אַלס זייגערמאַכער (האַגאַם אין דעם פאַך נאָך מייסטנס אַף דעם היימישן שטייגער) און באַ מאנכע אַנדערע מעלאָכעס, איבערהויפּט אלס שוסטער און טאַבאַק־אַרבעטער.

איך האָב שוין אין לאָנדאָן געפונען ניט נאָר אַזאַ מין אַרבעט־פאַרטיילונג ווי, לעמאָשל, קנעפּלעך־אַרבעט אין שניידעריי, וואָס דאָס וואָלט מען זיך אין דער ליטע דאַן ניט געקענט פאָרשטעלן.

ליבערמאַן און איך האָבן זיך גענומען צו דער גרינדונג פון א אידישן אַרבעטער־פאַריין. מאַטעריאַל איז געווען: אַ האַלב־טוץ עמעסע אַרבעטער: לואיס וויינער און שאָול לעווין—סטאָלאַרעס, ראָזענטאַל און סטאָון—שניידער, גרינבערג און קולאַ—זעצער.

ליבערמאַן האָט פאַרפאַסט די טאַקאָנעס און מיר האָבן זיך אָנגעפאַנגען צו פאַר־זאַמלען. דער פּלאַן איז געווען, אז ביז עס וועלן זיך ניט באַווייזן אנדערע „אינטע־ליגענטן" זאָל אַמאָל ליבערמאַן, אַמאָל איך האַלטן אַ פאָרטראַג.

און מיין פאָרטראַג איז געווען, דאַכט זיך, דער ערשטער.

צום אומגליק בין איך געווען אַזוי שטאַרק פאַרדייטשט, אַז מיר פלעגט דאַן, און צו אַ געוויסן גראַד נאָך מיט יאָרן און יאָרן שפּעטער, זיין זייער ש'וער צוריידן אידיש. דערביי בין איך גאָרניט געווען פון די, וואָס קענען קיין אידיש ביכלאַל ניט ריידן, אָדער מאַכן זיך, אַז זיי קענען ניט. פאַרקערט, איך פלעג אין אַ פּריוואַטן גע־שפּרעך און אַפילע אין דער עפנטלעכקייט, דערציילנדיק אַ מאַיסעלע, לעמאָשל, ריידן זייער גלאַט, אָט טאַקע ווי די מאַמע האָט מיך געלערנט. קוים אָבער האָב איך גע־נומען ריידן מאַיסע־רעדנער, ערנסט, זוכנדיק עמוואָס צו באַווייזן, פלעג איך אַריינ־פאַלן אין הויך־דייטש, אַליין. עס ניט מערקנדיק, און טאָמער איז דאָס נאָך ניט געווען שלעכט גענוג, פלעג איך זיך כאַפּן, אַז מיין אוילעם פאַרשטייט מיך ניט און פלעג מישן דייטש מיט אידיש, אָדער אַזוי אַרויסברייגגען פון מויל די דייטשישע ווערטער, אַז זיי פלעגן אַרויסקומען אַף קולעס, צעבראָכן רוק און לענד, און, דאָס ווידער פילנדיק, פלעג איך גאָר צעטומלט ווערן.

ליבערמאַנען איז אין דעם פּראַט אויך ניט פיל בעסער געגאַנגען.

צי דאָס האָט דעם „קלוב" פיל געשאַדט, ווייס איך ניט, ווייל זייער לאַנג האָט ער איבערהויפּט ניט עקזיסטירט, אָבער פיל האָבן די אַרבעטער זיכער ניט געלערנט, ניט פון מיר, ניט פון מיין עלטערן כאַווער.

אונטערגעגאַנגען איז אָבער דער פאַריין ניט צוליב אונזער שלעכטן אידיש, ער האָט פאָשעט נאָך ניט געהאַט קיין באָדן אונטער זיך.

די באַרוישונג פון די זיבעציקער יאָרן, אין וועלכע עס איז געווען די פּאַריזער קאָמונע, די גרויסע פאָלקס־באַוועגונג אין רוסלאַנד, דער אופשוואונג פון דער דייטשי־שער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, דער אָפּקלאַנג דערפון איבער דער גאַנצער וועלט—אריינ־רעכענענדיק די פאַרייניקטע שטאַטן — און אין אונזער איינגן קרייז, דער אָנהייב פון אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן אידן,—די באַרוישונג, פון יענע, די זיבע־ציקער יאָרן, איז איצט געווען צו ענד, עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַצניאָמער.

די אַלגעמיינע וואַלן פון דעם יאָר 1881 אין דייטשלאַנד האָבן זיך געענדיקט מיט אַ גרויסער נידערלאַגע; אין פראַנקרייך האָט געהערשט אַ שרעקלעכע רעאַקציע; אַפילו דער אַלטער לאַוראָוו איז אַרויסגעטריבן געוואָרן און דאָס נאָך דערפאַר, וואָס ער האָט צוזאַמען מיט ווערא זאַסוליטש געזאַמלט געלט פאַרן (פּאָליטישן) „רויטן קרייץ"; פון דער שווייץ האָט מען געהאַלטן אין איין יאָגן און טרייבן אויסלענדער בעאייס די אָרטיקע באַוועגונג איז געווען זייער שוואַך; אין איינגלאַנד האָט אַ ליבעראַלע רעגירונג געהאַלטן אירלאַנד אונטער דעם שטרייגסטן אויסנאַם-געזעץ און אין געווויסע גאַסן אין דובלין איז געווען א פאַרברעכן זיך צו ווייזן אין גאַס נאָך צוויי אזייגער פונאַוונט.

דאָס אָבער, וואָס האָט ספּעציעל פאַרברייטערט די מאָרעשכוירע אין אונזערע קרייזן, איז געווען די לאַגע אין רוסלאַנד.

נאָך דעם 1־טן מאַרט 1881, ווען די טעראָריסטן האָבן געהאַט דערגרייכט די העכסטע מאַדרייגע פון זייער „אַמביציע", פאַרניכטנדיק דעם מאַן, וואָס אין זיין נאָמען און צוליב זיין הערשאַפט זיינען געפאַלן אַזויפיל קאָרבאָנעס, האָט די רעוואָלוציע־זון גענומען זינקען, באַלד אף א ווייַלע אינגאַנצן פאַרשווינדנדיק פונם פּאָליטישן האָריזאָנט. אין דער רעאַקציאָנערער נאַכט, וואָס האָט זיך איצט אָנגעהויבן, האָט דער אַלטער רוסישער אידן־האַס מיטאַמאָל ארויסגעבראַכט אַף דער וועלט דעם פּאָגראָם, האַגאַם נאָך ניט אין דער שרעקלעכער אומענטשלעכער פאָרם, ווי מיר האָבן אים דערלעבט צו זעען אין קישינעוו, אָדעס, ביאַליסטאָק און סעדלעץ.

אַף דעם אויפן האָט מען אין דער צייט פון 3—4 יאָר אין אונזערע קרייזן אי־בערגעלעבט א שרעקלעך מאָרעשכוירעדיקן פעריאָד.

אם טרויעריקסטן האָט דאַן אויסגעזעען דאָס וויגעלע פונם סאָציאַליזם — פּאַריז, צו וועלכער מיר האָבן זיך שטענדיק געווענדעט אין ליידן און אין פריידן נאָך טרייסט און נאָך באַגייסטערונג, ווי א פרומער איד, לעערעך, האַלט די אויגן צום מיזרעך־צו, בעאייס ער דאַוונט, אויסוויינענדיק זיין ביטער האַרץ, אָדער זאָגנדיק „הלל".

נאָך אינם זומער 1884, געדיינק איך, בעאייס מיר אין לאָנדאָן האָבן שוין אָנגעהויבן זיך צו רירן און באַוועגן, ווען עס זיינען שוין געווען דערשינען אַ פּאָר נומערן פונם „פוילישן אידל", איז צו מיר קיין לאָנדאָן געקומען פיליפּ קראַנץ און ער האָט געבראַכט פון פּאַריז אַזא מין ראַפּאָרט:

— וואָס זאָל זיך הערן — האָט ער אַף מיין פראַגע געענטפערט,—דיזעלביקע מי־טינגען, דיזעלביקע רעדנער אַף זיי, דיזעלביקע דראָשעס און דיזעלביקע צוהערער.

— די באַוועגונג? וואו באַוועגונג, וואָס באַוועגונג?

און דאָס איז געווען צום סאָף פון יענעם פעריאָד, אַל אכאַס קאַמע וועקאַמע אין די פריערדיקע עטלעכע יאָר.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן איז נאַטירלעך ניט געווען פיל געלעגנהייט וואָס צו טון.

———

דער שטראָם פון איינוואַנדערער איז זיך טעגלעך געוואַקסן אין ברייטקייט און אין אימפעט. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די גרויסע עמיגראַציע, וועלכע איז געגאַנגען דעריקער קיין אַמעריקע, אָבער א גרויסער טייל קיין איינגלאַנד.

צווישן די לעצטע זיינען די מערסטע געווען מענטשן, וועלכע האָבן פּאָשעט ניט געהאַט גענוג געלט צו קויפן א בילעט „אַזש ביז ניו־יאָרק", אָבער עס איז געווען אַן אַנדער קלאַס אויך. עס האָבן זיך גענומען באַ אונז באַווייזן יונגעלייט, וואָס האָבן

זיך ניט געיאָגט נאָך געלט, נאָך די גרויסע געלט, וואָס וואַלגערט זיך אין די אַמע־ריקאַנישע גאַסן; יונגעלייט, וואָס פאַר זיי איז געווען פרייהייט וויכטיקער, ווי גאָלד, און אַזוי ווי די „פרייהייט" איז געווען אין ענגלאַנד נעענטער, ווי אין אַמעריקע, זיינען זיי געקומען צו אונז.

און אַזוי האָט עס פּאַסירט, אַז בעאייס אין די זיבעציקער יאָרן זיינען יונגעלייט ווי ליבערמאַן, הורוויטש, ראַבינאָוויטש און די אַנדערע פון אונזער קליינער רויטער קאָלאָניע געווען אַ זעלטנהייט, האָבן זיך איצטער — אין אָנפאַנג פון די אַכציקער יאָרן — גענומען באַווייזן צענדליקער אַזעלכע. אַף דעם אויפן איז מעגלעך געוואָרן אַ וואָכנטלעכע צייטונג (ווי „דאָס פּוילישע אידל") אין 1884, בעאייס אין 1879 יאָר האָט מען ניט געקאָנט צונויפקלייבן 25 דאָלאַר אַף אַרויסגעבן די בראָשור „יהי אור"!

אַף דעם אויפן דערקלערט זיך פּילייכט אויך דער פאַקט, וואָס אין די ערשטע יאָרן פון 1885 ביז 1890 האָט די אַמעריקאַנישע באַוועגונג געצויגן איר גייסטיקע האַשפּאָע קימאט אינגאַנצן פון ענגלאַנד, ניט אכטנדיק דערויף, וואָס אין אמעריקע איז שוין דאַן געווען א פיל, פיל גרעסערע אידישע באַפעלקערונג, ווי אין ענגלאַנד. נאָך מער, די ערשטע סאָציאַליסטישע צייטונג, וועלכע האָט געהאַט א באַדייטונג, איז ערשט מעגלעך געוואָרן, ווען קראַנץ, פייגנבוים און אַנדערע זיינען אַריבערגעבראכט געוואָרן קיין אמעריקע פון ענגלאַנד.

אונזער לעזער־פּובליקום, האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן, איז לײדער א פּובליקום, וואָס קען ניט לעזן. שוין גאָר ניט ריידנדיק דערפון, וואָס פּונקטואַציע איז פאַר זיי געווען אומפארשטענדלעך אין ניין פאַלן פון צען,—האָט זי זיי געשטערט באַם לעזן אַפילע אין יענעם צענטל, וואו קאָמאַס, קאָלאָנס און פּונקטן (: און.) האָבן באַ זיי געהאַט די באַדייטונג פון אַן אָפּשטעל. זיי האָבן, נעמלעך, דעם קאָלאָן געהאַלטן פאַר דעם וויכטיקסטן אָפּשטעל, אַשטייגער, ווי אין דער ביבל דעם סאָף־פּאָסעק. אַ קאָמאַ האָט באַ זיי געהאַט וויניקער צו באַדייטן, אָבער מער ווי דער פּונקט (.), וועלכן, אלס דאָס קלענסטע פּינטעלע, זיי האָבן אבסאָלוט פאַראַכטעט.

וואָס אנבאַטרעפט די שרייבער, זיינען זיי פּאָשעט ניט געווען בימציעס.

דאָס הייסט, נאַטירלעך, פון דעם קריטיקערס שטאַנדפּונקט, ווייל מענטשן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר שרייבער, זיינען געווען איבערגענוג.

און טאַקע אַזוי. ווער קען דאָס ניט שרייבן אידיש? וואָס איז דאָס, אַ שפּראַך? „לאַטיין, אשטייגער, פראַנצויזיש? מע נעמט און מע שרייבט"... און דער שפּאַס דערביי איז, וואָס אפילע צווישן געבילדעטע מענטשן האָבן זיך געהערט אזעלכע מיי־נונגען. מענטשן, וועלכע וואָלטן אין אַן אנדער שפּראַך זיך ניט דערלויבט דעם מינ־דעסטן כעט קעגן גראַמאַטיק, האָבן געקוקט אַף זייער מאַמע־לאָשן ווי אַ מין הענפ־קער־וועלט, וואו קאָשער און טרייף, גוט און שלעכט, קאָרעקטהייט און גרייזן קע־נען זיך געמיטלעך הויזן איינײנעם.

אָבער די הויפּט־זאַך איז געווען דאָס, וואָס שרייבער איז פּאָשעט געווען אומעג־לעך צו קריגן, איבערהויפּט ווייל באַ אונז האָט זיך געפאָדערט ניט נאָר פייאיקייט צו שרייבן, נאָר אויך אַ געוויסער גראַד פון פּרינציפּן־טרייהייט און גלייכגעזינטקייט.

און איך האָב זיך געווענדעט צו פילע אלטע פריינט, אָבער אָן דעם מינדסטן דערפאָלג. אייניקע האָבן ניט געוואָלט וויסן פון אידיש, אנדערע זיינען אין דער צייט, וואָס מיר האָבן זיך ניט געטראָפן — ניט אין דער פרעסע, ניט פּאָנים־על־פּאָנים — אַוועק פון מיר אין געזינונג און האָבן איצט געוואַנדלט אין אַנדערע וועגן.

...איז אין דעם דריטן נומער דערשינען אַ לייט־אַרטיקל „אידיש".

אַרויסגערופֿן איז ער געוואָרן דורך אַ דערהאַלטענעם בריוו, אין וועלכן מע האָט מיך „געהעריק אָפּגעקאַנצלט״ — ווי די דייטשן זאָגן — פֿאַר מיין נעמען זיך צו פֿאַרייביקן אַזאַ ווילדע זאַך, ווי דעם אידישן זשאַרגאָן. דער פֿאָרוואורף איז דערצו נאָך געקומען פֿון אַ יוגנט־פֿריינט מיטן נאָמען מארקוסזאָן, מיט וועלכן צוזאַמען איך און צוויי אַנדערע יונגעלייט האָבן אין 1876 יאָר זיך גענומען צו גרינדן אַ האַנטוועראקער־שול אין קאָוונע.

און מיין אַרטיקל איז אַרויסגעקומען שאַרף, קימאַטליידנשאַפֿטלעך. ער האָט געהאַט אַ פֿאָעטישן כאַראַקטער. ציטירן וועל איך פֿון אים די פֿאָלגנדע שטעל:

„דער זשאַרגאָן איז אַקוראַט אַזאַ לאָשן, ווי יעדער אַנדערער. די, וואָס ריידן אים — און זיי זיינען עפּשער אַזויפֿיל און מער אין צאָל, ווי די, וואָס ריידן פלעמיש, דעניש, נאָרוועגיש, ליטוויש, ניי־גריכיש, סערביש א. אז. וו. — באַנוצן זייער שפּראַך, ווי אַלע אַנדערע מענטשן, צום ריידן און שרייבן.

„דער לאָשן איז צוזאַמענגעמישט פֿון אַלערליי שפּראַכן? גאַנץ ריכטיק, אָבער וואָס מיקויעך אייבגליש? דער זשאַרגאָן האָט ניט קיין גראַמאַטיק, זאָגט איר? מע קען (אַף אידיש) זאָגן ד י מעסער, ד אָ ס מעסער און ד ע ר מעסער? עמעס! אָבער, ערשטנס, וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אומגליק און צווייטנס, וואָס מיקויעך אייער אייבגליש?

„נאָך אַמאָל שו״יט איר, אַז זשאַרגאָן טויג ניט, ווייל ער האָט קיין ליטעראַטור ניט... זייט איר גערעכט. דאָס זאָגן מיר אליין, און דאָס דאַרף אַ אידישע צייטונג, גלויבן מיר, אידן געבן צו פֿאַרשטיין. געפֿעלט אייך אָבער דער לאָשן גופע ניט — זייט איר אומגערעכט. ווער עס וויל, מע זאָל ניט דערקענען, אַז ער איז אַ איד, האָט נאָר א יין מיטל פֿאַר זיך: זיך אַריבערצוקרוישקען אַף דער לעוואָנע״.

———

אין דעם פֿאַל פֿון געדיכטן, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן לישמוי וועלישמאָ פֿאַר דער יונגער באַוועגונג פֿון אידישע אַרבעטער, נאָר וואָס אַריינגעטראָטן אין די רייען פֿון מאָדערנע פּראָלעטאַריער, מוז די געשיכטע, איך וואָלט געזאָגט די ביאָגראַפֿיע פֿון די וויכטיקסטע צווישן דידאָזיקע געדיכטן זיין אַ טייל פֿון דער באַוועגונג גופע.

איך וועל מיר דערפֿאַר נאָר דערלויבן אַרויסצוכאַפּן עטלעכע פֿון זיי און אין קורצע ווערטער שילדערן זייער געבורט־צייט, אָרט און אומשטענדן — און, וואו דאָס וועט אַבסאָלוט נייטיק זיין, דעם גאַנצן אַנטוויקלונג־גאַנג פֿון אַזאַ געבורט, פֿון דער „קאָנצעפּציע״, דורכן טראָגן ביזן האָבן — אין א מאַזלדיקער שאָ.

לאָמיך פּרובירן.

אָט איז, לעמאָשל, דער „כוידעש אָן אַרבעט״, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„איך בעט קיין נעדאָוועס
„פֿון וועגן זכוס־אָוועס,
„פֿאַרהאָרעווען וויל איך מיין ברויט.

און קלאָר שטייט מיר פֿאַר די אויגן אָט אַזאַ מין בילד, לעמאָשל:

עס איז איינס אַזייגער באַנאַכט. אַן אופגערעגטער קום איך פֿון אַ מיטינג. מע האָט גערעדט פֿון דאַלעס, מאַכמעס אין און אַרום ווייטשעפּעל איז איצט „סלעק״ אין דעם שניידער־פֿאַך, און סלעק הייסט אַף אידיש ניט, ווי דער ווערטערבוך וויל האָבן,

אַרבעטלאָזיקייט, נאָר פּאָשעטע הונגער. איך ווייס, וואָס דאָס הייסט: מיין באַקאַנט־שאַפט דערמיט איז מער ווי א טעאָרעטישע.

דאָ אין הויז, וואו איך בין איצט, נאָך דעם מיטינג, דרייען זיך אַרום שנאָרער, רייכע־לייטס טעלער־לעקער, וואָס האַלטן, אָדער שטעלן זיך אָן, אַז זיי האַלטן דעם דאָלעס פאַר אַזאַ נאַטירלעכע דערשיינונג, ווי עס איז דער טויט אַליין. זייער מיטל קעגן „סלעק״ איז גיין צו די „באָארד אָוו גאַרדיענס״ (אַ צדאָקע־אינסטיטוציע פאַר אידן), און וואָס איז שאַיעך צו זיי אַליין, זיינען דאָ רייכע אידן, וועלכע האָבן אַלע יאָר יאָרצייט, וועון זיי דאַוונען מיט אַ מיניען, און פון צייט צו צייט כאַסענעס, בריסן, באַר־מיצווע־יאָנטויוים און אַנדערע אַזעלכע אופּרעגונגען, ווען א מענטשנס האַרץ צעלאָזט זיך, און זיין בייטעלע עפנט זיך, און אַן אויסגעשטרעקטע האַנט ווערט ניט צוריקגעשיקט ליידיק.

און מיינע אידישע אַרבעטער... וואָס זיינען זיי נאָך אַלע מאַיסעס? נעבעכיקע אָרעם־באָכערים און עפּשער מאָרגנדיקע בעטלער. זיי אַרבעטן באַל קאָרכאָם, ווי קאַטאָרזשניקעס, ווייל אינדערהיים זיינען זיי קיין באַלמעלאָכעס ניט געווען, און ניט צום פאַרשוואַרצט ווערן בא לאַנדאָנער סוועטער זיינען זיי אַוועק פון די עלטערנס פיר ווינקעלעך. מע דאַרף זיי ערשט אַריינגעבן דעם געפיל פון אַכטונג פאַר אַרבעט, דעם געפיל פון פאַראַכטונג פאַר די בייכער, וואָס פילן זיך אָן פון די „הענטס״ כורבן. מע דאַרף זיי ווייזן די גאַנצע נידעריקייט פון שנאָרען, פון גיין בעטלען באַ קצינים.

און קעגן אַלע אומבאַקוועמלעכקייטן, אַף אַ טיש, וואָס שאָקלט זיך, בא א לאָמפּ, וואָס ברענט אָן כיישעק, נאָך אַ טאָג פון שווערער אַרבעט, מיט אַ הוסט, וואָס לאָזט זיך אַלע ווײַלע הערן, גייט פון פעדער אַרויס איין שטאָלצער פערז נאָך דעם אַנדערן, ביז עס קומט צו —

איך בעט ניט באַ קיינעם
אַ טיטל א שיינעם,
איך וויל קיין „מוירײנו״ ניט זיין;
איך וויל א באַוואוסטער,
אַלס ערלעכער שוסטער,
אַלס ערלעכער שניידער נאָר זיין.

און עס גייט, און גייט, און גייט, ביז עס קומט אַזאַ מין אויסרוף: —

די נאָדל, דער הובל,
זיי שאַפן דעם רובל,
זיי שאַפן דעם שילינג, דעם פראַנק;
דער שניידער, דער סטאָלער,
אויך ווען ניט קיין פוילער,
פאַרהונגערט, ווען ער ווערט נאָר קראַנק.

און אין צייט פון צוויי וואָכן איז דערצו שוין דאָ אַ (געבאָרגטע) מעלאָדיע, און דאָס ליד איז אין יעדן אַרבעטער־הויז.

צוגעטראָפן! א, ווען איר וואָלט געהערט יענע נאַכט, ווי מיין האַרץ האָט גע־קלאַפּט!

היפּש איבער צוזאַמען מיט מיר אַ גאַנץ יאָר, לאָזט אָן אַ זייט אַסאַך לידער, וואָס האָבן זיך עפּשער אויך איבעס־בריוו, זייער אַנטשטייאונג־געשיכטע.

עס האַלט באַם דערשיינען דער „אַרבעטער־פריינט". פון מיר דערוואַרט מען אַ וואָרט, אַ גוט וואָרט... עס איז, פאַרשטייט איר, קיין אַנדערער ניטאָ.

און איך אַרבעט אין א באַנק־געשעפט, באַ מיליאָנערן אידן, וואָס האַלטן דעם אידישן סאָציאַליזם פאַר א מאַגייפע. אויב אידן אין מיטלאַלטער זיינען באַשול־דיקט געוואָרן אין פאַרגיפטן קוואַלן, זיינען דידאָזיקע מיליאָנערן זיכער, אַז דער סאָ־ציאַליזם פאַרסאַמט ניט נאָר דעם „באר מים חיים", וואָס „רינט פונם לעוואָנוין", נאָר דאָס אידישע לעבן, די אידישע זיכערהייט, דעם כיין, וואָס דער איד האָט באַם „איינגלישן פאָלק".

איך, אַביסעלע מוירע האָבנדיק — צו קיין גנאי זאָל דאָס מיר ניט זיין — פאַר מיין זיכערהייט, פאַר מיין שטעלע, פאַרטראַכט איך זיך וועגן דעם נייעם אָרגאַן, וואָס דאַרף דערשיינען, וועגן דעם אידישן אַרבעטער, וועגן זיין לאַגע און זיין צוקונפט.

אָבער מע דאַרף מאַכן, אַז קיינער זאָל ניט וויסן וואו און ווער עס שרייבט.

קומט אָט וואָס אַרויס:

אופגעשריבן ווערט דער איצט באַקאַנטער „צורוף צום אַרבעטער־פריינט", מיט דעם נאָך האַלבן־דייטשישן פערז:

„איר הער דיינע שטימע, די שטימע דער וואַרהייט",

אַלס אַן אָנהייב, און קעדיי צו באַהאַלטן דעם פאַרפאַסער פאַר אַלעמען, כוץ אַ גאַנץ איינגן קרייז אין לאָנדאָן, ווערט דאָס געדיכט געכאַסמעט מיט די איניציאַלן „מ. וו", וועלכע זיינען דאָ אינגאַנצן אומבאַקאַנט, ווייל אַפילע די כאַווירים קענען מיך נאָר אַלס „בן—נץ", און דער פּלאַץ, פונוואַנען דאָס קומט, איז קלוימערשט פאַריז.

און דאָס ווערט אויך אופגעכאַפּט. אין צייט פון א וואָך אָדער צוויי ווערט דאָס אויך געזונגען. מאַשמאָעס, האָט זיך מיר ווידער איינגעגעבן אויסצודריקן, וואָס דער אַרבעטער־אוילעם האָט געהאַט אַפן האַרצן.

מישט מיט מיר איבער נאָך בלעטער, נאָך אַסאַך בלעטער און שטעלט זיך אָפּ באַם יאָר 1889.

די שטימונג איז אַ געהויבענע. דער הונדערטסטער געבורטסטאָג פון דער גרוי־סער פראַנצויזישער רעוואָלוציע ווערט אין אונזערע הערצער געפייערט פון אָנהייב יאָר אָן.

עס קומט דער פאַריזער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס. פון אונז פאָרט קראַנץ, פיליפּ קראַנץ קיין פאַריז. ער נעמט מיט אונזערע אַלעמענס נעשאָמעס, איבערהויפּט מיינע. איך האָב סטאַם ליב פאַריז... כ'האָב דאָרט א האַלב יאָר געלעבט... געלעבט און געפאַסט האַפּסאָקעס, אָבער געלעבט... און איצט איבערזעץ איך וואָך־איין, וואָך־אויס פאַרן „אַרבעטער־פריינט" וויקטאָר הוגאָס „אומגליקלעכע" און לעב אין פאַריז, וואוין נאָר אין לאָנדאָן.

און אין לאָנדאָן ברענט זיך אין מיטן דערינען פאַנאַנדער דער גרויסער דאָק־אַר־בעטער־שטרייק, און מיר מיינען, אַז אָט־אָט ברעכט אויס די סאָציאַלע רעוואָלוציע, א קאַשע אַף א מאַיסע! באַ אונזער צעהיצטער פאַנטאַזיע איז אַלץ מעגלעך.

מיר געפינען באַלד אַרויס, אַז מע דאַרף פאַר דער אַלטער געזעלשאַפט דערוויייל נאָך כעוורע־קאַדישע ניט רופן. פונדעסטוועגן ווילט זיך וואָס שרייבן.

און איך פּרוביר.

איין סטראָפע קומט אַרויס. גאָרניט שלעכט, כ'לעבן! געכאַפּט דעם ריכטיקן טאָן:

„אין די גאַסן — צו די מאַסן
„פון געדריקטע פעלקער ראסן
„רופט דער פרייהייט־גייסט.

אָבער ווייטער גייט עס ניט. ניט פון אָרט!

וואָכן פאַרגייען. איך האַלט דאָס שטיקל פּאַפּיר אין וועסטל־קעשענע. נעם עס אַלע טאָג אַרויס, שרייב און מעק, מעק און שרייב און גאָרניט, עס ווערט גאָרניט, כאָטש צערייס זיך!

אין קאעס, דעריקער, ווייל דער גרויסער שטרייק דאָ האָט זיך געענדיקט זייער וואָכעדיק און ווייל דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס, מיט דער שפּאַלטונג בא אים, האָט אויך ניט באַרעכטיקט די גרויסע דערוואַרטונגען אונזערע, שרייב איך אויף די „מעשוגאעס": „אָ, ווי ווערט מען א דיכטער!"

דאָס האָט אַ שאַיכעס מיט דעם אָנגעהויבענעם שיר, וועלכן איך קען ניט ענדיקן.

וואָס טוט מען? האָב צוגעשריבן צוויי סטראָפן, אָבער זיי טויגן ניט. דאָס פּאַפּירעלע בלייבט ווידער אין קעשענע.

כאַדאָשים פאַרגייען. דער האַרבסט איז שוין לאַנג אַוועק און דער ווינטער פון 1890 האָט פלאַך געמאַכט פאַרן פרילינג. און אין יוני מאָנאט געפין איך זיך מיט מיין וויב און ביידע קינדער — ביידע אויפעלעך — אין באָרנמוט, באַם ברעג יאַם.

דערווייל איז צו מיר צוגעשטאַנען א שרעקלעכער ציין־ווייטיק, וואָס האַלט שוין אָן זיבן כאַדאָשים. צוויי ציינער אַרויס און לייכטער ווערט ניט. איך לייד נאָך יעדן מאָלצייט צום מעשוגע ווערן.

איין טאָג פאַרגייט פלוצלינג דער שמערץ. איך עס אָפּ און — ווער וואָלט דאָס געגלויבט? — עס טוט ניט וויי, איך טאַנץ ניט.

איך זעץ זיך שרייבן א „מעשוגאעס". שרייבנדיק, ברייננג איך אַרויס, אַז דער פרייהייט־גייסט שלעפּערט מיך איין מיט א ליד. וואָס פאר אַ ליד? דאַרף מען מאַכן. און איך בין נאָענט פון יאַם, און די ציינער טוען מער ניט ווי און... נו, מע דאַרף פּרובירן.

וואַרט! עפשער וועט איצטער די אַלטע אידייע אַרויסקומען. גיי צו דער קעשענע, נעם אַ בליישטיפט מיט פּאַפּיר און אין וויניקער מינוטן איידער עס זיינען ביז איצט פאַרגאַנגען וואָכן, האַלט איך בא דער לעצטער סטראָפע:

איך קום מעלדן — יענע העלדן,
וועלכע שמאַכטן אין די קעלטן
פון סיביר אַצינד,
אַז צעטראָגן — וועט אָסטראָגן
באַלד מיין שטורעם, באַלד וועט שלאָגן
די באַפרייאונגס־שטונד.

און איך בין גליקלעך.

נאָך איין פאַל און לאָז זיין גענוג.

אין 1892 הייבט אָן אין לאָנדאָן אַרויסצוגיין א נייע וואָכנטלעכע צייטונג „דער וועקער".

מער אָדער וויניקער בין איך פאַר דער נייער אונטערנעמונג באַגייסטערט און אין מויעך בא מיר דרייט זיך אַרום א קאַמפּס־ליד, דעריקער ווייל דאָ קומט אָן א נייער

יאָר, און ווער ווייס? עפשער ברייגנט ער מיט זיך עטוואָס מיט. צייט איז שוין. אַ מיליאָן מענטשן לעבן אין איינגלאַנד אַליין, ניט לעבנדיק, פון צדאָקע און „באָ־גאדעלניעס", וואָס מע רופט „וואַרק־הייזער", וואו זיי ברעכן שטיינער, קעדיי ניט צו עסן ניט אַרבעטנדיק און צו אַרבעטן ניט פּראָדוצירנדיק, ווייל מע דאַרף נאָר זייער האָרעוואַניע און ווייטער גאָרניט... יאָ, גרויס איז דער דאַלעס אין דער רייכסטער מעדינע פון דער וועלט... און גרויס זיינען אויך אונזערע האָפענונגען... דער אַרבע־טער וועט פריער אָדער שפּעטער מוזן קומען צום סייכל... זאָל אקאָרשט מיין איסראָ־ליק ניט פאַרשפּעטיקן דעם גרויסן פּראָוועדטס־מאַרש און בלייבן דרויסן אָדער פון הינטן, ער, וואָס דאַרף זיין דער אַוואַנגאַרד, וואָס גייט פאַר אַלע מאַכנעס...

און עס זינגט זיך אַרויס — פון אַ פולן האַרצן, מיט דעם דריפּעק, וואָס קלאַפּט אין טאַקט, באַגלייטנדיק די טענער, ווי זיי גיסן זיך אַרויס איינער נאָך דעם אַנדערן, און גיסן זיך צונויף, און אַ סטראָפע נאָך אַ סטראָפע קומט עס אַרויס אַפן פּאַפּיר. איז דאָס פּאָעזיע? ווּעמען אַרט דאָס? אויב גאָט באַגוגנט זיך מיטן באַשאַפן, איבערלאָזנ־דיק פאַר אָדאָמען דעם „ווי רופט מען דאָס", פאַר וואָס זאָל אַ שוואַכער מענטש, אַ קליינער מענטש, זיך דרייען אַ קאָפּ, צי איר רופט דאָס, וואָס ער באַשאַפט, אַזוי אָדער אַנדערש?

בעקיצער, עס זינגט זיך אַרויס:

וויקלט פאַנאַנדער די פאָנע די רויטע,
שפּילט אויף אַ מאַרש און דערלאַנגט זיך אַ ריר!
וועקט אויף די אָרעמע לעבעדיק־טויטע,
זאָגט צו זיי: ברידער, זעט, דאָ שטייען מיר,
דאָרטן — דער בלוטיקער פיינט;
דאָ איז די פרייהייט, דאָס ליכט, די גערעכטיקייט,
דאָרטן — דער יאָך און די נאַכט און די שלעכטיקייט,
ברידער, מאַרשירט מיט אונז היינט!

או אַזוי ווייטער דורך די פינף סטראָפן.

צוויי יאָר שפּעטער קום איך אָן אין אַמעריקע און צום קאַבאָלעס־פּאָנים מאַכט מען מיר דעם פאַרגעניגן דאָס ליד צו לאָזן פּאָרטראָגן דורך אַ גוט אָרגאַניזירטן כאָר.

די מוזיק איז פאַר מיר אַן איבעראַשונג, נאַטירלעך, אַן אנגענעמע.

נאָך זיבן יאָר שפּעטער, אין 1901 יאָר, האָב איך נאָך אַן אָנגענעמערן סורפּריז. איך האָב זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיטן „בונד".

און דאָ, קימאַט צופעליק, קומט מיר אַריין אין האַנט דער 9־טער נומער „אידי־שער אַרבעטער" מיט אַ בילד, וואָס אילוסטרירט די ווערטער:

„איינציקוויס נעמט זיי צונויף, די צעשפּרייטע,
„זאָגט זיי: אונז רופט היינט די הייליקע זאַך".

הייסט עס, מיין שוואַכע שטימע האָט ווירקלעך דערגרייכט קיין רוסלאַנד!

(„דערינערונגען", „שול און בוך",
מאָסקווע 1925 י.)

ב. ווײנשטײן.

דער קאַמף צווישן אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע.

די אַגיטאַציע, וואָס די אידישע סאָציאַליסטן האָבן אין אָנהייב פון די 80־ער יאָרן אָנגעפירט צווישן די אידישע אַרבעטער, איז געווען אויסשליסלעך אַ מינדלעכע, קיין סאָציאַליסטישע פּרעסע איז נאָך דעמאָלט ניט געווען. דער רעזולטאַט פון יענער אַגיטאַציע איז געווען, אַז די אידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן סימפּאַטיזירט מיט דעם אידעאַל פון סאָציאַליזם, פלעגן זיך אָנשליסן אָן די פּראָפּאַגאַנדע־פאַרײנען און מיטהעלפן צו פירן די אויפקלערונג־אַרבעט צווישן די ברײטע מאַסן אידישע אַרבעטער, וועלכע זײנען דאַן געשטאַנען אױף אַ זײער נידעריקער שטופע פון אַנטוויקלונג.

אין יענע צײטן איז געווען זײער שווער צו קריגן אַ פּובליקום צו אַ מיטינג, און דערפאַר זײנען די געגנאָסן, וועלכע פלעגן זיך אונטערנעמען צו טראָגן סירקולארס (מעלדונגען) צו אַ מיטינג, באַטראַכט געוואָרן פאַר ווירקלעכע טוער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אידישע הענדבילס (אַפישן) צו אַ מיטינג פלעגט מען טײלן אין אידישן קוואַרטאַל אױף די גאַסן, אין די אידישע רעסטאָראַנען, אין די באַרבער־שעפּער און הויפּטזעכלעך אין די טענעמענט־הײזער. מע פלעגט פּאַשעט גײן פון הויז צו הויז, אָנקלאַפּן אין די טירן און דאָרט, וואו מע האָט גערעדט אידיש, פלעגט מען איבערלאָזן אַ הענדביל, און נאָך פּערזענלעך אײנלאַדן די אידן צום מיטינג.

די הײנטיקע טוער פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג קענען זיך ניט פאָרשטעלן, ווי שווער איז אַמאָל אָנגעקומען צוזאַמענרופן אַן אוילעם צו אַ פּאַרטײ־מיטינג. הײנט, אַז מע וויל, שטעלט מען אַרײן אַ נאָטיץ אין צײטונג, און דער אידישער אוילעם קומט. דאַן איז אין ניו־יאָרק געווען נאָר אײן אידישע צײטונג — די „אידישע גאַזעטן". ווי אַזוי דידאָזיקע צײטונג האָט זיך באַצויגן צו די אידישע סאָציאַליסטן און צו זײער קולטורעלער טעטיקײט, קאָן מען זען פון דעם פאָלגנדן פאַקט:

אין יאָר 1882 האָט אַ גרופּע פון אידישע אינטעליגענטן־סאָציאַליסטן, וואָס זײנען נאָר־וואָס אַריבערגעקומען פון רוסלאַנד, זיך געקליבן צונויפרופן אַ פאַרזאַמלונג, אום צו געניסן צום ערשטן מאָל אין זײער לעבן פון דער פרײער רעדע און אום דורכצורײדן זיך וועגן סאָציאַליזם. דערוויסנדיק זיך, אַז אין ניו־יאָרק איז דאָ אַ אידישע צײטונג, וועלכע ווערט וואָרשײנלעך געלעזן פון די „געלע" און אויך פון די „גרינע" אידן, איז אַ קאָמיטעט פון די אײנבאַרופער פון יענעם מיטינג אַוועקגעגאַנגען צו די „אידישע גאַזעטן" בעטן, מע זאָל באַקאַנט מאַכן דעם מאַסע־מיטינג פון די אידישע אימיגראַנטן, וואו עס וועט גערעדט ווערן אין דער רוסישער שפּראַך וועגן דעם אידעאַל פון סאָציאַליזם. ווען דער באַלעבאָס פון יענער צײטונג האָט געקראָגן די געלעגנהײט צו טרעפן זיך מיט די אַריבערגעקומענע רוסיש־אידישע „ציציליסטן", „מעכאַלעל־שאַבעסניקעס", איז ער אַרויפגעפאַלן אױף די „גרינע" מיט אַזעלכע זידלערײען, אַז דער קאָמיטעט איז קאַם אַנטלאָפן פון דאָרט. דער באַלעבאָס פון יענע „גאַזעטן" איז נאָך ניט געווען אײנגאַנצן צופרידן מיט דעם באָרוך־האבע, וואָס ער האָט געגעבן די גרינע „ציציליסטן" בײַ זיך אין אָפיס, האָט ער נאָך אָפּגעדרוקט אין די „גאַזעטן" אַ באַריכט פון יענעם אַגיטאַציע־מיטינג, וועלכער האָט זיך געלעזן אומגעפער אַזוי:

„די „געזעטן" מאַכן אופמערקזאַם זיינע לעזער, אַז זיי זאָלן וויסן, אַז צווישן די גרויסע צאָל נייע אידישע אימיגראַנטן, וועלכע זיינען אַהער ניט לאַנג געקומען, געפינען זיך אַ צאָל „ניהיליסטן", ציציליסטן אָדער, פליינער געזאָגט, „מיסיאָנערן", וועלכע זיינען דאָ אין אמעריקע, זיי זיינען עס די ערשטע אידן, וואָס האָבן מעכאַלעל שאַבעס געווען, אַ פּאַסירונג, וואָס האָט געטראָפן אין אמעריקע צום ערשטן מאָל מיט אידן, אַז זיי זאָלן זיך האָבן פאַרזאַמלט אום פרייטיק צו־נאַכטס. דאַן, ווען אידן דאַרפן באַגעגענען זייער הייליקן שאבעס, האָבן זיי גאַר געהאלטן א מיטינג אין 56 אָרטשארד סטריט און דאָרטן זיינען די „מעשומאָדים" געזעסן מיט די הוילע קעפּ אָן היטלען, מענער, ווייבער און יונגע בסולעס זיינען געזעסן צוזאַמען, האָבן גערעדט אַף „גאָיש", און אלע האָבן זיי געררויכערט אום שאַבעס סיגאַרעטלעך, איי מאך שמאָם, די ליפּן און די מיילער זאָל זיי אָפּנעמען, וועניומאר אָמיין!"

די אידישע אנארכיסטן האָבן די ערשטע צייט פון זייער פּראָפּאַגאַנדע אין 1887־טן יאָר געהאט אסאך סימפּאטיזירער, זייערע אַגיטאַציע־מיטינגען פלעגן באַזוכט ווערן פון אַ גרויסער צאָל אידישע אַרבעטער, און אין יאָר 1889 איז זיי געלונגען ארויסצוגעבן אַן אייגענע צייטונג אונטער דעם נאָמען די „ווארהייט", וועלכע איז געווען אַ ריין־אַנאַרכיסטישע בלאט. יענע „וואַרהייט" האָט אָבער עקזיסטירט בלויז 7—6 מאָנאַטן צייט און איז אונטערגעגאַנגען, ווייל אירע ארויסגעבער, די אַנאַרכיסטישע גרופּע „פּיאָנירע דער פרייהייט" האָבן ניט געהאַט גענוג געלט־מיטלען דידאָזיקע צייטונג אופצוהאַלטן.

די אידישע סאָציאַלדעמאָקראַטן, וועלכע האָבן באַלאַנגט צו דעם 8־טן בּרענטש סאָציאַליסטישער ארבעטער־פּאַרטיי, האָבן דאַן פיל מיטגעאַרבעט מיט די פּאַריייניקטע אידישע געווערקשאַפטן אין דער אַרבעט פון גרינדן יוניאָנס אין פאַרשיידענע טריידס.

באַ דער גרינדונג פון אידישע יוניאָנס פלעגן זיך גלייך ארויסצייגן די צוויי ריכטונגען: די סאָציאַלדעמאָקראַטן און די אַנאַרכיסטן. די גרעסטע צאָל דעלעגאַטן צו די פאַרייניקטע אידישע געווערקשאַפטן זיינען געווען אונטער דעם איינפלוס פון די סאָציאַלדעמאָקראַטן. אין פילע יוניאָנס זיינען אָבער שוין געווען אַ מאַסע אַנאַרכיסטן, וועלכע פלעגן אין די יוניאָנס אַטאַקירן די סאָציאַלדעמאָקראַטן און די טאַקטיק פון פּאָליטישן קאַמף.

אין אַלע אידישע יוניאָנס פלעגן באַ די מיטינגען פאָרקומען היציקע דעבאַטן וועגן „אַנארכיזם" און „סאָציאַליזם". אין דידאָזיקע דעבאַטן פלעגן זיך באַטייליקן די הויפּט־רעדנער פוןביידע ריכטונגען.

איצט איז זיך שווער פאָרצושטעלן, ווי אַזוי עס האָבן דאַן געקאָנט פאָרקומען אַזעלכע פייערדיקע דעבאַטן. דעמאָלט איז די פראַגע געווען די ברענענדיקסטע באַ אַלע פאַרזאַמלונגען פון די יוניאָנס און פונדאָרטן פלעגן די דעבאַטן זייער אָפט אריבערגעטראָגן ווערן אף די זיצונגען פון די פאַרייניקטע אידישע געווערקשאַפטן.

דער נומער 56 אָרטשאַרד סטריט איז געווען זייער שטאַרק פּאָפּולער צווישן די אידישע אַרבעטער, ווייל יענער מיטינג־האָל (זאַל) פלעגט יעדן פרייטיק זיין געפּאַקט מיט אידישע אַרבעטער. צו יענער צייט, ווען צו א מיטינג פלעגן קומען 300 באַזוכער, האָט עס געהייסן אַ גרויסער ערפאָלג. די גרעסטע מיטינגען פלעגן דאָרט פאָרקומען, ווען יאָהאַן מאָסט, איינער פון די הויפּט־לערער פון דעם אַנאַרכיזם־קאָמוניזם, פלעגט לעקטשורען (ער האָט גערעדט אין דייטש). די אָרגאַניזאַציעס זייערע פלעגן די אַנאַרכיסטן אָנרופן „גרופּן". אַזוי האָט די ניו־יאָרקער גרופּע פון די אידישע אַנאַרכיסטן זיך גערופן „פּיאָנירע דער פרייהייט". אויסער די גרופּן, האָבן די אידישע

אַנאַרכיסטן געהאַט איבעראַל געגרינדעט בילדונג־פאַריינען, וואו זיי פלעגן האַלטן פאָרלעזונגען און דיסקוסיעס; די אַנאַרכיסטן פלעגן זייערע מיטינגען רופן „פאָלקס־פאַרזאַמלונגען״.

„פאַרוואָס לאָזן די פאַרדאמטע סאָציאלדעמאָקראַטן ניט צו די סאָציאַלע רעוואָ־לוציע?״ — פלעגט דער אידישער אוילעם שרייען, בא די אַגיטאַציע־מיטינגען פון די אידישע אַנאַרכיסטן, צו די סאָציאַלדעמאָקראַטן, וועלכע פלעגן קומען דעבאַטירן מיט זיי.

די דעבאַטן פלעגן פאָרקומען אין די שוירט־מאַכערס יוניאָן, צו וועלכע עס האָבן באַלאַנגט די מערהייט אינטעליגענטן, די אָנפירער פון די אידישע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציעס. יעדן פרייטיק אָוונט, באַ די מיטינגען פון די שוירט־מאַכער יוניאָן (אין אַ גרויסן האָל ריווינגטאָן סטריט) פלעגן פאָרקומען דעבאַטן צווישן אַב. קאַהאַן און אַנאַרכיסטישע רעדנער. אָבער דעם גרעסטן ערפאָלג פלעגט האָבן מ. זאַמעטקין, וועלכער איז דאַן אליין געווען אַ שוירט־מאַכער און אַ מעמבער (מיטגליד) פון דער שוירט־מאַכער יוניאָן. אַזוי שנעל ווי ער פלעגט ארוף אף דער בינע, פלעגט ווערן לעבעדיק, פריילעך, אין זיינע אַרגומענטן פאַר דעם סאָציאַליזם און קעגן אַנאַרכיזם האָבן וואונדערבאַר געווירקט. ער פלעגט ריידן דאָרטן אַ וואָך איבער אַ וואָך, און ווען קאַהאַן פלעגט קומען צו די שוירט־מאַכער, פלעגט ווידער ווערן פריילעך, די דעבאַטן פלעגן אָנהאַלטן ביז 2 פאַרטאָג, ביז דער האָלקיפּער (היטער) פלעגט אויסלעשן די גאַז (קיין עלעקטרישע באַלייכטונג איז נאָך דאַן אין אונזערע איסט־סייד ניט געווען).

לעבעדיק פלעגט אויך ווערן באַ די אַגיטאַציע־מיטינגען פון די אנארכיסטן אין 56 אָרטשארד סטריט, ווען מ. זאַמעטקין פלעגט קומען א וואָך איבער א וואָך צו דעבאַטירן מיט די אַנאַרכיסטן; דאַן פלעגן אריבערקומען פון איסט בראָדוויי די כסידים פון די אידישע סאָציאַלדעמאָקראַטן, וועלכע האָבן אויך געהאַט אַזעלכע אַגי־טאַציע־מיטינגען יעדן פרייטיק צו־נאַכטס, אַפריער אין 101 העסטער־סטריט, און נאָכ־דעם אין 165 איסט־בראָדוויי, און דאָרט פלעגט עס גיין ביז טאָג, ווייל דער אייגנ־טימער פון 56 אָרטשארד סטריט האָל האָט דאַן אליין, ווי עס האָט געשיינט, געהאַט דערעכערעך פאַר די אַנאַרכיסטן.

דער רעזולטאַט פון דידאָזיקע אַלע דעבאַטן איז געווען, וואָס די זייט פון די סאָציאַלדעמאָקראַטן האָט צוגעקראָגן אַלעמאָל מער סימפּאַטיזירער. די שוואַך־באַ־זוכטע אגיטאַציע־מיטינגען פון דעם 8־טן בּרענטש ס. ל. פּ. האָבן אָנגעהויבן מאַסנהאַפט באַזוכט ווערן. די לעקטשורס (לעקציעס) פון אב. קאַהאַן, מ. זאמעטקין, שעוויטש, יאַנאַס, הילקוויט און מילער זיינען דאַן געוואָרן די פּאָפּולערסטע באַ די אידישע מאַסן, וועלכע האָבן שטאַרק געגומען סימפּאַטיזירן מיט די סאָציאַליסטישע אידייען און ספּעציעל מיט דער טאַקטיק פון די סאָציאַלדעמאָקראַטן.

אין 1889־טן יאָר האָט עקזיסטירט בלויז איין פּראָגרעסיווע אידישע צייטונג אונ־טער דעם נאָמען „דער מאָרגן־שטערן״.

אַף קריסטמעס (ווייניאַכטן) פון 1889־טן יאָר האָט די גרופּע „פּיאָנירע דער פריי־הייט״ גערופן אַן אלגעמיינע קאָנווענשאָן (פאַרזאַמלונג), צו וועלכער זיי האָבן איינ־געלאַדן אלע אידישע ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון אמעריקע: אַנאַרכיסטישע, סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, בילדונג־פאַריינען און יוניאָנס. אפן טאָג־אָרדנונג פון דער קאָנווענ־שאָן איז געשטאַנען די פראַגע וועגן אַרויסגעבן אַן „אומפּאַרטייאישע״ אַרבעטער־צייטונג פון סאָציאַלדעמאָקראַטן און אנארכיסטן צוזאַמען.

עס איז ווערט צו באמערקן, אַז צו יענער צייט האָבן שוין עקזיסטירט אין פאַר־שיידענע שטעט פון לאַנד, ווי ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, באַלטימאָר, ניו־הייווען, האַרט־פאָרד, ניובריטאַן, טשיקאַגאָ און אז. וו. אידישע גרופּן פון דער סאָציאַליסטישער אר־בעטער־פאַרטיי, אנאַרכיסטישע אידישע גרופּן, בילדונג־פאַריינען און אויך אידישע יוניאָנס, מייסטנס פון נאָדל־טריידס. די אלע אָרגאַניזאַציעס, אָן אויסנאַם, האָבן גע־שיקט דעלעגאַטן צו יענער קאָנווענשאָן — 32 אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען דאָרטן פאַרטראָטן. די קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין קלוב פון די „פּיאָנירע דער פרייהייט", וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער גרויסער געביידע פון עסעקס מאַרקעט, וואו עס איז דאַן געווען אַ קאַזאַרמע פאַר סאָלדאַטן.

יענע קאָנווענשאָן האָט געדויערט גאַנצע זעקס טעג און זעקס נעכט. דער האָל, וואו די קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן, איז געווען אַ גאַנץ גרויסער, וואו עס האָבן געקאָנט אַריינקומען איבער 200 מענטשן און עס איז געווען געפּאַקט מיט באַ־זוכער. אום צו קענען וויסן ווער עס זיינען די דעלעגאַטן און ווער עס זיינען די געסט, האָט מען דעם פּלאַץ, וואו די דעלעגאַטן זיינען געזעסן, אַרומגענומען אַרום און אַרום מיט גראָבע שטריק, קעדיי די דעלעגאַטן זאָלן זיך ניט אויסמישן מיט די געסט. דער רויך פון די סיגאַרעטן און דער טומל פון אוילעם האָט ניט געשטערט די „הייסע" רעדעס, וועלכע זיינען בא יענער קאָנווענשאָן געהאַלטן געוואָרן.

די אַנאַרכיסטן האָבן דאַן גוט פאַרשטאַנען, אַז זיי אַליין וועלן ניט זיין אימשטאַנד אַרויסצוגעבן און אויפהאַלטן אַן אייגענע צייטונג, זיי האָבן גערעכנט, אַז אַרויסגעבנ־דיק אַ צייטונג צוזאַמען מיט די סאָציאַלדעמאָקראַטן, וועט זיי געלינגען צו קריגן אין דער צייטונג די אויבערהאַנט און דערמיט געווינען דעם אוילעם פאַרן אַנאַרכיזם. דאָס קאַמישסטע פון אַלץ איז געווען, וואָס, ווערלנדיק זיך פאַרייניקן מיט די סאָציאַלדע־מאָקראַטן אין דער אויסגאַבע פון אַן „אומפּאַרטייאישער" צייטונג, האָבן די אַנאַר־כיסטן ניט אופגעהערט זייערע „גוואַלדיקע" אַטאַקעס אַף די סאָציאַלדעמאָקראַטן. זיי האָבן נאָך אַלץ געשריגן, אַז די סאָציאַלדעמאָקראַטן האַלטן צוריק די „סאָציאַל־רע־וואָלוציע". רעדנערס האָבן די אידישע אַנאַרכיסטן געהאַט אַ גאַנץ היפּשע צאָל: ר. לואיס, דר. זאָלאָטאַראָוו, מ. גירזשדאַנסקי, ש. יאַנאָווסקי, ש. פרענער, דר. שטאָלער, צווי גאָרדאָנס, צווי ווייַנבערגס,ביידע פון פילאַדעלפיע. זיי און פיל אַנדערע אַנאַר־כיסטישע רעדנער האָבן גערעדט און נאָך אַלע זייערע אַטאַקעס אַף די סאָציאַלדעמאָ־קראַטן האָבן זיי געשלאָסן זייערע רעדעס, אַז מע מוז אַרויסגעבן אַן „אומפּאַרטיי־אישע" צייטונג. סאָציאַלדעמאָקראַטישע רעדנער זיינען אויך געקומען און זיינען אויך ניט שולדיק געבליבן קיין ענטפערס, אופּווייזנדיק די אַנאַרכיסטן ווי לעכערלעך ס'וואָלט געווען אַרויסצוגעבן אַ געמיינשאַפטלעכע צייטונג פון ביידע פּאַרטייען, וועל־כע וועט אונטער אַזעלכע אומשטענדן ניט קאָנען עקזיסטירן און וועט אַף קיין פאַל נוצן דער אַרבעטער־באַוועגונג ניט ברייגנען.

דער אינטערעס אָבער צו יענער קאָנווענשאָן איז געווען אַ גרויסער. די רעדעס און די אַרגומענטן פון די דעבאַטאַנטן זיינען געווען היציקע. דער גרויסער זאַל איז די גאַנצע צייט געווען געפּאַקט מיט מענטשן. די זיצונגען האָבן זיך געצויגן באַטאָג און באַנאַכט. מ'איז בלויז אַ פּאָר מאָל אין מעסלעס אַרויס כאַפּן אַ ביס, ווייטער איז מען געזעסן אין זאַל. די דעלעגאַטן זיינען מיד געווען און זיינען אַף די שטולן געשלאָפן. אָבער מיטאַמאָל פלעגט ווערן אַ טומל — דאָס האָט געהייסן אַן אַרגומענט פאַר אַן אַנאַרכיסט אָדער אַ סאָציאַלדעמאָקראַט. עס איז געווען אַ שווערע אופגאַבע צו האַלטן אָרדנונג אַף יענער באַרימטער קאָנווענשאָן. עס זיינען דאָרטן געווען צוויי

סארדזשענט־עט־ארס, אָרדנונג־האַלטער, איינער פון די סאָציאַלדעמאָקראטן און אַ צווייטער פון די אַנאַרכיסטן. זיי האָבן געהאט דעם שווערסטן „דזשאָב" אף יענעם „פּאַרטיי־טאָג". דער אָרדנונג־היטער פון די סאָציאַלדעמאָקראטן איז געווען אַ יונגער בעוורעמאַן, אַ הויכער, מע האָט אים גערופן דער „לאנגאָץ", און מע פלעגט פאר אים דערעכערעץ האָבן. ער איז געווען אַן אַדעסער און אַלע האָבן געשוויגן, אַז ער האָט געוואָלט. דער אַנאַרכיסטישער אופפאסער איז געווען אַ קליינטשקער, אַ דאַרער, מע האָט אים גערופן „טוט־פּיק". מיט זיין כאָכמע האָט ער געווירקט אף אַלעמען און מע האָט אים געפּאָלגט, ער האָט זיך אלעמאָל באַרימט, אַז ער קומט פון ווילנע, וואו עס זיינען פאראן נאָר כאַכאָמים...

אַפן זעקסטן טאָג פון יענער היסטאָרישער קאָנווענשאָן איז עס געקומען צו אַ שפּאַלטונג פוןביידע פּאַרטייען. די סאָציאַלדעמאָקראטן האָבן זיך צוריקגעצויגן פון דער קאָנווענשאָן. מיט זיי זיינען מיטגעגאנגען אלע אידישע יוניאָנס.

פון איין קאָנווענשאָן איז געוואָרן צוויי, און ביידע קאָנווענשאָנס האָבן באשלאָסן אַרויסצוגעבן אייגענע אַרבעטער־צייטונגען.

די סאָציאַלדעמאָקראטן און די יוניאָנס מיט די פאראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן, וועמען מען האָט גערופן די „פּאַרטייאישע", האָבן באשלאָסן ארויסצוגעבן אַ סאָציאַליסטישע און טרעד־יוניאָניסטישע וואָכנטלעכע צייטונג אונטער דעם נאָמען „די אַרבעטער־צייטונג".

די אַנאַרכיסטישע גרופן מיט די בילדונג־פאריינען, וועלכע מע האָט גערופן „פּאַרעווע לאָקשן", האָבן באשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ וועכנטלעכע „אומפּאַרטייאישע" צייטונג, אונטער דעם נאָמען „די פרייע אַרבעטער־שטימע".

די סאָציאלדעמאָקראטן האָבן גלייך אראָפּגעבראכט פון לאָנדאָן פיליפּ קראַנצן אַלס רעדאַקטאָר, און דער ערשטער נומער פון „אַרבעטער־צייטונג" איז דערשינען אין ניו־יאָרק דעם 7־טן מאַרט 1890.

„די פרייע אַרבעטער־שטימע" איז דערשינען אין כוידעש יולי 1890, מיט צוויי רעדאַקטאָרן. אלס אַנאַרכיססישן רעדאַקטאָר האָבן זיי אויסגעקליבן כ. לואיס, און אַלס סאָציאַלדעמאָקראטישן רעדאַקטאָר—איצכאָק־אייזיק הורוויטשן.

מיילע, ניו־יאָרק איז שוין געווען אָל־רייט. מע האָט געמאכט אַן ערפאָלג מיט דער אַגיטאַציע פאַרן סאָציאַליזם. וואָס איז אָבער געווען מיקויעך די אנדערע שטעט? מע האָט דאָך געדארפט דאָרטן עפּעס אויך אָנהייבן. עמעס, עס האָבן זיך אין אַלע גרויסע און קלענערע שטעט פון לאַנד אָרגאניזירט סעקציעס פון דער „סאָשעליסט לייבאָר פּאַרטיי". די סאָציאַלדעמאָקראטישע אָרגאניזאציעס האָבן אָבער אין קיין שטאָט ניט געהאט קיין אידישע רעדנער, פלעגט די ניו־יאָרקער אידישע סעקציע ס. ל. פּ. זיי שיקן רעדנער פון ניו־יאָרק.

דער שרייבער פון דידאָזיקע שורעס איז געווען דער סעקרעטאר און אָרגאניזאַטאָר פון דער אידישער סעקציע. איך געדיינק נאָך, ווי דאָס וואָלט געווען נעכטן, ווי די ערשטע שטאָט אויסער ניו־יאָרק, וואוהין איך האָב געשיקט אַ סאָציאַליסטישן רעדנער, איז געווען באָסטאָן. דאָס איז געווען אין סאָף פון יאָר 1889. דאָרט איז געווען אַ אידישע סעקציע ס. ל. פּ. זיי האָבן געוואָלט אַ רעדנער, און איך האָב געשיקט אב. קאהאנען. ער האָט דאָרט געהאלטן א סאָציאַליסטישע רעדע און האָט שטארק אויסגענומען בא די דאָרטיקע אידישע אַרבעטער.

פילאַדעלפיע איז דעמאָלט געווען די גרעסטע פעסטונג פון די אידישע אנאַרכיסטן; זייער גרופּע „ריטער דער פרייהייט" האָט אויך געהאט אסאך אידישע רעדנער.

די אַגיטאַציע־מיטינגען פון פילאַדעלפיע פלעגן זיין שטאַרק באַזוכט, און די ניו־יאָרקער אַנאַרכיסטישע רעדנער פלעגן דאָרט אויך ריידן יעדע וואָך, מייסטנס זונטיק באַטאָג; אויך אין פילאַדעלפיע פלעגן די סאָציאַלדעמאָקראַטן בא זייערע אַגיטאַציע־מיטינגען אַריינכאַפּן אַ פּאָרציע דעהפּאַר, וואָס זיי דערלאָזן ניט קומען די „סאָציאַלע רעוואָלוציע".

די פילאַדעלפיער אידישע סאָציאַלדעמאָקראַטן האָבן אויך געהאַט, ווי שוין געזאָגט, אַ סעקציע פון דער ס. ל. פּ. די אָרגאַניזאַציע איז אָבער געווען זייער אַ שוואַכע. קיין אידישע רעדנער זיינען ניט געווען, פלעגן אַהין קומען די ניו־יאָרקער אב. קאַהאַן, מ. זאַמעטקין, מ. הילקוויט. לואי מילער, ב. זאַלצמאַן און אַנדערע. עס פלעגט אויך זיין זייער פרייליך בא די סאָציאַלדעמאָקראַטישע אַגיטאַציע־מיטינגען אין פילאַדעלפיע, ווייל די אידישע אַנאַרכיסטן און זייערע סימפּאַטיזירער פלעגן אָנפּאַקן די סאָציאַליסטישע מיטינגען און פלעגן דערגיין די יאָרן די סאָציאַליסטישע רעדנער, שטעלנדיק פראַגן אין מיטן דער לעקטשור. צוליב דעם פלעגן פּאָרקומען סקאַנדאַלן, ווייל די אָנהייגער פון אַנאַרכיזם פלעגן פּרוּאוון צו שטערן די סאָציאַליסטישע מיטינגען. עס האָט אָבער אויך ניט גענומען לאַנג, ביז אַדאַנק דער אַגיטאַציע פון דער „אַרבעטער־צייטונג" האָבן די פילאַדעלפיער סאָציאַלדעמאָקראַטן אויך געוואונען אַ היפּשע צאָל אָנהייגער און סימפּאַטיקער פאַר דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, און די אַגיטאַציע־מיטינגען פון דער פילאַדעלפיער אידישער סעקציע ס. ל. פּ. זיינען שוין געוואָרן זייער ערפאָלגרייך.

ריידנדיק וועגן דער ווירקונג פון דער אַרבעטער־פּרעסע אף דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, מוז מען אויך דערמאַנען די ערשטע אידישע אַרבעטער־פּאָעטן און סקיצן־שרייבער. זייערע געדיכטן און סקיצן האָבן פיל געהאָלפן צו וועקן דעם אידישן אַרבעטער צום קאַמף.

איך וויל אָנהייבן מיט די פּאָעטן. די ערשטע יאָרן פון דער באַוועגונג, דאָס מיינט אין די 80־קער יאָרן, פלעגט קיין אַרבעטער־בלאַט ניט דערשיינען אָן אַ געדיכט, אָדער אַ ליד, וואָס זאָל וועקן דעם אידישן אַרבעטער צום קאַמף. יעדע פּראָקלאַמאַציע אפילע אָדער פּאַמפלעט, וואָס די סאָציאַלדעמאָקראַטן, אָדער די אַנאַרכיסטן פלעגן פון צייט צו צייט אַרויסגעבן, איז טאָמיד באַצירט געווען מיט אַן „אַרבעטער־געדיכט".

איך דערמאָן זיך, ווי איך האָב אין אַמעריקע, דאַכט זיך, עס איז געווען אין יאָר 1883, צום ערשטן מאָל געקויפט אף אַ צייטונג־סטענד אַ לאָנדאָנער צייטונג, וואָס האָט זיך גערופן „דער פּוילישער אידל", אַרויסגעגעבן פון אַ פּריוואַטער פּערזאָן. איך האָב דאָרט געפונען צום ערשטן מאָל ווינטשעווסקיס אַ געדיכט. איך האָב דאָס בלעטל אַ צייט מיט יאָרן אַרומגעטראָגן בא זיך אין פּאַקעט, ביז דער פּאַפּיר איז צעריבן געוואָרן, אַזוי טייער איז ער מיר געווען.

מיט אַ יאָר שפּעטער, אין יאָר 1884, איז אין לאָנדאָן דערשינען צום ערשטן מאָל די קאָהאָלשע אַרבעטער־בלאַט, דער לאָנדאָנער „אַרבעטער־פריינט". דאָרטן פלעג איך שוין געפינען קימאַט יעדע וואָך אין יעדן נומער אַ געדיכט פון מאָריס ווינטשעווסקין, דעם „זיידן פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג". אַלע לי־דער זיינען געווען וועגן פּראָלעטאַריער און וועגן רעוואָלוציע. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם איינדרוק, וואָס אף מיר האָט געמאַכט „די ליד פון דער העמד", גע־

שריבן פון איינגלישן פּאָעט טאָמאַס הוד און איבערזעצט אין אידיש פון מ. ווינ־טשעווסקי אין „אַרבעטער־פריינט״.

די גענאָסן פלעגן דידאָזיקע „ליד פון דער העמד״ פאָרלעזן באַ אונזערע סאָציאַ־ליסטישע אַגיטאַציע־מיטינגען. אייניקע פון זיי זיינען צוליב יענע לידער דאַן געוואָרן גאַנצע דעקלאַמאַטאָרס.

דער „אידישער אַרבעטער־פאַריין״ האָט דאַן געגרינדעט אַ קאָמיטעט (איך בין געווען איינער פון דעם קאָמיטעט), וואָס פלעגט פעדלען מיט די „אַרבעטער־פריינטס״ אין די הייזער און אויך מאַכן קאָלעקשאָנס באַ די מיטינגען פאַרן „אַרבעטער־פריינט״.

יעדע וואָך, ווען מיר פלעגן קריגן א פרישן „ארבעטער־פריינט״ און געפינען דאָרט ווינטשעווסקיס א געדיכט, איז עס באַ אונז געווען אַן עמעסער יאָנטעוו, אַלץ, וואָס מיר האָבן דאַן געוואונשן, איז צו האָבן דאָס גליק צו זעען דעם פאַרפאַסער מאָריס ווינטשעווסקין פערזענלעך.

שפּעטער אביסל האָבן מיר געטראָפן אין „אַרב. פריינט״ מאָריס ראָזענפעלדס גע־דיכטע. זיינע אַרבעטער־געדיכטן אין „אַרבעטער־פריינט״ האָבן אונז אַלעמען דאָ, אין דער באַוועגונג שטאַרק באַגייסטערט. איך געדיינק נאָך, ווי עס וואָלט געווען ניט לאַנג צוריק, ווי איך האָב אין איינעם פון די נומערן פון „אַרבעטער־פריינט״, וועלכן מיר פלעגן קריגן פון לאָנדאָן, געפונען מאָריס ראָזענפעלדס אַ געדיכט מיטן נאָמען „דער מאַשינער״ (אַף אַמעריקאַניש—דער אַפּערייטאָר).—פרעגט שוין גאָרניט, מיר האָבן דעם געדיכט געלעזן צווישן די גענאָסן, וועלכע פלעגן דעמאָלט זיך צוזאַמענקומען אין פיליפּ זאַקס קאַפע, אַף עלדרידזש, ניט ווייט פון גרענד סטריט. צו יענער צייט זיינען נאָך די אידישע סאָציאַלדעמאָקראַטן געווען צוזאַמען מיט די אידישע אַנאַרכיסטן, מע האָט נאָך דאַן צוזאַמען באַלאַנגט צום באַרימטן „אידישן אַרבעטער־פאַריין״. אַהין פלעגן אָנקומען פון לאָנדאָן אַלע נומערן פון „אַרבעטער־פריינט״.

דער געדיכט „דער מאַשינער״ איז אונז אַלעמען אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן, אַז איינער פון אונז האָט געמאַכט א פאָרשלאַג, אַז בא דער נאָענטסטער אגיטאציע־פאַרזאַמלונג, וועלכע מיר וועלן האָבן, זאָל מען דעקלאַמירן דאָרטן דעם „מאַשינער״ פון מאָריס ראָזנפעלד. פרעגט שוין גאָרניט. אַלע גענאָסן האָבן זיך אונטערגענומען צו דעקלאַמירן דעם געדיכט. איך האָב זיך דאַן געשניטן אַף אַ „רעדנער״, האָב איך אַף מיין געלעגער גאַנצע נעכט שטודירט דעם „מאַשינער״, און דאָס אייגענע האָבן געטון נאָך אַנדערע גענאָסן. און מע האָט עס טאַקע דעקלאַמירט אַף אַ מיטינג פון שניידער. באַ דער מאַסע שניידער פון יענעם מיטינג האָט דער „מאַשינער״ זייער שטאַרק אויסגענומען און מע האָט דעם דעקלאַמאַטאָר שטורמיש אַפּלאָדירט.

סאָף זומער פון יאָר 1886 איז מאָריס ראָזענפעלד אָנגעקומען פון לאָנדאָן קיין ניו־יאָרק. איך האָב זיך באַקענט מיט אים אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך זיין אָנקומען אין דער רעדאַקציע פון דער ניו־יאָרקער אידישער „פאָלקס־צייטונג״. ער האָט נאָך דאַן אויסגעקוקט זייער יונג. אַזאַ איינפאַכער, אַ שאַפּ־אַרבעטער, וואָס דאָס גופע איז באַ אונז געווען פאַררעכנט פאַר אַ שטיקל איכעס. ער איז געווען א בייסטער (שניידער) באַם פאַך און האָט אויך געאַרבעט אַלס פּרעסער באַ רעק. עס איז געווען אָן אָוונט, איז ער געקומען אַ פאַרשמירטער פון שאַפּ, ער האָט געבראַכט אַן איינגעוויקלטן פּעקעלע מיט געדיכטע צום דרוקן. דער דעמאָלטיקער רעדאַקטאָר פון יענער צייטונג, מאָזעס מינץ, האָט ליב געהאַט, אַז אַן אַרטיקל אָדער אַ ליד פאַר זיין צייטונג זאָל פאַרנעמען אַ גאַנץ זייט אָדער גאָר צוויי זייטן פון דער „פאָלקס־צייטונג״. מאָריס ראָזענפעלד האָט דאַן ניט גע־טראָפן דעם רעדאַקטאָר, האָט ער פאַר אונז, אַ פּאָר אייגענע מענטשן אין רעדאַקציע,

פאַרגעלעזן זיינע נייע געדיכטן. און געלעזן האָט ער זיי מיט א זעלטענער היסלאַוועס. מיר, אַלע צוהערער, זיינען פאַשעט אַנטציקט געוואָרן פון זיינע געדיכטן. ראָזענפעלד האָט דאָס פעקל לידער איבערגעלאָזן פאַרן רעדאַקטאָר, און איך האָב אים איינגעלאַדן צו גיין מיט אונז אין דער קיבעצאַרניע, אין זאַקס קאַפע. ער האָט מיר אַפן וועג דערציילט, אז ער איז אין אמעריקע ערשט א פאָר וואָכן. ער האָט זיך שוין געטראָפן מיט אייניקע גענאָסן, וועלכע ער האָט געקענט פון „בערגער סטריט קלוב" פון לאָנדאָן.

איך האָב מיין נייעם פריינט פאָרגעשטעלט פאַר אַסאַך גענאָסן, וועלכע מיר האָבן דאַן געטראָפן אין יענעם קאַפע. קימאַט אַלע האָבן שוין פריער געהאַט געלעזן אין „אַרבעטער־פריינט" זיינע געדיכטן, מיט אַ פאָר אַנאַרכיסטישע גענאָסן האָט ער זיך שוין פריער געטראָפן. ער איז דאַן אינגאַנצן געווען א פאָר וואָכן אין לאַנד, אָבער ער האָט שוין געהאַט אַ פּלאַץ אין אַ שניידער־שאַפּ. ווי איך האָב פאַרשטאַנען פון זיינע רייד, האָט ער דאַן סימפּאַטיזירט מיטן אַנאַרכיזם.

אייניקע פון אונז האָבן געבעטן ראָזענפעלדן, אַז ער זאָל פאָרלעזן פאַר אונז זיינע לידער. ער האָט זיך ניט געלאָזט פיל בעטן — און האָט באַם טיש פאַר אונז גלייך פאָרגעלעזן דעם „סוועט־שאַפּ", וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון לאָנדאָן. אַזוי האָבן מיר מיט אים פאַרבראַכט עטלעכע שטונדן.

פון דאַן אָן פלעגט מאָריס ראָזענפעלד קימאַט יעדע וואָך דרוקן א ליד אין דער ניו־יאָרקער אידישער „פאָלקס־צייטונג". דערנאָך האָט ער רעגלמעסיק געשריבן אַר־בעטער־געדיכטן אין דער „ווארהייט", די ערשטע אַנאַרכיסטישע אַרבעטער־צייטונג, וועלכע איז דערשינען אין יאָר 1888. ער האָט אויך געשריבן אין דעם אידישן „מאָרגנשטערן", אַן אַרבעטער־צייטונג, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן פון אַ פריי־וואַטע פערזאָן. פאַר זיינע ארבעטער־לידער האָט אָבער מאָריס ראָזענפעלד גאָרניט געקראָגן געצאָלט, און ער האָט שטענדיק געדאַרפט ארבעטן אין שאַפּ, פריער אלס בייסטער און דערנאָך אַלס א פרעסער פון רעק.

מיטן דערשיינען פון דער „אַרבעטער־צייטונג" איז מאָריס ראָזענפעלד געוואָרן דער אָפיציעלער פּאָעט פון דער אַרבעטער־צייטונג. קימאַט אין יעדן נומער האָט ער געהאַט א געדיכט. אין „אַרבעטער־צייטונג" זיינען דערשינען זיינע בעסטע אַרבעטער־לידער, זיינע געדיכטן פלעגן די ארבעטער זינגען אין די שעפער, און אין די טע־נעמענט הייזער, און בא פאַרזאַמלונגען און אַרבעטער־קאָנצערטן. אינגיכן האָבן מיר אויסגעפונען, אַז מאָריס ראָזענפעלד איז ניט נאָר א פּאָעט, נאָר אויך א וואונדער־באַרער דעקלאַמאַטאָר, און פון דאַן אָן פלעגט ניט פאַרבייגיין קיין איין אונטערנעמונג פון די סאָציאַליסטן אָדער פון אַ יוניאָן, וואו דער גרויסער אַרבעטער־פּאָעט מאָריס ראָזענפעלד זאָל ניט דעקלאַמירן זיינע סוועט־שאַפּ־לידער.

נאָך אַדאַיעם קלינגען מיר אין מיינע אויערן די ווערטער פון זיין געדיכט, וועלכע ער פלעגט אָפט דעקלאַמירן:

איך ווייס ניט,
מיך אַרט ניט,
איך בין אַ מאַשין.

באַ יעדער אונטערנעמונג פלעגט דער אוילעם בעטן ראָזענפעלדן צו דעקלאמירן דעם „בלייכער אָפּערייטאָר", וואָס איז געווען ענלעך צום לאָנדאָנער „מאַשינער", דעם „סוועט שאפּ" אין נאָך און נאָך. אָבער מאָריס ראָזענפעלד האָט ניט דעקלאמירט בלויז באַ ארבעטער־אונטערנעמונגען אין ניו־יאָרק.

אין יעדער שטאָט אין אמעריקע, וואו עס איז געווען א אידישער אַרבעטער־פאַריין, אַ סאָציאַליסטישע סעקציע, פלעגן זיי אנגאַזשירן מאָריס ראָזענפעלדן צו קומען דעקלאמירן. אין פילאַדעלפיע איז מאָריס ראָזענפעלד געווען זייער פּאָפּולער אַלס אַן אַרבעטער־דיכטער און זייער באַליבט אַלס דעקלאַמאַטאָר. צו יענער צייט האָט שוין מאָריס ראָזענפעלד געהאַט אופגעגעבן די אַרבעט אין שאַפּ, און ער פלעגט מאַכן אַ קלאָגעדיקן לעבן אלס דעקלאַמאַטאָר בא ארבעטער־אונטערנעמונגען.

מאָריס ראָזענפעלד פלעגט זיך אונז קלאָגן נאָך אין יענע יאָרן, אז ער פילט זיך קראַנק, דאָך האָט ער דאַן געמוזט ווידער צוריק אוועקגיין אין שאַפּ אַרבעטן, ווייל ער האָט פון די אונטערנעמונגען ניט געקאָנט מאַכן קיין לעבן.

מיט יאָרן שפּעטער האָט די „בראָדער הוד אָוו טיילאָרס”, די שניידער־יוניאָן, וועלכע איז דאַן געווען אונטער די „יונייטעד נאכמענט ווארקערס”, מאָריס ראָזענפעלדן אויסגעקליבן אַלס וואָקינג־דעלעגאַט (ביזנעס־איידזשענט), ער זאָל אַרומגיין אטענדן אין די שניידער־שעפּער. מאָריס ראָזענפעלד איז אָבער בלויז אַ פּאָר מאָנאַטן געווען אַ באַצאָלטער באַאַמטער אין דער שניידער־יוניאָן, אין וועלכער ער האָט דאַן גענו־מען אַן אַקטיוון אנטייל. ער האָט ניט ליב געהאַט דעם דזשאָב און האָט אים אינ־גיכן אופגעגעבן.

מאָריס ראָזענפעלד האָט זיך זיין גאַנצן לעבן געמאַטערט אַ לעבן צו מאַכן.

ער האָט באַזונגען די נויט און דעם עלנט, פון וועלכע ער אליין האָט אַלע זיינע יאָרן געליטן.

קימאַט אין דערזעלבער צייט מיט ראָזענפעלדן האָט זיך באַוויזן אין דער אי־דישער אַרבעטער־פּרעסע אַ צווייטער דיכטער, דאָוויד עדעלשטאַט. דאָס איז געווען אַ זעלטענע נאָבעלע פּערזענלעכקייט, און ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען לויט זיינע איבערצייגונגען אַן אַנאַרכיסט, האָבן אים אויך די סאָציאַלדעמאָקראַטן שטארק געאַכטעט און רעספּעקטירט.

דאָוויד עדעלשטאַטס ארבעטער־און רעוואָלוציאָנערע לידער פלעגן אַרויסרופן די העכסטע באַגייסטערונג צווישן די אידישע אַרבעטער, זיין באַרימטע ליד:

מיר ווערן געהאַסט און געטריבן,
מיר ווערן געפּלאָגט און פאַרפאָלגט;
און אַלעס דערפאַר וואָס מיר ליבן
דאָס שמאכטענדע אַרבעטער פאָלק.

ווי אויך פילע אַנדערע לידער זיינע פלעגן די ערשטע יאָרן דעקלאמירט ווערן באַ אַלע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, אונטערהאַלטונגען און אין די היימען פון די אַרבעטער.

דאָוויד עדעלשטאַט פלעגט שרייבן לידער און אויך פּראָזע אין דער אנאַרכיס־טישער אידישער אַרבעטער־צייטונג „די ווארהייט”, וועלכע איז אַרויסגעגאַנגען אין ניו־יאָרק אין יאָר 1889. עדעלשטאַט איז אויך געווען עטלעכע כאַדאָשים דער רע־דאַקטאָר פון דער דערמאָנטער צייטונג און קימאַט אין יעדן נומער פלעגן זיין גע־דרוקט זיינע לידער.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז דאָוויד עדעלשטאַט געשטאָרבן פון דער פּראָלע־טאַרישער קראַנקייט, ווי מע רופט עס דאָ, קאָנסאָמפּשאַן, פון וועלכער ער האָט אַ לאַנגע צייט געליטן.

נאָך איינער צווישן די אידישע דיכטער פון אַרבעטער־און רעוואָלוציאָנערע לי־דער איז געווען דאָ אין ניו־יאָרק — דער פּאָעט יאָסעף באָוושאָווער. אויך ער האָט

געשריבן אין אַלע אַרבעטער־צייטונגען, סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע, אַליין אָבער האָט ער זיך געהאַלטן פאַר אַן אַנאַרכיסט. זיינע לידער פלעגן זיין געווידמעט די אַרבעטער און די רעוואָלוציאָנערן.

באָוושאָווער איז, ליידער, נאָך גאָר אַ יונגער פארלאָרן געגאַנגען פאַר דער ליטעראַטור. ער איז אַראָפּ פון זינען און האָט אַסאַך יאָרן פאַרבראַכט אין אַן אַנשטאַלט פאַר מעשוגאָים, וואו ער איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געשטאָרבן

אין דער „ארבעטער-צייטונג" האָבן זיך אויך געדרוקט פילע לידער פון י. ל. פּערעץ. די גרויסע מאַסע אָבער, וועלכע איז נאָך דעמאָלט געשטאַנען אויף אַ גאָר נידעריקער שטופע פון אַנטוויקלונג, האָט, ליידער, נאָך ניט געקאָנט אָפּשאַצן דעם ווערט פון דעם גרויסן טאַלאַנט.

די לידער און די דעקלאַמאַציע פון די אַרבעטער־פּאָעטן אין אַמעריקע האָבן פיל מיטגעהאָלפן צו שאַפן דאָ די אַרבעטער־באַוועגונג.

(„40 יאָר אין דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג", ניו-יאָרק 1924 י.)

ד״ר כ. ד. הורוויץ.

„דער פריינד".

אין אָנהייב, באַלד נאָכדעם ווי דער „פריינד" האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין, האָט זיך אַלעמען געדוכט, אַז די ערשטע אידישע טעגלעכע צייטונג איז, ווי מע זאָגט, „געבוירן געוואָרן אין אַ העמדעלע". צענדליקער יאָרן האָט מען בא אונז ניט ווייניק געמאַטערט זיך אַרויסצובאַקומען אין די העכערע ביוראָקראַטישע קרייזן אַן ערלויבעניש אף אַ אידישער צייטונג און מע האָט עס בעשומויפן ניט געקאָנט דערגרייכן. אַפילע אונזערע צוויי דעמאָלטיקע וועכנטלעכע זשורנאַלן האָבן געמוזט דרוקן זיך אין אויסלאַנד, און כאָטש אפילע זיי פלעגן אַרויס ספּעציעל פאַר רוסלענדישע אידן און אויך פריי אריינגעלאָזט ווערן אין לאַנד, האָט מען דאָך ניט געקענט פויעלן, מע זאָל דערלויבן אַריבערפירן זיי אין אידישן טכום. היינט אַז עס געלינגט פלוצים גאָר אומגעריכטערהייט אַרויסצוקריגן בא פלעווען מיט פּאָבעדאָנאָסצעוון, וואָס זיינען קלאָל ניט געוועזן קיין גרויסע פריינט פון צייטונגען, און ביפּראַט נאָך פון אידישע, אַ העסקעם אַף אַ איד. טעגלעכער צייטונג, וואָס זאָל דערצו נאָך אַרויסגעגעבן ווערן אין פּעטערבורג, האָט מען עס ווירקלעך געמעגט רעכענען פאַר אַ באַזונדער גליק.

וואָס־זשע פאָרט איז געוואָרן פונם „פריינד"? קיין אייגנטלעכער צייטונג־מאַרק איז בא אונז דענסטמאָל ניט געווען. מע האָט אים ערשט געמוזט באַשאַפן. קיין אידישע לעזער פון אַ טעגלעכן בלאַט זיינען נאָך ניט געוועזן. מע האָט ניט געוואוסט, ווער זיי זיינען און וואָס זיי פאַרלאַנגען פון אַ אידישער צייטונג.

אָנהייבנדיק מיט אַ טיראַזש בא 16—17 טויזנט עקזעמפּלאַרן, וואַקסט דער „פריינד" פון כוידעש צו כוידעש, דערגרייכנדיק דעם טעגלעכן טיראַזש פון קאָרעוו צו 50 טויזנט עקזעמפּלאַרן. דאָס איז געווען אַ גלענצנדיקער דערפאָלג. מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דער „פריינד" איז נאָר אַ קורצע צייט געווען אַ בעניאָכיד באַם אידישן לעזער־קרייז. נאָך אין דעם אייגענעם יאָר, דוכט מיר, אָבער זיכער אף דעם אַנדערן יאָר, גייט שוין אַרויס אין פּעטערבורג „דער טאָג" (רעדאַגירט צוזאַמען מיטן העברייאישן „המליץ" פון לעאָן ראַבינאָוויטש), שפּעטער הייבט אָן דערשיינען אין

אַזאַ אידישן צענטער, ווי וואַרשע (אונטער דער רעדאַקציע פון נ. סאָקאָלאָוו) — „דער טעלעגראַף״, נאָך אים — „דער וועג״ (אונטער דער פירונג פון צווי פּרילוצקי), נאָך שפּעטער באַוויזן זיך שוין אַנדערע צייטונגען, דערין אויך די טעגלעכע אַרבעטער־צייטונגען („דער וועקער״, די ווילנער „פאָלקסצייטונג״ א. אז. וו.). פונדעסטוועגן שאַדט עס ווייניק דעם „פריינד״ און ער בלייבט עטלעכע יאָר די פאַרשפּרייטסטע טאָג־אויסגאַבע אין אידישן טכום.

אַרויס איז דער „פריינד״ אונטער דער ציאָניסטישער פאָן.

די ערשטע אידישע טאָג־צייטונג האָט אָבער צו טון געהאַט מיט אַ צאָלרייכן קרייז לעזער פון דער פאָלקס־מאַסע. ניט רעדן מיט זיי וועגן די פראַגן פון דער געגנוואַרט איז געווען פּאָשעט אוממעגלעך. פּרוּווט זיך דער ציאָניסטישער „פריינד״ מאַכן אלערליי פשרות צווישן ציאָניזם און זיין פיינטלעך פאַרהאַלטן זיך צו יעדער גאָלעס־אַרבעט. ער קאָן אָבער דאָך ניט געפינען די ריכטיקע שפּראַך מיט זיינע לע־זער, דעם ריכטיקן וועג צו זיי.

נעמען מיר, אַשטייגער, די אידישע שפּראַך. פון דעם גאַנצן פאַרהאַלטן זיך פונם „פריינד״ לאָזט זיך באמערקן אן אופריכטיקע און הייסע איבערגעגעבנקייט צו אונ־זער מוטערשפּראַך און איר ליטעראַטור. אין „פריינד״ ווערט די אידישע שפּראַך געפּילט, געשליפן און פאַרפולקומט, ווי ווייט עס איז פאַר אים אַזאַ זאַך מעגלעך געווען. מע פלייסט זיך נישט נאָר ערנסט, אָבער אויך שיין שרייבן. אַפילע אזא אויסערלעכער אומשטאַנד, ווי די אָרטאָגראַפיע, דאָס ווערטער־אויסלייגעניש, לאָזט נישט דער „פריינד״ אויסער אַכט. ער ברייגגט אַריין אין דער אָרטאָגראַפיע אַ גע־וויסע שיטע און סיידער. עפּשער ניט אינגאַנצן געלונגענע, אָבער דאָך ניט אין אַן ערעך בעסער ווי די ביז־אַהעריקע ווערטער־אויסלייגענישן, וואו ס׳האָט געהערשט אַ פולשטענדיקע אַנאַרכיע. „דער פריינד״ גיט אויך אָפּ אַ ברייטן אָרט אַף זיינע שפּאַלטן פאַר בעלעטריסטיק. דרוקט די ווערק פון אונזערע בעסטע שרייבער (י. ל. פּערעץ, שאָלעם־אַליכעם, שאָלעם אַש, אַווראָם רייזען און אַנד.), געפינט נייע ליטע־ראַרישע קרעפטן (ראָכל בראָכעס, שפּעטער ראָכל פייגענבערג און אנדערע). אין „פריינד״ געפינט זיך אויך פּלאַץ פאַר לידער: ש. פרוג, דאָוויד פרישמאַן, מאָריס ראָ־זענפעלד און אנדערע אידישע דיכטער זיינען דאָ אָפטע און געוויינשטע געסט. כ. נ. ביאַליק לאָזט דרוקן אין „פריינד״ אידישע לידער („גלוסט זיך וויינען גע־שמאַקער פון האַרצן״, „מיין גאָרטן״). און בא דעם אַלעמען פילט „דער פריינד״ נישט גענוג מוט אָפּן אַרויסצוטרעטן פאַר אונזער אידישער שפּראַך און אירע רעכט.

אין פּראָגראַם־אַרטיקל (1903—נום. 2) זאָגט אַפילע „דער פריינד״:

„מיליאָנען פון אונזערע ברידער, וואָס רעדן און טראַכטן זשאַרגאָן, וואָס פאַר־שטייען נישט קיין אַנדער שפּראַך — זיי זוכן נישט קיין העכשיירים און האַסקאָמעס אף זייער שפּראַך און פרעגן נישט קיין העטיירים אַף איר בא מעכאַברים און פּי־לאָלאָגן. זיי פילן אויך, ווי נייטיק פאַר זיי איז אַ טעגלעכע צייטונג״ א. א. וו.

פון איין זייט דאַרפן דידאָזיקע ווערטער באַדייטן אַזויפיל, ווי — דאָס פאָלק וויל, און פאַר דעם ווילן פונם פאָלק מוזן מיר זיך אלע בייגן. פון דער אנדער זייט אָבער בלייבט די אידישע שפּראַך פאַרן „פריינד״ אַ זשאַרגאָן, און די צייטונג אליין, נישט קוקנדיק אַף די מיליאָנען פונם פאָלק, וואָס רעדן בלויז אידיש און טראַכטן אפילע אידיש, זוכט גאַנץ אָפט העטיירים אַף איר.

מע קאָן נישט זאָגן, אַז „דער פריינד״ האָט אין זיין ציאָניסטישער טקופע גאָר קיין אָרט נישט געגעבן פאַר פאַרשיידענע פראַגן פון אונזער איצטיקער צייט. מע

געפינט דאָרט אַרטיקלען — וועגן אידישער סטאַטיסטיק, וועגן גרינדן אינפאָרמאַציאָנס־ביוראָס פאַר אידישע עמיגראנטן, וועגן אידישע אָרגאַניזאַציעס פאַר פייער־לעשונג (ד״ר א. בראמסאָן), וועגן קעגנזייטיקער לעבנס־פאַרזיכערונג. קיין איינציק וואָרט אָבער וועגן אונזער קעהילע־לעבן און די מיטלען, ווי אזוי עס צו רעאָרגאַניזירן, וועגן דעם שוץ פון אונזערע רעכט, וועגן אידישן האַנטווערק, אָדער גאָר וועגן אידישן פראָלעטאַריאַט. „דער פריינד״ אַליין טרעט ארויס מיט אַן אָריגינעלן פראַקטישן פאָרשלאַג — וועגן גרינדן „אַרטעלן פון פאַקנטרעגער״ (מויכריי־ספאָרים). אַכוץ דעמדאָזיקן פראָעקט (וואָס ווערט גופע אין „פריינד״ אָפּגעבאַטלט פון ש. ראַזענפעלד און ערנסט באשיצט פון דער רעדאַקציע) — געפינט מען ניט אין „פריינד״, אין זיין ערשטער טקופע, קיין ערנסטע פאָרשלאַגן בענויגייע צו פראַקטישער ארבעט אַפן געביט פון אידישער עקאָנאָמיק, אויב מען זאָל נישט רעכענען די אָפּט־געדרוקטע פראַקטישע אייצעס פון אַ פעטערבורגער אינזשענער, ווי אזוי מע מאַכט קוואַס פון ברויט, ווי אַזוי מע שווארצט אָפּ אילומינענע קיילים, ווי מען פאַרקלייעט גומי־זאַכן אוכעדוימע.

אַזעלכע מינע אייצעס האָבן פיל בעסער געפּאַסט אין מאַטוסזאַנס און ניידיטשעס „פרנאָסע־ביכלעך״, איידער אין אַן ערנסטער, ליטעראַריש־פּובליציסטישער צייטונג...

לאַנג אָבער האָט „דער פריינד״ נישט געקאָנט בלייבן אין אַ שטענדיקן אינעוויניקסטן ווידעראנאנד מיט זיינע אייגענע לעזער פונם פאָלק.

אומבאמערקט עפשער פאַר זיך אַליין, האָט ער זיך געמוזט אונטערגעבן אונטער דער שטילער, אומופהערלעכער ווירקונג, וואָס דער לעזער האָט אַף זיין צייטונג. און שוין אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום נאָך זיין ערשיינען, בעאייס עס האָט אַזוי אומגעריכט פאַר אַלעמען אויסגעבראָכן דער ערשטער קישינעווער פּאָגראָם, רעדט די ערשטע אידישע טאָג־צייטונג וועגן דעם גאָרנישט מיט קיין ציאָניסטישער שפראַך...

אונטער דעם גוואלדיקן איינדרוק פון אונזער נייעם גרויסן פאָלקס־אומגליק האָט „דער פריינד״ געמאַכט דעם ערשטן שריט צום פאָלק. דאָס אליין צווינגט שוין די ערשטע אידישע טעגלעכע צייטונג אַביסל אָפּרוקן זיך פון אָפיציעלן ציאָניזם און בייטן איר ריכטונג...

די אייגנטלעכע ריין־ציאָניסטישע טקופע פונם „פריינד״ האָט זיך דערמיט געענדיקט.

(„פנקס״. ווילנע, 1913).

ל. הערש.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידן אין רוסלאַנד—סאָף 19־טן אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט און די אידישע אויסוואַנדערונג.

94% פון דער אידישער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד וואוינט אין „טכום״.

לויט דער פאָלקסציילונג פון 1897 איז 11,6% פון דער באַפעלקערונג אין „טכום״ באשטאנען פון אידן. אין לאַנדווירטשאַפט זיינען געווען סאַכאַקל באַשעפטיקט 36 טויזנט אידן — 2½ פראָצענט פון דער עקאָנאָמיש־אַקטיווער אידישער באַפעלקערונג. דאָס מאַכט אויס וויינקער ווי 1% (גענויע 0,6 פר.) פון אלע באַשעפטיקטע אין דער לאַנדווירטשאַפט פון „טכום״.

בעאייס בא דער ניט־אידישער באַפעלקערונג פון טכום זיינען אפילע קיין 2 פּראָצ. פון דער עקאָנאָמיש־אַקטיווער באַפעלקערונג ניט באַשעפטיקט מיט האַנדל, איז בא אידן באַשעפטיקט דערמיט קימאַט אַ דריטל — 31½% פּראָצ. פון אלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע, ד. ה. 18 מאָל אַ גרעסערער כיילעק פון דער באַפעלקערונג ווי בא ניט־אידן. בעאייס בא דער ניט־אידישער באַפעלקערונג איז באַשעפטיקט מיט אינדוסטריע בלויז אַ ניינטל פון די עקאָנאָמיש־אַקטיווע — 11,1%, איז בא אידן באַשעפטיקט דערמיט מער פון אַ דריטל — 36 פּראָצענט, ד. ה. 3 מאָל אַ גרעסערער כיילעק, ווי בא ניט אידן. אף אזא אויפן, האגאם אף 100 ניט־אידן אין טכום זיינען פאַראַן בלויז 13 אידן, קומט אָבער אויס אַף 100 ניט־אידן באַשעפטיקטע מיט אינדוסטריע — 46 אידן, און אף 100 ניט־אידן באשעפטיקטע מיט האַנדל — 268 אידן.

נאָר וואָלטן ווייניקסטנס די אידן געווען גלייכמעסיק פארטיילט צווישן די פאַרשיידענע צווייגן פון דער אינדוסטריע און האַנדל גופע. איז אָבער די זאַך ניט אזוי.

בעאייס בא דער ניט־אידישער באַפעלקערונג איז בלויז אַ פינפטל — 20% — פון דער אינדוסטריעלער באַפעלקערונג פארנומען מיט באַקליידונג־אינדוסטריע, איז בא אידן דערמיט פאַרנומען אַ קנאַפּע העלפט — 45½% פון אלע באַשעפטיקטע מיט אינדוסטריע, אזוי אז אַף 100 ניט־אידן, וואָס זיינען פארנומען אין דער באַקליידונג־אינדוסטריע, קומט אויס 106 אידן.

דיזעלביקע ניט גלייכמעסיקע פארטיילונג פון דער עקאָנאָמיש־אַקטיווער באַפעלקערונג זעען מיר אויך אין די האַנדל־פּראָפעסיעס. פון אלע מינים האַנדל האָט זיך די אידישע באַפעלקערונג קאָנצענטרירט אין יענע צווייגן, וואָס זיינען אף דעם איינגסטן אויפן פאַרבונדן מיט דער דאָרפישער, ניט־אידישער באַפעלקערונג: אַ קנאַפּע העלפט — 45% — פון אלע אידן, וואָס זיינען באַשעפטיקט מיט האַנדל, זיינען פארנומען אין האַנדל מיט לעבעדיקע בעהיימעס, טוואועס און אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, בעאייס בא דער אַרומיקער באַפעלקערונג, וועלכע שטייט נעענטער צום דאָרף, איז דערמיט באַשעפטיקט בלויז אַ דריטל — 34%.

ווי מיר זעען איז אין טכום ביכלאל פאַראַן צופיל הענדלער און באַשעפטיקטע מיט באַקליידונג־פּראָדוקציע; אַ טייל פון די אידישע הענדלער און שניידער קאָן אַלזאָ דאָרטן ניט געפינען קיין כאיונע, ווען דער ניט־אידישער מאַרק וואָלט אפילע אינגאַנצן אָפּן געבליבן פאר אידן. דער ניט־אידישער מאַרק פאַרשמעלערט זיך אָבער אַלץ מער פאר דער אידישער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד.

די לאַגע פון דער פויערשער ווירטשאַפט, פאר וועלכער עס קומען אָן אומעטום שווערע צייטן מיטן ניצאָכן פון דער געלט־ווירטשאַפט און מיט דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, איז אין דידאַזיקע פּריציש־קאַפּיטאַליסטישע לענדער (רוסלאַנד, גאַליציע, רומעניע) געוואָרן באזונדערס קריטיש. דער אַגראַר־קריזיס, וואָס רואינירט סיסטעמאַטיש דעם פויער אין דידאַזיקע לענדער, האָט צו זיך קיין ענלעכעס ניט. אין קיין אנדער געגנט פון אייראָפּע געפינען מיר ניט אַזאַ דאַלעס בא דער פויערשער באַפעלקערונג, ווי אין רוסלאַנד, גאַליציע און רומעניע. אַ באַזונדערס שאַרפן כאַראַקטער האָט, ווי באַוואוסט, אָנגענומען דערדאַזיקער אַגראַרער קריזיס אין רוסלאַנד, וואו די פולע רעכטלאָזיקייט פון די ברייטע פאָלקס־שיכטן ביכלאל און ספּעציעל די האַלב־לייבאייגנטימערישע לאַגע פון די פויערים פון איין זייט, און די גאַנצע

צאָל־און שטייער־פּאָליטיק פון דער מעלוכע—פון דער אַנדערער, האָבן געבראַכט די ברייטע פויערשע מאַסן צו אַ פולן כורבן.

ווי האָט דאָס געמוזט ווירקן אַף דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די אידן? דער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון דער אידישער באַפעלקערונג הייננגט אָפּ ניט נאָר פון דעם פויערס קויפונג־קראַפט, נאָר אויך, אַזוי צו זאָגן, פון זיין פאַרקויפונג־קראַפט. די קנאַפּע העלפט פון אלע אידן, וואָס זיינען באַשעפטיקט מיט האַנדל, האַנדלען מיט אזעלכע פּראָדוקטן, וואָס דער פויער פאַרקויפט. פאלט אָבער דעם פויערס ווירטשאפט אָדער זי לעבט איבער אַ קריטישע צייט פון ניט גערעטענישן און דער פויער איז געצוואונגען אליין אופצועסן די פּראָדוקטן פון זיין ווירטשאַפט, האָט ניט וואָס צו פארקויפן, — דאַן האָבן ווייניק וואָס צו טון די אלע הענדלער, וואָס ציען געוויינלעך זייער כאיונע פון אופקויפן די פויערשע פּראָדוקטן. דערצו דאַרף מען נאָך צוגעבן, אז ווען דער פויער האָט ניט וואָס צו פארקויפן, רופט דאָס נאַטירלעך אַרויס אין שטאָט אַ יאַקרעס אַף לעבנס־מיטלען, און פון דעםליידט ווידער די אידישע באַפעלקערונג, צוגלייך מיט דער ניט־אידישער שטאָטישער באַפעלקערונג, און דער אַרבעטער־קלאַס מער ווי אלע אנדערע סאָציאַלע קלאַסן.

וווערט פאַראָרעמט דער פויער, דעמאָלט ווערט שוין דורכדעם גופע פאַראָרעמט אויך דער איד.

...פון 15 גובערניעס, וואָס ציילט דער טכום (אויסער פוילן), האָבן 10 דעם העכסטן — אין אלרוסלענדישן מאַסשטאַב—פּראָצענט פון פויערים אָן ערד; פון 35 גובערניעס, וואָס געפינען זיך אויסערן טכום, זיינען פאַראַן אזעלכע גובערניעס נאָר 8.

שוין פון דידאָזיקע אָנגאבן זעען מיר ביז אַ געוויסן גראד ניט נאָר דעם לאָגישן, נאָר אויך דעם פאַקטישן צוזאַמענהאנג צווישן דער אָרעמקייט פון דער פויערשער און דער אידישער באַפעלקערונג, צווישן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון פויער און דער אידישער וואַנדערונג. דעמדאָזיקן צוזאַמענהאַנג קאָנען מיר קאָנסטאַטירן אַף פארשיידענע אופאַנים. דייטלעכער זעען מיר עס אָבער בעאייס מיר פאַרגלייכן די וואַקלונגען פון די גערעטענישן אין רוסלאַנד און די וואַקלונגען פון דער אידישער עמיגראַציע. פארשטייט זיך, אַז אַכוץ די ניט־גערעטענישן ווירקן אַף דער וואַקלונג פון דער אידישער עמיגראַציע אויך אסאך אַנדערע אומשטענדן ווי, צום ביישפּיל, די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פארהעלטענישן אין רוסלאַנד, די האַנדלס־קאָניונקטור אין רוסלאַנד און אַמעריקע און ד. גל. ניט נאָר אין די יאָרן פון די שאַרפסטע אומגערעטענישן אין 2—1891 און אין 7—1905 יאָרן געפינען מיר אויך דעם גרעסטן אופשטייג פון דער אידישער עמיגראַציע, נאָר אין פאַרלויף פון דעם גאנצן פעריאָד סאָף XIX און אָנהייב XX יאָרהונדערט געפינען מיר קיין איינציק יאָר ניט, ווען די גערעטעניש זאָל האָבן געפאַלן אין פאַרגלייך מיטן פאָריקן יאָר, און די אידישע עמיגראַציע זאָל זיך ניט האָבן געהויבן. אַן אויסנאַם שיינט צו זיין בלויז דער יאָר 7—1906: די אומגערעטעניש האָט זיך יענעם יאָר נאָך באַמערקבאַר פאַרשארפט און די אידישע עמיגראַציע האָט זיך אין דערזעלבער צייט פארקלענערט אין פאַרגלייך מיט פאָריקן יאָר. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דאָס פאָריקע יאָר — 1905 — איז געווען ניט בלויז אַ יאָר פון אומגערעטעניש, נאָר אויך דער בלוטיקער יאָר פון די אָקטיאבר־פּאָגראָמען.

אַן ערגערע גערעטעניש — אַ גרעסערע עמיגראַציע — אַזוי קלינגט אין קורצן איינער פון די וויכטיקסטע נאַטירלעכע געזעצן, וואָס הערשט איבער דעם אידישן לעבן בא די געגעבענע באַדינגונגען.

אין 1890—1891 יאָר, האַגאַם די גערעטעניש האָט זיך עטוואָס פאַרבעסערט, האָט זיך די אידישע עמיגראַציע פון רוסלאַנד פאַרגרעסערט אַף 9 טויזנט מאַן, און מיר דערקענען באַלד די ווירקונג פון די אידישע אַרויסשיקונגען פון מאָסקווע און פון די דערפער, וואָס האָט זיך דעמאָלט שוין אָנגעהויבן. אין 1899—1900 דערקענען מיר דעם איינפלוס פון אינדוסטריעלן קריזיס, אין 1902—3—די לויפעניש, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין פרילינג באַלד נאָך קישענעווער פאָגראָם; אין 1904—5 — די ווירקונג פון דער מילכאָמע מיט יאַפּאַן. לעסאָף, אינם יאָר 1909—10 דערקענען מיר די געמיינזאַמע ווירקונג, וואָס האָבן געהאַט פון איין זייט די פאַרפאָלגונגען פון אידן אין רוסלאַנד, די מאַסן־אַרויסשיקונגען פון קיעוו, פון די דערפער און פון די אויסערטכומיקע ערטער ביכלאַל, און פון דער אַנדערער — די אויסבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע אין אַמעריקע נאָך דעם קריזיס, וואָס האָט געהאַט אויסגעבראָכן דאָרט אין 1907.

אָט אַזוי פאַרצייכנט די ליניע פון דער אידישער עמיגראַציע די וויכטיקסטע דערשיטערונגען, וואָס קומען פאָר אין אידישן לעבן. אין אַלע איבעריקע יאָרן, ווען די דערשיטערונגען זיינען ניט פאָרגעקומען, וואַקלט זיך די ליניע פון דער אידישער עמיגראַציע צוזאַמען מיט די וואַקלונגען פון די ניט־גערעטענישן.

דער דאַלעס פון דער ברייטער פויערשער מאַסע, וועלכער האָט אין רוסלאַנד קימאַט אומופהערלעך געוואַקסן זינט דער באַפרייאונג פון די פויערים און צוזאַמען מיט דער ראַשער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין דער געלט־ווירטשאַפט, האָט אַלזאָ געמוזט אַרויסרופן אויך אַ וואַקסנדיקע אידישע עמיגראַציע. דידאָזיקע אויסוואַנדערונג האָט געמוזט ווערן באַזונדערס הויך דעמאָלט, בעאייס די פאַראָרעמטקייט פון די פויערים האָט דערגרייכט איר העכסטע מאַדרייגע, ד. ה. אין אָנהייב פון 20־טן יאָרהונדערט (1903), ווען די וואַקסנדיקע פויערשע נויט האָט לעסאָף אָנגעהויבן זיך אויסדריקן אין מעכטיקע אַגראַראומרוען, וועלכע האָבן זיך מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַ ברייטע און דויערנדיקע, האַלב־באַוואוסטזיניקע און האַלב־סטיכייאישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

פראַגן און אופגאַבן.

1. פראָגרעסיווע און רעאַקציאָנערע טענדענצן אין דער האַסקאָלע-באַוועגונג. אַרטיקלען: מ. ליטוואַקאָוו, י. צינבערג; מאַטעריאַלן און ווערק: לינעצקיס „פּריטשעפּע״, מענדעלעס „קליאַטשע״.
2. פאַרגלייך: די אידישע עקאָנאָמיק ערעוו פויערים-באַפרייאונג לויט סאָסיס און דאָס בילד פונם עקאָנאָמישן לעבן פון די אידישע מאַסן אין מענדעלעס קאַבצאַנסק.
3. דער „קול מבשר״ און זיין ראָלע אין דער פאָרמירונג פון דער אידישער ליטעראַטור אין די 60 יאָרן.
4. די פיינטלעכע באַציאונג פון די מאַסקילים צו אידיש און די באַציאונג צו אונזער פאָלקס-שפּראַך פון מענדעלע, לינעצקי, ליפשיץ און שאָלעם-אַלייכעם.
5. דער אופקום פון דער אידישער בורזשואַזיע לויט ש.-א. „קינדער-שפּיל״, „סענדער בלאַנק״ און ספּעקטאָרס „ראָמאַן אָן א נאָמען״.
6. אָנהייב פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און איר אָפּקלאַנג בא אונזערע ערשטע רעוואָלוציאָנערע דיכטער-עמיגראַנטן (ווינטשעווסקי).
7. דער קראַך פון האַסקאָלע און די פאַרשטאַרקונג פון די נאַציאָנאַליסטישע שטרעמונגען אין די 80 יאָרן („פאָלקסבלאַט״, גאָלדפאַדנס היסטאָרישע פּיעסן, ספּעקטאָרס „אידישער מוזשיק״).

8. דער וואוקס פון סאָציאַלער און אידעאָלאָגישער דיפערענציאַציע אין די 90 יאָרן און איר ווירקונג אַף דער אידישער ליטעראַטור (זע—ראַפעס).

9. די אַרבעטער-דיכטונג אין אַמעריקע—ווינטשעווסקי, באָװשעווער, עדעלשטאַט, ראָזענ-פעלד, ליעסין און איר ווירקונג אַף דער אידישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד (פּערעץ, רייזען. זע—ווײנשטיין).

10. דאָס אַרײַנדרינגען פון אַרבעטער-געשטאַלטן און אַרבעט-מאָטיוון אין דער אידישער ליטעראַטור (פּינסקיס דערציילונגען, פּערעצעס „באם פרעמדן כופּע-קלייד", „דריי נייטאָרנס", „דאָס שטריימל", „יאָנטעוו-בלעטלעך").

11. די אָרעמע אידישע פאָלקס-מאַסע באַ רייזענען און ש.-אַ.

12. די איבערוואַנדערונג פון שטעטל אין דער גרויסער שטאָט און די קאַפּיטאַליזירונג פונם קליינעם שטעטל באַ פּערעצן, ש.-אַ. און רייזענען.

13. „דער יוד", זיין אָרט אין דער ציאָניסטישער באַוועגונג און זיין ראָלע אין דער אידישער ליטעראַטור.

14. דער נאַציאָנאַל-דעמאָקראַטישער „פריינד", זיינע קולטור-טרעגערישע טענדענצן און זייער ווירקונג אַף דער אידישער ליטעראַטור.

SHOLEM ALEICHEM MITLSHUL
שלום עליכם מיטלשול
1 UNION SQUARE, N. Y.

II. מענדעלע.

מענדעלע מויכער־ספאָרים (אַבראַמאָוויטש שאָלעם־יאַקאָוו)

(2/I 1836 — 8/XII 1917).

(ביאָגראַפיע)

געב. אין קאַפּוליע, מינסקער גוב. די גענויע דאַטע פון זיין געבורט אונטער א סאָפּעק; אַלס קאַבאָלע אין זיין פאַמיליע איז עס דער 20־טער דעצעמבער (אַלט. סטיל) 1836 (ווי אַבר. אַליין האָט געזאָגט ביאַליקן, איז ער עלטער אַף א יאָר 8—7).

זיין פאָטער—איינער פון די אָנגעזעענסטע באַלעבאַטים אין שטעטל, באַל־טאַקסע און קרויני־שער ראָוו דאָרט, א קענער פון טאַנאַך און א גרויסער באַל־לאָשן, האָט געגעבן דעם זון זיינעם די טראַדיציאָנעלע אידישע דערציאונג, האָט אים אָבער אויך געלאָזט לערנען טאַנאַך און אַפילע דיקדוק, וואָס זיינען דעמאָלט פארעכנט געווען פאר פריי־זיניקע לימודים.

צו זיין 14־טן לעבנסיאָר איז אים אָפּגעשטאָרבן דער פאָטער, און זיינע קרויווים האָבן אים אַוועקגעשיקט לערנען, פריער—קיין טימקעוויטש, א קליין שטעטל לעבן קאַפּוליע, דאן קיין סלוצק, וואו ער האָט זיך אָפּגעוואַלגערט צוויי יאָר. א געוויסע צייט האָט ער געלערנט אין ווילנע, אין ראַמיילעס יעשיווע און אין גאָענס קלויז.

דערוויל האָט זיין מוטער צום צווייטן מאָל כאַסענע געהאַט פאר א מילנער אין דערפל מעלניקי, לעבן קאַפּוליע, אין זייער א שיינער געגנט. אַבר. האָט זיך באַזעצט באַ זיין מוטער אין דאָרף, וואו ער האָט געקנעלט מיט זיין שטיפפאָטערס אינגלעך. „אין דעמדאָזיקן איינזאַמען פאַרלאָזענעם ווינקל — שרייבט ער אין זיין העברייאישער אַווטאָביאָגראַפיע — האָט זיך אַנטפּלעקט צו מיר מיין מוזע...” צו דער צייט געהערן זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּרואוון — פּייערדיקע לויבגעזאַנגען דער נאַטור אין העברייאישער מעליצע אַפן שטייגער פון „ברכי נפשי”. דאן האָט ער אויך אָנגעשריבן אַ מין אַלעגאָרישע דראַמע אין גראַמען אין דעם גוסט פון לוצאטאָ. אין דידאָזיקע קינדיש־נאַאיווע פּרואוון, האַגאַם אָן ליטעראַרישן ווערט, איז שוין געווען צו דערקענען די צוויי גרונט־שטריכן פון אַבר. טאַלאַנט: זיין ליבע צו דער נאַטור און זיין נייגונג צו סאַטירע. ניט לאַנג אָבער האָט אַבר. געקענט אויסהאַלטן די אומעטיקע און דריקנדיקע אַטמאָספער אין זיין שטיפפאָטערס היים; ער האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין קאַפּוליע, וואו ער האָט זיך ווידער געזעצט לערנען אין בעסמעדרעש.

צו דער צייט איז קיין קאפּוליע געקומען, נאָך א לאַנגן אַרומוואַנדערן אין ווייטע מעקומעס, א געוויסער שנאָרער אַוורעמל דער הינקעדיקער (פּראָטאָטיפּ פון „פישקע דעם קרומען"). מיט זיינע וואונדערלעכע מאַיסעס און כידושים וועגן דעם גליקלעכן וואָלין און דאָרעם־רוסלאַנד, וואָס „טריפט מיט מילך און האָניק", האָט ער אויפגע־וועקט די פאַנטאַזיע פון דעם 17־יעריקן אַבר., וואָס האָט באַשלאָסן צו לאָזן זיך מיט דעמדאָזיקן אַוורעמלען אין דער ווייטער וועלט אריין. שטעט און שטעטלעך האָבן זיי דורכגעוואַנדערט, דורך ליטע און דעם גאַנצן דאָרעם־מאַירעוודיקן קאַנט פון רוסלאַנד, איבער וואָלין, אוקראַינע און פּאָדאָליע, נעכטיקנדיק אין העקדעש אָדער בעסמעדרעש און בעטלענדיק איבער די הייזער. דאָס איינגל אַבר. איז אין די הענט פון דעם קרומען שנאָרער געווען ניט קיין שלעכט מיטל צו קלייבן נעדאָוועס. דורך א גליקלעכן צופאַל האָט ער זיך אין וועג שפּעטער געטראָפן מיט זיינעם א יוגנט־כאַווער און אדאַנק אים איז ער אויסגעלייזט געוואָרן פון דעם שנאָרערס הענט און איז ענדלעך אָנגעקומען קיין קאַמענעץ, וואו עס האָט זיך געענדיקט זיין מעשונע־מאָדנע נעסיע, וואָס האָט זיין יונגער פאַנטאַזיע געגעבן אזויפיל שטאָף, וועלכן ער האָט שפּעטער אזוי גליקלעך פארנוצט אין זיינע גרעסערע און קלענערע מאַיסטער־ווערק.

אין קאַמענעץ האָט ער אָנגעהויבן אַריינצוקומען צום באַקאַנטן העברייאישן און אידישן דיכטער אַוורעם־בער גאָטלאָבער (שפּעטער געשילדערט פון אַבר. אין דער געשטאַלט פון גוטמאַן), וועלכער האָט פיל מיטגעווירקט אין זיין גייסטיקער אַנטוויק־לונג. גאָטלאָבערס טעכטער האָבן אים אויסגעלערנט רוסיש, דייטש און כעשבן.

אָפּגעגעבן עקזאַמען אַף לערער, איז ער 1856 באַשטימט געוואָרן אלס לערער אין דער קאַמענעצער אידישער רעגירונג־שול. מיט א יאָר שפּעטער האָט גאָטלאָבער אָן זיין ווייסן אין „המגיד" אָפּגעדרוקט זיין ערשטע ליטעראַרישע אַרבעט — וועגן דער דערציאונג ביכלאַל און דער נייטיקייט צו לערנען אידישע קינדער רוסיש און אויך קענטעניש.

אין יאָר 1858 האָט אַבר. זיך איבערגעצויגן קיין באַרדיטשעוו, וואו ער האָט זיך ערנסט אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט ליטעראַרישער טעטיקייט. אין יאָר 1860 האָט ער פאַרעפנטלעכט א זאַמלונג אַרטיקלען אונטערן טיטל „משפט שלום", וואו ער האָט שאַרף אָנגעגריפן עליעזער־צווי צווייפעל. דער ערשטער ערנסטער קריטישער פרואוו אין דער העברייאישער ליטעראַטור, האָט דאָס ביכל געמאַכט א רוישעם, און דער יונגער אַווטאָר האָט זיך גלייך קוינע־שעם געווען אין די מאַסקילישע קרייזן. א צווייטע זאַמלונג פון זיינע קריטישע און פובליציסטישע אַרטיקלען אונטערן טיטל „עין משפט" איז אַרויס אין 1866. אין באַרדיטשעוו איז אַבר. געוואָרן זייער באַפריינדעט מיט דעם לעקסיקאָגראַף יעשוע־מאָרדכע ליפשיץ, וועלכער האָט זיכער געהאַט אַף אים א האַש־פּאָע, דערוועקנדיק אין אים א אינטערעס צו דער אידישער שפּראַך. צו דער צייט געהערן זיינע ערשטע, עמעס, נאָך ניט איבעריקס געלונגענע בעלעטריסטישע ווערק: די דערציילונג „למדו היטב" (1882), אַרויסגעגעבן אין 6 יאָר אַרום אין דער פאַר־ענדערטער און פאַרגרעסערטער פאָרם פון דעם ראָמאַן „האבות והבנים", וואו עס ווערט געשילדערט דער קאַמף צווישן דעם אַלטן פאַנאַטישן דאָר און דער אופגעקלערטער יוגנט. אין „האבות והבנים" איז די אייגנאַרטיקע פערזענלעכקייט פון דעם אַווטאָר נאָך ניט אַזוי בוילעט, דער גאַנצער קויעך פון זיין אָריגינאַליטעט האָט זיך אַנטפּלעקט ערשט דאַן, ווען ער האָט זיך געווענדעט צו דער שפּראַך פון פאָלק.

נעמען שרייבן אידיש אין יענער צייט, ביפראַט נאָך פאַר א שריפטשטעלער מיט אזאַ נאָמען אין דער ליטעראַרישער וועלט ווי אַבר. האָט שוין דאַן געהאַט, — דערצו

האָט מען געדאַרפֿט פֿאַרמאָגן אַ באַזונדערע גייסטיקע דרייסטקייט, אַבר. אַליין שרייבט וועגן דעם איבערגאַנג זיינעם צו דער אידישער שפּראַך (אין זיין אַוטאָביאָגראַפֿיע אין „ספר זכרון”): „... אונזערע שרייבער, די באַלע־האַלאָשן... האָבן געקוקט אַף אידיש פֿוניבן אַראָפּ און מיט דער גרעסטער פֿאַראַכטונג... דער געדאַנק, אַז שרייבנדיק אידיש וועל איך זיך דערנידעריקן, האָט מיך זייער געפּלאָגט; אָבער דער כיישעק נוצן צו ברייגען האָט גויוער געווען די פֿאַלשע בושע, און איך האָב צו זיך אַליין געזאָגט: זאָל זיין וואָס עס וויל—איך וועל זיך אָנעמען פֿאר דעם פֿאַרשטויסענעם אי־דיש און וועל נוצלעך זיין מיין פֿאָלק”.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער צווייטער פּעריאָד אין אַבר. שאַפֿן, ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אידיש אונטער דעם שפּעטער אַזוי פּאָפּולער און באַליבט געוואָ־רענעם נאָמען מענדעלע מויכער־ספֿאָרים.

דאָס ערשטע ווערק אונטער דעמדאָזיקן פּסעוודאָנים איז געווען „דאָס קליינע מענטשעלע, אָדער אַ לעבנס־באַשרייבונג פֿון יצחק אברהם תּקיף”, פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם דעמאָלט נאַר־וואָס (ניט אָן אַבר. און דעם דערמאַנטן ליפשיצעס ווירקונג געגרינ־דעטן) דערשינענעם „קול מבשר” (1863 נומ. 45—1864 נומ. 6) און שפּעטער אייניקע מאָל אין אַלץ נייע באַאַרבעטונגען אַרויסגעגעבן אין בוכפֿאָרם (צוערשט אין ווילנע 1866).

אַבראַמאָוויטש האָט זיך דעמאָלט געפֿונען אונטער דער האַשפּאָע פֿון דעם פּאָ־זיטיוויסטיש־נאַטורוויסנשאַפֿטלעכן גייסט, וואָס האָט געוועלטיקט איבער דער רוסי־שער אינטעליגענץ אין די 60־ער יאָרן, און מיט דעם צוועק צו דערוועקן אויך בא די אידישע לעזער אַ אינטערעס צו נאַטורוויסנשאַפֿט האָט ער באַאַרבעט אין העב־רייאיש די גרויסע נאַטורגעשיכטע פֿון פֿראָפּ. לענץ אונטערן טיטל „תּולדות הטבע. ווייזט אויס, אַז ער האָט געהאַט בעדייע אַן ענלעכע אַרבעט אַרויסצוגעבן אויך אין אידיש, ווי עס איז צו דרינגען פֿון זיין קליין ביכעלע: „דאָס ווינטשפֿינגערל — וואָס מיט דעם קאָן איטליכער. מענטש דערגרייכן אַלץ וואָס זיין האַרץ ווינשט אונ באַגערט אונ קען דורך דעם נוטצליך זיין זיך אין דער וועלט, דעם ספר האט געשריבען אין דייטשע שפּראַכע הירש ראטהמאנן פֿון רוססלאַנד און איז צום ערשטען מאָל געדרוקט אין לייפּציג בייא בראקהויז 1864. היינט איז ער איבער געזעצט געוואָרן אין יודעש דייטש און ארויסגיגעבן געוואָרען לטובת הכלל פֿון מענדעלי מוכר ספרים — מאת איש—דער מחבר פֿון דעם קליינעם מענטשעלע—בדפוס החדש של ר׳ יוסף לעבענזאָן ווארשע 1864”.

אין דעמדאָזיקן ביכעלע געפֿינען מיר אַזוי גוט ווי גאָרניט פֿון דער קומענדיקער גרויסער עפּאָפּייע זיינער אונטער דעם אייגענעם טיטל (מיט דער אויסנאַם פֿון דער מעשה מיט ר׳ שמעלקען אין דעם ווינשפֿינגערל); פֿארקערט זיינען דא פֿאראַן שטעלן, וואָס זיינען שפּעטער אַריין אין זיינע אַנדערע ווערק (ווי „פֿישקע דער קרומער”, „מסעות בנימין השלישי”). דידאָזיקע ערשטע אויסגאַבע האָט געזאָלט דינען אַלס מין פּראָספּעקט פֿאר אַן אויסגאַבע צו פּאָפּולאַריזירן די וויסנשאַפֿט צווישן אידישן אוילעם; מאַשמאָעס, אַז אים האָבן געפֿעלט די מיטלען דעמדאָזיקן פּלאַן צו פֿאַרווירקלעכן.

ביכלאַל האָט אים די ליטעראַרישע אַרבעט ניט געקענט פֿאַרזיכערן זיין עקזי־סטענץ, און מאַטעריעל פּלאָגט ער זיך דאָן זייער שווער, טיילנדיק דעם טרויעריקן גוירל פֿון די דעמאָלטיקע מעכאַברים—אַליין אָדער דורך באַקאַנטע צו דאַרפֿן פֿאַר־שפּרייטן זיינע ווערק, וואָס דאָס האָט מייסטנטייל ניט געדעקט אַפֿילע די הויצאָאָעס אַף דרוק און פּאַפּיר. צוליב פֿארקויפֿן זיינע ביכער קומט אים אָפֿט אויס אַפֿילע

אַרומצופאָרן; ער זוכט א זיכערע באַשעפטיקונג, באַמיט זיך וועגן א לערער־שטעלע, אָבער א לאַנגע צייט קומט דערפון גאָרנישט אַרויס.

זיין ליטעראַרישע אַרבעט הערט ער דערווייל ניט אויף. אין יאָר 1869 גיט ער ארויס זיין דראַמע „די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָדטס־בעלי טובות" (זשיטאָמיר 1872, איבערגעדרוקט אין ווילנע 1884). די דאָזיקע שאַרפע סאַטירע קעגן די קאָהאָלס־לייט און רעדלפירער, וואָס ציען אַרויס בא דער אָרעמער מאַסע דעם מאַרך פון די ביינער, האָט שטאַרק געטראָפן די באַרדיטשעווער פּני, און אַבר. איז געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן באַרדיטשעוו; ער באַזעצט זיך מיט זיין פאַמיליע אין זשיטאָמיר, וואו ער גיט אין גיכן אָפּ עקזאַמען אף ראַבינער אין דער דאָרטיקער ראַבינער־שול. האַגאַם ער האָט דעם עקזאַמען גוט אויסגעהאַלטן, אָבער זיין פּראָבע־דראָשע אין דער סינאַ־גאָגע איז געווען צו ראַדיקאַל, ער האָט קיין ראַבינער־אַטעסטאַט ניט באַקומען (זע ציטראָנס זיכרוינעס), און זיין מאַימעד איז ווידער געבליבן ניט פאַרזיכערט.

צו יענער צייט איז שוין אויך פאַרעפנטלעכט דער ערשטער נוסעך פון „פישקע דעם קרומען" (זשיטאָמיר 1869)—א קליין ביכעלע פון א 45 זייטלעך אין 16^0, פון וועלכן עס איז ערשט אין דריטן נוסעך פון 1888 אויסגעוואקסן דאָס בוך, וואָס מיר קאָנען איצטער. אין א פּאָר יאָר אַרום שרייבט ער אָן „די קליאַטשע אָדער צער בעלי חיים—א מעשה וואָס האָט זיך פאַרוואַלגערט צווישן די כּתבים פון ישראליק דעם משוגענעם" (ווילנע 1873). דער רוישעם, וואָס די דאָזיקע מערקווירדיקע אַלעגאָריע האָט געמאַכט, איז געווען אומגעהייער שטאַרק, און אַבר. פּאָפּולאַריטעט איז אויסגע־וואקסן זייער ברייט. ער גיט אַרויס די פּאָעמע „דאָס יודעל"—א „סיפּור המעשה אין שירים ע"מ י"א תּנועות" מיט א מאָטאָ: „אַך, יודעל, מיין קראַנקער יודעל, דיין לעבן איז זייער א טרויעריג לידעל" (2 טייל, וואַרשע 1875), וואו עס ווערט אין אלטמאָדישע גראַמען איבערגעגעבן די געשיכטע פון אידישן פאָלק. אַבר. גיט אַרויס „שבתדיקע זמירות פאַרטייטשט אין שירים" (זשיטאָמיר 1875) און „פּרק שירה" (זשיטאָמיר 1875). אין יאָר 1878 גיט אַבראַמאָוויטש אַרויס „קיצור מסעות בנימין השלישי" (ווילנע, פאַרלאַג ראָם, 1878).

נאָך „מסעות בנימין השלישי" איז פון אַבר. שאַפונג געקומען א לייגערע האַפּ־סאָקע. זיין ביאָגראַף בינשטאָק שרייבט וועגן דעם אגעוו: „פון יאָר 1877 אַנטשטייען אין לעבן פון ש"י אַבר., צו וועמען דער גורל איז קיינמאָל ניט געווען איבעריקס גנעדיק, אַזוינע אומשטענדן, וואָס נעמען בא אים אָפּ יעדן כיישעק צו ליטעראַרישער אַרבעט... ניט זעלטן פלעגט אַבר. זיך דעמאָלט קלאָגן אף זיין מאָראַליש געדריקטן מאַצעוו: „אופהערן טראַכטן, דאָס באַטייט אופהערן לעבן, און טראַכטן איז פאר מיר, דאכט זיך, שוין אומעגלעך, מיין מויעך איז ווי באַגאָסן מיט בליי און דאָס האַרץ איז מיר פאַרוואַנדלט אין א שטיין". אין יענער צייט האָט אַבר. פאַרלוירן זיין טאָכטער ראַשעל (א יונגע זייער באַגאַבטע קינסטלערן), און זיין איינציקער זון איז מאַכמעס פּאָליטישע סיבעס אַרעסטירט און דערנאָך אף עטלעכע יאָר פאַרשיקט געוואָרן. עס זיינען געווען נאָך אויסערלעכע שווערע אומשטאַנדן — אויך פאַמיליען־אָנגעלעגנהייטן, וואָס האָבן אף לאַנג פולשטענדיק פּאַראַליזירט זיין שאַפונג־פייאיקייט. צוליב זיין מאַ־טעריעלער לאַגע נעמט ער אָן די שטעלע פון א פאַרוואַלטער פון דער טאַלמוד־טוירע אין אָדעס, וואו ער באַזעצט זיך אין יאָר 1881. די שטעלע האָט געפאָדערט פון אים א מאַסע צייט, אַרבעט און מי. דערצו נאָך זיינען צוגעקומען די אומאַנגענעמלעכ־קייטן מיט די ליבהאַרציקע גאַבאָים פון דער טאַלמוד־טוירע. אין די בריוו צו בינ־שטאָקן באַקלאָגט ער זיך שטענדיק אף זיין „פאַרשאָלטענער שטעלע", וואָס מאַכט פון

אים „מאַמעש א טעל" וואָס „פאַרוואַנדלט אים אין א מין קליאַטשע", „לאָזט אים ניט איבער אַפּילו קיין פרייע מינוט זיך צו פאַרנעמען מיט עפּעס אַנדערש".

דידאָזיקע שטעלע האָט ער פאַרנומען ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

דאָך רייסט ער ווי עס איז אָפּ צייט פאר ליטעראַרישער אַרבעט און נאָך דער 6־יעריקער האַפּסאָקע גיט ער אַרויס זיין פינפאַקטיקע דראַמע „דער פּריזיוו" (פּעטער־בורג 1884, מיט א האַקדאָמע, וואָס האָט א גרויסן אינטערעס פאר די שטימונגען און איבערלעבונגען זיינע פון יענער צייט)—צו דעם 25־יעריקן יובילײ פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, דערדאָזיקער יובילײ ווערט אין די ברייטערע אידישע קרייזן קי־מאַט איגנאָרירט פאַרנאַכלעסיקט (אַכוץ אייניקע יובילײ־אַרטיקלען אין דער אידיש־רוסישער פּרעסע).

אין דער צייט קערט זיך אַבר. אויך אום צו דער העברייאישער ליטעראַטור; ער שרייבט א ריי זאַכן אין העברייאיש אָדער זעצט איבער די פריערדיקע פון אידיש און שאַפט קימאַט א נייעם העברייאישן פּראָזע־סטיל—א סינטעז פון אַלע אנטוויקלונג־פאַזן, וואָס די העברייאישע שפּראַך האָט דורכגעמאַכט ביז אַהער. ער הערט אָבער גלייכצייטיק ניט אויף צו אַרבעטן אף זיין גרעסטן ווערק „דעם ווינשפינגערל", וועלכעס ער האָט געשעצט זייער הויך (זע זיינע בריוו צו בינשטאָקן), און אין שאָלעם־אַלייכעמס „יוד. פ"ב" I און II דערשיינען די ערשטע טיילן פון דערדאָזיקער גרויסער עפּאָפּייע.

אין די העברייאישע דערציילונגען זיינע פון די 90־ער יאָרן (ווי, לעמאָשל, „בימי הרעש"—פרעמדע איבערזעצונג אין אידיש אין יאָרבוך „פּראָגרעס", ווארשע 1904) שילדערט שוין אַבר. ניט נאָר דעם אַלטן דאָר, נאָר אויך די נייע פאַרשוינען פון דער אידישער גאַס, כויוועוו־ציען, נאַציאָנאַליסטן, באַלטשאוועניקעס, ביכלאַל אָבער ווערן דאָ איבערגעכאַזערט די אַלטע מאָטיוון זיינע: צום ראַש פון כיבאַס־ציען מיט די קאָ־לאָניעס פאַרהאַלט ער זיך מיט דעם אייגענעם ספּעקטיציזם ווי צו דעם האַסקאָלע־טומל. צוליב דעם אונטערגאַנג פון די אידישע פּעריאָדישע אויסגאַבן אין רוסלאַנד קומט א 4־יאָריקע האַפּסאָקע אין אַבר. ליטעראַרישער טעטיקייט אף אידיש, וועלכע הייבט זיך איבעראַנייס אָן ערשט מיט דעם אופקומען פון „דעם יוד", אונטער דער רעדאַקציע פון זיין נאָענטן פריינט י. כ. ראַווניצקי. אין „יוד" פאַרעפנטלעכט אַבר. זיין גרעסערע אַוטאָביאָגראַפישע דערציילונג „שלמה ר' חיים'ס" (1899 נומ. 1—19). ער באַטייליקט זיך אויך אין באַדערס „איד. פאָלקס־קאַלענדאַר", וואו ער דרוקט אָפּ „אַ סגולה צו אידישע צרות" (פריי נאך ל. פינסקערס „אווטאָעמאַנציפּאַציע", תר"ט), „קרבנות" (תר"ס), „א פּריה־מאַרגען אין גלופּסק" (תרס"ג); אין זמ"ב „הילף" 1903—„די ענדעקונג פון וואָהלין", אין „פריינד" און זיין מאָנאַטלעכן זשורנאַל „דאָס לעבן"—ווייטערע קאַפּיטלען פון ווינשפינגערל, אויך די „האָהר", „ספר הגלגולים" א. אנד.

אין 1905, אונטערן שווערן איינדרוק פון די אָקטיאַבר־פּאָגראָמען באַזעצט זיך אַבר. אין זשענעווע, וואו ער פאַרברענגט 2 יאָר, אַפּדאָסניי באַאַרבעטנדיק זיינע ווערק צו א נייער פולשטענדיקער אויסגאַבע אין אידיש און העברייאיש אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין 70־יעריקן יובילײ.

אין 1909 באַזוכט אַבר. אייניקע גרויסע אידישע שטעט, און דערדאָזיקער באַזוך ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן עמעסן טריומף־צוג; טויזנטער מענטשן האָבן אים מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג באַגעגנט און אופגענומען אף דעם גאַנצן וועג פון זיין נעסיע, און אין דעצעמבער 1910 י. איז געפּייערט געוואָרן זיין 75־יעריקער יובילײ. הונדערטער און טויזנטער טעלעגראַמען פון אַלע עקן וועלט האָבן אין דעם טאָג באַגריסט דעם גרעסטן אידישן שריפטשטעלער, „דעם זיידן פון דער אידישער ליטעראַ־

איד. ליט. 6.

טור". דאן איז אויך אַרויס אין דעם פאַרלאַג „מענדעלע" (געגרינדעט פון די פאַר־לעגער ש. שרעבערק און י. לידסקי) אַלע זיינע ווערק אין אידיש, צום טייל אפסנייַ באַאַרבעטע, ווי אויך ערשט איבערגעזעצטע פון העברייאיש, אין 17 בענד. אַכוצדעם, זיינען בא דער געלעגנהייט דערשינען אַרטיקלען וועגן דעם יובילאַר אין דער גאַנצער אידישער פּרעסע.

אויך נאָך דעם יובילײַ האָט דער גרייז־גרויער שריפטשטעלער ניט אָפּגעטראָטן פון זיין אַרבעט־טיש. ער האָט פאַרעפנטלעכט נאָך עטלעכע נייע קאַפּיטלען פון זיין אומפאַרענדיקט געבליבענעם אווטאָביאָגראַפישן בוך „שלמה ר' חיים'ס", האָט אינגאַנצן איבערגעאַרבעט זיין „אָבות והבנים", האָט צוזאַמען מיט זיינע נאָענטע פריינט ביאַליק און ראווניצקי געאַרבעט אױף דער פאַרטייטשונג פון טאַנאַך אין אידיש און האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פּלענער וועגן א סעריע בילדער פון אידישן לעבן און פון אידישע יאַנטויווים (פון זיי באַוויזן אָנצושרייבן נאָר די קליינע סקיצע „יום השבת"), איבער־אַרבעטן זיינע אַלטע אַרטיקלען, וואָס זיינען געווען צעשפּרייט אין פאַרשיידענע פּע־ריאָדישע אויסגאַבן, און אַפילו זיין גרויסע אַרבעט „תולדות הטבע", אָבער די טיפע עלטער האָט אים שוין ניט געלאָזט דידאַזיקע פּלענער צו באַווערן. די לעצטע פאַר־עפנטלעכטע זאַכן זיינע, אױף וויפל ס'איז אונז באַקאַנט, זיינען די קאַפּיטלען „זכרונות" אין דער „אידישער וועלט" 1915 און אין אָדעסער זאַמלבוך „אונטערוועגס", וואָס איז אַרויס באַלד נאָך דער פעווראַל־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, וועלכע האָט אַראָפּגענו־מען דעם פאַרבאָט אױף דעם אידישן געדרוקטן וואָרט אין דער געוועזענער צאַרישער אימפּעריע. די רעוואָלוציע האָט אַבער., דעם אַלטן קעמפער פאַר די ברייטע אידישע פאָלקס־מאַסן, שטאַרק אופגעמונטערט, ווי דאָס איז זען פון זיינע באַגריסונגען צו דער 20-יעריקער יובילײַ־פייערונג פון „בונד" און צו דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון די אידישע אַרטיסטן (פאַרעפנטלעכט אין „דעם אידישן אַרטיסט", כאַרקאָוו 1918). דאָס זיינען די לעצטע פאַקטן פון דעם רייכן פּרוכטבאַרן לעבן פון אונזער גרויסן שריפטשטעלער. דעם 8 דעקאַבער 1917 איז ער געשטאָרבן אין אָדעס.

(לויט ז. רייזענס: „לעקסיקאָן פון דער אידישער ליטעראַטור פּרעסע און פי־לאָלאָגיע". ווילנע, 1926).

י. ל. פּערעץ.

מענדעלע.

ער איז ניט נאָר דער עלטסטער צווישן די לעבעדיקע שרייבער. ער איז אויך, און דעריקער—דער ערשטער. ער בויט זיך א ליטעראַטור. ער האָט עס דעם עקשטיין געלייגט: ער איז דער ערשטער, וואָס האָט, נאָך א קורצער צייט פון זייטיקע פּראָבן, אָנגעהויבן שרייבן לישמאָ, דיינע קולטור־ווערטן צו באַשאַפן... און ער איז דער ערשטער, וואָס האָט ניט באַטראַכט זיין אַרבעט אַלס אַ בריק (אום מעגלעכסט מיט זיין לאָשן צו רעדן) „אַריבערצופירן די קליאַטשע, זי זאָל זיך פּאַשען אין אַן אַנ־דער פעלד".

ער איז דער ערשטער, וואָס האָט געהאַט ליבע און אכטונג צו זיין קינסטלערישן אינסטרומענט — צום אידישן וואָרט, און האָט עס געהאַלטן און דערצויגן ריין; ניט גערמאַניזירט, ניט רוסיפיצירט, און ער איז דעריבער דער ערשטער, וואָס האָט אַ אי־דישן סטיל באַשאַפן, זיין אינדיווידועל־אידישן סטיל. אַזוי רעדט מענדעלע אַפּן לאָשן

פון זיין פאָלק... און רעדט ער העברייאיש, ווי ער מיינט — צוליב דער אייביקייט, שרייבט ער אידיש־העברייאיש, אַזוי וואָלט דאָס פאָלק גערעדט, ווען עס וואָלט גע־רעדט העברייאיש... און ער איז דער ערשטער, וואָס האָט מיט אָפענע אויגן אָפּן אידישן לעבן געקוקט; אייגנאַרטיק עס געצייכנט, די פאַרביקע שטעלן געמאָלט, אָן פּרינציפּן און וואָלקן־און נעפּל־רייטעריי, דאָס אָרעמע אידישע לעבן — די ווירקלעכ־קייט... און ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דערזען, און צו זיין דאָר מאַס־קילים און קולטור־טרעגער געזאָגט: „פון רעפאָרמען רעדט איר, פון האַסקאָלע, — דאָס פאָלק דאַרף ברויט״, און דער ערשטער, וואָס האָט דערזען דעם קאָהאָלשן באַלטויווע אין זיין ווירקלעכער געשטאַלט און דעם אינטעליגענט פון זיין דאָר, בעשאַס ער כאַפּט זיך אַרוף רייטן אַף דער קליאַטשע... און נאָך אין פיל, פיל זאַכן איז מענדעלע ניט נאָר דער עלטסטער צווישן די לעבעדיקע, נאָר אויך, און דערי־קער — דער ערשטער, דער ערפינדער, דער באשאַפער.

(„ליטעראַטור און לעבן״, יובילי־
אויסגאַבע, ניו־יאָרק, 1920).

מ. ליטוואַקאָוו.

סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער אינהאַלט פון מענדעלעס ווערק.—די פאָלקס־מאַסע — מענדעלעס הויפּט־פּערסאָנאַזש.

שאָלעם־יאַקאָוו אַבראַמאָוויטש, האַמכונע מענדעלע מויכער־ספאָרים, איז דער מע־סאַדער פון דער נייער מעסוירע אין אונזער ליטעראַטור.

לויט זיין אידעאָלאָגיע איז מענדעלע נאָענט צו די פרומע דוירעס פון די קאַד־מוינים, פון די פאָרגייענגער. ער איז ניט קיין קויפער בעאיקער. ער נעמט אָן מיט ליבשאַפט די קולטור פון דער אָפיציעלער קנעסעס־איסראָעל, ער איז צוגעבונדן צו איר „הויכן גאַנג״ פון דיינקען און דיכטן,—דעריבער איז ער אָנגענומען אויך באַ די אַלטע, אַפילע באַ דער העברייאישער שיימעס־וועלט. אָבער לויט זייער אָביעק־טיוון עצעם זיינען זיינע ווערק די מאַניפעסטאַציע פון אַ נייעם אידישן קלאַל, וועל־כער האַלט זיך באַם אָפרייסן פון דער גווירישער־יערעשאָמאַימדיקער קנעסעס־איסראָ־על,—דעריבער האָט אים קאַנאָניזירט אַלס איינעם פון אירע מאָדערנע אָוועס די נייע אידישע ליטעראַטור.

לאַכאָדים־אַרבעט פון קאָמע דוירעס האָט מענדעלע פאַרוואַנדלט אין איין אָנגע־קליבענעם מיטל־פונקט און האָט זי געמאַכט פאַר אַ גרענעץ־שטיין פון ליטעראַריש־קולטורעלער געשיכטע.

מענדעלע האָט מאָדערניזירט און פאַרברייטערט דעם סיפער־האַמאַיסע, דעם מאָשל פונם אַמאָליקן מאַגיד. דער מאָשל, וואָס איז, צום ביישפּיל, באַם דובנער מאַגיד, גע־ווען אַ מין אַגעוור־זאַך, האָט זיך באַ מענדעלען אַנטוויקלט אין אַ זעלבשטענדיקן סויזשעט. דער סיפער־האַמאַיסע איז באַ אים קינסטלעריש איינגעאָרדנט געוואָרן, די אַלעגאָרישע פּערסאָנאַזשן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מער לעבעדיקע נעפאַשעס. אָבער דער מיין איז פאַרבליבן, דער מאַגידישער רעמעז, דער טאַלמיד־כאָכאָמשער מוסער־האַסקל. ס׳איז קינסטלעריש סינטעזירטע מאַגידעס געווענדעט קעגן דער ניט שטענדיק גערעכטער קנעסעס־איסראָעל, וועלכע מוז זיך אַראָפּנעמען אַ מוסער פון די געבראַכטע מעשאָלים. דער סיפער־האַמאַיסע אַליין איז נאָך אָפּט אַ פאַרנעפּלטער, אַ

באַרעדעוודיקער מיט גרויסע „עיקר שכחתי'ס". די קאַמעראַציִשע צוגעבונדנקייט צו דער נאַטור און צום נאַטירלעכן האָט באַ מענדעלען באַקומען אַ רוכנעסדיקן אויסזען. מענדעלע האָט, לעמאָשל, געשאַפן דעם קינסטלערישן פייזאַזש אין דער אידישער ליטעראַטור. אָבער ווי קאָן אַן אַלטער רעבע, אַ זיידע, אין וועלכן ס'לעבט דער פאַרבאַט פון „מה נאה אילן זה" (קלייבן נאַכעס פון דער נאַטור) באַזינגען די נאַטור? האָט ער דעם וואַלד אָנגעטון אין אַ טאַלעס, דעם נאַכטיגאַל געמאַכט פאַר אַ וואַלד־כאַזן, דאָס עצעם בילד האָט ער געדיכטעט מיט אַן אַלט־אידישן טראָפּ, וועלכער בעט זיך אַף אַ טפילע־געזאַנג, און ס'איז באַשאַפן געוואָרן דער אייגנאַרטיקער אידי־שער פייזאַזש אַלס אַן איבערגאַנג צו די קינפטיקע מאָדערנע נאַטור־שילדערונגען.

מענדעלע האָט געשאַפן קינסטלערישע פיגורן, ניט קיין יעכידים מיט אַ דיפע־רענצירטער פסיכאָלאָגיע, נאָר קלאַל־פיגורן, וועלכע האָבן קימאַט נאָר דעם ווערט פון עכט־קינסטלערישע סאָציאַלע אַלעגאָריעס. אין זיי ווערט אינדיווידואַליזירט דער נייער קלאַל, וועלכער האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אויסטיילן פון דער קנעסעס־איס־ראָעל, ס'זיינען פיגורן, וואָס באַווייזן אונז אַ נייעם אידישן קאָלעקטיוו, אָבער קיין צאַפּל פון אַ פּראַט־לעבן פילט זיך נאָך אין זיי ניט...

די טעכניק—אַ געמיש פון קינסטלערישער מאַגידעס און מאַגידישער קונסט, איינ־צלנע שטיקער, וואס האָבן אַ זעלבשטענדיקן ווערט, און גאַנצע ווערק, וואָס האַגאַם זיי זיינען פון איין גוס, קאָן מען זיי טיילן אף זעלבסווערטיקע שטיקער — אַ מין מאָדערניזירטער טייטש־כומעש און לירישע פרימיטיוו־סאָציאַלע קלאַל־שטימונגען אין גייסט פון בענאָשמאָשעסדיקן „עין־יעקב"־זאָגן. דער דיאַלאָג — אין סטיל פונם אַלטפרענקישן אידישן שמועס, וועלכער איז אייגנטלעך געוועזן אַ מין קעגנזייטיק „אַריינפאַלן אין די רייד" פון פאַראַלעלע מאָנאָלאָגן. די פסיכאָלאָגיע ניט אינדיווי־דואַליזירט. דראַמאַטישע קאָנפליקטן—ריין אויסערלעכע, ווייל באַ יעכידים פון אַ ניט־צעגלידערטן קלאַל זיינען פאַראַן ווייניק אינעווייניקסטע נעשאָמע־סטירעס, אַלע זייי־ערע צוזאַמענשטויסן קומען פאָר מיט מינע אויסערלעכע קויכעס — אַלציינס צי מיטן שיקזאַל באַ די אַלטע גריכן, צי מיטן גאָלעס אָדער מיטן גווירישע־ראַבאָנישן סיידער באַ די אידן פון די פּאָריקע דוירעס...

אין זיינע ווערק באַקאַנט אונז מענדעלע מיט אונזער פאַרגאַנגענעם שאַפונג־שטייגער, ווייל ער גיט אונז גרייטע סאַכאַקלס און פארגרינגערט אונז דאָס איבער־קאָכן פון די עלעמענטן פון אונזער קינסטלעריש־קולטורעלער יערושע, וועלכע מיר מוזן גויוועער זיין, קעדיי לעגאַמרע ווערן מאָדערנע מענטשן.

דער סאָציאַל־פסיכאָלאָגישער אינהאַלט פון מענדעלעס ווערק איז אומגעהייער גרויס. דער גאַנצער אויסגעשטאַנענער לעבנשטייגער פונם אַלטן אידנטום האָט גע־פונען זיין העכסט־קינסטלערישן אויסדרוק אין דידאַזיקע ווערק, וועלכע זיינען אייגנ־אַרטיקע נאַציאָנאַלע עפּאָפּייעס. די בילדער פונם אידישן לעבן, וועלכע ער מאָלט, זיינען אַזוי באַדייטנדיק, די דערשיינונגען, וועלכע ער באַנעמט, זיינען אַזוי באַלערנ־דיק, אַז ניט געקוקט אַף דעם אידישלעכן נעפּל פונם „אַלטן גאַנג", וועלכער רופט אָפּט ארויס דעם איינדרוק פון צופיל עטנאָגראַפישקייט, באַקומען זיי דאָך דעם גרויסן באַטייט פון אַ שטיק קינסטלערישער געשיכטע. די קאַל־בוי־פיגור פונם אידן, אַזוי ווי זי איז אַרויס פון הינטער דער קלעם פון די היסטאָרישע מאַטערנישן, איז טיף באַנומען אין מענדעלעס ווערק. אן אייגנאַרטיקע באַהעפטונג פון „דאָן־קיכאָטעריי" און סאַנטשאָ־פאַנטשעריי, אַ געמיש פון פיזיאָלאָגישער פאַכדאָנעס און גייסטיקער

גוואורע, פון אומגעלומפערטער אַכזאָריעס און האַרציקער ראַכמאָנעס, פון נאַאיווקייט און פיקכעס, פון סטיכייאישקייט און אויסגערעכנטקייט, — דאָס זיינען די שטריכן, וועלכע כאַראַקטעריזירן דעם אידן באַ מענדעלען.

און אָט די וועלט פונם פאַרגליווערטן אידנטום איז מענדעלע קוילעט ניט דורך דער פריזמע פונם נאַציאָנאַל־רעליגיעזן ראָמאַנטיזם, ווי עס האָבן זי אופגעפאַסט דאָס ראָוו העברייאישע שרייבער. מענדעלען אינטערעסירט ניט דער קלייקוידעשדיקער סיידער פונם אידנטום, ער פאַרנעמט זיך ניט מיט „תקונים בדת“, מיט רעפאָרמעס און „שולחן ערוך“ און עס באַאומרואיקן אים ווייניק די כעסרוינעס פונם אידישן ריטואַל. מענדעלען ברייגגען שטאַרק אוף די סאָציאַלע אומאָרדענונגען אין דער קנעסעס־איסראָעל.

דאָס איז געווען די צייט פונם ערשטן געבוירן ווערן פון דער מאָדערנער אידישער בורזשואַזיע אין רוסלאַנד, אַ צייט, ווען דער ביז דעמאָלט איינהייטלעכער קלאַל־איסראָעל האָט אָנגעהויבן פילן די ערשטע קלעפ פון דער קלאַסן־צעגלידערונג. די אַלט־אידישלעכע גווירים האָבן נאָך, עמעס, געקיניגט אין זייערע קהילעס, אָבער ס'זיינען שוין דערשינען מענטשן פון גאָר אַ נייעם שניט, — מוכסאָנים, גרויסע אונטערנעמער און געשעפטמאַכער. און דאָרט, פון אונטן, האָבן די מאַסן דערפילט דאָס אָנקומען פון נייע צייטן און האָבן זיך אומעטיק אָנגעהויבן באַוועגן אין עפעס אַ מין דראַנג פון אָנמעכטיקייט.

אָט־אָ די עפּאָכע איז קימאַט קינסטלעריש אויסגעשעפט אין מענדעלעס ווערק. ער האָט טיף באַנומען דעם גייסט־צושטאַנד פון די מאַסן, זייער באַציאונג צו די נייע צייטן און די נייע לידער; זייער אומבאַהאָלפענעם שטויסן זיך אַף איין אָרט און אומבאַוועגלעכע אופרעגונג. ווייל סאָפּקאָלסאָף האָט מענדעלע אויסגעדריקט די שטימונגען פון די קליינבירגערלעכע מאַסן, אַף וועלכע ס'איז ווי פלוצים אָנגעקומען די גזיירע פון די נייע פאַרהעלטענישן. נאָר דידאָזיקע מאַסן האָבן באַזונדערס דעמאָלט געבילדעט דעם סאָציאַלן יעסאָד פון דער אידישער נאַציע, זיי זיינען די איינציקע טרעגער פון איר גוירל, און אין לעצטן סאַכאַקל האָט זיך זייער אידעאָלאָגיע ניט אויסגעשעפט נאָר אין די נייע מאָמענטן פון קלאַסן־אומצופרידנקייט: זי האט אין זיך אַריינגעזויגן אַלע פאַרשיידנאַרטיקע מאָטיוון פונם נאַציאָנאַלן אָוועך.

די פאָלקס־מאַסע, וועלכע איז דער הויפּט־פּערסאָנאַזש פון מענדעלעס ווערק, האָט פון פאַרצייטן געלעבט אַף איר אייגענעם שטייגער — איך וואָלט געזאָגט — אַף איר אידיש־שטייגער. אַ אידיש שטייגער דערפאַר, ווייל ער האָט אַ קנאַפּע שאיכעס צום בעסמעדרעש און ביכלאַל צו דער לאָשנקוידעשדיקער רוכניעס. ער האָט זיך געשאַפן אין קראָם, אין וואַרשטאַט, אין גאַסן־טומל, וואו די שפראַך פונם געדאַנק און פונם געפיל איז געווען אויסשליסלעך אידיש. אין אָט דער סוויווע האָבן געשפּראָצט אידייען, זיינען אנטשטאַנען כאַלוימעס, האָבן זיך געשאַפן מאַיסעס, זיינען געבוירן געוואָרן אייגענע לידער און אַפילע טפילעס, פון צייט צו צייט פלעגט דאָ אופלאַקערן דער פייער פון רעליגיעזע אופשטאַנדן (די כסידעס, לעמאָשל), — און דאָס אַלץ האָט זיך קריסטאַליזירט אַף דער שפראַך פון לעבן און אנטוויקלונג — אַף אידיש.

די ליטעראַטור פון די לאָשנקוידעשדיקע טאַלמידע־כאַכאָמים האָט אָט דעם לעבנשטייגער אינגאַנצן פאַרשוויגן. זייער באַטלאָנישער קדושע האָט זיך דערדאָזיקער שטייגער אויסגעוויזן פאַר אַ צו וואָכעדיקן גאַנג. פאַר זייער בעסמעדרעש־לעבן איז דער צאַפּל פון דער וועלטלעכער אלטעגלעכקייט געווען אומצוטריטלעך און פּאָשעט געפערלעך. ש. י. אַבראַמאָוויטש איז דער ערשטער פון די טוירע־לייט אַריין אין

אָט דער לעבעדיקער וועלט פֿון די אידישע מאַסן און האָט אים פֿאַרוואַנדלט אין דיכטונג־פּערל. ער האָט געכאַפּט זיין פֿאַרבאָרגענעם ציטער, אונטערגעהערט זיין צאַר און האָט דערפֿילט זיין באַגרענעצטקייט. זיין אויסגעפֿרואווט באַוואוסטזיין פֿון אַ טאַלמיד־כאָכעם, באַפֿרוכטעט פֿון דער דערפֿאַרונג פֿונם אַמאָרעץ, האָט אין לעצטן סאַכאַקל געגעבן די ווערק פֿון מענדעלע מויכער־ספֿאָרים.

נאָר די גרעסטע שאַפֿונג פֿון ש. י. אַבראַמאָוויטשן איז די פֿיגור פֿון מענדעלע מויכער־ספֿאָרים אליין. דאָס איז אַ מין אידישער דאָן־קיכאָט, וועלכער פֿאָרט ארום אַף זיין אידישער ראָסינאַנט איבער די וועגן פֿונם עכט אידישן מיטלאַלטער. אונזער דאָן־קיכאָט איז גאָר אַן אייגנאַרטיקער: ער איז ניט נאָר אַ פֿאַרפֿאַלענער אידעאַליסט און טרוימער,—ער פֿאַרייניקט אין זיין אייגענער פּערזאָן אויך די פֿיגור פֿונם פּראַקטישן סאַנטשאָ־פּאַנטשאָ. ער האַלט שטענדיק מילכאָמע מיט ווינטמילן — אָבער אין דער־זעלבער צייט לאָזט אים זיין אינעווייניקסטער סאַנטשאָ־פּאַנטשאָ ניט רוען און טייטשט שטענדיק אויס די אומפֿרוכטבאַרקייט פֿון זיין האַנדלען און וואַנדלען. דאָן־קיכאָט— מענדעלע איז אויך פֿאַרסאַמט פֿון אונזער „ריטער־ליטעראַטור". פֿון די ראַבאָנישע ספֿאָרים, זיין מויעך איז אויך פֿאַרדרייט, זיין האַרץ איז וואך און דערשלאָגן, ער איז גרייט אַף אַוואַנטיורעס, אַפֿן אידישן „אַפֿן הימל אַ יאַריד" — און סאַנטשאָ־פּאַנטשאָ איז אים טאָך קעדיי דיבער מעוואַטל מיט זיין שטענדיקן עכט־אידישן: „עט!"...

ס'איז אַ פֿיגור, וועלכע וועט אייביק לעבן אין דער אידישער ליטעראַטור, ער איז דער סינטעז פֿון אונזער מיטלאַלטערלעכער אנטוויקלונג און פֿון ש. י. אַבראַמאָ־וויטשעס שאַפֿונג גופֿע. אָט די פֿיגור איז אין זיך קוילעל אַלע ווערק פֿון אַבראַמאָ־וויטשן און ווייזט, אַז זייער איקער־באַטייט באַשטייט אין דעם, וואס זיי סינטעזירן און פֿאַרענדיקן אַ פֿיל־דוירעסדיקע אידיש־קולטורעלע מעסוירע, וועלכע איז אַדאַנק מענדעלע מויכער־ספֿאָרים געוואָרן דער אויסגאַנג־פּונקט פֿון אַ נייער אנטוויקלונג.

(„אין אומרו", 1 באַנד, קיעוו, 1917).

י. דאָברושין.

די שילדערונג פֿון אידישן קלאַל בא מענדעלען.—דער בוי פֿון מענ־דעלעס ווערק.

דער זיידע מענדעלע שטייט מיטן פּאָנים אין גאַנצן צום אָווער. די שאַפֿונג־פּערספּעקטיוון פֿון מענדעלעס ווערק, יענע שטראַלנדיקע וויטן, וואָס אַנטפּלעקן זיך ביכלאַל פֿון יעדער אופֿגעעפֿנטער קינסטלערישער טיר אין לעבן—ציען זיך באַ מענ־דעלען ניט צו דער צוקונפֿט, צו די קומענדיקע דוירעס, נאָר צו דער פֿאַרגאַנגענהייט, צום היסטאָריש־אָפּגעלעבטן און איבערגעלעבטן. ניט וואוהין זיי גייען, די טיפּן, ווייס מענדעלע, נאָר פֿון וואַנען זיי קומען. שוין שאָלעם־אַלייכעמס אידן, און מיקאָלשקן פּערעצעס גוטע־אידן, טרעטן אין דער ברייטער אַרומיקער וועלט אַריין. די ערשטע פּאָרן מאַמעש פֿון שטעטל אין שטאָט, פֿון שטאָט אין גרויסער שטאָט, און די צווייטע בינדן זיך מיט דער גרויסער פרעמדער וועלט אידעאָלאָגיש דורך פּערעצעס רוכני־עסדיקן פֿאַנטעזיזם. אָבער מענדעלעס „אידעלעך" — ס'איז אַ כאַראַקטעריסטיש מענ־דעלע-וואָרט—„ליגן אין גלופּסק מיט אַלע זייערע אייוורים און כושים, געדאַנקען און איבערלעבונגען, ווי „אַ וואָרעם אין כריין", און מענדעלעס רייזנדער אַפֿילע, דער

טעטעריווקער „רעב בינימין", מאַכט זיין באַרימטע נעסיע אַף צוריק אין דער טי־פעניש פונם אידישן מיטלאַלטער אַריין, צו די רויטע אידעלעך.

מענדעלעס יאָכיד קוקט דאָך ניט אַריבער זיין דאָר, זיינע פאַרלאַנגען און האַ־סאָגעס זיינען אינגאַנצן צוזאַמענגעוואַקסן מיט זיין צייט און סוויווע. ער איז נאָר אַ רינגעלע אינם גרויסן קייט, אָדער, ווי מענדעלע האָט זיך גופע אויסגעטייטשט: „אַ פאָדעם אַריינגעוועבט אין דער מאַטעריע, וואָס רופט זיך איד". און אין מענדע־לעס אַרומגעטאָקטע נאַציאָנאַל־פאַראַלגעמיינטע טיפּן פעלט דעריבער דאָס יעכידיש־ליידנשאַפטלעכע, וואָס ס'ברייננגען אַריין אין דער אייביקייט די פלאַסטישע געשטאַלטן־העלדן פון אַלע אַנדערע קלאַסישע מאַיסטער־ווערק. און אויך דעריבער טאַקע איז מענדעלע אָפט ראַכמאָנעסדיק סענטימענטאַל, אנשטאָט צו זיין ליריש, און אָנשטאָט צו זיין דראַמאַטיש, איז ער מאַיסעדיק...

מענדעלע איז ניט געקומען געבן אונז דאָס פּערזענלעכע, ניט דעם פּראַט מאָלט ער אונז, נאָר דעם קלאַל, דעם פאָדעם, אָדער ריכטיקער, די פעדים פון דער מאַטע־ריע, וואָס רופט זיך איד. און פון דער מאַטעריע האָט מענדעלע אונז דער ערשטער דאָס אינערלעכע, מאָלעקולאַרע לעבן געוויזן. דורך זיין קינסטלערישער שפּאַקטיוו האָט ער געזעען דאָס, וואָס מיר וועלן אָן אים מער, עפשער, ניט זען—די אינעווייניקסטע וועבעכץ פונם פאָלקס־אָרגאַניזם, די בלינדע קעמערלעך, יענע אומפערזענ־לעכע אָרגאַנישע כאַלאָקים, וואָס האָבן אין מעשעך פון דורעס זיך באַהעפט, צוזאַ־מענגעוואַקסן און דעם אידישן פאָלקס־קערפּער באַשאַפן.

און בעכוש זעען מיר דאָך, אַז דאָרטן, וואו מענדעלעס יעכידים האָבן פונם איינ־געפונדעוועטן נאַציאָנאַלן באָדן אויקער געווען, די רעגע, ווי זיי האָבן זייער אַלטע „קנעסעס־איסראָעל"־וועלט פאַרלאָזן, אָפּגעגעבן זיך דער קלוימערשטער מערידע פאַר דאָס פּערזענלעכע און וועלטלעכע—האָט מענדעלע, דער קינסטלער, שוין אַף זיי קיין שליטע ניט געהאַט. און ניט נאָר אין ווערקען, אַלעקסאַנדערן, און אין די אַלע גע־שטאַלטן פונם נייעם שניט האָט זיך מענדעלע קינסטלעריש טויע געווען, נאָר אַפילע הערשעלען, דעם אידיש־פאַרוואָרצלטן פאָלקס־קינד, האָט ער דאָך צו אַ האַסקאָלע־דיקן טאַכלעס געבראַכט. דער העלד פונם ווינשפינגערל איז לעסאָף אין אַן אויסלענ־דישן גוויר מעגולגל געוואָרן, און צוריק אין שטעטל איז שוין ניט דער פאָלקסטים־לעכער הערשעלע, נאָר אַ האַסקאָלעדיקער הענריך קאהאן געקומען.

אָט אַזוי איז מענדעלעס קינסטלערישע גוואורע באַשטאַנען נאָר אין מאָלן דאָס, וואָס איז שוין לעגאַמרע מיט אַלעמען אַריינגעוואַקסן אינם אויסקומעניש, פּאַרוואַקסן מיט ארט לעבן און שטייגער. דאָ האָט ער געפונען געשליפטע בוילעטע וואָרט און בילד, שאַרף געפיילטע דויערנדיקע כאַראַקטעריסטיק פאַר די צייטווייליקע, דאַפקע ריין אויסערלעכע סימאָנים פון אידישן לעבן. דאָ זיינען די דעמאָלטיקע אידישע קאַב־צאָנעס און דער לופט־האַנדל דערוואַקסן ביז צו דער קימאַט סימוואָלישער מענדעלע־טאָרבע און מענדעלע־יאַרידיווען. אונטער מענדעלעס פען האָבן אַזוי ווי געגליווערט, סקולפּטאָריש זיך פאַרהאַרטעוועט אידישע לעבנס־שטריכן, טנועס און האַוואַיעס—דער גאַנצער מאַרק־שוים, די פּסוילעס פונם שטעטלשן אויסקומעניש — וואָס זיינען באַם מעכאַבער פון פישקע דעם קרומען ווי צוגעזאָטן צום פאָלקס־קערפּער, געוואָרן, קלוי־מערשט, דער עצעם מעהוס פונם אידישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער...

און נאָך מיט איינער אַ דערגרייכונג איז דער זיידע מענדעלע צו אונז געקומען און אינם זיידישן יערושע־אויצער אויך אַף אייביק עס אַוועקגעלייגט. דאָס איז דער

מענדעלע־סטיל, שפּראַך, פאָרם און אַרכיטעקטאָניק, דאָס גאַנצע, וואָס איז אין אונ־זער ליטעראַטור שוין געקרוינט מיטן נאָמען,—דער מענדעלע־נוסעך.

„דער סטיל איז דער מענטש". אַזוי האָט מען געפּאַסקנט באַ די אומעס־האָאוילעם. מענדעלעס סטיל איז אָבער, ווי אַלץ באַ אים,—די עפּאָכע. דאָס האָט נאָך אַמאָל די מענדעלע־טקופע אים געגעבן דעם „ספור המעשה", דעם „מעשה בתוך מעשה" פונם אַלטן אידישן דערציילער. דאָס האָט זי אויך געשליפן און געפיילט, געטאָקט און געצירט יעדער וואָרט פון זיין שפּראַך, ווי אויך יעדן אָס פון זיינע געפערלטע קסאַור־יאַדן. מענדעלע גופע דערציילט אונז מעקויעך דעם רעבן, „רעב יוסעף אַוראָמס", וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט מאָלעריי און שניצעריי, מיט יענעם „מעשה חושב" פון הונדערטער אידישע מושלאָמים, וואָס האָבן מיט ליבלעכער האסמאָדע אין די לאַנגע ווינטער־נעכט די פאַרשיידענע „מיזרעכס" און „יעהי־ראָצוינס", פּינקאָסים און אָרן־קוידעשעס געשניצט און געמאָלט. און אויך דאָ האָט מענדעלע אָפּן געאַוינישן אויפן יענע דוירעסדיקע האשלאָמע־ענערגיע אין טאַלאַנט פאַרוואַנדלט, פון דער אַלטער אידישער „בעצאַלעל־אַרבעט" האָט ער זיינע קונסט־קייכעס געשעפּט, די אָדערדיקע מוסקולן פון דער אידישער שפּראַך געשמידט, די אידישע גאָטיק, מעגלעך, געשאַפן.

מענדעלעס אַ סייפער—ס'איז אַ פאַרפלייצעניש פון סקולפּטאָרישע איינצלהייטן—לאַכאָדים־טעמעס, וואו ס'ווערן דערציילעריש אויסגענוצט פאַרשיידענע געלעגנהייטן, ביכדיי צו פאַרגרעסערן דעם מאַיסעדיקן גוף האָיניען, געבן וואָס מער בילדער, וואָס מער מאָלערייען. „איך נעם פון רענצעלע מיינעם אין ביידל אַרויס אַ בליי־פּען—דערציילט אונז אלטער יאַקנעהאָז אין „פישקע דעם קרומען"—רייס אָפּ פון אַ סידער דאָס אייבערשטע בלעטל, שפּאַר מיך צו צו דער קעלניע און שרייב „דידאָזיקע ווערטער". און „דידאָזיקע ווערטער", דער אַף דער גיך אָנגעוואָרפענער בריוו צו „הצנועה מרת חיה טריינע", פאַרנעמען אַ סאַכאַקל פון גאַנצענע צוויי געדרוקטע אַמודים...

אָט אַזוי זיינען דעם זיידנס ווערק בעעצעם נאָר „כיבורים", צונויפגעשטעלטע פון איינצלנע עפּיזאָדן, מעכאַניש באַהעפטע, ווי אין „פישקע דעם קרומען", און אָפּט־מאָל מעכאַניש פאַרענדיקטע, ווי אין „ווינשפינגערל". ניט אומזיסט האָט דער זיידע ליב געהאַט אַפילע זיינע גאָר קליינע עפּיזאָדישע דערציילונגען אָנרופן מיט גאָר גרויסע באַדייטנדיקע נעמען, געבן זיי גוזמע־קעפּלעך, ווי, לעמאָשל: „די אַנטדעקונג פון וואָלין", „ספר הבהמות", ספר הגלגולים", „אין אַ שטורעם־צייט", טאָמיד פאַר־מאָסטן זיך, אַפּאָנים, אַף גרויסע לייוונטן. ער האָט עפּשער לעכאַטכילע אַ קינסטלע־רישע קאַוואָנע געהאַט שרייבן גרויסע ווערק. וואָרום ס'איז אַ באַוואוסטע זאַך, אַז מענדעלעס גרעסערע ספאָרים זיינען געוואַקסן באַ אים פון מאָל צו מאָל, צוגעקומען אין קאַמעס אַפילע פון אויסגאַבע צו אויסגאַבע,—אַ זאַך, וואָס איז לאַכלוטן אומעג־לעך פאַרן מאָדערנעם פּסיכאָלאָגישן ראָמאַן, וואו יעדער באַוועגונג דאַרף זיין אַפריער אויסגעכעשבנט, ווי אַ גאַנג אַפן שאַכמאַט־ברעט, און דאָס בוך, אינגאַנצן גענומען, מוז זיין „אַ מאָנאָליט", אַ לעבעדיק באַשעפעניש מיט אָרגאַניש צוזאַמענגעוואָקסענע פּלאַסטישע גלידער, ניט מויסעף צו זיין און ניט מינדערן.

מענדעלע האָט אָבער גרויסע פאַנאַנדערגעוואָרפענע לייוונטן געהאַנגען, און באַ־רעכטיקט האָט ער זיי מיט דער מיט, וואָס ער האָט אַף זיי פּראַט נאָך פּראַט, גליד נאָך גליד דאָס לעבן פון דוירעס געמאָלט. ער ווייסט, דער קלוגער זיידע, „אַז אַ איד שפּרינגט קאָדעש, ענטפערן די אידעלעך פון אלע שטעטלעך: קאָדעש, קאָדעש, קאָדעש". אַזוי געאַוויניש האָט ער אַליין כאַראַקטעריזירט די ראַכוועסדיקע פאַר־

גליוועטע איינאַרטיקייט פון אַ לעבן, וואו דער איקער זיינען געוואָרן די איבערלעבונגען פונם קלאַל, די טנועס און באַוועגונגען, וואס זיינען טויזנטער מאָל געוועסן איבערגעכאַזערט און געקייפּלט, און אין אָט־אָ די איבערגעכאַזערטע און געקייפּלטע איבערלעבונגען איז מענדעלעס קראַפט געלעגן, פון זיי האָט ער זיין גרויסן גאָטישן ביניען אופגעשטעלט.

(„געדאַנקענגאַנג״ קיעוו, 1922).

<u>ש. ניגער.</u>

דאָס קאָנסערוואַטיווע און ראַדיקאַלע בא מענדעלען.—מאָטיוון פון סאָציאַלער אומגערעכטיקייט.—דער קאַמף צווישן פּובליציסטיק און קונסט בא מענדעלען.—נאַטור־שילדערונגען און פאָלקס־פאַרשוינען בא מענדעלען.

מענדעלע איז אין אַסאַך פּראָטים קאָנסערוואַטיווער פון די איבעריקע מאַסקילים, אין אַנדערע פּראָטים אָבער איז ער ראַדיקאַלער פון זיי.

קאָנסערוואַטיווער איז ער אין פראַגן, וואָס האָבן קיין שאַיכעס נישט צו „בין אדם לחברו״, אין פראַגן, וואָס זיינען נויגייע, אַשטייגער, רעליגיעזע מינהאָגים: אַ סימפּאַטישער טיפּ פון אַ מאַסקיל בא אים איז רעפאָעל, פון יענעם מין מאַסקילים־לאַמעד־וואָוניקעס, וואָס „זענען נישט אָפּגעזונדערט געוועזן פון איבעריקן אוילעם נישט אין דער אידישקייט, נישט אין דער האַלבאָשע״ *); איצכאָק־אַווראָם טאַקיף, וועלכער טוט טשוווע און ווערט אַ מאַסקיל פאַרן טויט, בעט אין זיין צאַוואָע, אַז אין דער טאַלמוד־טוירע, אַף וועלכער ער לאָזט געלט, זאָל געלערנט ווערן, כוץ אידישקייט און לאָשנקוידעש, אויך דאָס לאָשן פונם לאַנד און וועלטלעכע זאַכן (אין אַ פריערדיקער אויסגאַבע שטייט: אידיש, רוסיש, שרייבן און רעכענען), „ביכדיי צו מאַכן פון די קינדער אידן און מענטשן צוגלייך, זיי זאָלן טויגן צו גאָט און צו לייט״, און די פירער, בעט ער, זאָלן זיין דער ראָוו און גוטמאַן דער מאַסקיל: „מיט אייך ביידע, זאָגט ער, וועט אין די נייגעמאַכטע שולן זיך פאַראייניקן ט ו י ר ע מ י ט כ אָ כ מ ע״ **); שפּעטער אַ צייט, אין דער האַקדאָמע צום „ספר הבהמות״, כאַזערט איבער אַבראַמאָוויטש, אַז „דת״ און „לאומיות״ זענען בא אונז איינס; אין „האבות והבנים״ לאַכט ער אויס פון איין זייט די נאָכעם־האַקאַמכיס, די מאַסקילים־באַטלאָנים, מאַסקילים־שנאָרער, די באַל־לאָשנס, וואָס געשיכטע איז בא זיי—„די טעכטער פון לויט״, און פּאָעזיע—„סחור סחור הטחור בחור״; פון דער אַנדער זייט אָבער—די מאַסקילים, וואָס ווערן פאַרבלענדט פון דער האַסקאָלע און פאַרוואַרפן אינגאַנצן דאָס אידישקייט, וועגן דידאָזיקע מאַסקילים־ד י י ט ש ל ע ך זאָגט ער אין „יודעל״, אַז דער כילעק צווישן זיי און די פאַנאַטיקער פון אַלטען דאָר איז די זאַך: „איר פרומע גלויבט אין אַלטע זאַכן אָן אונטערשייד. זיי (די דייטשלעך) כאַפּן ווי הייסע לאָקשן נייע רייד. די לייט מיינען, וואָס אַלט איז נאַריש און שלעכט, און איטלעכע זאַך, וואָס ניי, איז קלוג און רעכט״.

*) ווינשפינגערל.

**) דאָס קליינע מענטשעלע.

אָבער דער אייגענער אַבראַמאָוויטש, וואָס אין דער קריטיק פונם אידישן לעבן און זיינע פאַרעלטערטע פאָרמען האָט ער ליב דעם „דרך־הממוצע,״ — דער אייגענער אַבראַמאָוויטש איז ראַדיקאַל, יעדנפאַלס ראַדיקאַלער פון אַנדערע מאַסקילים, וואו עס רעדט זיך וועגן די סיבעס פון דער אידישער לאַגע און דער אידישער מאַטעריעלער און גייסטיקער אָרעמקייט.

די סיבעס פון דער אָרעמקייט פאַרשטייט אַבראַמאָוויטש טיפער אַסאַך, ווי אַנדערע מאַסקילים. זיי, די מאַסקילים, מיינען, אַז שולדיק איז אַלץ די „פינצטערניש״; די ערגסטע פיינט פונם אידישן פאָלק זענען די „מורדי אור״, די „פלעדערמייז״, ווי נאָר עס וועט אַ שיין טון אין דער אידישער גאַס „די זון פון דער האַסקאָלע״ — איז אַ סאָף אַן עק צו אַלע צאָרעס. אַבראַמאָוויטש פאַרשטייט, אַז די פינצטערניש איז נישט די סיבע, נאָר עפשער גאָר דער רעזולטאַט פון אַלע צאָרעס; די סיבע ליגט אַנדערשוואו: „באַטראַכט זיך אַדעראַבע אַליין, זאָגט דער אַשמעדאַי צו איסראָליקן, — באַטראַכט זיך אַליין, אויב דו ביסט נישט ריין מעשוגע. פאַר דיר שטייט אַ פאַרמאַטערטע, אַ הונגעריקע קליאַטשע, וואָס זי באַדאַרף נייטיק אין לעבן אַריין כאָטש אַביסל מענוכע, אַ מעסטל האָבער, אַ בינטל היי, ווילסטו איר גאָר באַווייזן אַ „ה״ אין סידער און אַלץ אויסדריגנען, ווי גוט, ווי שיין עס איז זיך אויסצולערנען עפעס קונצן״. אין „ווינשפינגערל״ זאָגט דער אומבאַקאַנטער: „היגע אידן, נעבעך, באַדאַרפן ברויט, נישט „קיין ספאָרים״, און אַז מענדעלען פאַרדריסט קלוימערשט וואָס ער „צעשטערכעט אים זיין קרעמל״, זאָגט ער אים: „כאָלילע, נישט אייערע דאָזיקע ספאָרים מיין איך; יענע מיין איך, יענע, וואָס אַלץ מיט שטראָף־ווערטער, מיט אייצעס און אַ געפילדער: פע, האַוואַלים, פע, אָפגעלאָזטקייט! גוואַלד, בילדונג!״ יענע, די האַסקאָלע־ספאָרים, מיינט ער, און ער ענדיקט: „געַנוג, כ׳לעבן, סליכעס!״ מ׳דאַרף טון עפעס מאַמאָשעסדיקעס. מע דאַרף, הייסט עס, אויסוואָרצלען די סיבעס, וואָס שאַפן די לאַגע פון קאַבצאַנסק און גלופסק. און די סיבעס, מיינט מענדעלע, ליגן אין דער אויסווייניקסטער אומגערעכטיקייט בענויגייע צו אידן פון איין זייט, און אין די אינעווייניקסטע סאָציאַלע אומגערעכטיקייטן — פון דער אַנדער זייט.

אַף דער אויסווייניקסטער אומגערעכטיקייט איז פאַראַן אַן אָנצוהערעניש אין ער „קליאַטשע״, און נאָך קלערער אין דער „טאַקסע״: „וואָס העלפט עס, זאָגט פיקהאָלץ, אַז זיי האָבן, נעבעך, נישט קיין מאַזול, אַז זיי זענען, נעבעך, אומגליקלעך און פון קאַמע שאָנים שטיקט מען צונויף אַלע אינאיינעם אין איין אָרט, ווי די שאָף, אַז זיי זעען פאַר זיך נישט קיין וועלט און קאָנען נישט עטעמען קיין פרייע לופט״. דערפון איז נישט געדרונגען, אַז פיקהאָלץ איז כאָלילע געשטאַנען אין אָפאָזיציע צו דער רעגירונג; אַדעראַבע, אין דער רעגירונג, וועלכע האָט דאַן, אין די 60־טע יאָרן, געמאַכט אַ מינע פון אַ רעפאָרמאַטאָר — אין דער רעגירונג האָבן די מאַסקילים, און מענדעלע בעסויכאָם, געגלויבט; פון קיר״ה האָט מען געוואַרט אַף אידן יעשועס ווענעכאָמעס... און טאַקע דערפאַר האָט מען דעם גאַנצן קאַס אויסגעגאָסן אַף דער אינעווייניקסטער, דער אידישער „רעגירונג״ — אַף די באַלעטויוועס, די באַל־טאַקסעס, די קאָהאָלס־לייט, די „קנרפיע״...

די העברייאישע ליטעראַטור, די ליטעראַטור פונם מאַטעריעל און גייסטיק העכער שטייענדיקן באַלעבאַטישן אינטעליגענט, האָט זיך מער אינטערעסירט מיט רעליגיעז־גייסטיקע, ווי מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען. זי האָט מילכאָמע געהאַלטן נישט מיט די

גווירים, נאָר מיט די ראַבאָנים, מיט די עלטערן־פּאַנאַטיקער. זי האָט געפּאָדערט פרייהייט פון גייסט, און אויך אין „האבות והבנים״, וואו עס זענען פאַראַן שוין רעאַליסטישע און סאָציאַלע מאָטיוועז, איז די הויפּט־פּראָבלעם דאָך אַ גייסטיק־מאַסקילישע: דער שטרייט פירט זיך צווישן דעם פרומען פאַנאַטישן פאָטער און דעם זון, וואָס לייענט טריף־פּאָסלען. אָבער די פאָלקס־ליטעראַטור, די ליטעראַטור אַף אידיש — זי האָט פון אָנהייב אָן זיך אינטערעסירט מער מיט דעם גוויר, ווי מיט דעם ראָוו, מער מיטן גאַבע, ווי מיטן רעבן; אין ראָוו האָט זי געזעען דעם נאָגידס אַ געווער, און איר סאַטירע האָט, אַכוץ עטלעכע אויסנאַמען, אַ סאָציאַלן כאַראַקטער. „אין טונעיאַדעווקע, זאָגט מענדעלע, איז דאָ אַ ווערטל: פון וואָס מע זאָל נישט שמועסן, מוז אַרויסקומען אַפן טויט, און פון וואָס מע זאָל נישט ריידן אַף אַן אַסיפע, מוז מען אויסלאָזן מיט דער טאַקסע פון פלייש״. און אויך די פאָלקס־שרייבער, וואָס האָבן טונעיאַדעווקע געוואָלט אויסבעסערן — פלעגן אויסלאָזן שטענדיק מיט דער טאַקסע. זי איז געווען די „סיבע פון אַלע סיבעס״... די ליטעראַטור אין אַן איבערגאַנגס־צייט האָט שטענדיק, אַכוץ אַ גוטן, אַ געליבטן העלד, וואָס זי לויבט אין הימל אַריין, נאָך אַ העלד, אַ בייזן, אַ ראָשע, וועלכער ליגט באַ איר צען איילן אין דער ערד. דער בייזער פאַרשוין פון דער האַסקאָלע־ליטעראַטור אין העברייאיש איז געווען — די „חומרא״, אין אידיש — די טאַקסע.

מענדעלע האָט אָבער די טאַקסע פאַרשטאַנען ברייטער, טיפער, ווי אַנדערע. אַזוי ווי די טאָרבע איז באַ אים נישט גלאַט א טאָרבע, אַ לעכערדיקער, שמוציקער זאַק, מיט וועלכן מע גייט איבער די הייזער, נאָר אַ סימוואָל פון דעם אידישן דאַלעס, פון דעם אידישן „לעבן פון ווינט״, פון די „אידישע פּאַרנאָסעס״, אַזוי איז אויך די טאַקסע באַ אים אַן אויסדרוק פון די אינעווייניקסטע סאָציאַלע אומגערעכטיקייטן, וואָס פאַרביטערן און פאַרפינצטערן דאָס אידישע לעבן, אַן אויסדרוק פון די קאָהאָלשע אידישע „פּאַראָנדקעס״, פון דער גאַנצער קנופּיע באַלעטויוועס, באַל־אייצעס, קלאַל־פאַרזאָרגער, גווירים־שטאַדלאָנים, קאָכלעפל, טעלערלעקער. די אָרעמע אין קונסט־בילדער, אָבער רייכע אין געדאַנקען און אין פּאַטאָס סאַטירע, וועלכע מענדעלע האָט אָנגעשריבן נאָכן „קליין מענטשעלע״ און וועלכע האָט פאַר אַ מאָטאָ דעם פּאָסעק — „משוד עניים מאנקת אביונים עתה אקום״ — דידאָזיקע סאַטירע רופט זיך „די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָט־באַלע־טויוועס״: דער איקער איז דאָ נישט דער באַל־טאַקסע (א באַל־טאַקסע באַגעגענען מיר אין „פריזיוו״ דאַפקע א סימפּאַטישן מענטשן, וועלכער ליידט אליין פון די באַלע־טויוועס), דער איקער ווערט אַרויסגעשטעלט צום שאַנד־סלופּ די באַנדע, דער גאַנצער הערשנדער קלאַס פון יענער צייט, אָנגעהויבן פון ר׳ איציק וואָלף ספּאָדיק, דעם פרומען צוואואַק, און ר׳ יודעלע שטאַנדהאַפּט, דעם מאַסקילישן צוואואַק, און געענדיקט מיט ר׳ אַרן קנעכטבאַרג, דעם קאָכלעפל, ר׳ מענדעלע דעם געלן, דעם שטאָט־שייגעץ, דעם בילער, וואָס דינט באַ די באַלע־טויוועס און פאַלט אָן, אַף ווועמען מע הייסט אים, און די דאַיאָנים, וואָס זענען אויך אין די הענט פון די באַלע־טויוועס, און מוזן זיי אונטערבאַמקען...

די „טאַקסע״ איז אַזוי ווי אַ באָמבע געווען אין דער גלופּסקער קאָהאָל־וועלט. אָבער די באָמבע איז אָנגעפילט געווען מיט גאַל, מער מיט גאָרנישט; די גאַל האָט געפּלאַצט, און עס האָט קיינעם נישט געשאַדט (דער פּראָפּעסער האָט עס פּאָרויסגעזען: דער סאָף פון דער סאַטירע איז זייער אַ פּעסימיסטישער). אַ טומל איז דאָך געוואָרן — אַ שרעק. דער איינדרוק איז געווען אַ גרעסערער, ווי פונם „קליין מענ־

טשעלע" (האַגאָם ליטעראַריש איז די „טאַקסע" אָרעמער פונם „קליין מענטשעלע"): די באַנדע־לייט, די באַלע־טויוועס פון גלופסק, האָבן עס אָנגענומען פאַר א פּאַמפּלעט, פאַר אַ כוצפּע; פון די „צאן קדשים" אָבער האָט נישט איינער דאָ צום ערשטן מאָל דערשמעקט דעם רייעך פון פּולווער — פון סאָציאַלן קאַמף, פון קאַמף פאַרן האַמוין קעגן די גווירים.

דער האַמוין אַליין ווערט נאָך אין דער „טאַקסע" נישט אַרויסגעשטעלט פאַר אַ קעמפער (איזיק זאַיקע איז אַ קאָרבן פון נאַאיווער, פאַנאַטישער ערלעכקייט, נישט פון קאַמף), דער האַמוין איז נאָך דערשלאָגן, אונטערטעניק, ער בעט זיך ראַכ־מים באַ דער קנופּיע, ער קאָן מער נישט, ווי זיפצן: „אַז אָך און ווי איז אונז"; דערפאַר אָבער איז דער פאָרשטייער פון דער אינטעליגענץ, וועקער, אַ פּראָטע־סטאַנט, אַ היציקער קאָפּ און אַן עכטער פאָלקס־פריינט. ער איז דער ערשטער סאָציאַלער דאַרשן אין דער אידישער ליטעראַטור. „ניין! שרייט ער, די גאַל ווערט צעזעצט, מע קאָן זיך שוין נישט מער איינהאַלטן! פאַרפלוכט זאָל זיין דער, וואָס זעט אזעלכע אוולעס און שווייגט! פאַרפלוכט זאָל זיין דער, וואָס איז א טרוס (א פּאכדן), וואָס האָט מוירע צו זאָגן דעם עמעס! פאַרפלוכט זאָל זיין דער, וואָס פאַרשטאָפּט די אויערן נישט צו הערן די יעלאָלעס און די קרעכצן פון די אומגליק־לעכע, פון באַליידיקטע און נויטבאַדערפטיקע; פאַרפלוכט, פאַרשאָלטן אלע, וואָס פאַרקויפן זייער געוויסן, אלע, וואָס זענען אימשטאנד צו העלפן מיט א וואָרט, מיט דער פען און שטייען פון וויטן, טאָמער וועט זיי כאָלילע עפּעס דאָס מינדעסטע שאַטן!... וואָס זאָל איך, מיך באַהאַלטן? א. אַ. ו. איך קאָן נישט שווייגן! איך מוז גיין אַרויסזאָגן דעם עמעס גאַנץ פריי, זאָל כאָטש די וועלט וויסן!" און ער גייט און האַלט דראָשעס פאַרן פאָלק, אין לעבעדיקע בילדער שילדערט ער די נויט און די אָרעמקייט פון דער אידישער מאַסע, אין זייער העפטיקע, כאָטש זייער אומקלאָ־רע, אויסדריקן פּראָטעסטירט ער קעגן די אידישע באַלע־טויוועס...

שפּעטער, אין אַ יאָר 12—15 אַרום, האָבן אויך אין דער העברייאישער ליטעראַ־טור גענומען קלינגען שטימען פון סאָציאַלן פּראָטעסט; דאָס זענען געווען אָפּ־קלאַנגען פון דער אַרומיקער נישט־אידישער וועלט. אין די שירים פון יהל"ל און אויך אין די מאַמאַרים פון „האמת" האָט זיך גערעדט נישט וועגן אידישע סאָציאַלע אומגערעכטיקייט, נאָר וועגן דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט, דער סאָציאַלער פראַגע ביכלאַל; עס האָט געטראָגן אַן אַבסטראַקטן כאַראַק־טער. באַ אידן איז נאָך נישט געווען גאָר קיין „פּראָלעטאַריאַט", עס זענען געווען באַלמעלאָכעס, קליינע קרעמער, אָרעמעלייט און געווען נעגידים. ווע־קער האָט אָבער גערעדט אין נאָמען פון אָט די באַלמעלאָכעס, קליינע קרעמער, אָרעמעלייט; מיט זיין מויל האָט גערעדט צו אונז דאָס אידישע לעבן, די אידישע נויט. דערמיט שיידט זיך זיין פּראָטעסט אָפּ פון די שפּעטערדיקע פּראָטעסטן אין די 70־קער יאָרן.

פון דער אַנדער זייט אָבער געהערט וועקער צו אַ דאָר, וואָס האָט נאָך נישט קיין אידעאַל; זיינע פאָדערונגען זענען מער נעגאַטיווע, ווי פּאָזיטיווע. עס איז גע־ווען דעמאָלט אַן איבערגאַנג־צייט; אַזוי ווי שטענדיק אין אַזאַ צייט, האָט מען גע־מוזט אַסאַך צעשטערן, איידער מע האָט אָנגעהויבן צו בויען. וועקער איז, אַזוי ווי זיין נאָמען, טאַקע מער נישט ווי אַ וועקער, ער איז אָבער דער ערשטער ווע־קער, דער אָנזאָגער פון דער סאָציאַלער דיפערענצירונג, פון דעם סאָציאַלן קאַמף, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן שפּעטער און וועלכער האָט אַריינגעבראַכט אין דאָס

אידישע לעבן גאָר נייע טענדענצן ... די „טאַקסע" — האָט דעריבער אַ ווערט נישט נאָר פאַר דער אידישער ליטעראַטור־געשיכטע, נאָר אויך פאַר דעם היסטאָריקער פון די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען בײַ אידן אין דער צווייטער העלפט פונם פאָריקן יאָרהונדערט.

———

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לײַנגער אַפן ריין־פּובליציסטישן אינהאַלט פון דער „טאַקסע", ווײַל אין דעמדאָזיקן ווערק איז די פּובליציסטישע טענדענץ זייער קלאָר אויסגעדריקט, און דעריקער, ווײַל ביכלאַל איז מענדעלע דאָ נאָך מער פּובליציסט ווי בעלעטריסט. אַ פּובליציסטישער עלעמענט איז פאַראַן אין אַלע, אַפילו אין די שפּעטערדיקע, ווערק מענדעלעס; נאָר דאָרט איז די פּובליציסטיק אַ זאַך פאַר זיך, זי שטערט נישט דעם קינסטלער צו טון זיין קינסטלערישע אַרבייט.

געבוירן איז אַבראַמאָוויטש אַ קינסטלער, אַ מאָלער פון איינציקע קליינע, אין זיך פאַרענדיקטע און נישט פאַרוויקלטע נאַטור־און לעבנס־בילדער, אַ פּסיכאָלאָג פון סאָציאַלע טיפּן, פון מענטשלעכע „אָנשטעלן", פון מענטשלעכער פאַרדאָרבנקייט, וואָס ווען ער שילדערט זי, איז ער שטאַרק און טיף, און פון מענטשלעכער איידלקייט, וועלכע איז שטענדיק בײַ אים זיסלעך, סענטימענטאַל; געבוירן, זאָג איך, איז מענדעלע אַ קינסטלער, און אויך בלייבן אין דער ליטעראַטור וועט נישט דער לערער, נאָר דער שפּראַך־מײַסטער, נישט דער סאָציאַלער דיינקער, נאָר דער סאָציאַלער פּסיכאָלאָג, נישט דער מוסער־זאָגער, נאָר דער קינסטלערישער עטנאָגראַף און קינסטלערישער היסטאָריקער; אָבער די צייט, ווען ער איז אַריינגעקומען אין דער אידישער ליטעראַטור, די צייט איז געווען אַזאַ, אַז מע האָט נישט געטאָרט נאָכגעבן דעם יעיצרהאָרע פון קונסט, מע האָט זיך נישט געקאָנט פאַרגינען דעם נאַכעס צו שאַפן צוליב שאַפן. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען דער, וואָס איז געבוירן געווען צו פרעגן, אַזוי ווי אַ קינסטלער, האָט געמוזט ווערן אַ געבער פון ענטפערן, אַזוי ווי אַ באַל־יויעץ; דער ליריקער האָט געמוזט ווערן אַ דאַרשן; דער עפּיקער — אַ מאַסקיל־זאָגער; דער הומאָריסט — אַ סאַטיריקער...

דער קינסטלער פלעגט זיך אַריינמישן דעם פּובליציסט אין די רייד... די נאַטור־שילדערונגען, וואָס זענען פאַראַן לערויוו אין די ערשטע, אַזוי ווי אין די לעצטע ווערק מענדעלעס, און וואָס אָפּט האָבן זיי צום עצם ווערק, צום סיפּער־האַמאַיסע, נאָר אַ קנאַפּע שאַיכעס — די נאַטור־שילדערונגען זענען מער נישט, ווי אַ צינז, וואָס מענדעלע דער פּובליציסט און מוסער־זאָגער פלעגט צאָלן שטילערהייט מענדעלען דעם קינסטלער, ער זאָל רואיק זיין און נישט ציען פונם שלאַכט־פעלד צוריק אַהיים, אין דאָס שטילע געצעלט פונם שטילן שאַפן. די פאַרשוינען, די מענטשן, וואָס מענדעלע, פאָרנדיק אַפן וועגעלע מיט ספאָרים, באַגעגנט אַפן וועג — זיי דאַרף דער פּובליציסט פ א ר ז י ך, זיי דאַרף ער אין מויל אַריינלייגן זיינע מעשאָלים, זיינע שטעכווערטלעך, זיין מוסער; די „נאַטור" אָבער — זי גיט ער אָב בעמאַטאָנע מענדעלען דעם קינסטלער, ער מעג זיך קוויקן מיט איר, וויפל זיין האַרץ געלוסט. און מענדעלע דער קינסטלער לאָזט זיך נישט בעטן. טרעפט זיך אים אַ שטיקל נאַטור, אַ וועלדעלע, איין ביימעלע אַפילו, — צעשפּילט ער זיך אַף אַלע קיילים. איצט איז זיין וועלט. און ער לאָזט שוין די פען נישט אַרויס פון זיין האַנט, וואו ער וועט נישט אויסמאָלן דאָס לעצטע שטריכעלע, דאָס לעצטע פּינטעלע ...

אַכוץ אין די נאַטור־שילדערונגען איז מענדעלע (שוין אין די ערשטע ווערק זיינע) אַ מאַיסטער, ווען עס באַגעגענען זיך אים פאַרשוינען, וואָס געהערן צום פאָלק,

צום פראָסטן אוילעם, פאַרשווינען, וואָס האָבן קיין שאַיכעס נישט צום קאָהאָל און קאָהאָלשע איניאָנים, אַזוי ווי, אשטייגער, אין „פישקע דער קרומער״ כאַים־כאַנע כאַנע־טריינעס, אַ פאַנטאָפּל־העלד, און כאַיע־טריינע אַליין, אַ אידענע אַ קאָזאַק, פון די מינע אידענעס, וואָס מענדעלע האָט ליב צו שילדערן, ווען ער רעדט וועגן אי־דענעס, נישט וועגן פרויען (פרויען גיבן זיך מענדעלען ווייניקער איין, איי־דער אידענעס).

אַ קינסטלער אין די ערשטע ווערק זיינע איז מענדעלע אויך דאַן, ווען ער רוקט זיך אָפּ אַף אַ ווײַלע פון דער אידישער גאַס, פון קאַבצאַנסק, פון דער „אידישער טאָרבע״; דאַן דערפילט ער זיך פּאָטער פון מיצוועס, פון מוסער, פון שטעכווערט־לעך; דער קינסטלער וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם ראָק, וואָס דער „יהודי היהודים״, דער מוסער־זאָגער האָט אַף אים אַרופגעלייגט, ער דערפילט זיך פריי און מיט אַ ברען כאַפּט ער זיך צו צום פּענזל, און מאָלט, און מאָלט, און מאָלט.

דאָס פאָלקס־לעבן, אַלץ, וואָס האָט אַ שאַיכעס צום כאַראַקטער, צו דער שפּראַך, צום באַנעמען זיך פון פאָלקס־געשטאַלטן זענען שיין אַפילע אין אַזוינע נישט גאַנץ קינסטלערישע ווערק ווי „האבות והבנים״, „די טאַקסע״ און אַנדערע; דערמאָנט זיך אַף לייען, עפּראַימס וויב, די פּראָסטע אידענע און אַנדערע פאָלקסמענטשן אין „האבות והבנים״, ווי, אַשטייגער, דער שאַמעש, די קינדער, וואָס רייצן זיך מיט אים, כאַנע די טוקערן... אָדער באַסע און טויבע־לייע אין דער „טאַקסע״... איסראָליקס מאַמע אין דער „קליאַטשע״... „פישקע דער קרומער״ איז קינסטלערישער, ווי „דאָס קליינע מענטשע־לע״, נישט נאָר, ווייל עס איז געשריבן נישט מיט אַזאַ אָפּענער פּובליציסטישער טענ־דענץ, ווי דאָס לעצטע, נאָר אויך, ווייל די סוויווע, אין וועלכער מענדעלע פירט אונז אַריין דאָ, איז נאָענט זייער צום פאָלק און צו דער נאַטור — צו די צוויי טיפסטע קוואַלן פון מענדעלעס שאַפן.

„פישקע דער קרומער״ איז אין דעם ערשטן פעריאָד פון מענדעלעס ליטעראַרי־שער אַרבעט (איך רעכן דעמדאָזיקן פעריאָד ביז „מסעות בנימין השלישי״, 1878) דאָס רייכסטע פון די בעלעטריסטישע ווערק, אַזוי ווי די „קליאַטשע״. איז די שענס־טע פּובליציסטישע זאַך.

אַפילע די ווערק פונם צווייטן פעריאָד, די ווערק, וואָס ווערן וואָס אַמאָל ריינער אינם ליטעראַרישן און קינסטלערישן זין, — אַפילע זיי זענען, ווי געזאָגט, ניט פריי פון מוסער, פון מעשאָלים, באַהאַלטענע קאַוואָנעס. אין א בריוו שרייבט מענדעלע: „איך האָב ליב, אַז אכוץ דעם שיינעם פּענימל, זאָל אין אַ קאַרטינקע אויך זיין לעבן, סייכל און געדאַנק, ווי אין א לעבעדיקן מענטשן. א קאַרטינקע באַדאַרף אכוץ שיינע מעליצע אויך מיך לאָזן עפּעס הערן״*). דאָך דערלויבט זיך שוין מענדעלע אינם צווייטן פעריאָד צו מאָלן סטאַם שיינע פּענימלעך; ער מיט זיך יעדנ־פאַלס, אז דער געדאַנק, וועלכן ער וויל אונז לאָזן הערן, זאָל האַרמאָנירן מיטן „שיין פּענימל״, זאָל עס כאָלילע נישט פאַרוואָלקענען.

א שריט צום צווייטן, פיינערן אינם קינסטלערישן זין, טייל פון זיין שאַפן, האָט מענדעלע געמאַכט מיט זיין וואונדערלעכן „מסעות בנימין השלישי״ (1878).

דאָ איז שוין ווייניקער זייטיקע זאַכן און מער קינסטלערישע רואיקייט, מער אויסגעהאַלטנקייט, ווי אין די פריערדיקע ווערק.

---

*) זע די האַקראָמע צו „סטעמפעניו״.

שרייבנדיק דאָסדאָזיקע ווערק, האָט מענדעלע געהאַט פאַר זיך אַ גרויסן מוסטער, דאָס אומשטערבלעכע ווערק פון סערוואַנטעס. אומשטערבלעכע ווערק ווערן נישט געשריבן צוויי מאָל, איז איבעריק צו זאָגן, אַז קיינער וועט נישט פאַרגלייכן דאָס שיינע „מסעות בנימין השלישי", וואו דער איקער איז דער אידישער, אויב מע קאָן זאָגן אַזוי, „עטנאָגראַפישער" הומאָר — מיט דעם „דאָן־קיכאָט", וואו עס איז פאַראַן אַן אייביקער, אַלמענטשלעכער אינהאַלט. וויכטיק איז אָבער די זעלבשטענ־דיקייט, מיט וועלכער מענדעלע האָט פ א ר א י ד י ש ט דעם דאָן־קיכאָט. ער האָט פאַראידישט דעם אינהאַלט, נישט נאָר די פאָרם. אַ דאָן־קיכאָט, אַזוי ווי מיר פאַר־שטייען אים בײַ סערוואַנטעס, קאָן אין טונעיאַדעווקע נישט אויסוואַקסן. דאָן־קיכאָט האָט קינדישע פאַנטאַזיעס, ער האָט אָבער אויך קינדישע אַקשאָנעס; בּיניאָמין איז אַ אידענע, פּונקט ווי דער כּאַוער זײַנער, סענדערל. דאָן־קיכאָט האָט פאַר קיינעם קיין מוירע נישט; ביניאָמין שרעקט זיך פאַר אַ הונט, און אַז ער דערזעט אַ גוי אין וואַלד, פאַלט ער אין כאַלאָשעס, — ער מיינט, ס'איז אַ גאַזלען. דאָן־קיכאָט שטייט קעגן דער וועלט, אַזוי ווי די טמימעס קעגן דער פאַלשקייט, אַזוי ווי דער עקסטאַז קעגן דער ניכטערקייט. ווי שטייט ביניאָמין אַנטקעגן דער וועלט? פּאָשעט, ווי אַ נאַר קעגן קלוגע, ווי אַ בּאַטלען קעגן מענטשן, וואָס זענען געניטער פון אים און קאָנען אים אַרײַנאַרן אין זאַק. פון אַנדערע טונעיאַדעווקער שיידט ער זיך אָפּ נאָר דערמיט, וואָס ער האָט אַביסל מער פאַנטאַזיע פון זיי און וואָס ער האָט זיך אָנגע־לייענט מאַיסעס פון עלדאַד האַדאַני, אַלעקסאַנדער מוקדון און די רויטע אידעלעך. אַכוץ דעם, איז ער אַ טונעיאַדעווקער, אַזוי ווי אַלע טונעיאַדעווקער. אַזוי ווי שטענ־דיק בײַ מענדעלען, קומט אויך דאָ דער פּראַט צו געבן אָנצוהערעניש אָפן קלאַל...

„מסעות בנימין השלישי" געהערט יעדנפאַלס צו די זעלטענע בײַ מענדעלען ווערק, וואָס זענען „מעור אחד", פון איין שטיק. די אַלערליי אידן און אידענעס און „קליינע אידעלעך", וואָס מיר בּאַגעגענען בײַ מענדעלען, זענען פעדים איינגעוועבט אין דער מאַטעריע, וואָס טראָגט דעם נאָמען איד; מענדעלע מיינט נישט די פעדים, ער מיינט די מ א ט ע ר י ע. דערציילט ער אונז פון ר׳ יאַנקעוו, איז ער מויסעף, אַז ס'איז פון די מ י נ ע ר׳ יאַנקעווס, וואָס זענען דאָ אַצינד, און וואָס וועלן זײַן אויך שפּעטער אין אַלע אידישע ערטער, קאָלזמאַן פון די קנדער איסראָעל וועט נאָך בּלײַבּן אַ זײַכער און אין זיי וועט נאָך שלאָגן אַן אָדער" (די „אַלטע מאַיסע)"; ער דערציילט אונז נישט פון ר׳ יאַנקעוון, נאָר פון ד ע ם מ י ן ר׳ י א נ ק ע ו ו ס.

דאָס הייסט אָבער נישט, אַז ער האָט נישט קיין אויג פאַר דאָס אינדיווידועלע. ניין, צוזאַמען מיט די פּאַרשוינען, פון וועמענס מויל עס רעדט מענדעלע אַליין, האָבּן מיר אין זײַנע ווערק צענדליקער נעמען, וואָס יעדערער פון זיי אַז מען זאָל אים אָנרופן, וועט ער אופוועקן אין אונזער זיקאָרן סימאָנים, בּוילעטע, פּלאַסטישע סימאָנים, לויט וועלכע מיר קאָנען אים דערקאָנען און אָפּשיידן פון אַלע אַנדערע. מענדעלע איז אַ מאַיסטער אַף דאָס אינדיווידועלע. עלע וואָס דען? ער וויל, אַז יע־דע זאַך, וואָס ער שאַפט, זאָל לעבן אַ טאָפּלט־לעבן: דאָס אייגענע, אינדיווידועלע לעבּן, און דאָס לעבן פונם מין צו וועלכן ס'געהערט. דער געוויינלעכער קינסטלער זעט דאָס אַלגעמיינע ד ו ר ך דאָס אינדיווידועלע, מענדעלע זעט בּיידע זאַכן מיטאַמאָל: ער איז אַ מין טאָפּלטזעער.

אַבראַמאָוויטשעס דערציילונגען — דאָס איז איין ג ר ו י ס ע ס ק י נ ס ט ל ע ר י ש ע ס מ ע מ ו אַ ר ע ן־ב ו ך פונם קלוגן, געניטן, אין אַלע ווינקעלעך אויסגעוועזענעם מ ע נ־

דעלע מויכער־ספאָרים, איין גרויסעס קינסטלערישעס מעמואַרן־בוך, וואו איר געפינט אַלץ, וואָס איר ווילט: פאָלקס־פּאָעזיע און פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע, קולטור־געשיכטע און עטנאָגראַפיע, מאָראַל און הומאָר, — און וואו אַלץ דינט נאָר צו איין צוועק: באַקאַנט מאַכן אונז דורך לעבעדיקע בילדער מיט דעם פאָלקס־לעבן און פאָלקס־כאַראַקטער פון די אידן אין געטא. מענדעלע איז דער נייער יוסיפון אונזערער.

אָבער הויפּטזעכלעך איז ער דער יוסיפון פון דער פאַרלעצטער עפּאָכע, פון דער עפּאָכע, ווען דער געטאָ־און בעסמעדרעש־איד איז געווען נאָך אַלץ, דאַכט זיך, איינגעגלויבט אין זיך, נאָר זיין איינגערער זון איז שוין געשטאַנען אָן אַ זייט און געקוקט אַף אים, ווי אַף א מומיע, אַ גוף אָן אַ נעשאָמע, און ערגעץ אין דער הויך אַף אַ שאַלקע איז געזעסן שוין דער אַלטער, דער קלוגער, מיטן קילן פאַר־גליווערטן שמייכל אַף די ליפּן, מיט די קנייטשן אַפן געזיכט, געשאַרפט די טרוקענע געלבלעכע גענזענע פעדער, גענעצט דעם פינגער און געמאָסטן זיך איבערקערן אַ בלאַט אין פינקעס...

(„וועגן אידישע שרייבער", 1 וואַרשע, 1924)

ד. פרישמאַן.

די עטאַפּן פון מענדעלעס קינסטלערישער אנטוויקלונג. — „פישקע דער קרומער". — „מאַסאָעס ביניאָמין האשלישי". — „דאָס ווינשפינגערל".

ער האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע לעבן אינם געסל פונם קליינעם שטעטל אין רוסלאַנד אין דער ערשטער העלפט פונם פאָריקן יאָרהונדערט, און אַ טייל אויך פון דער צווייטער העלפט פון יענעם יאָרהונדערט, און האָט אונז דערפון געגעבן אַ גוואַלדיק בילד מיט אַלע איינצלהייטן און מיט אַלע קלייניקייטן און מיט אַלע ברעק־לעך, אַז ווען אַפילע מיר זאָלן שוין זיין ווייט דערפון, צווינגט ער אונז דאָסדאָזיקע פירכטערלעכע לעבן צום צווייטן מאָל פונפאָרנט ביזן סאָף מיט דער פאַנטאַזיע ווי־דער דורכצולעבן.

און אַזוי ווי מענדעלע לאָזט אונז איבער לעזייכער אוילעם דאָס בילד פונם אוי־סערן לעבן פונם אידן אינם רוסישן שטעטל אין דער ערשטער העלפט פונם 19־טן יאָרהונדערט, אַזוי לאָזט ער אונז איבער, אין אַ פיל גרעסערער מאָס, דאָס אַלגעמיין־בילד פון די אידן אַליין אין דערדאָזיקער צייט; ער מאָלט אונז אַלע זייערע גע־שעפטן און פאַרנאָסעס און היסנאַגעס (פירונגען) און מאַיסים אינם לויף פון די 24 שאָ פונם מעסלעס דורך דאָס גאַנצע יאָר פון ראָשעשאָנע ביז ראָשעשאָנע: — אַלע יענע סאָכרים און קאַבצאָנים און מעקלערס און קרעמערס און באַלטויוועס און טאקיפים און ראָשע־קאָהאָל און באַלע־טאַקסע און שטאַדלאָנים און כאַפּערס און כאַזאָנים און באַל־טפילעס און יעשיווע־באָכערים און מאַסקילים און פּראָצענטניקעס און קליינע סאָכרים און הענדלערס און הענדלערקעס מיט מענטשן־פלייש און באַלע־באַטים און לאָמדים און שוסטערס און שניידערס — עס איז קימאַט ניט פאַראַן באַ אידן קיין איינציקער טיפּ, וועלכן מענדעלע זאָל ניט האָבן געמאָלט.

זיין אַנטוויקלונג־צייט האָט וואונדערלעך לאַנג געדויערט — ווי באַ קיין שום אַנ־דערן שריפטשטעלער ניט. מענדעלע איז ניט מיטאַמאָל געוואָרן דאָס, וואָס ער איז. ווען מיר דערמאָנען זיך, לעמאָשל, אַז דערדאָזיקער שריפטשטעלער האָט אָנגעהויבן

מיט אַ דערציילונג „למדו היטב״ אָדער „האבות והבנים״, ווילט זיך קימאַט ניט גלויבן, אַז פֿון אַ שריפֿטשטעלער, וועלכער האָט אַמאָל געשריבן דידאַזיקע זאַכן, האָט זיך געקענט אַרויסוויקלען דערדאָזיקער, וועלכער האָט אונז צום סאָף געשריבן „שלוימע רעב כאַיִמס״. מיר גלויבן ניט זאָגאַר, אַז דער, וועלכער האָט געשריבן „דאָס קליינע מענטשעלע״, און אַפּילע „די קליאַטשע״, אין וועלכע ער איז נאָך גע־נוג פּובליציסט און מוסער־זאָגער, זאָל קענען זיין געוואָרן צו לעצט יענער גרויסער קינסטלער, וועלכער האָט אונז אָנגעשריבן „פּישקע דעם קרומען״ און „דאָס ווינש־פֿינגערל״. וועלן מיר ניט אַ מינוט לאַנג זיך האַלטן בּאַ דער מיינונג, אַז אום צו ווערן דאָס, וואָס ער איז געוואָרן, האָט ער געמוזט צוערשט אַלט ווערן? „אַזוי ווי עס איז פֿאַראַן געבוירענע יונגע־לייט — זאָגט טאָמאַס מאַן אין איין אָרט — וועלכע ווערן גיך פֿאַרטיק און וואַקסן ניט און מיקאָלשקן, אַז זיי ווערן ניט אַלט, ווען ניט זיי האָבן זיך אַליין איינגאַנצן איבּערגעלעבּט, אַזוי איז פֿאַראַן, ווי עס ווייזט זיך אויס, נאַטורן, פֿאַר וועלכע די עלטער־צייט איז די איינציק ריכטיקע און פּאַסנדע, אַ מין „קלאַסישע זקיינים״, וואָס זייער בּארוף איז צו ווייזן דער וועלט אַף דאָס פֿול־קאָמענסטע, אַלע אידעאַלע מאַילעס פֿון יענע עלטערע יאָרן, דעם טיפֿן בּליק, דאָס פֿארשטענדניש פֿאַר אַלצדינג, „דאָס שטרעבּן גערעכט צו זיין אין אַלצדינג״, דעם ריינעם הומאָר און די העכערע כאָכמע״. צו דידאָזיקע זקיינים, ווי עס ווייזט זיך אויס, געהערט מענדעלע. ער האָט געמוזט לאַנג לעבן, בּיז זיין נאַטור איז איינגאַנצן פֿאַרטיק געוואָרן.

קוקט מען צוריק אַף די שריפֿטשטעלערישע טעטיקייט פֿון אַבּראַמאָוויטשן, זעען מיר זי פֿאַר זיך איינגעטיילט שטריינג אין דריי פּעריאָדן.

אין דער ערשטער פּעריאָדע: עס נוצט אים ניט זיין גאַנצער טאַלאַנט און זיין גאַנצע פּאָעזיע; די דעמאָלטיקע צייט מאַכט אים פֿאַר אַ שרייבּער, ווי די הונדערט אַנדערע זיינען געווען, מיט דיזעלבּיקע צילן און דיזעלבּיקע וואונשן. ער שרייבּט זיינע מעליצעס, ער האַלט מילכאָמע מיט די „מורדי אור״ און מיט כסידים און כסי־דעס, ער שרייט גוואַלד, אַז מע מוז לערנען וויסנשאַפֿטן, און וועלכע צאָרעס עס זאָל ניט זיין געקומען אַף אידן אין זיין לאַנד, ווייסט ער, אַז עס איז נאָר דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן זיך ניט געבּילדעט. זאָלן זיי זיך נאָר בּילדן—וועלן זיי בּאַלד און גיך געהאָלפֿן ווערן. אַרום יענער צייט שרייבּט אַבּראַמאָוויטש זיין „משפט שלום״, „האבות והבנים״ און קאָמפּילירט אַ נאַטורוויסנשאַפֿטלעך ווערק „תולדות הטבע״.

אין דער צווייטער פּעריאָדע ווערט אַבּראַמאָוויטש בּאַל־מילכאָמע און מאָראַליסט. די אָנגעבּוירענע פּאָעזיע און דער מערקווירדיקער זין פֿאַר נאַטור־שיינהייטן שטערן אַפּילע אַבּיסל; אָבּער נישקאָשע, ער שטריינגט זיך אָן זיי אַנטשוויגן צו מאַכן, ווי ווייט ער קען נאָר. „די קליאַטשע״—ווען מען זאָל בּאַזייטיקן פֿון איר די פֿיל שיינע לירישע שטעלן, וועלכע זיינען טיילמאָל עמעסע פּערל פֿון פּאָעזיע, און די וואונ־דערבּאַרע בּאַשרייבּונגען פֿון נאַטור־שיינהייטן, וועלכע זיינען אָפּטמאָל גאַנצע אויצ־רעס פֿון קונסט, בּלייבּט אונז איבּער אַן אַפּאָלאָגעטיש־פּובליציסטישע שריפֿט מיט מערקווירדיקע טענדענצן. „מיט וואָס פֿאַר אַ יוישער קען מען—פֿרעגט ער פֿאָשעט—יענעם ניט לאָזן עסן, אָטעמען פֿריי, סיידן בּיז ער וועט זיך אויסלערנען עפּעס קונצן? איטלעכס בּאַשעפֿעניש, וואָס ווערט געבּוירן, איז קוידעמקאָל אַ לעבּעדיקע זאַך, פֿאַר־זאָרגט פֿון דער נאַטור מיט אַלע כושים, מיט אַלע אייוורים, טאַקע נאָר פֿון זיינט־וועגן, בּיכדיי דורך זיי צו בּאַקומען אַלצדינג, וואָס עס בּאַדאַרף נייטיק האָבּן צום לעבּן״...

אין דערדאָזיקער פעריאָדע רעדט אַבראַמאָוויטש נאָך אַלץ אין אַלעגאָריעס און מעשאָלים, זיין ליבסט ווערטל איז דעמאָלט: „ניט דאָס בין איך אויסן“. ער האַלט וויקוחים, ער זאָגט מוסער, ער שטראָפט, ער קריגט זיך מיט דאָס זייניקע און מיט פרעמדע, ער זוכט די סיבעס פון יעדער זאַך און יעדער דערשיינונג — און שטערט אים אַמאָל זיין פּאָעטישער גייסט אין זיינע בקירעס, דערשטיקט ער אים. אין דער־דאָזיקער פעריאָדע איז ער אונזער בעסטער פּובליציסט. ער איז אַ שטרייטער און אַ מאָראַליסט.

און אַזוי קומט מענדעלע צו זיין דריטער און לעצטער פעריאָדע פון זיין שריפט־שטעלעריי. דאָס קינסטלערישע אין אים נעמט סאָפּקאָלסאָף די איבערהאַנט, און עס באַווייזט זיך דער ריינער קינסטלער, אַזעלכער, ווי באַ אידן איז זיין גלייכן ניט גע־ווען. ער זאָגט ניט מער קיין מוסער, ער קריגט זיך ניט מער מיט אונזערע סאָנים פון דרויסן און מיט אונזערע טקיפים פון דרינען, ער שרייבט ניט מער קיין אַלע־גאָריעס, נאָר ער מאָלט דאָס לעבן אין דער אידישער גאַס, אַזוי ווי זיינע אויגן זעען עס, און עס איז ניט פאַראַן קיין זאַך, וועלכע ער זעט ניט, און עס בלייבט ניט קיין פּונקט, וועלכער איז פאַר אים פאַרבאָרגן, און עס איז ניטאָ קיין באַוועגונג, וועלכע איז אים אומבאַקאַנט; אַלץ זעט ער און ווייסט ער, און אַלץ מאָלט ער, און דער פּאָן פון דעמדאָזיקן גוואַלדיקן מאָלעכץ איז דער שרעקלעכער, פּירכטערלעכער דאַלעס, אין וועלכן אַ גאַנצע אומע, אַ צעבערעקלטע און צעוויטיקטע, טרינקט זיך, און עס קומט ארויס יענע גוואַלדיקע פּירכטערלעכע טראַגעדיע, וועלכע נעמט־אָן באַם האַרץ און פאַרסאַמט די נעשאָמע. עס איז שוין געגנוג פאַר אונזערטוועגן די נעמען פון זיינע שטעט, אום צו וויסן, וואו דאָס אומגליק הייבט זיך אָן: קאַבצאַנסק, גלופּסק און טונעיאַדאָווקע. די נעמען זיינען סימוואָלן. קאָל־איסראָעל איז איין קאַבצן. די גרויסע אידישע אַלטע טאָרבע, דאָס איז אונזער אומגליק. דער איד מוז זיך לערנען מעוואַ־טער זיין אַף דעם ביסל אוילעם־האַזע און ברעכן די טאַיווע פון עסן. „דער יעיצער־האָרע פון עסן איז אַ געמיינע טאַיווע“. ער טאָר ניט וויסן פון דער פרייד פון קינ־דער־יאָרן און פון דער שיינקייט פון דער נאַטור, און ער מוז לעבן אין דער וועלט פון פאַנטאַזיעס. די דאָן־קיכאָטן מערן זיך באַ אים, יענע „בינימין השלישי׳ס“, וועלכע פאָרן אין די וועלט אַריין, און דאָס לעבן אין דער „קאַבאָלע“ און אין דער „זויהער“־וועלט ווערט פאַר אים עמעס נאַטירלעכס. די סאַטירע פונם גרויסן דיכטער ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער, וואָס אַמאָל גאַליקער, און עס צעשפּילט זיך דער גרויסער שפּאָס.

„פישקע דער קרומער“, „מסעות בנימין השלישי“, „דאָס ווינשפינגערל“ און „שלמה ר׳ חיימ׳ס“ זיינען און בלייבן די גרעסטע און מאַיסטער ווערק פון אונזער ליטעראַטור.

אַלס סיפער־האַמאַיסע פאַר זיך איז „פישקע“ שוין אַביסל צו איינפאַך. ביכלאַל צייכנט זיך דאָך ניט מענדעלע אויס אַלץ מאַיסע־שרייבער מיט פאַרוויקלטע און פאַר־ציקלטע געשעענישן; אַלפּי ראָוו האָבן מיר אין זיינע מאַיסעס קיין שום „האַנדלונג“ ניט, און זיי זיינען אַזוי איינפאַך, אַז ווען אַן אַנדערער זאָל קומען, וועלכער באַזיצט ניט דעם טאַלאַנט פון מענדעלע, וועט ער גאָר ניט וויסן, וואָס מיט דעמדאָזיקן שטאָף אָנצוהייבן. אייגנטלעך געפינסטו דאָרט גאָרניט דאָס, וואָס מע רופט „קאָמפּאָזיציע“, און געפינסט נאָר אַ צונויפשטעלונג פון באַזונדערע מאַיסעלעך, שטיקלעך, עפּיזאָדן, באַטראַכטונגען, נאַטור־שילדערונגען און וואונדערשיינע שטעלן. די אייגנטלכע מאַיסע פון פישקע דעם קרומען איז אַ גאָר איינפאַכע: דאכט זיך, עפּעס ניט אַזוי שטאַרק פאַרוויקלט, און מיעדייע ווי וואונדערלעך אויסגעטראַכט.

נאָר אפילע דאָסדאָזיקע קליינע מאַיסעלע מיט פישקע דעם קרומען, דאַכט זיך, איז באַ מענדעלע מויכער־ספאָרים גאָרניט דער איקער; דער איקער איז די גאַנצע סוויווע: דאָס לעבן פון אידישע אָרעמעלייט, וועלכע גייען איבער די הייזער, שנאָרן— אַ בילד, וועלכעס נעמט אָן באַ דער נעשאָמע...

ניט די קייט איז דאָ דעריקער, נאָר די איינצלנע רינגען. באַלד דאָס ערשטע בלעטל ווייזט אונז, אז דער, וועלכער דערציילט, איז אַ מאַיסטער.

אין דעמדאָזיקן בוך האָבן מיר, אַלזאָ, ניט צו זוכן איין מאַיסע, נאָר אַסאַך מאַיסעלעך, אַסאַך עפיזאָדן, שטיקלעך סצענעס און קאַרטינעס. מענדעלע מויכער־ספאָרים איז ניט קיין מאַיסע־דערציילער—ער איז אָבער א מאַיסטער, ווי ער האָט צו זיך ניט קיין צווייטן, וועלכער צייכנט אונז אַלץ, וואָס א מענטשן־אויג קען זען, און אַלץ, וואָס א מענטשן־אויער קען הערן. אָבער דאָס, וואָס ער צייכנט אונז, דאָס איז קולטור־היסטאָריע פון אַ גאַנץ פאָלק אין א געוויסן אָרט און אין א געוויסער צייט, צוזאַמען מיט טיפן־צייכענונגען אין אלע זייערע איינצלהייטן.

אין „מסעות בנימין השלישי" זיינען די געשטאַלטן מער פון רעאַלן לעבן, כאָטש דער אינהאַלט אַליין איז מער פאַנטאַסטיש. דער „מידאַס האַדין" איז אָבער אין דערדאָזיקער דערציילונג פיל גרעסער פון דעם „מידאַס האָראכמים", דער סאַטירישער שפּאָט איז דאָרט אומדערבאַרעמלעך און אָן א גרענעץ. דאָס ווייכע און דאָס האַרציקע איז קימאַט אינגאַנצן פאַרשוואונדן, און די בייטש שלאָגט אַף רעכטס און אַף לינקס...

אויב אין „פישקע דער קרומער" האָט מענדעלע מויכער־ספאָרים נאָר געמאַכט דעם אָנהייב: געמאָלט דעם איד פון דער טאָרבע, וועלכער האָט אין זיין לעבן קיין אַנדער אידעאַל ניט, ווי נאָר דאָס שטיקל ברויט, האָט ער אונז אין „ווינשפינגערל" שוין געוויזן דעם איד אויך אַף דער העכערער מאַדרייגע: דעם איד מיט זיין גאַנצן רוכניעס און מיט זיין גאַנצן נעשאָמע־לעבן. דידאָזיקע דערציילונג איז דער גאַנצער קוילעל, וועלכן מענדעלע מויכער־ספאָרים האָט אונז געגעבן.

די פאָרם, וועלכע אַבראַמאָוויטש האָט זיך אויסגעוויילט אין דערדאָזיקער דערציילונג, איז די איינפאַכסטע: די פאָרם פון אַ ביאָגראַפיע פון אַ איד, פון הערשעלע, צייט זיין געבורט—און אין אַ געוויסער הינזיכט, נאָך איידער ער איז געבוירן געוואָרן—ביז ער ווערט אַ פאַרטיקער מענטש. אן אַרט „דאָוויד קאָפּערפעלד". און באַם מאָלן דאָס לעבן פונם דאָזיקן אידישן קינד, מאָלט ער אונז דערעך־אַגעוו אויך די גאַנצע אומגעבונג און די שטאָט און די מענטשן און זייערע געשעפטן און זייער פילן און טראַכטן, און אויך אַלע קלאַל־געשעעניש, וועלכע פלעגן פאָרקומען באַ אידן אין דערדאָזיקער צייט; ניט פאַראַן קיין איינציקע זאַך, וועלכע איז דאָרט ניט געמאָלט. און וואָס דעם אויפן פון שרייבן באַטרעפט — האָט די דיכטערישע קראַפט דאָ אירע וואונדער געוויזן נאָך מער ווי אין די פריערע ווערק.

גייט מען אַוועק פון דידאָזיקע מאַיסטערהאַפטע ווערק צו די קלענערע דערציילונגען אַבראַמאָוויטשעס, וועלן מיר זיך ניט וואונדערן, וואָס די טיפן און די סצענקעס דאָרט זיינען אַרום און אַרום דיזעלביקע, וועלכע מיר האָבן שוין טיילוויס געהאַט אין דער גרויסער דערציילונג. די קלענערע זיינען פאַר אונז נאָר אַ מין „תיקון ליל שבועות"—און מיר וואונדערן זיך נאָר אַף די געשיקטלעכקייט פונם דאָזיקן מאַיסטער, ווי ער האָט געקענט אַזויפיל געשטאַלטן און בילדער צונויפברייננגען אין אַזאַ ווינציקער פאָרם.

(מענדעלעס אלע ווערק, 17 ב.: „קריטיק וועגן מענדעלען", וואַרשע, 1913).

מוישע גראָס.

דער פארנעם פון מענדעלעס סאטירע.—מענדעלע—דער באַשיצער פון דער געשענדעטער נאטור.

אַבראַמאָוויטש האָט ניט נאָר דערפילט די ראָלע פון סטאַם אַ שריפטשטעלער באַ זיין פאָלק, נאָר איז געווען זיין ערשטער און פירנדער שריפטשטעלער, דער ערשטער אייראָפּייאישער שריפטשטעלער בא אידן. ער האָט באלד אין זיך דערפילט דעם קינסטלערישן מוט און דעם קויעך זיך אינערלעך צו באַפרייען פון דער ליטעראַרי־שער טראַדיציע פון זיינע פאָרגייער און איינצואָרדנען זיינע שאַפונגען אין דער גרויסער געמיינשאַפט פון דער אייראָפּייאישער וועלט־ליטעראַטור. אָבער די וואוג־דערלעכע איינאונאייניציקייט, וואָס כאַראַקטעריזירט מענדעלעס שטעלונג אין דער אי־דישער ליטעראַטור, נעמט זיך ניט נאָר דערפון אליין, וואָס ער איז געווען דער ערשטער און דער פירער פון דער נייער, אופבליענדיקער ליטעראַרישער עפּאָכע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט 20—10 יאָר נאָך זיין ערשטן ארויסטריט, נאָר געוויס אויך דערפון, וואָס ער איז אין דערזעלבער צייט געווען אויך דער לעצטער פון אַ ליטעראַרישן דאָר, וואָס זיין ציל איז געווען, אין בעסטן פאַל, די הויכע, געטלעכע בילדונג, די טאָכטער פונס הימל, אין פיל אַנדערע פאלן אָבער — דאָס ביליקע, גייסט־לאָזע „אַמוזירן" פונם פובליקום מיט זיסלעכן שונד.

מענדעלע מויכער־ספאָרים איז געוואָרן דער באַשאַפער פונם אידישן סטיל. פאַר אים איז קיין אידישער סטיל לאַכלוטן ניט געווען, פונקט אַזוי ווי ס'איז ניט געווען אויך קיין אידישע קונסט.

מענדעלע איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געזעען מער און טיפער. זיין געניאַלע אינטואיציע האָט אים מעגלעך געמאַכט א נאָענטע אינערלעכע באַציאונג צו די אָביעקטן פון זיין קונסט, צו דער אידישער רעאליטעט. ער איז ניט געבליבן שטיין באַם אויסערלעכן פאַרצעף פון זיינע העלדן, בא די פאַרטיקע פאָרמען פונם אידישן לעבן, נאָר האָט ווי א געטרייער ליבעפולער נאַטורפאָרשער אָבסערווירט און אופגענומען אין זיך יעדע פאַרבאָרגנסטע טנוע, יעדן שטילסטן שאָרך פון זיינע פאַר־שונג־אָביעקטן. האָט ער אין דער ערשטער טקופע פון זיין שאַפן רעאַגירט אַף דער אידישערווירקלעכקייט מיט ראכמאָנעס אַף די דערשלאָגענע, געמוטשעטע, פאַרכוי־שעכטע, און מיט דעם שאַרפן בייסיקן מוסער פאַר די „ספאָדיקס" און „קליינע מענ־טשעלעך",—איןביידע פאַלן אַלזאָ מיט אומקינסטלערישע מיטלען, — אזוי זיינען די מאָטיוון פון זיין שפּעטערדיקן שאַפן אויסשליסלעך קינסטלעריש־סאַטירישע. ער האָט דערפילט, אַז ס'איז ניט מער גענוג זיך אָפּצורעכנען מיט דעם פאראיפּעשטן, מאָדנע נאַרישן און דערביי בעקאָוועדיקן פאַראַזיטן־לעבן אף דעם פריערדיקן אויפן, ד. ה. צו ברייגגען ראַיעס, אַז דאָסדאָזיק לעבן טויג נישט, אַז עס איז פאַרדומפּן, פויל, אומעסטעטיש, מיעס, ווי די אידישע רינשטאָקעס, וואָס ציען זיך דורך אים ווי א לעבע־דיקער סימוואָל. ער האָט מיטאַמאָל קלאָר געזעען, אַז דורך אַ קאַזואיסטישער מילכאָמע וועט דאָסדאָזיקע לעבן קיינמאָל ניט באַזיגט, ניט אַנדערש ווערן. און טאַקע פון אָט דעם ביטערן איֵעש איז אין אים געבוירן געוואָרן דער מוט צו דער געניאַלער סאַ־טירע, וועלכע צייכנט אויס זיין גאַנץ שפּעטערדיק שאַפן און באַזונדער זיין מאַיסטער־ווערק „מסעות בנימין השלישי".

מענדעלע מויכער־ספאָרים, דער קינסטלער פון ערשטן ראנג, האָט גוט געפילט, אַז דאָס ערשטע איז די קינסטלערישע אופריכטיקייט, די געטריישאַפט צו דער גע־

שילדערטער ווירקלעכקייט. אָט די מאַילע שטעלט אים אוועק אין איין ריי מיט די ערשטע קינסטלער אין דער וועלט, וואָרום מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז קינסטלערישע אָפּריכטיקייט איז ניט קיין ראָצן־זאַך, וואָס אבי מע באַשליסט נאָר זי צו ווערן, דערגרייכט מען זי שוין. קינסטלערישע אָפּריכטיקייט איז קודעמקאָל א פראַגע פון קוואַליטעט, פון מעגלעכקייט, און אָט פון דער קינסטלערישער אָפּריכטיקייט, פון דער פולער האַרמאָניע צווישן איבערלעבונג און שילדערונג נעמט זיך דער אייביקייט־ווערט פון מענדעלעס שאַפן, נעמט זיך זיין סאַטירישע גראַנדיעזקייט, דער ווייטער האָריזאָנט פון זיין דיכטערישער וועלט־באַטראַכטונג. האָט מענדעלע געמאַכט דעם ערשטן געלונגענעם פאָרשטויס ביז צום טיפּישן, אַלגעמיינעם, איבער־פּערזענלעכן. ביניאָמין דער דריטער איז פאַר מענדעלען ניט גלאַט איינער א איד, פונם אוי־לעם־האַדימיען, א מעשוגענער באַטלען, וואָס שלעפּט זיך אַרום צווישן אידישע שטעט און שטעטלעך מיט דעם נעבעכדיקן שלימאַזלניק סענדערל, לאָזן ביידע איבער זייערע ווייבער לעבעדיקע אַגונעס, לויפן נאָך דעם פּיפּערנאָטער און דעם טערק און גייען דערוויל אַליין אַלס רויטע אידעלעך אין אידישע הייזער. מענדעלע זעט אין אָט דעם העלד ניט מער דאָס אינדיווידועל־גראָטעסקאַ, דעם באַזונדערן איינצלפאַל, נאָר דעם אַלגעמיין־גילטיקן מאָשל, דאָס, וואָס פּאַסט זיך אָף אַלע.

אַלע אידן זיינען דאָסזעלבע, וואָס ביניאָמין דער דריטער איז. איז זיין וועלט־באַטראַכטונג אין „מסעות בנימין השלישי״ האָלט מענדעלע שוין אַזוי ווייט, אַז ניט נאָר „יעדער איד איז א קאַבצן, וואָס האַנדלט מיט שמאַטעס״, נאָר אַז יעדער איד, ד. ה. נאַטירלעך יעדער פון אַ גאַנץ באַשטימטן טיפּ, איז צוגלייך אויך א טראַגיקאָ־מישע פיגור, א מעשונעדיקע בריע, וואָס האָט ניט קיין מין מענטשלעכע צורע, לעבט אָף די מיסטן.

אין „מסעות בנימין השלישי״ ליגט דער איקער ניט אין דער מאַיסע, וואָס מענ־דעלע דערציילט, אָדער ווי אַזוי ער דערציילט זי אונז, ניט אין דעם וואָס אָדער ווי אַזוי דער העלד ביניאָמין, אָדער סענדערל די אידענע, אָדער דער גוי, אָדער די אידישע כאַפּערס רעדן און טוען, נאָר דער שווערפּונקט ליגט אין דעם אידעאַלן מערכעק צווישן דעם, וואָס דידאָזיקע אידן טוען דאָ אָפּ, און צווישן דעם לעבן און ריינער נאַטור. דער איקער איז דעם סאַטיריקער—די שפּאַנונג צווישן דעם אידישן און דעם נאַטירלעכן מענטש. ווי יעדער עמעסער סאַטירישער קינסטלער, פילט זיך אויך מענדעלע אַלס באַשיצער פון דער געשענדעטער נאַטור, פאַר וועלכער ער נעמט זיך אָן מיט זיין ווערק.

מענדעלע מויכער־ספאָרים איז ניט געגאַנגען דעם וועג פון פרייען הומאָר. דער הומאָר האָט בעטעווע די טענדענץ מויכל צו זיין. ער נעמט אַריין אַלע דיסאָ־נאַנסן פונם לעבן אין א באַרואיקט, האַרמאָניש, אָפּגעקלערט וועלט־בילד. ער האָט ראַכמאָנעס מיט זיינע אָביעקטן.

דער סאַטיריקער קען ניט מויכל זיין, ער קען זיך ניט באַפרייען פון די שרייענ־דיקע סטירעס אין דער וועלט פון דערשיינונגען, וועלכע לאָזן זיין גייסט ניט קומען צו רו. ער איז דער סוינע און איז זיך נויקעם מיט זיין ווערק.

(„מענדעלע מויכער ספאָרים״

פּאַריז. „דער קוואַל״, ווין).

מ. וויינרייך.

די עוואָלוציע פון מענדעלעס שאפן לויט די וואַריאַנטן פון „קליינעם מענטשעלע“.—דער פּראָטאָטיפּ פון דער פיגור וועקער אין דער „טאקסע“.

פון „קליין מענטשעלע“ זיינען פאַראַן, אַף וויפל מיר איז באַוואוסט, 7 פאַרשיי־דענע אָפּדרוקן:

1) דער ערשטער דרוק אין „קול מבשר“ פון נומ. 45, 1864 ביז נומ. 6, 1865.

2) אַן אָפּדרוק פון דעם טעקסט אין „קול מבשר“, אַרויס באַלד נאָך דעם, ווי ס'האָט געענדיקט גיין אין בלאַט.

3) אַ דריטע אופלאַגע נאָך אין זעלבן יאָר 1865 אין ווילנע.

4) „דאָס קליינע מענטשעלע אָדער אַ לעבנס־באשרייבונג פון איצכאָק אַווראָם טאַקיף“ (גאָר אינגאַנצן אַפּדאָסניי איבערגעמאַכט) געדרוקט בעהישטאַדלעס מענדעלע מויכער־ספאָרים, ווילנע, 1879.

5) „דאָס קליינע מענטשעלע. ווידע לעאיצכאָק אַווראָם. אַלע קסאָווים פון ממ"ס“. יובילי־אויסגאַבע, אָדעס 1907 (ס'איז אַרויס בלויז דער איין באַנד—„דאָס קליינע מענטשעלע“ און „פישקע דער קרומער“.

6) אויסגאבע פון דער היברו פּאַבלישונג קאָמפּאני אין ניו־יאָרק.

7) דאָס קליינע מענטשעלע. פאַרלאַג „מענדעלע“ יובילעאום־אויסגאבע. 1911.

פון די 7 אויסגאבעס גייען אַראָפּ: נומער 2, וואָס איז אַ פּאָשעטע קאָפּיע פון 1; נומער 3, וואָס איך קען ניט; נומער 6, וואָס איז אַן אַמעראַצישער איבערדרוק פון 5. אויך נומער 7 איז קימאט אינגאַנצן געגליכן צו 5. מיר וועלן זיך דעריבער אָפּ־שטעלן נאָר אַף די 3 וואַריאַנטן: 1, 4 און 5 אָדער, מיט אַנדערע ווערטער, אַף דער באַאַרבעטונג פון 1864, 1879 און 1907.

באַם ערשטן אַרויספאָר האָבן מיר מער ניט, ווי דעם סקעלעט פונם גאַנצן ווערק, און דאָס נאָך אויך אַ ניט־אויסגעוואַקסענעם. ערשט שפּעטער נעמט דאָס „קליין מענטשעלע“ אָן אַף זיך הויט און לייב. דער ערשטער וואַריאַנט איז נאָר אַ שילדע־רונג פון די צייט־אומשטענדן, אַ טענדענץ־זאַך, וואָס דאַרף אַרויסברייגגען דעם שריי־בערס געזעלשאַפטלעכע פּראָגראַם. דעריבער איז דאָ די געשיכטע אויסדערציילט גראַדליניק, אָן קונצן, אָן „זייטיקע“ זאַכן. מענדעלע מויכער־ספאָרים קומט צו פאָרן אין גלופּסק (ניטאָ דאָ אַגעוו די באַשרייבונג פונם שיינעם הארבסטיקן טאָג, ניטאָ די סצענע, ווי מענדעלע לאָזט איבער דעם פערדל צו פאַרקערעווען זיך רעכטס אָדער אַף לינקס) און טרעפט אָפּן מאַרק דעם גרויסן גערודער צוליב איצכאָק־אַווראָמס טויט. מ'שיקט אים רופן צום ראָוו און ער געפינט דאָרטן די דאַיאָנים און נעגידים. דער ראָוו נעמט לייענען פאַרן אוילעם איצכאָק־אַווראָמס ווידע — און אזוי לייענט ער עס ביזן סאָף. אין אונזער הייגטיקן טעקסט קומט מענדעלע צו גיין שוין נאָכן לייענען די ערשטע העלפט ווידע, דער ראָוו גיט אים די שוין געלייענטע בלעטלעך און בעט אים קומען מאָרגן אויסהערן דעם סאָף; אין דעם ערשטן נוסעך איז אָט די האַמצאָע ניטאָ. ניטאָ אויך דער איבערייס אין לייענען צוליב בענין דעם וואַסערפירער. ניטאָ דער שמועס מיט דער רעבעצן און איר גאַנצע רעדע וועגן דער פרויען־פראַגע. די פעמיניסטישע דראָשע איז צוגעקומען אין 1879, די נייע איינטיילונג, וואָס מאַכט דעם שטאָף וויינקער מאָנאָטאָן, — ערשט אין 1907 יאָר.

דער אינהאַלט גופא איז אויך אינם ערשטן נוסעך שטאַרק אָרעם. מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן אַף עפּיזאָדן, וואָס זיינען אין די שפּעטערע באַאַרבעטונגען דערציילט זאַפּטיקער, יאָדערדיקער, איידער צום ערשטן מאָל; ווען מיר זאָלן זיך אַריינלאָזן דע־רין, וואָלטן מיר געמוזט פאַרפולן זייטן גאַנצע.

נאָר לאָמיר נעמען אַזאַ מין איקער־זאַך, ווי די באַשעפטיקונגען, וועלכע איציק־אַווראָם האָט איבערגעהאַט איידער ער איז געוואָרן אַ שיק־אינגל בא גוטמאַנען:

אין „קול מבשר” 1864	אין דער אויסגאַבע 1879
טאַלמוד-טוירע-אינגל	טאַלמוד-טוירע-אינגל
	קלייט-מעשאָרעס
	גיסער אין אַ מאַצע-בעקעריי
	באַהעלפער
שניידער	שניידער
	שוסטער
מעשוירער בא אַ כאַזן	מעשוירער באַ אַ כאַזן
שיק-אינגל בא גוטמאַנען	שיק-אינגל בא גוטמאַנען

ערשט אין דעם צווייטן נוסעך זיינען צוגעקומען, הייסט עס, די פאַרביקסטע שטיקלעך פונם ווערק; דאָס אייגענע איז אין דער אויסגאַבע 1879 געוועזן אַ נייעס די באַשרייבונג פון גוטמאַנס אידילישן פאַמיליען־לעבן. נאָר דער איקער, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן באַם לייענען דעם טעקסט פון „קול מבשר”, באַשטייט דערין, וואָס דער גאַנצער „ראָמאַן” אַוורעם־איציקס איז דאָ ניטאָ. עס פעלן לאַכלוטן די גע־שטאַלטן פון גאָלדען, פון איר מוטער, פון שיינדעלען, פון מיכלען, די געשיכטע פון שאַדכענען זיך, פון דער כאַסענע און פון געט.

פאַרשטייט זיך, אַז צוליב די בלויזן פאַרלירט דאָס ווערק אַ גרויסן טייל פון זיין איינדריקלעכקייט בעשאַס מיר נעמען עס צוגלייכן צום היינטיקן „קליין מענטשע־לע”. נאָר צוויי ערטער זיינען דאָ, וואָס מיר געפינען זיי נאָר אין דער ערשטער אויסגאַבע. איז עס ניט קיין צופאַל, וואָס מענדעלע האָט זי שפּעטער אויסגעמעקט.

„אַף דעם וועג פון צוואָאַטשיק קיין גלופּסק—אַזוי לייענען מיר אין „קול מבשר” 1865, נומער 3—האָב איך אָפּגעטרעטן צו דעם גוטן־אידן, וואָס גלופּסק געהער צו אים, וואָרום, אַז מע וויל נעמען אַ גוויר אַף דער אַרענדע, מוז מען זיך פריער זעען מיט דעם רעבן, ער איז די ערשטע אינסטאַנציע. אַזוי האָט זיך אויך נויעג געווען רעב איסאַק ברודו. דעם רעבן האָב איך געגעבן אַשיינעם פּידיען, ער האָט מיך געבענטשט, איך זאָל נויסע כיין זיין און מיט זיין בראָכע בין איך אַריינ־געפאָרן קיין גלופּסק”.

אין דעם דרוק פון 1879 געפינען מיר שוין ניט אָט דאָס שטיקל פאַמפלעט קעגן די כסידישע רעבעאים. מענדעלעס קוק אף זיי איז אָפּגעקילט געוואָרן.

און פון דאָוויד איינהאָרענען, וואָס איז אין צייט געווען מענדעלעס סעקרעטאַר, ווערן מיר געוואָר, אַז נאָך מיט אַסאך יאָרן שפּעטער פלעגט מענדעלע באַם איבער־אַרבעטן זיינע ווערק, „יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט אין פריערדיקן טעקסט באַגעגע־נען צו שאַרפע ערטער קעגן די ראַבאָנים, יעשיוועס און לוימדיי־טוירע... מיט אַ גרינג

האַרץ נעמען אַ רויטן בלייפעדער און שטיל, אָן אַ וואָרט צו ריידן, אויסמעקן די פראַזע אָדער ענדערן דעם סטיל. אַ שטימונג איצט בא אים אַן אַנדערע".

ווי מיר זעען, האָט זיך די נייע באַציאונג צו די כסידים און ביכלאַל צו פרומע אָנגעהויבן בא מענדעלען נאָך צום סאָף פון די זיבעציקער יאָרן. אויב אין דעם ערשטן נוסעך זאָגט איציק־אַווראָם אָפּ זיין גאַנץ פאַרמעגן אַף א טאַלמוד־טוירע און אַ האַנטווערקער־שול, קומען שוין צו אין דער צאַוואָע פון 1879 כאַדאָרים אויך. „אויב עס וואָלט אַ סוואָרע געווען איינצופירן אין דער שטאָט עפּעס אַזאַ מין כיידער פאַר אַסאַך קינדער, מיט עמעס גוטע מעלאַמדים און לערער, וואָס דאָרט זאָל געלערנט ווערן געטריי אידישע לימודים און וועלטלעכע זאַכן... אַף אַזאַ מין שטאָט-כיידער וואָלט מיר זייער, זייער ניכע געווען איר זאָלט אַלע יאָר געבן אַ געוויסע סומע".

דעם מאַסקילס פייער איז שוין דאָ אַביסל אָפּגעקילט; ער וויל שוין ניט אויסראָמען דעם כיידער, נאָר אים איבערבויען.

דער צווייטער אוידעף פון דער ערשטער אויסגאַבע אַנטקעגן די שפּעטערדיקע איז שוין ניט אַזוי פרינציפּיעל וויכטיק, נאָר ער איז פּאָרט טשיקאַווע. אין „קול מבשר" 1865 נומער 6 געפינען מיר כוץ די צווי באַשטימונגען פון דער צאַוואָע (טאַלמוד־טוירע און האַנטווערקער־שול) נאָך אַ פונקט: „דריטנס, אַז איינער פון די אַרומפאָרנדיקע כאַזאָנים וועט קומען קיין גלופּסק, זאָל מען אים אומקערן פאַר הויצאָעס און ער זאָל זיך טאַקע באַלד פאָרן ווייטער, אַ כאַזן איז ניט קיין קאָמעדיאַנט ער זאָל זיך אַרומשלעפּן איבער דער וועלט — ביסטו אַ כאַזן, זיץ אינדערהיים און היט אָפּ דיין שול; עלע ביסטו אַ מוזיקאַנט, פאָר־זשע דיר אַרום זינגען אין די טעאַטערן". די וואַנדערנדיקע כאַזאָנים, מיט די טומלען און מאַכלויקעסן, וואָס זיי פלעגן אָנמאַכן, זיינען, קענטיק, געווען דעמאָלט אַן אָנגעווייטיקטע פראַגע. אין באַרדיטשעוו און בא די מאַסקילים איז דער איניען גאָטס־דינסט געשטאַנען אָפן ערשטן פלאַן. אין אַסאַך שטעט האָבן זיך די אופגעקלערטע געשאַפן אייגענע געבעט־הייזער (די „טארעס האקוידעש" אין ווילנע, אַשטייגער, האָט ביז ניט לאַנג געהייסן באם אוילעם „די בערלינער שול", און אויך אין באַרדיטשעוו האָט מען אַנערעך אין דערזעלבער צייט, ווען „דאָס קליינע מענטשעלע" איז געגאַנגען אין „קול מבשר", געהאַלטן אין גרינדן אַ קאָר־שול. איינער פון די איניציאַטאָרן פון דער זאַך איז געווען שאָלעם־יאַקאָוו אַבראַמאָוויטש). דעם אינטערעס זיינעם פאַר דער נייער שול האָט ער אַריבערגעטראָגן אין זיין ערשטן אידישן ווערק. ווען ער האָט זיך אין אַ יאָר צען אַרום גענומען צו באַאַרבעטן „דאָס קליינע מענטשעלע" איבעראַנייס, האָט אים שוין דער איניען כאַזאָנים ניט אינטערעסירט און ער האָט דאָס גאַנצע שטיקל אויסגעמעקט.

נאָך איין עקספּערימענט דאַרף מען פאַרצייכענען, וואָס מענדעלע האָט געפּרואווט מאַכן אין דער צווייטער אויסגאַבע פון 1879. דערמאַנט זיך, ווי אַזוי עס הייבט זיך אָן אין אונזערע איצטיקע טעקסטן מענדעלעס שמועס מיט דער רעבעצן: די רעבעצן שטעקט אַריין דעם קאָפּ אין דעם צימער, וואו דער ראָוו לייענט איציק־אַווראָמס ווידע, און זאָגט, אַז עס איז שוין ניט צו דערהאַלטן פון די פיל מענטשן, וואָס פאָדערן דעם ראָוו: אידן מיט אַ דין־טוירע, קאַצאָווים, ניסראָפים, די אַגונע מיט די דריי קינדערלעך; רייסט דער ראָוו איבער דאָס לייענען און גייט אַרויס. „און דערוויל צערעדט זיך די רעבעצן מיט מענדעלען". אין דער אויסגאַבע פון 1879 איז דאָס אַביסל אַנדערש: די רעבעצן פירט אריין אין שטיבל „עפּעס אַ אידענע אַ בילד־שיינע,

אַ שוואַרצכיינעוודיקע מיט אַ פּאָר אויגן ווי די קאַרשן, נאָך אין די מיטעלע יאָרן". זי זאָגט, אַז זי האָט צום ראָוו אַ וויכטיקן איניען, אָבער זי קען וועגן דעם ריידן נאָר אונטער פיר אויגן, און דער ראָוו גייט אַוועק מיט איר אין אַן אַנדער כיידער אַריין.

אָט די אידענע באַווייזט זיך אין דעם נוסעך פון 1879 נאָך אַמאָל בעשאַס דער ראָוו האָט אָקאָרשט געענדיקט לייענען די צאַוואָע; זי גייט אריין מיט טרערן אין די אויגן און דערציילט איר אומגליק: שטאָט האָט אָפּגעגעבן איר איינציק קינד פאַר אַ זעלנער און אַ לאַנגע צייט האָט זי פון אים קיין שום בריוו ניט געהאַט. היינט אינדערפרי איז גראָד געקומען צו רייד, און איינער אַ אידישער סאָלדאַט האָט זיך אומגעקערט פון יענעם אָרט, וואו ס'איז געווען די גרויסע מילכאָמע (קרים). זי האָט זיך דערפרעגט צום סאָלדאַט און עס האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז ער האָט פאר איר טאַקע נייס, נאָר זייער ניט קיין פריילעכע. דער זון אירער איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אַף דער מילכאָמע; ער, דער דערציילער, האָט אים געפונען אַ פארשמאַכטן צווישן די טויטע אַפן שלאַכטפעלד, ווען מע האָט אים געגעבן אַ טרונק, האָט ער אויסגעשריגן: „שמאַ איסראָעל! זא צאַריאַ אי זאַ אָטעטשעסטוואָ!" (פאַרן קייסער און פאַרן פאָטערלאַנד), „הוראַ" — האָבן אָפּגעענטפערט אַלע אַרומיקע סאָלדאַטן. דערנאָך האָט דער פארוואונדעטער פונדאָסניי צוגעמאַכט די אויגן. ער איז אַ פיינער, בראַווער יונגערמאַן. זיין נאַטשאַלסטוואָ ווייסט, ווי ער איז בעשאס מילכאָמע געגאַנגען אין פייער און זיך געשלאָגן ווי אַ לייב, „צוויי מאָל האָט ער אָפּגעשלאָגן באַם סוינע אונזער פענדל און דערהאלטן דערמיט דעם קאָוועד פון זיין פּאָלק". מע האָט דעם יונגנמאַן געבראַכט אין לאַזאַרעט, און וואָס עס איז ווייטער געוואָרן פון אים, ווייסט ניט דער שאָליעך.

די אידענע האָט זיך צעוויינט, דערציילנדיק דאָס. דערווייל האָט מען דערהערט פון דרויסן „צדאָקע טאַציל מימאָוועס" — עס איז פארבייגעגאנגען איציק־אַווראָמס לעוואַיע. אַלע זייגען אַרויס. דער ראָוו האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן דער מיטע און געבעטן די שווארצכיינעוודיקע אידענע אין נאָמען פון מעס, זי זאָל אים מויכל זיין; די אידענע איז צוגעפאלן מיט דעם קאָפּ צו דער מיטע. „ראַבויסאי, האָט דער ראָוו זיך אָפּגערופן צו אונז אַלע, דידאָזיקע אידענע מיט אזא ביטער געמיט, נעבעך, דאָס איז איצכאָק־אַווראָמס פריערדיקע ווייב—גאָלדע!..."

אין דער דריטער באַאַרבעטונג האָט שוין מענדעלע דעמדאָזיקן גאַנצן עפּיזאָד אַרויסגעוואָרפן, עפּשער דערפאר, ווייל עס האָט שוין געפעלט בא אים די הורא־פּאַטריאָטישע שטימונג „פארן קייסער און פאָטערלאנד", און עפּשער צוליב קינסטלערישע טאַימים: אין דעם סוזשעט פון „קליינעם מענטשעלע", וואו אַ ראָשע־מערושע ווערט פלוצלינג מעגולגל אין אַ צאדיק־גאָמור, איז אַזוי אויך פאראַן גענוג אומוואַרשיינלעכקייט. האָט מענדעלע צוריק אויסגעמעקט אָט דאָס קאַפּיטל, וואָס האָט שוין אויסגעזען גאָר ווי צוגעטשעפּעט איבערגעוואלד.

גרויס זיינען אויך די אונטערשיידן אין דער שפּראַך, ווען מיר גלייכן צו די ערשטע אויסגאבע צו די שפּעטערדיקע. מענדעלעס „פיילן" די ווערטער איז באשטאנען איבערהויפּט אין דעם, וואָס ער האָט געמעקט אָן ראַכמאָנעס די סלאַוויזמען, מיט וועלכע דער ערשטער טעקסט איז נאָך געווען פול. איציק־אַווראָם, וואָס איז אין „קול מבשר" געווען אַ „גראַביטעל", האָט זיך דערנאָך פארוואנדלט אין אַ „באַרויבער"; די נעגידים האָבן שוין שפּעטער ניט קיין „וואַזשנע געדאַנקען", נאָר „הויכע געדאַנקען". ווען איציק־אַווראָמל שטייט הינטער דער טיר און הערט אונטער

גוטמאַנס שמועס מיט יאַקאָבזאָנען, ווערט זיין איינדרוק אין די צוויי נוסכאָעס באַ־שריבן אַזוי:

1864	1879
איך האָב דעם גאַנצן ראַזגאָוואָר אַביסל פאַר־שטאַנען, דאָס הייסט, דעם סמיסל האָב איך ניט פארשטאנען, כאָטשע די ווערטער האָב איך קימאט אלע פארשטאנען.	איך האָב דעמדאָזיקן שמועס קימאַט אינגאַנצן פאַרשטאנען, דאָס הייסט, ניט דעם געדאַנק, דעם פשאַט דערפון, דאָס איז געווען נישט פאר מיין מויעך, איך האָב נאָר פארשטאנען ווערטער.

אָט לויט דעם שניט מאַכט מענדעלע איבער. צייטנווייס בייט ער אַ וואָרט, אַן אויסדרוק, ווייל ס'דוכט זיך אים, אז פריער איז געווען ניט גענוג איידל; קענטיק, באַם אָנהייבן שרייבן אידיש האָט ער נאָך ניט געהאַט באַ זיך דעם באַגריף פון אַ פאַרפיינערטער ליטעראַרישער שפּראַך; ער האָט אָפּעריִרט מער ניט, ווי מיט דער פאָלקס־שפּראַך, האָט ער ניט אַזוי שטאַרק מאַקפּיד געווען.

פון דער צווייטער אויסגאַבע צו דער דריטער האָט מענדעלע ווייטער געפירט אָט די אַרבעט פון שלייפן און פיילן. אין דעם נוסעך פון 1907 גיסן זיך שוין ניט קיין „ריקעס טרערן", נאָר „טייכן", עמעצער „טויג דאָרטן שוין ניט אַף „סים סאַט קאַ־פּאָרעס", נאָר אַף „ניין און ניינציק"; מע וואַרט שוין ניט אין „פּערעדניע", נאָר אין „פּאָדערצימער"; דאָס וואַסער איז שוין ניט „ביסטרע פליִיצנדיק", נאָר „האַסטיק פלייצנדיק". אין דער נאַטור־באַשרייבונג, וואָס איז אין דער צווייטער באַאַרבעטונג צוגעקומען צום אָנהייב ווערק, לייענען מיר: „אין דער לופט זיינען אומעטום גע־פלויגן לאַנגע ווייסע פּעדים פּויטינע, אַ סימען אַף גוטער שענער פּאָגאָדע, כאָטש דער לועך האָט געשריבן אַף כמאַרנע טעג, קאַלטע רעגנס און בלאָטע". נעמענדיק אַרויסגעבן „דאָס קליינע מענטשעלע" איבעראַנייס, האָט מענדעלע אין 1907 דאָס אי־בערדערציילט אַזוי: „אין דער לופט זיינען אומעטום געפלויגן לאַנגע ווייסע פּעדים שפּינוועבס, אַ סימען אַף גוט שיין וועטער, האַגאַם דער לועך האָט געשריבן אַף וואָלקנדיקע טריבע טעג און קאַלטע רעגנס".

——

אַן אַסיפע וועגן קאָהאָלשע איניאָנים, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך פּייסעך 1865 אָדער 1866 אין באַרדיטשעוו. מיר האָבן וועגן דעם אַ באַריכט אין „המליץ" פון יאָסעף יעהודא לערנערן, אַבראַמאָוויטשעס אַ ניט־פאַרגיגער. אַף דער פאַרזאַמלונג, שרייבט לערנער, איז געוואָרן אַ גרויסער סקאַנדאַל, „ווייל דער הויפּט־גרינדער אבראמאָוויטש איז ניט געווען אָפּגעהיט אין זיינע רייד. ניט נאָר, וואָס ער האָט זיך ניט געפלייסט צו איבערצייגן דעם האַמוין מיט ווייכע רייד, איז ער נאָך צעקאָכט געוואָרן און האָט געצאַרנט און געשאָלטן — דאָס איז די איקער סיבע, פאַרוואָס זיין ביניען איז צע־טרייסלט געוואָרן ביזן גרונט... איך אליין בין געווען דערביי, בעשאַס אבראמאָוויטש איז אַרופגעפאַלן אַף איינע פון די גווירים, און איך בין מוידע, אַז עס איז מיר שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי ער האָט עס ניט געזוען לעכאַטכילע, אַז אויב די כסידים, וואָס זיי זיינען דאָך אַ מערהייט אין באַרדיטשעוו, וועלן אים ניט שטיצן, איז אומזיסט זיין גאַנצע מי, מאַכמעס מיט דער הילף פון די מאַסקילים וועט ער קיין זאַך ניט אויפ־טון: זיי זיינען אַ מינדערהייט און אפילע צווישן זיי זיינען ניט אַלע מיט אים".

אבראמאָוויטש איז אַף דער אסיפע דורכגעפאַלן, אָבער ער האָט זיך נויקעם געוועזן אין זיינע קעגנער: אין עטלעכע יאָר אַרום האָט ער זיי אָפּגעמאָלט פון קאָפּ ביז די פיס, ווי זיי שטייען און גייען, אין דער „טאַקסע". איציק וואָלף ספּאָדיק, יאָסעלע שינדער, רוואון פּיאווקין און אזוי ווייטער זיינען אָפּגעצייכנט לויט דער נאטור, און אויך אין דעם פּאָרטרעט פון שלוימע וועקערן, וואָס ניכטערט זיך צוביסלעך אויס פון זיין נאַאיוויקייט, דערקענען מיר איצט דעם אָריגינאַל. שלוימע וועקער איז ניט קיין אנדערער, ווי שאָלעם-יאַקאָוו אבראמאָוויטש אליין.

(זשור. „צוקונפט", ניו-יאָרק, 1923).

נ. אויסלענדער.

די גרונט-אייגנשאפטן פון מענדעלעס רעאליזם.—דאָס סינטעטישע און אנאליטישע אין מענדעלעס קונסט.

צווייערליי אייגנשאַפטן האָט מענדעלעס רעאַליזם: פון איין זייט איז ער שטרייננג איבערגעגעבן דעם פאַקט, שטענדיק „אונטער פיר אויגן" מיט דערווירקלעכקייט, פון דער אַנדערער זייט שטרעבט ער צו געבן פאַראַלגעמיינערטע בילדער, וואָס זאָלן האָבן דעם ברייטסטן קינסטלערישן פאַרנעם, אַזוי אַז דאָס קינסטלערישע בילד ווערט ער באַ אים אָפּטמאָל פאַרוואַנדלט אין אַ גוזמע, אַ קינסטלערישע היפּערבאָלע. אייניקע בילדער אַזעלכע זיינען קלאַסיש געוואָרן, האַגאַם זיי זיינען דורכויס גוזמע און דערמאָנען אָפּטמאָל וויזיאָנען.

ווי אַזוי דערגרייכט מענדעלע דעם גרויסן עפעקט פון דידאָזיקע בילדער? ער דערגרייכט עס דאָס ראָוו דערמיט, וואָס ער גיט בילדער-סאַכאַקלען, בילדער-איבערבליקן. דידאָזיקע בילדער קאָנען זיין גאָר פאַרשידענע. אָט איז אַ יאריד אין „פישקע דעם קרומען": „עס לויפן גאָר אָן אַ נעשאָמע מעקלער, שאַדכאָנים, טאַנדעטניקעס, מאַכליאַרקעס, קוראַלאַפּניצעס, אידענעס מיט קוישן, אידן מיט טאַרבעס, מיט פינף פינגער, באַלעבעסלעך מיט שטעקלעך, באַלעבאַטים מיט בייכלעך — איטלעכן פלאַמט דאָס פּאָנים, ניטאָ קיין צייט, אַ רענדל אַ מינוט"... אָט איז מען מעכאַדעש די לעוואָנע אין „ווינשפינגערל": „עס לאָזן זיך הערן ביי-קעלכלעך דינינקע פון קליינע אינגעלעך, גרעבלעכערע פון באָכורים, גראָבע, הייזעריקע, פּאַרלעגערטע, באַסאָווע אַף דער געמבע פון אַלטע, באַטאָגטע, גרייז-גרויע, פּאָנפעוואטע, לאַנגנעזיקע און ברייטבייכיקע באַלעבאַטים" (ווינשפינגערל 324). מע דאַרף קלאַל נישט מיינען, אַז דאָס זיינען צופעליקע עפּיזאָדן אין דער דערציילונג, און אַז מענדעלע געברויכט זיי אָן שום קאַוואָנע. באַ נאָענטער באַקאַנטשאַפט מיט מענדעלעס ארט שרייבן ווערט קלאָר, אַז מענדעלע נוצט אויס דידאָזיקע מאַסן-בילדער סיסטעמאַטיש און מיט אַ קיוון.

אָט זיינען נאָך אַ פּאָר ביישפּילן, וואָס ווייזן, וואָס עס ווערט דערגרייכט דורך דעם מאַסן-בילד. אין „ווינשפינגערל" טרעפן מיר אַ בילד פון דער „זאָרג-באַנק", וואָס מענדעלע שילדערט אַזוי: „עס האָט זיך אַ וויז געטאָן אַן אויסמישעניש פון אַלערליי צורעס און געשטאַלטן: פּאָנפעוואטע, צוגעפלאַטשטע. און געשוואָלענע נעז, ווארגעס, לעפצן, באַפּרישטשעטע, שוויסיק-גלאַנצנדיקע שטערנס און שיינע כיינעווּדיקע פּענימער, געעלטערט, געקנייטשט פּאַר דער צייט" (ווינשפינגערל (155). געבן אָפּטמאָל אַזעלכע „אויסמישענישן", דאָס איז אַ מין קינסטלערישע מאַניר באַ מענדעלען. און דערביי זעען מיר, ווי מענדעלע גיט אין דעם איבערבליק-בילד ניט בלויז

אַ טרוקן איבערציילן, נאָר יעדער געשטאַלט ווערט באַגלייט פון קינסטלערישע דע־טאַלן, אַזוי אַז עס שאַפט זיך אין געוויסן זינען איין כאַראַקטער פון פילע. און מענדעלע האָט דאָ אָן אַ שיר מיטלען, קעדיי צו דיפערענצירן יעדער געשטאַלט באַזונדער. מיר געפינען, לעמאָשל, אין די „מסעות" (אופלאַגע 1873) אַזאַ שטעל:

„די שטוב, וואָס פריער אַביסל איז זי געווען אַ ספּאַלנע, דערנאָך אַ טשאַינע, איז פּלוצים געוואָרן אַ קלייזל. עס האָבן זיך פאַרקאַשערט אַרבל, זיך אַנטפּלעקט נאַקעטע אידישע אָרעמס: האָריקע, גלאַטע, דאַרע, פעטע, שוואַרצע, ווייסע, טונקעלע פון אַלערליי קאָלירן און געשטאַלטן („מסעות בנימין השלישי" 82) פונקט ווי מענדעלע דיפערענצירט קינסטלעריש „אידישע אָרעמס", אַזוי באַגייט ער זיך אויך מיט „אידי־שע ביי־קעלכלעך", דאָסגלייכן מיט די „אידישע בגאָדים" (די בילדער פון באָד אין „פישקען" און אין די „מסעות") — און אַזוי אַרום שאַפט ער, אַנשטאָט „אַן אויסמי־שעניש", דאָס עכטע מאַסן־בילד, וואָס איז רייך נישט נאָר מיט דעטאַלן, נאָר אויך מיט באַוועגונג. אַלס מוסטער פון די באַוועגונג־בילדער, וואָלט מען קאָנען ברייגנען דאָס בילד פון אַ געלויף אין גלופּסק (ווינשפינגערל), וואו מענדעלע רעכנט אויס לעכאַטכילע, וואָס עס טוט איינער, דער צווייטער, דער דריטער און מיטאַמאָל וואַרפט ער שוין אַוועק די איינצל־פיגורן און שאַפט זיין געוויינלעך בילד: „אַן אוילעם אידן, אָן איינאָרע, דרייט זיך, די אַהין, יענע שוין צוריק. ס'איז אַ גערעדעריי, אַ האַנטמאַכעריי, אַ געווערטלעריי, אַ ווערטלזאָגעריי"... און אַזעלכע בילדער, וואו מיר האָבן שוין אַנשטאָט מאַסן־פּאָרטרעטן — מאַסן־באַוועגונג, געפינען מיר גאָר פיל באַ מענדעלען. אַהער געהערט דאָס בילד פון גלופּסקער מאַרק אין די „מסעות", דאָס בילד פון ווינשעניש אין „ווינשפינגערל", דער אַריינפאָר פון די אישואוויניקעס אין שלוימע ר' כאַימס — אומעטום טרעפן מיר זיך דאָ מיטן איינצלנעם כאַראַקטער פון פילע, וואָס איז נעגעבן דאַפקע אַדאַנק דער אויסמישעניש פון געשטאַלטן. מענדעלע ציט עפּעס צו דידאָזיקע מאַסן־בילדער, עס געפעלט אים מיטאַמאָל פאַרווישן די קאָנ־טורן פון איינצלנע געשטאַלטן, קעדיי צו לאָזן נאָר איין גרונט־טאָן פון אַלעמען, דעם טאָן, וואָס הערשט איבער אַלעמען, וועלכער איז שוין ניט אַזוי רעאַליסטיש, ווי סימוואָליש... די נעשאָמע פון א מאסע רעדט צו מענדעלען מער, ווי די נעשאָ־מע פונם יאָכיד. און אָט דאָס מאַסן־בילד, וואָס טראָגט אַזאַ שאַרף אויסגעשפּראָכע־נעם קאָלאָריט פון א קלאַל־נעשאָמע — דאָס האָט מענדעלען דורכויס געקאָנט צו־פרידנשטעלן.

וואָס גיבן אָבער דידאָזיקע בילדער אויסער דעם, וואָס זיי שטעלן צופרידן מענדעלעס ־שטרעבונג צו סינטעטישער איינפאַסונג פון איינצלנע ערשיינונגען? די־דאָזיקע בילדער גיבן מענדעלען די ווייטע פערספּעקטיוו פאר זיינע ווערק. פונקט ווי אין מענדעלעס בילד פון נאַטור, וואו ער גיט שטענדיק, אַנשטאָט אָפּגעזונדערטע ווינקלען, גאָר ברייטע פּאַנאָראַמעס („עס טוט מיר אַ שיין, שרייבט מענדעלע, ווי אַף צעלאָכעס אַ בילד־שיינע פּאַנאָראַמע") — אַזוי קריגט אויך יעדע מענטשלעכע פיגור אַדאַנק דעם מאַסן־בילד, וואָס שטייט אונטער אים, אַ ווייטע קינסטלערישע פּער־ספּעקטיוו, אַ בוילעטן פּאָן.

קינסטלערישע דעטאַלן און אָפּטמאָל גאַנץ שטאַרקע האָבן מיר אויך באַ דיקן, באַ לינעצקין, און באַ אייניקע אַנדערע מאַסקילים. אין זייערע געשטאַלטן (לעמאָשל, שמאַיע גוט־יאָנטעוו־ביטער) פעלט אָבער די נייטיקע קינסטלערישע אַטמאָספער, זיי זיינען אַרויסגעריסן פון דער פערספּעקטיוו פון גאַנצן אידישן לעבן. דעריבער ווערט דאָס שטעטל „לינאָוו" קיין סימוואָל נישט, ווי קאַבצאַנסק, דעריבער ווערט שמאַיע

גוט־יאָנטעוו־ביטער קיין שאַליעך־ציבער ניט אין דער אידישער קינסטלערישער גאַלערייע...

מענדעלע האָט דער ערשטער אַדאַנק דער סינטעטישער קראַפט פון זיין גייסט געגעבן די וויטסטע פערספּעקטיוו פון גאַנצן אידישן לעבן, פונם גאַנצן אידישן אישעוו... עס איז אָבער נייטיק געווען די קראַפט פון זיין אַנאַליטישער קונסט, קעדיי אָנצופילן דעם כאָלעל פון דידאַקטיק גרויסע סכעמעס, וועלכע מענדעלע האָט מיט דער קראַפט פון „פאַרשטעלן זיך" אַפּן אויפן פון וויזיאָנען אופגעבויט. אָט די אַנאַליטישע קונסט געפינען מיר אין מענדעלעס יאָכיד־פּאָרטרעטן.

מענדעלעס יאָכיד־פּאָרטרעטן זיינען אזוי אומיטלבאַר פאַרבונדן מיט די מאַסן־בילדער, אַז זיי דאַכטן זיך אָפּטמאָל ווי פון איין שטיק געגאָסן. מיר זעען צומערסט, אַז די יאָכיד־געשטאַלטן זיינען נאָר פראַגמענטן פון דער קלאַל־נעשאָמע. אינדיווידועלע שטריכן, גלייך ווי אינדיווידועלע ווילנס־אַקטן, פאַרמאָגן זיי זייער ווינציק. זייער יעיצערהאָרע איז נישט אינדיווידואַליזירט און האָבנדיק „געבראָכן די טאַיווע פון עסן", ווי מענדעלע זאָגט, האָבן זיי, מאַשמאָעס, קיין שום טאַיווע ביכלאַל מער נישט באַקומען. די עמאָציעס פון מענדעלעס פיגורן זיינען דעריבער געבראַכט ביז צום מינימום, און דאָך, זיינענדיק קינדער פון דער נאָרמע „פעדימלעך פון דער מאַטעריע איד", שטעלן מיט זיך פאָר דידאַקטיקע פיגורן א רייכע גאַלערייע פון טיפּן. אַנטפּלעקן דעם סאָד, ווי זיי ווערן איינגעקריצט אין אונזער זיקאָרן, הייסט דעריבער צו געפינען דעם סאָד פון מענדעלעס אַנאַליטישער קונסט.

מענדעלעס קונסט איז קוידעמקאָל אַ פּרימיטיווע פאָלקס־קונסט. פּרימיטיווע קונסט שילדערט ניט, זי „מאַכט נאָך", זי אימיטירט, אין בעסטן זינען פון דעמדאָזיקן וואָרט. און דאָסזעלבע איז אויך באַ מענדעלען.

מענדעלע אָריענטירט זיך קימאַט ניט אין פאַרבן. אָט זיינען עטלעכע פּאָרטרעטן זיינע: „הערצל קיילעס איז געווען, ווי אייזיק, שוין אין די יאָרן, אַ טאַטע פון קינדער, אויך אַ דאַרער, אַ בלייכער ווי ער" (שלוימע ר' כאַימס, 80.); „לייזער דער שניידער איז געווען אַ קליין דאר אידעלע מיט אַ בלייך פּענימל" (דאָס קליין מענטשעלע); „שמוליק דער טאַנדעטניק... ער איז געקרימט, געבויגען מיט אַ בלייך פּאָנים, געקנייטשט, געעלטערט פאַרזאָרגט, אין צאָרעס" (ווינשפינגערל 121); „ליפּע רואוונס איז אַ דאַרער, אַ קורצזיכטיקער, מיט אַ בלייך פּאָנים, אַ שטילער, אַ גוטער" (שלוימע ר' כאַימס 24). „האָדעלעס מאַן... עס גייט זיך פּאַמעלעך אַ דאַר־בלייך אידעלע" (ווינשפינגערל, 230).

אין פינף פּאָרטרעטן פון פאַרשידענע העלדן און פאַרשידענע ווערק זעען מיר דאָס איינע און זעלבע „בלייך פּאָנים", און דער גאַנצער פּאָרטרעט איז ביכלאַל מער כאַראַקטעריסטיק, איידער בילד. מיט וואָס־זשע גלייכט מענדעלען פּאָרט אונטערשיידן איין געשטאַלט פונם צווייטן און באַפעסטיקן עס אין אונזער זיקאָרן? מיטן איינציקן מיטל פון זיין פּרימיטיווער קונסט: מיטן „אימיטירן". מענדעלע דערציילט אין זיין אַווטאָביאָגראַפיע, אַז אין דער קינדהייט איז זיין איינציקער אינטערעס צו מענטשן באַשטאַנען אין נאָכמאַכן זייערע באַוועגונגען און טנועס. דאָסזעלבע איז שפּעטער געוואָרן זיין קונסט־מיטל. וואָרום, אויב מענדעלע אָריענטירט זיך שלעכט אין פאַרבן, איז ער דערפאַר אַ באָקי אין האַוואַיעס. און דורך זיי באַקומען מיר דעם קינסטלערישן איינדרוק.

ווי מאָלט מענדעלע מענטשלעכע פיגורן? ער ווייזט אונז שטענדיק נישט נאָר וואָס זיי זיינען, נאָר וואָס זיי טוען. און ווייל יעדער אַקט מוז דערביי שוין זיין

אויסגעשפּראָכן־טיפּיש, ווערן מענדעלעס פּאָרטרעטן דאָס ראָוו פאַרוואַנדלט אין צעך־בילדער. מענדעלעס קונסט גיט צו יעדן געשטאַלט אַ ספּעציעלן צייכן. דערפאַר האָט לייזער דער שניידער אַ צינגל, אַ געשליפנס, זייער אַ געלויפיקס; אָשער דער מעקלער האָט אַ נאָז צו שמעקן און נישטערן; רייזע די באַלאַכסאַניסטע דערשיינט מיטן פּאָלאַניק; לייזער־יאַנקל דער כאַזן מיט דער „קיילע״ א. א. וו.... די האַוואַיעס־מאָלעריי פּאַדערט אָבער נישט נאָר דאָס בילד זאָל זיין טיפּיש, עס זאָל זיין אַ זשאַנר־בילד, נאָר ווי יעדער זשאַנר־קונסט פּאַדערט עס, אַז ס׳זאָל זיין באַוועגלעכקייט, רירעוודיקייט אין בילד. און דערפאַר, וואָס מענדעלע באַהערשט נאָר די פּרימיטיווע זשאַנר־קונסט, זעען מיר, ווי עס גיבן זיך איין דאָס ראָוו נאָר די פיגורן, אין וועל־כע עס איז פאַראַן באַוועגונג, רירעוודיקייט, באַ וועלכע האַוואַיעס בייטן זיך נאָ־כאַנאַנד... דאָס קומט פאַר דאָס ראָוו אין מענדעלעס זשאַנר־בילדער. אָט די זשאַנר־בילדער האָבן עס טאַקע אין א געוויסער מאָס געשאַפן די אייגנטימלעכע פאָר־שטעלונג וועגן מענדעלעס קינסטלערישער מאַניר, אַדאַנק וועלכער שאָלעם־אַלייכעם האָט פון זיינע ערשטע שריט געהאַט באַשלאָסן, אַז ער איז מענדעלעס אַ טאַלמיד.

וואָס געפינען מיר אין די זשאַנר־בילדער? אָט זיינען אַ פּאָר: „אַ קוק געגעבן אַף די אידלעך, האָט מען געקאָנט דערקענען, אַז זיי געהערן צום „עולם־המעשה״: ביידע רירעוודיקע, ספּריטנע, האַלטן, דאַכט זיך, אין איין לויפן״... („בישיבה של מעלה״). „אַ אידענע, אַ רירעוודיקע, א זשוואַווע, מיט אָפּגעבלאַקעוועטע פּלענע מושקעס און עפּעס אַ מין טיכל אַפן קאָפּ״ („פישקע דער קרומער״ 57). ר׳ אָשער: — „אַ דאַר אידל, אַ רירעוודיקס, אַ צאַפּלדיקס״, אַלטער יאַקנעהאָז: — „א יאָדעריק אידל, א געשפּיקע־װעטער, מיט אַ דיק בייכל״.

אין די ערשט געבראַכטע בילדער גייען פאַר אונז דורך גאָר פאַרשידענע גע־שטאַלטן. עס איז דאָ פאַראַן אַ פרוי אַ קרעטשמערקע, אַ איד אַ מעקלער, א איד אַ מויכער־ספּאָרימניק, און ענדלעך צוויי אידן סטאַם פון „עולם־המעשה״. אין אַלע גע־פינען מיר אָבער איינעם און דעמזעלבן שטריך, איינע און דיזעלבע סטרונע, אַף וועלכער מענדעלע פאַרשטייט אַזוי גוט צו שפּילן: דאָס איז די רירעוודיקייט, די באַ־וועגלעכקייט זייערע. נישט אַלעמאָל געהערט דאָס אַפילע באַ מענדעלען צו די אָפּ־לאַך־מיטלען, צו וועלכע עס איז אים מעכאַיעוו זיין סאַטירישער טאָן, נישט אַלעמאָל לאָזט זיך עס דערקלערן אויך דורכן פאַרלאַנג צו באַלעבן דאָס בילד, אריינצובריינ־גען אין אים מער לעבן. יעדער מאָל, ווען מענדעלע קומט אָן צו דידאָזיקע שיל־דערונגען, זעט איר, אַז ער טוט דאָס צוליב מאנגל אין פאַרבן, צוליב דעם שטענ־דיקן שילדערן דורך האַוואַיעס. מענדעלע שטעלט זיך דעמאָלט פאַר גאָר נישט אָפּ, קעדיי נאָר צו געבן אַ קינסטלערישן עפעקט. ער נעמט דאָס עפיזאָדישע, דאָס אויסער־לעכע, ער מאַכט די האַנדלונג פון יעדן מענטשן פאַרן וויזן פונם מענטשן, נישט פאַרטיפנדיק די האַנדלונג גופע, און אַזוי אַרום שאַפט זיך דער טיפּ פון מענדעלעס „יאַכיד־איד״.

אידילישע און טראַגישע געשטאַלטן האָט מענדעלע פאַרזעען נישט צוליב זיין מאַסקילישן „אירגאָזן״. פאַרקערט, ער פּרוּווט זיך אין „שלוימע ר׳ כאַימס״ געבן בלויז אידיליע. אָבער צי לאָזט זיך פאַרגלייכן די שילדערונג־קראַפט מיט דער קראַפט, וואָס לעבט אין „ווינשפינגערל״, אין די „מסעות״? מיר האָבן שוין געזעען, אַז דאָס אויסשליסלעך מענטשלעכע, דאָס נעשאָמעדיקע גיט נישט מענדעלעס פאַנטאַזיע קיין אינטענסיוון שטויס. ווייטער פון „בלייך פּאָנים״ גייט מענדעלע נישט אין דידאָזיקע פּאָרטרעטן. די „פּאָזיטיווע״ בילדער פון שלוימעלעס פאָטער, ר׳ כאַים, פון ר׳ אַווראָם

דעם מעקאַבל, פון שמוליק דעם טאַנדעטניק, האָבן נאָר דערפאַר קיין פלאַסטישן אינ־האַלט נישט, ווייל זיי זיינען, אַזוי צו זאָגן, „ריין מענטשלעך.״ די זשאַנער־קונסט, די פרימיטיווע האַוואַיעס־קונסט מענדעלעס פאַרמאָגט נאָך נישט קיין מיטל, קעדיי צו פיקסירן דידאָזיקע געשטאַלטן. און ווי עס קומט דערפאַר צו רייזי דער באַלאַכסאַ־ניסטע, צו לייווי באָכערס ווייב, דעם קרעטשמערס טאָכטער אין „פישקען״ — גע־שטאַלטן מיט אַ בוילעטע אויסגעדריקטער אויסערלעכקייט, מ׳קאָן זאָגן, זאָאָלאָגישע פיגורן — אָט דאָ שאַפט מענדעלעס פלאַסטיק וואונדער. מענדעלע פאַרזוימט זיך דאָ באַ יעדער דעטאַל, ער דערגרייכט דאָ יענע קראַפט, וועלכע מיר געפינען נאָך אין זיינע מאַסן־בילדער. מיר וועלן ברענגען נאָר איין ביישפיל: „אַ אידענע אַ ברייט־בייכיקע, אַ לאַנגנאָזיקע, מיט אַ מויל אָף שרויפן, שטופט זיך אין טיר אריין, שטופנדיק פאַרויס פעקעלעך מיט בעבעכעס און באַלד באַם אריינשטופן זיך דערמיט, פאַלט זי דערוף, אויסצייענדיק זיך, ווי גרויס זי איז, סאַפּעט, מאַכט מיט די זייטן, טאַקע נאָר ווי אַ געפּענטעטער אינדיק אפן מאַרק פאַר פייסעך. וויבאַלד מע בינדט אים אָפּ די פיסלעך, אריינטראָגנדיק אים אין שטוב, ציט ער זיך אויס ליגנדיק אָף דער ערד מיט אויסגעשפרייטע פליגל, אַ פאַריסן קעפּל און אָן אָפּן פּיסקל און פּאַכט מיטן נעזל, אומקוקנדיק זיך אָף אַלע זייטן״... וואָס איז דאָ מער כאַראַקטעריסטיש איידער אָט דער זאָאָלאָגישער פאַרגלייך, וואו עס גיסט זיך צונויף אומבאַמערקט דער באַלעכאַ־אישער אינהאַלט מיט דער מענטשלעכער פיגור? און צו אַזעלכע זאָאָלאָגישע מאָטיוון מוז מענדעלעס פרימיטיווע קונסט אָנקומען גאָר אָפט. דאָס כאַיעשע גיט אים מער אינטענסיווע אימפּולסן. און דעריבער שטעלט ער זיך טאַקע מיט אַזאַ ראַכוועס אָפּ אָף די כאַיעס־געשטאַלטן אין יעדער דערציילונג. אָט איז אַ פרימאַרגן, אין „ווינטש־פינגערל״ (221), אָט איז די קרעטשמע־באַשרייבונג אין „פישקען״, אָט איז נאָך אַ שיינער טאָג „אין ווינשפינגערל״, און אָט איז שוין גאָר אַ גאַנצע אָפּהאַנדלונג וועגן די דאָרפישע און שטעטלשע הינט — אַלץ אָן אַ טראָפּן רעמעז, אַלץ געצייכנט מיטן ריינעם קינסטלערישן געוויסן. און ווען מיר טרעפן באַלד נאָך דעם דאָס בילד, ווי ווייבער זיצן אום שאַבעס אינם „אידילישן״ „שלמה ר׳ כאַימס״, דאַכט זיך אונז: דאָס זיינען האַלב מענטשן און אָף אַ העלפט דיזעלבע כאַיעס, וועלכע מענדעלע מאָלט מיט אַזאַ ראַכוועס און ליבע...

די אַלגעמיינע ליניעס פון מענדעלעס שאַפן זיינען: מענדעלע גיט אין זיינע מאַסן־בילדער דעם מאַקסימום פון זיין קינסטלערישער ענערגיע. אַדאַנק דער סינטעטישער קראַפט פון זיין גייסט גיט ער דאָ בילדער־גוזמאָעס, בילדער־וויזיאָנען (זיי „שטעלן זיך אים פאָר״), פאַר וועלכע עס געניגן אַלע מיטלען סיי פון זיין אייגנאַרטיקער שפּראַך, סיי פון זיין גוואַלדיקער לעבנס־קענטעניש. דאָ גיט מענדעלע די איינצלנע נעשאָמעפון פילע, דעם מאַסן־כאַראַקטער. אין זיינע יאָכיד־פּאָרטרעטן, וועלכע קריגן אַזאַ בוילעטן פּאָן דורך די מאַסן־בילדער, איז מענדעלע געבונדן מיט די באַגרע־נעצטע מעגלעכקייטן פון זיין פרימיטיווער זשאַנער־קונסט, דאָ גיט ער אָפּטמאָל אַוועק אין דעם אימיטירן דאָס „אידישלעכע״, דאָ פאַלט ער אונטער אונטערן פּאָלקס־גוסט צום מעגושעמדיקן, צום הארבן שטריך, צו דער גרעלער פאַרב. אין דידאָזיקע קינסט־לערישע סימפּאַטיעס זיינע איז ער נאָענט צום אידישן פּאָלקס־שאַפן, פּונקט ווי אויך אין קאַמף פאַר דער קינסטלערישער נאַאיווקייט און שליימעסדיקער פּאָעטישקייט, וועלכע מערקט זיך באַ מענדעלען פון ווערק צו ווערק. און מיט דעמדאָזיקן קאַמף שעפּט זיך אויס די טעווע פון מענדעלעס רעאַליזם.

(„גרונט־שטריכן פון אידישן רעאַליזם״, קיעוו. 1919).

מענדעלעס באַציאונג צו אידיש.—מענדעלע—דער שעפּער פון דער אידישער ליטעראַטור־שפּראַך.

ש. י. אבראַמאָוויטש איז געקומען צום זשאַרגאָן אלס מאַסקיל, אַלס מאָראַליסט און סאַטיריקער,—אַלס לערער האָט ער געשטרעבט דערצו, זיין פּען זאָל וואָס מער נוצן ברייינגען דעם אָרעמען אידישן פאָלק.

ווען ער האָט געשריבן העברייאיש, האָט אים ניט געלאָזט רוען דער געדאַנק: ווער דאַרף דאָס האָבן? ווער קומט עפּעס אַרויס דערפון?

אַף איבערצוגיין צום „זשאַרגאָן" האָט מען אָבער באַדאַרפט האָבן אַ גרויסן מוט.

„אין מיין צייט האָט דער זשאַרגאָן פאַרגעשטעלט א פאַרוויסט פעלד. פאַרשיידענע טינטלערס האָבן אין דער שפּראַך געשריבן פּוסטע נאַרישע זאַכן. געלייענט האָבן ווייבער און פּראָסטאַקעס. דאָס פאָלק האָט זיך געשעמט צו לייענען די „ווייבערשע ביכלעך". אונזערע שריפטשטעלער, די קינסטלער פון וואָרט, האָבן זיך פאַרהאַלטן צום זשאַרגאָן מיט גרויס פאַראַכטונג, און ווען איינער האָט זיך דערלויבט אַ שפּאַס צו טון אין דעם מעוואָזעדיקן לאָשן, האָט ער פאַרשטעלט זיין נאָמען מע זאָל אים ניט דערקענען און מע זאָל ניט כויזעק מאַכן"...

אַזוי דערציילט מענדעלע אין זיין אַווטאָביאָגראַפיע.

די שטאַרקע ליבע צום פאָלק האָט אָבער גוויוער געווען דעם געזעלשאַפטלעכן פאָרורטייל, און אַבראַמאָוויטש האָט גיך געפּויעלט באַ זיך צו ווערן אַ מעשאָרעס באַ באַ דער „דינסטמויד", דער קינסטלער אין אַבראַמאָוויטשן האָט אים ניט דערלויבט אָפּצוטיילן אין שרייבן דעם אינהאַלט פון דער פאָרם.

אין דער אַ ר ט י ס ט י ש ע ר באַציאונג צו דער אידישער שפּראַך ליגט מענדעלע מויכער־ספאָרימס גרויסקייט.

מענדעלע מויכער־ספאָרים איז סטיליסט אין ברייטערן זין פון וואָרט, דעהאַינע, אויך אין דער אָביעקטיוועּר זייט פון זיין שפּראַך. אויסער דעם, וואָס ער שטעמפּלט אָפּ אַף דער לעצטער זיין איך, זאַמלט ער דאָרט צונויף די טיפסטע אייגנשאַפטן פון „אידיש לאָשן" גופע, אַלס אַזעלכן.

דורכלייענדיק „דאָס קליינע מענטשעלע", „די קליאַטשע", „דאָס ווינשפינגערל", „מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי", האָט איר פאַר זיך: די נעשאָמע פון די פערזאָנען, וואָס ווערן דאָרט אַרויסגעפירט; די נעשאָמע פון דער פאָלקס־מאַסע, פון וועלכער זיי האָבן זיך נאָך ניט אינגאַנצן אָפּגעטיילט, אַלס אינדיווידועלישע טיפּן; די נעשאָמע פון דעם מעכאַבער, וואָס האָט דאָס אַלץ אין זיך איינגעזאַפּט, און פון זיך צוריק אויסגעשטראַלט, און די נעשאָמע פון דער שפּראַך, אין וועלכער דאָס בוך איז פאַרפאַסט.

מענדעלע האָט געמוזט זעלבשטענדיק זיך דורכשלאָגן א וועג. פאַר אים איז געווען רויער מאַטעריאַל אין מעשעך פון יאָרהונדערטער אָנגעהויפנטער. זיין אופגאַבע איז געווען: פון דעם פאַרשיידנאַרטיקסטן מאַטעריאַל איין אָרגאַניש גאַנצקייט באַשאַפן.

שווערע אַרבעט האָט אים געמוזט קאָסטן זיין אידיש, דאָס פלאַסטישע, האַרמאָנישע, ליכטיקע פולבלוטיקע אידיש פון „פישקע דעם קרומען", פון „ווינשפינגערל".

איינקוקנדיק זיך אופמערקזאַם אין מענדעלעס לעקסישן אויצער, זעען מיר, אַז אונזער ערשטער סטיליסט איז גרינטלעך באַקאַנט מיט דער גרויסער אַלטער ליטעראַטור פון טייטש־כומעש, אידישע מוסער־ספאָרים און ווייבערשע טכינעס; אַזוי

גענוי, ווי ער קען די אידישע לעבנס־ארט מיט אַלע אירע פּישטשעווקעס ביז די נעמען פון די אידישע מאַיכאָלים און פון אידישן קיך־געשיר—אַזוי אויסגעבונדן איז ער אויך אין לאָשן פון די אידישע פאָלקס־מאַסן—אין ליטע, וואו ער איז געבוירן און אויסגעוואַקסן, און אין וואָלין, וואו ער האָט א באַדייטנדיק שטיק פון זיין לעבן פאַרבראַכט. פול איז זיין נעשאָמע אויך מיט אָפּקלאַנגען פון דער אידישער פאָלקס־פּאָעזיע, פון אירע לידעלעך און מאַיסעלעך, — און שפּריכווערטער מיט רעדנסאַרטן געפינט איר אין זיין שפּראַך מער, ווי בא דער באַרעדעוודיקסטער קליינשטעטלדיקער אידענע מיט א מיילכל אָף שרויפן און אַ צינגל ווי א גאָלמעסער.

איין גייסט האָט זיך פאַר אַבראַמאָוויטשעס טיפגרייכנדיק אויג אין דידאָזיקע פאַר־שיידנאַרטיקע עלעמענטן פון דער אידישער שפּראַך אַנטפּלעקט. ער האָט איר פאַר־באָרגענעם ריטם אונטערגעהערט, די געזעצן פון איר עקזיסטענץ און אנטוויקלונג אָנגעטאַפּט און זיך קלאָר געמאַכט.

מענדעלע האָט אויסגעמעקט פון זיין אידיש די דייטשישע ווערטער, מיט וועלכע א. מ. דיק האָט פאַרגאָסן אונזער שפּראַך, אָבער אָן וועלכע זי קען זיך אינגאַנצן באַגיין. די דייטשמערישע גראַמאַטיקאַלישע פאָרמען און דעם דייטשישן בוי פון זאַץ, וואָס שטימען ניט מיטן גייסט פון מאַמע־לאָשן, זיינען פרעמד זיין היסטאָרישער טראַ־דיציע. ער האָט אויך שטאַרק באַגרענעצט דעם העברייאישן און סלאַווישן עלעמענט אין דער אידישער שפּראַך.

מענדעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט בלויז בא די ווערטער און אויסדרוקן פון דייטשי־שער, לאָשנקוידעשדיקער און רוסישער, פּוילישער, אוקראַינער אָפּשטאַמונג, אָף וועלכע סע ליגט שוין פון דוירעס א בוילעטע אידישע כסימע, וועלכע זיינען נאָך פאַר יאָר־הונדערטער אריין אין דער אידישער גאַס, איבערגעארבעט, איבערגעאַנדערשט געוואָרן, איבערגעקאָכט, פאַרדייט, אַסימילירט פון דער אידישער פּסיכאָלאָגיע, לויט באַזונדערע אינעווייניקסטע געזעצן.

אין „ווינשפינגערל״ איז פאַראן ביז 180 ווערטער פון סלאַווישע שראָשים: „אַזש, אָפּגעבליאַקעוועט, אוגערקע, אונטערוואָרטשען, אינדיק, בורטשעט, בורנעס, באָרשטש, בלאָטע, געמבע, גאניק, געפּענטעט, געמאַנטעט, דרעמלען״ און א. וו. און א. וו.—קימאַט איינס אין איינס געהערן זיי צו די טיף פאַראידישטע, אלגעמיין־גע־ברויכלעכע, אַזוי כאַראַקטעריסטישע פאַרן ליטווישן און וואָלינער דיאַלעקט, איינג־פאַרקינפּטע מיט דער אָפּשטאַרבנדיקער עפּאָכע אין אונזער לעבנס־אַרט, וואָס איז אַזוי אַלזייטיק אָפּגעמאָלט אין די ווערק פון אונזער גרויסן נאַציאָנאַלישן קינסטלער. ריכטיק אָפּגעוואויגן, פּינקטלעך אויסגעמאָסטן זיינען די גרונט־יעסוידעס אין זיין שפּראַך, ער מישט זיי צונויף אין א שטריינג־אויסגעהאַלטענער פּראָפּאָרציע, וואַכנדיק, די האַרמאָניע זאָל אָף קיין האָר ניט געשטערט ווערן.

ניט קוקנדיק אָף דער פאָרזיכטיקייט אין אויסוואַל און געברויך פון ווערטער, פילט מענדעלע קיינמאָל ניט קיין מאַנגל אין זיי. צו פולקאָם באַזיצט ער די שפּראַך, צו פעסט איז ער אין איר, עס זאָל אים קענען פעלן אויסדריקן. ער היט זיך זייער פון ניט דייטלעכקייט, פון צעשוואומענקייט אין סטיל, ער ווערט טאָמיד אָפּזוכן דאָס וואָרט, וואָס זאָל אַרומנעמען דעם באַגריף ווי אַ גוט אופגענייטע הענטשקע די האַנט, ווי די אייזערנע רייף דעם ראָד אין וואָגן. און דאַרף מען אויסדריקן אַן איידעלערן נואַנס פון באַגריף, אָדער אַן אַבסטראַקטע האַסאָגע, איז מענדעלע טאָמיד ביעכוילעס צו באַשאַפן אַ נייע פאָרם פון אַן אַלטן שוירעש—און דאָס ניי־געבוירענע וואָרט איז פונקט אזוי אידיש, ווי די אַלטבאַקאַנטע ווערטער פון מאַמע־לאָשן, מאַכמעס דער

מעכאַבער פון „מאסאָעס ביניאָמין האַשלישי״ ווייסט צוצוגעבן צום] אידישן וואָרצל אויך א אידישן פּרעפיקס און א אידישע ענדונג. ניט „בלענדענד, ערצויגן, ערנידריקט״, שרייבט מענדעלע, נאָר... „בלענדנדיק, דערצויגן, דערנידעריקט״. און אַזוי פון אָנהייב ביז סאָף לאָזט ער אף קיין רעגע ניט אָפּ פון אויג די דורך אים אליין צום ערשטן דורכגעפּילטע געזעצן פון דער אידישער עטימאָלאָגיע.

מענדעלע ווייסט ווי רייך זיין שפּראַך איז און קאָקעטירט אָפּטמאָל מיט זיין אַשירעס. אַנשטאָט איין וואָרט, וואָס וואָלט גאַנץ ריכטיק איבערגעגעבן א באַגריף, האָט ער ליב ניט זעלטן אַ וואָרף צו טון א גאַנצע „זשמעניע מיט ווערטער״—ווי ווייץ פאר די פייגל—ווי איינער זאָגט: „נאַט, באוואונדערט!״.

„איך וועל דיר ווייזן אייערע אַלע טאכשיטלעך, אייערע מעיוכאָסימלעך, אייערע באַלעטויוועסלעך, אלע אייערע אפּוטרופּסימלעך״,—זאָגט דער אַשמעדאַי אין דער „קליאַטשע״,—„איך וועל דיר ווייזן אייערע ספּאָדיקלעך, אייערע ציגיינערלעך; איך וועל דיר ווייזן פּייקעלעך, גערגעלעך, כניאָקעלעך, מערידנלעך, שיך־און־זעקעלעך, פּיאַטקעלעך, פּאַטשיילעכלעך, פּושקעלעך, קעסטעלעך, קאָראָבקעלעך און קאָכלעפעלעך; איך וועל דיר ווייזן אייערע דריידעלעך, שרייערלעך, גראגערלעך, שטאַרקע העמער־לעך, ניימאָדנע גאָלעס-ליכטלעך, קאָרפּירער עסרויגימלעך און אייערע קאַפּאָרע־הינדלעך״.

„איך, מענטש — זאָגט איסראָליק דער מעשוגענער,—איך, מענטש, בין דער טאכלעס, דער צימעס, דער אַנטיק פון אַלע באשעפענישן, נאָר צוליב מיר, טאַכשיט, צוליב מיין באַדערפעניש און מיין פאַרגעניגן לעבן זיי אַלע אַף דער וועלט; איך, טאַכשיט, בין דער מעלעך, דער אויבערהאר איבער אלע בעהיימעס״...

אין דער „קליאַטשע״ געפינען מיר אויך אזאַ פּראזע: „אפילע א אינגל א שויטע, א ווייסכעווּרעניק, א דראַב, א טויגעניכטס, א לאָיוצלעך״...

מע וועט עפשער זאָגן: וואָס טויג דאָס אָנהויפענען פון סינאָנימישע ווערטער? בא מענדעלען האָט אָבער דער לוקסוס אין אויסדריקן א באזונדער טאַם, דערביי ווירקט עס פּסיכאָלאָגיש: מאַכט בוילעטער דאָס בילד, אויסדריקלעכער דעם געדאנק, פולער דעם איינדרוק.

(„ש. י. אבראַמאָוויטש״,
וואַרשע, 1920).

בען־אמי.

באַגעגענישן מיט מענדעלען.

הערן ר׳ מענדעלען לייענען זיינע זאַכן איז איינע פון די גרעסטע טאַינוגים, וואָס מע קען האָבן. דעמאָלט פילט איר און הערט ניט נאָר דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, נאָר אויך דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפט זאָגן און וואָס איז איבערגעבליבן בא אים אין דער נעשאָמע. דער לייענען זיינער איז אַ מין פּיירעש אַף יעדן וואָרט, אַף יעדן זאַץ. וואָרום ר׳ מענדעלע שרייבט טאָמיד „בשתי אנפּין״. טאָמיד איז דאָ אַ רעמעז, טאָמיד אַ ניט דערמאָלטער טיפער פּאָן, וואָס זעט זיך עפּעס ווייט, ווייט באַדעקט מיט אַ נעפּל. אַ קנייטש מיטן שטערן, אָדער מיט דער נאָז, אַ פינטל מיט די קלוגע, קורצזיכטיקע אויגן — און ניט נאָר איר פאַרשטייט, איר זעט בעכוש דעם רעמעז, דעם נימשל. עס טרעטן אַרויס פאַר אייערע אויגן לעבעדיקע ברייעס מיט אַלע זיי־ערע האַוואַיעס. און איר זעט פאַר אייך די גאַנצע אָפּגעמאָלטע וועלט, גלייך ווי זי לעבט, רירט זיך מיט אַלעמען, וואָס איז אַרום איר.

ר׳ מענדעלעס לייענען איז ביכלאַל פּרימיטיוו, איינפאַך, „כמדבר איש אל רעהו״, אַפילע ווען ער לייענט פאַר אַ גרויסן אוילעם בעפומבי. און אין דער נאַטירלעכער איינפאַכקייט ליגט די גאַנצע שיינקייט פון זיין לייענען, וואָס איז בעעמעס מאַיסטער-האַפט. איין כיסאָרן: אז איר האָט געהערט די זאַך לייענען מיפּיוו שעל מענדעלע אין קסאַוו־יאַד, איז דער רוישעם דערנאָך, אַז איר לייענט עס אָפּגעדרוקט, אָפּט שוואַכער, און עס דאַרף אַוועקגיין אַ צייט, איר זאָלט נאָכאַמאָל פילן די פריערדיקע שיינקייט אין דער אָפּגעדרוקטער זאַך. אָבער טאָמיד, ווען איך לייען אים, זע איך אים אַליין, ר׳ מענדעלע שעאיכיע, פאַר זיך, הער זיין ליבן קאָל, זע זיין קנייטשן מיטן שטערן, זיין דרייען מיט דער נאָז, זיין פינטלען מיט די גוטמוטיקע קלוגע אויגן, זיין איראָניש אָדער סאַרקאַסטיש שמייכעלע, וואָס מע קען קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

אַז מע מאַכט אים אַ באַמערקונג, שפּאַרט ער זיך שטאַרק אין אָנהייב, אָבער דערנאָך פאַרבעסערט ער, אויב די באמערקונג איז אַ ריכטיקע.

ווי וואויל האָט מען זיך געפילט באַ ר׳ מענדעלען באַ זיין שרייבטיש!

ר׳ מענדעלעס שמועס איז ביכלאַל רייך מיט טיפע און ריכטיקע באַמערקונגען, שיינע, גלענצנדע איינפאַלן, אַרויסגעזאָגט קימאַט טאָמיד אין אַ גלענצנדער פאָרם, אָפּט בעדערעך מאָשל, וואָס איז שוין פאַר זיך אַליין אַ שיין, אָפּט גלענצנד בילד. און דערביי טאָמיד די פיינסטע איראָניע און דער איידעלער וויץ.

ר׳ מענדעלע איז ניט קיין סיסטעמאַטישער שטריינג-לאָגישער דיינקער. ער האָט אויך עפשער ניט קיין אָפּגעשטעלטע גענויע וועלט־אַנשויאונגען. דיינקען דיינקט ער טאָמיד און יעדער זאַך, וואָס ער זעט, וועקט אין אים טאָמיד אויף אַ געדאַנק, אַ באַמערקונג. ער לאָזט קימאַט ניט איין זאַך דורך אומבאַמערקט. אָבער די אַלע געדאַנקען שטייען זיך באַזונדער איינער פון דעם אַנדערן, זיינען ניט געבונדן איינער מיט דעם אַנדערן — זיי זיינען איינפאַלן, בליצן, און דעריבער זיינען זיי אָפּט סויסער איינער דעם אַנדערן.

טיף, שאַרף, עמעס, און אָפּט גלענצנד זיינען דעם זיידנס אַלע באַמערקונגען און איינפאַלן וועגן ליטעראַטור,—ביכלאַל וועגן שרייבן, און ביפראַט וועגן דעם, וואָס מע זאָל ניט שרייבן. „די גרעסטע קונסט, זאָגט מענדעלע, איז אין דעם, וואָס מע זאָל ניט זאָגן, אינם אַרויסוואַרפן״.

מיר האָבן אַמאָל גערעדט וועגן אַ שרייבער, וואָס שרייבט אומעטום: אַפן בולוואַר, אין טראַם, אין וואַגאָן, אין אַ קאַפע אוכעדוימע.

— איך דערמאָן מיך, האָט געזאָגט ר׳ מענדעלע, אַז איך בין געווען אַ אינגל פון אַ יאָר ניין, בין איך געקומען איינמאָל צו לויפן אַהיים פונם כיידער עסן וואַרמעס. באַ דער טיר האָט מען מיך אָפּגעשטעלט, מאַכנדיק מיט די הענט און ווינקענדיק מיט די אויגן, מיט אַלע איווורים: „שאַ, שטיל!״ און מע האָט מיך אַפילע ניט געלאָזט אליין פאַרמאַכן די טיר, איך זאָל, כאָלילע, ניט אַ קלאַפּ טון. איך קום אריין אין שטוב אַריין. אַלע גייען אַף די שפּיץ פינגער, און מע שושקעט זיך שטילערהייט, באַ אלעמען אַנגסטן אַפן פּאָנים. אַלע מאָל קומט אַריין עפּעס אַ אידענע פון צווייטן צימער, זאָגט עפּעס אין אויער אַריין און ווערט באלד אַנטרונען. וואָס איז? — די מאַמע איז געגאַנגען צו קינד. פלוצלינג, אַזוי ווי איך זיץ דאָ באַגראָבן אין געהאַקטע וואונדן אין אַ ווינקעלע, שפּרינגט אריין פון דער קיך אַ הון, גיט אַ דריי מיטן עק אַהין און אַהער — און לייגט אן איי טאַקע דאָ אינמיטן שטוב פאַר אַלעמען... אַז עס

דאַרף געבוירן אַ מענטש — איז עס מיט ווייטיקן, מיט האַכאָנעס — און דאָ — אַ הינדל: „ציפּ־ציפּ — און גאָרניט".

אף איינציקע שרייבער, וואָס פאַרפלייצן די וועלט מיט מאַמאָרים, האָט ער געזאָגט: „מע האָט אַף זיי אין הימל מאַכריז געווען, זיי זאָלן זיין וואַסערפירער. האָבן זיך, אַפּאָנים, זכוס אָוועס באַמיט, האָט מען זיי געמאַכט פאַר שרייבער..."

אין גענף האָט ר' מענדעלע מער פון אַלעמען ליב געהאַט די שיינע גענפער אָזערע. באַ דער אָזערע געפינט זיך אַ גאָרטן, וואָס מע רופט אים „דער ענגלישער גאָרטן". דאָרט פלעגט ר' מענדעלע דער זיידע אין די שיינע טעג אָפּזיצן שאָענווייס, קוקן אַף דעם וואונדער־שיינעם בלויען וואַסער־שפּיגל און אַף די שיינע ווייסע שטאָלצע שוואַנען, וואָס שווימען דאָרט, האַלטנדיק גלייך און הויך זייערע וואונדער־שיינע קעפּ מיט דעם לאַנגן האַלבקיילעכדיקן האַלז, וואָס זעט אויס ווי אַ האַרפע. דידאָזיקע שוואַנען און אַנדערע פייגלען, וואָס געפינען זיך אַפן אָזערע, וואַרפט מען אָפּט שטיקלעך ברויט, און זיי זיינען דערצו שוין אַזוי געוואוינט, אַז ווען זיי דערזעען אַ מענטשן נאָענט באַם וואַסער, שווימען זיי צו צום ברעג.

— דאָס ערשטע מאָל זע איך, אַז מע זאָל גאָר פייגלען אויך מאַכן פאַר שנאָרערס, — האָט ר' מענדעלע באַמערקט.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר פלעגן גאַנץ אָפט שפּאַצירן אין די אַרומיקע דערפער, וואו עס ציען זיך קעסיידער די פּראַכט־שיינע ווילעס.

— איצט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס אַ נאַר רופט מען „לא לנו", — זאָגט איין מאָל ר' מענדעלע, באַוואונדערנדיק דידאָזיקע ווילעס, וואָס זיינען באַהאַלטן צווישן גרויסע געדיכטע ביימער: — אַף וואָס מיר גיבן אַ קוק — איז אַלץ „לוי לאָנוּ".

איינמאָל אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט זיינען מיר געגאַנגען שפּאַצירן ווייט אונטער דער שטאָט. מיר זיינען טכילעס געגאַנגען מיטן גרויסן, שיינעם וועג, וואָס פירט אין די דערפלעך קאלאָני און וואַנדעוור. די בערג מיט זייערע הונדערטער זילבערנע שפּיצן זיינען דאָרט געשטאַנען שטיל פאַרטראַכט אין זייער ווייטער גרויסער פאַרצויבערטער וועלט, פאַרהאַנגען מיט אַ דורכזיכטיקן בלויען פאָרהאַנג, און נאָר די שטאָלצע קעפּ זייערע, וואָס גרייכן ביזן הימל, זיינען געווען באַדעקט מיט גאָלדענע קרוינען, וואָס די אונטערגייענדיקע זון האָט פאַר זיי אויסגעשפּינט מיט אירע לעצטע שטראַלן.

מיר זיינען אַראָפּ פון גרויסן וועג און זיך געלאָזט גיין מיט אַ שמאָלער סטעזשקע, וואָס ציט זיך צווישן געדיכטע ביימער.

אַזוי זיינען מיר געגאַנגען שטיל פאַרטראַכט, יעדער פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, אַקעגן צען־פופצן מינוטן.

פלוצלינג גיט זיך דער זיידע אַ שטעל און גיט מיר אַ זאָג, אָנווייזנדיק מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט: „איר זעט ?"

איך האָב אַ קוק געטון. מיר זיינען געשטאַנען לעבן אַ גרויסן פעלד, באַדעקט מיט פרישע הויכע גראָז, אַרומגערינגלט פון אַלע פיר זייטן מיט הויכע ביימער, וואָס זיינען געשטאַנען, ווי הויכע גרינע ווענט. אינמיטן פעלד איז געשטאַנען איינאיינציקער גרויסער בוים מיט ברייטע צווייגן, וואָס זיינען פונויבן נאָך געווען באַלויכטן מיט די לעצטע שטראַלן פון דער זון, וואָס איר פייערדיקער קויל האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט הינטער דער וואַלדיקער שוואַרצער מוירע. עטלעכע מינוט זיינען מיר געשטאַנען ניט זאָגנדיק אַ וואָרט. ר' מענדעלע, איינגאַנצן איבערגעביטן, מיט פייערדיקע באַגייסטערטע אויגן, איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אַפן שטעקן און אַלץ געקוקט

אַף דעם איינפאַכן שיינעם פייזאַזש, וואָס איז אויך געשטאַנען, ווי פאַרטיפט אין שטילע טרויעריקע געדאַנקען.

— אַז איך האָב אין דער יוגנט געוואַנדערט מיט די קאַבצאָנים, האָבן מיר זיך איינמאָל אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט אָפּגעשטעלט פונקט אַף אַזאַ אָרט,—האָט אָנגע־הויבן ר׳ מענדעלע, שטיל, קימאַט מיט אַ ציטערדיקן קאָל, און אין זיינע אויגן האָט זיך אַלץ צעברענט דער פייערל, און אַף זיינע איינגעצויגענע באַקן האָבן זיך באַוויזן רויטע פלאַמענדיקע פלעקן.

— יאָ, מע זאָל מיר געוועז פאַרבינדן די אויגן און מיך ברענגען אַהער, וואָלט איך געשוואָרן, אַז דאָס איז דער אייגענער אָרט.

און מיט גרויסע מעכטיקע געניאַלע שטריכן האָט ער מיר אָפּגעמאָלט אַ בילד פון דעם פאַרנאַכט, מיט דעם אָוונט אינמיטן פעלד מיט די ביידלעך, מיט די פערדלעך, מיט דער כאַליאַסטרע, צעזייט און צעשפּרייט אַפן גרינעם גראָז, די וועטשערע, וואָס האָט זיך געקאָכט אַפן צעלייגטן פייער, דעם רויך, וואָס האָט זיך ווי אַ גלייכע זייל געצויגן צום ריינעם בלויען הימל.

פון דער שיינקייט פון זיין שילדערונג האָט אין מיר אַלץ געציטערט, איך בין געשטאַנען פאַרצויבערט, ניט קאָנענדיק אַרויסריידן אַ וואָרט.

(„פנקס״, ווילנע, 1913).

שאָלעם־אַלייכעם.

די פּראָבלעם פון אידישן דאַלעס בא מענדעלען.— „פישקע דער קרומער״ *)

צאָרעס, אומגליק, און איבערהויפּט די צוויי ליבע כפייצים — „הונגער און נויט״ זיינען אונז, אידן, גוט באַקאַנט אין היינטיקע ביטערע יאָרן; דערום איז אונז קיין כידעש ניט, וואָס אַזאַ טאַלאַנטפולער שרייבער, אַזאַ עמעסער פאָלקס־שריפטשטעלער, ווי אַבראַמאָוויטש, פאַרנעמט זיך עס מייסטן אין זיינע אויסגעצייכנטע ווערק קימאַט נאָר מיט די קאַבצאָנים, מיטן דאַלעס; אַף יעדן אָרט באַגעגנט איר זיך בא אים מיט אַן אָרעמאַן, א יורעד, א מעקאַבל, א שלעפּער אָדער מיט גלאַט א הונגעריקן אידן...

מיר האָבן דעריבער אויסגעקליבן דאָס ביכעלע „פישקע דער קרומער״, דאָס קלענסטע פון אַלע ווערק פון אונזער גרעסטן זשאַרגאָניסט **), ווייל אָט דאָס קליינע ביכעלע איז אינגאַנצן איבערגעגעבן דעם אידישן דאַלעס, עס פאַרנעמט זיך אויסשליס־לעך נאָר מיט יענע קאַבצאָנים, וואָס מע רופט זיי בא אונז: „שלעפּערס״—מיט איי־נעם וואָרט, דאָס איז א מאַסע פון אידישע אָרעמעלייט. אין די איבעריקע ווערק פון אַבראַמאָוויטשן, אין וועלכע עס ווערן באַשריבן און איבערגעשמועסט פיל, פיל פאַרשיידענע גוטע און שלעכטע זייטן פונם אידישן לעבן, כאַפּט זיך אויך אָפּטמאָל אַרויס מענדעלע מויכער־ספאָרים מיט עטלעכע טיפע, שאַרפע, ביטערע ווערטער וועגן דעם אידישן דאַלעס.

---

*) אין 1888 יאָר האָט שאָלעם־אַלייכעם פאַרעפנטלעכט א גרעסערן אַרטיקל וועגן מענדעלעס „פישקע דער קרומער״. מיר גיבן עס דאָ צוליב דעם היסטאָרישן אינטערעס, וואָס דער אַרטיקל האָט פאַר דער גע־שיכטע פון די מענדעלע־אָפּשאַצונגען.
די צוזאַמענשטעלער.

**) שאָלעם־אַלייכעם רעדט דאָ וועגן דער ערשטער אויסגאַבע פון „פישקע דעם קרומען״, וואָס איז דערשינען אין די זעכציקער יאָרן.

די צוזאַמענשטעלער.

צו דעם וועלן מיר אין אַן אַנדער אָרט זיך אומקערן נאָכאַמאָל, און איצט וועלן מיר זיך בעסער נעמען צו זיין קליין ביכעלע, איבער וועלכן מיר ווילן דאָ שמועסן מיטן לעזער.

דאָסדאָזיקע קליינע ביכעלע פון ש״י אַבראַמאָוויטש, וועלכעס איז געדרוקט אין זשיטאָמיר, פריער מיט א יאָר 20, אונטער דעם נאָמען „פישקע דער קרומער״ *) איז ווינציק וואָס באקאנט דעם פובליקום, לעכאָלאָפּאָכעס פיל ווינציקער אַלס „די קליאַטשע״, „די טאַקסע״, „דאס קליינע מענטשעלע״ און אַנדערע ווערק פון אַבראַ־מאָוויטשן; נאָך מיין מיינונג מאָג טאַקע אָט דאָס קליינע ווערקל שטיין גלייך אף איין שורע מיט אַלע זיינע גרויסע ווערק, עס טרעט ניט אָפּ אף א האָר; עס פאַר־דינט, אז מע זאָל איבער אים אָנשרייבן א באַזונדערע קריטיק.

ווער איז פישקע? פונוואַנען שטאַמט ער ארויס און וואָס איז דאָס פאר א מין בריע?

פישקע דערציילט זיין טרויעריקע געשיכטע מיט דער רירנדער, ביטמימעסדיקער שפּראַך, מיט דער קונציקער שפּראַך, וועלכע עס פאַרמאָגט נישט קיין אידישער שריי־בער ביז אַבראַמאָוויטשן און נאָך אַבראַמאָוויטשן.

זיין געשיכטע איז אייגנטלעך א קורצע געשיכטע: פישקעס פלויניסטע, די בלינדע יעסוימע, וועלכע האָט זיך געצויגן איר פאַרנאָסע פונם בעטלען און וועלכע האָט אויסגעלערנט אים אויך זיין א בעטלער, האָט מוירעד געווען אָן פישקען; זי איז אים געוואָרן אומגעטריי און האָט זיך באַגאַנגען מיטן מאַן זייער דעספּאָטיש, גאָרניט לייטיש; נאָר אָט די קורצע, איינפאַכע געשיכטע דינט אַבראַמאָוויטשן פאר א קאַנווע צום אויסנייען פאַרשיידענע בלומען, אויסצומאָלן מיט אַלערליי פאַרבן דאָס לעבן פון די אידישע אָרעמעלייט, די „שלעפּערס״.

זייט זיך מוידע, ליבער לעזער, אַז עס טוט עפּשער ניט קיין צי באַם האַרצן, אויסהערנדיק די רירנדע נאַאיווע דערציילונג פונם אומגליקלעכן פישקע? אָט דאָ ליגט באַהאַלטן דער גרויסער סאָד, די מערקווירדיקע קונסט פון אַבראַמאָוויטשעס פעדער: א ציפּ טון, א ריר טון, א שלעפּ טון, גלאַט אַזוי, פאַרבייגייענדיק. און ניט ווילנדיק טוט איר א זיפץ, א קרעכץ, און אַמאָל שיינקט איר אים א טרער אויך — און דאַפקע אָן האַרצרייסנדע, שרעקלעכע סצענעס פון מערדעריי ווי אין די געוויסע „העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען״... קיינער, קיינער איז ניט אימשטאַנד נאָכצומאַכן אַבראַ־מאָוויטשן דאָרט, וואו ער טוט אייך הינטן אַרום א כאַפּ און א קיצל מיט זיין זעל־טענעם הומאָר, און אַפילע אזאַ פאַרזעעניש, משטיינס־געזאָגט, ווי פישקע דער קרו־מער, רופט אַרויס בא אייך סימפּאַטיע, מענטשן־געפיל, ראַכמאָנעס — און מיט וואָס? מיט עטלעכע פּאָשעטע, ערנסטע ווערטער, ניט מיט קיין הויכע, קלינגענדע, פוסטע, שרייענדע פראַזן.

נאָר מיר האָבן זיך פאַרעדט וועגן אַבראַמאָוויטשן און האָבן פאַרגעסן אָן די אָרעמעלייט.

עפּשער מיינט איר, אַז אָט די כעוורע־לייט האָבן זיך ניט זייערע אייגענע אידייען? און נאָך וואָסערע פרייע אידייען! אָט הערט אויס אף ציקאַוועס, וואָס פישקע דערציילט אונז:

*) מיר האָבן געהערט, אז „פישקע דער קרומער״ ווערט איצט גאָר איבעראַנייס איבערגעאַרבעט און איבערגעדרוקט דורך דעם פאַרפאַסער; די האַקדאָמע, וועלכע איז ווי א מוסטער אָפּגעדרוקט געוואָרן אינם „הויז־פריינד״ 1888 יאָר, באַווייזט, אז דאָס איבערגעאַרבעטע ווערק וועט זיין פיל בעסער אַלס דאָס אַלטע, אויב עס איז נאָר מעגלעך צו שרייבן בעסער ווי עס איז געשריבן.

„אַז מע איז געקומען ערגעץ אין אַ שטאָט, האָט זיך כּעוורע אַביסל צעלאָזט אין די הייזער, צעזייט און צעשפּרייט, דער אַהין, דער אַהער, האַקלאַל, מע האָט באַפאַלן די שטאָט ווי די היישעריקן; דאָס האָט בא זיי געהייסן גיין אַף דער אַרבעט... נאָך זייער מיינונג האָט זיי איטלעכער באַדאַרפט אַנקעגן טראָגן די נעדאָווע: וואָס איז? פאַרוואָס קומט עס זיי, די נעגידים, זיי זאָלן זיך זיצן בעשאַלווע אינדערהיים און איטלעכער זאָל אַף זיי האָרעווען, פאַנקעווען?.. כ'לעבן, עס וואָלט רעכט געווען שוין איבערבייטן די יאָצרעס: לאָזן זיי שוין אַביסל פּרוואון גיין איבער די הייזער; מיר זיינען אַזעלכע „שמייליקע" ווי זיי, נישקאָשע..."

נו, וואָס זאָגט איר עפּעס אַף אַזעלכע הויכע געדאַנקען פון דער „פּעכאָטע" מיט דער „קאַוואַלעריע"? איאָ, קיין מאַיסע ניט? און זאָגט עפּשער, אַז ס'איז ניט ריכטיק, ניט קלאָר ווי דער טאָג? אַ וואונדער איז נאָר, ווי אַזוי ווייס דאָס אַ שרייבער מיט די אַלע „פּישטשעווקעס", אפילע מיטן לאָשן פון דערדאָזיקער כּעוורע? דאָס שמעקט עפּעס ניט מיט קיין אויסגעטראַכטן ראָמאַן, מיט קיין באָבע־מאַיסע; אַזוי קאָנען דעם אָרעמאַן, אַזוי טיף אַריינקריכן צו אים אין זיין לעבער אַריין, מוז מען, אַפּאַנים, כּוץ אַ טאַלאַנט, טאָקע אַריינקוקן אומעטום, זיך צוקוקן צו יעדער זאַך, שנאָרען און שמעקן, נישטערן און זוכן—מיט איין וואָרט, וויסן, אַז דאָס, וואָס איך שרייב, ווייס איך, און דאָס, וואָס איך ווייס—שרייב איך, ניט גלאַט אין דער וועלט אַריין, אַ מאַיסע פון אַן ענגעל מיט אַ דעספּאָט, אָדער ווי יענע מאַיסעס פון אַ ראָוו מיט אַ רעבעצן, אַ בען־מעלעך מיט אַ באַס־מאַלקע...

— סטייטש, ס'איז דאָך אָבער דאָ ניטאָ קיין ליבע! צו וואָס טויג אַ ביכל אָן אַ שום ליבע?...—אַזוי זאָגן צו מיר אייניקע פון מיינע לעזער...

אַזוי? ליבע ווילט איר? נאַט־זשע אייך ליבע; נאָר ניט קיין „געמאַכטע" ליבע, ווי בא יענע ראָמאַנענמאַכערס, ניט קיין אַלטגעבאַקענע ליבע פון אַ בלאָנדין און אַ ברונעטין, וואָס האָבן מער ניט וואָס צו טון, אַלס קושן זיך קעגן דער „אומשולדי־קער" לעוואָנע, זינגען סענטימענטאַלנע נאַרישע לידלעך און פאַרגיסן וואַסערדיקע טרערן... ניין, דאָס וועט איר בא אַבראַמאָוויטשן ניט געפינען. אַזוי ווי איר האָט זיך פאַראַקשנט און ווילט דאַפקע ליבע, לאָכיין וועלן מיר אייך אָפּזוכן ליבע בא פּישקע דעם קרומען אויך. הערט אַ שיינע מאַיסע:

דאָרט אין דער בויד, וואו פּישקע האָט זיך אופגעהאַלטן, איז געווען אַ האָרבאַטע מיידל, אַן עלנטע פאַרבלאָנזעטע, אַן אומגליקלעכע, ווי פּישקע. ווער איז זי? פונ־וואַנען? פון וועמען? וועגן דעם שווייגט די היסטאָריע און עס פּאַסט ניט צו שמועסן וועגן דעם...—אַבראַמאָוויטש דערציילט אונז נאָר, אַז זי איז געוואָקסן ערגעץ אין אַ קיך, צווישן אויוון פאַרוקט און פאַרשטופּט ווי טרייפע סכוירע... אָט אַזוי האָט זי פאַרבראַכט אירע קינדער־יאָרן; שפּעטער איז איר אויך ניט בעסער געווען, דען איר מוטער, די קעכן, האָט כאַסענע געהאַט, און דאָס האָרבאַטע קינד האָט זי אונטער־געוואָרפן ערגעץ אין אַ געסל...

— ווער ביסטו, מיידעלע?—האָט זי געפרעגט עפּעס אַ אידענע אַ סעדעכע.

— איך בין דער מאַמעס!—האָט זי געענטפערט,—איך בין דער מאַמעס; זי האָט מיר געהייסן אָט דאָ זיצן, ווען ניט, וועט קומען אַ קאָטשערע מיט אַ לאָפּעטע און מיך שלאָגן...

„אַ קאָטשערע מיט אַ לאָפּעטע"—אָט דאָס איז געווען די איינציקע זאַכן אַף דער וועלט, וואָס זי האָט געזען און געפילט בא דער ליבהאַרציקער אידענע. בא דער סעדעכע האָט זי אָבער אויך קיין האָניק ניט געלעקט: אַ גאַנצן טאָג האָט זי איר

געוויגט דאָס קינד, און פאַרנאַכט האָט זי זי אַרויסגעשיקט אַף דער אַרבעט, דאָס הייסט בעטלען ברויט... גייענדיק אַזוי איבער די הייזער, האָט זי זיך איינמאָל אראָפּגעשלאָגן פונם וועג און האָט געבלאָנזעט, ביז עס האָבן זי דערזען די בויד־אָרעמע־לייט, די „קאַוואַלעריע” און האָבן זי גענומען צו זיך, און פון יענער צייט אָן בלאָנזעט זי אַרום מיט דער גאַנצער קאַמפּאַניע און טראָגט איבער געגוג צאָרעס פון די־דאָזיקע לייט, וואָס באַגייען זיך מיט איר זייער דעספּאָטיש.

„לעמאַי זאָל איך לייקענען? זאָגט פּישקע, איך האָב זי טאַקע אָנגעהויבן שטאַרק ליב צו האָבן אין האַרצן פאַר גרויס ראַכמאָנעס; ס'האָט מיך עפּעס צו איר געצויגן... ניט איין מאָל האָבן מיר ביידע געשמאַק געוויינט און געשמועסט בעשאַס אלע האָבן זיך געלייגט שלאָפן; מיר האָבן איינער דעם אַנדערן אויסגעגאָסן וואָס אפן האַרצן, כאָלילע ניט געמיינט קיין שום כאָכמעס; יענער מאַמזער אָבער (דער רויטער), קיין אוילעמהאבע זאָל ער ניט האָבן, האָט דאָס אַלצדינג באמערקט און אָפּגעטראָגן מיין ווייב מיט פּופּציק טויזנט ליגן; זי האָט זיך אַביסל געקאַעסט אף מיר, און אף צעזעצעניש נאָך בעסער זיך איזניוכעט מיט יענעם מאַמזער, די קאַפּאָרע זאָל ער איינעמען, און פלעגן ביידע אַרומגיין אין די הייזער, ווי א פּאָרעץ מיט א פּריצע און זיינען געוואָרן כאַוועֶר־לאַפּ, גאַנץ נאָענטע שמעלקעס...”

נו, וואָס ווילט איר נאָך? אָט האט איר אייך א ליבע, אי אינטריגע, אי רעוואָסט (אייפערזוכט), אלעס וואָס א ראָמאַן דאַרף האָבן! ס'פּאַרשטייט זיך, בא „יענע שרייבערס” וואָלט שוין דאָ געווען אי אַ דועל, אי א מערדעריי, אי א מעס פון א קייוועֶר, אי בלוט און טרערן, אי הייסע פייעריקע „קיסע”, אי „פאַרבאָטענע פריכטע פון דער ליבע”... אָדער נאָך מער: ס'וואָלט זיי גאָרניט אָנגעשטאַנען צו פאַרנעמען זיך מיט אזעלכע קלייניקייטן, מיט אַזוינע, דער רועך ווייס וואָס, ווי פּישקע דער קרומער, און מיט אַזאַ פאַרזעעניש, ווי דאָס האָרבאַטע מיידל; אויך מיר אַ ראָמאַן!? א ראָמאַן—זאָגן זיי—דאַרף האָבן א „אינטריגע”, א „פאַרפּלאָנטערטע אינטריגע”, וואָס זאָל ווארפן דעם לעזער אין היץ און אין קעלט—ווען ניט, איז דאָס בא זיי קיין ראָמאַן ניט...

איך שטעל מיך פּאָר די איבעראַשונג פון אייניקע געוויסע לעזער, אז מע וועט זיי זאָגן, דאָס אין דעמדאָזיקן קליינעם ביכעלע פון אַבראַמאָוויטשן „פּישקע דער קרומער”, וואָס איז אייגנטלעך ניט קיין ראָמאַן פון ליבע, נאָר גלאַט אַזוי א מאַיסעלע פון אידישע אָרעמעלייט, געפינט זיך אַסאך מער ליבע און פּאָעזיע, אַלס אין אַלע 1000 ראָמאַנען פון דער גאַנצער באַנדע ראָמאַנמאַכערס, וואָס באַקן ראָמאַנען ווי בייגל און שיטן זיי ווי מיסט...

אום צו באַפעסטיקן מיינע ווערטער מיט א באַווייז, מוז איך נעמען און ציטירן (ברייננען) גאַנצע 2 שטיקער פונם דאָזיקן קליינעם ביכעלע*), אין וועלכן יעדעס בלעטל איז א באַזונדערע באַשרייבונג, יעדער פּערזאָן איז א באַזונדער טיפּ, און יעדע שורע, יעדעס וואָרט איז געוואויגן און געמאָסטן, דען אין זשאַרגאָן איז אַבראַמאָוויטש דער איינציקער סטיליסט, די געדאַנקען קומען אויס בא אים הויך פילאָזאָפיש, טאָמיד מיט א מיין און מיט א וואונק, די ווערטער געשליפן און געפיילט און פעסט געשלאָסן, האַרמאָניש און איבערהויפּט אידיש...

ליבער לעזער! אריינקריכן אין האַרצן אַריין צו אזאַ נעפעש, ווי דאָס אָרעמע האָרבאַטע מיידל, דאַרף מען זיין א גרויסער פּאָעט און א גרויסער פסיכאָלאָג! ווער

*) די שטעלן, וואָס שאָלעם-אַלייכעם ציטירט דאָ פון מענדעלעס „פּישקע דעם קרומען”, לאָזן מיר דורך. די צוזאַמענשטעלער.

ס'האָט געליי̈ענט דאָס ווערק פונם געוויסן פראַנצויזישן פּאָעט וויקטאָר הוגא אונטער דעם נאָמען „דער מענטש, וואָס לאַכט", דער האָט געפּילט די הויכע, געטלעכע ליבע פון דעם אָרעמען בלינדן דעאַ; דאָס געטלעכע געפיל פונם מענטשן, די הייליקע ליבע איז אזאַ מאַטאָנע פון זיין ליבן נאָמען, וואָס ס'קאָן האָבן יעדער ערלעכער מענטש, יעדעס ווארעם האַרץ, וואָס איז נאָך ניט פאַרקילט געוואָרן אינם מאַבל פונם לעבן. מעגלעך איז, אז דאָס האָרבאַטע מיידל האָט געקאָנט זיין פאַרליבט אין פישקען ניט ווייניקער (און עפּשער נאָך מער) אַלס די גליקלעכע רייכע עליזאַוועטע, אָדער די שיינע זינאַידע; מעגלעך איז, אַז אָט דער שלימאַזל פישקע האָט געקאָנט זיין איינגעליבט אינם האָרבאַטן מיידל ניט ווינציקער (און עפּשער נאָך מער) אַלס דער בלאָנדין סאָלאָמאָן מיט די הימלהאָר...

נאָר איר ווילט אַוואַדע וויסן דעם סאָף פון פישקעס מאַיסע? — זייער, זייער א טרויעריקער סאָף!

אָט אַזוי ענדיקט פישקע זיין דערציילונג:

„מיין אָרט איז טאַקע נאָר אין גלופּסק; אַהין טאַקע וועל איך מיך צוריקערן; ווי זאָגט מען עפּעס: בינד מיך און וואַרף מיך צווישן מייניקע... נו, אַצינד, אידן, גיי איך אין מיין מענוכע, קיין גלופּסק; א מיסע מעשונע אף מיין בלינד ווייב מיט יענעם מאַמזער, פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן! נאָר די האָרבאַטע נעבעך טוט מיר שטאַרק באַנק!.."

— נו, און מער ניט? אָט דאָס איז גאָר? טאַקע קעדאַי געוועזן צו ריידן אזוי פיל איבער אַזאַ קליין מאַיסעלע!..

אָט אַזוי, הער איך, זאָגן די ליבהאָבערס פון „העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען". איך הער, איך וויים, איך פיל, אז אָט אַזוי דאַרפן זאָגן אייניקע געוויסע לעזער, און איך פאַל דערמיט גאָרניט אַראָפּ; נאָך ווינציקער פאַלט בא זיך אַראָפּ דער טאַ־לאַנטפולער פאַרפאַסער פונם דאָזיקן קליינעם מאַיסעלע, דער אומשטערבלעכער זשאַר־גאָנישער שריפטשטעלער, דער פאָטער פון אלע זשאַרגאָניסטן, אונזער איינציקער אַבראַמאָוויטש.

(„יודישעס פאָלקסבלאַט" 1888, ביילאַגע צו נומ. 39).

פראַגן און אופגאַבן.

1. טענדעלעס מאַסקילישע אידעאָלאָגיע לויט „דער קליאַטשע", דער צאוואָע אינם „קליין מענטשעלע", רעפאָעל פון „ווינשפינגערל" און לויט דער „אַלטער מאַיסע".
2. דער כאַראַקטער פון סאָציאַלן פּראָטעסט באַ מענדעלען (אין „דער טאַקסע", אין דער „קליאַטשע", אינם „קליין מענטשעלע").
3. די עוואָלוציע פון מענדעלעס מאַסקילישער אידעאָלאָגיע (זע מ. וויינרייכס אַרטיקל).
4. דער קאַמף פון פובליציסטישע און קינסטלערישע טענדענצן אין מענדעלעס ווערק (פאַרגלייך „די קליאַטשע" און „מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי", פובליציסטישע עלעמענטן אין אַנדערע ווערק. זע — ביגערס אַרטיקל).
5. נאַטור-שילדערונג באַ מענדעלען לויט די ווערק „שלוימע ר' כאַימס" און „פישקע דער קרומער". אייגנשאַפטן פון מענדעלעס נאַטוראַליסטישן פייזאַזש.
6. די מענדעלע-רעפאָרם פון אידיש — העברייאיזמען, דייטשמעריזמען, סלאוויזמען, נעאָלאָגיזמען באַ מענדעלען. שפּראַך-עוואָלוציע לויט וויינרייכס אַרטיקל. פאַרגלייך מיט קי-נעצקין.

7. פאַרהעלטעניש פון דער גרונט-פאבולע און די זייטיקע עפיזאָדן אין „פישקע דער קרומער".

8. די „אידישע טאָרבע", אַלס סימוואָל פון עקאָנאָמישער און גייסטיקער אָפּגעשטאַ-נענקייט לויט די ווערק „פישקע דער קרומער" און „מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי".

9. קאַבצאַנסק און גלופּסק לויטן „ווינשפינגערל".

10. באַלמעלאָכישע געשטאַלטן אין „קליין מענטשעלע" און „שלוימע ר' כאַימס".

11. ווען שטעלט מענדעלע אַרויס אַלס פּאָזיטיווע טיפּן? (ביניאָמין פון ווערק „אַלטע מאַיסע"; ר' אַווראָם, שמוליק טאַנדעטניק, רעפאָעל פון „ווינשפּינגערל"; ר' כאַים, ליפּע רוואוונס און העצל קיילעס פון „שלוימע ר' כאַימס"). איינטיילן זיי אין קאַטעגאָריעס.

12. די אידענע באַ מענדעלען („פישקע דער קרומער", „מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי" און „ווינשפּינגערל").

13. פּאַראַזיטיזם: קאָהאָלס-לייט, קלייקוידעש, שנאָרערס („טאַקסע", „פישקע דער קרומער").

14. אונטערוועלט-געשטאַלטן באַ מענדעלען („ווינשפּינגערל", 2-טער ב.).

15. דאָס קינד און די דערציאונג באַ מענדעלען („שלוימע ר' כאַימס", „ווינש-פינגערל").

16. די הויז-כאַיעס באַ מענדעלען („דאָס קעלבל" און אַנד.).

די וויכטיקסטע ווערק:

דאָס קליינע מענטשעלע.
די טאַקסע.
די קליאַטשע (אויסגאַבע פון פאָלקס-קאָמיסאַריאַט, פּעטראָגראַד 1918).
מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי (פאַרקירצט. „קולטור-ליגע", קיעוו 1923).
פישקע דער קרומער.
דאָס ווינשפינגערל („קולטור-ליגע", 1927).
שלוימע ר' כאַימס.
מיין לעבן.
דאָס קעלבל („קיעווער פאַרלאַג", 1918 — געקירצט).

III. ל י נ ע צ ק י

איצכאַק־יויעל לינעצקי (1915—1839)

(ביאָגראַפיע)

געבאָרן אין יאָר 1839 אין ווינניצע, פּאָדאָליע. זיין פאָטער איז געווען אַ ראָוו, דערצו אַ הייסער כאָסיד, האָט ער דעם זון זיינעם געגעבן אַ שטריינג רעליגיעזע דערציאונג אין כסידישן גייסט. די באַקאַנטשאַפט מיט די שטעטלשע מאַסקילים האָט אין אים אופגעוועקט אַ שטאַרקן כיישעק צו בילדונג, און ער האָט זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן בעסוידיי סוידעס מיט האַסקאָלע. קעדיי צו מאַכן אַ סאָף צו זיין אַפּיקאָרסעס, האָט מען אים כאַסענע געמאַכט צו פערצן יאָר מיט אַ צוועלפיעריק מיידעלע. דאָס האָט אָבער אָף לינעצקין געהאַט אַ קנאַפּע פּעאולע. נאָכמער — אים איז געלונגען איבערצורייידן זיין יונגע פרוי, זי זאָל זיך האַלטן פאַר דיזעלביקע מיינונגען, וואָס ער. דאַן האָט אים דער פאָטער גענייט איר געבן געט און אים כאַסענע געמאַכט צום צווייטן מאָל מיט אַ טויבער האַלב־אידיאָטישער פרוי. דידאָזיקע גוואַלדטאַטן האָבן געמאַכט אָף דעם 16־יעריקן לינעצקין אַ שרעקלעכן איינדרוק, און ער איז ארויס אין אַן אָפענעם קאַמף קעגן דעם ווילדן פאַנאַטיזם. זיינע פיינט זיינען דערגאַנגען אזוי וויט, אַז זיי האָבן אים געפּרוווט אומברייינגען, און נאָר אַדאנק דער הילף פון פּאָליציע איז אים געלונגען זיך ארויסצורעטן פון זייערע הענט. איז ער אַוועק קיין אָדעס, וואו ער האָט געגעבן העברייאישע שטונדן און צו גלייכער צייט פלייסיק שטודירט רוסיש און דייטש. דאַן איז ער אַוועק קיין ברעסלוי, קעדיי אָנצוקומען אין דעם דאָרטיקן ראַבינער־סעמינאַר, אָבער צוליב די אינטריגעס פון זיינע עלטערן האָט ער געמוזט זיך אומקערן צוריק אין זיין געבורטשטאָט.

אין יאָר 1862 איז ער אַנטלאָפן קיין זשיטאָמיר און איז אָנגעקומען אין דער אָרטיקער ראַבינער־שול, וואו עס האָט אָף אים געהאַט אַ גרויסן איינפלוס א. צ. צווייפעל. אָבער אין אַ קורצער צייט ארום האָט ער פארלאָזן די ראַבינער־שול, נישט קענענדיק איבערטראָגן די שפּעטעריי פון זיינע שול־כאַווירים, 13—12־יעריקע אינגלעך. צו דער צייט געהערן זיינע ערשטע ליטעראַרישע אַרבעטן אין אידיש: „דער בייזער מארשעליק" (אַ זאַמלונג סאַטירישע פאָלקסלידער, צוערשט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1869 און שפּעטער אייניקע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן).

זיך באַזעצט אין אָדעס, האָט לינעצקי אָנגעהויבן צו נעמען אנטייל אין צעדערבוימס „המליץ" און אין „קול מבשר", וואו ס'איז אין יאָר 1867 דערשינען זיין

בעסטע ווערק „דאָס פוילישע אינגל" (אַ ראָמאַן אין צוויי טיילן). דער ערפאָלג פון דעמדאָזיקן ראָמאַן איז געווען אַן אומגעהייערער, און ער האָט אויסגעהאַלטן אַ גאַנצע ריי אופלאַגן. די שפּעטערדיקע ווערק לינעצקיס זיינען: „דער וועלט־לועך" (1872) „מישלאכאס" (1874), „די פּריטשעפּע" (1876), „דער סטאטיק" (1876) „קאלבויניק" (1877) א. אנד. אין יאָר 1875 האָט ער צוזאַמען מיט גאָלדפאַדענען אַרויסגעגעבן אין לעמבערג די צייטונג „איסראַליק", וואָס האָט עקזיסטירט אַ קאַרג האַלב יאָר צייט. אויך די צווייטע צייטונג „נאַציאָנאַל", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1886 אין באָטושאַני, רומעניע, האָט קיין ערפאָלג ניט געהאַט. אויסערדעם, האָט ער געדרוקט לוכעס און אַלמאַנאַכן מיט וויצן און גלייכווערטלעך.

אונטערן איינפלוס פון די געשעענישן אין אָנהייב פון די אַכציקער יאָרן איז ער געוואָרן אַ הייסער כיוועוו־ציען און האָט אָנגעהויבן צו פּראָפּאַגאַנדירן אין אַרטיקלען און בראָשורן („אַמעריקע צי ערעץ איסראָעל", „אַהער אָדער אַהין") די פּאַלעסטינאָ־פילישע אידייען.

אין יאָר 1891 האָבן זיינע פריינט און פאַרערער אַרויסגעגעבן צום 25 יעריקן יובילייַ פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט אַ בוך „לינעצקיס יובילייאום". אין יאָר 1909, צו זיין 70־יעריקן יובילייַ האָט לינעצקי פאַרעפנטלעכט זיין ווערק „אַראָפּ פונם יאַריד", וואָס טראָגט אַן אַוטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער.

געשטאָרבן איז לינעצקי אין 1915 יאָר אין אָדעס.

א. ליטוואַק.

לינעצקי דער מאסקילישער קעמפער.—לינעצקי דער פאַמפלעטיסט.— „דאָס פוילישע אינגל".

מענדעלע מויכער־ספאָרים דערציילט אין זיין אַוטאָביאָגראַפיע, אַז ער האָט זיך גענומען צו אידיש, ווייל ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז אין העברייאיש האָרעוועט ער אומזיסט: די גרעסטע מערהייט פונם אידישן פאָלק פאַרשטייט קיין העברייאיש ניט. דאָסזעלבע דערציילט פון זיך לינעצקי אין זיין יובילייַ־רעדע. ער האָט זיך אַרומגעזען, זאָגט ער, אַז ער שרייבט און שרייבט, און דאָס „בידנע פאָלק ווייסט גאָרניט פון קיין פויסער און קיין כאַלעם. ווערט אים מאַרקאָטנע; נאָר באַלד מאַכט ער זיך האַרץ און באַשליסט באַ זיך רעדן מיטן פאָלק דירעקט, אָן מעקלערס. ער וואַרפט אַוועק דאָס דאַל־גייאישע פידעלע און כאַפּט שוין טאַקע די באַשיידענע, בעטלערישע לירע און שפּילט שוין אָף איר. דיין פאָלק אָף זיין פאָלקס־לאָשן". ער שרייבט פריער אי־דישע לידער, נאָכדעם גייט ער איבער צו פּראָזע און אין יאָר 1867 הייבט ער אָן צו דרוקן אין „קול מבשר" „דאָס פוילישע יונגל", דאָס הויפּט־ווערק פון זיין לעבן.

אָף מענדעלע מויכער־ספאָרים און אָף לינעצקין האָט פריער פאַר אַלץ געווירקט דאָס, וואָס זיי זיינען ביידע געווען קעמפער פון נאַטור, און קעמפן אין העברייאיש האָט געהייסן פירן אַ מילכאָמע ניט אָף אַ ברייטן שלאַכט־פעלד, נאָר אונטערן אויוון. אָבער אָף ביידן האָט אויך געווירקט דאָס, וואָס זיי זיינען געווען קינסטלער, מאַלער. לינעצקי אַסאַך קלענער, ווי מענדעלע, אָבער אַ מאָלער איז ער אויך געווען. האָט זיי ביידן, עפּשער אומבאַוואוסטזיניק, געצויגן צו לעבעדיקע פאַרבן, צו אַ לעבעדיקער שפּראַך. אויב זיי האָבן עס ניט קלאָר פאַרשטאַנען, האָבן זיי געפילט, אַז שילדערן דאָס לעבן פון אַ פאָלק קאָן מען בעסער ווי אַלץ אין דער שפּראַך פונם דאָזיקן

פאָלק, אין די ווערטער, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן צוזאַמען מיטן דאָזיקן לעבן און זיינען מיט אים פאַרפלאָכטן און דורכגעדרונגען. אף לינעצקין האָט אויך געווירקט דאָס, וואָס ער איז פון נאַטור געווען אַן עמעסער דעמאָקראַט, א מענטש, וועלכער האָט זיך מיטן האַמוין געפילט, ווי אינדערהיים, און די שפּראַך פון די מאַסן איז אים געווען באַזונדערס ליב און טייער.

ביידע, אי מענדעלע, אי לינעצקי האָבן שטאַרק ליב געהאַט אידיש. אָבער מענ־דעלע האָט זיין אַלטע ליבע צו העברייאיש אויך ניט פאַרגעסן. ער האָט ביז זיינע לעצטע יאָרן אַסאַך געשריבן אין העברייאיש און ער פאַרנעמט אין דער העברייאישער ליטעראַטור ניט קיין קלענערן אָרט, ווי אין דער אידישער. קימאַט אַלע ווערק זיינע, וואָס זיינען לעכאטכילע געשאַפן געוואָרן אין אידיש, האָט ער שפּעטער אי־בערגעשאַפן אין העברייאיש. לינעצקי האָט זיין העברייאישע פעדער אינגאַנצן צע־בראָכן. צו דער העברייאישער ליטעראטור פון זיין צייט האָט ער זיך באַצויגן מיט איראָניע, אָפט מיט גאַל און פאַרביטערונג.

לינעצקי אַליין האָט געקוקט אַף זיך, ווי אַף אַ סאָלדאַט אין א מילכאָמע, ווי אַף אַן עמעס־זאָגער, אַ קעמפער פאַר ליכט. ער איז „אַ הונט, וואָס דאַרף האַווקען אף גאַנאָווים”, „אַ האָן, וואָס דאַרף וועקן, אָנזאָגן דעם פרימאָרגן”, זיין העכסטע אופגאַבע איז געווען—„איבערקערן דעם לאָקשן־טאָפּ, ער זאָל צעבראָכן ווערן מיטן קוגל איניינעם”*).

„דעם אויבערשטן איז ניכע געווען—שרייבט לינעצקי וועגן זיך—אַראָפּצושיקן איציקלען אזאַ מוזע, וואָס לאַכט וויינענדיק און וויינט לאַכנדיק. זי הייסט מיטן ליב־האַרציקן נאָמען „הומאָר”.

ער האָט אָבער א טעות געהאַט, לינעצקי, א טאָעס אינם נאָמען.

אַזא מוזע, ווי זיינע, הייסט ניט הומאָר, נאָר סאַטירע. דער הומאָריסט לאַכט גוטמוטיק; ער באַדויערט, אָבער ער שטראָפט ניט, בייסט ניט. דער סאַטיריקער לאַכט מיט פיאווקעס, ער שטראָפט, שלאָגט, בייסט; ער וויל ווייט אָנטון. דער הומאָ־ריסט איז ניט אויסן איבערצומאַכן די וועלט; ער האָט האַנאָע פון מאָלן די קאָמישע זייטן פון לעבן. ער האָט ראַכמאָנעס אף די מענטשן און וויל מאַכן זיי זאָלן אַליין גוטמוטיק לאַכן איבער זייערע אייגענע קאָמישע זייטן. דער סאַטיריקער וויל איבער־מאַכן די וועלט; ער וויל מיט זיין געלעכטער פאַרטיליקן דאָס אַלטע, קעדיי צו מאַכן אַן אָרט פאַר דאָס נייע. ער האָט בלוטיק פיינט, ער האָט ברענעדיק ליב. דער הומאָ־ריסט איז מער קינסטלער; דער סאַטיריקער—מער פובליציסט. שאָלעם־אַלייכעם איז געווען א הומאָריסט, לינעצקי א סאַטיריקער.

דאָס וויכטיקסטע ווערק פון לינעצקיס לעבן, דאָס ווערק, פאַר וועלכן ער גייט אַריין אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור, איז „דאָס פוילישע יונגל”, געדרוקט אין פאָרזעצונגען אין „קול מבשר” פאַר 1867 יאָר און באַלד אַרויס אין א בוך־פאָרם.

דאָס „פוילישע יונגל” איז א לעבנס־באַשרייבונג פון אַ כאָסיד „פון זיין געבוירן ביז זיין פאַרלוירן”. לינעצקי באַשרייבט די הויז־פירונג, די דערציאונג, דאָס פאַ־מיליען־לעבן און איבערהויפּט דאָס לעבן אין כסידישן „הויף”. דער רעבע אַליין, זיינע ראַבאָנים און מעקוראָווים, די כסידים, וואָס קומען אף שאַבעס און יאָנטעוו

*) אומעטום, וואו איך ברענג לינעצקיס ווערטער וועגן אים אליין און דערמאָן ניט, אז ער האָט עס געזאָגט אין זיינע יובילײ־רעדעס, האָב איך עס גענומען פון זיין לעצטן ביכל „אַראָפּ פון יארידי”.

אָדער גלאַט אַזוי צום רעבן, דעם רעבעס טיש, די פּאָליטיק פון רעבנס הויף. די אויסערלעכע פאָרמען פון לעבנשטייגער זיינען שאַרזשירט, איבערגעבראָכן, ווי אין א קרומען שפּיגל. אין „פּוילישן יונגל" געפינט איר אמאָל אויך לעבעדיקע בילדער, אָפּט גאַנץ זאַפטיקע. אינגאַנצן איז עס ניט קיין טרייע שילדערונג פון לעבן, נאָר א פּאמפלעט, א בייזע קאַריקאַטור, וועלכע שפּיגלט אין זיך אָפּ אלע מאַילעס און כעסרוינעס פון דער האַסקאָלע־ליטעראַטור.

לינעצקי זעט אין די כסידים קיין סימען ניט פון שיינקייט. אַלץ איז מיעס, אלץ אָפּשיילעך. ער האָט נאָר פאַר זיי איין פאַרב—סאזשע.

„א סבראָד אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, צעכראַסטעטע, שמוציקע און קויטיקע שלעפּערס, מיט פאַרגעלטע אויסגעצויגענע פּענימער, מיט געגאָטלע קעפּ און קלאָטשעוואַטע צונויפגעשלאָגענע באָרד־און־פּייעס. פייער־ברענעדיקע שוואַרצע אויגן טיף אין קאָפּ אריין, ווי בא טשאכאַטאָטשניקעס... פאַרמאַטערטע אויסגעמארכעוועטע, ערנידעריקטע און פאַראכטעטע—נאָר זיי פילן עס ניט און היצן זיך נאָך דורך געקינסטלטע היסלאַוועס פון אביסל טיקן... האַקלאַל, נעשאָמעס און גופים און שאָטנס אָן א זין, וועלכע שוועבן, און שטרעבן, און קוראַזשען זיך, און דרייען זיך און וואַקלען זיך, און טאַנצן, און שפּרינגען און פליען עפּעס ארום א מין ליכט, וואָס ווייזט זיך זיי נאָר אויס".

און אָט האָט איר א מאַסן־בילד פון די כסידים אין רעבנס הויף:

„דער הויף איז פול מיט אידן, אידענעס, יונגעלייטלעך און קינדער; א געשריי, א געפּילדער, א שטופּעריי, נאָר ווי די פאַרסאַמטע מייז! מע וואַרפט מיט הענט, מע שטעקט גראָבע פינגער, מע טרייסלט מיט פּייעס. מע קנאַקט מיט פּאַנטאָפל, מע רויכערט, מע הוסט, מע כראקעט, מע שפּייט, מע קייט, מע שטופּט עלנבויגנס, מע זידלט, מע שעלט, מע פּאַטשט; די היטלען פאַרוקט אַף די פּאָטילניצעס, די פּאָלעס צעלאָזט אַף הינטן, די עק־גאַרטלען אף דער ערד, א כוואַליע אַהער, אַ כוואַליע אַהין; עס רוישט, עס טומלט, ווי אין הונדערט פאַרעוואָיע מילן, און ס'איז קימאַט ניטאָ, וואו א שפּילקע צו דער ערד וואַרפן!".

דער רעבע און זיינע מעקוראָווים זיינען באַ לינעצקין דורכויס שווינדלער, פאַרברעכער און גאַנאָווים. דער רעבע הייסט נאָכמאַכן פּאַפּירן; די רעבעצן הייסט גאַנווענען צירונג און נאָכדעם טראָגט זי עס אַליין. דעם רעבעס זון איז א הולטאַי, דער רעבע איז אַן אַמאָרעץ, א הולטאַי, כאַוועדט זיך מיט „אלע מאָסרים, גאַנאָווים, ראָסטאָווטשיקעס, קאַבאַטשניקעס און באָטע־זוינעס". זיינע מאָפּסים זיינען „טאָמיד פאָרויס אָפּגערעדטע, אָפּגעשטעלטע, אָפּגעפּלאנעוועטע און אויסגערעכנטע צום פּונקט, צו דער מינוט, און געוויס ניינציק פּראָצענט פון זיי ווערן אָפּגעמאַכט דורך כאַבאַרן, רעכילעסן, מעסירעס, סרייפעס, ביזיוינעס, אָסטראָגן, גניי‍וועס, גזיילעס, רעציכעס, מאַשענסטווע און שפּיכעס־דאָמים (בלוט־פאַרגיסן אויך, ווען מע מוז)".

דאָס גאַנצע ווערק פירט זיך אין א טאָן פון א סאטירישער ביאָגראפיע. די דערציילונג פליסט לעבעדיק, גרינג, פול מיט שפּאָט און שאַרזש, ווערטלעך און קאַריקאַטורן. אָבער אין צווייטן טייל איז פאַראַן אַן אומעגלעך לאַנגע רעדע (גאַנצע 15 זייטן), וואָס דער לערער, דער מאַסקיל, האַלט פאַר די כסידים אין א מאָמענט פון קאַטאַסטראָפע, בעאַייס פּאָליציי באַפאלט דעם רעבעס הויף. שפּעטער אין טורמע פירן צוויי כסידים צווישן זיך אַן אומגעלומפּערטן לאנגן וויקועך. דער אינהאַלט פון דידאָזיקע לאַנגע און לאַנגווייליקע דראָשעס איז א ריין מאַסקילישער, דער אנימאַימין פון דער האַסקאָלע.

לינעצקיס שפּראַך איז שוואַרצע ערד, פעט, נאָר ניט קולטיווירט, רייך, נאָר ניט באַאַרבעט. דאָס איז פּאָדאָלער און בעסאַראַבער אידיש, פול מיט פאַרגרייזטע רוסישע ווערטער. דאָס איז ניט קיינע ריינע פאָלקס־שפּראַך, דאָס אידיש פון כסידישע שטיבל איז דאָ פאַרמישט מיטן אידיש פון מאַרק, פאַרבראַקט מיט פּאָלאָווינע רייסישע אויס־דריקן פון מאַסקילים. דאָך איז עס זייער נאָענט צו דער פאָלקס־שפּראַך. ווערטער פאַרמאָגט לינעצקי אַ גאַנצן אויצער. אויסער שאָלעם־אַלייכעמען פאַרמאָגט, דאַכט זיך, קיינער באַ אונז ניט אַזויפיל ווערטער, ווי לינעצקי. ער שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר אַ גראָבן וואָרט אויך, אַבי עס זאָל זיין שאַרף, אַבי אויסדרוקפול. לינעצקי האָט זיין אייגענעם סטיל, אין וועלכן עס פּילט זיך זיין פּולס, וועלכן איר וועט אַף קיינעמס ניט פאַרבייטן. זיין פּראָזע איז געבויט ניט זייער גראַמאַטיקאַליש, אָבער זי איז רייך אין פאַרבן, דורכגעפלאָכטן מיט אַ בילדל, אַן אָנצוהערעניש, אַ וויץ; זי איז ענערגיש און אָטעמט מיט לעבן און קאַמף.

לינעצקי האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אַף דער אַנטוויקלונג פון אונזער ליטעראַרישער שפּראַך, ניט בלויז אַף זיינע נאָכמאַכער, נאָר אַפילע אַף די, וואָס האָבן ניט געוואָלט און ניט געטראַכט אים נאָכצומאַכן. ער האָט באַרייכערט דעם אויצער פון ווערטער און אויסדריקן. ער האָט געמאַכט לעבעדיקער די פּראָזע, צוגע־געבן איר ענערגיע. אליין ניט אינגאַנצן ריין פון באַדכאָנעס, האָט ער אופגע־הויבן דעם אידישן געלעכטער פון באדכאָנעס צו סאַטירע. לינעצקי איז אונזער ערשטער סאַטיריקער, וואָס פאַרדינט קאָשער דעמדאָזיקן נאָמען.

(„י. י. לינעצקי", קיעוו).

מ. זילבורג.

די ווידערשפּרוכן אין לינעצקיס מאסקילישער וועלט־אַנשויאונג.— דער פּראָטעסט קעגן טראַדיציאָנעלן שטייגער בא לינעצקין.

„דאָס פּוילישע אינגל", וואָס טראָגט שוין אַף זיך דעם קענטיקן כויסעם פון עמע־סער ליטעראַטור און פון שאַפנדיקן יאָכיד, שטייט דאָך נאָך זייער נאָענט, לויט זיין טאָך און פאָרם, צו יענע פּרימיטיווע פאָלקס־ביכער, וואָס די אומרואיקע צייט רעדט זיי ארויס, ווי זי זינגט ארויס דאָס פאָלקס־ליד. בא דער יערידע פון איין עפּאָכע, בא דער באַגינענדיקער צעפאַלונג, לעבט אוף שאַרף דער ווייטיק פון דערקענטעניש, כאַפּט זיך אוף דאָס געוויסן — אָפּטמאָל אין פאָרם פון ביטערסטער סאַטירע אַף דעם אייגענעם לעבן, ווי אַשטייגער, „דאָס פּוילישע אינגל". אַזאַ בוך פאַלט ארויין אין פאָלק, זייער אָפט אָן דעם נאָמען פון זיין מעכאַבער אָדער אונטער אַן אויסגעטראַכטן נאָמען, און צערייסט דעם גרינעם שימל, וואָס ליגט, ווי אַ דיקע הויט אף זיין דאָר. דורך דער שטים פון איינעם, אַ פאַרבאָרגענעם, רעדט פאַר אונז אויס די צייט איר אָנגעווייטיקט האַרץ. און דאָך איז עס („דאָס פּוילישע אינגל") ניט יענער פּרימיטי־ווער עפּאָס פון פאָלק, וואָס ווערט „פאַרשריבן" פון אַן אומבאַוואוסטער האַנט. עס איז אויך ניט דער ברייטער אויסדרוק פון דער גאַנצער שטאַרבנדיקער עפּאָכע, ווי יענץ ווערק פון גאָען, וואָס שילדערט מיט אַ פאַרנעם און דערהויבן־אָביעקטיוו זיין איבערגעצייטיקטע צייט און ווייזט נעוויאיש אוף די טריט פון אַ נייער. עס איז גיכער דער אויסדרוק פון איינעם, וואָס האָט אף זיין אייגענעם לייב געשפּירט די ציינער פון זיין צייט און האָט זי „באַשריבן" פאַר דער וועלט.

אָט אַזאַ בוך איז „דאָס פוילישע אינגל״: אַ געמיש פון פרימיטיווער פאָלקס־שאַפונג מיט עכטער ליטעראַרישער, אינדיווידועלער קונסט, אידעאָלאָגיש־געזועלשאַפט־לעכע טענדענץ מיט שטענדיקן, איראָניש־ביטערן אונטערטאָן פון יאָכיד, זיינע זיכרוינעס און זיין אָנגעקליבענעם קאַס.

דער מעכאַבער מאָלט אונדז זיין עפּאָכע, זיין גויסעסדיקע צייט, נאָר אַף אַזויפיל, אַף וויפל זי גייט אים שטאָרק פאַר זיין טענדענץ קעגן דעם כאַסידיזם. די שטים פון דער נייער צייט, פון דער אָנקומענדיקער האַסקאָלע־טקופע, אייגנטלעך, יענער צייט־גייסט, וואָס רעדט פון אים, הערט זיך דאָ גאַנץ שוואַך און ניט זיכער אַרויס. דאָס „ליכט״ פון דער האַסקאָלע דינט דאָ פאַרן מעכאַבער נאָר קעדיי שוואַרצער צו מאַכן דעם שאָטן פון דער אַנדערער זייט. שלעפּט ער אַרויס ר׳ אייבישעס אויסגעקראָכענעם שטריימל מיט די ווערים — אַזוי שטעלט ער אים טייקעף קעגנאיבער דעם אידעאַל, דעם „צילינדער״; רעדט ער וועגן דער נידעריקער אידישער דערציאונג, וועגן דעם שמוץ, דערמאָנט ער זיך גלייך וועגן די קינדער פון די „דייטשונעס״, וואָס קושן טאַטע־מאַמע די הענט פאַרן שלאָף א. א. וו. מע פילט, אַז דאָ רעדט צו אונדז די נאַאיווע, ניט רייפע מאַסקילישע נעשאָמע, וואָס רייסט זיך פון אונטער דער שווערער מאַסע פון דוירעס און פאַרלירט זיך אין פלאָנטער פון ווידערשפּרוכן און סטירעס.

אַפאָנים, אַז דער מעכאַבער אַליין האָט זיך געכאַפּט צום סאָף, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. ערשט שפּעטער, אין זיין „כאָלעם״ איז ער שוין מעלאמעד־זכוס אַף דעם כאַסידיזם, געפינט אַרויס זיינע הויכע מאַילעס, ווי ברידערלעכקייט, היסלאַוועס, מעסירעס נעפעש און פאַנטאַזיע אין געגנטייל צו די אַנדערע צוויי שיטעס „מיסנאַגדעס״ און „האַסקאָלע״, וועלכע פאַרמאָגן דאָס ניט. ער געפינט אָבער אַרויס אויך אין די לעצטע זייערע גרויסע מאַילעס און זוכט אַזוי אַרום צו געפינען דעם סינטעז, די אידעאַלע פאַראייניקונג פון כסידעס, טוירע און האַסקאָלע — דער אַמאָלי־קער אידעאַל פון דעם אופגעוואַכטן „מענטשן״ אין אידן. דער גאַנצער „כאָלעם״ ווירקט אָבער אַף אונדז ניט מער ווי אַ פּאַשעטע כקירע. דער פּראָטעסט, די פאַרביטערונג, וואָס לעבט אין ליגעצקין, איז אַסאַך עכטער, גערעכטער, ווי דער אידעאַל, וואָס ער וועבט פון זיין פאַנטאַזיע. דער נעגאַטיווער שטאָף האָט אים דערהויבן צו דער מאַדרייגע פון מויכיעך — דער פּאָזיטיווער ברענגט אים אין אַ וואַקלדיקן מאַצעוו, פאַרפלאָנטערט אים און ווייזט בוילעט אַרויס זיינע שוואַכע קוויכעס. דערפאַר פילן מיר אַף אונדז אַזוי זייער שטאַרק די קינסטלערישע קראַפט פון זיין בייזער סאַטירע. דער „כאָלעם״ אָבער, וואָס וויל פאַר אונדז זיין אַ טערעץ אַף אַלע האַרבע קאַשעס, וואָס איז שוין די פּשאָרע פון אַ מידן מענטשן, וועלכער ציט זיך צוריק, לאָזט אונדז גאַנץ קאַלט.

„דאָס פוילישע אינגל״ איז געוועזן דער כוצפּעדיקער צאַפּל פון פרייען געדאַנק און האָט באַצייכנט אַן עטאַפּ אין דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דער טויטער טראַדיציע. דערמיט דערקלערט זיך אויך זיין גרויסן דערפאָלג אין זיין צייט און דאָ ליגט אייגנטלעך זיין ווערט אויך פאַר אונדז. „דאָס פוילישע אינגל״ איז אָבער אויך אַן עטאַפּ אין שאַפנדיקן וואָרט אין דער אידישער שפּראַך, אין אונדזער ליטעראַטור. דער באַזונדערער, אייגנאַרטיקער הומאָר פונם מעכאַבער, זיין פאָלקסטימלעכער סטיל האָט מיטגעהאָלפן אַסאַך צו זיין דערפאָלג און דערהאַלטן זיין ווערט פאַר אונדז.

(„י. לינעצקי״, פאַרלאַג „דער קוואַל״, ווין).

א. גורשטיין.

לינעצקי און דער פאָלקס־לעזער פון זיין צייט.

איצכאָק־יויעל לינעצקי איז געקומען אין דער אידישער ליטעראטור קימאַט גלייכ־צייטיק מיט מענדעלע מויכער־ספאָרים. נאָר בעשאַס דעם לעצטן איז באַשערט געווען צו ווערן דער „זיידע" פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראטור, איז י. י. לינעצקי, וועלכער האָט זיך קוינע־שעם געווען מיט זיין בארימטער סאַטירישער שטייגער־עפּאָפּייע „דאָס פוילישע אינגל" 1867, פארבליבן אין די ראַמען פון יענער פאָלקסטימלע־כער שאַפונג, וואָס גייט ניט אריבער די גרענעצן פון דאָר און צייט. איז אזוי פאַרשיידן געווען אויך זייערביידנס אויסערלעכער מאַזל.

מענדעלעס יוגנט־וואָגלעגישן מיט דער מומע דער אַגונע אָפּן באַראָט פון אַוורעמל דעם קרומען זענען אויס אידיליש אין פאַרגלייך מיט י. י. לינעצקיס ביאָגראפיע. אַלס יונגער „אַפּיקוירעס", וואָס האָט געגאַנגען פון האַסקאָלע, האָט לינעצקי געהאַט אויס־צושטיין די גרעסטע צאָרעס סיי אין פאָטערס שטוב (זיין פאָטער איז געווען אַ כסי־דישער ראָוו אין וויניצע), סיי אין דער גאַנצער כסידישער סוויווע. די אופגעבראַכטע כסידים האָבן אים אַפילע אַראָפּגעוואָרפן פון אַ בריק אין טייך, און נאָר צוליב אַ צופאַל איז לינעצקי געבליבן לעבן.

די אייגענע פינצטערע דערפארונג איז עס געוואָרן דער יעסאָד פאַר י. י. לינעצ־קיס „פוילישן אינגל". דער מעכאַבער האָט זיך געהאַט זיינע מאַסקילישע קאַוואָנעס, זיינע סאַטירישע צוועקן, געוועגדעטע קעגן די כסידישע צאַדיקים און רעביייאים, קעגן דער אַרומיקער פינצטערניש און אומוויסנהייט. אָבער דער פאָלקס־לעזער האָט מיט דאָרשט און פאַרגעניגן אופגעכאַפּט און אופגענומען די דערציילונג, וועלכע איז געווען אויסגעהאַלטן אין פאָלקסטימלעכן טאָן, געפעפערט און געזאַלצן מיטן פאָלקס־ווערטל,—די דערציילונג וועגן זיין, לעזערס, שטייגער, וועגן זיינע מידעס, וועגן זיין שטיין און גיין. אין די זיבעציקער און אָנהייב פון די אַכציקער יאָרן איז י. י. לי־נעצקי געווען עפשער דער פּאָפּולערסטער אידישער שרייבער. אין זינען פון פּאָפּו־לאַריטעט האָבן זיך צו אים געקאָנט גלייכן נאָר דער שפּעטערדיקער שאָמער אָדער נאָך שפּעטער שאָלעם־אַלייכעם. לעמבערג האָט געדרוקט „ביגנייווע אוגזיילע", לויט י. י. לינעצקיס אויסדרוק, עפשער צען אויסגאַבן פון „דאָס פוילישע אינגל", ניט רע־כענענדיק די עלטערע „לעגאַלע" אויסגאַבן, וועלכע זיינען אַרויס אין רוסלאַנד.

דער אידישער זשורנאַליסט י. פּעטריקאָווסקי פאַרציכנט אין זיין האַקדאָמע צו זיין רוסישער איבערזעצונג פון מענדעלעס „טאַקסע" (בעלאצערקאָוו, 1884) זייער אַ אינטערעסאנט בילדל, וואָס גיט אונז אַ בוילעטע פאָרשטעלונג וועגן לינעצקיס פּאָ־פּולאַריטעט. ער דערציילט, ווי איינמאָל אַ העל־לעוואָנעדיקן פרייטיק צונאַכטס, נאָך דער וועטשערע, איז אים אויסגעקומען צו זיין אין „גרוזיע", דעם אָרעמסטן טייל פון בעלאצערקאָוו. „פאַר די אויגן מיינע,—שרייבט י. פּעטריקאָווסקי,—האָט זיך פאָר־געשטעלט אַזאַ בילד: באַ דער שוועל פון אַ קליין הייזל האָט זיך איינגעאָרדנט אַ גאַנצע מאַכנע—עטלעכע צענדליק אידן, אידענעס און קינדער, איינס קלענער פאַרן אַנדערן, זיינען געזעסן אָף דער ערד, און אָף דער שוועל איז געזעסן מיינער אַ באַקאַנטער שניידער און האָט זיי עפּעס פאָרגעלייענט... ער האָט געלייענט לינעצ־קיס „וויבאָרעס". און קימאַט נאָך יעדן וואָרט פונם לייענער פלעגט זיך פאַנאַנדער־הילכן אַ זאַפטיקער, דונערדיקער געלעכטער... און נאָך יעדן געלעכטער־שאַס פון די

דערוואקסענע פלעגט זיך הערן אויך אַ קוויטשעריי און געוויין פון די קינדער און זויג־קינדער, נאָר מע פלעגט זיי גיך באַרואיקן, מיט אַ זעץ אין נאַקן די ערשטע און מיט אַ שטויס אין ברוסט די אַנדערע, און עס פלעג זיך ווידער אופשטעלן אַ שטילשווייגן, און מע האָט ווידער געהערט דאָס אויסדרוקפולע לייענען פונם שניידער" (ז. 13–12).

דערדאָזיקער „אַמכאַ"־לעזער איז געוועזן י. י. לינעצקיס איבערגעגעבנסטער לעזער.

אָבער „דור הולך ודור באַ": עס גייט דורך אַ דאָר און עס קומט אַ נייער. דער אַלטער לינעצקי איז נאָך בא זיין לעבן געבליבן אַ פרעמדער און אַ פארגעסענער, מער ניט ווי אַן איבערבלייב און אָנדיינק פון דער אַלטער צייט. ווייל דאָס גאַנצע אידישע לעבן און אויך דער אידישער פאָלקסלעזער זיינען אַוועק ווייט פאָרויס, עס איז אויסגעוואַקסן אַ אידישע אַרבעטער־באַוועגונג, אַ נייע אידישע ליטעראַטור, און דער אַלטער פאָלקס־שרייבער לינעצקי האָט ניט געהאַט גענוג שעפערישע קויכעס אַף צו גיין פוס־באַ־פוס מיט דער צייט.

(„עמעס", 1925).

י. לינעצקי—וועגן דעם באַרוף פון דער אידישער ליטעראַטור.

מיר דאַרפן ניט קוקן אַף קיינע אינדערניסע אין דער וועלט, נאָר נאָכפאָלגן אונזער הייליגען צוויעק! היינו: נאָר אויפן פראָסטען וואָכענדיגען געשמאַקען יודיש זיך אויסרע־דען מיט אונזערע פּראָסטע דערשלאָגענע ברידערליך! מיט אונזערע בידנע בעלי־מלכות, מארק מענשען, טרעגער, האַרעפּאַשניקעס, וואָס פאַרברענגען נעביך זייער וויסט פינצ־טער לעבען אין דאַרעניש און קוואַרעניש מיט אַ פאַרשימעלטער שישקע מיט קנאָ־בעל, ווייל זייערע בעלי טובות דאַרפען שאַמפּאַניער, עקיפּאַזשען, ביידער און מאַס־קאַראַדען! — לאָמיר זייא, אויף זייער פּראָסט וואַרם יודיש, ערקלעהרען, אַז זייא זענען אויך אויסגעפּאַרמעוועט פון דעם אייגענעם בלוט און פלייש, וואָס דיא גבירים אַז זייא זענין ניט קיין אומזיסטיגע אַרבייט־פערד; אַז זייערע הערצער זענין אויך ניט פון טשוגון, זייערע מוחות אויך ניט פון דריללייעס און זייערע נערוון אויך ניט פון דראַטוועס — נאָר דאָס האָבען זייא, זייערע גבירים, בעלי טובות, גוטע יודען, שטאָדט יחסנים אַזוי אָנגערעדט, אַז זייער האַרץ שלאָגט ניט, אַז זייער בלוט קאָכט ניט; אַז זייערע געהירען דיינקען ניט און האָבען אַזוי ביסליכווייז אַוועגערויבט זייער גאַנץ מענשהייט בייא זייא—און דיא אומגליקליכע האָבן זיך אַזוי געלאָזט פאַר־שלייפען און האָבען זיך טאַקע אַזוי אָנגערעדט, אַז זייא זענין טאַקי באמת עפּיס גאָר פון אַ־נ־אַנדער סאָרט, פון אַ־נ־אַנדער מאַטעריע, און סע איז טאַקע פאר זייא אונמעגליך זיך אַלליין צו רוקאָוואָדסטווען מיט זייער אייגענעם פאַרשטאַנד, אָהן אַ אייבערהאַר, אַ בעל־טובהניק, אַ פאַרזאָרגער, אַ מוסר־זאָגער, אַ תקנות־מאַכער וכדומה. לאָמיר זייא עפענען די פאַרשלאָפענע אויגען און ווייזען זייא, אַז דאָס גאַנצע גראָב־קייט און פשטיות האָבען זייא זייערע בעלי־טובות אָנגערעדט!—דאָס נוטצט זייא צו זייערע אַפערעס, צו זייער אונמענשליכקייט; זייא דאַרפען, אַז דאָס פּראָסטע פאָלק זאָל פון גאָר ניט וויסען, און גאָר ניט דיינקען, וועגען גאָר ניט קלעהרען, נאָר מיט פאַרמאַכטע אויגען זיך פאַרלאָזען אַף זייערע טובות! „איהר זענט גראָב—זאָגען זייא—איר זענט פּראָסט איהר זענט אַרעם.—דאַרפט איהר ניט און טורט ניט האָבען אייער אייגענעם שכל ובפרט נאָך אַ דעה זאָגען, אודאי ניט"! — (השחר שנה ה׳ צד 401)— אָ ברידער! לאָמיר נאָכפאָלגען אונזער צוויעק: פּאָקאַ דער פּראָסטער עולם וויסט

נאָך ניט קיין אייראָפּייעשע שפּראַך, לאָמיר איהם ראַטעווען מיט זיין שפּראַך! לאָמיר איהם דייטלעך אויספיהרלעך ערקלעהרען, אַז זיינע פאָרשטעהער זיינע פּאַרזאָרגער קויפען בא איהם אָפּ דיא וועלט אַ מציאה וויא פון אַ גנב! — און רעדען אים אַן, דערפאַר וועלען זייא אים מזכה זיין מיט יענער וועלט — דיא גוטע יודען צאַפּען איהם אויס זיין לעצט ביסעל מאַרך, און רעדען אים אַן, אַז זייא זעניען מתקן זיין נעשאָמע לעתיד לבוא! — ארץ ישראל יודען שאַהראַיען בייא איהם אויס דעם לעצטען בלוטיג־פאַרהאָרעוועטען פּיאַטאַק, און רעדען אים אַן, אַז זייא וועלען מכח איהם אי־בעררעדען מיט ר׳ מאיר בעל נס, ער זאָל איהם אַ טובה טיהן דאָרט! רבנים, מגידים, אייניקלעך, בטלנים, צבועק׳ים, כלי קודש און אַזוי שיינע יודען, מעלקין בייא איהם אויס זיין לעצט ביסעל מאַמעס מילך, און גיבען איהם דערפאַר חומרות, תקנות, גזרות, גהנום — און גן עדן — קאַרטען, שמירה׳ליך מיט שלנו׳ס, סוכה־שעערען, נשמה־לעכט, יקנה״ז חרוסת, פסוקים אתה הראת, סליחות-סטאַטשיקעס, חנוכה שמשים, אַ לעק כוס של ברכה, אַ שמעק הבדלה־שנויץ וכדומה... שטאָדט בעלי טובות, בעל־טאַקסעס, יאַבעדניקעס, זאַקאָניקעס, שיהל גבאים, חברה קדישות, משגיחים, קהלישע שרייבערס, שטאָדט־עזות־פנים׳ר, גלאַט קהלס לייט פאַרקויפען אים אָפּן לויט, עססען איהם אויף און ברעכען איהם אויס — און פאַר זיין גאַנצער בלוטיקער האָרעוואַניע אינם לעבען — באַקומט ער א־נ־אמת כשר אויסגעטרייבערטע פליאַקע אויף שבת! אַ־נ־אמת כשרן — קנאַכען־ביין, אָהן אַ שום סרכא פלייש — אויף פסח! — אַ הגבה וגלילה מאָנטאָג צו קריאת התורה, אַ נאַכטליגער בייא אַ מת, אַ־נ־עצה טובה ער זאָל ווערען אַ מקבל — אַ רעצעפּט פון דער ביקור־חולים אפּטעהק, שוין נאָכן טויט. — אַ צדקה תּציל־ממות־פּישקע — מיט אַ שלעסעל; א־נ־אטיסטאַט אויף מצבות שלאָגען, אַ כבוד מע וועט איהם לעגען אונטער ר׳ יעקעלעס מייערעל, וכדומה. — דאָס אַללעס לאָמיר איהם ערקלעהרען! לאָמיר איהם רעדעוודיג מאַכען, ער זאָל אויך אָנהויבען פּראָטעס־טירען אויף מענש! — לאָז ער אָנהויבען פּראָטעסטירען אַקייגען זיינע בלוטצאַפּערס, לאָז בייא איהם וואָכעדיגער ווערען דעם רבין׳ס גלאַנץ מיט דיא אויגען; דעם דין׳ס קנייטש מיטן פינגער אויף להחמיר; דעם שוחט׳ס קוועטש אויף דער סירכא־להטריף; דעם גבאי׳ס ברייטען געשרייא „תּרבות! — דעם משכיל׳ס פעראַכטעטע טאָן „יונגאטש"! דעם פייערדיגען חסיד׳ס געמבא „אפיקורסים!"... לאָז ער אופהערען אָפּ זיך מצדיק הדין זיין, זיינע צרות און יסורים מקבל זיין באהבה — און אויף זיינע משגיחים ניט לאָזען קיין פולל פאַלען: קוועלען פינם רבינ׳ס תואר פני המלך — סע הייסט — פון זיין גלאַטען ווייסען פעטען קאַרק און פאַרשוואָלען פנים. — פינ׳ם שוחט׳ס בייכעל, פינם רב׳ס זקנה, פינ׳ם גביר׳ס וואוילטאָג פון... פון... פון... אַללע זיינע בליטצאַפּערס תּענוגים! — לאָמיר עס אים צו פאַרשטעהען גיבען אין זיין פּראָסטען זשאַרגאָן, מיט אַללע זיינע אויסדרוקקען, ביז מיר וועלען אים מאַכן פאַר אַ מענשן ער זאָל דער נאָך טוי־גען פאַר איין אייראָפּייער בכלל אין פאַר אַ רוססישען בירגער בפרט! נישקשה, לאָז אונז ניט האַרען, וואָס אייניגע פּראַהלער פאַרמיסען דעם זשאַרגאָן, און מאַכען איהם פאַר אַ בושה ביים פאָלק, אַז נאַר ווייבערשע תחנות שרייבט מען אין איהם — בלאָטע מיר וועללען דעם זשאַרגאָן, אי״ה מאַכען פאַר אַ ליטעראַטור ווייל נאָר אינם זשאַרגאָן קענין זיך אָפּשפּיעגלען דער גייסט און דיא חאַראַקטעריסטיק פינם אונגליקליכען יו־דישען פאָלק — און אין די ביכער וויא דעם פאָלקס חאַראַקטער שפּיגלט זיך אָפּ — דאָס איז דיא וואהרע ליטעראַטור — לאָמיר אַרבייטען לטובת הכלל און מיט דער צייט וועט דיא רעגיערונג אויך געוויסס אַנערקענען, דיא קאָלאָסאַלע נוטצען און פאָרטשריטען צו וועלכע דער זשאַרגאָן קאָן פיהרען דעם יודען אין דער אַלגעמיינער אייראָפּיי־

עשער בילדונג און ציוויליזאַציע—און וועט אונז גיכער פּראַטיזשירען מיט אַללע מעג־ליכקייטען; פּאָלקס ביכער און צייטונגס בלעטטער אונטערען פּראָסטען פּאָלק צו פּערברייטערען! — איבערהויפּט אונזער חברה מפיצי השׂכלה אין פּעטערבורג וועללען געוויסס מיט דער צייט אַרויסזעהען, אַז נאָר דער זשאַרגאָן איז דיא איינציגע בריק, דיא איינציקע סחאָדניע דורך וועלכער דאָס פּראָסטע פּאָלק קען אין לייכטעסטען מאַכען דעם איבערגאַנג פינ׳ם חדר אין דער וועלט־שולע; פינ׳ם קלייזעל אינם טעמפּעל דער מענשהייט, פינ׳ם פּארשלאָססענהייט אין דעם אחדות הכלל און פינ׳ם גייסטליכען יודענטהום צום פּראַקטישן לעבען און בירגערשאפט! —

(פון לינעצקיס „סטאַטעק״)

מיר גיבן דאָ דעמדאָזיקן אינטערעסאַנטן דאָקומענט, ווייל ער כאַראַקטעריזירט זייער בוילעט דעם געדאַנקענגאַנג פונם דעמאָקראַטישן פליגל אין דער האַסקאָלע-באַוועגונג פון די 70-ער יאָרן.

די צוזאַמענשטעלער.

פּראַגן און אויפגאַבן.

1. די באַציאונג צו האַסקאָלע אין לינעצקיס „פּוילישן אינגל״.
2. דאָס „פּוילישע אינגל״, אַלס פּראָטעסט קעגן טראַדיציאָנעלער דערציאונג פון אי־דישן קינד.
3. דער אונטערשייד אינם צוגאַנג צו כאַסידיזם באַ לינעצקין און פּערעצן.
4. עלעמענטן פון פאָלקלאָר באַ לינעצקין (מאַיסעלעך, ווערטלעך, שפּריכווערטער און אַז. וו.).
5. פאַרגלייכן די שפּראַך בא לינעצקין און מענדעלען (סלאוויזמען, וואולגאריזמען, פּראָווינציאַליזמען).
6. פאַרגלייכט די שילדערונג פון כסידישן שטייגער בא לינעצקין מיט שאָלעם-אַליי־כעמס דערציילונג פון כסידישן שטייגער „לאַטקעס שעל כאַנוקע״.
7. לינעצקי אַלס סאַטיריקער.

די וויכטיקסטע ווערק:

דאָס פּוילישע אינגל.

IV. גאָלדפאַדן

אווראָם גאָלדפאַדן (1840—1908)

(ביאָגראַפיע)

1840 — געבוירן געוואָרן אין אלט־קאָנסטאַנטין, וואָלינער גובערניע, אין א פאַמיליע פון א באַלמע־לאָכע, אַ זייגערמאַכער.

1857—1866 — פאַרבראַכט אין זשיטאָמיר, וואו ער האָט געלערנט זיך אין דער ראַבינער־שול. זייענדיק אין דער ראַבינער־שול, גענומען אַנטייל אין א פאָרשטעלונג פון ד״ר עטינגערס קאָמעדיע „סערקעלע״.

1866 — אָפּגעדרוקט זיין ערשטע זאַמלונג לידער „דאָס יודעלע״.

1868—1875 — פאַרבראַכט אין אָדעס, וואו ער האָט אַרויסגעלאָזן זיין ערשט דראַמאַטיש ווערק „די מומע סאָסיע״ (1869), געווען א מיטאַרבעטער אין דער אידישער צייטונג „קול מבשר״, פאַרנומען זיך מיט לערעריי, שפּעטער — מיט האַנדל. צוליבן קראַך פון זיין האַנדל־אונטערנעמונג געמוזט אַנטלויפן קיין אויסלאַנד.

1876 — גיט אַרויס צוזאַמען מיט י. לינעצקי די צייטונג „איסראָליק״ אין לעמבערג.

1876 — שאַפט אין רומעניע א טרופּע אידישע אַקטיאָרן, שרייבט פאַר זיי עטלעכע פּיעסן, איז גלייכצייטיק דראַמאַטורג און רעזשיסאָר — גרינדעט דעם אידישן טעאַטער.

1876—1887 — פאָרט אַרום מיטן ניי־געגרינדעטן טעאַטער איבער רומעניע און רוסלאַנד. שאַפט אין מעשעך פון דער צייט א גאַנצע ריי פּיעסן. אונטער דער ווירקונג פון די ערשטע פּאָגראָמען (1881) ווערט נאַציאָנאַליסטיש געשטימט און שרייבט אָן אין דעם גייסט עטלעכע היסטאָרישע פּיעסן.

1887—1908 — וואַנדערט איבער מאַירעוו־אייראָפּע און אַמעריקע, גיט זיך אָפּ טיילוויס מיט טעאַטער, טיילוויס מיט ליטעראַרישער אַרבעט.

1908 — געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

י. דאָברושין.

די אידעאַליזאַציע פונם פריידיינקערישן קליינבירגער בא גאָלדפאַ־דענען.—די טעאַטראַלישקייט פון די גאָלדפאַדן־טעקסטן.—די אייגנ־שאַפטן פון גאָלדפאַדנס אָפּערעטן־זשאַנר.

I

ניט געקוקט אַף גאָלדפאַדנס געוואַגטער, שאַרפער אָפּלייקענונג פונם דעמאָלטיקן פרומאַקישן פאַנאַטיזם, בלייבט דאָך פאָרט די קעסיידערדיקע אַלגעמיינע טענדענץ פון גאָלדפאַדנס פּיעסן צו אידעאַליזירן דעם פריידיינקערישן בירגער און קליינבירגער, וואָס האָט געהאַלטן אין וואַקסן אין יענער צייט, אידעאַליזירן און באַרעכטיקן אים סיי אַלס פרייען אופגעקלערטן מענטשן און סיי אַלס טרייען זון פון דער נאַציאָנאַליסטישער גאָטפאָרכטיקער טראַדיציע, וואָרום צווישן אָט דיביידע סויסערדיקע עלעמענטן פונם אידישן קליינבירגער האָט גאָלדפאַדן, ווי יעדער מאַסקיל פון זיין צייט, געוואָלט שאָלעם מאַכן.

ווענדנדיק זיין שטאַרקע טעאַטראַלע סאַטירע אַנקעגן די פאַנאַטישע כסידים אין די „ביידע קוני־לעמל", פאַרטיילנדיק די פרומאַקעס מיט אַזאַ שאַרף לידל ווי:

אַוועקט, אַוועקט, אַוועקט, מען זאָל אייך שוין מער ניט אָנקוקן
איר אַלע מיעסע לייט, איז שוין די העכסטע צייט.

האָט דאָך גאָלדפאַדן געפונען פאַר נייטיק צו געווינען אין דער פּיעסע דעם קאַמף מיט די כסידים לעטויוועס דעם נייעם איכעס, לעטויוועס דער באַלעבאַטישער טאָכ־טער, וואָס באַקומט דעם לייטישן סטודענט מאַקסן פאַר א כאָסן, בעשאַס דעם אָרעמען שאַמעשס טאָכטער איז ער מעזאַקע מיטן הויקערדיקן, בלינדן, נימעסן קוני־לעמלען.

אין דער „קישעפמאַכערן" דינט אויך דער נאַאיווער מוסערהאסקל פון דער מאַיסע אַף צו באַוואָרענען סאָפּקאָלסאָף דעם גליק פונם באַלעבאַטישן פּאָרל און א פּשיטע אין „ס'צענטע געבאָט": דאָ האָט גאָלדפאַדן לעכאַטכילע בוילעטער, ווי אומעטום, אוועקגעשטעלט פּאָנים־על־פּאָנים די הויפּט־טרעגער פון זיין שטענדיקער טעמע — די אַלט־כסידישע און די ניי־אַריסטאָקראַטישע מישפּאָכעס — און לעסאָף בוילעטער, ווי אומעטום, פאַרענדיקט מיטן אַפּאָפּעאָז פון באַלעבאַטישן אומשולד און אַלאידישן: „ראַכמים", „צדאָקע" און „שאָלעם". דאָ, אין „ס'צענטע געבאָט", קאָנען מיר אַגעווו זען, ווי גאָלדפאַדנס געדאַנקענגאַנג האָט זיך מערקבאַר געביטן, אָנגעוואָרן זיין אַפּי־קאָרסישע שאַרפקייט נאָך די שווערע אַכציקער יאָרן און אויסגעדריקט זיך אין די נאַציאָנאַליסטיש־היסטאָרישע אָדער, ווי ער רופט זיי אָן אין א בריוו צו שאָלעם־אַלייכעמען,— פּאַטריאָטישע פּיעסן, אזוינע ווי „דאָקטער אַלמאַסאַדא", „באַרקאָכבע", „שולאַמיס", „אַקיידעס איצכאָק" און אַנדערע.

פון דעם אַלעם איז געדרונגען, אַז אונזער פּאָזיטיווע באַציאונג צום גאָלדפאַדן־שאַפן איז ניט שאַיעך בויען אַף דער גאָלדפאַדן־אידייע, אַף די איקער־טענדענצן פון דעם גאָלדפאַדענישן אינהאַלט. באַ אונז און פאַר אונז האָבן א ווערט בלויז די דראַמאַטורגישע עלעמענטן פון דער גאָלדפאַדן־שפּיל, אונז דאַרף אינטערעסירן גאָלד־פאַדנס טעאַטער־לופט, ניט די טיפּן, נאָר דער געבוי פון די טיפּן, ניט די טעקסטן, נאָר די טעאַטראַלישקייט פון די טעקסטן. דאָ, אין דער טעאַטראַלישקייט, אין דער טעאַטראַלער פאַרקליידונג וועלן אַפילע די סטודענטן פון די „ביידע קוני־לעמל", אָט די אַנטליענע פון א ווינער בורשן־אָפּערעטע סטודענטן, ווערן סצעניש פאַראַנדערשט

און וועלן טאַקע פאַרן צושויער אויסזען, ווי פאַרקליידטע, עפּעס נייע שפּיל־מענטשן, וואָס זיינען געקומען אָפּשפּאָטן פון דעם אַלטפרענקישן פּרומאַקישן לעבן־סיידער.

שמענדריק פון דער פּיעסע, וואָס טראָגט דעמזעלבן נאָמען, איז ליטעראַריש ניט מער, ווי אַ באַכערל א טאַם, אַ גאַנץ סימפּאַטיש לעקישל אַפּילע און פון דער גאָלד־פאַדענישער סצענישער טראַדיציע איז ער אונז אָנגעקומען, ווי אַ פּערעאָדאָם, א מין אידיאָטישער „נעדאַראָסל״, דעם שפּעטערדיקן קוני־לעמלס אַ מיט־טיפּ. דאָ אין דער טעאַטראַלער האַנדלונג־לופט, ניט אין דער טעקסטועלער, וועלן אויך די אינהאַלטלעך־אָרעמינקע „באַבע יאַכנע״ און „האָצמאַך״ פון דער „קישעפמאַכערן״ אַרויס מיט זייערע מאַסן־וואָרצלען און וועלן ווערן דאָס, וואָס זיי זיינען — פאָרגייער פונם שאָלעם־אַלייכעמישן „אַמכאָ״, די ערשטע אַנטפּלעקונג פון אופקומענדיקע מאַסן־קוי־כעס, וואָס האָבן דעמאָלט שוין זיך אַ לאָז געטון אין לעבן מיט אייגענער לעבן־שפּיל.

איז אָט, אין דעם אויפן, ווי גאָלדפאַדן האָט טעאַטראַליזירט און, זעלבסטפאַר־שטענדלעך, צוגעגרייט פאַר דער בינע זיינע טעקסטן, ליגט די קראַפט פון זייער דויער, דאָ ליגט דער קויעך פון דעם, וואָס זיי זיינען מעסוגל לעבן אַ טעאַטער־לעבן אין פאַרשיידענע צייטן, באַ פאַרשיידענע געשמאַקן און פּאָדערונגען.

און אָט פון דעם איז קעדאַי אָנצוהייבן.

II

ס׳וואָרפט זיך קוידעמקאָל אין די אויגן דער פּראָצעס פון דעם, ווי גאָלדפאַדן האָט געבויט זיינע פּיעסן. דער פּראָצעס לאָזט זיך וויסן באַשיימפּערלעך אין דער רעשימע פון די טעאַטראַלע בילדער, וועלכע גאָלדפאַדן האָט טאָמיד געשטעלט אין אָנהייב פון אַלע בעסטע סצענישע ווערק זיינע. די „קישעפמאַכערן״, די „ביידע קוני־לעמל״, „ס׳צענטע געבאָט״, „דאָקטער אלמאסאדא״, „באַרקאָכבע״, „שולאַמיס״ — די אַלע הויפּט־ווערק האָט גאָלדפאַדן פון לעכאַטכילע אָן צעטיילט אַף „טאַבלאָס״, ווי ער אליין רופט עס אָן, צעטיילט אַף גרונט־בילדער, וואָס זיינען קוילעל אין זיך די גאַנצע טעמאַטישע און טעאַטראַלע האַנדלונג.

בילדער־אינהאַלט פון „קישעפמאכערן״

1־טע — פאַרשטערט די סימכע.
2־טע — די קישעפמאַכערן מאַכט אַ פּלאַן.
3־טע — דער מאַרק אין באַטושאַן.
4־טע — די שטיפמוטער.
5־טע — דער קישעף.
6־טע — דאָס קאַפע־הויז אין סטאַמבול.
7־טע — אַנקעגן פאַרן.
8־טע — די קרעטשמע ברענט.

בילדער־אינהאַלט פון „קוני־לעמל״

1־טע — די מלאַווע־מאַלקע.
2־טע — דער ראַנדעוואו אַפן בולוואַר.
3־טע — כאַפּ ניט.
4־טע — דער אידישער פאַקלצוג אום הוישאַינע־ראַבע.

5־טע — דיביידע קוני־לעמל — אָדער ווער בין איך?
6־טע — די מייסים.
7־טע — אָבער איך בין קוני־לעמל.
8־טע — דער פאַנאַטיקער ווערט אופגעקלערט, אָדער די אונטערהאַלטן פון די סטודענטן אין גאָרטן.

בילדער־אינהאַלט פון „דאָקטער אלמאסאדא"

1־טע — אַ טרינק־ליד פון יעגער.
2־טע — די קראַנקע.
3־סע — דער אָפשייד פון דער היים.
4־טע — אַרויסגעטריבן פון פאָטערלאַנד.
5־טע — דער אידישער דאָקטער.
6־טע — דער בילבול.
7־טע — דער מישפעט אין טורמע.
8־טע — אַנטלאָפן פון קערקער.
9־טע — דער באַל באַם גובערנער.
10־טע — דער שאָדן האָט זיך אָפגעזוכט.
11־טע — צוריק אַ היים!

דער ערשטער אָפילע איינדרוק פון אָט דער לייַנגערער בילדער־פאַרצייכעניש מאַכט שוין קלאָר די גרויסע שאַיכעס, וואָס גאָלדפאַדנס דראַמאַטורגיע האָט געהאַט צו דער עלטערער אידישער פאָלקס־דערציילונג: אָט דער „קישעף", די „מייסים", דער „קערקער", די אָפטע סוזשעטישע פאַרוואַנדלונגען, דער איבערבייט פון צייט און לאַנד — אָט די גאַנצע „מאַיסעדיקייט" פון גאָלדפאַדנס פּיעסן באַצייכנט זייער פאַקטישע אָפּשטאַמונג פון דעם עלטערן אידישן פאָלקלאָר, וואָס האָט שפּעטער גע־פונען זיין אַנטוויקלונג און אָפנייג אין דעם שאָמער־לובאָק, וועלכער איז אויך געבויט אַף דראַמאַטיזירטער האַנדלונג און טאַט. אַגעוו, האָט שאָמער טאַקע אַליין אַ שאַיכעס געהאַט צום טעאַטער פון יענער צייט, און נאָך אסאך אַזוינע „שאָמערס" האָבן גע־שריבן פּיעסן אַלפּי נוסעך ראָמאַן און ראָמאַנען אַלפּי נוסעך פּיעסן: „ראָמאַן אין פאָרם פון אַ טעאַטער־שפּיל, קאָמעדיע אין פינף אַקטן און צען בילדער"—מיט אַזוינע אונטער־קעפּלעך איז באַצירט ניט איין ליטעראַריש־סצעניש אנדרויגינעס פון יענער צייט.

אָבער דאָס איינציקע און איקערדיקע, וואָס טיילט אָפּ גאָלדפאַדנס „מאַיסעדיקע" בילד פון די אַלע אַנדערע, איז דאָס, וואָס גאָלדפאַדן האָט שוין פון לעכאַטכילע אָן געדיינקט דורכן טעאַטראַלן טאַט, פון לעכאַטכילע אָן זיך פאָרגעשטעלט ניט דעם ליטעראַרישן, נאָר דעריקער דעם טעאַטראַלן אויסזען פונם ווערק, וועהאָראַיע — אין זיינע גאָר ערשטע און גאָר לעצטע פּיעסן, אַזוינע ווי „די באבע מיטן אייניקל", „שמענדריק", „קעניג אַכאַשווייראָש", „אַקיידעס איצכאָק" — אין דידאַזיקע ווערק, וואָס זיינען שוואַך טעאַטראַל, פעלט טאַקע אויס — לעפאָכעס אין די געדרוקטע עקזעמפּלאַרן — אָט די בילדער־פאַרטיילונג, וואָס איז באַ גאָלדפאַדענען אַ באַווייז פון אָנגעשטריינגטן סצענישן אַרט דיינקען.

וואָרום די באַגעגעניש פון דער צוציענדיקער סיפּער־האַמאַיסעדיקייט מיט דער שטריינגער סצעניש־אויסגעכעשבנטער האַנדלונגס־סכעמע — אָט די באַגעגעניש האָט געזיכערט די זאַפטיקע טעאַטראַלישקייט פון גאָלדפאַדנס דראַמאַטורגיע.

פון דעם שטאַמט גאָלדפאַדנס אַקטיוויזירטער דיאַלאָג, וואו דורך רייד ווערט גע־שילדערט האַנדלונג, יעדער שמועס איז א טאַט, איז אַן אַנטפּלעקונג פון די געשעע־נישן, וואָס אַנטוויקלען זיך.

די „קישעפמאַכערן" און „באַרקאָכבע" שטעלן מיט זיך פאָר אין דעם פּראַט גאָר גוטע מוסטערן פון דראַמאַטורגישן שאַפן. די האַנדלונג איז דאָ, ווי מע רופט עס אין דער דראַמאַטורגיע, א דורכויסיקע, פון איין שטיק אויסגעגאָסן, דער סיפּער־האַמאַיסע וואַקסט פון סצענע צו סצענע, ווערט אַף איין רעגעלע ניט איבערגעריסן, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס די האַנדלונג קומט פאָר אין פאַרשיידענע לענדער און צייטן אַפילע. און פונקט, אַגעוו, ווי באַ אונז אין די מייערכאָלדיש־רעוואָלוציאָנערע פּאָבולים־טישע פאָרשטעלונגען, מוז די האַנדלונג דאָ אויך מאַכמעס דעם גופע דראַמאַטורגיש געבערעקלט ווערן אַף אַ גרויסע צאָל פאַרשיידענע בילדער און סצענעס, וואָס זיינען אָבער באַ גאָלדפאַדענען אַזוי אָנגענעם איבערגעפלאָכטן און פאַרבונדן איינע מיט די צווייטע.

אַצינד וועגן דעם טעאַטראַלן דיאַלאָג. די צווייטע סצענע פון דריטן אַקט אין דער „קישעפמאַכערן", אַט די סצענע, וואו ס'קומט פאָר דער געשליינגלטער געשפּרעך צווישן מאַרקוסן און באַסיען, אַט דער עכט־טעאַטראַלער פּלוצלימדיקער: „ליידער, קערסטו זיך שוין מיט אונז ניט אָן", צי: „וואָס הייסט, וואָס זאָל הייסן, אַט דאָס הייסט", אָדער גאָר די צענטע סצענע פון דריטן אַקט פון דער „קישעפמאַכערן":

עליאָקום: וואָס איז, באַבעניו?

באבע: האָסט מירלען גוט פאַרשפּאַרט?

עליאָקום: הא, הא, אָבער גאַנץ גוט, זי וועט פונדאַרט גאַנץ גיך ניט אַרויס.

באבע: ווען נעמסטו זי פונדאַנען?

עליאָקום: מאָרגן פאַרטאָג.

באַבע: האָסטו שוין אַ קוינע?

עליאָקום: יאָ, באַבעניו.

באבע: וויפל נעמסטו?

עליאָקום: פּופציק לירעס.

אָט דער דיאַלאָג און אַסאַך אַזוינע שפּילעריש־אַקטיוויזירטע דיאַלאָגן פון „קוני־לעמל", פון „שולאַמיס", וואו די געשעענישן ווערן אַזוי אינטערעסאַנט פאַרמאַסקירט און אַנטפּלעקט דורכן וואָרט, זיי אַלע זיינען א באַוויז, אַז דער גרויסער דערפאָלג פון דעם גאָלדפאַדענישן טעאַטער ליגט טאַקע אין דער מוסטערהאַפטער פאַר יענער צייט טעאַטראַלער אויסדריקלעכקייט פונם גאָלדפאַדן־סטיל.

וואָרום ער האָט א סטיל, גאָלדפאַדן, אַ סטיל, וואָס איז לאַקאָניש אַפילע אין זיין באַרעדעוודיקייט, א סטיל, וואָס איז פאַרפאַסט פאַר טעאַטער, אַן אייגנאַרטיקער אידי־שער סטיל.

ווען גאָלדפאַדן ברויכט אַפילע דעם דייטשמערישן לויטן נוסעך פון אַלע זיינע האַסקאָלע־פאָרגייער, פאַרוואַנדלט ער אָט דעם דייטש אין אַן אייגנאַרטיק שפּיל־מיטל. אין „דער באבע מיטן אייניקל" רעדט דער לערער נאָך אינגאַנצן דעם באַ־וואוסטן „גלאָקע"־דייטש, אָבער מאַקס פון „קוני־לעמל" רעדט ניט קיין דייטש אַפילע מיט זיין קאַלע, דער אופגעקלערטער „קאַראַלינע". מאַקס רעדט דייטש דאָרטן, וואו די שפּיל גופע הייבט אָן טראָגן א דייטשמערישן כאַראַקטער, אין די סצענעס מיט די סטודענטן, צום ביישפּיל, ניט מער. מאַרקוס פון דער „קישעפמאַכערן" וואַרפט נאָך אַמאָל אַריין אייניקע פרעמדע „געלערנטע" ווערטער, ווי „אויסווירקן", „זאָגאַר",

„קרימינאַל", וואָס באַשאַפן אַרום אים אַ מין דייטשמערישע אַטמאָספער. דייטשמעריש רעדט נאָר אַסאַך לודוויק פון „צענטן געבאָט", אָבער אויך דאָרט באַאַרבעט דער דייטשמעריש די טעאַטראַלע האַנדלונג.

דער גאָלדפאַדן־אידיש, אָט אַזוי, ווי ער האָט זיך ביפּראַט פון אָנהייב אָן אַנט־פּלעקט אין „שמענדריק", איז אַ יאָדערדיקער, אַ פאָלקסטימלעכער אידיש. אָבער גאָלדפאַדן קעכלט ניט דעם לאָשן, ער ברויכט ניט שפּראַך צוליב שפּראַך, ווי אַלע זיינע ליטעראַריש־טעאַטראַלע פאַרגייער, ער שפּילט בלויז אָפּט אַפן טעאַטער־וואָרט, אַפן רעגילעס־ווערטל, צום ביישפּיל, אָבער אויך אין דעם פּראַט דערפּירט ער די טראַדיציע פון דער עלטערער אידישער דראַמאַטורגיע ביז צו אַ געוויסער אַרטיסטי־שער ווירטואָזישקייט — אין האָצמאַכס „קוקט מיך אָן און קאָכט וועטשערע, דער רועך זאָל מיך נעמען", אין קאַלמענס „כאַפּט ניט" פון „קוני־לעמל", אין פסאַכיעס „כאַפּ איך אייך אָן" פון „שמענדריק", אין פרידלס „אָט זאָג איך" פון „צענטן געבאָט". גאָלדפאַדן געפינט אויך אויס זייער געלונגען, קימאַט שאָלעם־אַלייכעמיש, די נעמען פון זיינע פאַרשוינען: „האָצמאַך", שמענדריק", צינגיטאַנג" זיינען מיט זייער כאַראַק־טעריסטישער קלינגעוודיקייט אַריין אין מאַסנגעברויך, און צום נאָמען „לעמל", וועלכער איז געוויס אָנגעוויים פון גאָטלאָבערס „דעקטוך", האָט ער צוגעגעבן דעם נאָמען „קוני" בלויז צוליבן גראָבן שפּיל אַף „קוף" באַ דעם כאָסן דעם שטאַמלער, און די נעמען „קאַראַלינע" און „קאַלמען" הייבן זיך דאָך אויך אָן מיט אַ כאָשעדיקן קוף...

טעאַטראַלישקייט — פריער פאַר אַלץ — דאָס איז אין טאָך געווען דער גאָלדפאַדן־דעוויז. צוליב דעם האָט ער אָפּט מאַקריוו געווען מיט עלעמענטאַרער אָנשטענדיקייט, סיי אין שאַפן, סיי אין פאַרווירקלעכן זיינע פּיעסן, אַרויסגעוויזן אַזויפיל שוואַכקייטן, וואָס זיינען דערנאָכדעם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שונד־סטיל. אָבער גאָלדפאַדן איז מיט אַלע מיטלען געגאַנגען דירעקט צום טעאַטער, מיט וויסן און מיט ניטוויסן גלייך געשפּייזט זיך, און געווען איז ער איינער אַליין, און דעם ערשטן אידישן טעאַטער באַשאַפן...

III

טעאַטראַלישקייט פריער פאַר אַלץ. דידאַקטיקע טעאַטראַלישקייט האָט קעסיידער מיט גאָלדפאַדנס שאַפונג־קויעך אָנגעפירט און אים אָנגעוויזן דעם וועג אַף צו בויען אַזאַ זשאַנר, ווי די אָפּערעטע אַפילע, לויטן קלאַסישסטן מוסטער פון דראַמאַטורגישע שאַפונגען. האָט דאָך גאָלדפאַדן אריינגעפירט אין זיינע פּיעסן דעם „כאָר" פון גריכישן טעאַטער, אָט ווי ער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער אייראָפּייאישער אָפּערעטע — אַפריער ניט דרייסט, אונטערן נאָמען: „אַלע" אין „קוני־לעמל", און דערנאָכדעם שוין, ווי אַן אויסגעשפּראָכענעם אָנטיילנעמער — אין „דאָקטער אלמאסאדא", „צענטן געבאָט" און ביפּראַט אין „באַרקאָכבע" און „שולאַמיס".

„באַרקאָכבע" און „שולאַמיס" — אַפילע אָט די ביידע ווערק זיינען ניט געבויט דעריקער אַף זייער פאַטריאָטישן אינהאַלט, ווי גאָלדפאַדן האָט זיך אויסגעדריקט, געבויט זיינען זיי טאַקע דעריקער אַף דער קלאַסישער טעמע פון ליבע און קינע, פון ליבע און „פאַטום", ווי דאָס האָבן געטון די בעסטע קלאַסיקער־דראַמאַטורגן פון די גריכן ביז שעקספּירן. אַגעוו, דערמאָנט טאַקע גאָלדפאַדן אין זיין אַווטאָביאָגראַפיע אַ געבוירענעם שוואַרצן מאָאָר, וועלכן ער האָט געזען שפּילן „אָטעלאָ", מוז דאָך דערביי קומען אַפן זינען די וואַרשיינלעכע אָפּשטאַמונג פון גאָלדפאַדנס „פּאַפּוס". איז אָט באַ דער גאַנצער נאַאיווקייט פונם איינפאַל צו נעמען אַף זיך באַאַרבעטן אינם

אָפּערעטן־זשאַנר אזא שטאַרקע טעמע, קאָן מען דאָך ניט אָפּנעמען בא גאָלדפאַדענען דעם — בלינדן, צי באוואוסטזיניקן — פאַרלאַנג אַריינצוטראָגן אין אידיש א וועלט־טעמע. ס'איז צו גלויבן, אַז גראָד אָט דאָס טיף־מענטשלעכע האָט, אין דער ערשטער צייט, לעפּאָכעס, געצויגן די מאַסן־צושויער צו „שולאַמיס" און „באַרקאָכבע", און ניט דער סאָציאַלער הינטערגרונט, דער באַלעבאַטישער כיבאסציען־עלעמענט פון דידאָזיקע ביידע גאָלדפאַדן־ווערק.

דער טעאַטער־כוש האָט אויך געלערנט גאָלדפאַדענען אריינפירן אין אַלע זיינע בעסטע טעאַטער־שטיק דעם אינטריגירנדיקן טיפּ, דעם פאַרשוין, וואָס האַלט, אייגנטלעך, אומעטום דעם קניפּ פון די געשעענישן אין די הענט: די „באַבע יאַכנע" אין דער „קישעפמאַכערן", מאַקס אין „קוני־לעמל", דאָן דיעגא אין „דאָקטער אלמאסאדא", אַכיטויפל אין „צענטן געבאָט", פּאַפּוס אין „באַרקאָכבע" און דער פּאַטום — די אומפּערזענלעכע אינטריגע אין געשטאַלט פון קאַץ און ברונעם — אין „שולאַמיס", ווייל די אַלע איבעריקע: „די באַבע יאַכנע", אַכיטויפל, פּאַפּוס זיינען אויך סאָפּקאָלסאָף ט ע אַ ט ר אַ ל פאָרגעשטעלט באַ גאָלדפאַדענען, ווי דער פּאַטום, דער שלעכטער מאַזל, וואָס פּלאָנטערט אין זיינע נעצן די אומשולדיקע העלדן און פאַרורזאַכט זייער שלעכטן אָדער גוטן סאָף...

ווערט פון דעם אַלעם קלאָר נאָך איין הויפּט־מאָמענט פון דער גאָלדפאַדן־דראַמאַטורגיע, ס'ווערט קלאָר די אַזויגערופענע טעאַטראַלע סכעמאַטישקייט ניט נאָר פון דער האַנדלונג, נאָר אויך פון די טיפּן. גאָלדפאַדנס געשטאַלטן זיינען אַלפּיראָוו געבויט ניט ווי פאַרזיכדיקע פּסיכאָלאָגישע פּערזענלעכקייטן, נאָר ווי פּאַראַלגעמיינטע פּאַרקערפּערונגען פון באוואוסטע קעגנגעשטעלטע נאַטור־אייגנשאַפטן: די וואוילע סאַנטימענטאַלע מירל און די בייזע שטיפמוטער באַסיע, דער פיינער רעב אַורעמצע און דער פאַרדאָרבענער עליאָקום, דער גוטער פאָלקס־מענטש האָצמאַך און די שלעכטע פאָלקס־פרוי די באַבא יאַכנע. און אין די ביידע „קוני־לעמל": דער פאַנאַטיקער רעב פּינכעסל און דער אופגעקלערטער שאָלעמיאַנא, דער קלוגער סטודענט מאַקס און דער כסידעשער טיפּעש קוני־לעמל, די געבילדעטע קאַראָלינע און די בעהיימעוואַטע, ווי גאָלדפאַדן רופט זי אָן אין זיין פאַרשוינען־צעטל — ליבעניא, קאַלמען שאַדכנס טאָכטער. און דאָסזעלבע אויך אין „צענטן געבאָט". דאָס זינדיקע פּאָר מאַנסבלען און דאָס אומשולדיקע פּאָר פרויען, דער יעיצערהאָרע און יעיצערטויוו. און אַ פּשיטע שוין אין גאָלדפאַרנס געשיכטלעכע פּיעסן: דאָקטער אלמאסאדאס אָרנטלעכקייט, דאָן דיעגאָס מערדערישקייט, עליעזערס כאָכמע, באַרקאָכבעס גוואורע, פּאַפּוסעס צוויעס, ציניגיטאנגס טמימעס, דינעס און שולאַמיסעס ליבע און איבערגעגעבנקייט — ס'איז א בעפּיירעשע גאַלערייע געשטאַלטן פון פאַראַלגעמיינערטן פּאַטעטישן (ווי גאָלדפאַדן האָט עס אופגעפאַסט) כאַראַקטער, אָט ווי די פּריערדיקע פאַרשוינען פון די שטייגער־פּיעסן זיינען פאַראַלגעמיינערונגען פונם פּראָסטן שטייגער־כאַראַקטער.

די שטייגעריש־סאַנטימענטאַלע מירל פון דער „קישעפמאַכערן" און די דערהויבן־העלדישע דינע פון באַרקאָכבע זיינען געמאַכט פון איינעם און דעמזעלבן דראַמאַטורגישן פלייש און ביין, — ביידע מאָנאָטאָניש־איינאַרטיק אין זייערע איבערלעבונגען, אַנטפּלעקט און אַנטבלויזט ביז גאָר אין זייער טיפּישער סכעמאַטישקייט.

פּונקט דאָסזעלבע אויך בענויגייע דער באַבע יאַכנע און פּאַפּוסן: דער מאָנאָלאָג פון דער קישעפמאכערן אין דער פערטער סצענע פון דריטן אַקט און פּאַפּוסעס מאָנאָלאָג אין „באַרקאָכבע" אין דער צווייטער סצענע, צווייטער אַקט — סיי דאָ, סיי דאָרט אַנטפּלעקט זיך דער סכעמאטישער געביין פון די ביידע טיפּן, וואָס פאַרכלינען

זיך אין זייער טעאַטראַלער מערדערישקייט; די ביידע טיפּן שפּילן זיך אַפילע ביידע גלייך מיט זייער געפאַר, ריזיקירן אופדעקן זייערע פּלענער: פּאַפּוס אין זיין טעמפּעראַמענטפולן שמועס מיט דינען, און די באָבע יאַכנע — בעשאַס זי וואַרפט מירלען אַף קאָרטן, וועדליק מירל דערציילט, און וואָרנט זי, אַז זי, מירל, וועט האָבן אַן אומגליק, און בעשאַס זי ווייזט מאַרקוסן קלוימערשט אין צויבער־שפּיגל זיין געליבטע מירלען, — אומעטום אַנטפּלעקט ער, גאָלדפאַדן, די מאַיסעדיקע האַנדלונג און אומעטום מאָלט ער אונז זיינע הויפּט־פאַרשוינען, וואָס גייען דירעקט צו זייער ציל, וואָס גליען מיט פאַרלאַנג אויסצופילן דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרטראַכט.

אָט־אָ די אַקטיווירטע טעאַטראַלישקייט האָט עס, ווי געזאָגט, באַגייסטערט דעם אופקומענדיקן האַמוינישן געשמאַק פון יענער צייט, און ניט דער מאָראַלישער און מאָראַליזירנדיקער טאָך פון די גאָלדפאַדן־פּיעסן.

און נאָך עפּעס אזוינס דאַרף דאָ געזאָגט ווערן מיקויעך גאָלדפאַדנס לידער.

„כאָש דאָס ליד איז ניט דאָ דאָס פּלאַץ דערפון — שרייבט גאָלדפאַדן אין אַ באַמערקונג צום ליד „אין בייס האַמיקדעש אין אַ ווינקל־כיידער“ פון „שולאַמיס“ — נאָר איך האָב עס אַריינגעשטעלט דערפאַר, ווייל דעם פּובליקום איז דאָס ליב און באַקאַנט.

און אַזוינע לידער, וואָס „ניט דאָ איז דער פּלאַץ דערפון“, האָט גאָלדפאַדן אַריינגעשטעלט, האַגאַם אָן קיין שום באַמערקונגען, אין אַסאַך ערטער: דאָס שפּעטערדיקע ליד פון „שאַבעס, יאָנטעוו און ראָשכוידעש“ דאָ גופע אין „שולאַמיס“, דאָס באַוואוסטע „פּאַריאָמערט, פאַרקלאָגט“, וואָס איז מאָדנע אַריינגעפאַלן אין „דאָקטער אַלמאסאדא“, אויך דינעס ליד פון „באַרקאָכבע“ — ווייזן ווייזט עס אַפן קעסיידערדיקן אימפּראָוויזיר־כאַראַקטער פון גאָלדפאַדנס שאַפן, אָבער ער איז אויסן געווען, ווי געזאָגט, אריינבריינגען דערמיט דעם פאַרפיינערטן פּשאַט, דעם זייניקן איצטערדיקן מוסערהאַסקל פון די טעקסן, צו וועלכע ער האָט צוגעפּאַסט דאָס ליד.

אַלקאָלפּאָנים, דאַרף מען אויך צווישן די גאָלדפאַדן־לידער קאָנען אויסטיילן די, וואָס האָבן אומיטלבאַר געדינט די דראַמאַטורגישע צילן, און די, וואָס זיינען אַריין, ווי „אידייאישע“ אויסטייטשונגען פון גאָלדפאַדן דעם מאַסקיל און מאָראַליסט. גאָלדפאַדנס ווירקונג־קראַפט דאַרפן מיר בעכאָל אויפן זוכן אין דעם אלעם, וואָס שטאַמט פון זיין שטאַרקן טעאַטער־טאַלאַנט. זיין נאָענטקייט צו אונז דאַרפן מיר אויסגעפינען אין דער דראַמאַטורגישער פאַרקערפּערונג פון אַן אופגעוואַכטן מאַסן־אימפּעט, און דעם שוישפּילערישן וועלטלעכן אינהאַלט פון די גאָלדפאַדן־פּיעסן, וואָס האָבן געשוימט מיט לעבן און באַפרידיקט דעם פאַרלאַנג פון די מאסן, וועלכע האָבן דורכן באַלעבאַטיש־מאָראַלישן הייטל דאָך דערזען אייגענע מענטשלעכעליידנשאַפטן, דערזען אייגענעם מאַסן־איך.

באַדייטנד וויכטיק וואָלט געווען וויסן, צי די אַלע געמעלן און בילדער־צייכענונגען אַף די שאַר־בלעטער, וואָס זיינען אָנגעקומען פון דער גאָלדפאַדן־טקופע, צי האָבן זיי אַף וועלכן ס'איז אויפן אָפּגעשפּיגלט דעם טעאַטראַלן אויסזען פון דער גאָלדפאַדן־בינע. אויב יאָ, וואַרפט זיך אין די אויגן זייער באַשיימפּערלעכע קרויוועשאַפט צו דער קאָמעדיע דע ל'אַרטע און אין אַ באַוואוסטן פּראַט צו אונזעריקן גראַגראַנאָווסקי־טעאַטר. דער מאָסקווער אידישער מעלוכע־טעאַטר האָט גלענצנד פאַרשטאַנען, ווי אויסצונוצן די דערמאָנטע הויפּט־פּרינציפּן פון דער גאָלדפאַדן־דראַמאַטורגיע, אָפּגעוואָרפן דעם נאַציאָנאַליסטישן שוים פון די גאָלדפאַדן־פּיעסן און גענומען דאָס קערנדיקע און דויערנדיקע, וואָס קומט פון טעאַטראַלער מאַסן־שפּיל.

(„טעאטר־בוך“, קיעוו, 1927).

אורי פינקעל.

מאסקילישער שאבלאָן אין גאָלדפאַדנס לידער.—מאָטיוון פון דאַלעס און סאָציאַלן אומרעכט אין גאָלדפאַדנס לידער.

אין דעם ביכעלע „דאָס יודעלע" טרעפן מיר נאָך אַלע עלעמענטן פון דעם געוויינטלעך־מאַסקילישן שטייגער פון לידער שרייבן. דאָ איז נאָך גאַנץ ברייט פאַרגעשטעלט דער מין, וואָס האָט בא די מאַסקילים געגאָלטן אַלס פּאַטריאָטישע לידער. אַזעלכע לידער ווי „דאָס פּינטעלע יוד", „די האַלעוועשקע", „על נהרות בבל", „דער יחוס שידוך" און „דריי מאָהל יודישקייט" זיינען גענוג כאַראַקטעריסטיש, קעדיי צו באַווייזן, אַז גאָלדפאַדן איז געווען מיט פיל פעדים פאַרבונדן מיט דעם מאַסקילישן שאַבלאָן, אין וועלכן עס האָבן זיך אויסגעמישט גלייך אַף גלייך עלעמענטן מאַגידישבאַדכאָנישע און באַלעבאַטיש־אידישלעכע.

אין דעמדאָזיקן ביכל „דאָס יודעלע" זיינען פאַראַן אָבער אַ ריי אַנדערע לידער, ווי אַשטייגער, „דער מאַלעך", „דאָס פאַרזאָרגטע באַלעבעסל", „די קלינגערס", די „ווינטמילן" און „האַמאַוודל".

ווען מע זאָל דידאָזיקע לידער פאַרגלייכן מיט אַ דורכשניטלעכן מאַסקילישן ליד, זעט מען, אַז דער רעאַליסטישער שטייגער פון אַ גאַטלאָבער, מ. גאָרדאָן ווערט דאָ פאַרברייטערט אַף אַ גאַנץ באשטימטן אויפן. די לידער פון ביכל „דאָס יודעלע" ווייזן, אַז גאָלדפאַדן האָט דער ערשטער אַריינגעבראַכט אין דער מאַסקילישער ריכטונג די טעמע פון דאַלעס, פּונקט אַזוי ווי מענדעלע האָט זי אריינגעבראכט אין דער פּראָזע.

מיר דאַרפן אָבער דערביי באַמערקן, אַז אַף יעדן שריט און טריט איז קענטיק, אַז גאָלדפאַדענען פעלט מענדעלעס ווייטער קוק אין דער באהאנדלונג פון דער דאַלעס־פּראָבלעם. גאָלדפאַדן, ווען ער זינגט וועגן דאַלעס פון „פאַרזאָרגטן באַלעבעסל", גייט ער דערביי ניט ווייטער פון דעם לעבנקוק פון פאַרזאָרגטן באַלעבעסל, און דערהייבן עס ביז אַ פּראָבלעם קען ער ניט.

אָבער דאָך האָט דידאָזיקע טעמע אומגעהייער פאַרברייטערט דעם שטעטך פונם אידישן ליד, געגעבן אים אַ שטויס צום לעבן און גענומען ארויסרייסן אים פון יענער אָפּהענטיקייט, צו וועלכער עס איז געקומען דער שטייגער פון די „פּאַטריאָטישע" מאַסקילישע לידער.

די בעסטע לידער אין גאָלדפאַדנס ביכל — אין קינסטלערישן זין — זיינען געווען „האַמאַוודל", „דאָס פאַרזאָרגטע באַלעבעסל", „די קלינגערס בים־באָם", „די ווינטמילן" און דער „מאַלעך". דאָס זיינען לידער, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום דער דאַלעס־טעמע. די דאַלעס־טעמע איז בא גאָלדפאַדענען אייגנ פאַרבונדן מיט זיין פאָלקסטימלעכקייט. אין דעם הינזיכט איז זייער כאַראַקטעריסטיש דאָס ליד „האַמאַוודל". דאָסדאָזירע ליד האָט צו זיך אפילע אַ פאַראַלעל אין דער זאמלונג פון גינזבורג און מארעק. צו אַזאַ פאָלקסטימלעכקייט האָט זיך גאָלדפאַדענען זעלטן ווען איינגעגעבן זיך צו דערהייבן אין זיינע „פּאַטריאָטישע" און „היסטאָרישע" לידער אינם ביכל „דאָס יודעלע".

אין אַנדערע לידער, וואָס האָבן צו טון מיטן דאַלעס־מאָטיוו, באמיט זיך גאָלדפאַדן צו קאָנקרעטיזירן די טעמע זיינע. אינם ליד „דער מאַלעך" קומט פאָר אַ דיאַלאָג צווישן דעם מאַלעך און דער נעשאָמע פון אַ פּראָצענטניק. דער מאַלעך זאָגט: „קוק, אין שטוב זיצן אַ גאַנצע נאַכט מענטשן פרומע איינס אין דער וועלט. דאָ זיצט דאָס

קאָהאָל, מע קלערט, מע טראַכט מענטשן פאַרקויפן פאר געלט, און איינער פירט זיי פּאָרט באַ די נעז און טוט מיט זיי, וואָס אים געפעלט. ער איז דער שטאָט־באַלע־באָס, ער טוט אַלדאָס בייז און באַגראָבט זיי אַלץ מיט זיין געלט". דער איקער אין דעמדאָזיקן גאָלדפאַדנס ליד איז ניט די אלטע טאַלמודישע מעמרע, אָף וועלכער דאָס ליד איז געבויט, נאָר די גאַלערייע פון געשטאַלטן, וועלכע ווערט אינם ליד געגעבן.

אַזאַ כאַראַקטעריסטישע שטעל, וואָס באַווייזט, ווי בוילעט גאָלדפאַדן גיט אינם ליד זיינע געשטאַלטן, זעען מיר ניט נאָר אינם ליד „דער מאַלעך", אויך אין „די קלינגערס" באַקומען מיר אַ גאַנצע ריי געשטאַלטן, וואָס פאַרקערפּערן יענעם סאָציאַלן אומרעכט, וועגן וועלכן עס וויל אונז דערציילן גאָלדפאַדן. מיר זעען פאר זיך די גאַנצע אידישע סוויווע.

עס איז נייטיק אָנצוואווייזן נאָך אָף אַ וויכטיקן מאָמענט אין גאָלדפאַדנס לידער.

גאָלדפאַדן איז דער ערשטער אידישער דיכטער אין רוסלאַנד, וועלכער האָט די דאַלעס־טעמע באַהאַנדלט אפן זעלבן שטייגער, ווי די גאַליציאַנער אידישע וואַנדערנדיקע פאָלקס־דיכטער, ב ע ר ל ב ר אָ ד ע ר און וו ע ל וו ל ז ב אַ ר ז ש ע ר. זייער טעמע איז אויך געווען:

„אָף מיין קאָפּ טראָג איך מיין עלנט און מיין נויט — די שווערע דאיגע — וואו נעמט מען אַ שטיקל ברויט" (וועלוול זבאַרזשער — „דער טרעגער").

אָט די לידער פון די בראָדער זינגער, וואָס פלעגן פאָרגעשטעלט ווערן אין די פּופּולערער יאָרן אין די אידישע ווײנקעלערס און שיינקען אין גאַליציע און נאָכדעם אין דאָרעם־רוסלאַנד, האָבן געהאט איין באַשטימטע אייגנשאַפט: זיי זיינען געווען צוגעפּאַסט צו דער בינע. זיי האָבן אלעמאָל געהאָט אַ סוזשעט, וועלכער פלעגט איבערגעגעבן ווערן אין אַ מאָנאָלאָג אָדער אין אַ דיאַלאָג פון געוויסע געשטאַלטן. די דיכטער פון יענער צייט האָבן אָנגעווענדעט דעם מעטאָד צו ווירקן אַפן לעזער דירעקט פון דער בינע.

גאָלדפאַדנס לידער פון בוך „דאָס יודעלע" זיינען טעאַטראַל, ווי די לידער פון די בראָדער זינגער און וועלוול זבאַרזשער. דאָס ראָוו שטעלן זיי מיט זיך פאָר מאָנאָלאָגן פון באַקאַנטע געשטאַלטן פון אידישן לעבנשטייגער. אַ ליד פון אַ „פּריי־לעכן כאָסידל", אַ ליד פון אַ „פאַרזאָרגטן באַלעבעסל" — אָט אַזוי זיינען געבויט די לידער פון גאָלדפאַדנס ערשטן בוך „דאָס יודעלע".

(„צייטשריפט", מינסק, 1926).

לעאָן קאָברין.

באַגעגעניש מיט גאָלדפאַדענען.

אַ הויכע אימפּאָזאַנטע געשטאַלט, א שניי־ווייסער קאָפּ, אַ פּאָנים ווי פון פאַר־שטויבטן מאַרמאָר, און אַ שוואַרצע פעלערינע טראָגט ער, וואָס זי איז צוגעשפּילעט און ווייזט ארויס אַ שניי־ווייס געפּרעסט העמד, מיט אַ ווייסן קראַוואַט, און אָף די הענט — ווייסע האַנטשו, און אָף אַ שטול לעבן אים ליגט אַ גלאַנציקער צילינדער־הוט און אַ שטאָק מיט אַ באַגילדעטן קאָפּ.

און מיר ווייזט זיך אויס, געדיינק איך, אַז דאָס איז עפּעס אַן אקטיאָר, וועלכער האָט זיך דאָרט, באַ טאָמאשעווסקין אין גאַרדעראָב־צימער, פאַרגרימירט אין אַ ראָל,

און אַז באַלד וועט ער זיך אופהייבן און וועט אַ כאַפּ טון זיין צילינדער־הוט און שטאָק און וועט אַרויסלויפן אף דער בינע...

ער צערעדט זיך מיט מיר און דער איינדרוק, אַז דאָס איז אַן אַקטיאָר, ווערט באַ מיר נאָך שטאַרקער. ער האַלט דעם שניי־ווייסן קאָפּ אָפּגעוואָרפן אַהינטער און דער פּאָנים, ווי פון פאַרשטויבטן מאַרמאָר, איז פאַריסן ארוף און באַוועגט זיך ניט, און די אויגן זיינע פארגלאָצט און די הענט מיט די ווייסע האַנטשו האַלט ער קעגן זיין ברוסט צונויפגעלייגט פינגער צו פינגער, און די ווערטער, וואָס ער רעדט אַרויס אָדער ריכטיקער וואָס ער דעקלאַמירט ארויס, זיינען אויך עפּעס פארגלאַצטע, שמעקן שטאַרק מיטן „קלאַסישן״ טאָן פון טעאַטער...

דער פאַרגרימירטער טאָמאַשעווסקי לויפט ארויס פון גאַרדעראָב־צימער. מע האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער דאַרף באלד אופטרעטן אף דער בינע. גאָלדפאַדן בלייבט מיט מיר אליין.

און מיטאַמאָל אַן אַנדער גאָלדפאַדן. דעם קאָפּ האָט ער אַרונטערגעלאָזט, איינגעהויקערט זיך אפן שטול, אין די הענט מיט די ווייסע האַנטשו דריקן אף זיינע קני, און ער שאָקלט זיך און זיין פּאָנים זעט אויס אַזוי באטריבט.

— אַי, אַי, אַי, מיינע קינדער! — קרעכצט ער ארויס.

און ער הייבט זיך אָן צו קלאָגן פאר מיר אף די אַקטיאָרן, זיינע קינדער, וואָס ווילן אים איצט ניט קענען.

— ווייסט איר, וואָס זיי וואָלטן געוועגן אָן מיר? — רעדט ער שוין מיט האַרץ און מיט ווייטיק, און זיין פּאָנים, ווי פון פארשטויבטן מאַרמאָר, איז שוין אופגעלעבט און רויטלט זיך, — אַלפּאָנסן און קאַרמאנשטשיקעס וואָלטן אַסאך פון זיי פארבליבן, ווען ניט איך! איר ווייסט די געשיכטע פון דעם אידישן טעאַטער? איך וועל אייך דערציילן. אלפּאָנסן און אַנדערע וואוילע יונגען זיינען געגאַנגען פון די שיינקען און קאַבאַקן צו זייערע מוידן, האָב איך זיי אָפּגעשטעלט אפן וועג און זיי געזאָגט: „קינדער, וואַרפט אַוועק אייערע מוידן און אייער הולטאַיסטוואָ און קומט מיר וועלן בעסער שפּילן אידיש טעאַטער״ — און אַזוי איז באַשאַפן געוואָרן דאָס אידיש טעאַטער!...

טאָמאַשעווסקי קערט זיך צוריק אין זיין גאַרדעראָב־צימער, און ווידער דעם פריערדיקן גאָלדפאַדענען דערזע איך פאר זיך, ווידער האַלט ער דעם קאָפּ אָפּגעוואָרפן צוריק און דער פּאָנים באוועגט זיך ניט און איז פאַריסן אַרוף, און די אויגן זיינע פארגלאָצט, און די הענט מיט די ווייסע האַנטשו זיינען צונויפגעלייגט קעגן ברוסט אַ פינגער צו אַ פינגער, און רעדט ער, קומען אַרויס ווידער די ווערטער פאַרגלאָצטע און אַזוי ווי זיי וואָלטן געקראָכן און זיך פאַרטשעפּעט איינס אָן דעם אַנדערן... קענטיק געוועזן, אז פון די אַלטע צייטן איז בא אים פאַרבליבן די געוואוינהייט צו שפּילן פאר אַקטיאָרן אָט דידאָזיקע אימפּאָנירנדיקע ראָל.

(„זיכרוינעס פון אַ אידישן דראַמאַטורג״, ניו־יאָרק, 1926).

פראַגן און אופגאַבן.

1. די עטאַפּן פון גאָלדפאַדנס אידעאָלאָגישער אַנטוויקלונג (a „דאָס יודעלע״ (לידער) און „צוויי קוני־לעמלעך״. — האַסקאָלע־אידעאָלאָגיע, (в. „נאַציאָנאַל־געדיכטע״ (לידער) און „באַר־קאָכבע״. — נאַציאָנאַליסטישע ראָמאַנטיק און כיבאַס־ציען.

2. גאָלדפאַדנס באַציאונג צום קליינבירגער און צום אייראָפּייאיזירטן אידישן גוויר, — „די קישעפמאכערן".

3. די עלעמענטן פון אָפּערעטע און קאָמעדיע אין גאָלדפאַדנס פּיעסן.

4. כאַראַקטעריסטיק פון גאָלדפאַדנס רעאַליסטישע געשטאַלטן אין די פּיעסן „שמענדריק", „צוויי קוני-לעמלעך און „די קישעפמאַכערן".

די וויכטיקסטע ווערק:

דאָס יודעלע — לידער.
די קישעפמאַכערן.
צוויי קוני־לעמלעך.
שולאַמיס.
באַר־קאָכבאַ.

V. דינעזאָן

יאַקאָוו דינעזאָן (1919—1856).

(ביאָגראַפיע)



געב. אין ניי־זאגער, קאָוונער געגנט, אין א איכעסדיקער מישפּאָכע. זיין פאָטער, ביניאָמין דינעזאָן, א איד א לאַמדן און אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן א געפאַלענער באַלעבאָס, האָט אים געגעבן א טראַדיציאָנעלע אידישע דערציאונג. ביז 16 יאָר געלערנט אין דער יעשיווע. צו יענער צייט האָט ד. זיך אויך אָנגעהויבן צו באקענען מיט דער העבריאישער האַסקאָלע־ליטעראַטור.

געשיקט איינמאָל קיין ווילנע מיט א שליכעס, האָט ער אין דער בארימטער דרוקעריי פון אַלמאָנע ראָם זיך באקענט מיט די אָנגעזעענסטע ווילנער מאַסקילים, בעסויכאָם מיט אייזיק־מייער דיק. צו יענער צייט האָט ער שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט בריוו און אַרטיקלען אין „המגיד״, „המליץ״; אָבער שוין דעמאָלט איז ער געווען אן איבערצייגטער אָנהייגער פון דער אידישער שפּראַך אַלס מיטל אופצוקלערן די פאָלקס־מאַסע. נאָך א סעריע נאַטורוויסנשאַפטלעכע לעקציעס, באַאַרבעט נאָך בערנשטיין, האָט ער אָנגעשריבן א גרויסן ראָמאַן אין אידיש א״ט „באַוואוין אָוואוויס״, וואו ער שילדערט די טראַגעדיע פון אַ אידיש מיידל, וואָס קומט אום צוליב דעם פאַנאַטיזם און דער אומוויסנקייט פון די עלטערן. דער ראָמאַן איז אָבער פאַרווערט געוואָרן פון דער צענזור און איז קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, און קעדיי צו דעקן דעם האָנאָראַר, וואָס ער האָט געקראָגן פאַר דעם פאַרבאָטענעם „באַוואוין אָוואוויס״, האָט ד. אין מעשעך פון 6 וואָכן, פון פייסעך ביז שוואועס, פאַרטיק געמאַכט זיין צווייטן ראָמאַן „הענעהאָווים ווענאַנאימים אָדער דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק״ (ווילנע, 1877. ז״ז 240). דער ערפאָלג פון דעם ווערק, פון וועלכן דער אַווטאָר אַליין איז אַגעוו געבליבן אומצופרידן, איז געווען אומגעהייער; אין א גאָר קורצער צייט איז דער ראָמאַן זיך צעגאַנגען אין דער ניט געוויינלעכער צאָל פון 10.000 עקז. נאָך דעם דערשיינען פון „שוואַרצן יונגערמאַנטשיק״ האָט ד. אף א לאַנגער צייט זיך צוריקגעצויגן פון דער ליטעראַטור, ערשט סאָף 80־קער יאָרן ווידער אָנגעהויבן אופצוטרעטן עפנטלעך אין דער ליטעראַטור. ער שרייבט דאַן דערציילונגען און בילדער פון אידישן פאָלקס־לעבן און זיין גרויסן ראָמאַן „עווען־נעגעף אָדער א שטיין אין וועג״ (ווילנע, 1890, ז״ז 358), אַכוץ אַ גאַנצער ריי אַנדערע בעלעטריסטישע ווערק.

אן אנטשיידנדיקער מאָמענט אין זיין לעבן איז געווען זיין באקאַנטשאַפט אין 1887 מיט י. ל. פּרץ, וואָס זיינע „באקאַנטע בילדער״ האָט ד. אַרויסגעגעבן אף זיין כעשבן.

דידאָזיקע באַקאַנטשאַפט איז באַלד אַריבער אין א אינטימער רירנדער פריינטשאַפט, וואָס האָט אויסגעפילט דאָס גאנצע ווייטערדיקע לעבן ד—ס און אַוועקגערוקט אין הינטערגרונט אַלע זיינע אייגענע אינטערעסן. ער האָט אויך געהאָלפן פּערעצן אין זיינע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען, צ״א אין דער אויסגאַבע פון דער „אידישער ביבליאָטעק״, וואו ער פאַרעפנטלעכט זיין דריטן גרויסן ראָמאַן „הערשעלע״ (וואַרשע, 1891). א גרויסן רוישעם האָט געמאַכט זיין גרויסע קינדער־דערציילונג „יאָסעלע״ (פ״ג „פּראָגרעס״, וואַרשע, 1899). שפּעטער האָט ד. פון צייט צו צייט געדרוקט דערציי־לונגען. אין „יוד״, „אידישע פאָלקס־צייטונג״, „פריינד״, „צוקונפט״ א. אַנד.

געשטאָרבן איז דינעזאָן אין 1919 יאָר אין וואַרשע.

מ. ליטוואַקאָוו.

א. מ. דיק און שאָמער—דינעזאָנס פאָרגייער.—דינעזאָן דער פאָלקס־אינטעליגענט און דער פאָלקס־מענטש.—„אונטערהאלטונגס״־ליטע־ראַטור און קינסטלערישע ליטעראַטור בא דינעזאָנען.

אונזער עמעס הייַנטוועלטיקע, קינסטלערישע ליטעראַטור הייבט זיך אָן מיט מענדעלע מויכער־ספאָרים, אָבער זי האָט געוויסע פאָרבאַרייטונג־פּאַזן. פון צוויי קוועלן האָט זיך געשפּייזט די אנטוויקלונג פון אונזער קינסטלערישער ליטעראַטור: דער „תלמיד חכם״ (טאַלמיד־כאַכעם) האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן צום „פאָלק״, באַהעפטנדיק אים צו די נאַציאָנאַלע קולטור־אויצרעס; דער „עם־הארץ״ (אַמאָרעץ) האָט אָנגעהויבן שטרעבן צו ווערן, לויט י. ל. גאָרדאָנס אויסדרוק, פון א „גוילעם״ א „קיילע״, און דערהייבן זיין גייסטיק שאַפן צו דער מאדריינע פון נאַציאָנאַל־קול־טורעלע ווערטן. אָט דער צווייאיקער פּראָצעס איז געווען אן אָביעקטיווער באַוויז, אז אין דער אידישער נאַציע הייבט זיך אָן אויסבילדן אַ נייע סאָציאלע אינסטאַנץ — דער האמוין־אַם, די אידישע ארבעטער־מאַסע, וואָס וויל שוין מער ניט זיין נאָר אַ מין מיצווע־צוגאָב צו דער באַלעבאַטישער קנעסעס־איסראָעל. דער טאַלמיד־כאָכעם, דער באַלעבאַטישער אינטעליגענט האָט אינסטינקטיוו געזוכט אַ שטיצע אין דער שפּראָצנדיקער נייער קראַפט, אין דער מאַסע, וועלכע האָט נאָך מיט זיך פאָרגע־שטעלט א רעטענישדיקע שווייגערן. דער אמאָרעץ, דער אופוואכנדיקער פאָלקס־מענטש האָט מיט געשפּאַנטער נייגעריקייט און אופמערקזאַמקייט אָנגעהויבן ארומקוקן זיך אף לייט און וועלט, זוכן יושער און באוועגונג, האנדלונג און מוסערהאסקל, דעם מיין פון לעבן. דערדאָזיקער צווייאיקער פּראָצעס האָט געשאַפן דעם סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן באַזיס פאַר דעם אויסשפּראָצן, אַנטוויקלונג און אופבליען פון אונזער ליטעראַטור. אין דעם גלענצנדיקן דריילינג: מענדעלע, שאָלעם־אליכעם, פּערעץ האָט אָט דער פּראָצעס, שוין דורכמאכנדיק אלע זיינע „פאָרגעשיכטלעכע״ פאַזן, דערגרייכט זיין העכסטע שע־פערישע אנטוויקלונג. אן איבערגאַנג צו זיי, ניט כראָנאָלאָגיש, נאָר אָרגאַניש, ביל־דעט יאַקאָוו דינעזאָן.

ריידנדיק אין אלגעמיין, איז ביז יאקאָוו דינעזאָן אַפן גרויסן טראַקט פון דער אידישער ליטעראַטור געוועזן אייזיק־מייער דיק און ס׳איז געווען שמ״ר (שאָמער). דאָס זיינען צוויי עקסטע פאַקטאָרן פון אונזער ליטעראַרישער געשיכטע ערעוו „מתן תורה״ (ערעוו מאטן טוירע), דאָס הייסט איידער דער מענדעלע־עפּאָכע. א מיסנאַג־דיש־מאַגידישער רעזאָנער, א טרוקענער מאסקיל, וואָס שטרעבט שאַפן פאַרן ראַכ־

מאָנעס־פֿאָלק אַ דערוויילִיקע ליטעראַטור אַף דעם נעבעכדיקן מאמע־לאָשן, נאָר וועל־כער שטרעבט ווילנדיק ניט ווילנדיק צוגעבן דערדאָזיקער „נעבעך־ליטעראַטור" אַ לערערישן, וועג־ווייזערישן כאַראַקטער, — דאָס איז א. מ. דיק. א וואולגאַרער גאַסן־טעמפּעראַמענט מיט פּרימיטיווע קיצל־פֿייאיקייטן, וועלכער האָט אָבער געקענט טרעפֿן אין „סאַמע פּינטעלע" פֿונם פֿאָלקס־מענטש — באַפֿרידיקן זיין דורשט נאָך האַנדלונג, באַוועגונג, דינאַמיק, לעבנס־אינטריגעס מיט אַ יושרדיקן פֿינאַל, — דאָס איז געווען שאָמער. דער ערשטער איז געווען דידאַקטיש, מוסערדיק און ניט קינסטלעריש, דער צווייטער — שאַפֿנדיק, רירעוודיק, ציקאַווע און אויך ניט קינסטלעריש. דערצו איז דיק געווען פֿאָרמעל און פֿאַקטיש אומדערטרעגלעך באַלעבאַטיש — און שאָמער האָט געקאָנט געבן דעם באַליידיקטן פֿאָלקס־מענטש א אילוזאָרישע באַפֿרידיקונג אין גע־שטאַלט פֿון זיינע אומגעלומפּערטע פּערסאָנאַזשן — דינסטמיידלעך, וואָס ווערן דורך דער „האַשגאָכע" פֿאַרוואַנדלט אין פּרינצעסנס, און מעשאָרסים, וואָס ווערן פֿאַר זייערע צאָרעס באַלוינט אַף א ניט ווייניקער פֿאַנטאַסטישן אופֿן...

פֿון א. מ. דיק ציען זיך געהיימע פֿעדים צו מענדעלען, בא וועלכן די דידאַקטיש־קייט האָט געפֿונען א אידעאָלאָגישע האַשלאָמע און די מאַגידעס אַן עכט־קינסטלע־רישע באַקרוינונג. פֿון שאָמערן פֿירט א פֿאַרבאָרגענער וועג צו שאָלעם־אַלייכעמען, בא וועלכן ס'זידט און ס'קאָכט, וועלכער איז פֿול מיט באַוועגונג, האַנדלונג, שאַפֿונג, שוין אויסגעוועבט מיט קונסט „פֿון גאָטס גנאָד".

אין יאַקאָוו דינעזאָנס שאַפֿונג קרייצן זיך איבער די וועגן, וואָס פֿירן פֿון א. מ. דיקן און שאָמערן, זי פֿאַרקירצט דעם וויטערדיקן מעהאַלעך צו מענדעלען און שאָ־לעם־אַלייכעמען.

יאַקאָוו דינעזאָן ליקווידירט א. מ. דיקן. אלס אַ געזונטער פֿאָלקס־אינטעליגענט מיט דער נעטיע צו נאַאיווע רעזאָנירונגען, מיט א דורשט אויסצוגעפֿינען דעם שטענ־דיקן מוסערהאַסקל, האָט ער אין זיין שאַפֿונג גריוער געווען די טרוקענע כאַקראָ־נעס, דאָס גאַיוועדיקע און מיסנאַגדישע מוסער־זאָגן פֿון דיקס שניט, דאָס שטרעבן צו באַלערנען האָט ער באַטאַמט מיט דער האַרציקער סענטימענטאַלקייט און צוגע־לאָזנקייט, וואָס וועקט אַזוי דעם מיטגעפֿיל באַם דערוואַכנדיקן האַמון. דינעזאָן איז אָבער אויך בייגעקומען דעם שאָמעריזם דערמיט, וואָס אַלס אַ העכסט באַגאַבטער פֿאָלקס־מענטש, האָט ער געפֿונען אָן אַן ערעך מער קינסטלערישע וועגן צו געבן האַנדלונג, דינאַמיק, לעבנס־אינטריגעס, און דערביי טיפֿער באַפֿרידיקן די געפֿילן פֿון דעם נאָך פּרימיטיוון סאָציאַלן פּראָטעסט און סאָציאַלן יושער, וואָס לעבן אין די הערצער פֿון דער דערשלאָגענער מאַסע.

אַזוי איז געבוירן געוואָרן דינעזאָנס פֿאָלקס־ראָמאַן און פֿאָלקס־דערציילונג, וואָס האָבן אָנגעהויבן מיט ערפֿאָלג קאָנקורירן אין דער ברייטער לעזער־מאַסע מיט שאָ־מערס „העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען", און וועלכע האָבן אויסגעטראָטן דעם וועג פֿאַר די מאַיסטער־ווערק פֿון אונזערע קלאַסיקער... דינעזאָנס ווערק — דאָס איז אַן אייגנאַרטיקער „שאָמערס מישפּעט", ניט קיין סאַטיריש־פּאָלעמישער, ווי שאָלעם־אלייכעמס, נאָר אַן אָרגאַניש פֿאָלקסטימלעכער. אָבער זיי זיינען אויך „א. מ. דיקס מיש־פּעט", וועלכן קיינער האָט ניט אָנגעשריבן, נאָר דינעזאָן האָט דורכגעפֿירט דעם פּסאַק־דין אין לעבן.

דינעזאָן האָט געשאַפֿן אַ גאַנצע ריי ראָמאַנען און דערציילונגען, וואָס בעשאַיטאָם זיינען זיי געווען אַ געוויסע אַנטפּלעקונג אין אונזער דעמאָלט נאָך אָרעמער ליטע־ראַטור. „אבן נגף", „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק" און באַזונדערס „הערשעלע" און

„יאָסעלע״ זיינען געווען באַליבט אין דעם דעמאָלט נאָך יונגן אידישן לייענער־פּובליקום. דאָס אידישע לייענדיקע פּובליקום איז אַזוי געווען פאַרכאַפּט פון די ראָמאַנען „דער שווארצער יונגערמאַנטשיק״ און „אבן נגף״, ווי דאָס העברעיאיש לייענדיקע פּובליקום אין זיין צייט מיט „אהבת ציון״ און „מסתרי פּאַריז״. ווייל יעדער פרישער לעזער־שיכט איז געזונט און פאָדערט לעבן און לעבנס־באַוועגונג פון דער ליטעראַטור.

איז אָדער ס׳באפרידיקן די געאוינישע ווערק פון די וועלט־קלאסיקער, וועלכע זיינען ·שטענדיק פול מיט שטורעם און דראנג, מיט באוועגונג און ליידנשאפט, אָדער ס׳ווערט צוליב דעם באשאפן א מין אינטריגירנדיקע ליטעראַטור, וועלכע די דייטשן רופן אָן „אונטערהאַלטונגס־ליטעראַטור״. בעשאָס א. מ. דיק איז געווען טרוקן און לאנגווייליק, און שאָמער האָט געשאַפן אַ גאַסיקע „אונטערהאלטונגס־ליטעראטור״, האָט דינעזאָן א קינסטלערישע „אונטערהאלטונגס־ליטעראַטור״ געשאפן, וועלכע האָט צוגעגרייט דעם באָדן שוין פאַר דער ליטעראַטור, וואָס איר פאָרמעלע אופגאַבע איז שאַפן קונסט־געשטאַלטן און קונסט־פיגורן. און אפילע אין זיין אייגענער שאַפונג מערקן זיך אָן צוויי פאַזן: פון ריינער „אונטערהאלטונגס־ליטעראַטור״, האַגאַם פון א העכערן טיפּ — דאָס זיינען זיינע ראָמאַנען, און אַן איבערגאַנג צו שאפן קינסטלערישע סימוואָלן, וואָס זיין העכסטע אַנטפלעקונג געפינען מיר באַזונדערס אין דער דערציילונג „יאָסעלע״...

דינעזאָן איז דורכגעווייקט מיט סענטימענטאַלקייט — מיט אָט דעם נאַאיון ראָמאַנטיזם פונם פאָשעטן פאָלקס־מענטש. ער טראָגט אָבער אין אים אַריין אויך דעם נאַאיון רעאַליזם פון דער פאָלקס־סוויווע. באַ אים ענדיקן זיך ניט זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען מיט אַ בעשאָלעמדיקן פינאַל — פאַרקערט, ער ווייסט און מאָלט, ווי עס קומט פאָר איןווירקלעכן לעבן, אַז די אַוולע הערשט און זיגט, און דער יוישער איז אונטערדריקט.

די אוולע איז באַ אים פאַרקערפּערט אינם אידישן גוויר, אינם הערשנדיקן באַלעבאָס, וועלכן ער מאָלט אָפּט צו אַלעגאָריש, און דער יוישער — אין געשטאַלט פונם אידישן אַרבעטסמאַן.

דינעזאָן האָט פאַרפולקומט אונזער שפראַך, האָט מיטגעהאָלפן אויסצואַרבעטן איר בילדער־פאַרמעגן, ער האָט געשאַפן, באַזונדערס אין „יאָסעלע״ און אייניקע נאָוועלן — פיגורן, וואָס האָבן א קינסטלערישן ווערט. אָבער אין אַלגעמיין איז ער דער גרעסטער און לעצטער פאָרשטייער פון אונזער „ערעוו־היינטוועלטיקער״ ליטעראַטור, ער האָט ניט געשאַפן קיין פיגורן און סימוואָלן, וואָס זאָלן זיין אויסגערעכנט לעדוירעס, ער געהערט אינגאנצן דער ליטעראַטור־געשיכטע, מיט אייניקע אויסנאַמען, וואָס וועלן קאָנען פיגורירן אין א כרעסטאָמאַטיע...

(„אין אומרו״ 2-טער באנד. מאָסקווע, 1926).

י. ל. פּערעץ.

דינעזאָן דער מאָראַליסט און דער קינסטלער.

איבער דער צייט פון פינף־און־צוואַנציקיעריקער ליטעראַרישער אַרבעט, האָט דינעזאָן דעם אידישן לעזער ניט פיל נעמען געגעבן: „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק״, „א שטיין אין וועג״, „הערשעלע״ און „יאָסעלע״ און א פּאָר קליינינקייטן, אָבער דאָס, וואָס ער האָט געגעבן, האָט דאָס פאָלק גענומען און געלעזן, און איבער און איבערגעלעזן.

ס'האָט געפילט, אז דאָס איז זיין „פליש פון זיין פלייש, א ביין פון זיין ביין" און עס איז אין פאָלק, ווי זאַלץ אין וואסער, צעגאַנגען אין זיין בלוט אַריין. קרעפּטיקערס וואָלט נאָך זיין מאָגן ניט פאַרדייט. גרעסערס—זיין מויל ניט פארנומען. און קיין טראַגעדיע האָט נאָך אַזויפיל טרערן ניט אויסגעפרעסט, אַזויפיל הערצער ניט צעריסן און פאַרציטערט געמאַכט, ווי דאָס אָרעמע, דערשלאָגענע „יאָסעלע", וואָס רופט זיך אַליין „גאַנעוו"; און עס האָט נאָך קיינמאָל ניט אופגעפלאַמט אזא גערעכטער האַס קעגן אַלדאָס בייז און שלעכטס, ווי קעגן „שוואַרצן יונגערמאַנטשיק", וואָס האָט מיט זיינע אינטריגן אומגעבראַכט א פאַמיליע פון אומשולדיקע נעפאַשעס. און ביז היינטיקן טאָג קאָן זיך דער „לעזער" ניט באַרואיקן, ניט ווייסנדיק דעם עמעסן סאָד פון שיין־זינגענדיקן, ליבן און געטרייען „הערשעלען", וואָס מע האָט גאָר מיטן עטאַפּ פון שטאָט אַרויסגעפירט, און מע ווייסט ניט אַדאַיעם: וואוהין, און צי לעבט ער נאָך, און וויאַזוי?

דינעזאָן איז א מאָראַליסט. ער וויל דעם לעזער גוט און ערלעך מאַכן, ריינוואַשן זיין נעשאָמע, קלוג און קלאָר מאַכן זיין קאָפּ. דער קינסטלער האָט זיך דעם זיטנלערער אונטערגעוואָרפן, און ער נויט זיינע העלדן, זיי זאָלן דערקלערן זייערע געליבטע—קעדיי דער אידישער לעזער זאָל הערן—וואָס עכט־אידישקייט איז; וואָס גוט און פרום הייסט. און אויך: פונוואַנען עס פאַלט רעגן און שניי, וואָס וואָלקן זיינען; פאַרוואָס איז טיילמאָל דער הימל רויט... נאָר ער קומט ניט אף קאָל־איסראָעל מיט דער בייטש, ווי דער אַלטער מאַסקיל, און סווישטשעט אים ניט איבער די פּלייצעס... ער איז קיין „בייזער מעלאַמעד" ניט, און אויך קיין „אַלטער אַפּיקוירעס" מיטן אויסגעלאָסענעם געלעכטער ניט! און אויך ניט קיין פּראָקוראָר, וואָס רעכנט אויס דעם באַקלאָגטן „אַל־כעט" מיט א שטאָלצן ניצאָכן אָדער פאַרביטערטרע איינגעהאַרציקייט. ער רעדט ווי א ברודער צו א ברודער, גאַנץ אָפט ווי א מוטער צום געליבטן קינד—פון האַרץ צו האַרץ, מיט א ליבהאַרציקן טרויער און טרויעריקער ליבהאַרציקייט... אַזוי ווי מע האָט געדאַרפט רעדן צו די קראַנקע געטאָ־קינדער... דער קינסטלער אין אים קניט פארן מאָראַליסט, אונטערגעגעבן, אונטערגעוואָרפן. אָבער ניט געבונדן און ווי א קאָרבן אף זיין מיזבייעך פאַרברענט. ער לעבט און אָטעמט. מיר פילן זיין אָטעם, מיר הערן זיין פּולס איבעראַל... שוואַכער בא די הויפּט־פּערזאָנען, בא די העלדן, וואָס דער מאָראַליסט הייסט טון זיין ווילן און ארומשוועבן אין דער לופט, אָן פלייש און ביינער און רעדן וועגן האַסקאָלע, כאָכמע, אידישקייט, „יהדות" און ערלעכקייט... פאר דאָס אָבער שטאַרקער אין די נעבן־פּערזאָנען, אין די ביי־מענטשן, פון וועלכע דער מאָראַליסט לאָזט גאַנץ אָפט אַראָפּ זיין אויג, פאַרגעסט אָן זיי, און לאָזט זיי בליען און וואַקסן ביז צום פיינסטן ארטיזם.—זאָגאר אין „שוואַרצן יונגערמאַנטשיק" טרעפט איר די קאָהאָלשע מומע, א קאבאַליסט, שמאַיע ז'עם באטלען, פּיסקאַלניק דעם מעלאַמעד... די אַלטע דינסט אין „אבן נגף". סצענען פון כסידישן לעבן, בילדער פון בעסמעדרעש, דאָס פירן איבעהן מאַרק א פאַרזינדיקט מיידל, — דאָס זיינען אלץ זאַכן, וואָס רייסן זיך דינעזאָנען פון דער האַנט אַרויס, און לעבן זייער באַזונדער, אייגנאַרטיק לעבן, דעם מאָראַליסט ווי לעהאַכעס...

(„ליטעראַטור און לעבן". אַלע ווערק, ניו־יאָרק, 1925).

י. דאָברושין.

דער סענטימענטאַליזם—דינעזאָנס שאפן.—דער בריוונשטעלערישער סטיל בא דינעזאָנען.

דער שענסטער און דער כיינעווודיקסטער אויסדריקער פונם אידישן סענטימענטאַל־ליטעראַרישן וואָרט איז געווען דינעזאָן.

דער אָנפאַנגער פון אַלע אַזויגערופענע מאָדערנע ליטעראַטורן, דער ערשטער וואָרט־טרעגער איז אומעטום דער סענטימענטאַלער שרייבער. באַ אַלע פעלקער האָט דער אופגעוואַכטער מיטעלער לעזער אָנגעהויבן פון דער איינפאַכער געפיל־ליטעראַטור, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דעם פאָטאָגראַפישן אַרונטערנעמען, אָנגעהויבן פון יענער סענטימענטאַלער ליטעראַטור, וואָס קאָפירט די באַגרענעצטע אַרומיקעווירקלעכקייט, און באַטראַכט זי פונם איינגן היימישן שטאַנדפונקט פון דער מיטלמעסיקער איבערלעבונג.

באַדויערן, אָבער ניט באשטרייטן, — ס׳איז אַ פסיכאָלאָגישער איקער פונם באַלעבאַטיש־געשטימטן שטייגער־מענטש, וואָס פאַסט אוף אַלע אַרומיקע אייגענע און פרעמדע לעבנס־געשעענישן, וואָס פאַסט אוף ביפראַט אַלע לעבנס־צאָרעס ווי אַ מוז, ווי אַ באַשערטע זאַך, און אַף דעמדאָזיקן איקער איז אויך געבויט די סענטימענטאַלע ליטעראַטור. אָט דערפאַר, אייגנטלעך, איז זי דאָך סענטימענטאַל, ווייל זי פאַרוואַנדלט ניט דאָס געפיל אין אַ קראַפט־ענערגיע, אין אַ לעבנס־פאַקטאָר.

יעדער סענטימענט איז בעעצעם אַ ראַציאָנאַליסטישער געפיל. ס׳איז די איבערלעבונג, דער פסיכאָלאָגישער ווידעראַנאַנד, וואָס באַקומט באַלד די טשאוועס אַפן אָרט און ווערט באַלד אַפן אָרט באַרואיקט. דער סענטימענט וואַקסט דערום קיינמאָל ניט אויס אין אַ פראָבלעם, אין אַ געפיל־פראָבלעם. ער איז דער געפיל, וואָס גייט ניט אין דער טיף, וואָס לאָדט זיך באַלד פאַנאַנדער און דערגרייכט ניט צו פסיכאָלאָגישע צוזאַמענשטויסן און סטירעס.

די בעסערע איינגלישע און רוסישע סענטימענטאַלע ווערק האָבן, ווי ס׳איז באַוואוסט, געהאַט זייערע לעזער־פּיליגרימען, זייערע סענטימענטאַלע אוילע־רעגלס, וואָס זיינען געגאַנגען זוכן דעם קייווער פון די באַשריבענע פאַרשטאָרבענע העלדן. אויך דינעזאָן האָט אונז אין זיינע זיכרוינעס דערציילט פון די הונדערטער בריוו, וואָס ער, דער שעפער פון די סענטימענטאַלע מוסטערן, האָט אין מעשעך פון צענדליקער יאָר באַקומען פון לעזער און לעזערנס, וואָס האָבן מיט טרערן באַדויערט דעם שווערן מאַזל פון די באַשריבענע העלדן און נאָכגעפרעגט זיך אַף דעם ווייטערדיקן גוירל פון דידאָזיקע אומגליקלעכע פאַרשוינען...

„מיין הערשעלע”, „מיין יאָסעלע” — אַזוי ליבלעך־סענטימענטאל האָט אַליין דינעזאָן גערופן „זיינע קינדער”, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט מעקויעך זיינע געשילדערטע טיפּן, וואָס ער גופע האָט, ווי זיין לעזער, אופגענומען, ווי לעבעדיקע באַשעפענישן.

דער סענטימענטאַלער שרייבער איז געגליכן צו זיין לעזער — ער טיילט ניט אָפּ דעם סוביעקט פונם אָביעקט און אידענטיפיצירט דעריבער וואָר און דיכטונג.

„האָסטו געזעען אַ ביסל אַ מעגילע אָנגעשריבן — און פונקט, ווי מען רעדט! בעאייס דו האָסט געלייענט, האָב איך געמיינט, אַז די מומע הערשעלעס שטייט דאָ, איך זיך דאָרט באַ איר אין שטוב און הער מיך צו ווי זי רעדט צו אים. אָט דאָס הייסט אַ קלוגע אישע!”

דאָס זיינען דינעזאָנס שורעס. אַ בוילעט־דינעזאָניש זעלבסט־כאַראַקטעריסטיק, אַן אָפּשאַצונג פון יענעם ארט שאַפן, וואו דער איקער איז די וואָר, די פּינקטלעכע קאָפּיר־אַרבעט פונם אַזויגערופענעם בריוונשטעלערישן שניט.

דער דינעזאָן־נוסעך איז דאָך דער ליטעראַרישער און פּסיכאָלאָגישער נוסעך פונם אידישן בריוונשטעלער. דער ערשטער אידישער שטייגער־לעזער און ביפּראַט די לעזערן זיינען געווען געבונדן ניט נאָר מיטן בריוונשטעלערישן סטיל, נאָר אויך מיט אַ באַזונדערן בריוונשטעלערישן, אַזוי צו זאָגן, לעבנס־קוק. אַט דערדאָזיקער שטייגער־שיכט, די שטייגערישע יוגנט איבערהויפּט, האָט דאָך פון לאַנג אָן געלערנט זיך שוין לייענען און שרייבן אידיש. אָבער אָפּרייסנדיק זיך שוין פון דעם היילקן. סייפער אַף „איורע־טייטש", האָט די פּאַרצייטיקע שטעטל אַ צייט ניט געהאַט איר וועלטלעכן געדרוקטן וואָרט, איר אייגענע וועלטלעכע ליטעראַטור, און איר ניי אָנגעוואַקסענעם פּערזענלעכן לעבנס־אינהאַלט האָט זי אַלפּיראָוו אויסגעדריקט אינם „בריוו", אינם סענטימענטאַלן, פּאַרשטייט זיך, בריוו, וואָס האָט אין שטעטל געהאַט זיין אייגנאַרטיקע שטיק געשיכטע מיטן קאָלאָריטפולן מיידלשן לערער און ספּעציעלן כאָסן־קאַלע־בריוונשרייבער.

די סענטימענטאַלע אידישע קונסט־שאַפונג, ביפּראַט די דינעזאָן־שאַפונג, האָט איינגעזאַפּט אין זיך די בריוונשטעלערישע, לאָמיר זאָגן, קולטור, פּאַרוואַנדלט זי אין אַ קוואַל פון אומיטלבאַרער אינטימער און נאַאיווער איבערלעבונג־באַשרייבונגען. דינעזאָנס „צאינה וראינה־יש" פּאַרהיימישט וואָרט האָט טריי אָפּגעשפּיגלט די עלעמענטאַרע, זיטלעך־מישפּאָכעדיקע געפיל־באַדערפענישן פון יענע באַדייטנדע לעזערישע קרייזן, וואָס האָבן אים, דינעזאָנען, געגעבן, אייגנטלעך, פּאַרטיקן סענטימענטאַלן שטאָף.

די אידישע סענטימענטאַלע ליטעראַטור איז, ווי יעדע סענטימענטאַלע ליטעראַטור — אַן עכט־לעזערישע, אַ געברויכערישע פאָרם־אַנטפלעקונג. זי געהערט אינגאַנצן דעם ערשטן באַלעבאַטיש־וועלטלעכן שטייגער־מענטש און איז צוזאַמענגעוואַקסן און פּארוואָקסן מיט זיינע אויבנופיקע האַסאָגעס, מיט זיין באַגרענעצטן טאָגטעגלעכן אויסקומעניש־געפיל, אויסקומעניש־וואָרט און טנוע. דינעזאָנס „שוואַרצער יונגער־מאַנטשיק" האָט געהאַט בעשאַטוי דעם גרעסטן ערפאָלג באַם לעזערישן אוילעם. די ערשטע אופלאַגע פונם דאָזיקן בוך, וואָס איז באַשטאַנען פון צען טויזנט עקזעמפּלאַרן, האָט זיך אין יענע צייטן אַפילע גלייך פּאַרשפּרייט, געבליבן אַף אַזאַ אויפן אַדאַיעם דער געשיכטלעכער וואונדער פון אונזער ביכער־מאַרק.

(„גרעאַנקענגאַנג", קיעוו, 1922 י.).

באַל־מאַכשאָוועס.

פרויען־און קינדער־געשטאַלטן בא דינעזאָנען.—דינעזאָנס אָפּטימיזם.

פינף־און־צוואַנציק יאָר זיינען אַוועק זינט דער 18—17־יאָריקער דינעזאָן האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אייזיק־מייער דיק. זיי האָבן זיך באַגעגנט אין דער דרוקעריי פון „האלמנה והאחים ראָם", און דער יונגער דינעזאָן האָט מיטגעבראַכט זיין ערשטן גרויסן ראָמאַן „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק". מיט דערעכערעץ (ווייל אַלע זשאַגערער זיינען גרויסע באַלע דערעכערעץ), און גרויס אַניוועס (ווייל דינעזאָן איז

שטענדיק געווען דער גרויסער אָנאָוו) איז ער געשטאַנען פאר דעם דעמאָלטיקן ערשטן אידישן פאָלקס־שרייבער. י. דינעזאָן איז געשטאַנען פאר אים ווי א טאַלמיד פאַרן רעבן, מיט א קלאַפנדיק האַרץ און אין הוילע ציטערניש, האָט ער זיך צוגעהאָרכט צו די ווערטער פון דעם פארצייטיקן מאַסקיל, וועלכער האָט געלויבט „דעם שוואַרצן יונגערמאַנטשיק" און צוגעזאָגט צו דרוקן דאָס ווערק.

צי האָט אייזיק־מייער דיק פארשטאַנען דעם כילעק צווישן אים און דעם זשאַגע־דער יונגערמאַן, וועלכער איז, אַפּאָנים, אויך געווען אזאַ מאַסקיל ווי ער? צי האָט ער אַרויסגעפונען אין דעם ווערק דעם פּאָעטישן טאָן, מיט וואָס דער יונגערמאַן האָט זיך אונטערשיידט פון אים, דעם טרוקענעם מאַסקיל? ווער קאָן דאָס וויסן? מיר אָבער, וואָס האָבן ניט נאָר זיין ערשטן קינדערשן ראָמאַן, נאָר אויך זיין „אבן נגף", „הער־שעלען", „יאָסעלען", ביז צו די לעצטע נאָוועלען זיינע אין „יוד" און אין דער „יו־דישער פאָלקס־צייטונג"—מיר וויסן, וואָס פאר א נייעם פּאָעטישן טאָן י. דינעזאָן האָט אריינגעבראַכט אין די נייע היינטיקע „זשאַרגאָן"־ליטעראַטור.

ניט מיט ראַכמאָנעס־געפילן האָט ער געשילדערט די אידישע וועלט, נאָר מיט ל י ב ע ־ ג ע פ י ל ן. ער איז קימאַט דער איינציקער, וועלכער האָט ל י ב די מענטשן, וועלכע ער שילדערט אין זיינע ראָמאַנען.

און מער פאר אַלץ זיינען אים דערביי אָפּגעלונגען די געשטאַלטן פון אידישע פרויען און אידישע קינדער.

אומעטום, וואו ער שילדערט זיינע פרויען, זיינע קינדער, זיינע יונגע באָכורים, פארגעסן מיר מיטאַמאָל דעם שמוץ, דעם כּוישעך, די אָרעמקייט, אין וועלכע זיי וואַקסן אוף און האָדעווען זיך, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן ווערן פארדעקט מיט די וייכע שוואַרצע לאָקן פון זיינע יונגע העלדן, אַקוראַט ווי פון זייערע יונגע פינקלענדיקע אויגן וואָלט אָפּגעשלאָגן א וואַרעמער, מילדער שיין אף דעם גראָען לעבן זייערן...

אין זיין „יאָסעלע" באשרייבט זיך דאָס אומגליקלעכע לעבן פון אן איידעלער, פיינער קינדערשער נעשאָמע, און ניט איין לעזער האָט שוין פאַרגאָסן טרערן, ליי־ענענדיק דאָס טרויעריקע בוך. עס דוכט זיך אויס, אז דאָס גאַנצע לעבן פון א אידיש אָרעם קינד איז פאַרטרונקען אין אומעט און אין צאָרעס, אז עס איז שוין ניטאָ קיין טרייסט, כאָטש זיך מעיאַעש צו זיין. פלוצלינג אָבער, שוין קימאַט באם סאָף, מאַכט ער אונז באקאַנט מיט א וואַסערטרעגער, מיט א מעלאַמעד און א שוימער, און עס דוכט זיך אונז אויס, ווי מ'וואָלט אונז א שטיין פון האַרצן אַראָפּגענומען. דען אין די דריי מענטשן הערט זיך דער פּולס פון ברייטע, ריינע הערצער פון ליבע צו מענטשן, צו איטלעכן יאָכיד, און מיר זאָגן זיך, אז דאָרטן, וואו עס געפינט זיך א יוינע דער וואסערטרעגער, איז נאָך דאָ א האָפענונג, אז דאָס לעבן פון א אידיש אָרעם קינד וועט ניט אייביק זיין אזוי פארפינצטערט און פארביטערט.

י. דינעזאָן איז דער אָפּטימיסט אין אונזער אידישער ליטעראַטור. פאר אים איז דאָס שלעכטע נאָר א צופאַל־מאַיסע, און ער איז באָטועך, אז דאָס גוטע וועט שטענ־דיק מענאַצייעך זיין די אומגליקלעכע סיבעס פון לעבן.

(„געקליבענע שריפטן" II, וואַרשע, 1914).

פראַגן און אופגאַבן.

1. דינעזאנס באַציאונג צו דער אָרטאָדאָקסאַלער אידישער וועלט לויט דעם „שוואַרצן יונגערמאַנטשיק״.
2. דינעזאָנס פּאָזיטיווע העלדן אלס אויסדריקער פון דעם האַסקאָלע־אידעאַל.
3. א פאַרגלייך צווישן הערשעלען פון „ווינשפינגערל״ בא מענדעלען, און הערשעלען בא דינעזאָנען.
4. אייגנשאַפטן פון סענטימענטאַלן ראָמאַן לויט דינעזאָנען (גערעשפּרעכן מיטן לעזער, מיט דער לעזערן, מעלאָדראַמאַטישע עפעקטן, איבערגעטריבענע אידעאַליזאַציע און ד. גל.).

די וויכטיקסטע ווערק:

יאָסעלע.
הערשעלע.
דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק.

VI. ספעקטאָר

מאָרדכע ספעקטאָר. (1858—1925)

(ביאָגראַפיע)

געבוירן דעם 5־טן מאַי 1858 אין אומאַן, קיעווער
גוב. אין דער מישפּאָכע פון אַ הייסן טאַלנער כאָסיד.
די ערשטע דערציאונג האָט ער באַקומען אין כסי־
דישן גייסט באַ מעלאַמדים און שפּעטער אין בעס־
מעדרעש. אין די יאָרן 1877—1874 האָט ער געלערנט
וועלטלעכע לימודים באַ אַ געוויסן געלערנטן, אינ־
זשענער וו. — אַ טיפּ פון אַ רוסישן אידעאַליסט פון
די זעכציקער יאָרן, וועלכער האָט געזוכט צו פאַר־
שפּרייטן בילדונג צווישן די אומאַנער אידישע קינדער.

אין יאָר 1878, וואוינענדיק באַ זיין ברודער
אין וויניצע, האָט ער זיך געטראָפן מיט א. צ.
צווייפל און האָט אים געוויזן זיינע קסאָווים, וואָס
ער האָט פון פופצן יאָר אָנגעשריבן אין אידיש.
צווייפל האָט דערקענט אין אים אַ טאַלאַנט און האָט אים אופגעמונטערט צו שרייבן
דערציילונגען אין דער אידישער שפּראַך.

אין יאָר 1883 האָט ער פאַרעפנטלעכט אין צעדערבוימס „אידישן פאָלקס־בלאַט״
זיין ערשט ווערק „אַ ראָמאַן אָן אַ נאָמען״. אין אַ יאָר אַרום האָט זיך אין דעמ־
זעלבן „אידישן פאָלקס־בלאַט״ אָנגעהויבן צו דרוקן זיין גרויסער ראָמאַן „דער אידי־
שער מוזשיק״, דורכגעדרונגען מיט די טענדענצן פון כיבעס־ציען און אישעוו־ערעץ־
איסראָעל. דער ראָמאַן האָט געהאַט זייער גרויס ערפאָלג, און ספּעקטאָר איז גלייך איינ־
געלאַדן געוואָרן קיין פּעטערבורג פאַרן הילף־רעדאַקטאָר פון „אידישן פאָלקס־בלאַט״,
וואו ער האָט אויסער אַ גאַנצער ריי פעליעטאָנען, רייזע־בילדער און יאָנטעווודיקע
דערציילונגען פאַרעפנטלעכט פאָלגנדע ווערק: „אַניאים וועוויונים״, „רעב טרייטל״,
„אַ שטומער גוטער איד״, „אידיש!״ „אַ וועלט מיט קליינע וועלטעלעך״ א. אנד.

פון שטענדיק אָן אינטערעסירנדיק זיך מיט אידישן פאָלקלאָר, איז ספּעקטאָר
געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט אָנגעהויבן צו זאַמלען די אידישע שפּריכ־
ווערטער אין „א. פאָלקס־בלאַט״, 1885. אין יאָר 1887, אז ס׳האָט זיך געענדערט די רע־
דאַקציע פון „א. פאָלקס־בלאַט״, האָט זיך ספּעקטאָר באַזעצט אין וואַרשע, וואו ער האָט
אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן היסטאָריש־ליטעראַרישע זאַמלביכער אונטערן נאָמען „הויז־
פריינד״ (דערשינען 5 בענדער מיט צוויי ביילאַגעס פון „פאַמיליען־פריינד״). אין יאָר
1894 האָט ספּעקטאָר צוזאַמען מיט י. ל. פּערעץ אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן „די יאָנ־
טעוו בלעטלעך״, פון וועלכע ער האָט זיך נאָך די ערשטע נומערן אָפּגעטיילט און

באזונדער אַרויסגעגעבן „די וואָכעדיקע בלעטלעך". אין יאָר 1899 איז ער געוואָרן אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון דעם „יוד", וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט אַסאַך דערציי־לונגען, צווישן וועלכע עס צייכענען זיך באַזונדער אויס „קאַליקעס", „אַ שטרייק פון קאַבצאָנים", „ברילן" א. אז. וו. אין „יוד" האָט ספעקטאָר אונטערן פסעוודאָנים „אמת" געפירט די אָפּטיילונג „שטעט און שטעטלעך"—פעליעטאָנען אויס דעם לעבן פון דער אידישער פּראָווינץ. אין די שפּעטערדיקע יאָרן מיטגעאַרבעט אין אַלע אידישע פּעריאָדישע אָרגאנען פון רוסלאַנד און אַמעריקע.

געשטאָרבן אין אַמעריקע אין 1925.

ש. ניגער.

זשורנאַליסטישע עלעמענטן אין ספּעקטאָרס ווערק.—ספּעקטאָרס גע־זעלשאפטלעכער ראָמאַן.—ספּעקטאָר און דער אידישער פאָלקלאָר.

מ. ספּעקטאָר האָט געשריבן ראָמאַנען און דערציילונגען, אָבער לויט זיין גאַנצן מעהוס איז ער געווען אַ צייט־שרייבער, אַ צייט־פראַגן־שרייבער, אַ צייטונג־שריי־בער. ער האָט געהאַט אַ בעלעטריסטישן טאַלאַנט... פאַר זשורנאַליזם. ניט אומזיסט איז ער זיין גאַנצן לעבן געווען אַ רעדאַקטאָר און אַן אַרויסגעבער פון פּעריאָדישע זאַמלביכער, מאָנאַטלעכע זשורנאַלן, וואָכנטלעכע קאַלענדאַרן, טעגלעכע צייטונגען, (דער „הויז־פריינד", די „אידישע פאַמיליע", „דער אידישער פאַמיליענקאלענדאר, די „אידישע „פאָלקס־צייטונג", „די צייט", „אונזער לעבן", „די נייע וועלט" און אנד.).

אין זיינע אייגענע און אין פרעמדע אויסגאַבן האָט ספּעקטאָר געשריבן פעליע־טאָנען, צייטאַרטיקלען, איבערזיכטן, רעצענזיעס, קאָרעספּאָנדענצן, ניט נאָר דערציי־לונגען און ראָמאַנען. אויך שאָלעם־אליכעם האָט דעביוטירט מיט פעליעטאָנען און קאָרעספּאָנדענצן. אָבער שפּעטער האָט ער זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער בעלעטרי־סטיק. ספּעקטאָר איז אויך אין זיינע בעלעטריסטישע זאַכן געווען פריער ווי אַלץ אַ זשורנאַליסט. כ'מיין דערמיט צו זאָגן, — אַ שרייבער, וואָס זוכט אן אויסדרוק פאַרן נאָענטן אַרומיקן לעבן, פאַרן לעבן פון היינט, פון מאָמענט, ניט פאַרן לעבן ביכלאַל, אַ שרייבער—אַ באַשרייבער, אַ באַריכט־אָפּגעבער.

פון קינדוויס אָן האָט אים געצויגן צו דער פען. אָבער ער איז עפשער דער איינציקער אידישער שרייבער, וואָס האָט ניט געשריבן קיין לידער אין די יונגע יאָרן. „פּאָעזיע" איז געווען פאר אים צו אבסטראַקט. אים האָט אינטערעסירט דאָס מאָמאָ־שעסדיקע לעבן, דאָס לעבן, וואָס איז געווען אַרום אים, נישט דאָס, וואָס ער האָט געפילט און געטראַכט, האָט זיך אים געגלוסט אויסדריקן. ער האָט געוואָלט באַ־שרייבן, וואָס ער האָט געזעען און געהערט. זיין ראָמאַן „דער אידישער מוזשיק" (צום ערשטן מאָל געדרוקט אין 884—1883 אין צעדערבוימס „אידישן פאָלקס־בלאַט") איז געווען אַן עכט־זשורנאַליסטישער ראָמאַן: אַן אָפּרוף אף די פּאַסירונגען און שטימונגען פון מאָמענט—אַף די פּאָגראָם־פּאַסירונגען, אַף די ערדאַרבעט־און כיבעס־ציען־שטימונגען. די, וואָס האָבן געלייענט דעם ראָמאַן, האָבן ניט נאָר געפילט די פובליציסטישע קאַוואָנע, וואָס שטעקט אין אים, זיי האָבן געמוזט איינזען אויך זיין אַקטואַליטעט. ס'איז געווען אַ ראָמאַן, אָבער געלייענט האָט זיך עס, ווי אַ פרישער נומער פון אַ זשורנאַל. דאָס ערשטע קאַפּיטל הייסט „אַ ראַש אין שטאָט" און ער הייבט זיך אָן אַזוי: „ניט איין כוידעש איז אַוועקגעגאַנגען זייט ר' שאָלעם רויטמאַן

האָט פאַרקויפט זיין שטוב, זיין שניט־קראָם, זיין מעבל און איז אַרויסגעפאָרן פון דער שטאָט נ. אין דאָרף סטעפּקיווקע, נאָר פונדעסטוועגן האָבן נאָך די נ־ער לייט ניט אופגעהערט צו ריידן פון ר' שאָלעמען א. א. וו.״—אין דעם טאָן פון אַ צייטונג־קאָרעספּאָנדענץ. עס זיינען שפּעטער אַריינגעפלאָכטן און אַרייגעפלאָנטערט געוואָרן אין ראָמאַן קאָלערליי אויסטראַכטענישן (ס'איז דאָך אַ ראָמאַן!), אָבער דער איקער איז געווען און געבליבן אַן עמעסע מאַיסע, אַ באַריכט פון פּאַסירונגען, וואָס זיינען פּאָרגעקומען (און ווי זיי זיינען פּאָרגעקומען) אין יענעם מאָמענט, ווען דער ראָמאַן איז געשריבן געוואָרן, מיט דעם צוגאָב פון אַ מוסערהאַסקל.

אויך אַנדערע אידישע שרייבער זיינען אין די דערציילונגען, וואָס זיי האָבן געשריבן אין יענער צייט, געווען מער פּובליציסטן, מער אופקלערער, ווי קינסטלערישע דערציילער; אויך זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן אין זייערע בעלעטריסטישע ווערק מיט פּראַגן פון מאָמענט. אָבער אַזוי אַקטועל און אַזוי אָפן־זשורנאַליסטיש, ווי ספּעקטאָר אין זיינע ערשטע ראָמאַנען, איז ניט געווען ניט מענדעלע, ניט לינעצקי, און ניט דינעזאָן.

באַ ספּעקטאָרן איז דער ראָמאַן געווען בעעמעס אַ מין זאַמלונג פון לייט־אַרטיקלען, קאָרעספּאָנדענציעס, פעליעטאָנען, בילדלעך, אַנעקדאָטן, סענסאַציאָנעלע געשעענישן. דער ראָמאַן איז געווען פאַר אים דער בימקוים פון אַ פּעריאָדישער אויסגאַבע. אין אַ פּעריאָדישער אויסגאַבע שרייבן געוויינלעך אַסאַך מענטשן. ספּעקטאָר האָט אליין „אויסגעפילט״ און אָנגעפילט אַלע „אָפּטיילונגען״. נאָך דער קאָרעספּאָנדענציע „אַ ראַש אין אַ שטאָט״, האָט ער אָנגעשריבן אַ פּובליציסטישע אָפּהאַנדלונג „דער איד און זיין לאַגע״ (אין דער ערשטער רעדאַקציע פון דעם „אידישן פאָלקס־בלאַט״ האָט עס געהייסן: „דער איד מיט זיין איצטיקער לאַגע״), און דאָס איז געווען דער צווייטער קאַפּיטל פונם ראָמאַן. דער דריטער הייבט זיך אָן מיט אַ היסטאָריש־זשורנאַליסטישער שטודיע אונטערן נאָמען: „אַ סויכער אָדער אַן אַקערבויער?״, דער פערטער—איז אַ בעלעטריסטישער אַרטיקל מיטן נאָמען „אַ אידישע פרוי״. דערנאָך גייען פעליעטאָנען, אייצעס, ליבע, מעלאָדראַמעס, מאַיסעס, מוסער...

דער מוסער איז ניט פאַרשטעלט און ניט אַלגעמיין, ווי בא מענדעלען, נאָר (ווי אַמאָל באַ דיקן) אָפן, דירעקט, קאָנקרעט און עכט־זשורנאַליסטיש. מע פאַרגעסט גאָר אַן אַנדערש מאָל, אַז ס'איז ליטעראַטור, ווען מע לייענט זיינע מאַיסעס. דאָס לעבן ווערט געגעבן פון אים אַזוי ווי עס איז, ניט געלייטערט, ניט באַרייכערט, ניט אופגעהויבן אַף אַ העכערע מאַדרייגע. קאָן מען דעריבער ניט זאָגן: עס איז מער ווי ליטעראַטור—ס'איז לעבן. ס'ווילט זיך זאָגן: ס'איז ווינציקער ווי ליטעראַטור — ס'איז בלויז לעבן, כ'מיין: בלויז גרויע, וואָכעדיקע, שיטערע, ניט קאָנדענסירטע רעאַליטעט (דערפון — די אַריכעס און די צעצויגנקייט). ווען ספּעקטאָר פּרוּווט מאַכן די פאַרבן געדיכטער, ווען ער וויל אַרויסברייגנען עפּעס אַ אידייע, אַ טיפּ, ווערט בא אים אַ נאַאיווע און קינסטלעכע מעלאָדראַמאַטישע גוזמע, ניט יענע נאַטירלעכע און אָרגאַנישע פאַרגרעסערונג, אַף וועלכער עס האַלט זיך עמעסע קונסט.

די איינציקע קונסט, וואָס ספּעקטאָר האָט פאַרמאָגט, איז געווען די קונסט צו ריידן. ער האָט ניט געשריבן (שרייבן הייסט קלייבן — אָפּקלייבן, אויסקלייבן). ער האָט גערעדט מיט דער הילף פון זיין פּען. גערעדט און אַרומגערעדט אַלץ ברייט, געמיטלעך, ניט געאיילט זיך. ספּעקטאָר מוז, ווי יעדער ריידער, איינריידער אָדער איבעריידער, האָבן פאַר זיך דעם, צו וועמען ער רעדט, וועמען ער רעדט איין און רעדט איבער, ער מוז שטיין נאָענט צו זיינע לעזער. און ס'איז אים

לייכט צו טון. ער פילט זיך ניט העכער פון זיי. ער איז ביין פון זייער ביין, פלייש פון זייער פלייש. צווייטנס, האָט ער ניט אין זיך אַליין זיין אינעווייניקסטע וועלט, וואָס וויל אַנטפּלעקט ווערן, ניט זיינע באַהאַלטענע פאַנטאַזיעס, וואָס זוכן אַ טיקן, נאָר ער וויל ברייגען נוצן דעם לעזער און אַמוזירן אים. ער איז, כ'האָב שוין פרי־ער געזאָגט, אַ געבאָרענער פּובליציסט. און זיין ציל איז ניט די שאַפונג פון נייע לעבנס אָדער לעבנס־טיפּן, נאָר די אויסבעסערונג פון דעם אַרומיקן טאָגטעגלעכן לעבנשטייגער. אַזאַ ציל האָט אויך געהאַט מענדעלע און אַפילו שאָלעם־אַלייכעם אין זיינע ערשטע ווערק. אָבער זיי זיינען פּאַקטיש געגאַנגען ווייטער פון זייער אויפקלע־רונג־ציל, וואָרום זיי זיינען געווען קונסט־מענטשן. ספּעקטאָר איז געווען אַ לעבנס־מענטש. און לעבן האָט געהייסן באַ אים דאָס מאַמאָשעסדיקע לעבן פון דעם נאָ־ענטן אַרום.

שפּעטער האָט ער זיך אויסגעלערנט אָפּצוטיילן דערציילונגען פון אַרטיקלען, אָבער אויך זיינע שפּעטערדיקע דערציילונגען זיינען, אין טאָך גענומען, בעלעטרי־סטישע זשורנאַליסטיק.

ווי אַן עכטער זשורנאַליסט, איז ער, פאַרשטייט זיך, געווען אַקטועל. האָבן אויס־געבראָכן פּאָגראָמען, האָט ער געשריבן וועגן פּאָגראָמען. האָט זיך אָנגעהויבן אַ כיבעס־ציען־באַוועגונג, האָט ער געשריבן זיין „אידישן מוזשיק", זיינע „דריי פאַר־שוין" א. ד. גל. זיין לעצטער ניט געענדיקטער ראָמאַן האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די געשעענישן אף אוקראַינע פון די לעצטע יאָרן. עס איז ניט געווען קימאַט אַיין אידישע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג אין די 70 און 80 יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, אף וועלכער ער זאָל זיך ניט האָבן אָפּגערופן מיט אַ ראָמאַן אָדער אַ דערציילונג.

דער הויפּט־אופטו זיינער באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט אַנטוויקלט די אַקטו־על־פּובליציסטישע בעלעטריסטיק, דעם געזעלשאַפטלעכן ראָמאַן און פאַרמערט די צאָל פון „בעסערע" אידישע לעזער. ער האָט פלאַכער און ברייטער געמאַכט דעם שטראָם פון דער אופקלערונג־ליטעראַטור: איז אים געלונגען אַריינצוציען אין אים אַ ברייטן אוילעם. וואָס עס האָט ניט געקאָנט אופטון מענדעלע מיט זיין טיפקייט, לינעצקי מיט זיין שאַרפקייט און דינעזאָן מיט זיין צאַרטקייט, האָט ער דערגרייכט מיט זיין פּאָשעטקייט. און ער האָט ווידער אַמאָל (ווי דיק אין די 50־ער און 60־ער יאָרן) פאַרייניקט „דאָס אנגענעמע מיט דאָס נוצלעכע". דאָס־איז געווען דאַן זייער אַ גרוי־סע זאַך. דער אידישער מאַסנלעזער איז אין די 70־ער יאָרן פאַרכאַפּט געוואָרן פון שאָמערן. עס זיינען געוואָרן צוויי שטריינג־אָפּגעטיילטע און קעגנערישע טענדענצן: „דאָס נוצלעכע" (מיט מענדעלען בעראָש) איז געוואָרן פאַר זיך אַ וועלט, און דאָס „אנגענעמע" (מיט דעם „העכסט־אינטערעסאַנטן" שאָמערן אין דער שפּיץ) איז גע־וואָרן ווידער אַ וועלט פאַר זיך. עס איז קלאָר געווען, אַז צוציען דעם אוילעם צו זיך וועט אַ אידישער שרייבער קאָנען נאָר מיט אַזוינע ווערק, וואָס זיינען „אנגענעם", ניט נאָר „נוצלעך", אַמוזירנדיק, ניט נאָר אופקלערעריש. דאָס איז ספּעקטאָרן קלאָר געווען פּונקט אַזוי ווי שאָלעם־אַלייכעמען. און אַזוי ווי ספּעקטאָר האָט ניט געהאַט די צוציאונג־קראַפט פון שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר, האָט ער נאָך מער געמוזט אָנקו־מען צו שאָמערס „העכסט־אינטערעסאַנטקייט" און ער האָט געשריבן ראָמאַנען און דערציילונגען, וועלכע האָבן פאַרשאַפט דעם לעזער פאַרגעניגן, ניט נאָר נוצן אַליין. ער האָט אינאיינעם מיט שאָלעם־אַלייכעמען געהאָלפן שאַפן אַ פּובליקום פאַר דער אידישער ליטעראַטור.

גאָר אַ באַזונדער פאַרדינסט האָט מ. ספּעקטאָר פאַר דעם אידישן פאָלקלאָר. נאָך א. מ. דיק איז ער געווען דער איינציקער עלטערער אידישער שרייבער (ביז פּערעצן), וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער אידישער פאָלקסשאַפונג. ניט נאָר אין זיינע ספּעציעלע פאָלקלאָריסטישע אַרבעטן, אין אַלע זיינע ווערק קאָן מען געפינען אָן אַ שיר עטנאָגראַפישן מאַטעריאַל *).

(זשורנאַל „די צוקונפט". ניו-יאָרק, 1925).

י. פיכמאַן.

ספּעקטאָר—דער פאָלקס־שרייבער.

ער איז געווען, ווי דינעזאָן, דער, מיט וועמען עס איז געווען פארבונדן אונזער קינדהייט, די קינדהייט פון אונזער ליטעראַטור, אן אייגענער, איינער פון דער גרויסער מישפּאָכע. מיר זיינען אזוי געוואוינט געוואָרן צו אים, ער האָט מיט זיין איינפאַך־קליינגנדיקן נאָמען באַגלייט אזויפיל דורעס אין אונזער ליטעראַטור און האָט אונטערגעשטופּט איר שווערן וואָגן אזוי געשמיידיק און אַזוי געטריי, אַז ער איז שוין נאָכדעם אליין דורך אים געטראָגן געוואָרן.

קיין קאַלטער צושויער איז ספּעקטאָר געוויס ניט געווען. אַ פאָלקס־שרייבער, פון וועלכער גרייס ער זאָל ניט זיין, איז שטענדיק אן אנטיילנעמער. ספּעקטאָר האָט אויך דערציילט, ווי אַ היימישער, ווי אן אייגענער, ווי איינער, וועלכן די זאַכן גייען נאָענט אָן. גלייכגילטיק בלייבן אזוינע ניט. זיין ליבע צום לעבן, אַ קינדעריש־עגאָאיסטישע, ווי באם דורכשניטלעכן קינסטלער, האָט אין אים ניט איבערגעפירט דאָס נאַטירלעכע געפיל פונם פאָלקס־מענטש. ער דערציילט וועגן זיינע העלדן — די איבערגעוואָקסענע מיידלעך, וואָס וואַרטן אומזיסט אף אַ ביסל גליק; די אָפּגעקומענע גווירים, וואָס לעבן מיט די זיכרוינעס פון אַמאָליקן גלאַנץ; די אָרעמע באַכערים, וואָס קוקן אַרויס אַף אַ קאָפּ יאַנטעוודיקע וואַרעמקייט. ער איז אָבער ניט געווען, ווי דינעזאָן, קיין מאָראַליסט, קיין ראַכמאָנעס־וועקער. ער דערציילט, ווייל אַלצדינג, וואָס פאַרכאַפּט, דאַרף דערציילט ווערן, קעדיי מיר זאָלן עס האָבן שטענדיק פאר די אויגן.

דערפאַר האָט ספּעקטאָר פאַרדינט ניט פאַרגעסן צו ווערן, ווייל דאָס ביסל, וואָס ס'וועט פאַרבלייבן פון דעם פיל אָנגעשריבענעם זיינעם, פאַרמאָגט די גליקלעכע אייגנשאַפט פון קינסטלערישער טמימעס, און איז אַ פּראָדוקט ניט פון ביליקע מויעך־גריבלעריי, נאָר פון האַרציקער שאַפונג־לוסטיקייט. ער האָט אונז געמאָלט דאָס

*) מאַכמעס מאַנגל אין געהעריקן מאַטעריאַל גיבן מיר דאָ בלויז ש. ניגערס אָפּשאַצונג פון ספּעקטאָרס שאַפן, כאָטש ניגער באַנוגנט זיך דאָ, ווי איבערהויפּט אין אַלע זיינע קריטישע ווערק, בלויז מיט אַ פאָרמעלן אַנאַליז און באַרירט אַבסאָלוט ניט די פראַגע וועגן דער קלאַסן-אידעאָלאָגיע, וואָס איז פאַרקערפּערט אין ספּעקטאָרס שאַפן.

וואָס אנבאלאנגט דער קלאַסן-אידעאָלאָגיע, וואָס איז פאַרקערפּערט אין ספּעקטאָרס ווערק, און וואָס דער אַווטאָר פּרוווט זי אַפילע צו פאַרמאַסקירן, קען מען זאָגן, אַז אין דעם פראַט האָט זיך ספּעקטאָר מיט גאָרנישט אונטערגעשיידט פון די איבעריקע אידישע שרייבער פון זיין עפּאָכע: ער איז געווען פאָלקיסטיש-קליינבירגערלעך.

ר ע ד אַ ק ט אָ ר.

נאָענטע, לאָמיר זאָגן אָפן — דאָס, וואָס ליגט פון אויבן. קיין גרויסן פּאַרנעם האָט ער אַוואַדע ניט געהאַט, — ער האָט אָבער אָפּגעשטעלט זיין אויג אַף דעם, מיט וועלכע עס לעבן די טויזנטער און די צען טויזנטער און געקענט זעען און מאכן זעען צומאָל גאַנצע שטיקער לעבן מיט אַן אומפּאַסנדיקן בליק און דערציילן מיט די איינפאַכסטע מיטלען אַזוי, אַז דאָס דערציילטע זאָל באַקומען זיין עכטן, זיין קינסטלערישן זין

(„ליט. בלעטער" 1925, № 51)

שאָלעם-אַלייכעם.

שילדערונג פון אידישן דאַלעס אין ספּעקטאָרס ראָמאַן „אניאים ווע־עוויונים".—מענדעלעס ווירקונג אַף ספּעקטאָרן*).

מיר מוזן אונז מוידע זיין, אז פונם ראָמאַן „אניאים ועוויונים" האָבן מיר ער־וואַרטעט אַסאַך מער, וויפל מיר האָבן אין אים געפונען, דען דער נאָמען „אניאים ועוויונים" האָט אונז געגעבן דאָס רעכט צו דיינקען, אז דאָ וועט אונז דער פאר־פאסער עפענען א נייע וועלט מיט קאַבצאָנים, מיט רייכע און אָרעמע קאַבצאָנים, מיט פארשיידענע קלאַסן אָרעמעלייט, מיטן גאַנצן אידישן פּראָלעטאַריאַט—מיט איינעם וואָרט, אז דאָס וועט זיין א ריכטיק בילד פונם איצטיקן אידישן דאַלעס, פונם היינט־מאָדישן דאַלעס.

גערעכנט האָבן מיר אַזוי דארום, ווייל אונז איז דערדאָזיקער יונגער שרייבער, דערדאָזיקער נייער זשאַרגאָניסט, מ. ספּעקטאָר באַקאַנט פאר אזא שרייבער, וואָס קאָן געבן נאַטירלעכע בילדער פון אידישן לעבן, ביפראַט נאָך אין אַזאַ בוך, וואו מע פארנעמט זיך מיט „אַניאים ועוויונים", קאָן מען זיין רעאַלנע ביזן סאָף, און מאָלן בילדער נאָר פונם לעבן אַליין, ניט פאַנטאַזירן.

נאָר ספּעקטאָר, ווי יעדער אָנפאַנגער, מאַכט שוין אַביסל צופיל געברויך פון דער פאַנטאַזיע, וועלכע טראָגט אים אף אירע פליגל אַזוי הויך, אַז עס הייבט אים אָן צו שווינדלען דער קאָפּ און ער זעט די בילדער מיט באזונדערע פאַרבן. די גאַנץ איינ־פאַכע אַש־גרויע פאַרבן שטעלן זיך אים פאָר פון דעם שטאַרקן זונען-גלאַנץ, וואָס עקזיסטירט דאָרט אין דער הויך, וואו די פאַנטאַזיע טראָגט אים אַרום, אַלס עכט ראָזאָווע, און די בילדער קומען אַרויס בא אים יאָנטעוודיק; יעדער געגנשטאַנד איז באשריבן מיט קעלבערנע היספּאַלעס, אַזוי ווי עס ווערן פאַרגעשטעלט אין די פּאַנאָ־ראַמעס די פּאַסטעכער אין זיידענע העמדלעך, לאַנג-געקרייזלטע בלאָנדע האָר, רויט־סאַפּיאַן שיכלעך מיט זילבערנע שנאַלן און א גאָלדן פייפל אין האַנט. שיין זיינען אַזעלכע בילדער, דאָס אויג פרייט זיך זעענדיק זיי; אָבער ווי וויט זיינען זיי פון עמעס!..

צום באַדויערן איז דאָס ויסטע, פינצטערע לעבן פון אָרעמעלייט ניט אזא אידיליע, ווי ס'קומט אויס בא ספּעקטאָרן. מיר האָבן געזעען דאָס „האָרבאַטע מיידל" בא אַב־ראַמאָוויטשן אין ביכל „פישקע דער קרומער" פונקט אזוי ווי עס דאַרף צו זיין. דאָס האָרבאַטע מיידל איז זייער א וואויל קינד, אַן אומגליקלעך באַשעפעניש מיט א צערט־לעך האַרץ, נאָר ס'איז ניט איבערגעכאַפּט די מאָס; בא אַבראַמאָוויטשן איז עס אָפּ־

*) מיר דרוקן דעמדאָזיקן אַרטיקל, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין 1888-טן יאָר, ווייל ער שילדערט זייער בוילעט יענע סוויווע פון די 80-ער יאָרן און איז גלייכצייטיק וויכטיק פאר דער כאַראַקטעריסטיק סיי פון מ. ספּעקטאָרן, סיי פון שאָלעם-אַלייכעמען. ד׳ צוזאַמענשטעלער.

געוואויגן און אָפּגעמאָסטן, קיין איבעריקס וואָרט, קיין איבעריקס שטריכל, נאָר אַזוי גראָדע, ווי דאָס געוויינלעכע לעבן קאָן אַרויסגעבן. ניט אַזוי שטריינג אָבער האָט זיך נויעג געוועזן ספעקטאָר אין זיין ראָמאַן „אַניאים וועוויונים". שיינדל, ראָכל און רייזעלע, דריי אָרעמע מיידלעך, וואָס גייען איבער די הייזער, פירן צווישן זיך אַפילו זייער קלוגע שמועסן וועגן דעם, וואָס די אידישע ווייכהערציקייט מיטן ראַכמאָנעס פּאַראַליזירן דעם געמיינעם קלאַס, און פון דעם ווערט נאָך מער טונעיאַדצעס, ליידיקגייערס, מעקאַבלים און שלעפּערס. נאָר דיזועלבע געדאַנקען, ווען דער פּראָפעסאָר זאָל זיי זאָגן פון זיך זעלבסט, וואָלטן זיי געוועזן נאָך קליגער. אָט האָט איר א מוסטער:

„ראָכל האָט אַרומגענומען שיינדלען און געקושט, רייזעלע, קוקנדיק אף זיי, האָט זיך צעוויינט.

— נו, איז דאָס ניט נאַריש, — האָט זיך ראָכל אָנגערופן, — בעטלען ברויט שעמסטו זיך ניט און בעטן א שטעלע שעמסטו זיך יאָ! איך וועל בעטן כאַווקען פאר אייךביידע, לאָז נאָר גאָט העלפן, זי זאָל קריגן פאר אונז אַלע דריי ערטער.

— נאָר מיר גייען זייער אָפּגעריסן. ווער וועט אונז צונעמען?

— וואָס האָט איר צו זאָרגן, מיר וועלן עס נאָכדעם זען.

— נאָר איך קען זיך ניט צעשיידן מיט רייזעלען: איך דאַרף מיט איר זיין שטענדיק צוזאַמען, אָדער כאָטש אין איין שטאָט.

— מיר וועלן אַלע דריי דינען אין איין שטאָט! — האָט זיי ראָכל געטרייסט, זיי זאָלן ניט אָנווערן די האָפענונג צו פאַרדינען זיך אַליין דאָס שטיקל ברויט.

אַזוי האָבן זיי צווישן זיך אָפּגערעדט, און זיך צעגאַנגען זייער צופרידן און מיט גוטע האָפענונג... ווי גליקלעך זיינען זיי געווען, ווען זיי זיינען אַרויסגעפאָרן פון דער טויטער גאַס! ראָכלען האָט זיך פאָרגעשטעלט אַסאַך גאָלדענע פּלאַנען, און שיינדעלע האָט זיך געפרייט"... („אניאים וועוויונים". ז. 103—102.)

לעזנדיק אַזעלכע שמועסן, וואָלט איר געקאָנט מיינען, אַז דאָס קומט פאַר צווישן דריי מאַמזעלן, צווישן קורסיסטקעס, וואָס שמועסן וועגן אייגענעם טרוד, וועגן זעלבשטענדיקייט, שיר, שיר וועגן עמאַנסיפּאַציע... ניט צווישן שלעפּערנס...

די באַאָבאַכטנדע לעזער האָבן געוויס באמערקט, אַז אינם ראָמאַן „אניאים וועוויונים" פון ספעקטאָר שיינען זיך אָפּ, ווי אין א שפּיגל, דיזועלבע טיפּן, וואָס מיר געפינען בא אַבראַמאָוויטשן: די אָרעמעלייט—קימאַט דיזועלבע „פּעכאָטע מיט דער קאוואלעריע", וואָס אין דעם ביכעלע „פישקע דער קרומער", דאָס פערדל, דאָס אומגליקלעכע פערדל, וואָס איר באַגעגנט אַזוי אָפט באַ אַבראַמאָוויטשן א. אז. וו. מיר ווילן כאָלילע ניט כוישעד זיין דעם ה. ספעקטאָר... עס קאָן זייער זיין, אַז ספעקטאָר האָט שרייבנדיק דעם „אניאים וועוויונים" נאָך גאָרניט געזעען דאָס ווערק פון אַבראַמאָוויטשן, מיר ווילן נאָר זאָגן דערמיט, אַז ס'טרעפט זיך אָפטמאָל, אז צווי פאַרשיידענע כאַזאָנים זינגען אף איין שטייגער, כאָטש אונזערע כאַכאָמים זאָגן, אז צוויי נעוויאים זאָגן ניט גלייך, מיט איין סיגנען, נעוויעס...

מאַיסטעריש איז איבערגעגעבן בא ספעקטאָרן אין ראָמאַן „אַניאים וועוויונים" די נעסיע פון איין עמיגראַציאָנס־אָרעמאַן פון דער שטאָט קישינעוו קיין אָדעס, וואָס האָט געדויערט ניט מער און ניט ווייניקער ווי זיבן יאָר!

נאָך שענער באשרייבט אונז ספעקטאָר אין זעלבן ראָמאַן די אינטריגעס, וואָס עס טוען זיך אָפּ צווישן די היימישע קאַבצאָנים, ווען עס פאַרבלאָנזעט צווישן זיי א פרעמדער שלעפּער.

(ביילאַגע צום „יורישן פאָלקסבלאַט" פאַר 1888 י.).

פראַגן און אופגאַבן.

1. די אידישע געזעלשאפטלעכע באוועגונגען אין די אַכציקער יאָרן לויט ספּעקטאָרס „דריי פאַרשוינען" און „דער אידישער מוזשיק".
2. ספּעקטאָרס באַלמעלאָכע-געשטאַלטן.
3. ספּעקטאָרס באַציאונג צו דער אידישער בורזשואַזער סוויווע לויט דעם „ראָמאַן אָן אַ נאָמען".
4. עלעמענטן פון זשורנאַליסטיק אין ספּעקטאָרס ווערק.
5. דער אַרבעט-אידעאַל לויטן „ראָמאַן אָן אַ נאָמען".
6. עלעמענטן פון סאַטירע אין „ר' טרייטל".

די וויכטיקסטע ווערק:

ראָמאַן אָן אַ נאָמען.
דער אידישער מוזשיק.
ר' טרייטל (ביילאגע צום „הויזפריינד", IV באַנד 1894).

VII. יכנה״ז (יאַקנעהאָז)

יכּנה״ז (י. נ. גאָלדבערג) 1927—1857.

(ביאָגראפיע).

1857 — געבאָרן אין מאהילנע־אפּן־ניעמאַן, מינ־סקער גוב. בא שטאַרק אָרעמע עלטערן. געלערנט אין יעשיוועס. געווען אַ באַל־מאגיע (איבערגעזעצט סייפערטוירעס). פיל זיך געוואַלגערט אין דער פרעמד, אַלס לערער און מעלאַמעד. פאַרבראַכט עטלעכע יאָר אין קיעוו און נאָכדעם אין פארשיידענע שטעטלעך פון קיעווער און פּאָלטאַווער גוב.

פאר זיין אַנטייל אין פארשיידענע „אַפּיקאָרסישע״ פאר יענער צייט אויסגאַבן, געמוזט פארלאָזן די קאָנדיציעס און זיך אומגעקערט צוריק אין דער ליטע.

1877—80 — געדרוקט זיינע ערשטע העברייאישע פעליעטאָנען.

1884—89 — געדרוקט זיינע אידישע ווערק אין „אידישן פאָלקס־בלאַט״ און אין ש. א. „אידישער פאָלקס־ביבליאָטעק״, שפּעטער זיך באַטייליקט אין אַלע אידישע פעריאָדישע אויסגאַבן.

1927 — געשטאָרבן אין מינסק.

אַווראָם רייזען.

שטריכן פון יכּנה״זס ליטעראַרישער פּערזענלעכקייט.

יכּנה״ז האָט אין זיין קינדהייט, בא זיינע אָרעמע עלטערן אינדערהיים, געשריבן מיט שוואַרצע קוילן אף די ווענט פון שטוב, אף סטרוזשקעס, און שפּעטער שוין אף פּאַפּיר, האָט ער אָבער קיין טינט ניט געקאָנט זיך דערלויבן צו קויפן — און טינט האָט ער אליין געמאַכט פון סאַזשע; אַז ער האָט בא זיינע אָרעמע עלטערן קיין שטאָלענע פעדער ניט געקאָנט קויפן און אַפילע שפּעטער־צו געשריבן מיט אַ גענזענע פעדער — איז איבעריק צו דערציילן...

ווען ער איז געווען לערער אין קאַדענאָוו, האָט ער שוין פון דאַכקעס ניט געוואוסט, ער איז שוין דאַן געווען שיר ניט אַ פאַרמעגלעכער...

איידער ער איז געוואָרן באַקאַנט אַלס שרייבער, איז ער געווען אַ באַל־מאַגיע אַף סייפערטוירעס, האָט אַרומגעוואַנדערט אין פאַרשיידענע שטעטלעך אין ליטע, שפּעטער אַזש אין אוקראַינע, געווען אין קיעוו און אין די אַרומיקע שטעטלעך, און אין דערזועלבער צייט געשריבן פאַרן „המליץ" און „פאָלקס־בלאַט" און אויך פאַר שאָלעם־אַלייכעמס ערשטע „אידישע פאָלקס־ביבליאָטעק". איבערהויפּט האָט יכנה"ז דאַן זיך אַ נאָמען געמאַכט מיט דער סעריע „בריוו פון ליטע קיין אַמעריקע", אין וועלכער ער האָט קלוימערשט דורך בריוו, וואָס אַ מאָהילנער יונגערמאַן, אַ מאַסקיל, שרייבט צו זיינעם אַ כאַווער אין אַמעריקע — אין אַ לייכטן און גוטמוטיקן הומאָר געשילדערט דאָס לעבן פון שטעטעלע מיט אַלע אירע ליידן און פריידן, מיט אַלע אירע טראַגישע און קאָמישע זייטן... דידאַזיקע סעריע האָט ער געשריבן בלויז אין אידיש. ביכלאַל איז יכנה"זס קויעך געלעגן מער אין אידיש, ווי אין העברייאיש, כאָטש די ערשטע צייט איז ער געווען מער באַקאַנט אַלס העברייאישער שריפט־שטעלער. אַן עכטער פאָלקס־קינסטלער, האָט ער אין העברייאיש זיך געפילט גע־איינגט. אַ קינסטלער מיט אַ געבוירענעם כוש פאַר הומאָר, האָט ער ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו געפינען די פּאַסיקע ווערטער און אויסדריקן אין דער אַלטער ביבל־שפּראַך. זיין הומאָר אין העברייאיש האָט ער אויסגעדריקט אין פאַראַדירן פּסוקים פון טאַנאַך אזוי, אַז זיינע העלדן, וואָס זיינען דאָס ראָוו גענומען פון דער טיפּעניש פון די פאָלקס־מאַסן, האָבן גערעדט מיט דער שפּראַך פון אַ מוישע, אַ יעשאַיאָהו, יעכעזקל און אַן אָמוס אזוי, אַז אַנשטאָט הומאָר, האָט זיך אָפטמאָל באַקומען דער איינדרוק פון אומנאַטירלעכקייט און אַמאָל אפילע פון באַטלאָנעס... אויב אַפילע די מאָטיוון פאַר זיינע דערציילונגען האָט ער גענומען פון לעבן... האַגאַם אויך אין פילע פון זיינע העברייאישע דערציילונגען האָט אים, טראָץ די שוואַכקייט זיינע צו פּסוקים, געלונגען צו געבן גאַנצע טיפּן און סיטואַציעס פון אידישן פאָלקס־לעבן.

מיט זיין עמעסן טאַלאַנט, איבערהויפּט זיין הומאָר, האָט ער זיך אָבער נאָר אַרויסגעוויזן אין זיינע אידישע דערציילונגען און בילדער. ווי איצט גערדיינק איך דעם איינדרוק, וואָס עס האָט שוין שפּעטער, ווען דער „יוד" איז שוין דערשינען און איך בין שוין געווען אין וואַרשע — דעם איינדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט זיין ערשטע דערציילונג, וואָס ער האָט אריינגעשיקט צו דר. יאָסעף לוריע.

דר. י. לוריע, וואָס האָט געהאַט די אַמביציע צו דרוקן אין „יוד" בלויז פון אַנערקענטע און פון נייע, מאָדערנע שרייבער, האָט, באַקומענדיק די ערשטע דערציי־לונג פון יכנה"זן, זיך אַזש פאַרשעמט... ער האָט די דערציילונג מיט אַ ביטל־שמייכל געוויזן באַל־מאַכשאָוועסן, ווי איינער זאָגט: ווער וועט אים דרוקן?...

באַל־מאַכשאָוועס אָבער, וואָס האָט געהאַט אַ באַזונדער כוש פאַר פאָלקסטימלעכן שאַפן, האָט די דערציילונג גלייך געראַטן צו דרוקן — ער איז געווען פון איר נטציקט.

און ווירקלעך האָט די דערציילונג „אַ פאָר פאָלק" זיך אויסגעצייכנט מיט שטאַר־קער אָריגינאַליטעט און שיינעם איינפאַל; עס איז געווען פון צוויי אַלטע לייט, איינזאַמע, עלנטע, וואָס לעבן אין איין דירע. איינער פון זיי איז די באַלעבאָסטע, די ווייב, הייסט עס, און דער צווייטער, דער באַלעבאָס — דער מאַן. די דערציילונג האָט פאַרמאָגט פיל קאָמיזם און עכטן געזונטן הומאָר.

נאָך דער דערציילונג איז שוין יכנה"זן געלונגען צו פאַרעפנטלעכן אַנדערע דערציילונגען אין „יוד", און ער האָט זיך אַף אַזאַ אויפן אַלץ מער דערנעענטערט צו דער אידישער ליטעראַטור און צו די אידישע לעזער. שפּעטער שוין איז ער

געווען ניט קיין זעלטענער גאַסט אין די טעגלעכע צייטונגען: „דער פריינד", „מאָמענט" און אַפילע שוין אין דער היינטיקער צייט — אין די אידישע צייטונגען אין ראַטנפאַרבאַנד, אין „אָקטיאבר", אין „עמעס" און אויך אין דער ניו־יאָרקער „פרייהייט".

און דאָ ווילן מיר עפּעס באַמערקן:

פאר פילע, איבערהויפּט עלטערע לעזער, איז געווען אַ וואונדער, וואָס יכנה"ז איז אַ מיטאַרבעטער אין אַזוינע פאר אים פרעמדע צייטונגען, ווי דער „עמעס", צי די היגע „פרייהייט". אין דער עמעסן אָבער איז יכנה"ז ניט געווען געצוואונגען דערצו. אָט דער יכנה"ז דער אַמאָליקער באַל־מאגיע פון סייפערטוירעס, און וואָס שפּעטער אפילע אלס שרייבער, האָט ער אויך געהאַלטן אידישן שטאט, האָט דאָך געהאַט אין ווינקעלע פון זיין האַרצן אַן אַכטונג, אויב ניט קיין ליבע, פאר אלץ, וואָס איז ניי, יונג און איבערהויפּט גערעכטיק... ווען ער איז אפילע געווען אויך אַ העברייאישער שרייבער, איז ער קיינמאָל ניט געווען קיין פאַרברענטער העברייאיסט. אַוואדע האָט ער העברייאיש ליב געהאַט, אָבער קיין פאַנאַטיקער איז ער פון העברייאיש ניט געווען, און אַלס קינסטלער האָט ער געגעבן דעם פאָרצוג צו אידיש...

„אין אידיש לעבט עס!" — פלעגט ער מיר אַמאָל זאָגן, ווען איך פלעג אים, קומענדיק צו גאַסט פון וואַרשע, באזוכן שוין אין מינסק, וואו ער האָט דאָרט געוואוינט פון 1891 י. און איז דאָרט געווען אַ העברייאישער לערער.

(„פרייהייט", ניו־יאָרק 1927 י.).

א. גורשטיין.

יכנה"ז און די אידישע ליטעראַטור פון די 80־ער יאָרן. — יכנה"ז — דער שילדערער פון טאָגטעגלעכן לעבנשטייגער.

דאָס איז געווען אין אלגעמיין אַ שרייבער פון ניט קיין גרויסן דיאפּאזאָן, אָבער די גאַנצע שרייבערישע פּערזענלעכקייט זיינע איז געווען ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאר זיין צייט. דאָס איז געווען אַ מין איבערבלייב פון דעם אַלטן „אַמאָל", אַ מין „זייכער לעדוירעס", אָנגעהויבן פון זיין פּסעוודאָנים — דעם באַלעבאַטיש־יעשיוועשע באָכערישן „יכנה"ז" און געענדיקט מיטן באריידעווודיקן, באַריכעסדיקן שטייגער צו דערציילן אלץ, ווי דאָס „שטייט און גייט".

דער מאַמעש לעגענדאַרער דאַלעס פון דעם אַמאָליקן אידישן קליינשטעטל, וואָס האָט געפונען אַן אומשטערבלעכע פאַרקערפּערונג אין מענדעלעס שאַפן, דערדאָזיקער דאַלעס האָט אויסגעהאָדעוועט און אויסגעכאָוועט יכנה"זס קינדערשע יאָרן און שפּעטער — דורך יאָרן פון וואַנדלען — אַ ריי עכט־„אידישע" פאַרנאָסעס: יעשיוועבאָכערישע טעג, באַרימטקייט פון אַ סייפערטוירעס־מאגיע, מעלאַמדעס, און דורך דעם אַלעמען אַ אינסטינקטיוו שטרעבן צום „שרייבן" און באשרייבן, אַן אומבאַזיגבאַרע נויטווענדיקייט קומען צום וואָרט.

ווען מיר דערנעענטערן זיך צום אָנהייב פון זיין ליטעראַרישער אַרבעט, צו די אַכציקער יאָרן, ווען ער האָט זיך געדרוקט אין „אידישן פאָלקס־בלאַט", אין שאָלעם־אַלייכעמס „אידישער פאָלקס־ביבליאָטעק" און אז. וו., דאַן זעען מיר אין יכנה"זן אַ שרייבער, וואָס איז בעפּיירעש געשטאנען אף דעם דורכשניטלעכן שרייבערישן

ניוואָ פון זיין צייט. אָט לייענען מיר, לעמאָשל, די „בריוו קיין אַמעריקע", וואָס יכנה"ז האָט אָפּגעדרוקט אין ערשטן באַנד שאָלעם-אַלייכעמס „אידישע פאָלקס-ביבליאָטעק", און מיר געפינען דאָרט באַזונדערע שטריכן, וואָס האָבן באַקומען זייער געאוויניִשע אַנטוויקלונג ערשט אין די שפּעטערדיקע נאָוועלן פון שאָלעם-אַלייכעמען...

דערמיט, אייגנטלעך, מיט דער אַנטפּלעקונג פון שאָלעם-אַלייכעמס קינסטלערישן ווען, האָט זיך שוין פאַרענדיקט דער שרייבערישער וועג פון יכנה"זן און פון אלע אַנדערע „קלענערע געטער" אין דער אידישער ליטעראַטור פון יענער צייט. ווייל שאָלעם-אַלייכעם האָט פאַרוואַנדלט אין אַ קינסטלערישער קאַטעגאָריע דאָס, וואָס עס האָט בא דידאַזיקע שרייבער טמימעסדיק געשפּראָצט פון זייערע אייגענע שורעס; זיי, דידאָזיקע שרייבער, האָבן ניט געהאַט קיין קינסטלערישע צוואַנג-מאַכט איבער זיך און זייערע העלדן: ניט זיי האָבן געצוואונגעןריידן זייערע העלדן, נאָר אין זיי גופא האָט גערעדט דער אַלטגעזעסענער טוישעוו פון דער שפּעטערדיקער שאָלעם-אַלייכעמשער קאַסרילעווקע.

אָבער ווי דאָס זאָל ניט זיין, געפינען מיר אין יכנה"זס דערציילונגען און פעליעטאָנען (און אַזוינע האָט ער אַ וועלט. ער פלעגט זיך באַרימען, אז ער האָט אָנגעשריבן מער פאר טשעכאָוון!) אַ טרייע שילדערונג פון דעם טאָגטעגלעכן לעבנ-שטייגער הויפּטזאכלעך פון יענע אידישע שיכטן (קליינהענדלער, באַלמעלאָכעס א. אַז. וו.), וואָס שטייען אַלעמאָל באם ראנד פון צוויי קעגנזעצלעכע קלאַסן... מיר זיינען גע-וואוינט צו באַצייכענען אזוינע שיכטן, ווי קליינבירגערטום, אָבער מיר דאַכט, אַז דידאָזיקע באצייכענונג איז צו ברייט און צעשוואומען, באַזונדערס פאר די אידישע באַדינגונגען פון די לעצטע יאָרצענדליקער פונם פאָריקן יאָרהונדערט (איך מיין דאָ, פאַרשטייט זיך, נאָר דאָס קליינשטעטל, ניט די גאַנצע אידישע עקאָנאָמיק). עס האַנדלט זיך דאָ ניט בלויז וועגן קליינבירגערטום אלס אַזעלכן, עס האַנדלט זיך דאָ בעפּיירעש עפּעס וועגן אַ מין „לומפּן-בורזשואַזיע", — זאָל מיר נאָר דערלויבט ווערן דערדאָזיקער אויסדרוק, ווייל קיין אנדער באַצייכענונג איז ניט צו געפינען פאר דעם מאַסשטאַב פון דעם גאַנצן סאָציאַלן ווידעראַנאַנד, וואָס לעבט אוף אין יכנה"זס פּריאיקע ווערק, ווי, לעמאָשל, אין די אָנגערופענע „בריוו קיין אַמעריקע"...

גופא דאָס אָרט, וואו עס קומט פאָר די האַנדלונג, די ליטווישע „טעראכאווקע" (אַלץ מעקוימעס אַרום מענדעלעס באַרימטער קאַפּוליע) מיט איר „גראַנדיעזן" אינער-לעכן און אויסערלעכן מאַרק-אָפּזאַץ! נאָר דאָ האָט זיך געקאָנט באשאפן אַזאַ אויסטערלישער קיבעץ, ווי „קאָהאָל" מיט דעם גאַנצן קאָהאָלשן קלאַפּערגעצייג, מיט דעם „סטאַרשינאַ", מיט דעם „רענדאר", מיט דעם מעלאַמעד און קלייקוידעש, מיט דעם באַלמעלאָכע, מיט די „באַלמעלאָכע-יונגען", וואָס „עפּאטירן" (שרעקן מיט זייערע מאיסים) די קאָהאָלשע „בורזשואַזיע". פאר די אלע פּערסאָנאַזשן האָט דער פאַרשטאָרבענער יכנה"ז געהאַט אַ כוש, און ער האָט זיי טריי געשילדערט אף זיין פאָשעטן באריידעוודיקן שטייגער, איבערגעפלאָכטן מיט דעם ליטווישן ניט-בויגעוודיקן, עטוואָס יעשיוועבאָכערישן הומאָר... ער האָט אויך אף זיין אויפן באַ-צייכנט יענע סאָציאַלע ענדערונגען, וואָס האָבן געבראָכן דעם אַלטן סאָציאַלן ביניען, ווי „אַמעריקאַ" (ד. ה. די עמיגראַציע) א. אַז. וו. עס איז געווען אַ צייט, ווען דער פאַרשטאָרבענער שרייבער איז געווען גאַנץ פּאָפּולער, יכנה"ז איז געווען באַזונ-דערס פּאָפּולער בא דעם קליינבירגערלעכן לייענער פון דער אידישער (און העברייִ-אישער) טאָג-פּרעסע, אָבער אין די אַכציקער און אָנהייב ניינציקער יאָרן איז זיין נאָמען געווים געווען „צו לייטן גליך" צווישן די נעמען פון די דעמאָלטיקע אידישע

שרייבער. יעדנפאַלס, ווען שאָלעם־אליכעם באַשרייבט אין זיין פּאָעמע „פּראָגרעס ציווי־ליזאַציע״ *) דאָס דעמאָלטיקע אידישע שרייבער־וועלטל, פאַרגעסט ער גאָר, לעמאָשל, וועגן אזאַ איינעם, ווי פּערעץ, וואָס האָט שוין צו יענער צייט געהאט אי „מאָנישן״, אי אַ גאַנצע ריי פּראָזאַישע ווערק, אָבער יכנה״זן געדיינקט שאָלעם־אליכעס צו דערמאָנען:

„...האַרקאווי, ספּעקטאָר, בעקערמאַן, גאָרדאָן און יכנה״ז״.

(זשורנאַל „רויטע וועלט״, 1927).

פראַגן און אויפגאַבן.

1. דער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון קליינעם שטעטל אין די 80-ער יאָרן לויט יכנה״זס „בריוו קיין אמעריקע״.
2. פאַרגלייכט דעם סטיל אין שאָלעם-אליי‏כעמס „מענאַכעם-מענדל״ און יכנה״זס „בריוו קיין אַמעריקע״.
3. דער אונטערשייד צווישן וואָלינער און ליטווישן דיאַלעקט.

---

*) אָפּגעדרוקט אין זיין „קול מבשר צו דער „יודישער פּאָלקס-ביבליאָטעק״, אָדעס 1892.

VIII. שאָלעם-אלייכעם

שאָלעם־אלייכעם (ש. ראַבינאָוויטש) 1916 — 1859.

(ביאָגראַפיע).

1859 — געבוירן אין פּערעיאַסלעוו פּאָלטאַווער גובערניע, דאָס דריטע קינד פון מענאכעם־נאָכעם ראַבינאָוויטש. קינדורייס געלערנט אין כאדאָרים.

1873—1876 — אריינגעטראָטן אין דער פּערעיאַס־לעווער רוסישער קרייזשול, געווען פאַרעכנט צווישן די בעסטע טאַלמידים, באַקומען אַ סטיפּענדיע. נאָכן ענדיקן די קרייזשול אין 1876 י. געגעבן אַ קורצע צייט פּריוואַטע לעקציעס אף רוסיש אין פּערעיאַסלעוו און אַנד. ארומיקע שטעט.

1877—1879 — געווען איינגעלאדן, אלס לערער, צו די לאָיעווס (זיין צוקונפטיקער שווער) אין הויז אין גוט סאָפּיעווקע, קיעוו. גוב.

1879 — אָפּגעדרוקט אין „הצפירה" זיין ערשטע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס ער האָט געשריבן פון פּערעיאַסלעוו.

1880—1882 — געווען ראַבינער אין לובען, פּאָלטאַווער גוב. געדרוקט עטלעכע העברייאישע מאַמאָרים אין „המליץ".

1883 — אָפּגעדרוקט אין פּעטערבורגער „איד. פּאָלקס־בלאַט" זיין ערשטע דער־ציילונג אף אידיש „צוויי שטיינער", סקיצן: „די וויבאָרעס", „די איבערגעכאַפּטע בריוו אף דער פּאָסט", „וואו איז אונזער קאַפּיטאַן?" (ליד).

1884 — וואוינט אין בעלאַצערקאָוו, אַ קורצע צייט געווען אף אַ שטעלע, אָפּגע־דרוקט אין „איד. פּאָלקס־בלאַט" די דערציילונגען „נאַטאַשאַ", „העכער און נידעריקער", אַ גאַנצע ריי פעליעטאָנען, סקיצן, אַרטיקלען אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען. אָפּגעדרוקט אין „יעווריסקאָיע אָבאָזרעניע" אַ דערציילונג אַף רוסיש „Мечтатели".

1885—1886—1887 — נאָכן טויט פון זיין רייכן שווער לאָיעוו געוואָרן אָפּעקון איבער זיין יערושע, ליקווידירט די פּאָסעסיעס, ווייניק געשריבן. 87—86 געדרוקט אין „איד. פּאָלקס־בלאַט" „די וועלטרייזע" (שפּעטער באַאַרבעט און אָנגערופן „דער ערשטער אַרויספאָר"), „קינדערשפּיל", פאַרשידענע פעליעטאָנען. אין 1887 איבערגעפאָרן פון בעלאַצערקאָוו קיין קיעוו. געעפנט אין קיעוו אַ קאָנטאָר, געפירט גרויסע געשעפטן. אָפּגעדרוקט אין „איד. פּאָלקס־בלאַט" די דערציילונג „דאָס מעסערל", אַ גאַנצע ריי פעליעטאָנען, בילדער, לידער.

1888 — געשטאָרבן אין קיעוו זיין פאָטער נאָכעם ראַבינאָוויטש. צום אנדיינק פונם פאָטער אָפּגעדרוקט אַ באַזונדער ביכל „דאָס בינטל בלומען" (שפּעטער „בלומען", אַביסל פאַרקירצט), אין דעמזעלבן יאָר אָפּגעדרוקט אין „איד. פאָלקס־בלאַט" „רעב סענדער בלאַנק און זיין פילגעשעצטע פאַמיליע" (שפּעטער באַאַרבעט און אָנגערופן „סענדער בלאַנק און זיין געזינדל"). געדרוקט אַ גאַנצע ריי דערציילונגען. אַרויסגעלאָזט אין אַ באַזונדער ביכל „שאָמערס מישפּעט". אַרויסגעגעבן דעם ערשטן באַנד „איד. פאָלקס־ביבליאָטעק", וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט, צווישן די ווערק פון פיל אנדערע שרייבער, זיין ראָמאַן „סטעמפּעניו". דאָס ערשטע מאָל געקומען אף עטלעכע טעג קיין אָדעס, וואו ער האָט זיך באַקענט מיט י. כ. ראַווניצקין, בא אַ צווייטן באַזוך אין אָדעס — זיך באַקאַנט מיט מענדעלען, בען־אַמי און אַנד. שרייבער.

1890 — אַרויסגעלאָזט דעם 2־טן באַנד „איד. פאָלקס־ביבליאָטעק", דאָרט אָפּגעדרוקט דעם ראָמאַן „יאָסעלע סאָלאָוויי" און אַנד. דאָס יאָר פאַרלאָרן זיין גרויס פאַרמעגן, באַנקראָטירט. אַליין אַוועק קיין אויסלאַנד, די פאַמיליע איז אריבערגעפאָרן פון קיעוו קיין אָדעס.

1891 — געקומען צוריק פון אויסלאַנד צו זיין פאַמיליע אין אָדעס, פארשפּילט אף דער בירזע זיין רעשט פאַרמעגן, מיטגעאַרבעט אין „Одесский Листок", אָפּגעדרוקט אַ נאָוועלע אין „Восход".

1892 — אַרויסגעגעבן דעם „קויל־מעוואַסער צו דער אידישער פאָלקס־ביבליאָטעק" (אינגאַנצן געשריבן פון ש. אל.), אין וועלכן ס'זיינען געדרוקט: „לאָנדאָן" — די ערשטע סעריע בריוו פון מענאַכעם־מענדל און שיינע־שיינדל און אַנד.

1893 — אַריבערגעפאָרן צוריק קיין קיעוו, וואו ער האָט זיך אָפּגעגעבן ביז צום יאָר 1899 אינגאַנצן מיט מיסכער און מעקלעריי אף דער בירזע און ארום דער צוקער־פאַבריקאַציע.

1894 — געדרוקט אין אַ באַזונדער ביכל זיין פיראַקטיקע קאָמעדיע „יכנהז", אַ סאַטירע אף די קיעווער סאָכרים. די צענזור האָט דאָס ביכל קאָנפיסקירט.

1895 — געשריבן פארן „הויז־פריינד" די צווייטע סעריע מענאַכעם־מענדלס בריוו „פאַפּירלעך", אף העברייאיש פארן „פּרדס" — „דון קישוט ממאַזעפּעווקע".

1897 — געדרוקט דורכן פארלאַג „אחיאסף" אין וואַרשע די בראָשור „דער אידישער קאָנגרעס אין באַזעל".

1898 — געדרוקט דורכן פאַרלאַג „אחיאסף" צוויי ציאָניסטישע בראָשורן און די דערציילונג „מאָשיעכס ציטן".

1899 — מיטן דערשיינען פון „יוד" זיך גענומען פלייסיק פאר דער פען. אָפּגעדרוקט אין „יוד": „אַ בוידעם" און „הײנטיקע קינדער", דעם איינאַקטער „מאַזל־טאָוו", „מיליאָנען" פון מענאַכעם־מענדלס בריוו און אַנד.

1900 — אָפּגעדרוקט אין „יוד" „דער זייגער", „די פאָן" און אַנד.

1901 — געדרוקט אין „יוד": „שלים־שלימאַזל" און אַנדערע פון מענאַכעם־מענדלס בריוו, דערציילונגען: „דאָס טעפּל", „באַם קעניג אַכאַשווירעש", „ראַבטשיק" און אַנד. אָנגעהויבן דרוקן די סעריע „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האַסאָגעס".

1902 — געדרוקט אין „יוד" און אַנדערע וואָכנבלעטער אַ ריי נייע זאַכן פון די „קליינע מענטשעלעך" און אַנד.

1903 — מיטגעאַרבעט אין „אידישע פאָלקס־צייטונג", אין די צייטונגען „דער פריינד", „דער טאָג". געדרוקט דריי אַקטן פון „צעזייט און צעשפּרייט", דעם ראָמאַן „מאָשקעלע גאַנעוו" און אייניקע דערציילונגען און פעליעטאָנען.

1904 — געסטאַרעט זיך צו באקומען אַ דערלויבעניש אף אן אייגענער טעגלעכער ציימונג. באקענט זיך אין פעטערבורג מיט מאַקסים גאָרקי און אנדערע רוסישע שרייבער, אין וואַרשע זיך געטראָפן צום ערשטן מאָל מיט י. ל. פּערעץ. אָפּגעדרוקט „האָדל" און אַ ריי אַנדערע דערציילונגען.

1905 — אָפּגעדרוקט אין דער וואַרשעווער ציימונג „דער וועג" די דערציילונג „יויסעף", „שמוליק" און אנדערע. אין אָקטיאבער איבערגעלעבט די שרעקן פון קיעווער פּאָגראָם, באַשלאָסן צו עמיגרירן קיין אַמעריקע און אין דעקאַבר אריבער די רוסישע גרענעץ.

1906 — געוואוינט אין לעמבערג, זשענעווע, לאָנדאָן, צום סאָף — ניו־יאָרק. געדרוקט אין ווילנער טאָגבלאַט „צייט" „כּאַוע" און אנדערע דערציילונגען.

1907 — ניט געקאָנט זיך איינלעבן אין אַמעריקע און צוריק געקומען קיין זשענעווע. געדרוקט אין פארשיידענע צייטשריפטן דעם ראָמאַן „דער מאַבל", אַ ריי דערציילונגען און די ערשטע סעריע פון „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס".

1908 — געפייערט דעם 25 יאָריקן ליטעראַרישן יובילײ, געדרוקט דעם העמשעך פון „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס", דעם איינאַקטער „מענטשן" און אנדערע.

1909 — געדרוקט דעם אָנהייב פונם ראָמאַן „בלאָנזנדע שטערן", אַ „בלעטל שיר־האַשירים" און אַנד.

1910—1914 — געדרוקט אַ ריי קלענערע ווערק און ראָמאַנען („בלאָנזנדע שטערן" „בלוטיקער שפּאַס"). זומער 1914 געקומען קיין רוסלאַנד נאָך אן אָפּשייד פון זעקסט־האַלבן יאָר, מיט גרויס ליבשאַפט און קאָוועד אופגענומען געוואָרן אין אלע גרויסע און קלענערע שטעט, וואו ער איז ארויסגעטראָטן מיט פּאָרלעזונגען. נאָכדעם צוריק געפאָרן קיין אויסלאַנד און מיטן אָנהייב פונם וועלט־קריג אריבער קיין אַמעריקע.

1915 — אָנגעשריבן זיין צאַוואָע, געדרוקט „פונם יאַריד", ערשטער און צווייטער טייל, אָנגעשריבן די קאָמעדיע „דאָס גרויסע געווינס" און אַנד.

1916 — דעם 13־טן מאַי — געשטאָרבן.

דעם אָרן האָבן איבער די אידישע קוואַרטאַלן פון ניו־יאָרק באַגלייט הונדערטער טויזנטער מענטשן.

מ. ליטוואַקאָוו.

די גרונט־שטריכן פון שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן. — שאָלעם־אַלייכעמס לירישער הומאָר. — דער אויסערלעכער אַנעקדאָט און דער לירישער גראָטעסק בּאַ שאָלעם־אַלייכעמען.

אומגעריכט איז שאָלעם־אַלייכעם אַריין אין דער אידישער ליטעראַטור, און טייקעף נאָך זיין ערשטן כּאַווערשן „גוט־מאָרגן" איז ער געוואָרן איינער פון אירע באַגייסטערטע באַשעפער, איר אינטימער פריינט, איר בעסטער טרייסט, איר ליכטיקע פרייד און באַהאַלטענער טרויער. נעמט איר אין האַנט וואָסער ס'זאָל ניט זיין שאָלעם־אַלייכעמס אַ ווערק — און גלייך דערפילט איר זיך שוין אין „גוף הענין", אין סאַמע קאָך פון אידישן לעבן, וועלכעס איז אַזוי פּאַרוויקלט דורך אַ יערושע פון דורעס און איז דאָך אַזוי צאַפּלדיק אַקטועל. די פאַנטאַסטיק פון די אידישע פּאַרנאָסעס אין אן עפּאָכע, ווען ס'האָט אָנגעהויבן פאַלן דער פּאַטריארכאַליש־קליינשטעטלדיקער

לעבנס־סיידער; די עקזאָטישקייט פון אַ קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועלכעס באַ־פרייט זיך דורך גרויסע יעסורים פון די פּענטעס פונם בעסמעדרעשדיקן מיטלאַל־טער; די קאָנוואולסיוויקייט פון די פאַרשיידנאַרטיקע אידישע נעטיעס, וועלכע שטויסן זיך אָן אומעטום אַף אומבאַזיגלעכע שטערונגען אין דער פאָרם פון אומצאָליקע ציר־קולארן און דערקלערונגען; דער דאָרשט נאָך טוישעוויקייט און די טאַיווע צו וואַנ־דערן; דער כיישעק צום הימל און די צוגעשמידקייט צו דער ערד; די גליענדיקע באַ־דערפעניש אין פרייד און דער קימאַט סאַדיסטישער נאַכעס פון ליידן,— אָט די אַלע מעשונעדיקע שטריכן פונם אידישן לעבן און פון דער אידישער פּסיכיק שפּיגלען זיך אָפּ, ווי אַ וועלט אין אַ טראָפּן וואַסער, אין יעדן ווערק קימאַט פון שאָלעם־אַלייכע־מען. נאָר שאָלעם־אַלייכעם איז קוילעט דאָס פון אים געמאָלטע לעבן, ווי אַ כאַווער און אַ שוטעף פון זיינע אייגענע פּערסאָנאַזשן, גלייך ווי ער אַליין וואָלט מיטווירקן דעם אנטשטיין פון די געשילדערטע לאַגעס און ער גופע וואָלט זיין איינער פון זייערע ערשטע קאָרבאָנעס... דערפאַר געפינט ער שטענדיק אַזעלכע, דאַכט זיך, איינ־פאַכע און געוויינלעכע, אָבער אין דערזעלבער צייט אַזעלכע לויט זייער קינסטלערי־שער דורכדרינגלעכקייט טיפע ווערטער, דערפאַר ווערן זיינע פּערסאָנאַזשן, ניט גע־קוקט אַף זייער אָפּטמאָל אונטערגעשטריכענער אנעקדאָטישקייט, אָפּט פאַרוואַנדלט אין קימאַט סימוואָלישע פיגורן...

די גרונט־שטריכן פון שאָלעם־אַלייכעמס דיכטונג זיינען טרוימעריי און סקעפּסיס, וואָס פון זייער אייגנאַרטיקער באַהעפטונג קומט אַרויס די לירישע איראָניע, דער ליריש־אידישער הומאָר. די טרוימעריי גיט צו דעם סקעפּסיס אַ האָפענונגפולן כאַ־ראַקטער, זי לאָזט אָפן די טיר פאַר דעם אייביקן: „טאָמער יאָ?". דער סקעפּסיס פירט אַראָפּ דעם „אָפן הימל אַ יאריד" אַף דער ערד און פאַרוואַנדלט דאָס מאַמאָ־שעסדיקע לעבן אַליין אין אַ טרוים, אין אַ פראַגע־צייכן. אָט דאָס כאָלעמען, וואָס באַפליגלט מיט האָפענונגען דעם צווייפל, אָט דער צווייפל, וואָס איז גרייט צו לייי־קענען בעשאַס־מאַיסע אין די כאַלוימעס, גיבן אין זייער זיווע די טיפע איינפאַכ־קייט, דאָס עלעמענטאַרע, וואָס ווערט אָפט געאויניש. זיי טוען אויס די נעשאָמע פון אירע געיארשנטע סאָציאַל־קולטורעלע שיכטן און ווייזן זי אַרויס אין איר לעכאַט־כילע־פאָרם פון מאַיסע־בערייִשים.

שאָלעם־אַלייכעמס ליריק, זיין לירישער הומאָר, אַנטפּלעקט דאָס עלעמענטאַרע אין דער אידישער פּסיכיק. עמעס, דאָס איז די פּסיכיק פון באַשטימטע אידישע שיכטן אין אַ באַשטימטער היסטאָרישער עפּאָכע,— אָבער אים האָט זיך איינגעגעבן צו דער־גיין ביזן יעסאָד, צו אַנטדעקן אונזער פּסיכישן סקעלעט. די אייגנאַרטיקע באַהעפ־טונג פון טרוימעריי און סקעפּסיס אין זיין לירישער דיכטונג האָבן באַשאַפן דעם אוילעם האַטויע, אין וועלכן ס'דרייען זיך אַרום זיינע פאַרקישעפטע פיגורן קימאַט אַלס פּרימיטיווע מאַריאָנעטן. זיי רעדן ווערטער, וועלכע זיינען אַזוי עלעמענטאַר און זעלבסטפאַרשטענדלעך, וואָס ליגן מאַמעש אַפן צונג, אַז מיר כידעשן זיך, אַלע־מאַי האָבן מיר זיי אַליין ניט פאָרויסגעזען, און דאָך זיינען זיי שטענדיק ניי, אַלס קינסטלערישע אַנטדעקונגען. זייערע טנועס און האַוואַיעס זיינען די אייביקע אַלט־נייע,— און אונז דאַכט זיך אָפּט, אַז ניט מיר האָבן זיי געזען באַ שאָלעם־אַלייכע־מען, נאָר אַז ער האָט זיי באַ אונז איבערגענומען שוין גרייטע. הייבן מיר זיך טאַקע אָן באַגיין מיט אים מאַיסע גוטע־ברידער, ווי מיט עכאָד מישעלאָנו, מיר פאַר־לירן די פאָרשטעלונג וועגן דעם מעהאַלעך צווישן אונז און דעם קינסטלער און

יעדן הייבט זיך אָן אויסוויזן, אַז ס'איז זייער לייכט „שאָלעם־אַלייכעמען", ווי, לע־מאָשל, יעדן גראַם־שרייבער פלעגט זיך דאַכטן און ס'דאַכט זיך נאָך אדאיעם, אַז ס'איז זייער לייכט היינעווען. באַ היינען נעמט מען די אויסערלעכע איינפאַכקייט און ניט דאָס מאַיסע־בעריישעסדיקע, און באַ שאָלעם־אַלייכעמען — דעם אויסערלעכן אַנעקדאָט און ניט דעם לירישן גראָטעסק, דאָס צוגיינגלעכע ווערטלען זיך און ניט דעם סקעפּטיש־טרוימערישן שמייכל.

דערפאַר איז מען נאָך אַדאַיעם ניט גאָר געקומען צו שאָלעם־אַלייכעמען, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז שוין פון לאַנג אָנגענומען און באַליבט באַם גאַנצן פאָלק. מע באַציט זיך אָפּט מיט א צו גרויסן ערנסט צו דעם, וואָס באַ אים איז ניט ערנסט. פון מאָנאָלאָגן, ווי „די גימנאַזיע", „דער פריזיוו", „אָן אייצע", „א זעקס און זעכציק", וועלכע זיינען דאָס ראָוו ניט מער, ווי קינסטלערישע פעליעטאָנען וועגן נאַציאָנאַלע טאָג־נייס, מאַכט מען אַ גרויס־וועזן. מע קלייבט נאַכעס פון מע־נאַכעם-מענדלס אַנעקדאָטישע טנועס און האַוואַיעס און מע דרינגט שוין אַסאַך ווייני־קער אַריין אין דער עצעם קאַוואָנע פון די „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האַ־סאָגעס", מע פארפעלט די טיפע סימוואָלישקייט, וועלכע ליגט פאַרבאָרגן אונטער די אנעקדאָטישע אקסעסוארן פונם אויסערלעכן מענאַכעם-מענדל. טעוויע דער מילכיקער איז געגוג פאָפולער, אָבער מיט אומגעדולד זוכט מען באַ אים דעם וויץ, זיינע קאָ־לאָריטישע פּרושים פון זיינע אמעראַצישע פּסוקים — דער אויסגעכאָלעמטער סימוואָל, דאָס לירישע בילד ווערט ניט שטענדיק באַמערקט. און גראַד איז טעוויע איינער פון שאָלעם-אַלייכעמס גרעסטע דערגרייכונגען. טעוויע איז לויט זיין עצעם א מין פאָלקסטימלעכע מאַיסע־בעריישיס, באַ אים, אַלס באַ א פאָלקס-פרימיטיוו, גיסט זיך די טרוימעריי און דער סקעפּסיס צונויף אין איין פארכאָלעמטן כידעש, און דעמ־דאָזיקן סימוואָל האָט שאָלעם-אַלייכעם אינגאַנצן באַהערשט. דאָסזעלבע באַציט זיך אויך צו שאָלעם־אַלייכעמס קינדער-מאַיסעס. דאָס קינד איז דאָך אויך אַ שטענדיקע מאַיסע־בעריישיס, זיין כאָלעם און זיין צווייפל בילדן אין זייער באַהעפטונג געאוויני־שע איינפאַכקייט, און שאָלעם־אַלייכעם האָט אָט די אידיש־קינדערשע איינפאַכקייט טיף באַנומען. און וואָס אַנבאַלאַנגט „מאָטל פּייסי דעם חזנס", וועלכער בילדעט אַ ווייטערדיקע שטופע אין שאָלעם־אַלייכעמס קינסטלערישער עוואָלוציע, האָט אים נאָך דערוויַיל דער לעזער ווייניק טויפעס געוועזן און די קריטיק ווייניק באַהאַנדלט. אָבער לאַכן לאַכט מען שוין איצט פון דעם, ווי אַזוי מע מאַכט טינט אפן עכט־אידישן שטייגער א. א. וו...

עפּשער איז צו דערקלערן דידאָזיקע דערשיינונג דערמיט, וואָס שאָלעם־אַלייכעם איז אַ געאוינישער טאַלאַנט אָן אַ געאוינישער אידייע. ווען אַ געאוינישער טאַלאַנט איז באַהאַפטן מיט אַ געאוינישער אידייע רופט עס אַרויס באַם אוילעם אַ אירעס־האַקאָוועד צום דיכטער און ס'באַשאַפט צווישן זיי אַ געוויסן מעהאַלעך. באַ אַזאַ מעהאַלעך באַמערקט מען באַם גרויסן מענטשן לעכאַטכילע דאָס גרויסע, און אינם קליינלעכן גריבלט מען זיך שוין שפּעטער, ווען ס'ווערט דערלויבט זיך דערנעענטערן צו אים. אַ געאוינישער טאַלאַנט אָן גרויסע אידייען ווערט א „פּאָשעטער גוטער ברודער", באַמערקט מען באַ אים לעכאַטכילע נאָר דאָס, וואָס מע פאַרמאָגט אַליין. ערשט מיט דער צייט הייבט אָן דער געאוינישער טאַלאַנט סטיכייאיש אויסבילדן דעם מעהאַלעך צווישן זיך און צווישן אוילעם און מע הייבט אָן אין אים אנטפּלעקן אויך טיפע קאַוואָנעס, ווייל סאָפקאָלסאָף מוז אַ געאוינישער טאַלאַנט ברייגען אויך צו געאוינישע אידייען...

(„אין אומרו", 1 ב. קיעוו, 1918 י.)

י. דאַברושין.

דער היסטאָריש־געזעלשאַפטלעכער באַטייט פון שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר. — די קליינשטעטלדיקע דורכשניטלעכקייט אין שאָלעם־אַלייכעמס ווערק.

אין איין איקער־פונקט גייט זיך צונויף דאָס גאַנצע שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן — אינעם הומאָר. ווי אַלע גרויסע קינסטלער־הומאָריסטן, האָט ער געמאָלט די אומנוצלעכע, איבעריקע באַוועגונגען, יענע קאָנוואולסיווע זוכענישן, וועלכע ס'געברויכט דער מענטש בא זיין צופאַסן זיך צו נייע לעבנס־פאָרמען. ווי די נאַטור גופא אין איר אַנטוויקלונגס־גאַנג, פאַטערט אויך די מענטשהייט איבעריקע ענערגיע, גייט מיט א היך־הערל, מאַכט אפן וועג צום סאָציאַלן גליק צוויי טריט פאָרויס און גלייך באַלד א טריט צוריק. און אָט די געפאַטערטע ענערגיע, דער אומזיסט אויסגעבראַכטער אימפעט וואָלט געגאַנגען לעאיבעד פאַר דער מענטשהייט, ווען ניט דער קינסטלער, דער הומאָריסט, וואָס באשרייבט די נוצלאָזע און דערפאַר קאָמישע באוועגונגען און איז זיי מעסאַקן, אזוי צו זאָגן, אין קונסט, אופהיטנדיק זיי אף אזא אופן פאַר די איצטיקע און קומענדיקע דורעס.

סערוואַנטעס, מאָליער, דיקענס און גאָגאָל — יעדער פון די גרעסטע וועלט־הומאָריסטן איז געבונדן דעריבער מיט יענער טקופע, ווען די געזעלשאַפטלעכקייט האָט געביטן די אַלטע לעבנס־פאָרמען, און גאַנצע פאָלקס-שיכטן, ווי אויך איינצלנע פערזאָנען האָבן, צופאַסנדיק זיך צום נייעם לעבנס־אינהאַלט, געדרייט זיך אָן א ציל אַרום און אַרום דעם, וואָס האָט שוין אָפגעלעבט. דער מענטש פונם נייעם דאָר האָט אָפט באַם גאַנצן ווילן אַפילע ניט געקאָנט פאַטער ווערן פונם אָפגעשטאָרבענעם אָוואַר און דערמיט אַרויסגערופן א שמייכל באַם קינסטלער־הומאָריסט, וואָס האָט שטענדיק געדיינקט, אַז Le ridicule tue — דער געלעכטער האָרגעט, העלפט טויטן און מעקאַבער זיין יענק, וואָס וואָלט נאָר געשטערט איצט דער נייער מענטשהייט אפן וועג צום נייעם מענטשלעכן גליק.

דער אידישער הומאָריסט — שאָלעם־אַלייכעם האָט אויך מיטן גאַנצן קויעך פון זיין קינסטלערישן געלעכטער מיטגעהאָלפן דעם אידישן צופאַסונג־פּראָצעס, אויסגעשיילט דאָס געזונט קערנדל, באַוויזן און אַרויסגעוואָרפן די שאָלעכץ, דאָס נוצלאָזיקע, אָפּגעלעבטע און לעכערלעכע.

„מענאַכעם־מענדל פון יעהופּעץ", קאַסרילעווקע, די סעריע „פּראַוואָזשיטעלסטווע" מיט דער „גימענאַזיע" און „פּריזיוו", „טעוויע דער מילכיקער", די „קאָמיוואָיאַושאָרן", אַפילע דאָס גאָלדן בוך: „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" — אין דידאָזיקע אַלע ווערק ווימלט מיט קלענערע און גרעסערע העלדן פונם אידישן מילבן־נעסט, וואָס האָט זיך אינם מעשעך פונם לעצטן יויוול יאָרן געריערט פון אָרט, פאַנאַנדערגעלאָפן זיך אין אַלע זייטן זוכן מיטלען, ווי צוצופאַסן זיך צו די אַלערליי פאָדערונגען פון דער נייער געזעלשאַפטלעכקייט.

ס'האָט געפלאַצט דעם זיידן מענדעלעס „כל ישראל איין קבצן". קאַבצאַנסק, וואָס איז ביז אַהער געלעגן, ווי א „וואָרעם אין כריין", האָט געשמאַק גענומען זיך פאַר די נייע אסאָקים, וועלכע ס'האָט פאַר זיי געעפנט די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פונם לאַנד. אַפן וועג זיינען אָבער געשטאַנען די אייביקע טראַדיציעס, דאָס איינגעפונדעוועטע לעבן פונם אַלטן רעליגיעזן שניט, ווי אויך די פאַרשיידענע „פּראַוואָזשיטעל־

סטוועס", יענע אָפּגעשטאַנענע פּאָליטישע און גייסטיקע מאַדרייגעס, וואָס זיינען אינם באַוואוסטזיין שוין לאַנג געווען דורכגעלעבט.

און אונטערן דרוק פון אָט דעם צווייענדיקן יאָך האָט יעדער איד אויסגעזוכט קאָל האַמיניי קאָפּ־שטיק, געמוזט מאַכן גאַנץ אָפּט אומבאַהאָלפענע באַוועגונגען, יענע אָנמעכטיקע און דעריבער קאָמישע סאָציאַלע האַוואַיעס, מיט וועלכע ס'צייכע־נען זיך אויס די אַלע, וואָס מיר זיינען שוין איצט געוויינט צו רופן מיט א גרויסן צונעמעניש — „שאָלעם־אַלייכעם־טיפּן".

„איך אים שלימאַזל, ער מיר מענאַכעם־מענדל" — ס'האָט א באַזונדער שאָלעם־אַלייכעם־כיין, אָט דער אַרט שטעמפּלען דעם טיפּ אינם פּראָצעס פון שאַפן גופע, ס'איז די קינסטלערישע קלוג־נאַאיווע נעוויעס פונם עמעסן פאָלקס־מעכאַבער. דאָס אייגענע אויסגעטראַכטע גיסט זיך דאָך בא אים באַלד צונויף מיט דערווירקלעכקייט, ווערט פאַר אים זעלבסט א שטיק לעבעדיקע, קלאָמערשט, לאַנג עקזיסטירנדיקע מאַ־מאָשעס. וואָרום מ'ווייסט שוין טאַקע ניט, בעעצעם, ווער וועמען האָט אָנגעטראָפן, שאָלעם־אַלייכעם מענאַכעם־מענדלען, אָדער פאַרקערט, דער לעבעדיקער מאַמאָשעס־דיקער „שעם דאָוואָר" מענאַכעם־מענדל איז געקומען צו שאָלעם־אַלייכעמען, דערציילט אים מעקויעך זיינע שוין לאַנג אַלעמען באַוואוסטע מאַיסים און אַפן ליבן שאָלעם־אַלייכעם־שטייגער געזאָגט: „איך בין מענאַכעם־מענדל, באַשרייבט מיך"...

און שאָלעם־אַלייכעם האָט באַשריבן. מיטן הומאָריסטישן שאַרף האָט ער אופגעע־דעקט דעם טאָך פון א גאַנצער סאָציאַלער טקופע. מענאַכעם־מענדל — דאָס איז די ערשטע שוואַלב פון דער אידישער עמיגראַציע, דער ערשטער „קאַסרילעווקער", וואָס האָט אין די אַכציקער יאָרן, אינם „עת־דודים" פונם רוסישן קאַפּיטאַל, געלאָזט זיך פון שטעטל אין דער גרויסער שטאָט, אין יעהופּעץ, רינגלט דאָרט אַרום די „מיליאָנען", כאַלעמט מעקויעך בראָצקין, און, ווי טויזנטער זיינע גלייכן, פּראָלעטאַריזירט זיך שפּעטער ערגעץ אף יענער זייט יאַם, אינם ביזנעס־לאַנד.

דאָ, אינם געבורט־לאַנד, האָט מענאַכעם־מענדלס „ווירטשאַפטלעכע שאַפונג" ניט געלאָזן קיין וואָרצלען, און זיינע אָנמעכטיקע און דעריבער קאָמישע זוכענישן האָט שאָלעם־אַלייכעם פאַרייביקט אין פאַרביקע זשאַנר־בילדער, יעדער לייוונט — א נייע לעבערלעכע פּראַזע פונם „איקער שאָקאַכטי־איד". וואָרום ער האָט טאַקע פאַרגעסן אינם איקער: אָנם לעבן, וואָס איז געווען ניט נאָר אָן א באָדן, נאָר אויך אָן קולטור.

און ניט נאָר מענאַכעם־מענדלען, „דעם קאַסרילעווקער בלייכרעדער" האָט דער־לאַנגט שאָלעם־אַלייכעמס אַנאַליז. אפן הינטערגרונט, אין שיינע־שיינדלס בריוו, וואַקסט אויס פאַר אונז קאַסרילעווקע גופע, די קאַסרילעווקע, וואָס וואַרפט פון זיך אַראָפּ די פּאַרוקלעך, לעבט איבער די נייע ליבעס, האָט צו טון מיט די אָקאָרשט אָנגעקומענע אידישע דאָקטוירים, מיט דער נייער אַפּטייק אַפילע, „וואו מע קען זיך דינגען". די אַלע ווימלענדיקע פּראָטים פון דער וואַקסנדיקער קליינשטעטלשער דורכשניטלעכקייט, וועלכע ס'האָט אופגעהיט פאַר אונז דאָס שאַרף אויג און דער געאוינישער זיקאָרן פונם פאָלקס־קינסטלער.

און אָט די קאַסרילעווקער טאָגטעגלעכקייט באַלייט מענאַכעם־מענדלען. די שווי־גער זיינע, א אידענע פון טעוויע דעם מילכיקנס שניט — דערגייט אים מיט פאָלקס־ווערטלעך, וועלכע שפּיגלען אָפּ דעס אַלטן, נאָך ניט אין גאַנצן כאָרעוו־געוואָרענעם קליינשטעטלשן לעבנס־נוסעך. דערמיט שטרייכלט אונטער דער קינסטלער נאָך מער מע־נאַכעם־מענדלס נייעם האַנדל־שטייגער, זיינע קאָמישע גיינג אַפן וועג צו די „מיליאָנען".

שפּעטער אָבער נעמט זיך שאָלעם־אַלייכעם צו די „קאַסרילִיקעס" גופא. אין דער סעריע דערציילונגען מעקויעך די „קליינע מענטשעלעך" האָט דער פאָלקס־שרייבער באַוויזן די לעכערלעכע טנועס פונם גאַנצן מילבן־נעסט, בעאייס ער האָט באַדאַרפט זיך צופּאַסן ניט נאָר צו נייע עקאָנאָמישע לעבנס־טנאָים, נאָר אויך צו געזעלשאַפט־לעכע געשעענישן און דערשיינונגען. אַכוץ דעם אייזנבאַן, מאָלט אונז שאָלעם־אַלייכעם אויך דעם ציאָניזם און דרייפוסן אין קאַסרילעווקע. די אַלע בילדער, פון כעלע־מער שניט קימאַט, האָבן לייכט געקאָנט ווערן שאַרזש און קאַריקאַטור. האָט זיי אָבער שאָלעם־אַלייכעמס אָרגאַנישער פאָלקס־טאַלאַנט דערהויבן ביז צו דער מאַדרייגע פון דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט. ס'האָט דאָך דער קינסטלער־הומאָריסט דער ער־שטער, צו גלויבן, אָנגעוויזן אַף דער גרויסער אופגעוואַכטער קרויוועשאַפט פון די קאַ־סרילִיקעס צו מאַיסע־דרייפוס, דער ערשטער האָט ער אונז דערציילט מעקויעך דער לעכערלעכער אָנמעכטיקייט פון די קליינע מענטשעלעך, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע דערפילט אַן עמעסע נאָענטע שאַיכעס צו א פּאָליטישן איניען, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט ערגעץ ווייט אין דער גרויסער מאַירעוו־שטאָט...

וואַקסן זיי פון אונטערן שרייבערס פעדער, די רעב יויזעפלעך, שאַיקעס, סטעמ־פעניוס, איינמאָל־מוישעס — אַ שלאַל מענטשן און מאַיסים, וואָס פילן אָן דעם כאָלעל פון א גאַנצער איבערגעלעבטער לעבנס־טקופע. אַף שאָלעם־אַלייכעמס וועלט־יאַריד טומלט און רוישט, ס'קומען אַהין קהילעסוויים טויזנטער אידן און אידענעס, וואָס בויען מיט זייערע „קליינע האַסאָגעס" דאָס אידישע לעבן. פון טויזנטער צעברעקלטע, קעסיידער לעכערלעכע טנועס האָט שאָלעם־אַלייכעם איין שטיק באַשאַפן, צוזאַמענ־געשטעלט א גאַנצע דורכגעלעבטע וואָכעדיקייט.

און דאָ אַפן דעק פון דער דורכשניטלעכקייט, צווישן די אידן פון א גאַנץ יאָר, האָט דער פאָלקס־שרייבער אויך זיין טעוויע דעם מילכיקן געפונען.

טעוויע דעם מילכיקנס הומאָר איז פריער ווי אַלץ — א לירישער. דאָ האָט שאָ־לעם־אַלייכעם זיין קינסטלערישע פּערזענלעכקייט מער ווי אומעטום אין ווערק אַריינ־געטראָגן. קענען אים דערפּאַר אַלע אידן, אָט דעם אַלטן טעוויען, און מענטשן פון זיין געגנט וועלן אייך שווערן, אז זיי האָבן אים געזען, גערעדט, אויסגעהערט פון זיין מויל מאַמעש די אַלע מאַיסעס, וועלכע ס'האָט איבערגעגעבן שאָלעם־אַלייכעם. שטעקט אין אים, אינם פּראָסטן טעוויען, שאָלעם־אַלייכעמס אייגענער לירישער אר־מעט, דער פאָלקס־אומעט.

ס'איז עכט שאָלעם־אַלייכעמיש אָט דאָס, וואָס דאַפקע אים, דעם פּאָשעטן אישעוו־איד האָט דער פאָלקס־שרייבער פאַרגלויבט אַרויסצוזאָגן זיין באַציאונג צו די וויכ־טיקסטע געשעענישן פון דער לעצטער צייט און צו אירע „יונגע". דאָ איז שאָלעם־אַלייכעם זיך אליין, זיין הומאָריסטישן טאלאנט טריי געבליבן. ניט געמאָלט האָט ער אונז דעריבער זיי, די יונגע גופא, די העלדן פון דער לעצטער לעבנס־טקופע. זיי, די האָדלס, כאַוועס, שפּרינצעס, פעפערלעך און קאַמזוילס, — טראָגן דאָך שוין ניט מער אַף זיך דעם שטעמפּל פון מענאַכעם־מענדלס צעטראָגנקייט, און זייערע, אפילע צייטנוויים קאָנוואולסיווע באַוועגונגען און געדאנקען, זיינען אָרגאַניש, „אין טאָך" גע־נומען, ניט קאָמיש, קאָמיש זיינען זיי נאָר פאַר אים, פאַרן איינגעפונדעוועטן פּראָס־טאַק, טעוויען, וואָס טראָגט אין זיך אַן אלטע אידישע וועלט, די אויסגעשטאַנענע פאַרהאָרעוועטע אידישע מאַסן־קולטור.

ער, דער איד פונם איינגעזעסענעם אישעוו, באַטראַכט מיט א שמייכל דעם צו־פאַסונג־פּראָצעס פונם נייעם דאָר. ער וואונדערט זיך אַף „די קאַטשקעלעך, וואָס

שווימען אוועק, בעאייס די „קוואָקע קוואָקעט". פאַר אים איז דאָך ווייטיקדיק־לע־בערלעך, וואָס ס'קומט „אַ קליינס, א שוואַרצס, א פאַרזעעניש, א פעפערל, נעמט צו באַטעווען א טאַכטער, א האָדל פון גאָט, און פירט זי אוועק אין ווייטן סיביר אַריין".

געלינגט אים, שאָלעם־אַלייכעמען, ווייזן אונז זיי, די יונגע, הינטער אזא מין קינסטלערישן נעפּל; קוקן מיר אף זיי נאָך דורך טעוויעס שפּאַקטיוו; לאכן מיר דערפאַר הארציק־ליריש מיט אים צוזאמען פונם „צווייטן גאָרקי", פון האָדלען, „וואָס קלייבט זיך איבערקערן די וועלט מיטן קאָפּ אַראָפּ", פון די אַלע לעבנס־נייסן, וועלכע ער, דער גוטער און לײדנדער טעוויע, באַטראַכט פאַרכידעשט־שמייכלענדיק.

„טעוויע איז ניט קיין אידענע" — וואָרנט אונז אָפּט דער קלוג־נאַאיווער פאָלקס־מעכאַבער. וואָרום ער איז עפּשער טאַקע „א אידענע", אָט דער טמימעסער וואויל־קלוגער טעוויע: זיין קולטור איז, ווי די גאַנצע אידישע מאַסן־קולטור, אין טאָך א ווייבערשע, זי שטאַמט פון ביין מינכע־לעמאַירעוו־זאָגער אין פאַרמאָגט די מעדרעש־האַרציקע פרויען־ווייכקייט, וועלכע פעלט אינגאַנצן דעם באַלעבאָס, דעם הארטן לאָמדן.

און אים, דעם מענטשן מיט דער שיינער מאַסן־נעשאָמע, האָט שאָלעם־אַלייכעם, ווי געזאָגט, פאַרטרויט איבערפילן א גאַנצע לעבנס־טקופע. טעוויעס לירישער פאָלקס־הומאָר האָט עפּשער דער איינציקער געקענט קינסטלעריש גענעענען צו די געשעע־נישן, בעאייס זיי האָבן נאָך געהאַלטן אין גיין, אין אַנטוויקלען זיך. נאָר דורכן ביי־געוודיק־טמימעסן געדאַנק פונם פאָלקס־מענטש איז שאָלעם־אַלייכעם געווען ביעכוילעס כאַפּן דעם אינטימען צאַפּל, דעם ווייטיק פון די דערשיינונגען, צעקושן, אויב מען קאָן אַזוי זאָגן, איין לעבנס־טקופע מיט דער צווייטער, פאַרגרינגערן דערמיט דעם שווערן איבערגאַנג פון דעם אלטן, נאָך ניט אינגאַנצן פאַרשטאָרבענעם אָוואַר צום נאָך ניט מיט אַלעמען געשאַפענעם אָסיד...

שרייבן מעקויעך די געשעענישן בעשאַס זייער אַנטוויקלונג גופע — דאָס קאָן נאָר דער פאָלקס־טאלאנט, וואָס אים פאַרכאַפּט די ברייט פונם לעבן, דער גרויסער ליכטיקער שטעך מער איידער די פינצטערע טיפעניש מיט אירע ווידראנאנדיקע פּראָבלעמען...

שאַפן טעוויען האָט געקאָנט נאָר שאָלעם־אַלייכעם — דער שרייבער פון דער אי־דישער ראכוועס.

(„געדאַנקענגאַנג". קיעוו, 1922).

באַל־מאַכשאָוועס.

שאָלעם־אַלייכעמס געלעכטער און דער אידישער קליינבירגער.

שאָלעם־אַלייכעם איז דער קינסטלער, וואָס פאַרוואַנדלט אונזער רעאלעס לעבן אין א כאָלעם, אַדאַנק זיין פרייען געלעכטער ווערט פאַרוואַנדלט אונזער עמעסע וועלט אין א באָבע־מאַיסע. דער אידישער סויכער אין געשטאַלט פון מענאַכעם־מענדל ווערט עפּעס א פאַנטאַסטישע פיגור. דער אידישער באַלעבאָס, וואָס טוט אָפּ אין לעבן די אייגענע טויזנטער נאַרישקייטן, וואָס דער איד אין מאָנאָלאָג „גימנאַזיע", לאַכט פון זיין שפּיגל־בילד דעם טיפעש, וואָס שטריינגט אָן אַלע קויכעס דורכצוברעכן דאָס פּראָצענט־געזעץ פון גימנאַזיום, לאַכט פון נאַרישן אידל, וואָס טוט אָפּ צענדליקער מיעסע מעלאָכעס, מאַכט כאָרעוו זיך און זיין פּאַרנאָסע און בייט אויס סאָפּקאָלסאָף

אַ שוך אַף אַ לאַפּצע. ער לאַכט פון דעם טיפּעש מיט אזא געלעכטער, ווי ניט אים מיינט מען דאָס. ש. אַ. האָט אים א ווילע באַפרייט פון זיין אייגענעם נאַרישן רעאַלן לעבן און דאָס פאַרוואַנדלט אין אַ קאַריקאַטור, אין א כאַלעם.

אָדער ווען דער אידישער באַלעבאָס לייענט דעם „פּריזיוו" און קייכט פאר געלעכטער, לאַכט ער אייגנטלעך פון זיך אַליין און דאָך ניט פון זיך. דען שאָלעם-אַלייכעם האָט אים געבראַכט אין אַזאַ צושטאַנד, דאָס ער, דער לעזער, איז פּלוצלינג פאַרטראָגן געוואָרן פון זיין מאַמאָשעסדיקן לעבן, זיין בליק איז געוואָרן שאַרפער. ער, וואָס איז שטענדיק פאַריאָגט און פאַרטריבן און קאָן זיך אף א רעגע ניט אָפּגעבן קיין כעשבן, איז געוואָרן מיטאַמאָל אַ באַאָבאַכטער, א מענטש, וואָס קוקט אַפן לעבן פון דער זייט, ער איז געוואָרן אף א רעגע אָביעקטיוו, און די עמעסע וועלט מיט צווײ ווייסע בילעטן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א כאַלעם, א קאָמעדיע.

און נאָך קלערער ווערט אונז דער איניען, ווען מיר קוקן זיך צו גענויער צו שאָלעם-אַלייכעמס הויפּט-העלד מענאַכעם-מענדל פון יעהופּעץ. דען מענאַכעם-מענדל איז אַ מאָשל, א צוגלייכעניש צום אידישן סויכער, ווינט-מענטשן, א לעבעדיקער סימוואָל פון גרעסטן טייל אידן. באַטראַכט אַביסל גענויער דעמדאָזיקן פּאַרשוין מיט די אויגן פון ש. אַ., און איר קאָנט זיך קאם אָפּהאַלטן פון געלעכטער. נעכטן א בערזעמעקלער, היינט א שאַדכן, מאָרגן א וואַלד-הענדלער און איבערמאָרגן אן אַגענט פון לעבנס-פאַרזיכערונג. לעבן די טרעפּ פון אלע בערזעס קאָנט איר אים געפינען, אַף איטלעכן מאַרק, לעבן איטלעכער קניעלע שוועבט מענאַכעם-מענדלס פיגור, אין קאָפּ בא אים דרייט זיך, ווי אין א מיל. טויזנטער פּלענער, האַמצאָעלעך און אַסאָקימלעך פליען בא אים ווי שיידים און רוכעס. און פאַרקלערט זיך מענאַכעם-מענדל אף א רעגע, הייסט עס, אז צו די טויזנטער מעשוגאַסן אין קאָפּ איז צוגעקומען נאָך איינע א גרעסערע, ער לעבט ווי אין א פיבער-כאַלעם, און פוטער און לעדער, און ווייץ און נאָדלען זיינען בא אים אַלץ איין זאַך, און עס שיקט זיך בא אים צונויפפאָרן צוויי באָכורים אלס כאָסן-קאַלע און צו פירן האָלץ איבער א טייך, וואָס איז שוין אויסגעטריקנט געוואָרן נאָך פאר מעלעך סאָבעסקיס צייטן.

מענאַכעם-מענדל פון יעהופּעץ דאָס איז די אידישע פאָלקס-מעשוגאַס אין דער געשטאַלט פון א אידישן סויכערל.

(„געקליבענע שריפטן", 1 ב. ווארשע, 1910).

ש. ניגער.

עלעמענטן פון הומאָר בא שאָלעם-אַלייכעמס פאָרגייער.

איך וויל אופמערקזאַם מאַכן דעם לעזער אַף עלטערע אידישע שרייבער, אכוץ מענדעלען, וועלכע האָבן אין דעם אָדער יענעם פּראַט צוגעגרייט דעם באָדן, וואָס אַף אים האָט זיך שפּעטער צעוואָקסן און צעבליט די ליכטיקע שאַפונג פון אונזער הומאָריסט. איך וויל פריער דערמאָנען יענע שרייבער, וואָס מיר מעגן מאַכן אַ זיכערע האַשאָרע, אַז שאָלעם-אַלייכעם, ווען ער איז געווען נאָך יונג, האָט זיי געלייענט. דאָס זיינען: דר. שלוימע עטינגער, אייזיק מייער דיק, איצכאָק יויעל לינעצקי און מוישע אָרן שאַצקעס. זייערע ווערק (אָדער אַ טייל פון זיי) האָבן זיך געפונען, לויט די מיטיילונג פון י. ד. בערקאָוויטש (דאָס „שאָלעם-אַלייכעם-בוך" ז. 166), „אין דעם ספּאָ-

רים-אַלמער פון זיין שווער „לאָיעוו", און מע דאַרף רעכענען, אַז ער האָט אין זיי אַריינגעקוקט. אַגעוו, וועגן א. מ. דיקן האָט שאָלעם-אַליכעם שפּעטער געשריבן און ער האָט זיך וועגן אים זייער וואַרעם אָפּגערופן: „די נאָוועלן פון ה' דיק, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן (ווי מע זאָגט) מער אַלס 200 שטיק, טראָגן אַף זיך עפּעס אַ מין צויבערלעכקייט, אַ מין רייץ, אַז זיי לעזן זיך מיט פאַרגעניגן און זייער לייכט אַפילע באַם וואָלינער לעזער, דאָס הייסט באַ דעם ניטליטווישן לעזער" („דער איד־ דישער דאַלעס אין די בעסטע ווערק פון אונזערע פאָלקס-שריפטשטעלער" (ביילאַגע צום „אידישן פאָלקס-בלאַט", נומ. 40, 1888 י.).

וועגן איצכאָק יויעל לינעצקין און ספּעציעל וועגן זיין „פּוילישן אינגל" האָט שאָלעם-אַלייכעם געשריבן אין דערזעלביקער סעריע אַרטיקלען אינם „אידישן פאָלקס־ בלאַט" (נום. 42, 1888), און אַז ער האָט שטאַרק געהאַלטן אַמאָל פון לינעצקין זעט מען פון אַ רעצענזיע, וואָס ער האָט פאַרפאַסט נאָך פריער, אין 1884, וועגן אַ ביכל פון מאָני דלוגאַטש (זע שאָלעם-אַלייכעם-בוך, ז. 326), און „עס איז קיין סאָפעק ניט, שרייבט י. ד. בערקאָוויטש, אַז איצכאָק יויעל לינעצקי, איינער פון די ערשטע קאָ־ ריפייען אין דער אידישער בעלעטריסטיק, האָט געהאַט אַ געוויסע ווירקונג אַף שאָלעם-אַלייכעמען אין זיינע ערשטע ליטעראַרישע איבונגען" (דאָרט, ז. 179).

מוישע אַרן שאַצקעסן אין זיין „אידישן פאַר פּייסעך" האָט ער אויך אָפּגעגעבן אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער דערמאָנטער סעריע („יודישעס פאָלקסבלאַט" נומ. 44, 1888), און ער האָט אים, אַזוי ווי לינעצקין, איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן אין זיין „אי־ דישער פאָלקס-ביבליאָטעק". שאצקעס איז געווען מער סאַטיריקער ווי הומאָריסט, אָבער איינציקע טראָפּנס הומאָר זיינען פאראַן סיי אין זיינע העברייאישע, סיי אין זיינע אידישע ווערק. איר פילט עפּעס פון שאָלעם-אַלייכעמען ניט נאָר אין דעם ברייטן, צעגאָסענעם פאָלקס-דיאַלאָג (שאַצקעס האָט אַריינגעפירט אין דער אידישער ליטעראַטור דעם ליטווישן פאָלקס-געשפּרעך, אַזוי ווי ער שטייט און גייט, דאָס, וואָס לינעצקי און דערהויפּט שאָלעם-אַלייכעם האָבן געטון מיט דעם וואָלינער פאָלקסטימלעכן שמועס). עפּעס פון שאָלעם-אַלייכעמס שטייגער איז זיכער דאָ אויך אין אַזעלכע בילדער פון „אידישן פאַר פּייסעך", ווי: „דאָס ווייב שטייט באַם אויוון שוואַרץ ווי די סאַזשע, דער שלייער אין אַ זייט, די סמאהע אַף די ליפּן, די נאָז בעט זיך אויסשנייצן, נאָר עס איז ניטאָ קיין צייט, לייגט עס אָפּ צום סיידער... קלאָלעס ליגט באַ איר אין זאַפּאַס אונטער די ליפּן און נאָר וואָס זיי שיטן זיך ניט... דעם מאַן האָט זיך געוואָלט אַביסל צו שמייכלען צו דער יעפּאַס-טויער, מאַכמעס ער האָט פאָרט געוואָלט מאַכן אַ שמועס, מיקויעך קאַר־ טאָפל, און האָט געוואוסט, אַז ער שפּילט דאָ מיטן לעבן, דערום האָט ער גענומען אַביסל וויין אין אַ קאָס און איז צוגעגאַנגען צו דער פּרינצעסן מיט די ווערטער: „אַ נו, פאַרזוך נאָר אַביסל וויין, דאָס גאָלע זיסער"... — „טשעפּע זיך אָפּ פון מיר! ס'איז מיר שוין באָרכעשעם זיס אָן דעם וויין! א. א. וו. א. א. וו.".

אַ שטילער, קילער הומאָר פאַרגאַנוועט זיך דאָ און דאָרטן אויך אין שורעס פון שלוימע עטינגער (אין סערקעלע, אין די עפּיגראַמען און דערהויפּט אין די פאַבלען).

באַ לינעצקין זיינען די הומאָר-טראָפּנס פאַרביטערט, פאַרגאַלט, אָבער זיי זיינען דאָך פאַראַן, און מיר דוכט, אַז לינעצקי האָט געווירקט ניט בלויז אַף „די ערשטע סאַטיריש-פּובליציסטישע איבונגען" פון שאָלעם-אַלייכעמען (ווי עס זאָגט י. ד. בער־ קאָוויש). ס'איז מעגלעך, אַז לינעצקי האָט איבערגעלאָזט שפּורן אויך אין געוויסע

טײלן פון שאָלעם־אַלײכעמס שפּעטערדיקן רײן־הומאָריסטישן שאַפן. לינעצקי איז געװען צו פאַרביסן, צו פאַרביטערט צו קאָנען שרײבן רײן־הומאָריסטיש, און מיט זײן אײביקער קריגערישקײט איז ער אין עצעם געװען דער הײפּעך פון שאָלעם־אַלײכעמען, אָבער דער לעצטער האָט דאָך געקאָנט געפינען אין זײן שפּראַך און אין זײן גאַנצן שטײגער שרײבן אַסאַך „שקאָצערײ", אסאַך פרײהײט און שפּילעװדיקײט.

נעמט, אשטײגער, די „װיבאָרעס" פון י. י. לינעצקי (זשיטאָמיר, 1875). שאָלעם־אַלײכעם ברײנגט גראָד דידאָזיקע זאַך פאַר א בײשפּיל אין זײן פריער־דערמאָנטער רעצענזיע אַף דלוגאַטשעס ביכל. לײענט דעם צעטל פון די פאַרשױנען: ר' שמעלקע באַשײנפערלעך, פישקע מאַנקאָלעניק, כאַים קערעבאבעצע, מױשע בולבע, מיכל קע־בעבע, איצי קאַרקאַשטע, שמערל דראָל, סימכע קוקורוזע, טאָדרעס מ'שטײנסגעזאָנט, זאַװול װאַרעטענע, בערל מאמעטליװע, מענדל אַכבראָש, סימכע געפלאָכטענער, מיכל קװאַשע, קאַלמען פּאָזער, צאָדעק מאַכטײסע, שפּרינצע כאַפּ־לאַפּ, א. ד. גל. אין דעם גײסט און גוסט פון דידאָזיקע „פרײלעכע" נעמען איז געשריבן (אין דראַמאַטי־שער פאָרם) די גאַנצע זאַך... באַ לינעצקין האָט שאָלעם־אַלײכעם דערהױפּט געקאָנט געפינען יענע נעטיע צו איבערטרײבונג, פאַראַדיע און קאַריקאַטור, װעלכע איז אַזױ כאַראַקטעריסטיש פאַר סאַטיריקער און הומאָריסטן. אשטײגער, לינעצקיס באַשרײבונג פון די זעקס קלעזמער אין דער „שײנער קאַפּעליע", װאָס האָט געשפּילט אַף דער כאַסענע פון דעם פּױלישן אינגל:—„אײנער מיט א פּויק פון א װײקשעפל מיט דרײ העלצער. אײנער מיט א פּאָר טאצן פון צװײ געגלײזטע פּאָקרעשקעס. דער דריטער מיט א פידל פון א הובל מיט אַ קאַטשעלקע. דער פערטער מיט א העלזל פון צע־בראָכענער פלאַש פאר א פלײט, דער פינפטער האָט געקלאַפּט דעם זעקסטן מיט די פינגער אין פּלײצע ארײן"...

אָבער נאָך מער — און נאָך עכטערן און רײנערן—הומאָר האָט שאָלעם־אַלײכעם געקאָנט געפינען און האָט מיסטאָם געפונען אין די װערק פון אײזיק מײער דיק.

א. מ. דיק איז בעטעװע געװען א הומאָריסט, ניט קײן סאַטיריקער, און אויב ס'איז אין דער עלטערער אידישער ליטעראַטור געװען אײנער, װאָס האָט בעעמעס ליב געהאַט צו שמײכלען, צו לאַכן, צו פראַװען האַמצאָעס און צו זאָגן װיצן פון די װיצן װעגן, ניט נאָר אַף צו לאַכן — איז עס געװען דיק. א לאַנגע צײט פאַר די ביכלעך מיט כאָכמעס פון מאָטקע כאַבאַד און שײקע פײפער האָט ער שױן געדרוקט זאַמלונגען פון קאָלערלײ װיצן, אײנפאַלן און האַמצאָעס. ס'איז גענוג צו דערמאָנען אַזעלכע ביכלעך, װי „בליצנדע װיצן" (װילנע 1867) אָדער „װיצן און שפּיצן" (װילנע 1873). אָבער ניט נאָר מיט אָט די װיצן האָט ער אױסגעטראָטן דעם װעג פאַר אַ מער פרײלעכן און לײכטן סאָרט שרײבן. ער האָט שױן אין די פּופּציקער יאָרן פאַרעפנט־לעכט דערצײלונגען פול מיט הומאָר. צום בײשפּיל, „כײציקל אַלײן" און „יעקעלע גאָלדשלעגער", און נאָך פריער האָט ער אָנגעשריבן אַף געמאָרע־לאָשן זײן װאונ־דערלעכע פאַראַדיע מיטן נאָמען „מסכת עניות" (1848). עמעס, ער האָט דידאָזיקע, װי אַלע איבעריקע, װערק זײנע באַזאַלצט מיט סאַטירע און פאַרפעפערט מיט אופ־קלערונג, מיט מוסער; אָבער דאָס איז געװען ניט מער װי צינז צו דעם גײסט פון דער האַסקאָלע־צײט. האָט דאָך שאָלעם־אַלײכעם אַלײן אין די ערשטע יאָרן געמוזט צאָלן אָט דעם האַסקאָלע־צינז; האָט ער דאָך אַלײן ניט געװאַגט אין אָנהײב אַרױס־צוגײן אָפן מיט זײן פרײען און פרײלעכן געלעכטער. איז װאָס דער װאונדער, װאָס דיק, װעלכער האָט געהערט צו א פריערדיקן דאָר, האָט ניט געקאָנט זיך פאַרגינען צו לאַכן זײן קלוגן און קינדישן געלעכטער אָן קײן שום קאַװאָנעס? אָבער פון

אונטער דעם איצט שוין אָפּגעקילטן אַש פון מאַסקילישע קאַוואָנעס פינקלען ארויס פונקען פון נאָך איצט לעבעדיקן הומאָר.

דאָ וויל איך נאָך זאָגן, אַז די ווערק פון די דערמאָנטע האַסקאָלע־שרייבער זיינען ניט די איינציקע ווערק, וואו שאָלעם־אַלייכעם האָט געקאָנט זאַמלען בלומען־זאַפט פאַר זיין הומאָר. עפּעס פון אָט דעם שטילן און זיסן זאַפט איז געווען אין די דראַמעס און דערציילונגען פון איסראָעל אָקסענפעלד, אין ריב״לס „העפקער־וועלט“, אין די קלוגע איידעלע, ביז איצט נאָך ניט אָפּגעשאַצטע אידישע ווערק (אין פּראָזע און אין פּערזן) פון עליעזער צווי האַקויהען צוויפעל, אין די לידער פון וועלוול זבאַרזשער, מיכל גאָרדאָן און אַווראָם גאָלדפאַדן, אין א. ב. גאָטלאָבערס איבעראַרבעטונג פון איצכאָק ערטערס „גלגול“ (א קאפּיטל אין „הצופה לבית ישראל“), און דער, וואָס וועט שרייבן די געשיכטע פון דעם הומאָר אין דער אידישער ליטעראַטור פאַר שאָלעם־אַלייכעמען, וועט באַ די אלע שריפטשטעלער געפינען געוויס אַסאַך מאַטעריאַל. ער וועט זיך אָבער ניט קאָנען באַנוגענען בלויז מיט די פאָרשטייער פון דער אידישער ליטעראַטור. ער וועט מוזן גראָבן טיפער, און אַז ער וועט עס טון, וועט ער דערגיין ביז צו די אויצרעס פון דער אידישער פאָלקס־שאַפונג. דאָרט, אין פאָלקס־ווערטלעך, וויצן און אַנעקדאָטן, אין די קיידער־אינגלשע רעטענישן און האַמ־צאָעס, אין די פורים־שפּילן און אין די פאַרשיידענע, מינדלעכע, פּאַראָדיעס (אַף פסוקים, מאַמאָרים, מינהאָגים) — דאָרט ערשט וועט ער דערשפּירן דעם עמעסן קוואַל פון שאָלעם־אַלייכעמס לעבעדיקן און לוסטיקן שרייב־נוסעך...

(„פּנקס“, ניו־יאָרק, 1927).

י. נוסינאָוו.

שאָלעם־אַלייכעמס אָנהייב אין „יודישעס פאָלקסבלאַט“. — שאָמערס און מענדעלעס ווירקונג אף שאָלעם־אַלייכעמס אָנהייב. — מאַסקילי־שער דעמאָקראַטיזם און קריטיק פון מאסקילישער פּראָגראַם אין שאָלעם־אַלייכעמס אָנפאַנג־ווערק.

I

„מיט דעם היינטיגען נומער איז געענדיגט דער „ראָמאַן אָהן א נאָמען“. אין דעם ערשטען נומער פון דעם צווייטען האַלבען יאָהר וועט ווידער קומען א נייער ראָמאַן: „די צוויי שטיינער“, וועלכע וועט אין עטלעכע נומערען געענדיגט ווערען און נאָך איהם וועט קומען אַ ראָמאַן פון ה. ספּעקטאָר: „דער טשאַד“.

אָט די רעדאַקציע־מעלדונג (פ. ב. № 25 1883) וועגן נייעם ראָמאַן „צוויי שטיינער“ האָט אָנגעזאָגט דאָס אַריינקומען פון ש. א. אין דער אידישער ליטעראטור.

אין דעם ניט אָנווייזן דעם נאָמען פון שרייבער איז ניט געווען קיין לייכטשעצונג צו קיין אָנפאַנגער, וואָס זיין נאָמען זאָגט נאָך קיינעם גאָרניט. ס'איז נאָך דאַן ביכלאַל דעם לעזער ווייניק אָנגעגאַנגען ווער איז דער אווטאָר.

II

מיטוואָך, 13 טעג אין תמוז תרמ״ג—$^{6}/_{19}$ יולי, 1883, קומט „ראַבבינער שלום־ראַבי־נאָוויטש—לובני“ מיט זיין ראָמאַן „צוויי שטיינער“ („פ. ב.“ 26 № 1883, פאָרזעצונגען אין №№ 28—30).

מיטוואָך, 9 טעג אין תשרי תרמ"ד, 28 סענט.—10 אָקט. 1883, קומט „שלום־עליכם" מיט זיין פעליעטאָן: „וויבאָרעס" („פ. ב." № 38, 1883).

„ראַבבינער שלום ראַבינאָוויטש" האָט אָפּגעלעבט בלויז דריי פּאָלקס־בלאַטישע מיטוואָכס און איז פאַרשוואונדן. זיין אָרט האָט אָף טאָמיד און אייביק פאַרנומען שאָלעם־אַלייכעם.

„צוויי שטיינער"—איז א שטאַמפּ־דערציילונג.

„פּאָלינקע איז געווען אין גאָרטן, ווען ראָזאַליע איז צוגעלאָפן צו איר:

— מאַ טאַנט (מוהמעניא), מא טאנט! דער זיידע איז געקומען מיט אים... מיט אים... גיכער, גיכער קומט אין שטוב אריין! אך, מא טאנט!

פּאָלינקע האָט זיך אַפילו קיין ריהר ניט געטוהן, זי איז געזעסען אונטער א בוים אין אַ בעסיעדקא. בלאָס און אָבגעלאָזט, און האָט געלייענט א בוך, חאָטש איהרע שוואַרצע אויגען, האָבען געברענט, ווי פייער".

אַזוי הייבט זיך אָן די דערציילונג. און דערנאָך א סאַנטימענטאַלע געשיכטע:

זי — אַ באַס־יעכידע פון א רייכן פּאָסעסאָר — אַ יאַכסן, אַ 16־יעריק מיידל, „וואָס די שטראַהלען פון איהר בליק בויהערין דורך ביז צום האַרץ".

ער — איר לערער — אַן עלנטער, „אָהן עלטערען און אָהן פריינד", א מענטש מיט „א זעלטען גוט האַרץ, מיט איידעלע געפיהלע, אַ מענש, וואָס זוכט נאָר צו שאַרפען זיין שכל און צו פאַרגרעסערין זיינע קענטניסע".

ווייטער גייט שוין, נאַטירלעך, זומערדיקע נאכט, אַלייע, אייביקע ליבע, שטריינגער פּאָטער, וואָס דערלאָזט ניט דעם שידעך און זעצט אים אין טורמע. פאַר די פענצטער פון זיין טורמע, פאַר זיינע אויגן, פאַר די אויגן פון טאַטע־מאַמע וואַרפט זי זיך אין טייך און ווערט דערטרונקען, ער גייט אַראָפּ פון זינען. און... דאָס לעצטע וואָרט: „אויף דעם הייליגען אָרט, אונטערן בארג, שטעהען צוויי שטיינער, הינטער זיי ליגען צוויי יונגע מענשען". טאַטע־מאַמע האָבן כאראַטע, נאָר ס'איז שוין שפּעט.

ש. א. האָט אָנגעפירט מיטן קאַמף קעגן שאָמעריזם אין דער ליטעראַטור. אָבער א צייט איז זיין שאַפן געווען ניט די אָפּלייקענונג, נאָר בלויז די אויסבעסערונג פון שאָמערן.

ש. א. האָט אָבער גיך אָנגעהויבן באַשטרייטן דעם שאָמעריזם אין זיך, און געוויס האָט דאָס אים געבראַכט צו דעם פאַרשארפטן קאַמף מיטן שאָמעריזם אין דעם ליטעראַרישן ארום. אין איינע 4—3 יאָר קומט ער צו „סענדער בלאנק" און „סטעמפעניו", וואָס זיינען דער שעפעריש־אָרגאַניזירטער זיג פון דעם געזונטן רעאַליזם פון אידישן ראָמאַן איבער דעם סאַנטימענטאלן שטאַמפּ־ראָמאַן און אויסגעפוצטן שאָמעריזם פון די „צוויי שטיינער".

און טאַקע מעהאַי־טאַימע איז דאָס יאָר 1888 באַצייכנט אין ש. א. שאַפן ניט בלויז מיט אָט די ראָמאַנען, וואו דער שרייבער האָט אויסגעראָטן דעם שאָמעריזם אין זיך, נאָר אויך מיט זיין פּאַמפלעט: „שאָמערס מישפּעט", וואו דער קריטיקער, ריכטיקער, דער היטער און זאָרגער פאַר דער אידישער ליטעראטור האָט געזוכט „אויסראָטן דעם „שאָמעריזם" אין דער ליטעראטור".

III.

„צוויי שטיינער" איז געווען דער ערשטער שריט פון שאָמערן צו שאָלעם־אַלייכעמען.

„וויבאָרעס" — דער ערשטער שריט פון מענדעלע צו ש. א.־ן.

ווי מיר האָבן באַצייכנט, האָט ש. א. פון אָנהייב אָן דערקלערט אַ קאַמף שאַ־מערן, נאָר ער איז אָבער נאָך אַ געווויסע צייט, אַף אַ באַשטימטן אופן, געגאַנגען אַף זיינע וועגן.

דורך „וויבאָרעס", אין דער „וויבאָרעס־ליניע", האָט ש. א. פון אָנהייב אָן גע־מיינט פאַרזעצן מענדעלען, די פאַרזעצונג איז אָבער געווען אַזאַ, אַז זי האָט גע־בראַכט אויב ניט צו דער אָפּלייקענונג פון מענדעלע, איז צו דערצו, אַז מענדעלע זאָל ווערן דער זיידע, ד. ה. די פאַרגאַנגענהייט, וועלכע קאָן ניט און דאַרף ניט ווידער אַלט ווערן.

„וויבאָרעס" („פ. ב." 38 №, 1883) — א בילד, ווי מ׳קלייבט אַ ראַבינער אין שטאָט „פינסטערניש" — איז אַ בלעטל מענדעלעס טאַקסע.

אָבער שוין אין ערשטן פעליעטאָן זיינען צוואָרפן פונקען, וואָס זאָגן אָן דעם שפּעטערדיקן מאַיסטער.

אָט אַ צעטל נעמען:

„ר׳ יוסף אינדיק, ר׳ פייטל גלאָק, ר׳ פייוועלע קנאַק, אַ באַטאָגטער יוד מיט איין אויסגעפּליקטער באָרד", „פרידיל בליץ — אַ קליין קיילעכדיק יודעל מיט קליינע הענטלעך, איז תמיד פראַהליך און האָט שטענדיג קיין צייט ניט".

צונעמעניש: אינדיק, גלאָק, קנאַק, בליץ — דאָס איז קינסטלערישע באַאָבאַכ־טעריי, און ניט קיין רעזאָניאָרישע אָנצוהערעניש, ווי אין מענדעלעס פּיאווקין אָדער פרעכמאַן (די טאַקסע).

„וויבאָרעס" איז געווען אַן ערשטע אַטאַקע, וואָס ווערט אָרגאַניזירט און סיסטע־מאַטיש פאָרגעזעצט אין די „איבערגעכאַפּטע בריעף אויף דער פּאָסט" — אַ קאָרעס־פּאָנדענץ צווישן „ר׳ לייבעלע פון יענער וועלט און ר׳ וועלוועלען אויף דער וועלט" *).

שוין די צעצם פאָרם: „בריוו פון יענער וועלט" האָט געדינט אַף אויפדעקן די ריכטיקייט, וואָס איז דאָרט אַף דער עמעסער וועלט באַוואוסט.

נאָך דעם אַריינפיר וועגן די פאַלשקייטן פון דער וועלט, וועגן יאָרשים, וואָס האָבן געוואָרט אַפן טאַטנס טויט, וועגן קאָהאָל, וואָס „האָט געמאַכט אַ „טאָרג" און געפּאָדערט 2000 רובל „קבורה געלד" (פ. ב 42 №), גייט די באַשרייבונג פון יענער וועלט, און דאָ לאָזט זיך אויס אַז דער „בית דין של מעלה" גיט אין אַלץ אָפּ גע־רעכט די מאַסקילים קעגן די כסידים.

אין די 80 יאָרן הייבט זיך אָן אַ פּראָצעס פון אויסבעסערן דעם מאַסקיליזם אין דער ליטעראַטור, וואָס ברייגנט צו דעם באַפרייען די ליטעראַטור פונם מאַסקיליזם.

וואָס באַדייטן די נייע דערשיינונגען?

מיר וועלן זיך באַגרענעצן מיט דערמאָנען דריי גרונט־פאַקטן: אַן עקאָנאָמישן, אַ פּאָליטישן און אַ קולטורעלן.

די ראַשע אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד נאָך דער פויערים־באַפריי־אונג האָט געבראַכט דערצו, אַז דעם נאָגידס אַשירעס באַגרענעצט זיך שוין ניט מיט קיין צוויי ציגן און מיט אַ געיאַרשעטער האַלבער דירע. ער איז שוין אַן אונטער־נעמער. אַף די קאָנטראַקטן טרעפן זיך שוין 18 אָנזעצן.

צווייטנס, ס׳איז שוין 1883. די פּאָגראָמען פון 1881, די אַזויגערופענע „צייטווי־ליקע געזעצן פון 3־טן מאַי 1882", די סיסטעמאַטישע שוואַרצמייעדיקע קאַמפּאַניעס אין דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע, די ראַשע אַנטוויקלונג פון אַנטיסעמיטיזם אין

*) פּ. ב. №№ 42,48,51 .1883 ,№№ 7,10,11 12,14.17,20,24,25,26,27 .1884

מאַ׳רעוו; אָט די אַלע פאַקטן האָבן געבראַכט צו דער צעשטערונג פון דער מאַסקילי־שער פאַרגעטערונג פון ציוויליזאַציע, פון דער אילוזיע, אַז בילדונג איז די טרופע קעגן אַלע צאָרעס.

און לעצטנס, די מאַסקילים האָבן שוין געזיגט: מ׳גייט שוין דייטש, מ׳לאָזט שוין די קינדער „שטודירן אַף דאָקטאר". „אין פּערעיאַסלעוו האָבן זיך שוין אַללע קלאַססען אויסגעבילדעט און אַללע משכילים טראָגען בלויע ברילל׳ען און לייענען די ראָמאַ־נען „דיומא" און „פּויל־דק־קאָק" אין רוסישער איבערזעצונג". („זעקסטע בריעף". „פ. ב." 14 № 1884).

איצט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער גוויר — דער דייטש איז ניט בעסער פון אַוורעם ווארגער (מענדעלע „קליין מענשעלע").

ס׳הייבט זיך אָן אויסבילדן אַ קריטישער קוק אַף אַלע מאַסקילישע ווערטן.

גייט טאַקע אין אַלע „איבערגעכאַפּטע בריוו" דער שטרייט צווישן דער אַלטער מאַסקילישער אינערציע מיט דעם נייעם סקעפּסיס בענויגייע צו דער פּריערדיקער מאַסקילישער אידעאָלאָגיע.

די אינערציע איז אין אייניקע ר׳ וועלוועלעס בריוו, וואו ס׳איז ניטאָ קיין איין בילד, קיין ש. א. וואָרט, בלויז צעצויגענע מאַסקילישע אופגעבעכצן פון „גוטע אידן":

„פאַר דער קליינער צייט, וואָס איך האָב זיך אויסגעוואַלגערט ביי די „גוטע אידן", האָב איך זיך אָנגעהערט און אָנגעזעהן אַזעלכע שרעקלעכע מעשיות, וואָס ביי דיין „בת קול" וואָלט אויך געווען אַ חידוש! פון די חסידים, די „זלידניס", וויל איך דיר גאָר ניט שרייבן: דאָס איז א סטאַדא פון שאָף מיט לעמעלעך, וואָס לאָזען זיך שערין און מעלקען; עס איז גאָר ניט כדאי פון זיי א סך צו רעדען, ח׳לעבען. עס איז פאַרהאַנדען א סאָרט חסידים, וואָס גלויבען דעם רבין גלייך מיט דעם ווינד, נאהר מע פאהרט צו איהם דאָך גאַנץ אָפט... נאָר ניט אויף דעם בין איך אויסען" (№ 51). און ווייטער גייט אוועק אַ 200 שורעס שמועסן מיט ראַביאים. וואו דעם רעבן ווערט אַריינגעלייגט אין מויל אויסגעדראָשענע מאַסקילישע טאַינעס.

דער לינעצקי־שאַצקי־נוסעך פון בריוו רייסט זיך איבער מיט א פּאָסט־סקריפּ־טום, וואָס גיט די אַנטוישונג מיט די מאַסקילישע ניצכוינעס, און דאָ גלייך אַ בלענד א ש. א. וואָרט: „אונזער נייער גבור זאחאַר גריגאָראָוויטש דרייזיך האָט געשענקט 5000 רובעל אויף אַ פּוילישען קאָסטיאָל און אַז מע איז געקומען צו איהם בעטען אַ נדבה אויף די ראַזגראָמעטע יודען אין קריוואָראָג האָט ער געענטווערט דורך דעם לאקאי, אַז ער ווייסט אליין אויך ווען מע דארף העלפען און ער וויל מיט קיין יודלאַך קיין האַנדעל ניט האָבען".

די האַסקאָלע איז געווען די אידעאָלאָגיע פון דער וואַקסנדער אידישער בורזשואַזיע. וואָס איז איר איינג געוואָרן אין אידישן מיטלאַלטער. די אידישע בורזשואַזיע האָט אָבער זייער גיך באַוויזן איר פּארצעף און פּאַרווירקלעכט די צעשטערונג־פּראָגראַם פון דער האַסקאָלע, האָט זי זיך אויסגעלאַכט פון איר פּאָזיטיווער פּראָגראַם, מיט דעם „ציוויליזאַציע־אידעאַל".

פון דעם פּראָגרעסיוון אידישן געדאַנק, פאַר דער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ, צו וועלכער ש. אַ. האָט געהערט, האָט זיך געשטעלט אַ צווייענדיקע אופגאַבע:

פאָרזעצן דעם אַלטן מאַסקילישן קאַמף קעגן ראַביאים און קאָהאָלשע פאַר־זאָרגער, דערקלערן מילכאָמע זאַכאַר גריגאָראָוויטש דרייזיך מיט זיין לאקאי און קאַסטיאַל־קולטור.

אין אַלע ווייטערדיקע „איבערגעכאַפּטע בריוו" פלעכטן זיך איבער אָט די צוויי אופגאַבן, און וואָס וויכטיקער ס'ווערט די נייע אופגאַבע, אַלץ מער ווערט אָפּגע־צויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער אַלטער. אין דעם 5־טן בריוו וואָרנט שוין אַפילו „ר' לייבעלע פון יענער וועלט", וואו אַלץ איז קלאָרער, ר' וועלוועלען אַף דער וועלט, ער זאָל „לאָזן צו רוה די „גוטע יודן", זיי וועללען אַליין פאַללען... דו קאָנסט זיך בעסער צוקוקן צו אַנדערע זייטען פון דעם יודישען לעבען אין די הויכע פענסטער, אונטער די נאַקעטע קאפּ מיט די געגאָלטע באָרד" (7 № 1884).

IV.

דאָס 1885 י. ווערט דער ווענד־פּונקט אין ש. א״ס. שאַפן. דאָס יאָר גייט ש. אַ. אַרויס אַף זיין אייגענעם וועג. ער אַנטפּלעקט זיך אַלס סאָציאַלער הומאָריסט און אַלס קינסטלער פון פאָלקישער אומיטלבאַרקייט און נאַאיווקייט. ער שרייבט אָן די ערשטע זאַכן, וואָס גייען אַף טאָמיד אַריין אין זיין ליטעראַרישער ירושע: — „דאָס מעסערעל", „ל״ג־בעומר", זיין ערשטע קאָמעדיע: „א חתן — אַ דאָקטאָר" *). געדרוקט געוואָרן זיינען אָט די זאַכן ערשט אין 1887: „דאָס מעסערעל" — אַלס פּרעמיע צו „פ. ב."; „ל״ג־בעומר" אין ביילאגע 72 № צו „פ. ב."; „אַ חתן — אַ דאקטאָר" אין ביי־לאַגע 76 №.

דאָ האָט זיך שוין געפונען ש. אַ. דער הומאָריסט. דאָ זיינען געגעבן געוואָרן ש. אַ. טעמאַטישע צוויי גרונט־ליניעס: דאָס קינד און דער גוויר. פאַרנומען מיט אָט די ווערק האָט זיך ש. אַ. אַ גאַנץ 1885 י., גאָרניט געדרוקט אין „פ. ב."; ערשט אין דעקאַבר דרוקט ער דאָרט אָפּ זיין: „קאָנטאָר־געשעפטן" אַ דראַמע אין 2 מליצה־בריעף 18, האַנדעלס־בריעפלעך און 20 דעפעשען" (50, 49, 48, 47 №№ 1885).

דער אָביעקט איז דאַ — די שוים פון גווירישער אָנזאַמלעריי. דער מעטאָד איז דאָ דער קינסטלעריש־אָביעקטיווער, פריי פון שרייבערישע כקירעס און מוסער־האַסקלס, אין דעם איז דער זין פון דער שרייבערישער באַהויפּטונג. „אַזוי ווי איהר קוקט זיי אָן, אַזוי זענען זיי, נישט מוסיף געווען אַפילו אַ האלב וואָרט".

אין דעם שטרעבן צו אווטאָרישער אָביעקטיווקייט, אין דעם גאָרן פאַרטרייבן די שרייבערישע אַרויסזאָגעכצן איז דערעך־אַגעוו געלעגן איינע פון די סיבעס, פאַרוואָס ש. אַ. האָט געמאַכט פון זיין הויפּט־זשאַנד דעם מאָנאָלאָג און די בריוו, וואָס לאָזן קיין אָרט ניט פאַר דעם שרייבערס אַריינמישן זיך — פון וואָס ש. אַ. האָט זיך אין זיין ראָמאַן קיינמאָל ניט געקאָנט געגצלעך באַפרייען.

גופע די טעמע — דער גוויר, וואָס ש. אַ., אַלס עמעסער אמכאָ, האָט טאָמיד אים געהאַלטן פון זיך אַף אַ געוויסער דיסטאַנץ, האָט אים מאַקסימאַל פאַרלייכטערט די אופגאַבע פון בלייבן אָביעקטיוו.

.V

פון 1885 י. מערקט זיך בא ש. א.־ן א טענדענץ שרייבן פּאַראַלעל, לויט צוויי אָרטן: פאַר צייטונג־פעליעטאָנען און גרעסערע בוך־זאַכן.

אין 1886 שרייבט ער אָן צוויי ראָמאַנען: „די וועלט רייזע" (ביילאַגע צו פ. ב. 6 — 1 №№ 1886, 9 — 3 №№ 1887. שפּעטער אַרויס איבערגעאַרבעט אונטער דעם

*) „ל״ג־בעומר" איז שפּעטער איבערגעדרוקט געוואָרן אונטער דעם נאָמען „א פאַרשטערטער ל״ג־בעומר", „א חתן — א דאקטאָר" אונטער דעם נאָמען: „א דאָקטאָר".

נאָמען „דער ערשטער אַרויספאָהר") און „קינדער־שפּיעל" (ביילאַגע צו פ. ב. 20 — 19 №№ 1886, № 20 1887).

ער הייבט אָן אַ סעריע צייטונג־פעליעטאָנען: „בילדער פון באַרדיטשעווער גאַס".

דער פעליעטאָן איז דער אייגנטלעכער זשאַנר פון הומאָריסט און דאָ האָט ש. א.־ן גיכער איינגעגעבן זיך באַפרייען פון ווירקונגען פון פאָרגייגער. אין ראָמאַן זיינען אָבער טאָמיד פאַראַן פאַרן הומאָריסט פאַרבאָרגענע געפאַרן. און דערצו איז די טראַדיציע פון ראָמאַן געווען אין דער אידישער ליטעראַטור אַ מער איינגעשטעלטע. זיינען טאַקע אָט די 2 ראָמאַנען פון 1886 י. ווייט ניט פריי געווען פון דער „צוויי שטיינער"־ליניע פון ש. א.־ס שאַפן. זיי זיינען אָבער דאָך געווען א באַדייטנדער שריט אף דעם וועג צום אייגנטלעכן ש. א. ראָמאַן. דאָס האָט גוירעם געווען דער מאַטעריאַל גופא.

דאָס זיינען ווייטער געווען ראָמאַנען וועגן יונגן גווירישן „אַריסטאָקראַט" און שוין אויך וועגן דעמאָקראַטישן מאַסקיל. דאָ וועט צום פלאַץ זיין דערמאָנען, אַז זייענדיק די אידעאָלאָגען פון דער בורזשואַזיע, זיינען די מאַסקילים גופא בלויז אין אַ קליינער צאָל געווען בורזשואזיע, אין זייער מערהייט זיינען זיי געווען די ערשטע אידישע דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ.

פאַר ש. א.־ן איז געווען נאַטירלעך געבן „דעם ערשטן ארויספאר" פון אָט די ביידע גרופען: פון גוויר דעם „אַריסטאָקראַט" און פון דעם דעמאָקראַטישן מאַסקיל.

(זשורנאל „רויטע וועלט" 1926 י.)

ש. ניגער.

די שאָמער־טענדענץ און די מענדעלע־טענדענץ אין שאָלעם־אַליי־כעמס שאַפן. — דאָס קינד בא שאָלעם־אַלייכעמען. — דער כורבן פון קאַסרילעווקע — די הויפּט־טעמע פון שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר.

צוויי נעמען בעטן זיך אף דער פען, ווען מע שרייבט וועגן דער דרויסנדיקער לופט, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט אַריין־ און אַרויסגעעטעמט, צוויי נעמען, וואָס זיי־נען ווייט איינער פונם אַנדערן, ווי מאַירעוו פון מיזרעך, און וואָס עס איז שווער זיי גאָר צו דערמאָנען איינס לעבן דעם אַנדערן אָן אַ „לעהאַוודל" — דאָס זיינען: מענ־דעלע מויכער־ספאָרים און... שאָמער.

שאָמער איז פאַר אונזער פאָלקס־דיכטער, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן, געווען דאָס פינטל, וואָס האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך; גע־צויגן האָט אים צו מענדעלען. שאָמער איז געווען דער יעיצער־האָרע פונם אידישן לעזער, און פון אָט דעם לעזערס, ניט פון זיין אייגענעם האַרצן, האָט שאָלעם־אַלייכעם געדאַרפט אַרויסטרייבן, אויסראָטן די קליפּע פון שונד.

אייזיק־מייער דיק איז בעטעווע געווען נאָענט צום אידישן לעזער, ער האָט אַליין אָבער אופגעשטעלט שפעטער א מעכיצע צווישן אים און זיך: ער האָט געשריבן דייטשמעריש; מענדעלען איז בעטעווע פרעמד דער פּראָסטער לעזער; גאָר אַנ־דערש איז שאָלעם־אַלייכעם: „איך שרייב מיינע ראָמאַנען, לייענען מיר אין „א בריוו צו א גוטן פריינט", — צומיינסטן פאַרן האָמוין־אָם, דאָס הייסט פאַר אזא מין אוילעם

מענטשן, וואָס זיינען נאָך פרעמד פון הויכע געדאַנקען, אָדער, ווי מע רופט דאָס אָן, אידייען; פריער, איידער מע זאָל זיי פאָרשטעלן דורך איין דערציילונג הויכע אידייען, מוז מען זיי באַקאַנט מאַכן ביסלעכוויים מיט אַלע מאַדרייגעס פון דעם לייטערל, וועלכעס פירט אונז גלייך אין יענעם וועלטל, וואָס ווערט אָנגערופן פּאָעזיע — — — מע מוז גיין מיטן פאָלק בעהאַדראָגע, ניט געכאַפּט, טריט בא טריט, פון דער נידעריק און ביז אַלץ העכער און העכער" (די אידישע פאָלקס־ביבליאָטעק II, 1889).

מיר זעען, ווי שאָלעם־אַלייכעם האָט אויסגענוצט אַלע מעגלעכע מיטלען, אַבי צו דערנענטערן זיך צום אידישן לעזער, אַבי צוצוגעוווינען אים צו ליטעראַטור, אַזוי ווי ער וואָלט פון אָנהייב אָן געפילט, אז אויב דער זיידע האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער אידישער ליטעראַטור, איז אים, דעם אייניקל, באַשערט — צו שאַפן א אידישן לעזער. דער מאַסן־לעזער אין יענער צייט איז געווען אין די הענט פון די, וואָס האָבן אים באַשאַפן, ד. ה. אין די הענט פון די שונ־הויף־שרייבער; האָט מען געמוזט מיט זיי קאָנקורירן, אויב מע האָט געוואָלט געווינען דעם לעזער פאַר זיך. צוליב אָט דער קאָנקורענץ האָט מען אַכוץ פאַרמיעסן די שלעכטע זייטן פון דער שאָמער־ליטעראַטור, וואָס איז זייער לייכט געווען, געמוזט אויך איבערנעמען די גוטע, די קאָשערע זייטן אירע, וואָס דאָס איז שוין גאָרניט אַזוי גרינג געווען: מע האָט געמוזט זיך אויסלערנען אינטערעסאַנט צו זיין פאַר דעם לעזער.

אים איז קלאָר געווען, אַז פריער ווי אַלץ מוז באַפרידיקט ווערן אָט דאָס נאַטירלעכע באַדערפעניש פונם פאָלקס־לעזער, דאָס באַדערפעניש, וואָס די שאָמער־ליטעראַטור האָט אַזוי גוט פאַרשטאַנען עס אויסצונוצן, און אַז קעדיי אָט דאָס נאַטירלעכע באַדערפעניש זאָל צופרידן געשטעלט ווערן, און די „העכסטאינטערעסאַנטע" שונד זאָל פאַרלירן דעם פונדאַמענט, אף וועלכן זי האַלט זיך, — איז נייטיק, אַז צו דעם קינסטלערישן רעאַליזם זאָל צוקומען די קינסטלערישע פאַנטאַזיע, צו דער נאַטירלעכקייט — די יאָנ־טעוודיקייט און אומגעוויינלעכקייט. און שוין די ערשטע ווערק שאָלעם־אַלייכעמס, וואו דער איקער איז נאָך דער רעאַליזם און די נאַטירלעכקייט, — זיינען באַשאָטן מיט דעם כיינעוודיקן טאָן פון אומגעוויינלעכע פאַסירונגען און קאָלערליי פאַנטאַזיעס.

מיט דער מענדעלע־טענדענץ אין שאָלעם־אַלייכעמס שרייבן מיין איך די אַלגע־מיינע טענדענץ צו זיין פאָלקסטימלעך, אידישלעך־אָריגינעל. געוויס איז דידאָזיקע טענדענץ בא אונזער שרייבער אן אייגענע, א אינעוויייניקסטע, ניט קיין איבערגענו־מענע; דאָך איז זי פאַרבונדן מיט דעם, אף וועלכן שאָלעם־אַלייכעם האָט פון אָנהייב אָן געקוקט, ווי אף זיין „זיידן".

דער שניט מענדעלעס פילט זיך פריער ווי אַלץ אין דער אַלגעמיינער טעמע און אין דער סוויווע, וואָס שאָלעם־אַלייכעם באַשעפטיקט זיך מיט זיי: אַזוי ווי בא יענעם, אַזוי איז אויך בא אים די הויפּט־טעמע: — דאָס לעבן פון דעם אידישן קלאַל, די סוויווע: — קאַסרילעווקע (קאַבצאַנסק). פּראָטים, יעכידים, וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט פון קאָהאָל, זיך דערווייטערט פון קאַסרילעווקע, זיינען פאַראַן אויך בא אים, און אַסאַך מער, ווי בא מענדעלען, נאָר, אַזוי ווי באַם לעצטן, זיינען זיי אויך בא אים מער ניט ווי אויסנאַמען, סאָפּקאָלסאָף זיינען זיי נאָר א קאָנ־טראַסט צו דער גאַנצקייט פון דער אומדיפערענצירטער מאַסע, וואָס פילט

אָן דעם כאַלעל פון זיינע ווערק. און דערצו, אַז ס׳קומט טאַקע צו מאָלן אָט די יעכידים, זיינען ביידע, אי מענדעלע, אי שאָלעם־אַלייכעם בעריעס, נאָר אף וויפל קאַבצאַנסק און קאַסרילעווקע שטעקט נאָך אויך אין זיי, אין אָט די אינטעליגענטן, די יעכידים. קאַסרילעווקע און קאַבצאַנסק מאָלט אונז שאָלעם־אַלייכעם אויך דאַן, ווען ער קלייבט זיך אַריבער מיט זיינע פּאַרשוינען אין ווין, אין אַנטווערפּן, אין לאָנדאָן אָדער אין ניו־יאָרק: אַזוי ווי דער „זיידע״, אַזוי איז אויך ער געווען און געבליבן דער שילדערער פונם געטאָ־אידן, אַלץ איינס, צי דאָס געטאָ איז אַ ר ו ם אָדער א י ן דעם אידן.

אָבער ניט נאָר אין דער אַלגעמיינער טעמע פילט זיך די קרויוועשאַפט צווישן מענדעלען און שאָלעם־אַלייכעמען; זי שפּירט זיך אויך אין איינציקע פּאַרשוינען: אַ ר י ע ־ ל ײ ב אינם „ערשטן אַרויספאָר״, ווען ער קומט אָן מיט זיין כאַוווער אין דער גרויסער שטאָט אַריין, דערמאָנט ניט ווילנדיק אָן ב י נ י אָ מ י ן ה אַ ש ל י ש י; די באַלעבאָסטע פון דער אַכסאַניע, וואו די קליינשטעטלדיקע מאַסקילים פון דער נאָר־וואָס דערמאָנטער דערציילונג שטעלן זיך אָפּ, איז אַ נאָענטע קרויווע פון ר ײ ז ע דער באַלאַכסאַניעטע אין „ווינשפינגערל״: בא ביידן אונטער די געוואַלדן און קוילעס פילט זיך אַ שטילע, אַ ווייכע, אַ מוטערלעכע גוטהאַרציקייט; ווייטער, די ביאָגראַפיע פון ס ע נ ד ע ר ב ל א נ ק איז ענלעך צו דער לעבנס־באַשרייבונג פונם „קליינעם מענטשעלע״, און מענאַכעם־מענדל מיעהופּעץ — איז ער ניט קיין גילגל, קיין ווײטערדיקע, קאָנסעקוועטערע דורכפירונג פון אַלטער יאַקנעהאָז?

נאָר נאָך מער ווי אין די פּאַרשוינען איז די ווירקונג מ ע נ ד ע ל ע ס קענטיק אין דעם סטיל שאָלעם־אַלייכעמס. עמעס, זיין סטיל איז אַזוי אייגנאַרטיק, אַז אַפילע די יעסוידעס זיינע, וואָס שטאַמען פון מענדעלען, האָבן מיט אים זיך אַזוי צונויפגעגאָסן, אַז ס׳איז שווער זיי גאָר צו דערקענען און אָפּצוזונדערן, אָבער איינציקע ערטער זיינען דאָך פאַראַן בא אונזער שרייבער, וואו דער שניט און דער שטייגער פון מענדעלעס שרייבן האָט זיך אופגעהיט אין זיין ריינער געשטאַלט — איז אָט דאָרט קאָן מען זען די פעדים, וואָס ציען זיך פון ז ײ ד ן צ ו ם א ײ נ י ק ל. אַזוינע ערטער זיינען פאַראַן אין דער באַשרייבונג פון דער „שטאָט קאַסרילעווקע״, אין „אוילעם־האַבע״, אַפילע אין אַזא עכט שאָלעם־אַלייכעמישער זאַך, ווי „אַ מאַיסע אָן אַן עק״. איך וועל דאָ ברענגען אַ ציטאַט פון דער דערציילונג „אויפן פידעלע״: „דאַכט זיך, ווען מען באַדאַרף עס אָנגיין, לעמאָשל, אַז אַ אידיש באָכערל גייט זיך שאַבעס באַטאָג שפּאַצירן אביסל ווייטער אונטער דער שטאָט? צי ס׳איז טאַקע מער נישטאָ וואָס צו טון, נאָר נאָכקוקן, אין זינען האָבן יענעם? וואָס העלפן אָבער די אַלע טאַינעס, אַז עס ליגט שוין אַזוי בא אונז אין דער נאַטור, בא אידן, הייסט דאָס, גוט צוקוקן זיך צו יענעם, אַכטונג געבן, געפינען כעסרוינעס און געבן אייצעס. לעמאָשל: צוגיין צו אַ ווילד פרעמדן בעשאַס ער דאַוונט און צורעכט מאַכן אים דעם „שעל ראָש״ פון די טפילין; אָדער אָפּשטעלן אים, בעשאַס ער לויפט און איז פאַרטראַגן, אַז עס האָט זיך בא אים דאַכט זיך פאַרקאַטשעט אַ הויז; אָדער אָנווייזן יענעם מיטן פינגער, ער זאָל ניט ווייסן, וואָס איר מיינט: צי די נאָז, צי די באָרד, צי וועלכע גוטע יאָר? אָדער צונעמען בא יענעם פון די הענט, בעשאַס יענער מוטשעט זיך און וויל עפּעס עפענען און זאָגן אים: איר קאָנט ניט, לאָזט מיך; אָדער אָפּשטעלן זיך בעשאַס יענער בויט אַ שטוב און אויסזעצן אים אַ כיסאָרן, אַז די סטעליע איז, דאַכט זיך, צו הויך, די כאַדאָרים צו גראָם און די פענצטער אומגעלומפּערט ברייט, כאָטש נעם צעוואַרף די שטוב און שטעל זיך בויען גאָר איבער־

אַנייס!... אָט אַזוי, הערט איר, איז שוין בײַ אונז איינגעפירט פון קאַדמוינים, פון שיישעס יעמיי בערײשיס״.

איך האָב געבראַכט אָט די לאַנגע ציטאַטע ניט נאָר, ווייל מיר האָבן אין איר אַ פיין שטיקל מענדעלע מו״ס, נאָר אויך ווייל דאָס לאָזט זיך אויס מיט אַ שורע, וועלכע ווייזט אונז צו גלייכער צייט, אַז די ענלעכקייט צווישן דיביידע פאָלקס־שרייבער איז דאָך מער ניט ווי אַן אויסערלעכע; „מיר וועלן מיט אייך, לאָזט אויס שאָלעם־אַלייכעם דעם אָקאָרשט געבראַכטן שטיקל מוסער, מיר וועלן מיט אייך די וועלט ניט איבערמאַכן, מיר זיינען דאָס גאָרניט מעכויעוו״. און האַגאַם ער זאָגט עס איראָניש, גלויבט איר אים מיטן גאַנצן האַרצן, אַז ער איז עס טאַקע גאָרניט מעכויעוו, אַז עס איז גאָרניט זיין זאַך איבערצומאַכן די וועלט,— אין דער צייט, וואָס מענדעלע, ווען ער איז מויסעף צו אַזוינע שטיקלעך מוסער זיין — „ניט דאָס בין איך אויסן״, זייט איר, פאַרקערט, זיכער, אַז ער איז עס זייער און זייער אויסן.

מיט זיינע קינדער־דערציילונגען אָבער האָט שאָלעם־אַלייכעם אַריינגעטראָגן אין דער אידישער ליטעראַטור גאָר אינגאַנצן אַ נייע לופט. קינדער האָט אויך דער זיידע ליב, האַרציק ליב, אָבער אין גלופּסק און אין קאַבצאַנסק זעט ער ניט קיין קינדער, נאָר קליינע אידעלעך, קינדער אָן קינדהייט; „הערשעלע איז געווען אַ פאַרשייט קינד, אַ לעבעדיקס, אַ רירעוודיקס״. אָבער זיין יוגנט, דערציילט אונז מענדעלע ווייטער, זיין יוגנט „איז פאַרגאַנגען געשווינד, אָפּגעבליט גיך, און ער איז קינדוויס נאָך געוואָרן אַ קליין אידל! דערשלאָגן, פאַרטראַכט, מיט אַ פאַרזאָרגט פּאָנים און אַלע פּאָסטעמקעס פון אַ גרויסן באַווייבטן אידן. עס האָט אים נאָר גע־פעלט אַ בערדל״. און ניט נאָר מענדעלע. אויך פערעץ זעט נאָר די „בלאַסע, גרינע, געלע און איינגעדריקטע פּענעמלעך״ („ל״ג־בעומר״) פון די אידישע קינדער. אַפילע שאָלעם־אַלייכעם האָט געוועסט געפּרואווט מאַכן אַ רייד אין „יאָסעלע סאָלאָװיי״ וועגן „די אידישע איינגלעך, וואָס וואַקסן אויס און ווערן אַלט פאַר דער צייט, פאַרטיקע אידעלעך״, נאָר דאָס איז מער ניט געווען, ווי אַן אָפּצאָל דער טראַדיציע צו קלאָגן זיך אָפּ—דער אידישע מאַראָכע; מיט זיינע אַנדערע ווערק האָט ער אונז געוויזן, אַז ער פאַרהאַלט זיך צו אידישע קינדער ניט, ווי צו די „פאַרטיקע אידעלעך״; ער האָט אונז געוויזן, אַז ער האָט קיין ראַכמאָנעס ניט נעבעך אף זיי, ווי מענדעלע, נאָר פאַרקערט, ער שפּירט דעם לעבעדיקן לוסטיקן קוואַל, וואָס שלאָגט אין זייערע הערצער, ער איז גרייט אַליין זיך אָפּצוטונקען און אָפּצופרישן זיך אין אָט דעם כאַיעס־דיקן קוואַל, אין דעם קינדערשן געלעכטער, אין דער קינדערשער זאָרגלאָזיקייט; ער זעט אין דעם די איינציקע פרייד, די איינציקע טרייסט פונם אידישן לעבן. זיי, די קינדער, זיינען די איינציקע קאַסרילעווקער, וואָס זיינען ניט קיין קאַסרילעוו־קער, זיי זיינען די איינציקע קאַסרילעווקער, וואָס כאַכמענען זיך ניט, וואָס וויצלען זיך ניט, וואָס קאָנען לאַכן פון גאַנצן האַרצן, וואָס קאָנען שפּילן און פרייען זיך,— און ער לאַכט מיט זיי אינאיינעם און שפּילט זיך מיט זיי און פרייט זיך מיט זיי אינאיינעם: ער איז מער אַ זייעריקער, ווי אַן אונזעריקער. ווער ווייס, צי איז עס ניט קיין אַוולע פון אונז, דערוואַקסענע, וואָס מיר האָבן צוגעגנומען בײַ זיי, בײַ די קינ־דער, שאָלעם־אַלייכעמען; ווער ווייס, צי האָט ער ניט געדאַרפט שרייבן פאַר זיי, נאָר פאַר זיי:

— הערט, אידישע קינדער, איך וועל אייך דערציילן א מאַיסע מיט אַ מעסערל; ניט קיין אויסגעטראַכטע מאַיסע, נאָר אַן עמעסע, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט מיר אַליין...

— היינט וועל איך אייך, קינדער, שפּילן אַביסל אפן פידל. ניטאָ, אַזוי דאַכט זיך מיר, קיין שענערס און קיין בעסערס, ווי אַז מען קאָן שפּילן אפן פידל...

אָדער:

— טרעפט, קינדער, וואָסער יאָנטעוו איז דער בעסטער פון אַלע יאָנטויווים? כאַנוקע!...

אָדער:

— קינדער, איך וועל אייך דערציילן א מאַיסע מיט אַ פאָן...

מע דאַרף האָבן אַליין אין זיך עפּעס קינדישעס, קעדיי צו קאָנען זיך אופרעדן מיט קינדער אַזוי פראָסט, אַזוי איינפאַך; מע דאַרף נאָך אליין אין זיך פילן דעם אינגל, קעדיי צו קאָנען אים אַוועקשטעלן ווי א קאָנטראַסט, ווי א פּראָטעסט קעגן דעם דערוואַקסענעם גאָלעס־אידן...

— וואָס דרייסטו זיך, ווי א דייטש אַפן קאָרעק? — מאַכט צו מיר דער טאַטע, בעשאַס מיר גייען אַלע איינענעם צום זיידן רעב מייער צו דער סודע, און איך דערזע פונדערווייטן די כאַליאַסטרע (די פּורים־שפּילער).

— ביסט שוין, קיין איינאָרע, א היפּש אינגל, קאָנסט גיין אַביסל גיכער, — זאָגט די מאַמע, אימירצעשעם שאַבעס האגאָדל ווערסטו אכט יאָר, ביז הונדערט און צוואַנציק.

— גיי! גיי! — מאַכט צו מיר דער רעבע רעב איצי, מיין מאַלכאַמאָוועס, און דערלאַנגט מיר א שטורך פונהינטן. — אָט אַזוי מוסטערט דער אַלט־פרענקישער איד זיין אַ כ ט י אָ ר י ק קינד און וויל אים „מאַכן פאַר אַ מענטשן", פאַר א קליין אידעלע. אָבער דאָס קליינע אידעלע איז גאָרניט צופרידן דערמיט. ער לאָזט אַראָפּ, ווי ער זאָגט, די אויגן אין דער בלאָטע און גייט גלייך מיט אַלע, פאַרטיפט אין אומעטיקע מאַכשאָוועס, טרויעריקע געדאַנקען: „טאָמיד מיט אלע גרויסע! שטענדיק מיטן רעבן!.. אינדערפרי און באַנאַכט און שאַבעס און יאָנטעוו!.. רעב איצים רויטע נאָז מיט טאַבאַקע, איינגעזונקען זאָל זי ווערן!" מע לאָזט אים ניט גיין צו דער „כאַליאַסטרע, צו קעניג אַכאַשווייראָש, ד. ה. צו קאָפּל דעם שניידער מיט דער גאָלדענער קרוין". און דער ניסאָיען איז צו גרויס; זיין קינדיש האַרץ, וואָס איז געווינט זיך נאָכצוגעבן, האַלט עס ניט אויס, און ער גאַנוועט זיך סאָפּקאָלסאָף אַרויס פון זיידנס שטוב און גייט אַוועק מיט די שפּילער; ער מאַכט פּאָשעט א מ ע ר י ד ע קעגן דעם שטרייגגן און לאַנגווייליקן רעזשים פון די דערוואַקסענע.

און דאָס איז ניט די איינציקע מערידע.

„לאָז ער מיר מויכל זיין, דער טאַטע מיינער אף יענער וועלט (דערציילט נאָך אַ אינגל שאָלעם־אַלייכעמס), איך האָב אים ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס איז ער געוועזן פאַר א מענטש, וואָס ווערליק די מאַמע דערציילט זיך אָן פון אים, פלעגט ער קעסיידער אָדער לערנען אָדער דאַווענען. שוין־זשע האָט אים קיינמאָל ניט געצויגן, ווי מיך, אין דרויסן אַרויס זומער אינדערפרי, בעשאַס די זון ברענט נאָך ניט אַזוי שטאַרק, הייבט ערשט אָן אַרויסטרעטן אַפן גרויסן הימל א. אז. וו.? וואָס פאַר א טאַם, פרעג איך אייך, האָט אין אַזאַ געטלעכן פרימאָרגן דאָס וואָכעדיקע דאַווענען? וואָס פאַר א טאם האָט נאָך דעם דאָס זיצן און לערנען אינם איינגן ויסטן כיידער א. אז. וו. א. אז. וו." דער זון פילט ניט דעם טאַם, וואָס דער טאַטע האָט אין

לערנען און אין דאַווגען, וואָרום ער לעבט גאָר אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ וועלט, וואו ס'איז ניטאָ קיין איינגעשאַפּט און קיין אומעט, קיין גאָלעס און קיין יאָך פון גאָלעס, קיין איד און קיין גוי. ווען כיידער־אינגלעך פירן מילכאָמע מיט שקאָצים („ל"ג בעומר"), איז עס נאָר, ווייל זיי, „די שקאָצים", זיינען „פלישטים", דאַרפן די „בני איסראָעל" מיט זיי מילכאָמע האַלטן. ווי־זשע אַנדערש? אָבער אָט שפּילט זיך פּייטל זייער פריינטלעך מיט פעדקאַן, און אַז עס קומט פרילינג כאַפּן זיי זיך ביידע אַרויס „אַף גאָטס וועלט, וואָס האָט זיך געעפנט פאַר זייביידן גלייך", און ביידע נעמען זיי זיך פאַר די הענט און מע לאָזט זיך לויפן אַהין צום באַרג, וואָס שמייכלט צו זיי ביידן גלייך: קינדער, אַהער! און מע שפּרינגט אַקעגן דער זון, וואָס גריסט זיי ביידן גלייך און רופט זיי ביידן צו זיך: „קינדער, אַהער! און אַז זיי מידן זיך איין לויפנדיק, זעצן זיי זיך ביידע אַוועק אַף גאָטס ערד, וואָס ווייס ניט קיין איד, וואָס ווייס ניט קיין גוי,—קינדער, צו מיר, צו מיר!" (פּייסעך אין דאָרף").

אָט האָט דער כמורנער מאַסקיל, דער פאַרביסענער ליטוואַק שאַצקעס געמאַכט אַ גאַנצע טראַגעדיע, ראַכמאָנע ליצלאַן, פון דעם אידישן פאַר פּייסעך; און באַ שאָלעם־אַלייכעמען איז געוואָרן דערפון די „ערעוו־פּייסעכדיקע עמיגראַציע", דאפקע איינע פון די פריילעכסטע, לוסטיקסטע געשיכטן. פאַרוואָס? ווי־דעראַמאָל, ווייל שאַצקעס דער מאַסקיל, דער אפּיקוירעס האָט געקוקט אַף דער וועלט סאַפּקאָלסאַף מיט די אומרואיקע, מידע, פאַרפּילפּלטע, פאַרהאַוועטע אויגן פון די בעסמעדרעש־און פאָרעך־אידן, פון די מאַרק־קראָם־און קיך־אידענעס מיט זייערע באַרויגעזע, פאַרשמייעטע, פאַרהאָרעוועטע צורעס, ער האָט געפּילט אַף דעמזעלביקן שניט וואָס זיי, מער ניט, ער האָט זיך פאַרהאַלטן צו דעם קריטישער; שאָלעם־אַלייכעם אָבער האָט לעבן דעם כמורן אידן, דעם טאַטן, וואָס איז באַרויגעז אַף דער „עמיגראַציע" פון אַלקער אין קיך און פון קיך אין קעלער און פון קעלער אַפן בוידעם, און לעבן דער מאַמען, דער אידענע, וואָס איז שרעקלעך אַריינגעטון אין קאַשערן און רייניקן לעקאָוועד פּייסעך — דערזעען אויך דאָס קינד, דעם כיידער־אינגל, דעם קונדעס, וואָס פאַר אים איז די ערעוו־פּייסעכדיקע „עמיגראַציע" אַ גאַנצע סימכע, אַן עמעסער יאָנטעוו. „מיר דאַכט, זאָגט ער, איך וואָלט אַ באַלן געוווּן, ס'זאָל זיין אַלע וואָך ערעוו־פּייסעך און מע זאָל אַלע וואָך דאַרפן קריכן אַפן בוידעם. ערשטנס, איז דאָס קריכן אַליין עפּעס אויך אַ שטיקל אייסעק. אַשטייגער, אין מיטן וואָך איך זאָל מיך אויסציען, ווועט מען מיך לאָזן קריכן אַפן בוידעם? און איצט שפּאַן איך אַף די טרעפּ, ווי אַ מאַזיק. אונטן שפּאַנט מיר נאָך דער טאַטע און זאָגט מיר: „פּאַוואָלינקע, פּאַמעלעכן". וואָס מיר פּאַוואָלינקע, וואָס מיר פּאַמעלעכן? איך פליל, אַז באַ מיר זיינען אויסגעוואַקסן פליגלען, איך פלי, איך פלי!" און אין אַ מינוט ארום, אַז עס טרעפט זיך אַ סיבע און ער טוט זיך נעבעך אַ לאָז צו דער טיר פונם בוידעם און... „טראַך־טאַראַראַם מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרוף איבער אַלע טרעפּ" — איז אויך אָן בייז! „ווי איר זעט, דערציילט ער, בין איך געבליבן געזונט און שטאַרק. האַלעוואַי ווייטער ניט ערגער, בילטי נאָר (לאָזט ער אויס אַף טעוויעס — שאָלעם־אַלייכעמס — שטייגער) דער איינער שראַם, וואָס באַ מיר אַפן 'פּאָנים, און וואָס דער אָטעם איז מיר געוואָרן פון דעמאָלט אָן קורצלעך און וואָס אַז איך רייד, פּינטל איך מיט די אויגן אַד האַיאָם האַזע"... און אייך לאַכט זיך פונדעסטוועגן, אַז איר לייענט עס, האַגאַם עס איז גאַנץ טרויעריק; איר פילט, אַז דער איד, וואָס דערציילט עס, ווען ער וואָלט געווען נאָך איצט אַ קינד, וואָלט ער ווידער געקראָכן אַפן בוידעם און ווידער געוואונדערט זיך אַפן טאַטן,

וואָס באַ אים איז עס אַן אָפּקומעניש. קינדער גייען אַזוי גיך, אַזוי גרינג איבער פון געוויין צו געלעכטער!

און ס'איז גאָר קיין צופאַל ניט, וואָס דאַפקע שאָלעם־אַליכעם האָט פאַרמאָגט אונדז צו שיינקען אָט די האַרציקע מאַטאָנע. דער הומאָריסט און דאָס קינד האָבן ביידע איין גרויסע מאַלע בעשוטפעס: דאָס איז די אינעווייניקסטע זאָרגלאָזיקייט. דאָס קינד ווייס ניט פון לעבנס זאָרגן, דער הומאָריסט האַלט ניט פון זיי; דערפאַר פאַרשטייען זיי איינס דאָס אַנדערע אַזוי גוט, דערפאַר זיינען אַלע הומאָריסטישע שרייבער—שרייבער פאַר קינדער... ס'איז אינטערעסאַנט, וואָס אַכוץ טעוויען האָט אונדזער דיכטער נאָר נאָך איינעם פון זיינע וויכטיקערע פאַרשוינען באַשיינקט מיט א הומאָריסטישן קוק אפן לעבן, און דערדאָזיקער איינער איז—מאָטל פייסי דעם כאַזנס איינגל. אינם ליבן בוך, וואָס טראָגט דעמדאָזיקן נאָמען מיט דעם אונטער־קעפּל „קסאָווים פון א אינגל א יאָסעם"—אינם דאָזיקן אויסגעצייכנטן בוך זיינען, ווי טאָמיד באַ שאָלעם־אַלייכעמען, קימאַט אַלע פאַרשוינען קאָמיש און טראַגי־קאָמיש, און נאָר איינער איז הומאָריסטיש, נאָר איינער קוקט אף זיי אַלעמען אַראָפּ פון עפּעס אַ הויכקייט, מיט עפּעס אַן איידעלן שמייכל, וואָס איר ווייסט ניט, צי לייכט פון אים אַרויס איינפאַכע קינדישע אומשולד, אָדער א טיפער נאָר געליי־טערטער שמערץ; נאָר איינער שיידט זיך אָפּ פון אַלעמען און שטייט אַזוי ווי אָן אַ זייט פון זייערע ליידן און פריידן:—דאָס איז מאָטל! אף די אלע קאַסרילעווקער, וואָס זייערע פיינען און יעסורים זיינען באַשריבן דאָ אין די „קסאָווים", האָבן מיר ראַכמאָנעס; אף מאָטלען, כאָטש ער שטייט אויס ניט וויניקער, אויב ניט מער נאָך צאָרעס פון אַלע איבעריקע, אַף מאָטלען האָבן מיר קיין ראַכמאָנעס ניט: מיר ליבן אים!

אָט דאָ, אפן וועג, וואָס פירט—און ברייינגט נישט—פון שטעטל אין שטאָט אריין, אָט דאָ מאַכט איר אָפּטן און פריילעכן שפּאַציר די מוזע פון שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר; אָט דאָ באַגעגנט זי זיך נישט נאָר מיט מענאַכעם־מענדלען, נאָר אויך מיט די אנדערע פאַרשוינען; אָט דאָ קוקט זי זיך צו צו זייער קאָמישן היילעך, צו זייערע פעקלעך מיט די קלומקעס; אָט דאָ הערט זי זיך איין אין זייערע פאַרשפּיצטע און נאַרישע רייד, קוקט זיי אריין אין די דערשראָקענע כיטרע און צוגלייך טאַמעוואַטע בלאָנזנדיקע אויגן—גיט שטיל און אמאָל ביטער א שמייכל—און פליט אוועק... יאָ, קלאָר און דייטלעך דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דער כורבן פון קאַסרילעווקע, נישט קאַסרילעווקע, איז דער הויפּט־שטאָף פון שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר.

ווען קאַסרילעווקע וואָלט געווען די אייגענע קאַסרילעווקע, וואָס אַמאָל, שטיל און אומבאַוועגלעך, ווי דאָס געמויזעכטס, וואָלט שאָלעם־אַלייכעם עפּשער גאָרנישט געהאַט אַזויפיל שטאָף פאַר זיינע מאַיסעס. משטיינס־געזאָגט, וואָס מע קאָן דאָרט הערן און זעען באַ די קליינע מענטשעלעך מיט די קליינע האַסאָגעלעך! איז אָבער דער דיכטער מיטן שאַרפן אויג און נאָך שאַרפערן כוש־האשמיע געקומען דאַפקע אין דעם מאָמענט, ווען קאַסרילעווקע האָט זיך גענומען רירן פון אָרט, ווען אַזוי ווי עפּעס אַ פרעמדע פאַרבאָרגענע האַנט האָט אריינגעוואָרפן אַהין אַ שטיק הייוון, און עס האָט אָנגעהובן צו „יורען". די קאַסרילעווקער האָבן אָנגעהויבן צו באַקומען פון דער וועלט אלץ פרישערע און אנדערע נייעס:—אַז ס'איז פאַראַן

דאָרט אַ באַן, האָבן זיי אין אָנהייב אפילע נישט געוואָלט גלויבן: „ווייס איך, האָבן זיי געזאָגט, דאָס האָבן פּוסטע-מענטשן אויסגעטראַכט", און אַז איינער האָט זיי גע־שוואוירן, אַז ער איז אַליין מיט דער באַן געפאָרן, האָבן זיי זיך דאָך געהאַלטן פאַר דאָס זייעריקע, אַז „ס'וועט נישט אויסגעהאלטן ווערן". פּאַוואָלינקע אָבער האָט זיך צוגערוקט די באַן ביז צו קאַסרילעווקע, זיי האָבן עס דערזען מיט די אייגענע אויגן, און צי עס איז זיי געפעלן געוואָרן, צי נישט, — נאָר פלוצלינג האָט זיי אָנגעהויבן איינג צו ווערן אין קאַסרילעווקע, און עס האָט זיי אָנגענומען דער כיישעק זיך דורכצופאָרן מיט דער באַן, און ביסלעכווייס האָט מען זיי אָנגעהויבן צו באַגעגענען אין די וואַגאָנעס, און ביסלעכווייס האָבן זיי זיך אָנגעהויבן דאָרט צו פילן, ווי פיש אין וואַסער, זיינען געוואָרן אַזוי היימיש, אַזוי ברייטלעך האָבן זיי זיך צעלייגט דאָרט אף די ביינק, אַז דער וואַגאָן האָט אָנגעהויבן אויסצוזען, ווי אַ שטיק קאַסרי־לעווקע, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון פונדאַמענט און געלאָזן זיך לויפן, הענדום־פּענדום, ווי אַ ווילדער רועך אין דער וועלט אריין, ער האָט אָנגעהויבן אויסצוזעען, ווי קאַסרילעווקע אף דער רייזע, — און שאָלעם-אַלייכעם האָט די קאַסרי־לעווקער געשיכטן געקאָנט שוין אָנרופן פּאַשעט „אייזנבאַן-געשיכטן"... אידן האָבן אָנגעהויבן צו פירן זייערע געשעפטן אין וואַגאָן, און יעדעס מאָל, ווען מענאַכעם־מענדל האָט זיך געקליבן צו קומען צוריק אַהיים צו שיינע שיינדלען מיט די קינ־דערלעך, פלעגט זיך אים מאַכן מאיסע-סאָטן עפּעס אַ גילדענעס געשעפט אין וואַגאָן, און ער פלעגט בלייבן ווידער ווייט פון קאַסרילעווקע — — — אָבער קאַסרילעווקע אַליין האָט זיך אָנגעהויבן צו רוקן אַלץ נעענטער צו יעהופּעץ, זי האָט זיך געמאַכט אף איר אייגענעם שטייגער אַ טראַמוואַי („קאַסרילעווקער טראַמוואַי") און אפילע אַ טעאַטער („קאַסרילעווקער טעאַטער"), און זינט מע האָט אופגעהערט צו בעטן זיך בא קאַסרילעווקער קינדער, זיי זאָלן גיין אין די „שקאָלעס" אריין, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו שטופּן אהין אַליין מיט מעסירעס נעפעש, און אפילע שיינע-שיינדל די יענטע האָט אָנגעהויבן זיך נאָכצופרעגן אין אירע בריוועלעך אף דרייפוסן און אף די, וואָס פאַרשרייבן זיך קיין ערעץ-איסראָעל, — און מענאַכעם-מענדל אין זיין לעצטן בריוול מאַכט שוין גלייך אַ שפּרונג קיין האַמבורג, און פונדאָרט וועט ער פאָרן קיין אַמעריקע, וואוהין „די גאַנצע וועלט פאָרט איצט", און פון אַמעריקע וועט ער שיינע־שיינדלען שיקן שיפסקאַרטן פאַר איר און פאַר די קינדער... קורץ, קאַסרילעווקע האָט זיך געלאָזט אין וועג אריין... און וועגן אָט דער נייער רייזע פון די נייע „ביניאָמין האַשלישיס" איז בא שאָלעם-אַלייכעמען פאַראַן שוין אַ גאַנץ בוך, — דאָס זיינען די שוין פריערדערמאָנטע גאָלדענע קסאָווים פון מאָטל דעם כאַזנס איינגל... אַמעריקע, און ווי קאַסרילעווקע זעט דאָרט אויס, האָט ער אונז געשיל־דערט אין זיין גרויסן ראָמאַן „בלאָנזנדע שטערן" — — — און אָט דערפאַר, וואָס ער פאַרנעמט זיך שוין נישט אַזוי מיט דעם אַלטן, רואיקן, פאַרגליווערטן, פאַרשלאָפענעם קאַסרילעווקע, ווי מיט קאַסרילעווקע אף דער רייזע, מיט קאַסרילעווקע, וואָס מיט געוואַלט האָט מען עס אופגעוועקט פון שלאָף, געגעבן אַ שטעקן אין דער האַנט און געהייסן זיך לאָזן אין וועג אריין, — אָט דערפאַר נעמט זיך נישט אויס בא אים קיין שטאָף, וואָרום האַגאַם מיר זעען אומעטום אַלץ די אייגענע פאַרשוינען, און עס שפּילט זיך אָפּ פאַר אונז אַלץ די אייגענע קאָמעדיע, — די טרויעריקע קאָמעדיע פונם קאַסרילעווקער אידן, וואָס בלייבט געטריי זיין קאַסרילעווקער היים, האַגאַם ער איז שוין לאַנג פון איר פאַריאָגט געוואָרן, — בייטן זיך דאָך, אַדאַנק די וואַנדערונ־גען, — די דעקאָראַציעס, דער הינטערגרונט און די באַלייכטונג אַזוי, אַז פון דעם

אָרעמען איינטאָניקן קאַסרילעווקע איז געוואָרן אַן אומענדלעכע פּאַנאָראַמע פון מאָלע־רישע סצענעס, בילדער, פּאָרטרעטן און קאַריקאַטורן.

און עס קאָן זיין, אַז טאַקע דאָס איז די סיבע, וואָס בא שאָלעם־אַלייכעמען איז נישטאָ יענע שיינע, האַגאַם עטוואָס איינאַרטיקע קיילעכדיקייט, יענע קלאַסישע אָפּגעשלאָסנקייט און יענע געזעצטקייט, וואָס בא מענדעלע מויכער־ספאָרים. ווען מע שילדערט אַן איידע, וואָס שטייט אפן וועג, דער שטעקן אין האַנט, דאָס פּעקל אף די פּלייצעס, אַן איידע, וואָס שטייט אף דער גרענעץ צווישן פאַרשיידענע לענדער און פאַרשידענע טקופעס, — קאָן מען ניט זיין אַזוי איינגעשלאָסן אין זיך און אַזוי ריטמיש, ווי ווען מע שטייט, ווי מענדעלע, אין אַ סוויווע, וואָס האַגאַם זי מאַכט שוין איר סאַכאַקל, ליגט זי דאָך נאָך אין די אייגענע גרענעצן און קיין שאָטן פון דרויסן פארשטעלט ניט איר נאַטירלעכע פאַרב. פאַרגלייכט מען די שפּראַך, — ריכטי־קער: די שפראַכן — וואָס שאָלעם־אַלייכעם געברויכט אין די פאַרשידענע ווערק זיינע, מיט דעם שטריינגן, געשטעלטן, געטאָקטן, אומפאַרענדערלעכן, סטיליזירטן לאָשן מענדעלעס, — זעט מען ערשט דאַן דעם כילעק צווישן אַ שפּראַך פון מענטשן, וואָס זיצן אפן אָרט, אָפּגעטיילט פון דער גאַנצער וועלט אַרום, און אַ וואַנדער־שפּראַך, וואָס אפן וועג מישן זיך צו צו איר קאָלערליי עלעמענטן פון אַרום.

דער וואַנדער־וועג פון שאָלעם־אַלייכעמס שפּראַך פירט אָבער נישט נאָר פון שטאָט צו שטאָט און פון לאַנד צו לאַנד, נאָר אויך פון קלאַס צו קלאַס און פון טקופע צו טקופע: ניט נאָר רעדן בא אים די ניו־יאָרקער אידן אַנדערש ווי די מאַזעפּעווקער, די יעהופּעצער אַנדערש ווי די קאַסרילעווקער, די בעסאַראַביער אַנדערש ווי די ליט־וואַקעס, — אויך די פאַרשוינען פון פאַרשיידענע קלאַסן, פון פאַרשיידענע פּראָפעסיעס זיינען פאָרגעשטעלט בא אים יעדער מיט זיין לאָשן, און דידאָזיקע פאַרשוינען גופע האָבן אָן דעם ציאָניזם גערעדט אַנדערש ווי מ י ט אים, פ א ר דער רעוואָלוציע — נישט אַזוי ווי נ אָ ך איר.

(„וועגן אידישע שרייבער I“, וואַרשע 1924 י.)

נ. אויסלענדער.

טעוויע און דער קאַסריליק. — הומאָר און טראַגישער טאָן בא טעוויען.

אינם מאָנאָלאָג „נאַכעס פון קינדער“, וואָס געהערט צו דער קאַסרילעווקער סע־ריע, געפינען מיר קימאַט דעמזעלבן עפּיזאָד, וועלכער האָט פּאַסירט מיט טעוויעס ערשטער טאָכטער, צייטל. פּונקט ווי יענע האָט כאַסענע פאַר מאָטל קאַמזויל, אַזוי האָט דעם קאַסריליקס טאָכטער גענומען אַ „פּיליער“, און שאָלעם־אַלייכעם גיט דער־ביי אָנצוהערן, אז אויך דאָס האָט זיך ניט באַגאַנגען אָן אַ געוויסן קאָנפליקט מיטן אַלטן אידישן לעבנשטייגער.

„וועט איר דאָך פרעגן, — דערציילט דער קאַסרילעווקער איד, — ווי קומט צו מיר אַזאַ איידעם? מיסטאַמע איז דרינען פאַראַן אַ מאַיסע, ווי זאָגט מען: אין אַ טייך וואַרפן זיך דורך אַלערליי העכט. מיסטאמע איז מיין טאָכטערס גליק אַזוי, אַז זי באַדאַרף האָבן אַזאַ מאַן“... אין דעם קאַסריליקס מאָנאָלאָג איז פאַרבאָרגן עפּעס אַ קאָנפליקט, אָבער שאָלעם־אַלייכעם שטעלט זיך ניט אָפּ דערויף, און שאָלעם־אַלייכעם האָט געהאַט דאָס רעכט אָפּצופּאַטערן דעמדאָזיקן קאָנפליקט מיט אַ דערעך־אַגעוו־

באַמערקונג. קיין טיפע שפּורן האָט דערדאָזיקער עפּיזאָד אינם קאַסריליקס האַרץ ניט איבערגעלאָזט. דער עפּיזאָד איז באַם קאַסרילי־ק געבליבן נאָר א טיפּישער, אָבער ניט קיין העלדישער.

באַ טעוויען איז שטענדיק פאָרגעקומען אַנדערש. באַ אים ווערט אַ לעבנס־דער־שיינונג געבראַכט ניט נאָר צו דער מאַדרייגע פון א טיפּישן פאַקט, נאָר עס ווערט דערמיט פאַרבונדן א קאָנפליקט אין טיפסטן ווזן פון. טעוויען גופא. יעדע דערשיי־נונג גייט אין דער טיף פון טעוויעס פסיכיק, זי פאַרנעמט דעם גאַנצן גייסט זיינעם, און אָט דאָס אַלעס קומט אדאַנק טעוויעס „פאַרטיפט זיין אין זיך". אָבער טעוויעס „פאַרטיפט זיין אין זיך" האָט גאָר א באַזונדערן כאַראַקטער. ווען מע קוקט זיך צו צו טעוויען און מ'פאַרגלייכט אים מיט אן אנדער העלד שאָלעם־אַלייכעמס, לעמאָשל, מיט דעם יונגנמאַן פון דער „אייזע", פאַרשטייט מען, אז טעוויעס „פאַרטיפטקייט אין זיך" באַטייט די אַנטוויקלונג פון זיין נאַטור, בעשאַס דעם יונגמאַנס פון דער „איי־צע" „פאַרטיפט זיין אין זיך" איז גריבלעריי פון א פּרוכטלאָזן גייסט. און אָט פון דעם „פאַרטיפט זיין אין זיך" נעמט זיך דער ערשטער שטריך פון טעוויעס פסי־כאָלאָגיע.

„טעוויע איז ניט קיין אידענע" — דעם אויסרוף באַגעגענען מיר אף שריט און טריט פון טעוויעס מאַיסעס. טעוויע דער מילכיקער איז קוידעמקאָל ניט קיין איד פון א גאַנץ יאָר. ניט נאָר די האַכנאָע פון געוויינלעכן אידן, ניט נאָר די פסיכאָ־לאָגיע פון א „באַנציע שווייג" וואַרפט אָפּ טעוויע מיטן נאָמען „אידענע", נאָר אָפּט־מאָל זעען מיר, וואו ער וואַרפט אָפּ דערמיט ביכלאַל אלע אימפּולסן פון א ברוטאַ־לער נאַטור. „פאַר אזא זאך, דערציילט טעוויע אין „האָדל", נעמט א פאָטער און בייזערט זיך אויס אף א קינד, שיינקט א פּאָר פּעטש, אָדער ער בייטלט אויס אַלע בייזע ווּיסטע כאַלוימעס. טעוויע איז אָבער ניט קיין אידענע. איך גיי' מיט דעם גאַנג, אַז קאָס איז אַוואוידע־זאָרע"... און אַזאַ אַוואוידע־זאָרע וואַרפט טעוויע אָפּ אַלעמאָל, זאָגנדיק צו זיך „טעוויע איז ניט קיין אידענע". מע קאָן נאָך נאָכ־שפּירן אף אַנדערע טעוויעס מאַיסעס, וואו טעוויע וואַרפט אראָפּ פון זיך דעם „אידן פון א גאַנץ יאָר", וואו ער וואַקסט איבער דעם מיטעלן אידישן פאָלקס־מענטש. און פון דעם דאַרף מען אָנהייבן, ריידנדיק וועגן טעוויען: טעוויע איז ניט נאָר קיין „אידענע" ניט, ער איז ביכלאַל קיין פאָלקס־טיפּ ניט. טעוויע איז אַ זאַמלפּונקט פון פאַרשידענע טענדענצן פון דער פאָלקס־מאַיסע, דער אויסדרוק פון די פאָלקס־סימפּאַטיעס, וואָס זיינען אין טעוויעס געשטאַלט געבראַכט צום סינטעז פון א קאָלעקטיוו־בילד.

דער באַנעם פון טעוויעס „האַסאָגע" הייבט זיך שטענדיק און אומעטום אָן פון טעוויעס צוגעבונדנקייט צו זיינע טעכטער. „נאָר אינעווייניק — דערציילט טעוויע — טראָג איך א ווייטיק, איך בין פאָרט א פאָטער, ווי מיר זאָגן אינם דאַוונען: „כרחם אב על בנים", א פאָטער בלייבט א פאָטער"... אויסערלעך איז יעדע מאַיסע טעוו־יעס א מאַיסע וועגן דעם, וואו „א פאָטער בלייבט א פאָטער", א געשיכטע פון זיין פאָטער־ליידנשאַפט.. און אַזאַ וועג מאַכט טעוויע דורך ווירקלעך פון איין מאַיסע צו דער צווייטער. די מאַיסעס זיינען געבויט לויט דער סכעמע פון „מעסערל". די האַ־סאָגע פאַרפירט טעוויען, מאַכט אים בלינד, פאַרנעמט זיין גאַנצע פסיכיק, און טעוויע נעמט זיך קלאָגן „און מיין לעבן איז צערודערט און אליין בין איך צערודערט", אָט דעמאָלט קומט יעדער מאָל דער מאָמענט, ווען עס ווערט „דערווייכערט דער מענטשן־מאַטעריאַל" אין טעוויען און זיין גייסט ווערט דורך א אינערלעכער עטישער קראַפט אַפּסניי אויסגעגלייכט, ווערט ווידערגעבוירן.

שאָלעם־אַלייכעמס קינסטלערישע טעווע בלייבט זיך געטריי. זיין צוטרוי צו דער מענטשלעכער נאַטור פייערט זיין טריומף אין טעוויע דעם מילכיקן, און פאַר אונז שטעלט זיך דאָ די פראַגע, ווי באַציט זיך טעוויעס האַסאָגע צו דער האַסאָגע פון מע־נאַכעם־מענדלען און דעם קאַסריליק? טעוויעס באַציאונג צום קאַסריליק האָבן מיר שוין טיילוויִיס געזעען פונם פאַרגלייך מיטן מאָנאָלאָג „נאַכעס פון קינדער". „און עס גייט מיר איבער דער קויעך האַדאַם און א פייער צינדט זיך אָן בא מיר אין האַרצן אף איר און אף אים און אף דער גאַנצער וועלט און אף זיך אליין" („כאַווע", 109). אָט דער „פייער", וואָס ברענט אין טעוויען, די גרויסע אינטענסיווקייט פון זיין אי־בערלעבונג — דאָס איז דער שטריך, וואָס טיילט אָפּ טעוויען פונם „קאַסריליק". טע־וויעס נאַטור איז אָבער א זאַמל־נאַטור, און זי נעמט אוף אין זיך אנדערע שטריכן פון א קאַסריליק. טעוויע נעמט אוף אין זיך די פריקייט פון א קאַסריליק, זיין באַ־העמישקייט, די ניט געבונדנקייט פונם יאָסעם האָצמאָך, פונם יאָסעם מאָטל דעם כאַזנס. אינם גרויסן אינטערעס צו זיין אייגן לעבן, אינם באַווייליקן פון זיין אייגע־נער מענטשלעכקייט, וואָס קוקט אף זיך גופע און רעדט פאַר זיך גופע, — אין דעם איז דער קוואַל פון טעוויעס הומאָר און דערין איז זיין נאָענטקייט צום כאַראַקטער פון א קאַסריליק. טעוויע האָט דעם קאַסריליקס הומאָר אָן א שיר אויסגעפיינט, אויסגעאיידלט און, דעריקער, געמאַכט דעם קאַסריליקס הומאָר לעבנספייאיק.

דער הומאָר פון א „קאַסריליק", די „כידושים, ווי מע ווערט א קאָמיקער", זיינען באַשטאַנען דערין, וואָס הומאָריסטיש ווערט דער מענטש, אין וועלכן עס לעבט דער געזונטער „אַפּעטיט צום לעבן", נאָר עס פעלט דערביי דער שטייפער ווילן, וואָס זאָל דעמדאָזיקן „אַפּעטיט צום לעבן" קאָנען צופרידנשטעלן. דער קאַסריליק, ווי גע־זאָגט, ווערט הומאָריסטיש, ווייל ער איז דאָס ראָוו צו קליין, קעדיי צו ווערן טראַ־גיש. און א „פאַרשלעפּטע קריינק", א הומאָריסט, איז ביז אַין א געוויסער צייט גע־ווען אינם אידישן פאָלקס־באַוואוסטזיין דער סינאָנים פון א מענטשן, וואָס איז ניט לעבנספייאיק, ניט אַקטיוו שעפעריש. טעוויע, ווי אַן עכטער פאָלקס־העלד, אין וועלכן ס'דאַרף אופגעזאַמלט ווערן דאָס בעסטע, וואָס דאָס פאָלק פאַרמאָגט, נעמט אוף דעם הומאָר און גיט צו צו אים דעם ווילן, וואָס איז אימשטאַנד צו ווערן טראַגיש. און אָט דערפון וואַקסט אויס די גאַנצע אייגנאַרט פון טעוויען.

וואָס איז טעוויע: הומאָריסטיש, צי טראַגיש? אף דער פראַגע לאָזט זיך קימאַט ניט ענטפערן. ווען מע לייענט וועלכע עס איז טעוויעס מאַיסע, באַמערקט מען קי־מאַט ניט דעם מאָמענט, ווען טעוויע הערט אוף צו שיטן מיט ווערטלעך, ווען ער ווערט אינגאַנצן אָנגעשטריינגט, און ערשט ווען דער קריזיס איז פאַרביי און טעוויע „רייבט" ווידער אַריין א פּאַסעק, דעמאָלט באַמערקן מיר, אז טעוויע האָט זיך פאַר אונזערע אויגן געענדערט. און אָט דידאָזיקע ענדערונג איז פאַראַן אין יעדער מאַיסע טעוויעס. אין אים הייבט אָן צו רעדן דער „פייער", און אָט דעמאָלט האָבן מיר אין טעוויען דעם „ספילשליווע" אידן, אָדער דעם אידן דעם „ניסרעף". אופנעמענדיק אין זיך דעם הומאָר פונם אידישן פאָלקס־מענטש, נעמט אוף טעוויע אין זיך פון דער אַנדערער זייט מענאַכעם־מענדלס טראַגישן טאָן, דעם טאָן פון אַ מענטשן, וואָס מיש־פּעט זיך. און אַזוי גייען זיי נאָכאַנאַנד אין טעוויעס נאַטור: הומאָר פון א פריי־באַ־העמישער קאַסריליק־נאַטור מיטן טראַגישן טאָן פון מענאַכעם־מענדלען און זיין גלייכנס, וועלכע טראָגן אַרום אין זיך אַ „פייער", א גוואַלדיק־אינטענסיווע איבער־לעבונג.

(„גרונט־שטריכן פון אידישן
רעאַליזם". קיעוו, 1919).

מענאַכעם־מענדלס צוזאַמענשטויס מיט יעהופּעץ. — מענאַכעם־מענדל און די אידן פון די מאָנאָלאָגן.

מענאַכעם־מענדל איז געפּלאַנט געווען באַ שאָלעם־אַלייכעמען ווי אַ קאַריקאַטור, באַקומען האָט זיך אָבער עפּעס אַנדערש. און וואו איז דער סאָד דערפון? מיר האָבן דאָ פּאַר זיך אַ טיפּישן שאָלעם־אַלייכעם-העלד, וואָס די „האַסאָגע” זיינע, די ליידנשאַפט צו „מיליאָנען”, האָט אים פאַרפירט, פּונקט ווי דאָס קינד — דאָס מעסערל. און מערקווירדיק, — מענאַכעם־מענדל איז אין טאָך ווייט פון א קאסריליק. ער איז נישט קיין ווערטל־זאָגער. באַ דער גאַנצער פאַרבלענדעניש, אין וועלכער ער לעבט, הערט נישט אוף צו וואכן זיין אינערלעך־טיפע עטישע קראַפט, וואָס צווינגט אים צו מישפּעטן זיך, ווי דאָס קינד האָט זיך געמישפּעט. מענאַכעם־מענדל איז אויס קאסריליק. ער איז, נאָכן קינד, דער צווייטער העלד, אין וועלכן די „האַסאָגע” ווערט געבוירן אין דער טיף פון אן עטישער נאַטור. און דאָס ראַטעוועט אָפּ מענאַכעם־מענדלען פון הוילן קאַריקאַטוריזם.

שוין אין די ערשטע בריוו פון דער סעריע „לאָנדאָן” טרעט אַרויס בוילעט מענאַכעם־מענדלס פיגור. דער גרונט־טאָן פון זיין פאַרגלויבטער נאַטור, וואָס הערט זיך צום סאָף פון בוך („און באַגליקן וועל איך געוויס, דאָס איז באַ מיר זיכער, ווי ס'איז טאָג אַף דער גאַנצער וועלט”), אָט דער טאָן הערט זיך שוין אין די ערשטע בריוו. אָבער דערביי איבעראַשט אונז מענאַכעם־מענדל דערמיט, וואָס ער איז קלוי־מערשט אינדיפערענט צו אַלע אַוולעס, וואָס ער זעט אַרום זיך. אַן ערשט־געקומענער פון קאַסרילעווקע, וואו מ'קאָן אַזוי ווינציק ליידן די איינגלענדער פאַר זייער מיל־כאָמע מיט די בורן, די פראַנצויזן פאַר מאַיסע־דרייפוס, פאַרבלייבט מענאַכעם־מענדל גלייכגילטיק נישט נאָר צו די אַרומיקע אוולעס, נאָר אַפילע צו די, אין וועלכע ער נעמט אַליין אַנטייל. אָט שרייבט ער קאַלטבלוטיק: „באַ אונז אין יעהופּעץ שפּילט דאָס געלט די גרעסטע ראָליע. דער מענטש אַליין איז בלאָטע, איכעס וויל מען ניט ויסן, מעגסט זיך זיין, ווער דו ווילסט אין דער וועלט, אַבי געלט”.

צי איז בעעמעס מענאַכעם־מענדל שוין צוגעגרייט אַזוי צו דערדאָזיקער אַוואוידע־זאָרע, אַז ער קאָן גאַנץ רואיק וועגן דעם רעדן? אין אַן אַנדער אָרט זעען מיר גראַד דעם הייפּעך. „איך האָב אַרויסגעזעען — שרייבט מענאַכעם־מענדל — אַז דער אייסעק איז נישט פאַר מיר. מע דאַרף זיין אַ גרויסער אזעס־פּאָנים, דעם לועך מאַכן מיט דער בלאָטע, דעם שפּעגעלאַנט איינדרינגען, אַז ער פאַרשטייט ניט פונ־דאַנען אַהין, און אַזוי לאַנג רעדן, ביז עס זאָל אים נימעס ווערן הערנדיק און עס זאָל אים באַשלאָגן אַ קאַלטער שוויס... איין גאָט איז יודייע אָבער דעם עמעס, אַז איך קאָן עס נישט, איך האָב ליב צו פאַרדינען אַ קערבל בעקאָוועד”. פון דידאָזיקע שורעס ביז צו דער פריערדיקער קאַלטבלוטיקייט איז שוין אַ ווייטער מעהאַלעך. און האַגאַם מענאַכעם־מענדל איז געפּלאַנט ווי אַ קאַריקאַטור־געשטאַלט, האַגאַם ער דאַרף אין זיך אופזאַמלען אַלע מאַזיקים, וואָס לעבן אין אידישן האַנדל־קלאַס, דאָך קאָן שאָלעם־אַלייכעם ניט פאַרשווייגן דעם מאָמענט, ווען מענאַכעם־מענדל הייבט אָן זיך צו מישפּעטן, ווי מיר האָבן עס געזעען באַם קינד פון „מעסערל”.

מענאַכעם־מענדל שרייבט: „און איך געפין זיך איצט אין אַזאַ טרויעריקער לאַגע, וואָס איז איין לעשאַער, און אַהיים ביינק איך אַזוי, אז מאַמעש עס גייט מיר אויס

דאָס כאַיעס, איך פאַרשעלט מיר דאָס געבײן הונדערט מאָל אַ טאָג. בעסער וואָלט איך זיך אויסגעבראָכן אַ פוס, איידער איך בין געקומען אַהער קיין אָדעס, וואו אַ מענטש האָט קיין ווערדע נישט. אַ מענטש קאָן דאָ גייענדיק שטאַרבן אין מיטן גאַס, און קיינער וועט זיך אַפילע ניט אָפּשטעלן אַ קוק טאָן, מע רעדט שוין גאָר קיינער ניט פון מיר, גלייך ווי איך וואָלט גאָר געווען אַ געשטאָרבענער, האַלעוואַי וואָלט איך טאַקע געשטאָרבן, איידער אַזעלכעס דערלעבן. ס'איז מיר נימעס אָט דאָס אָדעס, מיט דער היגער בערזע, מיט דעם פאנקאָני, מיט די אַלע מענטשלעך! איך וואָלט געשלאָפן אין דער וועלט אַריין!..." מענאַכעם־מענדל בײנקט אַהיים, צו דער היים פון זיין פאַרגלויבטער נאַטור, אַהין, „וואו דער מענטש האָט אַ ווערדע". און די „טרויעריקע לאַגע" איז דאָ טאָפּלט טראַגיש נאָך דערפאַר, ווייל עס רעדט פון איר מענאַכעם־מענדל גופע, דער „זינדיקער" אַליין, ווייל „אַנטלויפן אין דער וועלט אריין" הייסט אנטלויפן פון זיך, פונם מענאַכעם־מענדל־גייסט. אַפּן פאָן פון דער קאַריקאַטור־עפּאָפּייע פון „פּאַפּירלעך", „מיליאָנען" און שאַדכאָנעס טרעט אַרויס די געשטאַלט פון מענאכעם־מענדלען, וואָס איז שוין ווייט פונם טיפּישן קאַסריליק, דעם ווערטל־זאָגער.

פונקט ווי די אידן פון שאָלעם־אַלייכעמס מאָנאָלאָגן, די „ספּילשליווע", די „גאַזלאָנים", די „נודניקעס" וואָס גייען אַרום אַלע מיטן געדאנק, אַז „דער ערגסטער סוינע, הערט איר, וועט נישט טאָן אייך דאָס, וואָס אַ מענטש קאָן זיך טאָן אַליין („גימנאַזיע"), קומט צום זעלבן געדאַנק אויך מענאַכעם־מענדל. באַ אַזעלכע געשטאַלטן מוז שוין אַנשטאָט דעם קאַסרילעווקער הומאָר באַווייזן זיך דער טראַגישער טאָן. און אָט דער טראַגישער טאָן, וואָס רייסט זיך דורך אין שאָלעם־אַלייכעמס שילדערונג, האָט געראַטעוועט מענאַכעם־מענדלען פון הוילער קאַריקאַטור.

(„גרונט־שטריכן פון אידישן
רעאַליזם", קיעוו, 1919.)

כ. ד. הורוויץ.

דער אידישער גוויר באַ שאָלעם־אַלייכעמען און זיין באָדנלאָזיקייט.— די באַציאונגען צווישן גוויר און פּראָלעטאַריער באַ שאָלעם־אַלייכעמען.—דער קרעמערישער אינטעליגענט באַ שאָלעם־אַלייכעמען.

„שאָלעם־אַלייכעמס נאָגיד", אין אלע זיינע געשטאַלטן, איז עפּעס אן אומבאַשטימטער, בלייכער, בלוטלאָזער און אָנמעכטיקער איבערגאַנג־טיפּ פון דעם פּארצייטיקן איינגעוואָרצלטן „געטאָ־גוויר" ביז צו דעם היינטמאָדישן אופגעקומענעם האַלב־ אָדער גאַנץ אַסימילירטן אידישן קאַפּיטאַליסט.

דער מאַזעפּעווקער נאָגיד (אָדער גוויר) מיכל־מיילעך מיכאָעלס אינטערעסירט זיך ניט מיט אידישע קלאַל־איניאָנים און די רעדיפעס אף אידן מאכן אף אים קיין שום רוישעם ניט. אז ער פּאָרט זיך אַמאָל, צוליב זיינע אייגענע געשעפטלעכע אינטערעסן, קיין יעהופּעץ מיט אַ גאנצער בויד פאַרשוינען פון זיין שטעטל, און עס ווערט אַ גאַנצער שמועס וועגן פּאָגראָמען, וויל מיכל־מעלעך מיכאָעלס פריער גאָרניט ריידן וועגן דעם, און אַז מע שפּאַרט אים צו צו דער וואַנט און מע פרעגט אים — וואָס פאר אן אייצע גיט מען זיך, אום צו ראַטעווען זיך פון טויט, — צעלאַכט זיך דער מאַזעפּעווקער נאָגיד און ענטפערט קורץ: „די בעסטע אייצע איז — דאָס קערבל. מיטן קערבל, הערט איר, מאַכט מען אַלצדינג".

טאָמער פאַרנעמט זיך דער אידישער נאָגיד יאָ מיט קאָהעלשע געשעפטן, אזוי טוט ער עס פון זיך־וועגן.

דער קאַסרילעווקער אוישער רעב מאָרדכע־נאָסן איז דאפקע אַ גרויסער אויסעק בעצאָרכע ציבור, ער האַלט שטאָט אין בוזעם, טוט מיט איר וואָס ער וויל. ער איז אי דער באַל־טאַקסע, אי דער גאַבע אין דער גרויסער שול, אי דער ראָש וועררישוין אין אַלע קאָהעלשע איניאָנים; אָבער עס איז אַ סוואָרע, אַז ער האָט האַנאָע מער פון דער שטאָט מיט אלע אירע קאָהעלשע געשעפטן, איידער די שטאָט פון אים. מאָרדכע־נאָסן איז ביקלוימערשט אַ שטאַדלען פאר די אידן פון זיין שטעטל, אָבער זיינע שטאַדלאָנעס נוצט שוין קיינעם ניט, ווייל זיין גאנצע טקיפעס באשטייט דערין, וואָס ער איז אַביסל אויסגעקניפּט מיט דעם סעקרעטאַר פון מעשטשאַנסקע אופּראַווע מאַקאַר כאַלאָדנע (איר זעט, ניט אַזאַ גרויסער אָדן, דערצו אן אָפענער אַנטיסעמיט), און האָט די זכיע, אַז דער פּריסטאַוו עסט בא אים אלע פּרייטיק צונאַכט „אידישע פיש". שאָלעם דער טעפּליקער פון טעפּליק האָט שוין באם פּריסטאַוו אויך קיין כיין ניט, און אז דער פּריסטאַוו (האָמאָן איוואַנאָוויטש פּליסעצקי) ווערט אף אים ברוי־געז, מאַכט ער אים אן אַקט פאַר אַן אומריינעם הויף און שיקט אים גאָר אוועק מיטן עטאַפּ קיין אויעזד, גאָר ווי אַ פּראָסטן כאַי־וועקאַיאָם. „אין שטאָט — דערציילט אונז שאָלעם־אלייכעם — האָט מען שאָלעם־בער טעפּליקער פון טעפּליק גלאַט נישט ליב געהאַט דערפאר, וואָס ער איז געווען, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, אַ גרויסער „דאָווערעכער", אַ קאַמצן, און זיין ווייב סטיסי־פּערל האָט געזשאַלעוועט אַ אידן אַ שטיקל ברויט, כאָטש זיי זיינען געווען, ווי מע זאָגט אין טעפּליק, „אָנגע־שטאָפּט מיט געלט" און קיין קינדער האָבן זיי אויך ניט געהאַט. „ווען איך זאָל האָבן זייער געלט, האָט זיך יעדער טעפּליקער געווינשעוועט, און באַלד געמאַכט אַ גרויסע האַנאָכע — ווען איך האָב כאָטש האַלב, כאָטש אַ דריטכיילעק פון זיי, וואָלט די שטאָט פון מיר אסאך מער האַנאָע געהאַט!..." און עס קאָן זייער זיין; נאָר אזוי ווי אין טעפּליק האָט געהאַט געלט נאָר איין שאָלעם־בער טעפּליקער און זיין ווייב סטיסי־פּערל און ווייטער קיינער ניט, האָט דערפון אין טעפּליק קיינער קיין האַנאָע ניט געהאַט: ניט די שטאָט, ניט שאָלעם־בער דער נאָגיד, ניט זיין ווייב די נעגידעס.

און אַזוינער איז אויך געווען גאָר דער גרויסער אוישער, דער באַנקירער סענדער בלאַנק.

פון אידן דערווייטערט ער זיך שוין גאָר איינגאנצן. פון שטאָטיקע זאַכן וויל ער שוין גאָר אפילע ניט הערן. קיין צדאָקע גייט פון זיין הויז ניט ארויס און אַפילע אַ גמילעס־כעסעד אַנטלייען ניט אזוי אַבי וועמען, נאָר אַ רייכן אידישן באלעבאָס, וויל ער אויך ניט, און די גאַנצע שטאָט טרייסט זיך נאָר מיט איין האָפענונג, אַז ער וועט דאָך ניט אייביק לעבן, וועט מען שוין כאָטש נאָך זיין טויט אַראָפּרייסן בא אים אַ פּאַס פאר — „קוואורע־געלט".

סענדער בלאַנק איז, אָן צווייפל, אַ שטאַרקע פּערזענלעכקייט, אַ מענטש אַן אַכזאָר, מיט אַ האַרטן כאַראַקטער און אַ פעסטן ווילן, ער פאַרשטייט שוין זייער גוט, ווי צונויפצוקלייבן אַ קאַפּיטאַל, און נאָך מער — ווי דעם צונויפגעקליבענעם קאַפּיטאַל איינ־צוהאַלטן אין זיין פעסטער האַנט. פון אַ קליין מענטשל האָט ער פאַרשטאַנען אַרופּ־צואַרבעטן זיך ביז צו אַ גרויסן באַנקיר און סויכער.

אין טכילעס קריגט ער אַביסל קלינגערס און ווערט אַ כאַלפן; פון אַ כאַלפן וואַקסט ער אויס ביז צו אַ „וואָכערניק" (אַ פּראָצענטניק); פון אַ וואָכערניק ווערט

ער שוין אַ פּעל־הענדלער, פון אַ פּעל־הענדלער — אַ גראַבאַרשטשיק, פון אַ גראַ־באַרשטשיק — אַ צעלניקער, פון אַ צעלניקער — אַ קאָמיסיאָנער, פון אַ קאָמיסיאָנער — אַ גרויסער סויכער, אַ צוקער־הענדלער, ביז ער אַרבעט זיך אַרויף צו אַ באַנקיר.

דערבײַ אָבער ציטערט ער צו שיידן זיך מיט אַ קאָפּיקע, און ער האָט שטענדיק אַזוי מוירע, זײַן קאַפּיטאַל זאָל זיך ניט צעשווימען, אַז ער זשאַלעוועט אַ קערבל — זײַנע אייגענע קינדער.

און סענדער בלאַנק איז ניט געווען קיין מענטש אָן שום געפילן צו זײַנע קינדער. אַדרבא:

„סענדער בלאַנק האָט ליב געהאַט זײַנע קינדער, אָבער נאָר ווען זיי זײַנען גע־ווען קליינע ברעקלעך, קאַראַפּוזיקעס; וויבאַלד דידאָזיקע קאַראַפּוזיקעס האָבן אָבער אָנגעהויבן אונטערצוואַקסן, אַזוי האָט סענדער בלאַנק אָנגעהויבן צו באַקומען צו זיי אַ סינע, וועלכע איז געוואַקסן אַלעמאָל שטאַרקער און גרעסער; ער האָט גע־קוקט אויף זיי ווי אויף (ניט געבעטענע) שותּפים, ווי אויף פּרעטענדענטן אויף זײַן גוטס, (אויף זײַן קאַפּיטאַל), און אָן קריג, אָן סצענעס, אָן פּעטש האָט מען ניט געמאַכט (בײַ אים) קיין שׂימחה, קיין כאַסענע".

און ווער רעדט, אַז ער האָט זיכע געווען אויסצוגעבן אַ קינד, האָט ער פון אים נישט געוואָלט וויסן מער. זײַן עלטערן זון כאַימען האָט ער צו דער כאַסענע געגעבן עטלעכע טויזנט רובל נאַדן און אָנגעזאָגט, אַז מער וועט ער אים קיין פּרוטע ניט געבן, ער מעג כאָטש שטאַרבן פון הונגער, און זײַן וואָרט האָט ער גע־האַלטן הייליק. כאַימען איז אַוועקגעגאַנגען ניט גוט און ער האָט אָנגעוואָרן זײַן ביסל קאַפּיטאַל. ער האָט געלעבט מיט זײַן געזינד אין גרויסער נויט און דאַכקעס. האָט ער זיך איינמאָל בלויז דערוואַגט צו ווענדן זיך צו זײַן רייכן פאָטער מיט אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט אויסגעגאָסן זײַן ביטער האַרץ און געבעטן ניט געלט, נאָר אַ שטעל, האָט אים סענדער בלאַנק ניט געהאָלפן און בלויז שטאַרק אָפּגעזידלט דערפאַר, וואָס ער האָט אים צעשטערט דעם יאָנטעוו מיט זײַן טרויעריקן בריוו (כאַים האָט זיך געווענדעט צום פאָטער גראָד יאָנטעוו־צײַט).

דאָס מערקווירדיקסטע אין סענדער בלאַנקס לעבן איז, וואָס איר זעט, אַז אויך זײַן קאַפּיטאַל וועט דאָך קיין קיום און קיין מאַכט ניט האָבן. וואָרום ווי אויף צעלאָ־כעס איז סענדער בלאַנק געבענטשט געוואָרן מיט קינדער „לוי־יוצלאָכס", וואָס וועלן זײַן קאַפּיטאַל אין קיין פאַל ניט איינהאַלטן.

סענדער בלאַנקס עלטערן זון, כאַימען, קענען מיר שוין. דאָס איז גלאַט אַ שלי־מאַזל. אויסער זײַן בכאָר האָט בלאַנק נאָך אַ טאָכטער, רעוועקאַ, און אַ זון אַ „מוזי־ניקל" — מאַרקוס. רעוועקעס מאַן און סענדערס אַן איידעם איז אָסיפּ זעמעל. עס איז אינטערעסאַנט פילוויניק צו באַקענען זיך מיט די יאָרשים פון אונזער „אידישן באַנקיר".

„אונזער זעלטענער פאַרשוין זעמעל — אַזוי רעקאָמענדירט אונז זײַן העלד אונזער פאָלקס־הומאָריסט — ז י צ ט נ י ט א ו ף א ײ ן אָ ר ט, און אַפילו ווען ער רעדט מיט עמעצן, האָט ער אויך ליב ארומצושפּאַנען אַהין און צוריק און קוועטשן די סקריפּ־קעס פון די שרײַענדיקע שטיוול, האַלטנדיק די הענט אין די קעשענעס. מיר האָבן שיר ניט פאַרגעסן צו באַמערקן, אַז אין דעם טײַערן האַלזטוך בײַ אים שטעקט אַ גאָלדענע שפּילקע מיט אַ ק ע פּ ל פ ו ן אַ כ אַ ז ע ר מיט זײַער שיינע אָפּגעאַרבעטע כאַזערשע אויערלעך".

קורץ, אין דעמדאָזיקן פראַנט מיט דער כאַזער־קעפּלשער שפּילקע (וואַרשיינלעך, אַ סגולה, מע זאָל ניט דערקענען זײַן „אידישקייט") טרעטן פאַר אונז ארויס דער

שטענדיקער אימפעט, די שטענדיקע אומרואיקייט, די נערוועזע, אומגעזונטע רירעוו־דיקייט, וואָס מיר האָבן געזען באַם יעהופּעצער העלד מענאַכעם־מענדלען.

אָסיפּ זעמעל לעבט אָבער אין גאַנץ אַנדערע עקאָנאָמישע אומשטענדן איידער זיין יעהופּעצער פּראָטאָטיפּ.

זעמל וואַקסט פון זייער רייכע עלטערן, וואָס לאָזן אים איבער בירושע אַ גרויסן קאַפּיטאַל. די גאַנצע מישפּאָכע זיינע איז זייער אַ רייכע (ניט אומזיסט האָט זיך בלאַנק אַזוי אָנגעכאַפּט פאַר דעם שידעך) און פון אַלע זייטן פאַלן אים צו גרויסע ירושעס. אָבער אין עצעם בלייבט ער אַ צווייטער מענאַכעם־מענדל, פירט זיך זיינע געשעפטן אַף דעם אייגענעם שניט ווי דער יעהופּעצער גאָלד־זוכער, און פון אַלע זיינע געשעפטן לאָזט זיך אויס דערזעלבער סאָף, ווי פון מענאַכעם־מענדלס „מיליאָנען".

זיין ערשטע ספּעקולאַציע — אַזוי דערציילט אונז שאָלעם־אַלייכעם — איז געווען דער האַנדל מיט טוואָוע. „דער מיסכער פון ברויט האָט געפּלאַמט. ער האָט איינ־געקויפט אַ גרויסן טראַנספּאָרט ווייץ אַף אַ יאָר און צווי יאָר (כאָטש אַף אַזאַ לאַנגער צייט קען מען ניט זיכער זיין מיט די פּרייזן פון טוואָוע) און ער דערוואַרט זיך טאַקע, אַז דער מעקעך פון ווייץ פאַלט זייער שטאַרק און ער פאַרלירט דערביי אַ גרויס פאַרמעגן.

מאַכט אָסיפּ זעמעל נאָכדעם אַ ניי געשעפט פון ערד־קוילן. צום געשעפט געפינט ער זיך עטלעכע שוטפים (מענאַכעם־מענדל פירט אויך זיינע געשעפטן שטענדיק מיט שוטפים). אָסיפּ עפנט אַ גרויסע קאָנטאָר מיט אַ גאָלדענער טאַבליצע, דינגט בוכהאַל־טערס מיט מענטשן, און ס'קערט זיך אַ וועלט.

מיינט איר, — ער האָט ווירקלעך באַדאַרפט די קאָנטאָר צום געשעפט? — כאָלילע!

„אין זיין קאָנטאָר זיינען געזעסן דריי בוכהאַלטערס, צוויי קאָרעספּאָנדענטן, אַ סעקרעטאַר מיט אַ קאַסיר, וואָס האָבן פון זייגער ניין אינדערפרי ביז 5 באַטאָג גע־שפּילט אין פּרעפעראַנס". אָסיפּ זעמעל מיט זיין שוטעף פייערמאַנען זיינען זיך גע־זעסן אין פּעטערבורג און אויך געזוכט גאָלד. לעסאָף באַשווינדלט פייערמאַן דעם טאַמעוואַטן זעמעלן און דער לעצטער פאַרלירט ווידער אַ מאַטמוין מיט געלט.

און אַזוי גייט עס אויך מיט אַלע זיינע אַנדערע געשעפטן. מע דאַרף גאָרניט זיין קיין נאָווי, אום פּאָרויסצוזאָגן, אַז זעמעל וועט פּאַטערן בלאַנקס ירושע, פּונקט אַזוי ווי ער האָט געמאַכט אַ טעל פון אַלע זיינע אַנדערע ירושעס.

נישט פיל בעסער פון זעמעלן איז בלאַנקס „בען־יאַקיר", זיין מוזיניקל מאַרקוס, אַ צעפּעשטשעטער באָכערל, אַביסל אַ טיפּעש און גאָר אָן אַ כאַראַקטער. מאַרקוס לעכצט קלאַמערשט נאָך האַסקאָלע, נאָך בילדונג (וויניקסטנס, שרייבט ער אַזוי צו זיינעם אַ לערער, אַריע־לייב, אַ אידישן מאַסקיל). געצויגן אָבער האָט אים ניט די עצעם בילדונג, ווי עטוואָס גאָר אַנדערס:

„דאָס פייערדיקע שטרעבן צו בילדונג — פאַרטרויט אונז אַ סאָד שאָלעם־אַלייכעם — האָט זיך באַ מאַרקוסן שטענדיק צעפלאַקערט גראָד אין דעם מאָמענט, ווען עס פלעגן זיך צונויפאָרן אין שטאָט אַלע גימנאַזיסטן מיט די סטודענטן. מאַרקוס האָט נעבעך שטאַרק מעקאַנע געווען — זייערע גילדענע קנעפּלעך מיט די אָפּיצערסקע היטעלעך".

אים האָט זיך געוואָלט אַ לעבטון ווי אָט די סטודענטן, שיפּן זיך אין לאָד־קעס, אומגיין שפּאַצירן, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער. מאַרקוס האָט אָבער געהאַט אַ טעמפּ קעפּל, און מע פאַרשטייט, אַז פון אים וועט אַרויס ניט קיין „גע־קאָנטשעטער", נאָר אַ סויכער, פּונקט אַזאַ סויכער, ווי אָסיפּ זעמעל.

האַקלאַל, בלאַנקס קאַפּיטאַל פאַלט אַריין אין לעכערדיקע הענט און עס ווערט פון אים ווערן אַ טעל־אוילעם, ווינט און שטויב.

באַמערקט: שאָלעם־אַלייכעמס נעגידים גלויבן אַליין ניט אין דער מאַכט פון זייער קאַפּיטאַל. זעלבסט דער גרעסטער און איינגעפונדעוועטסטער אידישער גוויר שאָלעם־אַלייכעמס, גאַווריעל ראָזענפעלד („העכער און נידעריקער") האָט מוירע איבערלאָזן זיינע גרויסע און געשטעלטע אַסאָקים זיין איינציקן „גראָטענעם" זון און ער מאַכט אים בעסער פאַר אַ דאָקטער. און גאַווריעל ראָזענפעלד איז אין דעם פּראַט ניט דער איינציקער צווישן אונזערע אידישע שפּאָגל־נייע גרויס־קאַפּיטאַליסטן.

שאָלעם־אַלייכעמס נאָגיד איז אַ לופט־מענטש, און זיין קאַפּיטאַל האָט עפּעס אויך קיין מאַמאָשעס ניט, און באַ דער ערשטער געלעגנהייט צעטראָגט ער זיך און צעפליט ווי רויך.

ניט קוקנדיק אָף דער גאַנצער אָנמאַכט פון דעם אידישן קאַפּיטאַל באַ שאָלעם־אַלייכעמען, באַווייזט ער דאָך אונז זיינע „שאַרפע ציינדלעך" בעניגייע צום פּראָלע־טאַריער, צו די מענטשן, וואָס ער גיט זיי ווען ניט איז און ווען ניט איז אַרבעט און פאַרדינסט.

אין דער הינזיכט איז זייער אינטערעסאַנט די פיגור פון דעם אידישן קאַפּיטאַ־ליסט (אַפילע ניט פון די גרויסע) סימכעלע וויינער פון מאַזעפעווקע („דער אינגסטער פון די מעלאָכים").

באַ דעמדאָזיקן סימכעלע וויינער איז אַ נעמאָן אין בראָנפן־פאַדוואַל איינער אַ איד מיטן נאָמען רעפאָעל.

רעפאָעל איז געווען קאָל־יאָמאָוו אַן אָרעמאַן (ווי יעדער פּראָלעטאַריער) און דער־צו איז ער געווען אַ יאַדישלעווער מיט אַ מאָדנער מוזיקאַלישער ברוסט, וואָס פלעגט שפּילן, דאָס הייסט באַם אַריינציען און אַרויסלאָזן דעם אָטעם פלעגט זיך הערן אַ מין געזאַנג פון אַ פידל, וואָס מע פירט איבער איר מיט ניט קיין אָנגעשמירטן סמיטשיק. און געווען איז אָט דער רעפאָעל אַ גאַנץ ערלעכער, נאַר, לאָז ער מיר מויכל זיין, אַ שלימעזאַלניק, דאָס הייסט, מאַכמעס ער איז געווען זייער אַן ערלעכער, איז ער געווען א שלימעזאַלניק, אָדער פאַרקערט, מאַכמעס ער איז געווען אַ גרויסער שלימע־זאַלניק, איז ער געווען אַן ערלעכער. אַכוץ זיין קאַרגן לוין האָט ער געקאָנט גיין שווערן, אַז ער האָט ניט גענעג געהאַט קיין פרוטע.

רעב סימכעלע וויינער האָט זיך, נישקאָשע, געקאָנט פאַרלאָזן אָף זיין נעמאָן. ער האָט אים טאַקע געצאָלט דערפאַר זעקס קאַרבן אַ וואָך, אַמאָל אונטער אַ יאָנ־טעוו געשיינקט אַ צען־קערבל שטיק, פייסעך—אַרבע קויסעס אומזיסט און פייסעכדיקן בראָנפן אַ פלעשל. אַי, רעפאָעל דער נעמאָן האָט באַקומען באַ אים אין פאַדוואַל פריער א „רעמאַטיז" און נאָכדעם האָט זיך באַ אים געלייגט אַ קאַטאַר אָף דער לונג, און עס האָט אים אָנגעהויבן פייפן און זינגען — ווער איז שולדיק? געזונט, דאָס איז דאָך אַ גאָט־זאַך.

קורץ, סימכעלע דער וויינער האָט זייער גוט פאַרשטאַנען ווי צו עקספּלואַטירן די קרעפטן און די ערלעכקייט פון זיין מענטשן, און דערביי זיך נאָך געהאַלטן פאַר זיין באַלטויווע, פאַר זיין בריתּ־גבער. אַ געוויינלעכער קאַפּיטאַליסטישער כאַ־ראַקטער־שטריך...

„רעפאָעל האָט אַזוי לאַנג געפייפט, געשפּילט און געזונגען, ביז ער האָט זיך איינ־מאָל, כויל־האַמויעד פייסעך איז דאָס געווען, אַוועקגעלייגט, באַקומען 40 גראַד היץ, און איז שוין מער ניט אופגעשטאַנען..."

„רעפֿאָעל איז געשטאָרבן, און—אַי אַי אַי, וואָס פֿאַר אַ לעוואָיע ער האָט געהאַט! רעב סימכעלע האָט איינגעלייגט די וועלט: ער האָט אים אַליין אַרויסגעטראָגן אַף דער מיטע פֿון שטוב, אַליין געהאָלפֿן טראָגן מיט זיינע פּלייצעס (וואָס איז ווערט אַזאַ קאָוועד, אַ ?), אַליין נאָכגעגאַנגען ביזן הייליקן אָרט, אַליין געזען, מע זאָל אים געבן אַ שיין אָרט, אַליין אַכטונג געגעבן ווי מע גראָבט די קארקע, אַליין געגעבן דעם ערשטן קלאַפּ מיט דער לאָפּעטע, און בעשאַס דאָס קינד (רעפֿאָעלס אינגסטער זון) האָט איניינעם מיט אויזער דעם שאַמעש דעם ערשטן קאַדעש אָפּן פּאָטערס קייווער געזאָגט, האָט רעב סימכעלע געוויינט, סטייטש געוויינט:

— וואָס ווייסט איר! וואָס ווייסט איר! — האָט ער נאָכדעם געזאָגט איטלעכן באַזונדער—ס'איז בא מיר אַזאַ העזעק, וואָס איז גאָר איין לעשאַער!

און צו דער אַלמאָנע האָט ער געזאָגט:

— וויין ניט, איך וועל דיך מיט דיינע יעסוימים מיסטאָמע ניט פֿאַרלאָזן. פֿריער גאָט, נאָכדעם איך...״

ניט עמעס, שטאָלצע און גוטע ווערטער! ווי דער שטייגער איז, זיינען זיי אָבער געבליבן נישט מער ווי ווערטער...

די ערשטע עטלעכע וואָכן האָט ער געצאָלט דער אַלמאָנע דיזעלבע סכירעס, וואָס רעפֿאָעל פֿלעגט נעמען. באַלד אָבער האָט דער „גוטהאַרציקער״ רעב סימכעלע כאַראָטע געקראָגן, און אַז די אַלמאָנע איז צו אים אַמאָל געקומען, ווי געוויינלעך, נאָך סכירעס, האָט ער איר אָפּגעזאָגט „אַ פּאָסעק מיט אַ שטעקן״:

— איר גייט צו מיר מאָנען געלט, — האָט ער באַמערקט דער אַלמאָנע, — גלייך ווי איר האָט עפּעס איינגעלייגט באַ מיר אַ כיילעק אין פּאָדוואל.

ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז די אַלמאָנע האָט פֿאַרשטאַנען דעם מיין פֿון רעב סימכעלע, און איז מער ניט געגאַנגען נאָך סכירעס. באַ איר מיט אירע צוויי טעכטער איז געבליבן, מע זאָל קויפֿן אַ ניי־מאַשין, און די טעכטער וועלן פֿאַרדינען זייער ברויט פֿון געניי. האָט מען אָבער באַדאַרפֿט עפּעס געלט, און די אַלמאָנע איז ווידער געגאַנגען צו דעם גוטהאַרציקן רעב סימכעלע.

לעכאָטכילע איז אים דער פּלאַן מיט דער ניי־מאַשין זייער געפֿעלן געוואָרן. קוים אָבער האָט ער דערשמעקט, אַז מע וויל פֿון אים עפּעס געלט, האָט ער שוין אָנגעהויבן בעבען, מעקען, מאַכן זיך בעגילופֿן, און לעסאָף האָט ער זיך גאָר צעבייזערט:

— נייטאָרנס! הע! אַ שיינע אוואָודע פֿאַר אַ אידיש מיידל! הע! מיר וויסן, וואָס הייסט אַ נייטאָרן, און נאָך באַ אידן. רעפֿאָעלס טעכטער נייטאָרנס? און וואו בין איך? ווילסטו איך זאָל דערלאָזן אַזעלכס? כאַס וועכאָלילע! וואָס בין איך עפּעס? אַ שטיין? אַ ביין? אַ שייט האָלץ? הע!

קורץ, רעב סימכעלע האָט קונציק געשפּילט זיין ראָלע און עס איז אויסגעקומען, אַז „רעפֿאָעלס קאָוועד״ דערלאָזט אים ניט צו געבן עפּעס געלט צו שטייער אַף אַ ניי־מאַשין...

אָט ווי עס באַהאַנדלט אַ אידישער נאָגיד זיין אַרבעטער, וואָס האָט אים אָפּגעגעבן אַלע זיינע לעצטע קרעפֿטן און באַ אים אין געשעפֿט געפֿונען — זיין פּריצייטיקן טויט!...

אָנמעכטיק איז דער קאַפּיטאַל פֿון שאָלעם־אַלייכעמס אידישן נאָגיד. לופֿט און ווינט און שטויב; אָבער אַף אַזויפֿיל האָט ער נאָך קראַפֿט, אום צו דריקן דעם אַרבעטער באַ יעדער געלעגנהייט, ווען ער באַקומט נאָר די מעגלעכקייט איבער אים צו הערשעווען.

פאַרשידן זיינען די געשטאַלטן, די טיפּן, אין וועלכע ס׳טרעטן באַ אונז אַרויס אין שאָלעם־אַלייכעמס ווערק די קרעמערשע אינטעליגענטן מיט זייער אייגנאַרטיקער מעגושעמדיקער בורזשואַזער פּסיכאָלאָגיע.

אָט האָבן מיר, צום ביישפּיל, דעם „קלוגן דאָקטער קלוגער״ (אַזוי רופט אים אָפּט אָן שאָלעם־אַלייכעם אַליין), דער הויז־אַרצט פון דעם אויבנדערמאַנטן אידישן באַנקיר, סענדער בלאַנק.

דאָקטער קלוגער קוקט זיין גאַנצן לעבן אַרויס אף איין ציל: ער זאָל האָבן פון זיין „דאָקטאָריע״ וואָס מער פּאַרנאָסע, וואָס מער קערבלעך. ער איז דעריבער אַ שטענדיקער איינגייער באַ די רייכערע באַלעבאַטים אין שטאָט, און באַ סענדער בלאַנק גייט ער, ווי מע זאָגט, פון שטוב ניט אַרויס. סענדער דער באַנקיר איז, אייגנטלעך, געזונט ווי אַ דעמב, ער עסט פאַר צען, און פילט ניט קיין שום ווייטיק, קיין שום קראַנקייט אין זיך. אָבער דאָקטער קלוגער רעדט מיט אים אַזויפיל, ביז ער היפּנאָטיזירט אים מיט זיינע רייד, און יענעם הייבט זיך שוין אָן דוכטן, אַז אים פעלט עפּעס, און אַז ער קאָן אַלע ווייַלע אומגעריכטערהייט גאָר אריבערפּעקלען זיך אַפן אוילעם־האַעמעס.

ס׳איז געגנוג געווען, בלאַנק זאָל אַביסל איבערכאַפּן אין דער אַכילע און קראַנק ווערן אַפן מאָגן, לייגט ער שוין איין אַ וועלט און מאַכט אַזאַ ראַש, אַז מע מיינט שוין, אַז דער באַנקיר געזעגנט זיך מיטן לעבן, און כעוורע קאַדישע ברייגנט שוין די מיטע צו אים אַפן הויף, און אַז בלאַנק איז באַלד ווידער געזונט געוואָרן, האָט עס געהייסן, דער דאָקטער קלוגער איז נישט נאָר אַ רויפע־כוילים, אָבער אויך אַ מעכאַיע־מייסים, מאַכט פון טויט לעבעדיק.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער קלוגער דאָקטער קלוגער בראַקירט אויך נישט מיט דעם אָרעמאַנס געלט.

„דער דאָקטער קלוגער האָט ליב דאָס האַלבע קערבל, ער האָט עס אַזוי שטאַרק ליב, אַז ער לויפט נאָך דעם נאָך און דינגט זיך מיט דעם אָרעמאַן, וואָס קאָן אים ניט געבן, אַזוי לאַנג, ביז ער מוז אים געבן״.

קעדיי ער זאָל כאַלילע ניט האָבן קיין טאָעס, דינגענדיק זיך מיט זיינע כאַלאָיִם פאַר דעם מעקעך פון זיינע „וויזיטן״, האָט ער גענומען צו הילף זיין פרוי, ווי ס׳ווייזט אויס, אַן איישעס־כאַיל אַ ווייבל, וואָס האָט געקויפט זיך אַ „דאָקטער״ פאַר געלט און נישט געוואָלט בלייבן קיין נאַר. די פרוי האָט שטענדיק געשפּירט און נאָכגעשפּירט, וויפל ווער עס נעמט פלייש אין יאַטקע, ווי ווער ס׳קליידט זיך, ווי ווער עס לעבט, און אַף דעם סמאַך פון אָט די יעדיעס האָט דער קלוגער דאָקטער געוואוסט, באַ וועמען ער קאָן נעמען אַ קערבל און באַ וועמען עפּשער די גאַנצע צוויי.

אַף אַזאַ האַמצאָע ווערט, דוכט מיר, קיין אידישער קאָפּ קיינמאָל ניט פאַלן.

נאָך אינטערעסאַנטער אין דעם פראַט איז ראַפאַלאָוויטש דער אַפּטייקער („דער מאַבל״).

סאָלאָמאָן ראַפאַלאָוויטש איז אַליין אַ קינד פון אָרעמע עלטערן. אים איז גאָר נישט גרינג אָנגעקומען זיין בילדונג, אָדער ריכטיקער—זיין דיפּלאָם. אַ צייט לאַנג איז ער געלעגן אַף אַ פינצטערן בוידעם באַ זיינע פאַנאַטישע עלטערן און געשטודירט לאַטיין.

שפּעטער אַנטלויפט ער פון דער היים אַ באָרוועסער, הונגערט אין אַ פרעמ־דער שטאָט, ביז ער גיט נישט אָפּ דעם עקזאַמען אַף אַ פאַרמאַצעווט. דערלעבט שוין

צו ווערן אַ פּראָוויזאָר, ווערט ער נאָך גוט פאַרשוואַרצט, איידער זיינע קריסטלע־כע כאַוויירים נעמען אים אַריין אין קאָמפּאַניע און ער ווערט זייערער אַ „קאָלעגע״. סאָפּקאָלסאָף דערגרייכט אָבער ראַפּאַלאָוויטש זיינס און ער אַרבעט זיך אַרוף ביז צו אַן אייגענער אַפּטייק, קריגט אַ „רענאָמע״ אין שטאָט, און דערצו אַביסל מעזומען קאַפּיטאַל אויך.

באַ ראַפּאַלאָוויטשן איז נאָר פאַראַן איין אידעאַל: מאַטעריעלער וואוילשטאַנד.

ער האָט אַ זון, גיט ער אים אָפּ, פאַרשטייט זיך, אין גימנאַזיע אַריין. אָנגעקומען איז עס אים, ווי אַלע אידן, מיט האַרצווייטיק און מיט ביזיוינעס. ראַפּאַלאָוויטש טראָגט אָבער אַלץ געדולדיק אַריבער און פירט ווידער אויס זיינס.

צוליב וואָס־זשע האָט זיך ראַפּאַלאָוויטש אַזוי מאַפּקיר געווען, געלאָזט זיך מאַ־מעש טרעטן מיט די פיס פונם דירעקטאָר און פון די לערער, אַבי זיין זון זאָל ווערן אַ דאָקטער און פאַרדינען געלט?

ראַפּאַלאָוויטש האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטן די גליקלעכע צייט, ווען זיין זון וועט שוין ענדיקן די אוניווערסיטעט, „געקרוינט״ מיט דעם דיפּלאָם פון אַ דאָקטער. און ער האָט נישט אופגעהערט צו פאַנטאַזירן וועגן דעם, ווי אַזוי דער זון זיינער, דער דאָקטער, וועט האָבן אַ שיינעם קאַבינעט אַן אייגענעם, אַ פערדל אַן אייגנס, דערצו אַ פאַעטאָנדל אַ שיינס, אַף אַרומצופאָרן איבער די קראַנקע... קיין העכערן אידעאַל ווי אַ דאָקטער מיט אַן אייגענעם פאַעטאָנדל האָט סאָלאָמאָן ראַפּאַלאָוויטש זיך ניט געקענט פאָרשטעלן. אַף אַן אייגענעם קאַבינעט מיט אַ פאַעטאָנדל דאַרף מען האָבן געלט; סאָלאָמאָן ראַפּאַלאָוויטש האָט דערום שטאַרק געטראַכט, ווי אַזוי צו טון עפּעס אַ געהויבענעם (ד.ה. אַ הויכן) שידעך פאַר זיין זון דעם דאָקטער, און עס איז קיין צווייפל נישט, אַז ער וואָלט קנאַפּ געהאַט אַגמעס־נעפעש דערפון, ווען מע וואָלט געקראָגן אַזאַ שידעך דורך אַ געוויינלעכן אידישן שאַדכן...

געלט האָט באַ ראַפּאַלאָוויטשן אין די אויגן געהאַט אַזאַ גרויסן ווערט, אַז ער אַליין פלעגט גאָר באָטל ווערן פאַר יעדן געלט־זאַק. איציקל שעסטאָפּאַלן (אַ פּאַנאַ־טישער איד, אָבער אַ רעכטער נאָגיד) האָט סאָלאָמאָן ראַפּאַלאָוויטש פיינט געהאַט, ווי אַ איד האָט פיינט כאַזער. אונטער די אויגן האָט ראַפּאַלאָוויטש אָנגערופן „אי־ציקלען״ „גאָטס גאַנעוו״, „היפּאָקריט״, „אידאַש״ אוכעדוימע נאָך אַזעלכע נעמען. אין די אויגן האָט ער אים אָבער באַגעגנט שטענדיק מיט אַ זיסן (פאַרשטייט זיך, אַ פאַלשן) שמייכל, און געהייסן האָט ער באַ אים „גאָספּאָדין שעסטאָפּאַל״, און אַמאָל גאָר „אַוואַזשאַיעמי גאָספּאָדין שעסטאָפּאַל״; און ניט דערפון אַליין, וואָס דאָס האָט אים געפּאַסט צו זיין קרעמל (צו זיין אַפּטייקל), נאָר ווייל ער האָט פּאָשעט געפילט אַן אַראָפּפּאַלעניש פאַר יעדן נאָגיד.

ראַפּאַלאָוויטש האָט פיינט געהאַט די אידישע נאַציאָנאַליסטן (די „סעקטאַנטן״), כאָטש זיין אייגענער זון איז געווען גאָר אַ ציאָניסט. ווי אָבער ער האָט אַמאָל דער־זען באַ זיין זון סאַשען (צווישן אַ קאָמפּאַניע נאַציאָנאַליסטן) אויך רעב שימען בערנשטיינס זון און לייווי האַלפּערינס זונדל, ווערט ער באַ זיך באַלד באָטל, ס׳באַ־וויזט זיך אַ שמייכעלע אַף זיין פּאָנים און אַ גאַנצן אָוונט טרעט ער ניט אָפּ פון די צווי פאַרשוינען...

דידאָזיקע צווי פאַרשוינען זיינען געווען קינדער פון די רייכסטע פאַבריקאַנטן אין שטאָט, איז שוין דאָס געווען, אַז ראַפּאַלאָוויטש זאָל זיי מויכל זיין זייער נאַציאָנאַליזם און ער זאָל זיך שעצן גליקלעך־איבערגליקלעך דערמיט, וואָס זיי האָבן געמאַכט זיין זון אַ וויזיט, און סאָלאָמאָן ראַפּאַלאָוויטש נעמט פון די פאַבריקאַנטנס

קינדער קיין אויג ניט אַראָפּ, קוקט ווי אַזוי זיי טרינקען טיי און ווי אַזוי זיי ריידן, און אַז דער אוילעם צעגייט זיך, געזעגנט זיך דער „גליקלעכער פּאָטער מיט איטלעכן „נאַציאָנאַליסט" באַזונדער, קוועטשט די הענט דעם זון מיטן זונדל, לייכט זיי צו בּא דער טיר, העלפט זיי אויסזוכן די קאַלאָשן—ווי אן עמעסער לאַקיי...

און ווי ער פלעגט באָטל ווערן פאַר אַ נאָגיד, אַזוי האָט ער זיך, פּאַרקערט, געגאָדלט און געבלאָזן אַנטקעגן יעדן אָרעמערן מענטשן. באַזונדערס שטאַרק האָט ער אַגמעס־נעפעש געהאַט דערפון, וואָס גראד צו זיין סאשען פלעגן אַריינקומען די אָרעמסטע שילער פון גימנאַזיע, און אויך אָפּגעריסענע אינגלעך פון טאַלמוד־טוירע.

ראַפּאַלאָוויטש האָט געפילט דעם גרעסטן ביטל פאַר ניט־אידן. ער האָט זיך אַליין שיר ניט פיינט געהאַט דערפאַר, וואָס ער האָט אַ אידיש אויסזען. ער האָט זיך געגאָלט, געפּאַרבט די געלע האָר זיינע, געברויכט אַלערליי מיטלען, מע זאָל אים נישט דערקענען, און ער זאָל כאָטש אַלפּי־טאָעס אַראָפּ „פאַר אַ גוי".

ראַפּאַלאָוויטש האָט ניט געקענט אויסהאַלטן, וואָס עס שטודירן אַזוי פיל אידן. און ווייסט איר פארוואָס? ווייל ער האָט זיך געשעמט דערמיט פאַר גויאים.

„אַ כאַרפּע, אַ בושע פאר גויאים! — האָט ער אָפּט געטראַכט, און פלעגט יעדעס מאָל רויט ווערן ביז אַף יענער זייט אויערן. — אַלעמען, אַלע אידלאַקעס, גלוסט זיך שטודירן! אַלע קאַבּצאָנים קריכן אין גימנאַזיע!"

אַזאַ מין דאָקטער איז, מאַשמאָעס, אויך גאווריעל ראָזענפעלדס זון, אַלעקסאַנדר, וואָס האָט געשעמט אין דער גאַנצער סוויווע שיר ניט פאַר אַ „וואונדער־אַרצט", נאָר דערפאַר, וואָס ער איז אַ קליינע צייט געווען אַ פּאָלקאָוואָי דאָקטער, און דער טאַטע האָט אים איבערגעלאָזט אַ היפּשן קאַפּיטאַל יערושע. דערדאָזיקער דאָקטער האָט אויך וועגן קיין זאַך ניט געקלערט ווי וועגן רייכער פראַקטיק, און פאַר די אָרעמעלייט האָט ער בלויז איבערגעלאָזט דאָס ברעטל אָפן טיר מיט דער אופשריפט „אָרעמע — אומזיסט, פון 7 ביז 8", ווייל אויסער דאָס ברעטל, האָט זעלטן וועלכער אָרעמער כוילע זוכע געווען צו זען דעם וועלט־באַרימטן דאָקטער ראָזנפעלד („העכער און נידעריקער").

(זשורנאל „צוקונפט", ניו־יאָרק, 1911).

נ. אויסלענדער.

„לירישע אומאָרדענונג" בּא שאָלעם־אליכעמען. — שאָלעם־אַלייכעמס מאָנאָלאָג. — שאָלעם־אלייכעם — דער אימפּרעסיאָניסט.

אין דער האַקדאָמע צום ראָמאַן „סטעמפּעניו" דערציילט שאָלעם־אַלייכעם, אַז צו מענדעלעס „פּיילן" קומט ער קיינמאָל ניט אָן. „מיר, יונגוואַרג,— שרייבט שאָלעם־אלייכעם — דאַנקען גאָט וועז די מאַיסע קומט בּאַ אונז אַרויס בּעשאָלעם".

דאָ איז אָנגעוויזן אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן. נישט נאָר די מעלאָכע פון מענדעלעס „פּיילן" איז שאָלעם-אלייכעמען פרעמד, נאָר אויך דער זינען דערפון איז ווייט פון אים, וואָרום דאָס שטענדיקע „פּיילן" האָט באַטייט בּאַ מענדעלען דעם קאַמף מיט דער „לירישער אומאָרדענונג", וואָס קאָן זיך אַריינכאַפּן אין אַ קינסטלערישן ווערק. אָט דעם קאַמף האָט שאָלעם־אַלייכעם ניט געקענט און, מאשמאָעס, נישט געוואָלט אַף זיך נעמען. נישט האָבנדיק מענדעלעס פּאַטאָס, האָט שאָלעם־אַלייכעם פון דער „לירישער אומאָרדענונג" אויסגעשמידט זיך זיין

געווער, אַדאַנק וועלכן ער איז געקומען צו זיינע וויכטיקסטע קינסטלערישע דער־גרייכונגען.

שאָלעם אַלייכעמס „לירישע אומאָרדענונג״ טרעט אַרויס בולעטער ווי אומעטום אין דעם מאָנאָלאָג. ס׳איז שוין איצט קלאָר פאַר יעדן, אַז שאָלעם־אַליכעמס מאָנאָ־לאָג איז נישט אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זיינע העלדן, ווי פאַר אים אליין. סיי באַם שילדערן אַ קליינשטעטלדיקן אידן, סיי באַ דער דאַמע פון דער „ווייסער קאַפּאָרע״— אומעטום קומט אָן שאָלעם־אַליכעם צום מאָנאָלאָג און אומעטום ווייזט זיך אַרויס זיין צוטרוי צו דער מיניאַטיור־פאָרם, צום קליינעם מאַסשטאַב, אין וועלכן ער הייבט אָן זיין דערציילונג. שאָלעם־אַלייכעם איז ניט פייאיק צו געבן גרויסע קאָמפּאָזיציעס. אין זיינע „בלאָנזנדע שטערן״, האַגאַם דאָס איז זיין בעסטער ראָמאַן, אין וועלכן די „אינטריגע״ דערשטיקט ניט די קונסט, האָבן מיר אויך דאָ אַ מאָזאַיק פון קליינע קאַפּיטלעך, וואָס יעדער פון זיי ברענגט אַ נייעם העלד, אַ נייע סוויווע און אַ נייעם דיאַלעקט. אָבער צום בולטסטן טרעט אַרויס שאָלעם־אַלייכעמס טעווע אין זיינע מאָ־נאָלאָגן. דער מאָנאָלאָג — מעג ער זיין אין דער פאָרם פון מענאַכעם־מענדלס בריוו, מאָטל דעם כאַזנס טאָגבוך, אָדער סטאַם מאָנאָלאָגן — האָט גאָר זעלטן אַ באַשטימטן סוזשעט. פונקט אַזוי ווי די אידענע פון „טעפּל״ גייט אַוועק פונם ראָוו, ניט האָבנ־דיק דערציילט, אין וואָס, אייגנטלעך, איז באַשטאַנען איר שאַילע, אַזוי וואָלטן אויך די איבעריקע העלדן שאָלעם־אַלייכעמס געמעגט נישט אַריינלייגן אין זייערע מאָנאָ־לאָגן קיין באַשטימטן סוזשעט, און דער לעזער וואָלט דאָך דערפון ווייניק פארלאָרן. די אופגאַבע פונם מאָנאָלאָג איז צו פאַרקערפּערן די „האַסאָגע״ פון שאָלעם־אַלייכעמס העלד, און דערוף זיינען פאַראַן באַ שאָלעם־אַלייכעמען אַזויפיל מיטלען, אַז ער פאַר־שפּאָרט אָנקומען צו דער האַנדלונג, צום „סוזשעט״ פונם מאָנאָלאָג.

ס׳איז שוין אַ קלאַל געוואָרן אָנצונעמען שאָלעם־אַלייכעמס שפּראַך, ווי דאָס בעסטע קונסט־מיטל זיינס, דערין האָט מען געזעען די אופגאַבע פון שאָלעם־אַלייכעמס מאָנאָלאָג. דער מאָנאָלאָג איז, לויט דער מיינונג, באַשטימט צו באַפרייען דעם „העלדס״ שפּראַך, קעדיי זי זאָל אים אַליין כאַראַקטעריזירן. דאָס איז געוויס אַזוי. אָבער דער מאָנאָלאָג קומט נאָך באַ שאָלעם־אַלייכעמען, ווי אַן אויסדרוק פון אַנדערע מאָמענטן פון זיין קונסט. שאָלעם־אַלייכעם קאָן נישט מאָלן קיין אויסגעהאַלטענע ליניעס, ער קאָן נישט געבן קיין דויערנדיקן טאָן, קיין קאַטעגאָרישע פאַרב. אין דער הינזיכט איז שאָלעם־אַליכעם אַ זעלטענע דערשיינונג: ער איז אַ קלאַסיקער, וואָס איז געקומען צו זיינע דערגרייכונגען מיט אַ ניט־קלאַסישן וועג.

וואָס פאַר אַ קינסטלערישע מאַניר שטייט אונטער שאָלעם־אַלייכעמען?

שאָלעם־אַלייכעם איז אומבאַהאָלפן אין די נאַטור־שילדערונגען, וואָס טרעפן זיך אין זיינע ראָמאַנען (ער איז זיך מודיע דערין פאַר ראַוונִיצקין), און באַלד נאָך דעם טרעפן מיר אין טעוויע דעם מילכיקנס געשיכטעס אַזעלכע בולעטע שטעלן, וואָס שיל־דערן טעוויעס געזונטן צוזאַמענלעבן מיט דער נאַטור. אָט האָבן מיר ווידער שאָלעם־אַליכעמען, וועלכער איז אומפייאיק, דאַכט זיך, פאַרטיפן סטעמפּעניוס ליבע־ליידן, און באַלד נאָך דעם קומט דער „גיסרעף״, וואו שאָלעם־אַלייכעם דערגרייכט ביז צו דער העכסטער טראַגיק.

וואו איז דער סאָד דערפון? פונוואַנען נעמט שאָלעם־אַלייכעם זיינע שילדע־רונג־פייאיקייטן?

אַן ענטפער דערוף איז איינער: פון זיין „לירישער אומאָרדענונג״. קוים צע־ברעכט שאָלעם־אַלייכעם די ראַמען פון עפּישן דערציילן, קוים גייט ער אַוועק פון

באַשרייבנדיקן סטיל צו זיין אייגענעם, שאָלעם־אַלייכעמישן, דעמאָלט פעלן אים קיינ־מאָל קיין מיטלען נישט אויס. און אָט דער אייגענער שאָלעם־אַלייכעמישער סטיל באַטייט באַ שאָלעם־אַלייכעמען: לאָזן די „לירישע אומאָרדענונג" געוועלטיקן איבער זיך, לאָזן די עמאָציע, די אינערלעכע איבערלעבונג, זי זאָל דיקטירן דאָס בילד. און אַף אַזאַ אויפן קומט שאָלעם־אַלייכעם צום אימפּרעסיאָניזם.

דער אימפרעסיאָניזם האָט באַשטימטע גרענעצן, וועלכע ער קאָן בעשומויפן ניט איבערשטייגן. אַזוי איז מיט דער קונסט פון גרויסע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע זיינען פאַר אים שטענדיק אַ סאָד, אַזוי איז מיט דער קונסט צו גרופּירן באַשטימטע דערשיינונגען אַרום איין צענטראַלער פיגור, אַזוי אַז דידאַזיקע פיגור זאָל בלייבן שטיין, ווי אַ מאָ־נומענט. פון קיין מאָנומענטן ווייסט ביכלאַל נישט דער אימפרעסיאָניזם. דאָס האַרבע, דאָס פעלזן־האַרטע ווערט פון אים אויסגעמיידט. און אָט דידאָזיקע סימאָנים געפינען מיר אין שאָלעם־אַלייכעמס קונסט. אַלע קינסטלערישע מאָמענטן סיי די גרעסטע, סיי די קלענסטע, ווערן אונטערגעוואָרפן דער עמאָציע, וואָס רעגירט איבער זיי. דערפאַר קומט אָן שאָלעם־אַלייכעם צום מאָנאָלאָג. דאָ איז פאַראַן די מעגלעכקייט צו געבן יענע מאָלעריי דורך געפילן, צו וועלכער שאָלעם־אַלייכעם איז אויסשליסלעך פּייאיק. אין מאָנאָלאָג „אַן אייצע" איז פאַראַן אַזאַ שטעל, וואו דער יונגערמאַן פאַרענטפערט זיך, פאַרוואָס ער האָט אַזוי לאַנג אָפּגעשטעלט זיך אַף דער טערקישער שאַל, וואָס עס טראָגט זיין שוויגער. ס'איז נייטיק צום איניען — פאַרענטפערט זיך דער יונגער־מאַן. און ווען מיר לייענען ווייטער, זעען מיר, אַז ס'איז ווירקלעך נייטיק צום איג־יען. די שאַל ווערט דערמאַנט לעכאַטכילע צופעליק, קילאַכעריאַד, ביסלעכווייס אָבער טרעט די טערקישע שאַל אַרויס אַפן ערשטן פלאַץ און מיר זעען שוין, ווי אין איר איז פאַרקערפּערט די גאַנצע עמאָציע, וועלכע באַהערשט דעם יונגערמאַן, וואָס האַלט דעם מאָנאָלאָג, און אַזוי טרעפן מיר עס אַף יעדן שריט און טריט באַ שאָלעם־אַלייכעמען.

מאָטל דעם כאַזנס איז פאַרליבט אין דעם שאָכנס גאָרטן, און דער כיישעק־געפיל דיקטירט אים אַזעלכע קינסטלערישע דעטאַלן און אַזאַ פיינקייט אין דער שילדערונג פון די פּיירעס, וואָס היינגען אַף די ביימער, אַז מיר באַקומען דאָ פּרעכטיקסטן „נאַ־טיור־מאָרט", וועלכן ס'קאָן נאָר געבן אַ גרויסער מאלער. ענלעך אַזוי טרעפט מיט אַלץ, אין וואָס עס פאַרליבט זיך מאָטל דעם כאַזנס אימפרעסיאָניסטיש אויג, און אַזוי פאַסירט אויך מיטן קינד פון „מעסערל" און אַנדערע קינדער־דערציילונגען. „בעשאַסן זינגען האָב איך דערווייל געקוקט אַף מיינע פאַרהערערס און האָב באַמערקט אַף איטלעכעס פּאָנים אַן אַנדער מינע" — אַזוי דערציילט אונז דאָס קינד פון דער דער־ציילונג „אַפן פידל". געטריבן פון דער אינערלעכער איבערלעבונג, זעט דאָס אויג „אַף איטלעך פּאָנים אַן אנדער מינע", עס דערגרייכט צו די פיינסטע דעטאַלן, נאָר דערביי זיינען זיי פאַרבונדן אַלע מיטן אורקוואַל, פונוואַנען זיי שטאַמען: מיט שאָ־לעם־אַלייכעמס געמיט. אָט שרייבט שאָלעם־אַלייכעם אַ פּאָרטרעט:

„אַ הויכער איד, אַ גלייכער, אַ טרוקענער, אָנגעטון אין אַ לאַנגער, האַרטער בלעכענער נאַקידקע, אַ בלעכן פּאָנים, אַ בלעכענע באָרד, און אַפילע אַ קאָל אויך פון בלעך — אַ בלעכן קאָל" („מע הוליעט"). אַזעלכע ביישפּילן וואָלט מען קאָנען ברייננען פיל, וואו שאָלעם־אַלייכעמס בילד קריגט אַ טיפן גרונט־טאָן אַדאַנק דעם אימפרעסיאָניסטישן כאַראַקטער זיינעם. פונקט אַזוי טרעטן אַרויס שטענדיק אין איין ליכט די געפלעצטע נעז סיי אין דער דערציילונג „מעסושעלעך" (קאַסריעל דער וואַ־סער־פירער), סיי אין דער דערציילונג „אַפן פידל" (בערל באַס), און אין „סטעמ־

פּעניו" (ר' יאַקל קאָנטראַבאַס). אומעטום, וואו עס טרעט אַרויס אַזאַ איד מיט אַ געפּלעצטער נאָז, איז עס ניט בלויז קיין אונטערשייד־שטריך, וואָס קאָן פאַרגעסן ווערן, עס איז אַ כאַראַקטער־שטריך, אין וועלכן עס באַהעפּט זיך דאָס געמיט פונם אימפּרעסיאָניסט, וואָס קוקט דערויף. דאָס רייכע האַרמאָנישע געפיל ברייננגט דאָ מיט זיך טויזנטערליי ניואַנסן און דערפאַר ווערט אַזוי פיין געצייכנט שאָלעם־אַלייכעמס בילד.

אָבער פּונקט ווי שאָלעם־אַליכעם טוט עס פון זיין אייגענעם נאָמען אין די דערציילונגען, — אַזוי טוט ער עס אין די מאָנאָלאָגן פון עמעצנס נאָמען. דאָס שטימונגס־בילד הערשט אויך דאָ. די אידענע פון „גענז" באַפאַרבט אַלץ אַרום איר מיט די שטראַלן פון איר אָנגעווייטיקט־לירישן געמיט, און דאָס הויזגעזינד פון איר אָרעמער שכיינע מאָלט זיך בוילעט אויס אַף דעמדאָזיקן פאָן. טעוויע דער מילכיקער זעט די וועלט אַרום אים דורך זיין אייגענעם געפיל, און סיי די דערטרונקענע שפּרינצע מיט די אָפענע אויגן, סיי די געשטאָרבענע גאָלדע, וואָס ליגט „ווי אַ בערגל ערד האָט מען צונויפגעשאַרט און צוגעדעקט מיט שוואַרצן" — דאָס אַלץ ווערט אָפּן ריין־אימפּרעסיאָניסטישן אויפן פאַרגלעט, פאַרטושירט, אַזוי אַז עס בלייבט מער נישט נאָר די שטימונג, דאָס נעפלדיקע רויכל, וואָס באַוויזט ביכלאַל טעוויעס לעבן. און נישט אומזיסט זאָגט זיך אָפּ שאָלעם־אַלייכעם מיט אַזאַ קינסטלערישן מוט פונם אידישן סטערעאָטיפּ, פונם יונגנמאַן מיט די „ראַכמאָנעס־אויגן". האָבנדיק נאָר איין טרייב־קראַפט אין זיין קונסט, די טיפע איבערלעבונג, האָט שוין שאָלעם־אַלייכעם דעם מוט צו שרייבן די דערציילונג „שיר־השירים" אַפילו. וואָרום קוים האָט שאָלעם־אַלייכעם זיך דערנעענטערט צו יענער איבערלעבונג און אָרגאַניש זי איינגעזאַפּט אין זיך, ווערט זי אים שוין דיקטירן אויך אלע קינסטלערישע דעטאַלן.

און אָט מיט דעמדאָזיקן וועג איז שאָלעם־אַלייכעם געקומען דערצו, אַז ער האָט פאַרקערפּערט אין זיין רעאַליזם די גאַנצע הארמאָנישקייט פון זיין נאַטור.

ווען אין פּערעצן האָט אופגעוואַכט דאָס שטרעבן נאָך האַרמאָנישע געשטאַלטן, האָט עס אָפטמאָל שוין מעמיילע באַטייט זיין אַוועקגיין פון רעאַלן בילד. אין דעם גרויסן פעלד פון אידישן לעבן, וואו עס איז נאָר איין מענדעלע געווען דורכגעגאַנגען מיט זיין שווערן אַקער, האָט פאַר פּערעצן נאָך אַלץ אויסגעזען צו עקיק־פאַרשפּיצט, צו גרעל און אַנטבלויזט. די אַנטבלויזקייט פון אלע אידישע ווינקלען, די נאַקעטקייט פון די אַרומיקע געשטאַלטן האָט ניט געקאָנט צופרידנשטעלן פּערעצעס דאַרשט נאָך האַרמאָניע, און פּערעץ, ווי ער דערציילט אין די „זיכרוינעס", האָט זיך געשאַפן זיין מעטאָד צו „שאַפן פון דערווייטנס".

דאָס האָט באַטייט פאַר פּערעצן די היסטאָרישע ווייטקייט, דער קוק פון שטאַנדפּונקט פון דער „גאָלדענער קייט"...

שאָלעם־אַלייכעמס אימפּרעסיאָניזם האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו געבן האַרמאָנישע געשטאַלטן, פאַרבלייבנדיק אין דער געגנוואַרט גופא. אַראָפּשווינקנדיק דאָס מיסטיקע, אומנוציקע און גרעלע פון אידישן לעבן דורכן געפיל, וואָס פאַסט דאָס אַלץ אויף, האָט שאָלעם־אַלייכעם געלאָזט שוועבן ארום די אידן און אידענעס פון די מאָנאָלאָגן אַ נעפּלדיק רויכל, וואָס שטאַמט פון זייער געמיט. דיזעלבע האַרמאָנישקייט טרעפן מיר אויך אין טעוויע דער מילכיקער און מאָטל דעם כאַזנס.

(„גרונט־שטריכן פון אידישן רעאַליזם".
קיעוו, 1919.)

שאָלעם־אליכעם דער מאָלער. — שאָלעם־אַלייכעמס שפּראַך.

שאָלעם־אַלייכעם איז א דעמאָקראַט אין די איניאָנים, וואָס ער שילדערט, אָבער ער איז אַ גרויסער אַריסטאָקראַט און קינסטלער אין דער מ אַ נ י ר פון שרייבן. שאָלעם־אַלייכעם איז ניט דער דערצײלער, ער דערציילט אייך ניט וועגן זיינע נעפאַשעס, ווי דאָס טוען אַמיינסטן די אידישע שרייבער, און דערהויפּט די „יונגע". ער פאַרמאָגט די גרויסע קונסט פון מ אָ ל ן. בא אים שפּילט די גרעסטע ראָלע דער מאָנאָלאָג, דער דיאַלאָג, די בריוו־פאָרם. נעמט עטלעכע שורעס פון וואָסער עס איז מאַיסע, וועט איר לייכט דערקענען, ווען עס געהערט. דערום קומט שאָלעם־אַלייכעמען אויס אַזוי ווייניק אָדער קימאט גאָרניט צו דערציילן וועגן זיינע העלדן. זיי דערציילן אייך אַליין אומגערן, ניט־ווילנדיק, אַגעוו־אורכע, און איר קענט זיי אַסאַך מער ווי ווען דער מעכאַבער וואָלט אייך אָנדערציילן פון זיי גאַנצע פּעק, ווי דאָס טוען מיט מי און בלאָזעניש אונזערע „יונגע".

טעוויע דערציילט אייך וועגן מענאַכעם־מענדלען, אז ער איז „א פליער, א ברעכער, אַ לויפער, א דרייער, א נעכטיקער טאָג". וועגן זיך אליין זאָגט ער: „איר קוקט מיך אָן, פאַני שאָלעם־אַלייכעם, און טראַכט זיך אַוואַדע בעשאַס־מאַיסע אין האַרצן: אָט דער טעוויע איז דאָך טאַקע גאָר א איד, וואָס קאַטאָרי..." און ס'איז גאַנץ גענוג!

און אזוי באהאנדלט שאָלעם־אַלייכעם זיינע נעפאַשעס ניט נאָר אין איניען פון כאראקטער, מידעס, פאָסטעמקעס פון זייער אינעוויייניקסטער וועלט ביכלאַל; דאָסזעלבע איז ער זיך אויך נויעג וועגן זייער א ו י ס ע ר ן אויסזען. ער איז דאן זייער ק אַ ר ג אפן וואָרט, ער רעכנט אייך ניט אויס, וואָס פאר א אויגן זיי האָבן, וואָס פאר א שטערן, נאָז, האָר, גאנג א. אז. וו., ווי דער באנאלער מינעג איז, ער האָט גאָר אנדערע סימאָנים:

„איסראָעל, א הויכער איד מיט א לאנג פערדיש פּאָנים און מיט וואַטע אין די אויערן".

„אַ נידעריק ווייבל מיט א רויטע נאָז און מיט א געלע זיידענע פאַטשיילע, פאַרלייגט אַרונטער די אויערן און מיט אַ ווארעמע שאַל אף די פּלייצעס, כאָטש ס'איז דרויסן ניט אַזוי קאַלט". (זומער אף א דאַטשע. — ב. ד.).

אַזוי מאַכט שאָלעם־אַלייכעם אָפּ זיינע פאַרשוינען מיט שיהע־פּיהע, און דאָך גיט ער שאַרפע, זיכערע פאָרשטעלונגען.

און אַז שאָלעם־אַלייכעם גיט אייך א זאָג: „א איד מיט זעקס פינגער", אָדער „אַ איד מיט אַ גרינע שאַל", וואַקסט אויס א פיגור.

אַ רעבע הייסט בא אים: „רעב אידל מאַלכאמאָוועס". אן אַגענט פון „עקוויטעבל" גייט בא אים אין א פּאַפּירענעם קאָלנער מיט א מאָדנע שניפּס מיט א שפּילקע. שטעלט אייך פאָר א אידישע כאַלאַס, אַ מין ספּאָרט, לעהאַוודל: „שלאָגן צוועקעס אין די ווענט, דאָס איז מיין לעבן... ס'איז בא מיר, אפּאָנים, אזא כאַלאָס: איך קאָן ניט זען קיין וואנט אָן צוועקעס".

אַ קלייניקייט, און דאָ ליגט א שטיק כאראקטער.

די שפּראַך שאָלעם־אַלייכעס איז צוגעפּאַסט צו זיין מאַניר. דאָס איז א רייכע פּאָשעטע פאָלקס־שפּראַך, דאָ איז ניטאָ קיין שום געקינצלטע ווערטער אָדער אויס־

דריקן, וואָס איר וועט שוין נאָך שאָלעם־אַלייכעמען געפינען לאָרויוו באַ פּערעצן און נאָך מער באַ אונזערע „יונגע" און וואָס גרילצען אָפּט אין אויער. די שפּראַך איז לייכט, זאַנפט און רירעוודיק. זי גייט אים נאָך געטריי מיט א טענצל, נאָך דעם נע־פּעש, וואָס שאָלעם־אַלייכעם פירט אַרויס אף דער ליכטיקער שיין. שאָלעם־אַלייכעם קאָן אַזוי גוט די שפּראַך פון טעוויען, א פּאָסעק מיט א שניידערשן פּיירעש, ווי דעם יאַכנישן לאָשן פון שיינע־שיינדלען מיט אירע קלאָלעס און כראָמעס, ווי די שטעכווערטלעך און גלייכווערטלעך פון מענאכעם־מענדלס שוויגער, ווי די מעשונע־דיקע „אויסגעאיידלטע" ליסשפּראַכע, פאַרבראָקט מיט רוסיש, פון א האַלב־היינט־וועלטיקער „באַרישנע", וואָס „דרייט זיך אַפן קאָרעק", ווי דאָס ווערטערבוך פון א קאָרטן־שפּילער, פון א קלעזמער א. אז. וו. אָן אן עק.

נאָר די אַלע לעשוינעס האָבן דעם איינעם און זעלבן גרונט: די ניט געקינצלטע פרייע פאָלקס־שפּראַך.

(זשורנאַל „דאָס נייע לעבן",
ניו־יאָרק, 1909.)

א. זאַרעצקי.

שפּראַך־שפּילעוודיקייט באַ שאָלעם־אַלייכעמען.

שאָל. אַל. נוצט אויס פאַר זיינע קינסטלערישע צוועקן סיי נאָרמאלע שפּראַכלע־כע דערשיינונגען, סיי קאָלערליי שפּראַכלעכע אַנאָמאַליעס.

איינער פון די דאַנקבאַרסטע מיטלען פאַר שפּראַכלעכן קאָמיזם איז ווערטער־שפּיל, ד. ה., שפּיל מיט א וואָרט, וואָס האָט צוויי באַטייטן.

„באַ מיר איז א „מענטש" פאַרעכנט פאַר א מענטשן. ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל איך בין אליין אַמאָל געווען א „מענטש". — אַזוי דערציילט דער „מענטש פון בוענאָס־איירעס".

אַ באַזונדער סאָרט ווערטערשפּיל איז, ווען עמעצער (דאָס ראָוו א קינד) טייטשט אויס בוכשטעבלעך א פיגוראַלן אויסדרוק. מאָטל פייסי דעם כאַזנס האָט געהערט, ווי אף בארע דעם שוסטער זאָגט מען, אז ער האָקט א טשאַיניק, ד. ה., דערציילט מאַי־סעס, וואָס ניט געשטויגן ניט געפלויגן. „עס איז מיר אַזוי שטאַרק געפעלן, אז איך האָב עס ארופגעכאַפּט אף פּאַפּיר, ד. ה., איך האָב אויסגעמאָלט בארע דעם שו־סטער, ווי ער האלט א האַמער, אפן טיש שטייט א גרויסער טשאַיניק, און ער האַקט אים".

נאָענט צו ווערטערשפּילן שטייט דער באַנוץ פון אַ וואָרט, וואָס פּאַסט זיך ניט צום געגעבענעם קאָנטעקסט:

— „אַ גוטמאָרגן זאָל זיך אַריינכאַפּן, רעבע, צו אייך און צו אייערע טאַל־מידים".

שאָל. אַל. האָט ליב שפּילן מיט סינאָנימען, ד. ה. מיט ווערטער, וואָס האָבן ענלעכע באַטייטן.

אנשטאָט א אידישן וואָרט, וועט ער אייך שטעלן אמאָל אַ העברייאישן, צו באַ־צייכענען דערמיט האמעטנעקייט, אָדער אומגעלומפּערטקייט:

„אַצינד וואָלט איך נאָך באַדאַרפט פאָרשטעלן אייך מאַלקינס דריי עלטערע באָ־נים. נאָר אַז איך זאָג אייך „באָנים", ניט „זין", איז די מאַשמאָעס, אַז דאָס זיינען

דריי הויכע געזונטע קלאַפּערס, מיט הויכע ראַגלאַים, מיט געזונטע יאָדאַים, וואָס קאָנען גוט ארבעטן און גוט אַכלען".

און אמאָל באַטייט דאַפּקע דער העברייאישער סינאָנים א העכערע מאַילע פון דעם געגנשטאַנד. אין „פון יאַריד" דערציילט מייער-וועלוול באַלעגאָלע, וויפל און וואָסערע פערד יעדערער האָט, ווער עס האָט פערד, טאַקע „סוסים", און ווער עס האָט „פּעגירעס, נעוויילעס, פּעל"...

פון שאָל.-אַל. וואָרטבילדונגען מיט קאָמישער אָפּפאַרבונג איז קעדאַי אָנ־צומערקן אַזעלכע ווי „גאַניידן-שעבעגאַניידן, גאָרניט-שעבעגאָרניט, הונט-שעבעהונט, סאָפּראַנאָ-שעבעסאָפּראַנאָ" און אַפילו אן אייגנשאַפט-וואָרט „דאָס לעצטע-שעבעלעצ־טע" און אויך אַזעלכע ווי „קאָל האַמיטלען שעבעאוילעם, קאָל האַפאַרגעניגן שעבע־אוילעם". ווייטער — די פאַרשפּרייטע אידישע אויסבילדונג פון ציטווערטער, וואָס באַטייטן פילמאָליקע איבערכאַזערונג פון א וואָרט:

„... פאַראַן, זאָגט ער, באַ אים א קאַץ, אָבער ניט קיין מאָשקע, נאָר מאָרדוך, מאָרדוך קאַץ... זאָג איך: קאַקאָי מאָרדוך? מאָשקע, א ניע מאָרדוך! מאַכט ער צו מיר: „מאָרדוך" און טיטשעט מיר דאָס פּאַפּיר אין פּאָנים אַריין. איך אים: מאָשקע, און ער מיר: מאָרדוך! בעקיצער, מאָשקע-מאָרדוך, מאָרדוך-מאָשקע, — מיר האָבן זיך אַזוי לאַנג געמאָשקעט און געמאָרדוכט, ביז מיר זיינען געוואָרן אַ שיינע מאַיסע"...

אַ באַזונדער אויפן פון וואָרט-בילדונג איז דאָס צונויפזעצונג פון ראָשעטיי־ווען (ערשטע אויסעס פון ווערטער, דעהאַינע „צעקאַ" אנשטאָט „צענטראַל-קאָמי־טעט"). ווי באַוואוסט איז דידאַזיקע וואָרט-בילדונג אופגעקומען (אין קעגנזאַץ צו דעם, ווי' אייניקע מיינען) נאָך לאַנג פאַר דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע. אין פינפטן יאָר זיינען פּאָפּולער געווען די פּאַרטיי-נעמען „עס-דע", „קאַ-דע", „עס-עס" א. ד. ג. ווי נוצט מען ניט אויס אזא טשיקאווע וואָרט-בילדונג פאַר שפּראַכלעכער שטיפעריי? פירט שאָל. אַל. אַרויס אין דעם „מאַבל" א שאַדכן, וואָס רעדט שידוכים מיט ראָ־שעטייוועסן: אַ כאָסן אַ „פּע-בע" (אַ פוסטער באָכער), א קאַלע א „עם-עס" (א מי־סע-מעשונע), אַ „עם-צע" (א מאַן אף צאָרעס) א „ווע-כאָ" (א ווייב א כאָלערע) און אַז. וו. צי האָט שאָל. אַל. אַליין אויסגעטראַכט אזא שאדכן, אָדער ער האָט עפּעס אַזוינס געפונען אין פּאַקטישן אַרום — די פראַגע מעג מען אָפּלייגן אף א צווייטן מאָל; דערווייל קאָנסטאַטיר איך דאָס, וואָס איז פאַראַן אין שאָל. אַל. שפּראַך, אומ־אָפּהיינגיק דערפון, פונוואַנען דאָס איז גענומען.

אַ מיטל פאַר שפּראַכלעכן קאָמיזם איז די צונויפשטעלונג פון א גאַנצער ריי ווערטער, וואָס פאַרטשעפּן זיך איינער אָן אַנדערן און שלעפּן נאָך איי־נער דעם אנדערן ווי ציינרעדער. אנשטאָט ציינער צו פאַרטשעפּען דינט באַ זיי די ענלעכקייט פון וואָרצל אָדער פון סופיקס א. ד. ג.:

„ס'זאָל זיך אָנכאַפּן, ריבוינעשעלוילעם, אַ שטעכעניש און א ברעכעניש, א ריי־סעניש און א בייסעניש, א טריקעניש, א פאַרטריקעניש, אן אויסטריקעניש, אן איינ־טריקעניש, אַ דאַרעניש, א פאַרדאַרעניש, אן איינדאַרעניש, א שרימפּעניש, אן איינ־שרימפּעניש, ליבער גאָט, האַרציקער פאָטער געטרייער!"

דעם אינהאַלט פון „כאַדגאַדיע" (פון דער האַגאָדע) גיט איבער איינער פון זיינע פּערסאָנאַזשן בעזע האַלאָשן: „ציגעלע-קעצעלע, קעצעלע-הינטעלע, הינטעלע־שטעקעלע, שטעקעלע-פייערל, פייערל-וואַסערל, וואַסערל-אָקסעלע, אָקסעלע־שויכעטל"...

פאַרשיידנאַרטיק ווערן באַ שאָל. אַל. אויסגענוצט פּ ע ר ז אָ ן ־ נ ע מ ע ן. זיי ווערן אַמאָל געקייטלט אין גאַנצע רייען מיט קאָמישער איינאַרטיקייט.

אז א שוואַרצמייעניק (אין „מאַבל") דאַרף דערוויזן, אַז די אידן האָבן פאַרכאַפּט אַלע בעסטע פּראָפעסיעס, רעכנט ער אויס אַזאַ מין צעטל אידישע פאַמיליעס: „איך הער א קלונג: מע טראָגט מיר אריין א כעשבן פון באַלעבאָס פאר דירע־געלט — ווער איז מיין באַלעבאָס? ראָזנקראַנץ! נאָך א קלונג: ווער איז? דער דאָקטער ראָזענבערג. נאָך א קלונג: ווער איז? דער לערער פון מוזיק — ראָזנפעלד! דער לערער פון מאַטעמאַטיק — ראָזנצווייג! דער לערער פון דער רוסישער שפּראַך — ראָזנבלום! דער לערער פון טענץ — ראָזנבוים!

אויך פאַרשיידענע פאָרמעס פון זאַצבוי נעמט שאָל. אַל. פאַר זיינע צוועקן. אַ קאָמישן איינדרוק מאַכט די מידע פון אייניקע אידיש־ריידערס איבערצו־צוכאַזערן אין סאָף זאַץ דעם אָנהייב זאַץ:

„עס האָט פאַרטרונקען דעמאָלט די גאַנצע שטאָט האָט דאָס פאַרטרונקען! מע האָט זיך געשיפּט אף שיפלעך האָט מען זיך געשיפּט! ס'איז געווען כוישעך איז געווען".

אַ באַליבטער זאַצבוי באַ שאָל.־אַל. איז, ווען ס'ווערן פ אַ ר ב ו נ ד ן (דאָס ראָוו דורכן בינדוואָרט „און") ענלעכע ווערטער אָדער גאַנצע ע נ ל ע כ ע ג ר ו פּ ע ס.

כאַיע־עטלס מאַן („אין די וואַרעם־בעדער") מוז נעבעך צאָלן אירע כעשבוינעס די מאָדיסטקעס: „קאָלענקאָר און קנעפּלעך און העקלעך און בערשטלעך און גאַז, און נאָכאמאָל קאָלענקאָר און סטעקליארוסן און פּראָשוועס און טאַשמעס און שפּיצ־לעך, און ווידער אמאָל קאָלענקאָר און סאַמעט און זייד און מאַרליע און שפּילקעס, און ווייטער אמאָל קאָלענקאָר און ריוש און פוליאר ־ין פעדערלעך און מאַנטשעט־סטער, און אָבער אמאָל „קאָלענקאָר". דער זאַצבוי איז דאָ זייער דורכזיכטיק: 5 גרו־פּעס ווערטער צו 5 ווערטער אין יעדער גרופּע, אכוץ אין דער לעצטער, און דאָס ערשטע וואָרט פון יעדער גרופּע איז „קאָלענקאָר"; די ווערטער אין יעדער גרופּע זיינען פאַרבונדן דורך „און", און די גרופּעס אַליין זיינען פאַרבונדן דורך „און נאָ־כאמאָל, און ווידעראַמאָל, און ווייטער אמאָל, און אָבער אמאָל". דורך דעם ווערט דערגרייכט א העכסט קאָמישער עפעקט, אין וועלכן ס'גיסן זיך צונויף די ווירקונג פונם זאַצבוי מיט דער ווירקונג פון דער באשריבענער סיטואַציע — דער מאַן דאַרף צאָלן פאר דעם ווייבס שמאָכטעס, וואָס ער האַלט זיי פאר איבעריקע.

אַ פיינערער קאָמיזם באַקומט זיך, ווען כאַיע־עטל נעמט אויסרעכענען די קאָ־לערליי דאַטשע־שכיינים: „דו געפינסט דאָ א שניט־קרעמל פונם פּאָדאָל, א שקאָנ־טיסט פונם קרעשטשאַטיק, א מעקלער פון בערלינעס, אַ לערער פון שטונדן, א קאָ־סיר פון א מיל, אן אַגענט פון פייער, א זינגער פון כאָר־שול, צוויי סטודענטלעך, דריי ווייבלעך און איינע אַ ליטווישקע". דאָ ווערט באַ יעדערן פון די ערשטע 7 שכיינים באַנוצט די פּראָפּאָזיציע „פון", אָבער מיט פאַרשיידענע באַטייטן: „אַ שניט־קרעמער פ ו נ ם פּאָדאָל" הייסט „אַ שניט־קרעמער, וואָס וו א ו י נ ט אפן פּאָדאָל", און „א מעקלער פ ו ן בערלינעס" הייסט „אַ מעקלער, וואָס אַ ר ב ע ט אַרום בערלי־נעס". צום אויסערלעכן פאַראַלעליזם אינם זאַצבוי קומט צו די אינערלעכע פאַרשיידנ־קייט, און דאָס פאַרפיינערט דעם עפעקט.

אָט ווי פאַרשיידנאַרטיק שאָל.־אַל. נוצט אויס צו קאָמישן עפעקט — פּ אַ ר אַ ל ע־ל י ז ם אין זאַצבוי. אמאָל קומט נאָך צו א פאראלעליזם פון שאַרפע אינטאָ־נאַציעס:

„נישט גוט צו זיין א בעניאָכיד, אַ ציטעריקער בא טאַטע־מאַמע. דאָ — ניט שטיי, דאָרט — ניט גיי. דאָס — ניט עס, יענץ — ניט טרינק. דעם קאָפּ — דעק צו. דעם האַלז — פאַרבינד. די הענט — באַהאַלט. די נאָז — שנייץ אויס". (ס'איז קעדאַי צו לייגן אַכט אויף דערויף, וואָס צום אָנהייב גייען איינס איבער איינס קאָמעס און פּונקטן, דערנאָך גייט שאָל.־אַל. אַריבער אף גאָלע פּונקטן).

פּ אַ ר אַ ל ע ל י ז ם אין זאַצבוי איז באַקוועם אויסצונוצן אין דיאַלאָגן. אָט איז אַ ביישפּיל פון א גאַנץ גראָבן קאָמישן פּאַראַלעליזם, ווען ביידע פאַרשוינען פרעגן דאָס אייגנס און ענטפערן דאָס אייגנס:

— „וואוהין פאָרט איר היינטיקן זומער?

— קיין בויבעריק, וואוהין דען זאָל מען פאָרן? נו, און איר?

— קיין בויבעריק, וואוהין דען זאָל מען פאָרן? האָט איר שוין א דאַטשע?

— נאָך א מין דאַטשע! נו, און איר?

— נאָך אַ מין דאַטשע! וואו איז אייער דאַטשע?

— אַפן קרעשטשאַטיק, געוויינטלעך! נו, און אייערע?

— געוויינטלעך אַפן קרעשטשאַטיק"...

א פיינערן, מער שפּילעוודיקן פּ אַ ר אַ ל ע ל י ז ם זעען מיר אינם שמועס צווישן הערשקען מיט איינמאָל־מוישען, ווען דער איינמאָל־מוישע נעמט שטעלן אַ סוקע:

— „דאָס וועט זיין שוין איינמאָל א סוקע! דעריקער ס'זאָל נאָר זיין מאַטעריאַל.

— מאַטעריאַל וועט זיין, האָט איר זשע אינסטרומענטן? — פרעגט אים הערשקע.

— אינסטרומענטן וועלן זיך געפינען, האָט איר זשע געהילץ? — פרעגט אים מוישע.

— געהילץ איז פאַראַן, האָט איר זשע צוועקעס? — פרעגט אים הערשקע.

— צוועקעס קאָן מען קריגן, האָט איר זשע סכאַך? — פרעגט אים מוישע".

די רעפּליקעס — ניט זיי כאַזערן איבער בוכשטעבלעך איינע די אנדערע, נאָר זיי זיינען געבויט אף איין און דעמזעלביקן שטייגער, און ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס דער דיאַלאָג פאַרענדיקט זיך אַזוי:

— „עפּעס זיינט איר מיר היינט צו „דאָסיק", — מאַכט הערשקע.

— צו וואָסיק? — פרעגט אים מוישע און קוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין, און ביידע צעלאַכן זיי זיך".

קאָמיזם זע איך איין (עפּשער בין איך סוביעקטיוו?) אין דער מידע צו פאַרבייטן אַ פּאָזיטיווע באַהויפּטונג אַף אַ נ ע ג אַ ט י וו ע ר פ ר אַ ג ע:

„עס גייט אַוועק ווידער אַ האלב יאָר אָדער אַ יאָר, איך וועל אייך ניט זאָגן אַקוראַט, קומט ניט אָן, מיינט איר, פון אים ווידער אַ בריוול?" פּאָשעט געזאָגט, הייסט עס: „עס גייט אוועק ווידער אַ האַלב יאָר, אָדער אַ יאָר, קומט פון אים ווידער אַ בריוול" (דער קאָמיזם פון דער רייד־ארט ווערט נאָך פאַרמערט דורך דעם, וואָס דיזעלביקע פראַזע ווערט אין דער דערציילונג („סטאַנציע באַראַנאָוויטש") איבערגעכאַזערט עטלעכע מאָל).

אַן אָפטע דערשיינונג אין אידישן זאַצבוי איז, ווי מע רופט עס, ע ל י פּ ס י ס — פאַרפעלונג פון ווערטער, וואָס קאָנען סיי־ווי גרינג דערגאַנצט ווערן. ווען שאָלעם־אַלייכעמס פּערסאָנאַזש זאָגט: „און א שטיקל ברויט מיט הערינג ביסטו קראַנק?" (עליפּסיס — אַנשטאָט, „ביסטו קראַנק עסן?"), נעמט זיך דאָ דער קאָמיזם עפּשער ניט אַזוי פונעם עליפּסיס, ווי פון עפּעס אַנדערש, אָבער ווען דער איד פון „גימנאַזיע"

לויבט זיין אינגל: „אַז יענער האָט אַ קאָפּ מ׳זאָל אויספאָרן אַ אימפּעריע!”, אָדער ווען גיטל פורישקעוויטש רעקאָמענדירט זיך אַלס „אַן אָרעמע אַלמאָנע, וואָס פריער גאָט, דערנאָך וויסאָצקי” — באַקומט דאָ די בעעצעם נאַטירלעכע דערשײַנונג פון עליפּסיס אַ קאָמישן כאַראַקטער.

ריידנדיק וועגן די גראַמאַטישע מיטלען פון שאָלעם אַלייכעמס הומאָר, וואָלט געוועזן אַן אַוולע דורכצולאָזן זיין שיינע און אייגנאַרטיקע מאַניער אויסצונוצן קינדערשע באַוואונדערונג פון גראַמאַטישע פאַקטן:

„איך באַקום אַ רעכטן פּסאַק פון זיי ביידע, איך זאָל דאָס אַנדערע מאָל וויסן, ווי אַזוי צו שפּילן זיך מיט קעץ (סאַכאַקל איין קאַץ, הייסט באַ זיי „קעץ”!”).

„ער פרעגט, וואָס געהערט זיך אָן אַ פרעמדער טאַטע צו זיין זייגער? ער איז ניט מעכויעוו, זאָגט ער, מיט זיינע זייגערס אויסצוהאַלטן פרעמדע טאַטעס. פונם זייגער איז שוין באַ אים געוואָרן „זייגערס” און פונם טאַטן — „טאַטעס”!”.

*די געוויינשאַפט צו באַנוצן מערצאָל אַנשטאָט איינצאָל, ווען מע רעדט מיט קאַס, קעדיי צו פאַרשטאַרקן דעם עפעקט, איז פאַרשטאַנדיק און, לאָמיר זאָגן, נאַטירלעך, אָבער דאָך נאַאיוו; און ווען שאָל.־אַל. פירט נאָך אַרויס אַ קינד, וואָס ווייס נישט פון קיין כאָכמעס און פאַרשטייט ניט, ווי אַזוי ווערט עס פון אַ קאַץ „קעץ” און פון אַ זייגער „זייגערס”, — אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז די קאָמישע זייט פונם „שפּראַכלעכן קאַס”.

וועגן אוטיליזירונג פון אינטאָנאַציע איז שוין דערמאָנט געוואָרן פריער אין שאַיכעס מיט שפּילעוודיקן זאַצבוי. אָבער אויך אינטאָנאַציע אַליין פאַר זיך ווערט באַ שאָלעם־אַלייכעמען אויסגענוצט (אַף אינטאָנאַציע, אַף וויפל ס׳איז צו זען פון דער פונקטואַציע און פונם זאַצבוי, איז שאָל.־אַל. ביכלאַל אַ מאַיסטער; אָט וואו ס׳איז אַ דאַנקבאַרער מאַטעריאַל פאַר טיפערער דערלערנונג!). אַז איינער דאַרף געבן צו פאַרשטיין דעם כילעק פון אַ „מאַלעראָסיער” אָרעמאַן ביז אַן אָרעמאַן פון דער ליטע, קומט ער נישט אָן צו קיין אייגנשאַפט־ווערטער אָדער זאַכווערטער, נאָר ער זאָגט אַזוי: „באַ אונז, אַז סע מאַכט זיך אַן אָרעמאַן, איז ער זיך אַן אָרעמאַן, און באַ אייך אין דער ליטע אַן אָרעמאַן, עס זאָל אייך צו קיין כאַרפּע ניט זיין, איז טאַקע אַן אָרעמאַן, וואָס אַן אָרעמאַן הייסט”. דער כילעק צווישן ביידע ארעמעלייט איז פאַר אונז קלאָר. פונוואַנען? פון דער אינטאָנאַציע, פון פאַרשיידענעם „קוועטש” אַף דעם און אַף יענעם „אָרעמאַן”.

ביז אַהער האָבן מיר געזען, ווי שאָל.־אַל. שפּילט מיט ווערטער, מיט פאָרמעס (זאַצבוי), מיט אינטאָנאַציע; קלאַנגען־שפּיל איז, ווייזט אויס, באַ שאָלעם־אַלייכעמען אַ זעלטענערע דערשיינונג. קלאַנגען־שפּיל פון העכערן סאָרט, אַשטייגער, ווי „אַז זיי גייען, קאַטשען זיי זיך, ווי די קאַטשקעלעך” — האָב איך באַ אים וויניק געטראָפן. אַביסל אָפטער קומט ער אָן צו פּראָסטערע קלאַנגען־שפּיל, דעהאַינו, מע־זאַקע זיין אַ דייטשישן אידן מיט אַזאַ נאָמען, ווי „הער הערץ הערצנהערץ”, אָדער דערטאַפּן אַ שווערן נאָמען „רעב לייבצע רעב פּינכעסלס” און איבערכאַזערן אים דאַפקע 5 מאָל נאָכאַנאַנד.

אַריינוואַרפן אין רייד אַ ציטאַט פון אַ ווערק אַף אַן אַנדער שפּראַך, דעהאַינע אַ פּאָסעק פון טאַנאַך, איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג. נאַטירלעך איז אויך צו פאַרטייטשן די ציטאַט.

שאָל.-אַל. דערגרייכט אָבער אַ קאָמישן עפעקט, ווען טעוויע (אויך אַנדערע פּערסאָנאַזשן) פאַרטייטשט די פּסוקים און די געמאָרעס אַף זיין באַרימטן שטייגער,

לויט געוויסע, אַמאָל גאַנץ ווייטלויפיקע אסאָציאַציעס. ביישפּילן זיינען איבעריק, וואָרום „טעוויעס טייטשן״ — דאָס איז די פּאָפּולערסטע, אַמערסטן באַקאַנטע זייט פון שאָלעם־אַלייכעמס שפּראַך.

ביז אַהער האָבן מיר געהאַט צו טון מיט נאַטירלעכע, נאָרמאַלע שפּראַכלעכע דערשיינונגען. אין אונזערע רייד קומען אָפּטמאָל פאָר אַנאָמאַליעס, אָפּנויגונגען פון דער נאָרמע, אַזוי צו זאָגן — שפּראַכלעכע קראַנקייטן. פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע דערשיינונגען זיינען אָפּט (און עפּשער שטענדיק) שוין אַליין פאַר זיך קאָמיש, און פאַר שאָלעם־אַלייכעמען בלייבט נאָר אופצוכאַפּן און צו פאַרפיקסירן זיי. עמעס, ניט זעלטן פאַרגרעסערט ער זיי, מאַכט פון זיי אַ שאַרזש.

איינע פון די אַנאָמאַליעס אַפן געביט פון ווערטער־באַנוץ איז — ניט־פּאַסיקער באַנוץ פון אומפאַרשטאַנדיקע (באַזונדערס פרעמדע) ווערטער. אַ ראַכמאָנעס אַף אַ העברייאישן וואָרט, וואָס פאַלט אַריין צו סאָרע־כאַנצען (פון „געט״).

„איך קאָן דאָס אייך גאָר אַזוי פיל נישט לאַמנאַצייעך זיין... עס איז אַף מיר אַ מאַכזיר נעשאָמעס, עפּעס אַ מין פוראָניעס פון זיין ליבן נאָמען, עפּעס אַ נויטער איסראָעל... אַן אויסווירפלינג, אַ נישמעס קאָל־כאַי... עפּעס אַ מין ווערלאָכצו!״

סאָרע־כאַנצע האָט ווערטער, אָבער זי באַנוצט זיי פאַלש, און מייערס פאָטער („קינדערשפּיל״) האָט גאָר קיין ווערטער ניט און מוז נעבעך אָנקומען צום פראָנאָם „דאָס״ — דער שטענדיקער „שטעלפאַרטרעטער״ פון אַ פעלנדיקן וואָרט:

„פאַרגעס ניט, זינאָ, דאָס... אַז דו האָסט זיך פּאָפּאַדיעט צווישן מעיוכאָסים, איידעלע לייט, וואָס דו ביסט ניט ווערט זייער דאָס... זייער פּאַדעשווע...

אַ אינטערעסאַנטע שפּראַכלעכע אַנאָמאַליע איז אַ צונויפמיש פון צוויי פאָרמעס (קאָנטאַמינאַציע רופט מען דאָס), ד. ה. אַ וואָרט (אָדער אַ זאַץ) הייבט זיך אָן מיט איינס און לאָזט זיך אויס מיט עפּעס אַנדערש. דעם אידן איז שווער אויסצורעדן אַזאַ לאַנגן, פרעמד־קלינגענדיקן, וואָרט, ווי „וואַשע וויסאָקאָ פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ״, דער וואָרט „פּראַוואָזשיטעלסטווע״ אָבער קלינגט אים שטענדיק אין די אויערן און ליגט אים שטענדיק אַפן צונג. פונם צונויפמיש פון די ביידע ווערטער ווערט געשאַפן באַ שאָלעם־אַלייכעמס א פּערסאָנאַזש אַ נייער טיטל פאַר נאַטשאַלסטווע — „וואַשע וויסאָקאָפּראַוואָזשיטעלסטווע״. אַפן זעלביקן שטייגער קומט אַרויס אַ וואָרט „פּרינצעדאַטעל״, אַלס קאָנטאַמינאַציע פונם באַקאַנטן וואָרט „פּרינץ״ מיטן ניט־אידישלעכן „פּרעדסעדאַטעל״.

שאָל.־אַל. זאָגט זיך ניט אָפּ אויך פון יענעם גאַנץ נידעריקן קאָמיזם, וואָס ווערט גרינג דערגרייכט דורך פּאָנעטישע (קלאַנגלעכע) אַנאָמאַליעס. אַז א כיידער־אינגל קאָן ניט אַרויסריידן קיין „ק״ און קיין „ג״. דאַרף ער דאַפקע הייסן קאָפּל, זיין טאַטע — קאַלמען, א. א. וו.

אַן אַנדער סאָרט פּאָנעטישע אַנאָמאַליע איז — ווען קינדער פאַרדרייען אונמיסנע די ווערטער אַף דעם אָדער יענעם אויפן. ש.־א. דערמאָנט וועגן „טאשראקלאָשן״, ד. ה., ריידן פאַרקערט. „אַן ריד אַ גייף״ באַטייט: — „נאַ דיר אַ פייג״.

פאַראַן ספּעציפיש אידישע שפּראַך־אַנאָמאַליעס, וואָס נעמען זיך פון דער אידישער פילשפּראַכיקייט. יעדער איד קאָן דאָך רוסיש (אָדער אין אַמעריקע—איינליש) — מאָלט אייך אַזאַ קענטשאַפט איז דאָס, אָבער אַף צו בויען אַ האַלב־רוסישן אידיש איז עס גענוג; יעדער איד קאָן לאָשנקוידעש: ער׳ט דאָך געלערנט אמאָל אין כיידער — מאָלט אייך, אַזאַ קענטשאַפט איז דאָס, אָבער אַף צו ריידן האַלב לאָשנקוידעש, אויב ס׳איז דאָ דערביי אַן „אָדן״, וואָס איז „מייוון קאָל דיבער״ —

איז עס געגוג; יעדער איד קאָן דייטש, — וואָרום וואָס איז דייטש, אויב ניט פאַר־דרייטע אידיש?

נו, דאַרף דען דער הומאָריסט אַ בעסער שפּראַכלעכן מאַטעריאַל, ווי די זשאַר־גאָניזירונג פון אידיש? „דאָ ראַזראַבאַטעוועט זיך אַ סאָציאַלנע וואָפּראָס, וועגן נאַסע־ליאַיען אַן אַסטראָוו, אָדער בעסער גערעדט, וועגן אָבראַזאָוויוען א גאָסודאַרסטוואָ לויט די אַלטע פּאָריאַדקעס, פּראַווילעס און זאַקאָנעס, וואָס זיינען אָסנאָוועט אַף דעם פּרינציפּ פון סאָבסטווענאָסט". אַזוי רעדט אַ אידיש־רוסישער סטודענט און פּונקט אַזוי רעדט אויך אַן אַדוואָקאַט: „געיאַוועט האָב איך זיך צו אייך פּאָ דיעלו, איינער פון מיינע קליענטן האָט פּריאָברעטאיעט אייער אַביאַזאַטעלסטוואָ דורך אַ פּאָסרעד־ניק אַף אַן אָפּרעדעליאָנעם טערמין, קאָנעטשנאָ מיט א זאַדאַטאָק, און אַזוי ווי היינט איסטיעקאַיעט דער סראָק, האָב איך זיך אָסמיעלעוועט אייך פּרעדופּרעזש־דאַיען, איר זאָלט מיר פּריגאָטאָווען די שטשאָטעס און אין פּאָלנעם פּאָריאַדאָק אָן אַ שום זאַמעדלעניע"...

און אַז אַ איד דאַרף זיך דורכשמועסן מיט א צווייטן פאַר נאַטשאַלסטווע אין די אויגן, און דאַפקע אַזוי, אַז נאַטשאַלסטווע זאָל ניט פאַרשטיין, בויט ער אוף עפּעס א מעשונע־מאָדנע האַלב־לאָשנקוידעשדיקן זשאַרגאָן:

„יעהודי בעלוי! איר דאַבּערט אים, אַז איר זיינט א היגער, און דאָס איז אייער כאַמויסי, הייסט דאָס, די שוויגער אייערע איז ניפטער געוואָרן, זענט איר געקומען אהער זי מעקאַבער זיין; און בעשאָס איר וועט אים נאַסענען אין יאַד אריין, זאָלט איר אויסקלערן עפּעס א נאָמען פון דער האַגאָדע. און דעם אָרל אייערן וועלן מיר אַוועקרופן אין באַיס אריין און מעכאַבעד זיין מיט א צינצענעס יאַש, לאָז ער זיך ניט דרייען דאָ פאַר די איינאַים, וועט זיין טויוו־מעאויד".

און לעסאָף, אַז אַ איד רעדט מיט א דייטש, „פּאַרדייטשערט" ער זיין אידישן לאָשן, ד. ה. רעדט מיט „פּאַסעכן":

„זיי וועלן אימירצישעם האָבן האַנאַווע (האַנאָע), הער דייטש, וואָרום מיין פּלאַ־ניס, מיין פּרוי, הייסט עס, איז א זעלטענע באַלאַבאַסטאַ (באַלעבאָסטע)".

דער קאָמיזם ווערט פאַרשטאַרקט דורך דעם, וואָס די „פּאַרדייטשערונג" פאַלט אויס דאַפקע אַף העברייאישע ווערטער.

שאָל.־אַל. נוצט אויס אויך די קעגנשטעלונג פון צוויי שפּראַכן:

„שפּרינגט אַרויס א נעפעש און מאַכט צו מיר בעלאָשן פּאָניע: שטאָ נאַדאַ? זאָג איך צו אים דאַפקע אַף אידיש: מיסטאָמע איז „נאַדאַ", ס'זאָל נישט זיין „נאַדאַ", וואָלט איך מיך נישט געהעצקעט אהער אזש פון קאַדניע".

נאָך א שענערער, ווייל קאָמפּליצירטער, עפּעקט באַקומט זיך אין אַזאַ פאַל, וואו אונטער דער קעגנשטעלונג פון „דייטש" און „פּראָסט אידיש" איז פאַרמאַסקירט די קעגנשטעלונג פון איידעלערע און פּראָסטערע רייד:

„פאַלט איר אריין אין „מאָראַל" און הייבט זיי אָן זאָגן מוסער, אז יענער האָט אויך א נעשאָמע, יענער דאַרף אויך לעבן, ווי דער דייטש זאָגט: „לעבן אונד לעבן לאַסן". באַקומט איר דערויף א טשוואָוע, נישט אַף דייטש, נאָר דאַפקע אַף פּראָסט אידיש, אַפילע אַביסעלע פאַרשטעלט, נאָר גאַנץ פאַרשטענדלעך: פּעטער! מיט איין דאָס אַף צוויי יערידים פּאָרט מען ניט..."

דאַכט זיך, ווער איז נאָך אַזוי באַריידעווודיק, ווי א איד? און דאָך זיינען פאַ־ראַן פאַלן, ווען ער קאָן ניט, ער טאָר ניט ריידן. אינמיטן דאַוונען, אינמיטן קידעש־מאַכן טאָר מען ניט מאַפסיק זיין, מע טאָר ניט איבעררייסן די הייליקע רייד מיט

אידישע ווערטער. אָבער א איד א לאמדן גיט זיך אן אייצע: דארף מען עפּעס זאָגן אינמיטן דאווענען, רעדט מען „לאָשנקוידעש”. אָט איז א מוסטער פון אזא מין שטומל אָשן, וואָס דער נאאיווער אינגל האלט פאר לאָשנקוידעש:

„ערשט, אז עס קומט צום קידעש־מאכן, — שמועסט זיך דורך דער טאטע מיטן אוירעך אף לאָשנקוידעש, און איך בין מאָלע־געדולע, וואָס איך פארשטיי קימאט איטלעכס וואָרט.

דער טאטע: נו? (אף אונזער לאָשן זאָל דאָס הייסן: מאכט, זייט מויכל, קידעש).

דער אוירעך: נו־נו! (אף אונזער לאָשן זאָל דאָס הייסן: מאכט, מאכט!).

דער טאטע: נו־אָ? (פארוואָס ניט איר?).

דער אוירעך: אָ־נו? (איר פארוואָס ניט?).

דער טאטע: אי־אָ! (פריער איר).

דער אוירעך: אָ־אי (איר פריער).

דער טאטע: ע־אָ־אי! (איך בעט אייך, מאכט איר).

דער אוירעך: אי־אָ־ע! (מאכט איר, איך בעט אייך!).

דער טאטע: אי־ע־אָ־נו? (וואָס וועט אייך ארן, אז איר וועט פריער מאכן).

דער אוירעך: אי־אָ־ע־נו־נו! (אז איר ווילט דאפקע איך, לאָז זיין איך).”

(זשורנאל „רויטע וועלט”, 1926)

מ. ספּעקטאָר.

שאָלעם־אלייכעמס ערשטע ליטעראַרישע טריט.

אונזער ערשטער ארויסטריט אין דער אידישער ליטעראַטור איז געווען אין דעם וואָכנבלאַט „יודישעס פאָלקסבלאַט”, וואָס אלעקסאַנדר צעדערבוים האָט אין סאָף 1881 אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין פּעטערבורג.

איך האָב אָנגעהויבן מיט א ראָמאַן אין אָנהייב יאַנוואַר 1883, און שאָלעם־אַלייכעם האָט דעביוטירט מיט א דערציילונג „צוויי שטיינער” פונקט שפּעטער מיט א האַלב יאָר — אין אָנהייב יולי. אונטער דער דערציילונג האָט ער זיך אונטערגעשריבן שאָלעם ראַב—וויטש.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דאַן ניט געוואוסט פון שאָלעם־אַלייכעמען, און שאָלעם־אלייכעם האָט ניט געוואוסט פון מיר, כאָטש מיר האָבן געוואוינט אין איין גובערניע (קיעווער), ער אין בעלאַצערקאָוו, און איך אין אומאַן. ווען איך בין אין דעמזעלבן יאָר אַרויסגערופן געוואָרן אין דער רעדאַקציע „יודישעס פאָלקסבלאַט”, האָב איך באַלד, שוין אין פּעטערבורג, באַקומען פון שאָלעם־אַלייכעמען דעם ערשטן בריוו פון עטלעכע בויגעלעך פּאַפּיר מיט א גוואַלד און מיט אַ אירגאָזן: ס׳טייטש, וואו איז דאָס געהערט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט! וואָס איז? — איך בין געפאָרן פון אומאַן קיין פּעטערבורג דורך בעלאַצערקאָוו*), וואו ער, שאָלעם־אַלייכעם, „דער באַ־רימטער מעכאַבער פון „צוויי שטיינער” וואוינט, און איך האָב זיך באַ אים ניט אָפּ־געשטעלט „סטאַנציע”!..

*) אין יענער צייט איז אין אומאַן קיין באַן ניט געווען, און מ׳איז געפאָרן 100 וויאָרסט מיט דער אַקס צום בעלאַצערקאָווער וואָקזאַל.

דערביי האָט ער אין זיין בריוו, פול מיט וויץ און הומאָר, באַשריבן, וואָס פאַר אַ וועטשערע ער וואָלט פאַר אזא גאַסט, ווי איך, צוגעגרייט, אויסרעכענענדיק אלע עכט אידישע זיבעציק מאכאָלים, דאַן וואָס פאַר א געלעגער מע וואָלט פאַר מיר געבעט: צוויי איבערבעטן, אַ שטיק פינף קישנס, אַכוץ צוויי קליינע „קאָפּ־קישעלעך" און ניט פון גלאַט פעדערן, נאָר פון עכטן ווייסן פוך, צוליב וואָס בעלאָצערקאָווער ווייבער האָבן געהאָדעוועט עטלעכע ווינטער גענז, און די פעדערן האָבן געפליקט אַ טוץ אַלטע ווייבער אין די לאַנגע נעכט דעם גאַנצן ווינטער.

ווייטער שרייבט ער, אַז אַזאַ גאַסט וואָלט ער פאַרהאַלטן אַף שאַבעס, און די גאַנצע שטאָט וואָלט געשיקט „מיטן גאַסט" קוגל, איינגעמאַכטס און ווין, און דער כאַזן פון דער גרויסער שול וואָלט געקומען צום שאַבעסדיקן טיש מיט אַלע מעשורי־רערים, און שאַבעס־צונאַכט, באַלד נאָך האַוודאָלע, וואָלט זיין שכיינעס איידימל, אַ זיידענער יונגערמאַנטשיק, וואָס קאָן שפּילן פידל, אריינגעקומען צוליב דעם גאַסט מיט זיין פידעלע און וואָלט געשפּילט ביז צום רויטן באָרשטש, וואָס מע וואָלט גע־קאָכט און דערלאַנגט צום טיש שאַבעס־צונאַכט, ווי דער שטייגער איז, און די גאַנצע שטאָט אינגלעך, יונגע ווייבלעך מיט איידימלעך, וואָלטן זיך אָנגע־לאָפן אַפן בייז־וואונדער הערן דאָס פידעלע און אַריינקוקן אין די שפּאַרונעס פון די באַלויכטענע פענצטער.

„היינט פרעג איך אייך, וויצלט זיך שאָלעם־אַלייכעם אין זיין ערשטן בריוו צו מיר, פאַרוואָס־זשע האָט איר זיך ניט אָפּגעשטעלט אף סטאַנציע בא מיר אין בעלאָצער־קאָוו? איר קאָנט זיך עפּשער פאַרענטפערן, אַז איר האָט ניט געקאָנט וויסן, אַז אין בעלאָצערקאָוו וואוינט „אַ גרויסער מעכאַבער" שאָלעם־אַלייכעם, דאָס איז אַ טערעץ פאַר אַנדערע, אָבער ניט פאַר א מעכאַבער, וואָס איז זויכע געוועזן זיך דרוקן אין בלאַט, דאַרף אַלץ וויסן, וואָס קיין לעבעדיקער מענטש ווייסט ניט".

שאָלעם־אַלייכעמס ערשטן בריוו צו מיר ברייננג איך דאָ פון זיקאָרן, וויל אַלע זיינע בריוו געפינען זיך בא מיר (אין די סאַך הונדערטער) אין וואַרשע מיט אַלע אַנדערע קסאָווים, און, צו מיין גרויס באַדויערן, קאָן איך איצטער דעם בריוו ניט ברייננגען אַזוי ווי ער איז אין אָריגינאַל מיט שאָלעם־אַלייכעמס לאָשן.

דער ערשטער בריוו שאָלעם־אַלייכעמס האָט אַף מיר געמאַכט א גוואַלדיקן איינ־דרוק, איך האָב באַלד דערזעען פאַר מיר א נייעם גרויסן אידישן טאַלענט, א הומאָ־ריסט פון דער ערשטער מאַדרייגע און דערהויפּט בין איך געוועזן אַנטציקט פון זיין אידיש שרייבן. אזאַ אידיש האָט ביז דאַן געשריבן נאָר איין מענדעלע.

אין זיין ערשטן בריוו האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל אים זאָגן מעווינעס אף זיינע צוויי ערשטע דערציילונגען. איך האָב אים געענטפערט, אַז דאָס בעסטע ווערק זיינס איז זיין בריוו צו מיר, וויל אין דעם בריוו איז קינסטלעריש געמאָלט דאָס אידישע לעבן: דער אָנגעלייגטער אוירעך אַף שאַבעס; דאָס אידישע שטעטל; דער שאַבעס־צונאַכט; דאָס גערעטענע איידימל מיט זיין פידעלע; די באַלעבאַטים, די יוגנט און די אידישער קינדער. אלץ איז אין דעם בריוו געמאָלט מיט א האַנט פון א קינסטלער און דערצו מיט אַזויפיל הומאָר. איך האָב מיר דערלויבט אים צו ראַטן, ער זאָל ווייטער אַזוי שרייבן, ווי דער בריוו איז געשריבן. דערביי האָב איך אים געבעטן, ער זאָל דערלויבן זיין בריוו צו מיר אָפּדרוקן, וויל איך געפין, אַז עס איז א קונסט־ווערק.

דעם בריוו האָט ער, איך ווייס ניט פאַרוואָס, ניט דערלויבט צו דרוקן, נאָר דער־פאַר האָט ער אָנגעהויבן שיקן פאַר דעם בלאַט אַ סעריע פעליעטאָנען „די איבערגע־

כאַפּטע בריוו פון דער פּאָסט״, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן פון סאָף 1883 און זיך געדרוקט דעם גאַנצן יאָר 1884. דאַן איז געקומען א נייע סעריע פעליעטאָנען „איין איבערשרייבונג צווישן צוויי אַלטע כאַוויירים״ פון שאָלעם־אַלייכעמען צו שלעז דעם בריוול־שרייבער.

דידאָזיקע פעליעטאָנען האָבן געמאַכט א ראַש צווישן די אידישע לעזער, זיי האָבן געהאַט א געוואַלדיקן ערפאָלג.

אין דערזעלבער צייט האָבן זיך אויך געדרוקט צוויי קליינע זאַכן שאָלעם־אַליי־כעמס „העכער און נידעריקער״ און דאָס „מעסערל״, וואָס האָבן דאַן ארויסגערופן א גרויסן אינטערעס.

דאָס אַלץ האָט באַלד געשטעלט שאָלעם־אַלייכעמען אַפן ריכטיקן פּלאַץ אין דער אידישער ליטעראַטור.

באַלד נאָך דעם ערשטן בריוו האָבן מיר זיך אָנגעהויבן אָפט איבערצושרייבן, נאָר וואָס הייסט אָפט? יעדן טאָג פלעג איך באַקומען א בריוו, אכוץ טעלעגראַמען גלאַט אין דער וועלט אַריין.

שאָלעם־אַלייכעם איז דאַן געווען יונג, געזונט, רייך און פול מיט לעבן און קאַפּריזן פון אַ גוויר.

וועגן אַלץ, וואָס ער האָט געטראַכט צו שרייבן: וועגן א צעטל פון נייע טעמעס, און וואָס ער האָט שוין אָנגעהויבן צו שרייבן — וועגן אַלץ האָט ער מיר געשריבן און טעלעגראַפירט, און ניט געקוקט אַף דער גרויסער צאָל פון די בריוו, איז יעדער פון זיי באַזונדער געווען א קינסטלעריש ווערק, פון וועלכן עס האָט געשפּריצט מיט טאַלענט און הומאָר.

די אידישע לעזער האָבן אונז געלייענט מיט גרויס כיישעק; די צאָל פון אונ־זערע לעזער האָט זיך פאַרגרעסערט פון טאָג צו טאָג; נאָר אונזערע כאַוויירים, די העברייאישע און די אידיש־רוסישע שריפטשטעלער אינאיינעם מיט דער אידישער אינטעליגענץ, האָבן ניט געוואָלט אַנערקענען די אידישע ליטעראַטור און שריפט־שטעלער, וואָס האָבן געשריבן אידיש.

אים, ש. א., האָט פאַרדראָסן דאָס באַגיין זיך מיט דער אידישער ליטעראטור און אירע שרייבער. וועגן יעדן ניי ביכל, וואָס איז געדרוקט אַף העברייאיש אָדער רוסיש, שרייבן די צייטונגען און זשורנאַלן רעצענזיעס און „קריטיקעס״, און וועגן אונז דער־מאנט קיינער קיין וואָרט: גוטס אָדער שלעכטס, פּאָשעט שרייב זיך אָפּ די פינגער, העלפט ניט.

ניט ווילנדיק באַ אַזאַ פאַרשווייגן פאַלט א יונגער שרייבער באַ זיך אראָפּ, ווי ער זאָל ניט גלויבן אין זיין שאַפן און אין זיין טאַלענט.

דערביי האָט מיר שאָלעם־אַלייכעם צוגעשיקט א קליין ביכעלע אַף רוסיש איבער־געזעצט פון דייטש און באַמערקט דערביי:

„לייען איבער אָט דאָס ביכעלע, וואָס איז געשריבן, משטיינס־געזאָגט פון אי־דישן לעבן, ווערסטו זען, ווי נאַריש דאָס איז, א טראָפּן טאַלענט איז ניטאָ, און וועגן אַזאַ שמאַטע האָט דער „וואָסכאָד״ אויך געשריבן אַ „רעצענזיע״, נאָר ניט וועגן א אידיש ביכל, ווייל אידיש און מיר אידישע שרייבער זיינען באַ זיי טרייפע״.

שאָלעם־אַלייכעמען איז דאָס געווען שווער איבערצוטראָגן, און ער פלעגט קעגן דעם שטענדיק זוכן מיטלען. צום סאָף איז ער געקומען צום באַשלוס, אז אין דער שלעכטער באַציאונג צו אידיש און זיינע שריפטשטעלער זיינען ניט אַזוי שולדיק די אידישע אינטעליגענץ און די אידישע פּרעסע, נאָר די העכסט אינטערעסאַנטע

ראָמאַנען, וואָס שאָמער, בלאָשטיין, בוכבינדער עט קאָמפּ. האָבן געשריבן אף אידיש. וויל מען, אַז מע זאָל אידיש האַלטן פאַר א ליטעראַטור־שפּראַך, מוז מען פריער פאַר אַלץ פאַרטיליקן די ראָמאַנען פון שאָמער עט קאָמפּ. און נאָך א צייט איבערשרייבן זיך מיט מיר וועגן דעם, איז באַ ש. א. געבליבן, אַז מע דאַרף מיט דידאָזיקע ראָ־מאַנען־שרייבער אָנהייבן פירן אַ מילכאָמע אף טויט און אַף לעבן.

און שאָלעם־אַלייכעם האָט באַשלאָסן אָנצושרייבן א באַזונדער ווערק, וואו ער זאָל שאָמערן מיט זיין קאמפּאַניע שטעלן פאַר דעם מישפּעט פאר אלע אידישע לע־זער און דאָס ווערק אַ נאָמען געבן „שאָמערס מישפּעט".

(„צום אָנדיינק פון שאָלעם-אַלייכעם"
פּעטערבורג, 1917).

פראגן און אופגאַבן.

1. דאָס אידישע קינד אונטערן דרוק פון קאַסרילעווקער סוויווע. לויט די „אידישע קינדער".
2. דער גוויר בא שאָל.-אל. („סענדער בלאַנק", „טעוויע פאָרט קיין ערעץ-איסראָעל", „קינדער-שפּיל", „מיטן עטאַפּ").
3. דער באַלעבאַטישער אינטעליגענט באַ ש. אל. („ארנאָלד" אין „פונם יאַריד", „מאַבל", „זיידל ר' שאַיעס" פון בוך „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האַסאָגעס").
4. ארטיסטן-געשטאלטן („סטעמפּעניו", „יאָסעלע סאָלאָוויי", „בלאָנזנדע שטערן").
5. דער באַלמעלאָכע בא ש. אַל.
6. 1905 יאָר (רעוו. געשטאלטן, באַציאונג פון דער סוויווע) אין שאָל. אל. ווערק („מאַבל", „האָדל", „יויסעף", „שמוליק").
7. עמיגראַציע בא שאָל. אל., ווער און פאַרוואָס עמיגרירט („מאָטל פּייסיס).
8. אַמכאָ אין די ווערק: „פאַרקישעפטער שניידער", „מענטשן", „דאָס גרויסע גע-ווינס", „מאַזאָלטאָוו", „מע הוליעט".
9. דער אידישער ספּעקוליאַנט און לופט-מענטש („מענאַכעם-מענדל", „אַגענטן", „יאַקנעהאָז").
10. ראָכעלע און עסטערקע פון „סטעמפּעניו" און „יאָס. סלאָוויי" און טעוויעס טעכטער (פאַרגלייך).
11. פאַרגלייך מענדעלעס קאַבצאַנסק און ש. א. קאַסרילעווקע.
12. דער צעפאַל פון אַלטן פאַמיליען-שטייגער אין „צעזייט און צעשפּרייט", „טעוויע דער מילכיקער", די סיבעס און כאַראַקטער פון דעם פּראָצעס.
13. די פאָליטישע רעכטלעכקייט פון דער אידישער מאַסע לויט די „קסאָווים פון א קאָמיוואָיאַזשאָר", „גימנאַזיע", „פּריזיוו", „רוף מיך קנאַקניסל".
14. „פונם יאַריד" און אַווטאָביאָגראפישע עלעמענטן אין ש"א ווערק „דאָס מעסערל" „שיר-האַשירים", „מאָטל פּייסיס" און אנד.
15. אונטערוועלט-געשטאַלטן—„מאָשקעלע גאַנעוו".
16. דאָס אידישע שפּריכוואָרט און רעדנסאַרט אין ש. א. ווערק: „מענאַכעם-מענדל", „טעוויע דער מילכיקער", „פונם יאריד" (זע—שאָלעם-אַלייכעמס אינסטרוקציע צו זאמלען פאָלקלאָר).
17. פאַרגלייך בערנשטיינס „אידישע שפּריכווערטער".
18. קריזיס פון אָרטאָדאָקסאַלן געדאנקענשטייגער באַ „טעוויע דער מילכיקער".
19. פאַרגלייך ש. א. יוגנט-ווערק „קינדער-שפּיל" מיטן ראָמאַן „בלאָנזנדע שטערן"— טענדענציעזקייט און קינסטלערישע אָביעקטיווקייט, איבערגעטריבענע אינטריגע-עפעקט (שאָמעריזם) און נאַטירלעכע האַנדלונג, סכעמאַטישקייט און רעאַליזם, מעליצעדיקייט און ריינע ש. אַל. שפּראַך.

20. מענדעלע און ש. אל. (סענדער בלאנק און דאָס „קליינע מענטש.". (זע די האַקדאָמע צו „סטעמפעניו").

21. ש. אל. קריטישע באַציאונג צום אידישן קליינבירגערלעכן לעבנשטייגער לויט די „קליינע מענטשעלעך און קליינע האַסאָגעס".

22. די אידענע פון ש.-אל. מאָנאָלאָג („דאָס טעפל", „גיטל פורישקעוויטש" און אנד.)— א קאָרבן פון די סאָצ. עקאָנאָמישע און טראדיציאָנעל-שטייגערישע פארהעלטעניששן אין דער אידישער סוויווע.

23. פאַרגלייך „ביניאָמין האַשלישי" מיט מענאכעם-מענדלען.

24. די שטוב-כאיע בא מענדעלען און ש. אל. („דאָס קעלבל", „ראבטשיק", „מעסר-שעלעך").

25. „פאַרביינקט אהיים" און „מאָשיעכס-צייטן", אַלס פארשיידענע אויסדריקן פון ש. אל. צום ציאָניזם.

די וויכטיקסטע ווערק:

מענאַכעם-מענדל („לאָנדאָן", פאַפירלעך", „מיליאָנען"), „שול און בוך", 1926.
טעוויע דער מילכיקער, „שול און בוך", 1926.
מאָטל פייסי דעם כאַזנס I און II ב.
פונם יאַריד, צוויי בענדער, „שול און בוך", 1927.
קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האַסאָגעס, „שול און בוך", 1927.
מאַיסעס פאר קינדער, „שול און בוך", 1926.
באַם קעניג אַכאַשווירעש, אוקראַינישער מעלוכע-פאַרלאַג, 1927.
קסאָווים פון אַ קאָמי-וואָיאַזשאָר (גימנאַזיע, פונם פריזיוו, רוף מיך קנאַקניסל, דער ניסרעף).
צעזייט און צעשפרייט.
מענטשן.
דאָס גרויסע געווינס.
סטעמפעניו.
בלאָנזנדע שטערן, „קולטור-ליגע", 1927.
מאָשקעלע גאַנעוו, „קולטור-ליגע", 1927.
אָרעמע און פריילעכע (מע הוליעט, דער פאַרקישעפטער שניידער).
מאָנאָלאָגן (גיטל פורישקעוויטש, דאָס טעפל).

איצכאָק־לייבוש פּערעץ — 6/VI, 1851 — 7/IV, 1915.

(ביאָגראַפיע).

6/VI—1851 — געבוירן אין זאמאָשטש (לובלינ. גוב.). זיין פאָטער אַ מיסנאגעד און אַ גרויסער לאַמדן, אַן אָנגעזעענער שטאָטישער קלאַל-טוער. די מוטער — אַ פרומע אידענע, אַן איישעס־כאַיל, וואָס האָט אַליין געפירט די קלייט מיט אלע געשעפטן.

1856—1866 — פריער אין כיידער, דערנאָך אין בעסמעדרעש געלערנט די אלטע אידישע טאַלמודיש־ראַבאָנישע ליטעראטור. פון 12 יאָר האָט פּערעץ שטודירט דעם ראַמבאַם, קאַבאָלע־ספאָרים, ווי ביכלאַל די מיטלאַלטערלעכע אידישע פילאָזאָפיע און ליטעראטור.

1866—1871 — פּערעץ ווערט פארכאַפּט דורך דער האַסקאָלע־ליטעראַטור און קריגט די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער וועלט־ליטעראטור. די ווירקונג פון דעם דייטשישן פּובליציסט בערנע און דייטשישן פּאָעט היינע בלייבט פון דאַן אָן טאָמיד אין זיין פּאָעזיע און פּובליציסטיק.

1871 — פּערעץ האָט כאַסענע פאר דער טאָכטער פונם דאַן פּאָפּולערן מאַסקיל ליכטענפעלד און הייבט זיך אָן באשעפטיקן בא זיך אין זאַמאָשטש מיט פריוואטער אַדוואָקאַטור.

1876 — דרוקט פּ. זיינע ערשטע לידער אין די העברייאישע אויסגאַבן „השחר“ און „הבקר אור“.

1877 — גיט פּ. אַרויס צוזאַמען מיט זיין שווער ליכטענפעלד אַ העברייאישע לידער־זאַמלונג: „ספורים בשיר ושירים שונים“ (דערציילונגען אין לידער און פאַרשיידענע לידער).

1878—79 — שרייבט פּ. זיינע ערשטע אידישע לידער: „זאַמאָשצער פּאָזשאַנדקעס“ — אַ מאַסקילישער פּראָטעסט קעגן אָרטיקע קאָהאָלשע באלעטויוועס.

1881—83 — נאָך די פּאָגראָמען פון 1881 י. שרייבט פּ. אידישע לידער, וואו ער קלאָגט אָף די פּאָגראָמען, אָפּן אַנטיסעמיטיזם, „אָפּן וויסטן אידישן מאַזל און שווערע גזיירעס“.

די לידער האָט מען קיינמאָל ניט אָפּגעדרוקט, מע האָט זיי אָבער לאַנגע יאָרן געזונגען אין זאַמאָשטשער ראַיאָן, וואו פּ. איז שוין דאַן געווען פּאָפּולער.

1886 — דרוקט פ. אָפּ אין העברייאיש („האסיף“, באנד III) זיינע ערשטע באַדייטנדע ליטעראַרישע סקיצן און די פּאָעמע „מנגינות הזמן“ („צייט מאָטיוון“), וואו ער אַגיטירט פאַר אידיש.

1888 — טרעט פ. ארויס דאָס ערשטע מאָל אין דער אידישער ליטעראַטור מיט זיין פּאָעמע „מאָניש“ (שאָלעם־אַלייכעמס „אידישע פאָלקס־ביבליאָטעק“. באנד I). אין דער פּאָעמע גיט פּערעץ אַף אַן אַלעגאָרישן אויפן אַן אַווטאָביאָגראַפיש בלעטל פון זיין איבערגאַנג פון בעסמעדרעש צו וועלט. ער קלאָגט זיך דאָרט, דערעך־אַגעוו, אַף דער אָרעמקייט פון דער אידישער שפּראַך, פון „זשאַרגאָן“, וואָס האָט „קיין רעכטן קלאַנג, קיין רעכטן טאָן“.

1889 — דרוקט פ. זיינע ערשטע אידישע סקיצן („ווענוס און שולאַמיס“, „יאַנקל פעסימיסט“, „דער כעלמער מעלאַמעד“). דאָס זיינען די ערשטע אידישע דערציילונגען אין אַרט פון דער אייראָפּייאישער נאָוועלע. דאָס דערשיינען פון אָט די דערציילונגען (שאָלעם־אַלייכעמס „אידישע פאָלקס־ביבליאָטעק“, באנד II) איז אופגענומען געוואָרן ווי אַ נייַ בלעטל אין דער געשיכטע פון אידישן וואָרט.

1889 — גיט י. דינעזאָן אַרויס די ערשטע זאַמלונג פּערעצעס דערציילונגען „באַקאַנטע בילדער“. די זאַמלונג האָט שוין געשאַפן פ. די אלגעמיינע אַנערקענונג אַלס אַ נייעם אידישן בעלעטריסט.

1889 — אין זעלבן יאָר פאַרלירט פ. דאָס רעכט צו באשעפטיקן זיך מיט אדוואָקאַטור, ער פאַרלאָזט זאַמאָשטש און פאָרט איבער קיין ווארשע.

1889—90 — נעמט פ. אַנטייל אין אַ סטאַטיסטישער עקספּעדיציע איבער פּוילן. אומקערנדיק זיך פון דער עקספּעדיציע, שרייבט ער אָן זיינע „בילדער פון אַ פּראָווינץ־רייזע“.

1890 — קומט פ. אָן אַף דער שטעלע* אין בייסהאַקוואָרעס־אָפּטיילונג פון דער ווארשעווער אידישער גמינע־פאַרוואַלטונג (קעהילע), אַף וועלכער ער איז פאַרבליבן ביז זיין טויט.

1891 — הייבט פ. אָן אַרויסגעבן צוזאַמען מיט י. דינעזאָנען ליטעראריש־געזעלשאַפטלעכע זאַמלביכער „די אידישע ביבליאָטעק“.

די זאַמלביכער זיינען נאָך דורכגעדרונגען מיט דער מאַסקיליש־ראַציאָנאַליסטישער באַציאונג צו בילדונג, „וואָס איז אימשטאַנד מאַכן אויס נאַראָנים — קלוגע, אויס פאַנאַטיקער — געבילדעטע מענטשן, אויסליידיקגייער און לופטשלינגער — נוצלעכע מענטשן“. אין לייט־אַרטיקל „בילדונג“ כאַזערט נאָך פ. איבער די אַלגעמיינע מאַסקילישע מיינונג וועגן דער שפּראַך־פראַגע: „העברייאיש, קעדיי דאָס פאָלק זאָל ניט דאָס טאַנאַכל פאַרגעסן“. די לאַנד־שפּראַך איז דעריקער. „זשארגאָן איז נייטיק אלס ביאַנקע דעם פאָלק, זי וועט אויסלערנען די מאַסע גיין, זיצן, אָנהייבן רעדן... דערנאָך מעגט איר די ביאַנקע אַרויסוואַרפן“...

1894 — גיט פ. אַרויס צוזאַמען מיט ד. פינסקי אַ זאַמלבוך „ליטעראַטור און לעבן“. „ליטעראַטור און לעבן“ און די „אידישע ביבליאָטעק“ האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָלע אַלס די ערשטע מאַטעריאַלן פאַר פּאָליט־אופקלער־ארבעט צווישן די אידישע ארבעטנדיקע.

1894—96 — גיט פ. צוזאַמען מיט ד. פינסקי און מ. ספּעקטאָר אַרויס „די יאָנטעוו־בלעטלעך“, וואָס האָבן מיט זייערע סאָציאַלע און אַנטירעליגיעזע מאָטיוון און לויט דעם ראַדיקאַלן אַגיטאַציע־טאָן געהאַט אַ גרויסן ווערט פאַר די ערשטע שריט

פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס איז געווען דער הויפּטלעכער לעגאַלער אַגיטיר־מאַטעריאַל פאַר די אַזויגערופענע „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן".

1896—97 — אין אָט די יאָרן פון זיין ראַדיקאַלער אופקלערערישער פּובליציסטישער טעטיקייט שאַפט פּערעץ אויך זיינע רעאַליסטישע פאָלקס־דערציילונגען: „אין קעלער־שטוב", „שאָלעם־באַיעס", „מענדל בריינעס" א. א. זיינע סאָציאַלע דערציילונגען („באָנציע שוויג", „שטריימל" א. א.) די מערהייט פון זיינע סאָציאַלע און ליבע־לידער.

1897—1902 — פאַרטיפט זיך פּ. אין זיינע כסידישע מאָטיוון און שרייבט די דערציילונגען, וואָס ער האָט דערנאָך פאַרייניקט אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען „כסידיש".

1903—1904 — שאַפט ער די וויכטיקסטע פון זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן".

1905—1907 — איז פּ. ווייטער אריינגעטראָטן אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. טרעט אַרויס אף מיטינגען, אָרגאַניזירט אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט פון אַרבעטער א. א.

1907 — שרייבט ער זיין קאָמעדיע „אַ מאָל איז געווען אַ מיילעך", אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם אונטערגאַנג פונם אידישן קליינעם אונטערנעמער אונטער די ערשטע קלעפּ פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין דראַמע הערט זיך פּ. קלאָרער מיטגעפיל צום אונטערגייענדיקן קליינבירגער.

1908—1914 — פאַרענדיקט פּ. זיין סעריע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן".

שאַפט זיינע דראַמען און באַאַרבעט די פאַרשיידענע וואַריאַנטן פון „גאָלדענער קייט" און „באַנאַכט אַפן אַלטן מאַרק".

זעצט איבער אף אידיש „שיר האַשירים", „רוס", „אייכאַ", „קויהעלעס", „מעגילאַס־עסטער", „אַקדאָמעס", „כאַד־גאַדיאַ". אַרבעט פיל מאָל איבער אָט די איבערזעצונגען. מיט דער איבערזעצונג פון קויהעלעס איז ער נאָך געווען באַשעפטיקט די לעצטע טעג פאַרן טויט.

דאָס זיינען אויך די לעצטע יאָרן פון זיין אַקטיווער טעטיקייט אין וואַרשעווער קולטור־געזעלשאַפט „האַזאָמיר", פון זיין רעדאַגירן די זאַמלביכער „אידיש", וואו ער האָט מיטגעהאָלפן זיך אַרויסבאַווייזן אַ ריי אָנפאַנגער.

פאַר די יאָרן האָט ער אויך צו טון מיט שאַפן אַ נייעם אידישן טעאַטער. פון זיין מי איז, נאַטירלעך, בא יענע באַדינגונגען פון רעאַקציע אויסער זיינע אַרטיקלען און רעדעס גאָרניט געבליבן.

אין אָט יענע רעאַקציע־יאָרן האָט ער פריער אין אַ סעריע אַרטיקלען אין „פריינד", דערנאָך אין „היינט" אונטער דעם קעפּל „אין מיין ווינקעלע" בוילעט פאָרמולירט זיין נאַציאָנאַליסטישע און אינדיווידואַליסטישע אידעאָלאָגיע, וואָס איז געלעגן אין גרונט פון זיינע דריי הויפּט־שאַפונגען: „כסידיש", „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" און די דראַמען.

זיין לעצט באַדייטנד ליטעראַריש ווערק איז געווען זיינע ניט פאַרענדיקטע אַוטאָביאָגראַפישע זיכרוינעס („אידישע וועלט", ווילנע, 1913—1914).

1914—1915 — פון אָנהייב מילכאָמע איז פּערעץ אינגאַנצן געווען אַריינגעטון אין דער הילפס־אַקציע פאַר די מילכאָמע־אַרויסגעטריבענע.

7/IV — 1915 — איז פּ. געשטאָרבן פון אַ פּלוצלינגן האַרץ־קלאַפּ, בעאַיס ער איז געזעסן בא זיין שרייבטיש און געאַרבעט איבער קינדער־לידעלעך פאַר די קינדער־היימען פון די מילכאָמע־פּליטים. נאָך זיין לעוואיע זיינען נאָכגעגאַנגען איבער הונדערט טויזנט מאַן. די לעוואיע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טרויער־דעמאָנסטראַציע קעגן די צאַרישע מילכאָמע־פאַרפאָלגונגען פון די פּוילישע אידן.

א וואָך מיט י. ל. פּערעץ.

ווער עס האָט געקענט פּערעצן פּערזענלעך, דער ווייסט, אז ער איז געווען ווייט פון סענטימענטן, פּונקט דער הייפּעך פון זיין מאַמע דינעזאָן, וועלכער איז א מאַמע צו אלע שריפטשטעלער, צו די עלטערע ווי צו די אינגערע. פּערעץ איז געווען צייטנווייס קאַלט ווי אייז, שטריינג ווי א רעבע און שניידנדיק ווי אַ מעסער. „שטיוול פּוצן"— האָט ער געקאָנט געבן א שנייד אָפּ א יונג א גראַמענמאַכער, וואָס איז געקומען צו אים מיט א „בינטל פּאָעזיע", אזוי אַז יענער האָט ניט געוואוסט, וואו א טיר עפנט זיך, און צוריק, האָט ער אָנגעשמעקט, אז ס'איז דאָ א טאַלאַנט — האָט ער אים אופגעהויבן ביז צום הימל און האָט אָנגעזאָגט דורך דינעזאָנען א בסורע איין שטאָט, אז ס'איז געבוירן געוואָרן בא אידן א שעקספּיר, אַ יעשאַיע האַנאָווי, א מאָשיעך!.. איך מיין, אז איך האָב קיין טאָעס ניט, אז דאָס ערשטע ווערק וואָס שאָלעם אַש האָט אָנגעשריבן, איז דורכגעגאַנגען פאַרביי פּערעצעס אויגן, און אז פּערעץ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געזאָגט אף שאָלעם אַש, אַז ער איז שאָלעם אַש...

דאָס אייגענע איז געווען אויך מיט אַנדערע, מיט די אינגערע, און פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אָפּטמאָל געהאַט א מיעסן טאָעס אויך. ניט אלע פּורים איז יאָנטעוו, און ניט אלע טאָמיד ווערט געבוירן א שאָלעם אַש. פּערעץ האָט זיך אָבער ווינציק־וואָס געקימערט פון אַזעלכע זאַכן — אויסגעלאַכט זיך און פאַרגעסן.

פּערעץ איז ביכלאַל געווען א נאַטור, וואָס האָט פיינט געהאַט קליינלעכקייטן. א ברייט וואַרעם האַרץ, א קאָלאָסאַלער קאָפּ, א מענטש א ריז — אָט דאָס איז געווען דער איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט; און דעריקער — א פּיקייעך, מיט אויגן פון א טאַלמיד־כאָכעם, טיפע בליצנדיקע גרויסע אויגן, א ברייטער בליצנדיקער קוק און א מויל, וואָס פּערלט געדאַנקען, וואָס ברויזן, זעצן, ווי פון א קוואַל, און ווערטער אַזעלכע שיינע און אַזעלכע געפליגלטע, אַז ס'איז נאָר געווען א וואונדער, פונוואַנען נעמען זיך צו אונזער אַזויגערופענער „אָרעמער שפּראַך" אַזויפיל פיינע, קיילעכיקע, פּערלדיקע ווערטער?

איך האָב געקענט פּערעצן אסאַך מיט יאָרן. נאָר איך האָב אים קיינמאָל ניט געזען אַזוי פריש און בליענד און גלענצנד, ווי פאַראַיאָרן פייסעך, אין דער וואָך, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אינאיינעם. גלייך ווי דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אז דאָס איז אונזער לעצטע וואָך, האָט ער זיך צו מיר באַזונדערס צוגעלאָזט, גענומען א באַזונדערן אינטערעס אין מיר און אַנטפּלעקט פאַר מיר זיין האַרץ, די קאָדשיי־קאָדאָשים פון זיין נעשאָמע, גערעדט פון נייע שאַפונגען... וואָס מיך האָט איבעראַשט — איז די גלייכגילטיקייט, מיט וועלכער ער האָט אויסגעהערט מיין קריטיק איבער זיינע מיסטישע פאָרמען אין דער לעצטער צייט. איך האָב אים גאַנץ אופריכטיק אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג וועגן דער „גאָלדענער קייט", איך האָב אים געזאָגט, אז איך וועל אַוועקגעבן צען „גאָלדענע קייטן" פאַר איין מאַיסעלע פון זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן". האָט ער זיך אופגעכאַפּט מיט א געשמאַקן הילכיקן געלעכטער: כאַ-כאַ־כאַ — דינעזאָן זאָגט אויך דאָס אייגענע.

נאָר ניט קוקנדיק דערוף, וואָס איך האָב מיך אַזוי וואָפעדיק אויסגעדריקט וועגן זיין ליבלינג די „גאָלדענע קייט", האָט זיך פּערעץ גאַנץ אָפנהערציק מוידע געווען

פאר מיר, אז ער האַלט, אז דאָס איז די בעסטע פון אלע זיינע שאַפונגען און אַז ער וועט דאָס מיר און דינעזאָגנען אַפּצעלאָכעס איבעראַרבעטן נאָכאַמאָל ביז עס וועט אַרויס א קיילע שליימע, און טויך־קעדיי־דיבער איז ער אַריבערגעשפּרונגען אַף מיר און אַף מיין אַרבעט מיט אַזויפיל וואַרעמקייט און אינטערעס, גלייך ווי ער וואָלט גערעדט פון זיינע אייגענע אַרבעטן, און מיט פרייד גערעדט וועגן מיין ערפאָלג, גלייך ווי וועגן זיין אייגענעם ערפאָלג.

(„אידישע שרייבער", ניו־יאָרק, יובילוי־אויסגאַבע 1915.)

מ. ליטוואַקאָוו.

אידעאָלאָגישער פאָרשריט און יערידע באַ פּערעצן.—פּערעץ די „פּראָבלעמאַטישע נאַטור".—פּערעץ און די אידישע אַרבעטערשאַפט.

I

פּערעצעס זוכענישן און בלאָנזשענישן זיינען געווען אידעאָלאָגישע, און די פּילאַר־טיקייט פון זיינע ליטעראַרישע זשאַנרען איז געווען א באַוויז ניט אַף קינסטלערישע פאַרשיידנאַרטיקייט, נאָר אַף קינסטלערישע פאַרענדערלעכקייט, ניט־שטאַנדהאַפטיקייט, וועלכע האָט אין לעצטן סאַכאַקל אויך געשטאַמט פון זיין אידעאָלאָגישער פאַרענ־דערלעכקייט.

ווייל פּערעץ איז געווען ניט אַזוי א דיכטער, וואָס זיינע קינסטלערישע זעאונגען ווערן דורך דער קראַפט פון אינטואיציע דערהויבן צו דער מאַדרייגע פון אידעאָלאָ־גישע פאַראַלגעמיינערונגען, נאָר א׳דיינקענדע פּערזענלעכקייט, וואָס שטרעבט צו דער־ווייזן אירע אידעאָלאָגישע טעזיסן דורך קינסטלערישע פאָרמולעס. אָבער געדיינקט האָט פּערעץ מיט נאַציאָנאַל־געשיכטלעכע קאַטעגאָריעס. צווישן אונזערע קלאַסיקער איז ער געווען דער איינציקער, אין וועלכן עס האָט אַזוי שטאַרק געלעבט אי דער באַוואוסטזיין, אי דער כוש פון אידיש־נאַציאָנאַלער געשיכטלעכקייט. ער איז געווען פול מיט יערושע פון דוירעס. ער האָט אין זיך, ווי א שוואָם, איינגעזאַפּט די גאַנצע ספאָרים־כאָכמע און מינדלעכן מאַסן־פאָלקלאָר פון אונזער פאַרגאַנגענער נאַציאָנאַלער קולטור. פונם אויצער פון געשיכטלעכקייט האָט ער געשעפּט די בילדערישע אַרגו־מענטאַציע פון זיינע אידעאָלאָגישע טעזיסן, אין געשיכטלעכע אידעאָלאָגישע פּאַ־ראַלעלן פלעגט ער זוכן א קוואַל פאר קינסטלערישער באַגייסטערונג.

אָבער ניט נאָר דעם כיין פון דער אידיש־נאַציאָנאַלער געשיכטלעכקייט האָט פּע־רעץ געפילט, נאָר אויך איר קאָשמאַר, ניט נאָר איראסאַקאָוועד צו איר האָט אין אים געלעבט, נאָר אויך א אינערלעכער דראַנג און באַדערפעניש אין איר ווידערשפּע־ניקן. אַלס די ערשטע דיפערענצירטע בירגערלעכע פּערזענלעכקייט אין אונזער מאָ־דערנער קולטור האָט ער באַזונדערס שאַרף געפילט און דערפילט די דעספּאָטישע באַגרענעצטקייט פון דער אידישער מיטלאַלטערלעכער געשיכטלעכקייט, און זיין שאַ־פונג איז פול מיט מאָמענטן פון אופשטאַנד קעגן איר.

אָבער זיין אָרגאַנישער אויסגאַנג־פונקט איז געווען געשיכטלעכקייט, געדיינקט האָט ער מיט נאַציאָנאַל־געשיכטלעכע קאַטעגאָריעס, געדיכטעט האָט ער מער מיט דער הילף פון נאַציאָנאַל־געשיכטלעכן זיקאָרן איידער מיט דער הילף פון אינטואיציע.

דאָ ליגט דער סאָד פון א מערקווירדיקער דערשיינונג בא פּערעצן, די דערקלע־רונג דערפון, וואָס בא אים פאַלן ניט צוזאַמען די מאָמענטן פון אידעאָלאָגישן אופ־שטייג מיט די מאָמענטן פון קינסטלערישער דערהייבנקייט. די אידעאָלאָגיש פּאָרגע־שריטענע ווערק פּערעצעס זיינען קינסטלעריש שוואַך, און די ווערק פון זיין אידע־אָלאָגישער יערידע זיינען דאַפקע קינסטלעריש מער ווערטפול.

אידעאָלאָגישער פּאָרשריט באַטייט — באַפרייאונג פון געשיכטלעכקייט, באַטייט אַן אָנהייב פון א נייער, קומענדיקער געשיכטלעכקייט. די לעבנס־דערשיינונגען, וועלכע ליגן אין יעסאָד פון אידעאָלאָגישן פּאָרשריט, זיינען נייע, פריש אופגעקומענע. פאַר אַן אויג, וואָס איז צוגעוואוינט צו שפּאַצירגיינג אין לאַבירינטן פון געשיכטע, זעען דידאָזיקע דערשיינונגען אויס נאַקעט און בלויז, אָנטון זיי די קינסטלערישע הויט און ביין וואָלט געקאָנט א דיכטער, וואָס שאַפט דעריקער מיט דער הילף פון א י נ ט ו־א י צ י ע, — דעם נאַציאָנאַל־היסטאָרישן ז י ק אָ ר ן זאָגן נייע דערשיינונגען ווייניק אָדער טאַקע גאָרניט.

דערפאַר זיינען אַזוי בלאַס בא פּערעצן זיינע סאָציאַליסטישע דערציילונגען, זיינע אַרבעטער־נאָוועלן. די אַרבעטער־באַוועגונג איז פאַר אים נאַקעט, אָן נאַציאָנאַל־גע־שיכטלעכע אקסעסוארן, דער אַרבעטער און זיין קלאַסנקאַמף האָט ניט קיין פּרעצע־דענטן אין דער נאַציאָנאַלער פאַרגאַנגענהייט, ער איז נאָך ניט באַוואַקסן געוואָרן מיט געשיכטלעכן פּאָלקלאָר, מיט מאמאָרים פון כאַכאָמים און שפּריכווערטער און לעגענ־דעס פון פּאָלקסקלוגשאַפט. אָף אויסדיכטן דעם אַרבעטער, דעם מאָדערנעם אינטעלי־גענט, דעם מאָדערנעם קאַמף צווישן קלאַסן און גרופּן איבערהויפּט, דאַרף פּערעץ שעפּן פון זיך, פון אייגענער אינטואיציע, — און דאָס איז אים שווער. ווייל דיכטן דיכטעט ער מיט זיין נאַציאָנאַל־היסטאָרישן זיקאָרן, און דיינקען דיינקט ער מיט פּאָלקסגעשיכטלעכע קאַטעגאָריעס.

אָבער וואָס ווייטער אָף צוריק גייט ער אידעאָלאָגיש, ווערט ער מער איינגע־טונקען אין געשיכטלעכקייט, זיין זיקאָרן אָריענטירט אים דאָרט פעסטער און זיכערער, ער געפינט די נייטיקע אקסעסוארן, די געשטאַלטן באַקומען הויט און ביין, בלוט און פלייש, — און די ווערק גייען אַרויס בוילעטער, בלוטפולער, אַרויסרופנדיק די אילוזיע פון דיכטערישע נייאַשאַפונגען, בעאייס זיי זיינען קימאַט מער ניט ווי קינסטלערישע רעסטאַווראַציעס פון אַלטער שאַפונג, אונטער וועלכע דער דיכטער האָט נאָר אונטער־געפירט א נייעם אייגענעם אידעאָלאָגישן באַזיס...

II

פּערעצעס טיפקייט, זיין געהיימניספולע רעמאָזימדיקייט, דער נעפל פון זיין נאַ־ציאָנאַל־ראָמאַנטישער סימוואָליק שטאַמען פון זיין עצעם אַלס „פּראָבלעמאַטישע נאַ־טור״ אין אונזער מאָדערנער ליטעראַטור.

אין מעשעך פונם גאַנצן אידישן מיטלאַלטער פלעגן אָפּט דורכבליצן אַזעלכע „פּראָבלעמאַטישע נאַטורן״. דאָס זיינען געווען נייע גייסטער, פאַר וועלכע עס זיינען איינג געוואָרן די שמאָלע ראמען פונם מיטלאַלטער, וועלכע עס האָט שטאַרק געדריקט די אויסגאַנגלאָזע באַגרענעצטקייט פון דער קאָהאָלש־ראַבאָנישער קולטור, און זיי האָבן געשטרעבט צו ברעכן אירע ראמען („פּוירעץ גדער זיין״). אָ ב ע ר א י ן ד י אָ ב י ע ק ט י ווע באַ ד י נ ג ו נ ג ע ן פ ו ן ז יי ע ר צ יי ט א ו ן ס ו י ווע ה אָ ב ן זיי ניט געהאַט אָף וואָס צו שטיצן זיך אין זייער אומקלאָרער גייסטיקער בייינקשאַפט. האָבן זיי אין זייער צווייפל, אין זייער לייקענען ניט געוואגט צו דערגיין ביזן סאָף

ניט נאָר פאר דער אויסערלעכער סוויווע, נאָר אַפילו פאר זיך אַליין.— און האַלבע ווערטער, סוידעספּולע רעמאָזים, מעטושטעשע פריידיינק־באַגערן האָבן זיי געניצט ניט בלויז צוליב קאָנספּיראַציע פאר אויסן, נאָר טאַקע פאר זיך אַליין אויך. עמעס, די שטריינגע און אָנגעשטריינגטע אופמערקזאַמקייט פונם מיטלאַלטערלעכן אידישן קלאַל פלעגט דאָ דערשפּירן אַפּיקאָרסישע געמיטער, ער פלעגט ווערן שטאַרק וואכזאם,— אָבער ענדיקן פלעגט זיך דאָס דערמיט, וואָס זיי אַליין פלעגט מען סאָפקאָלסאָף קאַנאָניזירן, און זיי אַליין פלעגן פאַרוואַנדלט ווערן אין עלעמענטן פון מיטלאַלטערלעכער קולטור, איבערלאָזנדיק נאָך זיך בלויז קאם באַמערקבאַרע שפּורן פון דעם אינערלעכן סאָציאַלן און אידעאָלאָגישן קאַמף, וועלכער האָט ביסלעכוויים געהאַלטן אין אונטערגראָבן די יעסוידעס פונם מיטלאַלטער.

אַזעלכע „פּראָבלעמאַטישע פיגורן״ זיינען געווען, לעמאָשל, עבן־עזרע, ראלבאג אין פריען און שפּעטערן אידישן מיטלאַלטער, און א גאַנצע ריי אַנדערע אין אַנדערע לענדער און צייטן.

פּערעץ פאַרענדיקט מיט זיך דידאָזיקע גאַלעריי פיגורן און אין דערזעלבער צייט הייבט ער אָן מיט זיך א נייע גאַלעריי.

ער איז די ערשטע קלאָר אויסגעשפּראָכענע בורזשואַזע פּערזענלעכקייט פון אונזער מאָדערנער קולטור אין דער צייט, ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט שוין אָנגעהויבן דרייסט ברעכן דאָס געבויי אויך פונם מער שטאַנדהאַפטיקן אידישן מיטלאַלטער. ער האָט גע־יאַרשנט אי דעם אָפּשיי פאר דער קראַפט פונם אידישן מיטלאַלטער, אי דעם אינערלעכן קאָשמאַר־געפיל צו אים. פון דער אַנדערער זייט, האָט ער געזען און באַנומען, אז אַפילו די האַסקאָלע, אָט די אידעאָלאָגיע פון דער ניי־אויפגעקומענער אידישער בורזשואַזיע, וואָס אין אַלגעמיין נעמט זי אָן די יעסוידעס פון דער בורזשואַזער קולטור, שטרעבט צו שאַנעווען די יעסוידעס פונם אידישן מיטלאַלטער. איז דען דער קאַמף פון דער האַסקאָלע ניט געפירט געוואָרן אין נאָמען פון טאנאך, פון טאַלמוד, פון די „בעסערע״ פּאָסקים? זיינען דען די לאָזונגען פונם קאַמף ניט געווען רעליגיעזע „רעפאָרמען״ א. ד. גל., דאָס הייסט א קאַמף אין נאָמען און מיט דער שטיצע פון די יעסוידעס פונם אידישן מיטלאַלטער?

האָט זיך פאר פּערעצן געשאַפן גאָר א נייע סיטואַציע. אַלס די אויסגעהאַלטענע בורזשואַזע פּערזענלעכקייט, איז ער געווען מיט זיין גאַנצן וועזן אויך קעגן דעם אידישן מיטלאַלטער. אָבער זיך שטיצן אַף די בורזשואַזע קויכעס אין דער אידישער געזעלשאַפט האָט ער ניט געקאָנט. „וואָס ווייטער צום מיזרעך פון אייראָפּע, דאָס שוואַכער, פּאַכדאָנישער, נידערטרעכטיקער ווערט אין פּאָליטישער הינזיכט די בורזשואַזיע, און דאָס גרעסערע קולטורעלע, פּאָליטישע אופגאַבן פאַלן אויס אפן כיילעק פונם פּראָלעטאַריאַט״,— זאָגט דער מאַניפעסט פון דער רוסלענדישער סאָציאַלדעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן אַף איר ערשטן צוזאַמענפאָר אין 1898־טן יאָר. אין א פיל גרעסערער מאָס באַציט זיך דאָס צו דער אידישער בורזשואַזיע ביכלאַל, און אין רוסלאַנד ביפּראַט. פאר זיך — אַלערליי „פּראַוועס״ און אומבאַגרענעצטע עקספּלואַטאַציע־פּרייהייט, פאר די מאַסן — אומבאַרירטער אַזיאַטישער מיזרעך־רעזשים פונם אידישן מיטלאַלטער,— דאָס איז געווען, דאָס איז די פּאָליטיק פון דער אידישער בורזשואַזיע אומעטום. און דער איינציקער צעשטערער פונם אידישן מיטלאַלטער איז נאָר דער אידישער פּראָלעטאַריאַט. און פּערעץ האָט זיך געווענדעט צו דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע איז דאַן אין גע־

געשטאַלט פון „בונד״ אופגעקומען מיט איר גאַנצן יוגנטלעכן ברען און באַגייסטערונג.

אָבער די צילן פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען געווען ניט פּערעצעס צילן,—די דערנענטערונג איז פאָרגעקומען בלויז אפן באָדן פון דער וויל געמיינזאַמע פּאָליטיש־קולטורעלע פּראָבלעמען. דאָס איז פון איין זייט. פון דער אַנדערער זייט, איז דער דורכגעזאפּטקייט זיינער מיט אידיש־נאַציאָנאַלער געשיכטלעכקייט געווען דערוויידער די אויסערלעכע היסטאָרישע נאַקעטקייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, איר אָפּגעריסנקייט פון קאַנאָניזירטע שאַפונג־קוואַלן. און דאָס אַלץ אפן פּאָן פון טיפן אָפּשיי פונם דיכטער פארן אידישן מיטלאַלטער, פון זיין איינגעוואָרצלטער ליבע און טרייהייט צו דער גאַנצער אידישער נאַציע אפילע אין געשטאַלט פון דער מיטלאַלטערלעכער „קנעסעס־איסראָעל״...

האָט זיך בא פּערעצן געשאַפן דער קאָמפּליצירטער איבערפלעכט פון ווידערשפּרעכיקע געדאַנקען, שטימונגען און באַגערן, וואָס זייער פּלאָנטער האָט באַשטימט זיין אויסערלעכן רעמאָזים־סטיל. ס'איז ניט קיין מיסטיק,—פּערעץ איז צו ראַציאָנאַליסטיש פאַר מיסטיק. ס'איז ניט קיין סימוואָליק,—פּערעץ איז צו ניכטער און בורזשואַז־יונג פאר סימוואָליק,—ס'איז אַ מין פאַרשטעלטע שפּראַך, אַלעגאָריעס און מעשאָלים, וואָס דאַרפן אָפּט אָן דעם וויסן פונם דיכטער גופע פאַרקאָנספּירירן זיינע עמעסע מיינען אי פאר אים אַליין, אי פאַר דער אַרבעטער־אוידיטאָריע, מיט וועלכער ער האָט זיך פאַרבונדן נאָך אין אָנהייב פון זיין שרייבערישן וועג...

און אידעאָלאָגיש האָט דאָס בא פּערעצן געשאַפן אַן אייגנאַרטיקע „לעגאַלע אַרבעטער־ליבשאַפט״, א מין אידיש־קינסטלערישער וואַריאַנט פונם „לעגאַלן מאַרקסיזם״ אין דער רוסישער סוויווע, און א נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָניזם, וועלכער ווערט אין טאָך געשפּייזט מער מיט נאַציאָנאַלע עמאָציעס פון דער פאַרגאַנגענהייט, איידער מיט סאָציאַלע מאָטיוון פון דער געגנוואַרט,—פון דער צוקונפט שוין אָפּגערעדט...

III

פּערעצעס דערשיינען איז געווען א איבעראַשונג אין דער אידישער ליטעראַטור, דעריקער פאר דער אידישער אַרבעטערשאַפט. ער האָט זיך גאַנץ גיך אָפּגעזאָגט פון דער מאַסקיליש־העברייאישער פאַרשלעפעניש, מיט וועלכער ער האָט געהאַט אָנגעהויבן, און אין זיין שאַפונג האָבן זיך באַלד אַרויסגעוויזן די אַרבעטער־ליבשאַפט און דער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָניזם, פון וועלכע מיר האָבן גערעדט.

אָבער דידאָזיקע צוויי גרונט־עלעמענטן אין זיין שאַפונג פון זיין ערשטן פּעריאָד האָבן, ווי געזאָגט, געשטאַמט פון גאָר באַזונדערע קוואַלן: פון האַס צום מיטלאַלטער באַם גרויסן אָפּשיי פאר אים און פון טיפער דורכגעדרונגענקייט מיט אידיש־נאַציאָנאַלער געשיכטלעכקייט. דאָס האָט באַשטימט דעם באַזונדערן קינסטלערישן צוגאַנג פּערעצעס צו דער נאַטור פונם אַרבעטער און צום טאָך פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער אַרבעטער און זיין קאַמף האָבן פאר אים אויסגעזעען צו נאַקעט, היסטאָריש בלויז און ראָמאַנטיש אָרעם. באַנציע שוויג פארלאַנגט ניט מער, ווי ברויט מיט פּרטער. אין דער צוקונפט וועלן אַלע האָבן איין פּאָנים, און דעם אָדלער וועט מען צווינגען עסן פון איין קאָרעטע מיט גענז („האָפענונג און שרעק״). קיין ראכמאָנעס צו ליידן „ביכלאַל״, ניט צו קלאַסן־ליידן,—וועט ניט זיין, ליבע וועט ניט זיין קיין מאָטיוו פאר רעכט אף איינצוואָרדענען דאָס אייגענע לעבן לויטן „אייגענעם שניט״ („אַמאָל איז געווען א מיילעך״). דאָס זיינען אַלץ מאָטיוון פון פאַרשיידענע פּעריאָדן—

אָבער זיי זײַנען אײנהײטלעך לויט זייער צוגאַנג. פון אונטער דער „אַרבעטער־ליבּשאַפט" איז, ווי ס'הערט זיך: „לאָמיר גיין זיך לערנען בא דער בורזשואַזער קולטור מיט דער היסטאָריש־קאָמפּליצירטער פּערזענלעכקייט אירער".

און פּערעץ האָט טאַקע אויס אַרבעטער־ליבּשאַפט זיך געווענדעט צו דער היסטאָרישער קולטור פון דער אידישער נאַציע. ווי ער וואָלט זיך דערבײַ שטעלן צוויי אופגאַבן: פון איין זייט, פאַנאַנדערשיפרירן דידאָזיקע קולטור פון טאַלמידיי־כאַכאָמים, אַראָפּנעמען פון איר אירע העברייאישע שלעסער און זי איבערדיכטן פאר די „אַמאַראַצים, פאר די פאָלקס־מאַסן. פון דער אַנדער זייט, פאַרשענערן די איצטיקע „נאַקעטע" באַגערן און שטרעבונגען פון די מאַסן, זיי פאַרבינדנדיק דורך א „גאָלדענער קייט" מיט די זאָל זיין מיסטישע, אָבער פרייהייטלעכע אופבּרויזן פון די מאַסן אין דער פאַרגאַנגענהייט.

פּערעץ האָט ערפאָלגרייך אויסגעפילט ביידע אופגאַבן, אָבער אין רעזולטאַט איז ער אַליין דאָ געפאַלן א קאָרבן.

פּערעצעס ווערק האָבן ווירקלעך אַנטפּלעקט פאר די מאַסן פיל פון דער פאָלקס־שאַפונג, וועלכע איז דורך דער ראַבאָנישער קולטור פאַרפּאַלמעסט געוואָרן און געלעגן אָן באַוועגונג אין העברייאישן מוזיי. ער האָט אַרײַנגעטראָגן נייע קולטור־מאָטיוון אין דער אידישער ליטעראַטור, וואָס, אומאָפּהענגיק פון זייער סאָציאַלן ווערט, רעגן זיי דעם געדאַנק און געפיל פון די אַרבעטער־מאַסן און באַוועגן זיי צו זעלבּשטענדיקן באַזינען און אָפּשאַצן זיי. דערמיט האָט ער פאַרלייכטערט די אופגאַבע פון דער אַרבעטערשאַפט צו באהערשן די פאָריקע נאַציאָנאַל־בורזשואַזע קולטור און מאַכן פון איר דעם געהעריקן אָפּקלייב: וואָס מע דאַרף ליקווידירן און וואָס מע דאַרף יאַרשענען, דאָס איבעראַנדערשנדיק.

פון דער אַנדערער זייט, האָט ער מיטגעהאָלפן צו געפינען די פאַרבאָרגענע וועגן און שטעגן, וואָס פירן פון דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון דער אַרבעטערשאַפט צו די אומקלאָרע און אומבאהאָלפענע פרייהייט־באַגערן, וואָס אין די באַדינגונגען פון קאָהאָלשן־ראַבאָנישן מיטלאַלטער זײַנען זיי פאַרקריפּלט געוואָרן אין מיסטישע אופבּרויזן פון פאַלש־מעשיכישע און כסידישע באַוועגונגען.

די דורכפירונג פון דערדאָזיקער צווייאייניקער אופגאַבע האָט מיטגעהאָלפן דער קוואַליפיקאַציע פון דער אידישער מאַסן־קולטור, האָט פון איר אַראָפּגענומען דאָס ביטל־הייטל פון מאַסקיליש־ליבּהאָבערישן פאָלקלאָר און האָט באַפרוכפּערט דעם באָדן פון דער קולטור אין דער מוטערשפּראַך פון די מאַסן אין קאַמף קעגן העברייאיש פאַר אַליינהערשאַפט אַלס די נאַציאָנאַלע קולטור פונם אידישן פאָלק.

נאָר דאָס איז דער *אָביעקטיווער היסטאָרישער רעזולטאַט* פון פּערעצעס ווערק אין די ערשטע פּעריאָדן פון זיין שאַפן, ווען אין אים האָט נאָך געשפּילט די אַקטיווע „אַרבעטער־ליבּשאַפט". אָבער ער אַליין איז דערבײַ ליקווידירט געוואָרן אַלס דיכטער, וועלכער איז נאָענט צו די אַרבעטער־מאַסן. ווייל ניט בלויז די אַרבעטער־ליבּשאַפט, נאָר דער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָניזם פון זיין בורזשואַזער נאַטור האָט אים געצויגן צו דער „עקספּעדיציע" אין די געביטן פונם אידישן מיטלאַלטער. זיך לאָזנדיק אַהין מיט צילן און קאַוואָנעס פון א בורזשואַזן אַרבעטער־פריינט, האָט ער ניט אויסגעהאַלטן דעם פאָנים על פאָנים מיט די אידייען און געשטאַלטן פונם מיטלאַלטערלעך־בורזשואַזן קלאַל־איסראָעל און איז צוריק גענומען געוואָרן דורך זיי אין געפיינקעניש. ביפראַט, אַז די אַרבעטער־שלאַכטן פון דער רעוואָלוציע אין 1905־טן יאָר און ערעוו דער רעוואָלוציע האָבן אים שטאַרק אָנגעשראָקן און פיל אָפּגעקילט

זיין אַרבעטער־ליבשאַפט, פאַרוואַנדלענדיק זי אין א רעשטל סענטימענטאַלער גוטמו־טיקייט צום האַמוין. אנשטאָט זיך אומקערן פון זיין רייזע איבערן מיטלאַלטער מיט פון מיסטיק אָפּגערייניקטע פרייהייט־באַגערן פון מאַסן, האָט ער פונדאָרטן גע־בראַכט צוריק דעם אַלטן בורזשואַזן ביטל צום האַמוין און די פאַרגעטערונג פון דער איינצלנער פערזענלעכקייט: אַמאָל דער מאָשיעך, דער טאַלמיד־כאָכעם, דער גאָען,—איצט דער צאַדיק, דער כסידישער רעבע. אנשטאָט נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָניזם פאַרפאַרבט מיט אַרבעטער־ליבשאַפט, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק מיט דער אידע־אָלאָגיע פון דער אַלטער אידישקייט, פאַרפאַרבט מיט נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטיזם...

די געשיכטלעכקייט האָט גויוער געווען די הייגנטצייטיקייט. דער מיטלאַלטער האָט צוריק געפונען זיין כיין אף פאַרשטאַרקן די הערשאַפט פון דער בורזשואַזער קולטור. פון דער אַרבעטער־ראָמאַנטיק איז געוואָרן נאַציאָנאַל־ראָמאַנטיק.

די אידישע אַרבעטערשאַפט האָט דאָס גלייך דערפילט און זיך פון פערעצן אָפּ־געקערט, אָבער לאַנג האָט זי נאָך געדיינקט און געשעצט אין אים איר ליטעראַריש־קולטורעלע יוגנט־ליבע. דאָס געדיינקט זי און שעצט נאָך איצט אויך.

(„אין אומרו״ 2 ב. מאָסקווע, 1926).

י. נוסינאָוו.

פערעץ און דער מאירעוו־אייראָפּייאישער אינטעליגענטישער ראַדי־קאַליזם. — די קאָנצעפּציע פון „העלד״ און „האַמוין״ בא פערעצן. — נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע בא פערעצן.

אין מיט נייינציקער יאָרן האָט שוין די וועלט־בורזשואַזיע געהאַט פאַרענדיקט איר פּראָגרעסיווע היסטאָרישע שליכעס. זי האָט זיך שוין געגרייט צו איר אימפּערי־אַליסטישער ראָלע. אף איר האָבן זיך שוין געגרייט אנטשיידענע פּראָלעטאַרישע שלאַכטן. דער סאָציאַלער, מאָראַל־עטישער און קולטורעלער מעהוס פון קאַפּיטאַליזם האָט שוין האַן ארויסגעשטארצט מיט זיין גאַנצער העסלעכקייט.

דאָס האָט אין אלע אייראָפּייאישע לענדער אויסכאָרמירט די פּראָטעסטאַנטישע אַנאַרכיסטישע שטימונגען פון דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ, פון אַ בערנאַרד שאָו, אָסקאַר־אואַילד, אָדער אועלס אין איינגלאַנד, פון אַן אַנאַטאָל פראַנס און ראָמען ראָ־לאַן אין פראַנקרייך, פון אַ ווערכאַרן אין בעלגיע, א. א. וו. אָט די אינטעליגענץ האָט מיטן גאנצן טאַלאַנט פון איר פען אַנטבלויזט די צוויעס, דעם קאָנסערוואטיזם, די אַכזאָרישקייט פון קאַפּיטאַליזם, און האָט זיך אף איר אייגנאַרטיק אינדיווידו־אַליסטיש־אַנאַרכיסטישן אויפן געפריינדעט מיטן פּראָלעטאַריאַט, און אנדערע פון זיי האָבן זיך אפילע גערעכנט פאַר סאָציאַליסטן.

דער בוילעטסטער אויסדרוק פון אָט דעם אינטעליגענטישן ראַדיקאַליזם אין דער אידישער ליטעראַטור איז געווען פערעץ. און פונדאַנען דעריקער האָט געשטאַמט זיין שעם פון אַ רעוואָלוציאָנער.

און בעעמעס. פערעץ האָט וויטיקדיק געפילט דאָס גרויסע סאָציאַלע אומרעכט פון קאַפּיטאַליזם, ער האָט געשפּירט די ליידן פונם אונטערדריקטן, האָט טאַכלעס־סינע פיינט געהאַט דעם אונטערדריקער, זיין באַזונדערס בוילעטן אידישן אויסדרוק, דעם אידישן ס ו י כ ע ר. ער האָט אָבער, ווי די גאַנצע דערמאָנטע מאירעוו־אייראָפּיי־

אישע ראַדיקאַלע אינטעליגענץ, ניט געגלויבט ניט אין די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן פונם ארבעטער־קאָלעקטיוו, ניט אין דער צוקונפטיקער שעפערישקייט פון דער אַרבעטער־דעמאָקראַטיע.

די אינטעליגענץ האָט אין מעשעך פון דער גאַנצער בורזשואַזער טקופע אלעמאָל געקוקט אף זיך, ווי אף דעם קערן פון פאָלק, האָט אָפט פרעטענדירט דערויף, אַז געשיכטע פון דער מענטשהייט איז געשיכטע פון איר „גייסט", פון אירע גרויסע שאַפונגען, פון אירע פילאָזאָפישע סיסטעמען, קינסטלערישע ווערק און בילדער, פון אירע דורך יעכידים געשאַפענע וויסנשאַפטלעכע אנטדעקונגען.

פון צוויי גרונט־קוואַלן האָט געשטאַמט פּערעצעס שאַפן: פון אָרגאַנישן דוירעס־דיקן מיטלאַלטערלעכן בעסמעדרעש־ספאַרימדיקן וועלט־באַנעם, וואָס האָט זיך נאָך אין פערעצעס קינדער־יאָרן מיט אַ געוויסער גאַנצקייט איינגעהיט אין דעם פוילישן כסידישן שטיבל, וואו פערעץ האָט זיך דערצויגן; פון דער נעגאַטיווער באַציאונג פון דער ראַדיקאַלער אייראָפּייאישער אינטעליגענץ צום דעגענערירנדן קאַפּיטאַליזם, און פון איר פיינטשאַפט צו דער שטייגער־העגעמאָניע פונם אייגענעם קליינביר־גערטום, פון וועלכער אָט די אינטעליגענץ האָט געשטאַמט און וועלכע זי איז אין אַזעלכע שפיצן אירע, ווי די דערמאָנטע אייראָפּייאישע שרייבער אָדער ווי פערעץ, באַדייטנד איבערגעוואָקסן.

דאָס אָפּלייקענען דעם קאַפּיטאַליזם מיצאַד אָט דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ איז אין קיין רעוואָלוציאָנערע מאַיסים ניט פאַרוואַנדלט געוואָרן. דעם פּראָלעטאַריאַט האָט זיך צוליב זיין בעערעכדיקער שוואַכקייט אין דער טקופע פון II־טן אינטערנאַציאָנאַל ניט איינגעגעבן אינגאַנצן באַאיינפלוסן און אריינציען אין זיינע רייען די ראַדיקאַל־געשטימטע אינטעליגענץ, צו וועלכער פערעץ האָט געהערט. און פערעץ איז צוזאַמען מיט אָט דער גאַנצער אינטעליגענץ געבליבן פאַרשקלאַפט צו דער היימישער קליינ־בירגערלעכער נאַציאָנאַליסטישער און אינדיווידואַליסטישער אידעאָלאָגיע. די אינטע־ליגענטישע אומצופרידנקייט מיטן קאַפּיטאַליזם און פיינטשאַפט צום קליינבירגער איז בא פערעצן פאַרוואַנדלט געוואָרן בלויז אין בונטאַרישן קליינבירגערלעכן, אַנאַר־כיסטישן אינדיווידואַליזם.

צוויי פאַקטאָרן האָבן אויסגעבילדעט פערעצעס שעפערישע פּסיכאָלאָגיע און אידעאָלאָגיע: איינער שטאַמט פון נאַציאָנאַלער פאַרגאַנגענהייט. דער צווייטער — פון דער פאַרמילכאָמישער געגנווואַרט פונם נאַציאָנאַלן קליינבירגער, וועלכער האָט דאַן געבילדעט דעם פּאָן פון דער נאַציע.ביידע פאַקטאָרן זיינען בא פערעצן געוואָרן אָרגאַניש, און ס'האָט זיך אים דערום איינגעגעבן זיין ליטעראַרישן רוישטאָף ברייינ־גען צו קינסטלערישער סינטעטישקייט.

אין דעם איז פערעצעס הויכע קינסטלערישע באַדייטונג. דאָ האָט ער אַ גרויסע ליטעראַרישע שעפערישע שליכעס אויסגעפילט. דאָ איז אָבער אויך די סיבע פון פערעצעס אידעאָלאָגישן קאָנסערוואַטיזם, פון זיין נאַציאָנאַל־רעליגיעזער אַפּאָלאָ־געטיק, פון זיין אינטעליגענטיש־קליינבירגערלעכן אינדיווידואַליזם און פון זיין סאָציאַל־אַנאַרכיסטישער בונטאַרישקייט.

פערעץ האָט געטיילט אָט די פּרעטענזיעס וועגן דער הויפּט־ראָלע פונם יעכידישן גייסט, און אים האָט זיך געדוכט, אַז די באַפרייאונג וועט קומען דורך די העלדישע מאַיסים און מעסירעס־נעפעש פונם יאָכיד, פון די גרויסע פרייהייט־דורשטיקע פּער־זענלעכקייטן, און ניט פונם אָרגאַניזירטן קאַמף פון די מאַסן. דערביי ווילן אָט די פּערזענלעכקייטן ניט בלויז האָבן צו באַקעמפן דעם סוינע, דעם אונטערדריקער, זיי

וועלן אויך האָבן גויוועט צו זיין די געוואוינשאַפט צו קייטן, די צוגעבונדנקייט צו וואָך און וואָכעדיקייט פון די מאַסן, וואָס זיינען אין מעשעך פון דוירעס געווען פאַרשקלאַפט.

פונוואַנען האָט געשטאַמט אָט די קאָנצעפציע פון „העלד" און „האַמוין"?

דער שוירעש פון דער דערמאָנטער קאָנצעפציע פון „העלד און האַמוין", פון „רעבן און כסידים" איז געלעגן אין דער קליינבירגערלעכער פאַרגאַנגענהייט, און איז בא פּערעצן געווען אַ סאַכאַקל פון זיין קליינבירגערלעכן אינדיווידואַליזם.

די אומפייאיקייט דיאַלעקטיש אָפּצושאַצן דעם אונטערשייד צווישן קליינבירגערלעכן האַמוין און דעם פּראָלעטאַרישן שעפערישן קאָלעקטיוו האָט פּערעצן געבראַכט צו פאַרטוישן דעם גרויסן פּראָלעטאַרישן פּרינציפּ פון סאָציאַלער גלייכהייט מיטן קליינבירגערלעכן האַס צו שעפערישער פּערזענלעכקייט. פון דעם, וואָס דער קאַפּיטאַליזם איז שוין צו יענער צייט אריינגעטראָטן אין זיין רעאַקציאָנערער טקופע, האָבן געשטאַמט פּערעצעס סימפּאַטיעס צום פּראָלעטאַריאַט. פון דעם קליינבירגערלעכן אַרום און פון אייגענעם אינטעליגענטיש־אינדיווידואַליסטישן טאָך האָט געשטאַמט דער אומצוטרוי צום פּראָלעטאַריאַט און דער ביסלעכווייסער אָפּגאַנג פון רעוואָלוציאָנערע שטימונגען צו רעאַקציע.

זיינע סאָציאַלע סימפּאַטיעס צום אַרבעטער, אָט די סימפּאַטיעס, וואָס זיינען געווען ראַכמאָנעס צום ליידנדן, אופגעבראַכטקייט אפּן אונטערדריקער, אָבער ניט גלויבן אין רעוואָלוציאָנערע שעפערישקייט פון פּראָלעטאַריאַט, האָבן אים דיקטירט אַזעלכע הומאַניסטישע דערציילונגען, ווי צ. ב. „דער מעשולעך", „שאָלעם־באַיעס", „אָן מאַזל", „אויב ניט נאָך העכער", אַזעלכע ווערק פון פאַראַכטונג צו פאַרשקלאַפּטקייט, ווי „באָנציע שוויי„, אָדער זיינע סארקאסטישע און פּראָטעסטירנדע „מוסער", „שטריימל", „די פרומע קאַץ", אָדער די דראמע „אין פּאָליש אף דער קייט". פון זיין גלויבן אין דער גייטיקייט פון קאַמף און אין באַפרייערישן זיג האָבן געשטאַמט אַזעלכע זיינע זאַכן, ווי „צווי ברידער" (אַ פּאַראָדיע אף טאָלסטאָיס אידעאָלאָגיע פון ניט ווערן זיך קעגן בייז), ווי „ציריק־ציריק", „אַראָפּ פון וועג", אָדער „דער אייביקער פרידן אין ערגעץ־לאַנד".

אָט דער גאַנצער סאָציאַלער ציקל איז אָבער ניט דער כאַראַקטעריסטישער פאַר פּערעצן, און געהערט סאָפּקאָלסאָף — אויסער „אין פּאָליש אף דער קייט" — צו זיינע שוואַכסטע קינסטלערישע ווערק.

פּערעצעס אַנטפּלעקונג אלס קינסטלער געפינען מיר אין יענע ווערק, וואו זיין נאַציאָנאַלע און אינדיווידואַליסטישע אידעאָלאָגיע האָט געקראָגן איר אויסדרוק.

מיטן אַלגעמיינעם אינדיווידואַליזם פון דער אייראָפּייאישער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ איז געווען פאַרבונדן פּערעצעס ראַדיקאַל־אינדיווידואַליסטישע אידעאָלאָגיע; מיטן אינטענסיוון פּאַן־נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם, וואָס האָט באַהערשט די גרויסע נאַציעס אין דער צוגרייטונג־טקופע צו דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, און מיט דעם נאַציאָנאַל־קולטורעלן רענעסאַנס, וואָס די קליינע נאַציעס האָבן פאַר די לעצטע 30—40 יאָר אַדאַנק דעם וואוקס פון דער דעמאָקראַטיע איבערגעלעבט, איז געווען פאַרבונדן פּערעצעס נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע.

פּערעץ האָט אין זיין יוגנט מיט דער טמימעס, אף וועלכער קינדהייט און יוגנט איז מעסוגל, פאַרנומען די גאַנצע אידישע טאַלמודיש־קאַבאָלישע און רעליגיעז־ראַבאָנישע מיטלאַלטערלעכע ליטעראַטור. ער איז דורך אָט דער גאַנצער קולטור דערצויגן געוואָרן און דורך דער בעסמעדרעש־סוויווע באַפעסטיקט געוואָרן אינם גלויבן אין

דער אידישער אויסדערווײלטקײט, אין דעם גלויבן, אַז די גאנצע אידישע מיטלאַלטערלעכע פאַרגאַנגענהייט איז באשטאנען אין היטן דעם טאָך פון דעם אידישן גייסט.

אָט די מיטלאלטערלעכע נאַציאָנאלע אידייע איז בא אים אַביסל שפעטער דורך אייראָפייאישער בילדונג, דורך דער מאַסקילישער אידעאָלאָגיע אף אַ געוויסער צייט אָפגעשוואַכט געוואָרן. זי איז אָבער דערנאָך אונטער דער ווירקונג פון די דערמאָנטע פאַקטאָרן פון סאָף XIX י. ה. ווידער דערוועקט געוואָרן און זי האָט באַקומען איר אויסדרוק אין זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן".

דער אָרגאַניש־איינגעזאַפטער מאַטעריאל פונם כסידישן שטיבל מיט זיין דוירעסדיקער מיטלאלטערלעכער אידעאָלאָגיע פון „קאָל איסראָעל כאוויירים" (יעדער איד איז אַ כאווער דעם צווייטן), פון „קאָל איסראָעל אַרייווים זע בעזע" (אַלע אידן זיינען אָרעוו, זיינען מאָראליש פאראנטוואָרטלעך איינער פארן צווייטן) און מיט דער דוירעסדיקער מיטלאלטערלעכער טראַדיציע פון „אידן ראַכמאָנים בניי ראַכמאָנים", — אָט די גאנצע מיטלאלטערלעכע אויסדערווײלטקייט־גאַדלעס האָט זיך זייער געלאָזט קינסטלעריש אופאסן אין גייסט פון מאָדערנעם פאַן־נאַציאָנאַליזם, פון אַ אידייע וועגן „אייביקן אידן". זיי האָבן פולקום אנטשפראָכן דעם גייסט־צושטאַנד, דעם געמיט און די אנשויאונגען פון פערעצן—און דערום געהערן טאַקע די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", וועלכע האָבן בוילעט און האַרמאָניש פערעצן אויסגעדריקט, צו זיינע באדייטנדסטע קינסטלערישע ווערק.

באַ זייער גאנצן קינסטלערישן גלאַנץ האָבן זיי שוין אָבער קיין אידעאָלאָגישע מיספאַרשטייעניש, ווי דאָס איז געווען מיט זיינע כסידישע דערציילונגען, בא קיינעם ניט געקאָנט ארויסרופן, אויסער בא די, וואָס האָבן בעקיוון געזוכט פארמאכן די אויגן אף דעם אידעאָלאָגישן טאָך פון די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן".

(י. ל. פערעץ — „געקליבענע ווערק".
מאָסקווע, 1925.)

מ. אָלגין.

די פאָרם, שפראַך און ריטם פון פערעצעס לידער. — פערעצעס סאַטירישע און אַרבעטער־לידער.

אין דער גאַנצער פערעצעס ליריק איז ניטאָ קיין איינציקער כסידישער מאָטיוו און קיין איינציקע לעגענדע (אויב ניט רעכענען די טאַלמודישע „ראַבי כאַנינאָ בען דויסאָ"). זייער ווייניק פלאַץ פאַרנעמט דאָרט אויך די באַלאַדע. אכוץ „אין קייווער", איז דאָ נאָך איין „מאָניש" — מער אַ סאַטירישע שטיפעריי, ווי אַ באַלאַדע. פון דעם גאַנצן געוועב פון פאָלקס־שאַפן, וואָס ציט זיך דורך די איבעריקע פערעצעס ווערק, געפינען מיר אין זיין ליריק אַזוי גוט ווי גאָרניט.

דערפון איז שוין קלאָר, אַז אין דער ליריק איז ניטאָ דער גאַנצער פערעץ. וואָלט עמעצער געוואָלט אויסטיילן די לירישע זאַכן און פון זיי אַליין זיך בילדן אַ פאָרשטעלונג וועגן דיכטער, וואָלט דאָס בילד אַרויסגעקומען פאַרשוואומען און מעטושטעש. פערעצעס אייגנאַרטיקייט ליגט אַף אַן אַנדער פעלד.

עס וואָלט געווען אַ דאַנקבאַרע אופגאַבע אויסצופאָרשן, אין וועלכע פאַלן און אויס וועלכן אינעווייניקסטן דראַנג פלעגט פערעץ פון צייט צו צייט איבערגיין צו ליריק. דאָס וואָלט עפשער געגעבן אַ שליסל צו פילע פראָבלעמען פון זיין מערקווידריקער קינסטלער־נאַטור. ליידער, האָבן מיר נאָך צו ווייניק מאַטעריאַלן וועגן זיין פערזאָן און זיין אינעווייניקסטן לעבן, אַז אַזאַ אַרבעט זאָל זיין מעגלעך. איינס קאָן

מען אָבער אָנמערקן שוין איצט: צו דער לידיק האָט פּערעצן געצויגן, באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן, דער וואונש צו זיין מיט זיך אליין, מיט זיך איינגאַנצן.

מיר ווילן דערמיט ניט זאָגן, אַז אין די איבעריקע צווייגן פון זיין שאַפן איז פּערעץ ניט געווען אופריכטיק. דאָרטן איז אים אָבער אויסגעקומען מערסטנטייל צו סטיליזירן, צו שרייבן אינם גייסט און אין דער געדאַנקען־אַרט פון די פאַרצייטיקע אידן. עמעס, אויך דאָרט בלייבט ער ניט איינגאַנצן באַהאַלטן הינטער זיינע „העלדן", אָבער דאָך איז אים אויסגעקומען אין זיינע כסידישע מאַיסעלעך און אין זיינע „פאָלקס־טימלעכע געשיכטן" צו קוקן דורך די אויגן פון אַ פאַרגאַנגענער צייט, צו ריידן מיט דער שפּראַך פון אַ פאַרשוואונדענער עפּאָכע. ער האָט דערביי, פאַרשטייט זיך, ניט גע־וואָלט זיין „נאַטור־געטריי" און האָט בעשומויפן ניט אינזינען געהאַט צו פאַרקערפּערן די „היסטאָרישע ווירקלעכקייט" ווי זי איז געווען. אָבער סטיליזאַציע בלייבט דאָך פאָרט אַזאַ אַרט שרייבן, וואו דער דיכטער מוז איינשריינקען זיך אַליין, מוז זיך האַלטן אין געוויסע ראַמען.

איז אָבער פּערעץ געווען צו רייך מיט בילדער, געדאַנקען, שטימונגען, זוכענישן. זיין גייסט האָט צו שטאַרק געפלאַקערט אַלע צייטן, אַז ער זאָל קענען בלייבן אין ראַמען. פלעגט ער זיך אַוועקלאָזן זוכן אַנדערע אויסדרוק־פאָרמען. האָט ער געשאַפן אַזוינע זאַכן, וואָס די ליטעראַרישע קלאַסיפיקאַציע וועט זיך לאַנג ברעכן דעם קאָפּ וואוהין זי זאָל זיי צורעכענען: „קלאָץ־געשיכטן", „די רויז", „וואָס הייסט נעשאָמע"— האַלב פּעליעטאָנען, האַלב געדיכט אין פּראָזע", אַלץ צוזאַמען — אַ שנירל קאַליידאָס־קאָפּישע בילדער, אַ שפּיל פון באַטראַכטונגען און וואונקען און געדאַנקען.

האָט אָבער, קענטיק, אויך אָט דאָס שפּיל ניט איינגאַנצן באַפרידיקט פּערעצן. פלעגט ער מאַכן לירישע פּראָבן.

פון אָנפאַנג, אין די ערשטע צען—פופצן יאָר פון זיין שרייבן אידיש האָט פּערעץ, ווייזט אויס, זיך איבערהויפּט געהאַלטן פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלן לידיקער, פאַר איינעם, וואָס זיין אַרבעט ווערט נאַטירלעך אויסגעדריקט אין לידער (איז דאָך דאָס ערשטע אידישע ווערק זיינס געווען „מאָניש", אַ באַלאַדע אין גראַמען). שפּעטער האָט דאָס איבערגעוויכט באַ אים געוואונען די פּראָזע, און צו דער לידיק פלעגט ער זיך אומ־קערן גאָר זעלטן.

פּערעץ איז ניט קיין לידער־שרייבער אינם אייגנטלעכן זין פונם וואָרט. ער איז ניט מעסוגל צו זיין געבונדן צו דער פאָרם, ער האָט עפּשער גאָר קיין צייט ניט גע־האַט צו טראַכטן וועגן אַ וואויל־קלינגנדיקן אויסדרוק. ער איז איבערהויפּט ניט פייאיק געווען צו גיין אין שפּאַן פון אַ געוויסן ריטם. דעריבער איז אין זיינע לידער אַזאַ שטענדיקער קאַמף צווישן ריטם און אַריטמיע, דעריבער איז זיין שפּראַך אַזוי אומ־גלייך, אַזוי שפּרינגנדיק, אַקוראַט ווי אַפּן וועג באַ אים ליגן קעסיידער בערגלעך און גריבער. ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן, אַז זיין שפּראַך ברעכט זיך, ווערט איבער־געריסן דורך אומבאַשטימטע פּויזעס. קעדיי ווידער צו דערשיינען פאַר אונז אין איר אומרואיקן פּולסירן. איר וועט קימאַט ניט געפינען באַ פּערעצן אַ ליד, וואו דער טאָן און דער כאַראַקטער זאָל זיין אויסגעהאַלטן פונם ערשטן ביזן לעצטן וואָרט. און גע־פינט איר דאָס שוין יאָ, מוזט איר זיך זאָגן, אַז דאָס האָט ניט געהערט צו די בעסערע אין פּערעצעס לידיק.

אַזוי זיינען זיינע איינציקע לידער אין פּראָזע: „עס זיינען קיין וואונדער געשען", „ליבע", „גיי ניט מיט מיר". דידאָזיקע לידער זיינען דאַפקע סטיליסטיש פאַרענדיקט, געשלאָסן אין זיך. זיי זיינען אָבער ניט פּערעץ! זיי דערמאַנען הירשביינען, זיי דער־

מאַנען די רוסישע מאָדערניסטן. זיי זיינען מעלאָדיש, זייער ריטם פליסט גלאַט, אָבער אין זיי איז דאָ אַסאַך מעלאָדעקלאַמאַציע, און צו פערעצעס איבעריקע ווערק פּאַסן זיי זייער ווייניק. מע פילט, פּערעץ האָט זיך דאָ צוגעפּאַסט צו דעם סטיל, ניט דעם סטיל צו זיך. דאָרט, וואו פּערעץ האָט געוואָלט ניט אַראָפּלאָזן זיך און ניט סטיליזירן, איז אים געווען שווער בייצוקומען די שפּראַך. ער האָט מיט איר געהאַלטן אין איין קעמפן. ער האָט ניט געקענט אַריינלייגן אין איר אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן. עס איז אים געווען ווייניק ווערטער, ווייניק רייכטום פון פאָרמען, ער האָט אַלעמאָל צע־ריסן דעם מאַנטל פון דער שפּראַך.

די גרעסטע איינהייטלעכקייט מערקט זיך נאָך אין זיינע סאַטירישע לידער, וואָס שטאַמען הויפּטזעכלעך פון דער ערשטער צייט פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. דאָ האָבן מיר פאַר אונז פּערעץ דעם שטראָפער, פּערעץ דעם פּראָטעסטאַנט קעגן אומ־וויסנהייט, אונטערטעניקייט, שוואַכקייט, דעם קעמפער קעגן אומגערעכטיקייט אין סאָציאַלן לעבן. ער לאַכט פון די „נאַכט־וועכטער", די פרומע פאָלקס־פירער, וואָס ווילן האַלטן דאָס פאָלק אין דער פינצטער; ער שפּעט פון דער עמונע, וואָס האַלט אין אירע הענט געבונדן די כאָכמע און וואָס איז גרייט צו פאַרברענען אַפן שיי־טערהויפן דעם עמעס, אויב ער וועט פּרוּוון אופדעקן אַ פאַלשקייט. ער שיט בי־טערע סאַרקאַזמען אַף די נעבעכדיקע קאָרבאָנעס, וואָס פאַלגן דעם באַפעל פון די שטאַרקע.

אַלטע מאָטיוון. זיי קען מען געפינען אין אַלע ווערק פון די מאַסקילים. וועגן זיי האָבן געזונגען אויך אַנדערע, נייערע דיכטער. אָבער אין פּערעצעס לידער באַקומען זיי אַן אומדערוואַרטע פרישקייט, אַן אייגנאַרטיק לעבן. דער דיכטער אָפּערירט מיט אַבסטראַקציעס. ער האָט אָבער די אַבסטראַקציעס באַפּייטשעט מיט דעם זאַפט פון זיינע נערוון — איז אין זיי אַריינגעקומען אַ ניי לעבן. אין זיינע סאַטירישע לידער דערגרייכט פּערעץ אָפט צו אַן אויסערגעוויינלעכער קראַפט פון עקספּרעסיע. די לי־ניען צייכענען זיך באַ אים שאַרף, די קאָנטורן אויסגעפּיילט בולעט.

דיזעלביקע אומגעוויינלעכע אויסדרוק־קראַפט באַגעגענען מיר אויך אין פּערעצעס עטלעכע אַרבעטער־לידער. מ'האָט פיל געשריבן וועגן אַ נייטאָרן באַם וואַרשטאַט, אָבער ס'אַרא פרישקייט און אופריכטיקייט און אייגנאַרטיקייט אין דעם געזאַנג פון דער מיידל:

„בלאַס איז דאָס זיידנצייג, פּונקט ווי מיין פּענימל, דורכזיכטיק־דין, ווי מיין הויט...

„רירט מען עס, קרעכצט עס „אוי, פּונקט מיינע ביינדעלעך".

אָדער וויפל בילדלעכקייט עס איז דאָ אין די ווערטער וועגן „ליפּן, וואָס שיילן זיך, ברענען פון אייביקע זאָרגן", אין דעם ליד וועגן די צוויי ברידער, פון וועלכע איינער האָט געצאַפּט באַם צווייטן בלוט, האָט פּערעץ ניט מוירע געהאַט צו דער־ציילן, ווי דאָס ווערט געטון: „אַ שטאָך מיט אַ נאָדל — דו האָסט שוין אַ קרעל". די גאַנצע סעריע לידער „באַ אַ פרעמדן כופּע־קלייד" — די גראַציעזע, קאַפּריזנע דופּטיקע מישונג פון ריטמען, קלאַנגען. מעלאָדיען, מאָטיוון געהערט צו די שענסטע פון אַרבעטער־ליריק. פּערעצן איז דאָ אַפּן בעסטן אופן געלונגען צו פאַרייניקן דאָס אַבסטראַקטע מיט דעם קאָנקרעטן, דאָס אַלגעמיינע מיט דעם אינדיווידועלן.

דאָס איז דאָך, אייגנטלעך, געווען די גאַנצע אופגאַבע פון פּערעצעס שאַפן.

וויל מען באַטראַכטן פּערעצן דעם ליריקער אין אַלגעמיין, מוז מען זיך זאָגן, אַז ער האָט אין די ערשטע יאָרן אַלץ געזוכט זיין אייגן ליריש פעלד און ניט געקענט

געפינען. אָט איז דאָס סאָציאַלע עמפערונג, אָט איז דאָס שטילע ראַכמאָנעס, אָט ווי־דער אַ הומאָריסטישע טרוימערײַ אַף היינעס מאַניר, דאַן ווידער אַ מאָטיוו פון בײַנקשאַפט, פון פאַרצווייפלונג, ווייטער אַן אַלעגאָריע וועגן דעם מענטש אין דער וועלט („טעאַטער איז די וועלט, גאָט איז רעזשיסער — ס'שטיק איז פּיין — לײַדער, איז דער טײַוול דער סופלער, די בודע איז דאָס שוואַכע האַרץ"), און שפּעטער אַ פּרואוו אינם גייסט פון פאָלקס־דיכטונג. אַף יעדן פון די געביטן באַשאַפט פּערעץ אייניקע באַדײַטנדע לידער, אַ צוויי—דרײַ עמעס געניאַלע, דאָ און דאָרט גיט אַ שפּריץ מיט פײַער, אַ לײַכט ווי אַ בליץ אין דער פינצטער, אַ שמעק מיט וואונדערבאַרער פּאָע־טישער אימפּרעסיע. אָבער ניט אַלץ געלינגט אים. אָפט באַקומען זיך גאָר שוואַכע זאַכן, איר זעט: דער דיכטער איז ניט צופרידן, ער וועט דאָ ניט בלײַבן. ער וועט דאָס פעלד ניט קולטיווירן, און דער לעזער אַליין איז אויך ניט צופרידן: ער פילט, אַז דאָס איז ניט די אייגנטלעכע פּערעצעס אַרבעט.

און אַזוי דערווייטערט זיך פּערעץ אַלץ מער פון דער ליריק. מיר באַגעגענען ב אים אייניקע לירישע פּראָבן אין זײַנע דראַמען, באַזונדערס אין „באַנאַכט אפן אלטן מאַרק". אָבער דאָרט האָבן זיי גיט קיין זעלבשטענדיקע באַדײַטונג. פּערעץ ווערט אַלץ מער דערציילער, סטיליזאַטאָר, אַנטדעקער פון הויכע, מאָראַלישע ווערטן אין דעם אויצער פון דעם פאָלקס־גלויבן און פאָלקס־פּאָעזיע.

(„אין דער וועלט פון געזאַנגען", ניו־יאָרק, 1919.)

ש. עפּשטיין.

פּערעצעס „אידישע ביבליאָטעק" און „יאָנטעוו־בלעטלעך". — אַרבעט־מענטשן און באַלמעלאָכעס בײַ פּערעצן.

ווען פּערעץ האָט אָנגעהויבן צו שרײַבן אידיש, איז נאָך קיין אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד ניט געווען. אַ טייל פון דער אידישער אינטעליגענץ איז שוין געווען אָנגעהויכט מיטן סאָציאַליזם. פּערעץ זאָגט זיך דאַן אָפּ פון „חבת ציון" און שטייט צו צו דער אידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ, ווײַל ער פילט, אַז נאָר דער סאָציאַליזם קען באַפרײַען די אידישע מאַסן פון זייער אונטערדריקונג און מאַכן זיי פאַר מענטשן גלײַך. ער ווערט זאָגאַר דער וואָרט־פירער פון אָט דער אינ־טעליגענץ.

קיין אידישע סאָציאַליסטישע פאַרטיי איז נאָך דאַן ניט געווען. אין פּוילן האָט שוין עקזיסטירט די פּוילישע סאָציאַליסטישע פאַרטיי (פּ. פּ. ס.), וועלכע איז געווען דורכגעדרונגען מיט די אידייען פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". האָט ער מיטגעהאָלפן מיט אַלעם מעגלעכן אירע אידישע פירער צו פאַרשפּרייטן די סאָציאַליסטישע אידייען צווישן די אידישע מאַסן. ער וואַרפט זיך דאַן אַרײַן אין דער פּובליציסטיק. ער שרײַבט אַרטיקלען, נאַטור־וויסנשאַפטלעכע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּאָפּולאַריזאַציעס. קריטיק, פעליעטאָנען אונטער זײַן אייגענער אונטערשריפט און אונטער די פּסעוודאָ־נימען י. ל. פּ., פּלא"י, לצפר, בן־תמר, דר. שטיצער, „דער לץ פון דער רעדאַקציע", „לאָמפּנפּוצער", „היתום מנעמיראָוו" און אַנדערע.

אין זײַן „אידישע ביבליאָטעק" פירט ער זאָגאַר איין אַן „אָפּטיילונג פאַר באַל־מעלאָכעס", וואו ער שרײַבט אַליין אונטער די ראָשע־טייוועס י. ל. פּ. וועגן פאַר־

שיידענע פראַפעסיעס. ער ווייזט דאָרט אָן ווי אַזוי צו לערנען זיך אַלערליי מעלאָ־כעס, ווי דער באַלמעלאָכע דאַרף זיך פירן, אָן וואָס פאַר אַ סיסטעם ער דאַרף זיך האַלטן, קעדיי איינצוהיטן זיין געזונט און געניסן אַלץ מער פון זיין אַרבעט. ער פּריידיקט דאָרט, אַז די באַלמעלאָכעס זאָלן זיך פאַראייניקן צווישן זיך, דאַן וועט זייער אַרבעט זיין בעסער און זיי וועלן קענען מער פאַרדינען. דאָס וועט זיי געבן אַ מעגלעכקייט צו האָבן מער פרייע צייט און זיי וועלן זיך קענען פאַרנעמען מיט זעלבסט־אופקלערונג.

ער מוסערט די באַלמעלאָכעס פאַר זייער נאַכלעסיקייט, פאַר זייער אומ־אָרנטלעכער באַנעמונג צום קונד, צום קוינע; פאַר זייער שווינדלען, פאַר זייער ניט באַזאָרגן זיך אַף שלעכטע צייטן, פאַר זייער איילעניש און יאָגעניש. ער גיט זיי אייצעס צו מאַכן קאָאָפּעראַטיווע ווערקשטאַטן, קעדיי זיי זאָלן ניט דאַרפן אַזוי פיל ליידן פון די מאַיסטערס, פּראַצענטניקעס, סאָכרים, מעקלער; זיי זאָלן זיך באַציען צו זייער אַרבעט אָרנטלעך, ערנסט, מיט ליבע, ווי צו אַ קונסט, וועט זי פאַר זיי ווערן אַ קוואַל פון גייסטיקן פאַרגעניגן.

די אַרבעט דאַרף, לויט פערעצעס מיינונג, אופהייבן דעם מענטשן צו אַ העכע־רער מאַדרייגע, מאַכן געזונט זיין גוף און גאַנץ זיין גייסט. ער וויל דעריבער, אַז די אידן זאָלן אופהערן צו זיין בלויז האַנדלס־לייט, נאָר זיי זאָלן זיך פאַרנעמען מיט פּראָדוקטיווער טעטיקייט, זיי זאָלן ווערן באַלמעלאָכעס, פאַבריק־אַרבעטער; דאַן וועט מען אופהערן צו קוקן אַף זיי, ווי אַף פּאַראַזיטן; ער רופט דאָס פאָלק צו בילדונג, צו אַקטיוויטעט.

קעדיי אַלץ מער אופצואוועקן די מאַסן, לאָזט ער דערנאָך אַרויס זיינע „יאָנטעוו־בלעטלעך", וועלכע מאַכן אַ גאַנצע עפּאָכע אין דער אידישער ליטע־ראַטור. די „יאָנטעוו־בלעטלעך" ווערן דאַן פאַרשפּרייט צווישן די מאַסן, מע לעזט זיי אין די אַרבעטער־קרייזלעך, מע דיסקוטירט זיי אַף די „בירזשעס". יעדע שורע אין זיי ווערט שטודירט, געלערנט מיטן גרעסטן ערנסט. פאַרשטעלטערהייט, מיט אַסאַך פינטעלעך ווערן דאָרט אַרויסגעזאָגט ריין סאָציאַליסטישע געדאַנקען, און מע שעצט די „יאָנטעוו־בלעטלעך" ניט ווייניקער ווי די אומלעגאַלע ביכלעך מיט די שוואַרצע טאַוולען.

אין יענער צייט שאַפט פערעץ קימאַט הויפּטזעכטלעך רעאַליסטישע זאַכן, אין וועלכע עס ווערט געשילדערט דאָס אָרעמע אידישע לעבן, אָדער קאַמפּס־מאָטיוון אין לידער און פּראָזע. ער פאַרפאַסט זאָגאַר אַ גרעסערע דערציילונג אין בריוו פונם אַר־בעטער־לעבן מיטן נאָמען „וועבער־ליבע", וועלכע ער פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1897 אונטערן פּסעוודאָנים „פּלאַ״י״ אין ניו־יאָרקער „זונטאָגס־אבענד־בלאַט".

די אידישע אַרבעט־מענטשן, וואָס פאַרדינען זייער שווער זייער ברויט, בילדן מיט זיך אַ גאַנץ באַזונדער וועלטל אין פערעצעס ווערק. דער קינסטלער ברענגט בוילעט אַרויס די ליידן און פריידן, די דאַיגעס און האָפענונגען פון די פאַרהאָרע־וועטע פאָלקס־שיכטן, און עס וואַקסט פאַר אונז אויס אַ מערקווירדיק רייכע פּאַנאָ־ראַמע פון דעם אידישן דאַלעס. דעם דאַלעס זעען מיר דאָ ניט אין זיין נאַקעטער גע־שטאַלט, וויאַזוי ער ווירקט אַף דער אויסערלעכער סוויווע, נאָר ווי אַזוי ער שפּיגלט זיך אָפּ אַף דער פּסיכאָלאָגיע פון זיינע טרעגער, ווי ער דרינגט דורך זייערע נע־שאָמעס...

אָט די אַלע טיפּן זיינען אין גרונט גענומען לופט־מענטשן; זיי האָבן ניט קיין באַשטימטע באַשעפטיקונג. איינער איז היינט אַ טרעגער, אַ קוטשער, מאָרגן אַ באַלעגאָלע, אַ וועכטער, איבערמאָרגן אַ וואַסער־טרעגער, אַ האָלץ־העקער און איבעראַכטאָג גאָר אַ מעשולעך אָדער אַ שאַמעש. זיי אַלע שטייען ניט זיכער אַף זייערע פיס; זיי מוזן אָנקומען צו יענעמס לאַסקע, ווייל אַלץ איז בא זיי צופעליק; דעריבער באַמערקט זיך בא זיי אזא האַכנאָעדיקייט, אזא אונטערגעוואָרפנקייט צום שיקזאַל, האגאם זיי האָבן שיינע, פילנדיקע נעשאָמעס. אַנדערש איז מיטן באַלמעלאָכע, ער האָט אַ באַדן אונטער די פיס; ער האָט אַן אַרבעט, וועלכע ער ליבט; מענטשן מוזן אָנקומען צו אים. דעריבער איז בא אים דאָ אַ אינערלעכער שטאָלץ, דעריבער לעבט אין אים אַ נאַטירלעך פּראָטעסט־געפיל. אומבאַוואוסט פאַר זיך אַליין פילט דער באַלמעלאָכע זיין מאַכט, אַז ער פאַרנעמט אַ וויכטיקן אָרט אין דער געמיינדע; באַציט ער זיך אַביסל קריטיש צו די רייכע, צו די רעדל־פירער, האָט ער אַ סקעפּטישן קוק אַף די פירונגען פונם לעבן...

דער בעסטער פאָרשטייער פון דעם באַלמעלאָכע איז בערל קאָלבאַס פונם „שטריימל״.

„דאָס שטריימל״ איז אַפילע אַ בייסנדע סאַטירע אַף דער פינצטערער אָרטאָדאָקסיע, און אין דער פערזאָן פון בערל קאָלבאַס ווערט געשילדערט אַ טיפּישער אַפּיקוירעס, וועלכער זעט דעם וואָרצל פון אַלע שלעכטס אין דער פאַרפירערישער רעליגיע און אירע פאָרשטייער. עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, אַז פערעץ האָט אַרויסגעשטעלט אַלס אַפּיקוירעס ניט קיין וואויל־לערנער, וואָס האָט זיך אָנגעלעזן „טרייף־פּאָסלס״, נאָר גראָד אַ באַלמעלאָכע, וואָס האָט אַלץ אַליין באַגריפן מיט זיין אייגענעם סייכל.

„דאָס שטריימל״ האָט אַרויסגערופן אַ גאַנצן שטורעם. די פרומע האָבן דעם פאַרפאַסער קימאַט געהאַלטן אונטער אַ כיירעם, ווייל די מאַיסעלע איז געווען אַ שטאַרקער פּראָטעסט קעגן דער הערשאַפט פון די פינצטערלינגע, וואָס האלטן אין אונטערדריקונג די מאַסן; פאַר די ארבעטער איז זי אָבער געווען די בעסטע אַגיטאַציאָנס־שריפט און זי האָט ניט בא איינעם פון זיי געעפנט די אויגן...

אַ פּראָטעסטירנדיקע נאַטור איז אויך דער קעסל־מאַכער יוינע באַץ פון „אייזיקלשוויכעט״.

„בערל שניידער״ פּראָטעסטירט אַף זיין אויפן. ער מאַכט אַ „שטרייק״ קעגן גאָט, פאַרוואָס יענער גיט אים ניט קיין פּאַרנאָסע; און אין הימל ווערט אזא טומל יאָמקיפּער באַנאַכט צוליב דעם, אז דער רעבע רופט בערלען צו זיך און גיט נאָך אַלע זיינע „פאָדערונגען״.

מיט רעוואָלט שמעקט אויך אין דער סימוואָלישער דראַמע „אין פּאָליש אַפן קייט״.

דאָרט ווערט אַריינגענומען אין כיירעם און צוגעשמידט צו אַ קייט דער „זינדיקער״ פּאָרוש, וואָס האָט צעשטערט די כופּע פון דעם גוויר בראַכיעס טאָכטער, וועלכע ער האָט געליבט מיט אַ הייליק־אידעאַלער ליבע. דער האמוין האַסט בראַכיען, ווייל ער האלט די גאַנצע שטאָט אין אונטערדריקונג. עס הערן זיך פּראָטעסטן פון אַלע זייטן קעגן דער פאַרשמידונג פון פּאָרוש. מע שאַנעוועט קיינעם ניט. אַפילע דעם ראָוו, וועלכער איז אַ שקלאַף בא בראַכיען. עס קומט דער שלאָסער, וועלכער

וויל איבערפיילן די קייט און באפרייען דעם פּאָרוש. דער האמוין גיט אים צו מוט, באַזונדערס שאַרף הערן זיך אָבער די שטימען פון די באַלמעלאָכעס, הילכט אָפּ זייער פּראָטעסט קעגן בראכיעס מעמשאָלע. זיי שרייען צום שלאָסער:

פייל, פייל,
אף אונזער כעשבן פייל;
זאָל אַ האַנט די צווייטע וואַשן;
דו וועסט אונז די יאָך צעברעכן,
מעוואַטל וועסטו זיין די פּאַכט.

דאָס איז שוין אַן עמעסער בונט, אַ בונט פון שקלאַפן, וואָס הייבן זיך אוף קעגן זייער הערן, און אף אזא בונט זיינען אין דעם פּאַרצייטיקן כסידישן שטעטל בלויז פייאיק די באַלמעלאָכעס, אין וועלכע עס לעבט אַ אינסטינקטיווער רעוואָלוציאָנערער גייסט...

ווי מע זעט, זיינען די באַלמעלאָכעס בא פּערעצן פּאָזיטיווע טיפּן. זיי פּארמאָגן אַ געזונטן גייסט, און ווי שווער דאָס לעבנס-יאָך זאָל זיי ניט דריקן, קען עס אָבער אין זיי ניט אָפּטויטן די צאַרטע מענטשלעכע געפילן, זייער נאַטירלעכע כאראקטער-אויסגעהאַלטנקייט.

זיי זיינען שטענדיק טריי צו זיך אַליין, סיי אין זייער אַרט לעבן, סיי אין זייער אַרט דיינקען...

(„דאָס ארבעטער-פאָלק אין פּערעצעס
ווערק". קאטערינאָסלאוו, 1918).

באַל-מאַכשאָוועס.

דאָס שטעטל אין פּערעצעס „סקיצן און בילדער".

אונטער דעם טיטל: „בילדער פון אַ פּראָווינץ-רייזע" האָט אונז פּערעץ געגעבן (אין יאָר 1890) אַ בילד פון דעם פּוילישן שטעטל. געווידמעט האָט ער זיינע בילדער „די אַלע, וואָס האָבן געוואָלט, נאָר, ליידער, נישט געקאָנט העלפן". ער איז אוועק אין שטעטל מיט אַ נייער באציאונג צו דעם. נישט ווי אַבראמאָוויטש און שפּעטער שאָלעם-אַלייכעם, וועלכע זיינען געווען מיט דעם שטעטל ווי אויסגעבונדן און האָבן עס באַשריבן מיט דעם טאָן פון איינעם, „וואָס לעבט דורך די אייגענע ליידן", איז פּערעץ אוועק אַף די פּראָווינץ, נאָר ווי אַ מענטש פון אַן אנדער וועלט, וואָס האָט געוואָלט זען, וואָס טוט זיך בעעמעס אין די קליינע שטעטלעך, אף וואָס מע האָפּט דאָרט, פון וואָס מע לעבט און וואָס מע טוט דאָרט.

דאָס שטעטל דערשיינט אין דער שילדערונג פון פּערעץ אין אַ צושטאַנד פון דעגענעראַציע. דאָס שטעטל גייט אונטער, עס פוילט אַף דער זון, ווי אַ געפּייגערט פערד. מען טרעפט נישט אָן אַף דעם מארק-פּלאַץ קיין איין פּאָנים, וואָס זאָל איידעס זאָגן פון אַ געזונטן גוף. עס בלאָנקען אַרום אף די בלאָטיקע שטעגלעך דאַרע, אויסגעהונגערטע מענטשן. קיינער פון די דערוואַקסענע ווייסן ניט, וואָס וועט מיט זיי מאָרגן זיין, ווען זיי וועלן אָפּעסן היינט זייער אָרעמע וועטשערע. די מענטשן פון שטעטל דערנערן זיך מיט אַזוינע מאַכאָלים, וואָס זיינען פיזיאָלאָגיש נישט בעקויעך צו געבן

דעם גײַטיקן כאַיעס. די קינדער קומען אָפּ אַ לאַנגן כײדער־טאָג מיט אַ שטיקל ברויט און אַ שטשיפּיאָרעק (אַ ציבעלע) דערצו; אַ פאַרצויגן קינד באַקומט פון דער מאַמען צוויי שטשיפּיאָריקעס צום ברויט. אַ טיפן אײַנדרוק מאַכט דאָס פאַרצויגן אײנגעלע פון דעם שטעטל, ווען די מאַמע איז אוועק אָפּ דער עמעסער וועלט און דאָס אוי־פּעלע איז אַ יאָסעם געוואָרן. פּערעץ שפּאַצירט מיט אים אין אַ לעוואָנע־נאַכט דורכן שטעטל, וואו עס ענדיקט זיך אַ טאָג מיט „אַ שטיקל טרוקן ברויט מ י ט אָדער אָן אַ הערינג, און עפּשער קרישמע — אָן אַ וועטשערע", און ער ציט אַרויס פון יאָסעמל אײַנגאַנצן צוויי באַקאָשעס צו גאָט: „פון טאַטן אָפּ דער ע ר ד נאָך אַ שטשיפּיאָרעק און פון פאָטער אין ה י מ ל — די לעוואָנע זאָל גרעסער ווערן".

אין קאַפּיטל „דער יאַרטשיוועד ראָוו" האָט אונז פּערעץ סימוואָליש געוויזן דעם טאָך פון דער דעגענעראַציע אין שטעטל. מיט אַ מאַיסטער־פּעדער האָט ער אונז געשילדערט אַ גײַסטיקן צושטאַנד, בעאייס איטלעך שטיקעלע מויסרעס אין לעבן איז אַן אומגליק.

צוגלייך מיטן יאַרטשיוועד ראָוו איז „די סקולער רעבעצן" אַ מאַיסטער־שטיק פון אַ קליינעם זשאַנר־בילד, אַ טיפער סימוואָל, וואָס ווײַזט אונז דאָס שטעטל אין זײַן גאַנצער טויטקייט. סײַ דער עמעסער ראָוו, סײַ די אַמאָליקע רעבעצן דערמאָנען אונז אָן טויט, אָן עפּעס, וואָס איז שטיל, אָן טאַינעס, נאָך מיט אַ שמייכל אָפּ די ליפּן, אַוועק פון קאָכעדיקן לעבן. זיי ביידע זײַנען עפּשער די אײנציקע געשטאַלטן אינעם שטעטל, וואָס צעווייטיקן נישט דעם לעזער דאָס האַרץ, אָפּ ביידנס פּענימער ליגט שוין די רואיקייט פון אַ וועלט, וואָס איז נישט אונזער וועלט. די איבעריקע פּאַר־שוינען אין שטעטל זײַנען אָבער האַלבע מייסים, וואָס טאַנצן אין קאָן און מאַכן האַ־וואַיעס פון לעבעדיקע. און מע דאַרף שוין זײַן אַזוי טויט ווי דער ראָוו און די רע־בעצן, קעדיי צו קאָנען דאָס פאַרטראָגן מיט אַ רואיקן געמיט. אין די קאַפּיטלען „ביטאָכן", „ל״ו צאַדיקים", „דערציילטע מאַיסעס" ווײַזט אונז פּערעץ אַן אײדע, וואו גלויבן איז געוואָרן איבערגלויבענישן. ער באַקענט אונז מיט אַ מאַסע, וואָס איז שוין אַזוי באַרבאַריש, ווי די יאַקוטן, וואָס ציטערן פאַר זייערע שאַמאַנען. אַלס מאַסע איז זי דורך און דורך נישט אָרגאַניזירט: „קאָל איסראָעל איז נישט מײַן, קאָל איס־ראָעל איז דעם ריבוינע שעל אוילאָמס" — זאָגט אַ איד פון טישוויץ.

דער אײַנדרוק פון פּערעצעס שטעטל איז גאָר אַן אַנדערער ווי פון אַבראַמאָ־וויטשעס שטעטל. פילט מען צו יענע פאַראַכטונג און ראַכמאָנעס — באַקומט מען דאָך צוגלייך די פאַרשטעלונג פון אַ מאַסע, וואָס לעבט מיט אַן אַלטער קאָמפּליצירטער קולטור.

פּערעצעס שטעטל ווײַזט אונז אַ פאַרווילדערטע, אָרעמע, אומוויסנדיקע מאַסע אין אַ צושטאַנד פון דער גסיסע. זײַן באַציאונג צום שטעטל איז אַ טיף פּעסי־מיסטישע.

נישט אומזיסט האָט פּערעץ זײַנע באַאָבאַכטונגען געווידמעט „די, וואָס ו י ל ן און ק אָ נ ע ן נישט העלפן".

פּערעץ האָט פאַרלאָזן דאָס אידישע שטעטל מיט דעם געפיל, ווי יענער פּראָפעסאָר, וואָס מע רופט אים אַרויס צו אַ גויסעס. ווי ליב און טײַער עס איז אים עפּשער דאָס שטעטל פון זײַן יוגנט, אין זײַנע עלטערע יאָרן קאָן ער עס מער נישט אויסשטיין, אויב ער וויל נישט אָנהייבן קרייען, ווי יענער מע־שוגענער.

(„קריטיק", קיעוו, 1920).

א. גורשטיין.

פערעץ אין די 70־ער יאָרן.— פערעצעס ערשטע באַגעגענישן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג.

אין די 90־ער יאָרן איז שוין פערעץ אַריין אלס אַנערקענטער שרייבער און אינגיכן איז ער צוגעטראָטן צו זיין „פאַרלעגערישער" אַרבעט. צו די 90־ער יאָרן געהערט די פאָרמירונג פון א גאנצער פלעיאַדע יונגע אידישע שרייבער, וואָס דער אָנהייב פון זייער שאַפן איז אַדורך אונטערן צייכן פון פערעצעס אַקטיווער ווירקונג. דידאָזיקע שרייבער האָבן זיך אַמיינסטן גרופירט אַרום פערעצעס אויסגאַבן.

וועגן פערעצן אין די 90־ער יאָרן דערציילן אין זייערע דערינערונגען אַ ריי מעכאַברים. פריער פאר אלץ דארף דאָ דערמאָנט ווערן דער וואַרעמער אַרטיקל פון ב. גאָרין „איצכאָק־לייבוש פערעץ", פאַרעפנטלעכט נאָך בא פערעצעס לעבן. ב. גאָרין דערציילט וועגן פערעצעס באַציאונג צו די יונגע שרייבער, וועגן זיין אָרגאַניזירן אַרום זיך א ליטעראַרישע סוויווע. ב. גאָרין געברויכט שוין דעם אויסדרוק „אין פאַמיליע" בעניגייע צו פערעצן און „די שרייבער פון וועלכע ער האַלט", א רעמעז אַף ה. ד. נאָמבערגס שפעטערדיקער פאָרמולע „פערעץ—דער פאָטער פון דער ליטעראַרישער מישפאָכע". „אַלס רעדאַקטאָר, שרייבט ב. גאָרין—האָט פערעץ זייער פיל אופגעטון פאַר דער אידישער ליטעראַטור... זיין אַרבעט... אַלס רעדאַקטאָר איז נאָר באַוואוסט צו יעכידע־סגולע". מיר וועלן ברייגען א לייגערע ציטאַטע פון ב. גאָרינס אַרטיקל — ס'איז זייער אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס פערעץ זאָגט זיך דאָ אַליין אַרויס וועגן זיין פאָעטיק.

„פערעץ האָט מיר דערקלערט — דערציילט ב. גאָרין — אַז זיינע א ווערק מוז זיך אָפהאַנדלען אַף איין פלאַץ. טאָמער דארף די האַנדלונג אינמיטן אונטערבראָכן ווערן און איבערטראָגן זיך אַף אן אנדער פלאַץ, פאַרלירט ער דעם פאָדעם פון דער האַנדלונג... און ווען עס איז... נייטיק, אַז די האַנדלונג זאָל פאָרקומען אין צוויי פלעצער, מוז ער געפינען... אַ מיטל ווי אַזוי צוזאַמענברייגען אַלעמען אַף איין אָרט. ער האָט אַזאַ מיטל געברויכט (אין דער דערציילונג „אינם פאָסט־וואָגן"). צוויי מענטשן פון באַזונדערע פלעצער דערציילן אים מאַיסעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין צוויי באַזונדערע פלעצער. נאָר אין דער דערציילונג ווערט דער אָרט פון דער האַנדלונג ניט געביטן, נאָכמער, דער שרייבער איז די גאַנצע צייט אונטער דעם איינדרוק, אַז דאָס האַנדלט זיך וועגן איין פערזאָן און אַז דאָס איז א פאָרזעצונג פון דער האַנדלונג".

פינסקיס „ביסל זיכרוינעס" וועגן פערעצן פאַרצייכענען אַ ריי אינטערעסאַנטע מאָמענטן פון די 90־ער יאָרן אין פערעצעס לעבן, באַזונדערס פון זיין פאַרלעגערישער אַרבעט. אויב די פריערדיקע דערינערונגען ריידן הויפטזעכלעך וועגן פערעצן דעם „רעדאַקטאָר", דערציילט אונז ד. פינסקי וועגן פערעצן דעם „פאַרלעגער" און עס בלייבט אין זיקאָרן זיין דערציילן וועגן „ספעקטאָרס שוועגערן", וועלכע האָט אויסגעהאָלפן אונזערע „פאַרלעגער" מיט אירע הונדערט און פופציק רובל אַף אַרויסצוגעבן אַ זאמלבוך...

ד. פינסקי טיילט מיט פערעצעס צוויי פסעוודאָנימען, וועלכע זיינען געווען ביז דאַן אומבאַקאַנט: „י. ל. צופעליג" און „ישראל שווערגעמוט", און אגעוו דערציילט ער וועגן פערעצעס אַ ניט פאַרעפנטלעכער יוגנט־פאָעמע „וואו נעם איך א העלד ?", געשריבן אין סטיל פון באַיראָנס „טשאַילד־האראָלד".

אומגעפּער צו דערזעלבער צייט, וועגן וועלכער ס'דערציילט ד. פּינסקי (אינמיטן די 90־ער יאָרן), געהערן פאָלגנדיקע ווערטער פון פּערעצעס א ניי־פאַרעפנטלעכן (העברייאישן) בריוו: „האַלב פון מיינע טעג פאַרברייננג איך אין גמינע־הויז, דערנאָך בין איך אן אָנגעשטעלטער אין קאָמיטעט, וואָס קעמפט מיטן ווינט, כ'האָב געוואָלט זאָגן — מיט כאָלעריע, און דערנאָך בין איך א אידישער שרייבער... די לעצטע צייט — געלויבט און גערימט דורך דובנאָוו, בן דוב פרידבערג אוכעדוימע"...

די 90־ער יאָרן פאַרבינדן פּערעצעס נאָמען מיט דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. פּערעץ און זיין באַציאונג צו דער אַרבעטער־באַוועגונג—דאָס איז געוויס איינער פון די אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטלעך אין פּערעצעס ביאָגראַפיע. פון וואָס פאַר א פאַרנעם אָבער איז געווען די דאָזיקע באַציאונג? מ. ליטוואַקאָוו קוואַליפיצירט זי גאַנץ געלונגען אַלס „אַרבעטער־ליבשאַפט", נאָר ווען ער פירט דורך אן אנאלאָגיע צווישן פּערעצעס „אַרבעטער־ליבשאַפט" מיטן רוסישן „לעגאַלן מאַרקסיזם", שאַפט ער לאַ־כלוטן א ניט־ריכטיקע פּערספּעקטיוו: בעשאַס אין לעגאַלן מאַרקסיזם (אין זיין סטרווע־גילגל, לעמאָשל) האָבן מיר צו טון מיט א פולשטענדיקער איבערגעבורט, ווייזן די פאַראַנענע ביאָגראַפישע מאַטעריאַלן ניט אויף אין דער „עוואָלוציע" פון פּערע־צעס „אַרבעטער־ליבשאַפט" קיינע סימאָנים פון אזא מין איבערגעבורט.

ד. פּינסקי, וואָס איז געשטאַנען נאָענט צו פּערעצן אין דער ערשטער העלפט 90־ער יאָרן און וואָס איז אַליין געווען געשטימט „סאָציאַליסטיש", דערציילט וועגן פּערעצעס ערשטער באַגעגעניש „פּאָנים־על־פּאָנים מיט אן ארבעטער־אָרגאניזאציע". ד. פּינסקי האָט געבראַכט פּערעצן אף א קאָנספּיראַטיווער פאַרזאַמלונג, און כאָטש „פון ביידע זייטן האָט מען זיך שטאַרק געפרייט אף דער באַגעגעניש", זיינען די ביידע צדאָ־דים... זיך צעגאַנגען אַנטוישטע. די אַרבעטער איז ניט געפעלן געוואָרן, וואָס ער (פּערעץ) האָט זיך געהאַלטן ווי א גאַסט, און אים האָט פאַרדראָסן, וואָס מער ווי א גאַסט האָט ער ניט געקאָנט זיין"... אין טאָך גענומען איז עס אייגנטלעך די אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון פּערעצעס באַציאונגען מיט דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג: מער ווי א „גאַסט" איז פּערעץ אין דער באַוועגונג געוויס ניט געווען, כאָטש דאָס איז געווען א פריינטלעכסטער און זייער אן אָנגענומענער גאַסט.

ה. ד. נאָמבערג דערציילט אין זיין פּערעץ־אַרטיקל פון „דאָס בוך פעליעטאָנען" וועגן דעם פאַר־„בונד" פּעריאָד: פּערעץ איז דאַן „געווען בארוישט פון סאָציאַליסטי־שע אידייען, עמעס, ניט גענוג קלאָרע און דורכגעטראַכטע". בענוגייע צו די שרייבער און קולטור־טוער, וואָס זיינען געווען אָנגענומען אין דער אידישער סוויווע, איז פּע־רעץ געווען געשטימט קעגנעריש, אָפּגעלייקנט „אַלץ און אַלעמען", כאָטש די „פּאָ־זיטיווע זייט" פון פּערעצעס „פּראָגראַם" איז געווען גאַנץ אומקלאָר.

שפּעטער, ווען די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג באַקומט שוין אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען, באַקומען אויך פּערעצעס פאַרבינדונגען מיטן „בונד" א מער שטאַנדהאַפטן כאַראַקטער. וועגן די דאָזיקע פאַרבינדונגען (פּערעצעס אַנטייל אין פאַרשיידענע ארויס־טרעטונגען פון „בונד") רעדט אין א געהויבענער שטימונג שאַכנע עפּשטיין אין זיין אַרטיקל „י. ל. פּערעץ און די אידישע אַרבעטער". ב. מיכאַלעוויטש אָבער, וועלכער ברענגט אגעוו אייניקע אַלגעמיינע שטריכן פון די דאַמאָלסטיקע געזעלשאַפטלעכע שטימונגען אין דער אידישער סוויווע, כאַראַקטעריזירט פּערעצן נאָר ווי איינעם א „סימפּאַטיקער", א „מיטפילנדן" (א גענוג פאַרשפּרייטע קאַטעגאָריע צווישן דער „אינ־טעליגענץ".

אין די צאַרישע צייטן איז פונדעסטוועגן אויך פּערעצעס „מיטפילנדיקייט" געווען גאַנץ גענוג אַף צו אַרעסטירן פּערעצן און האַלטן אים אַ צייט אין דער טפּיסע. וועגן דעמדאָזיקן אַרעסט געפינען מיר יעדיעס אין אַ ריי דערינערונגען וועגן פּערעצן. מ. ספּעקטאָר, וואָס איז אויך געווען ארעסטירט איינצייגעם מיט פּערעצן, האָט וועגן דעם אָנגעשריבן אַ גאַנץ ביכל (מ. ספּעקטאָר און י. ל. פּערעץ אין פעסטונג. פּארלאג „ליטעראטור". אָדעס 1919), וואו ער האָט גאָר ברייטלעך דערציילט וועגן דעם זיצן אין ווארשעווער „ציטאַדעל"... ווי מע זאָל ניט אָפּשאַצן פּערעצעס באַציאונגען מיט דער ארבעטער־באַוועגונג, האָבן זיי געוויס געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין פּערעצעס ביאָגראַפיע, אין זיין שאַפן. אויב גאָר קאָנקרעט האָט זיך פּערעצעס נאָענטקייט צו דער באַוועגונג אויסגעדריקט נאָר אין אזוינע זאכן פּערעצעס ווי „וועבער־ליבע"—ציען זיך אָבער פון דעדראָזיקער נאָענטקייט גאָר פילע, ווינציקער באַמערקבאַרע פעדים צו פּערעצעס אָפּטע סאָציאַלע מאָטיוון...

גאָר אַ גרויסן רעזאָנאַנס האָט פּערעצעס נאָענטקייט צו דער ארבעטער־באַוועגונג געהאט אין דער ארבעטער־סוויווע גופא. עס טאָר ניט פאַרגעסן ווערן, אז פּערעצעס אויסגאַבן האָבן געגומען דערשיינען נאָך פריער, איידער עס איז אנטשטאַנען דער „בונד", איידער עס איז געווען אַ וועלכע ניט איז פאַרטייאישע ליטעראטור אין אידיש, זיינען טאַקע אַ לאַנגע צייט פּערעצעס „יאָנטעוו־בלעטלעך" געווען די איינציקע אידישע אויסגאַבן, וואָס מע פלעגט געפינען באַ די אונטערזוכונגען און ארעסטן פון אידישע ארבעטער.

ביז גאָר אינטערעסאַנטע יעדיעס וועגן דער פּאָפּולערקייט פון פּערעצעס אויסגאַבן צווישן דער אופוואַכנדיקער אידישער ארבעטערשאַפט און וועגן דער ראָלע, וואָס זיי האָבן געשפּילט, געפינען מיר אין דעם רייכן מיט פאַקטישן מאַטעריאַל ארטיקל פון א. ליטוואַק „די זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן".

צווישן די באַגריסונגען, וואָס פּערעץ האָט באַקומען צו זיין יובילײ (1901), איז געווען אויך אן אָפיציעלע באַגריסונג פון „בונד". די אַרבעטער, וואָס האָבן געבראַכט פּערעצן די באַגריסונג, האָבן אים אויך געבראַכט אן אייגנארטיקע מאַטאָנע: אַן אלטן פאַרפלעקטן עקזעמפּלאַר פּערעצעס „יודישע ביבליאָטעק", וואָס פלעגט געהיים אַריבערגיין אין דער טפּיסע פון איין פּאָליטישן אַרעסטירטן צום צווייטן. די אַרעסטירטע פלעגן אונטערשטרייכנדיק די אָדער יענע אויסיעס אַזוי ארום זיך דורכשמועסן... דער ניט לאַנג פארעפנטלעכער אין פאַקסימילע „אַדרעס פון לאָדזער אַרבעטער" זאָגט אמבעסטן איידעס אַף די באַשטענדיקע סימפּאַטיעס פונם אידישן אַרבעטער־קלאַס צו פּערעצן „אַפילע שוין נאָך פּערעצעס „אָפּגאַנג".

(„צייטשריפט", מינסק, 1926).

ה. ד. נאָמבערג.

פּערעץ און די סאָציאַליסטישע אידייען.—פּערעץ און דער מאָדערניזם.—פּערעץ און די אידישע פאָלקס־שאַפונג.

פּערעץ איז אין זיין לעבן געשטאַנען אונטער אלערליי האַשפּאָעס. ער האָט געהאַט אַ קנאַפּע צוגעבונדנקייט צו אידייען—ער איז געווען אן עמעסער פרייער פייגל, אַ דאָן־זשואַן אין דער וועלט פון אידייען: ער האָט געלעבט מיט דער לעצטער און שענסטער אידייע, וואָס האָט באַוועלטיקט זיין האַרץ. אין דער טיפעניש פון

זיין וועלט־אנשויאונג איז עס געלעגן, וואָס ער האָט זיי טראַקטירט אַזוי ווי שיינע פרויען, און האָט זיי געשטעלט די פאָדערונג, וואָס מע פאָדערט פון אַ פרוי, דעהאַינע, זי זאָל זיין רייצנד, שיין־שטראַלנדיק און אַמיזאַנט, און — זי זאָל ניט פאָדערן קיין כופּע מיט קיין קסובע און אַ פאַרבינדעניש אויף אייביק. אויף דעמדאָזיקן געביט פון אַלערליי פּאָליטישע, מאָראַלישע און עסטעטישע אַני־מאַמינס איז ער אָן שום ספק געווען דער גרעסטער אָנהייגער פון „פרייער ליבע", מיט איין תּנאַי: אַז דאָס זאָל ניט זיין גלאַט אַזוי אַ טאַיוועלע, נאָר טאַקע אַ ליבע, וואָס פאַרכאַפּט, פאַרקישעפט און פאַרבלענדט, וואָס מאַכט די אויגן גלאַנצן, און רידעוודיקער דאָס בלוט אין די אָדערן.

איך האָב געטראָפן פּערעצן אין אַ צייט, ווען ער איז געווען באַרוישט פון סאָציאַליסטישע אידייען, עמעס, נישט גענוג קלאָרע און דורכגעטראַכטע. עס איז געווען באַלד נאָך די „יאָנטעוו־בלעטלעך", אין אָנהייב פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אויף דער אידישער גאַס. אַרום פּערעצן האָבן זיך גרופּירט עטלעכע יונגע סאָציאַליסטן. צו זיי האָט נעהערט אויך דאָוויד פּינסקי, וואָס האָט אין די „בלעטלעך" פאַרטראָטן שוין אַ „שטאַנדפּונקט" אַ סאָציאַליסטישן. דער „בונד" האָט זיך דעמאָלט נאָך ניט געהאַט אָרגאַניזירט. פון די איבעריקע יונגעלייט זיינען געווען אָנהייגער און מיט־גלידער פון דער פּ. פּס. און אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, פון „פּראָלעטאַריאַט", די ערשטע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע אין פּוילן. פּינסקין האָב איך שוין ניט גע־טראָפן אין וואַרשע. עטלעכע פון יענער גרופּע, וואָס האָט מיטגעהאָלפן באַם אַרויס־געבן און פאַרשפּרייטן די „בלעטלעך", האָבן זיך נאָך געהאַלטן נאָענט צו פּערעצן. דידאָזיקע נאָענטקייט האָט געבראַכט פּערעצעס אַרעסט פאַר אַ פאָרלעזונג צום גונסטן פאַר שטרייקנדיקע אַרבעטער. דער אַרעסט האָט געדויערט דריי כאָדאָשים.

פון דער „אידישער ביבליאָטעק" ביז צו די „יאָנטעוו־בלעטלעך" איז אַ היפּשער שריט פאָרויס. אין דער ערשטער שטייט פּערעץ נאָענט צו אַ קרייז פּויליש־אידישער דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ. פּראָפ. דיקשטיין, דר. גאָלדפלאַם און דער פאַרשטאָר־בענער גראָסגליק, דער סעקרעטאַר פון דער אידישער גמינע, האָבן די אונטערנעמונג געשטיצט; דער לעצטער האָט, דוכט זיך, מיטגעאַרבעט. די האַקדאָמע צו דער „אידי־שער ביבליאָטעק", כאָטש אין ליטעראַרישן זין גלענצנד אופגעשריבן, קאָן נאָר לויט דער פאָרם גילטן אַלס אַ ניי וואָרט; אין אונזער פּובליציסטיק קאָן זי בלי־ספק דינען פאַר א קלאַסישן מוסטער, אָבער אין טאָך אַריין, לויט דעם אינהאַלט נאָך, געהער זי צו דער מאַסקילישער ריכטונג. דער לאָזונג איז „בילדונג", דער „זשאַר־גאָן" איז אַ מיטל. עמעס, ניט ווילנדיק ווערט דאָס מיטל דאָרט אַזוי געצערטלט און עס פילט זיך דערצו אַזאַ צוגעבונדקייט, אַז ס'פּאַסט גאָרנישט צו דער אָפיציעלער באַקענטעניש. איך האָב געהערט, אַז דידאָזיקע אָפיציעלע שורעס זיינען דירעקט געשריבן געוואָרן אונטער דעם איינפלוס און פאַרלאַנג פון פּראָפ. דיקשטיין. אויף יעדן פאַל אָבער האָט זיך פּערעץ אין דער „ביבליאָטעק" ניט אָפּגעטיילט פון קרייז וואַרשעווער מאַסקילים צו יענער צייט. מיט עטלעכע יאָר פריער איז ער איינער פון די טעטיקסטע מיטאַרבעטער בא דער דורכפירונג פון דער אידישער סטאַטיסטיק דורך דעם געשמאַדטן מיליאָנער בלאָך, וואָס האָט זיך געשטעלט דאָס ציל אופ־צודעקן די אידישע אָרעמקייט פאַר דער רעגירונג. די רייזע־בילדער זיינען די ליטע־ראַרישע יערושע פון יענער אונטערנעמונג, און — דער איינציקער פּאָזיטיווער רעזול־טאַט, וואָס האָט מער ווערט פון דער גאַנצער סטאַטיסטיק, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט גאָרניט, אָן וויסנשאַפטלעכן און אָן פּראַקטישן רעזולטאַט.

אין די „בלעטלעך" פאַרשווינדט דער אַלטער מאַסקילישער טאָן אינגאַנצן. דאָס איז ניט קיין אויסווייניקסטע ענדערונג, אַ צופּאַסונג צו די אומשטענדן. פּערעץ רייסט אינעווייניק איבער מיט די אידייען פון די וואַרשעווער מאַסקילים. ער ווערט אינערלעך פאַרפּרעמדט פון דעם דאָר שרייבער, צווישן וועלכע ער לעבט. ער שטייט אין דער שאַרפסטער אָפּאָזיציע צו דער גאַנצער העברייאישער פּרעסע און ליטעראַטור פון יענער צייט.

אין דער צייט, ווען איך האָב אים געטראָפן, איז ניט געווען קיין שרייבער, קיין שום ליטעראַרישע דערשיינונג, אַכאַד האָאָם, צי י. ל. גאָרדאָן, וואָס פּערעץ זאָל האָבן דערפאַר מער ווי עטלעכע קורצע ווערטער פון פולשטענדיקן ביטל.

איך האָב אים באַאָבאַכט צו יענער צייט, און איך געדיינק, ווי ער האָט זיך געראַנגלט מיט דער מאָדערניסטישער ווירקונג, ווי איינער, וואָס ראַנגלט זיך מיט פינצטערע גייסטער און ווילדע, פרעמדע קויכעס. אין דער טיפעניש פון זיין נעשאָמע האָט ער ניט געקאָנט סוידל זיין דעם הויך פון טויט און צעלייגונג, וואָס האָט זיך געטראָגן פון יענער ריכטונג. ער איז אינערלעך געווען פרעמד און ווייט דערפון, אָבער דאָס איז דעמאָלט געווען דאָס לעצטע וואָרט, דאָס מאָדערנע און דאָס נייסטע. און ווי אַזוי האָט ער זיך געקאָנט אָפּזאָגן דערפון?...

ווייל פון אַלעס פון דער וועלט האָט פּערעץ געקאָנט ריידן און טראַכטן, אַלצדינג מענטשלעכע איז אים ניט געווען פרעמד, אויסער — דער טויט. ער האָט אים אינגאַנצן ניט גוירעס געווען, פאַרטריבן אים פון באַוואוסטזיין. ער איז לאַנגע יאָרן געווען אין דער וואַרשעווער אידישער גמינע דער באַאַמטער, וואָס האָט געהאַט צו טון מיט מייסים. און איך בין מעסופעק, צי ער האָט אין זיין לעבן געזעען אַמאָל אַ מעס. ער איז קימאַט קיינמאָל נישט נאָכגעגאַנגען נאָך קיין לעוואַיע, אויסגעמיטן דאָס בעט פון אַ שווער־קראַנקן און ניט גערעדט פון אַ טויטן. איך ווייס פון פאַלן, ווען נאָענטסטע און ליבסטע זיינען אים אָפּגעשטאָרבן אין די בליענדיקסטע יאָרן און האָבן מיטגעטראָגן מיט זיך אין קייווער אריין זיין טיפסטע האַרציקסטע ליבשאַפט און ער האָט אַקשאָנעסדיק אויסגעמיטן ווען זיי צו דערמאָנען. ער האָט פיינט געהאַט דעם טויט און האָט פיינט געהאַט די געבויגענע עלטער, וואָס שמעקט מיט קוואָרים־בלימלעך. פּאָשעט פיינט געהאַט און דערווייטערט פון זיך אַלץ, וואָס האָט אַ שאַיכעס צו דידאַזיקע מיעסע איניאָנים.

אָבער די פאַליע איז געווען צו שטאַרק. זי האָט צוגענומען פון אַלע זייטן. דער דאָר איז פול געווען מיט איר. פּערעצן האָט זי אַ יאָר צי צוויי געשטערט אין זיין שאַפן. דאָס איז געווען די צייט פון נאָך זיין אַרעסט ביז צום דערשיינען פון „יוד" און „הדור".

אין פּערעצעס טיפענישן איז געלעגן דאָס זינגענדיקע און שטראַלנדיקע, וואָס האָט געדאַרפט גאָר אַן אַנדערע אַטמאָספערע, ער האָט, אַזוי ווי זיין רעבע אין דער „גאָלדענער קייט", בעשומויפן ניט געוואָלט אַריינלאָזן דעם וואָכנטאָג צו זיך אין דער נעשאָמע. בא דער ערשטער געלעגנהייט האָט ער זיך טאַקע אָפּגעטרייסלט דערפון.

עפּעס אַ ברונעטער יונגערמאַן, געקומען פון ליטע, וואָס האָט גערעדט רוסיש, ווי אַן עמעסער רוס, האָט זיך דעמאָלט געדרייט אַרום פּערעצן און האָט זיך יעדן שאַבעס געפונען, צוזאַמען מיט אַלע, אין זיין וואוינונג אַף ציגלאַניאַ־גאַס. דערדאָזיקער יונגערמאַן האָט מיטגעבראַכט מיט זיך דאָס ערשטע ביכל נאָוועלן פון מאַקסים גאָרקי. איך האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געזעען אַ גרעסערע אַנטציקונג,

אַ גרעסערן גייסטיקן נאַכעס, ווי דעם, וואָס פּערעץ האָט געהאַט פון דעם ביכל. די אויגן האָבן איס געשיינט, בעשאַס ער האָט גערעדט דערפון. די אַנטציקונג און ליבשאַפט האָט זיך אַזש איבערגעטראָגן אף דעם יונגנמאַן, וואָס האָט זיך, איבריקנס, מיט קיין שום זאַך ניט אויסגעצייכנט.

מאַקסים גאָרקיס נאָוועלן זיינען דעמאָלט פון דער גאַנצער אינטעליגענץ אופגעכאַפּט געוואָרן אלס אַ צוריקגאַנג צו אַ געזונטן קרעפטיקן אָפּטימיזם, אַלס אַ רוף צום לעבן. פּערעץ האָט אָפּטמאָל ליב געהאַט צו וואַרפן אַ טראָציק סאַרקאַסטיש וואָרט קעגן דער רוסישער ליטעראַטור, אַזוי זיך, אלס צום „רוסישן באַרבאַריזם". ער האָט דאָך געלעבט אין אַ פּויליש־אידישער אַטמאָספערע. אָבער דאָס קליינע ביכל איז געקומען אזוי צו דער צייט, האָט ווי באַפרייט אים פון אַ שווערן קאָשמאַר.

ד"ר עליאשעוו (דער קריטיקער באַל־מאַכשאָוועס) האָט זיך דעמאָלט אויך געפונען ארום פּערעצן. ער איז געקומען פון בערלין מער באַאיינפלוסט פון דעם מאָדערניזם, אליין פּערזענלעך, לויט זיין שטימונג און סטיל, שטאַרק מאָדערניזירט, דערצו נאָך אן אנאַליטישער גייסט בעטעווע; ער איז געווען אין דעם קרייזל די לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון דעם מאָדערניזם, וואָס האָט פּערעצן אי צוגעצויגן, אי געשראָקן מיט דעם אומהיימלעכן און פרעמדן, וואָס ער האָט דערין געפילט.

מיט גאָרקיס נאָוועלן האָט ער זיך געריי֊צט, ער האָט געטראָצט מיט זיי, ווי אַ פּראָמעטעוס, וואָס איז באַפרייט געוואָרן פון זיינע קייטן.

איך דערמאַן מיך אַ אינצידענט מיט ד"ר עליאשעוון און, דוכט זיך, מיט מיר אַליין אויך, ווען ער האָט אונז צוגעוואָרפן קאַלטע האַרבע ווערטער. ווער האָט דעמאָלט געקאָנט פאַרשטיין פונוואַנען זיי שטאַמען, פונוואנען עס נעמט זיך דער קאַפּריז פון דיכטער?

איצט, ווען איך זע דאָס פון דער פּערספּעקטיוו פון אַ צוויי צענדליק יאָרן, איז עס אזוי קלאָר און פאַרשטענדלעך. פּערעץ איז אַ יאָר צוויי געשטאַנען אונטער דעם צייכן פון עפּעס אַ שווער געמיט, פון אַ דריקנדיקער וועלט־אנשויאונג, וואָס איז אים געווען ווילד־פרעמד, וואָס ער האָט ניט געקאָנט אופנעמען און אַסימילירן אין זיך. ער האָט עס ניט געקאָנט אַוועקשארן מיט דעם אלטן ברייטן ביטל פון מאַסקילישאַפּיקאָרסישן סטיל, ער האָט עס אָבער אויך אינערלעך ניט געקאָנט פאַרטראָגן. גאָרקי איז געווען זיין טריומף, זיין ניצאָכן. און פונקט ווי ער האָט אזוי פּלוצלינג ליב באַקומען דעם יונגנמאַן מיט די שוואַרצע האָר און אויגן און געהאַלטן אים פאַר דעם לעצטן מוסטער פון בילדונג און אינטעליגענץ, אַזוי האָט ער איבערגעטראָגן די פרעמדקייט צום מאָדערניזם אויך אף פּערזאָנען.

די ערשטע זאַמלונג פון פאָלקס־לידער האָבן פאַרגענומען מיט אַ וויסנשאַפטלעכן צוועק מארעק און גינזבורג אין פּעטערבורג, נאָר נאָך איידער דאָס בוך איז ארויס, פלעגן שוין פאָלקס־לידער געזונגען ווערן בא פּערעצן אין שטוב יעדן שאַבעס. צווישן דעם קרייזל, וואָס פלעגט זיך דאָ פאַרזאַמלען, איז געווען ה. קאַהאַן, אַ זייגערמאַכער לויט זיין פּראָפעסיע, וואָס איז געווען עמעס פאַרליבט אין די לידער. ער האָט זיי געשעפּט פון די ערשטע קוועלן, אין די וואַרשעווער „קנייפּעס", אין אלע ערטער, וואו יונגען און מיידן פלעגן זיך צוזאַמענקומען צו טאַנצן און צו זינגען. דער ה. קאַהאַן איז דער בעסטער קענער פון די אידישע פאָלקס־לידער. אין זיין זאַמלונג, וואָס איז דערשינען אין ניו־יאָרק, איז, לויט מיין מיינונג, דאָס שענסטע און בעסטע אף דעם געביט. אָן וויסנשאַפטלעכע פּרעטענזיעס, אָבער מיט זייער פיל געשמאַק און פאַרשטענדעניש און מיט גענוג פאַכקענטעניש, וואָס ער האָט זיך מיט

מי און פלייס דערוואָרבן, איז ער צוגעגאַנגען צו זיין אויפגאַבע. ער איז געווען שטענדיק אימשטאַנד איבערצוגעבן די באַזונדערע רייצן פון יעדן לידל, די פיינסטע ניואַנסן פון די האַרציקע איינפאַכע מעלאָדיעס.

אַף פּערעצן און אַף זיין קרייז האָבן די לידלעך געווירקט, ווי אַ נעוואוע, ווי אַן אַנטפּלעקונג.

מיר האָבן אַלע געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַ פרישער קוואַל, אַ לעבעדיקער און אַ שפּרודלדיקער, האָט זיך געעפנט. נישט נאָר, וואָס די לידלעך האָבן אַנט־ציקט מיט זייער נישט געקינסטלטער פּאָעזיע, מיט זייער אינעווייניקסטער וואַ־רעמקייט, מיט זייער טיפער האַרציקייט, זיי האָבן נאָך געוועקט און גערופן צו אַ וועלט, וואָס איז געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט דעם אידישן אינטעליגענט, סיי דעם אַלטן, אין דער פאָרם פון אַ בען־טוירע, סיי דעם נייעם, אין דער פאָרם פון א מאַסקיל און געבילדעטן. אָט לעבט אַ פאָלק און זינגט! זינגט פון ליבע, פון בייַנקשאַפט, פון פרייד און צאַר! אַ פאָלק, וואָס ווייסט גאָרניט צו זאָגן פון די אַלע קרומענישן און ווייענישן און האָר־שפּאַלטענישן פון אונזער טראַדיציאָנעלער און מאָדערנער אינטעליגענץ.

די ווייטערדיקע רעוואָלוציע פון געדאַנקען און אַנשויאונגען, וואָס די אַנט־פּלעקונג האָט אַרויסגערופן, קאָן זיך דער לעזער אליין אויסמאָלן, ווען ער וועט זיך דערמאָנען, ווי ווייט בא אונז איז פארשפּרייט געווען (און צי נאָר געווען?) די איבערצייגונג, אַז אידן זיינען פון איין זייט אַן „אַם סגולע״, אַן אויסדערוויילט פאָלק, וואָס איז לויטער גייסט, און פון דער אנדערער זייט איז עס א פארקרומט פאָלק, אָן אַ כוש פאר נאַטור, פאר איינפאכקייט, פאר ליבע, שיינקייט און פּאָעזיע.

דאָס איז אַ ליגן! — האָט זיך אַן אינעווייניקסטער פּראָטעסט געריסן אַנטקעגן דער אָנגענומענער מיינונג. דאָס איז אייער קרומקייט, אייער ניט־נאַטירלעכקייט, אייערע — די בניי־טוירעס און אינטעליגענטן — וואָס איר טראָגט איבער אפן פאָלק. דאָס פאָלק באשטייט פון נאַטירלעכע געזונטע מענטשן. איר האָט פאר דעם פאָלק גערעדט, און דעריבער איז עס ארויסגעקומען אַזאַ פארזעעניש. דאָס פאָלק איז שטום געווען. לאָזט עס נאָר קומען צום וואָרט, לאָזט עס ריידן פאר זיך אליין, און איר וועט דערהערן ניט די שטים פון פרינץ און ניט די שטים פון הונט (אין היינעס באקאנטן געדיכט), נאָר פון אַ מענטש!...

דערווייל אָבער האָבן די לידער געווירקט ריין־עסטעטיש. אַ האַלבע צייט פון די שאַבעסדיקע צוזאַמענקומענישן בא פּערעצן האָט מען פאַרברייַנגט אין זינגען די פאָלקס־לידער, אין אַ מאָדנער געהויבענער שטימונג. אָרגיעס פון פּאָעטישער אַנטצי־קונג זיינען דאָס געווען, פון יענע איבערלעבענישן, אין וועלכער דער גייסט ווערט פאָרמירט אַזוי ווי מעטאַל אין אַ פלאַם. אויך פּערעצן האָבן די איבערלעבענישן גע־ברייַנגט נאָענטער צו זיין איך און צו זיין שוירעש. די פרוכטן פון די איבער־לעבענישן זיינען צייטיק געוואָרן ערשט שפּעטער — אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״, וואו דער איבערקלוגער, געשפּיצטער פּערעץ, דער זוכער פון נייע וועגן, דער אָנ־הייגער פון אַ פארוויקלטן סטיל מיט אָנצוהערענישן, איז צוריק געקומען צום האַרציקן און דאָך — אינדיווידועלן, אַזוי כאַראַקטעריסטישן פאר פּערעצן.

(„פעליעטאָנען״. ווארשע, 1924)

שלום עליכם מיטלשול
1 UNION SQUARE, N. Y.

ש. ניגער.

דאָס אינטעלעקטואַליסטישע און עטישע באַ פּערעצן. — רעאַליזם און ראָמאַנטיזם באַ פּערעצן. — „פאָלקסטימלעכע געשיכטן“.

באַ קיינעם פון אונזערע דיכטער איז ניטאָ אַזאַ שעפע פון געדאַנקען, ווי באַ פּערעצן. אויך מענדעלע מויכער־ספאָרים איז א דיינקער; באַ אים איז עס אָבער לעבנס־קלוגקייט: באַ אים איז יעדער געדאַנק אַ סאַכאַקל פון געוויסע לעבנס־דערפאַרונגען, — אַ סאַכאַקל פון די געמאַכטע און אַ מוסער פאַר די קומענדיקע דערפאַרונגען. אָבער באַ פּערעצן איז, ווי באַ איינעם פון זיינע פאַרשוינען, „ניט דאָס ווסן דער איקער, נאָר דאָס קלערן“.

נעמט די שטריכן, וואָס אַלע וועלן מודע זיין, אַז זיי זיינען ניט צופעליקע באַ אונזער שרייבער: דאָס אַפאָריסטישע, דאָס פאַראַלעלנהאַפטע, דאָס אַלעגאָרישע, — די שטריכן, וואָס זיינען שאַיעך צום טאָך, ניט נאָר צום סטיל פון שרייבער, — זיינען זיי אַלע דריי דען ניט קיין סימען פון אינטעלעקטואַליזם?

דער אפאָריזם. פּערעצן איז ער נאָענט. פּערעץ האָט אים אין דער אידישער ליטעראטור, אין דעם אידישן סטיל, קאָן מען זאָגן, דער ערשטער איינגעפירט.

און דאַן די פּאַראלעלן. ווי אָפט באַגעגנט מען זיי באַ פּערעצן! אָט פאַרגלייכט ער די לעבנס־שיינקייט מיט דער שיינקייט פון דער קונסט („וועלכע?“), דעם בריסקער ראָוו מיט דעם ביאלער רעבן („צווישן צוויי בערג“). און אָט זיינען פּאַראַלעלן צווישן די אַמאָליקע און היינטיקע דוירעס: „פיר דוירעס — פיר צאוואָעס“, „וואָס אַמאָל וויינקער“; און „אַף א זומער־וואוינונג“, „פּורים־שפּילער“, „באַם גויסעס צוקאָפּנס“, „אַראָפּגעלאָזטע אויגן“ — זיינען עס ניט אַנטיטעזן און פּאַראַלעלן? און די „גאָלדענע קייט“? ווערן ניט פאַרגליכן די פאַרשיידענע רינגען אירע? אָבער ווער פאַרגלייכט? דער אינטעלעקט.

אויך די אַלעגאָריע, די קינסטלערישע אַפּילע, איז אינטעלעקטואַליסטיש. מאַנכע פּערעצס ווערק זיינען אַלעגאָריש אַפּילע, ווען זיי זיינען ניט קיין אַלעגאָריען; אָבער ער שרייבט אויך ספּעציעלע אַלעגאָריען. זיי זיינען שטענדיק קימאַט דערציילונגען, ניט קיין גלאטע, קאַלטע מעשאָלים. זיינען זיי לעבעדיק, קינסטלעריש, — פאַרשטעלט עס, אָבער עס שוואַכט ניט אָפּ אין זיי דאָס געדאַנקלעכע. דאָס געדאַנקלעכע ווייזט זיך אַרויס אויך דערין, וואָס ער איז אָפט זייער סאַטיריש און זעלטן ווען הומאָריסטיש.

מיר גייען איבער צום צווייטן וויכטיקן פּונקט אין זיין שאַפן — דאָס עטישע.

איר וועט ניט געפינען באַ אים קיין עטישן אני־מאַימין, קיין באַשטימטן מאָראַלישן אידעאַל. אין זיין עטישן פּילן איז ער פּונקט אַזוי אימפּרעסיאָניסט, איינדרוקסמענטש, ווי אין זיין פילאָזאָפירן און דיינקען, ווי אין זיין גאַנצן שאַפן, דאָך רינט שטיל אין זיינע אָדערן בלוט פון א מאָראַליסט. ער פאַרשטעלט זיין מאָראַליזירן (אַף פאַרשטעלן איז ער מאַיסטער), ער מאָראַליזירט, ווי אַ קינסטלער, זיין קונסט אָבער בלייבט דאָך מאָראַליסטיש: איר צוועק איז דאָס גוטע, דאָס הויכע און דערהויבענע, דאָס שיינע איז איר מיטל; די פאָרם איז איר וויכטיק, נאָך וויכטיקער אָבער — דער אינהאַלט... „וועלכע איז שענער?“ — פרעגט אין פּערעצס א בילד יעדער, וואָס גייט פאַרביי אין גאָרטן און זעט, ווי א ניינצניעריק מיידל נעמט אַרום מיט דער אַלבאַסטער־האַנט דעם מאַרמאָרענעם געטלעכן האַלז פון

ווענוס,— „וועלכע איז שענער? די פון שטיין, צי די פון פלייש?״ וועלכע איז שענער: פרישע, בליענדיקע, מענטשלעכע לעבנס־שיינקייט, צי די רואיקע, מאַרמאָרענע שיינקייט פון דער קונסט? „ביידע שענער״, וועט קינדלעך ענטפערן דער עסטעטישער גייסט, וואָס פאַרשטייט ניט אזוינע פראַגן; דעם עטישן גייסט אָבער, פּערעצן, איז די שיינקייט פון לעבן, קאָן זיין, טייערער, נעענטער ווי די קונסט־שיינקייט; דער עטישער גייסט — דאָס איז דער מענטשלעכער, דער סאָציאַלער גייסט.

און אויך די סאַטירע איז עטיש, און ניט, אזוי ווי דער הומאָר, — עסטעטיש. דער הומאָריסט פאַרמאָגט די פייאיקייט צו געניסן דאָס אומפּאָלקאָמענע; אויך ער זעט די שוואַכקייטן פון דער וועלט, אָבער ער שטייט אזוי ווייט פון זיי, אז זיי זעען אים אויס לעכערלעך קליין און אומבאַדייטנד; ער קוקט פון אַזוי הויך אַף זיי אַראָפּ. דער סאַטיריקער פאַרקערט, גייט צו נאָענט צו די מענטשן און זייערע שוואַכקייטן.

פּערעץ איז, ווי עס פּאַסט פאַר אן אַקטיווער עטישער נאַטור, זעלטן ווען הומאָריסטיש אַפילע אין די „הומאָרעסקן״ זיינע, זעלטן ווען ער מישט זיך ניט אַריין אַליין שטילערהייט אין דאָס, וואָס ער דערציילט אָדער באַשרייבט. און ווייל ער מישט זיך אַריין, קאָן ער ניט סויוול זיין די אַוולעס, די נאַרישקייטן, די שוואַכקייטן, און ער זאָגט מוסער און שטעכווערטלעך. אזויפיל מוסער און שטעכווערטלעך, ווי באַ פּערעצן, דוכט מיר, קאָן מען ניט געפינען באַ קיין אידישן שרייבער, אַפילע ניט באַ מענדעלען אין דער פּובליציסטיק.

אַ גרויסער טייל פון די דערציילונגען אין די „מאַיסעלעך״ באַ פּערעצן זיינען סאַטיריש און דורך דעם גופע שוין מאָראַליסטיש. סאַטירישע נאָטן זיינען פאַראַן אויך אין די דראַמעס: „שוועסטער״, „א פרימאָרגן״, „ווען קינדער״, „באַנאַכט אפן אַלטן מאַרק״, אַפילע אין דער דראַמע „אין פּאַליש אַף דער קייט״; אויך די קאָמעדיע „אַמאָל איז איז געווען א מיילעך״ איז א סאַטירישע קאָמעדיע, האַגאַם עס קלינגט אין איר א הומאָריסטישער אונטער־טאָן...

דער לייט־מאָטיוו פון די סאַטירישע זאַכן אין פּראָזע, ווי אויך אין דער ליריק— איז א סאָציאַלער. מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, אַז דער עטישער גייסט איז א סאָציאַלער גייסט... אויך דאָס האָבן מיר דערמאָנט, אַז קיין באַשטימטן אידעאַל דאַרף מען ניט זוכן באַ פּערעצן. קאָן מען, צום ביישפּיל, אָנרופן מיטן נאָמען דעם סאָציאַלן אידעאַל פּערעצעס? ניין. ער גלויבט, אַז מאַשיעך „דאַרף ערשט קומען און ניט נאָר פאַר זיין פאָלק אליין...״; ער גלויבט, אַז „געמישפּעט און אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט״; אָבער ווער דאַרף זי מישפּעטן און ווי אַזוי זי דאַרף אויסגעלייזט ווערן — דאָס איז ניט קלאָר.

דאָס אינטעלעקטואַליסטישע און דאָס עטישע נעמט־דורך דאָס גאַנצע שאַפן פּערעצעס; דאָס ראָמאַנטישע איז נאָר איין מאַדרייגע אין זיין שאַפן. אין אָנהייב איז ער געווען רעאַליסט, אַזוי ווי די פריערדיקע אידישע שרייבער. זיין רעאַליזם איז געווען מער א אינעווייניקסטער, א פּסיכאָלאָגישער, אָבער א גרויסן אָרט האָט פאַרנומען אין אים אויך די אויסערלעכע אַרומיקייט, די סוויווע־מאַלעריי, די מאַלעריי פון די מידעס און מינהאָגים, וואָס שוין דאַן, אין סאָף פון די אַכציקער יאָרן, האָבן זיי געהאַלטן אין אָפּשטאַרבן, נאָר, ווי זיכרוינעס פון דער יוגנט, האָבן זיי נאָך אינם דיכטערס פאַנטאַזיע געוועקט קינסטלערישע געשטאַלטן... די רעאַליסטישע שילדערונגען פּערעצעס זיינען אָדער סענטימענטאַל, אָדער איראָניש. צום גייסט פון ראָמאַנטיק דערנעענט ער זיך, ווען ער קערט זיך אָפּ פון דער געגנוואַרט מיט איר רעאַליזם.

פּערעץ האָט אָבער שפּעטער אפילע, אין דער אייגנטלעכער טקופע פון ראָמאַנטיק, ניט אָפּגעקערט אינגאַנצן זיין בליק פון לעבן און זיינע גרענעצן, היינט ווער רעדט שוין פריער, אין דעם פּעריאָד פון קריטיק און רעאליזם, ווען זיין אויג האָט געטון און געזעטיקט זיך מיט די גרויע פאַרבן פון דער אידישער גאַס, — פון „קלאָץ" און „קעלערשטוב"; דאַן האָט ער געקאָנט נאָר איין טראָט טון צו דער ראָמאַנטיק — אין דער באַלאַדע „מאָניש" — אשטייגער — און אויך דער טראָט איז געווען א קליינער און ניט קיין זיכערער: איראָניע ווייעט פון די „ראָמאַנטישע" בילדער, וואָס באַגע־גענען זיך דאָ.

אַ דרייסטערן, האַגאַם ניט קיין וואַרעמערן אָטעם פון ראָמאַנטיק הערן מיר אין אַ טייל פון די „מאַיסעלעך" פּערעצעס. דאָ זעט מען, ווי ליב ער האָט דאָס אומגעוויינלעכע, דאָס געכאָלעמטע... אָבער ווידער נאָר אינם סטיל, אין דער פאָרם; דער אינהאַלט איז נאָך אויך דאָ גאַנץ וואָכעדיק, ראַציאָנאַליסטיש און רעאליסטיש.

דידאָזיקע מישונג פונם רעאליסטישן נוסעך מיט דעם אומרעאַליסטישן איז זייער אַן אָפּטע זאַך באַ פּערעצן. זי טרעפט זיך ניט נאָר אין די „מאַיסעלעך" און אין דער באַלאַדע „מאָניש".

אין אסאַך כסידישע זאכן פילט די ראָמאַנטיק ניט אויס נאָך די גאַנצע וועלט פּערעצעס; דאָס איז גיכער אַן ארייַנקוקן אין א פרעמדער, ווי א פאַרזינקן אין דער אייגענער וועלט...

בעטעווע אַן אָביעקטיווער, ווי דער דיינקער, האָט ער דערצו נאָך געהאַט צו טון ניט מיט הוילע אַבסטראַקציעס, נאָר מיט לעבעדיקע געשטאַלטן פון דער פאַר־גאַנגענהייט; און אָט די לעבעדיקע געשטאַלטן איז שוין נישט אַזוי שווער געווען צו באַווייזן אונז אַזוי ווי זיי זיינען געבוירן געוואָרן אין דער פאַנטאַזיע פון די פאַר־צייטיקע דוירעס, אזוי ווי זיי זעען אויס לעבעדיקערהייט, ניט אינם ליטעראַרישן גילגל. דערפאר האָט טאַקע דאָס עפּישע (דאָס אָביעקטיוו־דערציילנדיקע) אין פּערעצעס „כסידיש" א שטאַרקערן און א נאַטירלעכערן רייעך פון אַמאָל אין זיך. אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" גייט פּערעץ צו נעענטער צו דער עמעסער ראָמאַנטיק, די וועלט פון דער פאַרגאַנגענהייט און פון דער לעגענדע האָט דאָרט א לעבעדיקערן אָטעם, ווי אין „כסידיש", ווייל דאָרט איז פאַראַן מער עפּיק, ווי דאָ.

דעם פּערעצישן ראָמאַנטיזם איז וויניק געווען דאָס ווענדן זיך סטאַם צו דער פאַרגאַנגענהייט: נאָר דאַן איז ער אוועק מיט זיכערע טריט, האָט אָנגעהויבן אָנצור־קליידן זיך אין פליש און בלוט, ווען ער האָט זיך גענומען נערן פון דער פאָלקס־טימלעכער פאַרגאַנגענהייט, פון די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן". באַם פאָלק האָט פּערעץ געפונען, אַכוץ אַ ראָמאַנטישן גלויבן, אויך פרישע, לעבעדיקע, ראָמאַנ־טישע געשטאַלטן: עליאָהו האַנאָווי אין דער געשטאַלט פון א דייטשל, פון א פורמאַן, פון אַ בעטלער; דער לאַמעד־וואָווניק; דער באַל־דאָוואָר; ר' לייב סאָרעס; די מאַלקע־שוואָ פאַרשטעלט אין אַן ענדיק... באַם פאָלק האָט ער געפונען לעבעדיקן, ניט רויען שטאָף, דאָס פאָלק איז געוואָרן אים א שוטעף אין זיין שאַפן. און וואָס מער אין די „געשיכטן" פילט זיך דאָס אָנטייל נעמען פון פאָלק, אַלץ נאַ־טירלעכער זעט עס אויס, אַלץ מער לאָזט זיך עס גלויבן.

אין דער מער פּערעצישער, ווי פאָלקסטימלעכער געשיכטע, —„דריי מאַטאָנעס", זעען מיר בעכוש, ווי אַזוי דאָס אינטעלעקטואַליסטישע, דאָס געדאַנקלעכע אין אונזער שרייבער פאָרט זיך מיט דאָס ראָמאַנטישע: מיר זעען, ווי אַזוי אָט דיביידע זאַכן באַגרענעצן, אָבער שליסן ניט אויס איינע די אַנדערע...

אין די „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן", אינם דאָזיקן שיינעם, עפשער שענסטן, יעדנ־פֿאַלס גאַנצעסטן, בוך פּערעצעס איז פֿאַראַן ניט בלויז דער ראָמאַנטיזם און דער אינטעלעקטואַליזם, נאָר אויך דער דריטער יעסאָד פֿון אונזער דיכטער, — דער עסטיציזם.

נאָך מער:

דאָס עסטישע איז דאָ שוין ניט אַזוי אומבאַשטימט, ווי פֿריער; עס איז שוין קלע־רער און זיכערער.

איז פּערעץ אויסן אונז מוסער צו זאָגן מיט זיינע „געשיכטן"? — גיכער ניט. מיר קאָנען דאָך פֿון זיי אַ מוסער אָפּלערנען; פֿון דעם גרעסטן טייל פֿון זיי לייכט אונז די הויכע פּערזענלעכקייט אַנטקעגן, דער מאָראַלישער כאַראַקטער, דער הייליקער אָקשן, וואָס איז גרייט זיך מויסער נעפֿעש צו זיין, נאָר ניט צו פֿאַר־שוועכן זיין הייליקייט.

ניט קיין אידעאַליזאַציע פֿון דעם אָוועד, נאָר אַ אידעאַל פֿון דער צוקונפֿט ליגט אין די „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן". א אידעאַל, וואָס אין דער „גאָלדענער קייט" האָט ער זיין פֿאָנטרעגער — שלוימען.

דאָס זיינען דיזעלביקע אידן, וואָס טרעפֿן זיך אין די „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן" — זיי זיינען פּערעצעס אידעאַל. און אויב ער ווייזט זיי אונז, ווי געשטאַלטן פֿון אַמאָל, איז עס נאָר, ווייל ער קאָן זיי ניט שילדערן ווי טיפּן פֿון איצט, אָבער ניט, ווייל ער וויל, מיר זאָלן זיך אומקערן צום אַמאָל. די ראָמאַנטיק פּערעצעס איז גלייך צו היינעס אויך אין דעם פּראַט, וואָס זי איז ניט קיין רעאַקציאָנערישע ראָמאַנ־טיק, נאָר, פֿאַרקערט, א רעוואָלוציאָנערישע. אינם אידעאַל פֿון דיכטער זוכט פּערעץ „ניט די פֿאַרגאַנגענהייט, באַשפּונען און גאָלד־באַוועבט", נאָר „דאָס נייע לעבן"; און אויך ער אַליין זוכט (אַפֿילע אין דער ראָמאַנטישער טקופֿע זיינער) ניט די פֿאַר־גאַנגענהייט, נאָר דאָס נייע לעבן. ער קוקט זיך אום אַף דער פֿאַרגאַנגענהייט, אָבער ער קערט זיך ניט אום צו איר.

(„וועגן אידישע שרייבער" I,
ווארשע, 1924)

י. דאָברושין.

דאָס סימוואָליסטישע אין פּערעצעס דראַמע. — די אייגנשאַפֿטן פֿון דיאַלאָג אין פּערעצעס דראַמע.

י. ל. פּערעץ איז געווען דער ערשטער און איז נאָך אַדאַיעם פֿאַרבליבן דער איינציקער אידישער דראַמאַטורג.

דער דראַמאַטישער שטאָף ווערט בא פּערעצן פֿאַרפֿורעמט אַף אַן אייגנאַרטיקן סימוואָלישן שטייגער, די פּערזאָנען און דעם סצענישן דיאַלאָג רינגלט פּערעץ שטענ־דיק אַרום מיט אַן אָנגעזעטיקטער דראַמאַטישער לופֿט, ווייל בא פּערעצן איז דראַמע ניט נאָר סצענישער אינהאַלט, נאָר אויך סצענישע פֿאָרם. די דראַמאַטישע האַנד־לונג פֿאַרוואַנדלט פּערעץ אין אַ דראַמאַטורגיש־סצענישער דערשיינונג. די דראַמאַ־טישע פֿאַסירונגען באַהעפֿטן זיך בא אים אין איין געדאַנקען־דראַנג און בילדן אַ סימ־וואָלישע גאַנצקייט — דער שטרייט פֿון געשעענישן און איבערלעבונגען ווערט אַף

אַזאַ אויפן דערהייבן צו אַ מוז־עלעמענט, וואָס געהערט דער העכערער דראַמאַטי־שער אייניקייט.

ווארום דער אידייענפולער פּערעץ, דער פּראָבלעם־זוכערישער פּערעץ האָט זיין שטאַרקסטן און בולטסטן אויסדרוק געפונען גראד אין דער דראַמאַטישער פאָרם. דאָ, אין די דראַמאַטישע ווערק האָט דאָך פּערעץ פאַרטיפט און געבראַכט צו אַ דער־הויבענער שליימעס דעם איקער מעטאָד פון שאַפן — דעם סימוואָלישן. אין דער דראַ־מאַטישער פאָרם האָט זיך פּערעצעס סימוואָליזם פאַנאַנדערגעשפּילט מיט די שענסטע פאַרבן, און אין טאָך פון יעדער סימוואָלישער אַרט שאַפן ליגט דער געדאַנקען־טאַט. דער דיכטער דער סימוואָליקער מוז זיך קוידעמקאָל פּ א ר ט ר א כ ט ן, ווייל יעדער קינסטלערישער מעטאָדישער סימוואָל איז בעטעווע אַ דערקלערונג פון זאַכן און אי־בערלעבונגען, וואָס זיינען ש ו י ן אָדער נ אָ ך פאַרהוילן.

פּערעץ דער געדאַנקענאַרטיקער קינסטלער האָט אויך סימוואָליזירט די ביידע — די אידישע קולטור־פאַרגאַנגענהייט און אירע רעוואָלוציאָנערע פאָרגעפילן. די ביידע האָט פּערעץ איבערגעדיכטעט, געפונען פאַר זיי די גייטיקע סימוואָלן־טיפּן און איבער־הויפּט די גייטיקע סימוואָלן־ווערטער. ווארום ניט די מאלערישע פלאסטישקייט פון קערפּערלעכע פיגורן האָט אונז פּערעץ געגעבן אין זיינע בעסערע ווערק, געגעבן האָט ער אונז טאָנאַלע פלאַסטיק, אַנדערש געזאָגט, ריידנדיקע סימוואָלן־געשטאַלטן. פּערעצעס דערציילונגען און מאַיסעס — דאָס זיינען, אייגנטלעך, פּערזאָניפיצירטע גע־דאַנקען און פאַרגעשטאלטיקטע אויסדרוק־מעגלעכקייטן. און דעריבער איז פּערעץ דער ערשטער שעפער פון אונזערע וואָרט־ווערטן, און דעריבער איז פּערעץ דער אריבערגעשטייגטער מאַיסטער פונם אידישן דיאַלאָג.

דער פּערעץ־דיאלאָג — ס'א געדאנקענפולער, גריכיש־שפּילעוודיקער און דאָך לירישׂ־צאַרטער שילדערונגס־געוועבער, וואו די פּויזע, דער שווייגן איז אַזוי אינהאַלט־רייך, ווי דער ריידן, דער בלויז צווישן די שורעס, דער אָטעם פון יעדער שורע רעדט און מאָלט אַזוי ווי די אַרויסגערעדטע שורע גופע.

אַנשטאָט שאָלעם־אַלייכעמס צעשויבערט־עקספּאנסיוון אַרט ריידן, וואָס איז צו־נויפגעוואָקסן מיט דער שאַרפער אומגעלומפּערטער האַוואַיע, האָט פּערעץ דורכן לאַקאָנישן, קאָמפּאַניש שיינעם וואָרט אינטענסיפיצירט און געזויבערט די אידישע באַוועגונג. די טנוע, די אידישע טנוע איבערהויפּט, ליגט באַ פּערעצן פאַרבאָרגן אין די אינעווייניקסטע פאלבן פונם וואָרט־געבוי.

דאָס פּערעצישע וואָרט פאַרמאָגט ניט, צו גלויבן, קיין מאָלערישן פאַרבן־אויס־דרוק. עס פאַרמאָגט אָבער אַ סימפאָנישע מוזיקאַלישקייט, עס פאַרמאָגט די טיף און די אינטענסיווע פילפאָניקע אויסדריקבארקייט פון א מוזיקאַלישן קלאַנג. דאָס פּערע־צישע וואָרט מוז און דאַרף אָנקומען דורכן געהער, עס בעט זיך דעריבער זיין אַרויס־גערעדט, עס בעט זיך זיין געשפּילט.

פּערעצעס באַוועגונגפולער דיאלאָג איז, ווי שאָלעם־אַלייכעמס פילגעשטאַלטיקער מאָנאָלאָג, באַרופן צו זיין סצעניש פאַרקערפּערט. דאָס פּערעץ־וואָרט איז געזאַלבט פאַר דער אידישער בינע.

און ניט נאָר פּערעצעס דראַמאַטישע ווערק, אַ ריי פּערעצעס דערציילונגען אַזוי־נע ווי: „ווענוס און שולאַמיס", „דער מעשוגענער באַטלען", „מוסער", „באַם פּאַקיר", „מעקובאָלים", „בערל שניידער", „דער טאָנעס", „די לעוואָנע דערציילט" און אַנדע־רע, וואָס קאָנען אינסצענירט ווערן — זיי אלע פאַרמאָגן די אַלע אייגנשאַפטן פון דער גייסטרייכער פּערעץ־שפּיל.

און ס׳איז קלאָר, אַז די קינסטלערישע אומעטומיקע דערגרייכונגען פונם טעאַט־ראַלן פּערעץ־וואָרט זיינען מעסוגל צו לייטערן די פאַרשטעלערישע כּושים פון אונ־זערע בינע־מענטשן, די זויבערע פּערעץ־שפּיל קאָן ווערן לערעריש און וועג־ווייזעריש פאַר אונזער טעאַטער־קולטור, וואָס שטרעבט צו איר קינסטלערישער עכט־פּערעצישער דערהויבונג.

(„גערדאנקענגאנג״, קיעוו, 1922)

מ. ליטוואַקאָוו.

„באנאכט אפן אלטן מארק״ בא פּערעצן. — „באנאכט אפן אלטן מארק״ אין טעאטער.

1.

פּערעצעס „באנאכט אַפן אַלטן מאַרק״ איז ניט קיין פּיעסע פאַר טעאַטער־שפּיל, וואָס אַנטוויקלט זיך אין אן איינהייטלעכער קייט דראַמאַטישע האַנדלונגען, — דאָס איז אַ קאַראהאָד דיכטערישע זעאונגען, אויסגעדריקטע אין אָפּגעריסענע, אָפּגעהאַקטע דיאַלאָגן פון געשפּענסטאַרטיקע געשטאלטן. און דידאַזיקע דיאַלאָגן און געשטאַלטן זיינען ניט צוגעפּעסטיקט צו אַ באשטימטן סוזשעט, צו אַ סיפּער־האמאיסע, נאָר זיי אַנטוויקלען אַ געוויסע טעמע. אָבער אויך דידאַזיקע טעמע געפינט ניט בא פּערעצן קיין באשטימטע לייזונג, נאָר זי ענדערט זיך פון וואַריאַנט צו וואַריאַנט („באנאכט אפן אלטן מארק״ האָט אַ שלאל וואריאנטן) און אפילע אין איין און דעמזעלבן וואַ־ריאַנט וואקלט פּערעץ אין זיינע דיכטערישע אויספירן.

„באנאכט אפן אַלטן מאַרק״ איז אַ דויערנדיקער, פיינלעכער פּרוּוו צו מאכן אן אנטשיידענעם סאכאקל פונם איבערגעלעבטן נאציאָנאַל־געשיכטלעכן נעכטן און זיינע באַציאונגען צום באַאומרואיקנדיקן היינט...

„באנאכט אפן אלטן מארק״ איז אי אַ געשטאלטן־פּאַנאָראַמע פונם פאַרצוויגענעם אידישן מיטלאַלטער אין שטעטל, אי אַ מין פּאַנאָפּטיקום פון געשפּענסטער־פיגורן, וואָס עס איז וועגן זיי שווער צו זאָגן, צי זעט מען זיי אפן וואָר צי אין כאָלעם, ווייל איזן איז דאָס נאָך וואָר, אָבער מאמאָשעס האָבן זיי שוין פון אַ בייזן כאָלעם.

אַ מאַרק־פּלאַץ מיט צוויי מיטלפּונקטן אף די ראנדן: אַ קאַטוילישער קאסציאָל אלס סימוואָל פון פאַרגליווערטער הערשאַפט איבערן גאנצן שטעטל, און אַ אידישע שול אלס צענטר פון פאַרקילטער מאַכט איבער דער אידישער באַפעלקערונג; פאַר־גליווערטע הערשאפט פון סקולפּטירטע פּוילישע ריטער און גייסטלעכע, באַקרוינטע אנטקעגן מיט אַ געק, וועלכער איז סאָפעק „ער״—סאָפעק „זי״, פּאַרקילטע אינערלעכע מאַכט אין דער פאָרם פון רירעוודיקע אידישע געשטאלטן, וואָס רופן ארויס אַ סאָ־פעק, צי לעבן זיי אָדער זיי זיינען טויטע, גרופּירט אלע ארום און אין אַ שול, וואָס „עס פרעסט זי דער וואָרעם״.

בלאָנקען דאָ אָרום נאַכט־מיידלעך מיט אויסגעדאַרטע ברוסטן, וואָס האָבן שוין פאַרלאָרן רייץ פון זינד, אָבער זיי ציען צו זיך דעם אימפּאָטענטן כּיישעק פון לייַ־טישע אידישע סאָכרים, וואָס ווילן און יאָכלען ניט „אין וואָס דער יעיצער־האָרע שטעקט!״...

פאלן אַריין נאכט־שיקורים מיט ביינקעניש נאָך פרישער „מאַמע־ערד“, וואָס רעדט מיט מאַמע־לאָשן, אָבער געפינען דאָ אנשטאט ערד־פרישקייט אַ סוראָגאַט אין דער פאָרם פון אויסגעטריקנטער זוינע. פארפינצטערטע פרויען, וואָס היטן אָן ליידנשאפט דעם זיטלעכן שאָלעם־באַיס פון זייערע געצעלטן און רייסן אָפּ זייערע מענער פון „שמעקן“ דעם דאַרן יעיצער־האָרע. מיטאַמאָל ווערט אלץ אופגעלעבט דורך אַן אוי־לעם־האַטויעדיקן יאַריד פון אידן, וואָס „פאָרן, פאָרן“ מאָשיעכן אַנטקעגן, ניט ווּיסנדיק וואו זיינען די בוידן, וואו זיינען די וועגן,—יאָגעניש נאָך וויסטער אוילעם־האַזע, וועלכע גייט אומבאמערקט איבער אין האָפנונגלאָזן גאַנג נאָך נאַציאָנאלן אוילעם־האַבע פון געשפענסטער־ארטיקן כצאָס־געוויין און נאַכט־טפילעס וועגן דער „אַלטער מאמע“ ציאָן...

פון צייט צו צייט גיט אַ שימער אַ ליכט פון קינדער־פרייד, וואָס „זאָגט אויס פון כיידער“, אָבער באלד ווערט דאָס איבערגעריסן דורך דעם דוירעסדיקן „קינדער, אַהיים!“, פארשטארקט דורך דער וואָרנונג פונם נאַכטוועכטער: „היט אייך פאר פייַ־ער!“, אָדער דעם אויסרוף: „נאַכט!“ פונם לאָמפנלעשער.

דרייט זיך אַף דעמדאָזיקן נאכטקארנאוואל ארום איין פרייער גייסט, דער דוי־רעסדיקער פארטרעטער פון דער פארשייטער באָהעמע אין דער שטריינג איינרעגו־לירטער „קנעסעס־איסראָעל“, דער באדכן,— און פראוועט קונדייסים־שטיק איבער דעם גאנצן „הייליקן שווינדל פון זיין ליבן נאָמען“. איז ער אַ גרויל פאר פרומע ווייבער און לייטישע סאָכרים, און זיי געפינען שוין אויס, פונוואנען נעמט זיך זיין „גערירטקייט“—ער האָט פאָרגיינגער אין געשטאלט פון קלעזמער, וועלכע זיינען אָן ציצעס פון פריצישן באל געגאנגען, שיקערע פון „יאַין נעסעך“ (טרייפן וויין). די קלעזמער זיינען פון שרעק אַריין אין ברונעם מיט די אינסטרומענטן און קליידער, דער באַדכן איז פון זינען אראָפּ.

ניט דאָס ערשטע מאָל, אגעוו, פערזאָניפיצירט פערעץ דעם פרייהייטלעכן פאָלקס־גייסט אינם אידישן שטייגער אין געשטאַלט פון קלעזמער אָדער באַדכן. נאָך אין „וואָס אין פידעלע שטעקט“ האָט ער דורך דעם קלעזמער יויעל פראָקלאמירט דעם מערקווירדיקן לאָזונג: „אַ קאַפּעלע איז העכער פון אַ מיניען“.

דער באדכן איז דער איינציקער לעבעדיקער אומרו. „באנאכט אפן אלטן מארק“ טרייבט ער שפיל מיט די מארק־געשטאַלטן, שליינגלט זיך שטענדיק צווישן זיי, אָפּ־שפּאָטנדיק פון יעדן קער זייערן, פראוועט איבער זיי קונצן, זעט ניט איין דעם כי־לעק צווישן זיי, וואָס ווימלען אין שול, און די, וואָס ווימלען אין די קוואָרים אפן בייסוילעם, רופט ער אַרויס דורך האָקוס־פּאָקוס די מייסים פון די קוואָרים, און עס איז ניט צו דערקענען צווישן די געשטאלטן פון דער שול און די געשפענסטער פונם בייסוילעם; דונערט איבער דידאָזיקע ביידע וועלטן צוזאמען מיט דער וועלט פונם קאסציאָל דער סארקאסטישער אויסגעשריי פונם באַדכן: „אייער גאָט — ער איז באנ־קראָט!“

בא פערעצן זיינען אין דעמדאָזיקן אוילעם־האַטויע אריינגעפירט אויך מאָדערנע געשטאַלטן: דיכטער, מאַסקילים, ציאָניסטן, סיימיסטן, בונדיסטן, ארבעטער א. אז. וו. אָבער זיי זיינען אין אלע וואריאנטן בא אים ווי צוגעשטוקעוועטע, ריידן אַף אַ צייַ־טונג־שפּראַך, רופן ניט אַרויס קיין אַסאָציאציעס און זיינען בעעמעס מאַסקיליש־נאַאיווּ און קינסטלעריש לעפּיש. דאָס זיינען ניט קיין דיכטעריש אויסגעכאָלעמטע געשטאלטן, נאָר מאַסקיליש־פּובליציסטישע „אריינגעהאַקטע“ מאָמענטן.

אָבער אויך די קינסטלעריש אויסגעדיכטעטע פיגורן בייטן זיך אין די פילע וואַ־ריאנטן פון „באנאכט“ און האָבן ניט קיין אידעאָלאָגישע לייזונג. די געשטאלטן

בלאָנקען ארום ניט באהעפטע ניט בלויז דורך אַ דראמאטישן סיפּער־האמאיסע, נאָר אויך ניט דורך אַ אידעאָלאָגישן שטאנדפונקט. זיי צויבערן דעם דיכטער און שרעקן אים אָפּ, — און די פּאנאָראמע בלייבט אָן אַ וועגווייזער, פארלאָזט אפן באראָט פונם פארענדערלעכן געמיט. דער סאכאקל איז סאָפאָקאלסאָף געבליבן אַ ניטפארענ־דיקטער.

2.

פאר זיין אריבערגיין צו אן אלגעמיינעם, באזונדערס צו אַ קאָנקרעט־רעוואָלו־ציאָנערן רעפּערטואר האָט דער מעלוכישער אידישער טעאַטער באשלאָסן צו פארענ־דיקן זיין ציקל פון אידישע שפּילן מיט פּערעצן.

מיר האָבן דריי קלאַסיקער פון אידישער טעאַטער־שפּיל: גאָלדפאַדן, שאָלעם־אַלייכעם און פּערעץ.

די מאַסן־פרייד פון פאָלקס־שפּיל איז געגעבן געוואָרן אין דער „קישעפמאַ־כערן”, די טראַגיקאָמעדיע פונם קאַפּיטאַליזירטן שטעטל איז געגעבן געוואָרן אין די שאָלעם־אַלייכעמשע פאָרשטעלונגען, — איז געבליבן צו געבן דעם „טראַ־גישן קארנאוואל” פונם פאַרצויגענעם אידישן מיטלאַלטער, ווי ער איז אויסגעדריקט באַ פּערעצן.

און מע דאַרף זאָגן, אַז דער מעלוכישער אידישער טעאַטער האָט דידאָזיקע אופ־גאבן געלייזט אַף אַ גלענצנדיקן אויפן.

דער פראַנצויזישער דיכטער וויקטאָר הוגאָ, וועלכער האָט, עמעס, מיט אַ צייט שפּעטער אויסגעדריקט אין דער וואָרט־קונסט דעם גייסט און די שטימונגען פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציע, האָט אַ ווערק מיטן נאָמען „דער קאַטע־דראַל פון גאָטס מוטער אין פּאַריז”. דער פּאַריזער קאַטעדראַל „נאָטר־דאַם” („גאָטס מוטער”) איז אין אַרכיטעקטור די פאַרקערפּערונג פונם פראַנצויזיש־קאַטוילישן מיטל־אַלטער. די רעליגיעזע אָנגעשטריינגטקייט פון מענטשן, וואָס, געדריקט אַף דער ערד, ציען זיי זיך צום הימל; דאָס עקסטאַטיש־ע רייסן זיך אַרוף צום הימל, ווייל די ערד איז פאַר זיי אַ יאָמערטאָל; די גרויזאַמע שטילקייט אונטער די באַלקנס פונם גרויסן קלויסטער, וועלכע ווערט איבערגעריסן נאָר דורך דעם געדיכטן קלינג־קלאַנג פון זיינע שטריינגע גלאָקן, וואָס רופן צו טשואווע און האַכנאָע פאַר גאָט אין הימל און זיינע געזאַלבטע אַף דער ערד; די ליידנשאַפטלעך פאַרשפּיצטע טורעמס מיט זייערע צלאָמים, וואָס קוקן מיט ביינקשאַפט אין הימלישן קעניגרייך אַלס אַ סגולע זיך צו ראַטעווען פון די טייוולאָנישע פּארפיר־קויכעס, וועלכע זיינען אויסגעמאָלט אף די ווענט אין דער פאָרם פון פאַנטאַסטישע באַשעפענישן — „כימערעס”, — דאָס אַלץ, וואָס עס ווערט באצייכנט ווי „סטיל גאָטיק”, איז געניאַל פאַרקערפּערט אין דעמדאָזיקן גראנדיעזן קלויסטער. און הוגאָ האָט קינסטלעריש פאנאנדערשפּרירט זיין סאָציאַלן אינהאַלט, אַנטבלויזט אין דעם פעאָדאַל־פּויפּסטלעכן מיטלאַלטער די „כימערעס” פון רעליגיע, ניט די זינדיקייט, נאָר די פאַרדאָרבנקייט, די פאַרדאָרבנקייט פון אירע דינער, די ביינקשאַפט צו נייער פרייד און שיינקייט, וואָס האָט געגאָגט אין די הער־צער פון אירע נידעריקסטע שקלאַפן — די הויקערדיקע פארזעענישן קוואזימאדאס, און די איינציקע פרייע פרייד פון קינד עסמעראלדע, אַ גאַסן־טענצערן, וועלכע ווערט געקעפּט פאַר איר ערדישער זאָרגלאָזיקייט דורך דער הייליקער אינקוויזיציע.

מיר, מאַרקסיסטן, ווייסן, אַז די גאָטיק פון די פּוילישע קאסטיאָלן און די „גאָ־טיק” אַזוי צו זאָגן פון די אידישע שולן; די קריסטלעכע כאָראלן און די אידישע

רעליגיעזע נוסכאָעס, די גאַלאָכים און די ריטער פון איין זייט, און די ראַבאָנים און קאָהאָל־פּאַרנייסים פון דער צווייטער זייט,—אַז דאָס אַלץ נעמט זיך פון איין שוירעש פונם פעאָדאַלן מיטלאַלטער. פילן האָט עס אויך געפילט פּערעץ אין זיין „באַנאַכט אַפן אַלטן מאַרק”, ער האָט נאָר ניט געוואגט, צי ניט געקאָנט דאָס זאָגן דאָרט מיטן פולן מויל, מאַכן סאָפּקאָלסאָף דעם געזוכטן לעצטן סאַכאַקל.

דער מעלוכישער אידישער טעאַטער האָט דאָס אונז באַוויזן, קאָן מען זאָגן, בעכוש. אַ זעלטענער פאַל, ווען דורך ריינער קונסט־פאָרם ווערט געגעבן מאַרקסיסטישע פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע.

פריער פאַר אַלץ האָט דער טעאַטער אָרגאַניזירט דעם אינהאַלט, ער האָט פון „באַנאַכט” געשאַפן אַ טעמע, וועלכע איז שוין ניט ווייט פון אַ סוזשעט. „דער מאַרק אַפן אַלטן מאַרק” איז נאָך באַהערשט דורך מיטלאַלטערלעכע פיגורן. זיי נעמען זיך פון צוויי קוואַלן — פונם פוילישן קאסציאָל מיט זיינע טאַליאָנים, ריטער, נאַכטוועכטער און לאָמפּנלעשער, און מיט דער אידישער שול מיט אירע ראַבאָנים, שאָכטים, כצאָס־קלאָגער, יאַריד־פאָרער, שאַמאָשים און ווייבער. אַלץ לעבט נאָך, האָגאָם ס'איז נאָך שוין היסטאָריש טויט. „עס קריכן פאַרשוינען, ווי קופּקעלעך ביינער, און מעסטן און ציילן די שטיינער”. בלויז איין עלעמענט טראָגט דאָ אין זיך קומענדיקע, בייע פרייד — דאָס זיינען די קינדער מיט זייער זאָרגלאָזן געזאַגג, די עסמעראַלדעס פון „באַנאַכט אַפן אַלטן מאַרק”. אָבער אויך זיי ווערן אָפּט צעשראָקן דורך די „כימערעס” — אַלטע געשטאַלטן, וועלכע האַלטן אין איין שרייען: „קינדער, אַהיים”, אָדער דורך לאָמפּנלעשער, וואָס „טיאָפּן הילכיק און שווער”, אַזוי אַז וואו זיי טרעטן ווערט „אָפּגעלאָשן אַ לאַמטער”. און אינטים איז מיט דידאָזיקע קינדער, וואָס „זאָגן אויס פון ביידער”, בלויז איין געשטאַלט — דער באַדכן: „קינדער ווייסן ניט, קינדער זעען ניט, קינדער דאַרפן שלאָפן גיין” — און ער גיט זיי קישעלעך אונטער די קעפּעלעך.

אָבער דאָס אַלטוואַרג פּראַוועט נאָך דערווייל זיין טראַגישן קאַרנאַוואַל. אן אוילעם־האַזע־יאַריד, וואָס גייט איבער אין כצאָס־קינעס, נאַציאָנאַלע טפילעס, וואָס גייען אַריבער אין הור־הא פון האַנדל־וואַנדל. און אי דאָ, אי דאָרט רייסן זיך אַריין קוילעס פון דער הויך, פון אונטן, פון דער זייט, וואָס וואַרפן אַ פּאַכעד אַף די אוילעם־האַטויע־געשטאַלטן, אייגענע קוילעס, נאָר פון אן אנדער גלויבן — קוילעס פון קאָסטיאָל, אַז מאָשיעך איז שוין געקומען אין געשטאַלט פון קריסטוסן, קוילעס פון דער אויסער־וועלט, אַז „עס גייט אַ נייער העלד אַף מענטש און גאָט”. דער פּאַכעד איז גרויס, די מעהומע שטאַרק, די ווײ־געשרייען צו גאָט רייסן זיך אין הימל, וועלכער איז שוין אויסגעליידיקט פאַר אַלעמען, ווייל אומעטום, באַ יעדן קער שווינדלט דער באַדכן, דער פורימשפּילער, דער לעץ, וואָס דעקט אויף „הייליקן שווינדל פון זיין ליבן נאָמענס געזינדל”, און דונערט איבער זיי מיטן סאַרקאַסטישן „באַנקראָט!”

און אַף צו באַווייזן זיי אליין, אז זיי זיינען טויט, אז „עס זינקט גאָט זאָל היטן דאָס שטעטל איינגאַנצן”, ווענדעט ער זיך צום האָקוס־פּאָקוס — און רופט ארויס די טויטע פון די קוואָרים. נאָר ווער וועט זיין אַ בעריע צו אונטערשיידן צווישן לעבעדיקע באַרמינענס און באַרמינענס, וואָס לעבן דורך אַ קישעף אויף? „מיר אַ שטיקעלע, דיר אַ שטיקעלע”, „אַ באַלעבאַטישע שפּילעלע”, „ווייל צעיאָגט האָט ער ראַבאָנים און שאָכטים, ווי פּלעוועס דער ווינט”, „אַלעס פאַרדאָרבן, און אין שטעטל, ווי אין קלייזל, פולשטענדיקער כורבן”.

דאָס איז די טעמע, די מעגלעכע סיפּער־האַמאַיסע, דער מעגלעכער סוזשעט.

און אין דער פֿאָרם איז דידאַקטישע טעמע פֿאַרווירקלעכט און אנטוויקלט אַף אַ מאָנומענטאַלן אויפֿן. אן איינהייטלעכע סימפֿאָניע פֿון קונסט־קאָנסטרוקציעס, קאָסטיומען, מוזיק, וואָרט און ליכט, פֿאַרייניקט דורך דער מאַיסטערשאַפֿט פֿון רעזשיסור אין איין גראַנדיעזן געביי.

(„עמעס“, 1925).

מ. עריק.

פּערעצעס קאַמף מיטן ראָמאַנטיזם לויט די וואַריאַנטן פֿון „באַנאַכט אַפֿן אַלטן מאַרק“.—פּערעצעס באַפֿרייען זיך פֿון ווילנאַזן אימפּרעסיאָניזם.

1. „באַנאַכט אַפֿן אַלטן מאַרק“ איז, ווייזט אויס, אָנשטאַנען אינם יאָר 1907, וואָרום אינם נומ. 19 פֿון דער „ראָמאַן־צייטונג“ (13/26—IX—1907) ווערט אַנאָנסירט, אַז פֿונם נומער 21 וועט זיך אָנהייבן דרוקן אַ נייע דראַמע פֿון י. ל. פּערעץ „באַנאַכט אַפֿן אַלטן מאַרק“ — „אַ דראַמע, וואָס האָט שוין באַוויזן זייער באַרימט צו ווערן אין די ליטעראַרישע ספֿערן“... אינם נ. 21 — 1907 X־17 — געפֿינט זיך אַ מעלדונג, אַז „אַזוי ווי י. ל. פּערעצעס דראַמאַטישע פּאָעמע „באַנאַכט אַפֿן אַלטן מאַרק“ האָט זיך נישט געלאָזט צוליב דער פּאָעטישער פֿאָרם אויסזעצן אַקטנווייס אין אונזער צייטונג, און טיילן די אַקטן און פֿאַרדאַרבן די זאַך האָבן מיר נישט געוואָלט, — דרוקן מיר די אויבנדערמאָנטע דראַמע אין אַ באַזונדער בוך“. נישט קוקנדיק דערויף, הייבט זיך אָן די דראַמע צו דרוקן אין דער „ראָמאַן־צייטונג“ פֿונם נ. 23—1907, X (18) 31 — ביז נ. 30 איינשליסלעך — 1907, XII (19) 6, — וואו זי ווערט פֿאַרענדיקט. נאָך אינם יאָר 1907 גייט זי אַרויס אינם בוך־פֿאָרמאַט אינם פֿאַרלאַג „ביכער פֿאַר אַלע“, וואַרשע, — איבערגעדרוקט פֿון דער „ראָמאַן־צייטונג“ אָן ענדערונגען, מיט אַ ווידמונג:

„וועם מען עס פֿאַרדאַנקט, דערלאַנגט...“

דאָס וועט זיין דער ערשטער וואַריאַנט פֿון „ב. א. א. מ“. — (A). אינגאַנצן איבערגעאַרבעט ווערט די דראַמע אין דער אויסגאַבע פֿון „פּראָגרעס“ (דראַמען, 1909/10— תרע“ט — „ביי נאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק, אַ זאַך אין 4 אַקטן (פֿערזיפֿיצירט“). די אַמעריקאַנער אויסגאַבע פֿון י. ל. פּערעצעס שריפֿטן — פֿאַרלאַג „יודיש“ — 1920 — האָט איבערגעדרוקט דעמדאָזיקן וואַריאַנט אָן ענדערונגען. מיר וועלן אים באַצייכענען מיט (B). דער ווייטערדיקער עטאַפּ איז דער פֿראַגמענט „אין שול אריין“, געדרוקט אינם נ. 4 — יוני — פֿון „אידישער וועלט“ — פּעטערבורג: „אין שול אַריין! (דאָס פּראָבלעם פֿון „באַנאַכט אַפֿן אַלטן מאַרק“) (אַ פֿאָלקסטימלעכע דראַמאַטישע דיכטונג)“. (C). — „פֿאָלקסטימלעך“ איז דאָ, ווייזט אויס, באַנוצט Ornatus causa. דערדאָזיקער פֿראַגמענט ווערט איבערגעאַרבעט און פֿאַראייניקט מיטן פֿריערדיקן — אויך אן איבערגעאַנדערשטן — B אין קלעצקינס אויסגאַבע פֿון פּערעצעס דראַמען, 1922— ווילנע (D). דער לעצטער וואַריאַנט שטאַמט אַלזאָ פֿון די צוויי לעצטע יאָר פֿאַר דער מילכאָמע.

2. די קאָנסטרוקציע־ראַמען אין אַלע וואַריאַנטן פֿון „באַנאַכט אַפֿן אַלטן מאַרק“ ענדערן זיך קימאַט אינגאַנצן נישט. דער ערשטער אַקט שטעלט אַלעמאָל פֿאַר אַן אימפּרעסיאָניסטיש בילד פֿון אַ מאַרק, וואָס לעשט זיך אינם זון־אונטערגאַנג, טרויע־

ריק, שטיל, אין האַלבע טענער. אַלע פיגורן זענען רעאַלע. די געשטאַלט, וואָס וועט טראָגן די אַקציע — דער לעץ (A), דער באַדכן (B—D), — טרעט נאָך נישט אויף אַקטיוו. זי באַנוגנט זיך מיט עטלעכע ווערטער, — און צום סאָף פונם אַקט מיטן אויסגעשריי צו גאָט: „דיין עבנבילד!“, — אָנווייזנדיק אַף די טויטע פוסטקייט פונם מאַרק־לעבן. ערשט אינם צווייטן אַקט הייבט זיך אָן פאַנאַנדערוויקלען די אַקציע — מיטן פייף פונם לעץ—באַדכן. דער צווייטער אַקט שטעלט פאָר דעם אופגאַנג פון די שאָטנס פונם אוילעם־האַטויע, — ס׳איז, איבעריקנס, שווער צו געפינען צווישן זיי און די מייסים אַ טיפערן אונטערשיד.

אין אַלע וואַריאַנטן ווערט אין די לעצטע צוויי אַקטן געשילדערט דער מייסים־אופגאַנג. אינם וואַריאַנט A טראָגט דער דריטער אַקט דעם כאַראַקטעריסטישן טיטל: מ י י ס י ם ־ ב אַ ל ע ט. אַף וויפל יעדער פון די ערשטע צוויי אַקטן איז שטריינג אָפּגעשלאָסן פונם אנדערן, — אַף אַזויפיל איז נישטאָ קיין שום גרענעץ צווישן דעם III און IV אַקט. ס׳זענען אין טאָך צוויי בילדער פון איין און דעמזעלבן אַקט.

3. עמיניסצענען פאַרן „באַנאַכט אַפן אַלטן מאַרק“ קאָן מען געפינען אין דער שיינער נאָוועלע פּערעצעס „די טויטע שטאָט“, — דאָסזעלבע בילד פונם אויסמישן פון די לעבעדיקע און טויטע. דיזעלבע „אַלטוואַרג“־דעמאָנסטראַציע — ס׳איז אַ פּ ע ר ע צ י ש ע ר מ אָ ט י וו. בעלי־סאָפּעק פּילט זיך אין „באַנאַכט אַפן אַלטן מאַרק“ וויספּיאַנסקיס האַשפּאָע — דער רעפלעקס פון „Wesele“ דאָך נאָר אין דער קאָנסטרוקציע.

4. אין דער באַציאונג פון דער נייער אידישער ליטעראַטור צו וויספּיאַנסקין האָט געשטעקט אַ סיסטעם — אַ שול. די שול פונם אימפּרעסיאָניזם. פון 1907 זעגלען מיר מיט פול־דאַמף אין אימפּרעסיאָניסטישע וואַסערן. איז עס דאָך דער יאָר פון די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן“ און „פאַרטאָג“ און „באַנאַכט אַפן אַלטן מאַרק“.

קיינמאָל איז נאָך אַזוי שטיל, אַזוי פאַרוויגנדיק שטיל נישט געווען אין דער אידישער ליטעראַטור, ווי דידאַזיקע 7 יאָר: 14 — 1907. קיין איין שטאַרקער זשעסט, קיין איין געשריי. לעגאַבע בערגעלסאָנען איז דאָך אַפילע „פישקע דער קרומער“ לייבן־געשריי! אונז איז ווייניק געווען אימפּרעסיאָניזם, אולטראַ־אימפּרעסיאָניזם! דער אולטראַ־אימפּרעסיאָניסטישער ראָמאַן פון בערגעלסאָנען, וועמענס געניאַליטעט באַשטייט אין דעם, אַז מיט איין בלאָסער, פאַרבלאָזער שטימונג איז ער אימשטאַנד אויסצופילן 1 באַנד, דריי בענד — 6 בענד. אין דער דראַמע, דער אולטראַ־אימפּרעסיאָניסטישער „באַנאַכט אַפן אַלטן מאַרק“. פאַרן ערשטן וואַריאַנט פון „ב. א. א. מ.“ איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דער איינציקער פאַטאָס־אופרוף אין אים איז דעם לעצם: „דיין עבנבילד“!

אַבסאָלוטער פעלן פונם ווילן כאַראַקטעריזירט דעם אימפּרעסיאָניזם. אויך דעם אידישן. מע האָט גאָרנישט געוואָלט אין דער אידישער ליטעראַטור פון דעמדאָזיקן פּעריאָד. בערגעלסאָן וויל גאָרנישט. אַפילע פּערעץ, — אַפילע פּערעץ האָט אופגעהערט צו וועלן. נישטיק איז דער ווילנס־מאָמענט אינם ערשטן וואַריאַנט פון „באַנאַכט אַפן אַלטן מאַרק“, נישטיק און צעקראָכן. וואָס פאַר אַ יערידע לעגאַבע דעם 1 אַקט פון דער „גאָלדענער קייט“! און דאָן האָט געמוזט הילפלאָז און קאַבצאָניש אָפּקלינגען דער ווידערקאָל פון וויספּיאַנסקיס מעכטיקער סאַטירע — אַשטייגער, אינם באַדכן, וואו ס׳איז געווען פלאַץ און מעגלעכקייט — אַפילע פּרוואוון — פאַר איר, וואָרום פונם ווילן וואַקסט ארויס די סאַטירע, און פונם פיינטלעכן געפיל צו דער אַרומיקער סוויווע, — פון אַ סוויווע, וואָס ווערט פאַרשטאַנען ווי אַן אָביעקט. אָבער בערגעלסאָנס

סוויווע — דאָס איז זיין אייגענע שטימונג. ער רעדט פאַר איר, ווי ער רעדט פאַר אַלע זיינע העלדן.

פאַרן כאַקרען פערעץ, פאַרן דיינקער פערעץ, איז דער אימפרעסיאָניזם געווען אַ שווערע לאַסט. וואָרום זיין לופט איז פראָבלעמען־לופט, זיין אַטמאָספערע — פאַרהעלטענישן־אַטמאָספערע, — און דער אימפרעסיאָניזם אָפּערירט טאָמיד מיט סיטואַציעס, וואָס זענען לעכאַטכילע פאַרענטפערט, וואו די טשואווע ליגט אויבנוף; אַ אימפרעסיאָניסטיש בילד איז אַ טשואווע גיכער ווי אַ פראַגע. די ערשטע וואַריאַנטן פון „ב. א. א. מ." זענען די פלאכסטע זאַכן באַ פערעצן — פראָבלעמלאָז. די געשיכטע פון „באַנאַכט אַפן אַלטן מאַרק" איז די געשיכטע פון דעם, ווי פערעץ הייבט אָן קעמפן מיטן לעכאַטכילעדיקן פראָבלעמלאָזן אימפרעסיאָניזם פון דער זאַך; ווי ער פאַרטיפט דעם מאַטעריאַל, וועלנדיק אים דערנענטערן צו זיין אייגנטלעכן פערעצישן שטאָף.

5. „באַנאַכט אפן אַלטן מאַרק" אונטערשיידט זיך פון אלע אנדערע דראמען פערעצעס דערמיט, וואָס ס'איז לעכאַטכילע פארטראכט ווי אַ טעאטער־שטיק. לעכאטכילע צום שפילן, און נישט צום לעזן. אַן אינסצעניזאַציע־שטאָף גיכער, ווי אַ דראַמאַטיש ווערק. אין אַלע וואַריאַנטן וועט שפילן דער דעקאָראַטיוו־מוזיקאַלישער עלעמענט די הויפט־ראָלע. ווער ווייס, — באַ אַ גוטער מוזיק קאָן די גאַנצע דראַמע אָנעמען דעם כאַראַקטער פון א ליברעטאָ. כאַראַקטעריסטיש פאַרן ערשטן וואַריאַנט איז דאָס פולקאָמע פעלן פון וועלכע ס'איז פיגורן, געשטאַלטן; מיר האָבן אַ סימפאָניע פון איינצלנע אָפגעריסענע קוילעס, — שטימען, קורצע אָפגעהאַקטע מעלאָדיעס און אויסרופן, קורץ: קיין שום האַנדלענדיקע, אַקטיווע געשטאַלטן. ווען ס'איז דאָך דאָ וועלכע ס'איז האַנדלונג, ווען אויך אַ מאָנאָטאָנע און לאַנגזאַמע, — אַנטוויקלט זי זיך קימאַט אווטאָמאַטיש פון זיך.

עטוואָס בעסער איז די לאַגע אין די שפעטערדיקע וואַריאַנטן. פונם וואַריאַנט B אָן געווינט לעבן די געשטאַלט פונם באַדכן. יעדער וואַריאַנט ברענגט אריין א נייע האַנדלענדיקע פיגור און גיט צו מער אַקטיוויטעט די פריער אַרויסגערוקטע.

„באַנאכט אפן אלטן מארק" איז געווענדעט קעגן דעם ראָמאַנטיזם. דער באדכן ווערט דאָ קלאל נישט פארהערלעכט, און דעם מעכאַבערס שטעלונג איז פולשטענדיק קלאָר, פערעץ פילט מיט דעם ראָמאַנטיקער, — ער גייט אָבער נישט מיט.

6. „באַנאכט אפן אלטן מארק" איז א נאָך נישט אָפגעשלאָסן ווערק. אסאך ווייניקער אָפגעשלאָסן ווערק ווי „די גאָלדענע קייט", וועמענס קאָנסטרוקציע האָט אָבער קארדינאלע פעלערן, וואָס האָט שוין אָבער א באשטימטע ארכיטעקטאָניק, פעסטגעשטעלטע פראָב/עמען און הויפט־געשטאלטן. די דריי וואַריאַנטן פון „באַנאַכט אַפן אַלטן מארק" ווייזן אף אן אומופהערלעכע עוואָלוציע, וואו אלץ איז נאָך פליסיק: די געשטאַלטן, די פראָבלעמען, אַפילע די טעכניק פונם ווערק, מיר קאָנען זיי צעטיילען אין צוויי מישפאָכעס. צו דער ערשטער געהערט A: דער ראַדיקאַלסטער אימפרעסיאָניסטישער פרואוו פון אונזער ליטעראַטור; אַ מיסטעריע אָן וועלכן ס'איז דראַמאַטישן שטאָף, אָן געשטאלטן, אָן אַקציע, — אַ לאַנגזאַמער רוקן זיך פון עטלעכע בילדער, וואָס דאַרפן ווירקן אין ערשטער ליניע אַף דעם כוש האָריע, דערנאָך ערשט אפן געהער; מוזיק, דעקאָראַציעס, געשפרעך

באַדאַרף זיך דאָ אויסמישן אין איין — קוידעמקאָל אָ פ ט י ש ע פּעריע. די אַנדערע וואַריאַנטן בילדן די צווייטע מישפּאָכע, וואו ס'הייבן זיך אָן פונם אַלגעמיינעם פאַן אויסטיילן געשטאַלטן, און מיר רוקן זיך איבער צום געביט פונם פּערעצישן קאָנ־טראַסטן־סימוואָליזם.

דער ערשטער וואַריאַנט וועט באַקומען זיין טיקן ערשט באַ א גוטער מוזיק, וואָס וועט געוועלטיקן איבערן טעקסט בעלי־סאָפּעק דאָך מער, ווי גריגס „סיואיטע" איבער „פּעער־גינטן".

(„קאָנסטרוקציע - שטודיען", וואַרשע, 1924)

ש. ניגער.

פּערעצעס קינסטלערישער סטיל. — פּערעצעס שפּראַך.

אז איר לייענט מענדעלעס ווערק האָט איר דאָס געפיל, אַז מענדעלע איז אי מער, אי ווייניקער ווי אבראמאָוויטש. מער, ווייל ער איז אַ געשליפענער, אַ געלייטערטער, אַ יאָנטעוודיקער, אין אַ העכערער מאַדרייגע געבראַכטער און אַ טיפּיזירטער אַבראַ־מאָוויטש; ווייניקער — ווייל אין אים פעלט דאָס אינדיווידועל־אינטימע, דאָס רירעוו־דיקע און באַוועגלעכע, וואָס אין אבראמאָוויטשן. באַ פּערעצן אָבער פאַלן דער לעבן־סטיל מיט דעם שאַפן־סטיל צוזאַמען. טאָמער ווייזט זיך אַמאָל פּערעץ אַ מאַסקירטער אין דער ליטעראַטור, איז עס ניט קיין ליטעראַטור, נאָר אַ לעבנס־מאַסקע. אויב אין פּערעצן זיצן עטלעכע פּערעצס, איז דערדאָזיקער ראַבים, דידאָזיקע פילקייט פאַראַן אין פּערעצן פונם לעבן פונקט אַזוי ווי אין דעם ליטעראַטור־פּערעצן. פּערעץ האָט נישט געפילט אין זיך קיין איין זאַך, קיין איין געדאַנק, קיין איין געפיל, קיין איין טנוע, קיין איין מינע, קיין איין מאַסקע, וואָס זאָל פאַר אים פּאַסן, ווי פאַר אַ „מענטשן" און ניט ווי פאַר אַ „שרייבער".

אַז איר לייענט פּערעצעס ווערק ווערט איר אריינגעפירט אין אַ שמועס. פּערעץ דערציילט ניט, פּערעץ באַשרייבט ניט. פּערעץ באַטראַכט ניט. פּערעץ שמועסט. ניט קיין זאַמלונג פון נאָוועלן, סקיצן, מאַיסעס, דראַמעס, לידער, פעליעטאָנען, אַרטיקלען זיינען פּערעצעס ווערק, נאָר אַ זאמלונג פון שמועסן. פּערעצס סטיל איז פּילפּאַרביק און פּילקאָנטיק. ער איז זיס־סענטימענטאַל און ביטער־סאַרקאַסטיש; באַרעדעוודיק און לאַקאָניש; קאָנקרעט און אבסטראַקט (קאָנקרעט פונדרויסן, און אינעווייניק אבסטראַקט), געלאַסן — און פול מיט אַ פאַרבאַרגענעם אָדער אַן אָפענעם פּאַטאָס; אימפּולסיוו און אויסגערעכנט; מאַסבירדיק — און פול מיט רעמאָזים, פאָלקסטימלעך און טאַלמיד־כאָכעם־דיק־אינטעליגענטיש... האַקלאַל, ער איז רייך אין סטירעס און אין אַלעמעגלעכע קאָלירן.

און נישט נאָר אינעווייניק — אויך פון דרויסן איז ער רייך און פאַרביק. קיין אי־דישער שרייבער פאַרמאָגט ניט אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקן לעקסיקאָן, ווי פּערעץ... פּערעץ האָט געשיינקט דער אידישער ליטעראַטור נייע געפילן און געדאַנקען. ער האָט איינ־געפירט נייע טעמעס — האָט ער געמוזט האָבן אויך ווערטער נייע; האָט ער זיי גע־נומען פונוואַנען עס האָט זיך נאָר געלאָזט: פון דייטש, פון די סלאַווישע שפּראַכן, פון לאָשנקוידעש; ער האָט דער ערשטער אופגעהערט צו שרעקן זיך פאַר פרעמד־ווערטער. און אין פּערעצעס אידישן סטיל וועט איר געפינען אי פּסוקים מיט גע־מאָרע־ווערטלעך, אי „פאָלאָווינע רייסיש, האַלב דייטש", אי איוורע־טייטש, אי דייטש־מעריש, אי זשאַרגאָן, אי א קאָשער און א געלייטערט אידיש.

דידאָזיקע אַלע עלעמענטן לעבן באַ פּערעצן בישכיינעס, איינס לעבן אַנדערן, זיינען צונויפגעמישט איינס מיטן אַנדערן, אין די בעסטע און רייפסטע ווערק פּערע־צעס איז געוואָרן פון זיי אַלעמען אַ סינטעז. אין די איבעריקע ווערק איז ניט קיין סינטעז פון זיי געוואָרן, נאָר אַ קונציקע און גלאַנציקע מאָזאַיק... אויך פּערעץ איז ניט געבליבן באַ דער גערעדטער שפּראַך, ער האָט געמאַכט פון איר אַ ליטעראַרישע שפּראַך, ער האָט אָבער אַראָפּגעריסן פון איר דעם צוים פון דער בוך־שפּראַך.

אַ בוך־שפּראַך — דאָס איז עפּעס פאַרענדיקטס, געשטעמפּלטס. דאָס איז אַ קיילע שלימע. אַ ליטעראַרישע שפּראַך האַלט אין איין ווערן, אין איין פאַנאַנדערוויקלען זיך. פּערעץ האָט געשיינקט דער אידישער שפּראַך די קראַפט פון ווערן, פון פאַנאַנ־דערוויקלען זיך. ער איז מער ווי אַלע אַנדערע געווען נויטע צו זען אין דער שפּראַך ביכלאַל און אין דער אידישער ביפראַט אן אומופהערלעכן פּראָצעס און ניט קיין פאַרגליווערטן פאַקט.

מענדעלעס טעמע — די קנעסעס־איסראָעל אין קאַבצאַנסק — איז זייער ברייט, און מענדעלע נעמט זי אַלץ ברייטער ארום, דאָך איז עס אַלץ איין און דיזעלביקע טעמע, און די פאָרם איז באַ מענדעלען אויך קימאַט אומפאַרענדערלעך, האָט ער זיין סטיל גאָרנישט געדאַרפט בייטן. פּערעץ האָט אָבער געהאַלטן אין איין זוכן נייע טעמעס און נייע פאָרמעס, פון איינפאַכע זאַכן איז ער איבערגעגאַנגען צו אַלץ־מער פאַר־וויקלטע, פון וואָכעדיקע מענטשן, צו „שאַבעסדיקע”, יאָנטעוודיקע, „נעשאָמע־יעסיי־רעדיקע”. פון קעלער־שטוב צו „צווישן צוויי בערג”, פון „באָנצע שווייג” צו ר׳ שלוימען פון דער „גאָלדענער קייט”. פּערעצעס סטיל האָט געמוזט אַרויסווייזן אַלץ נייע פייאיקייטן, אַלץ נייע אינעווייניקסטע מעגלעכקייטן. ער האָט זיך געמוזט צופּאַסן אי צו דער „שטומער נעשאָמע” פון א יויכאָנאָן וואַסערטרעגער, אי צו דער באַרע־דעוודיקייט פון א יויכאָנאָן מעלאַמעד; אי צו די קורצע איידעלע רעמאָזים פון מע־קובאָלים און צאַדיקים און צו די ניין מאָס רייד פון פּאָשעטע אידן און אידענעס; אי צו פּאָפּולאַריזאַציעס, אי צו אַפאָריזמען... און דאָס איז מעגלעך געווען נאָר אַדאַנק דעם דינאַמיזם, דער באַוועגלעכקייט און דער עלאַסטישקייט פון פּערעצס סטיל, און נאָר אַדאַנק דעם, וואָס פּערעץ האָט אין דער אידישער שפּראַך, ווי אין דער אידישער ליטעראַטור אריינגעבראַכט ליכט און לופט און וועלט...

מענדעלע האָט אַנטפּלעקט די אידישע פאָרם, די געשטעלטקייט פון אידיש. פּערעץ האָט געוויזן אונז זיין מענטשלעכן טאָך, זיין באַוועגלעכקייט. מענדעלע האָט געצייגט, אַז אידיש איז אונזער פאָלקס־שפּראַך; פּערעץ האָט אונז געוויזן, אַז אידיש קאָן ווערן אויך די שפּראַך פון אונזער אינטעליגענץ. מענדעלע האָט פון אידיש געמאַכט אַ קול־טיווירטע שפּראַך; פּערעץ האָט געהאָלפן מאַכן דערפון אַ קולטור־שפּראַך. באַ מענ־דעלען איז אידיש אַ קונסט־ווערק, בא פּערעצן איז עס געוואָרן אַ קונסט־געווער. מענדעלע האָט אונזער שפּראַך געמאַכט קונסט־פּייאיק. פּערעץ האָט זי געמאַכט קאַמפּס־פּייאיק.

ביז פּערעצן האָט די אידישע ליטעראַטור זיך געטוליעט צום פאָלקלאָר און מוירע געהאַט צופיל צו דערווייטערן זיך פונם איינפאַכן פרימיטיוון פאָלקס־לעבן — און אויך די אידישע שפּראַך האָט בא די, וועלכע האָבן נישט געמאַכט פון איר קיין ווילדן דייטשמעריש, געזוכט איר כאיעס דערהויפּט פונם פאָלקס־מויל. מענדעלע האָט איינ־געזאַפּט אין זיך אויך די עלטערע ליטעראַטור פונם פּראָסטן פאָלק (טייטש־כומעש, טכינעס אוכעדוימע), אָבער נישט מער. מענדעלע איז אויך נאָך איינגעטונקט אין פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע, האַגאַם ער האָט דיביידע זאַכן אַזוי פארטיפט און פאַר־איידלט. פּערעץ האָט דער ערשטער געמאכט א שארפן גרענעץ צווישן פאָלקלאָר און

ליטעראטור. נישט נאָר דאָס אײנפאַכע לעבן פון די פאָלקס־מאַסן — אויך די טיפע אי־נעווייניקסטע איבערלעבענישן פון דער אינטעליגענץ; נישט נאָר די מעסוירע, וואָס לעבט אינם פאָלקס־מויל — אויך די גאַנצע יערושע פון דער אלטער אידישער קולטור האָט אָנגעפילט די לופט פון זיין שאַפן, און דאָס האָט אויך זיין אידיש געמאַכט פאַר אַ שפראַך, וואָס שפיגלט אָפּ אין זיך, ניט נאָר דאָס לעבן און שטרעבן פון די פאָלקס־מאסן, נאָר אויך אלע טיפענישן און ברייטענישן פון א טויזנט־יעריקן גייסט־לעבן...

(זשור. „אידישע וועלט״, 1913).

פראַגן און אופגאַבן.

1. די סאָצ.-עקאָנאָמישע סוויווע אין פויליש-אידישן קליינעם שטעטל סאָף 80-יאָרן לויט די „סקיצן און בילדער״.

2. מאָטיוון פון סאָציאלן פראָטעסט אין פערעצעס ווערק פון די 90 יאָרן („דאָס שטריימל״, „מוסער״).

3. די סאָציאַלע דיפערענצירונג אין דער אידישער באַפעלקערונג לויט פערעצעס רע-אַליסטישע ווערק („קעלער-שטוב״, „האכנאָסעס קאַלע״, „דער טאָנעס״, „דער מעשולעך״, „באָנצע שווייג״, „פיר דוירעס — פיר צוואָעס״, „באַם פרעמדן כופע-קלייד״).

4. די ערשטע טריט פון דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג און די „יאָנטעוו-בלעטלעך״.

5. מאָטיוון פון מאסן-אָפּטימיזם אין פערעצעס „כסידיש״.

6. דער היסטאָרישער כאסידיזם און פערעצעס אידעאַליזאַציע פון כסידים.

7. דער היסטאָרישער קאַמף צווישן כסידים און מיסנאַגדים און פערעצעס „צווישן צוויי בערג״.

8. פערעצעס ראָמאַנטיזם לויט „די פאָלקסטימלעכע געשיכטן״. די אידעאַליזאַציע פון דער „שטומער נעשאָמע״, אינטערעס צו דער פאַרגאַנגענהייט, דער קולט פון דער קאָנצענ-טרירטער פערזענלעכקייט, די איבערדיכטונג פון אידישן פאָלקלאָר.

9. דער קאָנפליקט צווישן דער ראָמאנטישער פערזענלעכקייט און דער קליינבירגער-לעכער מאסע לויט דער „גאָלדענער קייט״ און „אין פאָליש אף דער קייט״.

10. פאַרגלייך די וואריאנטן פון „באַנאַכט אפן אלטן.מארק״ אין די אויסגאַבן פון „פראָגרעס״ און פאַרלאַג „קלעצקין״. באזונדערס אָפּשטעלן זיך אף די מאָטיוון פון אידעאָ-לאָגישער עוואָלוציע.

11. פערעצעס אָנשויאונגען אף ליטעראטור לויט די ארטיקלען אין „ליטעראטור און לעבן״.

12. דער לירישער עלעמענט פון פערעצעס דערציילונגען און לידער.

די וויכטיקסטע ווערק:

געקליבענע ווערק „שול און בוך״, 1925.

פ אָ ל ק ס ט י מ ל ע כ ע ג ע ש י כ ט ן (דריי מאַטאָנעס, מעסירעס־נעפעש, אראָפּגע־לאָזטע אויגן, שמאַ־איסראָעל, ניסים אפן יאַם).

מ אָ נ י ש.

ד ר אַ מ ע ן (די גאָלדענע קייט, אין פאָליש אַף דער קייט, באַנאַכט אַפן אלטן מאַרק).

כ ס י ד י ש (צווישן צוויי בערג, אַ גילגל פון אַ ניגן, מעקובאָלים, די מאַיסע מיטן ציגנבאָק, אויב ניט נאָך העכער).

ל י ט ע ר א ט ו ר א ו ן ל ע ב ן (וועגן מיכל גאָרדאָן און י. דינעזאָן, וועגן פינסקין, ש. אַשן, וואָס פעלט אונזער ליטעראַטור).

דאָוויד פּינסקי (1873 י.)

(ביאָגראַפיע)



1873—געבאָרן אין מאָלעוו־אפּן דניעפּר. געלערנט אין כיידער, 11—10 יאָר אַלט אַריבערגעפאָרן מיט זיינע עלטערן קיין מאָסקווע, געשטודירט אַלגעמיינע לימודים און צוגלייך פאָרגעזעצט די אידישע.

1892—נאָכן „גייערש מאָסקווע" איבערגעפאָרן מיט די עלטערן קיין וואַרשע, דאָ א געוויסע צייט זיך פארנומען מיט פּריוואַטע לעקציעס.

אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין ספּעקטאָרס „הויז־פריינד" מיט א שאַרפן קריטישן אַרטיקל, געאַרבעט אויך אין פּערעצעס אויסגאַבן פון יענער צייט. באַלד פארעפנטלעכט א ריי בילדער און דערציילונגען אין באַזונדערע אויסגאַבן אין וואַרשע און ווילנע.

1899—אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, געוואָרן מיטאַרבעטער פון „ארבעטער־צייטונג" און פירער פון דער בעלעטריסטישער אָפּטיילונג.

1904—אָנגעהויבן אַרויסגעבן א סאָציאַליסטישע וואָכנשריפט „דער אַרבעטער" צוזאַמען מיט יויסעף שלאָסבערגן.

1912—געמאַכט א פּרואוו אַרויסצוגעבן אן ערנסטן ליט.־געזעלשאַפטלעכן אָרגאַן „די אידישע וואָכנשריפט", אַרויס אינגאַנצן איין נומער.

כוץ די ערשטע דערציילונגען פון אַרבעטער־לעבן אין אידיש, האָט פּ. פאַרעפנטלעכט א גאַנצע ריי פּיעסן, וואָס זיינען געשטעלט געוואָרן אף דער אידישער בינע אין אַמעריקע און אין רוסלאַנד. אייניקע פון זיינע דראַמעס זיינען אויסגעפירט געוואָרן אויך אף דער אייראָפּייאישער און איינגלישער בינע. פּ. האָט אויך פיל געשריבן וועגן ליטעראַטור און טעאַטער. אַרויסגעגעבן א ספּעציעל בוך „די אידישע דראַמע".

י. ל. פּערעץ.

פּינסקיס צוגאַנג צו דער פּאָגראָם־טעמע אין „פאַמיליע צווי". — פאַרגלייך צווישן „פאַמיליע צווי" און שאָלעם־אַלייכעמס „צעזייט און צעשפּרייט".

„באַם אָפענעם קייווער פון די קישענעווער האַרוגים — שרייבט פּינסקי אין זיין האַקדאָמע — ווען זייער בלוט האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט פאַרטריקנט צו ווערן, האָב איך פאַרטראַכט און אָנגעהויבן צו שרייבן מיין „פאַמיליע צווי"... ער האָט געזינדיקט קעגן דער צייט, און די צייט האָט זיך אין אים נוקעם געווען... א קורצע

צייט איז אַריבער, די מאַכינאַציע פון פּאָגראָם איז אַנטפּלעקט און קלאָר געוואָרן, מיר שטייען שוין ניט קעגן א שרעקלעכן סאָד, מיר האָבן צו טון מיט א געמיינעם, שרעקלעכן און אין איינוועגס עקלהאַפטן פּאָליטישן פאַרברעכן. די זאַך גייט איבער צום אונטערזוכער, צום ריכטער, צום טאַליען, צו וועמען איר ווילט, נאָר פון דיכטערס האַנט פאַלט זי אַרויס. וואו איז דער טאָג פון דעם דין־וועכעשבן, פון וועלכן פּינסקי רעדט אין זיין האַקדאָמע?

דער פּאָגראָם איז נאָך ניט אַריבער צו דער פאַרגאַנגענהייט, מיט שרעק פאַר א פּאָגראָם גייט מען נאָך צו די וואַל־אורנען. עס לעבט נאָך די שוואַרצע מייע, די זעלבסטהערשונג צאַפּלט זיך נאָך, און באַ יעדער קאָנוואולסיע קאָנען פאַרגאָסן ווערן גאַנצע טייכן אינטעליגענטן־ און אידן־בלוט. כוליגאַנעס און געהאַרכזאַמע מיליטער פילן ניט, אָבער איבערבויען אונזער וועלט־אנשויאונג צוליב פּאָגראָמען וועלן מיר שוין ניט. און אַז פּינסקי זאָגט, אַז ער רופט זיין פאָלק צום באַרג סינאַי, וואו ער וועט זיי געבן א נייע טוירע, הערן מיר און—שמייכלען... א צייט־ווערק איז „פאַמיליע צווי" און פאַרגייט מיט דער צייט.

פּינסקי האָט געוואָלט געבן דעם פּסיכאָלאָגישן פּראָצעס, וואָס איז געשען און מוז געשען אין דער נעשאָמע פון פאָלק, און אויסגעוויילט אַלס אונטערלאַגע דערצו האָט ער די פאַמיליע צווי, וואָס האָט זיך, ווי דאָס פאָלק, צעשפּאָלטן און צעשפּליטערט... דער זיידע מוישע מאַגיד איז א פרומער, גאָט־גלויביקער איד. זיין זון יעקל — א סויכער, וואָס האָט זיין נעשאָמע אין קראָם פאַרשטעקט און זיין האַרץ פאַר א ווערמיקע נעסט פון גראָשנדיקע אינטערעסן געמאַכט. זיין שנור מיניע, א שטילשווייגנדיקע אידענע, וואָס האָט נאָר איין גאָט, פאַר וועלכן זי קאָן זיך אויסגיסן דאָס האַרץ... און אייניקלעך: אידע, וואָס טויפט זיך, לעאָן, אַן אַסימילאַטאָר, וואָס ווערט א באַלטשוואווע, ליפּמאַן—אַ ציאָניסט, רואוון—א סאָציאַלדעמאָקראַט! אף דער רואינע פון אידישן הויז וועט זיך אָפּשפּילן דער פּאָגראָם־פּראָצעס, דאָ וועלן זיך אָנהייבן די שרעקלעכע „פאַרגיינגע"...

מיט דער צעשלאָגענער אידישער פאַמיליע טרעפן מיר זיך באַ שאָלעם־אַלייכעמען („צעזייט און צעשפּרייט"). שאָלעם־אַלייכעמס מייער טשאָלענט און זיין ווייב די געוועזענע פּישערקע באַקומען א קערבל, ציען זיך איבער קיין וואַרשע. און דאָ ווערט די פאַמיליע צעשפּליטערט. ווי אף א יאַריד ווערן זיי פאַרלוירן. מאָטוניע האָט זיך אויסגעלערנט כאַפּן א קערטל און שניידט זיך אף אַן אַלפאַנס... פלאָרא ווערט א גרושע פען־דע־סיעקל און אַנטלויפט מיט א נאַקעטן פּראָוויזאָר צו בענטשליכט. כאַנע, וועלכער מע שיקט אָפּ די טנאָים, רייסט זיך קיין בערן. פּרעג דעם פאָטער בעכיירעם, וואו בערן ליגט. ער קאָן רעכט ניט נאָכזאָגן דאָס וואָרט. כאַים ווערט א ציאָניסט. כאַים מיט „שוואַכע הענט" וויל אַקערן ערד, ווי א פויער. וואָלאָדיע ווערט א „כעוורעמאַן", ווי שאָלעם־אַלייכעם רופט אים צוליב דער געוועזענער צענזור... און סאַשקע דער בען זקונים שפּילט זיך מיט הינטלעך און קעצלעך און שרייט: וועלאָסיפּעד!

אף דער גרענעץ צווישן קאָמעדיע און פאַרס פליען שאָלעם־אַלייכעמס פיגורן, ווי ראַקעטן, פאַרביי און צייכענען און שניידן זיך אָפּ איינער פון צווייטן אינם פלוג.

באַ פּינסקין ווערט בעשאַס פּאָגראָם, קאַלזמאַן ער קומט ניט צום פענצטער און קלאַפּט ניט אָן אין טיר, רעדל־פירערישע וויקוכים געפירט... רואוון, וואָס דאַרף אין לעצטן מאָמענט זיגן איבער די כוליגאַנעס, ליפּמאַן, וואָס וויל, ווייל ער קאָן ניט לעבן, ווי א מענטש, שטאַרבן ווי א מענטש, שטייען אין פּאָגראָם־צייט און ריידן אויספירלעך פון אַלעף ביז טאָף איבער אַסימילאַציע, ציאָניזם און סאָציאַליזם...

די גיבוירים, ווי מוישע מאַגיד זאָגט, האָבן פול מויל מיט צונג...

די פאַמיליע צווי איז אָבער נאָר דער פּאָן, די טראַגעדיע טראָגט אָף זיך מוישע מאַגיד! וואָס איז מוישע מאַגיד? מענטש צי סימבאָל? און ווער איז די שול? א סימבאָל צי טאַקע אַ שול, וואו מע טרינקט יאַש און מע שלאָגט זיך איבער אַליעס, ווי דער יונגער הירשמאַן זאָגט? און איר דערמאַנט אייך נאָך אָן דעם שול־הויף מיטן מיסט, וואו די כופּעס ווערן געשטעלט... אָן די היילן אונטער דער שול, וואו די כאַזיירים האַלטן זיך און באַטלאָנים באַרקאָכבעס באַהאַלטן זיך... און אָנם סויפער, וואָס שרייבט די רייניקייטן... און איר פרעגט נאָך: צי מעג מען גאָר זיך מויסער־געפעש זיין דערויף?.. און וואָס ווייטער?—פרעגט איר, — וואו איז דער באַרג סינאַי, די נייע טוירע? שאָלעם־אַלייכעם האָט גאָרניט צוגעזאָגט. ער האָט איינפאַך און אָן שום פּרעטענזיע געמאָלט א כורווע פון א אידיש הויז און ער ענדיקט מיט דער כורווע, ווען מייער דער גוויר און זיין ווייב די געוועזענע פישערקע דערזעען זי!

אָבער מיט וואָס ענדיקט זיך בא דאָוויד פּינסקין!

דאָס אַלטע אידנטום פאַרגייט. עמעס, וואָס ווערט אָף דעם אָרט געבויט? יעקל וועט נעמען פון איקאָ און אַנדערע צדאָקע־כעווורעס און וועט דערפילן זיין שאָדן... מינע וועט זיך קלאָגן פאר גאָט, אידע וועט ניט אויסקומען... ליפּמאַן וועט אַלץ וועלן שטאַרבן ווי א מענטש. הירשמאַן מיטן קלייקוידעש וועלן ווייטער מילכאָמע האַלטן מיט דער האַסקאָלע, מע וועט מאַסערן... לעאָן, דער באַלטשוואווע, וועט עפּשער ווערן א „דערגרייכער" און ארײַן אין דומע. איין רואוון בלייבט! רואוון, וואָס שרייט ארײַן דורכן שול־פענצטער: מיר זיגן! זאָלן מיר גלויבן אפן וואָרט?

און א שאָד פּינסקיס דראַמע. זי האָט זייער פיל גליקלעכע מאָמענטן.

אין גרויס איילעניש איז פון אן אייביקער זאַך א סעזאָן־אַרבעט געוואָרן!

(„ליטעראַטור און לעבן", יובילײ־
אויסגאַבע, ניו־יאָרק 1920).

י. ל. פּערעץ.

דער ווידערשפּרוך צווישן טעמע און סטיל אין ד. פּינסקיס „די מוטער".

די דראַמע מאכט אן איינדרוק, האָט שטאַרקע, זייער שטאַרקע מאָמענטן אָדער דאָך — איז אין אַלגעמיינעם דער איינדרוק נישט אַזוי שטאַרק, ווי ער האָט געקאָנט זיין. אין וואָס שטעקט דער פעלער? אינם סטיל! טראַגיש קאָן זיין דאָס לעבן אַליין: אָן אויסטערלישע לאַגע, א צוזאַמענשטויס פון ניט געוויינלעכע פאַקטן, וואָס זיינען טראַגיש אָדער דראַמאַטיש פון נאַטור. טראַגיש אָדער דראַמאַטיש קאָן אויך זיין דער מענטש אליין, דער כאראַקטער פון מענטש. פאַראַן מענטשן, וואָס שווימען איבערן לעבן לייכט, ווי א שטרוי איבערן וואַסער; אַנדערע שמיצן עס אַריבער מיט א שמייכל אָף די ליפּן; זיי נעמען עס קיינמאָל ניט ערנסט. פאַראַן אָבער אויך מענטשן טיפערע, וואָס פילן דאָס לעבן טיפער און דאָס געוויינלעכסטע ווערט בא זיי דראַמאַטיש. פאַראַן פעסטע מעטאַלענע מענטשן, וואָס לאָזן זיך געשווינדער ברעכן, איידער בויגן, וואָס קאָנען ניט נאָכגעבן, זיך אונטערוואַרפן און אפילע ניט אויסמיידן, ביפראַט אין וואָס עס איז אָפּטרעטן, מענטשן, וואָס זאָגן: גאָר אָדער גאָרנישט! און פאַר אַזעלכע איז יעדער מאָמענט א לעבנס־פראַגע, יעדער צופאַל קאָן ווערן דראַמאַטיש אָדער טראַגיש.

פינסקיס דראַמע האָט געמוזט געבויט ווערן אויף די פּערזענלעכקייטן, וואָרום באַ די געוויינלעכע מענטשן אין געוויינלעכן לעבן האָט א מוטער נאָכאַמאָל כאַסענע; קינדער „בלאָזן זיך", „ברוגעזן" זיך א צייט און בעטן זיך איבער... געוויינלעך באַשטייט די מוטער אויף א שלעכטן שידעך, ביפראַט, ווען דאָס קערן איז גוט, און קושט נאָך דעם קינד, אַבי עס נישט צו פאַרלירן. אינם געוויינלעכן לעבן איז דער האַס צו דער מוטער, וואָס האָט דעם טאַטן פאַרגעסן, ווייניקסטנס נישט אזוי שטאַרק, ער זאָל האַלטן זעקס—זיבן יאָר און נישט אָפּגעשוואַכט ווערן אויף דער האָר! מעגלעך איז עס נאָר באַ אומגעוויינלעכע מענטשן, וואָס זאָגן: מיין ווילן מוז געשעען, אָדער באַ הויך און טיף מאָראַלישע מענטשן, וואָס ווילן א וועלט אומברייינגען, אַבי זייער גרונטזאַץ זאָל בלייבן שטיין! אָבער אומגעוויינלעכע מענטשן פירן אן אומגעוויינלעכע שפּראַך, אומגעוויינלעכע געפילן טראָגן אומגעוויינלעכע קליידער, דריקן זיך גאָר אַנ־דערש אויס. און דאָ רעדט די גאַנצע פאַמיליע וואָכעדיק, און וויל מיר זאָלן גלויבן, אַז זיי האָבן טישעבעאָוו און יאָמקיפּער אין האַרץ. קיין איינציקער מעטאַלענער קלאַנג, קיין טיפערער אויסדרוק. אז די קינדער צעקריגן זיך מיט דער מוטער אין ערשטן אַקט, רעכנט מען אויף זיכער, אז אין א מינוט אַרום וועט זיין שאָלעם־וועשאַלווע, און דער צווייטער אַקט איז א סורפּריז, א נישט געהאָפטער צופאַל.

ערשט דער דריטער קומט ריכטיק נאָכן צווייטן, אויך — נישט מיט זיין גאַנצער שטאַרקייט. און דאָך וואָלט מען געקאָנט די דראַמע רעטן. דער אַקטיאָר קאָן מיט זיינע באַוועגונגען דעקן די פעלער פון דער שפּראַך! עס דאַרף אויסזען, אז די מענטשן פילן מער און טיפער, אלס זיי ריידן.

(„ליטעראַטור און לעבן", יובילייִ־אויסגאַבע, ניו־יאָרק 1920).

באַל־מאַכשאָוועס.

„קאַבצן" און „פּראָלעטאַריער" אין פּינסקיס ווערק. — פּינסקיס פּראָלעטאַרישע העלדן. — פּינסקיס איבערגאַנג צו נאַציאָנאַליסטישער ראָמאַנטיק.

באַלד נאָכן קישענעווער פּאָגראָם האָט ער אין „פריינד" אָפּגעדרוקט א קליינע שוואַכע נאָוועלע „שיני", וועלכע האָט אויף געוויסע ליטעראַרישע קרייזן געמאַכט אַן איינדרוק: נישט אַזוי צוליב איר אָריגינאַליטעט, ווי צוליב דער טענדענץ, וואָס איז פאַר פּינסקין געווען אייגנטלעך א נייס. אין זשורנאַל „לעבן" (יאַנוואַר, פעווראַל 1905) איז דערשינען א דרייאַקטיקע דראַמע פון ד. פּינסקי אונטער דעם טיטל „די מוטער". דאָס ווערק איז פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט ניט געראָטן; א געמעלאָ־כעטע סענטימענטאַלע זאַך, א מעלאָדראַמע פאַר א ווייבערשן פּובליקום, א בראָטן פאַר אַ קליינשטעטלדיקן באַל־בעכיע. אין „פריינד" איז נאָך שפּעטער דערשינען פון פּינסקי אַן איינאַקטער מיט פּרעטענזיעס צו שילדערן די פּסיכאָלאָגיע פון די נייע פרייע אידישע פרויען־טיפּן. אויך די אַרבעט האָט נישט געהאַט קיין גוטן איינדרוק, סאָף יאָר אָבער האָט זיך באַוויזן און א בונדיסטישער אומלעגאַלער אויסגאַבע זיין „פאַמיליע צווי", און דער קימאַט שוין פאַרגעסענער פּינסקי איז ווידער אופגעשטאַ־נען א ליטעראַרישן טכיעס־האַמייסים.

זייט 1892 געהערט ד. פּינסקי צו אונזער ליטעראַטור. איינינעם מיט יאַקאָוו דינ־נעזאָן איז ער געווען א נאָענטער מיטאַרבעטער פון י. ל. פּערעץ באַ דער אַרויס־

גאַבע פון די „בלעטלעך" און דער „יודישער פּאָלקס־ביבליאָטעק". ער איז געווען איינער פון די „יונגע", וועלכע האָבן באַרייכערט אונזער ליטעראַטור מיט א נייעם טאָן, דער ערשטער, וועלכער האָט באַמערקט אין דער צוזאַמענגעאָסענער, צוזאַמענגעקנאָטענער נישט־דיפערענצירטער אידישער מאַסע די געבורט פון נייע געשטאַלטן, מיט פרישע ראַיוינעס אין מויעך און א פרישן פּראָטעסט אף די ליפּן. נאָך פאַרן „בונד" (1897), נאָך פאַר דעם ערשטן אידישן שטרייק (אין ווילנע, 1896) האָט ער שוין געשריבן זיין „אַראָפּ דעם יאָך", זיין „כאַים דעם מעשאָרעס", זיינע „גאַסן־בילדער", זיין „כאַנע־לייע" און אַנדערע בילדלעך און בילדער פון אידישן פּראָלעטאַרישן לעבן.

עס איז געווען א צייט, ווען דאָוויד פּינסקי האָט געכאָלעמט צו ווערן אַ סאָציאַליסטישער זאָלאַ אין דער אידישער ליטעראַטור. און דעמאָלט האָט ער מיט אומגעדולד און פאַראַכטונג זיך אָפּגעקערט פון די כויוועוויי־ציען און די ערשטע פּאָליטישע ציאָניסטן — די צוקונפטיקע אַרמיי פון טעאָדאָר הערצל, — וועלכע פאַרמאַכן די אויגן פאַר א נייער וויכטיקער דערשיינונג, וועלכע ווילן נישט באַגרייפן, אז פון דער צוזאַמענגעקנאָטענער פּאַטריאַרכאַלישער אידישער מאַסע, — ווי עס האָט זי געשילדערט אַבראַמאָוויטש, — טיילט זיך אָפּ א אידישער פּראָלעטאַריאַט מיט א גאָר אַ באַזונדער קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע, מיט אן איינגעוואָרצלטער סינע צום קאַפּיטאַליזם ביכלאַל, און ביפראַט צו די טרעגער פון קאַפּיטאַליזם, צו די אידישע פאַבריקאַנטן מיט זייערע גראָבע בייכער.

אַלס קינסטלער איז פּינסקי דער ערשטער פון די ערשטע אין אונזער ליטעראַטור, וועלכער האָט אין דעם אומקלאָרן פּראָטעסט פון א גאַס־מענטשן („אַראָפּ דעם יאָך") דערקאָנט דאָס נייע און דאָס באַדייטנדע דערפון; וועלכער האָט דערשפּירט, אַז צווישן אידישן אַרבעטער און אַרבעטגעבער וואַקסט אויס אַן אייזערנע וואַנט און עס הייבט זיך אָן א שטילע פאַרשטיקטע מילכאָמע.

פּינסקי האָט ניט געמאַכט קיין נאַפקעמינע צווישן דעם קריסטלעכן און אידישן אַרבעטער בענויגייע צו די וועגן, וואָס פירן די אַרבעטער צו א פרייער רעגלמעסיקער אַנטוויקלונג.

פּינסקי איז געבאָרן געוואָרן מיט אַן אויג, וואָס כאַפּט אוף די פיינסטע אונטערשיידונגען צווישן א איד א קאַבצן און א איד א פּראָלעטאַריער. אין זיינע אויערן האָט געקלונגען א נייער קישעפדיקער מאָטיוו: אויך בא אידן וואַקסט אויס א פּראָלעטאַריאַט! און די אלע גוטיקייטן, וואָס איז אָנגעגרייט פאַר די נאַציאָנען צוליב דער וועלט־באַפרייענדער קראַפט פונם אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט, אלע די וואוילטאָגן וועלן מעקויעם ווערן אויך פאַר דאָס אויסגעמאַטערטע אידישע פאָלק.

און פּינסקי איז געווען דענסטמאָל אינעווייניק בא זיך א ג א נ צ ע ר מענטש.

שיקער פון געזונטע יוגנט־געפילן, איז פּינסקי צוגלייך מיט טויזנטער אַנדערע פון זיינע כאַווירים געגאנגען דעם וועג, וואָס פירט צו א נייער מילכאָמע און צו א נייעם ניצאָכן, צו ליכט און באַפרייאונג, צו א נייער סינע און צו נייע אידעאַלן.

ד. פּינסקי האָט ניט געקאַרגט מיט ליבע צו זיינע פּראָלעטאַרישע העלדן. אלע זיינע ווייך־ציטעריקע געפילן האָט ער זיי אַוועקגעגעבן. ער האָט אָבער אויך ניט געקאַרגט מיט פאַרבן און מיט מיטלען אום פאַרהאַסט צו מאכן דעם אידישן רייכן באַלעבאָס און בורזשואַ אין די אויגן פון לעזער. ער האָט אויסגעשטעלט דעם אידישן אַרבעטער מיט פיל באַגאַבונג און דראַמאַטישן געפיל. נישט קיין ראַכמאָנעס־

געפילן (ווי פּערעץ) האָט ער געוועקט אין אונז צו אים, זאָנדערן אַן אַכטונג צו זיינע געזונטע נאַטירלעכע קרעפטן, צו זיינע פרישע כּושים, וואָס זיינען נאָך ניט פאַרטויבט געוואָרן פון בעסמעדרעש-לופט און כאַיע־אָדאָם.

דער מערסטער טייל פון זיינע מענער־ווי די פרויען־געשטאַלטן צייכענען זיך אויס מיט זייער געזונטער סימפּאַטישער קראַפט. אין פאַרגלייך מיט די בלאַסע צעבראָכענע העלדן בא אנדערע שרייבער, — זיינען פּינסקיס געשטאַלטן די איינציקע געזונטע.

דאָוויד פּינסקי איז דעמאָלט געווען דער איינציקער שרייבער, וועלכער האָט זיך געפילט אלס קינד פון א געזונטן קלאַל מיט גאַנצע געזונטע אינסטינקטן. בא אים האָבן זיך נישט אויסגעמישט די טענער פון ראַכמאָנעס און איעש; ער האָט ניט גע־וואוסט, וואָס איז דאָס אַזוינס דעקאַדענץ. ער איז געווען א פאַרביסענער סוינע פון אַלע באַל־כאַלוימעס און אלע וויינענדיקע סענטימענטאלע באַשעפענישן. די באַטלאָ־נעס פון די אַלטע מאַסקילים און דער ראָמאַנטיזם פון די כויוועווי־ציען זיינען גע־ווען פאַר אים אַן עקל. דאָס לעבן איז ניט געווען פאַר אים קיין אוילעם־האַמאַכשאָ־וועס, קיין גרינער טיש, וואו מע קלערט און מע טראַכט און מע פילט, נאָר אַן אוילעם־האַמאַיסע, אַ קאַמף־פּלאַץ, וואו מענטשן מיט שטאַרקע ווילנס מעסטן זיך אין קויכעס.

אין דעם פּינסקין פון אָנפאַנג די 90־ער יאָרן האָט מען שוין בעכוש אַרויסגעזען דעם צוקונפטיקן אידישן דראַמאַטיקער. אין אלע זיינע סצענעס האָבן די מענטשן גערעדט מיט א באזונדערס קרעפטיקער און ליידנשאַפטלעכער שפּראַך.

אַסאַך מער ווי די אויסערע באַשרייבונג האָבן כאַראַקטעריזירט זיינע העלדן די ווערטער, וואָס זיי האָבן אַרויסגעזאָגט; און דאָס, וואָס זיי האָבן גערעדט, האָט גע־האַט מאַרך און כּיעס, און האָט אָפּגעשלאָגן אין אויער מיט דעם נאַטירלעכן קלאַנג פון נאָך אַן אומבאַרירטער טמימעסדיקער נעשאָמע.

מיר האָבן מיט א טיפן אינטערעס פאַרפאָלגט די ווייטערע אַנטוויקלונג פונם יונגן פּינסקי, דעם אַנטדעקער פון אידישן פּראָלעטאַריאַט אין אונזער ליטעראַטור.

ד. פּינסקי איז ניט געבליבן שטיין אף איין אָרט. ער איז עלטער געוואָרן, און מיט די יאָרן איז אויך געוואַקסן זיין טאַלאַנט. אין ענדע פון די 90־ער יאָרן האָט ער געלעבט אין בערלין, איז באקאנט געוואָרן מיט פאַרשיידענע סטודענטישע, לי־טעראַרישע און קינסטלערישע קרייזן. דאָס, וואָס ער שרייבט אין יענער צייט, איז שוין ווייניקער דורכגעזאַפּט מיט דער טענדענץ פון פריער. אין זיינע סצענעס פון אידישן לעבן שילדערט ער נאָך אַלץ דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, אָבער שוין גאָר פון אַן אַנדער זייט.

אין זיין דערציילונג „דראַבקין" געפינען מיר צוערשט בא פּינסקין א נעגאַטיווע, א שטראָפנדע פאַרהעלטעניש צו זיין געליבטן, פון אים אליין אַנטפּלעקטן אידישן אַרבעטער.

פּינסקין אינטערעסירט שוין ניט דער קאַמף ביכלאַל. אומעטום, וואו ער זעט א געזונטע יוגנט קעמפן פאַר א פרייערן, ברייטערן סייכלדיקן לעבן, פילט ער זיך — אלס דער שילדערער, דער געבאָרענער פאַרטייטשער פון די געפילן באַ דידאָזיקע קעמפער־נעשאָמעס.

פּינסקי האָט געשריבן א קליינע איינאַקטיקע דראַמע, וואו ער שילדערט א יונג מיידל א פאַר מינוטן פאַר א געפערלעכער הויז־זוכונג. אין עס־שטוב רעדט מען איר אַ שידעך. אין דערבייאיקן געסל קלינגען שוין די שפּאָרן פון זשאַנדאַרמען. אליין לויפט זי פון שטוב אין קיך, רוימט און פאַרברענט, און אין ריכטיקסטן מאָמענט אַנטרינט זי פון די זשאַנדאַרמענס הענט.

ווער עס האָט געזעען דאָס שטיק אַף דער בינע (אין בערן, בערלין האָבן דאָס אידישע סטודענטן געשפּילט מערער מאָל), האָט אַף שטענדיק אַוועקגעטראָגן מיט זיך דעם איינדרוק פון א שטאַרקער קעמפּער־נאַטור אין דער געשטאַלט פון א פּריש יונג אידיש מיידל.

די רעטעניש אָבער, וואָס עס גיבן אוף דעם קינסטלער די קעמפּער־נעשאָמעס, זיינען פיל פאַרפלאָנטערטער און טיפער, ווי דאָס, וואָס מע קאָן אַרויסזאָגן אין קליינע גאַסן־בילדלעך און אין איינאַקטיקע דראַמען,— און ס'איז קיין וואונדער ניט, אַז די, וואָס האָבן געשעצט פּינסקיס טאַלאַנט, האָבן דערוואַרט פון אים גרעסערע און טיפערע אַרבעטן. און טאַקע קורץ פאַר זיין אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע האָט ער געשריבן א דרייאַקטיקע דראַמע „אייזיק שעפטל", און ער האָט מיט א גלאַנץ אַרויסגעוויזן, ווי אויסגעצייכנט ער קען די סוויווע פון אַרבעטער־לעבן, ווי לייכט עס קומט אים אָן קורץ און דראַמאַטיש צו שילדערן געזונטע שטאַרק־פילנדע מענטשן פון דער מאַסע, און וואָס פאַר א פיינער מייוון ער איז אַף די קאַמף־געפילן, וועלכע שפּילן זיך אָפּ אין דער נעשאָמע פון א מענטשן פון פאָלק, וועלכער איז געקומען אַף דער וועלט מיט א שעפערישן גייסט און א פונק פון א נעשאָמע־יעסיירע.

אין „אייזיק שעפטל" שילדערט ד. פּינסקי די שעפערישע פּערזענלעכקייט אין דער סוויווע פון ארבעטער־לעבן. ניט אויסערע ליידן צווינגען אייזיקן צו נעמען גיפט אין לעצטן אַקט, נאָר א טיפער אינעווייניקסטער שמערץ. אייזיק שעפטל איז אַן אויס־נאַם צווישן זיינע כאַוויירים אַרבעטער: ער איז א קינסטלער־נאַטור. ער טראָגט זיך שטענדיק ארום מיט פאַרשיידענע טעכנישע ערפינדונגען; עס זיינען אים שוין גע־לונגען עטלעכע קליינע ערפינדונגען. ווי אַן עכטער קינסטלער, ווייס ער נישט פון קרעמערישע רעוואָכים. זיינע ערפינדונגען קויפט אָפּ דער באַלעבאָס פון וואַרשטאַט בעכאָצי כינאָם. אייזיק פילט זיין אינעווייניקסטע ווערדע און די פּראָזאַאישע צאָרעס פון לעבן קערן אים ווייניק אָן. ער איז א שטאָלצע שווייגזאַמע טיף־פאַרקלערטע נאַטור אין א גראָבער בלוזע, אין אַן אַרבעטער־בלוזע.

די טראַגיק פון זיין לעבן איז, וואָס זיינע בעסטע אידייען און געדאַנקען קענען ניט באַקומען קיין הויט און ביינער, די ריכטיקע פאָרם. ער ליידט די צאָרעס פון איטלעכן ניט פאָלירטן געשליפענעם טאַלאַנט, בא וועמען די קויכעס האָבן זיך ניט אַנטוויקלט גלייכמעסיק, און צוליב וואָס דאָס גאַנצע לעבן גייט אָפּט לעאיבעד. איי־זיקס בעסטע אידייען גייען צום גרונט, ווייל זיין ערפינדערשער גייסט קען זיך ניט שטיצן אַף בילדונג און קענטעניש, ווייל ער א בור־דעראיסע (אַן אַמאָרעץ) בענוי־גייע צום מאַטעריאַל, אַף וואָס ער וויל אָנווענדן זיינע טעכנישע פּלענער. אַלס רויער מענטש, פילט ער א טיפן שפּאַלט צווישן זיינע אידייען און די רעאַלע לעבנס־פאַקטן, ער פילט אין זיך א מישמאַש, א דיסהאַרמאָניע, וואָס וועקט אין אים אוף א יאַם פון יעסורים, און וועלכע טרייבן אים צולעצט צו א זעלבסטמאָרד...

אין אייזיק שעפטל האָט פּינסקי דערגרייכט די גרעסטע שטופע פון זיין קינסט־לערישן טאַלאַנט. אין דער דראַמע האָט פּינסקי געוויזן די טראַגיק, צו וועלכער עס קען דערלאַנגען די טאַלאַנטירטע פּערזענלעכקייט אין פּראָלעטאַריאַט.

ד. פּינסקי האָט אין 1899 י. פאַרלאָזן איירָאָפּע און איז אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. אין דער צייט פון די לעצטע יאָרן איז מיט אים פאָרגעקומען א גרויסע פאַרענדערונג. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז געווען א צייט לאַנג דער רעדאַק־טאָר פון א אידישער אַרבעטער־צייטונג, איז דאָך זיין אינטערעס צום אידישן אַר־בעטער שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

אין פלוג גערעדט, האָט דאָך פּינסקי אין אַמעריקע, וואו דער אידישער עמיגראַנט מאַכט אָפּט דורך אַלע גילגולים פון א שוויץ־וואַרשטאַט־ארבעטער ביז א „טרייד־יוניאָן־מען״ און א „שאפּמען״, געדאַרפט געפינען פאר זיין ספּעציעלן טאַלאַנט א פריי ברייט פעלד. אייגנטלעך, האָט ער דאָך געדאַרפט מיט דער צייט ווערן דער קינסט־לער—עמבריאָלאָג, וואָס שילדערט אונז פאַרשיידענע סטאַדיעס און איבערגאַנג־קנייטשן אין לעבן פון דער אידישער אַמעריקאַנישער פּראָלעטאַריער־מאַסע. אין פרייען אַמעריקע, אין שאָטן פון בארטעלעמים ווייבערשן—אויג מעלעך־האבאָשן (די פריי־הייטס־געטן) וואַקסן דאָך די „דראַבקינס״ און די „כאַנע לייעס״ און די אָנעוודיקע טיפּן ווי „כאַים מעשאָרעס״ ווי אף הייוון. וואו האָט נאָך פּינסקי געקענט געפינען אַזויפיל שטאָף, אַזויפיל דראַמאַטישע באַוועגונג, ווי אינם לאַנד, וואו אויך די שאַ־בעסדיקע כאַלע גייט אוף האַסטיקער ווי בא אונז אין דער טויטער שטאָט גלופּסק?

און דאָך זעען מיר, אז גראָד אין אַמעריקע האָט פּינסקי פאַרלאָרן זיין אַלטע יוגנט־מוזע; גראָד דאָרטן איז ער מיט איר צוערשט באַרויגעז געוואָרן.

געוויס האָט פּינסקי גענוג יעסורים געהאַט און ניט איין נאַכט צוגעבראַכט אין פּיין און ווייטיק, איידער ער האָט זיך צעשיידט פון זיין אַלטער צעפּלאָמטער ליבע. און אויב ער האָט נאָך א צייט לאַנג זיך געראַנגלט מיט זיך,— האָט דער קישינע־ווער פּאָגראָם געמאַכט אַן עק צו זיינע צווייפלען.

מיר האָבן געזאָגט, אז דאָס שוואַכע בילד „שיני״ (די שפּראַך געקינסטלט, מער „דייטשמעריש״, ווי אידיש, דער טאָן—הויפּטמאַן, ניטשע, בערדיטשעווסקי, אויסגעמישט מיט כאַראַטע און אומעט פון א פאַרדעכטיקער זאַטקייט) האָט אין גע־וויסע ליטעראַרישע קרייזן, וואָס אינטערעסירן זיך מיט פּינסקין, געמאַכט אַן איינ־דרוק צוליב דער נייער טענדענץ. צום ערשטן מאָל הערן מיר פּינסקין רעדן מיט דער שטימע פון איינעם, וואָס האָט זיך שוין פאַרסאַמט מיט נאַציאָנאַלע אידישע ספּייקעס און פּראָבלעמען*). און ווירקלעך, אין די לעצטע יאָרן האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט א דראַמע, וואָס דאַרף שילדערן דריי דורעס אונטער איין דאַך.

די פרוכט פון זיינע דימיוינעס איז ווי באַקאַנט „פאַמיליע צווי״, דאָס, וואָס ס׳האָט פּינסקיס נאָמען פּאָפּולער געמאַכט אין דער גאַנצער זשאַרגאָן־לייענער וועלט.

דער פּינסקי פון „פאַמיליע צווי״ איז שוין פון אַן אַנדער כיידער. ניטאָ די באַזור־נענקייט פון אַמאָל, די טמימעסדיקע זיכערקייט פון זיינע ערשטע זאַכן; ניטאָ שוין דער קאָס צו אידישע באַלעבאַטים און די ליבע צום אידן אין מאַלבעשע פון אַר־בעטער. אין צענטר פון דער דראַמע שטייט די פיגור פון רעב מוישע. און רעב מוישע איז ניט אַן אַלטמאָדישער איד, נאָר א ראָמאַנטישע געשטאַלט. ער איז ניט קיין לעבעדיקער מענטש, נאָר פּינסקיס דימיען פון א גאַנצן אידן מיט א גאַנצער עמונע און א גאַנצער נעשאָמע, וועלכע ער טוט אָן קינסטלעך אין די מאַלבושים פון דער פרום־פאַרצייטיקער וועלט. ווי אַן עכטע ראָמאַנטישע געשטאַלט רעדט ער ניט מיט א לאָשן פון א לעבעדיקן מענטשן, נאָר מיט האַלבע פּסוקים פון טאַנאַך און מיט דעם געקינסטלטן פּאַטאָס, מיט דער געמאַכטער היסלאַוועס פון א גער, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט אף דער עלטער צו ריידן אידיש מיטן לאָשן פון פּסוקים.— אין „פאַמיליע צווי״ איז שוין די היינטיקע וועלט ווי פאַרדעקט פון רעב מוישעס ראָ־מאַנטישער געשטאַלט. די יונגע ריידן קנאַפּ, און דאָס, וואָס זיי ריידן, איז צייטונג־

---

*) דער אַוטאָר מיינט דאָ דעם ציאָניזם.

ר ע ד.

פּאַפּיר. נאָר איין רעב מוישע רעדט און רעדט, אַז מע ווייסט שוין ניט, ווען וועט דאָס נעמען א סאָף. ווי א טויטע ראָמאַנטישע פּערזאָן, ווייסט זי ניט פון קיין מאָס, און גאָט ווייסט, וואָס ער וויל. נאָר איינס איז קלאָר: ד. פּינסקין האָט אָפּגעעקלט די אידישע געגנוואַרט. ער געפינט אין איר שוין ניט קיין מאָטיוון פאַר ליבע, קראַפט, קאַמף און לעבן.

וואָלט פּינסקי געווען א פּערעץ, א בערדיטשעווסקי אָדער א הילעל צייטלין, קורץ, וואָלט ער געווען א טאַלאַנט מיט א נאַטירלעכן צובונד צו זיין אַלטן אידישן אָוועך, דעמאָלט וואָלט עפּשער זיין דימיען אויך אָנגענומען אַ מער קינסטלערישע פאָרם. פּינסקי איז אָבער א טאַלאַנט, וואָס פילט זיך נאָר שטאַרק מיט דער געגנוואַרט. די וועלט פון פאַרגאַנגענהייט איז פאַר אים א בוך מיט פאַרמאַכטע טאָוולען. און זיין בייענקעניש האָט באַשאַפן א טרוקענע ראָמאַנטישע טעזען-פיגור ווי רעב מוישען; עפּשער ניט קיין שלעכטע בינען-פיגור פאַר א מעלאָדראַמאַטישן אַקטיאָר, אָבער א לאַנג־ווייליקע באַשעפעניש פאַר א שטילן פילנדן לעזער.

אין „פאַמיליע צווי" איז שוין פּינסקיס דראַמאַטישער טאַלאַנט טיף געפאַלן. זיין הויפּט-העלד וואַקסט ניט. פון דער ערשטער ביז דער לעצטער סצענע בלייבט ער דער אייגענער.

נאָך „אייזיק שעפטל" באַטייט „פאַמיליע צווי"—א טריט צוריק פון דראַמע צו מעלאָדראַמע.

די קונסט זיינע איז געפאַלן.

אין זיין שפּעטערער אַרבעט „די מוטער" ווייזט עס זיך נאָך אַרויס מיט מער קלאָרקייט. דען מיר באַמערקן אין זיין אַרבעט „די מוטער", ווי דער אַמאָליקער פּאָעט פון קאַמף-נאַטורן ווערט שוין גאָר א שטיקל באַל-בעכי. די שטאַרקערע, די אינגערע העלדן אין דראַמע ווערן פאַרשטעלט פון אן אַלטער מאַמען, וואָס וויינט אין ערשטן אַקט, וואָס וויינט אין צווייטן אַקט, און וואָס וויינט אין דריטן אַקט, און וועלכע וואָלט אויך יאָמערן אין פערטן אַקט, ווען זי וואָלט שוין אין דריטן ניט געשטאָרבן. און זי וויינט אָן א טאָם, זי וויינט—ווי עס וויינט זיך פּינסקין אַליין: ניט ווייל עס האָט עפּעס גרויסעס פּאַסירט, נאָר ווייל עס וויינט זיך, פון זיך אַליין.

אין „דער מוטער" האָט פּינסקי שוין אינגאַנצן אופגעהערט זיין דער דראַמאַטי־קער. דאָס, וואָס זיין „מוטער" ציט ווייניקער דאָס פּובליקום אין טעאַטער, ווי גאָר־דינס „כאַסיע די יעסוימע", דערקלערט זיך נאָר מיט דעם, וואָס פּינסקי איז פּיל, פּיל טיפער פאַר גאָרדינען, אַז ער זאָל קענען שרייבן אַ גוטע מעלאָדראַמע.

* * *

דאָוויד פּינסקי איז געוואָרן א נאַציאָנאַליסט, ער איז געוואָרן א ראָמאַנטיקער אין א לאַנד, וואו כאָלעמען איז א פאַרברעכן.

ד. פּינסקיס מוזע איז אין גאָלעס, און דעריבער האָט זיין שפּראַך פאַרלאָרן צייט אייניקע יאָר איר נאַטירלעכקייט; זיינע געשטאַלטן—די פריערדיקע פרישע פאַרבן, זייער דראַמאַטישן לעבעדיקן פּאָנים.

(„געקליבענע שריפטן" ב. I).

שלום עליכם מיטלשול
3 UNION SQUARE, N. Y.

פראַגן און אופגאַבן.

1. די פּראָטעסט־רנדיקע פיגורן בא ד. פינסקי.
2. דער אופוואַכנדיקער אַרבעט-מענטש פון די 90-ער יאָרן בא פינסקין.
3. נאַציאָנאַליסטישע מאָטיוון אין פינסקיס דראַמען („פאַמיליע צווי״)
4. פארגלײַך צווישן שאָלעם-אַלייכעמס „צעזייט און צעשפּרייט״ און ד. פינסקיס „פאַ-מיליע צווי״.
5. כאַראַקטעריסטיק פון פינסקיס „יעקל דער שמיד״.

די וויכטיקסטע ווערק:

דראבקין און יאָמקיפּער.
יעקל דער שמיד.
די פאַמיליע צווי
די מוטער.

XI. גאָרדין.

יאַקאָוו גאָרדין (1853—1909)

(ביאָגראַפיע)

1853 — געבאָרן אין מירגאָראָד, פּאָלט. גוב. אין אַ פאַרמעגלעך הויז. געלערנט זיך אינדערהיים מיט לערער. צו 17 יאָר אָנגעהויבן שרייבן אין רוסישע פּראָווינציעלע צייטונגען. צו 19 יאָר כאָסענע געהאַט, געהאַנדלט, געווען אָן ערדאַרבעטער, געאַרבעט אין אָדעסער פּאָרט באַם אָנלאָדן די שיפן, געווען אַן אַקטיאָר אין אַ וואַנדער־טרופּע.

1880 — אָנגעהויבן שרייבן אין פּעטערבורגער זשורנ. „Неделя" דערציילונגען פון אידישן לעבן, פון לעבן פון שטונדיסטן. ג. אליין האָט זיך צו יענער צייט שטאַרק דורכגעדרונגען מיט דער שטונדיסטן־באַוועגונג, געווען שטאַרק אַסימילאַטאָריש געשטימט. קעדיי צו פּראָפּאַגאַנדירן די אידייען פון שטונדיזם צווישן דער אידישער מאַסע, געגרינדעט אין יעליסאַוועטגראַד אַ „גייסטיק־ביבלישע ברודערשאַפט".

1881 — פאָרגעקומען די באַוואוסטע פּאָגראָמען, ווערט צעפאַלן די „גייסטיק־ביבלישע ברודערשאַפט". פיל פון די אָנהייִנגער עמיגרירן קיין אַמעריקע, ג. לאָזט זיך אַוועק אַף ערד, פּראָפּאַגאַנדירט צווישן דער אידישער באַפעלקערונג ערדאַרבעט. די זאַך גיט זיך אים ניט איין צוליב די שוועריקייטן, וואָס די רוסישע זעלבסטהערשונג האָט זיי געמאַכט.

1884—91 — ווידער באַנייט די שטונדיסטישע פּראָפּאַגאַנדע, שפּעטער געוואָרן טעטיק אין די טאָלסטאָי־סעקטעס.

1891 — עמיגרירט קיין אַמעריקע. דאָ די ערשטע צייט זיך שטאַרק גענייטיקט מאַטעריעל, געפּרוּווט גרינדן רוסישע אויסגאַבן, אַ קאָלאָניע אַף טאָלסטאָיס קאָמוניסטישע יעסוידעס. ענדלעך געפּרוּווט די קויכעס אין אַ אידישער דראַמע. פון דעמאָלט אָן — שוין אַפן גאַנצן לעבן געבליבן פאַרבונדן מיטן אידישן טעאַטער. ג. האָט אין מעשעך פון זיין 19־יעריקער טעטיקייט, אַלס דראַמאַטורג, פאַרפאַסט אָריגינעלע, איבערגעאַרבעטע און איבערגעזעצטע 70—80 פּיעסן. ג. איז אויך געווען שטאַרק טעטיק אַלס טעאַטער־רעצענזענט און ליטעראַטור־קריטיקער. האָט אויך געשריבן פאַרשידענע הומאָרעסקן, סקיצן, בילדער און דערציילונגען. פיל פון זיינע דראַמען זיינען אופגעפירט געוואָרן אַף דער רוסישער און אייראָפּייאישער בינע. אייניקע דראַמען זיינען איבערגעזעצט אין רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש.

1909 — געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

דאָס מעלאָדראַמאַטישע אין גאָרדינס פּיעסן. — צוזאַמענשטויס פון דאָרף און שטאָט אין „כאַסיע די יעסוימע“.

כאַסיע איז דערצויגן געוואָרן אַפן דאָרף בא אָרעמע טאַטע־מאַמע, גאָר אין דאָרף, אַף דער שויס פון דער נאַטור, פון וואַלד און פעלד! כאַסיע איז אַן אָפענע, יונגע, הייסע, אימפּולסיווע נאַטור. זי מוז גיין צו דער מומען, ווייל די מוטער איז איר געשטאָרבן און די שטיפמאַמע קנייפּט און שלאָגט. כאַסיע פאַרדינט עס נישט, נאָר אין שטוב איז אַ דאַלעס, דער דאַלעס מאַכט ביטער, און אַף וועמען זאָל מען אויסגיסן דאָס האַרץ, אַז ניט אַף אַן אייגן שטיפקינד? און אַז עס גייט איבער די מאָס, נעמט דער פאָטער און פירט זי אָפּ אין שטאָט אריין צו זיינע רייכע און אזוי נאָענטע קרויווים, דאָרט וועט איר גוט זיין... גאָרדין שטייט אַף דער גרענעץ צווישן „שונד“ און קונסט; נעענטער צו קונסט; אָבער אינגאַנצן פון מעלאָדראמאטישע סצענען קאָן ער נישט אָפּלאָזן. ער האָט אמאָל אַ רייעך פון שעקספּיר (די ערשטע צוויי אַקטן פון מירעלע עפראָס); ער שמעקט אויך אַמאָל מיט אַ העכערער ראָמאַנטישער ליריק (דער ליבעס־אַקט אין „כאַסיע די יעסוימע“), אים פעלט אָבער די מאָס, און ווייסט קיינמאָל ניט, וואו און ווען צו ענדיקן. גאַנץ אָפט האָט מען דעם איינדרוק, אַז עס האָט שטאָף פאַרפעלט פאַר אַ גאַנצן אָוונט, און ער מאַכט צו די רעשט מיט „שאַבעס־שטעך“. נאָך די ערשטע צוויי שטאַרקע, שעקספּירישע אַקטן פון מירעלע עפראָס גייען צוויי שוואַכע, ציען זיך צוויי צוגעטשעפּעטע אַקטן, וואָס פאַרדאַרבן דעם איינדרוק פון די ערשטע. און דאָסזעלבע האָט ער געטון מיט „כאַסיע די יעסוימע“. אָפּזאָגן זיך פון כאַסיעס זעלבסטמאָרד האָט גאָרדין ניט געוואָלט און ניט געקאָנט. ער קען זיינע פּאַפּענהיימער — דאָס פּובליקום אין אידישן (וויניקסטנס אַמעריקאַניש־אידישן) טעאַטער און ווייסט, אַז זעלבסטמאָרד איז אַ שטאַרקער טרומף — ווייבער כאַלעשן! די זאַך מוז אָבער ווערן אויסגעצויגענער, עס זאָל צונעמען דעם ג א נ צ ן אָוונט! און צוליב דעם הייסט גאָרדין: וולאַדימיר זאָל כאַסענע האָבן מיט כאַסיען, די טראַכטנבערגס זאָלן זיך אָפּזאָגן פון וולאַדימירן... וולאַדימיר מיט כאַסיען לעבן אין דאַכקעס — און וולאַדימיר קאָן ניט לעבן אין דאַכקעס, ער איז ניט געוואוינט דערצו, ער אליין פאַרדינען קאָן נישט, לעבן פון כאַסיעס זאָקן־אַרבעט הייסט ניט דערעסן, און קיין קערטל אין האַנט אריין ניט נעמען... וולאַדימיר הייבט אָן פאַר צאָרעס צו טרינקען. כאַסיע אָבער קאָן עס שוין ניט איבערטראָגן... און כאַסיע די יעסוימע נעמט און סאַמט זיך... און גאָרדין האָט פאַרפולט דעם גאַנצן אָוונט! און — נאָך די אלע קונצן — קומט, נאַטירלעך, ארויס ניט דאָס, וואָס גאָרדין האָט געוואָלט: דער איינדרוק, וואָס מע האָט באקומען פון די ערשטע אַקטן, ווערט אָפּגעשוואכט; מאַדאַם קאמינסקא, וואָס שפּילט כאסיען, קאָן, בא איר גאנצן טאַלאנט, דעם פערטן אַקט ניט רעטן. זי שטאַרבט ז י י ע ר גוט, אָבער וו י י נ ע ן אַף איר טויט, ווינט נאָר וולאַדימיר, דאָס פּובליקום געגעצט...

און דאָך האָט דאָס שטיק גליקלעכע מאָמענטן. אופמערקזאם מוז מען מאַכן אַפן ליבעס־אַקט, ווען כאַסיע איז זיך מוידע פאַר וולאַדימירן, אַז זי האָט געוואַרט אַף איר אומגליק, זי איז נעכט נישט געשלאָפן און האָט געוואָלט, עס זאָל קומען; ה י י ס געוואָלט! שיין, ראָמאַנטיש שיין, איז דער מאָמענט, ווען כאַסיע וויל פול און גאַנץ מאַכן איר גליק, און וויל האָבן דאָס דאָרף בא די טראכטנבערגס אין סאלאָן,

ווען זי שטעלט אויס אין צוויי רייען די וואַזאָנעז אלס אן אַלייע פוןביימער, און לייגט אויס די סטיינגעס אפן אָרט, וואו עס דאַרף פליסן דער טייך, און זעצט זיך מיט אים באם ברעג פון טייך און הייסט אים שווייגן... „שווייג! שווייג!״ — בעט זי זיך. ווייל זי פילט, אז אין שטילן דאָרפישן אָוונט דארף ער נישט רעדן! זי האָט אים ליב, נאָר ער פּאַסט דאָך ניט דערצו. זי וואָלט אים דאָך אַנדערש געוואָלט, אַנ־דערע רייד פון אים הערן! גוט געכאַפּט איז כאַסיעס אָנקומען פון דאָרף, ווי זי פּאַלט אין טראַכטנבערגס שיין הויז אריין מיט מוסער, פּרינציפּן, פּאראלעלן און קאָרטן געשפּילט... און נאָך, און נאָך אנדערע ערטער...

די אַמעריקאַנישע אויסגאבן לעבן ביז היינט פון אונזער בעלעטריסטיק, עס ווערט קימאַט אלץ איבערגעדרוקט; אונזער אידיש טעאַטער וויל אויסגלייכן דעם כעשבן, און פּעקלט צו אונז איבער אַמעריקאַנישע דראַמען: דאָס קאָסט ניט.

„אוי, דאַלעס, דאַלעם!״ — ווי כאַסיעס פאָטער זאָגט. נאָר אָרעמקייט איז קיין שאנד, און גאָרדין האָט טאלענט.

(„ליטעראַטור און לעבן״. אלע ווערק, ניו־יאָרק, 1920).

ד״ר א. מוקדוני.

דער בירגערלעכער מוסער־האסקל אין גאָרדינס דראַמע.— די באנאלקייט פון גאָרדינס סוזשעטן און טיפּן.

גאָרדין האָט ניט אופגעהויבן דעם אידישן שוישפּילער און טעאַטער־באַזוכער, ער האָט אים ניט באוויזן די בלענדנדע שיינקייט, פאַרפירנדן רייץ: פאַרקערט, ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צו זיי און געמאַכט דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט.

אין זיינע אָריגינעלע דראַמען בלייבט גאָרדין געטריי זיך. עס הערשט דאָרט אַ קרעמערישע אופאַסונג פון דער אידישער געזעלשאפט, פון מענטשן און ליידנ־שאַפטן. דער „מענטש״ איז אַזוי קלאָר, אזוי פאַרשטענדלעך בא גאָרדינען, ער איז אלעמאָל אזוי „קאָנסעקווענט״, אזוי לאָגיש, אז מע קאָן אין ערשטן אַקט פאָרויס־זאָגן, וואָס פאר אַ סאָף ער וועט האָבן.

די ליידנשאַפטן, די ליידן, די סימכע באַגלייטן גאָרדינס „מענטשן״, ווי די וואַ־גאָנעס דעם לאָקאָמאָטיוו: דער מענטש שלעפּט נאָך זיך אַ ווילד־פרעמדן פעקל, ווייל ער איז אַ כאָסיד, אַ מיסנאַגעד, אַ דאַרפסמאַן, אַ שניידער, אַ שוסטער.

גאָרדינס מענטש קומט אַף דער וועלט אַ כאָסיד, אַ מיסנאַגעד, אַ סויכער, ער קומט מיט זיין פּאַראַלעל: דער „מאַכטייסע״, דער „האָדי״, דער דאַלעס־דאלעס״, דער מיט אַ פאַראַלעל און פּרינציפּן פון אַ קאָמערטשעסקן מענטש.

און דער גאַנצער טאַכלעס פון זיין קומען אַף דער וועלט איז נאָר זאָגן זיין „ווערטל״. דאָס „ווערטל״ אין גאָרדינס דראַמען איז די הויפּטזאך, דאָס איז די כאראקטעריסטיק, אין אים ליגט די נעשאָמע פון מענטשן.

און ווען מע נעמט צוזאַמען אַזאַ פעקל מיט פאַרשוינען און מ׳פלעכט פון זיי אַ דראַמע אין פיר אַקטן, באקומט זיך אַ גראָב, קלאָציק געוועבס, אַ געוועבס, וואָס פּאַסט פארן גראָבן קערפּער פון דעם קליינבירגערטום.

דער מענטש אליין איז קיין פּראָבלעם ניט. קיין אנדערע פּראָבלעמען,—סאָציאַלע, עטישע, סעקסועלע זיינען גאָרניט בעניםצע; עס איז אַ ווערטל פון שידוכים, פון

פאַמיליען־לעבן, און שידוכים זיינען פאַראן פאַרשיידענע: גלייכע (זעלטן), קרומע, (אויך זעלטן) שלעכטע און גלאַט מעשונעדיקע. עס זיינען דאָ קינדער גוטע (וואָס ריידן סענטימענטאַל), שלעכטע, ווייכע און האַרטע.

און דאָס איז דאָס „מאַטעריאַל" פאַר דער בירגערלעכער דראַמע. דאָס אייגענע קרעמל, זיין באַלעבאַטישקייט, איז באַם בירגער זיין וועלט, קיין אנדערע ווייס ער ניט און וויל ניט וויסן.

אין „מירעלע עפראָס" איז פאַראַן אַ ניט־געראָטענער שידעך, אין „כאַסיע די יעסוימע" — אַ קרומער שידעך, אין „די שכיטע" — אַ שלעכטער שידעך, אין „קרייצער סאָנאַטא" — אַ מיעסער שידעך; אין „געברידער לוריע" ווערט צוזאַמענגעפירט אַ גוטער שידעך, אין „גאָט, מענטש און טייוול" געט מען זיך און מע טוט אַ שידעך, איינער איז אַראָפּ קעשורע, דער אַנדערער נעבעך ניט; אין „אומבאַקאַנטן" אַן אומגעלומפּערטער שידעך.

האַקלאַל, דאָס אידיש לעבן קאָכט און ברויזט פון שידוכים! אין אידישן לעבן זאָגט מען ווערטלעך, מע קוילעט און מע שיסט זיך.

די בעסטע דראַמע גאָרדינס — „מירעלע עפראָס" איז די קלענסטע בירגער־דראַמע. מירעלע איז אַ אידענע מיט כאַראַקטער; זי קומט אין סלוצק און הייסט שטעלן אַ כופּע באַ זיך אין אַכסאַניע! זי רעדט פון זיך מיט גרויס דערעכערעץ, שלוימען רופט זי גאַנעוו, און האָט אים סענטימענטאַל ליב, די קינדער האָט זי דערצויגן פאַר איינפאַכע אידיאָטן, קעדיי זי זאָל זיי קענען פאַטערן, ווען זיי וועלן האָבן בערד. צו מאַכלען רעדט זי מיטן שטעקן און מאַכלע איז איר בעסטער גוטער פריינט.

אַ ברייטע האַנט האָט זי און האַלט זי פאַרמאַכט; טילים זאָגט זי, ווען דאָס וואַסער קומט שוין צום האַלז; אין קאָס ווערט זי, ווען מע קריכט איר אין לעבער אריין. דאָס איז דער אידעאַל פון אַ בירגערלעכער פרוי!

איין פיינער שטריך איז אין מירעלען ניט אופגעדעקט געוואָרן, אלץ איז פאַרלייגט מיטן גרויען שטויב פון בירגערלעכן לעקסיקאָן, פון בירגערלעכן פאַרשטאַנד.

דער מוסער־האַסקל איז, אַז מע פאָלגט ניט אַ קלוגע מאַמע, האָט מען אַ ביטערן סאָף, קינדער פאַרלירן דאָס פאַרמעגן און ווערן אָרעם.

אַ מאַמע בלייבט אָבער אַ מאַמע, מיט שטעקנס וועסטו ניט ארויסטרייבן די ליבע צו קינדער פון איר. קאָנען די קינדער זי ניט מילדערן, איבערבעטן, טאָ וואַרט: זי וועט ווערן אַ באַבע, וועט קומען דער אייניקל און וועט זי גויוער זיין!

דריי — פיר טיפּן פאַרמאָגן גאָרדינס דראַמען. בעצאַלעל ראַפּאָפּאָרט און געדאַליע פון „געברידער לוריע" זיינען צוויי לייבלעכע ברידער. „נאָכעמצי כאַנע־דוואוירעס" און מאָטיע שטרייכל זיינען זייער נאָענטע קרויווים.

איין ראָוו און איין רעבעצן אין אלע דראַמען. פון איין בירגערלעכער דראַמע האָט גאָרדין באַשאַפן דעם גאַנצן הייניטיקן אידישן רעפּערטואַר.

70 דראַמען האָט גאָרדין געשריבן, און אין זיי אלע זיינען נאָר פאַראַן אַ האַלבצענדליק מענטשן. אַ פּאָר באַלעבאַטים, אַ ראָוו, אַ רעבעצן, אַ פּאָר פאַרשימלטע מעלאַמדים, אַ פּאָר שוסטער און שניידער' דרייען זיך ארום אף דער אידישער בינע שוין אַ צענדליק יאָרן. אָוונט אין אָוונט ווייזט מען זיי דעם פּובליקום.

אף דער אידישער בינע קעניגט דער וויץ, דאָס ווערטל. דער וויץ גאָרדינס איז פלאַך און טומפּ, דאָס ווערטל איז ברוטאַל און עקלהאַפט.

די אידישע פאַמיליע, די קאַנווע, אף וועלכער גאָרדין האָט געוועבט זיינע דראַמען, איז ניט די פאַמיליע, וועלכע איז אייגנ פאַרבונדן מיט דער געזעלשאַפט, עס

איז ניט די פאמיליע, דער קערן פון דער געזעלשאפט, עס איז ניט די פאמיליע, פון וועלכער די גאַנצע געזעלשאפט איז אַנטשטאנען און וועלכע שפיגלט אין זיך אָפּ אַלע דערשיינונגען פון אונזער געזעלשאפטלעכן לעבן.

די אידישע פאמיליע בא גאָרדינען איז עפּעס אַ מין צופאל: עס לעבט באזונ־דער אזא מין פאָטער, האָט ער אזא און אזא מין טאָכטער, פארפלאָנטערט זיך די טאָכטער מיט אַ שידעך און עס ווערט אַ דראַמע.

גאָרדין האָט אלץ פאַרפלאכט און האָט אויך פארפלאכט די אידישע פאַמיליע, די פאמיליע, וואָס שאַפט דאָס מאָדערנע אידישע לעבן.

(זאמלבוך „אידיש" II, וואַרשע, 1909).

לעאָן קאָברין.

זיכרוינעס וועגן יאַקאָוו גאָרדין.

אָט, דאַכט זיך, זע איך אים נאָך אין אַ געוויסן קאַפעהויז אַף קאַנעל. ער זיצט דאָרט בא אַ טישל מיט זיינע פריינט, וואָס זיי אלע קימאַט זיינען גוט־באַקאנטע רוסיש־אידישע אינטעליגענטן — שרייבער, רעדנער, מוזיקער און דאָקטוירים באוואוסטע, ראַדיקאַלן און קלאַל־טוער. ער פארשטעלט זיי, דאַכט זיך, אַלעמען מיט זיין מעכטיקער אימפּאָזאַנטער געשטאַלט, מיט זיין אויסערגעוויינלעך אימפּאָנירנדיקן אויסזען.

מיט וואָס פאר אן אָפּשיי זיי קוקן אלע אים אין די אויגן אריין. ווי זיי קוועלן אָן פון זיין יעדן וואָרט!

אַ שטרייַנגער לערער איז גאָרדין געווען, דאָך אַ געבוירענער און אופריכטיקער לערער.

און נאָר מיט דערדאָזיקער באַדערפעניש, צו לערנען מיט אַנדערע, קאָן מען אויך דערקלערן דעם דידאקטישן כאַראַקטער פון אלע זיינע פיעסן, גלויב איך, דאָס, וואָס אלע העלדן אין זיינע פיעסן פילאָזאָפירן און מאָראַליזירן אַזוי.

גאָרדין אליין פילאָזאָפירט דורך זיי און דריקט אויס דורך זיי די איינגעבוירענע באַדערפענישן, וואָס איז אין אים, צו לערנען מיט אנדערע.

און נאָר אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי ער האָט אויך געקענט געפינען אַ טקומע אַף דער אידישער בינע אין יענער צייט.

דער ערשטער אידישער אַקטיאָר, וואָס האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן גאָרדינען, איז געווען יאַקאָוו אַדלער.

„ער איז געווען מיין מאָשיעך, מיין דערלייזער" — האָט אַדלער זיך אמאָל אויס־געדריקט פאר מיר וועגן גאָרדינען.

וואָרום בעאייס די אלע אנדערע הויפּט־אַקטיאָרן האָבן געהאַט שטימען און האָבן קימאַט אין יעדער פיעסע געזונגען, האָט ער קיין שטימע ניט געהאַט און איז אינ־גאַנצן געווען אָנגעוויזן אַף ראָלן, אין וועלכע מע האָט ניט געדאַרפט זינגען.

שוין אין זיין ערשטער פיעסע „סיביריא" טרעט ארויס גאָרדין דער לערער.

אין דערדאָזיקער פיעסע פילט זיך דער אָנהייגער פון טאָלסטאָי, דער מאָראַליסט און דער גרינדער פון דער סעקטע „ביבלייצעס".

מיט אָט דעם גייסט, ווייזט זיך מיר אויס, איז אויך געשריבן זיין פיעסע „דער אידישער קעניג ליר", האַגאַם דעם סוזשעט פאר דער פיעסע האָט ער גענומען טייל־

ווייס פון שעקספּירס „קעניג ליר” און טיילווייס פון אַ דייטשישער פּיעסע „קעניג קרויזאָ”, איז זי דאָך אינגאנצן זיינע, גוט אָדער שלעכט; ווי די מענטשן זיינען דאָרט ניט געשילדערט פון דעם ליטעראַרישן און דראַמאַטישן שטאַנדפּונקט, זיי זיינען אָבער זיינע מענטשן, אידישע געשטאַלטן, אידישע סצענעס, אַ אידישע סוויווע, און דער איקער, דער לערער גאָרדין דריקט זיך אויס דורך דער דאַזיקער גאנצער פּיעסע.

אזוי איז ער אין זיינע ווייטערע פּיעסן. דער לערער איז ער, וואָס פון דער בינע אַרונטער זאָגט ער זיין עטישן וואָרט, זיין באַלערנדיק וואָרט.

(„דערינערונגען פון אַ אידישן דראַ-
מאַטורג”, ניו-יאָרק, 1925).

מ. ווינטשעווסקי.

די שפּראַך פון גאָרדינס ווערק.

ווען גאָרדין איז מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק אָנגעקומען קיין אַמעריקע פון רוסלאַנד, האָט ער געפונען אַזאַ מין לאַגע:

אַ גרויסער טייל פון דער אידישער אינטעליגענץ, קומענדיק פון דאָרעם-רוסלאַנד און פון פּוילן, האָט גערעדט און געשריבן דעם מער אָדער ווייניקער פּוילישן דיאַלעקט.

די פּרעסע דאגעגן איז קימאַט אינגאנצן געווען באהערשט פון ליטוואקעס, און דער דיאַלעקט איז געווען דער ליטווישער ווי ער האָט זיך געהאַט אויסגעאַרבעט אין לאָנדאָן.

אף דער בינע האָט מען גערעדט „טייטש” — ניט אין קיין אידישער הויז געדאַכט — אָבער די „טייטשן” זיינען געווען רומענישע, דאָרעם-רוסישע און גאַליציאַנער, און זייער לאָשן איז געווען אַ מישמאַש צווישן דעם דיאַלעקט פון גאָרדין, פון זיין היים, און פון גאָלדפאַדן און לאטיינער פון זייער היים.

קעגן דערדאָזיקער „טייטש” האָט גאָרדין פון ערשטן טאָג גענומען פירן אַ קאַמף, אָבער דעם דאָרעם-רוסישן אַקצענט פונם טעאַטער אין זיין קאָנפליקט מיט דעם ליטווישן אידיש פון דער פּרעסע האָט ער ניט געקאָנט בייקומען פאר אַ לאנגע צייט, אין מאנכע פּראָטים ביזן טויט.

דאָס אליין וואָלט גענוג זיין צו דערקלערן דעם פאַקט, וואָס זיין שפּראַך איז ערטערווייס ניט גלאַט. אָבער דערביי איז געווען אן אנדער אומשטאנד.

מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט ניט נאָר גאָרדין ניט געהאַט קיין גרויסע עמונע אין דער צוקונפט פון אונזער אָרעמען מאַמע-לאָשן. מענטשן, וואָס האָבן געלייגט גע-וויכט אף רעגלמעסיקייט און שיינקייט אין „זשאַרגאָן”, האָט מען געהאלטן פאר פּעדאנטן, קימאַט מעשוגאָים. נייטיק, אַשטייגער, איז געווען צו שרייבן אידיש פאַרן האַמוין, ווייל ער, דער האַמוין נעבעך, פארשטייט ניט קיין רוסיש און ניט קיין איינגליש — ניט, הייסט דאָס, די שפּראך פון דער אלטער היים און ניט דעם לאָשן פון דער נייער. קאָלזמאַן ווי דער האַמוין, האָט מען געקלערט, פארשטייט וואָס מע רעדט צו אים, איז גלייכגילטיק צי די שפּראַך איז גראַמאטיקאַליש געטאָקט, אָדער ניט. מאי בהאי?

און דערצו איז נאָך גאָרדינס נאַוועליסטישע טעטיקייט געווען פארבונדן אין די ערשטע יאָרן מיט אזעלכע פעריאָדישע אויסגאבן, וואָס בא זיי האָבן געקאָנט זיין פינף דיאַלעקטן אין יעדן נומער.

דאָס אלעס ווערט געזאָגט ניט אלס אנטשולדיקונג לעגאבע די קריטיקער, נאָר אלס אויפקלערונג פאר דעם צוקונפטיקן פאָרשער פון דער אידישער ליטעראטור.

(געזאמלטע ווערק פון י. גאָרדין,
ניו-יאָרק).

פראַגן און אויפגאַבן.

1. די סאָציאלע כאַראַקטעריסטיק פון גאָרדינס הויפט-פיגורן לויט „מירעלע עפראָס", „די שכיטע" און „כאַסיע די יעסוימע".
2. די באַלעבאַטישע מאָראַל און די אידייען פון גאָרדינס פּיעסן.
3. עלעמענטן פון מעלאָדראמע און קאָמעדיע אין גאָרדינס פּיעסן.
4. פארגלייך גאָלדפאדנס „קישעפמאַכערן" מיט גאָרדינס „כאַסיע די יעסוימע". (אל-געמיינער מעלאָדראמאטישער גרונט-מאָטיוו (די יעסוימע), די טיפּן און די באַציאונג צו זיי, נאַטוראליזם בא גאָרדינען און קאָמבינאציע פון רעאַליזם מיט פאָלקס-פאַנטאסטיק בא גאָלדפאדענען).

די וויכטיקסטע ווערק:

כאַסיע די יעסוימע.
מירעלע עפראָס.
די שכיטע.

XII. פ ר ו ג.

שימען־שמועל פרוג (1916—1860)

(ביאָגראַפיע)

1860 — געבאָרן אין באָבראָווי קוט, כערסאָנער גוב., איינער פון די אידישע ערדאַרבעטער־קאָלאָניעס, אין אַ פאַמיליע פון אַ קאָלאָניסט.

1880 — אָפּגעדרוקט די ערשטע ליד אינם אידיש־רוסישן זשורנאַל „Разсвет“, די ליד האָט געמאַכט א רוישעם צווישן דער אידיש־רוסישער אינטעליגענץ, און מ'האָט אים איינגעלאדן צו קומען קיין פּעטערבורג, וואו ער האָט אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן אין די רוסישע זשורנאַלן.

1888 — אָנגעהויבן שרייבן אידיש אין „אידישן פאָלקס־בלאַט“; ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין „הויז־פריינד“, „אידישע פאָלקס־ביבליאָטעק“. שפּעטער—אין „יוד“, אין „פריינד“.

1896 — ארויס די ערשטע זאַמלונג פון זיינע אידישע לידער, דערשינען אין אָדעס.

1916 — געשטאָרבן.

מ. אָלגין.

פרוגס ליד און דער אידישער באַלעבאָס. — פרייהייט־מאָטיוון און רעאַקציע־שטימונגען באַ פרוגן. — נאַציאָנאלע אידישע מאָטיוון אין פרוגס לידער.

...איין דילעמע באשעפּטיקט שטענדיק פרוגן: אָדער־אָדער, — אָדער „צייגן דעם ריכטיקן וועג“, אָדער זיין אַ באַדכן; אָדער „וועקן פון שלאָף“, אָדער טרייבן ליצאָנעס; אָדער „קאַשערן הערצער און שייערן קעפּ“, אָדער אַמוזירן דעם אוילעם.

ווייטער פון אָט דער דילעמע איז פרוג ניט געגאנגען.

דאָרט, בא די רוסן (גיכער: באַ די רוסיפיצירטע אידן), האָט ער געהאט אן אנדער צורע. דאָרט האָט ער זיך געקאָנט פריי אָפּגעבן צו יעדער באַוועגונג פון זיין נעשאָמע, דאָרט האָט ער גערעדט, ווי אַ גלייכער צו גלייכע. אַהער, אין „טויכעכוורקע, זלידניוקע, שכיניוקע, צפאַרדייעווקע“, איז ער געקומען מיט אַ באשטימטער אופגאבע. דאָס אליין האָט שוין געשטעלט אַ געווויסע גרענעץ פאַר זיין פּאָעטישן שאַפן. דאָס האָט געמוזט אַרופלייגן אַ שטעמפּל אַף זיין גאנצער אידישער ליריק.

פרוג האָט פאַרזעען אין דער אידישער גאַס זייער פיל: ער האָט ניט באַמערקט דעם געטרייסטן לעזער פון אידישער ליטעראַטור—דעם אידישן אופגעקלערטן אַרבעטער, מיט זיין אויסגעאיידלטער נעשאָמע און פיינערן געשמאַק; ער האָט ניט געזעען דעם מאָדערנעם אידישן אינטעליגענט, וועלכער האָט געגוג רייכע גייסטיקע באַדערפעונישן און קלייבט זיך דאָך ניט אַוועקצוגיין פון דער אידישער וועלט; ער האָט איבערהויפּט פאַרגעסן, אַז אַפילע דער מיטלמעסיקער אידישער לעזער האָט זיך שוין אויך אופגעהויבן העכער פון די פּרימיטיווע פאָרשטעלונגען און דעם גרוביאַנסקן געשמאַק פון אַ פאַרצייטיקן שטעטלדיקן אידן.

וואָס־זשע דען האָט ער געזעען? פאַר זיינע אויגן שטייט נאָכאַנאַנד איין טיפּ: דאָס, וואָס מע רופט אף רוסיש „אָביוואַטעל", אַף אידיש (ניט געגוג ריכטיק)—„דער איד פון אַ גאַנץ יאָר". דאָס איז דער מיטלמעסיקער, געוויינלעכער פּראָסטער אידישער „באַלעבאָס"—דער סויכער, דער קרעמער, דער באַלמעלאָכע, די אידענע,—האַקלאַל, די מאַסע, וואָס האָט אמאָל עפּעס אַביסל געלערנט אין כיידער, נאָר זי האָט זיך קיין העברייאיש ניט אויסגעלערנט... אָט פאַר דעם אידן האָט דאָס פרוג געשריבן, אין זיינע פיר איילן האָט ער געלעבט און פון דעמדאָזיקן שמאָלן ווינקל האָט ער ארויסגעקוקט אף דער וועלט און די מענטשן.

די פּאָעזיע האָט מיט פרוגן אייגנטלעך געשפּילט אַ שלעכטע שפּיל. עס איז אים ניט שטענדיק געלונגען אַריינצושפּאַרן זיין שפּעררישע אַרבעט אין אָט די שמאָלע ראַמען. ער האָט מילכאָמע געהאלטן—ניט מיט דעם „זשאַרגאָן", ווי ער מיינט—נאָר מיט זיך אַליין, קעדיי אריינצופּאַסן זיך אין דער אידישער וועלט, ווי ער האָט זי זיך פאָרגעשטעלט. וואָס־זשע איז אַרויסגעקומען? האָט דער דיכטער געזיגט, האָבן מיר באַקומען מיטלמעסיקע, אָפטמאָל סענטימענטאַלע גלאַטע לידער, וואָס הונדערט פון זיי זיינען ניט ווערט איין גוטע לירישע שורע.

באַזונדערס אָפט האָט דער דיכטער געזיגט, ווען ער איז געקומען צו דער נאַטור, דער כוש צו דער נאַטור איז אין אים אַזוי שטאַרק, אַז דאָ ווערט ער אַן אַנדער מענטש, אָדער ריכטיקער, ער קערט זיך אום צו זיך אַליין. דאָ באַקומט זיין ליד גאָר אַנדערע, ווייכערע, צאַרטערע טענער, דאָ קלינגט אַזאַ אינטימע אופריכטיקע מוזיק. דאָ פיהרט די נעשאָמע איר אייגענעם כיינעוודיקן יאָנטעוו.

און דאָס פאַסירט אָפט מיט דעם פּאָעט, ווען ער שטייט פּאָנים־על־פּאָנים מיט דער נאַטור. אָבער אויך דאָ ווערט ער ניט אינגאַנצן באַפרייט פון זיין פּראָגראַם. „טויכעכעווקע", „זלידניוועקע" גייען אים נאָך אי אין שטילן טאָל, אי אין ברייטן פעלד, אי אונטער די גאָלדענע שטערן.

אַ זלידניוועקער איד פאַרשטייט ניט, צו וואָס דאַרף מען נאַטור־בילדער, נאַטור־ליריק.

> אַ זומער־נאַכט... אַ בוים... אַ בלום...
> אַ זיסער שלאָף אין רו, אין פרידן...
> דו נאַר, דו נאַר, דו אַלטער נאַר!
> וואָס קער זיך דאָס אָן מיט אַ אידן??!

נו, אַז דעם זלידניוועקער אידן איז דאָס פרעמד, קאָן זיך פרוג אויך ניט אָפּגעבן דער נאַטור מיט לייב און לעבן. וואָס־זשע לאָזט זיך אויס? שטעלט ער צו צו יעדן נאַטור־בילד אַ צוטשעפּעניש, אַ מין דראַש, אַ מוסער־האַסקל; קומט שוין אויס, אַז די נאַטור־באַשרייבונג איז נאָר אַן אויסרייד, נאָר אַן אָנהאַלט פאַר דעם מוסער־

האַסקל; דאָס ערשטע, הייסט עס, איז דער מאָשל. אַזוי איז דאָס פאַרשטענדלעך, אַזוי קאָן ער דאָס פאַרדייען.

מיר ריידן דאָ ניט וועגן לירישע לידער, וואו די נאַטור דערוועקט אינם פּאָעט אַלערליי געפילן. אַזוינע לידער געפינט איר אויך אין פרוגס רוסישער ליריק. מיר מיינען דאָ לידער, וואו צו דער נאַטור־שילדערונג איז צוגעשטוקעוועט געריימטע פּובליציסטיק, אַגיטאַציע, פּאַשעטער מוסער. דידאַזיקע צוטשעפּעניש איז אַזוי איבער־ריק, אַז איר ווילט זי אָפּט אָפּשניידן, איבערלאָזן נאָר דאָס עכטע, שיינע.

פרוג און זלידנגיוועקע פירן אַ מילכאָמע, און זלידניוועקע האַלט פרוגן פעסט.

פרוג האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז אַף אידיש קאָן מען זינגען אַלצדינג, וואָס עס ווילט זיך, אַז אויך דאָ וועלן זיך געפינען דאַנקבאַרע הערער. פרוג האָט געוואָלט זיין נאָר אַ פּאָעט באַ זלידניוועקער אידן. האָט ער ניט נאָר געמאַכט זיך אַליין פאַר אַ קאַבצן, ער האָט זיך נאָך געמוזט אָנטון אַ מאַסקע — און די מאַסקע איז אַזוי צו־געוואַקסן צו אים, אַז ער קאָן זי שוין ניט אויסטון.

פרוג האָט זיך אַליין פאַרוואַנדלט אין אַ זלידניוועקער אידן. פרוג איז אַ היינט־וועלטיקער מענטש, אַ אינטעליגענט און אַ פריידיינקער. יעדנפאַלס האָט ער ניט אין זיך דעם נאַאיוון גלויבן פון זיידעס און עלטער־זיידעס. טשוואווע, טפילע און צדאָקע זיינען באַ אים געוויס ניט גרונט־זיילן פון דעם מענטשלעכן לעבן. ער רעדט אָבער מיט זלידניוועקע. דאָרט קאָן מען נאָך געפינען מענטשן, וואָס אַ דעקלאַמאַציע וועגן גאָט און זיין טוירע וועט זיי פאַרשאַפן אַ נאַכעס־רועך. וואָס־זשע טוט פרוג? פאַר־שטעלט ער זיך, אַז ער אַליין האָט אויך פון די אַלע זאַכן אַ נאַכעס־רועך, הערט ער ניט אויף נאָכאַנאַנד צו באָמקען וועגן טוירע, וועגן „עלויהיי־צוואָעס”, וועגן „עמו־נע”, וועגן „שמאַ־איסראָעל”. קלאָר, אַז פרוג קאָן ניט זיין אינדיווידועל אין אַלע אַזוינע לידער, וואו זלידניוועקע געווינט די איבערהאַנט (און דאָס איז קימאט די גאַנצע ליריק זיינע, אַכוץ ווינציקע אויסנאַמען. וואָס מע קען זיי איבערציילן אַף די פינגער). ווי זאָל ער זיין אינדיווידועל, אַז דאָס איז גאָרניט זיינע מאָטיוון, אַז דורך אים רעדט גאָר אַ פרעמדע סוויווע און אַ פרעמדע קולטור־שטופּע. אינם בעסטן פאַל זיינען זיינע לידער ט י פּ י ש: דאָס הייסט, זיי דריקן אויס אין אַ מיטלמעסיקער פאָרם די מיטלמעסיקע עמפּינדונגען, וואָס אַ מיטלמעסיקער שטעטלדיקער איד וואָלט געקאָנט האָבן.

דאָס אייגענע אין זיינע ציען־לידער. אין פרוגס ציען־לידער, ווי אין פיל אַנדע־רע, איז פרוג ניטאָ, איז איבערהויפּט קיין פּערזאָן ניטאָ. עס רעדט עפּעס אַן אומ־באַשטימטער דורכשניט־מענטש, דורכשניט־איד.

עס איז אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכן פרוגס נאַטור־שטימונגען מיט פרוגס ציען־לידער. דאָרט — יעדעס וואָרט באַזעלט, יעדע שורע דורכגעפילט, יעדעס בילד אַ לעבעדיקע איינהייט. דאָ — קאַזיאָנע פראַזן מיט קאַזיאָנע פאַרגלייכן, פאַנאַנדערגעלאָזן אין גאַנצע עמערס ווערטער. דעם דיכטער פעלן פּאַשעטע בילדער, און אַז ער כאַפּט זיך שוין אָן אָן עפּעס אַ מאָשל, וועט ער אים אַזוי גיך ניט אָפּלאָזן.

דידאָזיקע אָרעמקייט אין פּאָעטישע פאַרגלייכן איז ניט קיין צופאַל: דאָרט, וואו ס'איז ניטאָ קיין עכט געפיל, דאָרט מוז אויך דער אויסדרוק הינקען.

די אַלע לידער וועגן ציען, דאָס רופן צוריק אַהיים, דאָס אַגיטירן: „שטיי אויף, שטיי אויף, הייב אויף דיין גרויסע אַלטע פאָן, די פאָן פון ציען” — דאָס אַלץ באַקומט אַ באַזונדערע באַלייכטונג, ווען מע דערמאָנט זיך, אַז פרוג איז אייגנטלעך קיין ציאָניסט אויך ניט: אין אַ ריי לידער האָט ער אָפּגעלעצט און אָפּגעכויזעקט פון דער

ציאָניסטישער אַרבעט, ווי פון יעדער אַנדער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. וואָס־זשע הייסט דאָס „קום, קינד מיינס, אַהיים"? וואָס באַטייט דאָס „שטיי אויף צו אַרבעטן פאַר ציען"?

דאָס איז ניט מער ווי מעליצע. פרוג ס לירי ק איז אין איר גרעסטן טייל פּובּ־ליציסטישע לירי ק. פון איין זייט ווערט געשילדערט די שוואַכקייט, די נעבעכ־דיקייט פון דעם אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, פון דער אַנדערער זייט ווערן די אידן געמוסערט פאַר זייערע שלעכטע פירעכצן. אַלץ צוזאַמען ווערט געשריבן אין אַ טאָן פון באַדכאָנעס, פון גראַמען־מאַכעריי, מיט קאַטאָוועסלעך און מיט גרימאַסע־לעך, אַזוי ווי דאָס האָט ליב דער זלידניוקער איד.

געווען אַמאָל אַ ראָמאַן בא אונזער אידן, אַ ראָמאַן מיט טרוימען און האָפענונג און האַרץ־קלאַפּן, ווי געוויינטלעך בא פאַרליבטע. די דאַמע פון זיין האַרצן איז גע־ווען די רויטע פאָן. עס האָט זיך אים געדאַכט: אָט קומען זיי, די פרייהייט־קעמפער, און ווען אים אויסלייזן פון זיין ביטערער קנעכטשאַפט און ס׳וועט אים ווערן גרינ־גער צו לעבן.

האָט ער מיט שטאַרקן מיטגעפיל זיך צוגעהערט און צוגעקוקט צו אַלץ, וואָס ס׳קומט פאָר אין די רעוואָלוציאָנערע רייען. אַליין איז ער, נאַטירלעך, געשטאַנען פונדער־ווייטן. פערזענלעך זיינען די קעמפער אים געווען פרעמד און אומפאַרשטענדלעך, אָפט אַפילו אומסימפּאַטיש, אָפט האָט ער געפילט צו זיי אַ מוירע, נאָך אָפטער — אַ האַס. אָבער אף דעם רעזולטאַט פון זייער אַרבעט האָט ער אַרויסגעקוקט מיט אומ־געדולד, און די רעוואָלוציע אלס אַזעלכע האָט געהאַט כיין און לייטזעליקייט אין זיינע אויגן.

עס פאַרשטייט זיך, אז אויך פרוג האָט זיך אָפּגערופן אף דעם ראָמאַן פון זיין זלידניוקער צווילינג.

עס איז אַזוי מערקווירדיק צו לייענען די פרייהייט־לידער אין מיטן פרוגס אַנ־דערע זאַכן. עס איז אזא דיסאָנאַנס, עס קלעפּט זיך אַזוי ניט צו זיין אלגעמיינעם נאַגנדיק־קלאָגעדיקן טאָן. נאָר איז דען ניט געווען אַ דיסאָנאַנס אין דער נעשאָמע פון אונזערע קרעמער און הענדלער זייער גאַנצער מיטגעפיל צו דער רעוואָלוציאָנע־רער באוועגונג? האָט דאָס דען געפּאַסט צו זייערע איבעריקע סימפּאַטיעס און צום גאַנצן טאָן פון זייער לעבן?

איר לייענט אַזעלכע הילכיק־רוישיקע סטראָפן, ווי:

„עס קלאַפּט דער פּויק, די שויפרעס שאַלן,
ער גייט נאָך ערשט, ער הייבט זיך אָן, —
דער קאַמף דער שרעקלעכער, דער גרויסער,
ער גייט נאָך ערשט, ער הייבט זיך אָן". —

איר לייענט און וואונדערט זיך: פונוואַנען?
אָבער טאַקע אין דעמזעלביקן ליד געפינט איר דעם טערעץ:

„קאָרבאָנעס הייליקע און ריינע
פאַר אונזער פרייהייט, גליק און פרייד".

דער איד ווייסט: עס איז ניט ז יי ן קאַמף, עס איז ז יי ע ר קאַמף. ז יי פאַלן קאָרבאָנעס — און ער וועט געניסן גליק און פרייד. פאַרוואָס־זשע זאָל ער זיי ניט שיינקען כאָטש אַ האַרציק לויב־ליד?

און אינטערעסאנט איז צו באמערקן, אז אין די עטלעכע פרוגס פרייהייט־לידער איז דאָ מער אופריכטיקייט, מער וואַרעמקייט, מער געפיל, ווי אין אסאך אנדערע. עפשער דערפאר, ווייל דאָ האָט פאָרט דאָס לעבעדיקע לעבן אריינגעאָטעמט הייס און שטאַרק אינם דיכטערס נעשאָמע. דאָ איז שוין ניט געווען קיין מעליצע, דאָ איז געשטאנען פאר די אויגן אַ לעבעדיקער, קאָנקרעטער, הייסגעוואונשטער און גע־האָפטער ציל.

דאָ באקומט אויך דעם דיכטערס שטימע מער קלאנג און זאַפט.

איינע פון די שענסטע פרייהייט־לידער איז פרוגס „פאָן".

פרוג דערהייבט זיך דאָ אָפט צו אַ שטאַרקן פּאַטאָס, צו אַ גליענדן צאָרן. איר קאָנט ניט פארגעסן די סטראָפן, וואו ער רופט צו אַ הייליקער, גרויסער נעקאָמע, וואו ער קומט אַראָפּצורייסן די קייטן אַפילע מיט דער אייגענער הויט, מיט דעם אייגענעם בלוט...

יאָ, געווען אַ ראָמאַן... אָבער גיך האָט ער זיך אויסגעוועפּט. די רעוואָלוציע האָט ניט געזיגט. דער איד איז געוואָרן אנטוישט. אים האָט זיך אָנגעהויבן דאַכטן, אַז די רעוואָלוציאָנערן האָבן ניט גוט געהאַנדלט, אַז זיי אַליין זיינען שולדיק אין דער מאַפּאָלע. די רעוואָלוציע האָט אָנגעהויבן אַרויסרופן בא אים אַ ביטערן, סאַרקאַסטישן שמייכל.

און אויך פרוג האָט זיך געענדערט. דער כויזעק־מאַכער שטופּט ארויס דעם פריי־הייט־דיכטער, און ליצאָנעס פארנעמט ווידער דעם אויבנאָן. נאָר נאָך צוגעקומען נייער שטאָף פאר נייע באדכאָנעס. דער אינטעליגענטער מאָדערנער לעזער, וועל־כער האָט אַן אויער פאר יעדן מינדסטן דיסאָנאנס, מוז דורכגיין אין פרוגס לידער אַ גאַנצן קאַפּעקאַל: פון צאַרטער, פארביינקטער מוזיק ביז צו דער בויך־רעדנעריי פון אַ קונצן־מאַכער אין באלאגאן, פון דעם שטילסטן און ערלעכסטן ווידע פון אַ מענטש־לעכער נעשאָמע ביז צום ביליקן וויץ פון אַ פלאַסקעדריגע. דער מאָדערנער לעזער מוז שטאַרק צונויפדריקן די ציין, ווען ער נעמט זיך וואנדערן איבער פרוגס ליריק.

פאראן אָבער אויך געביטן, וואו עס איז גאָר ניטאָ קיין קעגנזאַץ צווישן פרוגן און זיין שטריינגן „באָס". דאָס איז דאָרט, וואו זייערע אויגן ווענדן זיך צום אידישן אָווער, וואו עס ווערט אופגעלעבט אין אַ ראָמאַנטישן שיין די פארצייטיקע אידישע וועלט. דאָ ווערט דאָך דער געוויינטלעכער איד אַליין אויך יאָנטעוודיק; דאָ קומט אין אים אַריין די נעשאָמע־יעסיירע; דאָ איז זיין קאָדשע־קאָדשים, וואָס די פּאַנטאַ־זיע באַפּעלקערט זי מיט די רייכסטע און פרעכטיקסטע געשטאַלטן.

דאָ האָבן מיר ווידער פאר זיך פרוגן דעם דיכטער, ווי ער אליין פילט און טרוימט. איר לייענט דאָס — און איר קאָנט ניט פארשטיין, ווי אזוי די אייגענע פע־דער וועט טייקעף נעמען שרייבן די מעוואוזעדיקסטע גראַמען.

פרוגס שפּראַך איז גלאַט. זי פליסט אָן שטערונגען. דער פערז איז לייכט, שורעס קייקלען זיך איינע נאָך דער אנדערער. עס פארטשעפּעט זיך ניט אין ערגעץ.

אָבער אַז איר לייענט אַ שטיק צייט, הייבט איר אייך אָן פילן אומבאקוועם—און איר הייבט אָן נאָך עפּעס בייינקען. וואָס איז דאָס? איר דערמאנט זיך דעם אונטער־שייד צווישן מאַשינאָווע מוזיק און דער מוזיק, וואָס איר הערט פון אַ לעבעדיקן שפּילער. ביין צענטל פון פרוגס לידער זיינען אזא מין אווטאָמאטישע מוזיק. עס קאָסט אים ניט קיין מי, עס גייט ווי פון זיך, ווערטער שטעלן זיך צו ווער־טער, שורעס קייקלען זיך אָן שורעס, גראַמען ענטפערן צו גראַמען — און אַ ליד איז פּאַרטיק.

וואָס פעלט אָבער? די נעשאָמע פון דער שפּראַך. וואָרום ניט נאָר אַ ווערק אַ גאַנצעס דארף זיין באזעלט, אויך די שפּראַך האָט זיך איר אייגן לעבן. ווי אַזוי צו מאַכן, אַז די שפּראַך זאָל לעבן — דאָס קאָן קיינער ניט זאָגן, דאָס איז דער באזונדערער סאָד פון דער דיכטישער שאַפונג. אָבער פילן קאָן מען שטענדיק, וואו ס'איז דאָ אין דער שפּראַך נעשאָמע, און וואו זי איז נאָר אַווטאָמאַטיש.

נו, און פרוג? ער האַסט דאָך די אידישע שפּראַך; פאר אים שמעקט זי דאָך מיט „ווילנער מאַרק און דינאבורגער יאַטקעס". פאר אים איז דאָך „זשאַרגאָן" אַ זידל־וואָרט. ווי־זשע זאָל זיין שפּראַך זיין אינטים? ווי זאָל זיך אין איר וועבן דאָס אייגנסטע, דאָס כעדריי־כאדאָרימדיקסטע פון דעם דיכטערס „איך"?

פרוג האָט אַזוי לאנג „געריסן און געביסן" דעם זשאַרגאָן, ביז ער האָט זיך אויסגעאַרבעט אַף אַ שפּראַך־ווירטואָז, אַ שפּראַך־קינסטלער. אף יעדער זאַך, אַף יעדער צאָרע שעלוי טאָוואוי וועט ער אייך אויסשיטן אָ גאַנצן שטראָם גלאַטע, קיילעכדיקע גראַמען. דער שמערץ פון שאפן אן אדעקוואטן אויסדרוק פאר דער עמפּינדונג,—דאָס איז אים אינגאנצן פרעמד.

דעריבער קאָן ער זיין אזא גוטער נאָכמאכער, אימיטאטאָר.

פרוגן האלט מען פאר „פאָלקסטימלעך". דאָס איז ניט ריכטיק. פרוגן פעלט גראד די טמימעס, די נאאיוויטעט, די כיינעוודיקייט פון דעם פאָלקס־שאפן. פרוג האָט אַפילע ניט געפּרואווט שרייבן לידער אינם פאָלקס־טאָן. דאָס איז ניט פאר אים. זיין „פאָלקסטימלעכקייט" באשטייט אין אן אנדער זאַך. ער איז אַ „פאָלקס־דיכטער" ווייל אים פארשטייט די „ברייטע מאַסע", ווייל ער לייענט זיך גלאט און גרינג און ווייל מע דארף ניט פיל נאָכדיינקען, קעדיי צו פארשטיין די באוועגונגען פון זיין נעשאָמע.

אזא „פאָלקסטימלעכקייט" איז ניט די בעסטע רעקאָמענדאציע פאר אַ דיכטער.

(„אין דער וועלט פון געזאנגען"
ניו־יאָרק, 1919)

פראַגן און אופגאַבן.

1. נאַציאָנאַל־ציאָניסטישע מאָטיוון אין פרוגס לידער.
2. אָפּקלאַנג פון דער האַסקאָלע־סאַטירע אין פרוגס לידער.
3. פאָלקסטימלעכע פּאשטעס בא רייזענען, און געקינסטלטע פאָלקסטימלעכקייט בא פרוגן.
4. דעם „שאַמעשס טאָכטער" ווי א מוסטער פון א באלאדע.

די וויכטיקסטע ווערק:

אַלע שריפטן פון ש. פרוג, ניו־יאָרק 1910 I און II באַנד.

XIII. י ע ה ו י אָ ש.

יעהויאָש (שלוימע בלומגארטן) (1871—1927)

(ביאָגראפיע)

1871—געבאָרן אין ווערזשבאָלאָווא, סואוואלקער גוב. ביז 15 יאָר געלערנט העברייאיש, טאַלמוד, געלייענט די האַסקאָלע־ליטעראַטור, געלערנט דייטש, רוסיש—אַלץ איניינעם אָן שום סיידער.

1885—אַוועק אין וואָלאָזשענער ישיווע. אינגיכן זי פאַרלאָזן און גענומען שטודירן פרעמדע שפּראַכן און זייערע ליטעראַטורן. צו דער צייט געהערן זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּראָבן אין אידיש. א ריי זיינע לידער זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער „אי־דישער ביבליאָטעק“ I און II פון י. ל. פּערעץ, וואָס האָט וואַרעם באַגריסט דעם יונגן דיכטער.

1890—איז יעהויאָש אַוועק קיין אַמעריקע, דאָרטן געוואָרן א געשעפטמאַן און אף אַ צייט אופגעהערט שרייבן.

1900—קראַנק געוואָרן, אַוועקגעפאָרן קיין דענווער, אין קאָלאָראַדאָ, דאָרט ווידער אָנגעהויבן צו שרייבן און איז געוואָרן אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון „צוקונפט“.

1907—איז דערשינען זיין בוך „געזאַמלטע לידער“.

1913—דערשינען זיינע ביכער „פון דער וועלט און יענער“ (פּראָזע) און „אין זון און נעפּל“ (לידער).

1914—אַוועקגעפאָרן קיין ערעץ־איסראָעל, וואו ער איז פאַרבליבן א היפּשע צייט.

1917—איז דערשינען זיין ווערק „פון ניו־יאָרק ביז רעכויוועס און צוריק“, צוויי בענדער.

אַכוץ אָריגינעלע לידער און פּראָזע, האָט יעהויאָש אין פאַרלויף פון אסאַך יאָרן זיך אָפּגעגעבן מיט זיין אַרבעט צו שאַפן אַ נייע אידישע איבערזעצונג פון גאַנץ טאַנאַך. ער האָט אויך איבערגעזעצט לאָנגפעלאָס „דאָס ליד פון הייאוואַטאַ“ און אַסאַך אַנדערע ווערק פון פאַרשיידענע ליטעראַטורן.

איניינעם מיט ד״ר כאַים ספּיוואַק צוזאַמענגעשטעלט א אידיש ווערטערבוך פון העברייאישע ווערטער און אויסדרוקן, וואָס ווערן באַנוצט אין דער אידישער שפּראַך.

1927—געשטאָרבן.

דער אינטעלעקטועלער כאַראַקטער פון יעהויאָשעס ליד. — דאָס פּראָגרעסיוו־געזעלשאַפטלעכע און אָפּטימיסטישע בײַ יעהויאָשן. — יעהויאָשעס שפּראַך.

ניט קוקנדיק אַף די פּילע בענד און די פּילע הונדערטער פאַרשיידנאַרטיקסטע לידער, וואָס יעהויאָש האָט אָנגעשריבן, בלייבט דאָך זיין אייגענע נעשאָמע פאַר אונז אַ פאַרכאַסמעטער בוך. יעהויאָש די אינדיווידואליטעט דריקט זיך קימאַט קיינמאָל ניט ארויס אין זיינע לידער.

יעהויאָש דערציילט דאַפקע ניט זעלטן וועגן געפילן. ס'איז דאָ אין יעהויאָשעס ווערק אַ גאַנצע גאַמע פון רייכע אינטערעסאַנטע איבערלעבונגען, פון לייכטער באַפליגלטער פרייד, ווען דער דיכטער זיצט מיט דער געליבטער אין שליטן און די פּאַר פערד טראָגן זיך „אין לאַנד פון די טרוימען", ביז טיפן שמערץ, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין זיין האַרץ „און איינגעפלאַנצט דאָרט קרייטער ביטערע"; פון אַנטציקנדער ליבע צום קראַנקן שלאָפנדיקן קינד, ווען דער פאָטער האָט צום ערשטן מאָל „אין יאָרן פיל געמורמלט אַ געבעט", ביז די אַלגעמיינע פראַגן פון „וועלט" און „לעבן" און „גאָט". יעהויאָש דערציילט פּיל וועגן מענטשלעכע איבערלעבונגען, און צייטנווייס געברויכט ער אויך דאָס וואָרט „איך". אָבער אַלעמאָל האָט איר די עמפּינדונג, אַז דאָס איז ניט דער ריכטיקער, דער ענדגילטיקער יעהויאָש. עס פעלט אייך דער לעצטער צוטריט צום דיכטערס נעשאָמע... עס פעלט דאָס, וואָס איז בײַ אים ניט געמיינזאַם מיט אַנדערע מענטשן.

אונז דאַכט זיך, אַז ס'איז דאָ צוויי יעהויאָשעס: איינער אַן אייגענער, זיינער, דער אַנדערער — אַן אָפּיציעלער. דער ערשטער איז טיף באַהאַלטן און איינזאַם, ער היט זיך צו דערציילן דאָס אינטימע, וואָס אים מאַטערט יעדע מינוט, ער איז אַ שווייגער. דער צווייטער ווייסט זייער פּיל פון מענטשן און לעבנס און איבערלעבונגען און דערציילט וועגן דעם דאַפקע זייער גערן, דערציילט מיט זיין אייגענער שפּראַך און אַף זיין אייגענעם שטייגער. דער ערשטער ליגט דערביי טיף הינטן און הערט און שווייגט. ער אַליין קלינגט זעלטן דורך דורך דעם צווייטנס טענער.

אַזוינער איז יעהויאָש. אים פעלט נאָר די צויבער־קראַפט צו ריידן פון אַ האַרץ צו אַ האַרץ. אים פעלט דער שליסל, וואָס עפנט ווי דורך אַ געהיימען קויעך די מענטשלעכע נעשאָמעס. ער מוז פריער אַריינגיין אין אייער מויעך, אין אייער פאַנטאַזיע, אין אייער פאָרשטעלונג — און ערשט פונדאָרטן אין אייער האַרצן.

אָבער דאָס פאַרקלענערט ניט זיין ווערט און באַדייטונג אַלס דיכטער. יעהויאָש איז אָביעקטיוו. יעהויאָש איז קלאַסיש אויסגעהאַלטן און קלאַסיש קלאָר. יעהויאָש ווייזט אונז אַ וועלט און צווינגט אונז אופצונעמען אַ וועלט. אָבער די וועלט איז אַן אָביעקטיווע, אונזערע פונקט אַזוי ווי זיינע.

יעהויאָש איז דער אינטעליגענטער אינטערפּרעטאַטאָר פון דעם מאָדערנעם געפילפולן מענטשן.

ער האָט אין זיך אַלצדינג, וואָס אַן אופגעקלערטער אינטעליגענט פון היינטיקער צייט פאַרמאָגט. ער האָט אַ פּראָגרעסיווע וועלט־ און לעבנס־אופפאַסונג און אַ באַזונדערן אינטערעס צו די פּראָבלעמען פונם מענטשלעכן דיינקען; ער האָט אַ כוש צו געזעלשאַפטלעכע פראַגן און אַ מיטגעפיל צו די קאַמפן און שטרעבונגען פון די פאַרגעשריטענע סאָציאַלע קרעפטן. ער אינטערעסירט זיך מיט דראַמאַטישע קאָנ־

פליקטן און איבערלעבונגען אין דער נעשאָמע פונם יאָכיד און ווייסט צו שעצן די טיפע פסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען. ער האָט ליב צו באַאָבאַכטן די נאַטור און געפינט אין איר א קוואַל פון פאַרגעניגן. ער ווענדעט זיך אָפט צו דער געשיכטע און זוכט דאָרט אויס אינטערעסאַנטע מאָטיוון. און וואָס ער זעט און הערט און פאַרשטייט, פארקערפּערט ער אין לידער. די לידער זײַנען לויט זייער אינהאַלט רייכער און פארשיידנאַרטיקער און באַלערנדער, איידער די ווערק פון אַנדערע אידישע דיכטער. די פאָרם איז אויסגעהאַלטן, די ריטמען—פארשיידנאַרטיק.

די לידער זיינען נאָר ניט קיין נייר-טאָמיד צום אָנדיינקען פון **אייגענע** ליידן און זוכענישן און ווייען.

די גאַנצע וועלט איז פאר יעהויאָשן מאַטעריאַל פאר באטראַכטונג, פאר רעפלעקסיע. יעהויאָש איז ניט אַזוי ווי אַנדערע דיכטער. אַנדערע קוקן דורכן געפיל. ער פילט דורכן קוק. אַנדערע גייען ארום מיט אָפענע הערצער. ער גייט ארום מיט אָפענע אויגן. בא אזא געמיט־צושטאַנד דאַרף זיך יעהויאָש ספּעציעל אינטערעסירן מיט די פּראָבלעמען פון דיינקען, פון אופאַסונג, מיט דער באַציאונג צווישן דיינקען און „זיין", מיט דעם קעגנזאַץ צווישן סוביעקט און אָביעקט. זעען מיר טאַקע, ווי ער קערט זיך אום אַלץ פון דאָסניי צו דידאָזיקע פראַגן. דאָ ווערט זיין ערנסטע שפּראַך נאָך ערנסטער, זיינע אויסדריקן שטאַרק און פול מיט באזונדערער ווערדע. אזוי גייט ער אַרום און טראַכט און איבערלייגט און צווייפלט און פאַרענטפערט און פרעגט ווידער, און די אלע זוכענישן זיינע באקליידט ער אין קלינגענדע פערזן, און טראָגט דערמיט אריין א נייעם טאָן אין אונזער פּאָעזיע, א טאָן פון דערקענטעניש־רעפלעקסיע און מעדיטאציע, וועלכע איר געפינט אזוי אָפט אין דער פּאָעזיע פון **אַנדערע** פעלקער און וועלכע מיר האָבן ביז יעהויאָשן ניט באַגעגנט בא אידישע דיכטער.

יעהויאָש איז א מאָדערנער מענטש און שרייבט פאר דעם מאָדערנעם אינטעליגענט, און **ווייסט** וואָס דעמדאָזיקן אינטעליגענט טוט ווי, און רעדט מיט דער שפּראַך פון דעמדאָזיקן אינטעליגענט.

ס'פארשטייט זיך, אז וואו רעפלעקסיע פארנעמט דעם אויבנאָן, וואו **באַטראַכטונג** הערשט, וואו די ווירקונג איז אויסגערעכנט אין דער ערשטער ליניע אף דעם אינטעלעקט, דאָרט דארף אלעגאָריע פאַרנעמען א בעקאָוועדיקן פּלאַץ, אלס א מיטל צו דערקלערן און איבערצייגן. יעהויאָש איז דעריבער טאַקע איינער פון אונזערע בעסטע אַלעגאָריסטן. אָפט זיינען די אלעגאָריעס אויסגעצייכנט.

מיט אָביעקטיווקייט גייט צו יעהויאָש אויך צו דער נאַטור—איינער פון זיינע באליבסטע טעמען. ער מיט דער נאַטור האָט נאָר דאָס פארהעלטעניש פון א באָאָבאכטער צו אן אָביעקט. זי עקזיסטירט פאר זיך, דער דיכטער—פאר זיך. זי עפנט אירע וואונדער—ער באטראַכט זי און דערציילט, וואָס ער האָט געזען.

ס'פארשטייט זיך, אז ער בלייבט ניט גלייכגילטיק צו דער שיינקייט פון דער נאַטור. דעם יאַם דערוועקט אין אים געפילן פון קראַפט און מוט; דער האַרבסט רופט אין אים אַרויס א טרויער, א יאָסעם־געפיל; דער זומער־טוי בענטשט אים מיט לעבן און געזונטקייט. אָבער ער גיסט זיך מיט דער נאַטור ניט צונויף. ער ווערט ניט אופגעלייזט אין איר און לייזט זי אוף אין זיך. איר זעט אים קיינמאָל ניט ליגנדיק צוגעפאַלן מיט דער ברוסט צו דער מוטער-ערד אין עקסטאטישער **הינגעבונג**.

יעהויאָש אין מיטן דער נאַטור פילט זיך ווי א צושויער אין טעאַטער. ער באַמערקט יעדע קלייניקייט. ער האָט האנאָע פון דעם פאַרבן־שפּיל, פון דעם פאָרמען-רייכטום, און זיינע בילדער זיינען פריש, לעבעדיק, פול מיט ניואַנסן. ער האָט א

באַזונדער אויג פאַר די מיסטעריען, וואָס שפּילן זיך אָפּ צווישן הימל און ערד. אָבער אַלע מאָל האָט איר די עמפּינדונג, אַז ער איז געקומען אַהער קוקן. ס׳איז פאַר אים א פאַרגעניגן. עס קומט אים. ער זוכט ניט, ער האָט אַלץ. ער איז דער באַהערשער, דער באַזיצער.

זיינע נאַטור-לידער, אלס מאָלערייען, אלס באַשרייבונגען, זיינען אָפּט רייצנד.

א באַזונדערע ליבע האָט יעהויאָש צו טיטאַנישע לידער, צו סצענעס פול מיט שטורעם און באַוועגונג: בערג-געוויסער, וואולקאַן, יאַם, דאָס יאָגן פון כמאַרעס איבערן הימל, די שיינע זאַווערוכע — דאָס אַלץ געפינט בא אים א שטאַרקן, קראַפט-פולן אויסדרוק, ווי איר וועט דאָס ניט טרעפן בא אַנדערע דיכטער.

אין יעהויאָשעס ליבע-לידער וואַנדערט איר ווי צווישן א וואַלד פון אויס-אויסגעקרימטעביימער. איר וואָלט געוואָלט דערהערן כאָטש איין אופריכטיקע שטימע: זאָל דאָס זיין פרייד, זאָל דאָס זיין פיין, זאָל דאָס זיין צאָרן. יעהויאָשעס „אָביעקטיווקייט״ האָט אים דאָ אָפּגעשפּילט א שלעכטע שפּיל. זיינע ליבע-לידער זיינען די ערגסטע צווישן אַלע זיינע ווערק. יעהויאָש איז א פּראָפעסיאָנעלער דיכטער. אַלס א זעלכער מוז ער זינגען פון ליבע, כאָטש דאָס איז ניט זיין פאַך. אלס אזעלכער מוז ער זיך אַלעמאָל אומקערן אויך צו דער אידישער לעגענדע, האַגאַם ער איז לויט זיין גאַנצן אַרט שרייבן ניט מעסוגל צו באַאַרבעטן לעגענדן.

ניט יעדער דיכטער קאָן דאָס. ס׳דאַרף זיין עפּעס קינדערשעס אין דעם מענטשן, וואָס נעמט זיך שרייבן אין דעם גייסט פון פאָלקס-גלויבן און פאָלקס-פאַנטאַסטיק. ער דאַרף אליין זיין אַנטציקט פון די בילדער, וואָס דאָס פאָלק מאָלט זיך; ער דאַרף קאָנען לעבן צוזאַמען מיטן פאָלק. ער דאַרף דערצו נאָך פאַרמאָגן א באַזונדערע פייאיקייט צוצופּאַסן זיין שפּראַך צו דעם אינהאַלט. די שפּראַך דאַרף זיין נאַאיוו, כיינעוודיק, ווייך, בויגיק, פול מיט דעם באַזונדערן ראָמאַנטישן שיין, וואָס גיסט זיך פון דער פאָלקס-שאַפונג.

יעהויאָש פאַרמאָגט ניט — ניט דאָס ערשטע, ניט דאָס צווייטע. יעהויאָש איז א אינטעליגענט מיט א אינטעליגענטער שפּראַך, און וויפל ער זאָל זיך ניט מיען, — עס קומט בא אים ניט ארויס קיין לעגענדע. ניטאָ די אַטמאָספערע, וואָס באַצויבערט אונז אין אידישע מאַיסעס, ניטאָ דער באַזונדערער ריטם — ניט נאָר דער ריטם פון דער שפּראַך, נאָר אויך פון דעם אינהאַלט, וואָס מיר געפינען באם פאָלק.

אַן אויסנאַם בילדן די יעניקע ווערק, וואָס יעהויאָש האָט געפּרואווט באַאַרבעטן לעגענדאַרע סוזשעטן אין א דראַמאַטישער פאָרם. די זיינען אים עכט געלונגען. דאָ איז דאָ קראַפט און לעבן און איינדרוקספולע בילדער. אָבער דידאַקטישע ווערק געהערן שוין, אייגנטלעך, ניט צו די לעגענדן. דאָס זיינען היסטאָרישע דראַמען, ריכטיקער — פראַגמענטן פון אזוינע דראַמען. און דאָ קאָן יעהויאָש בלייבן ער אַליין.

יעהויאָש אין זיינע געזעלשאַפטלעכע לידער איז מערסטנטייל פּראָגרעסיוו, ער זינגט פון קאַמף, ער זינגט פון טאַט, ער זינגט פון ליכט, ער זינגט פון א גאָלדענער צוקונפט — ער גלויבט אין לעבן און דעם זיג פון גוטן — און זיינע געזאַנגען זיינען פול מיט א קראַפטפולן פּאַטאָס.

אין דידאַקטישע לידער איז יעהויאָש אונזערער, אַן אייגענער, א נאָענטער, א מענטש, וואָס דריקט אויס אין א פּאַסנדער פאָרם די שטרעבונגען פון די פאָרגעשריטענע אינטעליגענטע קרעפטן פון זיין צייט. די פאָרם ווי דאָס ווערט געזאָגט באַווייזט, אַז דאָס איז פאַר יעהויאָשן ניט נאָר א „טעמע״, נאָר עס ווערט טאַקע איבערגעלעבט און איבערגעפילט אלס אייגנס.

יעהויאָשעס שפּראַך איז, דאכט זיך, די גרעסטע הינדערניש אפן וועג פון זיין פּאָעטישן שאַפן. ס׳קומט פאַר א האַרטע, אָנגעשטריינגטע, פארביטערטע מילכאָמע צווישן אים און דער שפּראַך. ער ראַנגלט זיך מיט אלע זיינע קויכעס, ער אַרבעט און מיט זיך מיטן שוויס פון זיין פּאָנים — און ניט שטענדיק גייט ער ארויס דער זיגער. געוויינטלעך האָט ער מער צו זאָגן, ווי עס דערלויבן אים די גרענעצן פון זיין שפּראַך.

ס׳איז מערקווירדיק! אַלע מאָל, ווען איך לייען יעהויאָשעס לידער, פארפאָלגט מיך איין באַשטימטע פאָרשטעלונג. ס׳דאַכט זיך מיר, אז ער שרייבט אַזוי, ווי איינער, וואָס וואָלט זיך אויסגעלערנט אידיש שוין דערוואַקסענערהייט. דורך פליס און אַרבעט קאָן א דערוואַקסענער מענטש זיך אויסלערנען צו באַהערשן א פרעמדע שפּראַך אויסגעצייכנט. ער קאָן שרייבן אין איר פריי און ריכטיק. ס׳קאָן זיך דאכטן אפילע, אז ער איז א מאַיסטער פון דערדאָזיקער שפּראַך. און דאָך וועט אים פעלן די ל ע צ ט ע נאָענטקייט, די ל ע צ ט ע אינטימיטעט, דער ל ע צ ט ע ר שפּראַך־טאַקט.

יעהויאָשעס שפּראַך איז ניט עלאַסטיש. ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן: זי איז עלאַסטיש נאָר אין איין ריכטונג — צו קראפט און שטאַרקע באוועגונג. דאָרט, וואו ס׳קומט אויס צו דונערן, צו שטורעמען, צו האמערן, — דאָרט איז יעהויאָש דער מאַיסטער, דאָרט איז אים די שפּראַך געהאָרכזאַם, קומט אָבער אויס צו גיין אין אַן אנטקעגנגעזעצטער ריכטונג — צו ווייכקייט, צאַרטקייט, פּאָלקסטימלעכקייט, מעלאָדישקייט — דאָרט זאָגט די שפּראַך זיך אָפּ צו פאָלגן. דאָרט בלייבט זי ווי געוויינלעך: האַרט. אויסנאמען באַגעגענען זיך זייער, זייער זעלטן.

(„אין דער וועלט פון געזאַנגען״,
ניו-יאָרק, 1919).

ק. מארמאָר.

יעהויאָשעס שטעלונג צו געזעלשאפטלעכע פראַגן.

1

די צאַרישע פּאָגראָמען אַף אידן און די זעלבסטשוץ פון דער אידישער רעוואָלוציאָנערער יוגנט האָבן אופגערודערט דאָס אידישע לעבן ביזן גרונט. דער שטראָם פון דעם ברויזנדיקן אידישן לעבן האָט דערגרייכט אַזש ביז צום באַרג אָלימפּ, וואו דיכטער האָבן זיך געשפּילט מיט „געטער און נימפען און בלומען״ און ניט געהאַט „קיין אַנדער ציל אין זינען, ווי לוסטיק שפּיל...״ (געזאמ. שריפטן, זייט 2).

אויך יעהויאָש, וועמענס ליד איז געווען געשאַפן פון שמערץ און זיין ניגון פון פאַרצווייפלונג (דאָרט, ז. 158—151), האָט אופגעהערט זינגען זיין „פּאָעזיע פון איעש״. ער האָט באטראַכט פאַר קליין און נישטיק זיין פערזענלעכן שמערץ אין פארגלייך מיט דעם „צאַר און צאָרן״ פון אַ גאַנצן פאָלק. פאַר זיינע אויגן איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסער „ניט באַצאָלטער כויוו״, וואָס ער איז שולדיק זיין פאָלק, וואָס האָט פון זיין דיכטער אַסאַך דערוואַרט:

עס האָבן די טויטע געוואָרט,
דו זאָלסט זיי אַ העספּעד כאָטש זינגען,
עס האָבן די קראַנקע געהאַרט,

דו זאָלסט זיי דערלייכטערונג ברענגען,
עס האָבן די קעמפער געגאַרט,
זאָלסט זאָגן: דער שטרייט וועט געלינגען.

(דאָרט, זייטן 278—279).

אַ ווײַלע איז יעהויאָש דורכגעדרונגען געוואָרן פון רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס. ער האָט געזונגען „דאָס נייע ליד", וואו ער האָט גערופן צו מילכאָמע און נעקאָמע, געפּאָדערט „עין תּחת עין", צו זיין אליין „דער ריכטער און דער דאַיען"... אים האָט ניט צופרידנגעשטעלט די שטילע אַמעריקאַנישע אידישע טרויער־דעמאָנסטראַציע, מיט שוואַרצע פאָנען, נאָך די פּאָגראָם־האַרוגים. יעהויאָש האָט אופגעפאָדערט די אידישע מאַסן ניט צו פאַרזיצן „אַף דער שיווע־באַנק" די „לוסט פון קאַמף און ראַכע..."

ניט זינגען מער קיין אָוול־ליד,
ניט ציילן די קאָרבאָנעס,
ניט טראָגן שוואַרצע פלאַגן מער,
נאָר בלוטיק־רויטע פאָנען.

און מאַרש! אין ערשטער ריי פון שלאַכט,
דאָרט, וואו דער פרייהייטס ריזן
אונז האָבן צו דעם גיבער־טויט
דעם שטאָלצן וועג געוויזן...

...דאָרט איז דער פּלאַץ פאַר איטלעכן —
ניטאָ קיין צייט צו קלערן,
עס איז קיין צייט פון בויען ניט,
די צייט איז פון צעשטערן.

די אַלטע די פאַרפעסטיקטע
ביניאָנים אָפּצושאַפן,
מיט וואָס מע קען און ווי מע קען,
ניט קלייבנדיק קיין וואַפן...

מיט וואָס מע קען און ווי מע קען,
ניטאָ קיין צייט צו ווײַלן —
קומט, ברידער, גורט די לענדן אָן,
הערט אוף די טויטע ציילן...

(געזאַמלטע לידער, זייטן 290—291).

נאָר לאַנג האָט די רעוואָלוציאָנערע קאַמף־שטימונג ניט אָנגעהאַלטן באַ יעהויאָשן. ער האָט זיין פּאָעזיע געוויינלעך באַטראַכט פאַר די פידל, וואָס איז צו שוואַך צו פירן אין שלאַכט, ווי דער טרומפּייט, און זי קען בלויז „די העלדן טויטערהייט מיט זיסן קלאַנג באַקלאָגן" (דאָרט, זייט 292). שפּעטער האָט ער, אַזוי ווי מאָריס ראָזענפעלד, דערקלערט, אַז זיין פאַרמעגן באַשטייט בלויז פון טרערן און בלויז מיט דעם קען ער באַצאָלן זיין כויוו צו זיין פאָלק („נייע שריפטן", צווייטער באַנד, זייט 102).

דער רוסישער צאַריזם ברעכט צוזאַמען, און דער יובל־געשריי פון די רוסישע מאַסן קלינגט אָפּ איבער אַלע טיילן פון דער וועלט. יעהויאָש ווערט מיטגעריסן מיט דער אַלגעמיינער פרייד. כאָטש שטעלנוויס פילט זיך נאָך, אַז ער שרייבט זיין ליד מיט זיין אַלט „צוויפלענדיקער דיכטער־פען", ער רעדט ביבליש פון „דעם טאָג", און האָט, קענטיק, פאַר די אויגן דעם קאַפּיטל 53 פון ישעיה:

געשפּאָט פון אים? —
פאַרדעקן וועלן מיר דעם פּאָנים,
און בוקן און זאָגן:
פאַרגיב...

און ער ענדיקט:

די הערצער — טייכן ליכט
און פריידיקייט און קראַפט...
די פיס — פון הינדן אינם פעלד...

(„אין געוועב", זייט 254).

אין יענער צייט פאַרלירט יעהויאָש אַפילו זיין אַלטע פאַרזיכט זיך ניט צו מישן אינם קלאַסנקאַמף. ער הייבט אָן מוסערן, אַף ראָזענפעלדס שטייגער, אַז ס'איז דאָ „אַ האַנט, וואָס מאָנט און נעמט געצאָלט פאַר יעדן ניט געשיינקטן ביסן..." (דאָרט, זייט 257).

2

אַמעריקעס אַריינטריט אין דער וועלט־מילכאָמע באַנייט ווידער יעהויאָשעס פאַר־צווייפלונג. ווען אַמעריקע שטעלט זיך „אַפן חאָגשאָל" פון דער מילכאָמע, זעט יעהויאָש:

רויט די ערד ביז אירע טהאָמען,
און אַ וועלט אַוועק אין פלאַקער,
טויט די פרוכט און טויט דער זאָמען,
און צעבראָכן איז דער אַקער.

(דאָרט, זייט 258).

יעהויאָש ווייס, אַז אַסאַך דערוואַרטן דערפון גופע די געאולע, נאָר ער איז ניט זיכער, צי עס „שטרעקן זיך אויס נייע וועגן, שפּרייטן אויס זיך נייע פליגל?". ער ווייס בלויז, אַז „שלאַנגען קריכן פון די לעכער און פאַרסאַמען אַלע וואונדן"... זעט יעהויאָש בלויז „שוואַרצע אַנגסט אין די געמיטער" און ווייס, אַז ס'איז „ניטאָ וואר־הין צו זוכן..." (דאָרט זייט, 259).

און וואָס לייִנגער עס דויערט אין אַמעריקע דער „שיידים־טאַנץ", אַלץ מער ווערט יעהויאָש פאַרצווייפלט. ער זעט, אַז „דער בויך און דאָס מויל און די פויסט" האָבן „געשלאָסן אַ בונד". דער קאָפּ וואַלגערט זיך אין שטויב און זינגט „אַ לויב דעם דריילינג פון מיסט..." נאָר די דריי זיינען אים מויכל זיין דינסט. זיי זאָגן: „ביסט ניט אונזער גלייך..." זינגט דאָס מויל אַ ליד דעם בויך און דער פויסט און דער צושפּיל איז: „אַפּעטיט, אַפּעטיט..." און די פויסט גיט דעם בויך אַ בעכער מיט

בלוט און דער בויך קריכט אַף דער ערד: „עס איז גוט, עס איז גוט...״ (דאָרט, זייטן 260—261).

נאָר באַזונדער שטאַרק האָט אופגערעגט יעהויאָש דער ווילדער טאַנץ פון די אַמעריקאַנער מילכאָמע־פּאַטריאָטן אַרום זייער אָפּגאָט „מולך״ (מאַלאָך). ס׳האָט אים אופגעשוידערט זייער גלייכגילטיקייט צו די ליידן פון זייערע יוגנטלעכע קאָרבאָנעס. האָט ער אויסגערופן מיט גאַל:

ווע‌מעס די געשרייען?
ווע‌מעס גוס־קרעכצן? —
מולך האָט געהייסן
אַלעמען זיך פרייען...

פריסטער, שלאָגט די טאַצן,
פריסטער, קלאַפּט די פויקן,
זינגט און טאַנצט און טומלט,
איבער די געשרייען...

(דאָרט, זייטן 247—249).

דער אַמאָל שטילער, צוריקגעצויגענער יעהויאָש ווערט דאַן אַ מוטיקער קעמפער קעגן מילכאָמע. ער שילדערט דעם מילכאָמע־פּאַטריאָט אין דער געשטאַלט פון דעם מיטלאַלטערלעכן וועלט־פאַרוויסטער טאַמערלאַן, וואָס וויל האָבן „פון שאַרבנס אַ באַרג אַף דער ערד״. און ווען איינער פרעגט: „וויפל און ביז וואַן?״, ענטפערט טאַמערלאַן:

ניט אַ וואָרט, ניט אַ בליק, נאָר געבויגן די קני,
און געשניטן די קעפּ און געגעבן זיך מי.

(דאָרט, זייטן 251—252).

ווי אַסאַך אנדערע ראַדיקאַלע אינטעליגענטן, ווערט יעהויאָש אַ וויילע מיטגעריסן פון פּרעזידענט ווילסאָנס שיינע מעליצעס. נאָר באַלד קומט די פּאַריזער קאָנפערענץ און ווילסאָן פאַרשאַכערט זיינע 14 פּונקטן, אַף וועלכער יעהויאָש האָט געלייגט אַזוי־פיל שיינע האָפענונגען. אין אַ ליד, געווידמעט דירעקט דעם פּרעזידענט ווילסאָן, פאַרדאַמט אים יעהויאָש אין פאָלגנדיקע ווערטער:

דו ביסט אַ שפּריי געווען, און האָסט דעם ווינט געשפּילט,
האָסט ווי אַ ריז גערעדט, און ווי אַ קאַרליק ניט דערפילט...

(דאָרט 2־טער באַנד, זייטן 171—172).

אין אַן אנדער ליד שעלט יעהויאָש מיט „טויטע קלאָלעס״ דעם „פאַרעטער״, וואָס האָט „געפעלשט אָן זיינע ברידער, אָן לעבעדיקע און אָן טויט״ (דאָרט, 2־טער באַנד, זייטן 167—168).

3

ווילסאָנס פעלשונג אין זיין שליכעס האָט יעהויאָשן ביטער אַנטוישט. נאָר נאָך מער ווי די אַנטוישטע האָפענונגען אַף דער שאָלעם־קאָנפערענץ האָט יעהויאָשן ווײ געטון דער דורכפאַל פון די רעוואָלוציעס אין אונגאַרן, בייערן און דייטשלאַנד. אין זיין ליד „אין אַ פינצטערער מינוט״ קלאָגט יעהויאָש:

ערגעץ איז אַ וואָרט געפּלויגן:
„אַ גויעל קומט...״
און שוין שטומט,
און די קעפּ אין זאָרג געבויגן...

(דאָרט, 1-טער באַנד, זייט 268).

אין זיין טיפן איעש הייבט יעהויאָש אָן צו גלויבן, אַז דאָס פאָלק איז „פאַר־שאָלטן״ צו אייביקער שקלאַפעריי. זיינע רעוואָלוציעס וועלן זיך ענדיקן מיט גאָרניט. צום סאָף וועט עס „ווערגן זיך מיט גוואורע און — די אַלטע טרעט־מיל טרעטן״...

(דאָרט, זייטן 271—272).

יעהויאָש זעט, ווי מע נאַרט אויס פון די מאַסן זייערע רעוואָלוציאָנערע געווינסן. דאָס פאָלק איז אַ ריז, אַ ציקלאָפּ, נאָר זיין צאָרן איז בלינד. נאַרן אים אָפּ זיינע סאָנים. פאַרשווענדעט ער זיינע קויכעס אויף גאָרניט און פאַלט אריין צוריק אין די הענט פון זיינע פאַר אים אומזיכטבאַרע סאָנים:

שפּרינג ארום, דו ריז־ציקלאָפּ,
לאָז דיין שווערע האַנט אַראָפּ,
כאַפּ אַ קאַרליק און צערייס,
שלאָג אַף רעכטס און לינקס, און ווייז
אלע שרעקן פון דיין פויסט.
אָבער הער: דאָס פייער ברויזט,
פול מיט פונקען דיינע האָר,
נאָך אַ רעגע, נאָך אַ פּאָר,
פאַלט דער דאך, דאָס הויז צעקראַכט,
און פון הינטן שטייט און לאַכט,
דער, וואָס גייט דיר טאָמיד נאָך,
דער, וואָס האָט באַשערט דיין בראָך,
דער, וואָס האָט מיליאָנען פיס,
און דו ווייסט ניט וואו ער איז,
דער, וואָס האָט מיליאָנען הענט,
און האָסט אים כאַפּן ניט געקענט...

(דאָרט, 2-טער באַנד, זייט 166).

דעמזעלביקן מאָטיוו, דער בלינדער ריז, באַהאַנדלט יעהויאָש אויך אין זיין ליד „שמיד דו יונגער״.

שטאַרק איז דער יונגער שמיד. זיין מעכטיקער אָרעם קען לייכט אויסשמידן אַ נייע וועלט. נאָר דאָס „ריזיק קינד״ איז בלינד. ער שלאָגט און זינגט, נאָר עמעצער נעמט פון אים אוועק דעם „אָנגעגליטן רויטן אייזן...״

דער דורכפאַל פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין מאירעוו־אייראָפּע פאַרפאָלגט יעהויאָשן אַ לאַנגע צייט. ער קערט זיך אום ווידער צו זיין אַלטער איעשדיקער טעמע „אין טאָל פון טויטע ביינער״, אַ פּאַראַדיע אף דער ליכטיקער פריידיקער האָפענונג פון דעם נאָווי יעכעזקל. אזוי ווי אין זיין אלט איעש־ליד „אַ קאַפּיטל פון יעכעזקל״ (געזאַמלטע שריפטן, זייטן 11—14) — פאַרציט זיך ניט קיין הויט אף די

הויפנס ביינער „פאַרדאַרטע און טרוקן" פון די, וואָס זיינען געפאַלן אין קאַמף פאַר דער פרייהייט. דער איעשפּולער דיכטער זעט, ווי עס

האָט שאַרבן אָן שאַרבן זיך געשטויסן,
און ציין אָן מיילער האָבן זיך געטרייסלט אין אַ גרויסן פאָרכטיקן
געלעכטער...

(„אין געוועב", 2-טער באַנד, זייט 148).

4

די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע האָט ניט גאַנץ צעבראָכן יעהויאָשעס „צווייפלענ־דיקע דיכטער־פּען". דאָך האָט יעהויאָש זינט יענער צייט געהאַלטן זיין צווייפל אין פּערזענלעכע גרענעצן. אין געזעלשאַפטלעכע פראַגן האָט יעהויאָש אין זיינע לעצטע יאָרן געהאַט אַ מער אָפּטימיסטישן בליק ווי אַמאָל אויף די בערג פון קאָלאָראַדאָ. ער האָט געזעען פאַרווירקלעכט אין לעבן אַסאַך זאַכן, אין וועלכע ער האָט אַמאָל שטאַרק געצווייפלט. קלינגען באַ אים אָפּטער די טענער פון פרייד, מיט וועלכע ער האָט באַגריסט דעם „אופגאַנג" פון דער רעוואָלוציע:

אַ נייע פרייד, אַ נייע וועלט,
אָן טאַפּן און אָן פרעגן:
די זון, די גרויסע זון, גייט אויף,
קומט, לאָמיר גיין אַנטקעגן...

(דאָרט, 1-טער באַנד, זייט 266).

יעהויאָשעס געאולע־אַנזאָגער זעט אליין ניט די רעוואָלוציע, וואָס ער זאָגט אָן. דער „אַנזאָגער פון מאָרגן", דער „וועקער פון באַגינען" איז אַליין אַ בלינדער. ער רופט פון זיין הויכן טורעם:

רויטע בלומען שפּראָצן אפן מיזרעך,
יונגע ליכטן וואַשן זיך די אויגן,
קומט און שעפּט פון העלע קוואַלן...

און ווען מ'פרעגט דעם בלינדן אָנזאָגער: ווער האָט אים דערציילט פון דאָס מיזרעך־ליכט? ענטפערט ער, אַז ער האָט געהערט אַ קאָל אין דער פינצטערניש: „גיי און טאַפּ דיין וועג צום הויכן טורעם און רוף, און די, וואָס זעען, וועלן זען..." און אויף דער פראַגע: און בלינדער, דו? ענטפערט דער אָנזאָגער:

איך רוף:
איר זעער, זעט,
און גריסט די יונגע ליכטן,
און שיינקט אַ טייל פון אייער פרייד
דעם בלינדן —
דעם בלינדן וועקער פון באַגינען...

(דאָרט, זייט 276).

יעהויאָש הייבט אָן וועבן מאָשיעך־מאָטיוון.

אין 1920, ווען דער באָלשעוויזם איז געווען דער שרעק פון דער בירגערלעכער וועלט, און די דענערווירטע אַמעריקאַנער בורזשואַזע רעגירונג האָט אים געזוכט

אויסצוראָטן דורך די העצעס און פאַרפאָלגונגען אף די קאָמוניסטן, האָט יעהויאָש באַזונגען „זיין וואָרט״:

און ווען און וואו ער וועט קומען,
וועט זיין זיין וואָרט אַ בליץ
צו צינדן און פאַרברענען;
וועט זיין זיין וואָרט אַ שטיץ,
אָן וואָס זיך אָנצולענען. (דאָרט, 2-טער באַנד, זייט 153).

(זשורנאַל „דער האַמער״, ניו-יאָרק, 1927).

פראַגן און אופגאַבן.

1. יעהויאָשעס אָנהייב אין די 90 יאָרן — נאַציאָנאַליסטישע מאָטיוון אין זיינע ערשטע לידער. זע די לידער.
2. מאָדערניסטישע מאָטיוון בא יעהויאָשן.
3. יעהויאָשעס נאַטור-לידער — „קעסטקיל-בערג״.
4. יעהויאָש דער איבערזעצער („הייאַוואַטא״ און אַנד.).
5. פארגלייך מיט א. רייזען. (פּראָבלעם-ליד, נאַטור, שפּראַך באביידן).

די וויכטיקסטע ווערק:

זון און נעפּל.
אין געוועב.
הייאַוואַטא (איבערזעצונג).

XIV. ר יי ז ע ן.

אַווראָם רייזען — (1875 י.)

(ביאָגראַפיע)



געבאָרן אין יאָר 1875 אין קאַידאַנאָוו, מינסקער גוב., האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע אידישע דערציאונג אין כיידער און אין בעסמעדרעש; בא פּריוואַטע לערער געלערנט אויך רוסיש, דייטש א. אז. וו. אין דער יוגנט האָט ער זיך אייניקע יאָר באַשעפטיקט מיט לערעריי אין פאַרשיידענע שטעטלעך פון דער ליטע. דאַן איז ער אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר אַ זעלנער און האָט גאַנצע פיר יאָר געמוזט טראָגן די שווערע לאַסט פון מיליטער־דינסט, וואָס האָט געמאַכט א שווערן איינדרוק אף זיין געמיט. צו דער צייט האָט ער שוין געהאַט אָפּגעדרוקט אייניקע לידער (וועלכע ער האָט פון קינדוויס אוף געשריבן) אין פאַרשיידענע אידישע אויסגאַבעס — צום ערשטן מאָל אין פּערעצעס „אידישער ביבליאָטעק" (1891), דאַן אין ספּעקטאָרס „הויז־פריינד" ווי אויך אין אַמעריקאַנישע צייטשריפטן. אונטערן איינדרוק פון זיין אומקערן זיך אַהיים פון מיליטער־דינסט האָט ער אָנגעשריבן זיין פּאָעמע „מיין צוריקער אַהיים", וועלכע איז דערשינען אין די ערשטע נומערן פון דעם דאמאָלסט נאָר וואָס געגרינדעטן „יוד" (1899). די פּאָעמע האָט געצויגן אַפן יונגן דיכטער די אַלגעמיינע אופמערקזאַמקייט. רייזען איז אַוועק קיין וואַרשע און האָט זיך אָנגעהויבן צו באַטייליקן אין „יוד", „וועלט" און אַנדערע אויסגאַבן. אין י. 1901 האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין לידערזאַמלונג („צייט־לידער"), וואָס האָט געהאַט זייער גרויס ערפאָלג. ניט קיין קלענערן רוישעם האָבן אויך געמאַכט זיינע „ערציילונגען און בילדער".

אין י. 1904 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ זאַמלבוך „יאָרבוך פּראָגרעס". דאַן איז ער אַוועק קיין אויסלאַנד (קראַקוי), שפּעטער קיין אַמעריקע. פאַרוויילנדיק אַ געוויסע צייט אין אַמעריקע, האָט ער ענדע י. 1909 זיך אומגעקערט צוריק קיין רוסלאַנד און אין פאַרלויף פון אַ יאָר צייט אַרויסגעגעבן „די אייראָפּייאישע ליטעראַטור" — א וואָכנטלעכן זשורנאַל, הויפּטזאַכלעך פאַר איבערזעצונגען אויס דער מאָדערנער אייראָפּייאישער ליטעראַטור. ענדע 1910 האָט רייזען באַזוכט פּאַריזש, לאָנדאָן, די שווייץ און איז צום צווייטן מאָל אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ער געפינט זיך אויך אַצינד. אין 1926־טן יאָר איז געפייערט געוואָרן דער 35־יאָריקער יובילײ פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. לעצנס איז אַ. רייזען געוואָרן איינער פון די טיכטיקסטע מיטאַרבעטער פון דער קאָמוניסטישער צייטונג „פרייהייט" אין אַמעריקע.

מ. ליטוואַקאָוו.

א. רייזען.

אווראָם רייזען איז געווען אַ ווירקלעכער דיכטער און האָט אמאָל געשאפן עמעסע לידער פון אַרבעטער־נויט. דאָס איז געווען אין יענער עפּאָכע, ווען דער אידישער פויעל, דער ארבעטער־געזעל האָט ערשט אָנגעהויבן דערוואכן צום קאַמף, אָבער ער האָט זיך נאָך ניט געשפּירט ווי א קלאַסנבאוואוסטער פּראָלעטאַריער, — אַלנפאלס, איז נאָך דידאָזיקע אַנערקענונג ניט דערגאנגען צום באוואוסטזיין פונם קליינבירגערלעכן דיכטער, — קונסט, האָבן מיר שוין אָנגעוויזן, פארשפּעטיקט אָפּט. האָט רייזען באנומען אין דער באוועגונג נאָר דעם פּאָלקסטימלעכן ברויז פון „אניאים וועוויוינים”, ער האָט געדיכטעט מאָטיוון פון קאַבצאָנים־פּראָטעסט, אָבער ניט פון קלאַסן־פּראָטעסט. דערצו האָט ער טאַקע אויך געפונען די האַרציקע פּאָלקספאָרם, וועלכע בעט זיך אף אַ פּאָלקס־ניגן. דערמיט האָט דעמאָלט די דיכטונג אויסגעדריקט דעם אָרגאנישן, אָבער נאָך פרימיטיוון צוזאַמענשלוס, וואָס עקזיסטירט פון שטענדיק אָן צווישן דעם פּראָלעטאריאַט, וואָס הייבט זיך אוף צו זיין באַפרייאונגקאַמף, און די געיאָגטע און געפּלאָגטע פּאָלקס־מאַסן, מיט וועלכע ער איז געקניפּט און געבונדן. נאָר די ארבעטער־באַוועגונג האָט זיך ווייטער אַנטוויקלט און זיך קוואַליפיצירט, דער כאַראַקטער פון אַ פרימיטיוו־פּאָלקסטימלעכן „עוויוינים”־פּראָטעסט איז פון איר אינגאנצן אָפּגעפאלן, און בוילעטער איז אַרויסגעטראָטן איר קלאַסן־כאַראַקטער. רייזען האָט אָבער מיטן טעמפּ פון דער באַוועגונג ניט געקאָנט מיטגיין — האָט ער אָנגעהויבן פריער זיך שטויסן אף איין אָרט און דערנאָך זיך רוקן מיט זיין פּאָלקסטימלעך־קאַבצאָנישן געמיט אין דער ריכטונג פון סקארבאָוון נאַציאָנאַליזם. קיין העכערן אומבייט האָט דער פּאָלקסטימלעכער צוזאַמענשלוס־עלעמענט אין אונזער ליטעראַטור ניט געפונען.

איז געקומען די אָקטיאַבר־רעוואָלוציע. פון איין זייט, האָט זי פאַר אלעמען, פאַר יעדן פּאָלקס־מענטש אפילו, אַנטפּלעקט דעם פּראָלעטאריאַט ניט נאָר אלס פּאָלק, נאָר אויך און באַזונדערס אלס וועלט־באַפרייענדיקן קלאַס. פון דער אנדערער זייט, האָט דער צוזאמענשלוס, ניט פארלירנדיק אַ האָר אפילו אין פּאָלקסטימלעכקייט, דערגרייכט די העכסטע שטופע פון פּאָליטישער און קולטורעלער קוואַליפיקאַציע. איז אויך קוואַליפיצירט געוואָרן דער רייזען־עלעמענט אין אונזער ליטעראַטור, און איזי כאַריק האָט געגעבן די „מינסקער בלאָטעס”.

(„אין אומרו”, 2 באנד, מאָסקווע, 1926.)

שאַכנע עפּשטיין.

די נישטיקייט פון דער קליינבירגערלעכער סוויווע אין רייזענס דערציילונגען. — געשטאַלטן פון ארבעט־מענטשן בא רייזענען.

אַווראָם רייזען איז געקומען אין דער אידישער ליטעראַטור ניט ווי אַ מאַסקיל, ווי אַן אייראָפּייאישער קולטור־טרעגער, קעדיי צו פּריידיקן געוויסע אידייען. ער איז ניט קיין מיסיאָנער. אליין דורך און דורך פּאָלקס־מענטש, שפּיגלט ער אָפּ אין זיין שאַפן די איבערלעבונגען, געפילן און שטימונגען פון די ברייטע פּאָלקס־מאַסן; ער

איז איינער פון דידאָזיקע מאַסן, אַ לייבלעכער גליד זייערער, קוקט ער ניט אף זיי פון אויבן אַראָפּ, שטעלט זיך ניט העכער פון זיי, זייערע איבערלעבונגען, געפילן און שטימונגען זיינען אויך זיינע.

דערמיט, וואָס רייזען איז געקומען אין דער אידישער ליטעראַטור ניט ווי אַ מאַסקיל, ווי אן אייראָפּייאישער קולטורטרעגער, נאָר שטאַמט ארויס, מיט זיין גאַנצן מעהוס, אָרגאַניש, פון דער פאָלקס־מאַסע, דערקלערט זיך, וואָס פאר אים האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט קיין פּראָבלעם וועגן דעם גורל פון אידיש. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געגריבלט, צי איז אידיש אַ שפּראַך, צי דאַרף אונזער ליטעראַטור גע־שאַפן ווערן אין צוויי שפּראַכן, אין אידיש און העברייאיש, אָדער גאָר אין דריי, אויך אין דער לאַנד־שפּראַך. פאר רייזענען, דעם עמעסן פאָלקס־מענטש, האָט גאָר אַזאַ פראגע ניט געקענט שטיין. אף אזויפיל איז ער קיינמאָל ניט געווען קיין אידישיסט. דער אידישיזם, ווי אַ שיטע, ווי אַ פילאָזאָפּיע וועגן דער „קיעם האָומע“, האָט צו אים ניט אַפּעלירט. קען מען צווייפלען, אַז טאָג איז טאָג, אַז די זון שיינט?

אָט דער געזונטער צוגאַנג צו אידיש, אָן כקירעס, אָן פּילפּולים, ווי צום לאָשן פון די פאָלקס־מאַסן, צום לאָשן פון זייער עקזיסטענץ און קאַמף, נעמט זיך בא רייזענען דערפון, וואָס קומענדיק אליין פונם „פּראָסטן פאָלק“, האָט ער קיינמאָל ניט אופ־געהערט צו לעבן מיט די מאַסן, ער איז אין די מאַסן און די מאַסן אין אים, און דאָס האָט באַשטימט דעם גאַנצן אנטוויקלונג־גאַנג פון זיין שאַפן.

אויב עס איז פאראַן בא אונז אַ קינסטלער, וואָס איז טיף מענטשלעך, איז דאָס רייזען מיט זיינע שילדערונגען פון אלטעגלעך אידיש לעבן. ער איז ניט קיין ראָ־מאַנטיקער; ער קען ניט אידעאַליזירן זאַכן, פארשלייערן זיי אין הויכמיינענדיקע קאַוואָנעס. ווי קען מען דערוואַרטן גרויסע דראַמען, וואָס זאָלן אָפּשפּיגלען „וועלט־שמערץ“, דאָרטן, וואו איבער „פינף קאַרטאָפליעס“ קען צעשטערט ווערן אַ פאַמיליען־לעבן? וואָס פאר אן איבערגעוויינלעכע שטאַרקע איבערלעבונגען קענען מענטשן האָבן, ווען אַ „שמעק־טאַבאַק“ איז פאר זיי דער בעסטער אָפּיום? וואָס פאר אַ גוואַל־דיקע פארלאַנגען קען מען פאָדערן פון אַזעלכע, ווען אַ „דריי־רובלדיקע“ איז די האַסאָגע וועגן אַ גאַנצן פארמעגן?

די אלע באַלמעלאָכעס, סאָכרימלעך, מעלאמדים, כאַזאָנים, מאַגידים, לערער, עקסטערנעס, האַלב־פּראָלעטאריער, וואָס בילדן די אידישע מיליע, גיבן שטאָף צו שילדערן בלויז די נישטיקייט פונם איינג, באַדנלאָז וועלטל.

די נישטיקייט פון דער סוויווע ווערט טאָקע ארויסגעבראַכט אין אַ גוטמוטיקן טאָן, פול מיט ליריזם, מיט הומאָר, ווי דער קינסטלער וואָלט געבעטן פארגעבונג פאר זיינע העלדן, וואָס זיי זיינען אזוי נעבעכדיק; דערפון ליידט אָבער ניט דאָס בילד. פארקערט, סיי די גוטמוטיקייט, סיי דער ליריזם, סיי דער הומאָר שטרייכן נאָך מער אונטער די טיפע מענטשלעכקייט.

פונוואַנען נעמט זיך די בלאַסע פארוועלקטע יוגנט, דער אָנמעכטיקער איעש־זיפּץ? אלץ פון דערזעלבער נישטיקייט פונם לעבן, וואו אלץ איז אזוי קליינלעך, ניט מאַ־מאָשעסדיק, ווי עס וואָלט זיך האלטן אף הינערשע פיסלעך. אין אַזאַ לעבן נעמען אפילע אָן די נייע אידייען די פאָרם פון אַ קאַריקאַטור.

דער פּ. פּ. ס.־ניק איז שוין, דאַכט זיך, אן אופגעקלערטער ארבעטער, אן אַסי־מילאַטאָר, וואָס לייקנט אָפּ די גאַנצע אידישע קולטור און איז מיט אלע זיינע סימ־פּאַטיען אַ הייסער פאָליאַק. ווען זיין ווייב האָט אָבער אַ אינגל, איז ניט געווגג, וואָס

ער מאַכט אַ בריס, פראַוועט ער נאָך אויך אַ פידיען־האַבען. דאָס איז כאראַקטעריסטיש פאר די העלדן פון דעם ארומיקן קליינלעכן לעבן. די טראדיציע עסט זיי אוף, זיי קענען זיך ניט באפרייען פון אלטן, פון דער פארגאנגענהייט. פאלן זיי אריין אין נייע לעבנס־באדינגונגען, פילן זיי זיך איינזאם, אָן אַ באָדן. אפילע ווען זיי הויכן זיך שוין אָן צופעליק מיט נייע באגריפן, איז דאָס אָן אַ האפט. דאָס קליין ביסעלע גליק איז בא זיי העכער פון אלץ. פאר יעדער זאַך, וואָס קען שטערן זייער רו, ציטערן זיי איימאַס־מאָוועס. ווען „די כאוויירים" ביינוש און ביילקע האָבן כאסענע אָן אָרדענען זיך באַלעבאטישלעך איין, ווערן זיי גלייך אויס רעוואָלוציאָנערן; זיי האָבן מוירע לאָזן בא זיך איבערנעכטיקן זייער פריערדיקן כאווער בערל, וואָס איז ארויס פון טורמע און האָט זיך ניט וואו אַהינצוטון.

טרעפט, אז איינער פון אָט דעם וועלטל צערייסט שוין מיט דער טראדיציע, מיט דער היים, נעמט אָן די קולטור פון דער ברייטער וועלט, איז ער אלץ אַ צעבראָכענע נעשאָמע, באָדנלאָז: פון דעם אלטן איז ער אוועק און צום נייעם ניט צוגעשטאנען. ער לעכצט נאָך פרידן, נאָך ליבע, נאָך פרייהייט. ער איז אָבער צו שוואַך צו קעמפן פאר דעם. דער סאָף דערפון איז, אַז ער באַנוגנט זיך מיט ווייניק, קעדיי דאָס גלייכגעוויכט פון זיין נעשאָמע זאָל ניט גערירט ווערן. דער פּאָעט כייקלסאָן פון דעם איינאַקטער „דעם שאַדכנס טאָכטער" טרוימט, דאכט זיך, וועגן עמעס־גרויסער ליבע, ער וויל ניט הערן פון אַ שידעך. דאָך, אז עס רוקט זיך אונטער אַ רייכע קאַלע, אפילע ניט קיין שיינע, לויט זיין אידעאַל, איז ער גלייך גרייט אף אַ קאָמפּראָמיס. די קליינבירגערלעכקייט, באפוצט אפילע מיט מאָדערניזם, מיט גרויסשטאָטיקייט, נעמט דאָ די אויבערהאנט.

די איינציקע, וואָס זיינען ניט פייאיק איינצוגיין אף קאָמפּראָמיסן, זיינען די מענטשעלעך פון אלטן דאָר. זיי פילן, אז עפּעס איז היינט ניט ווי אמאָל. נייע צייטן, נייע פייגל. דאָך בלייבן זיי פארגליווערט, פול מיט שרעק פארן נייעם, און די טראגיק פון דערדאָזיקער שרעק פארוואנדלט זיך אין קאָמיזם. אין דעם פּראַט איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן דעם אָרעמען און דעם גוויר. דער אלטער מאַגיד, וואָס פילט, אַז זיינע איינגעכאזערטע זיבן דראָשעס זיינען שוין אויסגעשפילט, ווייל „מאַטיפים" זיינען אופגעשטאנען, וואָס דארשענען וועגן ציאָניזם, גיט זיך בעשומויפן ניט אונטער. ער גיט אפילע אוף זיין מאַגידעס און ווערט אַן איינפאכער בעטלער, אַבי ניט נאָכצוגעבן די פאָדערונגען פון דער צייט.

„אַווראָם דער שוסטער", וואָס ציט זיין כאיונע פון דער קליינשטעטלדיקער בלאָטע, קען בעשומויפן ניט באגרייפן די מעגלעכקייט, אז די גאַסן זאָל זיין ברוקירט. ער נעמט זיך אזוי צום הארצן, אַז ער שטאַרבט פון אַגמעס־נעפעש. ווען אַ יאָר נאָך זיין טויט ווערט דער ברוק פאַרטיק, טאינעט זיין ווייב פּעשע: „אווראָם, אַווראָם, אז דו וואָלסט איצטער אופגעשטאַנען פון קייווער, וואָלסט אַ קוק געטון וואָס פון דער בלאָטע איז געוואָרן, וואָלסטו נאָך אמאָל געשטאָרבן"... לייב דער וואָכערניק, פון דער סקיצע „די לייכטער", רעכנט זיך ניט מיט קיינעמס לאַגע און שינדט קאַלטבלוטיק די הויט פון די, וואָס דאַרפן אָנקומען צו אים. דאָס איז ניט דערפאר, ווייל ער איז אזוי שלעכט, נאָר אנדערש, דיינקט ער, קען זיך ניט פירן די וועלט. גרוינעם דער בערשטער פון דער דערציילונג „דער רייכער" ענדערט אף אַ האָר ניט זיין אַרט לעבן פון הונגער און דאַכקעס, אפילע ווען ער האָט שוין פופצן טויזנט רובל, ווייל ערשטנס, איז ער אזוי צוגעוואוינט, צווייטנס, האָט ער מוירע, מ'זאָל אין שטעטל זיך ניט דערוויסן פון זיין „מאַשינע" און זי נאָכמאַכן.

זאָרעך דער קרעמער פון „אַמאָליקע מענטשן" האַלט זיין גאַנץ פאַרמעגן אױף אַ שטאַר־כויװ בא גרוינעם דעם סויכער, און װען גרוינעם ברענט אָפּ, איז זאָרעכס זאָרג בלויז, זיין אלטע זאָל ניט װיסן, אַז ער האָט דאָס געלט ניט אָפּגענומען. אַ שטאַר־כויװ איז אַ שטאַר־כויװ. מיט װאָס איז אַ װעקסל בעסער און זיכערער?

אָט אזוי לעבן די קליינמענטשעלעך, מיט זייערע פּיטשע־מאָנטשיקע אינטערעסן, מיט זייערע שמאָלע האָסאָגעס, די װעלט־געשעענישן אינטערעסירן זיי ניט, דערגייען אַפילע ניט צו זיי. רייסט זיך אריין אין שטעטל דער קאַפּיטאַליזם, עס עפנט זיך אַ פאַבריק, גייען אוועק די װייבער אַרבעטן, און די מענער װערן באַלעבאַטים; ס׳בלייבט „אַ שטעטל אָן װייבער". דאָך גייט זיך אלץ מיטן געװיינלעכן װעג, װי קיין שום ענדערונג װאָלט ניט פאָרגעקומען.

דידאָזיקע אויסגעהאַלטנקייט, טראַדיציאָנעלע פעסטקייט איז װידער ניט עפּעס אַזוינס, װאָס זאָל דינען פאַר אַ קוואַל פון ראָמאַנטיזם. ס׳איז זייער און זייער װייט פון ראָמאַנטיזם. פון אויבנוף קען זיך דאַכטן, אַז רייזען אידעאַליזירט די טראַדיציאָנעלקייט, שטעלט זי ארויס פאַר אַ מוסטער, װי אַ פאָרבילד פון דער צוקונפט, װייל ער באַציט זיך צו איר, װי צו אַלץ, גוטמוטיק; אין דער עמעסן לאַכט ער זי אָבער אויס, צייגט איר אומנאָרמאַלקייט.

װאָס איז אייגנטלעך רייזענס הויפּט־מאָטיװ, די קווינטעסענץ פון זיין לעבנס־עמפינדונג? דעם ענטפער דערויף קען מען געפינען אין זיינע פאָלגנדיקע פערזן:

איך האָב מיר אַ שוואוע געגעבן
ניט װעלן קיין גליק און קיין פרייד,
נאָר שיינקען און װידמען מיין לעבן
דעם מענטשלעכן עלנט און נויט.
כ׳בין שפּעטער אױף סימכעס געגאַנגען,
מיט פריילעכע לייט זיך געמישט,
געזונגען מיט זיי גלייך געזאַנגען, —
די שוואוע געבראָכן דאָך נישט.

נאָך דייטלעכער װערט דאָס דערקלערט אין זיין דערציילונג „שליפּעס":

„איך בין זיך מוידע, אַז איך האָב זייער ליב נויסעכיין צו זיין בא אָרעמע פאַר־האָרעװעטע מענטשן. איך פיל זיך ניט אָפּט קעגן זיי שולדיק. אַז איך קען זיי כאָטש מיט עפּעס פאַרגעניגן פארשאַפן, בין איך װי גליקלעך".

אָט דער „אַני מאַמין" איז בא רייזענען װידער ניט קיין פּאָזע.

שוין בא די ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור האָט אַװראָם רייזען דערזען אַן אַאַזיס אין דער אָפּגעשטאַנענער אידישער סוויװע אין דער געשטאַלט פון דעם אידישן ארבעטער. ער האָט דעמדאָזיקן אָאַזיס ניט בלויז דערזען, נאָר דערפילט מיט אלע זיינע כושים. אַזוי איז בעהאַדראָגע, מיט דער אויסגעברייטקייט פון קינסטלערישן פאַרנעם, געװאָרן דער אידישער אַרבעטער, װאָס װאַכט אויף צום קלאַסנבאַװאוסטזיין, איינער פון די באַשטאַנד־טיילן פון רייזענס שאַפן. בא קיינעם פון אונזערע קינסטלער, כוץ מאָריס ראָזענפעלד, איז ניטאָ אַזאַ דירעקטע און אָרגאַנישע אָפּשפּיגלונג פונם אַרבעטער־קאַמף, װי בא רייזענען. גערעכט איז דעריבער מ. ליטװאַקאָװ, װען ער װייזט אָן, אַז רייזענס ליטעראַרישע יערושע איז פאַרן אידישן אַרבעטער די עכסטע, און עס פּילט זיך אַ נייע דערהויבונג פון רייזענישן עלעמענט אין דער נייער סאָ־װעטישער אידישער ליטעראַטור. דאָס איז אַזוי נאַטירלעך, אזוי פאַרשטענדלעך.

רייזען האָט קיינמאָל ניט באַלאַנגט צו אַ פּאָליטישער פּאַרטיי. ער איז אָבער אַלע מאָל געשטאַנען נאָענט צו דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווייל ער איז געווען און איז פאַרבליבן דער דיכטער פון אידישן האָרעפּאַשניק. שטענדיק און אַלע מאָל טיילט זיך בא אים אויס צווישן אַלע זיינע העלדן דער האָרעפּאַשניק, ווי דער פּאָזיטיוווסטער טיפּ אין אידישן לעבן; ניט בלויז איז עס דער האָרעפּאַשניק אין פאַרגלייך מיט די נידערגעשלאָגענע קליינמענטשעלעך, וואָס לעבן פון לופט און ווינט און באַזיצן קליינטשקע האַסאָגעס, נאָר אפילע אין פאַרגלייך מיט די באַהע־מער, מיט זייער ברייטקייט און קלוגשאַפט, וואָס רייזען האָט אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל ליבע.

קיין העכערע ליבע, ווי צום האָרעפּאַשניק, איז בא רייזענען ניטאָ.

די „שליפּעס", וואָס רופן ארויס רייזענס דערקלערונג וועגן זיין באַציאונג צו די פאַרהאָרעוועטע מענטשן, זיינען צוויי גרויסע ביילן, ווי פויסטן, אפן רעכטן און לינקן קאַרק פון אַ אידישן מוליער, וואָס האָבן זיך אָנגעריבן פון שלעפּן מולטערס ליים און ציגל.

„קאָשער פּאַרדינטע שליפּעס" — טראַכט דער קינסטלער, בלייבנדיק אליין אין זיין איינגן צימערל, וואָס ער האָט געדונגען באם מוליער. ער פאַרענדיקט די דער־ציילונג מיט איין שטריך, אַז ער האָט זייער פיל געטראכט וועגן דעם און האָט לאַנג ניט געקענט שלאָפן, און מע דאַרף מער ניט. מיט דעם שטריך איז אַלץ אויס־געדריקט. די שליפּעס פאַרפאָלגן שוין, נאָר ווידער פילט מען ניט קיין ראַכמאָנעס צום אומגליקלעכן מוליער; פאַרקערט, ס'דערהייבט, עס וועקט און מונטערט די פריילעכקייט פון דעמדאָזיקן האָרעפּאַשניק, וואָס איז שטאָלץ מיט זיין ארבעט, און עס טליעט בא אים אַ האָפענונג, אומבאַוואוסט, אף עפּעס בעסערס.

נאָך מער דערהייבט, וועקט דער באַיקאָטירטער אַרבעטער פון גאַליציע, וואָס קאָן אינערגעץ קיין ארבעט ניט קריגן צוליב זיין רעוואָלטירנדיקן גייסט. געדריקט און פאַרצווייפלט פון הונגער, אָן אַ דירע, אָן עסן, זייענדיק געצוואונגען צו פאַר־בלייבן נעכטיקן אין פּוסטן לאָקאַל פון סאָציאַליסטישן פאַריין, ווערט דער אַרבעטער פּעסימיסטיש. זיין פּעסימיזם דריקט זיך אָבער אויס דערין, וואָס ער טראַכט, אַז צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע איז אַזוי ווייט, אף פיל אַרבעטער זיינען נאָך ניט אָרגאַניזירט.

זאָרעכן, דעם שווינדזוכטיקן יונגן אַרבעטער, גייט ניט איין די „דאַטשע", ווען ער דערמאָנט זיך אָן זיינע כאַווירים אין שטאָט, אָן זייער שווערער ארבעט, בעשאס דאָ קוויקן זיך מיט דער פרישער לופט געזונטע רואיקע און זאַטע פאַרשוינען. זאָרעך ווייסט אָבער, אַז ניט אַלע מאָל וועט אַזוי זיין, און די שווינדזוכטיקייט גייט פאַרי־בער אומבאַמערקבאַר, האַגאַם זי איז דער איקער; עס שניידט זיך איין אין זיקאָרן זאָרעכס באַוואוסטזיין, זיין זאָרג פאַרן קלאַל.

אָט איז דער רעוואָלוציאָנער כאים, וואָס איז קראַנק, געריירט פון זינען, מע איז אָבער אים מעקאַנע, צוגלייך מיטן קינסטלער אליין, וואָס ווען די רעוואָלוציע איז דערשטיקט, ארום בושעוועט די רעאַקציע, לעבט ער, כאים, אין אַ וועלט פון רע־וואָלוציעס, לייענענדיק און איבערלייענדיק נאָכאנאנד די אַלטע שוין אָפּגעריבענע רעוואָלוציאָנערע צייטונגען.

מע געפינט אויך ניט, אַזוי ווי דער קינסטלער, קיין ווערטער פון באַגייסטערונג פאַרן „פּאָלקס־קינד", דער אַכצניאָריקער מיידל, וואָס שטעלט איר לעבן אין קאָן דורך דורכשוואַרצן דעם גרענעץ מיט רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור, „קעדיי צו ברייג־גען גייסטיקע שפּייז פאַר די אַרבעטער".

אָט די אלע אַרבעט־מענטשן, סיי די, וואָס האָבן שוין פאר זיך קלאָר דעם וועג פון באַפרייאונג, סיי די, וואָס די ארבעט רופט ארויס בא זיי אומבאַוואוסטזיניקערהייט אן אינערלעכע טקיפעס, נעמען דורך מיט אַ העל ליכט דאָס וועלטל, וואָס רייזען שילדערט. צווישן די צענדליקער, עפשער הונדערטער טיפּן פון די פארשיידנסטע שיכטן, וואָס ווערן אזוי מאַיסטערהאַפט אַרויסגעפּירט פאר אונזערע אויגן, זיינען די אַרבעט־מענטשן ניט פיל אין צאָל; צו זיי איז אָבער געווענדעט דעם קינסטלערס הויפּט־סימפּאַטיע, האַגאַם ער גיט זיי ניט צו קיין באזונדערע פאַרבן און שטעלט זיך אף זיי ניט אָפּ לייגער. קורץ, איינגעשרומפּט, מיט דער גרעסטער קאָנצענטרירטקייט, מיט דער גרעסטער קארגקייט אין ווערטער, אָן אַ שפור פון אַגיטאַציע, פון וועלכן ס'איז פרואוו צו זיין טענדענציעז, וואַקסן פאר אונז אויס מענטשן מיט אַ געזונטן לעבנס־אינסטינקט.

(זשורנאל „דער האמער“, ניו־יאָרק, 1926).

מ. אָלגין.

א. רייזען — דער דיכטער פון דורכשניטלעכן, אומבאַהאָל־פענעם מאַסן־מענטש. — דער סאָציאַלער מאָמענט אין רייזענס מיטגעפיל־לידער.

אָרעמקייט, נויט, פאַרביטערטע הערצער, פאַרוואָגלטע נעשאָמעס, קריגערייען, שילט־ווערטער, שמוץ... דאָס איז דאָס אידיש־ליטווישע וועלטל, וואָס האָט אַרופגע־לייגט זיין שטעמפּל אף דער ווייכער, איינדרוקפולער נעשאָמע פון דעם קומענדיקן אידישן דיכטער, אַווראָם רייזען. עמעס, ס'איז נאָך דערפון ניט געדרונגען, אז אָט דאָס לעבן האָט אים געמוזט געפאַנגען־נעמען אף אייביקע יאָרן. אנדערע דיכטער האָבן אויך געשטאַמט פון דערזעלביקער וועלט, דורכגעמאַכט דיזעלביקע קינדהייט, און דאָך האָט זיך זייער נעשאָמע באפרייט פון דער סוויווע, געוואַנדערט אין אַנדערע וועלטן, אַנטדעקט אומגעריכטע שיינקייטן און אונז, זייערע לעזער, אַרויסגעפירט פון דעם אידיש־ליטווישן גאָלעס.

יאָ, אָבער זיי זיינען ניט געווען אזוינע ווייכע, שוואַכע, נאָכגעביקע זעלן, ווי אַווראָם רייזען. ווי זיין היים און זיין קינדהייט האָבן אים באַשאַפן,—אַזוי שטייט ער נאָך איצט פאר אונז;—און זינגט דאָס ליד, וואָס ער האָט מיטגענומען פון זיין ליט־ווישן שטעטל.

מיט דער אָפנהערציקייט פון אן עמעסן דיכטער איז זיך רייזען מודיע: ער האָט ניט קיין פליגל. אָפּגעהאַקט האָט עמעצער די פליגל פון זיין נעשאָמע, פון זיין געדאַנק. לאַנג צוריק האָט עמעצער בא אים אַוועקגערויבט דעם שוואונג. ס'איז קימאַט אומהיימלעך צו הערן, ווי רייזען, מיט זיין איינפאַכער, ערלעכער שפּראַך, שטעלט אַוועק א פראַגע: ווי קומט ער זינגען? יעדעס וואָרט, אַזוי פּראָסט און וואָכעדיק, פאַלט ווי א טראָפּן צעשמאָלצענע בליי אף א וואונד:

> ווי קום איך צו זינגען? פונוואַנען, מיין קינד!
> בא אונז האָט אין קוימען געברומט נאָר דער ווינט;
> די קינדער—זיי פלעגן נאָר זינגען: האַם־האַם!
> און אָפּטמאָל די מאַמע — אַ קלאָלע צום גראַם.

ווי קום איך צו שיינקייט? פונוואַנען, מיין קינד!
דער וועג צו די פעלדער — דורך גאָ‏ים און הינט...
די גאַס איז געווען אַזוי אָרעם און וויסט,
באַ איטלעכער טיר נאָר — א בערגעלע מיסט...

אינם אידישן לעבן איז געווען ניט נאָר דאָס. אַפילע אין דעם אַלטן אידישן צאַר איז געווען בליצן פון פרייד, מאָמענטן פון עקסטאַז, פון איבערנאַטירלעכער שיינקייט. אַפילע דער איד, דער וואָרעם, געטראָטן פון יעדן פאַרבייגייענדיקן פוס, האָט דאָך אויך געהאַט צייטן, ווען ער האָט שטאָלץ אויסגעגלייכט זיין רוקן. פונם מאָדערנעם אידן שוין גאָרניט צו ריידן.

רייזען איז דער איינציקער אידישער דיכטער, וואָס רעפּרעזענטירט דעם וואָכעדיקן אידן, מיט זיין נאָך־האַוודאָלעדיקער מאָרעשכוירע, מיט זיין שרעק פאַרן לעבן, מיט זיין אייביקער דאַיגעס־פּאַרנאָסע. מיט זיין אָפּגעלאָזנקייט, אומבאהאָלפנקייט און שוואַכקייט.

רייזען איז דער דיכטער פון דעם פּראָסטן אידן. ער דערציילט דאָס האַרץ־וויי פון דעם דורכשניטלעכן מאַסן־מענטשן. אָבער דער צאַר איז אָן צאָרן, דער צאַר איז אָן א קלאָלע, דער צאַר איז איינגעשלאָסן אין זיך אַליין און שפּייזט זיך פון ראַכמאָנעס. דאָס איז דער אידישער נעבעך...

נעבעך איז דער אויסדרוק פון שוואַכקייט; ווילנלאָזע, האָפנונגלאָזע, אונטערגעגעבענע שוואַכקייט קאָן ניט זיין סאָציאַל. זי ווייסט ניט פון א פּלאַנמעסיקן צוזאַמענלעבן פון מענטשן מיט גלייכע האָפענונגען און צילן.

אין רייזענס לידער זיינען דעריבער ניטאָ קיין סאָציאַלע מאָטיוון. ער פאַרטראַכט זיך ניט וועגן קלאַל, ער פרעגט ניט: פונוואַנען און וואוהין? דער קלאַל, דאָס פאָלק, די געזעלשאַפט זיינען פאַר אים א פאַקט, זיי עקזיסטירן, ער נעמט זיי אַלס א פאַרטיקן סובסטראַט פאַר זיינע בײנקענישן און זיין פאַכאַד.

אין דער געזעלשאַפט זיינען דאָ אָרעמע און רייכע, שטאַרקע און שוואַכע. ס'איז שלעכט צו זיין אָרעם, און ס'איז ביטער צו זיין שוואַך. באַקלאָגט זיך דער זינגער אַף זייער שווער מאַזל. דערציילט ער, ווי זיי ליידן און ווי עס טוט זיי וויי. אָבער ער שטעלט ניט קיין פראַגן. ער פאַרקוקט זיך ניט אינם גרונט פון געזעלשאַפטלעכער אומגלייכקייט.

דער איינציקער סאָציאַלער מאָמענט אין רייזענס פּאָעזיע איז — דאָס מיטגעפיל, וואָס ער וועקט צו די שוואַכע. עפּעס ווייסט ער אַזוינס וועגן אָרעמע, שטילע און דערשלאָגענע, וואָס קיינער ווייסט ניט. ער איז זייער אַדוואָקאַט, זייער מיליץ־יוישער פאַר דער גרויסער רוישיקער וועלט. ער מיט זיי פאַרייניקט זיך אונטער איין טיטל: „מיר קאַבצאָנים".

... אַז מיר ריידן,
לאָזן מיר אַראָפּ דעם פּאָנים,
און די ווערטער שטיל, געוואויגן,
ווי עס פּאַסט פאַר אונז קאַבצאָנים.

ס'איז דאָ א וועלט פול מיט אָט די קאַבצאָנים. זיי זיינען פּראָסטע מענטשלעך. זייערע האַסאָגעס זיינען קליינע. זייערע זאָרגן — אַלטעגלעכע. זיי ווייסן ניט פון די ברייטע וועגן פון מענטשלעכן געדאַנק און געפיל. זיי זיינען ענלעך איינער אפן אַנ־

דערן, ווי צוויי טראָפּן וואַסער. אָבער זיי ליידן. יעדער איינער פון זיי לאָזט אַרויס א זיפץ, צי א קרעכץ, און דער פּאָעט זאַמלט די אלע זיפצן און קרעכצן און וועבט פון זיי מעלאָדישע לידער און וועקט רחמנות אין אונזער האַרצן. דאָס, וואָס דער גרויסער אוילעם האָט זיי אונטערגעכאַפּט און געזונגען, באַווייזט נאָר, אז זיי האָבן מער געפּאַסט צו דער שטימונג פון דער רעוואָלוציע־צייט, איידער די אומעטיקע לידער.

וואָס ס'איז יאָ דאָ בא רייזענען, ווי בא אַלע עלנטע, איז דער שטילער, שעמעוו־דיקער טרוים וועגן עפּעס בעסערס. ס'איז נאָך אַפילע ניט קיין וואונש, ס'איז ניט קיין גלויבן. ס'איז א באהאַלטענע, אומזיכערע בייַנקשאַפט נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס ס'איז א הייפעך פון דעם אייביקן האַרץ־ווײ. דידאָזיקע בייַנקשאַפט איז א געזועצלעך קינד פון דעם אומעט, און זי איז פּונקט אַזוי בלאַס און האַכנאָעדיק, ווי ער.

און שאָטנס און שפּינוועבס, ניט מערער,
און שטיל איז, עס הערט זיך קיין קלאַנג;
אין האַרצן נאָר פּאָכט עס און קלינגט מיר
א טרויריק־געצויגן געזאַנג.

דאָס יאָמערט מיין זעלע און קלאָגט זיך:
פאַרטראָגן שוין קאָן זי ניט מער!
זי רייסט זיך צו ליכט און צו פרייהייט
און דאָ—אַזוי טונקל און שווער!..

אין די עטלעכע שורעס איז דער שליסל צו רייזענס בייַנקשאַפט נאָך ליכט און פרייהייט און לעבן. קיינמאָל ווייסט איר ניט, וואָס איז גרעסער: די מאַכט פון די „שאָטנס און שפּינוועבס", צי דער טרוים וועגן פרייהייט. איינס איז געבונדן אין צווייטן. דאָס וואָרט „זון" ווערט נאָר געברויכט, קעדיי צו באַטאָנען דעם כוישעך. הערשן הערשט דער האַרבסט מיט זיינע וואָלקנס און זיין קעלט. און אַפילע ווען דער דיכטער רופט „לעבן, לעבן!" און ווען „ס'ווילט זיך נאָך א הייב טון ווייט און הויך די הענט און אַריבערשפּרינגען צוימען, מויערס, ווענט", און אפילע, ווען ער אומארעמט זיין געליבטע, בלייבט ער דאָך אין גרונט פון זיין נעשאָמע אזוי טרוי־עריק, אַזוי איינזאַם, אַזוי פאַרלאָזן פון גאָט און פון מענטשן.

אין דער לעצטער צייט האָבן זיך איבערהויפּט אָנגעהויבן באווייזן בא רייזענען נייע מאָטיוון. אַמאָל א געשריי פון שטאַרקן שמערץ („מיר דאַכט זיך, די ערד איז צעשטויסענע גלאָז, עס טוט וויי"); אמאָל דער הייסער וואונש נאָך א בסורע—זאָל זיין א שלעכטע, א ביטערע, אבי אָ בסורע („קום שוין, קום שוין, אומבאַקאַנטער, קלאַפּ מיר אָן אין טיר"); אַמאָל א רואיקער, ערהאבענער טאָן פון פארגעבונג, א נע־אילע־שטימונג אין די שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון („גוטע מענטשן, שלעכטע—אַלע זיינען גלייך"). די אַלע פּראָבן באַווייזן, אז רייזען האַלט נאָך אין וואַקסן, אין אַנטוויקלען זיך, אַז ער באַמיט זיך אָנצוטאַפּן נייע סטרונעס און געפּי־נען נייע אַקאָרדן. אָבער דערווייל בלייבן דאָס פאַראיינצלטע פּראָבן, וואָס ענדערן נאָך ניט דעם גאַנצן כאַראַקטער פון זיין לירדיק. דער דריטער באַנד פון זיינע לידער („אָוונט־קלאַנגען") איז אין פילע פּראָטים א טריט פאָרויס אין פאַרגלייך מיט די ערשטע צוויי. אָבער אויך אף אים ליגט דער אייגנטימלעכער שטעמפּל, וואָס אף אַלע איבעריקע. אין די „אָוונט־קלאַנגען" זעען מיר א מענטשן א רייפערן, אן אויס־

געפּרוואוועטן, וואָס גלויבט, אז זיין טאָג פאַרגייט, זיין אָוונט איז שוין נאָענט. און דערדאָזיקער עלטער געוואָרענער מאַן טראָגט דאָסזעלביקע האַרץ פול מיט זאָרגן, און אַזוי פאַריאָסעמט און פאַרוואָגלט איז ער אין דער גרויסער וועלט.

(„אין דער וועלט פון געזאַנגען", ניו-יאָרק, 1919).

ש. ניגער.

א. רייזענס פּרימיטיווער צוגאַנג צו לעבנס-ווידערשפּרוכן.— דאָס נאַטור-בילד בא רייזענען.— דער קורבן פון פּאַטריאַרכאַלן שטעטל אין א. רייזענס לידער.

אַווראָם רייזען איז דער דיכטער פון פאָלק, פון פּראָסטן אוילעם, פון דעם אידישן אָרעמאַן און לופט-מענטש, וועלכער ליידט און שטרייט ניט, אַן עכטער פאָלקספּאָעט: ניט פון די, וואָס גייען צום פאָלק און באַוויינען זיין גורל, וואָס איז ניט זייער גורל, נאָר פון די, וואָס קומען אַרויס פון פאָלק און זיינען בלוט פון זיין בלוט און פלייש פון זיין פלייש. דוכט זיך, רייזען איז אַ וועלט פאַר זיך, ער איז דער לירישסטער צווישן אונזערע ליריקער, זיין ליריק איז די ליריק פון אַן איינזאַמען; נאָר אַזעלכע איינזאַמע זיינען בא אונז טויזנטער, און זיין ליריק איז די ליריק פון טויזנטער, פון איינעם און פון טויזנטער.

רייזען איז זעלטן אינדיווידועל, כאָטש ער איז שטענדיק סוביעקטיוו. דאָס, וואָס ער זאָגט, איבער וואָס ער קלאָגט, לעבט ער פּערזענלעך איבער, אָבער אויך אַנדערע לעבן אים איבער, אַנדערע האָבן עס קיין קראַפט ניט אויסצודריקן; ער דריקט עס אויס,— ער דריקט עס אויס מיט עפּעס אַ אינטימער גראָבקייט, מיט אַן אומגעווינלעכער פּראָסטקייט, אָבער ער פאַרטיפט עס ניט, ער פאַרפיינערט עס ניט, ער לייגט אַף דעם אַרויף דעם שטעמפּל פון זיין פּערזאָן, ניט פון זיין פּערזענלעכקייט: ער אינדיווידואַליזירט עס ניט. אין יעדן געפיל, אין יעדער האַרמאָניע, אין יעדער וואונד פון דער נעשאָמע באַמערקט ער נאָר דאָס, וואָס עס וואַרפט זיך אין די אויגן, נאָר דאָס עלעמענטאַרע, דאָס אַלגעמיינע, דאָס געוויינלעכע און וואָכעדיקע; זיינע ליידן זיינען וואָכעדיקע ליידן, ליידן פון אַ גאַנץ יאָר, זיין נויט—„גראָע נויט",—„צי האָסט אַ דירע, צי האָסט אַ בעטל?"—זיין הונגער איז אַ פּאָשעטער הונגער: דאָס איז ניט די פּסיכאָלאָגיע, נאָר די פיזיאָלאָגיע פון הונגער.

רייזען איז דער דיכטער פון דאָס גראָע און דורכשניטלעכע, פון דעם גראָבן פּענזל, וואָס האָט צו טון מיט איין פאַרב און ווייס ניט פון שאַטירונגען; צווישן די צאָללאָזע שטימען און שטימונגען, וואָס שפּאַלטן די לופט פון דער געזעלשאַפט און דעם יאָכיד, באַמערקט ער נאָר די, וואָס גרייכן צום אויער פון פּראָסטן מענטשן; די לעבנס-דיסאָנאַנסן נעמט ער אין זייער איינפאַכסטער פּרימיטיווסטער פאָרם: דער קאָנפליקט צווישן אָרעם און רייך, הונגעריק און זאַט, קלוג און נאַריש... אין דער נאַטור זעט ער נאָר דאָס, וואָס ניט זען איז אומעגלעך: דעם הימל, די ערד, די זון, די שטערן, די וואָלקנס און אַז. וו. קיין פאַרבן, קיין ניואַנסן ניט זוכט: די ערד איז זומער „גרין", דער הימל—„בלוי"; „ווינטער זיינען הויל די ביימער", „זאַט די פערד, דאָס שליטן ניי", „זאַט" איז אויך דער פויגל...

ביכלאַל איז רייזענען די נאַטור מיט אירע אַלע פאַרבן און טענער און שיינקייטן אינגאַנצן פרעמד, כאָטש ער איז אייגנטלעך דער פּאָעט פון שטעטל, ניט פון

שטאָט, וואו די „נאַטור" באַהאַלט זיך. און ווען ער שרייבט אַ ליד „אין פעלד", דערציילט ער ניט, וואָס עס טוט זיך אין פעלד, נאָר ער דערמאָנט זיך, ווי שלעכט איז אין שטאָט, און מער ווי אַ העלפט פון ליד איז געווידמעט דער שטאָט. און ווען ער ווענדעט זיך „צום פרילינג", באַזינגט ער ניט דעם פרילינג, נאָר ער באַוויינט דעם ווינטער. קיין עמעסע אופריכטיקע פרילינג־ליד באַגעגענען מיר ניט אין דעם גאַנצן בוך. פאַראַנען האַרבסט־לידער און ווינטער־לידער. פאַרן ווינטער־לאַנדשאַפט מיט זיין קאַלטער איינטאָניקייט האָט רייזען געווען פאַרבן. ער איז דער פּאָעט פון דער איינטאָניקייט, דער פּאָעט פון דער גראָדער ליניע. דערפאַר איז ער אַזוי קלאָר: דאָס גלייכע און ניט פאַרוויקלטע איז שטענדיק קלאָר. און גלאַט. און איינפאַך.

רייזענס איינפאַכקייט איז זעלטן. זי איז גראָב און פרימיטיוו. זי איז אָבער האַרציק און ווייך און האָט איר באַזונדער טיפקייט. אַזאַ איינפאַכקייט באַגעגענען מיר נאָר באַם פאָלק און באַ קינדער...

און ווען רייזען איז איינפאַך, אָן קונצן — און אָן קונצן איז ער קימאַט שטענדיק — דאַן מעג ער שרייבן גוט אָדער שלעכט, אָבער הערן אים מוזט איר און גלויבן אים מוזט איר... עס האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפן, אַ מענטש זאָל עמעס זאָגן, און מע זאָל אים ניט גלויבן. און רייזען זאָגט שטענדיק עמעס. ווען ער הייבט אָן „אויסטראַכטן פון קאָפּ", — דערפילט איר עס טייקעף: אָפּנאַרן קאָן ער ניט, דערצו איז ער ווייניק פאַנטאַזיאָר און אַרטיסט, און איר באַמערקט טייקעף, ווי ער נעמט שטאַמלען אָדער שיטן מיט נאַאיווע גראַמען („און זאָל ווי ווייט נאָך זיין די צייט"... „וואו עס לעבן און עס שוועבן"...).

„באַ איטלעכער טיר נאָר אַ בערגעלע מיסט" — דאָס איז רייזענס טעמע. זיין איינציקע טעמע איז דאָס, וואָס ליגט באַ איטלעכער טיר. דאָס אַלגעמיינע, דאָס טיפּישע, ניט דאָס אינדיווידועלע, ניט דאָס זעלטענע און עקזאָטישע, נאָר דאָס געוויינלעכע און אָפּטע...

און אָפּטער ווי אַלץ זעט רייזען „דאָס בערגעלע מיסט"...

אין פאָריקן יאָרהונדערט, אין לעצטן פערטל, האָט די אידישע גאַס, איר צענטראַל־פּלאַץ, איבערגעלעבט אַ כורבן. עס איז כאָרעוו געוואָרן די אידישע פּאַרנאָסע, די באַלעבאַטישקייט, אָרעם געוואָרן דער פּאַרמיטלער, הענדלער, קרעמער און באַל־מעלאָכע, עס האָבן זיך געמערט די געשעפטלאָזע, אַרבעטלאָזע, וואַנדער־ און לופט־מענטשן; עס זיינען אונטערגעגאַנגען די אַלטע מינהאָגים, די קלויז, די יעשיווע, דאָס מישפּאָכע־לעבן, דאָס פּאַטריאַרכאַלע שטעטל... אָף דעמדאָזיקן כורבן האָט זיך אופגעהאָדעוועט די קראַנקע איינטאָניקע „מוזע" פון אַווראָם רייזען.

רייזען איז פריער פון אַלץ דער פּאָעט פון ראַכמאָנעס... אין דעם ראַכמאָנעס פון שטאַרקן צום שוואַכן שטעקט אַ שטיק פאַראַכטונג; נאָר רייזענס ראַכמאָנעס איז ניט קיין פאַראַכטנדער, נאָר, פאַרקערט, אַ ליבנדער: — דער ראַכמאָנעס פון אַ שוואַכן צו אַ שוואַכן; ניט ער פילט מיטלייד צו די ליידנדע, נאָר ער ליידט צוזאַמען מיט זיי. זייער אָנמעכטיקייט איז זיין אָנמעכטיקייט:

— — — — — — — — — —

עס ברעכט דיר דיין האַרץ, דיין געמיט,
זיי טוען דיר אַלע זוי ווי, —
נאָר אופהייבן קאָנסטו זיי ניט,
דו פאַלסט נאָר צוזאַמען מיט זיי...

און ווייל ער „פאַלט צוזאַמען מיט זיי", פילט ער זיך ניט ווי זייער רעטער און אפּוטראָפּוס...

דער עמעסער פאָלקס־דיכטער, דער עמעסער זון פון ליידנדן פאָלק, — ער ליאַ־רעמט ניט, ער איז שטיל און אינטים און צנועדיק: וועגן אייגענע ליידן שרייט מען ניט; געגוג, אַז מען דערציילט זיי... און רייזען, וועלכער איז ניט בלויז אַ דיכטער, נאָר אויך אַ קינד פון פאָלק — דערציילט, און ער דערציילט שטיל, איינגעהאַלטן, מיט אַ ציטערדיקער שטים, איינפאַך, אָן קונצן, אָן דעקלאַמאַציע, אָן מעליצע.

רייזענס אופגאַבע איז צו מאַכן אָפענער דאָס אָפענע; דאָס פאַרבאָרגענע פאָר־דערט אַ טיפערן אַנאַליז, אַ מער בויגיקע פען, און רייזענס פען איז אַ האַרטע, ניט קיין שאַרפע, אָבער אַ שפּיציקע: זי שטעכט אָן אין איין פּינטל און מער קאָן זי פון אים ניט ציען, ווי איין ליניע.

און פּונקט ווי רייזען ווייס נאָר פון איין ליניע — דער גראָדער, אַזוי זעט ער נאָר איין פאַרב — די שוואַרצע, דער שוואַרצער קאָליר איז זיין גרונט־קאָליר. ווען ער וויל אַביסל אָפּשוואַכן די „שוואַרצקייט", האָט ער קיין אַנדער ברייררע ניט, ווי „צומישן וואַסער", און ער ווערט וואַסערדיק, שיטער און אָן זאַלץ. אַמאָל פאַרגלוסט זיך אים מאָלן „רויט" („פרייהייט־לידער"), נאָר טייקעף דערפילט איר, אַז דער פּענזל איז אַ געבאָרגטער, דער טאָן אַ פרעמדער, אַ שרייענדער.

אין דער אָפּטיילונג „בייגקשאַפט און פרייהייט" זיינען פאַראַן שיינע, טיף ליריי־שע „בייגקשאַפט"־לידער (צום ביישפּיל: „איך זינג...", „די לופט איז מיר איינג", „וואָס איך האָף", „די פרילינג־זון", „אָפטמאָל", „מיין שיפעלע", „אַף אַ זעאונג"), אָבער פרייהייט־לידער וועט איר דאָ ניט געפינען. אַמאָל גיט עפּעס דעם דיכטער אַ שיין אַף אַ ווײַלע אַ בלאַסער שטראַל פון פרייהייט־טרוים, נאָר טייקעף באַפאַלן אים שאָטנס...

עפּעס הער איך פייגל זינגען,
אַז דער ווינטער האָט געעקט...
זאָל מיין ליד אין כאָר אויך קלינגען?
עפּעס ציט און עפּעס שרעקט...

אין דער לעצטער שורע איז אויסגעדריקט דעם פּאָעטס באַציאונג צום לעבן: עס ציט אים צום לעבן — אַוועקגיין האָט ער קיין מוט ניט — און ער שרעקט זיך פאַר אים.

און מיין לעבן איז געגליכן
צו אַ לאָמפּ מיט ווייניק נאַפט:
ווערן ווערט ער ניט פאַרלאָשן,
ברענען האָט ער ניט קיין קראַפט...

און ס'ברענט ניט, נאָר ס'רויכערט... די לופט איז פאַרשטיקט און קיין איין ליכ־טיקער שטראַל! אין די „לוסט־ און ליבע"־לידער זיינען האַרציק און מעלאָדיש נאָר די, וואָס זיינען אָנגעזאַפּט מיט עלנטקייט און מידקייט, און וואו עס פילט זיך בייגקשאַפט נאָך ליבע, אָבער ניט ליבע.

רייזען איז און בלייבט דער פּאָעט פון מידקייט, ער איז ווייך; נאָר אין זיין ווייכקייט איז מער שוואַכקייט ווי צערטלעכקייט; ער קאָן נאָך זיין אַביסעלע סענ־טימענטאַל, נאָר זיינע געפילן זיינען בלאַסע, מידע, וואַרעמע, ניט קיין הייסע, קיין אַנטציקונג, קיין ענטוזיאַזם רופן זיי ניט אַרויס, אידעאַליזירן זיי איז שווער. און רייזען אידעאַליזירט ניט. באַפּוצן אַ זאַך, שענער מאַכן, פּאָעטיזירן האָט ער פיינט;

פאַרקערט, טאָמער באַמערקט ער ערגעץ אַ בלום, פרייט ער זיך ניט, וואָס זי בליט, ער קלאָגט, וואָס באַלד וועט זי פאַרוועלקן...

אָט נעמט, אַשטייגער, זיין „צוריקער אַהיים", דאָס גרעסטע ווערק אין בוך. צו־זאַמען מיט לאַנגווייליקע פּראָזאַישע שורעס געפינען זיך דאָ פיל שיינע, קלאָרע, כאָטש גראָבע בילדער. דער פּאָעט האָט צוריקגעקערט אין שטעטל, וואו ער האָט זיך אופגעהאָדעוועט.

רייזען דער מעקווינען, דער פּאָעט פון דער פּראָזע, האָט אין שטעטל נאָר כור־וועס געפונען, „לעבעדיקע קוואָרים". זיין „צוריקער אַהיים" איז ניט קיין זיסע ערי־נערונג, נאָר א ביטער געוויין.

עס טרעפן זיך אין רייזענס לידער אויך מונטערע טרייסטנדע שורעס, נאָר עס פילט זיך אין דידאָזיקע שורעס, אַז דער פּאָעט, אַ קראַנקער און א מידער, וויל זיך אַליין צוגעבן מוט, נאָר עס העלפט ניט. די עטלעכע ליכטיקע שורעס שפּאַלטן ניט, ווי זון־שטראַלן, די וואָלקנס, וואָס באַדעקן דעם האָריזאָנט, זיי שניידן דורך די שוואַרצע כמאַרע, ווי בליצן־דיסאָנאַנסן, די פינצטערניש אַרום ווערט נאָך קענטיקער, און די קנייטשן אַפן שטערן פון פּאָעט ווערן פינצטערער...

(זשורנאַל „ליטעראַרישע מאָנאַט־שריפטן", ווילנע, 1908).

פּראַגן און אופגאַבן.

1. די הויפּט־אייגנשאַפטן פון רייזענס פּאָעזיע (נויט־מאָטיוון, רעאַליסטישע שילדערונג, מיניאַטור־פאָרם).
2. די אַרבעט־מענטשן אין רייזענס און פּינסקיס דערציילונגען.
3. די דעקלאַסירטע אינטעליגענץ אין רייזענס דערציילונגען.
4. עלעמענטן פון אידישן פאָלקס־ליד: שטייגער־שילדערונג, איינפאַכקייט פון איבער־לעבונג און אויסדרוק אין רייזענס ליד.
5. די מאָטיוון פון נויט און פרייהייט־דערוואַרטונג אין רייזענס לידער.
6. דער עקאָנאָמישער אונטערגאַנג פון קליינעם שטעטל לויט רייזענס פּאָעמע „צו־ריקער אַהיים" און פּערעצעס פּאָעמע „דער באַלעגאָלע".

די וויכטיקסטע ווערק.

געזאַמלטע ווערק, IV־טער באַנד, ניו־יאָרק, 1917.
„ VIII־טער באַנד, „
„ XI־טער באַנד, „

.XV וואַרשאַווסקי

מאַרק וואַרשאַווסקי (1907 — 1848)

(ביאָגראַפיע)

געבאָרן אין אָדעס אין אַ אינטעליגענטער אידישער פאַמיליע. אַז ער איז נאָך געווען גאָר אַ קינד, זיינען זיינע עלטערן אַריבערגעפאָרן קיין זשיטאָמיר, וואו ער האָט איניקע יאָר באַזוכט די ראַבינער־שול. זיין שטודיום אַלס יוריסט האָט ער פאַרענדיקט אין קיעווער אוניווערסיטעט 1875. אין מעשעך פון צענדליקער יאָרן פראַקטיקירט אין קיעוו אלס געשוואוירענער אַדוואָקאַט. מאַטעריעל האָט ער זיך זיין גאַנץ לעבן שווער געפלאָגט און ערשט אין 1903, ווען ער האָט באַקומען א שטעלע פון א יוריסקאָנסולט אין א בעלגישער קאָמפּאַניע פון הוטעס אַפּן דאָן, האָט זיך זיין לאַגע פאַרבעסערט. אין פעווראַל 1905 איז ער קראַנק געוואָרן און צוריקגעפאָרן קיין קיעוו, וואו ער האָט זיך אָפּגעמאַטערט א פּאָר יאָר אין איבערמענטשלעכע יעסורים און איז געשטאָרבן פון אן א פּאָפּלעקסיע, איבערלאָזנדיק זיין פרוי און די איינציקע טאָכטער אָן שום מיטלען צום לעבן. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז וו. באַרימט געווען אלס אידישער פאָלקס־דיכטער. אין דער פרייער צייט פלעגט ער ליב האָבן צו זינגען פאַר זיך אידישע לידער, וואָס ער האָט אַליין פאַרפאַסט צוזאַמען מיט די ניגונים צו זיי. ניט רעכענענדיק, אז זיי זאָלן האָבן א ליטעראַרישן ווערט, פלעגט ער זיי אַפילע ניט פאַרשרייבן, ביז שאָלעם־אַלייכעם איז סאָף די 90־קער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט געוואויר געוואָרן פון דעם מערקווירדיקן אַדוואָקאַט־פאָלקס־דיכטער און סאָפקאָלסאָף אים געצוואונגען די לידער מיט די ניגונים פאַרשרייבן. בלויז עטלעכע פון וואַרשאַווסקיס 50 לידער זיינען אָן ניגונים, צו אלע איבעריקע זיינען דאָ נאָטן, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן אין א באַזונדער בוך.

שאָלעם־אַלייכעם.

זיכרוינעס וועגן מ. וואַרשאַווסקי.

דער נאָמען וואַרשאַווסקי איז מיר געווען באַקאַנט פון לאַנג אין קיעוו. דאָס איז געווען אַ געשוואוירענער אַדוואָקאַט, אַ טיפּ פון יענע מין געשוואוירענע אַדוואָקאַטן, וואָס כאַפּן ניט קיין שטערן, קנאַקן ניט, לאָזן זיך ניט הערן אַף דער וועלט, זיצן זיך שטיל אין זייער קאַבינעט, קוקן לאַנג־לאַנג אַרויס אף א קליענט, נאָר אז דער־

קליענט איז געקומען, איז ער שוין זיכער, אַז ער האָט געטראָפן ניט צו קיין אַדוואָ־קאַט, וואָס קוקט אים אין דער האַנט אַריין און שאַצט אים די קעשענע, נאָר צו אַ פריינט, צו אַ ברודער, וואָס וועט אים אויסהערן און באַהאַנדלען ווי אַ ברודער.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע מענטשן פלאָגן זיך זייער גאַנץ לעבן, פירן אַ ביטערע מילכאָמע, קומען קאַם־קאַם אויס מיטן שטיקל ברויט און ווערן געעלטערט פאַר דער צייט.

אַף וואַרשאַווסקין איז דאָס אָבער געווען שווער צו דערקענען. דאָס איז געווען אַ פאַרשוין אַ לעבעדיקער, אַן עמעסער קאַסריליק — אַן אָרעמס און אַ פריילעכס, און צווישן כעוורע געשוואוירענע אַדוואָקאַטן — די נעשאָמע. קיין אָוונט, קיין יאָנטעוו, קיין קערמעשל איז זיך ניט באַגאַנגען אָן מאַרק מאַרקאָוויטשן. ווארום מאַרק מאַרקאָוויטש וואַרשאַווסקי האָט געהאַט אַ באַזונדערן טאַלאַנט אַף צו פריילעך מאַכן דעם אוילעם מיט זיינע אויסגעצייכנטע הומאָריסטישע עקספּראָמטן אין ריימען, וואָס ער האָט אייך גע־קאָנט, ווען איר ווילט, צוטראַכטן צו יעדן איינציקן נאָמען און מיט דער בעסטער כאַראַקטעריסטיק אָפּשילדערן אייך אַ מענטשן אין דריי־פיר ווערטער.

אַ מענטש פון אַריבער פופציק, קורצע וואוקס מיט קורצזיכטיקע, נאָר שמייכלענ־דיקע און אַסאַך רעדנדיקע אויגן, גוט געפּאַקט, אָן אָפּגעטראָגן רעקל מיט אַביסל אויסגעריבענע עלנבויגנס, אַן אַלטגעזעסענער שניפּס, אַ גיך גיינגל, אַ שיין קאָל און אַ שטאַרק הילכיקער געלעכטער — דאָס איז וואַרשאַווסקיס פּאָרטרעט.

דער גאַסט האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן, זיך אַוועקגעזעצט צום פּאָרטע־פּיאַן און גענומען זינגען און זיך אַליין אַקאָמפּאַנירן זיינע שיינע לידער מיט אַזוי־פיל הומאָר און געפיל און מיט אַזא שיינער, האַרציקער שטימע, אַז איך האָב אים פּאָשעט אַרומגעכאַפּט קושן:

— גאַזלען! פאַרוואָס לאָזט איר ניט אָפּדרוקן דידאָזיקע לידער? ווען איך זאָל ניט וויסן, אַז דאָס זיינען אייערע אייגענע, וואָלט איך געמעגט שווערן, אַז איך האָב זיי אַמאָל געהערט זינגען פון מיין מאַמען!

אַזויפיל פאָלקסטימלעכקייט האָט זיך געפונען אין די ווערטער און אַזויפיל פּראָסט־קייט אין זייערע מעלאָדיעס!

דער געדאַנק פון לאָזן דרוקן די לידער איז אָבער געווען פון וואַרשאַווסקין אַזוי־ווייט, אַז ער האָט גאָרניט געוואָלט הערן דערפון. און דערצו האָט ער זיך מיר מוי־דע געווען, אַז כאָטש ער האָט אַמאָל געשטודירט אין דער ראַבינער־שול (אין זשי־טאָמיר), האָט ער אידישקייט געלערנט אַזוי ווינציק און פאַרגעסן אַזויפיל, אַז ס'איז אים שווער אַפילע אָנצושרייבן זיינע לידער אַף פּאַפּיר.

קעגן דעם האָט זיך אָבער געפונען אַ מיטל — און מיר האָבן אים גענומען אַטאַ־קירן פון אַלע זייטן אַזוי לאַנג, ביז מע האָט בא אים געפּויעלט, ער זאָל מיר דיק־טירן דעם טעקסט, און פאַר אַ מוזיקער — די נאָטן, און דער ערשטער באַנד וואַר־שאַווסקיס לידער איז לעמאַזל צוניפגעשטעלט געוואָרן, און מע האָט זיך גענומען זיי אַרויסגעבן אַל כעשבן האַכעווּרע פון קיעוו.

יענע צייט איז געווען די צייט פון „ציאָניזם״: ציאָניסטישע אָוונטן, פאַרזאַמלונ־גען און דיסקוסיעס. און אַזוי ווי די פאַרזאַמלונגען זיינען באַשטאַנען פון סאַמע הייסע דעבאַטן און טרוקענע — אָפּטמאָל אַביסל צו טרוקענע — רעדעס, האָט מען זיך שטאַרק גענייטיקט אין אַ פאַרבייסעכץ, אין אַ מין קאָמפּאָט — „פור לאַ באָן בוש״, ווי דער פראַנצויז דריקט זיך אויס.

דערדאָזיקער קאָמפּאָט איז געווען די ערשטע צייט שאָלעם־אַלייכעמס מאַיסעס, און דערנאָך איז צוגעקומען אויך וואַרשאַווסקיס לידער.

ס׳איז קימאַט ניט אַוועקגעגאַנגען איין אָוונט, איין ציאָניסטישע פאַרזאַמלונג, מע זאָל אונז ניט שלעפּן פון „קרעשטשאַטיק״ אף „פּאָדאָל״ און פון „פּאָדאָל״ אף „קרע־שטאַטיק״. איך האָב געמוזט עפּעס פּאַרלייענען, און וואַרשאַווסקי האָט געמוזט עפּעס זינגען — און ניט „עפּעס״ זינגען, נאָר טאַקע אַסאַך זינגען! אַלצדינג, וויפל ער האָט פאַרמאָגט, האָט ער געמוזט אויסזינגען, גאָר אָן אַ שום טערעץ, — כאָטש נישט מיין לייענען, נישט וואַרשאַווסקיס געזאַנג האָבן זיך אָנגעקערט מיטן ציאָניזם. ס׳איז שוין אָבער געוואָרן אַזאַ רעגילעס — פּאַרפּאַלן! אָנגערעדט זיך ווי די פּויקן און אָנגעגעסן זיך מיט די דעבאַטן, האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ טישל, צונויפגערוקט די ביינקלעך, אַוועקגעזעצט שאָלעם־אַלייכעמען אויבנאָן, און די ערנסטע פּאַראייסיקטע פּענימער האָבן שוין באַצייטנס, אַף קרעדיט, געשיינקט אַ שמייכל, און ס׳איז ארויס אף דער סצענע קאַסרילעווקע, און דער אוילעם האָט זיך געפילט גאַנץ יאָנטעוודיק.

נאָך דער עמעסער יאָנטעוו האָט זיך אָנגעהויבן ערשט דעמאָלט, אַז וואַרשאַווסקי האָט זיך אַוועקגעזעצט באַם ראָיאַל. באַלד נאָך די ערשטע צוויי־דריי לידער האָבן אָנגעהויבן פליען באַשטעלונגען פון אַלע זייטן, ווי פון געבעטענע באַלעבאַטים אף א כאַסענע:

— „טייערע מאַמע״!

— „אַ גוט מאָרגן, יענקעלע״!

— „טאַנכום דער טרובאַטש״!

— „די מיזינקע״! די מיזינקע״!

— „סימכאַסטוירע״! „סימכאַסטוירע״!

און דער גוטער וואַרשאַווסקי, וואָס האָט ניט געוואוסט, וואָס הייסט אָפּזאָגן, אַז יענער וויל, האָט אויסגעהערט אלע באַלעבאַטים און מיט פאַרגעניגן געגעבן יעדן באַלעבאָס, וואָס ער פאַרלאַנגט, נעבעך גוט געשוויצט, גלייך ווי מע וואָלט אים גע־צאָלט דערפאַר מיעדייע וויפל!

נאָר אָט איז געקומען די צייט, ער זאָל שוין אַמאָל דערלעבן נאַכעס אויך. עס איז אַרויס מיט גאָטס הילף דער באַנד מיט לידער (לעערעך מיט א יאָר צען צוריק (אין 1900 י.—ר ע ד.) געדרוקט אין קיעוו בעהישטאַדלעס פון פריינט און ציאָניסטן. און מאַכמעס די לידער זיינען שוין געווען באַקאַנט פון אַסאַך פריער, האָט מען די ערשטע טויזנט ביכלעך צעכאַפּט ווי מאַצע־וואַסער, נישט איבערגעלאָזט אַפילע אף א רעפוע.

ווי נאָר ס׳איז אויסגעפּאַרקויפט געוואָרן דאָס ביכל, איז דער נאָמען פון וואַר־שאַווסקיס לידער גיך געוואָרן מעפורסעם נישט נאָר אין קיעוו און אַרום קיעוו, נאָר וויט־ווייט איבערן גאַנצן לאַנד איז קימאַט נישט געווען די אידישע שטוב, וואו מע זאָל ניט וויסן צו זינגען דעם „אַלעפבייס״. און דער קאָל, אַז דער פּאַרפּאַסער אליין זינגט זיינע לידער פארן אוילעם אין קיעוו, האָט דערגרייכט אויך אין אנדערע שטעט און מיר האָבן ביידע אָנגעהויבן באַקומען זייער פריינטלעכע איינלאַדונגען פון אַסאַך גרויסע און קליינע שטעט, מיר זאָלן קומען לוסטיק מאַכן דעם אוילעם — איך מיט מיינע „מאַיסעס״, וואַרשאַווסקי מיט זיינע „לידלעך״... אַז דאָס לעבן איז ליב, איז די וועלט העפקער!

דאָס איז געווען די גליקלעכסטע צייט, קאָן מען זאָגן, דער סאַמע פרילינג פון וואַרשאַווסקיס לעבן. איך געדיינק אַזוי ווי היינט דעם כעשבן, וואָס ער האָט מיר געמאַכט פון אונזער ערשטער טורנע איבערן לאַנד.

— צו לאַמעד אַלאָפּים! — האָט ער מיר געזאָגט מיט זיין הילכיקן געלעכטער. — צו לאַמעד אַלאָפּים דאַרף אונדז איבערבלייבן ריינע, א רועך אין זייער פאָטער און מוטער אַריין!

— און דערנאָך וועלן מיר אַריבערשווימען דעם יאַם — האָט ער גענומען פאַנ־טאַזירן ווייטער — און מאַכן א רייזע איבער אַמעריקע, און דאָרטן וועלן מיר איבער־קערן די וועלט!...

נאָר דער וועלט איז, אַפּאַנים, באַשערט געווען, זי זאָל ניט איבערגעקערט ווערן, וואָרום פון אונדזער גאַנצער נעסיע און נאָך אלע איינלאַדונגען זיינען מיר דערוויילע געווען נאָר אין צוויי סאַמע נאָענטע שטעט: אין בעלאָצערקאָוו און באַרדיטשעוו — און ווײ־ווײ, וואָס ס'האָט זיך געטאָן! עס האָבן געשוויצט די ווענט! עס האָט גע־קאָפּעט פון דער סטעליע! א דערשטיקעניש!

עמעס, צו לאַמעד אַלאָפּים איז נאָך געווען גענוג ווייט („לאַמעד" איז געווען, נאָר די „אַלאָפּים" האָבן געפעלט). מיר האָבן אָבער געהאַט פאַר זיך א גאַנצע וועלט. שוין געווען צוגעגרייט פאַר אונדז אַן אָוונט אין קאַטערינאָסלאַוו, און פון דאָרטן האָבן מיר באַדאַרפט פאַרפאָרן קיין אָדעס, און ווייטער, און נאָך ווייטער. האָט זיך גאָט אַריינגעמישט און ס'האָט זיך געטראָפן א מאַיסע:

געקומען קיין קאַטערינאָסלאַוו, האָב איך געפונען א דעפּעש בעסאַכאַקל פון פון דריי ווערטער:

„וואַרשאַווסקי געפערלעך קראַנק"...

און ווען טרעפט זיך אַזא זאַך? וועט איר האָרכן, ס'איז קעדאַי צו וויסן.

קאָל יאָמאָוו האָט זיך וואַרשאַווסקי נעבעך געראַנגלט מיטן דאַלעס, ווי אַן עמע־סער העלד, כאָליילע ניט אַרויסבאַווייזן קיינעם, אַז ער און זיין פאַמיליע (א ווייב און א טאָכטער) ליידן נויט. נאָר גראָד אָף דער עלטער, שוין צו עטלעכע און פופציק יאָר, געפעלט עפּעס אַן אייזן־קאָמפּאַניע פון דאָנער באַסיין, כאָליילע ניט קיין אידן, נאָר בעלגיער, קריסטן, מע זאָל אַראָפּברייינגען צו זיך אין דער קאַנטאָר, אין קאַ־טערינאָסלאַווער גובערניע, אַלס פּראָקוריסט, אַן אָנשטענדיקן, אַן אָרנטלעכן יוריסט פון קיעוו, ער מעג זיין א איד. און וואו קאָן מען קריגן א מער אָנשטענדיקן און מער אָרנטלעכן מאַן, ווי מ. מ. וואַרשאַווסקי?

און אָט אַזוי איז אונדזער וואַרשאַווסקי פּלוצים מיטאַמאָל ניסגאַדל געוואָרן, באַ־קומען א שטעלע פון שיינע עטלעכע טויזנט רובל א יאָר געהאַלט, מיט א דירע, מיט אלעס גרייטן, מיט א פאַיעטאָן און מיט פערד — אַז מע שמועסט פון קאָל טואוו!

וואָס טוט גאָט? זאָגט ער, אַז אָנשטענדיקע און ערלעכע לייט דאַרף ער אליין האָבן. און וואַרשאַווסקי לייגט זיך אוועק, מוטשעט זיך פריער אָפּ העכער א יאָר אין אומענטשלעכע ליידן — און דער אידישער בעראַנזשע שטאַרבט אוועק עלנט און פאַרגעסן פון דער גאַנצער וועלט און לאָזט איבער א פאַמיליע אָן שום מיטלען צום לעבן.

. . . .

וואַרשאַווסקי איז געשטאָרבן, און זיינע לידער האָבן אָנגעהויבן ווערן וואָס ווײ־טער אלץ מער פּאָפּולער אינם אידישן פאָלק, באַ אונדז, אין דער „טשערטאַ", און אויך ווייט־ווייט, הינטער דער „טשערטאַ". נישט נאָר באַ אונדז, נאָר אין אויסלאַנד, אין אַמעריקע און נאָך ווייטער פון אַמעריקע אויך.

אָף אלע אידישע קאָנצערטן טרעטן אַרויס קינסטלער, וואָס זינגען אויסגעצייכנט וואַרשאַווסקיס לידער, נאָר דער אַנטיק דערביי איז, וואָס באַ די לידער און אָף די

אַפּישן ווערט זייער זעלטן (קימאַט קיינמאָל ניט) דערמאָנט דער נאָמען וואַרשאַווסקי.

נאָך מער. נישט לאַנג איז מײנער א כאַווער, א אידישער שרייבער פון וואַרשע, געווען אין אָדעס אף א אידישן קאָנצערט און איז ניספּאָעל געוואָרן, ווי אזוי אן אַר־טיסט האָט געזונגען א אידיש „פאָלקס־ליד":

„שטאַרקער! שטאַרקער!
רייסט די סטרונעס, רייסט אף צוויי —
די מיזינקע אויסגעגעבן!"

בא דעם אידישן שרייבער איז וואַרשאַווסקיס ליד א „פאָלקס־ליד", און דער נאָ־מען וואַרשאַווסקי איז ניט דערמאָנט בא אים!

ווער ווייסט? עפּשער איז דאָס א מאַילע? עפּשער איז דאָס א אידעאַל, וואָס יעדער פּאַרפאַסער מעג זיך ווינטשן אַזאַ פּאָפּולאַריטעט צו דערגרייכן?

מע זאָגט, אַז דאָס ליד „לאָרעליי", וואָס אלע קענען, וויסן ניט אלע, אז דער מעכאַבער פון דעם איז היינע.

דער נאָמען פון יענעם פראַנצויז, וואָס האָט באַשאַפן די „מאַרסעליעזע", ווייסט אַוואַדע איינער פון צען טויזנט, אז ער איז רוזשע דע־ליל.

בעאייס איך האָב געשריבן מיין האַקדאָמע צו דער ערשטער אופלאַגע פון וואַר־שאַווסקיס לידער, האָט זיך מיר פּאַרוואָלט זאָגן נעוויעס, אז ס'וועט ניט נעמען קיין סאַך צייט און וואַרשאַווסקיס לידער וועלן ווערן עכטע פאָלקס־מאָטיוון, געזונגען פון פאָלק „בכל תפוצות ישראל".

איך האָב ניט געוואוסט, אַז מיין נעוויעס וועט דערגרייכן אַזוי וויט, אַז דידאָ־זיקע לידער וועלן ווערן אזוי פּאָלקסטימלעך, אַז זיי וועלן טאקע קענען אַלע, לאַנג־לאַנג, קאָלזמאַן עס וועט געזונגען ווערן א אידיש ליד, נאָר דעם פּאַרפאַסער וועלן ניט אלע קענען, און דער נאָמען וואַרשאַווסקי וועט פּאַרגעסן ווערן, גלייך ווי ס'איז גאָר קיין מאָל אף דער וועלט קיין וואַרשאַווסקי ניט געוועזן...

(„מ. וואַרשאַווסקי — יוד. פאָלקס־לידער". אָדעס, 1914.)

ש. ניגער.

עלעמענטן פון פאָלקס־פּאָעזיע אין מ. וואַרשאַווסקיס לידער. — וואַרשאַווסקי און די אַזויגערופענע „פאָלקס־דיכטער" (מיכל גאָרדאָן, צונזער).

אין זיין פּאָרעדע צו דער ערשטער אופלאַגע (1900) פון וואַרשאַווסקיס לידער האָט שאָלעם־אַלייכעם נעוויעס געזאָגט, אַז זיי וועלן ווערן פּאָלקס־לידער. די נעוואוע איז מעקוייעם געוואָרן. צווישן אנדערע ווערן אומעטום געזונגען איצט אויך די לי־דער פון מ. וואַרשאַווסקי.

נאָר אָט דאָס, וואָס די לידער וואַרשאַווסקיס זיינען זייער פּאָפּולער, און וואָס מע ווייסט שוין אָפט ניט דעם נאָמען פון זייער פּאַרפאַסער, איז נאָך ניט דאָס, וואָס כאַראַקטעריזירט זיי. דער איקער איז דאָס, וואָס זיי האָבן די ווערדע, די גרויסע ווערדע פון עמעסע פּאָלקס־שאַפונגען. אויך לידער פון מיכל גאָרדאָן, פון וועלוול זבאַרזשער, פון עליאָקום צונזער און אנדערע זיינען פּאַרשפּרייט אין פאָלק און מע ווייסט ניט צו וועמען זיי געהערן. אויך זיי זיינען אין א געוויסן זין אַלזאָ געוואָרן פאָלקס־לידער.

די קראַפט פון וואַרשאַווסקיס לידער ליגט אָבער טאַקע דערין, וואָס זיי זיינען ניט געוואָרן, נאָר געבוירן פאָלקס־לידער. ניט ווייל זיי זיינען אופגענומען געוואָרן פון פאָלק, רעכענען זיי זיך פאַר פאָלקס־לידער (אויך אנדערע, ניט קיין עמעסע פאָלקס־לידער ווערן אָפט אופגענומען צי מאַכמעס זייער מעלאָדיע, צי מאַכמעס אַנ־דערע טאַימים), נאָר ווייל זיי זיינען פאָלקס־לידער, זיינען זיי פון פאָלק דערפאַר אופ־גענומען געוואָרן.

וואַרשאַווסקי האָט דעם פאָלק נישט נאָכגעמאַכט: ווי יעדער אינדיווידואַליטעט, אזוי קאָן מען אויך דער קאָלעקטיווער פאָלקס-אינדיווידואַליטעט ניט נאָכמאַכן; מע קאָן איר נאָכלעבן. וואַרשאַווסקי האָט נאָכגעלעבט דער פאָלקס־פּאָעזיע. די מאָדערנע בילדונג, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, דער אינטעליגענטישער שטייגער־לעבן, וואָס ער האָט געלעבט, האָט נישט געשטערט אים צו טרינקען מיטן פולן מויל און מיטן גאַנצן אָטעם פונם קוואַל לעבעדיקער, לויטערער פאָלקס־פּאָעזיע, וואָס האָט אַרויסגע-שפּאַרט פון ערגעץ א טיפער אונטערשיכט פון זיין נעשאָמע.

עס איז א פאַקט, אז פון אים, פון אָט דעם אינטעליגענטישן הייטל, וואָס האָט דאָך נישט געקאָנט נישט זיין באם קיעווער אַדוואָקאַט, איז אין די בעסערע לידער וואַרשאַווסקיס קיין סימען ניטאָ אַפילע*), און דאָרט, וואו ער איז יאָ פאַראַן, גיט ער זיך צו פילן אָפט ניט פון דער שלעכטער, נאָר, פאַרקערט, פון דער גוטער זייט. ער גיט זיך צו פילן אין דער געלייטערטקייט פון דער פּאָעטישער פאָרם, אין דער טיפקייט פונם אינהאַלט. אַז איר לייענט אייניקע לידער זיינע, פילט איר, אז זיי האָט געשאַפן א מענטש, וואָס זיין נעשאָמע איז שוין ניט פרימיטיוו. נאָר מאַכמעס דעם הערן זיי ניט אוף צו זיין פאָלקס־לידער, פאַרקערט, זיי ווערן אדאַנק דעם דער העכסטער שטאַפל פונם פאָלקס־ליד. דער גרויסער אונטערשייד צווישן וואַרשאַווסקין און אַנדערע אונזערע, אַזוי אָנגערופענע פאָלקס־פּאָעטן ליגט טאַקע דערין, וואָס ער, וואַרשאַווסקי, האָט די פאָלקס־פּאָעזיע פאַרטיפט, בעאייס יענע האָבן זי ס׳ראָוו פאַר־פלאַכט. ער האָט צונויפגעגאָסן זיין אייגענע נעשאָמע מיט דער פאָלקס־נעשאָמע, זיין אייגענע פּאָעזיע מיט דער פאָלקס־פּאָעזיע — איז דורכדעם אי ער, אי זי רייכער געוואָרן, איז דורכדעם ער גאַנצער, און זי קאָמפּליצירטער געוואָרן; אַנדערע פאָלקס־דיכטער אָבער (דאָס זיינען ס׳ראָוו די באַדכאָנים) זיינען הייגגען געבליבן צווישן דעם אינדיווידועלן און דעם קאָלעקטיוון „איך״ און אין זייערע לידער האָט אין בעסטן פאַל געפונען אַן אויסדרוק נאָר דאָס צייטלעכע.

די נייע אויסגאַבע ברייננט 21 נייע, נאָך ערגעץ נישט געדרוקטע לידער, און דאָס איז אַן אויצער פון נייע מאָטיוון און נייע פאָרמען. עס איז פּאַשעט צו באַוואונ־דערן, ווי אין אָט דער קליינער זאַמלונג אין קאם פופציק לידער האָט וואַרשאַווסקי באַוויזן אונז צו צייגן מוסטערן פון קימאַט אלע וויכטיקערע פאָרמען און מאָטיוון, וואָס טרעפן זיך אין אידישן פאָלקס־ליד. ער האָט אליין דורכגעפילט און דערפאַר אויך אונז צו פילן געגעבן, ווי דאָס פאָלק ליידט, און ווי עס פרייט זיך, ווי עס לעבט און ווי עס לאַכט, ווי עס האָפט און ווי עס צווייפלט.

(זשורנאַל „איד. וועלט״. וויל. 1915).

---

*) סימאָנים פון וואַרשאַווסקיס „אינטעליגענטישקייט״ טרעפן זיך נאָר אין דעם טייל פון יענע לי-דער זיינע, וואָס זיינען מער פאָלקסטימלעכע, איידער פאָלקסלידער, ווי, אשטייגער, אינם ליד „די שיף״ וואו עס איז פאַראַן אזאַ אינטעליגענטישער אויסדרוק „מ׳זעט מענטשן פון אינען, פון אויסן״ א. ד. ג.

פראגן און אופגאבן.

1. די אידעאַליזאַציע פונם טראדיציאָנעלן אידישן שטייגער אין ווארשאווסקיס לידער.
2. דאָס אַמכעדיקע און דאָס קליינבירגערלעכע אין וואַרשאַווסקיס ליד.

די וויכטיקסטע ווערק:

אידישע פאָלקס-לידער. אָדעס, 1919.

XVI. די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־ליד.

(אַריינפיר)

א. ליטווין.

די רעוואָלוציאָנערע ליד און די פאָלקס־ליד.—די ערשטע רעוואָלוציאָנערע ליד — אַ מיטל פון אַגיטאַציע.

אין דער אידישער פּאָעזיע פאַרנעמט די רעוואָלוציאָנערע פאָלקס־ליד זייער אַ וויכטיקן פּלאַץ. „רעוואָלוציאָנערע פּ אָ ל ק ס ל י ד" רוף איך די ליד, וואָס איז געבוירן געוואָרן פונם רעוואָלוציאָנערן גייסט, וואָס האָט דעם צוועק צו שאַפן אין דעם צוהערער און לעזער אַ רעוואָלוציאָנערע שטימונג, וואָס וועקט צום פּראָטעסט און קאַמף. אָט די אַלע לידער זיינען געשאַפן געוואָרן פאַר די לעצטע צוואַנציק, פינף און צוואַנציק יאָר. איבערהויפּט די צען יאָר פאַר דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע.

אונטער „רעוואָלוציאָנערע לידער" דאַרף מען פאַרשטיין אויך אַרבֿעט־לידער און אַרבֿעטער־לידער, בּיכלאַל לידער, וואָס זינגען וועגן דער שווערער לאַגע פון די מאַסן. אָבער ניט אין אַ נעבעך־טאָן, ווי די פריערדיקע פּאָלקס־פרייַנטלעכע דיכטער האָבן געזונגען, נאָר אין אַ טאָן פון אַ פּראָטעסט און צאָרן.

איך האָב אונטערגעשטריכלט אויבן דעם וואָרט „פּאָלקס־ליד" מיט אַ קיוון: צווישן די רעוואָלוציאָנערע לידער, וואָס זיינען דאָ אין אונזער פּאָעזיע, טראָגן אָף זיך אַסאַך דעם שטעמפּל פון פּאָלקס־ליד, ניט קוקנדיק אָף דעם, וואָס זייערע באַשעפער זיינען ניט געווען מענטשן פונם פאָלק, נאָר אינטעליגענטן, וואָס האָבן שוין אָפּט באַזעסן אַ הויכע שטופע פון בילדונג און זיינען געווען גוט באַקאַנט ניט בלויז מיט דער רוסישער, נאָר אויך מיט דער אַלגעמיין־אייראָפּייאישער ליטעראַטור און פּאָעזיע.

צווישן די רעוואָלוציאָנערע פּאָלקס־לידער און פּאָלקס־לידער בּיכלאַל איז, לויט דער אויסערלעכער פאָרם, דאָ אַ גרויסער אונטערשייד. פאַר דעם, וואָס איז ניט גענוי באַקאַנט מיט אַלע סימאָנים פון דער פּאָלקס־ליד, וועט אפילע אויסקומען אַביסל מאָדנע מיין באַהויפּטונג, אַז די רעוואָלוציאָנערע לידער, אשטייגער, פון ליעסין, עדעלשטאַט און אַנדערע זיינען פּאָלקס־לידער. דער איקער־כאַראַקטער־שטריך פון דער פּאָלקס־ליד איז איר טמימעס, איר איינפאַכע פּאָלקס־שפּראַך. די זינגער פון פּאָלקס־ליד זיינען געווען עמעסע פּאָלקס־קינדער. די פאַרפאַסער אָבער פון די רעוואָלוציאָנערע לידער, איבערהויפּט פון די, וואָס זיינען צומערסטן באַקאַנט די אַרבֿעטער, זיינען אַלע אינטעליגענטן מיט אַ מער אָדער ווייניקער אייראָפּייאישער בילדונג. אין זייער ריידן און שרייבן האָבן זיי באַנוצט ניט די פּאָלקס־שפּראַך, נאָר אַ העכערן ליטעראַרישן לאָשן. דערצו האָבן די רעוואָלוציאָנערע דיכטער בּיכלאַל זייער זעלטן באַנוצט די אידישע שפּראַך. אין זייער אומגאַנג מיט אַנדערע און אין זייער שרייבן האָבן זיי קימאַט דאָס ראָוו געברויכט די רוסישע שפּראַך.

און דאָך קענען אַסאַך פון די רעוואָלוציאָנערע לידער מיט רעכט הייסן פאָלקס־לידער. אַ נייער מין פאָלקס־לידער, אין אַסאַך סימאָנים ניט ענלעך, אָבער אין אַנדערע טיפערע סימאָנים שטאַרק ענלעך צו דער אַלטער פאָלקס־ליד, איבערהויפּט לויט דעם אויפן, ווי אַזוי, און דעם ציל, צו וואָס זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן.

בעשאַס די ערשטע רעוואָלוציאָנערע לידער זיינען בא אונז געשאַפן געוואָרן, האָט די מאָדערנע אידישע ליטעראַטור ערשט געהאלטן אין געבוירן ווערן. די ערשטע רעוואָלוציאָנערע דיכטער האָבן ניט געהאַט קיין פריערדיקע מוסטערן פאר זיך. זיי זיינען אַליין געווען אירע ערשטע בויער און דעריבער איז זייער ליד אַ געמיש פון דער מאָדערנער פּאָעזיע און פאָלקס־פּאָעזיע. די היסלאַוועס, די טמימעס, די אומגעקינסטלטע פּאָשעטע אינערלעכע קראַפט פונם פערז דערמאָנט דעם פערז פון די לעצטע פאָלקס־דיכטער. אַזוי ווי בא יענע, איז ער אָפט צו לאַנג, ניט געהובלט, ניט אויסגעהאַלטן די מאָס, שמעקט אָפט מיט רעוואָלוציאָנער־מאַסקילישער אַגיטאַציע. די שפּראַך איז — דאָ א הויך ליטעראַריש לאָשן מיט דער שווערער אַרטילעריע פון פרעמד־ווערטער, וואָס ניט דער אידישער אַרבעטער האָט זיי געקאָנט צעקייען און פאַרדייען, דאָ ווערט די שפּראַך לייכט, פליסיק, איינפאַך, אז ס׳איז א מעכאַיע צו לעזן און לאָזט זיך אַזוי גוט זינגען. דער דיכטער־אינטעליגענט האָט פּלוצלינג אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פענטעס פון זיין אינטעליגענטסקער שפּראַך, אַרט דיינקען און גאַנצער גייסטיקער דערציאונג.

אין באַרירונג מיט דער מאַסע, מיט איר איינפאַכער, אָבער זאַפטיקער און קאָלירדייכער שפּראַך, דערמאָנט זיך דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענטסקער דיכטער זיין קינדהייט און ערשטע יוגנט; דערמאנט זיך אָן דער האַרציקייט און טמימעס פון זיין טאַטע־מאַמעס און זיידע־באָבעס שפּראַך און פאַרגעסט אָן זיין באַלאנגען צו דער „אינטעליגענציע". און פאַרגעסנדיק, רעדט ער אוועק אף אָט דער שפּראַך ווי אן עמעסער פאָלקס־מענטש. דאָס דויערט אָבער ניט לאַנג. באַלד דערמאָנט ער זיך, ווערט ווידער אינטעליגענטיש אָנגעקראָכמאַלעט. זיין שפּראַך פאַרלירט די פאָלקס־טימלעכקייט, דער פערז ווערט מער געפוצט, געהובלט און געמאָסטן, ווערט אייראָפּייאיש אויסגעשטאַט, פאַרלירט אָבער דעמאָלט אין זיין אינערלעכער קראַפט, אין זיין לעבנס־צאַפּלדיקייט, זאַפטיקייט און פרישקייט.

אַזוי איז די רעוואָלוציאָנערע ליד פון אונזערע רעוואָלוציאָנערע דיכטער. ווי איר זעט, האָט זי אומבאַדינגט וויכטיקע עלעמענטן פון דער עלטערער פאָלקס־שאַפונג. זי שטייט אפן גרענעץ צווישן דער פאָלקס־ליד און דער מאָדערנער פּאָעטישער שאַפונג. זי האָט גענומען פון איר די אינערלעכע קראַפט, די היסלאַוועס, פון יענער—די שיינע אויסערלעכע פאָרם, די קינסטלערישע טעכניק. אָפט באַגעגענען זיךביידע צוזאַמען און בילדן (אַשטייגער, ווי אין ליעסינס „מאַרטירער־בלוט" און „צום נייעם יאָר") אַזוינע שיינע און שטאַרקע לידער, וואָס באַלאַנגען צו די פערל פון אונזער אידישער פּאָעזיע.

איך דיינק, אז פאר דעם לעזער איז איצט קלאָר, פאַרוואָס איך רוף די רעוואָלוציאָנערע אידישע לידער, אין א געוויסן זין—פאָלקס־לידער, און די ערשטע רעוואָלוציאָנערע דיכטער—פאָלקס־דיכטער. פאַראַן אָבער נאָך א וויכטיקער סימען פאַר זייער פאָלקסטימלעכקייט. דאָס איז זייער ווירקונג אף די מאַסן.

די רעוואָלוציאָנערע ליד (אין וועלכער איך שליס איין אויך אלע אַרבעטער־ און אַרבעט־לידער) האָט געהאַט א אומגעהייערע ווירקונג אף דער רעוואָלוציאָניזירונג פון די מאַסן. די מאַסן נעמען קיינמאָל ניט אָן קיין נייע אידייען דורך טרוקענער אַגי־

טאַציע. ווי די רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע איז ניט געווען נאָענט דער אופאַסונג פון פון דער אידישער מאַסע, אירע עקאָנאָמישע אינטערעסן, אָבער די אינטעליגענטן־אַגי־טאַטאָרן וואָלטן קיינמאָל ניט געקענט צוקומען נאָענט צו דער נעשאָמע פון די מאַסן, ווען ניט די רעוואָלוציאָנערע לידער. די מיטינג־אַגיטאַציע,—לאָמיר זיך ניט שעמען אויסצוזאָגן דעם עמעס — איז געווען זייער אָפט זייער טרוקן, בקירעדיק און פּילפּל־דיק, ווי די דראָשעס פון די אַלטע באַלדאַרשערס. די אַגיטאַטאָרן זיינען זעלטן גע־ווען פייאיק צוצופּאַסן זיך צו דער פּסיכאָלאָגיע, צום גייסטיקן אַנטוויקלונג־צושטאַנד פון דער מאַסע. בא דער מאַסע האָבן זיי געהייסן ניט „רעדנער”, נאָר „אָראַטאָרן”. דער „אָראַטאָר” האָט זיך געסטאַרעט צו נעמען דעם עולם ניט אַזוי מיט דער פּאָלקסטימלעכקייט, לייכטקייט און בילדלעכקייט פון זיין שפּראַך, ווי מיט די בערג „פּסו־קים”, וואָס ער האָט געשאָטן פון מאַרקס, ענגעלס, קאַוטסקיס און אַנדערע סאָציאַ־ליסטישע גדוילים. מ'קאָן ניט זאָגן, אז אָט דער סאָרט „אָראַטאָרעווען” האָט געהאַט א קנאַפּע ווירקונג, אַדראַבע, ס'האָט זייער גוט געווירקט. אונזער יונגט מיינט נאָר, אז זי איז ווייט אוועק פון די טאַטעס און זיידעס. אַזוי ווי די טאַטעס און זיידעס לעקן די פינגער פון אַ שטיקל בקירע, פּילפּל און כסידישע טוירע אף קאַבאָלע־לאָשן, וואו מ'דאַרף זיך מאַטערן לאַנג אָנצוטאַפּן דעם איניען און צוקומען צום טאָך, אַזוי האָבן אויך ליב די מאַסן צו הערן אַן אָראַטאָר, וואָס ווייזט אַרויס גרויסע כאַריפעס און באַהאַוונטקייט אין די גראָבע סאָציאַליסטישע ספאָרים און וואַרפט זיך מיט פּסו־קים פון יענע ספאָרים, ווי מיט באָב.

מיט איין וואָרט: וואָס מער כאַקרען און כאַריף דער אָראַטאָר איז געווען, אַלץ מער האָט ער אויסגענומען. די מאַסע האָט געוואוסט, אז ער מיינט גוט; אז ער, דער אָראַטאָר, איז איר א הייסער פריינט. און זי האָט געגלויבט אין דעם, וואָס ער מיינט, כאָטש זי האָט זייער ווייניק פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס ער רעדט.

איז אָבער געקומען צו הילף דאָס לידל, וואָס האָט אף איר שטייגער קלאָר גע־מאַכט אַלע האַרבע און האַרטע ווערטער פון דעם אָראַטאָרס שפּראַך. זי האָט גע־בראַכט דעם אָראַטאָר נעענטער צום האַרצן פון דער מאַסע, צו איר נעשאָמע, דאָס קורצע לידל האָט געווירקט אַסאַך בעסער און שטאַרקער, ווי די לאַנגע דראָשעס, וואָס האָבן ניט זעלטן געדויערט, בא פאַרמאַכטע לאָדן, דריי טעג און דריי נעכט נאָכאַנאַנד.

דער איד (און דערין איז קיין שום אונטערשייד ניטאָ צווישן דעם איינִיקל און דעם זיידן) האָט שטאַרק ליב א שטיקל בקירע. ער האָט אָבער נאָך מער ליב א ניגן. נאָך אַ ניגן גייט ער מאַמעש אויס. האָט איינער פאַרפאַסט א רעוואָלוציאָנער לידל, האָט מען עס נאָך דעם אייגענעם טאָג געלייענט אין דעם אייגנן רעוואָלוציאָנערן קרייזל, און אף מאָרגן האָבן שוין צענדליקער און, עפשער, הונדערטער הענט עס אי־בערגעשריבן און אף דער נאָענטסטער „ליאַמע” האָט מען עס שוין געזונגען און הונדערטער הערצער האָבן זיך געקוויקט מיטן נייעם לידל. דאָס איז געווען אַזוי היי־ליק, ווי יעדע אומלעגאַלע בלעטל. מ'האָט עס באַהאַלטן אין די סאַמע קאָנספּיראַ־טיווע פּלעצער און געהאַלטן ווי אַן אוצער.

דער מעכאַבער פון דעם רעוואָלוציאָנערן לידל, אויב ער איז ניט געווען אין אויסלאַנד, האָט ניט געטאָרט זיין באַקאַנט. דאָס לידל איז ארומגעגאַנגען אָן א נאָ־מען. און דערין ליגט די ענלעכקייט פון דער רעוואָלוציאָנערער ליד צו דער פאָלקס־ליד. דער רעוואָלוציאָנערער דיכטער האָט מיט זיין ליד ניט געזוכט קיין האָנאָראַר, ניט געזוכט צו באַפרידיקן זיין אַמביציע. זיין ליד איז געבאָרן געוואָרן אין איילי־

קייט. ווי די רעליגיעזע פאָלקס־דיכטער פון מיטלאַלטער, האָט ער נאָר געזוכט צו באַ־גייסטערן מיט זיין גלויבן די אָפּגעשטאַנענע און גלייכגילטיקע. זיין לוין איז באַשטאַנען אין דעם באַוואוסטזיין פון זיין הייליקער אויפגאַבע, אין דער דערפילונג פון זיין באַרוף.

אָט דאָס איז, וואָס מע קען זאָגן וועגן דעם רעוואָלוציאָנערן דיכטער און דער רעוואָלוציאָנערער ליד אין אַלגעמיין. מיר זעען, אַז אָט דער מין לידער פאַרנעמט גאָר א באַזונדער פּלאַץ אין דער אידישער פּאָעזיע. ניט פאַרטראַכטנדיק זיך וועגן זייער ראָלע, אַלס בויער פון דער מאָדערנער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור, לייגן זיי דאָך, אומבאַוואוסט פאַר זיך אַליין, דעם ווינקלשטיין פון דער נייער אידישער ליטעראַטור און פּאָעזיע; מאַכן זיי רייכער מיט ווערטער, מיט געדאַנקען און באַגריפן און—דעריקער—גיבן איר די אינערלעכע קראַפט און אויסערלעכע שיינקייט. דערין ליגט זייער קולטור־היסטאָרישער, ליטעראַרישער פאַרדינסט, אַכוץ זייער אומגעהייערן קולטורעלן פאַרדינסט ביכלאַל. זיי ווירקן גלייכצייטיק אַף דעם האַרץ און אַפן מויעך, אַף דער נעשאָמע און אפן געדאַנק, ווירקן אי אַף דער גייסטיקער, אי אַף דער עסטעטישער דערציאונג פון די מאַסן.

די רעוואָלוציאָנערע לידער שטעלן פאַר זייער א רייכן טייל אין אונזער פּאָעזיע. קימאַט בא יעדן דיכטער פון דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע האָט איר א גאַנצע ריי לידער פון אַרבעט און קאַמף.

נאָך דריי דיכטער האָבן געווידמעט קימאַט זייער גאַנצן טאַלאַנט דער רעוואָלוציע, זיי זיינען אויך געוועזן באַזונדערס באַוואוסט און באַליבט אין די מאַסן. זייערע לידער האָט מען צומערסטן דעקלאַמירט און געזונגען. און זייער איינפלוס, דורך זייער ליד, איז געוועזן באזונדערס שטאַרק אין פאַרשפּרייטן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין דער ברייט און אין דער טיף צווישן די מאַסן.

דידאָזיקע דריי דיכטער זיינען געוועזן ליעסין, ווינטשעווסקי און עדעלשטאַט.

אכוץ אָט די דריי דיכטער, פאַרנעמען זייער א וויכטיקן פּלאַץ אין דער רעוואָלוציאָנערער פּאָעזיע — באָווש אָווער און מאָריס ראָזענפעלד. צו רוסלאַנד, איבערהויפּט אין דער ערשטער יוגנט־צייט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, דערגרייכן זייער זעלטן די לידער פון אָט די צוויי דיכטער. די ערשטע דריי זייגען שוין באַקאַנט די אידישע ארבעטער גלייך באם באַגינען פון דער באַוועגונג.

איך ווייס ניט צי וועט זיך אַמאָל איינגעבן דעם היסטאָריקער פון דער אידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג צו באַשטימען גענוי אַף וויפל די רעוואָלוציאָנערע ליד האָט געווירקט אַף אָנצינדן דעם רעוואָלוציאָנערן פייער אין די הערצער פון דער אידישער יוגנט. דאָס איז א זאַך, וואָס לאָזט זיך ניט מעסטן מיט ציפער און פאַקטן. נאָר דער פּסיכאָלאָג פון דער רוסישער רעוואָלוציע און דער אידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג—און אַזאַ וועט געוויס קומען, ווען די רעוואָלוציע וועט זיין א פאַרענדיקטער פאַקט,—וועט געבן דעם רעוואָלוציאָנערן דיכטער דעם שענסטן פּלאַץ אין דעם גרויסן באַפרייאונג־קאַמף.

(זשורנאל „צוקונפט“, ניו־יאָרק, 1917).

א. ליטוואק.

די ראָל פון דער רעוואָלוציאָנערער ליד אין דער ארבעטער־באוועגונג.

בעאייס איך בין ארײַן אין דער קרייזל־באַוועגונג, האָבן די אידישע באוואוסט־זיניקע אַרבעטער געזונגען קימאַט דורכויס רוסישע לידער: נעקראַסאָווס „נאַזאָווי מניע טאַקויו אָביטעל", „יעדו לי נאָטשיו", „זשעליעזנאַיאַ דאָראָגאַ" און אנדערע, די רעוואָלוציאָנערע לידער פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", איבערהויפט די רוסישע מאַרסעליעזע, „ווי זשערטוואָיו פאַלי" און „סמעלאָ ופעריאָד". קיין אידישע ארבעטער־לידער האָב איך ניט געהערט. אין די מאַסן האָט מען געזונגען לידער פון פאַך, וואָס די אַרבעטער פלעגן אליין צוקלערן. א באוואוסטזיניקער אַרבעטער פלעגט אַמאָל זינגען אַזאַ לידל נאָר פון כויזעק־וועגן. איין לידל אַזאַ האָט מיר אין 1894 איבערגעגעבן די זאָקנמאכערן פייגע: „ראַבאָטשי נאַראָד". באַ מיר אין זיקאָרן האָבן זיך אָפּגעשטעלט נאָר עטלעכע שורעס:

איך גיי ארײַן אין פאַבריקע, כאַפּט מיך אָן א כּוישעך*),
די באלעבאָסטע זאָגט: איך וועל געבן געלט נאָך פּייסעך.
ריבוינע שעל אוילעם, האָב אַף מיר ראַכמאָנעס!
אז איך וועל פּאָטער ווערן פון די זאָקן, פּאַסט איך דיר א טאָנעס.

אינגיכן האָבן צו אונז אָנגעהויבן דערגיין אומלעגאַלע אידישע לידער פון לאָנ־דאָן און ניו־יאָרק, אפריער עדעלשטאַטס און ווינטשעווסקיס, דערנאָך ראָזענפעלדס.

איינמאָל אין א פאַרנאַכט, אז איך בין ארײַן צום ראָשעשיווע, האָבן די מיידלעך געזונגען אַ נייע ליד „צום אַרבעטער־פריינט". איך האָב אָנגעהויבן זיך צוצוהערן. די מעלאָדיע איז געווען פון א נאַציאָנאַלער ליד, וואָס האָט געטראָגן א דייטשמע־רישן נאָמען: „דער צימבעל שטאט דער אַרפּע", און האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ פּאָ־שעטן אידיש: „פון שפּאַניען טראָג איך דיר מיין צימבל אהער..." די כויוועויי־ציען פלעגן עס זינגען צעצויגן, אין א קרעכץ און פלעגן קימאַט וויינען באַ די ווערטער: „איך בלייב באַ דאָס מייניקע: איך וויל זיין א איד"! די זאָקנמאכערנס זינגען דעמזעלביקן ניגן, אָבער אין א גיכן טעמפּ; עס קלינגט ענערגיש, גאָר ניט צו דערקענען די ציאָניסטישע אייכע.

איך הער דיך — דיין שטימע, די שטימע דער וואַרהייט,
דער קאָל פון דעם ווירקלעכן אַרבעטער־פריינט.
איך הער דיך פון ווייטן, איך הער דיך מיט קלאָרהייט,
מיט א הערצלעכער פריידע באגריס איך דיך היינט.

דער נאָמען ווינטשעווסקי איז מיר דעמאָלט געווען אומבאקאנט. אז אין לאָנדאָן איז ארויסגעגאנגען א בלאַט „דער אַרבעטער־פריינד" און לעקאָוועד דעמדאָזיקן בלאַט האָט עס ווינטשעווסקי געזונגען זיין ליד — וועגן דעם האָב איך זיך דער־וואוסט מיט א סאַך יאָרן שפּעטער. האָב איך די ערשטע שורעס ניט קלאָר פאַר־שטאַנען. „די שטימע דער וואַרהייט" און „א הערצלעכע פריידע" האָבן מיר געקלונ־

*) אין ווילנע פלעגט מען דעמאָלט זאָגן: כּייסעך, און ער האָט זיך גוט געגראַמט מיט פּייסעך.

גען פרעמד; אָבער די פּאָר אויסשניטן פון לאָנדאָנער אידישע ארבעטער־צייטונגען, וואָס מיר איז אין יענער צייט אויסגעקומען צו זען, זיינען קימאַט דורכויס געווען געשריבן האַלב־דייטש. די מיידלעך זינגען ווייטער, און איך הער שוין גאָר קלאָרע, פּאָשעטע ווערטער:

איך בעט דיך, דערקלער מיינע אָרעמע ברידער,
וואָס האָרעוועון שווער אין דער היינטיקער וועלט,
וואָס אָפּפערן אוף די מאַרך פון די גלידער
און אָפּפערן אלעס אפן מיזבייעך פון געלט.

די מיידלעך זינגען מיט היסלאַוועס, איך ווער אָנגעשטעקט פון זיי און זינג מיט די פערטע שורע פון יעדן פערז, וואָס כאַזערט זיך איבער צוויי מאָל. פּלוצלינג:

איך בעט דיך, דערקלער זיי, אז זיי קענען מאכן
אַ סאָף צו דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַליסט.
און קוק ניט אף די, וואָס ווערן פון דיר לאַכן,
וואָס ווערן דיר פאַרפאָלגן מיטן נאָמען אר־אר־או!

איך בין פאַרכידעשט: וואָס איז עס עפּעס פאַר א אר־אר־או! א מיידלווינקט מיר מיט אויגן אף מאטליע דעם ראָשעשיוועס ווייב, וועלכע הערט זיך אויך צו צום לידל. און בעאייס מע כאַזערט איבער די שורע נאָך אַמאָל, רוימט מיר אַן אַנדער מיידל איין אין אויער סאָ—צי—אליסט... איך שמייכל מיט פאַרגעניגן פון דעם איינ־פאַל און בעט איבערזינגען דעם פערז נאָכאַמאָל, דאָס ליד איז לאַנג. וואָס ווייטער ווערט זי ענערגישער, און דער סאָף קלינגט שוין בא די מיידלעך גאָר שטורעמדיק:

קוק ניט אף קיינעם און פריידיק דיין לערע
פון פרייהייט, פון גלייכהייט, פון ברידערלעכקייט.
זאָג זיי, אז ארבעטן וועט זיין זייער ערע,
און ליידיק אַרומגיין — א שאַנדע פאַר דער צייט.
שנעל וויקל פאַנאַנדער מיט שטאָלץ דיין פאָנע,
די פאָנע די רויטע. שריי: ברידער, ערוואַכט!
ווייז זיי דעם אופגאַנג פון דער ליכטיקער זאָנע!
ווייז זיי דעם סאָף פון דער פינצטערער נאַכט!

איך שרייב איבער דאָס ליד אף א קליין שטיקל פּאַפּיר, פאַרשטעק עס אין רוקן פון א בוך און, אז איך קום אהיים, לייען איך עס איבער אליין פאַר זיך נאָכאַמאָל. גאָט מיינער! עס איז דאָך קיין ליד ניט... בלויז א שטיקל אַגיטאַציע אין גראַמען. פאַרוואָס איז עס אזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן די מיידלעך? פאַרוואָס בין איך אליין מיט א שאָ צוריק געווען דערפון באַגייסטערט? שפּעטער האָט מיר ניט איינמאָל געטראָפן: איך לייען א ליד און עס געפעלט מיר לאַכלוטן ניט. איך הער ווי ארבעטער זינגען דאָסזעלבע ליד און איך ווער באַגייסטערט און זינג מיט. ניט שוין־זשע איז עס נאָר דער קויעך פון דער מאַסע, וואָס סוגעסטירט? אָבער 4—3 אַרבעטער זיינען נאָך ניט קיין מאַסע, און פאַרוואָס קוועלן די אַרבעטער גופע אזוי אָן פון שורעס, וואָס האָבן ניט קיין טאַם, ניט קיין רייעך?

אין קרעסלאַווקע (לעבן דווינסק) איז געווען דער ערשטער שטרייק. די אַרבעטער האָבן געוואונען אלע פאָדערונגען. די באַלעבאַטים האָבן אונטערגעשריבן אן אָפּמאַך

באַם ראָוו. ארויסגייענדיק פונם ראָוס שטוב, האָבן זיך די אַרבעטער אוועקגעלאָזן איבער די גאַסן, טאַנצנדיק, און געזונגען מיט אַ כסידישען ניגון:

אַרבעטן פון 8 ביז 8
און 6 רובל אַ וואָך סכירעס!
אַרבעטן פון 8 ביז 8
און 6 רובל אַ וואָך סכירעס!

מער ווי צוויי שורעס האָט דאָסדאָזיקע עקספּראָמט־ליד ניט פאַרמאָגט, אָבער מע האָט זיי איבערכאַזערט אַמאָל הונדערט, וואָס ווייטער אַלץ אין אַ גיכערן טעמפּ און מיט מער היסלאַוועס. באַ די אַרבעטער איז געווען פול דאָס האַרץ מיט זייער ני־צאָכן. זיי האָבן אויסגעזונגען זייער סימכע; האָבן זיי אין די צוויי קאַלטע שורעס אריינגעלייגט גאַר דעם פייער פון זייער שטימונג, און טרוקענע פּראָזע האָט זיך מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט אין געהויבענער פּאָעזיע.

דאָס מוז מען אויך האָבן אין זינען, בעאייס מע גייט צו צו דער גרעסטער מערהייט פון די אידישע אַרבעטער־לידער. רייסט איר זיי אָפּ פון דעם פּרימיטיוון צושטאַנד, אין וועלכן זיי זיינען געשאַפן געוואָרן, רייסט איר זיי ארויס פון זייער מאַסן־אַטמאָספערע און פונם רעוואָלוציאָנערן מאָמענט, וועט איר ניט אָנהייבן צו פאַרשטיין זייער ווערט און באַדייטונג. די צייט איז געווען אַזעלכע, ווען פונם אָקאָרשט געבוירענעם נייעם אידישן אַרבעטער האָט ארויסגעזונגען; זיין האַרץ איז געווען איבערפולט; ער האָט געזוכט זיין אינעווייניקסטן ניגן און ער האָט אים געפונען אין לידער, וואָס זיינען פאַר אים געווען לייכט צו פאַרשטיין, לייכט ארויסצורייד־ן.

די ערשטע אידישע אַרבעטער־לידער, וואָס זיינען געזונגען געוואָרן אין ליטע און פוילן, זיינען געווען עדעלשטאַטס: „ווי קום איך, ברידער, פריילעך זינגען", „אָ, גוטער פריינט, אַז איך וועל שטאַרבן", „אין שטורעם און אין דראַנג", „אָ, מוזע, רוף מיך ניט", „מיר ווערן געהאַסט און געטריבן", „צו סאָפיא פּעראָווסקאַיאַ" און „אַרבעטער־פּרויען", ווינטשעווסקיס: „צום אַרבעטער־פריינט", „אָ, דו געדולד", „די מאַר־סעליעזע", „אַז די וועלט וועט ווערן יונגער" און „אַ בעזים און אַ קער"; די לעצטע צוויי פלעגט מען מערער דעקלאַמירן, ווי זינגען. ווינטשעווסקיס מאַרסעליעזע האָט זיך באַ אונז שוואַך צוגענומען, און אין ווילנע, אין וואַרשע האָט מען זי געזונגען אַסאַך ווייניקער, ווי אין לאָנדאָן און ניו־יאָרק; מאָריס ראָזענפעלדס: „דער אפּריי־טער" און „איך האָב אַ קליינעם אינגעלע". דאָס ראָוו פון די אויסגערעכנטע לידער האָבן זיך באַ אונז ניט לאַנג געהאַלטן; אַ לייִנגערע צייט האָט מען געזונגען נאָר: „אָ, גוטער פריינט", „מיר ווערן געהאַסט און געטריבן", „אָ, מוזע", „צום אַרבעטער־פריינט" און „איך האָב אַ קליינעם אינגעלע".

אין דער צווייטער העלפט פון די ניינציקער יאָרן זיינען באַ אונז געווען פאַרפּר־לער לידער פון אַ יונגן דיכטער, וואָס האָט דעמאָלט געוואוינט און געשריבן אין רוסלאַנד גופא. אין אַ קליינעם העקטאָגראַפּירטן זאַמלביכל פון פאַרשיידענע רעוואָ־לוציאָנערע אַרטיקלען, וואָס איז אַרויס אין ווילנע אין 1896, איז געווען אַ ליד „אַ טראָפּן בלוט" פון א. וואַלט (איצט ליעסין). אין 1897 זיינען 10—12 וואַלטס לידער ארויס אין מינסק, העקטאָגראַפירט אין אַ באַזונדער העפט. אַנדערע לידער זיינע זיינען געגאַנגען איבער די הענט געשריבענע. אַף וויפל איך געדיינק, האָט מען פון א. וואַלטס לידער געזונגען: „אַ טראָפּן בלוט", „צום קעמפער", „דאָרט, וואו די לענע די קאַלטע" און „אַהין, אַהין". זיין גרעסערע פּאָעמע „דער יונגער פאַרברעכער" פלעגט מען דעקלאַמירן אַף אַרבעטער־אָוונטן.

דאָס רעוואָלוציאָנערע ליד האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין אונזער באַוועגונג. נאָך פּייסעך 1896 בין איך געשיקט געוואָרן קיין אָשמענע (ניט ווייט פון ווילנע) אָנפירן דאָרט די גארבער־באַוועגונג. דאָס איז מיין ערשטע זעלבשטענדיקע אַרבעט. איך בין געפאָרן דורך סמאָרגאָן, וואו איך האָב זיך געטראָפן מיט דעם פירער פון דער דאָרטיקער באַוועגונג דעם לערער שמועל לעווין (געשטאָרבן אין 1906 אין ניו־יאָרק, וואו ער האָט געענדיקט מעדיצין). ער איז געווען עלטער און געניטער פאַר מיר, האָט ער מיר געגעבן אָנווייזונגען, וואָס און ווי איך האָב צו טון. צווישן אַנדערע האָט ער מיר געזאָגט: „נעמט מיט אַ פּאָר אַרבעטער־לידער— זיי וועלן אייך צונוץ קומען"... און אין דער עמעסן. דעם ערשטן שאַבעס, ווען איך האָב זיך צונויפגעטראָפן מיט דעם אָרגאַניזיר־קרייזל אין וואַלד, האָבן מיר פריער אַרומגערעדט די נאָענטסטע פּראַקטישע פראַגן, דערנאָך האָב איך זיי עפּעס איבער־געלייענט, און איך האָב געמיינט, איך בין שוין פאַרטיק, האָט מיך איינער אַן אַר־בעטער אַ פרעג געטון: האָט איר עפּעס נייעס צום זינגען?

אין סמאָרגאָן לערנט דער אינטעליגענט מיט זיין קרייזל אַרבעטער־לידער... אין די ערשטע יאָרן פון דער באַוועגונג האָט אַ ליד אַמאָל געווירקט שטאַרקער, ווי אַ רעדע אָדער אַ בראָשור: די זינגענדיקע אַגיטאַציע האָט מערער גערעדט צום האַרצן פונם פרימיטיוון אַרבעטער. אין 1899 אין פּינסק, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן צו אָר־גאַניזירן די שוועבעלעך־אַרבעטער, האָבן מיר אַפריער ארויסגעלאָזן אַ העקטאָגראַ־פירטע פּראָקלאַמאַציע וועגן דער לאַגע אַף דער פאַבריק, וועגן ביליעטע פאַקטן פון שאַרפער עקספּלואַטאַציע און ד. גל. אין אַ וואָך אַרום האָבן מיר אָפּגעקלאפּט אַפן העקטאָגראַף צוויי לידער: ווינטשעווסקיס „צום ארבעטער־פריינט" און עדעלשטאטס „אָ, גוטער פריינט, אַז איך וועל שטאַרבן". די פּראָקלאַמאַציע האָט געמאַכט אַ רוי־שעם און די לידער האָבן דעם רוישעם פאַרטיפט און פאַרפעסטיקט. העקטאָגראַ־פירטע בלעטלעך מיט די לידער האָט מען פאַשעט געריסן פון די הענט; מ'האָט זיי איבערגעשריבן איינע באַ די אַנדערע, אויסגעלערנט אַף אויסווייניק. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן אַלע אַרבעטער אַף דער פאַבריק געזונגען די אומלעגאַלע לידער און זיי האָבן זיך אַליין שוין גערעכנט פאַר אונזערע.

צוזאַמען מיט לידער פון באַקאַנטע פּאָעטן, האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן רעוואָלוציאָנערע לידער, פאַרפאַסט פון אַרבעטער גופא, פון מאַסן־מענטשן, וואָס זיי־ערע נעמען זיינען דאָס ראָוו געבליבן אומבאַוואוסט.

די רעוואָלוציאָנערע פאָלקס־לידער זיינען מער ווי אַלץ געזונגען געוואָרן ביז 1905. אין 1905־6 האַלטן זיי זיך נאָך שטאַרק אין דער פּראָווינץ. אין די גרעסערע שטעט זינגט מען זיי שוין אַסאַך ווייניקער. די גרויסשטאָטישע מאַסע איז זיי שוין אַביסל אַריבערגעוואקסן. די פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן — אינטעליגענטן און אינטעליגענטנע אַרבעטער, וועלכע האָבן אין יענע יאָרן געגעבן דעם טאָן אין דער באַוועגונג און צוליב קאָנספּיראַציע פלעגן זיי אַלע 3—4 כאַדאָשים בייטן זייער וואוינאָרט, האָבן אומעטום פארשפּרייט איינע און דיזעלביקע לידער פון באקאנטע פּאָעטן. עס זיינען שוין אויך געווען געדרוקטע זאַמלביכער פון רעוואָלוציאָנערע לידער. פון 1907 אָן הייבן די אַלטע רעוואָלוציאָנערע פאָלקסלידער אָן אינגאַנצן פאַרגעסן צו ווערן און קיין נייע ווערן קימאַט ניט געשאַפן. די זינגענדיקע צייט איז אַריבער, די באַוועגונג איז עלטער געוואָרן.

(„וואָס געווען", וואַרשע, 1926).

XVII. ו י נ ט ש ע ו ו ס ק י.

מאָריס ווינטשעווסקי (בענציען נאָוואכאָוויטש) (1856 י.).

(ביאָגראפיע)

1856—געבוירן אין יאַנאָווע, קאָוונער גוב. אין אַ פרומער אָנגעזעענער פאַמיליע.

1870—אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע צוצוגרייטן זיך אין ראַבינער־שול, אָפּגעגעבן זיך מיט זעלבסטבילדונג.

1873—דעביוטירט מיט אַן אַרטיקל אין „המגיד", שפּעטער געדרוקט דאָרט אַ ריי לידער.

1875—77 — געוואָרן טעטיק אין רעוואָלוציאָנערער קרייזל־אַרבעט.

1877—78 — געלעבט אין קעניגסבערג, געאַרבעט צוזאַמען מיט ליבערמאַנען אין פאַרשיידענע דעמאָלטיקע רעוו. אויסגאבן אין העברייאיש. אין דעם יאָר אַרעסטירט געוואָרן און אַרויסגעשיקט פון פּרייסן קיין קאָפּענהאַגן, דאָרט ווידער אַמאָל אַרעסטירט געוואָרן.

1879—נאָך פאַרשיידענע וואַנדערונגען פון לאָנדאָן קיין פאַריזש, צוריק געקומען קיין לאָנדאָן, זיך אָנגעשלאָסן אָן קאָמוניסטישן אַרבעטער־פאַריין, געגרינדעט פון מאַרקס און ענגעלס. אין לאָנדאָן אָנגעהויבן פירן א סאָציאַליסטישע אַרבעט, געוואָרן דער שעפער פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פרעסע און ליטעראַטור.

1884—86 — געגרינדעט די אידישע צייטשריפט „דער פּוילישער אידל", (נאָכדעם זיך גערופן „צוקונפט"). פאַרעפנטלעכט די ערשטע אידישע סאָצ. בראָשור, געווען מיטאַרבעטער אין פאַרשיידענע סאָצ. און אנאַרכיסטישע אויסגאַבן פון מאַירעוו־אייראָפּע און אַמעריקע.

1894—96 — געקומען קיין אַמעריקע, געוואָרן רעדאַקטאָר פון וואָכנבלאַט „עמעס".

1897—געגרינדעט דעם „פאָרווערטס", דאָרט געוואָרן א נאָענטער מיטאַרבעטער.

1908—1923—נאָך לאַנגער מיטאַרבעט, געוואָרן רעדאַקטאָר פון ניו־יאָרקער „צוקונפט" א. אנד. נאָך דער שפּאַלטונג פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, אַריבער צו די קאָמוניסטן, געוואָרן מיטאַרבעטער פון „פרייהייט".

1924—געקומען קיין ראַטן־רוסלאַנד.

1925—געקומען צוריק קיין אַמעריקע.

1926—געפייערט זיין 70־יאָריקן יובליי.

פאַר העכער 50 יאָר ליטער. און פּאָליט. טעטיקייט אָנגערופן געוואָרן „דער זיידע פון דער אידישער סאָצ. באַוועגונג".

פון מ. ווינטשעווסקיס אַוטאָביאָגראַפיע.

1

די לוסט צו שרייבן האָב איך געהאַט קימאַט פון מיין קינדהייט אָן. מיין פאָטער, א פולקומער העברייער און אַ מעדאַקדעק (אַ קענער פון גראַמאַטיק), האָט מיך צו אַכט יאָר אַוועקגענומען פון כיידער און האָט מיט מיר אַליין געלערנט. צו צען יאָר האָב איך געהאַט גרינטלעך „אויסגעהאַט" דעם מאַסלול און בענזעווס טאַלמוד לאָשן־איוורי *). ערשט דאַן בין איך אָף א יאָר צוויי־דריי צוריקגעגאַנגען צו דער געמאָרע. מיין ביסעלע טאַלמוד (באָבע־קאַמע, באָבע־מעציע און בייצע) איז געווען גראַדע גענוג מיר צו געבן אַזויפיל „געמאָרע־לאָשן", וויפל עס איז נייטיק קעדיי צו שרייבן „עכט־אידישע" העברייאיש, און ניט צופיל, אום צו קענען זיך נעמען צו אַנדערע זאַכן.

האָבנדיק מיין פאָטער אלס א מוסטער (ער האָט קיינמאָל קיין זאַך ניט געלאָזט דרוקן, אָבער ער איז געווען א באַדייטנדער סטיליסט), איז בא מיר, ווי געזאָגט, די לוסט צום שרייבן געווען פון דער ערשטער קינדהייט אָן. אָנגעפאַנגען האָב איך פונדעסטוועגן ערשט ווען איך בין ארויסגעקומען פון שול מיט דער רוסישער שפראַך אַלס מיין נייע האשלאָמע און אַנדערסענס „פאָלקסזאגן" אַלס „נאַגראַדע".

די האַגאַדעטעס**) פון דער געמאָרע, אַנדערסענס מאַיסעס און, מער ווי אַלץ, קרילאָווס פאבעלן, פון וועלכע, לאָזט זיך מיך באַרימען, איך האָב באַלד געקאָנט צוויי דריטל אויסווייניק, האָבן מיר געשיינט צו ווייזן א וועג. איך דאַרף ווערן, האָב איך צו זיך געזאָגט, א פאבעל־דיכטער.

אַזוי בין איך אַרויסגעפאָרן אַף דעם ליטעראַרישן וועג: א סאַטיריקער מיט א נויגונג צו פערזן (אַלפּי קרילאָוו) און מיט א שטרעבונג זיך אויסצודריקן קאָרעקט, ווי דאָס מוז זיין בא אַ דרייצניאָריקן וויל־זיין־אַ שרייבער, וועלכער האָט אין זיך די גראַמאַטיק פון צוויי שפראַכן און א פאָטערס פיינע מעליצע אין איינער פון זיי.

אין יאָר 1870 אין ווילנע, וואו איך האָב זיך פארבאַרייטעט צו דער ראַבינער־שול, בין איך איין טאָג באַקאַנט געוואָרן מיט א דייטשישן שריפטשטעלער, וועלכער האָט אַף מיר געהאַט פיליכט דעם גרעסטן איינפלוס אין מיין לעבן. דאָס איז געווען לודוויק בערנע, און צו פארדאַנקען האָב איך דאָס רעקלאמס פאָלקס-ביבליאָטעק. דער נידעריקער פרייז (אַ קאָפּיקעס צען), האַגאַם דאַן א גרויסער טייל פון מיין פאַרמעגן, האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו קויפן „דאָס טאגעבוך אויס זאדען", און אַזוי ווי צום עקזאַמען (צום דריטן קלאַס) האָב איך סיי־ווי־סיי געמוזט „זוברעווען" דייטשישע גראַמאַטיק און לעזן דייטש, האָב איך שוין פאר איין גאַנג (ניט גאָר אָן מאַטערניש) געלעזן בערנע. לאָמיך דאָ גלייך זאָגן, אז א האַלב יאָר שפּעטער האָב איך בא א באַקאַנטן אין קאָוונע געפונען דעם גאַנצן בערנע און בין געוואָרן א ליידנשאַפטלעכער בערנעיאנער, דאָס הייסט א יונגער מענטש, קימאַט נאָך א קינד, וועלכער האָט אומעטום און אין אַלץ, אין כאָלעם און אַפן וואָר געזעען אין פייערדיקע, ליכטיקע, אומויסלעשלעכע אויסיעס דאָס גרויסע, הייליקע וואָרט פרייהייט.

ביסלעכווייס בין איך באַקאַנט געוואָרן מיט דער רוסישער ליטעראַטור, און ווען ניט בערנע, וואָלט פּיסארעוו זיכער דאַן געוואָרן מיין גאָט, אָבער זיין איינפלוס איז

*) לערנביכער פון העברייאיש.

**) מאַיסעלעך—טייל פון געמאָרע.

אַזוי אויך געווען שטאַרק אַף מיר. איך האָב געלערנט, געלעזן און געשריבן, האָפנ־דיק צו דערגרייכן די מאַדרייגע פון א שרייבער: צו ווערן א מענטש, וואָס לערנט מענטשן זיין פריי. דריי ליטעראַטורן זיינען פאר מיר דאַן שוין געווען אָפן.

אַ שרייבער! אַווראָם מאפו—אונזער מאפו, דער קאָוונער מאפו, וועלכן איך האָב ניט איינמאָל געזעען,—ער און בערנע, און גאָגאָל, און קרילאָוו, און שילער, און אַנדערע האָבן מיר אַלץ געשוועבט פאַר די אויגן, און דאָ קומט אלע וואָך איין שטוב אריין דער „המגיד״, אין וועלכן מענטשן שרייבן, וואָס זיינען גאָרניט אַזוי אַי־אַי־אַי. א שרייבער! איך מוז ווערן א שרייבער!

———

איין טאָג איז מיר איינגעפאַלן דער געדאַנק צו שיקן א „קאָרעספאָנדענץ״ אין „המגיד״.

און ווירקלעך זיינען אַוועק וואָכן און וואָכן, און איך פלעג קומען פון דעם שאַ־מעס פונם נייעם בעסמעדרעש, וועלכער איז געווען דער אַגענט פון דער צייטונג, אַן „אַנטוישטער״ מענטש.

ווי גרויס איז דערפאַר געווען מיין סימכע, ווען איך האָב איין פרייטיק געפונען ניט נאָר מיין אַרטיקל געדרוקט אָן די מינדסטע פאַרקירצונג, נאָר איך האָב אויך דעמזעלביקן טאָג געקראָגן א בריוו פון דער „רעדאַקציע״, אונטערגעשריבן פון אים אַליין, דעם רעדאַקטאָר, פון עליעזער ליפמאַן זילבערמאַן, אין וועלכן ער האָט מיך ספּעציעל איינגעלאַדן פאר אים צו שרייבן פון קאָוונע. און אַגעוו טאַקע צו זעען קריגן מער אַבאָנענטן.

מיט א יאָר שפּעטער (1874) איז געדרוקט געוואָרן מיין שיר: „כיזאָיען לייל פורים״, אין וועלכן איך האָב געגעבן די גאָב אַלערליי האָמענס אייניקלעך, צווישן זיי א קאָוונער גוויר, א מאָסער און אַן אַלגעמיין פאַרהאַסטן קערל.

2

אין דעם יאָר 1875 בין איך צוריקגעקומען פון אָריאָל קיין קאָוונע, האָבנדיק מיטגעבראַכט דעם „טיף־ראַסייסקע״ אַקצענט און אַ שעפּסן־פּעלצל.

מיר זיינען נאַראָדניקעס, אונזערע נאַטירלעכע ברידער זיינען די מוזשיקעס, כאַים־יאַנקל דער שוסטער קען וואַרטן.

מיין באַקאַנטשאַפט מיט געוויסע ניט קאָשערע שרייבער, צווישן אַנדערע, אפילע שוין אַ „שאַפּאַטשנאָיע זנאַקאָמסטווע״, מיט באָרוך שפּינאָזאַ, האָט מיך געפירט פיל, פיל ווייטער ווי צעדערבוימס צייטונג, מיט ליליענבלומען, מיט אַלעם מיט אַנאַנדער. כוץ דעם, דאָס הייסט, לאָזנדיק רעליגיע אין אַ זייט, האָט מיך געמוטשעט די גאָפּל־מעסער־פראַגע, דער רוסישער פויער, וועלכער קען זיך ניט פאַרגינען קיין זאַלץ אין זיין ברויט און צייטנווייס אפילע אַזעלכע ברויט אויך ניט; אַלזאָ, ער, דער אָריאָ־לער, קורסקער, וואָראָניעזשער פויער פון „טיף־ראַסייא״ און דער קאָוונער אידישער דאַלעס, דער שרעקלעכער דאַלעס מיט אַ הונגער־פעסטונג אַפן גרינעם באַרג, מיט אַן אַנדערער אין סלאָבאָדקע, מיט דעם מאַלאַכאַמאָוועס־קאָמענדאַנט איבער ביידע און איבער דער גאַנצער שטאָט, איבער גאַנץ ליטע, איבער דער גאַנצער מעדינע; מיט די נעשאָמעלעך פון אייגענע מאַמעס אַכט יונגערהייט געשטאָרבענע אויפעלעך, אימער שוועבנדיק אַרום מיר, פאר מיינע אויגן, עפּעס אַזוי ווי פאַרלאַנגענדיק נע־קאָמע פאר זייערע אָפּגעשניטענע יאָרן, נעקאָמע פון אַ געזעלשאַפט, וועלכע האָט פאַר די רייכע ווין און מעד, אָבער פאר דעם אָרעמען נאָר גאַל און גיפט און גענעם־

מאַשקאָעס, זײ, װעלכע סאַמאָעל ברײַעט און לילים דיסטילירט, און די שײדים טראָגן פאַנאַנדער אין די אָרעמע הײַזער, אין די הײזער, װאו די לופט איז שװער און די נױט איז גרױס אין דער דאַלעס פײַפט, אָבער װעקט קײנעם ניט, ניט אױבן אין הימל, ניט אונטן אױף דער ערד, קײנעם ניט!

אַרום יענער צײַט האָב איך נעמלעך שױן פאַרשטאַנען, אַז דער כאַסידיזם איז, אײגנטלעך, אַ מין דעמאָקראַטישע באַװעגונג אין דער רעליגיע, אַ מין בונט קעגן דעם איכעס פון די געמאָרע־לערנער, פון די באַנק־קװעטשער, פון די קונציקע שװי־מער אינם יאַם־האַטאַלמוד, װעלכע קוקן אױף דעם האַמױן, דעם פאָלק מיט פאַראַכ־טונג, אַפילע מיט האַס.

איך, אױפגעהאָדעװעט בײַ אַ טאַטן, װעלכער האָט זיך פּורים ניט געזעצט צו דער סודע אָן מױשע דעם שוסטער, װעלכן ער פלעגט אַ קוש טון בײַם אַרײַנגײן; אױפ־געהאָדעװעט מיט יודקע דעם מאַמזער און עלקע דעם זשוליק און עטלעכע אונטער־געװאָרפענע קינדער, װאָס האָבן זיך אױסגערוט אינם העקדעש און אױסגעבילדעט אין דער טאַלמוד־טױרע און פאַר װעלכע איך פלעג צו זיבן־אַכט יאָר גאַנװענען אקרײטשיקעס כאַלע, און מײַן גוטע מאַמע פלעגט זיך מאַכן ניט זעענדיק... איך, אַלזאָ, האָב דעם כסידישן „דו", די כסידישע אַכדעס, די כסידישע פאַראַכטונג פאַר דער אידישער געמאָרע־אַריסטאָקראַטיע געפילט, נאָך אײדער איך האָב עס פאַר־שטאַנען.

דעמאָלט — איך קום צוריק צום יאָר 1875 — האָט אין קאָװנע געלעבט אַ מערק־װירדיק אידל.

ער איז געװען דער אַפּיקױרעס פון שטאָט. פון אים האָט מען דערצײלט אלער־לײ ניט־געשטױגענע און ניט־געפלױגענע מאַיסעס. עס האָט זיך געלײגט אױפן סײכל, אַז דער אימאַכשעמױניק עסט צװעקעס מיט כײלעװ, אַבי נאָר צו טון לעהאכעס דעם בױרע באָרוך־הו. מע האָט דערצײלט און געגלױבט, אַז ער האָט זיך מיט אים, קאַ־װעיאָכל, געריצט בײַם פּײסעך־סײדער, געברױכנדיק קעגן דעם ריבױנע שעל אױלעם זײער גראָבע װערטער.

ער, דאָס איז געװען סענדער פּאָרט. אַזאַ פּאָרט איז אין יענע צײַטן געװען או־מעטום, יעדער שטאָט האָט זיך געהאַט איר אַפּיקױרעס, איר װיצלינג, איר שטאָט־באָק, איר מעשוגענעם.

דאָס איז געװען פּאָרטס הױז, װאו איך האָב געקראָגן צו זעען ליבערמאַנס „מאַ־ניפעסט צו די אידישע יונגעלײט", דאָס הײסט, די ערשטע סאָציאַליסטישע שריפט אין העברײיִש.

ליבערמאַנס מאַניפעסט האָט נאָר־װאָס געהאַט פאַרענדיקט די אַרבעט, װעלכע האָט זיך אָנגעהױבן אין אָריאָל מיט טשערנישעװסקיס „טשטאָ דעלאט" און אַנדערע אַזעלכע שריפטן.

בעקיצער, איך בין געװען אַ דאָפּלט־פאַנאַטישער, אַנטירעליגיעזער, אַנטיהיפאָ־קריטישער געפיל־סאָציאַליסט (אַ היגער מײװון װיל האָבן, אַז דאָס בין איך, זינדיקער מענטש, געבליבן אַדאַיעם).

איך האָב פאַרן „אמת" אױפגעשריבן אַ געדיכט: „למי אני עמל?" האָט דאָס גע־הײסן, אַ פּראָלעטאַריער־ליד מיט אַלע קליפּערלעך. דער אױפגעװאַכטער פרעגט: למי אני עמל—פאַר װעמען אַרבעט איך? און דאָס ניט גלאַט אין דער װעלט אַרײַן. אָט־דער פון שלאָף־אױפגעשטאַנענער פּראָלעטאַריער װײסט שױן װאו די מאַקע זיצט, האגאם ער רעדט נאָך ניט פון קײן הײל־מיטל. ער װײסט שױן, אַז רײַכטום הײסט אָנגע־

זאמלטער, געדרויבטער „מערוועדט" און ער ענדיקט זיין קלאָג־ליד מיט א סטאנזא, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

גנב יבא בפלילים אך בהמצאו במחתרת,
רוצח לא ימת אם חמץ־בגדים איננו;
מקפח שכר־שכיר, ממלא אוצרותיו „ממנו"
בעל יד חריצים יקרא, לו עטרת תפארת...

(אַ גאַנעוו מישפּעט מען נאָר אויב מע געפינט אים באהאלטן, אַ מערדער ווערט מיט טויט באשטראָפט, נאָר ווען מע כאַפּט אים מיט פלעקן אף די קליידער; ווען אָבער איינער נעמט אַרונטער אַ טייל פון דעם לוין־אַרבעטערס פאַרדינסטן, און פילט אָן זיין אויצער פון אים, דאַן הייסט ער אַ בעריע, אים גיט מען אַ קרוין פון באַרימטהייט).

דעם שיר האָב איך אַוועקגעשיקט צו ליבערמאַנען איינגעוויקלט אין אַ בריוו, וועלכן דער שוואַרץ־יאָר (דאָס הייסט אַן אָנפאַל פון אינגלישער פּוסטער גאַיווע) האָט מיך געריסן צו שרייבן אף דייטש. אַף ליבערמאַנען האָט מיין שיר, ווען ניט דער בריוו, האגאם איך גלויב, אַז דער בריוו אויך, געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. ער האָט מיר געענטפערט אין אַ לאַנגן ענטוזיאַסטישן אויסגוס פון ליבע און הערצלעכקייט, האָט מיר פון ווין אויס דערלאַנגט זיין ברודער־האַנט און האָט באַהאַלטן מיין געדיכט פאַרן 4־טן נומער — דער דריטער האָט זיך שוין געדרוקט, פאַר יענעם פערטן נומער, וועלכער איז קיינמאָל ניט דערשינען, ווייל דעם „אמת" האָט מען אונטערדריקט אין רוסלאַנד, און ליבערמאַן איז באַלד געזעסן אין אַן עסטרייכישער טורמע.

ווען דער „פוילישער אידל" איז געגרינדעט געוואָרן, און איך בין אין געדאַנקען דורכגעגאַנגען אַלע „דעפּאַרטאַמענטן", בין איך געבליבן שטיין זייער צעטראָגן בא דער פּאָעזיע: וואו נעמט מען כאָטש אין יעדן צווייטן, דריטן, פערטן נומער אַ גע־דיכטעלע? ווי הייסט דאָס עפּעס אַ צייטונג גאָר אָן פּאָעזיע?

איך אַליין האָב אין מיין לעבן „פּערזיצירט" געדאַנקען און געפילן אַזוי גוט אָדער אַזוי שלעכט ווי איך האָב געקענט, זינט איך בין אַרויס פון קינדערשע פלו־דערקעס. איך האָב אַף מיין געוויסן רוסישע פּאַפּעלן פון דער צייט, ווען איך בין אַלט געווען עלף־צוועלף יאָר; זיי זיינען גליקלעכערוייס פאַרלאָרן געגאַנגען און געוויס קיין בעסערן „שיקזאַל" ניט פאַרדינט. העברייאיש האָב איך געשריבן צו 17 יאָר (אין גראַמען), און עליעזער ליפּמאַן זילבערמאַן באַל „המגיד" האָט זיי געפונען דרוקפייאיק.

בעקיצער, איך האָב אין דעם יאָר 1884 שוין געהאַט הינטער זיך א „פּאָעטישע פאַרגאַנגענהייט" אין דריי שפּראַכן, און אין דעמזועלביקן יאָר האָב איך זאָגאַר אַ קלעטער געטון אף דעם איינגלישן פּאַרנאַס, מיסברויכנדיק מילטאָן און בייראָנס לאָשן פאַר געגראַמטע פּריוואַט־יעסורים...

אָבער אידיש!

עמעס, איך אַליין האָב שוין פּרובירט שרייבן ליצאָנעס אין אידישע פערזן מיט אַ יאָר זיבן פריער, אָבער דאָס איז געווען, ווי געזאָגט, ליצאָנעס. וועלכער מענטש וועט שרייבן ערנסטע זאַכן אין אידיש? קוידעמאָל איז די שפּראַך אַזוי אָרעם אין ווערטער, אַז כּוץ דער פּאָעזיע, וואָס דריקט זיך אויס אין אַ זיפץ און אַ קרעכץ, קאָן אין איר ניט פאַרטייטשט ווערן אַזוי, אַז מע זאָל זי פאַרשטיין. דאַן דאַרף מען דאָך צום דיכטן אין אידיש דיינקען אין אידיש און מיר אַרבעטן דאָך מיט אַלע קוי־כעס צו דיינקען, קעדיי צו קענען ריידן, אין איראָפּייאישע לעשוינעס. עס איז דעם

אידנס — און ווייטער קיינעמס ניט — אַמביציע צוריידן אַלע שפּראַכן בז״ער, לעכּאַלאַפּאַכעס ניט ערגער ווי די, וואָס אין איר זיינען זיי געבאָרן געוואָרן.

וואָס־זשע טוט מען? און דאָ דאַרף מען אַ געדיכט טאַקע אָט ווי דאָס „ליבע ברויט״. און דערוויי פאַרגייט איין וואָך, צוויי וואָכן, דריי וואָכן — עס דערשיינט אַ „פּוילישער אידל״ און ניט אַ גראַם!

איך קום אַף אַ פּלאַן. איך וועל פּרובירן מאַכן אַ סאַטירישן געדיכט, כאָטש זיך נויקעם צו זיין אָן די קאָרטנשפּילער צווישן די אידישע אַרבעטער; די מאַגייפע קאָרטן האָט דעמאָלט פאַרוויסט פיל פאַמיליען־לעבנס.

איך וועל עס פּרובירן. דאָס דאַרף גיין.

האָב פּרובירט און עס איז געגאַנגען. אין דעם פערטן נומער איז דערשינען מיין געדיכט „צוויי געסעלעך (אַ כאַראַקטער־בילד פונם אידישן לעבן אין לאָנדאָן)״ מיט דעם פאָלגנדן אַרויספאַר:

> אין אַ קליין געסעלע, אַ שמוציקע, אַ שמאָלינקע
> זיצט אַ יונגע ווייבעלע אין איר קעמערל אַליין;
> שאַבעס איז אַוועקגעגאַנגען און איר מאַן נאַפּטאָלינקע
> האָט זי „אַף אַ וויילינקע״ געלאָזן דאָ אַליין.

דאַן גייט אַ באַשרייבונג אין זיבן סטאַנצען פונם ווייבעלעס ליידן, וואַרטנדיק ביז דריי אַ זייגער באַנאַכט אַף איר מאַן, און דאָס געדיכט ענדיקט זיך מיט די ווערטער:

> אין אַן אַנדער געסעלע, אַ שמוציקע, אַ שמאָלינקע,
> אין אַ פיינעם שטיבעלע מיט אידעלעך געפילט
> האָט די ווייד זשעס*) און דערצו אַ זילבער אור נאַפּטאָלינקע,
> זיצנדיק באַם טישעלע, אין קערטעלעך פאַרשפּילט.

און דער אוילעם האָט עס אַזוי גוט אופגענומען, אַז יאַקאָוו אַדלער האָט עס אָנגעצייגט אַלס אַ דעקלאַמאַציע פון דער בינע און האָט עס אויך דעקלאַמירט.

מיין סימכע איז געווען גרויס ביז איך האָב זיך געטראָפן מיט פיליפּ קראַנץ. דערדאָזיקער ניכטערער פּראָזאַיק האָט זיך דערקלערט אין אַלגעמיין צופרידן, אָבער ער האָט געפונען, אַז איך געברויך צופיל די פאַרקלענערונג־ענדונג, ווי, לעמאָשל, ווייבעלע, קעמערל, אידעלעך, קערטעלעך, און אָפּט וואו זי איז איינפאַך „אַבסורד״, ווי, צ.ב., אין דער פראַזע: „קלאַפּט דער פערפענדיקעלע״, וועלכע קומט דאָרטן פאָר.

פונדעסטוועגן איז געווען געמאַכט אַן אָנהייב, ווען ניט פאַר אידישער פּאָעזיע, יעדנפאַלס פאַר ריטמישע פערזן פון עכט־אידישע ווערטער אַף אַן עכט־אידישן סוזשעט.

האָבנדיק געגעבן דעם אַרבעטער אין אַ אידישער איבערזעצונג טאָמאַס הודס „ליד פון העמד״ אין נומ. 6, האָב איך אין נומער 8 אָפּגעדרוקט אַ ליד, וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. דאָס האָט געהייסן: „לאָנדאָן באַנאַכט״ און איז געווען (נאָר אין דער פאָרם) אַ נאָכמאַכונג פון אַ געדיכט, וועלכע איז אין רוסלאַנד דאַן געווען פאַרבאָטן.

און אַזוי ווי עס איז גלייך דערצו געפונען געוואָרן אַ אידישע מעלאָדיע, האָט מען עס קימאַט אומעטום געזונגען.

אין די סאַטירישע געדיכטן „דער קריכער״, „דער צוואויאַק״ און אין דער קליינער דראַמאַטישער סצענקעלע „פּאָרט ניט געכאַפּט!״ האָט זיך ביסלעכוייס אויסגע־

*) סכירעס.

אַרבעט דאָס, וואָס מיר רופן ליטעראַריש אידיש, מער ווי אין דער פּראָזע, ווייל דאָ איז די שפּראַך אין איר אידישקייט געווען וויכטיקער ווי דאָרטן, אין די אַרבעטער־לידער אויך, אָבער אין אַן עטוואָס נידעריקערן גראַד, מאַכמעס דאָ איז דעריקער וויכטיק געווען דער אינהאַלט, זיי האָבן געזאָלט וועקן און דערצו איז דעם שאַמעס הילצערנער האַמער אַזוי עפעקטיוו ווי דעם גלאָקס זילבער־קלאַנג.

דער ערפאָלג פון די אַלע אַנדערע לידער האָט אַרויסגערופן נאָכפאָלגער און נאָכמאַכער, און אונזער לאָשן האָט דערביי דאָס געוואונען, וואָס מע האָט זיך גע־נומען שעמען ניט צו שרייבן געדיכטן מיט אַ ריטם און אַף אַן אייראָפּייאישן אופן און מע האָט אָנגעהויבן צו זאָגן „אידיש", אַנשטאָט „זשאַרגאָן", דאָס הייסט האָבן אַ האָרעלע רעספּעקט פאַר זיך אַליין.

ס'איז נייטיק צו וויסן, אַז פאַר מיר איז געווען אַ טונקעלע מאַסע. אַ אידישער פּראָלעטאַריער איז נאָך געווען אַ נייס, אַלע באַמיאונגען די אַרבעטער צו אָרגאַני־זירן זיינען ביז דאַן „פאַרלאָפן אין זאַמד" ווי די דייטשן זאָגן (אַף אונזער לאָשן). נאָך איידער ליבערמאַן איז געקומען קיין לאָנדאָן, נאָך אין 1872, איז אַן אַרבעטער־פאַריין געגרינדעט געוואָרן, דאַן אין 1876 דורך ליבערמאַנען, דאַן אין 1880 מיט דער באַ־טייליקונג פון אונז ביידן. אַלע די גרינדונגען זיינען ניט־געוואָרן איבער נאַכט. אפילו איצט, אין 1884, ניט אַכטנדיק אַף דער שטאַרקער אימיגראַציע, איז נאָך גע־ווען ווייניק־וואָס האָפענונג אַף דערפאָלג אין אַזאַ אונטערנעמונג.

אינסטינקטיוו האָב איך, דאַכט זיך, געטראָפן דעם ריכטיקן וועג. וואַרשיינלעך דערפאַר, ווייל איך האָב געלעבט אין דער מאַסע, פאַר וועלכער עס איז אויסגעקו־מען צו אַרבעטן.

און דער ערשטער פונקט אַף דער טאָג־אָרדענונג איז, קלאָר, געווען דער:

מע דאַרף דעם אַרבעטער, דעם מאָדערנעם גילגל פון דעם אַמאָליקן באַלמעלאָכע געבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז אַ מענטש; מע דאַרף אים ווייזן זיין איכעס צו זיך אַליין, איידער מע קען אים ווייזן, וואָס ער האָט צו באַדייטן אין דער געזעלשאַפט און וואָס פאַר אַ שאַיכעס ער האָט צום צאַד פונם אַרבעטער־קלאַס אין דעם קלאַסן־קאַמף; מע דאַרף אים לערנען ניט אַראָפּצוכאַפּן דאָס היטל פאַרן שנאָרער, וואָס שפּילט די ראָלע פון אַ מאַסקיל, אַ יאַכסן, אַ יודייע־טייפער, פאַר דעם טעלער־לעקער באַם אידישן קאַצין און קאַצין אַליין: דער סאָרט פּאַראַזיט פלעגט דאַן שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין ווייטשעפּל.

און ווי דאָס פּאַסירט קימאַט אימער, האָט זיך אַרויסגעריסן דאָס ריכטיקע וואָרט אין אַ געגראַמטער פאָרם, — אין דער פאָרם פון אַ ליד אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קראַנקייט פון דעם לאָנדאָנער אידישן קוואַרטאַל — מיט דער אַרבעטלאָזיקייט, האַמ־כונע „סלעק".

דאָס איז געווען מיין געדיכט „אַ כוידעש אָן אַרבעט".

3

צווישן 1887 און 1879 האָב איך אין ראַדקינסזאָנס „קול לעם" געשריבן אַ פּאָר פעליעטאָנען, אין וועלכע עס זיינען פאָרגעקומען אייניקע פערזן.

זיי האָבן זיך מיט קיין זאַך ניט אויסגעצייכנט כוץ מיט זייער מער אָדער ווי־ניקער רעגלמעסיקן ריטם. ביז דאַן פלעגן אידישע דיכטער שרייבן מיט דערזועלבער פאַרכטונג פאַר פערז־מאָס און רעגעלן פון דיכטונג, ווי די, וואָס די אידישע כאַזאָ־נים פלעגן האָבן פאַר נאָטן און גערעגלטע מוזיק. מע האָט, ווי דער „מעשוגענער

פילאָזאָף" האָט שפּעטער באמערקט, די פּערזן אַריינגעלייגט אין אַ סדאָם־בעט. זייענען זיי געווען צו קורץ, האָט מען זיי אויסגעצויגן; זיינען זיי, פאַרקערט, געווען צו לאַנג, האָט מען זיי אַזוי געזונגען, אַז קאָפּ און פיס זיינען אָפּגעשטאַנען, ד. ה. אַראָפּגעשלונגען געוואָרן.

ניט נאָר צונזער און גאָלדפאַדן, נאָר אויך מיכל גאָרדאָן און — וואו ער האָט זיך צו אונז „אַראָפּגעלאָזן"—אַפילע דער גרויסער יעהודע לייב אַליין האָבן פון קיין ריטם אין אידיש ניט געוואָלט וויסן.

מיט דעם גרעסטן רעספּעקט צו מיין מוזע און מיין פּובליקום,—ווער עס האָט קיין אַכטונג ניט פאַר זיך אַליין, קען זי ניט האָבן פאַר אַנדערע, — האָב איך, אין דער ערשטער העלפט פון די אַכציקער יאָרן, בעאייס איך האָב אָנגעהויבן שרייבן אידיש קעסיידער, פּאָשעט ניט געגלויבט, אז עמעצער קען אף אונזער לאָשן עטוואָס אויסדריקן, וואָס שטייט העכער ווי דאָס טעגלעכע וואָכעדיקע לעבן אין זיין אינהאַלט און באדייטונג.

דעם היינטיקן לעזער קען עס פּאָרקומען קאָמיש, אָבער אין דעם, וואָס מיר רופן היינט אידיש, גייען איצט *) אַריין אסאך ווערטער, פאר יעדן איינציקן פארשטענדלעכע, וואָס אַ לעזער פון אַ דאָר צוריק וואָלט צו זיי באדאַרפט אַ פרעמד־ווערטערבוך.

פּרובירט אַ היינטיקן אישראוניק, וואָס האָט קיינמאָל ניט גערעדט קיין אנדער לאָשן ווי אידיש, אָדער אַפילע אייער שטאָטישער באַבען, וואָס לייענט ניט קיין ציַיטונגען, פּאָרלעזן די נאָר־וואָס אופגעשריבענע שורעס און זי, אָדער ער, וועט ניט פארשטיין די פאָלגנדע איינפאכע ווערטער:

„טראַן", „פּאַרפּאַסט", „פּערזאָן", „זשאַרגאָן", „פּאַרנאַס", „פּערזענלעך", „רעספּעקט", „פּובליקום", „אַכציקער יאָרן", „אויסדריקן", „אינהאלט", „קאָמיש", „פרעמד־ווערטערבוך", „די פאָלגנדע", „איינפאַכע".

דער עמעס איז, אַז ערשט דורך אונזער אַלעמענס טעטיקייט פון אַלע די יאָרן האָט זיך בא אונז אויסגעהאָדעוועט און אַנטוויקלט אַ ליטעראַרישע שפּראַך, וואָס אף איר וואָלט אין דער צייט, פון וועלכער איך רייד, נאָר דער געקענט שרייבן פּאָעזיע אין אידיש, ווער עס קען באַקן ברויט פון ניט געמאָלענע און ניט געבייטלטע קאָרן־ און ווייץ־קערנער.

מיר אין אונזער צייט האָבן, אַליין דאָס ניט וויסנדיק, שוין בא זיך געהאַט אַן אָנהייב פון אַ ליטעראַרישן אידיש אין איוורע־טייטש פון אונזערע סידורים, מאַכזוירים, כומאָשים און אַנדערע ספאָרים; אין דעם „צאינה וראינה"ס „ווייבערשע טייטש" און אַנדערש וואו. אָבער צו שעפּן פון דידאָזיקע קוועלן וואָלט אונז פּאָרגעקומען גיין צו אַ קאַלוזשע נאָך וואַסער פאר אַ קאָניאַק. אַפילע וואָס מיר האָבן אין מיין צייט שוין געהאַט אין אייזיק־מייער דיקס ביכלעך, לעמאָשל, און אין צונזערס לידער, וואָלט קיין יונגער מענטש, ספּעציעל ווען ער איז שוין מיט פּושקין און היינע פון איין שטעטל, ניט געוואָלט אָנקוקן.

שרייבן דאַרף מען אידיש, אָבער ניט לעזן! לעזן זאָל „מוישע". צו וואָס דען דאַרף מען אים?

דאָס אַלץ האָט אָבער שווער געמאַכט די אַנטוויקלונג פון אונזער לאָשן.

איך האָף, יעדער וועט פאַרשטיין, אַז דאָס אַלץ זאָג איך ניט דערפאר, ווייל איך דאַרף עפּעס אַנטשולדיקן. אויב מע געפינט, לעמאָשל, בא מיר מער „אַגיטאַציע" ווי

*) געשריבן אין 1912-טן יאָר.

פּאָעזיע, און דאָס איז, וואָס יעדער, וועלכער זינגט מיר אַ „למנצח על נגינות״, האַלט פאַר נייטיק לעמאַנעשעם ניט צו פאַרגעסן, בין איך דערמיט צופרידן, ווייל ביז מיט דריי יאָר צוריק האָב איך קיין זאַך ניט געלאָזט דרוקן, וואָס האָט ניט גע־האַט דעם צוועק צו וועקן דעם אידישן אַרבעטער: אים צו וועקן, צו וועקן זיין מויעך, זיין האַרץ און זיין קלאַסן־באַוואוסטזיין; אים צו צווינגען אופצושטיין און זיך אויסצורייבן די אויגן און צו פרעגן זיך אַליין: וואו בין איך? וואָס איז דאָס פאַר אַ וועלט אַרום מיר? ווי אזוי האָט מען מיך דאָ געפּענטעוועט מיט רעליגיעזע שפּינ־וועבס, מיט פּאָליטישע אָקראַיקעס, מיט אַ נעכטיקן טאָג, מיט אַ קומענדיקער נאַכט?

וועקן האָט מען געדאַרפט! איר רופט דאָס אַגיטאַציע, זייער גוט. און מיר איז קיין נאַפקעמינע ניט, ווי אזוי איך וועק. אַ שטאָך אין זייט איז דערצו אַזוי גוט ווי אַ לייכט אַריין מיט אַ גרויסן פאַקל אין די פאַרמאַכטע אויגן. קען אַ לאַך אופוועקן— לאַך איך, קען אַ קלאָג דאָס טון—יאָמער איך, קען אַ שמייכל צוציען אַ סימפּאַטישן בליק—שמייכל איך, אַניט, פּרוביר איך אַ זיפץ, וויכטיק איז אופצואוועקן די סימפּא־טיע אין דעם בליק, וואָס וו י ל ענדלעך זעען.

דיאָגענעס, דער גריכישער פילאָסאָף, האָט געוואָלט דאַרשענען, האָט אים קיינער ניט געוואָלט הערן. האָט ער געגומען זינגען. איז גלייך ארום אים געוואָרן אַ געזאַמל. דאַן האָט ער געדאַרשנט. באַ מיר איז דער דרוש מיטן געזאַנג פארשמאָלצן, נאָר די ווערטער, אַזוי גוט ווי דער טראָפּ, זיינען ערלעך, דאָס הייסט, זיי קומען אַרויס אזוי, ווי איך פיל אין דעם געגעבענעם אויגנבליק, ניט אַנדערש, ניט אַפּעקטירט.

געוויס, איך בין ניט אַ וועקער אַליין. איך בין אויך אַ מענטש און לעב, און לייד, און ווירק. לעב, בעקיצער, אַ פּערזענלעכן לעבן. אויך זע איך און מיין האַרץ רופט זיך אָפּ אָף דיליידן און פריידן אַרום מיר און אין אַלדי יאָרן זינג איך; זיפץ איך, לאַך איך, כאָלעם איך פאר זיך אליין, אין מיין רעשוס האיאָכיד, דאָס געפינט אַלץ באַ מיר אַן אויסדרוק. מיין אָרעמע מוזע ברייגגט דאָס אַלץ ווי עס איז ארויס. אין מיין זאמלונג איז אסאך דערפון אריין. און בּיסלעכווייס פארעפנטלעך איך אַלטע און נייע אַזעלכע זאַכן.

אָבער בעאייס די וועק־געדיכטן האָב איך געשריבן פאַר אַנדערע, און מיר איז וויכטיק געווען, אז דידאָזיקע אנדערע זאָלן זיי פאַרשטיין, שרייב איך די רעשוס־האַיאָכיד־לידער פאַר זיך, און אלץ וואָס מיר איז נייטיק איז, אַז איך זאָל אין זיי געפינען א נאַכעס־רועך,— איך אליין. דאָ קאָן איך ריידן אין מ יי ן שפּראַך.

דאָס, וואָס איז פריער געזאָגט געוואָרן, איז אלזאָ ניט קיין אַפּאָלאָגיע.

מיין צוועק איז נאָר געווען צו געבן אמעגלעכקייט דעם היינטיקן דאָר צו פאַר־שטיין דעם דאָר, וואָס פאַרגייט.

(„ערינערונגען״, מאָסקווע, 1926).

שאכנע עפּשטיין.

דער זיידע פון דער אידישער סאָציאַליסטישער דיכטונג.

אונזער ליטעראַטור פאַרמאָגט צוויי זיידעס: מענדעלע מויכער־ספאָרים איז דער „זיידע״ פון אונזער אַ ל ג ע מ יי נ ע ר ליטעראַטור, און מאָריס ווינטשעווסקי — דער „זיידע״ פון אונזער ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר ליטעראַטור. דערדאָזיקער פאַרגלייך אַליין איז שוין גענוג, אַז מע זאָל צוגיין צו ווינטשעווסקיס „לידער און געדיכטן״ מיט אַ

גאַנץ אַנדער מאָס, ווי מע גייט געוויינטלעך צו צו אַנדערע דיכטער. די מאָס דאַרף דאָ זיין, נאָך מיין מיינונג, א ריין־היסטאָרישע. נאָר האַלטנדיק זיך אין די ראַמען פון דערדאָזיקער מאָס, קאָן מען ריכטיק אָפּשאַצן די באַדייטונג פון ווינטשעווסקין פאַר דער אידישער ליטעראַטור ביכלאל און פאַר דער ארבעטער־דיכטונג ביפראט. עס וואָלט דעריבער געווען א פעלער אָנצואווענדן דאָ דעם ריין־עסטעטישן שטאַנדפּונקט און באלויכטן ווינטשעווסקיס דיכטונג לויטן פּרינציפּ „קונסט פאַר קונסט״.

יעדער דיכטער, פאַרשטייט זיך, מוז פריער פאַר אַלץ זיין א קינסטלער. ער דאַרף האָבן א שטאַרקע איינבילדונגס־קראַפט, א קלאָר באַאָבאַכטונגס־אויג, א וואַרעם־פילנד האַרץ און דערצו א טעמפּעראַמענט, אין וועלכן די אלע מאַילעס זאָלן געפינען זייער דיכטערישן אויסדרוק. אָבער מיט דעם איז נאָך ניט געזאָגט געוואָרן, אַז די קאַנווע פון דעם קינסטלערס שאַפן מוז זיין דאפקע דאָס גריבלען זיך אין דער אייגענער נעשאָמע, דער דויפעק נאָר פון די אייגענע אינערלעכע איבערלעבונגען.

פאַראַן דיכטער, וועלכע מיר רופן אָן „געזעלשאַפטלעכע״. בא זיי איז דער הויפּט־מאָטיוו פון זייער שאַפן ניט די אייגענע, אינערלעכע וועלט מיט אירע ליידן און פריידן, נאָר די אויסערע וועלט, דאָס גרויסע לעבן, די פריידן און ליידן פון זייערע מיט־מענטשן. דער דיכטער נעמט די אָ ב י ע ק ט י וו ע דערשיינונגען, וואָס וואַרפן זיך אים אין די אויגן, און באלויכט זיי מיט זיינע אייגענע פאַרבן, מיט זיין אייגענע סימפּאַטיעס. ער ווייזט אויף די גוטע און די שלעכטע זייטן פון דעם, וואָס ער באַ־מערקט, און אין סאַכאַקל באקומט זיך א מוסער־האַסקל, ווי אזוי מיר, לעזער, דאַרפן קוקן אף אלץ, וואָס רינגלט אונז אַרום: נאַטור און מענטשן.

אזעלכע דיכטער זיינען מערסטנס אגיטאַטאָרן, פריידיקער. וואָס ברענענדיקער זייער מיטלייד איז, וואָס שטאַרקער זייער קאַמף־לוסט איז, וואָס טיפער און שענער עס זיינען זייערע אידעאַלן, אלץ גרעסער איז זייער באדייטונג פאַר דעם מענטש־לעכן פאָרשריט, אַלץ גרעסער איז זייער איינפלוס אַף די ברייטע פאָלקס־שיכטן.

דער רוסישער דיכטער נעקראַסאָוו איז עפשער ניט אזוי גרויס מיט זיין קינסט־לערישן טאַלאַנט, ווי מיט דער באדייטונג פון זיינע געזעלשאַפטלעכע מאָטיוון. ער איז באַזונדערס גרויס דורך זיין רופן צו ליכט, דורך זיין וועקן דאָס מענטשלעכע באַוואוסטזיין באַ די פאַרגרעבטע פויערים. צוליב דעם אליין פאַרנעמט ער איינס פון די אָנגעזעענע ערטער אין דער געשיכטע פון דער רוסישער פּאָעזיע, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס פאַר אים זיינען געווען אַזעלכע גרויסע דיכטער, ווי פּושקין און לער־מאָנטאָוו.

אַזעלכע ביישפּילן געפינען מיר באַ יעדער אומע וועלאָשן. זיי באַווייזן, וואָס פאַר אַ גרויסן ווערט די געזעלשאַפטלעכע דיכטער האָבן פאַרן דערוואכן פון פאָלקס־געוויסן און פאָלקס־באַוואוסטזיין.

ווינטשעווסקי איז בא אונז ניט נאָר פון די ערשטע ג ע ז ע ל ש א פ ט ל ע כ ע דיכ־טער, נאָר איינער פון די ערשטע א י ד י ש ע דיכטער ביכלאל.

ווען ווינטשעווסקי האָט אָנגעהויבן צו דיכטן אין אידיש, איז באַ אונז קיין סימען ניט געווען פון דיכטונג — ווי מיר פאַרשטייען עס היינט. עליאָקום צונזער האָט מען דאַן געקאָנט רעכענען פאַר אַ גרויסן דיכטער — ניט נאָר פאַר אַ באַדכן, און מיכל גאָרדאָן—פאַר דעם גרעסטן גאָען.

די אופגאַבע פון דעם „זיידן״ פון דער אידישער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור איז געווען עפשער שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער, ווי די אופגאַבע פון דעם „זיידן״ פון דער אלגעמיינער אידישער ליטעראַטור.

ווען מענדעלע האָט אָנגעהויבן שרייבן אידיש, האָט ער פֿאַר זיך ניט געהאַט קיין אידישע ליטעראַרישע שפּראַך און האָט זי געדאַרפֿט באַשאַפֿן. ער האָט אָבער פֿאַר זיך געהאַט אַ קאָנקרעטע מאַסע מיט קאָנקרעטע פֿאָלקס־אויסדרוקן. און האָבנדיק אין זיין רעשוס אַזאַ אויצער, האָט ער גענומען מאָלן, אָדער ריכטיקער געזאָגט, אָנ־וואַרפֿן שטריכן דערפֿון, וואָס ער האָט געזען.

אַנדערש איז מיט ווינטשעווסקין. בעאיים ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אידיש, איז קיין אידישער אַרבעטער־קלאַס נאָך אַף דער וועלט ניט געווען. פֿאַר דעם 17־יאָ־ריקן פּעריאָד פֿון מענדעלעס אַרויסטרעטן אין דער ליטעראַטור ביז ווינטשעווסקיס האָט פֿאַקטיש דאָס אידישע לעבן זיך ווייניק געענדערט. אויב דער אומצופרידענער „איסראַליק" האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַוועלכע עס איז טעטיקייט, איז דאָס אָבער געווען אין אַזאַ שוואַכער פֿאָרם, אַז מע האָט עס קאָם געקאָנט באַמערקן. דער אָרעמ־מאַן, ווי דער רייכער זיינען געווען איבערצייגט, אַז סיי די רייכקייט, סיי די אָרעמ־קייט איז אַ גאָטס זאַך, און איין לעבן האָבן זיי אַלע געלעבט. דער כילעק צווישן דעם געהויבענעם באַלעבאָס און דעם מענטשן פֿון האַמוין איז באַשטאַנען נאָר אין דעם, וואָס דער ערשטער פֿלעגט באַקומען אַן „עליה שלישי", און דער צווייטער — איינס פֿאַר „אחרון". דעם באַלמעלאָכע האָט מען אַפּילע שטענדיק געהאַלטן פֿאַרן אזעס־פּאָנים, אָבער זיין אַזעס פֿלעגט גיין נאָר אַזוי ווייט, אַז טאָמער האָט ער גע־האַט טאַינעס צו קאָהאָל, פֿלעגט ער שאַבעס ניט לאָזן „לייענען", און זיגן פֿלעגט פֿאָרט דער באַלעבאָס פֿון מיזרעך. האָט ער דאָס שטיל אָראָפּגעשלונגען, טראַכטנ־דיק, אַז אַלץ איז באַשערט פֿון גאָט און „עולם כמנהגו נוהג". אַרויסטרעטן אין אַזאַ אַטמאָספֿערע מיט קאַמף־מאָטיוון, מיט אידעאַלן פֿון אַ ווייטער צוקונפֿט, האָט געהייסן — אָדער ניט פֿאַרשטיין די ווירקלעכקייט, אָדער פּאָרויסזען, וואָס עס וועט זיין מיט יאָרן שפּעטער, ווען פֿון די אונטערטעניקע, צופֿרידענע אָרעמעלייט און נידערגע־שלאָגענע באַלמעלאָכעס מיט זייערע געזעלן וועט אופֿקומען אַ קלאַס, וועלכער וועט אינגאַנצן ענדערן די אידישע גאַס.

ווינטשעווסקי האָט עס פֿאָרויסגעזען. זייענדיק באַגייסטערט מיט די ערשטע יוגנט־טרוימען פֿון „גיין אין פֿאָלק" און אַרבעטן פֿאַרן פֿאָלק, האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך די לערעס פֿון מאַרקס און לאַסאַל און אָנגעהויבן זיי איבערצוגעבן אין זיין מוטער־שפּראַך. ער האָט געפֿילט, אַז אָט די לערעס מוזן געפֿינען אַן אָפּקלאַנג אויך אין דער פּראָלעטאַרישער שטוב פֿון די אידישע עוויונים, וועלכע האָבן אַרומגעוואַנדלט, ווי שאָטנס אַף די גאַסן פֿון לאָנדאָן מיט פֿאַרשמאַכטע ליפּן און האַלב־צעמישטע אויגן פֿון הונגער. אָבער דידאָזיקע „עוויונים" זיינען, אייגנטלעך, געווען דיזעלבע, וואָס ער האָט געזען אינדערהיים, און זיי דאָרט אינדערהיים זיינען נאָך ניט פֿייאיק געווען אופֿצונעמען דעם קאַמף־רוף פֿון דעם מאָדערנעם אַרבעטער.

ווינטשעווסקין האָט זיך דערום ערשט נאָר אין דער פֿאַנטאַזיע געמאָלט אַזאַ אי־דישער אַרבעטער, אין דער צוקונפֿט; די מאָטיוון פֿון זיין שאַפֿן זיינען דערום גע־ווען ניט די קאָנקרעטע ווירקלעכקייט, נאָר די פֿאָרשטעלונג פֿון אַ ווירקלעכקייט, וואָס דאַרף זיין. ער האָט ניט געזען פֿאַר זיך קיין אידישן פֿאַבריק־אַרבעטער, דאָס איז פֿאַר אים געווען אינגאַנצן אַ נייס, אפילע אין יאָר 1899, ווען ער האָט דורכ־געלעזן מאָריס ראָזענפֿעלדס אַ ליד, וואו עס ווערן געשילדערט די אינערלעכעליידן פֿון אַ אידישן אַרבעטער, שטייענדיק באַ דער מאַשין. אָבער אַלס אַגיטאַטאָר פֿון דער נאַטור און אַלס „סאָציאַליסט נאָך מיט צוואַנציק יאָר פֿאַר זיין געבורט", ווי ער דריקס זיך אויס אין שפּאַס — האָט ער באַלד אָנגעהויבן זינגען לידער פֿון אַרבעטער־

לעבן, שילדערן מיט לעבעדיקע פאַרבן דעם קאַמף פון דעם קלאַס, וועלכער ברענגט דער מענטשהייט פרייהייט און גליק. און נאָך א סיבע: ווינטשעווסקי האָט ניט געלעבט, ווי ממ"ס, אין פאָלק און צווישן פאָלק. שוין אין די יונגע יאָרן איז אים אויסגעקומען צו פאַרוואָגלט ווערן אלס עמיגראַנט קיין מאַירעווו־אייראָפּע. די אָרעמקייט, וואָס ער האָט דאָרט פאַר זיך געזעען, איז ניט געווען קיין אידישע אָרעמקייט פון גלופסק און קאַבצאַנסק, נאָר אַן אַלגעמיינע אָרעמקייט פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן, וועלכע האָבן שוין דערוואַכט צו א נייעם לעבן. די קולטור פון דער גרויסער ציוויליזירטער שטאָט האָט אים פאַרשלונגען. צוליב דעם דראַנג פון די נייע אומשטענדן האָט ער, עפשער אומבאוואוסט פאַר זיך אַליין, זיך דורכגעדרונגען מיטן קאָסמאָפּאָליטיזם, ווי פיל רוסישע עמיגראַנטן פון די 70־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן ניט אַנערקענט קיין שום נאַציאָנאַלע באזונדערקייטן, און דעם קאָסמאָפּאָליטיזם האָט ער אויך געפּרײדיקט אין זיינע אַרבעטער־לידער. דאָס לעבן פונם עמיגראַנט אין דער גרויסער שטאָט האָט, אַלזאָ, באַשטימט דעם כאַראַקטער פון זיין גאַנצער ליטעראַרישער טעטיקייט.

ווינטשעווסקי איז אָבער אַ פאָלקס־מענטש. דידאָזיקע אייגנשאַפט שפּילט אַ גרויסע ראָלע באַ יעדן קינסטלער, און ביפראַט באַ אַ געזעלשאַפטלעכן דיכטער, וועלכער זוכט איינגער זיך צו פאַרבינדן מיט די גרויסע פאָלקס־מאַסן. זי גיט אים ניט נאָר אַ צוטריט צו די, וועמען ער וויל צוציען צו זיין גלויבן, נאָר זי ברענגט אויך דערצו, אַז דערדאָזיקער גלויבן זאָל ווערן דער גלויבן פון אלע אונטערדריקטע און פאַרשקלאַפטע. און מיר זעען טאַקע, אַז אַדאַנק זייער קלאָרקייט און דייטלעכקייט, זיינען ווינטשעווסקיס לידער געוואָרן די קאַמף־מאָטיוון פון דעם אידישן אַרבעטער אין אמעריקע, ניט נאָר אין הויז און אין פאַבריק, נאָר אויך אין גאַס, וואו ער טרעט ארויס אָפן קעגן סוינע מיט זיין פאָן פון אַכדעס, פרייהייט און ברידערלעכקייט. די פאָלקסטימלעכקייט איז בא ווינטשעווסקין ניט קיין געקינסטלטע, נאָר אַן אופריכטיקע, פרישע, ווי א לעבעדיקער קוואל; די אינסטינקטיווע טרייבקראַפט פון זיין שאַפן ליגט אין די פאָלקס־ליידן, מיט וועלכע ער איז צונויפגעקניפּט מיט טויזנטער אומזיכטבאַרע פעדים.

לידער פון שטערן און הימל באנאכט,
לידער פון הערלעכקייט אין דער נאַטור,
לידער פון גרעזעלעך, קווייטעלעך, פּראַכט
גייען מיין אויער פארביי אָן אַ שפּור.
לידער געזונגענע מיט אַ געוויין,
לידער געיאָמערטע מיט אַ געזאַנג,
לידער פון פאָלקס־ליידן — נאָר די אליין
האָבן א זין פאַר מיר, האָבן אַ קלאַנג;
נעמען געפאַנגען מיין אויער, מיין ברוסט,
דרינגען אריין אין מיין הארץ, מיין נעשאָמע,
און איך אליין זינג מיט לעבן, מיט לוסט
לידער פון קאַמף, פון טריומף, פון נעקאָמע.

אין דידאָזיקע פערזן ווערט אויסגעדריקט אין שטאַרקע שטריכן דער גאַנצער כאַראַקטער פון ווינטשעווסקיס פּאָעזיע. דער דיכטער לאָזט זיך אראָפּ אין דעם שרעקלעכן יאָמער־טאָל פון אָרעמקייט, נויט און דאַקעס, און אַלץ, וואָס ער זעט דאָרט, מאָלט ער ניט מיט שרייענדע פאַרבן, נאָר איינפאַך און צאַרט, ווי איינפאַך

און צאַרט עס איז דער מוטערס ליד באַם קינדס וויגעלע, עס ווייעט אַרויס פון די שורעס דער טיפער טרויער פון אן עמעסן פאָלקס־לייד־פּאָעט, וואָס זיין האַרץ איז פול מיט אַ ניט אויסגעשעפּטן קוואַל פון ליבע צו אַלע עלנטע און פאַרשמאַכטע. דער דיכטער האָט געוואוסט, וואו צו זוכן זיין טרייסט, דער אַרבעטער איז אים גע־וואָרן „אַן אנקער" און געמאַכט פון זיין געבעט אַ פאָלקס־„מאַרסעליעזע", וועלכע טראָגט זיך איבער שטאָט און דאָרף, אומעטום וואו עס געפינט זיך נאָר אַ אידישער אַרבעטער, און זאָגט אָן פון גרויסע ליכטיקע טעג, ווען מע וועט ניט פאַרגעסן אָן „די עלנטע קליינינקע טייבעלעך" און קיין טרערן וועלן שוין מער ניט פאַרגאָסן ווערן געהיים.

דיכטענדיק יאָרן נאָכאַנאַנד און וועקנדיק מיט זייערע געדיכטע טאָג־איין, טאָג־אויס זייערע ברידער צו ליכט און פרייהייט, מוזן אַזעלכע דיכטער בלייבן אומשטערב־לעך אין זיקאָרן פונם פאָלק, דאָס איז דער אורטייל פון דער געשיכטע...

(„פריינד", װאַרשע, 1910).

ק. מאַרמאָר.

ווינטשעווסקי—דער דיכטער פון מיטלייד און קאַמף.—ווינטשעוו־סקיס שפּראַך.—ווינטשעווסקיס איינפלוס אַף דער אידישער רעוואָלוציאָנערער ליד.

I

מאָריס ווינטשעווסקי האָט געשריבן אַסאַך לירישע לידער, ליבע־לידער, נאָר זיין גאַנצע נעשאָמע האָט ער אריינגעגעבן אין זיינע לידער פון מיטלייד און קאַמף.

„לידער פון ליבע, פון לעבן, פון לוסט", האָבן נישט געפונען קיין אָפּקלאַנג אין זיין ברוסט. „לידער פון הערלעכקייט אין דער נאַטור" זיינען פאַרבייגעגאַנגען זיין אויער „אָן אַ שפּור".

ווינטשעווסקיס האַרציקסטע לידער זיינען דערפּאַר געשריבן אין לאָנדאָן, אין די אכציקער יאָרן. זיי זיינען דער אָפּקלאַנג פון דעם לעבן פון די אָרעמע מאַסן אין לאָנדאָן, און זיינען דורכגעדרונגען פון טיפן מיטלייד און אומבאַגרענעצטער מענטשנ־ליבע. זיינע „לאָנדאָנער סילועטן" און אַ טייל פון די „קליינע ליריקס" מאַכן נאָך היינט אַ טיפן איינדרוק, אפילו ווען מיר זעען ניט מער אַרום אונז אזוינע נאַקעטע ליידן.

זיינע לידער „לאָנדאָן באַנאַכט", „דאָס ליד פונם העמד" (נאָך טאָמאַס הוד), „דריי שוועסטער", „אַן ערלעכע באַטריגערן", „דער אויפעלע אין וואַלד", „צוויי גע־סעלעך" זיינען איבערגעדרוקט געוואָרן אַסאַך מאָל. אַנדערע זיינען אַרויס אין לאָנ־דאָן אַף באַזונדערע פּאַפּירלעך און פאַרשפּרייט געוואָרן אין מאַסן נאָך אין ערשטן צענדליק פון איצטיקן יאָרהונדערט.

אין די אכציקער יאָרן האָט ווינטשעווסקי אויך פאַרעפנטלעכט זיינע בעסטע קאַמף־לידער.

מאָריס ווינטשעווסקיס לאָנדאָנער קאַמף־לידער „אין די גאַסן, צו די מאַסן", „איך הער דיין שטימע, די שטימע פון דער וואַרהייט", „הערט קינדער ווי עס רירט זיך",

„וויקלט פאַנאַנדער די פאַנע די רויטע״ זיינען געוואָרן פאָלקסלידער אינם פולן זין פונם וואָרט. מ׳זינגט זיי נאָך היינט, אַרום 40 יאָר נאָכדעם, ווי ער האָט זיי געשריבן.

אין מאָריס ווינטשעווסקיס אמעריקאַנער לידער פעלט דערפאַר יענער טאָן פון מיטלייד, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זיינע לאָנדאָנער לידער. די וועלט האָט אופגעהערט צו זיין פאַר אים „א מוזיק־אינסטרומענט מיט סטרונעס, דורכגעווייקטע פון טרערן״, וואָס ווי ער דערלאַנגט „נאָר א ריר מיט די הענט, לאָזט גלייך זיך א טרויער־קלאַנג הערן״[1]). זיינען ווינטשעווסקיס בעסטע אמעריקאַנער לידער ניט פון ארבעטער־לעבן, נאָר די, וועלכע ער זינגט פון זיך אליין. איבערהויפּט ביינאַשמאָשעס־געדאַנקען:

עס קומען געדאַנקען פון טויט אף עלטער,
ווי ס׳קומען אין אָוונט געדאַנקען פון שלאָף,
ווי ס׳קומען אין האַרבסט, בעאייס די נעכט ווערן קעלטער,
געדאַנקען פון ווינטער מיט פרעסט אָן א סאָף[2]).

II

מאָריס ווינטשעווסקי האָט אַלעמאָל געשריבן א ריינעם אידיש. ער האָט איבערגעטראָגן פון העברייאיש צו אידיש זיין גאַנצע מאַסקילישע באַציאונג צום לאָשן. ער האָט געשטיפּט און זיך געשפּילט מיט דער שפּראַך. ווינטשעווסקי האָט זיך קיין רעגע ניט געשפּילט מיטן לאָשן סטאַם זיך צו שפּילן. דער איקער איז פאַר אים געווען דער סאָציאַליסטישער מוסער־האַסקל. דאָך האָט גאָר אָפט פּאַסירט, אז אין מיטן וועקן דעם ארבעט־אוילעם צום קלאַסנקאַמף, רופן צו רעוואָלוציאָנערע מאַיסים, באַוויינען די ליידן פון די אָרעמע, זיי טרייסטן און זיי מאָלן צוקונפט־בילדער, האָט זיך מאָריס ווינטשעווסקי פּלוצלינג גענומען שפּילן מיט די ווערטער גופע:

אַלטערמאַן, קאַלטערמאַן, הונגערמאַן, מיטלמאַן, טיטלמאַן, קיטלמאַן, פּלאַפּערמאַן, כאַפּערמאַן, קלאַפּערמאַן, אַדלמאַן, טאַדלמאַן א. ד. גל. אָדער פראַזן־קלייבער, קלויסטער־ווייבער, פיסל־הייבער א. א. וו.

ווינטשעווסקי האָט געשריבן א ריינעם אידיש נאָך מיט 40 יאָר צוריק. ער האָט קעסיידער געשאַפן ווערטער אין אידיש און האָט אויסגעמיטן אנגלאָציזמען. ער שרייבט: „האַלעוואַי ווייטערניקעס״ אנשטאט „אָלרייטניקעס״, „געלטניקעס״ אָנשטאָט „געלטמאַכער״. אמאָל גייט ער אַפילע אראָפּ פון וועג צו לערנען דעם לייענער קלאָלים פון גראַמאַטיק, אָדער אויסלייגעכץ. נאָר אויך דאָרטן איז ער שטענדיק וויציק.

מאָריס ווינטשעווסקי האָט זיך קיינמאָל ניט אָראָפּגעלאָזן צום געשמאַק און צו דער שפּראַך פונם מאַרק. ער האָט אַלעמאָל געזוכט אופצוהייבן דעם לייענער צו זיך. ער האָט אים צוגעצויגן צו זיך מיט זיין הומאָר און סאַטירע, מיט זיין באַהאַרצטקייט און מיט דער פאָלקסטימלעכקייט פון זיין ליד:

פון אידישע ווערטער, אלטמאָדישע,
פון איינפאַכע רייד אָן א קלאַנג,
פון טענער אָפט ווייניק מעלאָדישע
פאַרפאַס איך מיין פראָסטן געזאַנג[3]).

1) מאָריס ווינטשעווסקי: „לידער און געריכטע״, פאַרלאַג מייזל עט קאָ. ניו־יאָרק, 1919, זייט 7.
2) דאָרט, זייט 25.
3) דאָרט, זייט 7.

מאָריס ווינטשעווסקי האָט באַאיינפלוסט א היפשע צאָל אידישע שרייבער, באזונדערס אין איינגלאַנד און אין אמעריקע. זיין איינפלוס פילט זיך אין דער פּאָעזיע און פּראָזע פון אפילע אַזאַ מאַיסטער ווי מאָריס ראָזענפעלד.

מאָריס ראָזענפעלדס אַרבעטער־לידער, איבערהויפּט די, אין וועלכע ס׳קומען פאָר פראַגן און ענטפערס, אָרעמקייט־סצענעס, ארבעטער־קינדער, זיינען דירעקט באַאיינפלוסט פון מ. ווינטשעווסקיס לידער. דאָס גלייכן ווינטשעווסקיס פאָרם און שפּראַך אין מאָריס ראָזענפעלדס פעליעטאָנען, סאַטירישע ארטיקלען, דורגעפלאָכטן מיט פערזן.

ווינטשעווסקי האָט דירעקט באַאיינפלוסט די שפּראַך פון די טאַלאַנטפולסטע אַרבעטער־דיכטער און הומאָריסטן אין אַמעריקע. אומדירעקט איז קענטיק זיין איינפלוס אויך אין דער אידישער ארבעטער־פּאָעזיע פון אַנדערע לענדער, וואו זיינע לידער זיינען די ערשטע געזונגען געוואָרן אין רעוואָלוציאָנערע ארבעטער־קרייזן.

III

ווי אַלע פּיאָנערן פון דער אידישער ליטעראַטור, איז מאָריס ווינטשעווסקי געווען טעטיק אף אַסאַך געביטן. אויסער פעליעטאָנען און לידער, האָט ווינטשעווסקי געשריבן אויך פּובליציסטישע ארטיקלען, ביאָגראַפיעס פון גרויסע מענטשן, באזונדערס פון פרייהייט־קעמפער, וועלכע ער האָט געקענט פּערזענלעך. ער האָט אויך געשריבן עפּיגראמען, פאבעלן, באלאדן א. א. וו.

א באזונדערן קולטור־היסטאָרישן ווערט האָבן ווינטשעווסקיס „ערינערונגען”. ער האָט זיי פאַרעפנטלעכט מערסטנס אין דער „צוקונפט”[1]), פון וועלכער ער איז א געוויסע צייט געווען רעדאַקטאָר און קימאַט דריי צענדליק יאָר נאָכאַנאַנד א הויפּט־מיטארבעטער.

ווינטשעווסקיס ערינערונגען זיינען אן אויצער ניט נאָר פאַרן אידישן, נאָר אויך פאַרן אלגעמיינעם קולטור־היסטאָריקער. נאָר פון א באזונדער גרויס ווערט זיינען ווינטשעווסקיס ערינערונגען פאַר דער געשיכטע פונם קלאַסנקאַמף אין לעצטן פערטל פונם נייַנצנטן יאָרהונדערט.

(זשורנאל „ליטעראַרישע בלעטער”,
ווארשע, 1926)

פראַגן און אופגאבן.

1. ווינטשעווסקיס וועג פון האַסקאָלע צו סאָציאליזם.
2. כאַראַקטער פון ליבערמאַן — ווינטשעווסקיס סאָציאַליסטישן קרייז.
3. דער אידישער ארבעטער אין רוסלאנד און אַמעריקע אין אָנהייב פון ווינטשעווסקיס שאַפן.
4. דער לעזער און דער שרייבער אין אָנהייב פון ווינטשעווסקיס שאַפן.
5. ווי באַציט זיך ווינטשעווסקי אליין צום באַרוף און ווערט פון זיין דיכטערישן שאַפן (זע „ערינערונגען”).
6. די מאָטיוון פון ווינטשעווסקיס דיכטונג.
7. עלעמענטן פון סענטימענטאַלקייט און טענדענציעזקייט אין ווינטשעווסקיס ליריק.

---

1) דערשינען ניט לאַנג אין א באזונדער אויסגאבע אין פאַרלאַג „שול און בוך”, מאָסקווע.

8. די ווירקונג פון ווינטשעווסקין אף די שפּעטערדיקע רעוואָלוציאָנערע אידישע דיכטער.

9. פאַרגלייך ווינטשעווסקיס און מאָריס ראָזענפעלדס סאָציאלע לידער (פאַבריק-און ווערקשטאַט-בילדער בא מ. ראָזענפעלדן, פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכע מאָטיוון בא ווינטשעווסקין).

די וויכטיקסטע ווערק:

דער מעשוגענער פילאָזאָף.

קאמפּס-לידער.

סאַטירע און הומאָר.

„ערינערונגען“, מאָסקווע, „שול און בוך.

XVIII. עדעלשטאַט.

דאָוויד עדעלשטאַט (1866—1892)

(ביאָגראַפיע)

1866 — געבוירן (דעם 9־טן מאַי) אין דער טיף־רוסישער שטאָט קאַלוגע. שוין אלס צוועלפיאָריקער אינגל שרייבט ער און דרוקט לידער אין דער אָרטיקער רוסישער צייטונג. זיין פּאָעטישער טאַלאַנט האָט זיך צוערשט אויסגעדריקט אין דער רוסישער שפּראַך. אינם עלטער פון פופצן יאָר איז ער געווען אלגעמיין באַקאַנט אלס „פּאָעט" און פאַרבונדן מיט רעוואָלוציאָנערע סטודענטישע קרייזן.

1882 — געקומען קיין אַמעריקע אַלס מיטגליד פון „עם עולם", אַ גרופּע, וואָס האָט געפּלאַנעוועט גרינדן קאָמוניסטישע קאָלאָניעס אין אַמעריקע.

1891 — רעדאַקטאָר פון דער אַנאַרכיסטישער „פרייער ·אַרבעטער־שטימע".

1892 — געשטאָרבן אין קאָלאָראַדאָ.

ק. מארמאָר.

עדעלשטאַטס לעבן און שאפן. — זיין שטעלונג צו דיכטונג און דיכטער. — עדעלשטאַט — דער זינגער פון ארבעטער־נויט און רעוואָלוציאָנערן קאמף.

אין זיין אווטאָביאָגראַפישער דערציילונג „ווערא" שילדערט דאָוויד עדעלשטאַט זיינע יוגנטלעכע דערפארונגען אלס דיכטער.

באַגייסטערט פון דער פּאָעזיע פון די רוסישע מיטליידס־דיכטער, האָט דער יונגער דאָוויד עדעלשטאַט דערפילט, אַז אויך אין זיין ברוסט וואוינט אַ שטאַרקער מיטלייד מיט די אָרעמע און ליידנדע פון דער וועלט.

דער יוגנטלעכער דאוויד עדעלשטאַט האט געשילדערט אין זיין ליד די נויט און עלנט פון די אָרעמע, פאַרשאַרפט דורך די שולד פון די רייכע.

מיט דעמדאָזיקן גרויסן מיטלייד איז דער יוגנטלעכער עדעלשטאַט געווען דורכגעדרונגען אין זיין רוסישער עפּאָכע. אַפילו די פּאָגראָמען אין קיעוו, וואָס ער מאַכט דורך אין יענער צייט, פירט אים ניט אַוועק אין אַן אַנדער וועג. מעגלעך, אז דערצו

האָט אויך געווירקט דער פאַקט, וואָס, ווערנדיק קראַנק באַם אָנבליק פון פּאָגראָם, פאַלט ער אַריין אין די הענט פון קיעווער סטודענטן, וואָס זיינען אים מעקאַרעוו און זיינען גרייט אים צו פאַרפּאַרטיקן צום אוניווערסיטעט.

צו זעכצן יאָר פאַרלאָזט עדעלשטאַט רוסלאַנד, צוזאַמען מיט זיין עלטערן ברודער, אַלס מיטגלידער פון „עם עולם", וואָס האָט דעמאָלט געפּלאַנט די גרינדונג פון די קאָמוניסטישע קאָלאָניעס אין אַמעריקע.

ווי די מערסטע „עם עולם"־ניקעס, ווערט דער יונגער דיכטער אריינגעשליידערט אין סוועט־שאַפּ, וואו ס'ווערן אין אים מעגלעך פאַרזייט קערנער פון זיין שפּעטערער קראַנקייט.

באַקאַנט מיט די בעסטע רוסישע קונסט־ווערק און זייערע ראַדיקאַלע קריטיקער, ווי אויך מיטן סאָציאַליסטישן געדאַנק, זעצט פאַר דער יוגנטלעכער אַרבעטער צו לייענען און לערנען אויך אין אַמעריקע. ער דערלערנט די איינגלישע שפּראַך און פאַר זיינע אויגן עפנט זיך יענע אַמעריקע, וואָס איז אונז אַלעמען ליב, די אַמעריקע, וועלכע עדעלשטאַט האָט שפּעטער באַזונגען אין זיינע לידער.

דער מאַרטירער־טויט פון די פּראָלעטאַרישע העלדן אין טשיקאַגאָ באַוועגט דעם יונגן דיכטער ביז צו דער סאַמע טיפעניש פון זיין נעשאָמע. דער איין־און־צוואַנציק־יאָריקער עדעלשטאַט ווערט דאַן אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער רעוואָלו־ציאָנער. ער באַטראַכט זיך פאַר אַן אַנאַרכיסט (כאָטש ער דערקלערט פאַר זיינע לערער — בערנע, מאַרקס און לאַסאַל) — ווייל די מאַרטירער האָבן זיך גערופן אַנאַר־כיסטן. נאָר ער זעצט ניט פאָר זייער עקאָנאָמישן קאַמף, דעם אַכט־שטונדן־טאָג. ער באַנוגנט זיך איבערהויפּט ניט מער מיטן טאָגטעגלעכן קלאַסנקאַמף. זיין ציל איז די סאָציאַלע רעוואָלוציע, די פולשטענדיקע אָפּשאַפונג פון יעדן מין אונטערדריקונג. די מיטלען דאָס צו דערגרייכן זיינען פאַר אים באַריקאַדן, אַ באַוואָפנטער קאַמף. פאַר לאַנגזאַמע אָרגאַניזאַטאָרישע צוגרייטונגען האָט ער קיין געדולד נישט. ער איז קעגן די טרייד־יוניאָניסטן, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט „דערהייבן לוין אַף אַ פּעני". ער „וויל ניט ברויט, נאָר פרייהייט", באַקעמפט ער ביטער ניט בלויז די סאָציאַלע רעפאָרמעס, נאָר אויך די סאָציאַלדעמאָקראַטן, אָדער, ווי ער רופט זיי, „פילאָזאָפישע רעוואָלוצי־אָנערן", וואָס האַלטן פון פאַרלאַמענטאַריזם און גייען איין אַף פּשאָרעס מיטן קאַפּי־טאַליסטישן שטאַט. אַ שטאַרקן האַס ווייזט עדעלשטאַט אַרויס צו די סאָציאַלדעמאָ־קראַטן, ווען זיי לאָזן ניט צו די אַנאַרכיסטן צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין ברוסל אין 1891. ער באַטיטלט זיי דעמאָלט מיט אַזוינע נעמען ווי „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע יעזואיטן", „פּאָליטישע זלידניעס", „מאָראַלישע פייגלינגע" א. ד. ג. נעמען („פ. א. ש." סעפּט. 11, 1891).

אַדאַנק דער ארבעטער־באַוועגונג ווערט עדעלשטאַט אַלץ מער צוגעצויגן צום אי־דישן וואָרט, ער דערלערנט די אידישע שפּראַך, וועלכע הייסט נאָך דעמאָלט „זשאַר־גאָן", און איז אין איר פרעסע דורכגעדרונגען פון דייטשמערישקייט, נאָר פאַר עדעל־שטאַטן איז זי די שפּראַך פון די מאַסן, און ער וויל איר זען דערהויבן און אַנטוויקלט.

אַ ביטערער קעגנער פון „חובבי ציון" און קאָלאָניזאַציע־ניקעס, וועלכע ער באַ־קעמפט לײדנשאַפטלעך אין פּאָעזיע און פּראָזע, איז אָבער עדעלשטאַט נאָך ווייטער פון אַסימילאַטאָרישן פליגל. ער שטייט אין דעם פּראַט זייער נאָענט צו זיין דיכטער־כאַווער מאָריס ווינטשעווסקי. ער טרעט אַרויס קעגן די, וואָס שרייען „קעגן פאָטער־לאַנד", ער דערקלערט.

זאָל יעדער ליבן זיין פאָטערלאַנד גוט,
זיין שפּראַך און זיינע לידער,

און קעמפן מיט זיין האַרץ און בלוט
פֿאַר זיינע פֿאַרשקלאַפֿטע ברידער.

און ער פֿירט אויס, אַז ערשט „ווען אין יעדער פֿאָטערלאַנד וועלן פֿאַלן טיראַנען און טראָנען" וועט אויך פֿאַלן „די פֿינצטערע וואַנט", וואָס צעטיילט איצט אַלע נאַציאָנען.

אַלע מענטשן וועלן זיך רייכן די האַנט,
ווי גוטע ליבענדע ברידער,
און יעדערער וועט זינגען אין זיין שפּראַך, אין זיין לאַנד
די הייליקע פֿרייהייט־לידער.

(שריפֿטן ז. 201-100)

וויל דאָוויד עדעלשטאַט, אַז די אידישע שפּראַך און דאָס אידישע ליד זאָלן ווערט זיין די ליבע, זאָלן דינען דעם פֿרייהייט־קאַמף, טרעט ער באַלד אַרויס זייער שאַרף קעגן דער „פּרינציפּלאָזיקייט פֿון דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור אין אַמעריקע".

„דער באָדן פֿון דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור, שרייבט עדעלשטאַט, מוז גע־רייניקט ווערן. די גיפֿטיקע גראָזן מוזן אויסגעריסן ווערן מיט דעם וואָרצל און מאַכן פּלאַץ פֿאַר איידעלע הייליקע בלומען און פֿלאַנצונגען, וועלכע זאָלן דערוועקן און דערהויבן דעם גייסט פֿון יונגן אידישן דאָר". אַלס מוסטער, ווי מ'דאַרף שרייבן פֿאַרן אידישן לעזער, נעמט ער פֿרוגן. ווארום ניט געקוקט אַף דעם טיפֿן אָפּגרונט צווישן זייערע אידייען, האָבן זיי ביידע געהאַט געמיינשאַפֿטלעך דעם טאָן פֿון מיט־לייד, דאָס פֿאַרגיסן טרערן אַף די ליידן פֿון פֿאָלק.

אָנהייב יאָר 1891 ווערט דאָוויד עדעלשטאַט רעדאַקטאָר פֿון דער „פֿרייער אַר־בעטער־שטימע", ער ברענגט אין איר אַריין זיין רעוואָלוציאָנערן אימפּעט, זיין טאָן פֿון מיטלייד און אופּריכטיקייט. די „פֿרייע אַרבעטער־שטימע" אונטער עדעלשטאַטס רעדאַקציע גיט קימאַט אין יעדן נומער אַ בילד פֿון אַ רעוואָלוציאָנער, אָדער אַ רע־וואָלוציאָנערע געשעעניש מיט עדעלשטאַטס אַ ליד וועגן דעם. ער פֿאַרעפֿנטלעכט דאָרט אויך זיינע רעוואָלוציאָנערע דערציילונגען, פֿון וועלכע איינע, „די בוימערקע" איז געווען איבערזעצט אין אַן ענגליש צייטשריפֿט און איז אַרויס אין אַ באַזונדער אויסגאַבע.

עדעלשטאַטס סכירעס זיינען קליין און ער קריגט זיי זייער זעלטן, נאָר אַרבעט טוט ער אַסאַך און ס'הייבן זיך אָן אַרויסווייזן סימאָנים פֿון זיין קראַנקייט. אין האַרבסט 1891 מוז עדעלשטאַט אָפּפֿאָרן זיך קורירן קיין קאָלאָראַדאָ...

קעדיי צו דערמעגלעכן דעם קראַנקן דיכטער צו מאַכן זיין טראַגישע „לוסט־רייזע קיין קאָלאָראַדאָ", האָבן זיינע פֿריינט און כאַווײרים איינגעאָרדנט אַ טעאַטער־בענעפֿיס פֿאַרן 16־טן נאָיאַבר. אין דער „פֿרייער אַרבעטער־שטימע" איז זינט דעם 30־טן אָקטיאַבר געווען אַנאָנסירט, אַז „די פֿילע פֿריינט פֿון דעם באַליבטן אַרבעטער־פּאָעט האָבן יעצט די געלעגנהייט צו צייגן, וויפֿל הונדערטער זיי ציילן און אויסצודריקן זייער סימפּאַטיע צו דעם באַרימטן קעמפּער, וועלכער איז געפֿאַלן פֿאַרוואונדעט אַף דעם שלאַכט־פֿעלד פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג". זיינע פֿריינט האָבן אויך אין יענער צייט אַרויסגעגעבן זיינע „פֿאָלקס־געדיכטע" אין בוך־פֿאָרם מיטן בילד פֿון דיכטער. נאָר אָט די ליבע און איבערגעבנקייט פֿון פֿריינט און כאַווײרים, ווי אויך פֿון זיין שוועסטער, וואָס איז געקומען קיין קאָלאָראַדאָ אַף אים אַכטונג געבן, איז שוין גע־

ווען צו שפּעט. דער קראַנקער אַרבעטער־דיכטער האָט אין קאָלאָראַדאָ ניט געפונען קיין היילונג, נאָר זיין קייווער.

דעם 17־טן אָקטיאָבער 1892 איז דאָוויד עדעלשטאַט געשטאָרבן.

דאָוויד עדעלשטאַט האָט זיינע קויכעס פאַרשווענדט אינם דינסט פונם אַרבעטער־קלאַס. זיין דיכטער־ברודער און שיקזאַל־כאַווער, יויסעף באָווזשאָווער, האָט גאָרניט איבערגעטריבן, ווען ער האָט אים נאָכגעזאָגט:

אופגעאָפּפערט האָט ער אַלעס:
זיך, זיין גאַנצע הויזגעזינד —
רואיק זיצן פון דער וויטן
איז געווען באַ אים אַ זינד...
ניט געקוקט אף פאַרגעניגן
האָט ער אין דער שלעכטער צייט;
פאַרגעניגן האָט געהייסן
פאָרצווזעצן נאָך דעם שטרייט.
שפּעט באַנאַכט — ניט אויסגעשלאָפן,
דאָרשטיק, הונגעריק און מיד
איז ער שטיל אַליין געזעסן,
שרייבנדיק זיין פרייהייט־ליד.
יענעס ליד, וואָס יעדע שורע
איז אַ שטאַרקער קריג־סיגנאַל
אופצואוועקן אַלע שקלאַפן,
קעמפן קעגן קאַפּיטאַל.

דאָוויד עדעלשטאַטס ליד האָט געמאַכט ציטערן פּראָלעטאַרישע הערצער און גע־שטאַרקט די האַנט פון די קלאַסן־קעמפער.

דאוויד עדעלשטאַט איז געשטאָרבן, איידער ער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט אַנט־וויקלען זיין טאַלאַנט. ער איז ערשט געשטאַנען באַם אָנהייב פון זיין שאַפן אין אידיש. אַרום זיך אין אַמעריקע האָט ער ניט געהאַט קיין אידישע דיכטער־סוויווע. מאָריס ראָזענפעלד איז נאָך אַליין געווען אומצייטיק און יעהויאָש האָט זיך נאָך אין אַמעריקע ניט אַנטפּלעקט. אַרבעטער־לידער האָט דעמאָלט געשריבן קימאַט יעדער אַר־בעטער־פירער, אויך יויסעף באראנדעס צווישן זיי. פון די באַלעבאַטישע „גראַמען־זאָגער", פון דעם, „וואָס פאַר אַ קוואָדער זאָגט ער גראַמען פאַר אַלטע ווייבער, פאַר איסראָליק דעם האָרבאָוואַטן, פאַר די פאַרפוילטע קוואָרים פון דער טערקיי, פאַר זינגערקעס און פאַר אַלע שוואַרץ־יאָר" („פרייע ארבעטער־שטימע" סעפּט. 4 1891)—פון אים האָט עדעלשטאַט ניט געקאָנט לערנען, און איידער ער האָט צייט געהאט זיך צו באַקאַנען מיט דער נייער דיכטונג פון דער אנדער זייט יאַם, איז שוין זיין ליד געווען צו ענד.

ס'איז אויך קיין צווייפל ניט, אַז ווען עדעלשטאַט וואָלט געלעבט לייננגער, וואָלט ער ניט געבליבן שטענדיק אַ „טרערן־דיכטער", פּונקט אזוי ווי דאָס זיינען ניט גע־בליבן באָווזשאָווער, ווינטשעווסקי און ראָזענפעלד. שוין אויך פריער, אין רעכטער מיט פון זיין טרערן־און שמערץ־ליד, האָט עדעלשטאַט צייטנווייס געזוכט און געפונען פאַרגעסנהייט אין „נאַטורס גרינעם טעמפּל", אין „פרייער צויבער־וועלט".

אף אַ בלומען־בעט, אונטער פאַרפלאָכטענע צווייגן,
אין דעם הימלס בלויען קרוין,
וועט די נאַטור דיינע וואונדן פאַרהיילן,
מיט קושן שטילן דיין געוויין.
אין אירע זאנפטע אָרעמס וועסטו פארגעסן
די וועלט פון יעסורים און פיין;
אף איר מוטער־שויס וועסטו טרוימען
אַ כאָלעם אומשולדיק און שיין.

(שריפטן ז. 169)

נאַטירלעך, זיינען אַזוינע מאָמענטן פון זוכן פארגעסנהייט זעלטן באַם יונגן רעוואָלוציאָנערן דאָוויד עדעלשטאַט. ער אנטלויפט ניט פון שלאַכטפעלד, כאָטש ער זעט, אז די וועלט איז „אַזוי העסלעך געמיין" און „אומענדלעך שלעכט". די, וואָס פריידיקן וואַרהייט, זאָגן אליין ניט די וואַרהייט! די מאַסן וואַרטן אַף רעפאָרמען און „ווילן ניט באַגיין אן ענערגישע טאט"; דער עמעסער קעמפער פאַלט אומבאַ־מערקט און „זיין קיוועער בלייבט אַליין"; באַזונדערס פארוואונדן זיין טיף פילנד האַרץ די „פאַלשע העלדן", וואס „האנדלען מיט ווערטער", און די שרייבער, וואָס האָבן פון דעם „הייליקן טעמפל פון קונסט און ליטעראַטור" געמאַכט „אַ מאַרק, אַ שמוציקן מאַרק", וואו זיי פאַרקויפן זייער גייסט און זייער ערע. ער פרעגט:

וואו זייט איר, איר עמעסע דיינקער און קינסטלער,
איר ליבלינגע פון דער נאַטור? וואָס לאָזט איר פאַרשמוצן
די גאָלדענע פאָן פון קונסט און פאָעזיע!
...און ווען די נויט אירע ציינער באַווייזט —
און ווען עס קומט אַ ביטערע שטונדע,
דאַן, ערלעכער דיינקער, פאַרקויף דיינע מוסקולן,
נאָר פאַרקויף ניט דיין האַרץ און דיין גייסט!
פאַרקויף ניט דיין פעדער, אין איר איז דיין זעלע,
דיין הייליקער לעבנס־געצעלט;
דיין קערפער וועט שטאַרבן, דיין פעדער וועט לעבן
און ריידן פון דיר צו דער וועלט!
פאַרקויף ניט דיין פעדער אין קעלט און אין הונגער,
פאַראַכטעט, פאַרלוימדעט, פאַרפאָלגט —
בלייב טריי דיין געוויסן, אָפן שוועל פון דיין קיוועער
זינג צו דיין ליידנדן פאָלק!

(דארט ז. 41—40).

זיין עקל קעגן דעם פאַרקויפטן שרייבער פירט עדעלשטאַטן אַלס רעדאַקטאָר פון דער „פרייער ארבעטער־שטימע" (אין 1891) צו אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן דער סאָציאַליסטישער פרעסע. ווען ער דערזעט צווישן אירע מיטאַרבעטער פאַרקויפטע נעשאָמעס, רעגט עס אים מער אוף ווי אַלע אירע אָנגריפן און רעכילעסן אַף זיינע לערער און כאַווירים. דער מילדער, גוטהאַרציקער „טרערן־דיכטער" ווערט דאַן אַ האַרטער, אומבאַרעמהארציקער קריגער. ער שרייבט גיפטיקע פאָלעמיקעס, גאַליקע סאַטירעס און כויזעק־מאַכנדיקע פאבלען און טרייבט מיט „אייזערנע ריטער" די „פאַרפעסטעטע שמוציקע פי", וואָס האָט אריינגעדרונגען אין זיין „הייליקן טעמפל פון קונסט און ליטעראַטור".

דאָוויד עדעלשטאַט עקל צום פּאַרקויפטן שרייבער קלינגט אָפּ אין אַסאַך פון זיינע לידער. ניט אומזיסט לויבט ער די נאַכטיגאַל, „וואָס פאַרקויפט ניט צו קיינעם איר ליד". ער גלויבט אויך ניט אין די פּאָעטישקייט פון די קונסט לעשעם קונסט־קרעמער. דאָס פילט זיך באַזונדערס אין זיין ליד „צוויי מאָלער". ביידע מאָלן דעם יאָמער־טאָל. איינער באַנוצט אַלס פאַרב „זיין בלוט אַליין", איז זיין ליד „הייליק־שיין". דער צווייטער מאָלט מיט „געמאַכטע פאַרבן", „עקלט" זיין בילד „פּראָסט צום שטאַרבן"... נאָר עדעלשטאַט באַנוגנט זיך ניט בלויז מיט רעמאָזים. ער האָט אויך אַ באַזונדער ליד „פאַלשע דיכטער", וואו ער זאָגט:

עס איז אַ איכעס צו זיין אַ פּאָעט,
דאָך עס עקלט, ווען מיט אייך אַף איין ברעט
שטייט אַ נעפּעש מיט צוויי געזיכטער
און ערקלערט: ער איז אויך אַ דיכטער!
היינט פאַר אַ געבראָטנס מיט קאַרטאָפל
לעקט ער דעם רייכן לומפּס פאַנטאָפל,
מאָרגן פאַר אַ גילדן לוין
שרייט ער: עס לעבע די פרייהייט־פאָן!

עדעלשטאַטס סינע צום פאַלשן דיכטער ווייזט זיך אויך אַרויס אין זיינע פאַבלען „דער קינסטלער און דער אייזל", „דער אייזל און דער זונענשטראַל", „דער שוויין און דער נאַכטיגאַל", האַגאַם אין דעם לעצטן אַטאַקירט ער באַזונדערס דעם רעדאַק־טאָר פון דער סאָציאַליסטישער צייטונג, וואָס גיט דאָרט פּלאַץ פאַר דער פאַרקויפ־טער פעדער.

נאָר אויב עדעלשטאַט האָט בעשומויפן ניט געקאָנט מויכל זיין דעם געפאַלענעם שרייבער, וואָס פאַרקויפט זיין פען, איז זיין האַרץ געווען פול מיט מיטלייד און פאַרגעבונג פאַר דער געפאַלענער ווייסער שקלאַפן, פאַר וועמעס געפאַלנקייט ער האָט באַשולדיקט די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט. ביכלאַל איז ער געווען מילד מיט זיין אורטייל קעגן די אומוויסנדע און צוריקגעשטאַנענע, און האַרט און שטרייַנג קעגן די פירער, וואָס ווייסן דעם עמעס און ווידערשפעניקן אין אים.

ער איז געווען אַן אַטעאיסט, ער האָט געשריבן פריידיינקערישע אַרטיקלען פאַר דער אַפּיקאָרסישער „תפלה זכה". ער האָט געזונגען: „פּוסט און גאָטלאָז, ברודער, איז דער הימל", און האָט פאַנטאַזירט פון אַ וועלט, וואו קירכן און סינאַגאָגן וועט מען פאַרוואַנדלען אין „שטאַלן פאַר פי". דאָך איז ער געווען אין זיין אידעאַל אַזאַ גלויביקער, ווי דאָס זיינען ווייניק רעליגיעזע מענטשן. ער האָט געגלויבט בעעמונע שליימע, אַז „אופגיין מוז די זון פון פרייהייט, קומען מוז דער פרייהייט־טאָג!". און אָט דער גלויבן האָט אים ניט פאַרלאָזט ביז צו דעם לעצטן אויגנבליק.

דאָוויד עדעלשטאַט איז ניט געווען קיין זייטיקער, קיין דרויסנשטייענדיקער צווישן דער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט געקענט די סוועט־שאַפּ פון אייגענער דערפאַרונג. ער איז אויך געווען טעטיק אין קלאַסנקאַמף: איז געווען אַ פּאַרטיי־טוער, אַ דעלעגאַט צו פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן, אַ רעדאַקטאָר פון אַן אַרבעטער־צייטונג, אַ פּובליציסט, אַ באַריכט־אָפּגעבער א. ד. גל. נאָר צוערשט איז ער געווען אַ דיכ־טער — „אַ טרוימער, אַ קינד פארליבט אין בלומען און אין שטערן!"

אַ טרוימער, וואָס זיין האַרץ פאַרביטערט
אַ צעטראָטענע בלום אין גאַס;
זעט אַ בעטלער ווערט ער פאַרציטערט, —
אַ היימלאָזעס קינד מאַכט אים בלאַס.

זעט ער אויך זיין ליבע נאַטור אזוי מיטפילן, ווי ער די מענטשלעכע ליידן. שיינט אים: „טיפע שמערצן קלינגען אויך אינם ליד פון דער נאכטיגאל״; שיינט אים, אַז די נאַטור גיסט „פערל־טרערן״: „עס וויינט די זון, לעוואָנע און שטערן״. און

עס קלינגען אָפּ די שמערצן־לידער
אין ברוסט פון ליידנדן פּאָעט,
און פאַר דער מענשהייט קניט ער נידער
מיט הייסע טרערן און געבעט —
אָ, מענטש! פאַר ליבע, גליק און לעבן
איז די נאַטור, די וועלט געשאַפט;
דיר איז אַ פרייע ערד געגעבן —
דאָך איצט איז ערד און מענטש פאַרשקלאַפט!
...איך רוף צו אייך, פאַרשקלאַפטע ברידער,
וואַכט אוף! פאַרייניקט מוט און קראַפט
און שטירצט די ווילדע הערשער נידער,
דאַן לעבט און ליבט, גענ‌יסט און שאַפט!
דאַן וועט נאַטור אויך פריילעך זינגען,
און פריי וועט אָטעמען דעם דיכטערס ברוסט,
און זיינע לידער וועלן קלינגען
מיט פרייער ליבע, גליק און לוסט!

(שריפטן ז. 17—16).

איז עדעלשטאַטס העכסטער אידעאַל צו ברייגנען מענטש און נאַטור צו אָט דעם מאַצעוו. איז זיין ליד געהייליקט דעם פרייהייט־קאַמף. טרוימט ער ניט אין פרילינג „ווי גליקלעכע דיכטער, פון ווין, פון ליבע אין מאַי״. ער „טראַכט פון שקלאַפן־געצעלטן, וואו אַלעס איז כווישעך און שטום, וואו מע זעט אַפילע זעלטן אַ קראַנקע פאַרוועלקטע בלום...״ רופט ער אויס מיט גאַל:

נאכטיגאַל, זונענשיין, בלומען,
הייליקע, שיינע נאַטור!
ווי זאָל איך באַגריסן דיין קומען,
ווען דו ביסט פאַר דעם רייכן נור?!
וואָס איז מיר פרילינג, וואָס זיינען מיר בלומען?
זיי געניסט איצט נאָר דער טיראַן!
ער לאָזט נאָר איבער גיפטיקע דערנער
פאַר דעם אָרעמען אַרבעטסמאַן!
וואָס וויס אַ שקלאַף פון זיסן פרילינג?
פאַר אים איז נאָר שטורעם און פרעסט,
נישט מיט געזאַנגען — מיט זיפצן און קרעכצן
איז פול יעדער אַרבעטער־נעסט!

ערשט, ווען ס'וועט קומען די צייט, ווען אויך פאַרן אַרבעטער וועלן „בליען די רויזן און זינגען די נאַכטיגאַל", און אויך זיין ווייב און קינדער „וועלן געניסן דעם זיסן גאַניידן פון דער שיינער רייכער נאַטור!" —

ווען יעדעס מענטשלעכע האַרץ וועט בליען
מיט ליבע, מיט הומאַניטעט!
אָך, יענעם פרילינג וועל איך באַזינגען
שוין נישט ווי אַ טרערן־פּאָעט!
איך וועל אים באַגריסן, ווי די ערשטע ליבע
אַ ליבענדעס האַרץ באַגריסט,
ווי ס'קען נאָר באַזינגען אַ דיכטער,
אַ סאָציאַליסט!

(שריפטן ז. 16—15).

און ווען מ'האָט אים פאָרגעוואָרפן, פאַרוואָס ער שרייבט נאָר פון דער טרויעריקער געגנוואַרט, „פון קייטן, טרערן און שמערץ" און אים געבעטן ליבער זינגען פון דער צוקונפט און „דערפילן מיט האָפענונג דאָס האַרץ", האָט עדעלשטאַט אַף דעם געענטפערט:

איך האָס אַליין מיינע זיפצן און טרערן,
דאָך וואו נעמט מען זיסע מוזיק!
דעם ליידנדן פאָלק וואָלט איך איצט גערן
געזונגען פון פרייהייט און גליק!
נאָר ווי קאָן איך פון דער צוקונפט זינגען,
ווען די געגנוואַרט שטייט מיט איר שווערד!
טרערן פליסן, קייטן קלינגען,
באַפלעקט איז מיט בלוט די ערד.

און ער דערקלערט, אַז דער דיכטער איז ניט פריי אין זינגען. וואָס העלפט אים דאָס ליכט פון דער גאָלדענער צוקונפט, ווען ער טראָגט אין ברוסט די וואונדן פון דער געגנוואַרט, „דעם האַס צו איר גאָלדענעם גאָט".

צו דער ליידנדער מענטשהייט בין איך געבונדן
מיט אַן עלעקטריש דראָט!
פונקען צעפלאַקערן באַ מיר אין האַרצן
יעדע מענטשלעכע טרער, יעדע פלוך!
איך פיל ווי דער וועלטס גיפטיקע שמערצן
וועבן מיין לייכן־טוך.

(דאָרט ז. 131—132).

דאָך זיינען באַ עדעלשטאַטן ניט פאַראַן קיין סאַך בילדער פון נויט און אָרעמקייט. און אויך אָט דאָס ביסל איז קאָנצענטרירט ארום איין פונקט — די ניט־מעגלעכקייט צו דערנערן קינדער. קענטיק, אַז די פראַגע האָט אים באַזונדערס געעגבערט. אויסער זיין פּאָפּולער ליד „דער קינדער־מערדער" (אָדער ווי די דעקלאַמאַטאָרן רופן עס „דאָקטער גראַן"), אַף וועלכן אַ פריערדיקער דאָר האָט אַזויפיל טרערן פאַרגאָסן, קערט זיך אום עדעלשטאַט צום זעלבן מאָטיוו אין זיינע דערציילונגען און בילדער: „ווער איז שולדיק", „דער קאר־קאָנדוקטאָר", „געלט און לעבן".

דאָוויד עדעלשטאַט איז מער דיכטער פון קאַמף ווי פון מיטלייד. ער האָט ניט געזעען פאַר זיינע אויגן אַזויפיל עלנט, ווי מאָריס ווינטשעווסקי האָט געזעען אין לאָנדאָן. עמעס, די סוועטינג־סיסטעם אין זיין צייט האָט פאַראורזאַכט געגוג נויט, הונגער און קראַנקייט אויך אין אַמעריקע. דערצו האָט עדעלשטאַט אַליין געאַרבעט אין סוועטינג־שאַפּ און אַליין דורכגעלעבט, וואָס ער האָט געזונגען:

שנעל לויפן די רעדער,
ווילד קלאַפּן די מאַשינען,
אין שאַפּ איז שמוציק און הייס;
דער קאָפּ ווערט פאַרטומלט,
אין די אויגן ווערט פינצטער,
פינצטער פון טרערן, פון שווייס.

(שריפטן ז. 154).

דאָך איז עדעלשטאַטס פּאָעזיע געוועז אָנגערעגט וויניקער פון די ליידן, וואָס ער האָט געזעען אַרום זיך מיט די אויגן, ווי פון די אַלגעמיין מענטשלעכע נויט, וואָס ער האָט געפילט מיט זיין רעוואָלוציאָנערן האַרץ. דערפאַר האָט ער „געקוקט מיט ווילדן צאָרן", ווען מ'האָט אים געזאָגט „זינג מיט לוסט":

„זינג מיט לוסט!" — אָ, דומע שקלאַפן!
רופט די טענצער, די פּאַיאַצן!
זאָלן זיי אייך אמוזירן
מיט די פּויקן און די טאַצן!
אָבער ווייסט, אַז אויך פּאַיאַצן
לאַכן איצט דורך הייסע טרערן,
און דער הונגעריקער טענצער
טאַנצט און שילט די זאַטע הערן.

(דאָרט ז. 160).

עדעלשטאַט האָט פיל געהאַלטן פון ש. פרוג, אים אַרויסגעשטעלט אַלס אַ מוס־טער, וואָס ס'דאַרף זיין די אידישע פּאָעזיע. ער האָט באַזונגען מיט גרויס היסלאַ־ וועס דעם „מעשוגענעם פילאָזאָף" (מאָריס ווינטשעווסקי). נאָר ער האָט זיי בלויז געזעען ווייגען. זייער סאַטירע און הומאָר האָט צו אים ניט אַפּעלירט. ניט אומזיסט האָט ווינטשעווסקי זיך געפילט באַליידיקט פון עדעלשטאַטס אַ פּראָזע וועגן „גלעק־לעך" און אָנגעשריבן אַ ליד קעגן אים, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכט (מעגלעך, צוליב עדעלשטאַטס פריצייטיקן טויט, וואָס ווינטשעווסקי האָט אַזוי אופ־ריכטיק באַוויינט אין דער לאָנדאָנער „פרייער וועלט").

ניט געקוקט אַף זיינע עטלעכע סאַטירישע לידער און פעליעטאָנען, האָט דאָוויד עדעלשטאַט זעלטן געלאַכט, אַפילע דורך טרערן. ער איז געוועזן מער „טרערן־דיכ־טער" ווי ראָזענפעלד „דער טרערן־מיליאָנער". זיינע לידער האָבן אויך אַרויסגערופן מער טרערן ווי באָוושאָווערס, ווינטשעווסקיס און ראָזענפעלדס לידער צוזאַמען.

ס'קלינגען מיר נאָך אין די אויערן עדעלשטאַטס לידער „מיין צוואָע", „אין קאַמף", „דער אָוונט־גלאָק", געזונגען מיט שטימען, פאַרשטיקט פון טרערן, וואָס כ'האָב געהערט מיט דרייסיק יאָר צוריק אין די וואַרשטאַטן, אַף די אַרבעטער־קוואַרטירן און אין די וועלדער פון ווילנע. ער, דער יוגנטלעכער אַרבעטער־דיכטער,

איז געווען אַזוי נאָענט צו די נעשאָמעס פון די יוגנטלעכע אַרבעטער, ווי קיין אַנ־דער אידישער דיכטער. זיי האָבן אין אים געפילט אַ ברודער צום ליידן און געזען אין זיין קראַנקייט און פריצייטיקן טויט אַ טייל פון דעם שיקזאל, וואָס דערוואַרט דעם אָרעמען אַרבעטער אונטער דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַל.

זינט יענער צייט האָט זיך אַסאַך געענדערט די לאַגע פון אַרבעטער־קלאַס און זיין שטעלונג אין דער וועלט. דאָך באַוועגט אונז נאָך אויך היינט עדעלשטאַטס נאַאיוו אומגעקינסטלט ליד. דאָס ליד, וואָס קומט פון אַן ערנסט־אופריכטיק האַרץ, דרינגט אַריין אין מענטשלעכע הערצער און וועקט אין זיי אויף מיטלייד צום פאַר־פאָלגטן און אונטערדריקטן און מוט צום קאַמף פאַר זייער פרייהייט און דערלייזונג.

(„פריהייט", ניו-יאָרק, 1927).

פראַגן און אויפגאַבן.

1. פובליציסטישע עלעמענט אין עדעלשטאטס דיכטונג.
2. דער „טרערן-דיכטער" און דער רעוואָלוציאָנערער קריגער אין עדעלשטאַטס לידער.
3. פאַרגלייך עדעלשטאַטס ליד מיט דער ליד פון ראָזענפעלדן. (מאָטיוון, שפּראַך און ליד-געבוי).

די וויכטיקסטע ווערק:

שריפטן. — ניו־יאָרק.

XIX. ראָזענפעלד.

מאָריס (מוישע־יאַקאָוו) ראָזענפעלד — (1862—1923).

(ביאָגראַפיע)

1862 — דעם 28 דעקאַבר געבאָרן אין דאָרף באַקשא, סואוואלקער גוב. אין א אידישער פישער־פאַמיליע. שפּעטער האָבן זיך זיינע עלטערן אריבערגעצויגן קיין וואַרשע, וואו מ. ר. האָט געלערנט אין כיידער, אויסער טאַנאַך און געמאָרע האָט ראָזענפעלד אין דער יוגנט געלערנט אַביסל דייטש און פּויליש.

1882 — אויסגעוואנדערט קיין אַמסטערדאַם, וואו ער האָט זיך דריי מאָנאַטן באַשעפטיקט מיט דימענט־שלייפעריי, פון אַמסטערדאַם איז ער אוועק קיין אַמעריקע, פונדאָרט אין אַ קורצער צייט אַרום צוריק זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד.

1883 — אויסגעוואנדערט קיין לאָנדאָן. דאָרט געאַרבעט שניידעריי.

1886 — אריבערגעפאָרן קיין ניו־יאָרק, וואו ער האָט יאָרנלאַנג געאַרבעט אין די שוויץ־וואַרשטאַטן.

זיין ערשט געדרוקט גערדיכט איז געווען „דאָס יאָר 1886" אין דער „ניו־יאָרקער אידישער פאָלקס־צייטונג". נאָך דעם האָט ער פאַרעפנטלעכט א גרויסע צאָל לידער קימאַט אין אלע אידיש־אַמעריקאַנישע צייטונגען און זשורנאַלן. האָנאָראַר פאַר די לידער האָט מען זעלטן ווען געצאָלט. און מ. ראָזענפעלדס מאטעריעלע לאַגע איז געווען זייער א שווערע.

1888 — איז דערשינען זיין לידער־זאַמלונג „די גלאָקע".

1890 — „די בלומענקעטטע".

1897 — „דאָס לידער־בוך". דידאָזיקע זאַמלונג האָט צוגעצויגן די אופמערקזאַמקייט פון פראָפ. לעאָ ווינער, וואָס האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי ראָזענפעלדס לידער אין אן איינגלישער איבערזעצונג. די לידער האָבן געמאַכט א רושעם אין איינגלישע ליטעראַרישע קרייזן און זיינען וואַרעם אופגענומען געוואָרן דורך דער פּרעסע. אַדאַנק דעם איז ראָזענפעלדס מאַטעריעלע לאַגע געוואָרן בעסער, ער האָט פאַרלאָזן די שניידעריי און אָנגעהויבן אַרבעטן ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער זשורנאַליסט. שפּעטער זיינען אַסאַך פון מ. ראָזענפעלדס לידער איבערגעזעצט געוואָרן אף דייטש, טשעכיש, פּויליש און אַנדערע שפּראכן.

1923 — געשטאָרבן.

מאָריס ראָזענפעלדס אָנהייב.

(1861—1888)

נאָכדעם ווי מאָריס ראָזענפעלד איז אַרום דריטהאַלבן יאָר אָפּגעווען אין לאָנדאָן, איז ער אין 1886 צום צווייטן מאָל געקומען קיין אַמעריקע און זיך גענומען צו זיין אַלטער מעלאָכע—שניידעריי. אין יענער צייט האָט אין ניו־יאָרק אָנגעהויבן צו דערשיינען „די יודישע פאָלקסצייטונג", א האַלב סאָציאַליסטישע וואָכנשריפט, מיט א נאַציאָנאַליסטיש־מאַסקילישן אונטערשלאַק. דער לאָשן פון דער „פאָלקסצייטונג" איז געווען א צוזאַמענמיש פון אידישע, דייטשישע און איינגלישע ווערטער, יעדער שרייבער האָט געשריבן אזא מין אידיש, וואָס אים האָט זיך געגלוסט. אף דער ערשטער זייט פון ערשטן נומער געפינען מיר פאָלגנדיקע דערקלערונג א. נ. „א פּאָר ווערטער וועג דער שפּראַך": „דער יודישער זשאַרגאָן איז צוזאַמענגעזעצט פון ווערטער פון פערשיעדענע שפּראַכען. ער איז אָהן רעגעלען און אָן א גראַממער. מיר האַלטען פיר אונניטצליך אַריינצוברענגען אין אונזער צייטונג נאָר איין זשאַרגאָן. דאַרום זאָללען אונזערע ווערטהע לעזער זיך נישט ווינדערן, דאָס פאַרשיעדענע אַרטיקלען זאנען אויף פערשיעדענע זשאַרגאָנען געשריבען, מיר האַלטען נור פיר רעכט אַללע רוסישע ווערטער פון אונזער צייטונג ארויס צו ווארפען".

אין נום. 26 פון דער „יודישער פאָלקסצייטונג" איז געדרוקט געוואָרן דאָס ערשטע ליד פון מאָריס ראָזענפעלד—א העספּעד אפן יאָר, וואָס האָט זיך שוין געהאַלטן אין פאַרענדיקן. דער דיכטער שטראָפט זיין פאָלק, וואָס לאָזט זיך פאַרפירן פון פאַלשע לערער און וועמעס אויערן ס'בלייבן פאַרשטאָפּט פאר די ווערטער פון די, וואָס ווילן אים גוטס טון. דער דיכטער הייסט דעם פאָלק עפענען די אויגן און זען, אַז די, וואָס ריידן אים איין, אז זיי זיינען זיינע בעסטע פריינט, זיינען אינדערעמעסן זיינע גרעסטע סאָנים. פאַרוואָס איז עס אַזוי? דער דיכטער ענטפערט, ווי אן עמעסער מאַסקיל, אז די צאָרע איז, וואָס „אין וויג „פאַנאַטיזמוס" שלאָפסטו געשמאַק". די בעסטע רעפוּוּע צו אָט דער צאָרע—אַגיטירט ראָזענפעלד—איז די „סאָציאַלע אידייע" און אין א האָפערדיקן טאָן ענדיקט ער זיין ליד. דאָס ליד פאַרמאָגט ניט קיין שעמעך פון פּאָעזיע און ס'איז ניט מער ווי א געגראַמטע ווערסיע פון דער מאַמאָריסטיק, וואָס האָט אָנגעפילט די אידישע פרעסע אין יענער צייט.

ס'וועט אויך ניט שאטן צו באַמערקן, אז דעם דיכטערס נאָמען איז געדרוקט אונטערן ליד מיט לאַטיינישע בוכשטאַבן. דאָס איז געווען אַזא מאָדע בא א גרויסער צאָל אידישע שרייבער פון יענער עפּאָכע. ראָזענפעלד איז, ווי ס'ווייזט אויס, געווען איבערגליקלעך, וואָס זיין ליד איז געדרוקט געוואָרן. דאָס צווייטע ליד זיינס, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין נום. 28, איז געווידמעט „פיר די ניו־יאָרקער יודישע פאָלקסצייטונג", און, פּונקט ווי דאָס ערשטע ליד, איז דאָס אויך א שטיק סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע אין גראַמען און א לויב־געזאַנג צו דער וואָכנשריפט, וואָס האָט געפּריידיקט דעם סאָציאַליזם. דאָס דריטע ליד פון מאָריס ראָזענפעלד איז געדרוקט אין נום. 30 און הייסט „דאָס וויעגען־ליעד". דאָס ליד דאַרף געזונגען ווערן פון אַן אַרבעטער־פרוי, וואָס דערציילט איר קינד וועגן דעם אונטערדריקטן מענטשן און זיין קאַמף מיט די סאָנים פון אַרבעטער־קלאַס. די מוטער אייצעט איר קינד, אַז ווען ס'וועט אונטערוואקסן, זאָל עס גוט באטראַכטן ווי אין אונזער וועלטל „שלעכט איז נאָר דעם גערעכטן, ער לײדט אָן מאָס" א. אז. וו. ווייטער דערציילט זיך וועגן

די אַלע צאָרעס און פּוראַניעס, וואָס דער אָרעמאַן און אַרבעטער האָט אויסצושטיין פונם „וויגעלע ביזן קייווער" און דערפאַר זיפצט די מאַמע:

הער מיין קינד מיט א ריינעם זינען,
אַלץ וואָס איך דיר זאָג,
דו וועסט דורכדעם פיל נוץ געפינען
ערבע, וואָס איך פערמאָג.
פון סאָציאַליזמוס די אידייע,
דאָס זאָל דיין ערבטייל זיין,
נור לערן גוט און פארשטיי,
דאָס פאַרמעגן מיין.

אין אַסאַך סטראָפעס פון אָט דעם ליד וואַרפן זיך דורך פיינע פּאָעטישע שורעס, וואָס האָבן שפּעטער א טיקן באַקומען אין זיין פּאָעמע „מיין אינגעלע". דאָס „וויגען־ליעד" איז בעסער, אין אַלע פּראַטים, פון די פריערדיקע צוויי לידער; אונטער דעמ־דאָזיקן ליד האָט דער דיכטער זיך שוין אונטערגעשריבן מיט אידישע אויסיעס. דאָס „וויעגען־ליעד", איז דאָס לעצטע, וואָס ראָזענפעלד האָט געדרוקט אין דער „פּאָלקס־צייטונג". פאַרוואָס ער האָט זיך דאָרטן מער ניט באַטייליקט — ווייסט מען ניט.

אין יאָר 1888 האָט מאָריס ראָזענפעלד אָנגעהויבן שיקן לידער אין לאָנדאָנער „אַרבעטער־פריינד". דאָס ערשטע ליד זיינס, וואָס איז דאָרטן פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָט געטראָגן דעם נאָמען „דער וועקער דער פרייהייט", א ליד, וואָס האָט זיך מיט גאָרניט ניט אויסגעצייכנט און איז געווען ניט מער ווי א אימיטאַציע פון די אַנ־דערע „פּאָעטישע שאַפונגען", וואָס זיינען געדרוקט געווען אין דער דעמאָלט־באַרימ־טער צייטשריפט. אָבער צווישן די לידער, וואָס מאָריס ראָזענפעלד האָט געדרוקט אין „אַרבעטער־פריינד", איז פאַראַן א קליינע צאָל, וואו ס'ווייזן זיך שוין סימאָנים פון דעם שפּעטערדיקן מאַיסטער פון פערז און דיכטער פון גאַל און האס. מאַכט א פאַרגלייך צווישן זיין ליד „די רעוואָלוציאָן" און די שפּעטערדיקע קאַמף־לידער און איר וועט זען, אַז אויך דאָ הערט זיך שוין זיין דונערדיקער קאָל: „נאַקעט, באָרוועס, בלייך און דאַר, קנירשענד די ציין, צעוואָרפן די האָר, עס קאָכט דאָס האַרץ, ס'פינק־לען די אויגן, הויך פלאַטערט די רויטע פאָן, באַוואָפנט פעסט מיט פייל און בויגן גייט צום קאַמף דער אַרבעטסמאַן! עס ראַשט און שטורעמט, עס קאָכט די ערד, עס שטייגט דער קאַמף, עס בליצט די שווערד, פּאָרויס, מוטיק די יונגע טרעטן, פרויען און אַלטע פאָלגן נאָך—הורראַ. עס ברעכט די שקלאַפן־קייטן, הורראַ! עס שווינדעט דרוק און יאָך".

אַלע לידער, וואָס ראָזענפעלד האָט געדרוקט אין „אַרבעטער־פריינד", זיינען גע־ווען סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע־לידער, אַנדערע מאָטיוון האָבן דעמאָלט סיי דעם דיכ־טער און סיי דעם לעזער ניט אינטערעסירט. פון די אַגיטאַציע־לידער האָט, ווייזט אויס, דעם שטאַרקסטן איינדרוק געמאַכט אף די לעזער זיין סאַטירע „ראַבינער און מאַשינער", אַזוי אז אויך די „אַמעריקאַנער גענאָסן" האָבן דאָס ליד אופגעכאַפּט און מע האָט עס דעקלאַמירט אף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען בא פארשיידענע געלעגנהייטן. ראָזענפעלדס מיטאַרבעטערשאַפט אין „אַרבעטער־פריינד" האָט אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 1889. דאָס ליד „מיין רעכטע האַנט" איז געווען דאָס לעצטע, וואָס ער האָט דאָרטן פאַרעפנטלעכט.

אין יאָר 1888 איז דערשינען מאָריס ראָזענפעלדס ערשטער לידער־זאַמלונג א. נ. „דיא גלאָקקע". דאָס ביכל באַשטייט פון 68 זייטן און אנטהאַלט 28 לידער, פון

וועלכע איינס געהערט צו דעם אנאָנימען י. מ. כוץ לידער, וואָס ראָזענפעלד האָט געדרוקט אין דער „פאָלקסצייטונג“ און א טייל פון די, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין „אַרבעטער־פריינד“, גייען אַריין אין דער „גלאָקקע“, אויך אַזוינע, וואָס זיינען פריער נאָך אין ערגעץ ניט געדרוקט געוואָרן. דידאָזיקע לידער־זאַמלונג הייבט זיך אָן מיט א בימקוים־האַקדאָמע־ליד א. נ. „צו זיך אַליין“, אין וועלכן דער דיכטער גיט איבער א שמועס מיט זיין „הערץ“. דער דיכטער קלאָגט זיך, אז מע וועט אים אויסלאַכן, ווען ער וועט צווישן די „רויבער און קאַפּיטאַליסטן“ פריידיקן יושער און מענטשלעכקייט, און פונקט ווי מוישע באַם סינאַי, בעט ער זיך ניט צו מאכן אים פארן שאָליעך, וואָס זאָל „דערציילן זיי פון ציווילי־זאציאָן“, „פון מענטשלעכע רעכטע“. דאָס האַרץ אָבער הערט ניט אוף צו שטורעמען און דער דיכטער מוז זיך אונטערגעבן.

דאָס בעסטע און שענסטע ליד אין דער „גלאָקקע“ איז די פּאָעמע „באַנאַכט אפן ברוקלין־בריק“. דאָס דאָזיקע ליד פארמאָגט עטלעכע עמעסדיקע פּאָעטישע שטעלן, ווי די שילדערונג פון באַנאַכטיקן ברויזן פון יאַם, אָדער דאָס בילד, וואו די סקעלעטן פון די אומגעקומענע באַם בויען די בריק נעמען זיך צונויף און הייבן אָן זייער אומעטיקן געזאַנג. אַזעלכע פיינע שטעלן זיינען פאראן אין אַסאַך לידער ראָזענפעלדס, אָבער זיי ווערן דערטרונקען אין טענדענציעס.

מאַכט מען א פארגלייך צווישן ראָזענפעלדן און אַנדערע, וואָס האָבן געשריבן לידער אין יענער צייט, זעט מען ווי שטאַרק ער האָט זיך אָפּגעשיידט פון זיי. יענע האָבן געשריבן נאָר פּראָקלאמאַציעס אין גראַמען, ראָזענפעלד האָט זיך שוין פאַרגינען צו געבן אַמאָל אַ ביסעלע שטימונג, א וויכן, האַרציקן טאָן—א זאַך, וואָס אין יענער צייט איז זי נאָך גאָרניט געווען בעניִמצע אין דער אַמעריקאַניש־אידישער דיכטונג. א צאָל פון די לידער, וואָס געפינען זיך אין דער „גלאָקקע“, שילדערן דעם אַמעריקאַניש־אידישן אַרבעטער־לעבן אין די אַכציקער יאָרן. אָט די לידער גייען אריין אין דער אָפּטיילונג א. נ. „לעבענס־בילדער“.

ראָזענפעלדס לידער פון יענער צייט ליידן זייער שטאַרק פון די „טייטשמעריזמען“, פון וועלכע ער האָט זיך אויך שפּעטער ניט אינגאַנצן באפרייט. אין אַסאַך פון די לידער מערקט זיך שוין ראָזענפעלד דער סאַטיריקער, אָבער ס׳איז ניט מער ווי אן אָנדייט, ערשט אין זיין צווייטן בוך א. נ. „די בלומענקעטטע“, וואָס איז דערשינען אין 1890, ווייזט זיך בוילעט אַרויס דער שפּעטערדיקער ראָזענפעלד, און ס׳איז מאַמעש א וואונדער ווי אזוי שנעל ער האָט זיך איבערגעביטן אין די צוויי יאָר צייט (1888—1890). „די בלומענקעטטע“ עפנט א נייעם פעריאָד אין מאָריס ראָזענפעלדס דיכטערישן לעבן.

(„פנקס“, ניו־יאָרק 1927).

ש. ניגער.

ענטוזיאזם און דראמאַטיזם אין מ. ראָזענפעלדס לידער.— מ. ראָזענפעלדס רעדנערישער סטיל.—נאַטור און ליבע בא ראָזענפעלדן.

דער געפיל, וואָס מאַכט זיך אונטערטעניק אי דעם סייכל, אי די פאַנטאַזיע פונם דיכטער און לאָזט זיי ניט באַגרענעצן זיין מאַכט און זיין הערשאַפט, אָט די שעפע פון זיך אינגאַנצן אָפּגעבענדיקן געפיל איז דאָס, וואָס צייכנט אויס די מיינסטע בעסערע לידער ראָזענפעלדס און גיט זיי דעם כאַראַקטער פון אַ נאַטור־דערשיינונג.

געשמאַק, קולטור, דאָס, וואָס מע רופט אָן מאָס, טאַקט, איז בײַ אײניקע אַנדערע אידישע ליריקער פֿאַראַן מער געוויס ווי בײַ ראָזענפעלדן; אָבער טעמפּעראַמענט — ניטאָ אַזויפֿיל, ווי בײַ אים. אַז מיר ריידן וועגן געפֿיל בײַ ראָזענפעלדן, מיינען מיר טאַקע ניט סטאַם געפֿיל, נאָר אַלץ דעם עקספּלאָדיוון געפֿיל, דעם, וואָס שטופּט זיך אַרויס אַף דרויסן, וואָס לאָזט זיך הערן. אַזוי ווי מענטשן ביכלאַל, זיינען אויך פֿאַראַן פּאָעטן שטילע און רוישיקע. ראָזענפעלד איז דער רוישיקסטער, דער ענטוזיאַסטישער פֿון אַלע אידישע ליריקער („דער ענטוזיאַזם ליגט מיר אין די ביינער", זאָגט ער ערגעץ אין זיין פּראָזע וועגן זיך אַליין). ער האָט, עמעס, אָנגעשריבן עטלעכע לידער („מיין אינגעלע"), וואָס זיינען וואונדערלעך שטיל און צאַרט; אָבער דאָס זיינען נאָר איינציקע געניאַלע נעשאָמע־צושטאַנדן, ניט דער גייסטיקער סטאַטוס־קוואָ פֿון אונזער דיכטער. געוויינטלעך אַז מיר לייענען פֿאַר די לידער ראָזענפעלדס, הייבן מיר אויף ניט ווילנדיק די שטים, און אָפּטמאָל מערקן מיר ניט אַליין, ווי פֿון אונזער האַנט איז געוואָרן א פֿויסט... אין ראָזענפעלדס ליריק איז פֿאַראַן עפּעס ד ר אַ מ אַ ט י ש ע ס (זיינע שלעכטע לידער אָבער זיינען בלויז ט ע אַ ט ר אַ ל י ש).

ראָזענפעלד איז א געוויסע צייט אומגעפֿאָרן איבער שטעט און שטעטלעך און האָט פֿאָרגעלייענט זיינע לידער פֿארן אוילעם. דאָס האָט מער ווי א ריין־ביאָגראַפֿישן ווערט: אין דער גאַנצער פּאָעזיע ראָזענפעלדס, אַפֿילע אין דעם בעסטן טייל אירן, איז פֿאַראַן עפּעס דעקלאַמאַטאָרישס.

בא פֿאַסיקע באַדינגונגען וואָלט ראָזענפעלד געשריבן נאָר הימנען, אָדעס און מאַרשן. אָבער אויך איצט האָט ער אָנגעשריבן עטלעכע פֿ י י ע ר ל ע כ ע זאַכן, וואָס זיינען אים זייער געלונגען, ווי, צום ביישפּיל, „אָפּן בוזעם פֿון יאַם", „איעוו", „מאַטן־טוירע"... איך וואָלט זיינע לידער איינגעטיילט אין צוויי טיילן: אין אַזוינע (ניט פֿולע), וואָס מע קאָן און מע דאַרף זיי לייענען אינדערהיים, אין דער שטיל, און אַזעלכע, וואָס ניט לייענען דאַרף מען זיי, נאָר ה ע ר ן, ווי מע לייענט זיי פֿון אן עסטראַדע אַראָפּ, צווישן א רוישיקן, טויזנטקעפּיקן אוילעם: ערשט דאַן אַנטפּלעקט זיך די קראַפֿט זייערע, ערשט דאַן פֿילט מען אַ טאַם אין זיי. עס ווערן דאַן קענטיקער, שרייענדיקער די גראָבקייטן פֿון דער שפּראַך, אָבער אויך איר ענערגישקייט ווערט קענטיקער.

די ענערגישקייט פֿון ראָזענפעלדס לאָשן קאָן ניט יעדערער סיוול זיין, אַזוי ווי ביכלאַל קאָן ניט יעדן געפֿעלן פּאָעזיע, וואו דעם דיכטערס געפֿיל אַנטפּלעקט זיך אין זיין גאַנצער הייסער נאַקעטקייט. אָבער אַפֿילע די, וואָס ליבן ש ט י ל ע קונסט און וואָס דערפֿאַר קאָנען זיי נאָר אַ קליינעם טייל פֿון ראָזענפעלדס לידער געניסן, אַפֿילע די, וועלן ניט זאָגן, אַז די רוישיקע, שטורעמדיקע לידער ראָזענפעלדס זיינען פֿאַלשע, געמאַכטע, געמאַטערטע. צווישן זיינע ש ט י ל ע, קילע לידער זיינען פֿאַראַן אַסאַך מער אויסגעטראַכטע, געמאַכטע זאַכן. ווער עס זוכט די שענסטע ל י ד ראָזענפעלדס, וועט ער עס געפֿינען אַף די פּאָר זייטלעך, וואו עס שטייט אָפּגעדרוקט „מיין אינגעלע", זוכט אָבער ווער די א י נ ד י ווי י ד ו אַ ל י ט ע ט, דעם א י ך ראָזענפעלדס, דער וועט זי געפֿינען ניט אין דער צאַרטער ליד, וואָס איז געוואָרן שוין לאַנג א פֿאָלקס־ליד, נאָר אין אַזוינע פֿלעבייאיש־גראָבע, אָבער אויך פֿלעבייאיש־מעכטיקע לידער, ווי, אשטייגער, „איך סטרייק" אָדער „דער לייב".

מ'דאַרף גאָרניט האָבן קיין באַזונדערס פֿיינעם געשמאַק, קעדיי צו פֿילן, אַז די ליד „דער לייב" קומט ניט צו „מיין אינגעלע". ניט בלויז דערפֿאַר, ווייל „מיין אינגעלע" איז מוזיקאַלישער און ווייל דאָרט זיינען אויסגעדריקט איידעלערע, צאַרטערע און אויך

באַדייטנדערע געפילן, ווי דאָ; נאָר ווייל ריין קינסטלעריש און פסיכאָלאָגיש גענוי־מען, איז יענע זאַך ניט אין ערעך פולקומענער ווי די. דאָרט איז דער טאַטע א טאַטע, און דאָס קינד — א קינד, זיי שוועבן אונז פאר די אויגן, ווי לעבעדיקע. דעם לייב אָבער, דעם וואַלד־אַריסטאָקראַט, וואָלטן מיר וועלן אונז פאָרשטעלן, כאָטש ער איז נאָר א מאָשל צום שאָפ־פּראָלעטאַריער, אַביסעלע פּאָרנעמער; מיר וואָלטן וועלן אים זען איינגעהאַלטן־שטאָלץ, ניט אַזעסדיק־צעקאָכט, ווי ער איז דאָ אין ליד בא ראָזענפעלדן; מיר וואָלטן וועלן ניט הערן פון אים אזאַ ניט גאַנץ קלוגן אויסגעשריי, ווי „ניט האַלט מיך פאר א שויטע" אוכעדוימע. פונדעסטוועגן איז „דער לייב", כאָטש ס׳איז ווייניקער פולקומען, מער כאַראַקטעריסטיש פאר ראָזענפעלדן, ווי „מיין אינגעלע".

נאָך מער: ווייל ס׳איז ווייניקער פולקומען, איז עס דערפאַר מער כאַראַקטעריסטיש פאר ראָזענפעלדס פּאָעטישן טעמפּעראַמענט. ס׳זעט אויס, ווי א פּאַראַדאָקס, ס׳איז אָבער אזוי. צו ראָזענפעלדס פּאָעטישן סטיל פּאַסט א געוויסע פּאָעטישע און סטיליסטישע אומפולקאָמענהייט. „פּאַסט" — מיינען מיר: ס׳מוז אַזוי זיין, אַנדערש קאָן ניט זיין. דער רעדנער, דער וואָס רעדט צו אַן אוילעם, צו א פילקעפּיקער מאַסע, ניט צו א יאָכיד, גיט ניט אַכטונג אף יעדן איינציקן וואָרט, וואָס ער רעדט אַרויס; פאר אים איז וויכטיק ניט יעדער וואָרט באַזונדער, נאָר דער אַלגעמיינער ריטם, דער אַלגעמיינער איינדרוק פון זיין רעדן, — ניט יעדער וואָרט באַזונדער, נאָר איין וואָרט, יענער, וואָס אף אים שטייט די טראָפּ, יענער, וואָס ווערט אויסגעשריען — און אויסגעהערט. דער רעדנער וויל ניט, ווי א קונסט־ווערק, באַרואיקן, נאָר, פאַרקערט, אופרודערן דעם אוילעם, און ווייל זיין צוועק איז דער איינדרוק, ניט דער אויסדרוק פון זיינע געפילן און געדאַנקען, זאָרגט ער דערפאַר ניט פאר דער ריכטיקייט אָדער גענויאיקייט פון די איינציקע ווערטער, ער זעט נאָר, זיי זאָלן זיין וואָס שאַרפער, וואָס שטאַרקער... און דאָס ווילן אויך די פּאָעטן פון ראָזענפעלדס שניט, ווייל אויך זיי זיינען רעדנער אין א געוויסן זין, אויך זיי האָבן פאר די אויגן שטענדיק א מאַסע, ניט קיין יאָכיד, וואָס הערט זיך צו צו יעדן וואָרט, וואָס מ׳זאָגט אים, אויך זיי הערן, ווען זיי דיכטן, ווי „מיליאָנען הערצער שלאָגן"...

ראָזענפעלד ווירקט אף אונז ניט דורך בילדער און געשטאַלטן, וואָס ווערן געשאַפן געוויינלעך מיט דער הילף פון דער קינסטלערישער פאַנטאַזיע: די בילדער און געשטאַלטן זיינען בא אים זייער אַבסטראַקט, צעשוואומען (דאָס האָט אויך א שאַיכעס, קאָן זיין, צום רעדנערישן כאַראַקטער פון זיין פּאָעזיע). ער ווירקט אף אונז נאָר דורך דעם אומיטלבאַרן געפיל, וואָס ער לעבט אַליין איבער און וואָס ער שטעקט אונז אָן מיט אים. אַפילע אין „מיין אינגעלע", וואו, דאַכט זיך, דאָס בילד אַליין, די צעצעם דערציילונג, ווי דער טאַטע זעט קיינמאָל ניט זיין קינד, ווען עס וואַרט, האָט געקאָנט אף אונז מאַכן א רוישעם, אַפילע דאָרט פאַרשטאַרקט ראָזענפעלד דעם איינדרוק דורכדעם, וואָס ער סוגערירט אונז קעסיידער זיינע אייגענע געפילן.

אַז אים איז ניט גוט אפן האַרצן, וויינט ער גאָר פּאָשעט. ער שטיקט ניט דעם ווייטיק אינעווייניק. ער באַפרייט זיך פון אים דורך טרערן. אַז מ׳זאָל איבערציילן אף טשיקאַוועס, וויפל מאָל טרערן, „ביטערע טרערן, זודיקע טרערן", „טרערן אָן אַ מאָס", גיסן זיך פון דעם פּאָעטס אויגן נאָר אף די ערשטע זייטלעך פון דעם ערשטן באַנד פון זיינע „שריפטן", וועט מען זען, אַז ער איז טאַקע אינדערעמעסן א „טרערן־מיליאָנער"... ער איז אָבער ניט קיין געפיל־מיליאָנער, ער האָט שטאַרקע,

אָבער ניט קיין פּאַרשיידענע געפילן. געשריבן האָט ער, עמעס, וועגן אַלץ אין דער וועלט: וועגן מענטשן און נאַטור, פרייהייט און ליבע, אַרבעטער און אידיש־קייט, היינע און לינקאָלן, באַזעל און ירושלים, וועגן גאָט — און וועגן וואָס ניט? איר געפינט באַ אים אַלע מעגלעכע מאָטיוון: סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע, פאָלקסטימלעכע און נעוויאישע, אָט זינגט ער נאָך ר' יעהודאַ הלוי און אָט — גאָלדפאַדענען און עליאָקום צונזער, אָט איז ער א פאַרברענטער נאַציאָנאַליסט, א ראָמאַנטיקער („דאָרט אַהין ציט עס מיך, דאָרט נאָר אַהין, דאָרטן נאָך ציען, אָט וואו נאָר איך בין!"), קימאַט פרוג, און אָט צעשרייט ער זיך מיט מיעסע ווערטער, ווי א מאַסקיל און אַפיקורעס אף דער „מיקווע קשיירע" און אף כסידים... דאָס איז אָבער נאָר א רייכקייט אין טעמעס, ניט אין געפילן, פון דערדאָזיקער רייכקייט וואָלט געקאָנט עפּעס ארויסקומען בא א דיכטער, וואָס וויס דעם סאָד צו געבן שטיקער קונסט, אויך ווען דאָס זיינען ניט קיין שטיקער האַרץ און נעשאָמע, אָבער ניט באַ ראָזענפעלדן. באַ ראָזענפעלדן איז א ליד לעבעדיק נאָר, ווען דער געפיל, וואָס ער לעבט איבער, שרייבנדיק זי, איז א לעבעדיקער. און אויב בא אים זיינען פאַראַן אַסאַך טויטע לידער, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט געפילן אסאַך טויטע.

אַזוי, צום ביישפיל, איז שוואַך, טויט קימאַט, זיין ליבע־געפיל (זיין האַס־געפיל איז ניט אן ערעך לעבעדיקער). צווישן זיינע פיל ליבע־לידער איז פאַראַן עפּשער איינע אָדער צווי, וואו ס'אָטעמט דער אָטעם פון אַן עמעסער איבערלעבונג, די איבעריקע זיינען טיילווייס (די בעסערע) היינעס, טיילווייס (די ערגערע) מעליצע.

אין אַ טייל פון די נאַטור־לידער איז פאַראַן שוין מער געפיל, מער כיעס; אויך דאָ זיינען די איינציקע בילדער און פארגלייכענישן שטענדיק קימאַט אַלגעמיינע און אָפּט מעליצעדיקע, דערפאר אָבער גיט זיך דאָ ראָזענפעלדן איין אַמאָל אין די בעסערע זאַכן אויסצודריקן דאָס מאַיעסטעטישע, דאָס פייערלעכע, דאָס פּאַטעטישע, וואָס אין דער נאַטור.

אויך צווישן די נאַטור־לידער ראָזענפעלדס זיינען פאַראַן אַזוינע, וואָס ריידן — און זאָגן גאָרניט, אַזוי ווי די ליבע־לידער, כאָטש פאר דער מאַמע־נאַטור האָט ער, ווי ס'ווייזט אויס, מער געפיל, ווי פאר איר טאָכטער־ליבע... געפילן זיינען, ווי אַלץ, וואָס מענטשלעך איז, ניט אייביק. נאָך מער: וואָס שטאַרקער, וואָס אינטענסיווער אַ געפיל איז, אַלץ גיכער גייט אויס זיין ענערגיע. ראָזענפעלדס פּאָעזיע איז דער בעסטער ביישפיל דערפאַר.

דאַרף מען שטאַרקערע און עכטערע געפילן, ווי די, וואָס זיינען אויסגעגאָסן געוואָרן אין די ערשטע אַרבעטער־ און פרייהייט־לידער ראָזענפעלדס? פונדעסטוועגן האָבן אויך זיי אַפילע לאַנג ניט געדויערט. וואָס ווייטער אַלץ קילער זיינען זיי געוואָרן.

די ליידן פון „שאַפּ" האָבן אופגעהערט צו זיין פארן פּאָעט איי גענע ליידן. ער האָט גענומען די פען אין האַנט אנשטאָט דער שער.

דיכטער, וואָס זינגן אלץ פון געפיל, דיכטער ווי ראָזענפעלד, מוזן אליין איבערלעבן, אליין פון דער אייגענער דערפאַרונג קענען דאָס, וואָס זיי שילדערן, דאָס, וואָס זיי ווילן אונז סוגעסטיוו איבערגעבן. אין איינער פון זיינע שפּעטערדיקע לידער, דערציילט אונז דער פּאָעט (און מיר גלויבן אים), אז ער איז געבליבן געטריי דער טראַדיציע פון זיין „שאַפּ־מוזע".

דאָך זעען מיר באשיימפערלעך, אז אזוי שטאַרק און טיף, ווי דעמאָלט, איז שוין דער קאַס און דער ראַכמאָנעס אין אים ניט. דער „לאַטוטים"־ראָזענפעלד האָט געשאפן

עכטערע און מעכטיקערע סאָציאַלע לידער, ווי ראָזענפעלד דער שרייבער. די „לאַ־טוטיס״־לידער זיינען געווען פערזענלעכע און נאָר אונז זעען זיי אויס ווי סאָציאַלע. דערפאַר איז געווען אין זיי געפיל, ניט נאָר מיטגעפיל. געפיל און זעלבסטגעפיל איז דער איינציקער לעבעדיקער קוואַל פון ראָזענפעלדס פּאָעזיע.

ער איז פּאַטעטיש, וואו אים פעלט דער עמעסער פּאַטאָס; וואו ער פעלט אים ניט, איז ער פייערלעך און פייערדיק, רעדנעריש און דראַמאַטיש... ער איז דער פּאָעט פונם אויסרופצייכן...

(זשורנאַל „די אידישע וועלט״,
ווילנע, 1913).

מ. אָלגין.

ראָזענפעלד — דער ליריקער פון עלעמענטארע געפילן. — ראָזענפעלדס שפּראַך. — ראָזענפעלדס ארבעטער־ליד.

אין ראָזענפעלדס לידער זעען מיר מערסטנס סימפּלע (פּאָשעטע), עלעמענטאַרע געפילן. זיי האָבן ניט קיין אויבערטענער, זיי האָבן ניט קיין שאַטירונגען, זיי זיינען מוירעדיק נאַקעט, און אין זייער נאַקעטקייט זיינען זיי וואולגאַר.

ראָזענפעלד איז באַקאַנט מער פון אַלצדינג מיט זיינע אַרבעט־לידער. קוקט איר זיך צו צו זיי נעענטער, געפינט איר אין זיי נאָר דעם אויסדרוק פון סימפּלע געפילן.

דער בלייכער אָפּערייטאָר, וועלכער זיצט באַ דער מאַשין, איז ניט מער ווי אַ מידער מענטש. דער לוין־שקלאַף, וועלכער קלאָגט זיך, אַז ער האָט ניט קיין רו, ער זעט ניט קיין ביימער, ער ווייסט ניט פון באָדן זיך, ער האָט ניט קיין ווייסע העמד, ער קען זיך ניט אָפּקילן אין שאָטן פון אַ וואַלד („פאַרצווייפלונג״), איז נאָך אויך ניט אַרויסגעגאַנגען פונם געדער פון עלעמענטאַרע געפילן. און אַז דערזעלביקער אָפּערייטאָר נעמט טראַכטן, וואָס וועלן טון ווייב און קינד, ווען ער וועט שטאַרבן („אין שאַפּ און אינדערהיים״), און ווען ער גייט שפּאַצירן מיטן אינגעלע און ליידט, ווייל ער קען אים ניט קויפן קיין פרוכט און קיין שפּילעכלעך („מיט מיין קינד״), און ווען ער ווערט קראַנק שפּעטער מיט יאָרן און זיין טאָכטערל ברענגט די ערשטע אַליין־פאַרדינטע ווידזשעס, — זיינען דאָס נאָך אַלץ דיזעלביקע סימפּלע געפילן, וואו עס האָט נאָך ניט אַ שיין געטון די לעבעדיקע, מענטשלעכע נעשאָמע אין איר גאַנצער פאַרשיידנקייט, אין איר גאַנצן רייכטום.

מאָלט מען דאָס עלעמענטאַרע, איז שוין זעלבספאַרשטענדלעך, אַז ס'קען ניט זיין קיין גרויסער אויסוואַל אין שטאָף און אַז דיזעלביקע זאַך קומט אויס איבערצוכאַזערן עטלעכע מאָל. געפינט איר טאַקע, אַז דעם אַרבעטערס נויט, מידקייט, אָרמעגלעכקייט צו געניסן דאָס לעבן ווערט באַ ראָזענפעלדן באַהאַנדלט אין צענדליקער לידער — און דערביי קומען קימאַט ניט צו קיין נייע שטריכן. עס ווערט נאָר איבערגעקייט דאָסזעלביקע מיט אַנדערע — אָפּטמאָל מיט ענלעכע — ווערטער.

און אַזוי איז אויך מיט די קאַמף־מאָטיוון. עס איז אזוי פּאָשעט, אזוי אָדעמנאַקעט די עמפּינדונג פון האַס צום רייכן, וועלכער לעבט פון מיין פראַצע. און עס איז אַזוי עלעמענטאַר דער אַנטשלוס צו פאַרייניקן זיך מיט די איבעריקע ארבעטער,

קעדיי אָנצולערנען דעם „באָס”. פאַר יעדן אַרבעטער באַזונדער איז עפשער געווען שווער צו דערטראַכטן זיך צו אָט דעם איינפאַכן געדאַנק. היסטאָריש איז דאָס עפּשער געווען איינע פון די וויכטיקסטע דערווערבונגען אינם מענטשנס פסיכיק. אָבער מיר, די היינטיקע לעזער, ווייסן דאָך שוין דאָס אַלץ! און אַפילע דער מיטלמעסיקער אַרבעטער וועט דאָ געפינען ווייניקער, ווי ער אַליין האָט איבערגעלעבט.

די גאַנצע רייכע פילפאַרביקע וועלט פון אינעווייניקסטע און אויסווייניקסטע קאָנפליקטן, די גרויסע שטורעמס, וואָס טראָגן זיך דורך אין דעם מענטשנס נעשאָמע, די שטילע געזאַנגען, די שעמעוודיקע האָפענונג, די פינצטערע פאַרצווייפלונג — דאָס אַלץ, וואָס עס שפילט זיך אָפּ אינם אַרבעטער מיט טויזנטער שאַטירונגען בעשאַס ער קעמפט פאַר אַ בעסער לעבן — דאָס אַלץ פעלט אין ראָזענפעלדס לידער. דעריבער פעלט אויך דער אינדיווידואום, דער באַזונדערער מענטש, דעריבער זיינען אַלע זיינע שניידער און שוסטער ענלעך איינער צום צווייטן.

און דאָס אייגענע אויך אַף אַלע אַנדערע געביטן.

ראָזענפעלד איז ניט נאָר אַ דיכטער פון אַרבעט, נאָר אויך פון נאַציאָנאַלע געפילן.

און וואָס זעען מיר באַ ראָזענפעלדן? דערזעלביקער סימפּליציזם, דיזעלביקע מעגושעמדיקע ניט אינדיווידואַליזירטע עלעמענטאַרע געפילן.

די טיפסטע מאַדרייגע פון סימפּליציזם דערגרייכט ראָזענפעלד אין זיינע ליבעלידער. דאָ, וואו דיכטער וויקלען געוויינלעך פאַנאַנדער זייער גאַנצע פאַרבן־פּראַכט, דערשיינט ער פאַר אונז אין אַזאַ נאַקעטקייט, אַז עס כאַפּט אונז אָן אַ שוידער. יעדער פון די פאַרשיידנאַרטיקע ליבע־געפילן האָט ער פאַרשטאַנען אַזוי אָפּצושיילן, באַראַבעווען, אַרויסשטעלן אין זיין אורשפּרינגלעכער גראָבקייט, אַז איר שפּירט אייניקע פון זיינע לידער ווי אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג.

דאָס טראַגישע דערביי איז, וואָס ער מיינט דאָך אַלץ ערנסט און וואָס ער פילט טאַקע אַזוי. יאָ, ער פילט. דאָס שפּירט איר פון צווישן די הינקענדיקע, אומגעלומפּערטע שורעס. אָבער אַזאַ סאָרט פילן איז דאָס, אַז עס שאָקירט אייך, אַז איר ווילט אַנטלויפן, אַז מיט יעדער נייער ליבע־ליד וואַקסט דער פּראָטעסט אין אייך.

ווען ראָזענפעלד פּרוּווט זיך אופהייבן אַביסל העכער, פּרוּווט זיך אַ לאָז טון אין אַ וועלט פון קאָמפּליצירטע געפילן, דאָ באַקומט זיך אַן אומדערטרעגלעכער דיסאָנאַנס, אַ שרעקלעכער ריס צווישן אינהאַלט און פאָרם. איר לייענט און עס מאַכט אַף אייך דעמזעלביקן איינדרוק, ווי עמעצער וואָלט דערציילט אַ פריילעכע זאַך מיט אַן אומעטיקן ניגן, אָדער ווי אַ באַדכן וואָלט מיט אַלע באַדכנשע קונצן געמאַכט אַ העספּעד איבער אַ טויטן.

איין מאַילע האָט אָבער איצט אויך מאָריס ראָזענפעלד: ער נעמט שטענדיק אַ געוויסע קאָנקרעטע טעמע צו באַהאַנדלען. ער האָט נישקאָשעדיקע איינפאַלן, ער האָט שטענדיק אַ קלאָרן פּלאַן. און די טעמע, דער פּלאַן, דער אינהאַלט פון דעם, וואָס ער וויל זאָגן, איז פאַרשטענדלעך פאַר דעם מאַסן־מענטשן.

———

מאָריס ראָזענפעלד איז געווען איינער פון די ערשטע פּראָפעסיאָנעלע אידישע דיכטער. אין אַ צייט, ווען די מאַסן האָבן נאָר געקענט באַדכאָנים און פּורים־שפּילער, ווען אַפילע דאָס וואָרט „דיכטער” האָט געקלונגען פרעמד און ווילד פאַר דעם דורכשניטלעכן אידן, האָט ראָזענפעלד אַוועקגעלייגט זיין שער און אייזן און אָפּגעגעבן זיין לעבן דער לידער־שרייבעריי. ער האָט געליטן, ער האָט געהונגערט. ער האָט

געאַרבעט אין רעדאַקציעס פאַר צעבראָכענע גראָשנס, ער האָט געגראַמט פעליע־טאָנען, אָבער ער האָט דערביי געהאַלטן הויך די פאָן פון דיכטונג. ער האָט מיל־כאָמע געהאַלטן פאַר זיין פּראָפעסיע. ער האָט דורך זיין פּאָפּולאַריטעט געוואונען אַ פלאַץ פאַר די, וואָס זיינען געקומען נאָך אים — — —

ראָזענפעלד איז געווען אַ מאַיסטער פאַר אידיש. ער איז נישט נאָר געווען איי־נער פון די ערשטע, וואָס האָבן געהאַמערט און געקנאָטן און געפיילט און געפּר־רעמט מיט די ווילד־פלייש באַוואקסענע פאָלקס־שפּראַך, נאָר ער האָט פון איר געמאַכט אַ קיילע. ער איז עפשער געווען דער ערשטער קראַפטפולער אידישער דיכ־טער. בעשאַס פרוג האָט די שפּראַך פאַרווייכט און פאַרצערטלט — נישט אָן דעם איינפלוס פון דעם ווייגעדיקן נאַדסאָנען — האָט ראָזענפעלד אַריינגעגעבן אייזן אין זיינע שורעס; בעשאַס פרוג האָט זיך מער געקימערט וועגן דער זילבעדיקייט פונם פערד־קלאַנג, איז ראָזענפעלד געפאָרן מיט ברייטע, שווערע רעדער אָדער געסווי־שטשעט מיט בייטשן.

ראָזענפעלד האָט זיך באַרימט געמאַכט דורך די שאַפּ־לידער, וואָס לויט זייער קונסט־ווערק זיינען זיי פון די שוואַכסטע. ראָזענפעלד איז דאָ געווען נישט אזוי אַ דיכטער, ווי אַ קלאָגער, נישט אַזוי אַ סאָציאַלער רעוואָלוציאָנער, ווי אַ מענטש, וועמען ס'טוט פערזענלעך וויי. זעלטן ווען הייבט ער זיך אויף צו דער מאַדרייגע פון קלאַסנהאַס, צו דעם שטאָלץ פון פּראָלעטאַרישן קאַמף. אַ פּרימיטיווע סינע צום באַס — דעם גוויר — און אַ פּרימיטיווער כאַישער ווייטיק־געשריי פון אַ געפּייניקטן קערפּער לאָזן זיך הערן פון דידאַזיקע לידער. אָבער אויך דאָ איז ראָזענפעלד גע־ווען אַ פּיאָנער. ער האָט אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט דעם פאַרצייטיקן העסלעכן סוועט־שאַפּ. ער האָט אויסגעדריקט אַזוינס, וואָס טויזנטער האָבן געפילט אין דער זעלביקער לאַגע. און ווייל ער האָט גערעדט פּראָסט, ווי שניידער רעדן, ווייל זיינע געפילן זיינען אַזוינע פאַרשטענדלעכע, פּראָסטע, האָט ער אויסגענומען באַם אוילעם. זיין „אינגעלע" מיט דעם דיק־אָנגעשמירטן סענטימענטאַליזם און מיט דער גראַד אומבאַהאָלפענער שפּראַך ווערט דעקלאַמירט אומעטום; זיינע שאַפּ־לידער זיינען באַ־קאַנט און באַליבט צווישן ברייטע מאַסן אידישע אַרבעטער.

ער איז געווען אַ פערזענלעכקייט מיט אַסאַך שאַפנדיקן קויעך, מיט אַסאַך פאַר־שיידנאַרטיקייט, מיט מער מעגלעכקייט, ווי ער האָט פאַרוויקלעכט.

אָבער אויך דאָס, וואָס איז נאָך אים געבליבן, איז אַ מאָנומענט, אַ שטיק גע־שיכטע, אַ גאַנצער פּאַס אין דער אידישער קולטור־אַנטוויקלונג, אַ טיפער צייכן, איינגעקריצט אין האַרצן פון דורעס.

(„אין דער וועלט פון געזאַנגען".
ניו־יאָרק, 1919. „ביכער־וועלט", וואַר־
שע, 1923.)

פראַגן און אויפגאַבן.

1. דער שטייגער פון אידישן ארבעטער־לעבן אין אמעריקע (דער שאַפּ) לויט מ. ראָזענ־פעלדס לידער.
2. נאציאָנאַליסטישע מאָטיוון אין מ. ראָזענפעלדס לידער.
3. מ. ראָזענפעלדס אידעאָלאָגישע אנטוויקלונג (פון האַסקאָלע צו דער אידייע פון סאָ־ציאַליזם).

4. די שילדערונג פון נאַטור באַ מ. ראָזענפעלדן.
5. רעדנערישע עלעמענטן אין ראָזענפעלדס ליד.
6. פארגלייך צווישן רייזענס און ראָזענפעלדס דיכטונג.

(סאָציאַלער פראָטעסט באַ ראָזענפעלדן, פאַסיווע שטימונג באַ רייזענען; גרויסשטאָטישער קאָלאָריט אין ראָזענפעלדס לידער, קליינשטעטל, אַלס הויפט-מאָטיוו באַ רייזענען; פאָלקס-טימלעכע פאשטעס באַ רייזענען, ריטאָרישע עלעמענטן באַ מ. ראָזענפעלדן).

די וויכטיקסטע ווערק:

שריפטן. I, II באנד. ניו-יאָרק, 1910.

XX. באָוושאָווער.

יויסעף באָוושאָווער (1872—1915).

(ביאָגראַפיע)

1872 — געבאָרן אין ליבאַוויטש, מאָלעוו. גוב., דער פאָטער — א גרויסער לאמדן. אין כיידער לאַנג ניט געלערנט, אינגיכן אוועק ארבעטן אין א מיל.

1890 — אָפּגעפאָרן קיין אמעריקע, זיך באשעפ־טיקט מיט פעלדאַרבעט, געדינט אין א קראָם.

צום ערשטן מאָל דערשינען זיינע לידער אין לאָנדאָנער „ארבעטער־פריינד", אין דער „פרייער ארבעטער־שטימע", געדרוקט אין אייגענער איבער־זעצונג איניקע אייגענע לידער אין דער אַנאַרכי־סטישער צייטונג „ליבערטי".

1894 — אָנגעהויבן ארויסווייזן סימאָנים פון פסי־כישער קראַנק.

1915 — 1899 — אָפּגעווען אין שפּיטאָל פאַר גייסטיק־קראַנקע, דאָרט לעסאָף געשטאָרבן.

ע. פיינבערג.

באָוושאָווער — דער דיכטער פון רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס. — באָוושאָווערס אוניווערסאלישקייט און אָפּטימיזם.—באָוושאָווערס סאטירישע לידער. — באָוושאָווער דער ליריקער און מאַיסטער.

י. באָוושאָווער שטייט אָן א שיר העכער פון דער מערהייט אידישע דיכטער פון זיין צייט, דערהייבט זיך מיט קראַפט און מיט פארנעם פון טאַלאַנט ניט בלויז איבער זיין צייט.

ער איז איינער פון די ערשטע, בעסטע דיכטער־רעוואָלוציאָנערן, א דיכטער, וואָס האָט זעלטן שיין פאַרייניקט אין זיך עמעסע קאַמף־לוסט מיט עמעסער דיכ־טונג־לוסט.

באַזונדערס איבעראַשט באָוושאָווערס הײנטצײטיקייט, דאָס, וואָס באָוושאָ־ווערס שאַפן, דאָס שאַפן פון א דיכטער א פאַריינזאַמטן אין סאַמע אָנהייב פון אונ־

זער ליטעראַטור, אין סאַמע אָנהייב פון אונזער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, זיין שאַפן איז אין אונזער ביז־רעוואָלוציע־דיכטונג דאָס נאָענטסטע, דאָס אייגנסטע פון אונזער צייט.

אין באָוושאָווערן האָבן מיר קוידעמקאָל פאַרזעען דעם גרויסן פּאַטעטיקער. באַם סאַמע אָנהייב פון אונזער דיכטונג, באַם סאַמע אָנהייב פון אונזער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט אונזער אַרבעטער־אינטעליגענץ געגעבן אַ דיכטער־פיגור, וואָס דער רעוואָלוציע־איניען, דער פרייהייט־איניען איז איר בלוט־איניען געווען, אַ דיכטער־פיגור, וואָס איז וואונדערלעך פאַרליבט געווען אין קאַמף, אין דער צוקונפט פון די אַרבעטער־מאַסן און האָט איר קאַמף־לוסט אין קונסט פאַרקערפּערט. בעאייס די אידישע בירגערלעכע נאַציאָנאַליסטיש־געשטימטע אינטעליגענץ האָט אַרויס־געשטעלט די ביאַליק־פיגור, דעם ביאַליק־פּאַטאָס, האָט אונזער אַרבעטער־אינטעליגענץ אַרויסגעשטעלט די פיגור פון באָוושאָווערן, באָוושאָווערס אוניווערסאַל־רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס. פאַר אונז אין אונזער צייט איז באָוושאָווערס פּאַטאָס — דער פּאַטאָס פון אונזער קאַמף און פון אונזער ציל, מיטן גאַנצן פאַרנעם און מיט דער גאַנצער קראַפט פון אונזער קאַמף און אונזער ציל.

באָוושאָווערס רעוואָלוציע־לידער „פרייהייט", „פרילינג־געוויסער", „רעוואָלוציע", „אַ געזאַנג צום פאָלק", „צום פאָלק", „צו די אַרבעטער", „מערץ געדאַנקען", „אָ, פרעג מיך ניט...", „צום גלויביקן", „דער פרייהייט־קעמפער" — זיינען לידער, אין וועלכע באָוושאָווערס פּאַטאָס באווייזט זיך פאַר אונז אַלס פּאַטאָס פון אַ דיכטער, וואָס האָט זיין לעבנס־גורל פאַרבונדן מיטן גורל פון אַרבעטער־קאַמף, אַלס פּאַטאָס פון אַ דיכטער, וואָס די שטאַרקע רעוואָלוציאָנערישקייט פון זיין געדאַנק און געפיל איז אַ טייל פון זיין גאַנצן גרויסמענטשישן וועלט־באַנעמען. באָוושעווערס רעוואָלוציע־לידער קאָן מען ניט אָפּטיילן פון זיינע פערזענלעכקייט־לידער, — זיי זיינען געקניפּט און געבונדן, די רעוואָלוציע איז בא באָוושאָווערן — אַ קראַפט אַ סטיכישע, איינע פון די אוניווערסאַלע קרעפטן, — דעריבער איז דער פּאַטאָס פון זיינע רעוואָלוציע־לידער סטיכיש־קרעפטיק.

וועגן באָוושאָווערס וועלט־באַנעמען, וועגן זיינע פערזענלעכקייט־לידער ריידן:

א שטיקעלע שטויב אין גרויסן, ברייטן וועלט־רוים,
דאָך שטאָלצער פון אַ גאָט דורך זעלבסטבאַוואוסטזיין,
האָב איך, אַ טרוימער, געוואַנדלט דורך דאָס לעבן,
פאַרלייקענענדיק דעם הימל און די געטער,
די בלוט־פאַרלאַנגנדע, די מענטשן־פרעסנדע,
קיינמאָל־געוועזענע און בייזע געטער...

(פון ליד „אומרו").

דורך מיר גייט אויף די ליכט פון פריען מאָרגן,
די ערשטע שטימען דער נאַטור ריידן דורך מיר.
מיט מאַכט אַנטדעק איך, וואָס זי האַלט פאַרבאָרגן,
מיט שטורעם און מיט אור־געוואַלד צי איך דורך איר.
איך עפן אויף די שפּונגס ברייטע טירן
און פיר דעם מענטשן אין איר האַרץ אַריין;
דורך אירע סודעס שטרעב איך אים צו פירן,

ער זאָל איר מאַיסטער און באַפעלער זיין.
...איך וועק דעם שטורעם אין די טיפע יאַמים,
איך שוועב אום מיט די וואָלקן מיט שטורעם און רויש;
איך ברייננ דעם פרילינג אייביקע בסאַמים,
דורך זאַנפטע ווינטלעך זינג איך מיר אויס.
ביז אין דעם פיינסטן שטויב פיל איך די בלומען,
דעם רעגן פיל איך איי׳ ער הייבט אָן גיין.
איך פיל די שטורעם־ווינטן איידער נאָך זיי קומען,
אַלעס באַגרייף איך, וואָס איז ליב און שיין...

(פון ליד „דעם דיכטערס ווירקן און געבורט״).

...ווי שיין דו ביסט, אָ, וועלט, פון טויזנט גליקן.
ווי שיין דו ביסט, אָ, ערד, אין דיין אַנטציקן.
ווי פרעכטיק ביסטו, לעבן, אין דיין גרויסקייט,
ווי מעכטיק—איז דיין טומל, אין דיין הייסקייט!..

(פון ליד „פרילינג־לוסט״).

באָוושאָווערס פערזענלעכקייט־לידער, זיינע נאַטור־לידער, זיינע לידער וועגן דער ראָלע פון דיכטער און דיכטונג, אַנטפּלעקן אַמבוילעטסטן באָוושאָווערס וועלט־באַנעם, דעם וועלט־באַנעם פון א דיכטער, וואָס איז א היפּשן מעשעך צייט פאַרן מאָדערניזירן זיך פונם אידישן דיכטונג־וואָרט צוגעגאַנגען דירעקט צו דער אוניווערסום־פּראָבלעם, צוגעגאַנגען צום באַזינגען דעם וועלט־אַל, צום זינגען לידער וועגן מענטשישער פּערזענלעכקייט, מיט אָפענע אויגן געווענדעטער צו נאַטור, צו קאָסמאָס. באָוושאָווער איז דער ערשטער אוניווערסאַלער דיכטער אין אונזער ליטעראַטור.

אָבער ניט בלויז דאָס: מיט עפּעס גאָר באַזונדערס צייכנט זיך אויס באָוושאָווערס טרעפן זיך גלייך אַף גלייך, אויג אף אויג מיטן וועלט־אַל: דאָס איז באָוושאָווערס פאַרגלויבטקייט אין דער אינערלעכער, אָפט באהאַלטענער, פאַריאָגטער, נאָר שטענדיק־עקזיסטירנדיקער ליכטיקייט פון לעבן. מיט שיין פון טיפן אָפּטימיזם איז דורכגעדרונגען באָוושאָווערס באַציאונג צו דער נאַטור, צו וועלט, צום לעבן,— מיט גלויבן אין ליכטיקייט אַלס א מוז פון מענטשן־לעבן אף דער ערד. באָוושאָווער איז דער ערשטער אָפּטימיסט און איינער פון די געציילטע, נאָר—געציילטע עכטע, שטאַרקע אָפּטימיסטן אין אונזער דיכטונג.

וועגן זיך אַלס דיכטער, וועגן זיין גאַנג אין דיכטונג, האָט באָוושאָווער א ריי לידער, „קרעדאָ״־לידער („מיין געבעט״, „צו מיין מוזע״, „דער דיכטער אַלס גאַסט״, „פרייהייטס־וואַנדערער״, „צום ווינט״). פון דידאַזיקע לידער ווערט קלאָר, אַז באָוושאָווער האָט אַליין אפן שענסטן אויפן פאַרשטאַנען זיין באַרוף און זיין גאַנג. פון די־דאַזיקע לידער ווערט קלאָר, פאַרוואָס און ווי אַזוי איז באָוושאָווער דער פערזענלעכקייט־דיכטער געוואָרן א דיכטער פון אַרבעטער־קאַמף, א דיכטער פון רעוואָלוציע, פון סאָציאַלער רעוואָלוציע. אין דידאַזיקע „קרעדאָ״־לידער פאַרכאַפּט די איבערציי גונג־קראַפט, די טיפע דורכגעווייטיקטקייט פונם דיכטער־געפיל, — ס׳איבעראַשט די דיכטערישע אָפּערווליקייט, וועלכע איז אין אָט די לידער גוואַלדיק שטאַרק אויסגעדריקט. באָוושאָווערן, דעם דיכטער מיט כוש צו וועלט־אַל, צו ליכטיקן וועלט־

אל האָט צום בלייבן אויג אף אויג מיט ליכטיקן וועלט־אַל געשטערט די נאָענטע גרויזאַמע נ י ט־ל י כ ט י ק י י ט — און באָוושאָווער דער דיכטער האָט זיך אָוועקגעשיינקט דעם קאַמף מיט דער נאָענטער גרויזאַמער ניט־ליכטיקייט,— ער האָט זיך אַוועקגעשיינקט דער רעוואָלוציע.

...אָ, לאָז מיך, נאַטור, מיין געליבטע מיין זיסע!
באַדעק, אָ, דיין הימלשע ברוסט!
דיין אָטעם, דיין הויך איז פאר מיר איצט א טפּיסע!
איך טאָר ניט פאַרזינקען אין לוסט!
איך טאָר ניט! — און מעג איך עס טויזנט מאָל וועלן! —
דען דאָרטן... אָ, שרעקלעך, באטראַכט,
ווי ס'טרינקען זיך טויזנטער מענטשלעכע זעלן
אין פינצטערן אָפגרונט דער נאַכט!..

(פון ליד „מיין געבעט“).

...איך וויל: אין דיין אָטעם זאָל לאַנגזאַם צערינען,
ווי נעפּל, מיין טריבער, געפּייניקטער גייסט;
דאָך ביז איך וועל פאַלן, באַלויכט מיר מיין זינען,
צו וועקן די ברידער, וואָס זיינען פארגרייזט!..

(פון ליד „צו מיין מוזע“).

ניט קיין מעליצע איז עס,—ס'איז דער ט אַ ט פון א באַוואוסטזיניקער דיכטערישער פערזענלעכקייט, וואָס זאָגט זיך צוליב ערדישער ליכטיקייט אָפּ פון וועלט-אל־ליכטיקייט. ס'איז ניט קיין מעליצע ווי ס'איז ניט קיין מעליצע באָוושאָווערס, פערז: „שטאַרקער פון א גאָט דורך זעלבסטבאַוואוסטזיין...“

דער מאָטיוו פון אָפּערוויילקייט, פון אינגאנצן אָוועקשיינקען זיך דעם רעוואָלוציע־איניען כאַזערט זיך איבער בא באָוושאָווערן אָן אַ שיר מאָל — און יעדע שורע פון דעם מין לידער זיינע איז פול מיט איבערציגונג־קראַפט, אין יעדער שורע זעט מען באָוושאָווערס מוטיקע, שטאַרק־דיינקנדע און שטאַרק פילנדע פערזענלעכקייט.

געקומען צו רעוואָלוציע מיט שטייפן באַוואוסטזיין און מיט קרעפטיקן דיכטערישן געפיל, מיט פאַרשארפטן כוש צו וועלט־אל, מיטן קלאָרן פארשטאַנד פאר דער שליכעס פון דיכטער און דיכטונג — האָט באָוושאָווער שוין מאכמעס דעם אַליין ניט געקאָנט ווערן קיין נ אַ ד ס אָ ן פון דער רעוואָלוציע, ער האָט געמוזט ווערן און איז געוואָרן א רעוואָלוציע־דיכטער פונם א ו א י ט מ ע ן־ו ו ע ר כ א ר ן שניט, א רעוואָלוציע־דיכטער פון גרויסן פארמעסט. די קאָסמישע סטיכישקייט פון זיינע פערזענלעכקייט־לידער האָט באָוושאָווער אינגאַנצן אַריבערגערטראָגן אין זיינע רעוואָלוציע־לידער, און זיינע לידער וועגן רעוואָלוציע זיינען געוואָרן לידער וועגן א שטיק קאָסמאָס.

באָוושאָווער האָט דער ערשטער אין אונזער דיכטונג דערהויבן די רעוואָלוציע ביז דער הויך פון א קאָסמישער קראַפט און א „וועלטן־אורטייל“ (וועלטן־אורטייל—באָוושאָווערס אן אויסדרוק אין זיין ליד „פרייהייט“). פון באָוושאָווערס רעוואָלוציע־לידער רעדט ניט קיין עטלעכע און צוואַנציק־יאָריקער אַמעריקאַנער „גרינער“ (קראַנק געוואָרן און שרייבן אופגעהערט אין עלטער פון 26 יאָר!), נאָר א דיכטער, וואָס שטייט מיט געדאַנק און געפיל אין מיט פון זיין צייט, מיט אויגן, וואָס זעען העט ווייטער פון זיין צייט, מיט דיכטערישן וואָרט, וואָס באַזיצט „מוט און זין

און קראַפט זיי צו שאַפן די לידער זיינע" (די ציטאַטע איז פון באָושאָווערס ליד „דיכטונג־ליכט"), די לידער פון ריטערלעכער איבערגעגעבנקייט דער רעוואָלוציע, די לידער וועגן פרייהייט אַלס א מוז פון לעבן, די לידער וועגן אָנראַכמאָנעסדיקן, אַקשאָנעסדיקן קאַמף צוליב „ר יי ן מאַ כ ן ד י ע ר ד א ו ן ד ע ם ע ט ע ר" (ציטאַטע—פון באָושאָווערס „רעוואָלוציאָן").

אין די ערשטע יאָרן פון אונזער רעוואָלוציע האָט באהערשט די רוסישע רעוואָלוציאָנערע פראָלעטאַרישע דיכטונג א גאַנץ שטאַרקע פּאַטאָס־און ריטאָריק־שטרעמונג,—ל. טראָצקי אין זיין בוך „ליטעראַטור און רעוואָלוציע", דעפינירט אָט די שטרעמונג אלס א „קאָסמיזם"־שטרעמונג. די דיכטער, וועלכע האָבן פאָרגעשטעלט און שטעלן ביז היינט פאַר אָט די שטרעמונג,—קירילאָוו, געראַסימאָוו, אָבראַדאוויטש, פיליפּטשענקאָ, גאַסטיעוו און א ריי אַנדערע האָבן פארנומען מיט זייער דיכטונג א גאַנץ אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער רעוואָלוציאָנערער דיכטונג. פאר דעם, וואָס באַקאַנט זיך מיט באָושאָווערן, ווערט קלאָר: באָושאָווערס רעוואָלוציע־פּאַטאָס איז ש ט אַ ר ק ע ר פונם פּאַטאָס פון אָט די דיכטער: בעאייס בא דידאַזיקע „קאָסמיזם"־דיכטער גייט אָפט דער „קאָסמיזם" צוליב זיין ניט־אָרגאַנישקייט איבער אין ק אָ מ י ז ם, איז בא באָושאָווערן דער „קאָסמיזם" אַן אָרגאַנישער טייל פון זיין גאַנצן וועלטבאַנעם, איז באָושאָווערס רעוואָלוציע טאַקע אינדערעמעסן דערהויבן און אינדערעמעסן שטאַרק.

און „ס'אַראַ מוט, זין און קראַפט" אַנטפּלעקט באָושאָווער, אז ער נעמט נוצן די סאַטירע־בייטש. ווי פרעכטיק איז זיין פּאַטאָס, ווען ער שטראָפט די אָפּגעלאָזנקייט, די אינערטקייט, די טעמפּקייט, די קנעכטשאַפט פון די מאַסן („צום שקלאַף", „דעם נאָוויס מאַפּאָלע", „צו די אַרבעטער", „און אימער נאָך..."), מיט וויפל טויט־פּלעטנדיקן כויזעק זיינען אָנגעפילט זיינע סאַטירעס, וואָס זיינען געווענדעט קעגן די אונטערדריקער, קעגן דעם רויבער־קלאַס, קעגן אימפּעריאַליזם („ציט שטאַרקער די סטרונעס", „דער געניוס דער מענטשהייט", „פרידנס־פּאַלמע"—אַן אויסגעצייכנטע סאַטירע, וואָס ס'דאַכט זיך, אז זי איז געשאַפן אָט די לעצטע טעג, נאָך די געשעענישן אין אַ נאַנקין, און געווענדעט איז זי קעגן אַ „פעלקער־ליגע"), מיט וואָס פאַר א ה יי נ י־ ש ע ר שאַרפקייט און ה יי נ י ש ע ר דורכגעטריבענער קלוגשאַפט זיינען פול זיינע סאַטירעס, וואָס זיינען געווענדעט קעגן דער פאַלשקייט פונם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן רעזשים ביז דער סאָציאַלער רעוואָלוציע (די בעסטע צווישן אָט די סאַטירעס—„ליכט און שאָטן"—א באַגעגעניש, א שמועס און א שפּאַציר מיט היינריך היינען,—דידאָזיקע סאַטירע האָט, זעט אויס, געזאָלט אויסוואַקסן אין א מין היינעש־סאַרקאַסטישע „געטלעכע קאָמעדיע",—פארבליבן איז בלויז 1 פראַכטפול קאַפּיטל).

...און פרעגט איר מיך יעצט, וואָס איר זאָלט מיט זיי טון,
זאָג איך ארויס מיין געדאַנק אייך:
איר זאָלט מיט זיי טון ווי מע האָט געטון
מיטן זעכצנטן לודוויג פון פראַנקרייך!—

(פון „ליכט און שאָטן").

אָט דאָס איז דער אינערלעכער רעפרען פון אלע סאַטירעס באָושאָווערס.

און ווי אָנראַכמאָנעסדיק איז באָושאָווערס סארקאזם, ווען ער טרעט ארויס קעגן בירגער־פרידן, קעגן נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיק, קעגן עסטעטישן באַנוגענען זיך (ליד „נעכטן און היינט" און אַנדערע), ווי גאַליק זיינען זיינע סאַטירעס, וואָס זיינען גע־

וואָס קעגן די „פּאָלקס־פּאַרזאָרגער", קעגן די שליעך־ציבורס", קעגן די פאַלשע אָנפירער („פון צוריך", „אופרוף").

און לעבן באָוושאָווערס קאַמף־לידער שטייען זיינע נאַטור־לידער.

געשפּירט האָט דער דיכטער באָוושאָווער די גאַנצע ראַכוועס פון דער נאַטור, געוויזן איז דער דיכטער באָוושאָווער פאַרליבט. אין דער פרייהייט פון דער נאַטור, און געקאָנט האָט ער גלייך אַף גלייך, אויג אַף אויג, ווי אַ היפּשער מענטש און ווי אַ היפּשער דיכטער, בלייבן מיט דער נאַטור.

און לעבן באָוושאָווערס נאַטור־לידער שטייען זיינע פרייד־און ליבע־לידער („פעסט־לידער", „ערינערונגען, פון קינדהייט" „ליבע־לידער", לוסט־לידער", „מייסטער און לערלינג"), זיינע לידער וועגן שאַפונגס־פּראָצעס („דיכטונג־לוסט" און אַנדערע).

ס'כיינט זיך אַ צאַרטע לירישקייט אין אָט די לידער און אָפט אַ זעלטענע פאָלקסטימליכע זויבערקייט, אַ זעלטענע שפּילעוודיקע פרייַלעכקייט.

באָוושאָווער איז אויך איינער פון אונזערע ערשטע עכטע ליריקער, איינער פון אונזערע עכטע מאַיסטער.

באָוושאָווערס סטראָפע איז אַ פולקום אויסגעבויטע סטראָפע, באָוושאָווערס בילד איז אַ פאַרגאַנצט בוילעט בילד. סיי זיין סטראָפע־געבוי, סיי זיין ריטם, סיי זיין בילד שטייען ניט אַף קיין סאַך אָפּ פון דער סטראָפע, ריטם און בילד פון דער מאָדערנער ליד. וועגן באָוושאָווערס מאַיסטערשאַפט און אופטווערישקייט, דערפינדער־רישקייט, ערפאָלגרייכער פּיאָנערישקייט באַם שאַפן דאָס אידישע דיכטונג־וואָרט קאָן שוין איידעס זאָגן אַפּילע נאָר דאָס צעטל פון נייַע (אונזעריקע, היינטיקע, מאָ־דערנע) גראַמען, וואָס באָוושאָווער האָט באַנוצט:

„ציריך — פיר איך", „רעדט ער — שפּעטער", „באַוואוסטזיין — וועט אמאָל זיין ברוסט זיין", „נאַכט־יאַם — פראַכט־יאַם", „געדאַנק איך — פראַנקרייך", „געטאָ — רעדט דאָ", „פריי־זיין — פרייד־זיין", „איך מוז דאָך אין מיין צימער גיין — און דאָרט אין ווינקל אימער זיין...", „אומאַרעמט מיך מיט ליידנשאַפט — און האָסטו ניט צו ריידן קראַפט" און נאָך און נאָך און נאָך.

אַלס אַ מוסטער פון באָוושאָווערס וואָרט־שפּאָרעוודיקייט, בילד־פאַרגאַנצטקייט און טרעפלעכער שפּראַך־שאַרפקייט זאָל דינען:

פרייהייט

נאָך ביינקט די וועלט נאָך פרייהייטס זיסן פרידן,
נאָך לעבט די צוקונפט אין דעם שקלאַפנס ברוסט.
דער וועלטן־אורטייל איז פאַר איר אנטשידן,
עס שטרעבט דער מענטש צו איר אין לעבנס־לוסט!
נאָך האָט דער ארבעטער זיין זעלבסטבאוואוסטזיין,
נאָך איז דער מענטשן־פונק אין אים ניט טויט, —
אַנטציקט פון פרייהייט וועט אַמאָל זיין ברוסט זיין,
און זיינע טעג וועלן זיין פריי פון נויט.
אַ ליכט וועט אופגיין אין די קומענדיקע צייטן,
דער מענטש וועט שטיין אין קראַפט ווי ניי־באַלעבט, —
די שלעכטע דורערס וועלן זיך לאַנגזאַם בייטן,
די וועלט וועט האָבן דאָס, צו וואָס זי שטרעבט.

ס'אַראַ מאַיסטערישער, עכט־קינסטלערישער צימצעם — אין אָט דער ליד פון 12 פערזן.

שטאַרק איז באָוושאָווערס כוש צו קלאַנג:

הויב אוף דיינע אויגן און זע די געמויערטע גרויסע פאַבריקן,
וואו ארבעטער זעגן און הובלען און וועבן און זייען און שטריקן,
און שמידן און פיילן און טאָקן און שניצן און
גלעטן און פוצן
און שאַפן די וואַרע און שאַפן דעם רייכטום צום מענטשלעכן נוצן...

(פון „רעוואָלוציאָן")

אויסגעצייכנט באַנוצט ער דעם רעפרען, די פויזע אין מיט ריטם, גלענצנד באַהערשט ער דעם ווייסן פערז. די שענסטע מאָדערנע סטראָפע־געביען, ריטם און גראַם־אופטועץ קאָן מען טרעפן בא באָוושאָוערן.

מיט זעלבסטבאוואוסטזיין, מיט דעם טאַקע זעלבסטבאַוואוסטזיין, מיט וועלכן ס'איז דורכגעדרונגען אלץ בא באָוושאָווערן, איז דורכגעדרונגען אויך זיין באַציאונג צו מאַיסטערשאַפט.

ווי דער דימענט־שלייפער זיץ איך
און איך פוץ די לידער מיינע.
מוט און זין און קראַפט באַזיץ איך
זיי צו שאַפן, די לידער מיינע...

(פון „דיכטונג-לוסט")

...איך האָב די זשאַרגאָנישע ווערטער געקליבן,
פיל מאָל יעדע שורע אלץ איבערגעשריבן,
פיליכט וועט דער טאַקט מוזיקאַלישער קלינגען,
ווייל הייגטיקע צייטן... מע וויל, מע זאָל זינגען...
אזוי האָב איך גאַנץ לאַנג געזוכט און געגריבלט,
די הילצערנע ווערטער געהאַקט און געהובלט,
ביז... פלוצלינג, איך הער א גערויש, א געפילדער,
א שרייען, א ליאַרמען אלץ ווילדער און ווילדער...

(„שרייבנדיק")

אזוי האָט זיך באַצויגן צו קולטור פון וואָרט א דיכטער אין סאַמע אָנהייב פון אונזער דיכטונג!

באָוושאָווער איז א ראָמאַנטיקער, אָבער זיין ראָמאַנטיזם איז ניט דער צעקראָכענער, צעשוואומענער, סענטימענטאַלער, — עס איז דער ראָמאַנטיזם, וואָס איז פאַרבונדן מיט ערדישן קאָנקרעט, דער ראָמאַנטיזם, וואָס באַזירט אף גרויסער לעבנס־רעאַליטעט. עס איז ניט דער צימער־ראָמאַנטיזם, ניט דער אויסגעטראַכטער, אויסגעצויגענער, מעליצעדיק־באַנאלער ראָמאַנטיזם, — באָוושאָווערס ראָמאַנטיזם ברודערט זיך מיטן ראָמאַנטיזם פון אונזער צייט, דעם ראָמאַנטיזם פון פלעצער, שטעט און לענדער אין גרויסן געראַנגל.

באָוושאָווער האָט, פאַרשטייט זיך, א היפּש ביסל כעסרוינעס. אָבער די כעסרוינעס זיינען ביז גאָר מיזער, די שולד פאַר די כעסרוינעס פאַלט אינגאַנצן ניט אף

באָוושאָווערן, נאָר אויף זיין צייט, אויף דער ליטעראַטור־סוויווע, ריכטיקער, אויף דער ניט־ליטעראַטור־סוויווע, אין וועלכער ער האָט געלעבט און געשאַפן. באָוושאָווערס כעסרוינעס שטרייכן נאָך באַזונדערס אונטער די גאַנצע גרייס פונם דיכטער באָוו־שאָווער.

אין באָוושאָווערס שפּראַך שלעפּט זיך נאָך אַ געוויסע צאָל דייטשמעריזמען, אָבער דידאָזיקע דייטשמעריזמען זיינען דאָך אין באָוושאָווערס צייט, אין יענער אמעריקאַ־נישער אידישער סאָציאַליסטישער סוויווע, אין וועלכער באָוושאָווער האָט געלעבט, א קאַנאָן געווען. דידאָזיקע דייטשמעריזמען זיינען נאָר א צופעליקער טייל אין באָוושאָווערס לעקסיקאָן, אין באָוושאָווערס זאַפטיקן, גוטן אידיש, מיט וועלכן ניט ער, ניט מיר האָבן ניט מיט וואָס צו שעמען זיך.

אז מע לייענט איבער נאָך באָוושאָווערס לידער באָוושאָווערס אַרטיקלען וועגן פּאָעזיע און פּאָעטן, ווערט קלאָר דער גאַנצער קולטור־פּאַרנעם פונם דיכטער באָוו־שאָווער. פון אָט די אַרטיקלען וועל איך ברענגען בלויז עטלעכע שטעלן:

„... מיט א ריכטיקער פאָרמע מיין איך, דאָס א געפיל אָדער א געדאַנק, וואָס זינגט זיך באַם פּאָעט אין קאָפּ, זאָל איבערגעגעבן ווערן אין א פערז, וועלכער זאָל זינגען און ניט שלעפּן זיך ... דער דיכטער מוז זיין א מוזיקער, א מאָלער; ער מוז קענען כאַפּן דעם ריכטיקן קלאַנג פון זיין געדאַנק, אָדער די ריכטיקע פאַרב, דאָס ליכט אָדער דעם שאָטן פון זיין לוינע; ער מוז קענען באַנוצן זיין שפּראַך און זיינע פערזן, ווי דער מוזיקער באַנוצט זיינע טענער און אינסטרו־מענטן, אָדער ווי דער מאָלער באַנוצט זיינע פאַרבן...”

„...א דיכטער מוז שטודירן פאָרמען און פּאָזיציאָנען, באַוועגונגען און האַוואַיעס, געזיכטסציגע און געזיכטסאויסדריקע, נאַטור־סצענען און גאַסן־בילדער, פאַרבן און קלאַנגען, געביידן און גאַסן; ער מוז עס אלעס שטודירן, לויט ווי דאָס אלעס שפּיגלט זיך אָפּ באַ אים אין קאָפּ, אין זיין פאַנטאַזיע, און עס צונויפקלייבן אין זיין מויעך... ער מוז שטודירן דעם מענטשן — דעם מענטשן ווי ער האַנדלט און רעדט אין פרייד און שמערץ, האָפענונגען און פאַרצווייפלונג, אין רואיקע שטונדן און אין איבעראשונג”...

... „די פּאָעזיע איז די זינגענדיקע געשיכטע פון די צייטן...”

עס איז דאָ באַ באָוושאָווערן א קליין לידעלע „ער איז אוועק”.

ביידע זיצן, ביידע שווייגן.
שטיל און רואיק איז אין זאַל.
דורך די געלבלעכע גאַרדינען
וואַרפט די זון איר לעצטן שטראַל.

ביידע שווייגן — זיינע בליקן
ווענדט ער בעטנדיק צו איר,
זי פאַרשטייט זיין שטומע ביטע
און זי זעצט זיך באַם קלאַוויר.

מיט די דינע צאַרטע פינגער
רירט זי אָן די ביינדלעך זאַכט;
און זי שפּילט: „די אכט מארטירער” —
הינטער איר שטייט ער פאַרטראַכט...

אויסגעשפּילט די לעצטע טענער —
זיי פאַרקלינגען ווי אין שרעק ; —
ליכטיק שטייט זי אויף פון פּיאַנאָ
און זי זעט — ע ר א י ז א ו ו ע ק ...

אין אומגעהייער טיפע וויי־שטילקייט שוועבט ארום אָט דער ליד. דאָס איז א ליד באָוושאָווערס וועגן זיך אליין, דעם דיכטער־רעוואָלוציאָנער, דעם ד י כ ט ע ר ־ מ אַ ר ־ ט י ר ע ר. אין אונזער ליטעראַטור.

(„עמעס", 1927.)

פ ר א ג ן א ו ן א ו פ ג א ב ן.

1. באָוושאָווערס באציאונג צו נאַטור און ליבע לויט זיינע לידער.
2. די כאַראַקטעריסטיק פון באָוושאָווערס סאַטירישע לידער (אָפּשטעלן זיך אף דער טעמאטיק).
3. די טעמע פון רעוואָלוציע און איר אָרט אין באָוושאָווערס שאַפן.
4. וואָס טיילט אָפּ באָוושאָווערן פון מאָריס ראָזענפעלדן ? (עכטע פאטעטיק און מע־ליצע, קאָסמישע מאָטיוון און סענטימענטאלע רעזאָנערישקייט).
5. וואָס טיילט אָפּ באָוושאָווערן פון ד. עדעלשטאַטן ? (באָוושאָווערס קינסטלערישקייט, עדעלשטאטס פובליציסטיק, ווירקונג פון נאדסאָנען באַ עדעלשטאטן).
6. צונויפשטעלן א רעשימע פון באָוושאָווערס דייטשמעריזמען אין וואָרט און זאַץ-בוי. צונויפשטעלן א רעשימע פון פאָלקסטימלעך-אידישע אויסדריקן בא באָוושאָווערן.
7. באָוושאָווערס קוק אף דיכטונג לויט זיינע ארטיקלען און לידער.

די וויכטיקסטע ווערק :

געזאַמלטע שריפטן (ניו־יאָרק, 1917).
געקליבענע לידער, „פאָלקסקאָמיסאַריאט פאַר איד. איניאָנים", פעטראָגראַד, 1918.

אינהאַלט:

פאָרוואָרט—ז. 3.
פון רעדאַקטאָר, מ. לעוויטאַן—ז. 8—5.

I. אַלגעמיינער טייל . . . . 76—9.

מ. ראַפּעס, די עקאָנאָמישע און רעכטלעכע לאַגע פון דער אידישער באפעלקערונג אין דער צווייטער העלפט פון 19-טן יאָרהונדערט—ז. 13—9. — מ. ראַפּעס, דער איבערבּרוך אין די שטימונגען פון דער אידישער בורזשואַזיע און קליינבירגערלעכע שיכטן 16—13. — י. סאָסיס, די סאָצ.-עקאָנאָמישע לאַגע פון די רוסלענדישע אידן אין דער ערשטער העלפט פון 19-טן יאָרהונדערט—ז. 21—16. — י. לעשטשינסקי, דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון אידן אין רוסלאַנד אין דער צווייטער העלפט 19-טן יאָרהונדערט—ז. 25—21. — מ. ליטוואַקאָוו, מאַסקילישער רעוואָלוציאָניזם—ז. 29—25. — נ. אויסלענדער, עטאַפּן פון דער אידישער ליטעראַטור-אַנטוויקלונג אין אָנהייב 19-טן יאָרהונדערט—ז. 35—29. — י. צינבערג, דער קאָל-מעוואַסער און זיין צייט—45—36. — ש. ל. ציטראָן, אידישער פאָלקסבלאַט—49—45. — א. ליטוואַק, דער באַשטאַנד פון אַ אידישער ביבליאָטעק אין די 80-ער יאָרן—51—50. — י. מילך, די 80-ער יאָרן—אַ נייער עטאַפּ אין דער אידישער ליטעראַטור—52—51. — מ. ווינטשעווסקי, דער אָנהייב פון דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין איינגלאַנד און אמעריקע—60—52. — בּ. ווייַנשטיין, דער קאַמף צווישן אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן אין דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין אַמעריקע 70—61. — כ. ד. הורוויץ, „דער פריינד“ 72—70.— ל. הערש, די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידן אין רוסלאַנד סאָף 19-טן און אָנהייב 20-טן יאָרהונדערט און די אידישע אויסוואַנדערונג 75—72. — פראַגן און אופגאַבן 76—75.

II. מענדעלע מוכר־ספרים (ש. י. אַבראַמאָוויטש) . 122—77

ביאָגראַפיע 82—77. — י. ל. פּערעץ, מענדעלע 83—82. — מ. ליטוואַקאָוו, סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישער אינהאַלט פון מענדעלעס ווערק.—די פאָלקס-מאַסע—מענדעלעס הויפּט-פּערסאָנאַזש—86—83. — י. דאָברושין, די שילדערונג פון אידישן קלאַל בא מענדעלען, — דער בוי פון מענדעלעס ווערק 89—86. — ש. ניגער, דאָס קאָנסערוואַטיווע און ראַדיקאַלע בא מענדעלען.—מאָטיוון פון סאָציאַלער אומגערעכטיקייט—דער קאַמף צווישן פּובליציסטיק און קונסט בא מענדעלען.—נאַטור-שילדערונגען און פאָלקס-פאַרשוינען בא מענדעלען 96—89. — ד. פרישמאַן, די עטאַפּן פון מענדעלעס קינסטלערישער אַנטוויקלונג. — „פישקע דער קרומער“, „מאַסאָעס בּיניאָמין האַשלישי“, „דאָס ווינשפינגערל“ 99—96. — מוישע גראָס, דער פאַרנעם פון מענדעלעס סאַטירע.—מענדעלע—דער באַשיצער פון דער געשענדעטער נאַטור 101—100. — מ. וויינרייך, די עוואָלוציע פון מענדעלעס שאַפן לויט די וואַריאַנטן פון „קליינעם מענטשעלע“.—דער פּראָטאָטיפּ פון דער פיגור וועקער אין דער „טאַקסע“ 107—102. — נ. אויסלענדער, די גרונט-אייגנשאַפטן פון מענדעלעס רעאַליזם. — דאָס סינטעטישע און אַנאַליטישע אין מענדעלעס קונסט 111—107. — נ. פּרילוצקי, מענדעלעס באַציאונג צו אידיש.—מענדעלע דער שעפער פון דער אידישער ליטער. שפּראַך 114—112. — בּען-אַמי, באַגעגענישן מיט מענדעלען 117—114. — שאָלעם-אַליכעם, די פּראָבלעם פון אידישן דאַלעס בא מענדעלען. — „פישקע דער קרומער“ 121—117. — פראַגן און אופגאַבן 122—121.

III. לינעצקי . . . . 132—123

ביאָגראַפיע 124—123. — א. ליטוואַק, לינעצקי דער מאַסקילישער קעמפער.—לינעצקי דער פאַמפלעטיסט.—„דאָס פּוילישע אינגל“ 127—124. — מ. זילבורג, די ווידערשפּרוכן אין לינעצקיס מאַסקילישער וועלט-אַנשויאונג. — דער פּראָטעסט קעגן טראַדיציאָנעלן שטייגער בא לינעצקין

127—128. — א. גורשטיין, לינעצקי און דער פאָלקס-לעזער פון זיין צייט 129—130. — י. לינעצקי, וועגן דעם בארוף פון דער אידישער ליטעראַטור 130—132. — פראגן און אופ-גאַבן 132.

VI. גאָלדפאַדן . . . . 133—144

ביאָגראַפיע 133. — י. דאָברושין, די אידעאַליזאַציע פונם פריידיינקערשן קליינבירגער באַ גאָלד-פאַדענען. — די טעאַטראַלישקייט פון די גאָלדפאַדן-טעקסטן. — די אייגנשאַפטן פון גאָלדפאַדנס אָפּע-רעטן-זשאַנר 134—140. — א. ו. פינקל, מאַסקילישער שאַבלאָן אין גאָלדפאַדנס לידער. — מאָטיוון פון דאַלעס און סאָציאַלן אומרעכט אין גאָלדפאַדנס לידער 141—142. — ל. קאָברין, באגעגעניש מיט גאָלדפאַדענען 142—143. — פראגן און אופגאַבן 143—144.

V. דינעזאָן . . . . 145—153

ביאָגראַפיע 145—146. — מ. ליטוואַקאָוו, א. מ. דיק און שאָמער — דינעזאָנס פּאָרגייער. — דינעזאָן — דער פאָלקס-אינטעליגענט און דער פאָלקס-מענטש. — „אונטערהאַלטונגס“-ליטעראַטור און קינסטלערישע ליטעראַטור באַ דינעזאָנען 146—148. — פּערעץ, דינעזאָן — דער מאָראַליסט און דער קינסטלער 148—149. — י. דאָברושין, דער סענטימענטאַליזם אין דינעזאָנס שאַפן. — דער בריוונשטעלערישער סטיל באַ דינעזאָנען 151—152. — באַל-מאַכשאָוועס, פרויען- און קינדער-געשטאַלטן באַ דינעזאָנען. — דינעזאָנס אָפּטימיזם 150—151. — פראַגן און אופ-גאַבן 153.

VI. ספּעקטאָר . . . . 154—161

ביאָגראַפיע 154—155. — ש. ניגער, זשורנאַליסטישע עלעמענטן אין ספּעקטאָרס ווערק. — ספּעק-טאָרס געזעלשאַפטלעכער ראָמאַן. — ספּעקטאָר און דער אידישער פאָלקלאָר 155—158. — י. פּיכמאַן, ספּעקטאָר — דער פאָלקס-שרייבער 158—159. — שאָלעם-אַלייכעם, שילדערונג פון אידישן דאַלעס אין ספּעקטאָרס ראָמאַן „אַניאים וועוויוינים“ — מענדעלעס ווירקונג אַף ספּעק-טאָרן 159—160. — פראַגן און אופגאַבן 161.

VII. יכּנה״ז (יאַקנעהאָז) . . . . 162—166

ביאָגראַפיע 162. — א. רייזען, שטריכן פון יאַקנעהאָזס ליטעראַרישער פערזענלעכקייט 162—164. — א. גורשטיין, יאַקנעהאָז און די אידישע ליטעראַטור פון די 80-ער יאָרן — יאַקנעהאָז דער שילדערער פון טאָגטעגלעכן שטייגער 164—166. — פראַגן און אופגאַבן 166.

VIII. שאָלעם-אַלייכעם . . . . 167—220

ביאָגראַפיע 167—169. — מ. ליטוואַקאָוו, די גרונט-שטריכן פון שאָלעם-אַלייכעמס שאַפן. — שאָלעם-אַלייכעמס לירישער הומאָר. — דער אויסערלעכער אַנעקדאָט, דער לירישער גראָטעסק באַ שאָלעם-אַלייכעמען 169—171. — י. דאָברושין, דער היסטאָריש-געזעלשאַפטלעכער באַטייט פון שאָלעם-אַלייכעמס הומאָר. — די קליינשטעטלדיקע דורכשניטלעכקייט אין שאָלעם-אַלייכעמס ווערק 172—175. — באַל-מאַכשאָוועס, שאָלעם-אַלייכעמס געלעכטער און דער אידישער קליינבירגער 175—176. — ש. ניגער, עלעמענטן פון הומאָר באַ שאָלעם-אַלייכעמס פאָרגיי-ער 176—179. — י. נוסינאָוו, שאָלעם-אַלייכעמס אָנהייב אין „יודישעס פאָלקס-בלאַט“. — שאָ-מערס און מענדעלעס ווירקונג אַף שאָלעם-אַלייכעמס אָנהייב. — מאַסקילישער דעמאָקראַטיזם און קרי-טיק פון מאסקילישער פּראָגראַם אין שאָלעם-אַלייכעמס אָנפאַנג-ווערק 179—184. — ש. ניגער, די שאָמער-טענדענץ און די מענדעלע-טענדענץ אין שאָלעם-אַלייכעמס שאַפן. — דאָס קינד באַ שאָלעם-אַלייכעמען. — דער כורבן פון קאַסרילעווקע — די הויפּט-טעמע פון שאָלעם-אַלייכעמס הומאָר 184—192. — נ. אויסלענדער, טעוויע און דער קאַסריליק. — הומאָר און טראַגישער טאָן באַ טעוויען. — מענאַכעם-מענדלס צוזאַמענשטויס מיט יעהופּעץ. — מענאַכעם-מענדל און די אידן פון די מאָנאָ-לאָגן 192—196. — כ. ד. הורוויץ, דער אידישער גוויר באַ שאָלעם-אַלייכעמען און זיין באָרנ-לאָזיקייט. — די באַציאונגען צווישן גוויר און פּראָלעטאַריער באַ שאָלעם-אַלייכעמען. — דער קרעמערי-שער אינטעליגענט באַ שאָלעם-אַלייכעמען 196—204. — נ. אויסלענדער, „לירישע אומאָרדענונג“

באַ שאָלעם-אַלייכעמען. — שאָלעם-אַלייכעמס מאָנאָלאָג. — שאָלעם-אַלייכעם דער אימפּרעסיאָניסט 204—207. — באַל-דימיען, שאָלעם-אַלייכעם דער מאָלער. — שאָלעם-אַלייכעמס שפּראַך 208—209. — אַ. זאַרעצקי, שפּראַך-שפּילעוודיקייט באַ שאָלעם-אַלייכעמען 209—216. — מ. ספּעקטאָר, שאָלעם-אַלייכעמס ערשטע ליטעראַרישע טריט 216—219. — פראַגן און אופגאַבן 219—220.

221—262 . . . . IX. פּערעץ

ביאָגראַפיע 221—223. — שאָלעם-אַלייכעם, אַ וואָך מיט י. ל. פּערעץ 224—225. — מ. ליטוואַקאָוו, אידעאָלאָגישע פאָרשריט און יערידע באַ פּערעצן. — פּערעץ — די פּראָבלעמאַטישע נאַטור. — פּערעץ און די אידישע אַרבעטערשאַפט 225—230. — י. נוסינאָוו, פּערעץ און דער מאירעוו-אייראָפּייאישער אינטעליגענטישער ראַדיקאַליזם. — די קאָנצעפּציע פון „העלד" און „האַמוין" באַ פּערעצן. — נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע באַ פּערעצן 230—233. — מ. אָלגין, די פאָרם, שפּראַך און ריטם פון פּערעצעס לידער. — פּערעצעס סאַטירישע און אַרבעטער-לידער 233—236. — ש. עפּשטיין, פּערעצעס „אידישע ביבליאָטעק" און „יאָנטעוו-בלעטלעך". — אַרבעט-מענטשן און באַלמעלאָכעס באַ פּערעצן 236—239. — באַלמאַכשאָוועס, דאָס שטעטל אין פּערעצעס „סקיצן און בילדער" 239—240. — א. גורשטיין, פּערעץ אין די 90-ער יאָרן. — פּערעצעס ערשטע באַגעגענישן מיט דער אַרבעטער-באַוועגונג 241—243. — ה. ד. נאָמבערג, פּערעץ און די סאָציאַליסטישע אידייען. — פּערעץ און דער מאָדערניזם. — פּערעץ און די אידישע פאָלקסשאַפונג 243—247. — ש. ניגער, דאָס אינטעלעקטואַליסטישע און עטישע באַ פּערעצן. — רעאַליזם און ראָמאַנטיזם באַ פּערעצן. — „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" 248—251. — י. דאָברושין, דאָס סימוואָליסטישע אין פּערעצעס דראַמע. — די אייגנשאַפטן פון דיאַלאָג אין פּערעצעס דראַמע 251—253. — מ. ליטוואַקאָוו, „באַנאַכט אָפן אַלטן מאַרק" באַ פּערעצן און אין טעאַטער 253—257. — מ. עריק, פּערעצעס קאַמף מיט דעם ראָמאַנטיזם לויט די וואַריאַנטן פון „באַנאַכט אָפן אַלטן מאַרק". — פּערעצעס באַפרייען זיך פונם ווילנלאָזן אימפּרעסיאָניזם 257—260. — ש. ניגער, פּערעצעס קינסטלערישער סטיל. — פּערעצעס שפּראַך 260—262. — פראַגן און אופגאַבן 262.

263—272 . . . . X. פּינסקי

ביאָגראַפיע 263. — י. ל. פּערעץ, פּינסקיס צוגאַנג צו פּאָגראָם-טעמע אין „פאַמיליע צווי". — פאַרגלייך צווישן „פאַמיליע צווי" און שאָלעם-אַליכעמס „צעזייט און צעשפּרייט" 263—265. — י. ל. פּערעץ, דער ווידערשפּרוך צווישן טעמע און סטיל אין פּינסקיס „די מוטער" 265—266. — באַלמאַכשאָוועס, „קאַבצן" און „פּראָלעטאַריער" אין פּינסקיס ווערק. — פּינסקיס פּראָלעטאַרישע העלדן. — פּינסקיס איבערגאַנג צו נאַציאָנאַליסטישער ראָמאַנטיק 266—271. — פראַגן און אופגאַבן 272.

273—279 . . . . XI. גאָרדין

ביאָגראַפיע 273. — י. ל. פּערעץ, דאָס מעלאָדראַמאַטישע אין גאָרדינס פּיעסן. — צוזאַמענשטויס פון דאָרף און שטאָט אין „כאַסיע די יעסוימע" 274—275. — א. מוקדוני, דער בירגערלעכער מוסער-האַסקל אין גאָרדינס דראַמע. — די באַנאַלקייט פון גאָרדינס כוּשעטן און טיפּן 275—277. — ל. קאָברין, זיכרוינעס וועגן י. גאָרדין 277—278. — מ. ווינטשעווסקי, די שפּראַך פון גאָרדינס ווערק 278—279. — פראַגן און אופגאַבן 279.

280—285 . . . . XII. פרוג

ביאָגראַפיע 280. — מ. אָלגין — פרוגס ליד און דער אידישער באַלעבאָס. — פרייהייט-מאָטיוון און רעאַקציע-שטימונגען. — נאַציאָנאַליסטישע מאָטיוון אין פרוגס לידער 280—285. — פראַגן און אופגאַבן 285.

286—296 . . . . XIII. יעהויאָש

ביאָגראַפיע 286. — מ. אָלגין, דער אינטעלעקטועלער כאַראַקטער פון יעהויאָשעס ליד. — דאָס פּראָגרעסיוו-געזעלשאַפטלעכע און אָפּטימיסטישע אין יעהויאָשעס ליד. — יעהויאָשעס שפּראַך 287—290. — ק. מאַרמאָר, יעהויאָשעס שטעלונג צו געזעלשאַפטלעכע פראַגן 290—296. — פראַגן און אופגאַבן 296.

XIV. א. רייזען . . . . 297—309

ביאָגראַפיע 297—298. — מ. ליטוואַקאָוו, א. רייזען 298. — ש. עפּשטיין, די נישטיקייט פון דער קליינבירגערלעכער סוויווע אין רייזענס דערציילונגען.—געשטאַלטן פון אַרבעט-מענטשן בײַ רייזענען 298—303. — מ. אָלגין, רייזען — דער דיכטער פונם דורכשניטלעכן, אומבאַהאָלפענעם מאַסן-מענטש.—דער סאָציאַלער מאָמענט אין רייזענס מיטגעפיל-לידער 303—306. — ש. ניגער, רייזענס פרימיטיווער צוגאַנג צו לעבנס-ווידערשפּרוכן. — דאָס נאַטור-בילד בײַ רייזענען. — דער חורבן פון פּאַטריאַרכאַלן שטעטל אין רייזענס לידער 306—309. — פראַגן און אויפגאַבן 309.

XV. וואַרשאַווסקי . . . . 310—316

ביאָגראַפיע 310. — שאָלעם-אַליכעם, זיכרוינעס וועגן וואַרשאַווסקין 310—314.—ש. ניגער, עלעמענטן פון פאָלקס-פּאָעזיע אין וואַרשאַווסקיס לידער. — וואַרשאַווסקי און די אַזויגערופענע „פאָלקסדיכטער“ (מיכל גאָרדאָן, צונזער) 314—315. — פראַגן און אויפגאַבן 316.

XVI. די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־ליד (אַרײַנפיר) . 317—324

א. ליטווין, די רעוואָלוציאָנערע ליד און די פאָלקסליד. — די ערשטע רעוואָלוציאָנערע ליד — אַ מיטל פון אַגיטאַציע 317—320. — א. ליטוואַק, די ראָלע פון דער רעוואָלוציאָנערער ליד אין דער אַרבעטער-באַוועגונג 321—324.

XVII. ווינטשעווסקי . . . . 325—340

ביאָגראַפיע 325. — פון מ. ווינטשעווסקיס אויטאָביאָגראַפיע 326—333. — ש. עפּשטיין, דער זיידע פון דער אידישער סאָציאַליסטישער דיכטונג 333—337. — ק. מאַרמאָר, ווינטשעווסקי דער דיכטער פון מיטלייד און קאַמף. — ווינטשעווסקיס שפּראַך. — ווינטשעווסקיס איינפלוס אַף דער אידישער רעוואָלוציאָנערער ליד 337—339. — פראַגן און אויפגאַבן 339—340.

XVIII. עדעלשטאַט . . . . 341—350

ביאָגראַפיע 341 — ק. מאַרמאָר, עדעלשטאַטס לעבן און שאַפן. — זײַן שטעלונג צו דיכטונג און דיכטער. — עדעלשטאַט — דער זינגער פון אַרבעטער-נויט און רעוואָלוציאָנערן קאַמף 341—350. פראַגן און אויפגאַבן 350.

XIX. ראָזענפעלד . . . . 351—361

ביאָגראַפיע 351. — מ. טראַקמאַן, מ. ראָזענפעלדס אָנהייב 352—354. — ש. ניגער, ענטוזיאַזם און דראַמאַטיזם אין ראָזענפעלדס לידער. — ראָזענפעלדס רעדנערישער סטיל. — נאַטור און ליבע בײַ ראָזענפעלדן 354—358. — מ. אָלגין, ראָזענפעלד דער ליריקער פון עלעמענטאַרע געפילן. — ראָזענפעלדס שפּראַך. — ראָזענפעלדס אַרבעטער-ליד 358—360. — פראַגן און אויפגאַבן 360—361.

XX. באָוושאָווער . . . . 362—370

ביאָגראַפיע 362. — ע. פינינבערג, באָוושאָווער — דער דיכטער פון רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס. — באָוושאָווערס אוניווערסאַלישקייט און אָפּטימיזם. — באָוושאָווערס סאַטירישע לידער.—באָוושאָווער — דער ליריקער און מײַסטער 362—370. — פראַגן און אויפגאַבן 370.